STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00514

DI YIDISHE SOTSIALISTISHE BAVEGUNG IN AMERIKE

J. S. Hertz

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Jonathan R. Ziskind
in memory of
Rabbi Bernard H. & Minna L. Ziskind

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די יידישע סאָציאַליסטישע
באַוועגונג אין אַמעריקע

י. ש. הערץ

די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע

70 יאָר סאָציאַליסטישע טעטיקייט

30 יאָר יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד

פאַרלאַג דער וועקער

ניו-יאָרק, 1954

J. S. HERTZ

THE JEWISH SOCIALIST MOVEMENT IN U. S. A.

Copyright 1954
by "Der Wecker"

Published by
"DER WECKER"
175 East Broadway,
New York 2, N. Y., U. S. A.

Printed by
Futuro Press, 476 Broadawy, N. Y.

200

אינהאַלט:

ערשטער טייל

זייט

1. דער יידישער ישוב ביז דער מאַסן־איינוואַנדערונג — 9
2. די ערשטע סאָציאַליסטן ביי יידן — 12
3. דער אָנהויב — 19
4. אונטער דער פאָן פון ס. ל. פּ. — 28
5. אויסשפרייטונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — 39
6. די קאָנווענשאָנס פון די יידישע סעקציעס — 46
7. חלוקי־דעות און שטרייטן — 57
8. שפּאַלטונגען און פאַראייניקונגען — 71
9. שווערער קריזיס — 81
10. באַמיאונגען אויפצולעבן די סאָציאַליסטישע טעטיקייט — 91
11. די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ — 99
12. אויפלעבונג — 123
13. די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע — 139
14. מלחמה און רעוואָלוציע — 161

צווייטער טייל

15. נייע ווינטן — 179
16. שפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — 188
17. געבורט פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד — 199
18. דער פאַרבאַנד באַפעסטיקט זיך — 214
19. צוויי קאָנווענשאָנס — 232
20. ענדערונגען אין יידישן אַרבעטער־לעבן — 248
21. אין די צוואַנציקער יאָרן — 260
22. אַ שטורמישע צייט — 272
23. אַ סך־הכל פון די ערשטע צען יאָר — 288
24. שפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — 307
25. אין שווערע יאָרן — 324

זײַט

26. ערב דער גרויסער קאַטאַסטראָפע — 341
27. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה — 358
28. אין דער נייער צײַט — 379
מקורים — 399
ביבליאָגראַפיע — 403
זוכצעטל — 407
בילדער

ערשטער טייל

1. דער יידישער ישוב ביז דער מאַסן־איינוואַנדערונג

אַ קליינער ישוב. — אַנהויב פון מאַסן־איינוואַנדערונג. — עס קומען יידן פון מזרח־אייראָפּע. — יידישע אַרבעטער. — ערשטע שטרייקן.

מיט 70 יאָר צוריק האָט אַ הייפל פּיאָנערן דאָ, אויף דער אַמע־ריקאַנער ערד, אָנגעהויבן פאַרזייען צווישן יידן די ערשטע קערנער פון סאָציאַליס־טישן געדאַנק. קליין איז געווען זייער צאָל, אָבער גרויס זייער גלויבן. מחנות מענטשן־וואַנדערער פון אייראָפּעאישן קאָנטינענט האָבן איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן כסדר געשטראָמט אַהער. געטריבן פון נויט, געלאָפן פון רדיפות, האָבן זיי געוואָלט אַ נייע היים בויען. זיי האָבן געזוכט חיונה און מנוחה, זיכערקייט און פרייהייט. אָפּגעבראָכענע צווייגן פון פאַרוואָרצלטע דעמבעס האָבן געוואָלט אויפסנייַ זיך פאַרפלאַנצן.

מיטן גאַנג פון יאָרן איז פון צונויפגעלאָפענעם מענטשן־בבל אַ גרויסער יידישער קיבוץ געוואָרן — דער גרעסטער אין דער וועלט. האָבן סאָציאַליסטן געזוכט דעם נייעם יידישן לעבן אין אַמעריקע אַ וועג ווייזן און אַ זין געבן. ווי אַזוי זיי האָבן עס געטאָן, וואָס זיי האָבן דערגרייכט און וואָס זיי האָבן פאַרפעלט צו דערגרייכן, וועגן זייערע זוכענישן און בלאָנדזשענישן, זייער שטייגן און פאַלן — זאָל אין דעם בוך דערציילט ווערן.

די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געשטעלט אירע ערשטע טריט אויף דער אַמעריקאַנער ערד אין די אַכציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. דער דאָזיקער אָנהויב איז צונויפגעפאַלן מיט אַ ווענד־פּונקט אין לעבן פון היגן יידישן ישוב, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שנעל צו ענדערן אין כמות און איכות.

קליין און ווינציק איז געווען דער יידישער ישוב אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון פאַריקן יאָרהונדערט. פון 3 טויזנט נפשות אין 1818 איז ער ביז 1840 געשטיגן אויף 15 טויזנט. מיט 8 יאָר שפּעטער ציילט ער שוין 50 טויזנט, און אין יאָר 1877 — אַרום 230 טויזנט.

ביז די אַכציקער יאָרן איז די יידישע איינוואַנדערונג בעיקר געקומען פון דייטשלאַנד און אַנדערע צענטראַל־אייראָפּעאישע לענדער. דער גרויסער רוב פון יידישן ישוב איז דעמאָלט געווען אַ דייטש־רעדנדיקער. דאָס צווייטע אָרט האָבן פאַרנומען די יידיש־רעדנדיקע, וואָס זיינען געקומען פון רוסיש־פּוילן, גאַליציע און אונגאַרן. פון דעם פערטל מיליאָן יידן אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן זיינען בערך 50 טויזנט געווען מזרח־אייראָפּעאישע, וואָס זיינען אין קליינע צאָלן געקומען פון מיטן 19טן יאָרהונדערט.

שוין אין צענדליק יאָר 1870־1880 זיינען געווען סימנים, אַז עס הויבט זיך אָן אַ מאַסן־איינוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן. די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען, אַז אין די 55 יאָר

צווישן 1881 און 1935 זאַלן קומען צו די טויערן פון די פאַראייניקטע שטאַטן קרוב 28 מיליאָן אימיגראַנטן, האָבן אויך געווירקט, אַז יידן זאָלן קומען אין גרויסע צאָלן. די גיגאַנטישע אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, מיט די ברייטע מעגלעכקייטן פון חיונה און פאָליטישער פרייהייט, האָט אויך די יידן שטאַרק געלאָקט. און ס׳איז נאָך געווען אַ ספּעציעלע בייטש, וואָס האָט זיי געטריבן פון די אַלט־איינגעזעסענע ערטער — די אַנטי־יידישע גזירות און רדיפות. מחמת דעם איז דער פּראָצענט יידישע איינוואַנדערער געווען גאָר אַ הויכער: צווישן די דערמאָנטע 28 מיליאָן זיינען געווען אַרום 3 מיליאָן יידן. דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב האָט מיט דער צייט אויפ־געהערט צו זיין אַ פאַרוואָרפן ווינקל „הינטער די הרי־חושך" און איז געוואָרן אַ לעבעדיקער און שאַפנדיקער צענטער.

ביז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע איינוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע, באַזונדערס פון דער רוסישער אימפּעריע, האָט דער דייטשער ייד געלייגט זיין חותם אויפן היגן יידישן ישוב. די יידן פון דייטשלאַנד און פון אונגאַרן האָבן על פי רוב זיך פאַרנומען מיט מסחר און פּעדלעריי, אָבער אויך אַרבעטער זיינען געווען צווישן זיי. די דייטשע יידן האָבן דאָמינירט אין קולטורעלן לעבן, נאָכן צונעמען די מזרח־וואַנט ביי די פּיאָנערן פון יידישן ישוב — די ספרדים, די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן. ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ יידישע מאַסן־איינוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע, האָבן די דייטשע יידן געקוקט קרום אויף דעם און זיך געשראָקן פאַר דער דאָזיקער יידישער „פאַרפּלייצונג". זיי האָבן אַפילו געפּועלט ביי זיך אַרויסצוטרעטן קעגן דעם אין זייער פּרעסע. בכלל איז צווישן די דייטשע יידן און די יידיש־רעדנדיקע געווען אי אַ שפּראַכ־לעכע, אי אַ פּסיכאָלאָגישע וואַנט, הגם די אָרימערע פון זיי האָבן אין ניו־יאָרק געוואוינט בשכנות אויף דער איסט־סייד. דער רוב יידן איז אויך דאָ, אין דער נייער וועלט, געווען קאָנסערוואַטיוו און אַלטמאָדיש. פרומקייט פון איין זייט און עם־הארצות פון דער צווייטער זייט האָבן געלעבט אין האַרמאָניע און צוזאַמען געוועלטיקט אויף דער יידישער גאַס. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט זיך אויסגעשעפּט מיט די לאַנדזשעס פאַר די יאַהודים און די פאַר חברות צום דאַווענען, צו אונטערשטיצן אין פאַל פון נויט און מקבר זיין נאָכן טויט. דער אַנטאַגאָניזם איז געקומען צום אויסדרוק אין די קאַמפן צווישן אָרטאָדאָק־סיע און רעפאָרם־יידישקייט, אין די שפּאַלטונגען פון די דאַוונער אין די בתי־תפילות, אין אַרויסרוקן דייטש און ענגליש קעגן יידיש.

ווען אַ יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט דעמאָלט קיין רייד נישט גע־קענט זיין כאָטש יידישע אַרבעטער זיינען געווען. יידישע אַרבעטער זיינען עפּנטלעך דערמאָנט געוואָרן, מסתמא צום ערשטן מאָל, אַזוי פרי ווי אין 1867. אין אויגוסט 1866 איז אין באַלטימאָר, מערילענד, פאָרגעקומען דער ערשטער אַמעריקאַנער אַרבעטער־קאָנגרעס. ס׳איז דעמאָלט אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיטעט, וואָס האָט געדאַרפט צוגרייטן און פאַרעפנטלעכן אַ מאַניפעסט צו די אַרבעטסלייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דעם מאַניפעסט וועגן דער שאַפונג פון דער אָרגאַניזאַציע און וועגן אירע צילן און אויפגאַבן, וואָס איז דערשינען מיט קרוב אַ יאָר שפּעטער אין שיקאַגאָ, ווערט געזאָגט: „יעדע

יוניאָן דאַרף העלפן איינפלאַנצן די גרויסע אידעלע אידייע, אַז די אינטערעסן פון דער אַרבעטערשאַפט זיינען איינע און די זעלבע; אַז ס׳זאָל ניט זיין קיין אונטערשיד פון ראַסע אָדער נאַציאָנאַליטעט; ניט קיין צעטיילונג אויף ייד אָדער גוי, קריסט אָדער אומגלויביקער; אַז בלויז איין שיידונגס־ליניע איז פאַראַן — די ליניע וואָס צעטיילט די מענטשהייט אין צוויי גרויסע קלאַסן, איין קלאַס וואָס אַרבעט און דער אַנדערער קלאַס וואָס לעבט פון צווייטנס אַרבעט״. — אַזוי האָט די ערשטע נאַציאָנאַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ פון גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע אַרבעטער אָן אונטערשיד פון פאַרב, גלויבן און נאַציאָנאַליטעט און גלייכצייטיק אויך דעם פּרינציפּ פון קלאַסן־קאַמף. אין יענעם פּעריאָד זיינען אַ טייל יידישע אַרבעטער געווען אין יוניאָנס — פון היטלמאַכער, מענער־שניידער, סיגאַרעטן־ און ציגאַרן־מאַכער.

די יידישע אַרבעטער זיינען בעיקר געווען אָפּשטאַמיקע פון צענטראַל־אייראָפּע. אויך די ערשטע יידישע איינוואַנדערער פון פוילן זיינען שוין געווען. אויב דייטשע און אַנדערע מיטל־אייראָפּעאישע יידן האָט געגעבן אַ שטויס צו עמיגרירן די רעאַקציע נאָך די דורכגעפאַלענע רעוואָלוציעס אין 1848, האָבן פוילישע יידן, אין פאַרהעלטניסמעסיק קליינע צאָלן, זיך געלאָזט אין מרחקים בעת און נאָך דעם פוילישן אויפשטאַנד פון 1863. איבערהויפּט זיינען דאָס געווען איינוואוינער פון שטעטלעך, וואָס זיינען געלעגן נאָנט פון דער גרענעץ. זיי האָבן זיך געלאָזט פריער קיין פּאַריז און לאָנדאָן און פון דאָרטן איבערן אַטלאַנטיק.

אין די זעכציקער יאָרן איז שוין אין ניו יאָרק געווען אַ שטרייק פון עטלעכע הונדערט יידישע היטל־מאַכער. די זעלבע בעלי־מלאכות האָבן אין 1872 שוין געהאַט אַ יוניאָן מיט איבער 400 מיטגלידער. יידישע אַרבעטער האָבן אין יאָר 1874 זיך באַטייליקט אין גענעראַל־שטרייק פון בערך 2 טויזנט היטל־מאַכער אין ניו יאָרק. אין 1880 האָבן 600 היטל־מאַכער געפירט אַ שטרייק 6 וואָכן ביז זיי האָבן געוואונען זייערע פאָדערונגען. אין יענער צייט האָבן צווישן די יידישע אַרבעטער אין דעם פאַך די אָפּשטאַמיקע פון דייטשלאַנד נאָך געבילדעט אַ מערהייט. עס זיינען אויך געווען יידישע בעקער־אַרבעטער. די מערהייט איז געקומען פון דייטשלאַנד (פּויזנער געגנט) און גאַליציע. אַ קליינע צאָל איז אויך געווען פון רוסיש־פוילן. און געווען איז אַ גרעסערע צאָל יידישע מענער־שניידער — איינוואַנדערער פון עסטרייך־אונגאַרן, דייטשלאַנד און רוסיש־פוילן.

ביים אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן האָבן שוין אין אָרימען קוואַרטאַל פון דער ניו־יאָרקער איסט־סייד געלעבט צוזאַמענגעפּרעסט אַרום אַ 15 טויזנט מזרח־אייראָפּעאישע יידן. די וואָס זיינען רייך געוואָרן, זיינען פון דאָרטן אַוועק און זיך באַזעצט אין די קוואַרטאַלן פון די פאַרמעגלעכע. פוילישע יידן האָבן זיך שוין געהאַט באַזעצט אויך אין איניקע אַנדערע שטעט. די דייטשע יידן זיינען געווען די טאָן־געבער, געקוקט פון אויבן־אַראָפּ אויף די מזרח־אייראָפּעאישע ברידער און קיין נאָנטע באַציאונגען מיט זיי נישט געוואָלט האָבן. דאָס אַלץ האָט זיך ראַדיקאַל אָנגעהויבן ענדערן אין די אַכציקער יאָרן.

2. די ערשטע סאָציאַליסטן ביי יידן

פּאָגראָמען און גזירות. — עם־עולם. — די ערשטע סאָציאַליסטן. — „גיין אין פאָלק". — אָוועקגיין פון אייגענעם. — אויף וועלכער שפּראַך? — פּלאַן פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע. — יידן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. — דער איבערברוך. — די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און די פּאָגראָמען. — די שטודירנדיקע יוגנט עפנט די אויגן. — מיט אומגעבראָכענעם סאָציאַליסטישן גלויבן.

געווען איז דאָס אין מערץ 1881. אין דער הויפּט־שטאָט פון דער רוסישער אימפּעריע האָט אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערן פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" געטויט דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם 2־טן. באַלד נאָך דעם האָט איבער אַ גרויסער צאָל שטעט און שטעטלעך, איבערהויפּט אין אוקראַינע, אַ פּלייץ געטאָן אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען. און צו דעם האָט זיך אַ שאָט געטאָן גזירות אויף יידן מצד דער רעגירונג. אַ בהלה און אַ פאַרצווייפלונג האָבן אַרומגעכאַפּט די יידישע שטעט און שטעטלעך. טויזנטער יידן זיינען רואינירט געוואָרן. פיל האָבן מיט זייער לעבן באַצאָלט.

דעמאָלט האָבן אַ סך יידן זיך אַ ריס געטאָן פון זייערע ערטער און גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט. די רוסישע אימפּעריע האָט פאַרמאָגט דעם גרעסטן יידישן קיבוץ, איינגעטיילט אין אַ ריי פּראָווינצן. ביז יענעם מאָמענט האָבן בעיקר פּוילישע יידן אויסגעוואַנדערט אַהער. איצט האָט זיך אַ הויב געטאָן אַ יידישע מאַסע פון אוקראַינע און אויך פון ליטע און ווייסרוסלאַנד. אַ קליינער שטראָם האָט פאַרקירעוועט קיין פּאַלעסטינע — די בילו־גרופּע; די ווייט־גרעסטע מערהייט האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף מערב־זייט. צווישן די לעצטע איז אויך געווען אַ גרופּע, וואָס האָט געזוכט אַ וועג און אַ ציל פאַר די וואַנדערער — די גרופּע עם־עולם. פון פאַרשידענע עלעמענטן איז די גרופּע באַשטאַנען, זיי האָט אָבער פאַראייניקט איין ציל — אַמעריקע. מיט דער נייער אימיגראַנטן־כוואַליע זיינען אַהער אַריבערגעקומען יונגע יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן די פּיאָנערן־אַרבעט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

ווער זיינען געווען די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן? ווי אַזוי האָבן זיי זיך פאַרגעשטעלט זייער אויפגאַבע?

דייטשע אַרבעטער זיינען געווען די פּיאָנערן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. אַנדערש איז געווען מיט די יידישע אַרבעטער פון דייטשלאַנד. די לעצטע זיינען געווען קאָנסערוואַטיוו געשטימטע מענטשן, כאָטש אייניקע יידן־אינטעליגענטן אין דייטשלאַנד האָבן שוין געהאַט געשפּילט אַן ערשט־ראַנגיקע ראָל אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. עס האָבן ערשט געדאַרפט קומען אַנטלאָפענע רעוואָלוציאָנערן פון רוסלאַנד, כדי דאָ צו מאַכן דעם אָנהויב פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן יידן.

אין רוסלאַנד האָבן יידן אָנגעהויבן צושטיין צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט. דאָס זיינען געווען יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אַסימילירט, גערעדט רוסיש און איבערגעריסן מיטן יידישן לעבן. ס׳איז געווען די צייט פון „גיין אין פאָלק", און פאַר די יידישע רעוואָלוציאָנערן האָט עס באַטייט אַוועקגיין פון אייגענעם פאָלק און גיין אין רוסישן, פאַקטיש אַרבעטן פאַרן פויערטום. די יידישע רעוואָלוציאָנערע יוגנט האָט דעמאָלט באַטראַכט די יידן ווי אַ רעליגיעזע געמיינשאַפט. יידיש איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ זשאַרגאָן, וואָס וועט פאַרשווינדן מיטן קומען פון דער עמאַנסיפּאַציע. אין זאַך האָט דער דאָזיקער יוגנט יאָ געאַרט — די אַנטי־יידישע גזירות און נגישות. איר געוויסן האָט זי אָבער געפּרואווט באַרואיקן מיטן געדאַנק, אַז דער זיג פון דער רעוואָלוציע וועט דאָס אַלץ אָפּווישן. די יונגע רעוואָלוציאָנערע טרוימער האָבן ביי יידן נישט געזען קיין היינט און קיין מאָרגן — ניט זיי פאַרמאָגן פויערים, וועלכע מען דאַרף געווינען פאַר דער רעוואָלוציע, און נישט זיי קענען האָבן אַ צוקונפט, ווייל די געשיכטע האָט די יידן פאַרמשפּט אויף אַסימילאַציע און אונטערגאַנג.

איינער פון די ערשטע רוסיש־יידישע רעוואָלוציאָנערן, לעוו דייטש, דערציילט וועגן דעם: „אונז איז נישט בלויז געווען פרעמד און ווילד אַלץ, וואָס עס פאַרבינדט די יידישע מאַסע אין איין פאָלק, נאָר זייענדיק אָפּנהאַרציק, מוז איך זאָגן, אַז אַלץ, וואָס עס האָט געשמעקט מיט יידיש, האָט ביי פיל פון אונז אַרויסגערופן אַ געפיל פון פאַראַכטונג, אויב נישט מער"... „זייענדיק פולשטענדיק אַסימילירט מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, האָט זיך אונז געוואָלט, אַז אויך די יידישע מאַסע זאָל זיך וואָס שנעלער אַסימילירן. מיר אַלע האָבן טיף געגלויבט, אַז גלייך ווי אַלע יידן וועלן אָנהויבן ריידן רוסיש, וועלן זיי, פונקט ווי מיר, ווערן ׳מענטשן בכלל׳, קאָסמאָפּאָליטן. דעריבער האָבן מיר געהאַלטן די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין דער יידישער שפּראַך ניט בלויז אַלס אַן איבעריקע זאַך, נאָר איינפאַך אַלס אַ שעדלעכע זאַך. אגב האָט די דאָזיקע פראַגע אין דער באַוועגונג פון די 70־ער יאָרן קיינמאָל זיך ניט אויפגעהויבן, און דעריבער איז אונז גאָר קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו דעבאַטירן וועגן דעם".[1]

אַפילו יידישע בעלי־מלאכות האָבן אין זייערע אויגן קיין חן נישט געפונען: „פאַר אונז — שרייבט לעוו דייטש — האָט עקזיסטירט נאָר איין אומגליקלעכע מאַסע האַרעפּאַשניקעס, וואָס פאַרשטייט און רעדט די הערשנדיקע שפּראַך, באַשעפטיקט זיך הויפּטזעכלעך מיט ערד־אַרבעט און אַרבעט נאָר טיילווייז אין די פאַבריקן. בעלי־מלאכות, האַנטווערקער זיינען ביי אונז געווען כמעט צוגערעכנט צו די בורזשואַזע קלאַסן, צו די עקספּלאָאַטאַטאָרן. און אַזוי ווי דער גרעסטער טייל יידן באַשטייט פון בעלי־מלאכות, וואָס האָבן גאָר נישט קעגן דעם צו פאַרנעמען זיך אַמאָל אויך מיט האַנדל, זיינען מיר געווען גרייט צו צורעכענען זיי אַלעמען צו געשעפטמאַכער".[2]

אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון די ערשטע יידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן מער־ווייניקער אַזוי געטראַכט, איז זיכער. אָבער נישט אַלע. אַפילו צווישן די אַסימילירטע „פאָלקס־גייער" זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט גע־

וואָלט אַרויסטראָגן אַזאַ הארבן פּסק אויף יידן און געפּרוואוט זוכן אַ שטיקל זכות. זיי האָבן נישט פאַרמאָגט יענעם געפיל פון פאַראַכטונג, וועגן וועלכן עס רעדט פריער לעוו דייטש. ס'איז זיי אויך נישט געוועזן פרעמד דער געדאַנק צו העלפן דער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק. אמת, אויך זיי האָבן פאַרקירעוועט אין רוסישן דאָרף אַריין, אָבער דאָס איז געווען אין גייסט פון דער צייט. וועגן די שטימונגען פון דעם דאָזיקן טייל דערציילט אַ צווייטער אָנגעזעענער רעפּרעזענטאַנט פון ערשטן רעוואָלוציאָנערן דור — פּאַוועל אַקסעלראָד:

„וואָרשיינלעך האָבן פיל פון די רוסישע סאָציאַליסטן־יידן פאַרן אַרויסגיין אויפן וועג פון רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט געטרוימט וועגן ווידמען זייערע כוחות דער זאַך פון דער סאָציאַלער און אינטעלעקטועלער ווידערגעבורט פון יידישן פאָלק. ווי באַוואוסט, האָבן זיי כמעט אַלע, אָדער לכל הפחות די יעניקע, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט אויף דער רוסישער ליטעראַטור, פאַרוואָרפן זייערע מחשבות וועגן דער יידישער מאַסע באַלד נאָך דעם, ווי אין זייער שכל איז אַריינגעדרונגען דאָס בלענדנדיקע ליכט פון דער סאָציאַליסטישער אידייע. איך געדענק נאָך איצט, ווי נאָכן איבערלייענען אַ בוך פון לאַסאַלן, האָב איך דערפילט ווי עפּעס אַ חרפה צוליב דעם, וואָס איך האָב זיך געלאָזט מיטרייסן מיט די אינטערעסן פון יידישן פאָלק. וואָס פאַר אַ באַדייטונג, האָט זיך מיר געדאַכט, קענען האָבן די אינטערעסן פון אַ הייפל יידן אין פאַרגלייך מיט די אַלוועלטלעכע אינטערעסן, וואָס ווערן אַרומגענומען דורכן סאָציאַליזם און דורך דער אידייע פון אַרבעטאָרישן שטאַנד".[3]

אַפילו אין מיטן די אַכציקער יאָרן האָבן אַ סך יידן־סאָציאַליסטן נאָך אַזוי געטראַכט. אברהם קאַטיק, אַליין פון אַ קולטורעלער, יידישלעכער שטוב אין וואַרשע, דערציילט וועגן דעם אין זיינע זכרונות: „ווי אַ פרומער ייד פירט אויס אַלץ, וואָס די תורה הייסט, האָב איך געפילט, אַז איך מוז אויספירן דעם הויפּט־תוך פון די 'נאַראָדניקעס' — 'גיין אין פאָלק'. אַזוי ווי אין דאָרף האָב איך זיך נישט געקליבן אַוועקצוגיין, האָב איך געמוזט אָננעמען טריט אַריינצודרינגען צווישן די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן. מיר איז גאָרנישט איינגעפאַלן, און קיינעם פון אונז האָט דעמאָלט נישט געקאָנט איינפאַלן, צו זוכן אַרבעטער צווישן יידן".

יידישע אַרבעטער זיינען געווען, אָבער מ'האָט זיי נישט געזען. די יידן־סאָציאַליסטן זיינען געווען שטודירנדיקע יוגנט און אינטעליגענטן. צום סאָציאַליסטישן טראַכטן זיינען זיי געקומען בעיקר פון די ביכער. אַ מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז נאָך נישט געווען. די אַלטע, רעליגיעזע ספרים האָבן שוין נישט געקענט באַפרידיקן אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער יידישער יוגנט. האָט מען געלייענט די ראַדיקאַלע רוסישע ווערק, וואָס האָבן געשילדערט רוסיש לעבן. אברהם קאַטיק דערציילט ווייטער: „די קוועלן, פון וועלכע מיר האָבן גענומען אונזערע ידיעות וועגן פאָלק, האָבן גערעדט וועגן רוסישן פּויער און רוסישן אַרבעטער, האָבן געקאָנטריידן וועגן פּוילישן אַרבעטער, אָבער אויף קיין וועג האָבן זיי ניט געקאָנט ריידן וועגן יידישן אַרבעטער; אַזאַ באַגריף איז ביי אונז נישט געווען אין מאָרך. און אויב איך האָב געקאָנט

קלערן וועגן טעטיקייט צווישן אַרבעטער, האָב איך געקאָנט ריידן נאָר וועגן דער טעטיקייט צווישן פּוילישע אַרבעטער".

דאָך האָבן נישט אַלע אויפגעגעבן דעם טרוים צו אַרבעטן צווישן יידן. אמת, אַ קליינע צאָל — אָבער זיי זיינען געווען. אייניקע פון זיי האָבן גע־וואָלט און געפּרוּווט די מיסיע אויספירן מיט דער הילף פון העברעאיש. זיי האָבן געטראַכט וועגן ברענגען דעם סאָציאַליזם אויף דער יידישער גאַס דורך דער ישיבה און בית־מדרש. אַנדערע ווידער האָבן געהאַט אויפן אויג די יידישע מאַסע און געוואָלט צו איר צוקומען דירעקט, דורך יידיש, פאַר־שטייט זיך. די מיטגלידער פון רעוואָלוציאָנערן קרייזל אין ווילנער לערער־אינסטיטוט האָבן אין די זיבעציקער יאָר געטרוימט וועגן פירן סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידן. דאָרט איז אויך דעבאַטירט געוואָרן די שפּראַכן־פּראַגע. אַ שטאַרקער אָנהענגער פון פירן די אַרבעט אויף העברעאיש און יידיש איז געווען אהרן ליבערמאַן. ווי עס גיט איבער אהרן זונדעלעוויטש, האָט ליבער־מאַנס מיינונג נישט געפונען „קיין שום אָפּקלאַנג ביי קיינעם פון די דעמאָלטיקע מיטגלידער פון אונזער קרייז". אייניקע אָנהענגער פאַר יידיש האָט ליבערמאַן שפּעטער יאָ באַקומען. אין יענער צייט האָט דער געדאַנק וועגן פירן סאָ־ציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אויף יידיש געפונען אַ בעסערע פאַרשטענדניש ביי אייניקע ניט־יידישע רעוואָלוציאָנערן, ווי ביי פיל יידישע גופא.

אהרן ליבערמאַן איז געגאַנגען נאָך ווייטער. ער האָט געהאַט בדעה צו גרינדן אַ „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן פאַרבאַנד צווישן יידן אין רוסלאַנד". אין יאַנואַר 1876 איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ סטאַטוט, וואָס איז גלייכצייטיק געווען די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע פון געפּלאַנטן פאַרבאַנד. ניט קיין באַזונדערע פּאַרטיי האָט דאָס געזאָלט זיין, נאָר אַ יידישע סעקציע פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג. אייניקע ציטאַטן פון דעם סטאַטוט וועלן געבן אַ באַגריף ווי אַזוי עס האָבן דעמאָלט געטראַכט יענע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זיינען געווען איינגעשטעלט אויף „גיין אין פאָלק" צווישן יידן:

„אַלס סאָציאַליסטן, וואָס פאַרשטייען קלאָר די פאָדערונגען פון דעם סאָ־ציאַליזם, רייסן מיר איבער מיט דער פאַרגאַנגענהייט, מיט אירע געוואוינ־הייטן, מנהגים און טראַדיציעס. און נאָר יענע געוואוינהייטן פון דער אַלטער וועלט קאָנען איבערגיין אין דער נייער, וועלכע זיינען ניט סותר דער אַלגע־מיינער סאָלידאַריטעט און אַלגעמיינער גלייכבאַרעכטיקונג פון די מיטגלידער פון דער נייער געזעלשאַפט. קיין שום זאַך האָט ניט די רעכט אויף עקזיסטענץ, אויב זי האָט ניט קיין ראַציאָנאַלע באַרעכטיקונג. — מיר פאַרניינען יעדע רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע אָדער אַנדערע טראַדיציע, וועלכע קען נאָר זיין אַ שטער פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג פון די אַרבעטער, וואָס זיינען פאַראייניקט אין קאַמף מיט זייערע עקספּלאָאַטאַטאָרן.

אַלס סאָציאַליסטן, וואָס פאַרשטייען קלאָר די פאָדערונגען פון דעם סאָ־ציאַליזם, קאָנען מיר אין אונזער קאַמף באַנוצן בלויז די מיטלען, וועלכע זיינען נישט סותר די אויפגאַבן פון סאָציאַליזם און באַפּלעקן נישט זיין פּאַן; מיר קאָנען אַנערקענען פאַר אונזערע פאַרבינדעטע און ברידער נאָר די פּערזאָ־נען, וועלכע זיינען באַוואוסטזיניק אָדער אינסטינקטיוו דורכגעדרונגען מיט די

פאָדערונגען פון סאָציאַליסטישער סאָלידאַרישקייט. קיין שום עקאָנאָמישער אָדער פּאָליטישער מאָנאָפּאָל, קיין שום יאָגן זיך נאָך כבוד און שטרעבונג צו פּערזענלעכער מאַכט, קיין שום עקספּלאָאַטאַציע פון ברידער און פאַר־בינדעטע, קיין שום שקר פאַר די ברידער און פאַרבינדעטע איז ניט דער־לאָזבאַר אין די רייען פון די אויפריכטיקע סאָציאַליסטן"...

„מיר האָבן בדעה צו אָרגאַניזירן צווישן די יידן פון דעם מערב־קאַנט אַ גאַנצע ריי סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע סעקציעס, פעדערירטע צווישן זיך, ווי אויך מיט ענלעכע יידישע סעקציעס אין אויסלאַנד אָדער מיט די סעקציעס פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד"...

„די סאָציאַליסטן פון אַלע נאַציעס און ראַסן שטעלן מיט זיך פאַר איין ברודערשאַפט. דער אונטערשייד פון די נאַציאָנאַלע און קולטורעלע באַדינ־גונגען מאַכט בלויז פאַרשידנאַרטיק די סביבה, אין וועלכער עס קומט זיי אויס צו פירן זייער טעטיקייט, און אַט דער איינציקער אונטערשייד — גע־וויינלעך אַ ציטווייליקער — רופט איצט אַרויס, אָפּהענגיק פון דעם אָרט און פון דער נאַציאָנאַליטעט, אַ געוויסע דיפערענציאַציע אין די אופנים פון דער טעטיקייט, און דאָס צווינגט אונז אויך אָנצורופן אונז יידישע סעקציע פון דער רוסישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי".

פון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן פּרואוו איז גאָר נישט אַרויסגעקומען.

אין די זיבעציקער יאָרן זיינען אויך געמאַכט געוואָרן אין אַ צאָל שטעט אייניקע שוואַכע פּרואוון פון פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירן יידישע אַרבעטער און זיי אַרויספירן אין שטרייקן. אַ ברייטע און דויערנדיקע באַוועגונג איז דאַמאָלט נאָך נישט געווען מעגלעך אַרויסצורופן. יידישע אַרבעטער זיינען נאָך בכלל געווען ווייניק אין צאָל און זיי האָבן נישט געקענט שפּילן קיין גרויסע ראָל אין יידישן לעבן.

די יידישע אָנטיילנעמער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זיינען, אַחוץ געציילטע אויסנאַמען, געווען שטודירנדיקע יוגנט און אינטעליגענטן. אייניקע פון זיי האָבן זיך אַרויסגערוקט אויפן אויבנאַן און געשפּילט אַ פירנדיקע ראָל אין דער רוסלענדער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. גענוג צו דערמאָ־נען דעם נאָמען מאַרק נאַטאַנסאָן — גרינדער פון דער פּאַרטיי „זעמליאַ אי וואָליאַ". אַן אָנגעזעענע ראָל האָבן געשפּילט פּאַוועל אַקסעלראָד, לעוו דייטש, אהרן זונדעלעוויטש, העסיע העלפמאַן, סאַוועלי זלאַטאָפּאָלסקי און אַנדערע. נאָך דער שפּאַלטונג פון „זעמליאַ אי וואָליאַ", זיינען יידן געווען טעטיק אין ביידע ניי־אַנטשטאַנענע פּאַרטייען — „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און „טשאָרני פּערעדיעל", ווי אויך אין אַנדערע קלענערע גרופּן.

די סטאַטיסטיק פון די אַרעסטירטע פאַר אַנטי־מלוכהשער טעטיקייט ווייזט דעם גרויסן אָנטייל פון יידן. אין די יאָרן 1873־74 האָט די צאָל יידן פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע אַרעסטירטע באַטראָפן 6 פּראָצענט, מער וויפיל דער פּראָצענט יידן האָט אויסגעמאַכט אין רוסלאַנד. שפּעטער איז דער פּראָ־צענט געפאַלן. אין די יאָרן 1875־1880 זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר פּאָ־ליטישע חטאים 103 יידן, וואָס האָט אויסגעמאַכט 4,3 פּראָצענט. דאָס האָט

בערך אַנטשפּראָכן דעם פּראָצענט פון יידן אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון דער רוסישער אימפּעריע.

די פּאָגראָמען, וואָס זיינען אויסגעבראָכן נאָכן אטענטאַט אויפן רוסישן צאַר אַלעקסאַנדער דעם 2־טן, האָט גורם געווען אַן אידייאישן קריזיס צווישן די יידישע רעוואָלוציאָנערן. די פּאָגראָמען האָבן אָנגעהאַלטן אין אַ ברייטערן אָדער שמעלערן פאַרנעם דריי יאָר. בלויז אין 1881 האָבן געליטן איבער הונדערט יידישע ישובים, כמעט אַלע אין אוקראַינע. שוין דאָס אַליין האָט געמוזט ווענדן די געדאַנקען און געפילן פון דער אידעאַליסטישער און פּיל־באַרער סאָציאַליסטישער יוגנט צו דער יידישער פראַגע און שטעלן אין אַ ספק איר ביז־אַהערצטיקע גלייכגילטיקייט און אָפּגעפרעמדקייט. דאָס אַליין איז געווען גענוג, אַז וויניקסטנס אַ טייל זאָל באַשליסן צו גיין אין פאָלק, שוין אין אייגענעם. ס׳איז אָבער אויך געווען אַ ספּעציעלער ביטערער טראָפּן, וואָס האָט איבער־געפּילט דעם בעכער.

די הערצאָישע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, וואָס האָט מיט אירע רעוואָלוציאָנערע מעשים און מסירת־נפש פון אירע טוער און מיטגלידער זיך דערהויבן צו אַן אומגעהויערער מאָראַלישער הויכקייט, האָט דערגרייכט איר העכסטן פּונקט מיטן געלונגענעם אטענטאַט אויפן רוסישן צאַר. נאָך דעם איז באַלד געקומען אַ פולשטענדיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער און מאָראַלישער צוזאַמענברוך. די וויכ־טיקסטע טוער זיינען געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשפּאַרט אויף לאַנגע יאָרן תפיסה אָדער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אויף דער תליה. דעם צאַרישן דעספּאָטישן רעזשים איז געלונגען צו צעקלאַפּן די אָרגאַניזאַציע. דער מאָראַ־לישער צוזאַמענברוך איז געקומען צום אויסדרוק אין דער שטעלונג, וואָס דער אויספיר־קאָמיטעט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ האָט פאַרנומען צו די פּאָגראָמען.

נאָכן פּאָגראָם, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט אַדורכגעפירט איבער דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, האָבן די פאַרבליבענע מיטגלידער פון אויספיר־קאָמיטעט צוקאָאָפּטירט אייניקע נייע מיטגלידער אין דער אָנפירנדיקער קערפּערשאַפט. איינער פון די נייע, אַ געוויסער גערעסים ראָמאַנענקאָ, האָט אין נאָמען פון אויספיר־קאָמיטעט אָנגעשריבן אַן אויפרוף צום אוקראַינישן פאָלק וועגן די פּאָגראָמען. נישט קעגן, נאָר פאַר. דער אויפרוף איז געווען אין ווידערשפּרוך צום גייסט און די פּרינציפּן פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. ער איז גע־ווען געשריבן אין גייסט פון די אַלטע פּאָגראָם־אוניווערסאַלן פון די קאָזאַקישע אטאַמאַנען, און האָט אַפילו איבערגעחזרט זייערע ווערטער און טענות (דער מחבר פון אויפרוף איז שפּעטער געוואָרן אַן אָפענער שוואַרץ־מאהניק, אַ מיט־אַרבעטער פון קישיניעווער פּאָגראָמשטשיק קרושעוואַן). די זעלבע פּאָזיטיווע באַציאונג צו די פּאָגראָמען איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין דער פּרעסע פון דער פּאַרטיי.

פאַרשידן האָט מען אויסגעטייטשט די דאָזיקע טרויעריקע דערשיינונג אין די רעוואָלוציאָנערע רייען, אָבער אויף אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט האָט דאָס געווירקט ווי אַן אומגעריכטער דונער. פּאַוועל אַקסעלראָד האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ בראָשור, אין וועלכער ער האָט

באהאנדלט דעם ענין, ער האט זי אבער נישט פארענדיקט ווייל די חברים פון דער באוועגונג זיינען געווען קעגן דעם, אז ער זאל זי פארעפנטלעכן. אין דאזיקן כתב־יד כאראקטעריזירט ער אזוי די שטימונג פון די יידישע רעוואלוציאנערן אונטער דער ווירקונג פון די געשעענישן: „דאס, וואס איז פארגעקומען, האט ענדלעך געעפנט די אויגן פון דער יידישער סאציאליסטישער אינטעליגענץ אויף איר טעות לגבי דער יידישער מאסע און אויפגעוועקט ביי איר אן אינטערעס און אנטייל אין איר לעבן". פון א בריוו, וואס אקסעלראד האט געהאט אין זיין רשות, איז צו זען, אז א טייל יידישע סטודענטישע יוגנט האט זיך אין אנהויב באצויגן גלייכגילטיק צו די פאגראמען. גאר גיך האט זיך צו זיי געביטן די שטימונג אין די הויכשולן, זיי האבן אליין אנגעהויבן פילן ארום זיך די באליידיקונגען, און די פאגראמען זיינען דערגאנגען צו זייער באוואוסטזיין.

אין א צווייטן בריוו, וואס אקסעלראד ציטירט אין דער נישט־פארעפנטלעכטער בראשור, ווערט געזאגט: „דאס בלוט ווערט פארגליווערט אין די אדערן ווען מען קוקט אויף די באליידיקטע און דערנידעריקטע. דאס זיינען עפעס נאר שאטנס מיט טויט־בלייכע פנימער, וואס דערווארטן עפעס און ווייסן אליין נישט וואס. אין אלע שיכטן פון דער געזעלשאפט, פון דער געבילדעטער אינטעליגענץ ביז דעם אומוויסנדיקן פויער, באמערקט זיך עפעס ווי א ווילדע באציאונג צו די יידן. דאס האט ארויסגערופן א שטארקע באוועגונג סיי ביי די יידישע מאסן, סיי ביי דער יידישער שטודירנדיקער יוגנט. די מאסע פארט גרופנווייז קיין אמעריקע און די שטודירנדיקע יוגנט בילדעט קרייזלעך, כדי אויסצוארבעטן א פראגראם וואוהין מען זאל זיך לאזן. עס בילדן זיך אויך הילפס־קאמיטעטן פאר ארימע עמיגראנטן. א סך סטודענטן, וואס קענען נישט אריבערטראגן, וואס מען קוקט אויף זיי ווי אויף הינט, נייז, נאך ערגער, גלאט ווי אויף א נוצלאזער חיה, ווארפן דאס שטודירן און פארן פון דאנען אוועק".

אין שטראם אויסוואנדערער האט זיך אויך געפונען א טייל פון דער סאציאליסטישער יוגנט, וואס הגם דערשיטערט און אנטוישט צוליב דער האלטונג פון א טייל רוסישע רעוואלוציאנערע קעמפער צום יידישן אומגליק, איז דאך געבליבן פעסט און אומדערשיטערט אין סאציאליסטישן גלויבן. ווייל נישט די גרויסע אידייע האט באנקראטירט, נאר אייניקע נישט־רייפע און נישט־בארופענע טרעגער אירע.

אן ענדערונג איז דאך פארגעקומען. די יידן־סאציאליסטן האבן דא דערזען דעם יידישן ארבעטער. אסימילאציע און קאסמאפאליטיזם זיינען וויטער געבליבן — אין דער טעאריע. אין לעבן האט מען אבער געטיילט דעם זעלבן גורל און געפילט די זעלבע גרויזאמע קלעפ, וואס די יידישע מאסן. אויף א צייט איז מען אליין פארוואנדלט געווארן אין לויז־שקלאפן. וועגן פרוואוון גיין צום אמעריקאנער פארמער אדער ארבעטער, ווי מ'האט פריער געפרואווט גיין צום רוסישן פויער און פראלעטאריער, האט קיין רייד נישט געקאנט זיין. איז מען געבליבן שטעקן אין דער יידישער סביבה און געזוכט צו ברענגען די סאציאליסטישע בשורה צום יידישן ארבעטער.

3. דער אָנהויב

די אימיגראַנטן אין דער נייער היים. — עקאָנאָמישער און גייסטיקער איבער־
ברוך. — יידישע אַרבעטער־צענטערן. — שוויץ־שעפּער. — באַלעבאַטים און
אַרבעטער. — די יידישע אינטעליגענץ. — די ערשטע פאַרזאַמלונגען. — רוסיש
און דייטש. — „פּראָפּאַגאַנדע־פאַראיין". — מיראָוויטש און אב. קאַהאַן. —
יידיש. — רויע און אומבאַהאָלפענע מאַסע. — שטרייקן און יוניאָנס. — „רוסי־
שער אַרבעטער־פאַראיין". — „רוסיש־יידישער אַרבעטער־פאַראיין". — „יידישער
אַרבעטער־פאַראיין". — אויפלעבונג. — סאָציאַליסטישע וואָכנבלעטער. — קרי־
זיס. — דער „יידישער אַרבעטער־פאַראיין" ליקווידירט זיך. — עקאָנאָמישע
און אידעאָלאָגישע שטרייטן.

די מאַסן־איינוואַנדערונג אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פון
19־טן יאָרהונדערט האָט אַריינגעבראַכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־
אַמעריקע בערך אַ מיליאָן יידן. אויב דער ערשטער שטויס צו דער מאַסן־וואַנדע־
רונג פון דער רוסישער אימפּעריע זיינען געווען די פּאָגראָמען, זיינען אין די
ווייטערדיקע יאָרן די יידן געטריבן געוואָרן דורך גזירות, גירושים, אַרויסשטויסן
פון פּרנסות, באַגרענעצן די בילדונגס־מעגלעכקייטן פון דער יוגנט (פּראָצענט־
נאָרמע) און שאַפן אַ געפיל פון אומזיכערקייט. צוליב דער אַנטי־יידישער פּאָ־
ליטיק איז אויך געגאַנגען אַ וואַנדערונגס־שטראָם פון רומעניע, און צוליב
דער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען יידן פון
גאַליציע.

נאָכן קומען אַהער האָבן די נייע איינוואַנדערער אין אָנהויב געבילדעט
אַ פאַרמלאָזע, צעשטויבטע מאַסע. נישט פאַרוואָרצלט, נישט זיכער מיט פּרנסה.
אַ סך האָבן נאָך נישט געהאַט אויסגעלעבט די אומרו און שרעק, וואָס זיי האָבן
מיטגעברענגט פון דער אַלטער היים. פאַר אַ זייער גרויסן טייל האָט דאָס
קומען קיין אַמעריקע באַטייט נישט בלויז בייטן דאָס לאַנד און די באַשעפטיקונג,
נאָר אויך די אייגענע מחשבות, פאַראינטערעסירונגען און גלויבונגען. די שפּאַלטן
און לעכער אין פעסטן, דורות־לאַנגן בנין פון טראַדיציאָנעלער און רעליגיעזער
יידישקייט זיינען צו יענער צייט געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. די נסיעה
קיין אַמעריקע האָט פאַר גרויסע מאַסן יידן אויך באַטייט אַ ווענד־פּונקט אין
זייער גייסטיקן לעבן. זיי האָבן זיך באַפרייט פון די רעליגיעזע פּענטעס, וואָס
זיי האָבן צוליב כמה טעמים נישט געקענט טאָן אין דער אַלטער היים. די
אויסערלעכע באַדינגונגען פון נייעם לאַנד האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט די
אינערלעכע ספקות און צוגעאיילט דעם איבערגאַנג צו אַ וועלטלעך לעבן. פאַר
מאַנכע יונגע מענער און פרויען איז טאַקע דאָס שטרעבן צו באַפרייען זיך
פון דער השגחה פון די עלטערן און סביבה און אָנהייבן לעבן לויט זייער
פרייען ווילן אויך געווען אַ סטימול אויסצוואַנדערן.

געקומען אַהער זיינען אַרבעטער, זעלבסטשטענדיקע בעלי־מלאכות, קליינ־

הענדלער, אינטעליגענץ, רואינירטער מיטלשטאַנד, יורדים און סתם פּרנסה־לאָזע מענטשן. אויף די ניו־יאָרקער איסט־סייד ווי אויך אין די יידישע קוואַרטאַלן פון פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, באָסטאָן און אין אַ ריי אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון לאַנד האָבן זיך געשאַפן יידישע אַרבעטער־צענטערן. דאָרטן האָט מען געוואוינט, דאָרטן האָט מען געאַרבעט און אויך פאַרברענגט די פרייע צייט. די באַדינגונגען פון אַרבעט זיינען געווען זייער שווערע. די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אין פלעצער אָן געהעריקע איינריכטונגען. ס'האָבן געפעלט די עלעמענטאַרע היגיענישע באַדינגונגען. בלויז אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד זיינען געווען הונדערטער שעפּער. די עקספּלאָאַטאַציע איז געווען גרויס. דער גאַנצער אַרבעט־סיסטעם איז געווען איינגעשטעלט אויף אַרויסצו־פּרעסן וואָס מער פון אַרבעטער. מיט רעכט איז דער אופן פון אַרבעט גע־קרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „שוויץ־סיסטעם״. און אויב די אַרבעטער פלעגן זאָגן, אַז „די באַלעבאַטים לעבן פון אונזער שוויים״, איז עס נישט געווען קיין מליצה. פאַר פיל, וועלכע האָבן אין דער אַלטער היים געפירט אַן אָרים, געמאָטערט און הונגעריק לעבן, האָבן אַפילו די קליינע פאַרדינסטן אין די שוויץ־שעפּער באַדייט אַ העכערער לעבנס־סטאַנדאַרד. דאָ האָט מען אויך נישט געוואוסט פון נאַציאָנאַלע נגישות. דאָך האָט די שווערע אַרבעט אין די שוויץ־שעפּער דערשלאָגן דעם מענטש. מ'האָט זיך געפילט תמיד מיד און אויסגעשעפּט. ס'איז פשוט נישט געווען קיין כוח צו טראַכטן וועגן העכערע, גייסטיקע באַדערפעניש.

אין אַ ליד האָט דער דיכטער מאָריס ראָזענפעלד דעם מצב אַזוי פאַר־צייכנט:

„אָט אין דיזן מקום אַרבעטן, אַך, פלייסיק,
און צופרידן, דאַכט זיך, ביי אַן ערך דרייסיק
אָפּגעצערטע מענער, אָפּגעצערטע ווייבער
מיט צעדריקטע גייסטער און פאַרוועלקטע לייבער.״

און דער דיכטער אברהם רייזען האָט די ערשטע יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע אַזוי געשילדערט:

„געקומען פון יענער זייט ים
מיט מורא און עלנט אין בליק;
די ערשטע פון אַרבעטער־שטאַם —
מיט צענדליקער יאָרן צוריק.

אין שאַפּ האָט געדריכערט די פּרעס,
אין שאַפּ האָט די גאַז־רער געצאַנקט;
געאַרבעט דריי־פערטל מעת־לעת
דעם ׳באָס׳ נאָך, דעם בייזן, געדאַנקט...״

וואָס שייך דער באַקלייד־אינדוסטריע, וואו עס איז געווען באַשעפטיקט דער גרעסטער טייל פון די יידישע אַרבעטער, זיינען די באַלעבאַטים געווען על פּי־רוב דייטשע יאַהודים, בעת די אַרבעטער זיינען געווען מזרח־אייראָ־

פעאישע יידן. צווישן די ערשטע און די צווייטע איז געווען ניט בלויז אַ קעגנזאַץ פון קלאַסן־אינטערעסן, נאָר אויך טיפע קולטורעלע אונטערשידן. די באַלעבאַטים האָבן געקוקט אויף זייערע אַרבעטער פון אויבן אַראָפּ, מיט גרינגשעצונג און אפילו מיט פאַראַכטונג.

ביזן אָנהויב פון דער גרויסער איינוואַנדערונג־כוואַליע איז די יידישע אינטעליגענץ באַשטאַנען פון אַלט־פרענקישע רעליגיעזע יידן, וועמענס גייסטי־קער אינטערעס איז געלעגן אין דער גמרא, אָדער ווען שוין אַ מער אויפ־געקלערטער — אין אַ העברעאיש ביכל. ערשט אין די אַכציקער יאָרן האָט זיך באַוויזן די נייע וועלטלעכע יידישע אינטעליגענץ, אַ טייל פון איר אַ סאָציאַ־ליסטיש געשטימטע. דאָס זיינען געווען ערנסטע אידעאַליסטישע מענטשן. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ געוויסן סכום וויסן און געזוכט אויסצולאָדן זייער יונגע ענערגיע אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דידאָזיקע יונגע אינטעליגענץ, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט דער יידישער אימיגראַנטן מאַסע, האָט געזוכט אַ וועג צו איר. וועגן זיין טעטיק צווישן נישט־יידן, ווי ס׳איז געווען ביי דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד, האָט דאָ קיין רייד נישט געקענט זיין, אַלנפאַלס אין די ערשטע יאָרן, צוליב נישט קענען די לאַנד־שפּראַך. אַחוץ דעם האָבן די געמיינזאַמע איבערלעבונגען אין דער אַלטער היים פאַרט דער־נענטערט די אָפּגעפרעמדטע יוגנט צו דער יידישער אַרבעטער־מאַסע, וועגן וועלכער מ׳האָט שוין נישט געקענט פשטלען, אַז זי געהערט נישט צו די עקספּלאָאַטירטע. טעאָרעטיש האָט די מערהייט ווייטער געהאַלטן, אַז יידן זיינען נישט קיין פאָלק, אָבער דעם יידישן אַרבעטער האָט מען יאָ אָנגעהויבן אנערקענען.

זומער 1882 זיינען אויף ניו־יאָרקער איסט־סייד געגרופן געוואָרן צוויי פאַרזאַמלונגען. די טעמעס פוןביידע פאַרזאַמלונגען זיינען געווען אַקטועלע, אָבער זיי ווייזן גלייכצייטיק צו וואָס ס׳איז געווען צוגעשפּיצט דער אינטערעס פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ אין שייכות מיטן יידישן לעבן: אין פאַרזאַמלונג איז געווען פון פרישע יידישע אימיגראַנטן וועלכע האָבן געאַרבעט אַלס שטרייק־ברעכער אין ניו־יאָרקער האַפן. מ׳האָט פשוט געדאַרפט אויפ־קלערן דעם עולם וואָס ס׳איז שטרייק־ברעכעריי און פאַרוואָס מ׳טאָר נישט זיין קיין שטרייק־ברעכער. די צווייטע פאַרזאַמלונג איז געגרופן געוואָרן צו פּראָטעסטירן קעגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. דער איניציאַטאָר פון די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען איז געווען אַ יונגער רוסישער ייד א. מיראָוויטש, וועלכער איז אין דער אַלטער היים געווען אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אויף דער פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן די פּאָגראָמען זיינען געהאַלטן געוואָרן רעדעס אין רוסיש און דייטש. דער דאָזיקער מיראָוויטש האָט, צוזאַמען מיט נאָך אייניקע, אין יולי 1882, געגרינדעט אַ „פּראָפּאַגאַנדע־פאַראיין", וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן די סאָציאַליסטישע אידייען צווישן די יידישע אימיגראַנטן.

ביים סוף פון דער דערמאָנטער פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג האָט אַב. קאַהאַן, וועלכער איז נאָר־וואָס געהאַט געקומען קיין אַמעריקע, געזאָגט מיראָוויטשן, אַז כדי די יידן זאָלן געהעריק פאַרשטיין, דאַרף מען צו זיי ריידן יידיש.

מיראָוויטש און די אָרומיקע האָבן זיך צעלאַכט, ווייל זיי האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז מ'קען האַלטן אַ רעדע אויף מאַמע־לשון. דער רעזולטאַט פון געשפּרעך איז געווען, אַז דער פּראָפּאַגאַנדע־פאַראיין האָט אין אַ וואָך אַרום געמאַכט אַ פּרוּוו און איינגעאָרדנט אַ יידישע פאָרלעזונג פון אב. קאַהאַן וועגן סאָציאַליזם. געקומען זיינען בערך 400 מענטשן. לויט דער מיינונג פון אב. קאַהאַן, „איז דאָס געווען די ערשטע סאָציאַליסטישע רעדע, וואָס איז ווען עס איז געהאַלטן געוואָרן אויף יידיש אין אַמעריקע".

די פירער פון דעם פּראָפּאַגאַנדע־פאַראיין — סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן — האָבן איינגעאָרדנט אַ צאָל פאַרזאַמלונגען און פאָרלעזונגען אין יידיש, דייטש, רוסיש און ענגליש. געוויינלעך פלעגט מען נאָך די אָפיציעלע רעדנער פירן דיסקוסיעס. דער דאָזיקער פאַראיין האָט זיך אָבער נישט געשטעלט די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער אָדער טאָן עפּעס ממשותדיקעס, כדי צו פאַרבעסערן זייער לאַגע. מ'האָט בלויז געוואָלט באַקענען דעם עולם מיט דעם, וואָס איז אַזוינס סאָציאַליזם און געווינען אים פאַרן דאָזיקן אידעאַל. דער פּראָפּאַגאַנדע פאַראיין, פון וועלכן ב. גאָלדהאַר, אַן אָפּשטאַמיקער פון פּוילן, איז געווען סעקרעטאַר, האָט קיין אריכת־ימים נישט געהאַט. נאָך אַ יאָר עקזיסטענץ איז די דאָזיקע ערשטע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון רוסלענ־דער יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אונטערגעגאַנגען.

צווישן די יידישע אַרבעטער האָבן שוין פון פריער געווירקט סאָציאַליסטן פון עסטרייך־אונגאַרן. די יידישע שניידער זיינען טאַקע על פּי רוב באַשטאַנען פון גאַליציאַנער און אונגאַרישע, וועלכע האָבן פאַרנומען אַ העכערע פּאָזיציע אין פאַך לגבי די געקומענע פון פּוילן און אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד. די יוניאָן־טוער צווישן די יידישע שניידער זיינען אויך געווען גאַליציאַנער און אונגאַרישע. בלויז אייניקע פון זיי זיינען געווען סאָציאַליסטן, די מערהייט יוניאָן־טוער איז באַשטאַנען פון קאָנסערוואַטיווע מענטשן. פון די לעצטע איז אַ טייל געווען פאַרבונדן מיט די פּאָליטישנס פון די דעמאָקראַטן און רעפּובליקאַנער.

קלענערע און גרעסערע גרופּעס אַרבעטער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין יוניאָנס, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט פירן אַקציעס פאַר די אַרבעטער. בדרך־כלל זיינען די יוניאָנס זיך צעפאַלן באַלד נאָך אַן אַקציע — אַלץ איינס צי מ'האָט זי פאַרשפּילט אָדער פאַרענדיקט מיט אַ זיג. ביים עולם האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ באַגריף, אַז אַ יוניאָן און אַ שטרייק זיינען איינס און דאָס זעלבע. אויס שטרייק — אויס יוניאָן. די אַרבעטער־מאַסע איז נאָך געווען רוי. אַ סך זיינען געווען דערשלאָגענע מענטשן, אַלטפרענקישע יידן מיט באָרד און פאות וועלכע האָבן מורא געהאַט מ'זאָל זיי נישט אַרויסוואַרפן אין גאַס און זייערע פאַמיליעס זאָלן נישט בלייבן אָן ברויט און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ביי אַזאַ לאַגע האָבן זיך אויך געצייגט געוויסע יוניאָן־טוער, וועלכע האָבן קאָמאַנדעוועט איבער דער אומבאַהאָלפענער מאַסע. אין אייניקע יידישע אַרבעטער־יוניאָנס האָבן געבאַלעבאַטעוועט פּשוטע טעמעני־לייט.

אין יוני 1884 איז ווייטער געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו צו שאַפן אַן אָרגאַ־ניזאַציע פאַר סאָציאַליסטישער אויפקלערונג. ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער

„רוסישער אַרבעטער־פֿאַראיין‟. געהערט צו אים האָבן יידן, די טעטיקייט איז אָבער געפֿירט געוואָרן אין רוסיש. אַביסל שפּעטער איז אויך געשאַפֿן געוואָרן אַ רוסישער לייבאָר־לייסעאום. זייערע גרינדער זיינען געווען ל. מילער און אב. קאַהאַן. דער רוסישער אַרבעטער־פֿאַראיין פֿלעגט איינאָרדענען זיינע פֿאָרלעזונגען און דעבאַטן זונטאָג. צו די פֿאָרלעזונגען זיינען אויך געקומען אַזעלכע יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן רוסיש נישט פֿאַרשטאַנען. מ'איז געקומען, ווייל דאָרטן איז געווען אַ טרעף־פּונקט פֿון דעם ראַדיקאַלן עולם.

די שוועריקייטן און די ערשטע דורכפֿאַלן האָבן ניט אַנטמוטיקט די סאָציאַליסטישע פּיאָנערן. אין פֿעברואַר 1885 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ נייער צענטער — דער „רוסיש־אידישער אַרבעטער־פֿאַראיין‟. אין דאָזיקן פֿאַראיין האָבן זיך גרופּירט די סאָציאַליסטישע און יידיש־רעדנדיקע עלעמענטן. זיינע פֿאָרלעזונגען זיינען געווען אין דער יידישער שפּראַך און זיינען פֿאָרגעקומען שבת. אין רוסישן אַרבעטער־פֿאַראיין האָט זיך גרופּירט די „אַריסטאָקראַטיע‟, בעת אין רוסיש־יידישן אַרבעטער־פֿאַראיין זיינען געווען די מער פֿאָלקס־טימלעכע עלעמענטן.

לאַנג האָט אויך די דאָזיקע לעצטע אָרגאַניזאַציע נישט עקזיסטירט. אויף איר אָרט איז געקומען דער „יידישער אַרבעטער־פֿאַראיין‟. דאָס איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך שוין געשטעלט די גאַנץ קלאָרע אויפֿגאַבע צו זיין אַקטיוו צווישן די יידישע אַרבעטער. נישט בלויז האַלטן פֿאַר זיי פֿאָרלעזונגען, נאָר אויך העלפֿן זיי אָרגאַניזירן אין יוניאָנס, כדי צו קענען קעמפֿן פֿאַר בעסערע אַרבעטס־ און לעבנס־באַדינגונגען. די גרינדונג איז פֿאָרגעקומען דעם 19־טן אַפּריל 1885. אַחוץ געקומענע פֿון רוסלאַנד האָבן צום יידישן אַרבעטער־פֿאַראיין אויך געהערט די סאָציאַליסטן פֿון גאַליציע און אונגאַרן. די ערשטע זיינען געווען בעיקר אינטעליגענטן, הגם מאַנכע פֿון זיי האָבן דעמאָלט געאַרבעט אין שעפּער בעת די צווייטע זיינען געווען אויפֿגעקלערטע אַרבעטער, אַ טייל פֿון וועלכע איז אַהער געקומען נאָך אין די זיבעציקער יאָרן. אין יענער צייט האָט געהערשט אַ שטאַרקע אַנטיפּאַטיע צווישן די גאַליציאַנער און רוסישע יידן. מ'האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי און אַפֿילו פֿיינט געהאַט איינע די אַנדערע. דער יידישער אַרבעטער־פֿאַראיין האָט געמאַכט אַ דורכברוך אין דער וואַנט צווישן די יידן פֿון רוסלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן. ביז דער דאָזיקער פֿאַראייניקונג זיינען די יידישע סאָציאַליסטן פֿון רוסלאַנד כמעט נישט געקומען אין באַרירונג מיט זייערע אידייען־חברים פֿון עסטרייך־אונגאַרן, וועלכע האָבן דאָ געהאַט אַן אייגענעם סאָציאַליסטישן פֿאַראיין און געמאַכט באַמיאונגען אַרויסצוגעבן אַ צייטונג. דער ניי־געגרינדעטער יידישער אַרבעטער־פֿאַראיין איז געווען אַ פֿאַרשמעלצונג פֿון צוויי אָרגאַניזאַציעס — פֿון גאַליציאַנער־אונגאַרישן און רוסיש־יידישן אַרבעטער־פֿאַראיין.

אין ערשטן האַלבן יאָר האָבן זיך פֿאַרשריבן איבער הונדערט מיטגלידער. די אַרבעט איז אַוועק גוט. דאָס איז שוין געווען אַווירקלעכע קאַמף־אָרגאַניזאַציע. דער יידישער אַרבעטער־פֿאַראיין האָט אָרגאַניזירט יוניאָנס, האָט זיך באַטייליקט אין דער גרויסער באַוועגונג פֿאַר איינפֿירן דעם 8־שעהדיקן

אַרבעטס־טאָג און אויך אין וואַל־אַקציעס. דער יידישער אַרבעטער־פאַראיין האָט אין 1886 געגרינדעט אַ ספּעציעלע ליגע צום קאַמף פאַר אָפּשאַפן די שוויץ־שעפּער. פאַרשידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן געהערט צו דער ליגע, וואָס איז געווען טעטיק עטלעכע יאָר. אויך דער דערפאָלג אויפן געביט פון אָרגאַניזירן טרייד־יוניאָנס איז געווען אַ היפּשער. אין די יאָרן 1885־86 זיינען אַ דאַנק דער אַקטיווער מיטווירקונג פון יידישן אַרבעטער־פאַראיין אָרגאַניזירט געוואָרן 14 יוניאָנס פון יידישע אַרבעטער — די מערהייט פון די נאָדל־פאַכן — מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 3 טויזנט.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מ׳האָט געזאַמלט אַ פאָנד אויף אַרויסצוגעבן אַ סאָציאַליסטישע צייטונג, איז דער פּלאַן נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. אמת, אין 1886 האָבן זיך באַוויזן צוויי סאָציאַליסטישע וואָכנבלעטער, ביידע זיינען אָבער געווען פּריוואַטע אונטערנעמונגען. שבועות 1886 האָבן אַב. קאַהאַן און טש. ראַיעווסקי אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ סאָציאַליסטיש וואָכנבלאַט — „די נייע צייט״. דערשינען זיינען סך־הכל 4 נומערן. פאַרן אונטערגאַנג פון דעם דאָזיקן סאָציאַליסטישן וואָכנבלאַט האָט דעם 25־טן יוני 1886 אָנגעהויבן דער־שיינען „די ניו־יאָרקער יידישע פאָלקס־צייטונג״, וואָס האָט עקזיסטירט בערך 3 יאָר. דאָס איז געווען אַ פּריוואַטע צייטונג, אָן אַרבעטער־פּריינטלעכע מיט סאָציאַליסטישע טענדענצן. די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך מיט איר באַנוצט צו דרוקן זייערע מעלדונגען און באַריכטן וועגן זייער טע־טיקייט. די רעדאַקטאָרן זיינען געווען א. בראַסלאַווסקי און מאָזעס מינץ. אין פּראָגראַם־אַרטיקל פון ערשטן נומער, וואָס איז צעטיילט געוואָרן פריי, ווערט געזאָגט, אַז די צייטונג וועט העלפן באַלייכטן די אַרבעטער־פראַגע און די יידישע פראַגע. איין רעדאַקטאָר איז געווען אַ סאָציאַליסט און דער צווייטער אַ חובב־ציון. אין אַ ווענדונג צו די לעזער זאָגט די רעדאַקציע וועגן דער יידישער שפּראַך: „דער יידישער זשאַרגאָן איז צוזאַמענגעזעצט פון ווערטער פון פאַרשידענע שפּראַכן. ער איז אָן כללים און אָן אַ גראַמאַטיקע. מיר האַלטן פאַר אומניצלעך אַריינצוברענגען אין אונזער צייטונג נאָר איין זשאַרגאָן. דארום זאָלן אונזערע געערטע לעזער זיך נישט וואונדערן דאָס פאַרשידענע אַרטיקלען זיינען געשריבן אויף פאַרשידענע זשאַרגאָנען. מיר האַלטן נאָר פאַר רעכט אַרויסצוואַרפן פון אונזער צייטונג אַלע רוסישע ווערטער״.

באַלד אין ערשטן נומער איז פאַראַן אַ באַריכט וועגן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, גערופן פון יידישן אַרבעטער־פאַראיין, אין שייכות מיט די פאַרגעקומענע שטרייקן. די רעדנער האָבן אָנגעגעבן די פאָלגנדיקע סיבות פאַרוואָס די שטרייקן זיינען פאַרשפּילט געוואָרן. אָן אַ שטרייק־פאָנד קענען די אַרבעטער לאַנג נישט אויס־האַלטן. אויף דעם מיטינג, אויף וועלכן עס האָבן גערעדט מינץ, יעקב שעהן, ב. ווײנשטיין און מ. גרעטש, האָט מען צווישן אַנדערן אָנגעוויזן, אַז צום פאַר־שפּילן דעם שטרייק האָבן אויך גורם געווען פאַררעטער און שטרייק־ברעכער, שפּיאָנען פון באַלעבאַטים און פאַלשע פירער.

דעם 19־טן אויגוסט 1886 האָט דער יידישער אַרבעטער־פאַראיין זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע פון אַן אייגענער צייטונג. דער באַשלוס איז געווען צו דערקלערן „די ניו־יאָרקער יידישע פאָלקס־צייטונג״ פאַר אַן אַרבעטער־צײ־

טונג. ווייטער איז באַשלאָסן געוואָרן נישט אָפּצושטעלן דאָס זאַמלען געלט פאַר אַן אייגענער צייטונג, וואָס מ׳וועט אָנהייבן אַרויסגעבן, אויב די „פאָלקס־צייטונג״ וועט אויפהערן צו זיין אַן אַרבעטער־צייטונג.

די „ניו־יאָרקער יידישע פאָלקס־צייטונג״ וואָס האָט פון 30־טן יאַנואַר 1888 אָנגעהויבן דערשיינען 2 מאָל אין וואָך, האָט געשטרעבט צו זיין אַ בלאַט פאַרן פשוטן פאָלק, אָדער פאַר „שלמה יאָסלען״, ווי די צייטונג פלעגט רופן דעם פּראָסטן חי־וקים.

דער יידישער אַרבעטער־פאַראיין איז געווען נאָנט צו דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פאַרטיי (סאָשעליסט לייבאָר־פּאַרטי — ס.ל.פּ.) און ביי וואַלן גע־שטיצט אירע קאַנדידאַטן. אין יולי 1886 איז אויף זיינס אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג באַשלאָסן געוואָרן צו פאַראייניקן זיך מיט איר, ווייל דאָס איז „די איינציקע אַרבעטער־פאַרטיי, וואָס וויל באמת באַפרייען די אַרבעטער״. אין זעלבן יאָר האָט דער פאַראיין אויסגעטיילט אַ קאָמיטעט צו העלפן דעם וואַל־קאַמף לטובת דעם פּראָגרעסיוון מעיאָר־קאַנדידאַט, דעם סאָציאַל־רעפאָרמער, הענרי דזשאָרדזש.

סוף יוני 1887 האָט די דאָזיקע אַקטיווע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַני־זאַציע אַליין באַשלאָסן זיך פונאַנדערצולאָזן. די סיבות פאַרוואָס אַזאַ וויכטיקע און לעבעדיקע אָרגאַניזאַציע איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד זיינען פאָלגענדע:

סוף 1886 האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגער און שווערער קריזיס אין די יידישע פאַכן. פון די 14 יוניאָנס, וואָס דער יידישער אַרבעטער־פאַראיין האָט אָרגאַניזירט, אין זומער 1887 קיין איינע שוין ניט פאַרבליבן. נויט און דער־שלאָגנקייט האָבן געוועלטיקט צווישן די יידישע אַרבעטער. אַ באַגריף וועגן דעם דעמאָלטיקן מצב אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס גיט אונז אַ לייט־אַרטיקל אין דער „ניו־יאָרקער יידישע פאָלקס־צייטונג״ פון 10־טן יוני 1887. מיר לייענען דאָרט: „זייער פיל פריינט פון יידישן אַרבעטער באַקלאָגן זיך שטאַרק די לעצטע צייט אויף דער שטילקייט, וואָס עס הערשט אין די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און אויף דעם ספּעציעל יידישן שלאַכט־פעלד. דער העסלעכער ׳חזיר־מאַרק׳ — זאָגן זיי — ווערט נישט קלענער, די עקספּלאָאַטאַ־ציע נאָך דעם פרומען מאָסשטאַב ווערט נישט שוואַכער, די גאַסן ווערן אַלץ מער און מער אָנגעפילט מיט אַלטע און יונגע פּעדלערס, אַפילו מיט קליינע קינדער, וועלכע שרייען אויס ׳קאָלער־באַטאָנס׳ אויף זייער דינעם קול. די אַרמיי פון אָרימע לייט וואַקסט אַלע מאָל צו; די אַרבעטס־שעהען פון דעם אומגליקלעכן שניידער זיינען ניט פאַרמינערט געוואָרן; די העמדן־נייטאָרינס האָבן נישט אויפגעהערט צו שפּייען מיט בלוט. אין די שמוציקע טענעמענט־לעכער שטאַרבן נאָך איצט די קליינע קרבנות פון דער אנשטעקנדיקער לופט״.

דער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס איז געווען געבויט דער יידישער אַר־בעטער־פאַראיין, איז צוליבן קריזיס פשוט אויפגעריסן געוואָרן. נישט בלויז זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן אַ זייער שלעכטע, ס׳האָט אים אויך פאַר־פעלט ריינע פרייע לופט צו אָטעמען. גראַד דעמאָלט האָט זיך אין פאַראיין גופא צעפלאַקערט דער קאַמף צווישן די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן. ביי דער לאַגע האָבן די טוער געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק דעם פאַראיין צו ליק־ווידירן.

ביי זיין לעבן איז דער יידישער אַרבעטער־פאַראיין שטאַרק באַקעמפט גע־וואָרן מצד די וואָרט־זאָגער פון יידישן בירגערטום. די „יודישע גאַזעטטען", אַ פרומע און רעאַקציאָנערע צייטונג, האָט דעמאַגאָגיש באַקעמפט דעם פאַראיין און בכלל די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די צייטונג האָט געפירט אַ סיסטעמאַ־טישע העצע קעגן די סאָציאַליסטן און זיך באַנוצט קעגן זיי מיט אַ מאַרק־שפּראַך. געראופן האָט מען זיי „ניהיליסטן", „ציציליסטן", „מיסיאָנערן", „משומדים" און אַנדערע צונעמענישן. עס האָבן אַפילו נישט געפעלט סתם קללות. מ'האָט פאַרמסרט פאַר די אָפּגעשטאַנענע לעזער, אַז די סאָציאַליסטן טוען־אָפּ כל דבר אסור — זיינען מחלל שבת, עסן חזיר, זיינען פאַרשייט א. ד. ג.. אויפּ־געהעצט פון די „יידישע גאַזעטן", פלעגן זיך פון צייט צו צייט אַרויסלאָזן אויף עסעקס סטריט פרומאַקעס און פאַטשן יידישע יונגעלייט, וועלכע מ'האָט געכאַפּט ביי דער עבירה פון רויכערן שבת. אויך דער „אַמעריקען היברו" האָט אַטאַקירט דעם פאַראיין. די דאָזיקע צייטונג האָט פאַרגעוואָרפן, אַז דער פאַראיין איז אַ זאַמל־פונקט פאַר אַנאַרכיסטן און ניהיליסטן. ווען דער יידישער אַרבעטער־פאַראיין איז אונטערגעגאַנגען, איז געווען אַ פרייד אין די יידיש־קאָנסערוואַטיווע קרייזן, וועלכע האָבן געפּרעדיקט, אַז יידישע אַרבעטער דאַרפן נישט קיין אייגענע אָרגאַניזאַציעס.

קיין שלום־בית צווישן די יידישע סאָציאַליסטן און יידישן בירגערטום איז נישט געווען און נישט געקענט זיין. ביידע צדדים האָבן זיך פשוט פיינט געהאַט. דאָס יידישע בירגערטום האָט אַריינגענומען אין זיך אויך די באַלע־באַטים פון די שעפּער, וועלכע האָבן שרעקלך עקספּלאָאַטירט די אַרבעטער און מיט זיי געהאַט אָפטע סכסוכים. דאָס זיינען געווען די גבאים און מאַכערס פון פאַרשידענע חברות און קאָנגרעגאַציעס. אויף די סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און אויפגעקלערטע אַרבעטער האָבן זיי געקוקט ווי אויף פּערזענלעכע שונאים, אויף געפערלעכע מענטשן, וועלכע בונטעווען קעגן „גאָט און גוטע לייט". דער פאַנאַטיזם און די פאָרמען פון היגן יידישן רעליגיעזן לעבן האָבן נישט געקענט וועקן קיין דרך־ארץ ביי די אפיקורסישע יונגעלייט. במשך פון גע־ציילטע יאָרן איז אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד אויפגעוואַקסן אַ גרויסער צוזאַמענגעפּרעסטער יידישער קוואַרטאַל. עס איז געווען אַ האַרט שווער לעבן און עס איז אָנגעגאַנגען נישט בלויז אַ ביטערער סאָציאַל־עקאָנאָמישער קאַמף, אַ קלאַסן־קאַמף, נאָר אויך אַ העפּטיקער שטרייט פאַר דער נשמה פון יידישן פאָלקס־מענטש. דער אידעאָלאָגישער קאַמף פון די ערשטע סאָציאַליסטן האָט געהאַט גוטע שאַנסן אויף דערפאָלג, ווייל דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב האָט אין די אַכציקער יאָרן, אַ דאַנק דער מאַסן־איינוואַנדערונג, געביטן זיין כאַראַקטער. אויב פריער איז פעדלעריי געווען די הויפּט־פרנסה פון אָרימען יידיש־רעדנדיקן עולם, האָט איצט אַרבעט זיך אַרויסגערוקט אויפן אויבנאָן. און מיט דעם איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ באַזע פאַר אַ ניי יידיש־קולטורעל לעבן.

מיטן אונטערגאַנג פון יידישן אַרבעטער־פאַראיין איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אַ קאַפּיטל פון דער יונגער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. וואָס האָט זיך איצט פאַרקירעוועט אויף אַ נייעם וועג. צוויי עטאַפּן זיינען שוין

געווען דורכגעגאַנגען פֿאַר די עטלעכע יאָר: איבערגאַנג פֿון רוסיש צו יידיש און פֿון אינטעליגענטישער פּראָפּאַגאַנדע צו מאַסן־אָרגאַניזאַציע און אַקטיוויטעט פֿון די אַרבעטער. דער יידישער אַרבעטער־פֿאַראיין איז געווען דער אויסדרוק פֿון דער דאָזיקער ענדערונג. נאָך זיין ליקווידאַציע האָט געמוזט קומען אַ יורש, וואָס זאָל פֿאַרנעמען דעם ליידיק געוואָרענעם פּלאַץ און ווייטער אויס־פֿירן די מיסיע, וואָס די יידישע סאָציאַליסטן האָבן אויף זיך גענומען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פּעריאָד, ווען די יידישע סאָציאַליסטן זיינען געוואָרן אַ פּאָרמעלער און אָרגאַנישער טייל פֿון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע.

4. אונטער דער פאָן פון ס.ל.פּ.

אוטאָפּישער סאָציאַליזם. — קאָלאָניעס. — יידישער צושטייער. — ערשטער אינטערנאַציאָנאַל. — סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. — יידישע סעקציעס. — די ברידער גרעטש. — פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן. — אַרויף און אַראָפּ. — יידישער אַרבעטער־קאָנגרעס. — יידישע אַרבעטער־פעדעראַציע.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, כאָטש אַ שוואַכע, האָט אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר פון 19טן יאָרהונדערט שוין געהאַט אַ לאַנגע געשיכטע.

איידער די מאָדערנע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אויסגעפאָרמירט, איז געווען אַ לאַנגע קייט פון סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן. פאַרשידענע אוטאָפּישע סאָציאַליסטן האָבן אויסגעקליבן די יונגע אַמעריקאַנער רעפּובליק פאַרן פּלאַץ צו פאַרווירקלעכן זייערע טרוימען. דאָס פּאָליטיש פרייע לאַנד מיט די ברייטע נישט־באַזעצטע שטחים ערד האָבן אוטאָפּישע סאָציאַליסטן פון פאַרשידענע פעלקער און לענדער באַטראַכט פאַרן בעסטן באָדן, וואו צו פאַרווירקלעכן זייערע אידעאַלן. אין 19טן יאָרהונדערט איז דעריבער דאָ אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווער פּראָצעס פון שאַפן סאָציאַליסטישע אָדער קאָמוניסטישע קאָלאָניעס פון פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער. צענדליקער אַזעלכע קאָלאָניעס זײַנען געווען צעוואָרפן איבערן לאַנד. טייל זיינען אונטערגעגאַנגען, אָבער אַנדערע זיינען געקומען אויף זייער אָרט. דער כוח פון דער סאָציאַליסטישער וויזיע, דער ווילן איינצואָרדענען מענטשן אויף פרייע און מאָראַלישע יסודות האָבן נישט געלאָזט אַנטוישט ווערן מחמת די שוועריקייטן און דורכפאַלן. במשך פון דער צייט זיינען אַזעלכע קאָלאָניעס געווען עטלעכע הונדערט. עס ווערט געשאַצט, אַז אַ פּאָר הונדערט טויזנט מענטשן האָבן דורך די קאָלאָניעס געמאַכט אַ פּרואוו צו לעבן אין אַ סאָציאַליסטישער געמיינדע. אַ טייל פון די געמיינדעס האָבן אויך געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער.

אויב מ׳זאָל וועלן איינטיילן אין הויפּט־גרופּעס די וויכטיקסטע קאָלאָניעס, וואָס האָבן זיך אונטערגעשיידט מיט פאַרשידענע פּרטים, קען מען זאָגן, אַז ס׳זיינען געווען 4 הויפּט־מינים: די אָוועניסטישע — אויפן נאָמען פון ענגלישן אוטאָפּיסט ראָבערט אָוען. זיי זיינען שוין געווען אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן (פון 19־טן י״ה). די פוריעריסטישע — אויפן נאָמען פון פראַנצויזישן אוטאָפּיסט שאַרל פוריע. דאָס איז געווען אין צענדליק יאָר 1840־1850. די איקאַרישע — דער פאָטער זייערער איז געווען דער פראַנצויז עטיען קאַבע. זיי האָבן עקזיסטירט פון 1848 קרוב אַ האַלבן יאָרהונדערט. און לסוף די רעליגיעזע געמיינדעס. אַחוץ די דערמאָנטע הויפּט־גרופּעס, זיינען געווען נאָך אַ ריי אַנדערע, וואָס האָבן זיך אונטערשיידט אין זייער פאָרם און גייסט.

די אוטאָפּישע סאָציאַליסטן האָבן זיך פאָרגעשטעלט דעם איבערגאַנג צום סאָציאַליזם אויף אַ פּשוטן, פרידלעכן וועג. זיי וועלן שאַפן מוסטער־געמיינדעס, וואו מענטשן וועלן לעבן פריי און גליקלעך. די אַנדערע מענטשן וועלן זען, אַז דאָס איז גוט, און וועלן נאָכטון דעם ביישפּיל. ווי גאָט האָט געטאָן, לויט די ביבל דערציילט, מיטן באַשאַפן די וועלט. ער האָט געזען אַז דאָס וואָס ער טוט איז גוט, האָט ער ווייטער געשאַפן.

ווי אַזוי זיי האָבן זיך דאָס פאָרגעשטעלט, וועלן אונז געבן אַ באַגריף עטלעכע ווערטער פון אַ מאַניפעסט, וואָס די פוריעריסטן האָבן אַרויסגעלאָזט אין יאָר 1841 :

„מיר פאָדערן גאָרנישט קיין געוואַלטזאַמע אָפּשאַפונג פון די שלעכטע סאָציאַלע מעכאַניזמען, וועלכע עקזיסטירן אין אונזער צייט... מיר ווילן נאָר באַקומען די מעגלעכקייט אויפצושטעלן אַ מאָדעל, אויף וועלכן מען זאָל קאָנען אויספּורעמען דעם נייעם סיסטעם, אין דער פּראַקטיק פעסטשטעלן זיין ווירקלעכן ווערט פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט, כדי אַט די געזעלשאַפט זאָל קענען אָננעמען אָדער אָפּוואַרפן דעם פאָרגעשלאָגענעם סיסטעם אין דעם פולן באַוואוסטזיין פון אַלע אומשטענדן און אַלע זייטן פון דעם פּראָבלעם״.

בעת די אוטאָפּיסטישע געוויקטן האָבן זיך פאַנאַנדערגעבליט אויף דער היגער ערד, איז אַמעריקע, וואָס איז היינט די גרעסטע אינדוסטריעלע מאַכט אין דער וועלט, נאָך נישט געווען אַנטוויקלט. דעריבער האָט זיך די אוטאָפּיסטן געדאַכט אַז דאָ האָבן זייערע עקספּערימענטן שאַנסן אויף דערפאָלג. די ווייטערע אַנטוויקלונג האָט אָנטפּלעקט זייער ביטערן טעות. אויך אַמעריקע האָט פאַר־קירעוועט אויפן היסטאָרישן וועג פון קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריאַליזירונג און האַנדל און די עקספּערימענטן פון די אוטאָפּיסטן זיינען צעשלאָגן געוואָרן ביי דער שטיינערנער וואַנט פון דער ווירקלעכקייט.

ס'איז אויך געווען אַ קליינער יידישער צושטייער צו די אוטאָפּיש־סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן אין אַמעריקע. אַ גרופּע פון דער „עם־עולם״־באַוועגונג האָט געהאַט דעם געדאַנק צו פּראָדוקטיוויזירן יידן דורך שאַפן קאָלאָניעס. נאָכן קומען אין ניו־יאָרק האָט מען אין 1882 אַרום דעם געהאַט הייסע דעבאַטן. די אָנהענגער האָבן געטענהט, אַז מען מוז אַוועק פון די גרויסע שטעט, וואו עס געוועלטיקן קאַפּיטאַליסטישע עקספּלאָאַטאַציע און אומגערעכטיקייט. מען מוז זיך אַוועקלאָזן ווייט פון דער פאַרדאָרבענער שטאָט, אַקערן די ערד און אויפבויען אַ שיינע גערעכטע געזעלשאַפט, וואָס זאָל דינען ווי אַ מוסטער פאַר דער מענטשהייט. די דורכגעפאַלענע פּרוואוון פון אַנדערע האָבן נישט איבערצייגט די יונגע ענטוזיאַסטן. זיי האָבן געמוזט די דערפאַרונג און אַנ־טוישונג אַליין דורכמאַכן. די מערהייט פון די עם־עולמניקעס איז אַוועק גרינדן קאָלאָניעס. די אונטערנעמונג האָט קיין הצלחה נישט געהאַט. דער דורכפאַל איז געקומען פון די זעלבע סיבות, וואָס האָבן דערפירט צום אונטערגאַנג פון דער גרויסער צאָל אַנדערע קאָמוניסטישע קאָלאָניעס. צווישן די יידישע מיט־גלידער פון די קאָלאָניעס זיינען געווען פיל אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרמאָגט בלויז באַגייסטערונג פאַר דער זאַך, אָבער נישט די פיזישע כוחות פאַר אַ שווער פּיאָנערן־לעבן אויף נישט־קולטיווירטער ערד.

ווען דער אוטאָפּישער סאָציאַליזם איז אין אַמעריקע נאָך געווען אין מיטן

בלי־פּעריאָד, האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע שוואַלבן פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס האָט געשטרעבט צו דערגרייכן דעם סאָ־ציאַליסטישן אידעאַל אויף גאָר אַנדערע וועגן און דורך גאַנץ אַנדערע מיטלען. דאָס זיינען געווען דייטשע אימיגראַנטן, בעיקר אַרבעטער, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַהער קומען נאָך די דורכגעפאַלענע אייראָפּעאישע רעוואָלוציעס פון 1848. קיין גרויסע ראָל האָבן זיי אָבער נישט געשפּילט. ערשט נאָכן אַמעריקאַנער בירגער־קריג הויבט זיך אָן אַ פּראָצעס פון אָרגאַניזירן די סאָציאַליסטישע כּוחות אין אַ רייַ פּונקטן פון לאַנד, וואָס האָט דערפירט צו דער גרינדונג פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין די יאָרן 77־1876. די דייטשע אימי־גראַנטן האָבן געגרינדעט יוניאָנס, טורן־פעראיינען, כאָרן און אַנדערע אָר־גאַניזאַציעס און געפּרואווט שאַפן אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג. זיי האָבן זיך באַמיט צו פירן אַן אַגיטאַציע און בויען פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען נישט געווען דויערהאַפטיק. נאָך דעם בלוטיקן סוף פון דער פּאַריזער קאָמונע אין 1871, זיינען פיל קאָמונע־קעמפער און ראַדיקאַלן אַריבערגעשוואומען דעם אַטלאַנטיק און געפּרואווט אַריינבלאָזן אַ פרישן רעוואָלוציאָנערן אָטעם אין די עקזיסטירנדיקע שוואַכע אָרגאַניזאַציעס.

אַ וויכטיקע דאַטע איז דאָס יאָר 1872. דער ראָט פון ערשטן אינטער־נאַציאָנאַל איז דעמאָלט איבערגעפירט געוואָרן אַהער. דעם זעלבן יאָר איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די אַמעריקאַנער סעק־ציעס, וואָס זיינען געווען אָנגעשלאָסן אין אינטערנאַציאָנאַל. רעפּרעזענטירט זיינען געווען 22 סעקציעס. דער צוזאַמענפאָר האָט פּראָקלאַמירט „די צפון־אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד". אין אַפּריל 1874 איז אין פילאַדעלפיע פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר. בולט זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן די טיפע חילוקי־דעות, וואָס הערשן אין די שיטערע סאָציאַליסטישע רייען און די רייסערייען, וואָס באַגלייטן זיי. עטלעכע סעקציעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן, האָבן בשותּפות מיט נאָך אייניקע אַר־בעטער־גרופּן געגרינדעט דעם 4טן יולי 1874 „די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פון צפון־אַמעריקע". די שפּאַלטונג איז געווען אַ המשך פון דעם שטרייט, וואָס האָט זיך געפירט אין דער אַרבעטער באַוועגונג פון דייטשלאַנד. די נייַע פּאַרטיי איז באַשטאַנען בעיקר פון דייטשע סאָציאַליסטן, אַנהענגער פון לאַסאַלס ריכטונג.

זומער 1876 איז אין פילאַדעלפיע ליקווידירט געוואָרן דער ערשטער אינ־טערנאַציאָנאַל דורך אָפּהאַלטן אַ קליינעם לעצטן צוזאַמענפאָר, וואָס האָט קלאָר באַוויזן, אַז די צייט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז פאַרביי. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, פון 19 ביזן 22 יולי, איז אין דער זעלבער שטאָט געבוירן געוואָרן אַ נייער סאָציאַליסטישער צענטער. פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן איז געשאַפן געוואָרן „די אַרבעטער־פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן". מיט אַנדערטהאַלבן יאָר שפּעטער, אויף דעם צווייטן צוזאַמענפאָר אין נוואַרק, ניו־דזשוירזי האָט זי זיך משנה שם געווען אויף „סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פון צפון־אַמעריקע". די פּלאַטפאָרם פון דער פּאַרטיי איז געווען געשריבן אין מאַרקסיסטישן גייסט, הגם אין דער פּאַרטיי גופא זיינען געווען מענטשן פון פאַרשידענע אַנשויאונגען. מיט אָט דער פּאַרטיי האָבן זיך

אויך פאַרבונדן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו אָרגאַניזירן, אויפקלערן און פירן אין קאַמף די יידישע אַרבעטער.

די מערהייט פון דער פאַרטיי איז געווען אַ דייטשע. פון די 24 צייטונגען, וואָס די פאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן אין ערשטן יאָר פון איר עקזיסטענץ, זיינען 14 געווען אין דייטש, פון זיי 7 טעגלעכע. בלויז 8 זיינען געווען אין דער ענגלישער שפּראַך און פון זיי בלויז 1 טעגלעכע. זייט ביי זייט מיט דעם שטאַרקן דייטשן פליגל האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ יידישער פליגל פון דער פאַרטיי, וואָס האָט באַקומען אַ גאַנץ היפּשע השפּעה. די נייע פאַרטיי האָט אָט געהאַט צו פאַרצייכענען אַ גרויסע אויפלעבונג, און אָט אַ ירידה. אין יאָרן פון קריזיס זיינען די אָרגאַניזאַציעס געוואָרן פאַרפלייצט פון מיטגלידער, וועלכע פלעגן אַוועק אין די יאָרן פון פּראָספּעריטי. ווי אומנאַטירלעך שנעל דאָס שטייגן פון דער צאָל מיטגלידער איז געווען, אַזוי שנעל איז צוגעגאַנגען דאָס פאַלן. אַן ענלעכע דערשיינונג איז אויך געווען מיט דער סאָציאַליסטישער פּרעסע. דאָס זעלבע איז געווען מיט די וואַל־דערפאָלגן. אויב אין אַ שטאָט האָט די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פאַרטיי באַקומען אַ גרויסע צאָל שטימען און אַדורכגעפירט וועמען פון אירע קאַנדידאַטן, איז דאָס נישט געווען אַ שטאַפּל צו ווייטערע און גרעסערע דערפאָלגן נאָר אַ שטאַפּל, פון וועלכן זי איז שפּעטער אַראָפּגעפאַלן אַ צעקלאַפּטע אויף דער האַרטער ערד.

אין דער צייט ווען די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אָנגעהויבן גיין אונטער דער אָפיציעלער פאָן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פאַרטיי (ס.ל.פּ.), האָט די פאַרטיי ווידער אָנגעהויבן גיין באַרג אַרויף. אין יאָר 1889 האָט די צאָל סעקציעס באַטראָפן 70. אין די נאָענטסטע 4 יאָר זיינען אָרגאַ־ניזירט געוואָרן 113 נייע סעקציעס, פון וועלכע 43 זיינען געווען דייטשע, 39 אַמעריקאַנער, 14 יידישע און אַ צאָל פּוילישע, טשעכישע, פראַנצויזישע, איטאַל־יענישע און אַנדערע. די ס. ל. פּ. האָט געווירקט אין 21 שטאַטן. אין יאָר 1896 האָט דער פאַרטיי־סעקרעטאַר געקענט באַריכטן, אַז די צאָל סעקציעס האָט דערגרייכט די ציפער 200 אין 25 שטאַטן. דערביי האָט זיך נאָך דער וואוקס נישט אָפּגעשטעלט. פאַרן סוף פון די 90ער יאָרן האָט די ס.ל.פּ. דערגרייכט איר העכסטן פונקט. זי איז געווען טעטיק אין דרייסיק שטאַטן, וואו זי האָט פאַרמאָגט בערך 350 סעקציעס. די פאַרטיי־פּרעסע איז צו זיך געקומען נאָך די פריערדיקע קלעפּ און ווידער געשטיגן אין צאָל, צירקולאַציע און איינפלוס.

אין אָט דעם לעצטן צענדליק יאָר (1888־1898) איז אויך געוואַקסן דער יידישער פליגל פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. נאָכן אונטערגאַנג פון יידישן אַרבעטער־פאַראיין האָבן די יידישע סאָציאַליסטן אָנגעהויבן שאַפן איי־גענע סעקציעס אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פאַרטיי.

אויך פריער זיינען צווישן די מיטגלידער פון דער ס. ל. פּ. געווען יידן, אייניקע פון זיי האָבן אפילו געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל. אַדאָלף שטראַסער, אַ האָלענדישער ייד, פּרעזידענט פון דער ציגאַרן־מאַכער יוניאָן, איז געווען נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון דער ס. ל. פּ.. אויך סעמועל גאָמפּערס, דער שפּע־טערדיקער פירער פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, האָט געהערט צו דער זעלבער פאַרטיי. אַ וויכטיקע ראָל האָט אויך געשפּילט לודוויג יאַבלאָ־נאָווסקי, אַ דייטשער ייד, וועלכער איז געווען אַקטיוו אין דער טרייד־יוניאָן־

באַוועגונג און איז געווען דער פירער פון איר סאָציאַליסטישן פליגל. אויך איינצלנע יידן פון גאַליציע, אונגאַרן און רוסלאַנד זיינען געווען מיטגלידער פון דער ס.ל.פּ., זיי האָבן אָבער געהערט ווי יחידים, קיין יידישן קאָלעקטיוו האָבן זיי נישט געבילדעט. אייניקע פון זיי זיינען געווען אַקטיוו צווישן יידישע אַרבעטער, אָבער בלויז אין די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געשטאַנען מחוץ דער פּאַרטיי. יעקב שעהן, אַ מיטגליד פון ס.ל.פּ. האָט אין יאָר 1885 אָנגעשריבן אַ יידישע בראָשור וועגן דער וויכטיקייט פון 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און מ׳האָט דאָס צעטיילט צווישן די יידישע אַרבעטער. ערשט אין 1887, נאָכן פאַנאַנדערלאָזן דעם יידישן אַרבעטער־פאַראיין, באַווייזן זיך די יידישע סאָציאַליסטן, ווי אַ קאָלעקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פון אַמעריקע. לויט דער פּאַרטיי־קאָנסטיטוציע, האָבן 10 מיטגלידער פון אַ שפּראַך־גרופּע געקענט בילדן אַ באַזונדערן ברענטש. די יידישע סאָציאַליסטן פון פאַנאַנדערגעלאָזטן יידישן אַרבעטער־פאַראיין האָבן דאָס אויסגענוצט און זיך אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדערער פּאַרטיי־סעקציע.

דאָס ערשטע קעמערל פון דעם מין איז געגרינדעט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1887. אין דער „ניו־יאָרקער יידישע פאָלקס־צייטונג" פון 16 סעפּטעמבער 1887 איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ מעלדונג פון אַ „ניי געגרינדעטן יידישן ברענטש פון דער סעקציע נומער 1" פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. אַרום 25 מיטגלידער האָבן זיך פאַרשריבן. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אַז דער ברענטש זאָל זיך צוזאַמענקומען 3 מאָל אין חודש. דאָס איז געווען דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער ברענטש 8 פון דער פּאַרטיי וואָס איז אויף אַ צייט געוואָרן אַן אָנפירנדיקער יידישער סאָציאַליסטישער צענטער אין ניו־יאָרק. דאָס איז געווען דער ערשטער יידישער ברענטש אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. זיין אַקטיווע אַרבעט האָט געבראַנגט דויערנדיקע רעזולטאַטן. די ערשטע אָנפירער פון ברענטש זיינען געווען: י. שטיין — פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, מ. בראָנשטיין — פינאַנץ־סעקרעטאַר, מ. שאַפּיראָ — קאָרעספּאָנדענט, אַנאַ וואָלפסאָן און ראַכעל מאַרקאָוו — רעוויזאָרן, מאָריס טוניק — אָרדנונג־היטער, בנימין גרעטש — דעלעגאַט צום צענטראַל־קאָמיטעט. גרעטש, אַ סטודענט פון כערסאָן און אָדעס, וועלכער איז פריער געווען פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, איז נאָך זיין אַרעסט און די פּאָגראָמען געקומען אַהער און באַלד זיך בלב ונפש אַריינגעוואָרפן אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעט. צוזאַמען מיט זיין ברודער מיטיאַ איז ער געווען פון די גרינדער און סאַמע אַקטיווסטע טוער פון יידישן אַרבעטער־פאַראיין. נאָך דעם ווי ער האָט אָנגעהויבן פאַרטרעטן דעם ערשטן יידישן ברענטש אין די אַלגעמיינע פּאַרטיי־אינסטאַנצן, איז בנימין גרעטש מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1889, געוואָרן דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. דער דאָזיקער איבערגעבענער סאָציאַליסט איז געשטאָרבן פריצייטיק — דעם 11 דעצעמבער 1894.

דער ברענטש 8 האָט געפירט אַן אינטענסיווע טעטיקייט. ער האָט איינגעאָרדנט אַ סך פאַרזאַמלונגען און פאָרלעזונגען. אויף די ברענטש־מיטינגען גופא איז אויך געווען לעבעדיק. די דעבאַטן זיינען געווען היציקע און טומלדיקע און נישט איינמאָל האָבן די צוזאַמענקונפטן צוגעצויגן די אויפמערק־

אב. קאַהאַן

פ. קראַנץ

ב. פייגענבוים

מ. ווינטשעווסקי



מ. הילקוויט

מ. לאָנדאָן

א. ליעסין



מ. זאַמעטקין

זאַמקייט פון זייטיקע מענטשן. פון ברענטש 8 האָט זיך שפּעטער אָפּגעטיילט אַ גרופּע, וואָס איז זומער 1888 אַהין אַריינגעטראָטן און באַלד אַרויסגעטראָטן. די גרופּע האָט געשאַפן דעם רוסישן ברענטש 17. מ'האָט אים גערופן „רוסי־שער", ווייל צו אים האָבן געהערט רוסיש־רעדנדיקע. דער ברענטש 8 איז געווען קעגן שאַפן דעם ברענטש 17, ווייל דאָס וועט מוזן אַריינברענגען אַ צעטיילונג אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעט צווישן די יידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד. דער 8טער ברענטש האָט אָנגענומען אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע, וואָס האָט אים ווייניק געהאָלפן. צום „רוסישן" ברענטש פון ס.ל.פּ. האָבן געהערט מענטשן, וועלכע האָבן געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל אין דער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג, ווי מ. זאַמעטקין, ל. מילער, מ. הילקאָוויץ, י. באַראָנדעס און אַנדערע. די קעגנערשאַפט צום „רוסישן" ברענטש האָט ניט געשטערט, אַז בײדע יידישע ברענטשעס זאָלן באַלד טון געמיינזאַם סאָציאַליסטישע אַרבעט.

דעם ביישפּיל פון ניו־יאָרק האָבן שפּעטער נאָכגעטון אַנדערע שטעט. יידישע ברענטשעס אָדער סעקציעס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין פילאַדעל־פיע, שיקאַגאָ, באַלטימאָר, באָסטאָן און אַנדערע שטעט. דער וואוקס פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־באַוועגונג אין לאַנד האָט אַרויסגערופן אַ נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ פאַרבינדונג צווישן די אַנטשטאַנענע ברענטשעס און צונויפרעדן זיך וועגן דער טעטיקייט. דעריבער האָט זיך פון יאָר 1889 איינגעשטעלט אַ מנהג פון יערלעכע קאָנווענשאָנס — אָדער פּאַרטיי־טאָגן, ווי מען האָט זיי דעמאָלט גערופן — פון די יידישע סעקציעס.

פון סוף אַכציקער ביזן סוף פון די ניינציקער יאָרן האָט די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג באַוויזן אַ סך אויפצוטון. קודם האָט מען געשאַפן די יידישע געווערקשאַפטן, אַן אינסטיטוציע אַ דויערנדיקע ביזן היינטיקן טאָג. געקומען איז די איניציאַטיוו פון ברענטש 8 ס. ל. פּ.. דער מיטגליד י. מאַגידאָוו האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג צו שאַפן אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט פון יידישע יוניאָנס, כדי מ'זאָל קאָנען אויפבויען אַ שטאַרקע טרייד־יוניאָן־באַוועגונג, ווי אויך צו האָבן אַ ברייט פעלד אויף צו פירן אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. אַ פּאַרטיקן מוסטער דערפאַר האָט מען געזען אין די עקזיסטירנדיקע פאַר־איייניקטע דייטשע געווערקשאַפטן. דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן און אין סעפּטעמבער 1888 איז דער 8־טער ברענטש פון ס.ל.פּ. צוגעטראָטן פאַר־ווירקלעכן דעם פּלאַן צו שאַפן אַ צענטראַלע יידישע טרייד־יוניאָן־קערפּער־שאַפט. קיין יידישע יוניאָנס זיינען דעמאָלט כמעט ווי נישט געווען, ווייל יענעם זומער זיינען זיי זיך צעפאַלן צוליב פאַרלוירענע שטרייקן. ס'איז דערי־בער אויפגעקומען דער פּלאַן צו שאַפן אַ קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זיך פאַר־נעמען מיט אָרגאַניזירן יוניאָנס און העלפן זיי פירן פאַרשידענע אַקציעס. דעם 9 אָקטאָבער 1888 איז זיך צונויפגעקומען אַ גרופּע יידישע סאָציאַליסטן און האָבן פּראָקלאַמירט די עקזיסטענץ פון די יידישע געווערקשאַפטן. גערופן די דאָזיקע באַראַטונג האָט דער 8־טער ברענטש פון ס.ל.פּ. בשותפות מיט ברענטש 17. אַז די יוניאָנס אַליין זאָלן נעמען די איניציאַטיוו פאַר דעם, האָט דעמאָלט קיין רייד נישט געקענט זיין ווייל פון חורבן האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט בלויז צוויי קליינע יוניאָנס — פון די שריפטזעצער און פון די טעאַטער־כאָריסטן. די דערמאָנטע באַראַטונג האָט אויסגעטיילט אַ קאָמיטעט פון 4

מיטגלידער. צו צווײ פון יעדן פּאַרטײ־ברענטש. דער 8־טער ברענטש פון די יידיש־רעדנדיקע איז געווען אין קאָמיטעט פּאַרטראָטן דורך י. מאַגידאָוו און בערנאַרד ווײַנשטיין. דער רוסיש־רעדנדיקער ברענטש 17 איז געווען פּאַרטראָטן דורך מאָריס הילקאָוויץ (הילקוויט) און לעאָן באַנדעס (אַן עלטערער ברודער פון לואי מילער).

פאַר דער ניי־געשאַפענער אָרגאַניזאַציע זיינען אָנגעמערקט געוואָרן פאָלגנ־דיקע אויפגאַבן: א) אָרגאַניזירן נייע יוניאָנס; ב) קעגנזייטיקע הילף און קאָ־אָפּעראַציע צווישן די יידישע יוניאָנס; ג) פירן צווישן די יידישע אַרבעטער אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. די יידישע געווערקשאַפטן, הגם נישט אָפיציעל, זיינען פאַקטיש געווען אין ענגען קאָנטאַקט מיט דער סאָציאַליסטישער אַר־בעטער־פּאַרטיי און מיט איר צוזאַמענגעאַרבעט. דער רוב אָרגאַניזאַטאָרס, רעדנער און פירער פון די יוניאָנס זיינען געקומען פון די סאָציאַליסטישע רייען. די יוניאָן־טוער זיינען געווען מיטגלידער אין דער ס.ל.פּ.

לויטן מוסטער פון ניו־יאָרק זיינען אויך געשאַפן געוואָרן פאַראייניקונגען פון יידישע יוניאָנס אין אַנדערע שטעט.

אין ניו־יאָרק איז די אַרבעט פון די יידישע געווערקשאַפטן אַוועק מיט דערפאָלג. נייע יוניאָנס זיינען אויפגעבויט געוואָרן. אין יאָר 1890 זיינען שוין אין די יידישע געווערקשאַפטן געווען רעפּרעזענטירט 32 יידישע יוניאָנס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון בערך 15 טויזנט. מיט דריי יאָר שפּעטער איז צוליבן גרויסן קריזיס ווידער געקומען אַ שטאַרקע ירידה. די מיטגלידער פון די יוניאָנס זיינען זיך צעלאָפן און אין יעדער יוניאָן זיינען געבליבן געציילטע מנינים געטרייע, וועלכע האָבן פאָרמעל ווייטער אויפגעהאַלטן די אָרגאַניזאַציע. און אַזוי איז עס געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ לאַנגע יאָרן. אַן אמתע סיזיף־אַרבעט.

אַ צווייטער וויכטיקער שריט איז געמאַכט געוואָרן. אין יאָר 1890 האָט מען געפּרואווט שאַפן אַ פעדעראַציע פון די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון גאַנצן לאַנד. יידישע אַרבעטער־צענטערן זיינען שוין געווען אין אַ צאָל שטעט מחוץ ניו־יאָרק. דאָרט זיינען אויך געווען יידישע סעקציעס פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי, טרייד־יוניאָנס און סאָציאַליסטישע פּראָ־פּאַגאַנדע־ און בילדונגס־פאַראיינען. איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, אַז מען דאַרף די פּאָליטישע, טרייד־יוניאָניסטישע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס פון לאַנד צוזאַמענבינדן. דער געדאַנק איז געקומען פון דער ניו־יאָרקער יידישער סעקציע פון ס. ל. פּ.. דעם 18־טן אויגוסט 1890 האָבן פאַרשטייער פון דער סעקציע פאָרגעלייגט די יידישע געווערקשאַפטן דעם פּלאַן וועגן רופן אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די פאַרשטייער פון אַלע יידישע אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס. נאָך אַ לענגערער דעבאַטע האָבן די יידישע געווערקשאַפטן באַשלאָסן צו געבן אַ הסכם.

ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אויפרוף צו אַ „קאָנגרעס פון אָרגאַניזירטע יידיש־שפּרעכנדע אַרבעטער, גערופן פון די פאַראייניקטע יידישע געווערק־שאַפטן פון ניו־יאָרק און פון דער יידישער סעקציע, סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, ניו־יאָרק". די נויטווענדיקייט פון אַזאַ קאָנגרעס ווערט באַגרינדעט מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„אַזוי ווי די צאָל פון יידישע אַרבעטער פאַרמערט זיך פון יאָר צו יאָר דורך דער שטענדיקער עמיגראַציע פון רוסלאַנד, פוילן, רומעניע און אונגאַרן; אַזוי ווי מיר מוזן ווייזן, אַז קומענדיק אין דעם לאַנד מיינען מיר צו ווערן אמתע מיטגלידער פון דעם אַרבעטנדיקן אַמעריקאַנער פאָלק, צו שטיין אין זיינע אָרגאַניזירטע רייען, צו לעבן און צו קעמפן מיט אים צוזאַמען; אַזוי ווי עס איז נויטווענדיק, אַז די יידיש־שפּרעכנדע אַרבעטער זאָלן זיין אָרגאַניזירט און אויפגעקלערט אין אַלע אַרבעטער־פראַגן און אין דעם פּאָליטישן לעבן פון אונזער נייער היים; אַזוי ווי עס איז שוין לאַנג צייט צו באַפרייען זיך פון דעם יאָך פון דעם פאַרפלוכטן סוועטינג־סיסטעם, וואָס דריקט אי־בערהויפּט די יידישע אַרבעטער פון שניידער־פאַך, — דאַרום האָבן די פאַר־אייניקטע יידישע געווערקשאַפטן פון ניו־יאָרק און די יידישע סעקציע, סאָ־ציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, ניו־יאָרק, באַשלאָסן צו רופן אין ניו־יאָרק אויף דעם 4, 5 און 6 אָקטאָבער (די אַנדערע טעג סוכות) אַ קאָנגרעס פון אַלע אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער, כדי זיך צו באַראַטן וואָס מיר האָבן צו טון און צו באַשליסן וועגן די פראַגן, וואָס זיינען אַנגעוויזן אין פאָלגנדיקער טאָג־אָרדנונג:

1) וועגן אַ נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון אַלע יידיש־שפּרעכנדע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע.

2) וועגן אַן אַלגעמיינעם שטרייק־פאָנד.

3) די פליכטן און שטעלונג פון די יידיש־שפּרעכנדע אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציעס צו דער יידישער עמיגראַציע.

4) מיטלען דורכצופירן דאָס פאַרקירצן פון דעם אַרבעטס־טאָג.

5) וועגן איינפירן אַ ריכטיקע פאַבריק־אינספּעקציע.

6) וועגן אָרגאַניזאַציע פון פרויען־אַרבעט.

7) וועגן דער פּרעסע.

8) די נויטווענדיקייט פון פּאָליטיש דערציען דעם יידישן אַרבעטער און דער וואַל־קאַמף.

9) בראָשורן־פאָנד, אַגיטאַציע־פאָנד און רעדנער־פאָנד.״ [5]

דער ערשטער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־קאָנגרעס, וואָס איז אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק, אין די טעג פון 4־6 אָקטאָבער 1890, איז אַדורך מיט דערפאָלג. געקומען זיינען 87 דעלעגאַטן. 72 פון זיי האָבן פאַרטראָטן 27 ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציעס: 24 יוניאָנס, די יידישע געווערק־שאַפטן, די יידישע סעקציע פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און אַ בילדונגס־פאַראיין פון פרויען. נאָך 9 אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פון פאָלגנדיקע שטעט: באָסטאָן, פילאַדעלפיע, מאָנטרעאָל (קאַנאַדע), האַרטפאָרד (קאָנעטיקוט), עליזאַבעט און כרמל (ניו־דזשוירזי). די פּראָווינץ איז געווען פאַרטרעטן דורך 5 יוניאָנס, 3 יידישע סעקציעס פון ס.ל.פּ. און אַ פּראָגרעסיוון בילדונגס־קלוב. די ניו־יאָרקער האָבן פאַרטרעטן 13,664 מיטגלידער, די פּראָווינצער — 583; צוזאַמען 14,247. די ניו־יאָרקער יידישע סעקציע פון ס.ל.פּ. האָט געציילט 70 מיטגלידער און אירע דעלעגאַטן צום קאָנגרעס זיינען געווען פיליפּ קראַנץ, אב. קאַהאַן און ס. פּאָלאַק. די יידישע סעקציע ס.ל.פּ. פון באָסטאָן האָט געציילט 25 מיטגלידער און איר דעלעגאַט איז געווען

בראַוורמאַן. די סעקציע פון פילאַדעלפיע האָט געציילט 36 מיטגלידער און איז געווען פאַרטרעטן דורך לואי מילער און לעדערער. עליזאַבעט מיט 22 מיטגלידער האָט געהאַט אַלס דעלעגאַטן סאַעלניק און גיליאַראָף.

די פּאָרזיצערס פון קאָנגרעס זיינען געווען לואי מילער און י. פּין (באָסטאָן), די סעקרעטאַרן — מאָריס הילקאָוויץ און בערנאַרד וויינשטיין. די עפענונגס־רעדע האָט געהאַלטן אַב. קאַהאַן. רעפעראַטן וועגן די פראַגן פון טאָג־אָרדנונג האָבן געהאַלטן: אַב. קאַהאַן, ל. מילער, ס. פּאָלאַק, מ. הילקאָוויץ, י. פּין און אַנדערע. דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַ ריי באַשלוסן, צווישן זיי: 1) גרינדן אַ צענטראַלן פאַרבאַנד פון יידיש־רעדנדיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע אונטערן נאָמען „היברו לייבאָר־פעדערייישאַן אָוו יונייטעד סטייטס ענד קענעדע". דאָס איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַלע שטימען קעגן איינער. 2) שאַפן אַ שטרייק־פאָנד. 3) רופן די יידישע אַרבעטער אָנצושליסן זיך אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, זי שטיצן און אַקטיוו זיך באַטייליקן אין דער פּאָליטישער באַוועגונג. 4) אַרבעטן פאַר דעם, אַז די גרעסטע בעל־הביתים אין די שטאָטן זאָלן אויספאַרשן די שוויץ־שעפּער און ווי אַמגיכסטן זיי אָפּשאַפן. מ'האָט אויך אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן קאַמף פאַר אַן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און וועגן אָרגאַניזירן די אַרבעטערינס. „די אַרבייטער צייטונג" איז אָנערקענט געוואָרן פאַרן אָפיציעלן אָרגאַן פון פאַרבאַנד. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַרבעטס־ביוראָס אין אַלע שטעט, וואו עס זיינען פאַראַן יידישע אַרבעטער.

הגם אין די אָנגענומענע רעזאָלוציעס האָט מען דעם צוזאַמענפאָר אָנגערופן „יידיש־שפּרעכנדער אַרבעטער־קאָנגרעס", דאָך האָט אַב. קאַהאַן געהאַלטן די עפנונגס־רעדע אין ענגליש און אַזוי אויך די שלוס־רעדע.

דער קאָנגרעס האָט אויסגעאַרבעט אַ קאָנסטיטוציע פאַר דער פעדעראַציע און האָט איינשטימיק אויסגעקליבן אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון 7 מאַן: מ. הילקאָוויץ — אָרגאַניזאַטאָר, פיליפ קראַנץ — פינאַנץ־סעקרעטאַר, ס. ליפשיץ — פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, מ. מענאַקער — קאָרעספּאָנדענץ, ל. וויינמאַן — קאַסירער, ווי אויך ב. ראַבינאָוויץ און ס. פּאָלאַק. הילקאָוויץ און פּאָלאַק האָבן באַלד רעזיגנירט און אויף זייער אָרט זיינען געווילט געוואָרן מ. זאַמעטקין און י. בעניגסאָן. סך־הכל אַ פּאָר וואָכן זיינען אַוועק און ס'האָבן רעזיגנירט דער סעקרעטאַר און אָרגאַניזאַטאָר. די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן האָבן דעלעגירט אַב. קאַהאַן צו פאַרנעמען דעם אַמט פון אָרגאַניזאַטאָר און מ. הילקאָוויץ — סעקרעטאַר.

די יידישע אַרבעטער־פעדעראַציע האָט אין אָנהויב דעצעמבער 1890 אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אין וועלכן זי האָט געשילדערט די לאַגע פון יידישן אַרבעטס־מענטש און די אויפגאַבן פון דער ניי־געשאַפענער אָרגאַניזאַציע. אין דעם אויפרוף איז געזאָגט געוואָרן:

„'אַמעריקע איז דער איינציקער ווינקל, וואו דער ייד קען געפינען אַ היים', איז דער געדאַנק, וועלכער טרייבט צענדליקער טויזנטער רוסישע, פּוילישע, גאַליציאַנער, אונגאַרישע און רומענישע יידן צו פאַרלאָזן דעם זיסן ווינקעלע, וואו זייער וויג איז געשטאַנען און צו געזעגענען זיך מיט עלטערן, פריינט, מיט אַלץ וואָס איז זיי ליב און טייער, כדי איבער לענדער און ימים צו רייזן

צו דער פרעמדער געגנט, וואו זיי האָפן צו געפינען פרייערע לופט און גרינ־גערע ברויט"... „'עמיגראַציע נאָך אַמעריקע' — דאָס וועט זיין די איבער־שריפט איבער דעם קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון די יידן, וואָס זיי לעבן איצט איבער כמעט אין גאַנץ אייראָפּע"... נאָכן שילדערן דאָס שווערע לעבן אין אַמעריקע זאָגט דער אויפרוף ווייטער:

„אַמעריקע איז אָבער פאַרט נישט רוסלאַנד. דאָרטן ליידן יידן פון דעם צאַרס געזעץ אַלס יידן; דאָ אָבער ליידן זיי אַלס אַרבעטער"... „ווי טרויעריק איז דאָס דעריבער צו זען, אַז די לאַגע פון די יידישע אַרבעטער אין די גרויסע אַמעריקאַנער שטעט איז אַזוי פאַרשידן, אַזוי פיל ערגער ווי די לאַגע פון זייערע אַמעריקאַנער ברידער! קאָנטראַקט־באָסעס און 16 שעה פראַצע אין ענגע, שמוציקע, שטינקענדיקע שוויץ־שעפּער פאַר אַ לעבן אין אַ צרהדיקן טענעמענט־הויז נאָך מיט אַ האַלב טוץ באָרדערס — דאָס אַלץ איז דעם אַמעריקאַנער לוין־קנעכט, ווען ער האָט אַרבעט, נישט באַקאַנט. פאַרוואָס־זשע זאָלן יידישע אַרבעטער האָבן גרעסערע צרות, ווי זייערע אַמע־ריקאַנער חברים אין דעם לאַנד פון גלייכהייט און שקלאַפעריי?"

רופנדיק צו אחדות מיט די נישט־יידישע אַמעריקאַנער אַרבעטער, קומט דער אויפרוף צו אַזאַ אויספיר:

„דעריבער מוזן מיר זען, אַז קיין ייד זאָל נישט אָפּשטיין פון דער יוניאָן, פון דעם פאַך, צו וועלכן ער געהערט. דעריבער דאַרפן מיר טון אַלץ, וואָס מיר קענען, אַז עס זאָלן מער נישט טרעפן אַזעלכע געשיכטעס, וואָס האָבן געטראָפן מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען פיל אַמעריקאַנער יוניאָנס האָבן זיך באַקלאָגט אַז די יידישע אַרבעטער מאַכן קאַליע זייערע פרייזן"... „אָט אין דעם באַשטייט דאָס דער צוועק פון דער 'היברו פעדעריישאָן אָוו לייבאָר': צו פאַרבעסערן די לאַגע, פאַרגרינגערן דאָס לעבן פון דעם יידישן אַרבעטער, קעמפן פאַר אָפּשאַפן דעם יידישן 'סוועטינג־סיסטעם' מיט די שוויץ־שעפּער, מיטן שמוץ, מיט דעם שרעקלעכן עלנט פון די 'העסטער־סטריטן' — מיט איין וואָרט אויסגלייכן דעם יידישן אַרבעטער מיט זיינע אַמעריקאַנער ברידער און אים העלפן לערנען די אַרבעטער־פראַגע".

די פירער פון דער פעדעראַציע האָבן אין אויפרוף שוין אויך אַריינגע־ברענגט זייער בליק אויף דער יידן־פראַגע. דאָרטן ווערט וועגן דעם געזאָגט:

„מיר האָבן קיין יידן־פראַגע אין אַמעריקע. די איינציקע יידן־פראַגע, וואָס מיר אנערקענען איז די פראַגע, ווי צו פאַרהיטן, אַז דאָ זאָל נישט קומען צו אַזעלכע 'יידן־פראַגעס'. און בלויז ווייל נאָר מיר, יידיש־שפּרעכנדע בירגער, קענען ווירקן צווישן די יידישע אימיגראַנטן; בלויז ווייל מיר ריידן זייער שפּראַך און זיינען באַקאַנט מיט זייער לעבן — בלויז דעריבער מאַכן מיר די דאָזיקע ספּעציעל־יידישע קערפּערשאַפט. די יידישע שפּראַך איז אונזער געציייג. אָפּצומעקן אַלע גרענעצן צווישן ייד און נישט־ייד אין דער אַרבע־טער־וועלט איז איינער פון אונזערע צילן".

ווי אַזוי מ'האָט אין די יידישע סאָציאַליסטישע קרייזן געקוקט אויף דער פעדעראַציע און וואָסערע האָפנונגען מ'האָט פאַרבונדן מיט איר עקזיסטענץ, איז קלאָר פון דער אָפּשאַצונג, וואָס „די אַרבייטער צייטונג" (10 אָקטאָבער 1890) האָט געגעבן וועגן די רעזולטאַטן פון קאָנגרעס:

„דער פּראַקטיש וויכטיקסטער באַשלוס פון קאָנגרעס איז די גרינדונג פון אַ נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון אַלע יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע. די יידישע יוניאָנס און אַרבעטער־פאַראיינען אַרבעטן געווינלעך אָן אַ געמיינשאַפטלעכן סיסטעם און אָן אַ צוזאַמענהאַנג פון איינע מיט די אַנדערע. פיל אומנוציקע קרעפטן ווערן דעריבער פאַרשווענדט און פיל וויכטיקע אָנגעלעגנהייטן בלייבן נישט דערפילט. די גאַנצע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג טראָגט דעם כאַראַקטער פון פלאַנלאָזע גרופּעס, און דאָס איז אָן צווייפל געווען די סיבה פון דעם אונטערגאַנג פון מאַנכע יוניאָנס אין די לעצטע פּאָר יאָר. אַ נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד מיט אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט בראש, וואָס האָט די פליכט אַכטונג צו געבן אויף דער גאַנצער באַוועגונג מיט אַלע אירע אינטערעסן, וועט באַזייטיקן די דאָזיקע אומאָרדנונג און וועט פאַרוואַנדלען די גאַנצע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין איין גרויסע אָרגאַניזאַציע מיט אַ פּלאַן און סיסטעם".

דער אָרגאַניזאַטאָר אב. קאַהאַן האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ טור איבערן לאַנד. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַזאַ פעדעראַציע איז געווען נויטיק, איז זי נאָך אַ יאָר עקזיסטענץ אונטערגעגאַנגען. צו אָרים אין מאַטעריעלע מיטלען און גייסטיקע קרעפטן איז נאָך געווען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג צו קענען איינהאַלטן און אַנטוויקלען אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס וואָלט געווען אַ ברכה פאַרן יידישן אַרבעטער־לעבן. און אַזוי איז פאַרלוירן געגאַנגען דער שאַנס צו פאַרבינדן אַלע גלידער פון דער באַוועגונג אין איין לעבעדיקן גוף, וואָס האָט אַ קאָלעקטיוון מוח און ווילן, און איז פעאיק צו געמיינזאַמע מעשים פון גאַנצן יידישן אַרבעטער־קלאַס. שפּעטער, ווען די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען געוואָרן גרעסער, פעסטער און רייכער, איז שוין מער נישט געמאַכט געוואָרן קיין פּרוואו צו פאַרווירקלעכן דעם געזונטן געדאַנק פון דער פעדעראַציע, וואָס וואָלט מיט דער צייט געקענט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מין יידישע לייבאָר־פּאַרטיי פון אַמעריקע. ס'האָט געפעלט די פאַרשטענדעניש, אַז אַחוץ יחידים איז מען אויך אַ כלל און אַז אַחוץ צעטיילטע גרופּן לויט פאַכן, טעטיקייטס־געביטן און שיטות, איז מען אויך אַ גאַנצקייט וואָס פאָדערט אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן און גייסטיקן תיקון.

5. אויסשפרייטונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג

אָנהויב פון דער יידישער אַרבעטער־פּרעסע. — „די אַרבייטער צייטונג" און „די פרייע אַרבייטער שטימע". — „די צוקונפט". — אַ טעגלעכע צייטונג. — „דער אמת". — פּיאָנערן פון יידישער פּרעסע און ליטעראַטור. — די יידישע שפּראַך. — פרומע אַרבעטער. — אין קאַמף מיטן אָרטאָדאָקסישן לאַגער. — שטרייקן און גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. — וואַל־קאַמפּאַניעס. — פּיבערהאַפטער פאַנאַנדערבוי פון די שטעט.

צו די וויכטיקע, דורכגרייפנדיקע אויפטועון פון די יידישע סאָ־ציאַליסטן אין לעצטן צענדליק פון 19טן יאָרהונדערט געהערט דאָס שאַפן אַ יידישע אַרבעטער־פּרעסע.

ביז דעמאָלט האָט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג דאָ נישט געהאַט קיין אייגענע צייטונג. זי האָט בלויז געקענט אויסנוצן אַ פּריוואַטע צייטונג צו אינפאָרמירן וועגן איר טעטיקייט. זי האָט זיך אָבער גענויטיקט אין אַ פּרעסע, וואו עס זאָל געפירט ווערן אַ סיסטעמאַטישע פּראָפּאַגאַנדע פאַר די סאָציאַלי־סטישע אידייען און לאָזונגען און זיין אַ טריבונע פאַר אירע וואָרט־פירער.

דעם ערשטן שריט האָבן געמאַכט די אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה צווישן די יידישע אַרבעטער. די אַנאַרכיסטישע גרופּע, וואָס האָט זיך גערופן „פּיאָנירע דער פרייהייט", האָט דעם 15־טן פעברואַר 1889 אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וואָכנבלאַט „די וואַרהייט", וואָס האָט מער ניט אויסגעהאַלטן ווי ביז מיטן יולי פון זעלבן יאָר. נישט פילנדיק זיך בכוח אַליין אַרויסצוגעבן אַ צייטונג, האָבן די אַנאַרכיסטן סוף 1889 געמאַכט אַ פאָרשלאַג די סאָציאַליסטן אַרויסצוגעבן בשותפות אַן אומפּאַרטייאיש אָדער צווישנפּאַרטייאיש וואָכנבלאַט. זיין זאָלן צוויי רעדאַקטאָרן — צו איינעם פון יעדן צד. צו דעם צוועק איז אין ניו־יאָרק גערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 25 דעצעמבער 1889 און האָט זיך געצויגן בערך אַ וואָך צייט. געקומען זיינען 47 דעלעגאַטן פון 31 אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט ביידע ריכטונגען. דאָס זיינען געווען אַר־בעטער־בילדונגס־פאַראיינען און יוניאָנס פון ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, באַלטימאָר, באָסטאָן און אַנדערע שטעט. מ'האָט געפירט ליידנשאַפטלעכע דע־באַטן. פון אַבסטראַקטע פילאָזאָפישע חקירות האָט מען זיך אַראָפּגעלאָזט צו פשוטע קריגערייען, און פון פּראַקטישע מאָטיוון האָט מען זיך אויפגעהויבן צו טעאָרעטישע חלוקי־דעות. ביידע צדדים זיינען געווען כמעט גלייך פאַר־טרעטן. די אַנאַרכיסטן זיינען געווען הייסע חסידים פון אַ בשותפותדיקן וואָכנ־בלאַט. די סאָציאַליסטן זיינען געווען קעגן און האָבן אויפגעוויזן, אַז דער פּלאַן לאָזט זיך נישט רעאַליזירן ביי די פאַראַנענע מיינונגס־פאַרשידנקייטן.

דעם 2טן יאַנואַר 1890 איז ענדלעך פאָרגעקומען די אָפּשטימונג. די

סאָציאַליסטן האָבן מיט אַ מערהייט פון סך־הכל 1 שטים — 21 קעגן 20 — דורכגעפירט זייער שטאַנדפונקט. די סאָציאַליסטן זיינען אוועק אין אַ צווייטן זאַל און באַשלאָסן שאַפן אַן אייגענעם אָרגאַן. די אַנאַרכיסטן האָבן אַרויסגע־לאָזט אַן אויפרוף, אין וועלכן זיי האָבן דערקלערט, אַז בלויז אַ מינדערהייט איז אַוועק פון דער קאָנפערענץ, וואָס האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן „אַן אומ־פּאַרטייאישע צייטונג". די דאָזיקע צייטונג „זאָל זיין אָפן פאַר אַלע פּאַרטייען זייערע אידייען צו באַשפּרעכן". דערביי האָבן די אַנאַרכיסטן געהייסן נאָכטון קאַרל מאַרקס און פערדינאַנד לאַסאַל, וועלכע זייַנען אויך געווען פאַר אייניקייט.

אין יענעם יאָר האָבן אָנגעהויבן דערשיינען צוויי וואָכנבלעטער, וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין יידישן אַרבעטער לעבן. דעם 7 מערץ 1890 האָט אָנגעהויבן דערשיינען „דיא אַרבייטער צייטונג" פון די סאָציאַליסטן, און אין יולי פון זעלבן יאָר האָבן די אַנאַרכיסטן אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן נומער פון זייער צייטונג — „די פרייע אַרבייטער שטימע". בעת די אַנאַר־כיסטן האָבן געהאַט שוועריקייטן ביים אַרויסגעבן זייער וואָכנבלאַט און געמוזט אים 2 מאָל אָפּשטעלן מיט לענגערע הפסקות, האָבן די סאָציאַליסטן פאַרמערט זייערע אָרגאַנען. אין דעם איז געקומען צום אויסדרוק די געענדערטע כוחות־פאַרהעלטענישן אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס.

רעדאַקטאָר פון דער „אַרבייטער צייטונג" איז געווען פיליפּ קראַנץ. הויפּט־מיטאַרבעטער איז געווען אב. קאַהאַן, וועלכער האָט אַלס „פּראָלעטאַרישקער מגיד" געשריבן „די סדרה" פון דער וואָך, ווי אויך אַנדערע זאַכן. צווישן די שטענדיקע הויפּט־מיטאַרבעטער זיינען אויך געווען ל. מילער און מ. היל־קאָוויץ. אויף אַרויסגעבן די צייטונג האָט מען געשאַפן געלט אין די יוניאָנס, אין די שעפּער און פון טעאַטער־פאַרשטעלונגען. ס'האָט זיך געשאַפן אַן „אַרבייטער צייטונג פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאַן", וואָס איז געווען דער באַלעבאָס פון דער צייטונג. די יידישע אַרבעטער האָבן וואַרעם אויפגענומען דאָס סאָציאַליסטישע וואָכנבלאַט, וואָס האָט נאָך די ערשטע נומערן דערגרייכט אַ צירקולאַציע פון 6 און 7 טויזנט — אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ציפער פאַר יענע צייטן.

פון יאַנואַר 1892 האָט אָנגעהויבן דערשיינען דער חודש־זשורנאַל „די צוקונפט", וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו זיין אַ בילדונגס־אָרגאַן פאַר די יידישע אַרבעטער. אין ערשטן אַרטיקל ווערט אַזוי פאָרמולירט דאָס פּראָגראַם פון זשורנאַל: „אונזער פּראָגראַם קענען מיר אייגנטלעך אויסדריקן אין צוויי ווערטער: מיר זיינען סאָציאַל־דעמאָקראַטן"... „מיר פאַנגען אָן אַרויס־צוגעבן אַ וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל אין זשאַרגאָן — אַ נייעס אין דער אַרי־מער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור — נאָר אַלס אַ פּראָבע. די יידישע אַרבע־טער־באַוועגונג וואַקסט זייער שנעל און אַנטוויקלט אויך אַזעלכע אַרבעטער, וואָס ווילן זייער גרינטלעך לערנען די סאָציאַלע פראַגע פון אונזער צייט און אי־בערהויפּט זיך אויסבילדן; אָבער זיי קענען דאָס לײדער נישט דערגרייכן. ווייל אויף זשאַרגאָן האָט מען ביז דער לעצטער צייט געשריבן נאָר באָבע־מעשיות און בדחנות, און אַנדערע שפּראַכן קענען זיי נישט אָדער קענען אַזוי ווייניק, אַז זיי זיינען נאָך נישט אין שטאַנד צו פאַרשטיין אַ בוך אָדער אַיין ערנסט אַרטיקל". מאַכן פון די יידישע אַרבעטער „געבילדעטע מענטשן" — דאָס איז

געוועזן די אויפגאַבע. אין זשורנאַל זיינען געדרוקט געוואָרן פּאָפּולאַריזאַציעס פון אַ ריי וויסנשאַפטלעכע געביטן.

די באַוועגונג איז געוואַקסן און ס'האָט זיך געשאַפן אַ באַדערפעניש אַרויס־צוגעבן אַ טעגלעכע צייטונג. און כאָטש דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אומגעהויערע שוועריקייטן, האָט דעם 15 אָקטאָבער 1894 דערזען די ליכטיקע שיין דער ערשטער נומער פון „אבענד־בלאַטט" — די ערשטע טעגלעכע יידישע אַרבעטער־צייטונג אין דער וועלט. (דער פולער נאָמען איז געווען: „דאָס אבענד־בלאַטט פון דיא אַרבייטער צייטונג").

ערב דעם דערשיינען פון דעם „אבענד־בלאַט" האָט די „אַרבייטער צייטונג" (28 סעפּטעמבער 1894) געשריבן וועגן די דערגרייכונגען אויפן געביט פון פּרעסע: ווען מ'איז מיט 5 יאָר פריער צוגעטרעטן צו שאַפן „די אַרבייטער צייטונג", איז געשטאַנען די פראַגע צי די מענטשן האָבן די נויטיקע פעאיקייטן אַרויסצוגעבן אַ בלאַט און צי מען וועט קענען „בויען אויף דעם צוטרוי פונם יידיש־לעזנדיקן פּובליקום צו אונזערע פעאיקייטן אַלס צייטונגס־שרייבער". מען האָט בלויז געקענט האָפן, „אַז מיר וועלן וואַרשיינלעך קענען דערפילן אונזער גרויסע אויפגאַבע". „איצט אָבער האָבן מיר שוין מער ווי בלויזע האָפענונגען. איצט וויסן מיר פּאָזיטיוו אַז מיר האָבן די נייטיקע פעאיקייט, אַז מיר זיינען זיכער אימשטאַנד ערלעך און ריכטיק צו דערפילן אונזער פליכט אַלס אַרויסגעבער פון אַווירקלעכן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־בלאַט"...
„מיר זיינען זיכער, אַז דאָס עפּעלע וועט נישט פאַלן וייט פון בוים. מיר זיינען זיכער, אַז ווי די 'אַרבייטער צייטונג', אַזוי וועט אויך דאָס 'אבענד בלאַט' אָפן, ערלעך און ענערגיש קעמפן פאַר גערעכטיקייט פרייהייט און גלייכהייט און וועט שטענדיק האָבן דאָס רעכט צו זיין אַ מוסטער פון ריינער און ערלעכער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור".

אין 1895 האָבן די יידישע סאָציאַליסטן פון באָסטאָן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אונטער דער רעדאַקציע פון מאָריס ווינטשעווסקי אַן אייגן וואָכנבלאַט — „דער אמת".

צווישן די הויפּט־מיטאַרבעטער פון דער פאַרצווייגטער יידישער סאָציאַ־ליסטישער פּרעסע און די טוער אַרום איר זיינען געווען: אב. קאַהאַן, פיליפּ קראַנץ, מ. זאַמעטקין, מ. הילקאָוויץ, ב. גרעטש, ב. פייגענבוים, ל. מילער, מ. ווינטשעווסקי, ש. פּעסקין, ב. וויינשטיין, י. מילך, י. שלאָסבערג און אַנדערע. ליטעראַרישע זאַכן און לידער האָבן געדרוקט ז. ליבין, מאָריס ראָזענפעלד און אַנדערע שרייבער פון יענער צייט. אָפט זיינען געדרוקט געוואָרן צו־געשיקטע דערציילונגען און עסייען פון פלא"י (י. ל. פרץ). אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע פון אַמעריקע זיינען צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן פיל פון די פּערל־שאַפונגען, וואָס זיינען אַרויס פון י. ל. פּרצס פּען.

די פירער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָבן געקוקט אויף דעם יידישן לעבן פון אַן אַסימילאַטאָרישן שטאַנדפּונקט. די יידישע שפּראַך האָבן זיי באַטראַכט פאַר אַ זשאַרגאָן, מיט וועלכן מ'דאַרף זיך באַנוצן ווי אַ צייטווייליק מיטל, ווייל קיין אַנדערע שפּראַך פאַרשטייען דערווייל נישט די יידישע מאַסן. נישט ווילנדיק, האָבן זיי אָבער געטון אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אַרבעט. זיי האָבן באַשאַפן אַ פּרעסע און געהאָלפן שאַפן אַ ליטע־

ראַטור אין יידיש. ווייל ביז זיי איז אויף דעם געביט געווען אַ ליידיקער פּלאַץ. אין דער יידישער אַרבעטער־פּרעסע באַווייזן זיך שילדערונגען פון אַרבע־טער־לעבן. דאָס זעלבע מיט פּאָעזיע. מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער און נאָך אַנדערע ברענגען אין זייערע לידער אַרויס דעם ווייגעשריי און דעם קאַמף־רוף פון יידישן אַרבעטער.

זינגט מאָריס ראָזענפעלד:

„דער פּנים פאַרחושכט,
די גלידער פאַרשוואַכט,
די האַרץ צעבראָכן,
די ליפּן פאַרשמאַכט,
אין שטענדיקער פּראַצע, אין יאָגד;
דער רוקן געבויגן
פאַרבלענדט די אויגן —
קיין יום־טוב, קיין שבת — אַ בראָך!"

אין זעלבן נוסח האָבן אויך די אַנדערע געשריבן. די דערציילונג און דאָס ליד זיינען געווען אַ טייל פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט איז געוואָרן אַ טייל פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור. די גרענעצן צווישן ליטעראַטור און פּראָפּאַגאַנדע זיינען געווען אָפּ־געמעקט. די סאָציאַליסטישע וואָרט־זאָגער אויף דער יידישער גאַס האָבן געקוקט אויף מאַמע־לשון ווי אויף אַ פּאַראַיבערגייענדיקער זאַך. דאָך אייג־זעענדיק אַז צו זייער רוסיש און ענגליש הערן זיך די יידישע אַרבעטער־מאַסן נישט צו, האָבן זיי גענומען נוצן יידיש און אויפבויען אויף דעם לשון אַ פּרעסע. במילא האָבן זיי געמוזט די שפּראַך מאַכן רייכער דורך אַריינברענגען נייע ווערטער, באַגריפן און אויסדרוק־פאָרמען. אמת, זיי זיינען קיין פילאָלאָגן נישט געווען און קיין פּיעטעט צום לשון נישט געהאַט, דערפאַר זעען מיר ווי יידיש ווערט פאַרפּליצט פון אַ מאַסע דייטשמערישקייטן. אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט פון די באַדינגונגען. די דייטשע יאַהודים זיינען געווען די אויבערשטע פון שטויסל. און אַ סך יידן פון פאָלק האָבן צו זיי אַרויפגעקוקט און פון זיי געגאַשט „קולטור". אַפילו אָרטאָדאָקסישע יידן האָבן געמישט די שפּראַך מיט צעקאַליעטשעטן דייטש. אַזוי איז אויך געווען מיט דער אָרטאָדאָקסישער פּרעסע. פאַרדייטשט איז געווען די שפּראַך פון די גאַליציאַנער און אונגארישע. די דייטשע סאָציאַליסטן האָבן דעמאָלט דאָ־מינירט אין דער היגער באַוועגונג, און אַ גאַנצע רייע ווערטער האָט מען איבערגענומען דירעקט פון זיי. אויף פייערונגען האָט מען געהערט זינגען דייטשע אַרבעטער־כאָרן. אויף יידישע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען האָט מען אָפט געהערט רעדעס פון די היגע דייטשע סאָציאַליסטישע פירער. און אין דייטשלאַנד האָט זיך אַנטוויקלט אַ רייכע מאַרקסיסטישע ליטעראַטור און פּרעסע, פון וועלכע מ'האָט כסדר איבערגעזעצט און איבערדערציילט פאַר די יידישע אַרבעטער־צייטונגען. ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס מ'האָט אַ סך דייטשע אויסדרוקן, ווי זיי שטייען און גייען, אַריינגעוואָרפן אין יידיש. מיט דער צייט איז די שפּראַך פון דער יידיש־סאָציאַליסטישער פּובליציסטיק געוואָרן שענער און בעסער. די יידישע סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט די רויע

מאַסע געלערנט פאַרשידענע זאַכן, צווישן דעם אויך צו פאַרשטיין דאָס, וואָס מען לייענט. די מאַסן, וואָס זיינען אַהער געקומען פון פאַרשידענע לענדער, דאָס רוב רוי און עם־הארציש, האָבן אין דער יידישער שפּראַך זיך דערהויבן קולטורעל און זיינען אינטעגרירט געוואָרן אין אַ יידישן קאָלעקטיוו. אַ באַ־דייטנדיקן חלק אין אָט דער אַרבעט האָבן די יידישע סאָציאַליסטישע וואָרט־פירער און די יידישע סאָציאַליסטישע פּרעסע.

פון וויכטיקער באַדייטונג איז געווען דאָס איבערפירן אַ טייל יידישע אַרבעטער פון רעליגיעזער צו וועלטלעכער יידישקייט. אין די ערשטע יאָרן זיינען נאָך געווען זייער אַ סך פרומע אַרבעטער. די באַלעבאַטים האָבן דאָס שטאַרק אויסגענוצט. מ׳האָט אויסגענוצט די רעליגיעזע געפילן פון די אַרבע־טער, כדי זיי אָפּצושרעקן פון אָרגאַניזירן זיך, פון אַרויסגיין אין קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען. אינדערוואָכן אין שאַפּ, שבת און יום־טוב אין די בתי־תפילות פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, האָבן די באַלעבאַטים געהאַלטן אַן אויג און געוואַכט. די אָרטאָדאָקסישע צייטונג „יודישעס טאַגעבלאַט” האָט געהעצט ריק באַאַרבעט די פרומע יידישע אַרבעטער און זיי געהעצט קעגן די יוניאָנס און סאָציאַליסטן. דער ענטוזיאַזם און אידעאַליזם פון די פּיאָנערן האָבן אויך די וואָנט דורכגעבראָכן און געוואונען פאַר דער באַוועגונג אַ סך פון די פרומע אַרבעטער. דאָס לעבעדיקע און געשריבענע סאָציאַליסטישע וואָרט איז אַריינ־געדרונגען אויך אין זייערע הערצער. אַ באַזונדערע ווירקונג האָט דאָס דאָזיקע וואָרט געהאַט בעת די גרויסע אַרבעטער־קאַמפן. אויף די גרויסע מאַסן־פאַר־זאַמלונגען האָבן די רייד וועגן די עוולות און וועגן די יושרדיקע פאַרלאַנגען געפונען אָפענע אויערן ביי אַלעמען. די רייד פון די באַלעבאַטים און פון זייער צייטונג „יודישעס טאַגעבלאַט”, וואָס פלעגט העצן קעגן שטרייקנדיקע אַר־בעטער, האָבן אַ סך צוגעהאָלפן צו דערנענטערן די פרומע אַרבעטער צום סאָציאַליסטישן לאַגער.

ווי ווייט אָנגעשטרענגט עס זיינען געווען די באַציאונגען צווישן דער יידי־שער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט און דעם אָרטאָדאָקסישן לאַגער, קען דינען פאַלגנדיקער אינצידענט: זומער 1894 איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינער שטרייק פון די שניידער־פאַכן. עס האָט געברויזט און געראַשט אין ניו־יאָרקער יידישן קוואַרטאַל. דאָס אָרטאָדאָקסישע „יודישעס טאַגעבלאַט” האָט אין אַ ריי אַר־טיקלען באַמיט זיך אָפּצוהאַלטן די אַרבעטער פון קאַמף. אין שטאַט איז דע־מאָלט פאַרשפּרייט געוואָרן אַ בלעטל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „גיט נאָר אַ קוק, ווי די אַרבעטער האָבן זיך צעיושעט. עס איז נאָך וויניק וואָס זיי האָבן גענוג ברויט מיט פוטער צו עסן, פאַרלאַנגען זיי, אַז מען זאָל זיי נאָך פון אויבן אַרויפלייגן אַ שטיקל חזיר, כדי זיי זאָלן קענען פרעסן טריפה סענדוויטשעס”... אמת, ס׳האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן חושד געווען, אַז דאָס האָט אַ יוניאָן־טוער אַרויסגעלאָזט אַזאַ בלעטל, כדי נאָך מער צו צערייצן די פאַרביטערטע אַרבעטער. ווי עס זאָל ניט זיין, דער אינצידענט מיטן בלעטל איז מער־וויניקער געווען אין גייסט פון דער העצע, וואָס די באַלעבאַטים און די אָרטאָדאָקסישע צייטונג האָבן געפירט קעגן שטרייק פאַר העכערע פרייזן, אַ 10־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און אַז די באַלעבאַטים

זאָלן געבן די אַרבעטער פריי מאַשינען צום אַרבעטן, וואָס די אַרבעטער האָבן טאָקע דעמאָלט געוואונען.

די סאָציאַליסטן האָבן געלערנט דעם יידישן אַרבעטער קעמפן און נישט שלום מאַכן מיט זיין טרויעריקן גורל. נישט בלויז קעמפן קעגן זיין דירעקטן באַלעבאָס, נאָר קעגן דעם גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן סדר. נישט בלויז פּאַך־שטרייקן האָבן די יידישע אַרבעטער געפירט, נאָר אויך אַקטיוו געווען אין די גרויסע אַרויסטרעטונגען פון אַרבעטער־קלאַס. שוין אין די אַכציקער יאָרן האָבן אין ניו־יאָרק טויזנטער יידישע אַרבעטער זיך באַטייליקט אין גאַסן־מאַני־פעסטאַציעס לטובת דעם 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און פאַר אַנדערע אַרבעטער־פאָדערונגען. אַזוי איז אויך געווען אין די ניינציקער יאָרן. דעם 1טן מאַי 1890 האָבן אין ניו־יאָרק זיך באַטייליקט אין דער מאַניפעסטאַציע 14 יוניאָנס פון יידישע אַרבעטער, די יידישע סעקציע פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און די „אַרבעטער צייטונג" אַסאָסיאיישאַן. אונטער די רויטע פענער פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן מאַרשירט 9 טויזנט מענער און פרויען. אָר־קעסטערס האָבן געשפּילט. זיי האָבן געטראָגן פּלאַקאַטן מיט אַזעלכע אויפ־שריפטן: „מיר אַרבעטן 18 שעה אַ מעת־לעת, מיר ווילן — 8"; „מיר באַ־קליידן דאָס גאַנצע לאַנד און אַליין גייען מיר נאַקעט"; „נידער מיט לוין־שקלאַפעריי" און ענלעכע לאָזונגען. די פענסטער פון די הייזער אויפן וועג צו יוניאָן־סקוועד, וואו ס׳איז פאַרגעקומען די געמיינזאַמע אינטערנאַציאָנאַלע פאַר־זאַמלונג, זיינען געווען דעקאָרירט מיט רויטע פענער און טויזנטער מענטשן האָבן שטורמיש באַגריסט די מאַרשירנדיקע יידישע אַרבעטער. וואָס די יידישע סאָציאַליסטן האָבן דעמאָלט געפילט און געטראַכט, קען מען זיך פאָרשטעלן פון די ווערטער, וואָס אַב. קאַהאַן האָט געזאָגט אין זיין רעדע אויף יוניאָן־סקוועד:

„ווער קען געפינען ווערטער אויסצודריקן אונזער פרייד, זעענדיק, אַז מיר האָבן דערלעבט צו האָבן קרוב 10 טויזנט אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער אויף יוניאָן־סקוועד! מיר זיינען געטריבן פון רוסלאַנד, פון פּוילן, פון אונגאַרן, פון רומעניע קיין אַמעריקע, כדי דאָ צו זיין די קרבנות פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס קען זיך נישט אָנזעטיקן. פון אָנהויב האָבן אונז דאָ אויך געהאַסט די קריסט־לעכע אָרגאַניזירטע אַרבעטער, ווייל מיר זיינען נישט געווען פאַראייניקט און געאַרבעט בנידריקער פון זייערע פּרייזן. איצט אָבער האָבן מיר אַ דאַנק אונ־זערע אָרגאַניזאַציעס, אַ דאַנק די דערפאָלגרייכע שטרייקן, וואָס מיר האָבן נישט לאַנג צוריק דורכגעפירט, געוויזן אונזערע אַמעריקאַנער און דייטשע ברידער, און ווייזן עס אין איצטיקן אויגנבליק מיט אונזער קומען אין אַזעלכע ריזיקע מאַסן אויף דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע, אַז מיר זיינען פאַראייניקט מיט אַלע אַרבעטער אין געמיינזאַמען קאַמף קעגן קאַפּיטאַל. די דאָזיקע גרויסע דעמאָנסטראַציע איז דער אָנהויב פון דער גרויסער רע־וואָלוציע, וואָס וועט אַרונטערוואַרפן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם און וועט אויפבויען אַ נייע געזעלשאַפט אויף דעם פונדאַמענט פון אמתער פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט".

אין זעלבן יאָר האָבן אין ניו־יאָרקער פּאַראַד פון לייבאָר־דעי זיך באַטייליקט פון 12 ביז 15 טויזנט יידישע אַרבעטער. אויך אין אַנדערע יאָרן האָבן די יידישע אַרבעטער אין גרויסע מאַסן זיך באַטייליקט אין די אַלגעמיינע אַרבעטער־דע־

מאָנסטראַציעס. די יידישע בירגערלעכע פּרעסע האָט דערפאַר געטאַדלט די יידישע אַרבעטער, געזאָגט מוסר, געשראָקן מיט צרות אויף כל־ישראל אָדער געחוזקט און געפּרואווט פאַרמיאוסן די דעמאָנסטראַציעס אין די אויגן פון יידישן עולם.

די יידישע סאָציאַליסטן האָבן בעת די וואַלן געפירט אַ לעבהאַפטע קאַמ־פּאַניע אין די יידישע דיסטריקטן. די גאַסן־פאַרזאַמלונגען פלעגן נישט זעלטן געשטערט ווערן פון פאַרשידענע כוליגאַנישע עלעמענטן מיט וועלכע די קאַ־פּיטאַליסטישע פאַרטיי־מאַשינען האָבן זיך באַנוצט. באַזונדערס האָט אין צייט פון די וואַלן געאַרבעט מעשים קעגן די סאָציאַליסטן די יידישע אָרטאָדאָקסישע פרעסע, וואָס האָט זיך באַמיט אַריינהאַקן אין די קעפּ פון אירע פרומע לעזער, אַז יידישע סאָציאַליסטן און מיסיאָנערן, וואָס פירן צו שמד, זיינען איינס און דאָס זעלבע. די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן פלעגן באַקומען אַ נישטיקע צאָל שטימען אין די יידישע וואַל־דיסטריקטן צוליבן פּשוטן טעם, וואָס די יידישע אַרבעטער זיינען געווען „גרינע", נישט קיין בירגער. יענע יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען שוין יאָ געווען אַלטע תושבים און בירגער, זיינען געווען מער קאָנסערוואַטיוו און פאַר סאָציאַליסטן נישט געוואָלט שטימען.

בעתן גרויסן קריזיס אין 1893 האָבן די פאַראייניקטע יידישע געווערק־שאַפטן צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטישע פאַרטיי־ברענטשעס אין ניו־יאָרק גע־פירט אַ גרויסע הילף־אַרבעט. מען האָט געטיילט שפּייז און מ'האָט געטראָגן הילף אין די אָרימע הייזער פון די אַרבעטער.

נאָך דעם גרויסן קריזיס איז געקומען אַן אויפלעבונג. די געשעפטן זיינען אַוועק גוט און אַרבעט איז געווען לרוב. ניו־יאָרק האָט זיך אָנגעהויבן פיבער־האַפט פאַנאַנדערבויען. נייע הייזער און קוואַרטאַלן זיינען געבויט געוואָרן אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט. יידישע אונטערנעמער און אַרבעטער זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין שטראָם פון דער בוי־טעטיקייט. אַ מאַסע יידישע אימיגראַנטן זיינען אַריין אין די בוי־פאַכן. זיי זיינען געוואָרן מויערער, מאַלער, בוי־סטאָליאַרעס און רערן־איינריכטער. אַן ענלעכע דערשיינונג איז אויך געווען אין אייניקע אַנדערע גרויסע שטעט.

די צאָל יידישע אַרבעטער האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט. פון די שיפן האָבן געשטראָמט אָן אָפּשטעל מחנות מענטשן. און ס'האָט אויסגעקוקט, ווי דער מענטשן־טייך, וואָס קומט אַרויס פון אַטלאַנטיק, וועט שטראָמען אָן אויפהער און וועט קיינמאָל נישט אויסטריקענען. די יידישע מאַסע האָט אין דער נייער וועלט זיך צעשפּרייט איבער נייע פאַכן און באַשעפטיקונגען און אויך איבער נייע שטעט און שטאַטן. און מיט זיי איז מיטגעגאַנגען דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט און פון וואָרט איז געקומען די טאַט און דער אָרגאַניזאַציאָנעלער בנין. אין די ניינציקער יאָרן האָט די פאָן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג שוין געפלאַטערט אין אַ גרויסער צאָל אַמעריקאַנער שטעט און שטעטלעך.

6. די קאָנווענשאָנס פון די יידישע סעקציעס

אַנטייל אין די קאָנגרעסן פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. — די באַריכטן פון די יידישע דעלעגאַטן. — די יידן־פראַגע. — די יידישע אַרבעטער הויבן אָן זיך שטעלן צום קאַמף אין דער אַלטער היים. — איבער פאַריז און לאָנדאָן. — אַ נייער עלעמענט הויבט אָן קומען. — די קאָנווענשאָנס. — ווער איז געווען פאַרטראָטן? — פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג. — וועגן אַ צענטראַלער אָנפירונג. — ס'שאַפן זיך צדדים.

אַן אויסדרוק פון דער אויסגעוואַקסענער ראָל און חשיבות פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז געווען איר אָנטייל אין די ערשטע דריי קאָנגרעסן פון צוריק אויפגעבויטן אינטערנאַציאָנאַל. אין 1876 איז אויף דער אַמעריקאַנער ערד געבראַכט געוואָרן צו קבורה דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל; אין 1889 איז אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט געבוירן געוואָרן דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. זיינען דאָך די יאָרן 1889־1914 געווען אויסערגעוויינלעך פרוכטבאַרע פאַרן אָרגאַניזאַציאָנעלן וואוקס, ווי פאַרן פּאָליטישן און גייסטיקן אויפשטייג פון אַרבעטער־קלאַס אין אַ גרויסער צאָל לענדער.

די שלוחים פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע צום גרינדונגס־קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון 14־טן ביזן 20־טן יולי 1889 אין פּאַריז, זיינען געווען לואי מילער און יוסף באַרסקי (אַ זעצער). אָפיציעל זיינען זיי געווען דעלעגאַטן פון די יידישע געווערקשאַפטן, פאַקטיש פון דער גאַנצער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אויפן קאָנגרעס האָט מילער אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן מצב פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ניו־יאָרק. ער האָט געזאָגט, אַז די דאָזיקע באַוועגונג איז אַלט סך־הכל 6־7 יאָר און די התחלה איז געווען אויפן פּראָפּעסיאָנעלן באָדן. אויסגערעכנט האָט ער פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ניו־יאָרק: 1) דער יידיש־רעדנדיקער ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, 2) דער רוסיש־רעדנדיקער ברענטש פון דער זעלבער פּאַרטיי, 3) די „פּיאָנירע דער פרייהייט" (אַנאַרכיסטיש), 4) גרופּע „זנאַמיאַ", 5) פאַראיין פון העמדער־נייער, 6) פאַראיין פון שריפטזעצער, 7) פאַראיין פון כאָריסטן, 8) פאַראיין פון שוישפּילער, 9) רוסישער מוזיקאַלישער פאַראיין, 10) פאַראייניקונג פון מענער־שניידער, 11) פאַראייניקונג פון דאַמען־שניידער, 12) ניפּענטס יוניאָן, 13) יוניאָן פון מאַטראַצן־מאַכער, 14) יוניאָן פון זייד־וועבער. מילער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אַלע אָרגאַניזאַציעס שטייען אויפן באָדן פון קלאַסן־קאַמף און זיינען אַקטיוו פאַרן סאָציאַליזם. די באַוועגונג אַרבעט מיט גרויס דערפאָלג און דער קלאַסנבאַוואוסטזיין פון די יידישע

אַרבעטער איז געשטיגן. אַ סימן, אַז די יידישע קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַנען, כדי צו קענען עקזיסטירן, האַלטן פאַר נויטיק זיך צו פּוצן אין סאָציאַליסטישע פעדערן. די יידישע אַרבעטער רעקרוטירן זיך פון די כוואַליעס פרישע אימי־גראַנטן. די „רוסישע" אָרגאַניזאַציעס פאַרנעמען זיך אויך מיט שטיצן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד.

ביידע דעלעגאַטן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ניו־יאָרק זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי אַ טייל פון דער רוסישער דעלעגאַציע. אויף די יידישע אַרבעטער־אימיגראַנטן אין אַמעריקע האָט מען געקוקט ווי אויף אַ רו־סישער קאָלאָניע. מחמת דעם זיינען לואי מילער און יוסף באַרסקי — און אַזוי אויך פיליפּ קראַנץ, וועלכער האָט פאַרטרעטן יידישע אַרבעטער פון לאָנדאָן (דעם אינטערנאַציאָנאַלן קלוב) — געווען אַ טייל פון דער רוסישער דעלעגאַציע, צו וועלכער עס האָבן געהערט פּעטער לאַוראָוו, געאָרג פּלעכאַנאָוו און בעק. אויך די לעצטע דריי האָבן רעפּרעזענטירט נישט די באַוועגונג אין רוסלאַנד נאָר רוסישע סאָציאַליסטישע קאָלאָניעס אין מערב־איראָפּע. אויף די ווייטערדיקע קאָנגרעסן האָט מען שוין די יידישע פאַרטרעטערשאַפט פון ניו־יאָרק אויפגעהערט באַטראַכטן ווי אַ צווייג פון דער רוסישער באַוועגונג. מ'האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז מ'איז געקומען קיין אַמעריקע צו בלייבן.

צום צווייטן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון 16־טן ביזן 23־טן אויגוסט 1891 אין בריסל, איז פון די יידישע אַרבעטער געשיקט געוואָרן אַב. קאַהאַן. ער האָט באַקומען אַ מאַנדאַט צו ריידן אין נאָמען פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן און פון די יידישע סעקציעס פון ס.ל.פּ. אין ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט, אָבער אין אָפיציעלן באַריכט פון קאָנגרעס האָט אַב. קאַהאַן פיגורירט ווי אַ פאַרשטייער פון „די אַרבעטער־יוניאָנס פון דער יידישער שפּראַך אין די פאַראייניקטע שטאַטן". אויך אין זיין באַריכט אויפן קאָנגרעס האָט אַב. קאַהאַן געזאָגט, אַז ער פאַרטרעט די פאַראייניקטע יידישע געווערק־שאַפטן. דערביי האָט ער מסביר געווען אַז פּונקט ווי די פאַראייניקטע דייטשע געווערקשאַפטן אין ניו־יאָרק, אַזוי האָבן אויך די פאַראייניקטע יידישע גע־ווערקשאַפטן קיין שום געמיינזאַמעס נישט מיט רעליגיע, נישט מיט נאַציאָ־נאַליטעט „נאָר דער נאָמען ווייזט בלויז די שפּראַך, וואָס עס רעדן אַלע מיט־גלידער פון דער אָרגאַניזאַציע". ער האָט אָנגעגעבן אַז איבער 30 טויזנט אַר־בעטער זיינען אָרגאַניזירט אין יוניאָנס פון דער יידישער שפּראַך, די צאָל יידן, וואָס זיינען בכלל אָרגאַניזירט אין אַלע אַמעריקאַנער יוניאָנס, איז פיל גרעסער. ער האָט דערביי געשילדערט די שרעקלעכע עקספּלאָאַטאַציע, די נידעריקע לוינען, דעם לאַנגן אַרבעטס־טאָג און דעם גאַנצן שוויץ־סיסטעם, ווי אויך די אָנשטרענגונגען און דעם קאַמף פון די שניידער־אַרבעטער אין ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, באָסטאָן און שיקאַגאָ פאַר ענדערן דעם טרויעריקן מצב. אונזערע באַמיאונגען — האָט קאַהאַן געזאָגט — גייען אין דער ריכטונג אויסצוגלייכן די אַרבעטס־באַדינגונגען פון די יידישע מיט די אַנדערע אַרבעטער פון אַמעריקע. די יידישע אַרבעטער, וואָס קענען די ענגלישע שפּראַך, פאַרברידערן זיך שנעל מיט די אַמעריקאַנער, אָבער אַזוי ווי אַ סך פאַרשטייען נאָך נישט די לאַנד־שפּראַך, האָבן זיי זייער אייגענעם אָרגאַן, „די אַרבייטער צייטונג", וואָס פאַר־מאָגט 8,500 לייענער.

אַ באַזונדער אָרט האָט אין קאַהאַנס באַריכט פאַרנומען די ספּעציעלע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־אַרבעט צווישן יידן. ער האָט אַנגעוויזן, אַז הגם די דאָזיקע טעטיקייט איז נישט קיין אַלטע, זיינען שוין דאָ צו פאַרצייכענען באַדייטנדיקע דערפאָלגן. די סאָציאַליסטישע אַרבעט אויף דער יידישער גאַס גיט אַזעלכע רעזולטאַטן, וואָס רופן אַרויס באַוואונדערונג און אפילו ענטוזיאַזם צווישן די אַמעריקאַנער און דייטשע אַרבעטער. די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער געהערן צו דער ס.ל.פּ., וואָס האָט אין פאַרשידענע שטעט אַמעריקאַנער, דייטשע, פראַנצויזישע, פּלעמישע, יידישע און אַנדערע סעקציעס. 8 יידישע סעקציעס עקזיסטירן שוין אין אַכט פאַרשידענע שטעט. אַ צאָל פון די יידישע אַרבעטער האָט פריער אָנטייל גענומען אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און זיי זיינען געבליבן אירע אַממערסטן געטרייע און ענטוזיאַסטישע פריינט. זיין באַריכט האָט קאַהאַן פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „אין נאָמען פון די דאָזיקע אַרבעטער — אַ ברידערלעכער גרוס צו די אַרבעטער פון די אַנדערע שפּראַכן".

ווי עס איז צו זען פון דעם באַריכט, האָט אַב. קאַהאַן זיך שטאַרק געהיט, אַז מ'זאָל אים, חלילה, ניט פאַרדעכטיקן אין נאַציאָנאַליזם. דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע פּראָבלעם איז רעדוצירט געוואָרן צום ענין שפּראַך, ווי אַ פאַרשטענדיקונג־מיטל. אַזוי ביי די יידישע אַרבעטער, אַזוי ביי די אַרבעטער פון די אומות־העולם. אָבער אַפילו קאַהאַן האָט געפילט, אַז מיט שפּראַך אַליין ווערט דער יידישער ענין ניט אויסגעשעפּט. ס'איז פאַראַן נאָך עפּעס און צוליב דעם „נאָך עפּעס" האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ ספּעציעלן פּונקט אויף דער טאָג־אָרדנונג פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. ער האָט געפּועלט ביים ביוראָ, אַז עס זאָל שטיין אַ פּונקט: „ווי זאָלן זיך די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון אַלע לענדער באַציען צו דער יידן־פראַגע?"

דאָס אַוועקשטעלן די יידן־פראַגע אויף דער טאָג־אָרדנונג פון קאָנגרעס פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָט באַאומרואיקט פון איין זייט דעם בריסעלער ראַבינער דרייפוס, פון דער צווייטער זייט אייניקע אַנגעזעענע סאָציאַליסטישע פירער פון יידישער אָפּשטאַמונג. אין אַ געשפּרעך מיט קאַהאַנען האָט דער ראַבינער אויסגעדריקט די מורא, אַז די אַנטיסעמיטן וועלן אויסנוצן די רעזאָלוציע וועגן דער יידן־פראַגע פאַר זייערע צילן. ער האָט דעריבער געבעטן צו ריידן און האַנדלען פאָרזיכטיק. נישט צופרידן זיינען אויך געווען פּאָול זינגער, אַ פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און וויקטאָר אַדלער, פירער פון דער עסטרייכישער ס. ד. פּאַרטיי.ביידע האָבן געפּרואווט אויפווייזן, אַז פון אַ רעזאָלוציע וועגן דער יידן־פראַגע קען אַרויסקומען מער שלעכטס ווי גוטס. זיי האָבן זיך באַמיט ווירקן, אַז קאַהאַן זאָל זיין רעזאָלוציע צוריקציען, ווייל די אַנטיסעמיטן וועלן אויפהויבן אַ געשריי, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג מאַכט יד אחת מיט די יידן. איבערהויפּט איז געווען שטאַרק די מורא פון וויקטאָר אַדלער, וועלכער האָט, אַלס פירער פון דער עסטרייכישער ס. ד., געהאַט אין דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג אַ שטאַרקע קעגנערישע קראַפט. די אַנטיסעמיטן האָבן דעמאַגאָגיש אָפּעריר‌ט מיט די נעמען מאַרקס און לאַסאַל, זינגער און אַדלער — וועט מען זיי איצט אַריינשפּילן אין די הענט מיט אַ רעזאָלוציע לטובת יידן.

אַב. קאַהאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט אַראָפּצונעמען די פראַגע פון טאָג־אָרדנונג. אין זיין רעדע אויפן קאָנגרעס האָט ער אַזוי אַוועקגעשטעלט דעם ענין: ער טרעט נישט אַרויס אַלס ייד, נאָר אַלס אַרבעטער, אַלס פאָרשטייער פון יידיש־רעדנדיקע אַרבעטער. אַ סאָציאַליסטישער קאָנגרעס דאַרף זיך מיט דער פראַגע פאַרנעמען, ווייל עס קומען פאָר יידן־פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען, באַליי־דיקונגען און אונטערדריקונגען. די רוסישע אַנטיסעמיטישע פּרעסע באַמיט זיך צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז אַלע האָבן פיינט די יידן, אפילו די אַרבעטער. דעריבער פאָדער איך — האָט אויסגערופן אַב. קאַהאַן — איר זאָלט פאַר דער וועלט דערקלערן, אַז דאָס איז אַ ליגן, אַז איר זענט שונאים פון אַלע עקספּלאָאַ־טאַטאָרס — קריסטלעכע אַזוי ווי יידישע און יידישע אַרבעטער זיינען אייך אַזוי ליב ווי קריסטלעכע.

זיין פאָרגעשלאָגענע רעזאָלוציע האָט געזאָגט, אַז דער קאָנגרעס באַגריסט וואַרים די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער פון אַמעריקע און פאַראורטיילט דעם אַנטיסעמיטיזם.

נאָך דער אַריינפיר־רעדע פון אַב. קאַהאַן האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעב־האַפטע דעבאַטע, אין וועלכער עס זיינען געקומען צום אויסדרוק עטלעכע שטאַנדפּונקטן. זשאַן וואַלדערס, אַ פירער פון דער בעלגישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט פאָרגעשלאָגן אַן אַנדערן טעקסט פון אַ רעזאָלוציע. צווישן אַנדערן האָט זיין רעזאָלוציע געזאָגט: „נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דער איינציקער וועג צו דער באַפרייאונג פון די יידישע אַרבעטער איז זייער פאַר־איייניקונג מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די אַרבעטער פון די לענדער, אין וועלכע זיי וואוינען, — דערקלערט דער קאָנגרעס, אַז ער פאַראורטיילט העצערייען קעגן יידן אַלס אַ כיטרען מיטל, וואָס עס געברויכן קאַפּיטאַליסטישע און רעאַקציאָנערע רעגירונגען מיטן צוועק אַריינצוברענגען אַ שפּאַלטונג צווישן די אַרבעטער און אַראָפּצושלעפּן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון איר ריכטיקן ציל. מחמת דעם האַלט דער קאָנגרעס פאַר איבעריק צו באַטראַכטן די פראַגע, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן פון דעם פאָרשטייער פון די יידיש־רעדנדיקע גרופּעס פון די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן, און גייט איבער צו די ווייטערדיקע פראַגן פון דער טאָג־אָרדנונג".

ס'האָט זיך אָבער באַוויזן נאָך אַ שטאַנדפּונקט. צוויי מיטגלידער פון אַ שפּליטער־פראַקציע פון דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע האָבן גערעדט קעגן ביידע רעזאָלוציעס. דערביי איז דער טאָן און אינהאַלט פון זייערע רייד געווען נישט פריינטלעך צו יידן.

דער סוף איז געווען, אַז מ'האָט אָנגענומען די רעזאָלוציע פון בעלגישן פאָרשטייער מיט אַ הוספה פון איינעם פון די פראַנצויזישע דעלעגאַטן. אויס־געקומען איז, אַז דער קאָנגרעס פאַראורטיילט אי דעם אַנטיסעמיטיזם, אי דעם פילאָסעמיטיזם.

אין 1893 איז דער דריטער קאָנגרעס פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל פאָרגעקומען אין ציריך, שווייץ. אויך דאַסמאָל איז אַלס פאָרשטייער פון די יידישע אַרבעטער געפאָרן אַב. קאַהאַן. גלייכצייטיק מיטן מאַנדאַט פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן האָט ער אויך באַקומען אַ מאַנדאַט פון עקזעקוטיוו פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און איז געווען אַ

מיטגליד פון דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע. אַב. קאַהאַן, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין די דעבאַטן אויף דעם קאָנגרעס, האָט קיין יידישע פראַגן נישט באַרירט.

דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע מאָל, ווען די יידישע אַרבעטער פון אַמעריקע האָבן געהאַט זייערע דירעקטע פאַרשטייער אויפן קאָנגרעס. די אַנט־וויקלונג פון דער היגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז אַוועק אין אַזאַ ריכטונג, אַז זי האָט נישט אָפּגעהיט איר דערוואָרבענע פּאָזיציע אין סאָציאַ־ליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

ווען די יידישע אַרבעטער פון אַמעריקע האָבן אַראָפּגעלאָזט זייער פאַן אויפן פאָרום פון אינטערנאַציאָנאַל, האָבן דאָרט אויפגעהויבן זייער פאַן די יידישע אַרבעטער פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד. דער 4־טער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1896 אין לאָנדאָן. די יידישע אַרבעטער פון דער רוסישער אימפּעריע זיינען געווען צום ערשטן מאָל פאַרטרעטן אויף אַ קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל. צו דעם קאָנגרעס איז שוין געווען אַן אימפּאָזאַנטער באַ־ריכט פון דער ווילנער „גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" וועלכע האָבן מיט אַ יאָר שפּעטער געגרינדעט דעם „בונד". דאָס איז געווען אַ גענויער באַריכט פון אַרבעט און קאַמף פאַר די יאָרן 96־1892 אין ווילנע און אין אייניקע אַנדערע שטעט.

אין דעם דאָזיקן באַריכט ווערט ציטירט פון אַן אויפרוף, וואָס יידישע אַרבעטער האָבן אַרויסגעלאָזט בעת אַ שטרייק, און עס ווערט דאָרטן געזאָגט: „עס איז מער נישטאָ קיין איינציק און גאַנץ יידיש פאָלק. אין יידנטום גופא זיינען פאַראַן צוויי קלאַסן, און דער קאַמף צווישן די דאָזיקע קלאַסן איז שוין אַזוי ווייט אַוועק, אַז סיי די שוהל, סיי די רבנים צוזאַמען מיט דער רעגירונג קענען אים נישט אונטערדריקן"... ווען מ׳דערמאָנט זיך וואָס עס האָבן אויף די פריערדיקע קאָנגרעסן פון אינטערנאַציאָנאַל געזאָגט ל. מילער און אב. קאַהאַן וועגן שייכות צווישן די יידישע אַרבעטער און זייער פאָלק, זעט מען דעם אונטערשיד. די יידישע סאָציאַליסטן פון דער רוסישער אימפּעריע האָבן נישט פאַרלייקנט די עקזיסטענץ פון פאָלק, נאָר פעסטגעשטעלט זיין קלאַסן־צעטיילונג. פון די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין ווילנע, וואַרשע, מינסק און סמאָרגאָן זיינען געשיקט געוואָרן מאַנדאַטן צו דער גרופּע „אָסוואָבאָזשדעניע טרודאַ" אין אויסלאַנד, אַז מען זאָל זיי פאַרטרעטן. די מאַנדאַטן האָבן באַקומען פּאַוועל אַקסעלראָד, וויערא זאַסוליטש, ראָזאַליע פּלעכאַנאָוו און נאָך ווער. (דער ערשטער האָט פאַרטרעטן וואַרשע, די צווייטע — סמאָרגאָן, די דריטע — מינסק). נאָך דער גרינדונג פון „בונד" זיינען שוין די יידישע אַרבעטער רע־פּרעזענטירט געוואָרן אין אינטערנאַציאָנאַל דורך דירעקטע פאַרשטייער.

אין די אַכציקער און אוודאי אין די ניינציקער יאָרן זיינען שוין אין מינסק, ווילנע און אייניקע אַנדערע ערטער געווען רעוואָלוציאָנערע, סאָציאַליסטישע קרייזלעך און גרופּן פון יידישע אַרבעטער. ס׳זיינען שוין אויך פאָרגעקומען עקאָנאָמישע אַקציעס. וואָס ווייטער זיינען אַלץ מער און מער יידישע אַרבעטער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג. דאָס זיינען שוין נישט געווען די יידן־נאַראָדאָוואָלצעס פון פריערדיקע יאָרן, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו גיין אַרבעטן אין רוסישן פּויערים־פאָלק. די יידישע אַרבעטער האָבן געוואָלט

אַרויסרופן אַ באַוועגונג פון אייגענעם האַרעפּאַשנעם פאָלק. דעם זעלבן אויס־בליק האָבן געהאַט אַ ריי אינטעליגענטן, מאַנכע פון זיי אַליין געוועזענע נאַראָ־דאָוואָלצעס און שפּעטערדיקע מאַרקסיסטן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט אַ דער נייער באַוועגונג צווישן די אויפגעוואַכטע יידישע אַרבעטער. טייל יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט די שול פון דער פּיאָנערן־באַוועגונג, האָבן אויך עמיגרירט אַהער און מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ נייעם עלעמענט אין שטראָם איינוואַנדערער.

ניט אַלע זיינען געקומען גלייך אַהער. פיל האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג אין לאָנדאָן אָדער אין פּאַריז. איןביידע ערטער האָבן סאָציאַליסטן שוין פריער געפירט אַ טעטיקייט צווישן יידישע אַרבעטער. שוין אין די זיבעציקער יאָרן אָרגאַניזירן זיך יידישע שניידער אין לאָנדאָן און אין 1876 גרינדעט דאָרטן אהרן ליבערמאַן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע — דעם פאַראיין פון יידישע סאָציאַליסטן אין לאָנדאָן. יידישע אַרבעטער באַזעצן זיך אויך אין מאַנטשעסטער, לידז און אַנדערע ענגלישע שטעט. אין לאָנדאָן איז אויך געווען דער אָנהויב פון דער סאָציאַליסטישער פּרעסע אין דער יידישער שפּראַך: אין 1884 דערשיינט „דאָס פּוילישע אידעל" אונטער דער רעדאַקציע פון מאָריס ווינטשעווסקי, און אין 1885 — דער „אַרבייטער פריינד". דאָס איז געווען די ערשטע צייטונג, וואָס אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער האָבן אַרויסגעגעבן. במשך פון אַ ריי יאָרן האָט מען דעם „אַרבייטער פריינד" גע־ברענגט פון לאָנדאָן קיין אַמעריקע און אים דאָ פאַרשפּרייט אין גרויסע צאָלן. פון דאָנען האָט מען אויך געשיקט מאַטעריעלע הילף פאַרן דאָזיקן זשורנאַל.

אויך אין פּאַריז זיינען אין די זיבעציקער יאָרן שוין געווען יידישע אַר־בעטער — געקומענע פון פּוילן. אייניקע האָבן אפילו געקעמפט אין די רייען פון די פּאַריזער קאָמונאַרן. צוויי פון זיי זיינען שפּעטער געווען אַקטיוו אין דער היגער באַוועגונג: לואיס סמיט — אַ טוער ביי די שניידער און משה גאָלדרייך — אַ טוער ביי די היטל־מאַכער און אַ גרינדער פון אַרבעטער־רינג. אין 1882 האָבן יידישע היטל־מאַכער אָרגאַניזירט אַ יוניאָן. אין זעלבן יאָר איז געגרינדעט געוואָרן אַ יידישער אַרבעטער־פאַראיין. אין פאַראיין זיינען געווען טעטיק פיליפּ קראַנץ, רובאַנאָוויטש, צעטקין, יאַפע, וועלכער איז שפּעטער אין ניו־יאָרק געווען דער רעדאַקטאָר פון דער אַנאַרכיסטישער „וואַרהייט".

פאַר אַ סך זיינען לאָנדאָן און פּאַריז געווען איבערגאַנגס־פּונקטן אויפן וועג קיין אַמעריקע. אין די ניינציקער יאָרן טרעפט מען שוין פיל פון זיי אין די רייען פון דער היגער באַוועגונג — אין דער פּאָליטישער אַזוי גוט ווי אין דער טרייד־יוניאָניסטישער.

דער כסדרדיקער וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט געצוואונגען זיך אויסצוברייטערן אַלץ מער אין שטח. מ'בלייבט נישט אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד, מ'באַזעצט זיך אין פאַרשידענע שטעט, וואָס וואַקסן שנעל. אַנטשטייען דאָרטן יידישע סעקציעס פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, בילדונגס־פאַראיינען, פּרעסע־גרופּעס און טרייד־יוניאָנס פון יידישע אַרבעטער. די אויס־שפּרייטונג אויף דער פּראָווינץ מערקט זיך שוין אין דער צווייטער העלפט פון די אַכציקער יאָרן און פאַרשטאַרקט זיך אין די ניינציקער.

אין באָסטאָן איז געגרינדעט געוואָרן אַ בילדונגס־קלוב פון יידישע אַר־

בעטער אין יאָר 1887. עס האָבן זיך באַלד פאַרשריבן 50 מיטגלידער. אין זעלבן יאָר הויבט זיך אויך אָן די באַוועגונג אין פילאַדעלפיע. מיט צוויי יאָר פריער איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרואוו צו אָרגאַניזירן די יידישע שניידער אין שיקאַגאָ. אין די אַכציקער יאָרן איז אין שיקאַגאָ געשאַפן געוואָרן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַנאַרכיסטן אַ געמיינזאַמער בילדונגס־פאַראיין.

אין יאָר 1888 האָבן שוין עקזיסטירט יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אויך אין באַלטימאָר, ניו־הייווען, האַרטפאָרד, נואַרק, בעדפאָרד, עליזאַבעטפאָרט. מיט אַ יאָר שפּעטער גרינדן זיך יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין קענזעס סיטי, סינסינעטי, דענווער, פּעטערסאָן און פּראָווידענס. דאָס זיינען בילדונגס־פאַראיינען, אונטערשטיצונגס־חברות אָדער יוניאָנס.

אין די ווייטערדיקע יאָרן זיינען אויף דער מאַפּע פון דער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע צוגעקומען נאָך שטעט. די אויסגעוואַקסענע באַוועגונג איבערן לאַנד האָט געפאָדערט אַ געוויסע קאָאָרדינירונג און צוזאַמענ־אַרבעט. איבערהויפּט האָט מען אין דער פּראָווינץ געפילט אַ דוחק אין רעדנער. האָבן די אויגן זיך געווענדט צו ניו־יאָרק און פון דאָנען האָט די יידישע סעקציע פון ס. ל. פּ. באַזאָרגט רעדנער און לעקטאָרן. דאָס איז אָבער געווען ווייניק. איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק פון רופן קאָנווענשאַנס פון די יידישע סעקציעס פון ס.ל.פּ. און אַנדערע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. ס׳האָט זיך איינגעשטעלט אַ מנהג, אַז יעדעס יאָר, אָדער אפילו צוויי מאָל אין יאָר ווערט אָפּגעהאַלטן אַ קאָנווענשאָן אָדער „פּאַרטיי־טאָג״.

ביז מ׳האָט אָנגעהויבן אָפּהאַלטן די „פּאַרטיי־טאָגן״ זיינען געווען צוויי נאַציאָנאַלע קאָנווענשאַנס. איינע — פון סוף 1889 און אָנהויב 1890, וואָס איז גערופן געוואָרן מיטן צוועק צו שאַפן די בשותפותדיקע צייטונג. די צווייטע איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 4־6 אָקטאָבער 1890 אין ניו־יאָרק, וואו ס׳איז גע־שאַפן געוואָרן די יידישע אַרבעטער־פעדעראַציע. אין 1891 האָט מען געפּלאַנט צו רופן אַ צווייטע קאָנווענשאָן פון דער פעדעראַציע, אָבער די פעדעראַציע האָט דערוויילע אויסגעהויכט איר אָטעם.

אַנשטאָט דעם איז פאָרגעקומען דעם זעלבן יאָר, דעם 5 יולי 1891, אַ קאָנ־ווענשאָן פון די יידישע סאָציאַליסטישע סעקציעס, מיט דעם האָט זיך אָנגע־הויבן אַ סעריע „פּאַרטיי־טאָגן״ — 7 אין צאָל — פון די יידישע סעקציעס און קרובישע אָרגאַניזאַציעס. אויף דער ערשטער קאָנווענשאָן פון דעם מין אין יולי 1891 זיינען געווען פאָרטרעטן ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, האַרטפאָרד, באָסטאָן, נואַרק און בראַנזוויל, און נאָך אַ פּאָר אָרגאַניזאַציעס. די וויכטיקסטע פונקטן פון דער טאָג־אָרדנונג זיינען געווען: שריפטלעכע און מינדלעכע אַגיטאַציע און וועגן שיקן אַ דעלעגאַט צום צווייטן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין בריסל. אויף דער קאָנווענשאָן איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן דעם חודש־זשורנאַל „די צוקונפט״ מיט פיליפּ קראַנצן אַלס רע־דאַקטאָר, און אַב. קאַהאַן איז דעלעגירט געוואָרן צום קאָנגרעס. דעם 27טן דעצעמבער פון זעלבן יאָר איז פאָרגעקומען אַ קליינע קאָנווענשאָן פון די אָרגאַניזאַציעס אין ניו־יאָרק און נאָנטער שכנהשאַפט.

דער דריטער פּאַרטיי־טאָג איז פאָרגעקומען דעם 16־טן און 17־טן אַפּריל 1892 אין פילאַדעלפיע. פאַרטרעטן זיינען געווען ניו־יאָרק, ברוקלין, בראַנזוויל,

(די לעצטע 2 זיינען ביז 1898 נישט געווען קיין באַשטאַנדטייל פון ניו־יאָרק), באָסטאָן, נוואַרק, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, באָפאַלאָ, יוניאָן היל און עליזאַבעט־פּאָרט. ניו־יאָרק איז געווען פאַרטרעטן דורך פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס: יידישע סעקציע ס.ל.פּ., פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, „די צוקונפט", די „אַר־בייטער צייטונג" אַסס׳ן, ניו־יאָרקער אַרבעטער־קלוב און די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט.

אין זעלבן יאָר, דעם 24 דעצעמבער, איז אין ניו־יאָרק אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער 4־טער פּאַרטיי־טאָג. 50 דעלעגאַטן האָבן פאַרטרעטן 21 אָרגאַניזאַציעס אין ניו־יאָרק, ברוקלין, בראַנזוויל, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, באָסטאָן, נוואַרק, האַרט־פאָרד, מינעאַפּאָליס, פּראָווידענס, עליזאַבעטפּאָרט און וועסט־האָבאָקען.

אין יאָר 1894 זיינען שוין געווען יידישע סעקציעס פון ס.ל.פּ. אין פאָלגנדיקע שטעט: ניו־יאָרק, ברוקלין, בראַנזוויל, פילאַדעלפיע, פּיטסבורג, האַרטפאָרד, נוואַרק, נאָרוויטש (קאָנעטיקוט), באָסטאָן, ראָטשעסטער, שיקאַגאָ, וועסט־האָבאָקען, מינעאַפּאָליס, וואָטערבורי, וואוסטער, פּראָווידענס, קליוולאַנד, באָ־פאַלאָ, סט. לואיס, סאַוואַנאַה, באַלטימאָר, סיראַקיוז, פאָל ריווער, כרמל, פּע־טערסאָן, ניו־הייווען, סינסינעטי, העווערהיל. אַחוץ דעם זיינען אין אַ ריי שטעט געווען סאָציאַליסטישע בילדונגס־פאַראיינען, פּראָפּאַגאַנדע־פאַראיינען און ביב־ליאָטעקן, וואו עס האָבן זיך גרופּירט יידישע אַרבעטער און סאָציאַליסטן.

ווען דער 5־טער פּאַרטיי־טאָג פון די יידיש־רעדנדיקע סעקציעס איז זיך צוזאַמענגעקומען אין נוואַרק (30 דעצעמבער 1893 — 1 יאַנואַר 1894) איז שוין געווען פאַרגעשטעלט אַ גרויסער כוח אויף דער יידישער גאַס. אויף דער דאָזיקער קאָנווענשאָן זיינען פון ניו־יאָרק געווען פאַרטרעטן פאָלגנדיקע אָר־גאַניזאַציעס: די יידישע סעקציע פון דער ס.ל.פּ., דער סאָציאַליסטישער קאַמ־פּיין־קלוב פון שניידערס, אַרבעטער־בילדונגס־פאַראיין „ברידערלעכקייט", „אַר־בייטער צייטונג" פּאַבלישינג אַסס׳ן, יונגבילדונג־און אונטערשטיצונגס־פאַראיין, סאָציאַליסטישער דראַמאַטישער פאַראיין, אַ פאַראיין פון אַרבעטערינס און די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן. פון פילאַדעלפיע: די יידישע סעקציע פון ס. ל. פּ. און די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן. פון נוואַרק: יידישע סעקציע, סאָציאַליסטישער קאַמפּיין־קלוב און דער בילדונג־און אונטערשטי־צונג־פאַראיין „צוקונפט". פון בראַנזוויל: יידישע סעקציע און סאָציאַליסטי־שער קאַמפּיין־קלוב. מיט דעלעגאַטן בלויז פון די יידישע סעקציעס ס. ל. פּ. זיינען געווען פאַרטרעטן ברוקלין, האַרטפאָרד, באָסטאָן, וועסט־האָבאָקען, פּראָ־ווידענס און פּעטערסאָן. צוזאַמען זיינען געווען פאַרטרעטן דורך 60 דעלעגאַטן 24 אָרגאַניזאַציעס אין 10 שטעט.

דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר איז אין אייניקע הינזיכטן געווען אַן אינטערע־סאַנטער. ביים פעסטשטעלן די טאָג־אָרדענונג איז געווען אַ דעבאַטע וועגן אַראָפּנעמען דעם פאַרגעשלאָגענעם פּונקט „אונזער שטעלונג צו רעליגיע". ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן די פראַגע נישט צו באַהאַנדלען. „די אַרבייטער צייטונג" (12 יאַנואַר 1894) האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געטון געוואָרן דערפאַר, „ווייל דאָס איז אַ פראַגע, וואָס געהערט צו דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון דער גאַנצער וועלט און די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן פון בריסל און ציריך ווי אויך דער קאָנגרעס (פון ס.ל.פּ.) איז שיקאַגאָ

האָבן שוין וועגן דעם באַשלאָסן. יעדער געגנאָסע האָט די געלעגנהייט ברענגען צום אויסדרוק זיין מיינונג אין דער גאַנצער פּאַרטיי, אַלס פּאַרטיי־מיטגליד, און עס איז נישט נייטיק, אַז די יידיש־רעדנדיקע סאָציאַליסטן זאָלן ספּעציעל פעסטשטעלן זייערע אייגענע פּרינציפּן אַלס באַזונדערע אָרגאַניזאַציע״.

די פאָרשטייער פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָפּגעגעבן באַריכטן, מ׳האָט דעבאַטירט וועגן דער שטעלונג צו די יוניאָנס און אַנדערע פראַגן. אב. קאַהאַן, וועלכער איז דעמאָלט געווען רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט „די אַר־בייטער צייטונג״, איז אויך אויסגעוויילט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל „די צוקונפט״. דער באַלעבאָס פון וואָכנבלאַט איז געווען אַ ספּעציעלע פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאַן, בעת די דעה־זאָגער פון חודש־זשורנאַל זיינען געווען די יידישע סעקציעס פון דער ס.ל.פּ.

אויף דעם נואַרקער פּאַרטיי־טאָג זיינען באַרירט געוואָרן צוויי פראַגן, וואָס האָבן געהאַט אַ גורלדיקע באַדייטונג פאַר דער צוקונפט פון דער היגער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ביידע פראַגן זיינען נישט געלייזט געוואָרן.

אין די שטעט און שטעטלעך איז אַנטשטאַנען אַ יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. ווער זאָל איר געבן אַ ריכט־ליניע, ווער זאָל איר העלפן און אויך פירן? ס׳האָט זיך איינגעשטעלט דער מנהג פון די קאָנווענשאַנס. אויף יעדן פּאַרטיי־טאָג האָט מען מכבד געווען אַן אַנדערע שטאָט מיטן כבוד צונויפצורופן די נאָנטע קאָנווענשאַן. אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר איז אָבער קיין אָנפירונג, קיין אויטאָריטעטע אינסטאַנץ נישט געווען. די באַוועגונג האָט פאַרמאָגט אַ פּאַרלאַמענט, וואָס פלעגט זיך צונויפקומען אויף אַ קורצער סעסיע אָבער קיין רעגירונג האָט זי נישט פאַרמאָגט. אַ סך האָבן געפילט, אַז ס׳איז קיין תכלית נישט צו לאָזן די באַוועגונג ווייטער אין אַזאַ מצב. איז דעריבער אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ פּונקט אויף דער טאָג־אָרדנונג: „גרינדונג פון אַ נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו פון אַלע יידיש־שפּרעכנדע סעקציעס און פאַראיינען״. אַרום דעם פּונקט איז גע־פירט געוואָרן אַ לענגערע דעבאַטע. איינשטימיק איז נאָך דעם אָנגענומען געוואָרן אַזאַ רעזאָלוציע:

„נעמענדיק אין אַכט, אַז די פּראַקטישע עקזעקוטיוו־אַרבעט אין דער יידי־שער באַוועגונג אין ניו־יאָרק ליגט, צוליב געוויסע פאַרהעלטנישן, אין די הענט פון בלויז עטלעכע געגנאָסן, רעקאָמענדירט דער פּאַרטיי־טאָג אַלע סאָציאַליסטן אַריינצוטרעטן אין „די אַרבייטער צייטונג״ פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאַן, ווי אויך אין אַלע סאָציאַליסטישע פאַראיינען, כדי צו קענען אָנטייל נעמען אין דער עקזעקוטיוו־אַרבעט״.

נאָכן פאַרעפנטלעכן די רעזאָלוציע לויטן געבערענגטן טעקסט, איז אין דער „אַרבייטער צייטונג״ געווען אָפּגעדרוקט אַ תיקון טעות, אַז ס׳איז נישט דערמאָנט געוואָרן באַזונדערס „די אַרבייטער צייטונג״ פּאַבלישינג אַסס׳ן, נאָר סתם סאָציאַליסטישע פאַראיינען.

אין דער פראַגע פון שאַפן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע, געוויילטע אָנפירונג פון דער באַוועגונג און נישט פאַרענטפערן זי, זיינען פאַרזייט געוואָרן די קערנער פון אַ פּאַק צרות, וואָס האָבן שפּעטער אַזוי שטאַרק געפּלאָגט די היגע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. דער ערשטער אָנזאָג איז טאַקע געווען אויף דער זעלבער

קאָנווענשאָן. לואי מילער האָט געהאַט אַ סכסוך מיטן פאַרוואַלטונג־ראַט און מיטן פריערדיקן רעדאַקטאָר פון דער „אַרבייטער צייטונג“, ב. פייגענבוים. ס׳איז געווען אַ סכסוך וועגן אַ בריוו פון אַ יוניאָן מיט טענות צו מילערן, וואָס די צייטונג האָט אָפּגעדרוקט. מילער איז אויפן פּאַרטיי־טאָג אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַשולדיקונג, אַז אין פאַרוואַלטונג־ראַט פון דער צייטונג הערשט אַ קליקע. איניקע דעלעגאַטן האָבן געהאַט פּרינציפּיעלע טענות צו דער „אַרבייטער צייטונג“. מ׳האָט זי קריטיקירט דערפאַר, וואָס זי ווייזט אַרויס אַ קעגנערשאַפט צו נישט־סאָציאַליסטישע יוניאָנס, אַ פראַגע וואָס האָט שפּעטער פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין די חלוקי־דעות.

די פראַגע פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכער צענטראַלער אָנפירונג און פון צוזאַמענבינדן אַלע צווייגן פון דער באַוועגונג האָט באַוואויגן דעם אַרבעטער־בילדונג־פאַראיין „ברידערלעכקייט“ צו נעמען די איניציאַטיוו און רופן אַ קאָנפערענץ וועגן שאַפן אַ פאַרבאַנד פון די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין ניו־יאָרק. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען דעם 25 פעברואַר 1894. אין איר האָבן זיך באַטייליקט די יידישע סעקציע ס.ל.פּ., דער פאַראיין „ברידערלעכקייט“, יונג בילדונג־ און אונטערשטיצונג־פאַראיין, דער סאָציאַליסטישער בראָשורן־פאָנד, די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט, דער פאַראיין פון אַרבעטערינס און דער דראַמאַטישער פאַראיין.

אויף דער קאָנפערענץ זיינען געפירט געוואָרן לעבהאַפטע דעבאַטן. מ׳האָט אויפגעוויזן, ווי די באַוועגונג איז צעשפּליטערט און ווי ס׳איז נויטיק איינצושטעלן איינהייט, ווי ס׳איז וויכטיק אָפּצושאַפן די צעפּאַרנקייט אין דער טעטיקייט און אַ סוף מאַכן צו די רייסערייען. אַלע האָבן מסכים געווען, אַז ס׳איז נייטיק צו שאַפן אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט, אַ פאַרבאַנד פון אַלע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון שטאָט. איינשטימיק איז באַשלאָסן געוואָרן אַזאַ פאַרבאַנד צו שאַפן. דער פאַרבאַנד זאָל נעמען אויף זיך אַט די אויפגאַבן: 1) געבן דעם אַרבעטער אַ סיסטעמאַטישע עלעמענטאַרע בילדונג דורך מינדלעכער און שריפטלעכער פּראָפּאַגאַנדע; 2) אַריינברענגען מער סאָלידאַריטעט אין דער טעטיקייט פון פאַרשידענע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס; 3) אונטערשטיצן מיט אַלע כוחות די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. אַ טייל דעלעגאַטן האָבן דערקלערט אַז זיי האָבן אַ פולמאַכט צו שאַפן אַזאַ פאַראייניקונג. די קאָנפערענץ האָט פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון ניו־יאָרקער פאַרבאַנד פון יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס.

דער זעקסטער פּאַרטיי־טאָג איז פאָרגעקומען סוף דעצעמבער 1894 אין באָסטאָן. 23 דעלעגאַטן האָבן פאַרטרעטן 21 אָרגאַניזאַציעס. דער פּאַרטיי־טאָג האָט געוויזן, אַז די חלוקי־דעות האָבן זיך פאַרטיפט און די קריגערייען פאַרשאַרפט. ס׳איז אפילו געווען אַ פאָרשלאַג צו שאַפן נאָך אַ סאָציאַליסטישע צייטונג, אומאָפּהענגיק פון דער „אַרבייטער צייטונג“ פּאַבלישינג אַסס׳ן. דער פאָרשלאַג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

אויף אַן אַנדערן אופן איז אָבער אַזאַ צייטונג געשאַפן געוואָרן. די באָסטאָנער סעקציע פון ס.ל.פּ. האָט אין 1895 אָנגעהויבן אַרויסגעבן אונטער דער רעדאַקציע פון מאָריס ווינטשעווסקי אַ וואָכנבלאַט „דער אמת“, וואָס איז געוואָרן אַ טריבונע פאַר דער געשאַפענער אָפּאָזיציע.

סוף דעצעמבער פון זעלבן יאָר איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען די 7־טע קאָנווענשאָן פון די יידישע סעקציעס. זי איז גערופן געוואָרן מיטן צוועק צו מאַכן אַ סוף צו די רייסערייען און קריג אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער דאָזיקער צוועק איז נישט דערגרייכט געוואָרן. און דאָס איז שוין געווען די לעצטע קאָנווענשאָן פון אַ געאייניקטער יידישער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי־באַוועגונג.

די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע איז צוגעקומען צו אַ גרענעץ־פּונקט. אויב אין פאַרגאַנגענעם צענדליק יאָר באַמערקט זיך אַ כסדר־דיקער אויפשטייג, אויסשפּרייטונג און פאַרמערונג, הויבט זיך איצט אָן אַ פּראָצעס פון ירידה. געוויס האָבן שטאַרק געווירקט אָביעקטיווע סיבות. אין אָנהויב פון דער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע האָבן די יידן אין אַמעריקע זיך פּראָלעטאַריזירט. נישט בלויז אַרבעטער פון דער אַלטער היים זיינען דאָ אַוועק אין שאַפּ, נאָר אויך יידן פון מסחר און אויך יוגנט פון גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן. נאָך אַ צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרקערטע דערשיינונג: אַרבעטער גייען אַרויס פון שאַפּ און ווערן אַליין באַלעבאַטים, מ'נעמט זיך צו ביזנעס אָדער מ'שטודירט פאַר אַ לאָיער, דענטיסט און דאָקטאָר. און אַ סך פון זיי זיינען אַוועק פון שאַפּ נישט בלויז, ווייל זיי האָבן געחלומט וועגן אַרויספאַרבעטן זיך, נאָר צוליבן פּשוטן טעם וואָס זיי זיינען געווען פיזיש צו שוואַך צו קענען אויסהאַלטן די שווערע און לאַנגע פּראַצע אין די שוויץ־שעפּער. אמת, עס קומען כסדר צו נייע אַרבעטער פון פרישן אימיגראַנטן־שטראָם און זייער צאָל פאַרגרעסערט זיך אין אַבסאָלוטע ציפערן, ס'פאַר־שווינדט אָבער די סטאַבילקייט פון אַ יידישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז מיט זיין גאַנצער ענערגיע, מיט אַלע זיינע חושים קאָנצענטרירט אין איין ריכטונג: אויפהויבן זיך אַלס כלל און פירן אַ קלאַסן־קאַמף און אַ קלאַסן־פּאָליטיק, בויען אַ סאָציאַליסטישע היים און אַ סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע. ס'הויבט זיך אָן וואַקלען און ברעכן. אַ סך שטייען מיט די הענט און פיס אין אַרבעטער־לאַגער, אָבער זייערע רעיונות זיינען אויף דער צווייטער זייט פון סאָציאַלן פּאַרקאַן.

די דאָזיקע אומזיכערקייט און וואַקלדיקייט האָט נישט געלאָזט שאַפן קיין פעסטן אָנשפּאַר פאַר דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. און אירע פירער האָבן ביי דער לאַגע נישט פאַרמאָגט יענע קלאָרקייט פון געדאַנק אויסצוגעפינען דעם עיקר און נישט דערלאָזן פּערזענלעכע דיפערענצן און טאַקטישע חלוקי־דעות זיך פאַרוואַנדלען אין דינאַמיט, וואָס רייסט־אויף די באַוועגונג.

7. חלוקי־דעות און שטרייטן

אָפּקלאַנגען פֿון נעכטן. — סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן. — אויף דער שוועל פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. — די וועגן גייען זיך פֿאַנאַנדער. — אויך צווישן סאָציאַליסטן איז נישטאָ קיין אייניקייט. — שמוציקע כוואַליעס פֿון גאַס. — גלייכער קוק אויפֿן יידישן לעבן. — ווער זאָל פֿירן? — די לעצטע קאָנווענשאָן. — דער סכסוך גייט אַריבער צו דער פּאַרטיי. — די פּאַרטיי־פֿירער פּסקענען. — שאַרפֿע פּאָלעמיק. — דער יידישער קאָנפֿליקט אויף דער קאָנ־ווענשאָן פֿון ס.ל.פּ. — נייע טרייד־יוניאָן־פּאָליטיק פֿון דער פּאַרטיי.

די ערשטע טריט פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע זיינען באַגלייט געוואָרן מיט שטאַרקע פּרינציפּיעלע און טאַק־טישע חלוקי־דעות. די אידעאַליסטישע גרופּעס, וואָס האָבן זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע צו אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער, זיינען אַהער געקומען מיט געוויסע בליקן און שטימונגען, הגם נאָך נישט ענדגילטיק אויספֿאָרמירטע.

אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך נישט געווען אַדורכגעפֿירט די קלאָרע צעשיידונג צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַנאַר־כיסטן. נישט בלויז האָבן פֿיל פֿון זיי געהערט צו איין און דערזעלבער פּאַרטיי, נאָר אין פֿיל מוחות האָבן זיך אויסגעמישט צוזאַמען מאַרקסיסטישע און באַקו־ניניסטישע אידייען. מ׳איז געווען גלייכצייטיק אי סאָציאַל־דעמאָקראַט, אי אַנאַרכיסט. די צעשיידונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן אין ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, איז נאָך נישט געווען פֿאַרענדיקט אַפֿילו דעמאָלט, ווען דער אינטערנאַציאָנאַל האָט שוין מער נישט עקזיסטירט. וואָלונטאַרישער רעוואָלוציאָניזם האָט נאָך שטאַרק באַווירקט פֿיל מוחות פֿון יענע, וועלכע האָבן אָנגענומען די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לערע פֿון קאַרל מאַרקס. אין אַמעריקע האָט די אייראָפּעאישע ראַדיקאַלע אימיגראַציע נאָך געלעבט מיט אָפּקלאַנגען פֿון די קאַמפֿן, וואָס עס האָבן געפֿירט די פּאַריזער קאָמונע און די רוסישע נאַראָדאָוואָלצעס. זייער הערֿאָיזם און מסירת־נפֿש זיינען געווען אַ ביישפּיל און אַן אינספּיראַציע.

די יידישע גאַס איז אין דער הינזיכט נישט געווען קיין אויסנאַם. אין אַ ריי יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן צוזאַמענגעאַרבעט ביידע ריכטונגען. ס׳איז געווען אַ צייט, אין די אַכציקער יאָרן, ווען די אַנאַרכיסטן האָבן אַפֿילו גענומען די אויבערהאַנט. באַזונדערס נאָך דער שיקאַגער טראַגעדיע און מאַרטירערטום פֿון די אַנאַרכיסטישע טוער, פֿון וועלכע פֿיר האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן אויף דער תליה, איינער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און דריי זיינען געבליבן שמאַכטן אין תּפֿיסה. געווען איז דאָס אין מאַי 1886. די אַנאַרכיסטן האָבן אויף דעם היימאַרקעט אין שיקאַגאָ גערופֿן אַ פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג קעגן אַ פּאָליצייאישן מאָרד פֿון שטרייקנדיקע אַרבעטער. ביים סוף פֿון דער פֿאַרזאַמלונג איז אַ גרויסע פּאָליציי־אָפּטיילונג באַפֿאַלן דעם עולם. פּלוצלונג האָט אויפֿ־

גערינג אַ באָמבע — מסתמא געוואָרפֿן דורך אַ פּראָוואָקאַטאָר. באַלד האָט זיך אַנטוויקלט אַ שיסעריי און דער רעזולטאַט איז געווען צענטליקער קרבנות פֿון ביידע צדדים. די שולד האָט מען אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די אָרגאַניזאַטאָרן און רעדנער פֿון דער פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג. אַכט אַנאַרכיסטן זיינען שפּעטער געמשפּט געוואָרן און פֿינף האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס, כאָטש ס'זיינען נישט געווען קיין באַווייזן, אַז די אָנגעקלאָגטע זיינען שולדיק. דעם 11־טן נאָוועמבער 1887 האָבן 4 אַנאַרכיסטישע טוער — פּאַרסאָנס, שפּיז, ענגעל און פֿישער — אויסגעהויכט זייער לעבן אָטעם אויף דער תליה, בעת אַ פֿינפֿטער — לינג — האָט אויסגעמיטן די תליה דורך באַגיין זעלבסטמאָרד. די היימאַרקעט־טראַגעדיע האָט געוועקט סימפּאַטיע צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג און פֿאַרשטאַרקט איר השפּעה צווישן יידישע אַרבעטער און ראַדיקאַלער אינטעליגענץ.

אַז מ'קען זיין צוזאַמען אין איין אָרגאַניזאַציע, זיינען אַ סך געווען זיכער. די פּראָגראַם־דערקלערונג אין ערשטן נומער לאָנדאָנער „אַרבייטער־פֿריינד“ (15 יוני 1885), וואָס איז אויך דאָ שטאַרק פֿאַרשפּרייט געוואָרן, זאָגט וועגן דעם:

„דער אַרבייטער־פֿריינד וועט איבערהויפּט נישט זיין אַ פּאַרטייאישע צייטונג. דאָס הייסט, ער וועט אָננעמען אַלע וויכטיקע מיינונגען איבער פֿאַרשידענע סאָציאַלע פֿראַגן, אַפֿילו ווען די דאָזיקע מיינונגען וועלן ניט שטימען מיט אונזערע. אונזער פּאַרטיי איז נאָר קעגן דער איצטיקער געזעלשאַפֿט... אָבער מיר זיינען פֿריינט פֿון אַלע סאָציאַליסטן וואָס פֿאַר אַ מיינונגען זיי זאָלן נישט האָבן איבער איינציקע סאָציאַליסטישע פֿראַגן וועלכע צעטיילן זיי איצט. סאָציאַל־דעמאָקראַטן, קאָלעקטיוויסטן, קאָמוניסטן, אַנאַרכיסטן און אַלע מענטשן ווי זיי רופֿן זיך, ווען זיי אָנערקענען נאָר די גרונט־יסודות, די פּרינציפּן פֿון סאָציאַליזם, זיינען סאָציאַליסטן און געהערן געגנצלעך צו איין פּאַרטיי, צו דער גרויסער אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס מוז אויסלייזן די פֿעלקער פֿון אַלע טיראַנען, עקספּלאָאַטאַטאָרן און בלוטזאַפּערס און מוז ברענגען פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט אין דער וועלט“.

גרופּעס מיט אַנאַרכיסטישע נייגונגען זיינען געווען אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, אין יידישע בילדונגס־פֿאַראיינען און אוודאי אין די יוניאָנס. מיט דער צייט האָבן זיך מער אויסקריסטאַליזירט די אונטערשידן און ס'איז פֿאַרגעקומען די צעטיילונג צווישן סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן און די זעלבסט־באַשטימונג ביי יעדן איינעם. ס'האָבן נישט געפֿעלט קיין וואַקלדיקע, אַפֿילו צווישן די טוער און פֿירער, וואָס אָט האָט מען זיי געזען אַלס אַנאַרכיסטן און אָט אַלס סאָציאַליסטן.

אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע שטייט ביי דער ראַגאַטקע און קומט אָט־אָט אַריין אין שטאָט, אין דעם האָבן כמעט אַלע געגלויבט. ניט מער, ביז דאָס וועט געשען דאַרף מען דערוויל טון עפּעס פּראַקטישעס אויף צו פֿאַרבעסערן די לאַגע, האָבן געמיינט די סאָציאַליסטן. אַקעגן די אַנאַרכיסטן האָבן געטענהט, אַז ס'איז אַ שאָד צו פֿטרן ענערגיע אויף אַזעלכע קלייניקייטן. אַלץ דאַרף קאָנצענטרירט ווערן אין איין פּונקט — רעוואָלוציע. זיי האָבן אָנגעהויבן פֿאַרשרייען די סאָציאַליסטן אַלס פֿאָלקס־פֿאַרפֿירער און די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און אַקציעס אַלס קאַפּיטאַליסטישע מאַכערייקעס. אַ טייל אַנאַרכיסטן (נישט

אַלע) האָבן אַפּילו פֿאַראורטיילט דעם קאַמף פֿאַר אַן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג.

אויף אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון אַמעריקאַנער אַנאַרכיסטן אין יאָר 1883 אין פּיטסבורג איז אָנגענומען געוואָרן אַ מאַניפֿעסט צו די אַרבעטער פֿון די פֿאַר־אייניקטע שטאַטן, אין וועלכן דער אַנאַרכיסטישער קאַמף־וועג איז פֿאָרמולירט געוואָרן אויף אַזאַ אופֿן: „דער קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזיע וועט מוזן אָננעמען אַ גוואַלטזאַם רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער און פּשוטע לוין־קאַמפֿן פֿירן נישט צום ציל. מיר קענען דורך צאָלרייכע אילוסטראַציעס באַ־ווייזן אַז אַלע פֿאַרזוכן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט דורך פֿרידלעכע מיטלען צו באַזייטיקן די איצטיקע שרעקלעכע אומאָרדנונג — ווי, למשל, דורך דעם שטימ־קאַסטן — זיינען געווען גאַנץ נוצלאָז און וועלן אין דער צוקונפֿט אויך פֿאַרבלייבן אָן שום נוצן״... „אונטער די אומשטענדן בלייבט איבער נאָר איין מיטל — גוואַלט!״... „אַגיטאַציע וואָס זאָל פֿירן צו אָרגאַניזאַציע; אָרגאַניזאַציע צום צוועק פֿון רעבעלירן — דאָס זיינען אין ווייניק ווערטער די אָנגעצייכנטע וועגן אויף וועלכע די אַרבעטער דאַרפֿן זיך פֿאַר־נעמען, אויב זיי ווילן ווערן פֿריי פֿון זייערע קייטן״...

אין גייסט פֿון אַזעלכע מאַניפֿעסטן איז די אַנאַרכיסטישע אַגיטאַציע גע־ווען אַ באָמבאַסטישע און — פֿול מיט רעוואָלוציאָנערער מליצה און מיט אַפּילן צו „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט״, צו קעמפֿן מיט געווער אין האַנט. אָדער ווי עס איז געווען איינע פֿון די אַנאַרכיסטישע לאָזונגען: „פּולווער און בליי מאַכן די מענטשהייט פֿריי״. די דאָזיקע רייד האָבן געפֿונען אַ סך אָפּענע אויערן אויף דער יידישער גאַס. דאָ זיינען זיך צונויפֿגעלאָפֿן יידן מיט פֿאַרביטערטע הערצער, אַנטלאָפֿענע פֿון פּאָגראָמען, גזירות, נגישות און רדיפֿות. פֿון קעסל־גאַרדען זיינען זיי באַלד אַריינגעפֿאַלן אין קעסל־גרוב פֿון רויב־עקספּלאָאַטאַציע, ענגשאַפֿט און הונגער־געפֿאַר. אין שוויס, שמוץ און בלוט איז געבוירן געוואָרן דער נייער יידישער ישוב אויפֿן שויס פֿון דער אַמעריקאַנער ערד. אין קאָפּ איז אַלץ געווען נישט קלאָר און נישט זיכער. האָבן די מאַק־סימאַליסטישע טענער פֿון די אַנאַרכיסטישע רייד אין אָנהויב שטאַרק אַפּע־לירט. ביי סאָציאַליסטיש־געשטימטע מענטשן האָט דאָס פֿעלן פֿון דעמאָקראַטיע אין אַ ריי אייראָפּעאישע לענדער און די גוואַלט־מעטאָדן פֿון צאַריזם פֿאַר־שטאַרקט די סימפּאַטיע צום אַנאַרכיזם.

אין זייער קעגן־אַגיטאַציע האָבן אויך די סאָציאַליסטן אָנערקענט די אַקטועלקייט פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. מ. הילקאָוויץ האָט געשריבן: „די אידייע פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז אַ לעבעדיקע אַלוועלטלעכע טאָג־פֿראַגע״. אָבער די סאָציאַליסטן קענען נישט מסכים זיין אויף די רייד פֿון אַנאַרכיסטן, אַז „וואָס ערגער אַלץ בעסער״. מען מוז קעמפֿן פֿאַר פֿאַר־בעסערן דעם לעבנס־ניוואָ און פֿאַר רעפֿאָרמען. יעדער סענט מער אַרבעטס־לוין — האָט ווייטער געשריבן הילקאָוויץ — אָדער יעדע שעה אַרבעטס־צייט זיינען נישט בלויז וויכטיק, ווייל זיי פֿאַרבעסערן די אומגליקלעכע לאַגע פֿון די אַרבעטער, נאָר אויך ווייל זיי ברענגען אים מיט איין טריט נענטער צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע״.[5א]

אין די יוניאָנס, וואו עס פֿלעגן פֿאָרקומען היציקע דעבאַטעס וועלכע טאַקטיק איז בעסער — די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָדער די אַנאַרכיסטישע —

האָבן די סאָציאַליסטן באַקומען אַ שטאַרקערע השפּעה. די סאָציאַליסטישע טאַק־טיק פון פאַרבעסערן די לאַגע פון אַרבעטער שוין היינט און שטרעבן גלייכ־צייטיק צו דערגרייכן דעם ענד־ציל, האָט מער אַפּעלירט צו יענע יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אין די יוניאָנס. אָבער אַ לענגערע צייט האָבן די אַנאַרכיסטישע פאַרלעזונגען אין ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע און אין איניקע אַנדערע ערטער געצויגן אַ גרעסערן עולם צוהערער. אין די נײַנציקער יאָרן האָט זיך אויך דאָס געביטן. די אַנאַרכיסטן האָבן זיך אויס־געצייכנט מיט זייער אינטענסיווער אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, באַזונדערס אין די ימים־נוראים, ווען עס פלעגט אויך דערגיין צו צוזאַמענשטויסן מיט אָרטאָדאָקסישע יידן.

דער גט צווישן די אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן איז געווען די ערשטע גרויסע דיפערענצירונג און צעשיידונג אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. דאָס איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכע נויטווענדיקייט. ווייל ביידע ריכטונגען האָבן נישט פאַרמאָגט קיין געמיינזאַמע באַזע פאַר זייער טאָג־טעגלעכער פּאָ־ליטישער און פּראָפּאַגאַנדיסטישער טעטיקייט. צווישן די אָנהענגער און קעגנער פון פּאָליטישן טעראָר און פון פּאָליטישע וואַלן האָט קיין שלום־בית נישט געקענט זיין. די וועלכע האָבן געהאַט אין זינען בלויז די סאָציאַלע רעוואָלוציע, האָבן זיך געמוזט שיידן פון די, וועלכע האָבן געזאָרגט אויך פאַר חיי־שעה. ביי דער דאָזיקער ערשטער צעשיידונג איז עס אָבער נישט געבליבן שטיין. ס'האָט זיך דערנאָך באַוויזן אַ טיפער ריס אין סאָציאַליסטישן לאַגער גופא.

ביז 1893 האָבן די יידישע סאָציאַליסטישע טוער געאַרבעט מער־וויניקער האַרמאָניש. אין יענעם יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע מחלוקות. און מען דאַרף זאָגן, אַז אינערלעכע רייסערייען זיינען נישט געווען בלויז אַ יידישע דערשיינונג. אַ בילד פון דעמאָלטיקן צושטאַנד גיט ל. מילער. אין זיינעם אַן אַרטיקל לייענען מיר:

„אַזוי זעען מיר ווי בלויז אין שטאָט ניו־יאָרק עקזיסטירן דריי פאַר־שידענע צענטראַל־פּאַראייניקונגען פון אַרבעטער, וואו די אומוויסנקייט פון איינע באַדעקט מיט די פעלערן פון די צווייטע ווערן איבערגעשטיגן מיט די געמיינקייטן פון די דריטע. גייען מיר איבער פון דער ענגלישער און דייטשער באַוועגונג צו דער יידישער, געפינען מיר אין איר טרויעריקע דער־שיינונגען, כאָטש אין איר איז נאָך צום גליק נישט פאַראַן אַזאַ צעשפּליטערונג און צעבראָכנקייט. מיר מיינען דאָ די אומוויסנקייט, פּרינציפּנלאָזיקייט און גייסטיקע פאַרדאָרבנקייט פון פיל גרויסע, קליינע און קליינטשיקע 'פּראָמינענצן' אין פאַרשידענע יוניאָנס און פאַראיינען. זייער טרויעריקער איינפלוס אויף אונזער באַוועגונג שאַפט אַזאַ אומהיימלעכקייט און וואַרפט אַזאַ פינסטערן שאָטן אויף יעדער טעטיקייט, וואָס איז פאַרבונדן מיטן אָרגאַניזירן און אויפקלערן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. ווער וואָלט מיט איין יאָר צוריק געגלויבט, אַז טעמעני האָל אָדער אַ טשאַרלי סמיטה וועט ווען עס איז וואָגן צו באַווייזן אַ נאָז אין אַ יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע? איצט איז דאָס געוואָרן אַ פאַקט"...

„אַלע וויסן, אַז אונזער באַוועגונג געפינט זיך איצט אין אַ זייער קריטישן צו־שטאַנד"... „מיר זיינען נישט קיין פּאַטריאָטן פון אַ באַזונדערער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. מיר ווינטשן אַז די יידן זאָלן זיין מיטגלידער פון אַמע־

ריקאַנער יוניאָנס, אָבער מיר קענען זיך נישט מאַכן כלא ידע, אַז ביי די איצטיקע אומשטענדן זיינען יידיש־שפּרעכנדע אַרבעטער־פאַראיינען אַ נויטווענ־דיקייט"... „מיר זיינען נישט באַזונדערס באַגייסטערט פאַר אַ ספּעציעלער יידישער באַוועגונג. אָבער כל־זמן די יידן־פאַרפאָלגונגען אין דער אַלטער היים טרייבן אַהערצו יעדן יאָר דרייסיק טויזנט נייע יידישע עמיגראַנטן, איז עס אומבאַדינגט נייטיק, אַז אַזאַ באַוועגונג זאָל עקזיסטירן. און ווען זי איז שוין דאָ, מעג מען זען, אַז זי זאָל אויך זיין אַ געזונטע און אַ ריינע באַוועגונג".[6] און מילער רופט צו רייניקן די יוניאָנס פון די בודלער, פּאָליטישנס און אַנדערע, וואָס באַשמוצן און שעדיקן די באַוועגונג (טשאַרלי סמיטה איז געווען אַ קאָ־רומפּירטער פּאָליטישן, אַ יידישער שענקער פון עסעקס סטריט אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד).

דאָס וואָס פון גאַס האָבן זיך אַריינגעריסן שמוציקע כוואַליעס און געדראָט צו פאַראומרייניקן די באַוועגונג, און זי איינשפּאַנען אין וואָגן פון פרעמדע אינטערעסן איז בלויז געווען איין זייט פון דער מטבע. דאָס לעבן האָט געשטעלט אייניקע פראַגן און זיי האָבן נישט געפונען קיין לייזונג, וואָס זאָל באַפרידיקן. אין דער יידן־פראַגע האָבן די מאָסגעבנדיקע טוער, שרייבער און רעדנער מער־ווייניקער איינגעשטימט. רעליגיע — נישט. נאַציאָנאַליטעט — נישט. יידיש — יאָ. יידישע שפּראַך־אָרגאַניזאַציעס יאָ. די צוויי לעצטע — בלויז צייטווייליק. אָדער ווי עס האָט געשריבן „דער אמת" (נומער 23 1895): „די יידישע אַרבעטער זיינען מער אַרבעטער ווי יידן און זייערע אינטערעסן זיינען די אינטערעסן פון זייער קלאַס, נישט פון זייער ראַסע אָדער נאַציע".

און אב. קאַהאַן האָט געשריבן: „די יידיש־שפּרעכנדע סאָציאַליסטן רופן זיך נישט 'יידן' — זיי אָנערקענען נישט קיין אונטערשיד צווישן קריסט, מאַכמעדאַנער אָדער ייד. ביי זיי זיינען אַלע מענטשן, און ווען זיי פּריידיקן זייערע אידייען צווישן די יידן, איז דאָס בלויז ווייל רעדנדיק זייער שפּראַך, פילן זיי אַלס זייער פליכט צו טון צווישן די יידן דאָס, וואָס דער דייטשער סאָציאַליסט טוט צווישן די דייטשן, אָדער דער פראַנצויזישער סאָציאַליסט צווישן די פראַנצויזן".[7]

לויט די דעמאָלטיקע באַגריפן פון ווינטשעווסקין, קאַהאַנען, קראַנצן און די אַנדערע וואָרט־זאָגער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז אויסגעקומען, אַז אַ סאָציאַליסט שטייט מחוץ זיין פאָלק און ברענגט אים פון דער פרעמד אַ סאָציאַליסטישע תורה, אַז ער נידערט אַראָפּ צום פאָלק ווי אַ משה פון סאָציאַליסטישן הר סיני.

אין וואָס־זשע זיינען באַשטאַנען די חלוקי־דעות? פונוואַנען די אומצו־פרידנקייטן און קריגערייען?

די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין לאַנד האָט זיך געגויטיקט אין אַ צענטראַלער אָנפירונג. זי האָט דאָס נישט געהאַט. האָט דעם ליידיקן פּלאַץ פאַרנומען, פון קיינעם נישט באַפולמעכטיקט, דער פאַרוואַלטונגס־ראַט פון דער „אַרבייטער צייטונג" פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאַן. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט ביי אַ טייל סעקציעס און טוער. דער פאַרוואַלטונגס־ראַט האָט באַווירקט „די אַרבייטער צייטונג" און שפּעטער די טאָג־צייטונג „אבענד־

בלאַט״, ווי אויך די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן און אַ צאָל יידישע סעקציעס פון ס.ל.פּ.

צום ערשטן מאָל איז די דאָזיקע נישט־באַפולמעכטיקטע אָנפירונג אַטאַקירט געוואָרן אויף דער קאָנווענשאַן פון די יידישע סעקציעס סוף 1893. געפירט די אַטאַקע האָט ל. מילער. אים האָבן אונטערגעהאַלטן אייניקע דעלעגאַטן פון לאַנד. צו דער קאָנווענשאַן זיינען אָנגעקומען פּראָטעסט־רעזאָלוציעס פון אייניקע סעקציעס קעגן פאַרוואַלטונגס־ראַט. די אָנגענומענע רעזאָלוציע וועגן דעם ענין האָט נישט פאַרבעסערט די באַציאונגען. מיט אַ יאָר שפּעטער איז די פראַגע ווידער אויפגעהויבן געוואָרן אויף דער קאָנווענשאַן פון די יידישע סעקציעס. עס איז געפירט געוואָרן אַ שטורמישע דעבאַטע — ס׳איז אָבער גאָרנישט געענדערט געוואָרן.

אין נאָוועמבער 1895 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג, וואו מ׳האָט אַרומגערעדט די לאַגע אין דער באַוועגונג. אין אַריינפיר־וואָרט צו דער דעבאַטע האָט אַב. קאַהאַן געזאָגט, אַז במשך פון די פאַרגאַנגענע דריטהאַלבן יאָר איז מען כמעט אין גאַנצן געשלאָפן. די טעטיקייט, חוץ דער פּרעסע, איז געווען נול. פאַרוואָס? ווייל מיט דריטהאַלבן יאָר צוריק איז שוין דערגרייכט געוואָרן די העכסטע שטופע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און מ׳קען שוין ווייטער נישט גיין פאַראויס. „דערפאַר האָט זיך ביי אונז אַנטוויקלט פערזענלעכע אַטאַקעס, צאַנקערייען, מיספאַרשטענדנישן. דערפאַר האָבן זיך געשאַפן קליקעס״. די רפואה צו דער מכה האָט קאַהאַן געזען אין דעם, מ׳זאָל אַלע סעקציעס, דיסטריקטן און פאַראיינען אָרגאַניזירן אין איין צענטראַלער קערפּערשאַפט, וואָס זאָל צונויפגעשטעלט ווערן פון דעלעגאַטן פון די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס מוזן אויך האָבן אַ דעה איבער דער יידישער אַרבעטער־פּרעסע.

וועגן שטילשטאַנד הערן מיר אויך זיך קלאָגן אין אַ לייט־אַרטיקל פון וואָכנבלאַט „דער אמת״ (11 אָקטאָבער 1895): „מ׳האָט אָפּגעאַרבעט יאָרנלאַנג אין דער באַוועגונג. מ׳האָט גערעדט, מ׳האָט געשריבן. פאַלט אייך נישט איין, אַז דאָ האָט געמוזט געאַרבעט ווערן אָן אַ טאַלק, אַז עס האָט געמוזט פעלן אַן אומבאַשרייבלעכעס עטוואָס, ווען אַלס רעזולטאַט פון יאָרן פּראָפּאַגאַנדע האָט מען היינטיקן טאָג דיזעלביקע רעדנער און שרייבער, וועלכע מ׳האָט געהאַט מיט עטלעכע יאָר צוריק? ווער וועט זיין דער יהושע פאַר יעדן פון אונזערע משה׳ס?״

די אומצופרידנקייטן און זוכענישן פאַר נייע אופנים פון סאָציאַליסטישער אַרבעט האָבן אין יאָר 1895 זיך פאַרשטאַרקט. גלייכצייטיק האָבן זיך פאַרשאַרפט די אינערלעכע אָנגעשטרענגטע באַציאונגען. אין אַזאַ אַטמאָספער איז גערופן געוואָרן דער 7־ער — און לעצטער — פאַרטיי־טאָג פון דער פאַראייניקטער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דער „אמת״ און „די צוקונפט״ זיינען דעמאָלט אַרויס אָפן אין אָפּאָזיציע צו דער „אַרבייטער צייטונג״. אַ צאָל יידישע סעקציעס פון אייניקע שטעט האָבן אפילו אָנגענומען און פאַרעפנטלעכט אָפיציעלע באַשלוסן צו שיקן זייערע באַריכטן אין „אמת״ און „צוקונפט״ און זיי שטיצן, ווייל „די אַרבייטער צייטונג״ וויל נישט דרוקן זייערע באַריכטן. אין ניו־יאָרק האָט זיך געגרינדעט

אַ פֿאַראיין צו פֿאַרשפּרייטן דעם „אמת" און „די צוקונפֿט", ווי אויך איינ־אָרדנען פֿאַרזאַמלונגען און דיסקוסיעס. אין אַזאַ שטימונג האָט די באָסטאָנער סעקציע פֿון ס.ל.פּ. פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אויפֿרוף צו אַלע יידישע סאָציאַליסטישע סעקציעס און פֿאַראיינען פֿון אַמעריקע, אַז זיי זאָלן פֿאָדערן צונויפֿרופֿן אַ פּאַרטיי־טאָג. אויך די נוואַרקער יידישע סעקציע איז אַרויס מיט אַן ענלעכן אויפֿרוף. אַ ריי יידישע סעקציעס האָבן אונטערגעהאַלטן דעם רוף און די קאָנווענשאָן איז באַשטימט געוואָרן אויף די טעג פֿון 28־31 דעצעמבער 1895 אין ניו־יאָרק.

דער פֿאַרוואַלטונגס־ראַט פֿון זשורנאַל „די צוקונפֿט", וואָס האָט זיך פֿאַר־נומען מיט צוגרייטן די קאָנווענשאָן, האָט פֿאָרגעשלאָגן פֿאָלגנדיקע טאָג־אָרדנונג:

1) באַריכט פֿון פֿאַרוואַלטונגס־ראַט פֿון „צוקונפֿט". 2) באַריכטן פֿון די אָרגאַניזאַציעס. 3) שריפֿטלעכע און מינדלעכע פּראָפּאַגאַנדע (שריפֿטלעכע: „די צוקונפֿט", בראָשורן, טעגלעכע ענגלישע צייטונג; מינדלעכע: אַגיטאַציע־טורן און גרינדן נייע סעקציעס, הויז־צו־הויז־פּראָפּאַגאַנדע, סיסטעמאַטישע לעקציעס). 4) אונזער שטעלונג צו די טרייד־יוניאָניסטישע קערפּערשאַפֿטן. 5) די אַגיטאַציע קעגן שוויץ־סיסטעם. 6) דער 1־טער מאַי און די באַוועגונג פֿאַרן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. אַחוץ דעם האָבן נאָך אייניקע סעקציעס פֿאָרגעשלאָגן צוגאָב־פּונקטן צו דער טאָג־אָרדנונג.

אויפֿן דאָזיקן וויכטיקן צוזאַמענפֿאָר זיינען געווען פֿאַרטרעטן די יידישע סעקציעס פֿון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין פֿאָלגנדיקע שטעט: ניו־יאָרק, באָסטאָן, באָסטאָן וועסט־ענד, שיקאַגאָ, רומעניען ברענטש, האַרט־פֿאָרד, באַלטימאָר, ניו־הייווען, בעדפֿאָרד קאָנג., וועסט האָבאָקען, פּראָווידענס, ברוקלין, בראָנזוויל, פֿילאַדעלפֿיע, נוואַרק, סינסינעטי, הייווערהיל מאַס., באָפֿאַלאָ, ראָטשעסטער און סאַן פֿראַנציסקאָ. אַחוץ דעם זיינען געווען פֿאַרטרעטן די־דאָזיקע אַנדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס: 4־ער, 8־ער און 12־ער אַסעמבלי דיסטריקטן אין ניו־יאָרק, פֿאַראיין „ברידערלעכקייט", וואָיס אָוו לייבאָר און דער סאָציאַליסטישער קאַמפּיין קלוב פֿון שניידערס, די „אַרבייטער־צייטונג" פּאָבלישינג אַסס'ן, אַפּטאַון בילדונגס־פֿאַראיין, דער פֿאַראיין פֿון אַרבעטערינס, די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע געזעלשאַפֿט, סאָציאַליסטישער קראַנקען־אונטערשטיצונגס־פֿאַראיין, סאָציאַליסטישער דראַמאַטישער פֿאַראיין און די פֿאַר־אייניקטע יידישע געווערקשאַפֿטן — אַלע פֿון ניו־יאָרק. עס זיינען אויך געווען רעפּרעזענטירט דער פּאָליטישער און דערציאונגס־קלוב אויפֿן נאָמען פֿון לאַסאַל אין שיקאַגאָ, און דער בילדונגס־פֿאַראיין אין וואָוסטער מאַס.. צווישן די אויפֿשריפֿטן, מיט וועלכע דער וועבסטער־האָל, וואו דער צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען, איז געווען באַצירט, איז אויך געווען אַזאַ: „מיר זיינען קיינע יודען זאָנדערן אידעש־שפּרעכענדע פּראָלעטאַריער". די דאָזיקע אויפֿשריפֿט האָט ביי פֿיל אַרויסגערופֿן אַן אומצופֿרידנקייט און מ'האָט צווישן זיך וועגן דעם אַ סך גערעדט.

אַ שאַרפֿער שטרייט איז באַלד אויסגעבראָכן וועגן דעם צוזאַמענשטעל פֿון „פּאַרטיי־טאָג". די פֿאָרשטייער פֿון דער „אַרבייטער צייטונג" פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן האָבן געפֿאָדערט אַז מען זאָל אויך צולאָזן דעלעגאַטן פֿון איינצלנע

יוניאָנס. דאָס וואָלט פאַרשטאַרקט די ווירקונג פון זייער פאַרוואַלטונגס־ראַט אויף דער קאָנווענשאָן. מיט אַ מערהייט פון 32 שטימען קעגן 22 איז באַשלאָסן געוואָרן נישט צוצולאָזן די פאַרשטייער פון די יוניאָנס.

די טענות, וואָס די אָפּאָזיציע האָט אַרויסגערוקט אויף דער קאָנווענשאָן, זיינען געווען: די פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן נעמט ניט אַריין קיין נייע מיט־גלידער און עס הערשט דאָרטן אַ קליקע, וואָס פאַרכאַפּט כסדר נייע פּאָזיציעס און באַמיט זיך צו באַהערשן די באַוועגונג און אָנוואַרפן איר ווילן. די אָפּאָזיציע האָט פאַרלאַנגט, אַז עס זאָלן ווערן פאַרקערט: נישט אַן אומפאַראַנטוואָרט־לעך הייפל מענטשן זאָלן קאָנטראָלירן די באַוועגונג נאָר לעגיטימע פאַר־שטייער פון די יידישע סעקציעס. די פּרעסע זאָל זיין אונטער דער קאָנטראָל פון די דאָזיקע פאַרשטייער, עס זאָל איינגעפירט ווערן פרייע פּרעסע, די טעג־לעכע צייטונג זאָל זיין מער סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט. מ׳האָט אויך קרי־טיקירט פאַרוואָס דער פאַרוואַלטונגס־ראַט איז אַ געצייג פון פאַרטיי־פירער דעניעל דע ליאָן.

ווען מ׳איז נאָך דער היציקער דעבאַטע צוגעטרעטן צו אָפּשטימען אַ רע־זאָלוציע, האָבן די פאַרשטייער פון דער פּאַבלישינג אַסס׳ן דערקלערט, אַז אַזוי ווי מ׳האָט נישט צוגעלאָזט דעלעגאַטן פון די יוניאָנס און אַ צאָל דעלעגאַטן זיינען נישט דירעקט פון די סעקציעס, נאָר האָבן צוגעשיקטע שריפטלעכע מאַנ־דאַטן, דעריבער איז די קאָנווענשאָן נישט קיין ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, במילא קענען אירע באַשלוסן נישט פאַר־פליכטן. ביי אַזאַ לאַגע האָט דער „פאַרטיי־טאָג" אָנגענומען פייגענבוימס פאָר־שלאָג, אַז דער סכסוך מיט דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט פון דער „אַרבייטער צייטונג" אַסאָסיאיישאָן זאָל איבערגעגעבן ווערן אויסצוגלייכן צו דעם נאַציאָ־נאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.ביידע צדדים האָבן זיך פאַרפליכטעט אונטערצוואַרפן דעם אורטייל פון דער פאַרטיי־אָנפירונג. דער סכסוך אין יידישן טייל איז איצט געוואָרן אַן אַלגעמיינער פאַרטיי־ענין.

דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו פון דער פאַרטיי האָט באַלד באַשטימט אַ קאָמיסיע פון די 5 וויכטיקסטע פאַרטיי־פירער: דעניעל דע ליאָן, אַלעקסאַנדער יאָנאַס, לוסיען סעניעל, הוגאָ פאָכט און העגרי קוהן (דאָס איז געווען דער דעמאָלטיקער פאַרטיי־עקזעקוטיוו). די קאָמיסיע האָט אָנגעהויבן אַרבעטן דעם 9 יאַנואַר 1896 און האָט געהאַט 18 זיצונגען. עס זיינען אויפגעטרעטן מיט זייערע טענות ביידע צדדים. אַלס פאַרשטייער פון דער מערהייט פון „פאַרטיי־טאָג" זיינען געווען: אב. קאַהאַן, ב. פייגענבוים, מ. זאַמעטקין, ישראל פּעסקין און מ. ווינטשעווסקי. דעם צד פון פאַרוואַלטונגס־ראַט האָבן פאַרטרעטן פ. קראַנץ, ס. ד. קופער, אייבעלסאָן, ב. וויינשטיין און ה. האַרקאַווי.

די קאָמיסיע האָט באַטראַכט פאָלגנדיקע פראַגן: 1) די רעדאַקציאָנעלע פירונג פון דעם „אבענד־בלאַט". 2) דער סיסטעם און די אויפפירונג פון דער „אַרבייטער צייטונג" פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן. 3) די אויפפירונג פון אב. קאַהאַן. 4) די אויפפירונג פון רעדאַקטאָר (מ. ווינטשעווסקי) און די אַרויס־געבער פון „אמת". 5) וועגן צוזאַמענשטעל פון דער לעצטער קאָנווענשאָן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין די פּונקטן זיינען געווען



דר. ש. פעסקין

ב. ווײַנשטײן

דר. אב. קאַספּע

מאַקס פּײַן

י. ב. סאַלוצקי

האַנאַה סאַלוצקי

צביון (דר. ב. האָפמאַן)



א. ליטוואַק

די באַשולדיקונגען פון דער אָפּאָזיציע און די קעגן־באַשולדיקונגען פון אַנ־דערן צד.

קעגן דער טעגלעכער צייטונג „אַבענד־בלאַט" איז אַרויסגערוקט געוואָרן די טענה, אַז זי פּירט נישט קיין גענוגענדיקע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. די קאָמיסיע פון דער פּאַרטיי האָט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז נישט די שולד פון רעדאַקטאָר (פיליפּ קראַנץ).

וואָס שייך די טענות צו דער „אַרבייטער צייטונג" פּאַבלישינג אַסאָסיאיי־שאַן, האָט די קאָמיסיע באַרעכטיקט דאָס נישט אַריינלאָזן קיין פאָרשטייער פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ווי עס האָט פאַרלאַנגט די אָפּאָזיציע, נאָר מ'זאָל ווערן אינדיווידועל שטענדיקע מיטגלידער. מאָטיווירט איז עס געוואָרן מיט געזעצלעכע טעמים. ס'איז אויך אָפּגעוואָרפן געוואָרן די טענה וועגן פינאַנציעלע אומאָרדנונגען. דאַקעגן איז געפונען געוואָרן פאַר באַרעכטיקט דער פאָרוואורף, אַז די פּאַבלישינג־אַסאָסיאיישאַן האָט זיך באַצויגן שלעכט צו די ווענדונגען פון די קאָנווענשאָנס פון די יידישע סעקציעס וועגן אָפּגעבן אַלגעמיינע און פינאַנציעלע באַריכטן.

צום פונקט וועגן אב. קאַהאַן האָט די קאָמיסיע אָנגענומען אַזאַ באַשלוס: „ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן ווערט די שנאה, וואָס עקזיסטירט מצד אייניקע גענאָסן קעגן גענאָסע קאַהאַן, בעיקר אַרויסגערופן דורך זיין נערוועזן און היציקן טעמפּעראַמענט. דאָס האָט אים טיילמאָל דערפירט צו נישט־באַרעכנטע האַנדלונגען". די קאָמיסיע האָט אָבער אויך אָנערקענט, אַז אַב. קאַהאַן ווייזט אַרויס לאָיאַלקייט ביים רעדאַגירן די „אַרבייטער צייטונג", ווי אויך מיט זיינע באַמיאונגען צו דערגרייכן צוריק אַ שלום.

וועגן מאָריס ווינטשעווסקי און דער יידישער סעקציע פון באָסטאָן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז זיי פאַרדינען געטאַדלט צו ווערן פאַר מאַכן „אומבאַ־רעכנטע אָנגריפן אויף דער סאָציאַליסטישער פּרעסע און באַוועגונג". די „אַר־בייטער צייטונג" פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן האָט געהאַט רעכט „נישט צו וועלן מסכים זיין אויף דעם פאַרלאַנג פון דער קאָנווענשאָן פון די יידישע סעקציעס צו מאַכן גענאָסע ווינטשעווסקי פאַר אַ צווייטן גלייך־געשטעלטן פירנדיקן רע־דאַקטאָר פון דער 'אַרבייטער צייטונג'". (אין הסכם מיטן וואונטש פון דער 7־ער קאָנווענשאָן, איז „דער אמת" אין יאַנואַר 1896 אָפּגעשטעלט געוואָרן).

וועגן דער לעצטער קאָנווענשאָן האָט דער פאַרוואַלטונגס־ראַט אַרויסגע־רוקט די טענה, אַז מיט איר צוזאַמענשטעל איז זי נישט געווען קיין ריכטיקע רעפּרעזענטאַנטין פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די אָרגאַ־ניזאַציעס מחוץ ניו־יאָרק זיינען 50 פּראָצענט געווען רעפּרעזענטירט דורך איינוואוינער פון ניו־יאָרק און ברוקלין, וועלכע האָבן באַקומען צוגעשיקט מאַנ־דאַטן און אַלע זיינען זיי געווען פון איין צד. מער ווי אַ דריטל פון די באַ־טייליקטע אָרגאַניזאַציעס זיינען נישט אָפיציעל פאַרבונדן מיט דער ס. ל. פּ.. דעריבער מוז נישט די פּאַבלישינג־אַסאָסיאיישאַן פאָלגן די באַשלוסן פון אַזאַ קאָנווענשאָן. די קאָמיסיע האָט וועגן דעם באַשלאָסן: „נישט געקוקט אויף די אַלע טענות, מוז אָבער אנערקענט ווערן, אַז די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אויף וויפיל זי איז אָרגאַניזירט אויפן פּאָליטישן באָדן, איזווירקלעך געווען פאָרטרעטן אויף דער קאָנווענשאָן". די אייגנטלעכע אויפגאַבע פון די

יידישע קאָנווענשאַנס איז נישט קיין אַנדערע, ווי פאַרבינדן די טעטיקע טוער „פאַר אַ סיסטעמאַטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידיש־שפּרעכענדע לוין־אַר־בעטער אויף דעם וועג, וואָס איז אויסגעטראָטן דורך דער ס.ל.פּ.". מעג מען דעריבער צולאָזן נישט־פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס. וועגן פּאַרטיי־ענינים קע־נען באַשטימען נאָר שטרענגע פּאַרטיי־צוזאַמענקונפטן. דעריבער וואָלט גוט געווען אויף ווייטערדיקע יידישע קאָנווענשאַנס נישט באַהאַנדלען די פּונקטן, וואָס האָבן נישט דירעקט קיין שייכות צו דער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט און צו־געלאָזט זאָלן ווערן אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווילן מיטאַרבעטן אויף די ליניעס פון דער ס.ל.פּ.

ווייטער איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די „אַרבייטער צייטונג" זאָל געמאַכט ווערן פאַר דעם אָפיציעלן יידישן אָרגאַן פון דער ס. ל. פּ. אַב. קאַהאַן איז נאָמי־נירט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר. די רעדאַקציע פון „אבענד־בלאַט" זאָל בלייבן אונטער דער קאָנטראָל פון דער פּאַבלישינג־אַסאָסיאיישאַן, אָבער דער נאַציאָנאַ־לער עקזעקוטיוו פון ס.ל.פּ. זאָל זיין אַן אינסטאַנץ פאַר אַנקלאַגעס. פיליפּ קראַנץ זאָל בלייבן רעדאַקטאָר און ווינטשעווסקין זאָל מען אַריינגעמען אַלס סטעף שרייבער אין „אבענד־בלאַט".

די אָפּאָזיציע איז נישט געווען צופרידן פון די אַנטשיידונגען, וואָס די פּאַרטיי־אינסטאַנץ האָט אַרויסגעטראָגן. פאַקטיש האָט עס געהייסן, אַז די אויטאָנאָמיע פון די יידישע סעקציעס איז באַגרענעצט געוואָרן צוליב אַ סכסוך, וואָס די יידישע טוער האָבן צווישן זיך פאַרפירט. און אַחוץ אַלעם — דער אומצוטרוי איז נישט באַזייטיקט געוואָרן און די רייסערייען האָבן נישט אויפ־געהערט.

אין גיכן האָט אַב. קאַהאַן רעזיגנירט פון זיין אַמט אַלס רעדאַקטאָר פון דער „אַרבייטער צייטונג". זיין אָרט האָט פאַרנומען פיליפּ קראַנץ, וועלכער איז באַלד אַרויס מיט אַן אָפענער און שאַרפער אַטאַקע קעגן דער אָפּאָזיציע. ער האָט געשריבן, אַז אין די רייען פון דער יידישער אָפּטיילונג פון דער פּאַרטיי האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אַזעלכע מיטגלידער, וואָס מען דאַרף רופן „רויטע קאַרטן האַלטערס", „וואָס דער אַנאַרכיסטישער אומזין איז נאָך פון זייערע מוחות אין גאַנצן נישט אַרויסגעשלאָגן, וואָס מאַכן פון זיך חוזק און ברענגען שאָדן דער באַוועגונג, פּראָטעסטירנדיק קעגן אַ באַשלוס פון זייער אייגענעם שידס־געריכט, שפּילנדיק זיך אין קאָנווענשאַנס און 'אָפּאָזיציעס' צו דער פּאַרטיי, אַזוי ווי קליינע מיידעלעך אין צייכענס, און סטראַשענדיק אַרויס־צוטרעטן אין גאַנצן פון דער פּאַרטיי, ווייל זיי זיינען נישט בכוח אויסצופירן דאָס זייעריקע (אין וואָס דאָס באַשטייט ווייסן זיי אייגנטלעך אַליין נישט; מיר געוויס נישט) אויף דעם ריכטיקן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן וועג". קראַנץ ווענדט זיך, אַז „אַלע זאָלן זיך צוזאַמענגעמען און דיסציפּלינירן די 'רויטע קאַרטן האַלטערס' און מאַכן אַ סוף צו דער איצטיקער פורים־שפּילעריי מיט די חסידים־האַצקעריי אויף אַזוי־גערופענע קאָנווענשאַנס, וועלכע עקלען יעדן פאַרנונפטיקן מענטשן".[8]

ענטפערנדיק אויף אַן אַרטיקל פון מ. זאַמעטקין, זאָגט קראַנץ קלאָר און בולט, אַז די באַשלוסן פון דער יידישער קאָנווענשאַן זיינען נישט פאַר אים בינדנדיק, בלויז באַשלוסן פון דער פּאַרטיי קענען זיין בינדנדיק פאַר אים.[9]

אין קאַמף קעגן דער אָפּאָזיציע האָבן די וואָרט־פירער פון פאַרוואַלטונגס־ראַט אין איין וועג שוין געפּראָוווט אַרונטעררייסן דעם אָנזען און אויטאָריטעט פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן דעת־הקהל, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אין די פאַרגאַנגענע יאָרן.

פון דער צווייטער זייט האָט אב. קאַהאַן אין נאָמען פון דער „צוקונפט״־רעדאַקציע פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל, וואו ער האָט פאָרמולירט דעם שטאַנד־פּונקט פון דער אָפּאָזיציע. מיר לייענען דאָרט:

„די בעלי־בתים און אַרויסגעבער פון דער ׳צוקונפט׳ זיינען די אַלע יידיש־שפּרעכנדע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון גאַנצן לאַנד. די טאָג־פראַגע וואָס מיר האָבן בדעה דאָ אַרומצורעדן, איז אַ פראַגע צווישן די דאָזיקע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון איין זייט, און די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע באַזיצט די ׳אַרבייטער צייטונג׳ און דאָס ׳אבענד־בלאַט׳ — די ׳אַרבייטער צייטונג׳ פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאַן — פון דער אַנדער זייט״.ביידע דערמאָנטע אָרגאַנען זיינען געוואָרן אַ געווער קעגן די מיטגלידער פון די יידיש־שפּרעכנדע אָרגאַניזאַציעס. די צייטונגען מוזן „געהערן און קאָנטראָלירט ווערן פון אַלע יידישע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון לאַנד״. די מיט־גלידער פון דער פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאַן רעפּרעזענטירן קיינעם נישט אַחוץ זיך אַליין. אָנשטאָט אַ לאָרדן־הויז דאַרף קומען אַ הויז אָוו קאָמאָנס.[10]

צו די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס איז פאַנאַנדערגעשיקט גע־וואָרן אַן אויפרוף, אונטערגעשריבן פון ס. גיליס, ס. לעווין, מ. בראַווערמאַן, אב. קאַהאַן און מ. ווינטשעווסקי, אַז מ׳זאָל זיך צונויפקומען אויף אַ קאָנווענשאָן אין אויגוסט 1896. אין אויפרוף ווערן אַרומגערעדט די רייסערייען, אומצופרידנ־קייט און דעמאָראַליזאַציע אין דער באַוועגונג פון אַ ריי שטעט. כדי דאָס צו באַזייטיקן, איז נויטיק אַ קאָנווענשאָן פון די יידיש־שפּרעכנדע אָרגאַניזאַציעס. דער אויפרוף איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן נאָך אַ באַראַטונג פון פאָרשטייער פון אייניקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן אַזאַ קאָנווענ־שאָן. 8 אָרגאַניזאַציעס האָבן באַלד אונטערגעשטיצט דעם פאָרשלאָג. דער צד שכנגד האָט זיך אנטקעגנגעשטעלט און מאָביליזירט זיינע כוחות. די אָרגאַני־זאַציעס, וואָס האָבן געהאַלטן מיטן צווייטן צד, האָבן פאַרעפנטלעכט פּראָ־טעסטן און ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז ס׳איז נישט מעגלעך צו רופן אַ קאָנווענ־שאָן, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן די גאַנצע יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

דערווייל איז אין יולי 1896 אָפּגעהאַלטן געוואָרן די 9־טע נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וואו די „יידישע פראַגע״ האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט. ערב דער דאָזיקער קאָנווענשאָן איז דעם 27 יוני אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק. דאָרטן איז אויך באַטראַכט געוואָרן דער סכסוך אין דער יידישער באַוועגונג. ביידע צדדים זיינען געווען מאָביליזירט. מיט אַ מערהייט שטימען האָט די פאַרזאַמלונג אָנגענומען דעם באַשלוס: „די 10 ניו־יאָרקער דעלעגאַטן צו דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן ווערן אינסטרו־אירט צוריידן און שטימען פאַר דעם, אַז די ס.ל.פּ. אַלס אַזעלכע זאָל נישט האָבן קיין אָפיציעלע פאַרבינדונג מיט דער ׳אַרבייטער צייטונג׳ און ׳אבענד־

בלאַט׳. די יידישע סאָציאַליסטישע פּרעסע בכלל זאָל מען איבערלאָזן צו די יידישע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי״.

די אָפּאָזיציע איז געווען צופרידן פון דעם באַשלוס. און אב. קאַהאַן האָט וועגן דעם געשריבן: „מער טאָלק, אַ שנעלע אַמעריקאַניזירונג פון די מיטגלידער וועט דערגרייכט ווערן, יאָ, דורך דער געזונטער פּראָפּאַגאַנדע אויף יידיש ווערן יידישע אַרבעטער געבראַכט אי צו סאָציאַליזם, אי צו דער שפּראַך פון לאַנד״...[11]

דער קאָנפליקט איז ברייט אַרומגערעדט געוואָרן אויף דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן פון ס. ל. פּ. וו. ריעד, דער פאָרשטייער פון דער ניו־יאָרקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, האָט אין הסכם מיט דער באַקומענער אינסטרוקציע, פאָרגעשלאָגן, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך צוריקציען פון קאָנטראָל איבער דער יידישער פּרעסע און דאָס איבערלאָזן אין רשות פון די יידישע סעקציעס. די מיטגלידער פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וואָס האָבן גערעדט וועגן דער פראַגע, זיינען געווען געטיילט אין די מיינונגען. יאָנאַס האָט אונטערגעשטיצט דעם שטאַנדפּונקט פון דער ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע. דאַקעגן דע ליאָן און סעניעל האָבן פאָרגע־לייגט: אָדער די פּאַרטיי זאָל איבערנעמען די פולע קאָנטראָל איבער דער יידישער פּרעסע, אָדער זיך אינגאַנצן צוריקציען פון דער זאַך. נאָך אַ ריי דעלעגאַטן האָבן זיך באַטייליקט אין דער דעבאַטע. ס׳זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן און אויך קאָמפּראָמיס־פאָרשלאָגן. לסוף האָט די קאָנווענשאָן פון ס.ל.פּ. אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס זאָגט: צוליב די סכסוכים אַרום דער יידישער פּרעסע האָבן געליטן נישט בלויז די יידישע ברענטשעס און סעקציעס, נאָר אויך געמישטע, וואו יידישע גענאָסן געהערן צוזאַמען מיט אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. די רעזאָלוציע קומט צו אַזאַ אויספיר: „די פּאַרטיי ציט זיך צוריק פון יעדער פאַרבינדונג מיט דער יידישער פּרעסע און באַפרייט זיך אויף אַזאַ אופן פון יעדן פלאָנטער אין דעם ענין. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט ווערט באַאויפטראַגט זיך נישט אַריינצו־מישן ביים וויילן אַ רעדאַקטאָר פאַר דער יידישער פּרעסע, אָדער אין דער רעדאַקציאָנעלער השגחה אָדער געשעפטס־פירונג״. אויך זאָל קיין שום פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אַלס אַזעלכע גאָר נישט האָבן צו טון מיט וועלכער עס איז קערפּערשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער יידישער פּרעסע אָדער זיין פאַר־בונדן מיט אַ יידישער צייטונג. „דער גאַנצער ענין זאָל דערליידיקט ווערן פון די שטרייטנדיקע יידישע גענאָסן אַלס יחידים״.

די קאָנווענשאָן האָט אַחוץ דעם איינשטימיק אָנגענומען אַן אויפרוף „צו די יידישע סאָציאַליסטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן״. דאָרטן ווערט געזאָגט: „די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן שטרעקט אויס צו אייך חבריש די האַנט. אין אונזער זכרון איז נאָך פריש דער גוואַלטיקער קאַמף, וואָס איר האָט געפירט פאַר אונזער געמיינזאַמער זאַך. מיר אַנערקענען די קרבנות, וואָס איר האָט גע־בראַכט, און מיר ווייסן וואָסערע רדיפות איר האָט געמוזט אויסשטיין אין דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פּראָלעטאַריאַט. דעם ענין, וואָס איר האָט אונז איבערגעגעבן אויסצוגלייכן, האָבן מיר אַרומגערעדט און מיר האָפן, אַז איר וועט מסכים זיין אויף אונזער באַשלוס. זיינען ביי אייך פריער געווען

שטרייטיקייטן, ווילן מיר האָפן, אַז זיי וועלן איצט אויפהערן; זיינען אייערע געפילן אָפּגעפרעמדט געוואָרן, טאָ פאַרגעסט זיי און באַגראָבט זיי אין אחדות, אין דער באַנייאונג פון יענעם גרויסן ענטוזיאַזם, וואָס איר האָט אַזוי אָפט באַוויזן אין דעם קאַמף פאַר פרייהייט".

באַלד נאָך דער קאָנווענשאָן האָט אַב. קאַהאַן אָפּגעדרוקט אַ באַגייסטערטן אַרטיקל, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „בלויז איין אמתע פאַרטיי איז דאָ אין אַמעריקע — איר פאָן איז רויט, איר צייכן איז דער האַמער און דעם אַרבעטערס זרוע נטויה; איר נאָמען איז די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי! איר נשמה איז אַ לויטערע, אַ קלאָרע"...[12]

ביידע צדדים האָבן גענומען מאַכן געוויסע אויספירונגען פון פּאַרטיי־באַשלוס. די „אַרבייטער צייטונג" פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן האָט באַשלאָסן צו פאַרלייכטערן דעם אַריינטריט פון נייע מיטגלידער. דעם 21 יולי 1896 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די יידישע סאָציאַליסטן, מיטגלידער פון דער ס. ל. פּ.. עס איז געפירט געוואָרן אַ גרויסע דעבאַטע, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט איבער 30 רעדנער. מיט אַ מערהייט שטימען איז באַשלאָסן געוואָרן: אַזוי ווי לויט דער רעזאָלוציע פון דער לעצטער קאָנווענשאָן פון ס.ל.פּ. איז די פאַרשידענע דיסטריקטן און סעקציעס פאַרווערט אָנטיילצונעמען אָדער שטיין אין פאַרבינדונג מיט קערפּערשאַפטן, וואָס האָבן צו טון מיט דער יידישער פּרעסע; אַזוי ווי די יידישע סאָציאַליסטן, מיטגלידער פון ס.ל.פּ. פון ניו־יאָרק און אַרומיקער געגנט, האַלטן פאַר נויטיק און וויכטיק אַ יידישע סאָציאַליסטישע פּרעסע, וואָס זאָל דורך זיי קאָנטראָלירט און פאַרוואַלטעט ווערן, ווערט באַשלאָסן, אַז די פאַרזאַמלטע אָרגאַניזירן זיך אין אַ סאָציאַליסטישן פּרעסע־קלוב צו אַנטוויקלען די יידישע סאָציאַליסטישע פּרעסע.

דער קאַמף פון די צדדים איז אַריין אין אַ נייער פאַזע. ס'זיינען שוין געווען צוויי אָרגאַניזאַציעס, וואָס דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע. דער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט. דער טאָן איז געוואָרן שאַרפער און באַליידיקנדער. די אָפּאָזיציע האָט מכבד געווען דעם צווייטן צד מיט אַזעלכע עפּיטעטן, ווי „קליקע", „בעזגראַמאָטנע". די לאָיאַלע האָבן צוריקגעענטפערט איראָניש — „די גראַמאָטנע", „צעשטערער" א. ד. ג. אויף דער טענה פון די אָפּאָזיציאָנערן, אַז מ'לאָזט נישט אַריין נייע מענטשן אין דער פּאָבלישינג אַסאָסיאיישאָן, האָט דער צווייטער צד געענטפערט, אַז די פירער פון דער אָפּאָזיציע לאָזן נישט צו קיין נייע שרייבער.

ביז־איצט איז דער שטרייט געווען אַ ריין יידישער, אין לאַגער פון די יידישע טוער, וועגן דער דעה אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג; ווער עס זאָל זיין דער באַלעבאָס און אַרויפלייגן דעם חותם אויף דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע. אין 1896 איז צוגעקומען נאָך אַן ענין, אַן אַלגעמיינער, וואָס האָט דעם סכסוך אויסגעברייטערט. סוף 1895 האָט די ס.ל.פּ. געגרינדעט די „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אַלייענס" — אַ סאָציאַליסטישע צענטראַלע פון טרייד־יוניאָנס. אין ניו־יאָרק האָבן עקזיסטירט צוויי שטאָטישע צענטראַלע טרייד־יוניאָן־פּאַראייניקונגען. צו איינער האָבן געהערט די יוניאָנס פון די „נייטס אָוו לייבאָר" און צו דער צווייטער די יוניאָנס פון דער „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר". אין ביידע צענטראַלע שטאָטישע פאַראייני־

קונגען האָט מען נישט געוואָלט האָבן פּאַרטרעטן די ס.ל.פּ. און איר ווירקונג אויף די יוניאָנס, ווי ס'איז געווען אין די פריערדיקע יאָרן. האָט די ס.ל.פּ., אונטער דער אָנפירונג פון דעניעל דע ליאָן, אויפגעבויט אַן אייגענע שטאַטישע טרייד־יוניאָן צענטראַלע, צו וועלכער עס האָבן געהערט על פּי רוב יידישע יוניאָנס. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס די יידישע יוניאָנס, להיפּוך צו די נישט־יידישע, זיינען געוואָרן געבויט דורך סאָציאַליסטן. דע ליאָן איז אַרויס אין אַ שאַרפער מלחמה קעגן די אַלטע טרייד־יוניאָניסטישע שטאַטישע פאַראייניקונגען. אין דער פּאַרטיי איז אַנטשטאַנען אַן אָפּאָזיציע קעגן דער דאָזיקער טאַקטיק. דער צוזאַמענפאָר פון דער ס.ל.פּ., אין יולי 1896, האָט מיט אַ גרויסער מערהייט באַשטעטיקט די נייע טרייד־יוניאָניסטישע טאַקטיק פון דער פּאַרטיי, אָבער די אומצופרידנקייט פון דער מינדערהייט איז געבליבן. צווישן די אומצופרידענע זיינען אויך געווען די פירער פון דער יידישער אָפּאָזיציע, כאָטש אין קאַמף מיטן פאַרוואַלטונגס־ראַט פון דער פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאַן איז די פראַגע ניט באַרירט געוואָרן און דער סכסוך איז באַ־גרענעצט געוואָרן בלויז צו די יידישע ענינים. אויב זיי האָבן די פראַגע אויפגעהויבן, האָבן זיי עס געטאָן אַלס אַלגעמיינע פּאַרטיי־טוער. ערשט שפּעטער, בעת דער שפּאַלטונג און נאָך איר, האָט די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי אויך פאַרנומען אַן אָרט אין דער פּאָלעמיק.

די יידישע אַרבעטער זיינען געווען צעטיילט צווישן די „נייטס אָוו לייבאָר" און די „אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר". דאָס איבערפירן זייערע יוניאָנס אין די „סאָשעליסט טרייד און לייבאָר אַלייענס" האָט ביי אַ סך אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט, ווייל מיט דעם זיינען זיי אָפּגעזונדערט געוואָרן פון די צוויי גרויסע טרייד־יוניאָניסטישע צענטערן. פון דער אַנדערער זייט האָט דע ליאָנס טאַקטיק אַרויסגערופן באַגייסטערונג ביי אַ היפּשער צאָל ראַדיקאַל־געשטימטע יידישע אַרבעטער. זיי האָבן אין דעם געזען אַ באַמיאונג נישט צו לאָזן זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס פאַרזינקען אין זומפּ פון קאָמפּראָמיס און קאָנסערוואַטיזם. די קלאַסן־אחדות האָט שטאַרק אונטערגעהינקען. די אַרבעטער אַליין האָבן זיך ביטער אַרומגעריסן. און ס'איז נישט געווען קיין זעלטנהייט, אַז איין טייל זאָל בלייבן אין די שעפּער, בעת אַ צווייטער טייל איז אַרויס אין שטרייק. דער הונגער און פאַרביטערונג צווישן די אַרבעטער האָבן אָפּט פאַרטונקלט דעם שכל און פאַרסמט די געפילן. אַ רוף צו שנאה, קריגערייַ און שפּאַלטן האָט געפונען אַ גוטן אָפּקלאַנג. אויך אין די מער באַוואוסטזיניקע רייען פון די אָרגאַניזירטע יידישע סאָציאַליסטן האָט דאָס קליינע, וואָס צעטיילט, גענומען די אויבערהאַנט איבערן גרויסן, וואָס פאַר־אייניקט.

8. שפּאַלטונגען און פֿאַראייניקונגען

די אָפּאָזיציע טרעט אַרויס. — שאַרפֿע דערקלערונג. — דער „פֿאָרווערטס“. — אויסגעשלאָסן פֿון דער פּאַרטיי. — שפּאַלטונג אין די יידישע סעקציעס. — יודזשין וו. דעבס און זיין נייע פּאַרטיי. — קאָנווענשאָן פֿון די אויסגעשלאָסענע און אָפּגעשפּאָלטענע. — אַריין אין דער נייער פּאַרטיי. — צענטראַל־פֿאַרבאַנד „פֿאָרווערטס“. — שפּאַלטונג צווישן די יידישע יוניאָנס. — סאָציאַל־דעמאָקראַטן טיילן זיך אָפּ פֿון אוטאָפּישע סאָציאַליסטן. — די געבליבענע אין ס.ל.פּ. — דעניעל דע ליאָן. — נייע שפּאַלטונגען און פֿאַראייניקונגען. — געבורט פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (ס.פּ.). — סך־הכל פֿון אַ פּיאָנערישער אַרבעט.

אין 1897 איז פֿאָרגעקומען די ערשטע גרויסע שפּאַלטונג פֿון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אויף אַ מיטינג פֿון דער „אַרבייטער צייטונג“ פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן דעם 7 יאַנואַר 1897. אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ל. מילער האָבן 52 מיטגלידער פֿאַרלאָזט דעם מיטינג, וואו ביידע צדדים האָבן זיך מאָביליזירט, כדי צו האָבן אַ מערהייט. געבליבן זיינען 71 מיטגלידער. מילער האָט אָנגעשריבן און פֿאַרעפֿנטלעכט אַ דערקלערונג מיט די אונטערשריפֿטן פֿון די 52 אַרויסגעטרעטענע. דאָס איז געווען אַ זייער שאַרפֿע דערקלערונג אין אַ שפּראַך, וואָס שניידט אָפּ דעם וועג אויף צוריק. צווישן אַנדערן איז דאָרט געזאָגט געוואָרן, אַז טונקעלע פּערזאָנען האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינגנבענען אין דער באַוועגונג, און זיי טוען אָפּ אַלדאָסבייז; „די שמוציקסטע פֿון אַלע בודעל־פּאַרטייען איז נישט דערגאַנגען צו אַזעלכע געמיינהייטן, ווי די הערן פֿון דער פּאָבלישינג, וועלכע האָבן שוין איצט מיט אַזאַ ענערגיע און אַנטשלאָסנהייט געמוזט קעמפֿן פֿאַר זייערע 'דזשאַבס', פֿאַר זייער ברויט“. און אַזוי ווייטער אין זעלבן נוסח. דער לשון פֿון דער דערקלערונג האָט אויפֿגערעגט אַפֿילו אַ טייל, וואָס זיינען געווען אונטערגעשריבן אונטער איר. זיי האָבן געטענהט, אַז זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געווען געגעבן זייער הסכם אויף אַזאַ שפּראַך, ווען זיי וואָלטן פֿריער געווען געלייענט דעם טעקסט פֿון דער דערקלערונג.

דאָס אַוועקגיין פֿון דעם מיטינג איז געווען אַ סיגנאַל צו אַ שפּאַלטונג אויפֿן גאַנצן פֿראָנט. מיט די אָפּגעשפּאָלטענע יידישע סאָציאַליסטן זיינען מיטגעגאַנגען כמעט אַלע יידישע יוניאָנס, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט מיטמאַכן די פּאָליטיק פֿון דער פּאַרטיי אין דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג. מיטן צווייטן צד זיינען מיטגעגאַנגען בלויז עטלעכע קליינע יוניאָנס, ווי אויך די פֿאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפֿטן.

די אַרויסגעטרעטענע האָבן זיך ענערגיש גענומען גרייטן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע טאָג־צייטונג. דער פּלאַן איז אויך געשטיצט געוואָרן פֿון דער מערהייט יידישע יוניאָנס. די ס.ל.פּ., אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דע ליאָן,

האָט זיך אינגאַנצן געשטעלט אויפן צד פון דער פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן. כדי צו באַשווערן די אַקציע פון דער אָפּאָזיציע, האָט די ס.ל.פּ. דערקלערט דעם „אבענד־בלאַט" פאַר אַן אָפיציעלן אָרגאַן פון דער פּאַרטיי. די אָפּאָזיציע האָט ווייטער געוואָלט בלייבן אין דער פּאַרטיי, במילא וועט זי נישט וואַגן אָפן צו באַקעמפן די צייטונג. די אָפּאָזיציאָנערן האָבן אָבער געפונען אַ מיטל צו דעם. זיי האָבן געגרינדעט פּרעסע־קלובן און די דאָזיקע קערפּערשאַפטן, וואָס האָבן צו דער פּאַרטיי קיין שייכות נישט געהאַט, האָבן געפירט דעם קאַמף און געטון די אַרבעט פאַר דער אָפּאָזיציע.

דעם 30־טן און 31־טן יאַנואַר 1897 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון 23 אָרגאַניזאַציעס — פּאַרטיי־בּרענטשעס, סאָציאַליסטישע פּרעסע־קלובן און טרייד־יוניאָנס פון ניו־יאָרק, ברוקלין, פילאַדעלפיע, באַלטימאָר, באָסטאָן, ניו־הייווען און האַרטפאָרד. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ פּרעסע־פאַרבאַנד.

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ טאָג־צייטונג מיטן נאָמען „פאָרווערטס". אַב. קאַהאַן איז איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן אַלס רעדאַק־טאָר. דערביי איז פייערלעך אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו האַלטן הויך די פאָן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן קלאַסן־קאַמף און אַרבעטן מיט אַלע כוחות פאַר דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. די שפּאַלטונג האָט, הייסט עס, געזאָלט באַגרענעצט ווערן בלויז צו דער יידישער גאַס. איין פּאַרטיי מיט צוויי צעטיילטע און צעקריגטע יידישע אָפּטיילונגען.

מיט ענטוזיאַזם און איבערגעבנקייט האָבן די אָנהענגער פון דער אָפּאָ־זיציע זיך גענומען פאַר דער אַרבעט צו שאַפן געלט־מיטלען אויף אַרויסצוגעבן אַ צווייטע טאָג־צייטונג. און דעם 22 אַפּריל 1897 איז דערשינען דער ערשטער נומער פון „פאָרווערטס".

די אָפּאָזיציע האָט געמיינט, אַז איר וועט זיך איינגעבן איינצוהאַלטן דעם אומנאַטירלעכן מצב פון אַ צעקריגטן צווילינג אויפן שויס פון איין פּאַרטיי. גאַר גיך האָט די פּאַרטיי־אָנפירונג אַרויסגעפירט די אָפּאָזיציע פון דעם טעות. דעניעל דע ליאָן האָט אויף אַ פּאַרטיי מיטינג דעם 26 יוני 1897 דורכגעפירט אַ באַשלוס, וואָס האָט די אָפּאָזיציע געשטעלט מחוץ דער ס. ל. פּ.. געהייסן האָט עס, אַז עס ווערט דורכגעפירט אַ רעאָרגאַניזאַציע אין די דיסטריקטן פון דאַון טאַון, וואו די אָפּאָזיציע איז געווען אין דער מערהייט. אויף אַזאַ אופן זיינען מיט איין קלאַפּ באַזייטיקט געוואָרן פון דער פּאַרטיי בערך 200 מיט־גלידער. דאָס איז געווען אין ניו־יאָרק. אָבער דער קאַמף צווישן די צדדים האָט זיך צעפלאַקערט אין גאַנצן לאַנד און נאָך איידער מ'האָט באַזייטיקט די ניו־יאָרקער זיינען שוין געווען קרבנות אין דער פּראָווינץ.

פאַרן חטא פון אינדאָרסירן דעם „פאָרווערטס"־פּרעסע־קלוב האָט מען קודם אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי דעם יידישן בּרענטש אין פילאַדעלפיע. דער „פאָרווערטס" האָט אויף דעם רעאַגירט מיט אַ לייט־אַרטיקל, אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן: „דער פילאַדעלפיער יידישער בּרענטש איז אויסגע־שלאָסן. אַזאַ גוואַלדיקע אומגערעכטיקייט קען נאָר אַרויסרופן דעם געפיל פון ביטערער ענטריסטונג ביי יעדן, וואָס האָט נאָך נישט צוזאַמענגעפּאָרט סאָלדאַטן מיט סאָציאַליזם אין איין זאַק. אין נאָמען פון אונזער רעוואָלוציאָנערן גייסט, אין נאָמען פון אונזערע אידייען האַלט אַלע מינים סאָלדאַטסטוועס פון

וויטן פון אונז. דאָס אַליין איז שוין אויך צו פיל, אַז מיטגלידער פון אונזער פּאַרטיי זאָלן שטאַלצירן מיט דעם נייעם מונדיר פון סאָלדאַטסקן סאָציאַליזם״... „מאַכט פּאַרזאַמלונגען אין יעדער שטאָט; וואו עס איז נור דאָ אַ סאָציאַליסט אָן אַ סאָלדאַטסקער נאַטור, דאָרט זאָל געהערט ווערן דער פּראָטעסט קעגן אַזאַ שענדלעכער האַנדלונג. דער פילאַדעלפיער יידישער ברענטש מוז צוריקגעשטעלט ווערן, דער שאַנד־פלעק פון ׳סאָלדאַטן־סאָציאַליזם׳ מוז אָפּגעוואַשן ווערן״.[13]

מיט אַ טאָג שפּעטער פאָרמולירט דער „פאָרווערטס״ זיינע פּרינציפּן אויף פאָלגנדיקן אופן: „דער ׳פאָרווערטס׳ איז געגרינדעט געוואָרן אויפן יסוד פון דריי פּרינציפּן: ערשטנס, אַרבעטנדיק און אַגיטירנדיק פאַר דעם סאָציאַליזם, אנערקענען מיר דערביי די אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט פון עפנטלעכער דיסקוסיע וועגן פּאַרטיי־ענינים און וועגן אַלע באַדייטנדיקע דערשיינונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג״... „צווייטנס, אנערקענען מיר, אַז סאָציאַליסטן דאַרפן זיך האַלטן צו די יוניאָנס נאָר אַלס לערער, און זייער איינציקע אויפגאַבע איז צו דערקלערן די פּרינציפּן פון קלאַסן־קאַמף, פון דעם רעוואָלוציאָנערן סאָ־ציאַליזם. אָבער צו האַסן אַן אַרבעטער און אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע דערפאַר, וואָס זיי פאַרשטייען נאָך נישט דעם סאָציאַליזם און אנערקענען אים נישט, איז נאָך אונזער מיינונג אַ פאַרברעך קעגן סאָציאַליזם און קעגן אונזערע פּרינציפּן״. עס ווערט אויסגעדריקט די קעגנערשאַפט צו אָפּאָזיציע־יוניאָנס. „דריטנס, האַלטן מיר פון דעם פּרינציפּ פון פאָלקס־פאַרוואַלטונג. מיר גלויבן, אַז יעדער סאָ־ציאַליסט האָט דאָס רעכט צו האָבן אַ דעה איבערן ׳פאָרווערטס׳. מיר גלויבן, אַז די פאַרוואַלטער פון ׳פאָרווערטס׳ דאַרפן זיין געוויילטע פּערזאָנען, וועלכע זאָלן רעפּרעזענטירן זייערע אָרגאַניזאַציעס און נישט זיך אַליין. זיי זאָלן קענען צוריקגעצויגן ווערן, ווען זייערע אָרגאַניזאַציעס ווילן עס און זאָלן נישט קענען פאַרבלייבן די באַלעבאַטים פון דער צייטונג אפילו, ווען מען קען זיי שוין מער נישט דולדן״.[14]

דידאַקטיקע פּרינציפּן האָט דער „פאָרווערטס״ פאָרמולירט אין שייכות מיט אַ רוף אַנטיילצונעמען אין אַן עקסקורסיע, וואָס די צייטונג האָט אָרגאַ־ניזירט שבת דעם 26 יוני. גראַד די עקסקורסיע האָט לייכטער געמאַכט די אָפּעראַציע פון אויסשליסן די אָפּאָזיציע אין ניו־יאָרק. דער רוב פון דער אָפּאָזיציע איז נישט געווען אין שטאָט און מ׳האָט אָן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד געקענט אַדורכפירן די רעזאָלוציע וועגן דער רעאָרגאַניזאַציע. דער „פאָר־ווערטס״ האָט מיט 2 טעג שפּעטער וועגן דעם באַריכטעט: „די מערסטע דע־לעגאַטן פון די יידישע דיסטריקטן זיינען נישט געווען אויפן מיטינג צוליב דער עקסקורסיע פון „פאָרווערטס״, און פונקט דעם אָוונט האָבן די פּאַרטיי־שוחטים אויסגעקליבן אויף צו צערייסן דעם בונד פון דער פּאַרטיי. און ווען איינער פון די ווייניקע אַנוועזנדיקע האָט געגנומען דאָס וואָרט, האָט מען אים פיל מאָל איבערגעריסן און נישט געלאָזט ריידן״. און ל. מילער זאָגט אין אַן אַרטיקל אין זעלבן נומער: „נישט קיין רוסישער צאַר, נישט קיין טערקישער פּאַשאַ, נישט די געמיינסטע פון אַלע הערשנדיקע קלאַסן וואָלטן אין איצטיקע צייטן געוואַגט אַזוי חוזק צו מאַכן פון דעם, וואָס מען רופט מענטשלעכע גערעכטיקייט״.[15]

אין אַלע שטעט און שטעטלעך האָט זיך צעפלאַקערט דער קאַמף צווישן

די אָפּאָזיציאָנערן און די לאַיאַלע. די שפּאַלטונג האָט פאַרכאַפּט כמעט אַלע יידישע סעקציעס פון דער ס.ל.פּ.. פאַר די אויסגעשלאָסענע האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס טון? ס'איז גיך אַנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו רופן אַ קאָנווענשאָן פון אַלע יידישע סעקציעס און בּרענטשעס פון ס.ל.פּ., ווי אויך פון אַנדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און יוניאָנס. די דאַטע — 31 יולי און 1 אויגוסט 1897. אָרט — ניו־יאָרק. די טאָג־אָרדנונג: 1) וואָס זאָלן טון די אויסגעשלאָסענע פּאַרטיי־מיטגלידער. 2) וואָס זאָלן טון די נישט־אויסגעשלאָסענע. 3) ווי זאָלן מיר זיך אָרגאַניזירן. 4) אונזער שטעלונג צו דער נייער באַוועגונג פון דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון אַמעריקע". 5) אונזער שטעלונג צו די קליוולאַנדער און סינסינעטער פראַקציעס, ווי אויך נאָך אייניקע פּונקטן.

ביי די אויסגעשלאָסענע איז געווען אַ שטאַרקער אומווילן צו בלייבן מחוץ אַן אַמעריקאַנער פּאַרטיי. די לאַיאַלע האָבן טאַקע אויף דעם פּונקט שטאַרק געקלאַפּט. אין „אבענד־בלאַט" האָט מען פון די אויסגעשלאָסענע געחוזקט און זיי גערופן „דגל מחנה יהודה".

גלייך נאָכן אויסשליסן האָט דער „פאָרווערטס" אָנגעהויבן אַגיטירן פאַר דעם, אַז מען זאָל זיך פאַראייניקן מיט דער נייער פּאַרטיי פון יודזשין וו. דעבס. שוין דעם 3 יולי 1897 האָט די צייטונג אָפּגעדרוקט אויף אַן אָנגעזעען אָרט פון דער ערשטער זייט דעם פּלאַן פון דעבסן. דאָס איז געווען אַן אויסצוג פון אַ בריוו צו יצחק אייזיק הורוויטש. אין דעם בריוו האָט דעבס אַנטוויקלט פאָלגנדיקן געדאַנק: „עס איז ניט אונזער פּלאַן — האָט ער געשריבן — צו גרינדן אָפּגעזונדערטע קאָלאָניעס, נאָר צונויפקלייבן גענוג סאָציאַליסטן אין איין געוויסן שטאַט, וואו זיי זאָלן דורך וואַלן קענען קריגן די קאָנטראָל פון דעם שטאַט, און נאָך דעם נאָך אַ שטאַט, און נאָך דעם נאָך איינעם ביז מיר וועלן זיי אַלע אַריינבאַקומען. עס איז לייכטער צו דערגרייכן די קאָנטראָל פון איין שטאַט ווי פון דעם גאַנצן לאַנד. און די דעראָבערונג פון איין שטאַט וואָלט געגעבן דעם סאָציאַליזם אַ גרעסערן רוק פאָראויס, ווי דאָס וואָלט געקענט געשען אויף אַן אַנדערן אופן. אָבער דאָס איז נאָר אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם פּראָגראַם".

דער „פאָרווערטס" האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט אָראָפּשלינגען דעם אוטאָפּיסטישן פּלאַן. דער דראַנג צו זיין פאַראייניקט מיט אַן אַלגעמיינער אַמעריקאַנער באַוועגונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט פאַרקוקט דעם אוטאָפּיזם און זיך געקלאַמערט ביי די אַנדערע טיילן פון פּראָגראַם. אין אַ לייט־אַרטיקל אונטערן נאָמען „איצט איז די צייט", זאָגט דער „פאָרווערטס" (7 יולי 1897): „אין דער וועסט האָט זיך אויפגעהויבן אַ באַוועגונג. זי איז נאָך האַלב אוטאָפּיסטיש. אין איר געפינען מיר אַ מאַסע רויען מאַטעריאַל. גאַנץ קליין איז אין איר נאָך דער עלעמענט, וואָס קען זיי ווייזן דעם ריכטיקן וועג. אָבער דער עלעמענט איז שוין דאָ. און אונזער פליכט איז דאָרטן צו זיין".

אין ניו־יאָרק האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אַ בּרענטש פון דער נייער פּאַרטיי. די גרינדער פון דעם בּרענטש זיינען געווען: דער דראַמאַטורג יעקב גאָרדין, מאיר לאָנדאָן, יצחק אייזיק הורוויטש, דר. טש. ראַיעווסקי, יוסף באַראָנדעס, מאַקס פּיין און די ברידער פרענק. זיי האָבן שטאַרק געאַרבעט,

אַז די אויסגעשלאָסענע פון ס.ל.פּ. זאָלן אויך אַריינטרעטן אין דער נייער פּאַרטיי.

אין טאָג, ווען עס האָט זיך געעפנט די קאָנווענשאָן פון די אויסגעשלאָסענע, דעם 31 יולי 1897, האָט ל. מילער געשריבן אין „פאָרווערטס" וועגן איינציקן וועג, וואָס איז פאַרבליבן: „נישט לאַנג צוריק האָבן מיר געהאַט דריי וועגן:
1) קעמפן אין די רייען פון דער ס.ל.פּ.; 2) זיך פאַרבינדן מיט דער נייער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; 3) האָבן אונזער אייגענע, יידישע באַוועגונג. דער ערשטער וועג איז אונז איצט אָפּגעשניטן. מען האָט אונז אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי. ווען מען וואָלט אונז אפילו נישט געהאַט אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי, וואָלטן מיר זיך אין קורצן אַליין געמוזט אויסשליסן, ווייל די פּאַרטיי האָט זיך אויסגעשלאָסן פון דער באַוועגונג. איך האָב שטענדיק געגלויבט און גלויב ווייטער, אַז די 'מחנה יהודה' איז נאָך ביים היינטיקן טאָג אַ גוט פעלד פאַר דער טעטיקייט פון יידישע סאָציאַליסטן. מיר קענען אָבער נישט גלויבן אין אַן אָפּגעזונדערטער יידישער באַוועגונג. נישט דערפאַר, ווייל עס איז נישט פּרינציפּיעל, נאָר ווייל אַזאַ באַוועגונג קען לאַנג נישט עקזיסטירן"...
„די לאָגיק פון די פאַקטן האָט פאַר אונז איצט פריי געלאָזט נאָר איין וועג: נעמלעך, די אַמעריקאַנער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע".

נאָך פאַר דער קאָנווענשאָן, וואָס איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 31 יולי — 2 אויגוסט 1897, האָבן די איינפלוסרייכע טוער שוין געהאַט אַ פעסטע מיינונג וואוהין מ'זאָל גיין. אָבער נישט אַלע. די דעלעגאַטן האָבן דעם באַשלוס וועגן אַריינטרעטן אין דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון אַמעריקע" אָנגענומען מיט 40 שטימען קעגן 10. ווער איז געווען אויף דער דאָזיקער קאָנווענשאָן? — די יידישע סעקציעס פון באָסטאָן, האַרטפאָרד, באַלטימאָר, ברוקלין, ניו־הייווען, נואַרק און פילאַדעלפיע; סאָציאַליסטישער בילדונגס־קלוב אין נואַרק, פּרעסע־קלוב אין נואַרק, סאָציאַליסטישער פּרעסע־קלוב אין וועסט־האָבאָקען, אַרבע־טער־בילדונגס־פאַראיין אין פילאַדעלפיע, פּרעסע־פאַרבאַנד אין הייווערהיל, סאָציאַליסטישער פּרעסע־קלוב אין בראָנזוויל. ניו־יאָרק איז געווען פאַרטרעטן מיט פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס: 4, 8 און 12 אַסעמבלי־דיסטריקטן, האַרלעם סאָציאַליסטישער פּרעסע־קלוב, סאָציאַליסטישע בילדונגס־אַסאָסיאיישאָן, פּרויען־פּרעסע־קלוב, סאָצ. לייבאָר־קלוב, „פאָרווערטס"־קלוב, וואָיס אָוו לייבאָר, יונייטעד בראָדערהוד אָוו קלאָוקמייקערס, סוספּענדער־מאַכער יוניאָן, אַשערס און דאָרקיפּערס יוניאָן, ניע־פּענטס מייקערס יוניאָן, „פאָרווערטס" פאָנד פאַראיין, סאָציאַל־דעמאָקראַטישער לאָקאַל נומער 1. אין נאָמען פון ס. ד. לאָקאַל נומער 1 האָט די דעלעגאַציע (מאיר לאָנדאָן, יצחק אייזיק הורוויטש און יוסף באַראָנדעס) אַריינגעטראָגן דעם פאָרשלאַג, אַז די יידישע מיטגלידער פון ס.ל.פּ. זאָלן אַריין אין דער נייער ס. ד. פּאַרטיי.

ביים באַהאַנדלען די פראַגע „וואָס זאָלן די נישט אויסגעשלאָסענע טון?" זיינען געווען צוויי מיינונגען — אַרויסטרעטן און בלייבן. מיט 37 שטימען קעגן 6 איז באַשלאָסן געוואָרן — אַרויסטרעטן. דער באַשלוס איז מאָטיווירט געוואָרן מיט דעם, אַז די פּאַרטיי איז באַהערשט געוואָרן פון באָסעס און די מאַשין דערשטיקט יעדע שטימע און מיינונג, וואָס צילן אויסצובעסערן דעם מצב אין דער פּאַרטיי.

איינשטימיק האָט די קאָנווענשאָן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס קומט צו אַזאַ אויספיר: „מיר דערקלערן, אַז די ס.ל.פּ. האָט פאַרלאָזט דעם באָדן פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם און באַנוצט דעריבער אַ פאַלשן נאָמען, ווען זיי רופן זיך ‚וויסנשאַפטלעכע סאָציאַליסטן׳".

קעגן אַריינטרעטן אין דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון אַמעריקע" האָבן גערעדט פאולסאָן, גאָלדמאַן, פרידמאַן און זאַמעטקין. די אָנגענומענע רעזאָ־לוציע זאָגט: ביז אַהער זיינען די סאָצ. פאַרטייען אָדער ניט געשטאַנען אויף דעם באָדן פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף, אָדער זיי זיינען געווען אַ קליינע אָפּגעזונדערטע סעקטע. די ניי־געגרינדעטע „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון אַמע־ריקע" שטייט אויפן באָדן פון קלאַסן־קאַמף, שטרעבט צו די סאָציאַליסטישע אידעאַלן און איז מסוגל אַריינפירן דעם אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט אין די רייען פון דער קעמפנדער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערשאַפט. „די קאָנ־ווענשאָן רעקאָמענדירט אַלע סאָציאַליסטן און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען פאַרטרעטן דורך דעלעגאַטן, זיך צו אָרגאַניזירן אין לאָקאַלן, און זיך איינשליסן אין דער ס.ד. פון אַמעריקע".

איינשטימיק איז נאָך דעם באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַלע פאַרטרעטענע אָר־גאַניזאַציעס זאָלן גרינדן אַ שטענדיקע צענטראַלע קערפּערשאַפט מיט דעם נאָמען „פאָרווערטס". דער צוועק פון דעם צענטער זאָל זיין צו אַגיטירן די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם און פאַר דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון אַמעריקע", כל־זמן זי וועט שטיין אויף איר פּלאַטפאָרם און קעמפן פאַר באַפרייען די אַרבעטער פון קאַפּיטאַליסטישן יאָך. מ׳האָט באַשלאָסן צו וויילן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל אויסאַרבעטן אַ פּלאַן און די קאָנסטיטוציע פון דער צענטראַלער קערפּערשאַפט.

דער סאָציאַליסטישער צענטראַל־פאַרבאַנד „פאָרווערטס" האָט באַלד נאָך דער קאָנווענשאָן איבערגענומען דעם זשורנאַל „די צוקונפט", וואָס איז געווען איינגעטונקען אין חובות. גאָר גיך האָט דער פאַרבאַנד אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אַז מען וועט דעם זשורנאַל מוזן אָפּשטעלן, ווייל „מיר האָבן אונזער פליכט געטון, און אויף די קעפּ פון די פאַרלוימדער וועט עס פאַלן די שולד, ווען די ‚צוקונפט׳ וועט נאָך אַלע אנשטרענגונגען מוזן זיך אָפּשטעלן צוליב דעם, וואָס זיי האָבן מיט אַלע שענדלעכע מיטלען געזוכט צו שעדיקן איר קרעדיט". דער זשורנאַל איז באַלד אָפּגעשטעלט געוואָרן.

די געטרייע ס.ל.פּ.ניקעס, וועלכע האָבן די אויסגעשלאָסענע פון איצט אָן גענומען רופן מיט די חוזק־נעמען „ס׳קאָצל דעמאָקראַסי" אָדער „חסידים פון מאיר בעל־הדעבס", האָבן נאָכן אָפּשטעלן די „צוקונפט" אַרויפגעוואָרפן די פולע שולד אויף די אָנהענגער פון „פאָרווערטס". אין אַ פאַרעפנטלעכטער דערקלערונג האָט דער פרעסע־פאַרבאַנד „פאָרווערטס" געזאָגט, אַז די „צו־קונפט" איז אָפּגעשטעלט „בלויז אויף אַ צייט". מען האָט דאָס געמוזט טון, כדי אַלע כוחות צו קאָנצענטרירן אויף דער טעגלעכער צייטונג. אין אַ צייט אַרום וועט ווידער זיין אַ „צוקונפט". די הפסקה האָט געדויערט עטלעכע יאָר.

די שפּאַלטונג אויף דער יידישער גאַס איז געווען אַ פולשטענדיקע. די צעשיידונג איז אויך פאָרגעקומען אויפן געביט פון די טרייד־יוניאָנס. די גרויסע מערהייט יוניאָנס איז אַרויס פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן. פון

25 זײנען געבליבן קוים 3. די אַרויסגעטרעטענע האָבן געגרינדעט אַ נײַע צענטראַלע קערפּערשאַפט — „די היברו פעדערײטעד טרײדס". די נײַע ייִדישע טרײד־יוניאָן־צענטראַלע איז געגרינדעט געוואָרן דעם 22 סעפּטעמבער 1897 און האָט אָנגעהויבן באַקעמפן די ס.ל.פּ. און איר „סאָשעליסט טרײד און לייבאָר אַלײַענס", ווי אויך די פֿאַראײניקטע ייִדישע געווערקשאַפטן.

אין יוני 1898 איז אין שיקאַגאָ פֿאָרגעקומען די ערשטע קאָנווענשאָן פֿון דער נײַער פּאַרטײ — די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פֿון אַמעריקע (דער גרינדונגס־צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען אין דער זעלבער שטאָט מיט אַ יאָר פֿריער) און באַלד אויף דער ערשטער קאָנווענשאָן איז שוין פֿאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג. ס'האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ קאַמף וועגן וועג פֿון דער נײַער פּאַרטײ: פּאָליטישע אַקציע אָדער קאָלאָניזאַציע? אויף דער קאָנווענשאָן האָט איין טייל פֿאַר־לאַנגט, אַז מען זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט, און אַ צווייטער טייל האָט געוואָלט דאָס מאַכן פֿאַרן צענטער פֿון דער פּאַרטײ־אַרבעט. נאָך הייסע דעבאַטן, אין וועלכע עס האָט זיך באַטייליקט מצד די ייִדישע סעקציעס ל. מילער, האָבן 53 דעלעגאַטן געשטימט פֿאַר קאָלאָניזאַציע און 37 פֿאַר פּאָ־ליטישן קאַמף. די מינדערהייט האָט באַלד פֿאַרלאָזט די קאָנווענשאָן. צווישן די, וואָס זײַנען אַוועק, האָבן זיך אויך געפֿונען די פֿאָרשטייער פֿון די ייִדישע סעקציעס — מ. ווינטשעווסקי, ל. מילער, יצחק אײַזיק הורוויטש, י. באַראָנדעס. די 37 האָבן אָרגאַניזירט אַ נײַע פּאַרטײ מיטן נאָמען „די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטײ פֿון אַמעריקע". די אָוטאָפּיסטישע פּלענער האָבן אין פּראָגראַם פֿון דער דאָזיקער פּאַרטײ שוין קיין פּלאַץ נישט געפֿונען. אין אויסגעוויילטן צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, זײַנען אויך אַרײַן יודזשין וו. דעבס און וויקטאָר ל. בערגער, וועלכע האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די ייִדישע סעקציעס איז דער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליזם פֿון דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פֿון אַמע־ריקע" שטאַרק נישט געווען צום האַרץ. זיי האָבן עס דערווײַל פֿאַרקוקט, ווײַל ס'איז קיין ברירה נישט געווען — מ'האָט געזוכט צו עמיצן זיך צוטוליען. זיי האָבן דעריבער גערן מיטגעמאַכט די צווייטע שפּאַלטונג און אַרײַן אין דער נײַער פּאַרטײ, וואָס די 37 האָבן געגרינדעט. און נאָך אין זעלבן יאָר, סוף דעצעמבער 1898, זײַנען די ייִדישע סעקציעס זיך צוזאַמענגעקומען שוין אַלס קאָנווענשאָן פֿון דער ייִדישער אָפּטײלונג פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטײ פֿון אַמעריקע. צווישן אַנדערן האָט יענע קאָנווענשאָן באַשלאָסן צו גרינדן אַ צענטראַלע אַגיטאַציע־ביוראָ.

נישט אַלע ייִדישע סאָציאַליסטן זײַנען אַוועק פֿון דער ס.ל.פּ.. אַ טייל איז געבליבן און האָט זיך באַמיט צו פֿאַרשטאָפּן די לעכער, וואָס די שפּאַלטונג האָט געמאַכט. אין אַ רײ שטעט, וואו די ייִדישע סעקציעס זײַנען אַוועק מיט די אויסגעשלאָסענע און אָפּגעשפּאָלטענע, האָט די ס.ל.פּ. אויף זייער אָרט אָר־גאַניזירט נײַע ייִדישע סעקציעס.

סוף 1897 האָבן די ייִדיש־רעדנדיקע מיטגלידער פֿון ס.ל.פּ. אָפּגעהאַלטן אין ניו־יאָרק אַ קאָנווענשאָן. ס'זײַנען געווען 52 דעלעגאַטן, וואָס האָבן פֿאָר־טרעטן 28 אָרגאַניזאַציעס פֿון ניו־יאָרק, ברוקלין, באָפֿאַלאָ, ראָטשעסטער, נוואַרק, באָסטאָן, לאָורענס, ספּרינגפֿילד, האַרטפֿאָרד, פּראָווידענס, שיקאַגאָ און פֿילאַ־

דעלפיע. אַזוי ווי דעמאָלט האָט דער אָפּגעשפּאָלטענער צד אָפּגעשטעלט „די צוקונפט", האָט די דאָזיקע קאָנווענשאָן באַשלאָסן אַרויסגעבן אַ זשורנאַל „דיא נייע צייט" אונטער דער רעדאַקציע פון ב. פייגענבוים, וועלכער איז געבליבן מיט דער ס.ל.פּ.. דער ערשטער נומער איז אַרויס אין מאַי 1898. דער זשורנאַל האָט אויסגעהאַלטן בלויז אַ יאָר צייט. אין פּראָגראַם־אַרטיקל, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין ערשטן נומער, זאָגט די רעדאַקציע: „יידיש איז די שפּראַך פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. די אמתע צוויי פעלקער, וואָס געפינען זיך אין יעדן פאָלק: די צוויי קלאַסן — בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט — אונטערשיידן זיך ביי יידן, ווי עכטע צוויי פעלקער, אַפילו מיט זייער שפּראַך. אַזעלכע יידן, וואָס האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו אַנטוויקלען זייער באַדערפעניש צו וויסנשאַפט דורך סיסטעמאַטישער בילדונג, דאַרפן נישט לייענען קיין יידיש. די יידישע ליטעראַטור איז, אַלזאָ, נאָר באַשטימט פאַר דער מאַסע, אַרבעטער, אביונים, וואָס זייער ביטערע לאַגע לאָזט זיי נישט אויסלערנען קיין אַנדערע שפּראַך"...

די יידישע סעקציעס פון ס.ל.פּ. האָבן אָרגאַניזירט אַ טור פון די יידישע פּאַרטיי־טוער, ווי ב. פייגענבוים, וו. עדלין און אַנדערע, וועלכע האָבן אָפּגעהאַלטן פאָרלעזונגען און פאַרזאַמלונגען און זיך באַמיט צוריק צו קאָנסאָלידירן די רייען. „די אַרבייטער צייטונג" (23 יאַנואַר 1898) באַריכטעט וועגן דעם: „די נייע יידישע ברענטשעס זיינען אומעטום אין אַן אויסגעצייכנטן צושטאַנד. אין פאַרלויף פון די לעצטע עטלעכע וואָכן האָט גענאָסע פייגענבוים געהאַלטן פאָרלעזונגען פאַר שטאַרק באַזוכטע פאַרזאַמלונגען אין באָסטאָן, לאָורענס, ניו־הייווען, פּראָווידענס און פילאַדעלפיע. אין לאָורענס און פּראָווידענס זיינען דאָ אויסגעצייכנטע יידישע ברענטשעס און קיין סימן פון אָפּאָזיציע און דעבסיזם".

דעם 13טן יאַנואַר 1899 איז פאָרגעקומען אַ וויטערדיקע קאָנווענשאָן פון די יידישע סעקציעס פון דער ס.ל.פּ.. פאַרטרעטן זיינען געווען 26 אָרגאַניזאַציעס. אָבער סך־הכל אַ האַלב יאָר שפּעטער איז אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי ווידער פאָרגעקומען אַ גרויסע שפּאַלטונג.

דער פירער פון דער פּאַרטיי איז געווען דעניעל דע ליאָן. אַ מענטש אַן ערלעכער און פעאיקער, מיט אַ סך וויסן און אויסערגעוויינטלעכער טרייִשאַפט צו דער סאָציאַליסטישער זאַך. ער איז געווען אַ קעמפערישע נאַטור. און זיין רעדנער־קראַפט און טאַלאַנטירטע פען זיינען כסדר געשטאַנען אין רשות פון דער פּאַרטיי, וואָס איז געוואָרן דער אינהאַלט פון זיין לעבן. ער איז אָבער געווען אַ דאָגמאַטיקער און פאַנאַטיקער. אַ מענטש, וועלכער קען נישט און וויל נישט פאַרשטיין אַ צווייטנס מיינונג און וויל זי נישט טאָלערירן. דע ליאָנס ווירקונג אין דער פּאַרטיי איז געווען אַ גרויסע.. ביסלעכווייז האָט זיך אין דער ס.ל.פּ. איינגעשטעלט אַ מין קאַזאַרמע־דיסציפּלין, וואָס דערלאָזט נישט קיין חלוקי־דעות. יעדער וועלכער האָט געהאַט אַן אַנדערע מיינונג, איז געווען אין געפאַר פאַרשריגן צו ווערן אַלס פאַררעטער. און אין אַ לעבעדיקער פּאַרטיי זיינען דאָך חלוקי־דעות אומפאַרמיידלעך. פאַר דער אויסגעהאַלטנקייט פון אַ טעאָריע איז דע ליאָן געווען גרייט מקריב צו זיין די לעבעדיקע כוחות פון דער באַוועגונג. פאַר דער גאַנצקייט פון אַ דאָגמע איז ער געווען גרייט צו באַצאָלן

מיט דער גאַנצקייט פון דער פּאַרטיי. דער קאַזאַרמע־רעזשים האָט געמוזט דער־פירן צו שאַרפע רייבונגען. בעיקר איז דערגאַנגען צום העכסטן פּונקט די אומצופרידנקייט מיט דער פּאַרטיי־פּאָליטיק לגבי די טרייד־יוניאָנס. די פירער פון די טרייד־יוניאָנס זיינען באַצייכנט געוואָרן אַלס שווינדלער און שטרייק־ברעכער. די טאַקטיק פון באַווירקן די יוניאָנס פון אינעווייניק, האָט געזאָגט דע ליאָן, הייסט סתם פּטרן צייט. „זיי מוזן צעקלאַפּט ווערן אויף שטיקער פון דרויסן", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין אַן עפנטלעכער דעבאַטע וועגן טרייד־יוניאָניזם.

אין 1899 האָט דער קאַמף קעגן דע ליאָנס דיקטאַטור אין דער פּאַרטיי און זיינע מעטאָדן דערגרייכט די העכסטע שטופע. אין יולי פון זעלבן יאָר איז אין ניו־יאָרק דערגאַנגען צו אַ שפּאַלטונג, וואָס האָט זיך אויסגעברייטערט אין אַ ריי אַנדערע שטעט. ס'האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי צענטראַל־קאָמי־טעטן און יעדער צד האָט געטענהט, אַז ער איז די פּאַרטיי. מ'איז אַפּילו אַוועק זיך לאָדן אין געריכט און דאָס געריכט האָט אַרויסגעטראָגן אַ פּסק־דין לטובת דע ליאָנס פראַקציע. דעמאָלט האָט די אָפּאָזיציע גערופן אַ צוזאַמענפאָר איז ראטשעסטער. דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען אַ נייע פּרינציפּן־דערקלע־רונג, האָט זיך אָפּגעגרענעצט פון דע ליאָנס טרייד־יוניאָן טאַקטיק און זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ פאַראייניקונג מיט דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע". אין יאָר 1901 איז טאַקע נאָך פאַרשלעפּטע געבורטס־ווייען, וואָס האָבן גורם געווען נייע צעשפּליטערונגען, די פאַראייניקונג דורכגעפירט געוואָרן און ס'איז געשאַפן געוואָרן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (ס.פּ.).

אין אָט דעם פיבער פון שפּאַלטונגען און פאַראייניקונגען זיינען פון דער אַלטער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי ווידער אַוועק אַ טייל יידישע סאָציאַליסטן. די אָנגעזעענסטע פון זיי זיינען געווען די שרייבער און רעדאַק־טאָרן פיליפּ קראַנץ און בנימין פייגענבוים. דעם 14 יוני 1899 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די יידישע פּאַרטיי־מיטגלידער אַרומצורעדן דעם מצב אין דער ס.ל.פּ.. די מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער אָפּאָזיציע און איז מיטגעגאַנגען מיט די אָפּגעשפּאָלטענע. די טעגלעכע צייטונג „אבענד־בלאַט" איז אָבער פאַרבליבן אין די הענט פון די דע ליאָ־ניסטן. דעניעל דע ליאָן, וואָס האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו רופן זיינע פּאָליטישע קעגנער מיט צונעמען, האָט אויף אָט די אָפּגעשפּאָלטענע אַרויפ־געלייגט דעם שטעמפּל פון דער שפּרינגענדיקער חיה „קענגערו".

מיט די „קענגערוס" זיינען אויך אַוועק די יידישע געווערקשאַפטן מיט 7 יוניאָנס. סוף 1899 האָבן די יידישע געווערקשאַפטן זיך פאַראייניקט מיט די „פעדערייטעד היברו טריידס" אונטערן נאָמען פון פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן און די גאַנצקייט פון דער יידישער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן. אַנדערש איז געווען אויפן פּאָליטישן געביט. כאָטש די מערהייט פון די, וואָס זיינען אַוועק פון ס.ל.פּ. איז געווען פאַר דער נייער פאַראייניקונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, איז אָבער די וואַנט צווישן די „פאַרווערטסיסטן" און די געוועזענע אָנהענגער פון „אבענד־בלאַט" ווייטער געבליבן. פיליפּ קראַנץ און ב. פייגענבוים האָבן אַפּילו עטלעכע חדשים אַרויסגעגעבן אַן אייגענע צייטונג. ס'האָט געמוזט אַוועק אַ לאַנגע צייט ביז די

ביטערניש צווישן די „פּראָוועקטסיסטן" און די יידישע „קענגעריס" איז פאַר־שוואונדן.

די שפּאַלטונגען האָבן אַריינגעבראַכט אַ גרויסע ביטערניש אין די סאָ־ציאַליסטישע רייען. איינער האָט דעם צווייטן באַקעמפט אָן רחמנות און ניט זעלטן — אָן אַנשטענדיקייט. אַ ביישפּיל פון דעם גיט אַ באַריכט פון 5־טן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 27־23 סעפּטעמבער 1900 אין פּאַריז. פון אַמעריקע זיינען געקומען צוויי דע־לעגאַציעס: איינע — פון ס.ל.פּ. מיט לוסיען סעניעל בראש, די אַנדערע האָט רעפּרעזענטירט די נייע „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע". וועגן איר האָט די „אַרביי־טער צייטונג" (21 אָקטאָבער 1900) געשריבן: „די צווייטע דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון צוויי נישט־סיטיזענס (קראַנץ, אָדער ראַמבראָ, און אינגערמאַן; ביידע פּאַראַכטן אַמעריקע און אינטערעסירן זיך אַזוי ווייניק מיט אונזער לאַנד, אַז זיי ווילן זיך אַפילו נישט נאַטוראַליזירן)". לויט דעם יידישן אָרגאַן פון ס.ל.פּ. זאָל לוסיען סעניעל האָבן דערקלערט, „אַז די קענגעריס שטעלן נישט פאָר קיין ערלעכע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, אַז זיי זיינען פּאַרקערט נישט מער ווי אַ באַנדע אַנטי־סאָציאַליסטישע פאַרשווערער און שווינדלער, וועלכע זיינען מערסטנטייל — ספּעציעל זייערע דעלעגאַטן — אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער ס.ל.פּ. פאַר פאַראַט און אַנדערע ערגלאָזע האַנדלונגען".

אין אַזאַ מצב האָבן די יידישע סאָציאַליסטן דאָ אָפּגעשלאָסן דאָס לעצטע קאַפּיטל פון 19־טן יאָרהונדערט. סך־הכל מיט צוויי צענטליק יאָר פריער האָבן די יידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע אַנטדעקט אַמעריקע און אָנגעהויבן ציען אַהער אין גרויסע שטראָמען. פיל פון זיי זיינען געווען רוי און אומוויסנדיק. פיל זיינען נאָך געווען פאַרבונדן מיטן אַלטן רעליגיעזן לעבנס־שטייגער. און כאָטש אַלע פאַרטון אין שווערער פּראַצע און ביטערן געראַנגל קעגן הונגער און נויט, איז דאָך געווען נישט לייכט דאָס ברענגען צו זיי די סאָציאַליסטישע בשורה און פירן זיי אין קאַמף פאַר אַ בעסער מענטשלעך לעבן. דער אידעאַליזם פון די סאָציאַליסטישע פּיאָנערן האָט אָבער נישט געלאָזט אַנטמוטיקט ווערן. זייער עקשנות האָט נישט געלאָזט זיך אָפּשטעלן פאַר די גרויסע שטערונגען. די יידישע אַרבעטער זיינען פּראָפעסיאָנעל און פּאָליטיש אָרגאַניזירט געוואָרן. אומאויפהערלעך זיינען זיי געוועקט געוואָרן צום קאַמף. ווי פּיאָנערן, האָבן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע טוער קיין היסטאָרישע דערפאַרונג נישט געהאַט. ס'איז נישט געווען פונוואַנען צו לערנען. ס'האָט געפעלט אַ מוסטער, ס'איז נישט געווען קיין אויסגעפּלאַסטערטער וועג. האָט מען אָפט אַליין פאַרבלאָנדזשעט. האָט אָפט געפעלט דאָס ריכטיקע וואָרט און די נויטיקע טאַט.

די פּיאָנערן האָבן אָפּגעטון אַ גרויסע אַרבעט. אויף אַ ליידיקן באָדן האָבן זיי אויסגעבויט אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג און אַ יידישע אַרבעטער־פּרעסע. ביים סוף פון 19־טן יאָרהונדערט זיינען אָבער די אויפגעבויטע בנינים שוין געווען געשפּאָלטן און אַ טיפער ריס האָט אַדורכגעשניטן די יידישע סאָציאַ־ליסטישע רייען. און מיט צעטיילטע מחנות איז די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אַריין אין 20טן יאָרהונדערט.

9. שווערער קריזיס

נייע איינוואַנדערונג־שטראָמען. — פּראָפעסיאָנעלע איבערשיכטונג. — נאָכווייניקן פון די שפּאַלטונגען. — אונטערגאַנג פון די יידישע ס.ל.פּ.־צייטונגען. — דער ישוב באַרג־אַרויף, די באַוועגונג באַרג־אַראָפּ. — אַפּאַטיע. — פּאַרטייאַנגעהעריקייט אויס מאָדע. — מ׳זוכט סיבות און רפואות. — ניו־יאָרקער קאָנפערענץ. — „די יידן־פראַגע איז אַ קלאָרע״. — דור־הפלגה. — נישט־אָרגאַניזירטקייט פון די יידישע אַרבעטער. — צי טויגן זיי נישט פאַר אַ יוניאָן ? — רעאַקציע אויף דער יידישער גאַס. — אַרבעטער־רינג. — זיין ראָל און קאַמף פאַר אַנערקענונג. — ביטערע טענות און איבערגעטריבענע האָפענונגען.

אַ נייע תקופה. גרויסע וועלט־געשעענישן. די עקאָנאָמישע מאַכט פון אַמעריקע שטייגט. די אַמעריקאַנער אינדוסטריע צעוואַקסט זיך. דער יידישער ישוב פאַרמערט זיך כסדר. זיין וואוילשטאַנד ווערט העכער. עס בילדעט זיך אויס זיין כאַראַקטער, עס פאָרמירט זיך זיין פּנים. אין די ערשטע 14 יאָר פון הייַנטיקן יאָרהונדערט, ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך דער יידישער ישוב אין אַמעריקע בערך פאַרטאָפּלט אין צאָל און אויך פאַרשטאַרקט אין קוואַליטעט.

אַרום אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידן אין לאַנד אויף דער שוועל פון 20־טן יאָרהונדערט, איז זייער צאָל ביז אויגוסט 1914 געשטיגן אויף דריי מיליאָן. אין דער אַלטער היים, אין גרעסטן יידישן צענטער, אין דער רוסישער אימפּעריע איז געווען דער קישיניעווער פּאָגראָם, די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה, די רעוואָלוציע, די קאָנטער־רעוואָלוציע, ווידער פּאָגראָמען געמאַכט פון דער „שוואַרצער מאה״, פּאָליטישע רדיפות, שווערע עקאָנאָמישע קריזיסן, נגישות און גזירות. נישט גוט איז אויך געווען אין רומעניע און גאַליציע. האָט עס געטריבן פון דאָרטן. דאָ האָט זיך דאָס לאַנד אַנטוויקלט. פיל האָבן שוין געהאַט דורכגעמאַכט דעם שווערן אָנפאַנג־פּעריאָד פון דחקות און מאַטערניש. זיי האָבן זיך שוין געפילט פאַרפעסטיקט און פאַרוואָרצלט. טייל אַפילו — אַרויפגעאַרבעט. האָט מען אַריבערגענומען אַנדערע פאַמיליע־מיטגלידער. האָט מען געגרופן אַהער פריינט און באַקאַנטע. האָט זיך אין די היים־שטעטלעך געשאַפן רייזע־פיבער. דאָרטן האָט עס געשטויסן, אַהער האָט עס געצויגן. זיינען 1904־1908 צווישן 100 און 150 טויזנט יידן יערלעך אַריינגעקומען אין די פאַרטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

מער ווי אַ העלפט פון די איינגעוואַנדערטע יידן זיינען אַוועק צו אַרבעט. די אינדוסטריע פון די גרעסערע שטעט האָט זיי אַריינגעצויגן. מיטן גאַנג פון יאָרן האָט זיך די טענדענץ געביטן. גאַנץ אַמעריקע האָט אַדורכגעמאַכט אַן ענדערונג. מיט דער אינדוסטריאַליזירונג, מעכאַניזאַציע און געבעסערטן וואוילשטאַנד איז געפאַלן דער פּראָצענט פון פיזישע אַרבעטער. יידן האָבן מיטגעמאַכט די דאָזיקע אַלגעמיינע אַנטוויקלונג. אויך ביי זיי איז געשטיגן דער

פראַצענט באַטייליקטע אין האַנדל, ביוראַליזם און פרייע פּראָפעסיעס.

אין כסדרדיקן גאַנג פאַראויס פון יידישן ישוב איז די יידישע סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג נישט תמיד מיטגעגאַנגען. די 14 יאָר ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה קען מען איינטיילן אין צוויי פעריאָדן. די ערשטע 7 יאָר זיינען געווען מאָגערע פאַר דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, די צווייטע 7 יאָר — פעטע. און כאָטש די פעטערע האָבן איינ־געשלונגען די מאָגערע, איז אָבער די מאָגערקייט נישט פאַרשוואונדן.

אין די ערשטע יאָרן זיינען נאָך געווען פריש די נאָכווייענישן און רע־זולטאַטן פון די פריערדיקע שפּאַלטונגען. פאַרמעל זיינען געווען צוויי און פאַקטיש דריי לאַגערן. די געבליבענע אין דער אַלטער ס.ל.פ. פון איין זייט (פאַנען־טרעגער דעניעל דע ליאָן), און די· מיטגלידער פון דער ס. פּ. (פאַנען־טרעגער יודזשין וו. דעבס). די לעצטע זיינען אָבער אַליין געווען צעטיילט אויף דער יידישער גאַס. די ערשטע אָפּגעשפּאַלטענע (פון 1897), די „פאַר־ווערטסיסטן", האָבן זיך נישט אַזוי גרינג אויסגעמישט מיט די „קענגערוס" (פון 1899), צווישןביידע איז אַ צייט לאַנג געווען אַ פּסיכאָלאָגישע וואַנט. דער „פאַרווערטס" האָט אין די ערשטע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ נישט געהאַט קיין פעסטע מאַטעריעלע און אידעאָלאָגישע באַזע. ער האָט איבערגעלעבט שווערע קריזיסן און איז געווען אין געפאַר אונטערצוגיין. אַ סאָציאַליסטישע צייטונג, אָבער נישט קיין אייגנטום פון דער פאַרטיי, זיינען די מיטגלידער פון דער אַסאָסיאיישאַן געווען די פאַרמעלע באַלעבאַטים פון „פאַרווערטס". און אין דער אַסאָסיאיישאַן האָבן די מאַכט געהאַט איינצלנע פערזאָנען. פון קאַמף קעגן קליקע און פאַר פאָלקס־פאַרוואַלטונג, וואָס האָט דערפירט צום רעוואָלט און צו דער גרינדונג פון „פאַרווערטס", האָט מען נישט געמאַכט קיין אייזערנעם געזעץ פאַר זיך גופא. די „פאַרווערטס" אַסאָסיאיישאַן אַליין איז גיך פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַן אָרגאַניזאַציע פון איינצלנע שטענדיקע מיטגלידער אויפן אָרט פון פאַרשטייער פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

ביסלעכוויז האָט די אַנטיפּאַטיע צווישן די „פאַרווערטסיסטן" און די „קענ־גערוס" זיך גענומען אויסוועפן און ביידע האָבן אָנגעהויבן טון געמיינזאַמע אַרבעט. דער שלום האָט זיך אָנגעהויבן טאַקע אַרום „פאַרווערטס", וועמענס קיום מ'האָט געדאַרפט ראַטעווען. אין דער זעלבער צייט, אין 1902, האָט ווידער אָנגעהויבן דערשיינען דער חודש־זשורנאַל „די צוקונפט", וואָס איז „צייטווייליק" אָפּגעשטעלט געוואָרן אין 1897... אין זעלבן יאָר, אין אַפּריל 1902, איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די יידישע טעגלעכע צייטונג פון ס.ל.פּ., „דאָס אבענד־בלאַט". מ'האָט נאָך געפּרוווט איינהאַלטן די וועכנטלעכע „אַר־בייטער צייטונג" (פון ס.ל.פּ.), אָבער אויך זי האָט נישט אויסגעהאַלטן און איז דעם 15 נאָוועמבער פון דעם זעלבן יאָר אונטערגעגאַנגען. די פּרעסע פון ביידע צדדים האָט זיך ביטער געראַנגלט פאַר איר קיום. דער פאַקט, וואָס די יידישע צייטונגען פון דער ס. ל. פּ. זיינען אַראָפּ פון דער סצענע, בעת די אַנ־הענגער פון דער ס.פּ. האָבן סוף־כל־סוף גובר געווען דעם קריזיס, האָט סיגנאַ־ליזירט ווער עס וועט זיין דער יורש און איבערנעמען די פאָן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. מיטן פאַרמאַכן די צייטונגען איז דער גאַנג באַרג־אַראָפּ פון דער יידישער ס.ל.פּ.־באַוועגונג געוואָרן נאָך האַסטיקער. זי האָט

פאַרלוירן מיטגלידער, אירע סעקציעס זיינען צערונען געוואָרן. געבליבן איז בלויז די עקשנות און געטריישאַפט צו דע ליאָנען און זיין טאַקטיק, די פאַר־ביטערונג און ביטול צו די קעגנער.

פאַר די דעמאָלטיקע שטימונגען פון די פירער פון דער יידישער ס.ל.פּ.־באַוועגונג איז כאַראַקטעריסטיש דער אַרטיקל, מיט וועלכן די רעדאַקציע פון דער „אַרבייטער צייטונג" האָט אין לעצטן נומער זיך געזעגנט מיט די לייענער. עס ווערט דאָרטן געזאָגט: „מיט דעם נומער הערט אויף צו עקזיסטירן די יידישע סאָציאַליסטישע פּרעסע"... „צוועלף און אַ האַלב יאָר לאַנג איז די דאָזיקע צייטונג דערשינען רעגלמעסיק — 7 יאָר מיט אַ טעגלעכער אויסגאַבע — אומאונטערבראָכן, שטענדיק דינענדיק די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס, שטענדיק פּראָפּאַגאַנדירנדיק די לערעס פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. איצט ווען נאָך די צוועלף און אַ האַלב יאָר שווערער אַרבעט מוז די צייטונג זיך אָפּשטעלן, האָבן מיר אָבער נישט קיין סיבה זיך צו פילן נידערגעשלאָגן און באַזיגט"... „פיל פון די יעניקע, וועמען די 'אַרבייטער צייטונג' האָט גע־לערנט סאָציאַליזם אין יידיש, זיינען איצט אַמעריקאַניזירט און זיינען טעטיק צווישן אונזערע אַמעריקאַנישע גענאָסן"... „די 'אַרבייטער צייטונג' לאָזט איבער די יידישע אָפּטיילונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין נישט קיין דער־מונטערנדיקן צושטאַנד, אָבער זי לאָזט איבער די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אונטער דער פירונג פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, אין אַ פיל קרעפטיקערן און שטאַרקערן צושטאַנד, ווי זי איז געווען".

מיט אַזאַ קאַזיאָנעם אָפּטימיזם איז באַגלייט געוואָרן צו דער אייביקער רו די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע צייטונג אין אַמעריקע. די טיפערע סיבות פון טויט זיינען נישט אויפגעדעקט געוואָרן, קיין חשבון־הנפש איז נישט גע־קומען. פאַקטיש איז די „אַרבייטער צייטונג" די לעצטע פאַר יאָר נאָך די שפּאַלטונגען געווען אַ בלוט־אָרים בלאַט, וואָס האָט מער נישט אָפּגעשפּיגלט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. עס האָט געוויעט מיט ירידה און אונטערגאַנג.

נישט פריילעך איז אויך געווען אין די רייען פון צווייטן לאַגער. אַ טייל — און צווישן זיי אָנגעזעענע טוער און וואָרט־פירער — איז געבליבן מחוץ דער ס.פּ... אין דער באַוועגונג זיינען זיי געבליבן. זיי האָבן זיך געפּאָרעט, געמאַכט פּאָליטיק, געזאָגט דעות אין „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן, אָבער קיין פּאַרטיי־פליכטן האָבן זיי אויף זיך נישט געוואָלט נעמען. דאָס און די ביטער־ניש צווישן די „פאָרווערטסיסטן" און „קענגערוס" האָבן אָפּגעטויט די שטימונג און געליימט די הענט. די יידישע ברענטשעס פון דער ס.פּ. זיינען געווען שוואַך באַזוכט און זיינען אַדורך אין אַן אַפּאַטישער און געדריקטער שטימונג. ס'האָט זיך געשטאַרקט די טענדענץ צו ווערן טעטיק ערגעץ אַנדערש און איבערלאָזן אויף הפקר די יידישע פּאַרטיי־אַרבעט. דער דאָזיקער מצב האָט אָנגעהויבן באַאומרואיקן די טרייע, די אַקטיווע. פאַר זיי האָט זיך געשטעלט די טראַגישע פראַגע: דער יידישער ישוב גייט באַרג־אַרויף, פאַרוואָס גייען מיר באַרג־אַראָפּ?

ווען ס'האָט ווידער אָנגעהויבן דערשיינען „די צוקונפט" נאָך אַ הפסקה פון 4 און אַ האַלב יאָר, האָט א. ליעסין געשריבן: „ביי דער איצטיקער אַלגע־מיינער אָפּהענטיקייט, וועלכע פּאַראַליזירט אונזער באַוועגונג, איז דאָס ווירק־

לעך אַ נס, און אומדערוואַרטעטער, אַ וואונדערבאַרער״... „די ׳צוקונפט׳ האָט אויפגעלעבט, אָבער פיל פון אונזערע בעסטע געניאַסן האָבן אָפּגעלעבט. אַמאָל זיינען געווען אפילו אונזערע עלטערע מענטשן יינג אין גייסט, הייגט זיינען אויך אונזערע יינגע לייט גייסטיק זקנים. און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר איינצלנע פערזאָנען, נאָר פאַר דער באַוועגונג אין גאַנצן״.[16]

אין די רעדאַקציע־נאָטיצן גיט „די צוקונפט״ (סעפּטעמבער 1902) אַזאַ שילדערונג פון טרויעריקן מצב פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די צוויי וויכטיקסטע שטעט — ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע: „אפילו פילאַ־דעלפיע האָט אויפגעלעבט און אין פילאַדעלפיע — די יידישע גענאָסן, וואָס דאָס איז כמעט אַזאַ גרויסער נס, ווי דער אַריינבלאָזן פון דעם לעבנס־גייסט אין די טרוקענע ביינער אין יחזקאל: אַ נס בתוך נס. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט זיך דאָרטן געגרינדעט אַ סאָציאַליסטישע ליגע. אָן אַ גרויסן תקיעת־שופר, אָן אַ שופר־משיח, זיינען אָפּגעשטאָרבענע סאָציאַליסטן, מענטשן וועלכע זיינען געווען טויט פאַר דער באַוועגונג, אַרויסגעקומען פון זייערע קאַריערע־קברים און האָבן אָנגעהויבן זיך צו רירן, צו באַוועגן. עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז זיי האָבן זיך נישט גלייך און דירעקט אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי: דאָס וואָלט געווען צו פיל פאַרלאַנגט. דאָרטן אין פילאַדעלפיע, אַזוי גוט ווי ביי אונז אין ניו־יאָרק, איז דאָס געהערן צו דער פּאַרטיי אַרויס פון דער מאָדע; דאָרטן ווי דאָ ווערט מען רויט, ווען מען ווערט געכאַפּט מיט אַ רויטער קאַרטע. מען האַלט אַ פּאַרטיי־קנאָפּ אין לאַץ פאַר אַ צייכן פון שאַנדע, אַ שטייגער ווי אַ געלע לאַטע און אַן אַרעסטאַנטסקן כאַלאַט. אין נואַרק האָט מען אפילו דער־קלערט דאָס וואָרט ׳גענאָסע׳ פאַר אַ זידל־נאָמען״... „שטיל ווי אויף אַ בית־עולם איז נאָך דערוויל ביי אונז אין ניו־יאָרק אינם יידישן קוואַרטאַל. און דאָך איז קיינמאָל נישט געווען אַ גינסטיקערע צייט פאַר אַ מעכטיקער באַ־וועגונג, ווי גראָד היינטיקן יאָר״... „זיינען מיר ווירקלעך שוין אַזוי טויט, אַז פאַר אונזער גייסטיקן לעבן איז שוין טאַקע קיין שום תחית־המתים נישט מעגלעך? געפינט זיך ווירקלעך נישט אין אונזערע רייען נישט איינער, וועל־כער זאָל אין זיך פילן דעם וואונטש עטוואָס צו טון?״... „צווישן די אַריבער־געקומענע געפינען זיך היינט פיל, וועלכע האָבן אין רוסלאַנד מיטגעקעמפט און מיטגעליטן. זייער פּנים אַליין, זייערע איינפאַכע באַשיידענע שילדערונגען דאַרפן אונז, ׳אַמעריקאַניזירטע׳ יידן, רויט מאַכן פאַר שאַנדע, ווען מיר באַ־טראַכטן ווי טיף מיר זיינען געזונקען, טראַץ דעם, וואָס מיר געניסן דאָ כמעט די גאַנצע פרייהייט, פאַר וועלכער זיי האָבן געבלוטיקט״.

און ביי אַ טייל האָט געוויטיקט דאָס האַרץ, צוזעענדיק, ווי די באַוועגונג באַוועגט זיך נישט, ווי דער בנין, וואָס איז מיט אַזוי פיל מי געבויט געוואָרן צוויי צענדליק יאָר, איז דורך די שפּאַלטונגען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חורבה. זיי האָבן גענומען זוכן סיבות און פאַרגעלייגט מיטלען אויף אויפ־צולעבן די טעטיקייט. ברענטשעס האָבן אָנגענומען באַשלוסן, אַז מ׳זאָל רופן אַ קאָנווענשאָן פון די יידישע סעקציעס אין לאַנד. קודם־כל זאָל מען זיך אַראָפּריידן פון האַרץ און צונויפריידן וואָס מען זאָל טון. פריער זיינען די יערלעכע קאָנווענשאַנס געווען די במקום צענטראַלע אָנפירונג. אין דער סומאַ־טאָכע פון די שפּאַלטונגען האָט אויך דאָס אויפגעהערט. האָט מען עס געוואָלט

צוריק באַנייען. די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון די ניו־ענגלאַנד־שטאַטן האָבן אין אַפּריל 1903 געגרינדעט אַן אַגיטאַציע־ביוראָ, וואָס האָט געדאַרפט באַדינען די באַוועגונג אין די דאָזיקע 6 שטאַטן. די גרינדונג־קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין פּראָווידענס. דאָס ביוראָ האָט געפירט אַ גאַנץ שוואַכע טעטיקייט.

זעענדיק דעם אומווילן ביי פיל יידישע סאָציאַליסטן אַריינצוטרעטן אין דער ס.פּ. און אונטערן איינדרוק פון גרויסן דערפאָלג פון „בונד" אין דער רוסישער אימפּעריע, האָט מאָריס ווינטשעווסקי פאָרגעלייגט, אַז די יידישע סאָציאַליסטישע סעקציעס זאָלן געבויט ווערן אויפן יסוד פון אויטאָנאָמיע.

אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן שטיין מחוץ דער פּאַרטיי און זיין מיט איר בלויז אין פריינטלעכע באַציאונגען. אַזאַ פאָרשלאַג האָט געמאַכט ש. פּעסקין. ער האָט פאָרגעלייגט, אַז ס'זאָל געגרינדעט ווערן „אַ פעדעראַציע פון אַלע איסט־סייד סאָציאַליסטישע און פּאָרטגעשריטענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס". די פעדעראַציע זאָל „שטיין פּאָלקאָם אומאָפּהענגיק פון דער פּאַרטיי. זי מעג אָננעמען אַ רעזאָלוציע צו שטיצן די פּאַרטיי ביי די וואַלן און ביי אַנדערע געלעגנהייטן, אָבער נישט מער".[17]

קעגן דער אומפּאַרטייאישקייט האָט געקעמפט אַ צווייטע גרופּע מיט מ. זאַמעטקין בראש.

אין יאַנואַר 1902 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין ניו־יאָרק. מ'האָט געוואָלט זיך דורכריידן וועגן געפינען עפּעס אַ רפואה צום קריזיס אין דער יידישער באַוועגונג. געשיקט פאָרשטייער האָבן עטלעכע און צוואַנציק אָרגאַניזאַציעס. בערך 50 דעלעגאַטן זיינען געווען, צווישן זיי די אָנגעזעענסטע יידישע סאָציאַליסטישע וואָרט־פירער, ווי ד"ר אינגערמאַן, ווינטשעווסקי, זאַמעטקין, פייגענבוים, פּעסקין, הילקוויט, באַראָנדעס, בודין, ד"ר האַלפּערן און אַנדערע. פאַרטרעטן זיינען געווען אי די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, אי די יידישע טרייד־יוניאָנס, וואָס האָבן אויך איבערגעלעבט אַ שטאַרקן קריזיס. די טאָג־אָרדנונג האָט אַרומגענומען פאָלגנדיקע פּונקטן: טרייד־יוניאָניזם; פּאָליטישע אַקציע; קאָאָפּעראַציע; סאָציאַליסטישע קלובן; פּרעסע.

ס'איז אויך געווען אַ פאָרשלאַג אָוועקצושטעלן אַ פּונקט: די יידן־פראַגע. דער פאָרשלאַג האָט אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקער קעגנערשאַפט און האָט אַרויסגערופן אַ הייסע דיסקוסיע. די קעגנער האָבן געטענהט, אַז דאָס אַוועקשטעלן די פראַגע איז איבעריק. אַלס אַרבעטער האָבן זיי שוין אַ פּאַרטיקע מיינונג וועגן דעם און דעבאַטירן אַזאַ קלאָרע פראַגע וואָלט געווען סתם געפּטערט צייט. די אָנהענגער האָבן געבראַכט אייניקע אַרגומענטן פאַר און דערביי אויך אָנגעוויזן, אַז דער ציוניזם באַמיט זיך צו פאַרפירן די אַרבעטער, דעריבער איז נויטיק די פראַגע אויפצוקלערן. ביי דער אָפּשטימונג איז געווען אַ קליינע מערהייט קעגן פּונקט „די יידן־פראַגע". מען האָט דעמאָלט אַריינגעטראָגן אַ צווייטן פאָרשלאַג: אַוועקשטעלן אַ פּונקט וועגן דער אַגיטאַציע קעגן ציוניזם. אויך דער פאָרשלאַג איז דורכגעפאַלן. דערביי איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז מ'זועט קענען די פראַגע באַרירן, ווען מ'וועט ריידן וועגן אַגיטאַציע בכלל.

די אָנהענגער פון אַוועקשטעלן „די יידן־פּראַגע" האָבן זיך געפילט ביטער אַנטוישט. מאָריס ווינטשעווסקי האָט שאַרף קריטיקירט די האַנדלונג פון דער קאָנפערענץ. פאַרופנדיק זיך אויף אַ רעדע פון דייטשן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פירער בעבעל וועגן אַנטיסעמיטיזם, זאָגט ווינטשעווסקי, אַז „דער מאַן האָט מער שטודירט אונזער געשיכטע און האָט מער געקלערט וועגן דעם אַנטי־סעמיטיזם, ווי אַלע יידישע סאָציאַליסטישע שרייבער אין אַמעריקע צוזאַמען גענומען, מיט דעם איינציקן אויסנאַם פון גענאָסע ליעסין. ס'איז נישטאָ קיין ספק, אַז מיר וואָלטן געהאַט אַ גרעסערן דערפאָלג אין אונזער פּראָפּאַ־גאַנדע גופא, ווען מיר וואָלטן זיך אַביסל מער אינטערעסירט מיט אונזערע ראַסן־גענאָסן, און טוענדיק דאָס גראַד אַלס סאָציאַליסטן".[18]

די קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 11 יאַנואַר 1902 און זיך פּראָקלאַמירט אַלס „יידישע אַרבעטער־קאָנפערענץ", איז זיך צונויפגעקומען אין עטלעכע שבתים פון חודש יאַנואַר. די הויפּט־איניציאַטאָרן פון דער קאָנ־פערענץ זיינען געווען ש. פּעסקין און מ. ווינטשעווסקי. מ'האָט דאָרטן גע־פּרוווט זוכן, מ'האָט אָנגעוויזן אויף אַ ריי אָנגעווייטיקטע ערטער, מ'האָט געקלערט וועגן שאַפן עפּעס אַ סורראָגאַט פון אַ יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער מ'איז צו קיין טאָלק נישט דערגאַנגען. די טרייד־יוניאָניסטן האָבן אויס־געניצט די טריבונע צו אַטאַקירן די סאָציאַליסטן. די קאָנפערענץ האָט גע־ברענגט בלויז אַנטוישונג.

די שטימונגען נאָך דער ניו־יאָרקער „יידישער אַרבעטער־קאָנפערענץ" האָט געבערענגט צום אויסדרוק מ. זאַמעטקין אין אַזעלכע ווערטער: „אַזאַ גע־וואַלטיקן מישמאַש, וועלכן מיר האָבן איצט אין דער באַוועגונג, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט בייגעוואוינט אין די פיל יאָרן פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט די היגע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. ס'איז נישט בלויז אַ דור־הפלגה, איינער פאַרשטייט ניט דעם אַנדערן, נאָר ביי אַ סך איז אַן אומגעהויערער פּלאָנטער אין די קעפּ און זיי פאַרשטייען זיך אַליין נישט. אין די זעלבע קעפּ לעבן זיך בשלום גאַנץ קעגנזעצלעכע מיינונגען"... „פון באַגייסטערונג איז געוואָרן אַ קליין־קרעמערישער עגאָאיזם, אַן איבערגעבנקייט, אַן אַפּפּערפּעאיקייט"... די „פּראָווערטסיסטן און קענגערוס האָסן זיך קעגנזייטיק. מ'האַלט אויף די צע־שפּליטערונג, כאָטש ס'איז שוין לאַנג נישטאָ פאַר דעם קיין באַרעכטיקונג. ערשט נישט לאַנג איז מען נאָך געווען אָנהענגער פון אומקאָמפּראָמיסלעכן קלאַסן־קאַמף און היינט איז מען שוין גרייט צו גיין אויף כלערליי קאָמפּראָ־מיסן"...[19]

טרויעריק איז אויך געווען אויפן געביט פון טרייד־יוניאָניזם. שטרייקן זיי־נען געווען גענוג, אָבער שטאַרקע טרייד־יוניאָנס, וואָס זאָלן היטן געווינסן און סיסטעמאַטיש פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען, איז נישט געלונגען צו שאַפן. אין די טרייד־יוניאָנס איז געווען בלויז אַ קליינער טייל פון די יידישע אַרבעטער. די גרויסע מערהייט האָט נישט געהערט און זיך באַצויגן שלעכט און פיינטלעך צו די אָרגאַניזירטע. טייל פון די אָרגאַניזירטע האָבן געמוזט באַהאַלטן דעם פאַקט פון זייער אָנגעהעריקייט צו אַ יוניאָן. נישט בלויז פאַר די באַלעבאַטים איז דאָס געווען אַ חסרון, נאָר אויך פאַר די נישט־אָרגאַ־ניזירטע אַרבעטער. די לעצטע האָבן געחוזקט פון די טרייד־יוניאָניסטן און

זיי אַנגעטון צרות אין שאַפּ. אין מאַנכע שוין יוניאָניזירטע שעפּער האָבן די יוניאָנס געפּועלט ביי די באַלעבאַטים, אַז מ׳זאָל אויף די מלבושים אַננייען אַ יוניאָן־לייבל, אָבער די אַרבעטער האָבן געהייסן באַצאָלן פאַר דעם. אַזוי ווי די באַלעבאַטים האָבן עס נישט געוואָלט טון, איז פון דער דערגרייכונג גאָרנישט געוואָרן און דער מאַסע אַרבעטער האָט עס נישט געאַרט.

בלויז אין די שניידער־פאַכן פון ניו־יאָרק זיינען אין די ערשטע יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט שוין געווען בערך 200 טויזנט יידישע אַרבעטער, כמעט אַזאַ צאָל וויפיל ס׳האָט מיט צוויי צענדליק יאָר פריער באַטראָפן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין אַמעריקע. אַנשטאָט צו ווערן צאָלרייכער און גרע־סער זיינען אייניקע יוניאָנס אפילו נאָך מער איינגעשרומפּן געוואָרן. די יידישע אַרבעטער־מאַסע האָט זיך העכסטנס געלאָזט אַרויספירן אין אַ שטרייק פאַר קאָנקרעטע פאָדערונגען צום באַלעבאָס, אָבער אויסהאַלטן אַן אייגענע אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס זאָל טאָג־טעגלעך זאָרגן פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער, פאַר דעם איז קיין פאַרשטענדעניש נישט געווען. איז ביי מאַנכע טרייד־יוניאָניסטן געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק אין קאָפּ: אפשר זאָל מען זיך באַ־פרייען פון דער השפעה, וואָס די אידייאישע ריכטונגען איבן אויס? אויב מ׳וועט נישט האָבן קיין מגע־ומשא מיט זיי און זייערע פּראָבלעמען, קאַמפן און שפּאַל־טונגען, נאָר זיין ריינע טרייד־יוניאָנס אָן אידייאישן אונטערשלאַק, וועט די מערכה פון דער יוניאָן־באַוועגונג זיך פאַרבעסערן.

די סיבה פון דער נישט־אָרגאַניזירטקייט האָט אָבער געשטעקט אַנדערש־וואו. ווייל גראָד די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן האָבן מיט מי און מאַטערניש געבויט די יוניאָנס. אויף זייער אידעאַליזם, טריישאַפט און ענערגיע האָבן זיך געהאַלטן די קליינע יוניאָנס, וואָס האָבן עקזיסטירט. און די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז אויך אָן אידייאישע מאָטיוון קענען זיין קאָנפליקטן, רייסערייען און שפּאַלטונגען אין די טרייד־יוניאָנס. די צרה האָט געשטעקט אין דער רויער אַרבעטער־מאַסע גופא פון וועלכער אַ טייל איז געכטן גאָר קיין אַרבעטער נישט געווען און באַטראַכט די אַרבעט אין שאַפּ פאַר אַ צייטווייליקע פּרנסה. און ביי אַנדערע איז סתם געווען אַן אומגלויבן אין דער צוועקמעסיקייט פון די פּאַך־אָרגאַניזאַציעס. נישט געקוקט וואָס די אַרבעטס־פּלעצער זיינען געווען שלעכטע, די אַרבעטס־שעהען לאַנגע, די לוינען קליינע און די באַהאַנדלונג נישט קיין פיינע, האָבן די אַרבעטער זיך נישט געוואָלט פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט אַ יוניאָן, אין וועלכער זיי האָבן קיין אמונה נישט געהאַט. מ׳האָט נישט געגלויבט, אַז זי קען עפּעס ממשותדיקס אויפטון. די נישט־אָרגאַניזירטקייט פון די יידישע אַרבעטער האָט אפילו אַ צייט געשאַפן אַ מיינונג, אַז יידן בכלל לאָזן זיך נישט אָרגאַניזירן. מ׳האָט געטראַכט, אַז אַ יידישער אַרבעטער איז בכלל נישט קיין עלעמענט פאַר אַן אָרגאַניזאַציע, ווייל ער וויל נישט וויסן פון קיין פליכטן און דיסציפּלין, באַגנוגט זיך מיט אַ קליינעם לוין און האָט נישט קיין השגה פון אַ בעסער לעבן. אין מאַנכע אַמעריקאַנער יוניאָנס האָט מען צוליב דעם טעם נישט גערן אַריינגענומען יידישע אַרבעטער.

נאָך צוויי צענטליק יאָר סאָציאַליסטישער און טרייד־יוניאָניסטישער טע־טיקייט איז מען געבליבן שטיין ביי אַ צעבראָכענער קאָריטע, נישט אין גאַנצן אָן דער שולד פון די סאָציאַליסטישע טוער, וועלכע האָבן דורך די שפּאַלטונגען

איבערגעהאַקט דעם לעבנס־נערוו פון דער באַוועגונג. מען האָט געמוזט אָנ־הויבן פון דאָסניי. טיילוויז פון פריערדיקן מאַטעריאַל, פון די אַלטע ברוכ־שטיקער, טיילוויז פון נייעם צושטראָמענדיקן מאַטעריאַל, פון דער נייער אימי־גראַציע מיט נייע אידייען.

אויפן אָרגאַניזאַציאָנעלן געביט האָט זיך באַוויזן אַ נייער צווייג — דער אַרבעטער־רינג. דאָס ערשטע קעמערל איז געבויט געוואָרן נאָך אין 1892, אָבער ערשט אין יאָר 1900 איז געשאַפן געוואָרן דער אַרבעטער־רינג ווי אַן אָרדען מיט בראַנטשעס איבערן לאַנד. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ נויטווענדיקייט. אַ יידישע קהלה מיט אירע פאַרשידנאַרטיקע פונקציעס איז אין אַמעריקע נישט געווען. האָבן יידן גענומען שאַפן פאַרשידענע חברות, וואָס זאָלן באַפרידיקן געוויסע נויטן. צווייערליי מינים זיינען געווען: רעליגיעזע חברות און סאָסייעטיס, וואו ס׳האָבן זיך געזאַמלט מענטשן, וואָס האָבן גע־שטאַמט פון זעלבן אָדער פון אַ שכנישן שטעטל. ס׳האָבן אויך עקזיסטירט עטלעכע יידישע אָרדענס. די גרעסטע צאָל לאַנדסמאַנשאַפטן זיינען געגרינדעט געוואָרן אין ערשטן צענטליק פון היינטיקן יאָרהונדערט.

וואָס מער דאָס היגע יידישע לעבן איז געוואָרן דיפערענצירט, אַלץ שווערער איז פאַר אַן אַרבעטס־מענטש, און בפרט פאַר אַ באַוואוסטזיניקן, געוואָרן דאָס זיצן אין די פאַרשידענע אַלגעמיינע סאָסייעטיס, לאַנדסמאַנשאַפטן און אָרדענס. דאָרטן האָט געהערשט אַ קאָנסערוואַטיווער גייסט. פאַרשידענע גבאים און תקיפים האָבן געבאַלעבאַטעוועט. אָפט זיינען געווען קאָמישע צע־רעמאָניעס, וואָס מ׳האָט איבערגענומען פון די נישט־יידישע אָרדענס און זיי צוגעפּערטיקט מיט אַביסל יידישן זאַלץ. די נייע אימיגראַנטן־שטראָמען האָבן געבראַכט פיל אויפגעקלערטע אַרבעטער, וועלכע האָבן שוין אין דער אַלטער היים נישט געוואָלט זיצן ביי איין טיש מיט באַלעבאַטישע עלעמענטן. אָפּטיילן זיך, שאַפן אַן אייגענעם אָרדען געפירט אין אַ סאָציאַליסטישן גייסט, איז געוואָרן אַ דראַנג ביי די באַוואוסטזיניקע יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע. אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע פאַר קעגנזייטיקער הילף האָט אַפּעלירט צו ברייטערע שיכטן, וועלכע זיינען שוין געווען סאָציאַליסטיש באַאיינפלוסט. דער אַרבעטער־רינג האָט אַנטשפּראָכן אַ קאָנקרעטער באַדערפעניש אין יידישן אַרבעטער־לעבן.

אַ ספּעציעלע סיבה איז געווען, וואָס האָט גורם געווען דעם דערפאָלג פון אַרבעטער־רינג. די אַנטשטייאונג פון דעם אָרדען איז זיך צונויפגעפאַלן מיטן קריזיס אין דער יידישער סאָציאַליסטישער און טרייד־יוניאָניסטישער באַווע־גונג. אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך האָבן יידישע סאָציאַליסטן צוליב די שפּאַלטונגען פשוט פאַרלוירן זייער גייסטיקע היים. אין די בראַנטשעס פון אַרבעטער־רינג האָבן זיי אַזאַ היים צוריק זיך געשאַפן. און אָפט פלעגט טרעפן, אַפילו אין די שפּעטערע יאָרן, אַז די בראַנטשעס פון אַרבעטער־רינג האָבן פאַר־טרעטן סעקציעס און דיסטריקטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און געטון די פּאָליטישע און וואַל־אַרבעט פאַר זיי. ס׳זיינען אויך געווען פאַלן, ווען די בראַנטשעס פון אָרדען האָבן געטון טרייד־יוניאָן־אַרבעט.

ווי עס האָט אויסגעזען אין דער צייט, ווען דער אַרבעטער־אָרדען האָט זיך אָנגעהויבן אויסשפּרייטן איבערן לאַנד, זאָל דערציילן אַן עדות: דאָס יאָר 1903. דעמאָלט „איז דאָך דאָ אין שיקאַגאָ געווען אַזאַ פינסטערניש אויף

דער יידישער גאַס, אַז מען האָט פּשוט מיט דער האַנט געטאַפּט. וואָס באַוועגונג? ווען באַוועגונג? טאָמער האָט איינער געזאָגט אַ פריי וואָרט, איז רעכט געווען מיט שטיינער אים פאַרוואַרפן. דער נאָמען סאָציאַליסט איז אַ זידל־וואָרט געווען. פאַרפאָלגטע נשמות זיינען די יידישע אַרבעטער געווען".[20]

אַזוי איז געווען אין דער גרויסער שטאָט שיקאַגאָ. די יידישע רעאַקציע האָט זיך אוודאי געקאָנט לאָזן וואוילגיין אין פיל קלענערע שטעט און שטעטלעך. און די סאָציאַליסטן האָבן נישט פאַרמאָגט דעם געאייניקטן כוח זיך קעגנצושטעלן. אָדער די יידישע סעקציעס זיינען לחלוטין פאַרשוואונדן, אָדער געבליבן זיינען בלויז אַ פּאָר געטרייע חסידים, וועלכע האָבן געפירט אַ נעבעכדיקע טעטיקייט. אַמאָל אין אַ יובל האָבן דאָ און דאָרטן געבליבענע גרופּעס געלאָזט פון זיך הערן. די ביי־געשאַפענע אַרבעטער־רינג־בראַנטשעס האָבן אין פיל פאַלן פאַרנומען די ערטער, וואָס זיינען געבליבן ליידיק נאָכן צעפאַלן ווערן פון יידישע סאָציאַליסטישע סעקציעס. צעשפּאַלטן אויף אידעאָלאָגישע ליניעס, האָבן פיל יידישע סאָציאַליסטן געפונען אַ געמיינזאַמען יסוד אין אַרבעטער־רינג.

גלאַט איז עס אָבער נישט צוגעגאַנגען. מיט ווייניקע אויסנאַמען האָבן די סאָציאַליסטישע פירער זיך באַצויגן גלייכגילטיק און אפילו נעגאַטיוו צו דעם געשאַפענעם אַרבעטער־אָרדען. קליינע קעגנזייטיקע הילף — האָבן זיי געטענה'ט — איז נישט קיין ענין פאַר סאָציאַליסטן, וועלכע דאַרפן האָבן אויפן אויג ברייטע סאָציאַלע צילן. אַחוץ דעם האָבן טייל מורא געהאַט, אַז די בראַנטשעס פון אַרבעטער־רינג וועלן זיין אַ קאָנקורענץ פאַר די סעקציעס פון דער פּאַרטיי. און מ'האָט שוין אפילו אויך באַשולדיקט, אַז אין דער ירידה פון די סעקציעס זיינען טאַקע שולדיק די אַ.־ר.־בראַנטשעס. ענלעכע פּרעטענזיעס האָבן אַרויסגערוקט טוער פון דער יידישער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג. אין זייער ביטערן מעמד האָבן זיי אויסגעלאָזט דעם כעס צום אַרבעטער־רינג. ביי זיי האָט זיך געשאַפן אַ טעאָריע, אַז די יידישע אַרבעטער לעבן זיך אויס אין די סאָסייעטיס, דעריבער ווילן זיי נישט גיין אין די יוניאָנס. פון אַרבעטער־רינג האָבן די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אַריינגעמען אַלס מיטגלידער נאָר יוניאָן־לייט. דער אַרבעטער־רינג האָט אויף דעם נישט געוואָלט איינגיין ווייל ער וואָלט פאַרמאַכט די טירן פאַר דער גרויסער מערהייט פון די יידישע אַרבעטער. דאַקעגן האָט ער זיך פאַרפליכטעט צו פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן זיינע מיטגלידער פאַר אָנשליסן זיך אין די טרייד־יוניאָנס. אין שייכות מיט דעם האָט זיך צעפלאַקערט אַ שאַרפע פּאָלעמיק צווישן די יידישע געווערקשאַפטן און דעם אַרבעטער־רינג.

דער אַרבעטער־רינג האָט געוואָלט נישט בלויז זיך איינבירגערן אין לעבן, נאָר אויך באַקומען אַ הכשר פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ב. פייגענבוים, דער ערשטער גענעראַל־סעקרעטאַר און אידעאָלאָג פון אַרבעטער־אָרדען אין דער ערשטער תקופה, האָט אַזוי פאָרמולירט די וויכטיקייט פון דער נייער אָרגאַניזאַציע: „אָפּהיטנדיק זיין סאָציאַליסטישן כאַראַקטער, וועט דער 'אַרבעטער־רינג' זיין די איינציקע דויערנדיקע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע. דאָס איז ער שוין אין פיל שטעט. נאָך דעם מבול אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז אין די קלענערע

שטעט נישט געבליבן קיין שריד־ופליט פון קיין באַוועגונג. וויפיל מען האָט נישט געאַרבעט צו גרינדן אַלערליי אָרגאַניזאַציעס — אָדער מען האָט גאָרנישט געקענט אויפטון, אָדער עס איז באַלד צוריק צעפאַלן. און דער אַרבעטער־רינג איז דערשינען ווירקלעך ווי אַ מלאך הגואל פון דער באַוועגונג פאַרן סאָציאַליזם צווישן די יידישע אַרבעטער״... „פאַרגעסט נישט, אַ ברענטש פון אַרבעטער־רינג איז נישט קיין שפּינוועבס, ווי אַ סעקציע (פון דער פּאַרטיי) אָדער פאַראיין״... „מען צעקריכט זיך נישט״... „איך בין איצט געקומען צו דער פעסטער איבער־צייגונג, אַז די צוקונפט פון אַן אָרגאַניזירטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע ליגט אין אַרבעטער־רינג! ווען האָט די יידישע באַוועגונג זוכה געווען צו האָבן ביז 16 הונדערט מאַן פעסט אָרגאַ־ניזירט אין אַ צענטראַלער אָרגאַניזאַציע, ווי מיר האָבן איצט אין אַרבעטער־רינג ?״[21]

אויך אַנדערע איינפלוסרייכע טוער האָבן אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז דער אַרבעטער־רינג דאַרף ווערן דער צענטער פון יידישער סאָציאַליסטישער טעטיקייט און פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די יידישע פּאַרטיי־סעקציעס. דער דאָזיקער געדאַנק איז געקומען נישט בלויז פון דער פעסימיסטישער שטימונג, וואָס די שפּאַלטונגען און צעפאַלונג האָבן אַרויסגערופן, נאָר איז אויך געווען אַ פועל־יוצא פון דעם נישט קלאָרן בליק פון די דעמאָלטיקע וואָרט־זאָגער וועגן די אויפגאַבן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

10. באַמיאונגען אויפצולעבן די סאָציאַליסטישע טעטיקייט

שטאַרקער וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. — די אַרבעט צווישן די אַנדער־שפּראַכיקע. — סוף פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג? — גישטאָ קיין פאַרבינדונג צווישן אירע צווייגן. — אָן אַ נאַציאָנאַל פּראָגראַם. — יאַהודים און כלי־קודש. — די באַציאונג פון דעם ארום. — פּרוּוון פון אויפלעבונג. — פון וואַנען זאָל קומען די ישועה?

אין ערשטן צענטליק יאָר פון איר עקזיסטענץ איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (ס.פּ.) כסדר געשטיגן. פאַרמערט האָט זיך די צאָל שטימען ביי די וואַלן, בהדרגהדיק איז געוואַקסן די צאָל פּאַרטיי־מיטגלידער. אין 1910 האָט איר מיטגלידערשאַפט באַטראָפן אַרום 60 טויזנט. און נאָך אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג: להיפּוך צו דער ס.ל.פּ. פון די פריערדיקע יאָרן, איז די גרויסע מערהייט פון דער ס.פּ. געווען אַ הי־געבוירענע. אין 1908 האָבן אַמעריקאַנער־געבוירענע צווישן די מיטגלידער באַטראָפן 71 פּראָצענט. אויך די גרויסע מערהייט דעלעגאַטן צו די פּאַרטיי־קאָנווענשאָנס איז באַשטאַנען פון געבוירענע אַמעריקאַנער.

דאָס איז געווען אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג נישט בלויז פאַרן היינט און מאָרגן פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין לאַנד, נאָר אויך פאַר אירע אימיגראַנטישע טיילן. דער אימיגראַנטישער סעקטאָר קען אויסבויען אַ שטאַרקע און נאָרמאַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג בלויז דעמאָלט, ווען ער שפּאַרט זיך אָן אויף אַ געזונטער אָרטיקער פּאַרטיי. און די צייט איז געווען אויך אַ גאָר גינסטיקע פאַרן אימיגראַנטישן סעקטאָר. די שיפן האָבן אָן אויפהער געבראַכט נייע אַרבעטער־איינוואַנדערער.

און די פּאַרטיי האָט אויך געגעבן די מעגלעכקייט פאַר די פרישע איינוואַנדערער זיך אויסצולעבן אין די אייגענע גרופּעס און אָפּטיילונגען, ריידן אויף דער אייגענער שפּראַך און זיך פאַרנעמען מיט באַזונדערע פּראָבלעמען. שוין אויף דער קאָנווענשאָן פון דער ס.פּ., וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שיקאַגאָ אין די טעג פון 1־6 מאַי 1904, האָט מען זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע פון די אַנדער־שפּראַכיקע. די קאָנווענשאָן האָט אויסגעטיילט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע. פאַר איר זיינען אויפגעטרעטן צוויי דעלעגאַציעס — פון פּוילישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד און פון דער פעדעראַציע פון די איטאַליענישע ברענטשעס אין שטאַט ניו־דזשוירזי. די קאָמיסיע האָט נאָך דעם רעקאָמענדירט צו דער קאָנווענשאָן, אַז מען זאָל מעגן גרינדן ספּעציעלע לאָקאַלן „צווישן די, וועלכע קענען נישט ריידן ענגליש". אין די ראַמען פון די רעגולערע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס מעגן די באַזונדערע שפּראַך־לאָקאַלן שאַפן אָרטיקע און שטאַט־אָרגאַניזאַציעס. די מיטגלידער פון די שפּראַך־לאָקאַלן

דאַרפֿן האָבן גלייכע רעכט און פֿליכטן, ווי אַלע אַנדערע פּאַרטיי־מיטגלידער. נאָך מער: די קאָמיסיע האָט רעקאָמענדירט, אַז די לאָקאַלן פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זאָלן זיך קענען ווענדן צום צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי וועגן געבן זיי די רעכט צו שאַפֿן אַ נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו פֿון דער געגעבענער נאַציאָנאַליטעט. קעגן די פֿאַרשלאַגן פֿון דער קאָמיסיע איז אַרויסגעטרעטן מאָריס הילקוויט (הילקאָוויץ). אַלס אָפּשרעקנדיקןביישפּיל האָט ער געבראַכט די יידיש־שפּרעכנדיקע סעקציעס פֿון אַמאָל, וואָס האָבן, לויט זיין מיינונג, גורם געווען אַ סך צרות און אַריינגעבראַכט אַ צעטיילונג אין די רייען פֿון דער פּאַרטיי. הילקוויט האָט פֿאַרגעלייגט, אַז מ׳זאָל בלויז שאַפֿן פּראָפּאַגאַנדע־קלובן פֿאַר די באַזונדערע שפּראַכן. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן די גאַנצע פֿראַגע איבערגעבן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי. דער ענין איז ווידער געקומען צו די וויטערדיקע קאָנווענשאָנס און איז סוף־כל־סוף געלייזט געוואָרן אויף אַ צופֿרידנשטעלנדיקן אופֿן פֿאַר דער טעטיקייט פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. נישט אין דער פּאַרטיי איז געווען אַ שטער אויפֿצובויען אַ גרויסע יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

גוטער מענטשן־מאַטעריאַל האָט אויך ניט געפֿעלט. אויב די פּיאָנערן האָבן אין 19טן יאָרהונדערט געהאַט צו טון מיט רויע מאַסן, וועלכע האָבן פֿריער נישט געהאַט קיין שום פּאָליטישע דערציאונג און טרייד־יוניאָניסטישע דער־פֿאַרונג, מאַסן פֿון וועלכע אַ טייל האָט אַפֿילו נישט געקענט זיך האַלטן רואיק אויף אַ פֿאַרזאַמלונג, זיינען שוין איצט געקומען אויך פֿיל, וועלכע זיינען אין דער אַלטער היים דורכגעגאַנגען די שול פֿון „בונד״ אָדער פֿון אַנדערע פּאַרטייען. און דאָך! די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט נישט גע־צויגן. ס׳איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז פֿיל האָבן געטראַכט און גערעדט, אַז די צייט פֿאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע איז פֿאַרענדיקט. זי איז אַוועק אין דער געשיכטע צוזאַמען מיטן 19־טן יאָרהונדערט.

דאָס וואָס מ׳האָט גערופֿן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, איז באַשטאַנען פֿון פֿיר צווייגן: די טרייד־יוניאָנס, די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־גרופּעס, דער אַרבעטער־רינג און די יידישע סאָציאַליסטישע פּרעסע. אין די ערשטע יאָרן פֿון היינטיקן יאָרהונדערט, האָבן די ערשטע צוויי צווייגן איבערגעלעבט אַ טיפֿן קריזיס און נישט געקענט וואַקסן. די אַנדערע צוויי צווייגן — דער אַרבעטער־רינג און די פּרעסע — האָבן יאָ אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ צו וואַקסן. צווישן זיך זיינען די באַזונדערע צווייגן נישט געווען פֿאַרבונדן אָרגאַ־ניזאַציאָנעל. קיין איינהייטלעכער אָנפֿירנדיקער צענטער פֿון דער גאַנצער באַוועגונג איז נישט געווען. די גייסטיקע פֿאַרבינדונג איז געווען זייער אַ שוואַכע. אויף וויפֿיל מ׳קען בכלל ריידן וועגן אַזאַ פֿאַרבינדונג, איז דאָס געווען דורך זייער דינע אומזעבאַרע פֿעדים. ס׳איז נישט געווען קיין איינהייטלעכער ווילן, קיין יידיש־סאָציאַליסטישער דעת־הקהל. אין די אָנפֿירנדיקע קרייזן האָט געהערשט אַ קידער־ווידער. איינער האָט געהאַט טענות צום אַנדערן. די טרייד־יוניאָנס און די יידישע גרופּעס פֿון ס.פּ. האָבן געקוקט קרום אויפֿן אַרבעטער־רינג. ס׳האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דער אָרדען שטעלט זיך זיי אין וועג. די טרייד־יוניאָנס האָבן באַשולדיקט דעם אַרבעטער־רינג, אַז ער כשרט נישט־יוניאָניזירטע אַרבעטער, בעת אַזעלכע דאַרף מען גאָר שטעלן מחוץ

למחנה. די יידישע סאָציאַליסטישע גרופּעס האָבן באַשולדיקט, אַז די ברענ־טשעס פון אַרבעטער־רינג ציען אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון די גרויסע פּאָ־ליטישע און סאָציאַלע אויפגאַבן און ווילן ווערן די יורשים פון די פּאַרטיי־סעקציעס. און אַ באַשטעטיקונג פאַר די פאַרדאַכטן האָט מען טאַקע געפונען אין די רייד פון יענע סאָציאַליסטישע וואָרט־זאָגער, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז דער אַרבעטער־רינג דאַרף ירשנען די סעקציעס. די פּרעסע ווידער איז געווען אַ מלוכה פאַר זיך. זי לערנט די באַוועגונג, קריטיקירט און פאָדערט־אויף, אָבער אַליין איז זי אומאָפּהענגיק און דאַרף מיט קיינעם זיך נישט רעכענען.

דער יידישער סאָציאַליסטישער געדאַנק אין אַמעריקע האָט געליטן פון אַ פאַרשטייפונג און דאָגמאַטישקייט. בעת אין מזרח־אייראָפּע האָט דער דאָ־זיקער געדאַנק, אָנהויבנדיק פון די ניינציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט, דורכגעמאַכט אַן אַנטוויקלונג — פון קאָסמאָפּאָליטיזם צו אינטערנאַציאָנאַליזם, פון פאַרלייקענען די יידישע נאַציאָנאַלע אייגנאַרט ביז אנערקענען איר פּאָזיטיוון כאַראַקטער — האָט זיך דאָ אויף דעם געביט גאָרנישט געביטן. גאָרנישט געלערנט און גאָרנישט פאַרגעסן. נישט בלויז ביי יידישע סאָציאַליסטן פון מזרח־אייראָפּע איז פאַרגעקומען די דערקענטעניש פון די אויפגאַבן אויפן נאַציאָנאַלן געביט. אַזאַ בליק האָט זיך אַלץ מער און מער איינגעבירגערט אין דער אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. מ'האָט איינ־געזען, אַז די נאַציאָנאַל־קולטורעלע דערוואַכונג פון די פעלקער איז אַ פּראָ־גרעסיווע דערשיינונג און אַן ענין, אין וועלכן סאָציאַליסטן דאַרפן זיין שטאַרק פאַראינטערעסירט. דאָ אָבער האָבן די יידישע סאָציאַליסטישע וואָרט־זאָגער נאָך אַלץ זיך געהאַלטן ביים שטאַנדפּונקט פון דער שפּראַך, ווי אַ פּראַקטיש־טעכניש און צייטווייליק מיטל. קיין שום נאַציאָנאַל פּראָגראַם, קיין שום ברייטע טעטיקייט צו באַפרידיקן די נויטן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

געוויס, ווען ס'זיינען אָנגעקומען ידיעות וועגן גרויסע עוולות, וועגן גזירות און פּאָגראָמען אויף יידן, זיינען די יידישע סאָציאַליסטן נישט געבליבן אין אַ זייט. זיי האָבן זיך מצרף געווען מיטן פאָלקס־וויטאָג און פאָלקס־געשריי. דאָס איז אָבער געווען אַן איינזייטיקער נאַציאָנאַלער אינטערעס. ווען מ'האָט געשלאָגן, האָט מען געפילט אַ ווייטאָג און אַ צער. אַ יידיש סאָציאַליסטיש נאַציאָנאַל און פּאָזיטיוו פּראָגראַם פאַר אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר איז אָבער נישט געווען. האָבן דעם ליידיקן פּלאַץ, וואָס די יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרנעמען, באַזעצט אַנדערע. פון איין זייט די יאַהודים, פון דער אַנדערער זייט די כלי־קודש.

די אַסימילירטע, רייכע יאַהודים זיינען געווען די אויבערשטע פון שטויסל. זיי האָבן געמאַכט די יידישע פּאָליטיק. זיי האָבן געהאַט די דעה אין יידישן קהלשן לעבן. אויף די מזרח־יידן האָבן זיי געקוקט פון אויבן אַראָפּ, און דער דערשלאָגענער יידישער אימיגראַנט האָט צו די יאַהודים אַרויפגעקוקט מיט דרך־ארץ. קיין קאַמף קעגן דעם דאָזיקן שעדלעכן און אומכבודיקן מצב איז מצד דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג נישט געפירט געוואָרן. און צוליב דעם וואָס זי האָט זיך ניט פאַרנומען מיט די טאָג־טעגלעכע יידישע פּראָבלעמען, האָט זי פאַרלייכטערט די פאַרשידענע מגידים, גבאים און „שיינע יידן" אַרויס־

צוטרעטן, ווי די יידישע זאָרגער און פאַרזאָרגער, ווי די היטער פון דער יידישער נשמה, פון יידישן קינד, פון עולם־הזה און עולם־הבא. די טוער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן געמיינט, אַז דאָס לעבן איז איינגעטיילט אין קעסטע־לעך, וואו איין געביט איז אָפּגעטיילט פון אַנדערן מיט פעסטע ווענט און יעדער דאַרף זאָרגן בלויז וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין זיין קעסטעלע. זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען דאָס יידישע לעבן און דאָס יידישע לעבן איז פאַרבייגעגאַנגען זיי.

לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל אַזאַ אָנגעווייטאָגטע פראַגע, ווי שולן פאַר די קינדער. אין וואָכנבלאַט פון „פאָרווערטס״ — אין „צייט־גייסט״ (31 אויגוסט 1906) — ווערט די פראַגע באַהאַנדלט. לייענען מיר דאָרטן, אַז די סאָציאַלי־סטישע עלטערן זיינען נישט צופרידן מיטן גייסט פון די פּאַבליק־סקולס. פאַר־וואָס? ווייל „זיי באַטראַכטן אונזער 'וועלט־באַרימטע' פּאַבליק־סקול־סיסטעם מיט געמישטע געפילן. אַן די שולן קען מען נישט אויסקומען. די דאָזיקע שולן דערשטיקן אָבער דעם קלענסטן פונק פון רעוואָלוציאָנערן גייסט, וועלכן די קינדער קריגן נאָך ווי עס איז ביי די עלטערן אין דער היים. פיל פון אונזערע סאָציאַליסטישע עלטערן פילן זיך אַזוי דערדריקט פון דאָזיקן מצב, אַז זיי שלאָגן פאַר מיר זאָלן גרינדן אייגענע שולן פאַר קינדער. דער דאָזיקער פּלאַן איז אָבער צו ראַדיקאַל און אויך איבעריק״... „מיר דאַרפן האָבן אַן אייגענעם האָל, און דאָרטן דאַרפן מיר אָרגאַניזירן אַלערליי קינדערישע קלובן אַזוי ווי סעטלמענט־וואָרקערס טוען עס״. אַז מען דאַרף האָבן אייגענע יידישע שולן לשם פאַרבינדן די קינדער מיטן יידישן לעבן — די פראַגע ווערט אין גאַנצן נישט באַרירט. אינטערעסאַנט איז אָבער, וואָס יידישע סאָציאַליסטן האָבן שוין דע־מאָלט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון אייגענע שולן און פאָרגעשלאָגן זיי צו גרינדן. זייערע פירער האָבן עס געהאַלטן פאַר איבעריק. פאַר איבעריק אַפילו אין אַ צייט, ווען דער גרויסער איינוואַנדערונג־שטראָם האָט געברענגט אויך טויזנטער קינדער מיט דער לעבעדיקער יידישער שפּראַך אין זייער מויל. די באַדערפע־ניש איז געווען, דער ווילן אויך, אָבער די פאַלשע אידעאָלאָגיע האָט גוזר געווען, אַז נישט. דאָס גאַנצע פּראָגראַם פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידן האָט מען געקענט אַריינפּאַקן אין פּאָלגנדיקע שורות פון אַ לייט־אַרטיקל פון זעלבן נומער „צייט־גייסט״. „מיר וועלן האַלטן אונזער אויפגאַבע פאַר דער־פילט, ווען מיר וועלן אין אונזערע לייענער אויף אַזוי פיל אויפוועקן דעם אינטערעס צום סאָציאַליזמוס, וויסנשאַפט און ליטעראַטור, אַז זיי וועלן זיך נעמען צו אַנדערע שפּראַכן און פריער פון אַלץ צו ענגליש, כדי צו קריגן דאָס, וואָס מיר קענען זיי נישט געבן אין יידיש״.

די וואָרט־פירער האָבן אויף זיך אַליין געקוקט ווי אויף דרדקי־מלמדים, און די יידישע אָרגאַניזאַציע האָט אין זייערע אויגן אויסגעזען, ווי דער ני־דעריקסטער שטאַפּל אויפן לייטער פון סאָציאַליסטישער בילדונג. וואָס שנע־לער מ׳כאַפּט זיך אַרויס פון די דרדקי־מלמדים, אַלץ בעסער. די מיינונג, אַז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט און וועט שוין קיין תקומה נישט האָבן, איז געווען אַזוי ווייט פאַרשפּרייט און געווירקט אַזוי אַפּטויטנדיק, אַז מאָריס הילקוויט, אַליין אַ מענטש, וועלכער האָט פאַרלאָזט די יידישע באַוועגונג, האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו וואָרנען קעגן די דאָזיקע שטימונגען. „די אַרבעט פון די יידישע סאָציאַליסטן — האָט געשריבן הילקוויט —

איז נאָך נישט געענדיקט. זי הויבט זיך ערשט אָן". די יידישע סאָציאַליסטן האָבן צו טון אַ ספּעציעלע אַרבעט: „אויפצוקלערן די הונדערטער טויזנטער יידיש־שפּרעכנדע אַרבעטער אין דעם שטענדיקן שטראָם יידישע אימיגראַנטן, וואָס הערט קיינמאָל נישט אויף".[22]

ווי אַזוי האָט אויסגעזען די יידישע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע ביי אַזאַ מצב און ביי אַזאַ איינשטעלונג? לאָמיר הערן אַן עדות: „ביי אונז אין שיקאַגאָ האָבן מיר געהאַט אַזאַ שיינע, גוטע אָרגאַניזאַציע, ווי דער פּאָליטישער און בילדונגס־קלוב אויפן נאָמען פון לאַסאַל. אין די יאָרן פון די קריגערייען איז ער אויך אונטערגעגאַנגען. עס איז בלויז געבליבן (אין יאָר 1903) דער 9, 10, 19־טער וואָרד־ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז באַשטאַנען פון זייער אַ קליינער צאָל גענאָסן". צו די מיטינגען „פלעגן קומען בלויז 5—6. ווען־נישט־ווען פלעגן זיי אַראַנזשירן אַ גאַסן־מיטינג אָדער אַ פאַרזאַמלונג אין יידיש. אָבער אַז מען פלעגט דאַרפן פאַרהאַנדלען ביזנעס, איז די אָפיציעלע שפּראַך געווען 'ענגליש'. איך געדענק, אַז איך בין אַמאָל געקומען צו זייער אַ יידישער לעקציע. נאָך דער לעקציע האָט דער פאָרזיצער אַפּעלירט אין דער ענגלישער שפּראַך, אַז מ'זאָל זיך פאַרשרייבן אַלס מיטגלידער אין דער פּאַרטיי. שטעל איך אַ פראַגע. ס'טייטש, איר זענט דאָך יידן, איר אַפּעלירט צו יידיש־רעדנדיקע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן ווערן מיטגלידער, טאָ רעדט יידיש. האָט מען מיר געענטפערט: מיר האָבן שוין גענוג גערעדט אין יידיש און עס האָט נישט געהאָלפן, פּרוּוון מיר איצט אין ענגליש".[23]

די באַציאונג פון דער יידישער גאַס איז נישט געווען קיין פריינטלעכע. דערציילט וועגן זיין דערפאַרונג אַ יידישער סאָציאַליסט פון מאָנטרעאָל: זיי האָבן געגרינדעט אַ יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע. „דעמאָלט האָבן מיר נישט געהאַט אין געדאַנק קיין קאָנסטרוקטיווע אַרבעט, נאָר מיר האָבן געוואָלט האָבן אַן אָרט, וואו מען זאָל קענען זיך צוזאַמענקומען, דיסקוטירן פראַגן און אויסבילדן זיך. די עלטערע אימיגראַנטן האָבן זיך באַצויגן צו די סאָציאַליסטן פיל ערגער, ווי היינט צו די קאָמוניסטן. אונזערע ערשטע מי־טינגען פלעגן פאָרקומען אין אַ געדונגענעם דאַבעל פּאַרלאָר אויף קעדזשאַ סטריט. אָבער קענטיק, מען האָט זיך געמוזט דערשרעקן פאַר אונז, אַז מיר גייען גלייך מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, האָט מען אונז געהייסן אַרויסציען זיך וואָס שנעלער. די מיטגלידערשאַפט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע איז באַשטאַנען פון 10 ביז 12".[24]

אייניקע שוואַכע פּרוּוון זיינען געמאַכט געוואָרן אַרויסצופירן די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעט פון בלינדן געסל, וואוהין זי איז פאַרקראָכן. ווען ס'איז שוין געוואָרן גאָר ביטער, האָט מען אין איין אָרט אָדער אין אַ צווייטן גערופן אַ באַראַטונג, אָבער קיין ממשותדיקע פאַרבעסערונג איז פון דעם נישט גע־קומען. כדי פאָרט צו פאַרבעסערן דעם מצב פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעט צווישן יידן, האָט די ס. פּ. אין 1904 אָנגעשטעלט אַ נאַציאָנאַלן סעקרעטאַר — און דאָס איז געווען ב. פייגנבוים — וועלכער האָט געמאַכט אַ טור איבערן לאַנד און געהאַלטן פאָרלעזונגען. און מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט. קיין הצלחה האָט אויך נישט געהאַט אַ פּרוּוו, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ יאָר פריער אין ניו־יאָרק צו שאַפן אַן אַגיטאַציע־ביוראָ.

אין 1905 איז אין ניו־יאָרק געשאַפן געוואָרן אַ פאַראייניקונג מיטן נאָמען „ערשטער אַגיטאַציע־דיסטריקט". דאָ זיינען געווען אָנגעשלאָסן די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־גרופּעס, בונדישע לאַנדסלייט־פאַראיינען און אַנדערע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. דער ערשטער אַגיטאַציע־דיסטריקט האָט אין מערץ 1906 גערופן אַ קאָנפערענץ צו באַהאַנדלען די פראַגע וועגן אויפלעבן די יידישע סאָציאַליסטישע טעטיקייט. אין רוף צו דער קאָנפערענץ איז געזאָגט געוואָרן, אַז ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס קומען כסדר מאַסן יידישע סאָציאַליסטן פון מזרח־אייראָפּע, איז די היגע באַוועגונג נאָך אַלץ געבליבן אין אַ פּאַראַליזירטן צושטאַנד. אויף דער קאָנפערענץ האָט מען געהערט ביטערע רייד און טענות און מען איז געקומען צום אויספיר, אַז ווייטער לאָזן ווי עס גייט, טאָר מען נישט. עס איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון 7 מאַן, וואָס האָט צוזאַמען מיט 5 פאָרשטייער פון ערשטן אַגיטאַציע־דיסטריקט אויסגעביל־דעט אַן עקזעקוטיוו פון 12 מיטגלידער. דער עקזעקוטיוו האָט באַקומען אַן אָנווייז פון דער קאָנפערענץ צו רופן אַ קאָנווענשאַן פון די יידיש־רעדנדיקע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד און שאַפן אַ רעדנער־ביוראָ, וואָס זאָל באַדינען די יידישע אָרגאַניזאַציעס. דער עקזעקוטיוו האָט באַשטימט י. בערגמאַן פאַר סעקרעטאַר, אָפּגעהאַלטן עטלעכע זיצונגען און באַשלאָסן צו מאַכן צו־גרייטונגען צו אַ לאַנד־קאָנווענשאָן, וואָס איז נישט פאָרגעקומען. אין אַפּריל 1907 האָט דער ערשטער אַגיטאַציע־דיסטריקט גערופן אין ניו־יאָרק אַ צווייטע שטאָטישע קאָנפערענץ. אין 1906 און 1907 זיינען פאָרגעקומען קאָנפערענצן פון יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די שטאָטן מאַסאַטשוזעטס, ניו־דזשוירזי און אין נאָך אַנדערע ערטער. אומעטום האָט מען גערעדט וועגן זעלבן ענין — אויפלעבן די באַוועגונג.

אָנהויב 1907 האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי באַשלאָסן יעדן חודש אַרויסצולאָזן יידישע פלוג־בלעטלעך און אַנדערע אויסגאַבן פאַרן יידישן עולם. קיין פּעולה האָט דאָס אָבער אַלץ נישט געהאַט. די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען קליין אין צאָל און מאָגער אין אינהאַלט. די יידישע פּאַרטיי־בראַנטשעס זיינען שוואַך באַזוכט געוואָרן. גרויסע פראַגן האָבן זיי ניט באַהאַנדלט און אַ ברייטע טעטיקייט נישט געפירט. זייער אָנזען איז געווען אַ גאַנץ קנאַפּער. די מער טעטיקע בראַנטשעס האָבן פאַרשפּרייט די פּאַרטיי־ליטעראַטור אין ענגליש, ווייל אין יידיש איז כמעט נישט געווען וואָס צו פאַרשפּרייטן, האָבן אַמאָל איינגעאָרדנט אַ פאָרלעזונג און פון צייט צו צייט אויך גאַסן־פאַרזאַמלונגען. און כאָטש אין די בראַנטשעס זיינען געווען יחידים, וואָס האָבן פאַרמאָגט ענטוזיאַזם און אַ שטאַרקן סאָציאַ־ליסטישן גלויבן און אויך דעם ווילן צו טון פּאַרטיי־אַרבעט, האָט דאָס קיין ברייטע באַוועגונג נישט געקענט שאַפן. ביי די טויער האָט געהערשט אַ פּעסי־מיזם וועגן דער יידישער אַרבעט. דאָ און דאָרטן האָט מען פון שטיקלעך און ברעקלעך געוואָלט עפּעס צונויפשטוקעווען, אָבער קיין גאַנצע זאַך איז נישט אַרויסגעקומען. האָט גענומען זיך וועבן אַ געדאַנק, אַז עס מוז פאָרקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער פאָרם פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעט.

די וואָס האָבן געלייגט אַלע זייערע האָפענונגען אויף דעם וואַקסנדיקן אַרבעטער־רינג, האָבן אים געשטעלט פאַנטאַסטישע אויפגאַבן. דער חודש־

זשורנאַל „די צוקונפט" (מאַי 1905) האָט ערב אַ קאָנווענשאָן פון אָרדן געשריבן:
„דער אַרבעטער־רינג אין אַמעריקע קען שפּילן די ראָל, וואָס דער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד"... „די דאָזיקע קאָנווענשאָן וועט קענען זיין אַ שריט אויף דעם וועג צו מאַכן דעם אַרבעטער־רינג שפּילן אין אַמעריקע די רעוואָלוציאָנערע ראָל, וואָס דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד". פאַרשטייט זיך, אַז לויט זיין כאַראַקטער האָט דער אַרבעטער־אָרדען קיינמאָל נישט געקענט ווערן קיין „בונד", וואָס איז דאָך געווען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. די ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג וואָס האָבן אין פאַרשידענע ערטער געטון סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־אַרבעט, האָבן נישט געקענט פּרעטענדירן צו פאַרטרעטן די יידישע פּאַרטיי־אָפּטיילונגען. ביי זיין גאַנצער ברייטהאַרציקייט איז דער אַרבעטער־רינג פאַרט געווען בלויז אַ קרוב, אָבער נישט קיין טאַטע־מאַמע. איז טאָקע די אייגנטלעכע יידישע סאָציאַליסטישע טעטיקייט געבליבן פאַריתומט, ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל זיך מיט איר פאַרנעמען און כסדר זאָרגן פאַר איר.

„די צוקונפט", וואָס האָט פאַרבונדן אַזעלכע גרויסע האָפענונגען מיטן אַרבעטער־רינג, איז גאָר נישט געווען באַגייסטערט מיטן צווייטן דערפאָלגרייכן צווייג — מיט דער פּרעסע. „אין דער גאַנצער וועלט — זאָגט די רעדאַקציע — באַדייט דער וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער פּרעסע דער וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ביידע, אי די פּרעסע, אי די אָרגאַניזאַציע, זיינען צוויי פאָרמען, אין וועלכע איין און די זעלבע קראַפט, די קראַפט פון סאָציאַליזם, ווערט אויסגעדריקט"... „די פּרעסע פירט די באַוועגונג, די פּרעסע ווערט אָבער קאָנטראָלירט פון דער באַוועגונג"... און דאָ? „אָפּגעריסן פון דער באַוועגונג, ניט פילנדיק קיין פעסטן סאָציאַליסטישן באָדן אונטער זיך און נישט האָבנדיק קיין קאָנטראָל פון אַן אָרגאַניזירטן זיכערן וועגווייזער אויסער זיך, נישט האָבנדיק די קאָנטראָל נישט פון קיין פּאַרטיי, נישט פון אַן עפנטלעכער סאָציאַליסטישער מיינונג, וואַרפט זיך, שאָקלט זיך אונזער גרויסע פּרעסע, מאַכט חנדלעך הייגט אַהין און מאָרגן אַהער. און דער רעזולטאַט איז, אַז אַלץ שטייט אויף איין אָרט".[25]

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרקן די שטימונגען פאַר שאַפן אַ יידישע סאָציאַליסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציע. בעיקר האָבן פאַר דעם אַגיטירט בונדיסטן, וועלכע זיינען געקומען פון רוסלאַנד. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז די סאָציאַליסטישע טעטיקייט צווישן יידן קען נישט האָבן קיין דערפאָלג, אויב זי וועט נישט האָבן אַ ספּעציעלע פאָרם און אינהאַלט, צוגעפּאַסט צום לעבן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן. אויך איינצלנע טוער, אַלטע אַמעריקאַנער תושבים, האָבן מיט סימפּאַטיע אויפגענומען דעם דאָזיקן געדאַנק. פיל פון די אַלטע קאָסמאָפּאָליטן האָבן דעם „בונד" און זיין העראָאישן קאַמף אַרויסגעוויזן די וואַרעמסטע סימפּאַטיע, אָבער אָנווענדן דעם בונדישן פּרינציפּ אין אַמעריקע — פון דעם האָבן זיי נישט געוואָלט הערן. עפּעס מוז מען אָבער פאָרט טון, כדי אַ ריר צו טון די באַוועגונג פון טויטן פּונקט. פאַר די שטימונגען און מיינונגען פון אָט דעם שיכט, איז כאַראַקטעריסטיש אַן אַרטיקל פון ש. פּעסקין, וועלכער האָט געשריבן: „אונזער הויפּט־צוועק איז צו שאַפן אַן אָרגאַניזירטע און דיסציפּלינירטע יידישע סאָציאַליסטישע און טרייד־יוניאָניסטישע באַוועגונג.

איידער אָבער מיר נעמען זיך צו דער אַרבעט, מוזן מיר וויסן מיט וועמען מיר גייען צום טיש. מיר מוזן האָבן אַ קלאָרן באַגריף, אין וועלכן צושטאַנד עס געפינט זיך איצט די יידישע באַוועגונג, ווי גרויס זי איז, ווי אָרגאַניזירט זי איז און וועלכע ריכטונגען עס הערשן צווישן די גענאָסן. מיר האָבן אַ גאַנץ קלאָרן באַגריף וועגן דעם צושטאַנד פון דער יידישער באַוועגונג אין ניו־יאָרק, מיר מוזן אָבער מודה זיין, אַז מיר ווייסן אַבסאָלוט נישט וואָס עס טוט זיך אין לאַנד. מיר ווייסן בלויז, אַז יידישע סאָציאַליסטישע פאַראייגען, פּאַרטיי־ברענטשעס און ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג עקזיסטירן נישט בלויז אין רוב שטעט און שטעטלעך פון די מזרח־שטאַטן, נאָר אויך אין די מערב־שטאַטן און אין דרום". פעסקין ווענדט זיך מיט צען פראַגעס צו די טוער אויף די ערטער און פאַרלאַנגט אויף זיי אַ תשובה. די לעצטע צוויי פראַגעס זיינען: „צי מיינט איר, אַז די אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע אַרבעטער פון לאַנד וואָלטן געגאַנגען בעסער, ווען מען זאָל אָרגאַניזירן אַ ספּעציעלע יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע, ווי די יידישע גענאָסן האָבן עס אין מאַסאַטשו־זעטס?"... „צי מיינט איר, אַז עס וואָלט געווען נוצלעך אין גיכן צוזאַמענצורופן אַן אַלגעמיינע יידישע סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָן?"[26]

די פירער, אַחוץ אייניקע אויסנאַמען, זיינען געווען קעגן אַ יידישער פעדעראַציע. די, וואָס זיינען נישט געווען אַזוי קריגעריש אין דער קעגנערשאַפט, האָבן אין בעסטן פאַל זיך געוואַקלט. זיי זיינען אפילו נישט געווען זיכער אין דער נויטיקייט פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער קאָנווענשאָן. נישט זיי האָבן גע־קענט זיין די אויפבויער פון אַ באַגייסטערטער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער שטויס דערצו און די ערשטע טריט זיינען געקומען פון אַן אַנדערער זייט.

11. די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ

באַוועגונג פאַר שאַפן אַ צענטראַלע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. — אַגיטאַציע־ביוראָ. — ניו־יאָרק איז קעגן. — דעבאַטן וועגן אַ יידישער פעדעראַציע. — די שטים פון לעבן און די טעאָרעטישע פאַרלייקענונג. — די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ ברייטערט זיך אויס. — פאַרבאָטן פון דער פאַרטיי. — ניו־יאָרקער רעפערענדום. — „די אידישע אַרבייטער וועלט". — שיקאַגאָ ווערט דער צענטער. — די פאַרטיי לעגאַליזירט די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ. — בונדיסטן. — קאָנווענשאָנס. — פרינציפּן־דעקלאַראַציע. — דער „פאָרווערטס" איז אומצופרידן. — ווער פאַרטרעט די יידישע סאָציאַליסטן? — ניו־יאָרק האָט זיך איבערגעבעטן און איבערגענומען די אָנפירונג. — די ס. פּ. און די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. — פעדעראַציעס מיט ברייטער אויטאָנאָמיע. — די פּעטערסאָנער קאָנווענשאָן.

די באַדערפעניש פון אַ צענטראַלער יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע איז געווען שטאַרק. אָבער ניט ניו־יאָרק, דער גרויסער יידישער אַרבעטער־צענטער מיט דער איינפלוסרייכער פּרעסע, מיט די פירער, שרייבער און רעדנער, האָט אַזאַ אָרגאַניזאַציע געשאַפן. זי איז געקומען אויף דער וועלט אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון אייניקע פּראָווינצער אָרגאַניזאַציעס. געשען איז דאָס אין סעפּטעמבער — לעיבאָר־דעי — 1905. דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ.

לכתחילה איז עס געווען זייער באַשיידן. די סאָציאַליסטישע פאַרטיי־גרופּעס, די אַרבעטער־רינג־בראַנטשעס און די בונדישע אָרגאַניזאַציעס פון דריי שטעט — סיראַקיוז, ראַטשעסטער און באָפאַלאָ — האָבן אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ אין סיראַקיוז. דער ציל איז געווען פאַראייניקן די כוחות אויף אָנצופירן די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. 9 אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פאַרטראָטן און זיי האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אַן אַגיטאַציע־ביוראָ. די אויפגאַבע פון דער נייער קערפּערשאַפט האָט געזאָלט זיין צו באַדינען די אָרגאַניזאַציעס מיט רעדנער. יעדע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך געקענט אָנשליסן.

מיט אַ יאָר שפּעטער — לעיבאָר־דעי 1906 — האָט די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ גערופן אַ צווייטע קאָנווענשאָן אין באָפאַלאָ. דאָס מאָל זיינען געווען פאַרטראָטן פאָלגנדיקע שטעט: באָפאַלאָ, סיראַקיוז, ראַטשעסטער, קליוולאַנד און טאָראָנטאָ. און ווידער זיינען געווען פאַרטראָטן דריי מינים אָרגאַניזאַציעס: יידישע פאַרטיי־גרופּעס, אַרבעטער־רינג־בראַנטשעס און בונדישע גרופּעס. מיט 14 שטימען קעגן 2 האָט די קאָנווענשאָן באַשלאָסן צו אַרבעטן פאַר דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. די 2 זיינען געווען פאַר דעם, אַז ס'זאָל פאָרקומען אַ פאַראייניקונג צווישן דער ס. פּ. און ס.ל.פּ.

די ביוראָ האָט געשטעלט די ערשטע ניסט־דרייסטע טריט. דער שניידער־אַרבעטער מאַקס קאָופמאַן, דער סעקרעטאַר פון יידישן אַגיטאַציע־ביוראָ, האָט

אין „פאָרווערטס" (11 יאַנואַר 1907), אין רובריק פון „פאָלק צו פאָלק", אָפּגע־דרוקט אַ בריוו. דער בריוו איז אייגנטלעך אַ באַריכט פון דריי חדשים טעטיקייט פון ביוראָ — פון 1טן אָקטאָבער ביזן 31טן דעצעמבער 1906. נאָך דעם ווי ער גיט איבער וועגן עטלעכע איינגעאָרדנטע פאַרלעזונגען אין אַ פּאָר שטעט, זאָגט דער סעקרעטאַר: „בכלל האָבן מיר אין דער קורצער צייט אויסגעגעבן געגוויע 200 דאָלער אויף אַגיטאַציע. גענאָסן, דאָס באַווייזט, אַז עטלעכע פאַר־אייניקטע שטעט קענען זייער פיל אויפטאָן פאַר דער באַוועגונג. דעריבער ביץ איך איצט אויס די געלעגנהייט נאָך אַמאָל צו אַפּעלירן צו אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס זיך אָנצושליסן צו אונז. אויב עס האָט זיך אַמאָל געפילט די נויטווענדיקייט פון אַ יידיש־סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד איבער גאַנץ אַמעריקע, פילט זיך דאָס נאָך שטאַרקער איצט, ווען מיר האָבן אַזוי פיל פאַרשידענע איסטן און איזמוסן אין דער יידישער באַוועגונג. די אַלע קומען צו די מאַסן פריידיקן זייערע אידייען אין נאָמען פון סאָציאַליזם. דעריבער איז עס די פליכט פון אַלע אמתע סאָציאַליסטן, וועלכע ווילן אַרבעטן פאַרן סאָציאַליזם אויפן אָרט, וואו זיי געפינען זיך, אַז זיי זאָלן זיך פאַראייניקן אין איין פאַרבאַנד. מיט פאַראייניקטע כוחות וועלן מיר קענען פיל דערגרייכן. מיר וועלן האָבן מער רעדנער, מער ליטעראַטור און מיר וועלן בכלל טון מער פראַקטישע אַרבעט פאַר אונזער באַוועגונג. גענאָסן פון די קאָונטרי־שטעט! מיר אַפּעלירן צו אייך נאָך אַמאָל: דערוואַכט. גענוג שוין שטענדיק צו וואַרטן אויף די ניו־יאָרקער גענאָסן, אַז זיי זאָלן מאַכן דעם אָנהויב"...

צו דער ביוראָ זיינען צוגעשטאַנען נאָך עטלעכע שטעט. איר טעטיקייט איז אָבער געווען גאַנץ באַגרענעצט. און דאָס וויכטיקסטע — זי האָט נישט פאַרמאָגט די אויטאָריטעט צו ריידן אין נאָמען פון אַלע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס: נישט זי האָט געהאַט אַ פאָרמעלן מאַנדאַט, נישט זי האָט פאַרמאָגט אַ מאָראַלישן כוח. דער וויכטיקסטער טייל פון דער באַוועגונג — ניו יאָרק — האָט די ביוראָ נישט אַנערקענט. און אפילו איר נישט געגעבן די נויטיקע פּובליסיטי. דער געדאַנק פון שאַפן אַ פאַראייניקטע און אויטאָרי־טעטע יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט שוין אַזוי שטאַרק געאַרבעט, אַז פון פאַרשידענע זייטן איז געקומען דער רוף פאַר אַ נאַציאָנאַלער קאָנ־ווענשאָן. מיר הערן אַ שטים פון יידישן אַרבעטער־צענטער אין פּעטערסאָן: „דער געדאַנק פון אַ קאָנווענשאָן בלויז פון יידישע סאָציאַליסטן איז אַזוי ווייט און טיף דורכגעדרונגען ביי דער יידישער מאַסע, אַז נישט קענענדיק זיך דער־וואַרטן אויף דער קאָנווענשאָן, האָט זי דערווייל געגרינדעט די שטאַט־קאָמי־טעטן, דאָס הייסט, אַז אַלע ערטער פון אַ געוויסן שטאַט האָבן זיך סאָלידאַריש פאַרבונדן דורך אַזאַ מין פעדעראַטיוון אופן, כדי צו קענען סיסטעמאַטיש אָנ־פירן די פּראָפּאַגאַנדע, אָדער בכלל מער טון פאַר דער באַוועגונג, ווי עס איז געטאָן געוואָרן ביז אַהער"... צוליבן פעלן פון אַ יידישער אָרגאַניזאַציע גייען פאַרלוירן טויזנטער פון דער נייער אימיגראַציע. ס'איז דעריבער נויטיק צו שאַפן אַ פעדעראַציע פון אַלע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמע־ריקע.[27]

אין וואָכנבלאַט „דער צייט־גייסט" איז אַוועק אַ דעבאַטע וועגן דער נויטיקייט פון אַ נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן און פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַ־

ציע. אויסער שטימען פון אַרטיקע טוער האָבן אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג די באַקאַנטע וואָרט־פירער, צווישן זיי דער רעדאַקטאָר ש. פעסקין און מ. זאַמעטקין. על פי כלל איז די פּראָווינץ געווען פאַר און ניו־יאָרק קעגן, אָדער, לכל־הפחות, „נישט באַגייסטערט״.

די נויטוועגדיקייט פון אַ יידישער אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע באַגרינדעט וום. צוקערמאַן, וועלכער זאָגט: „נאָך יאָרן און יאָרן אַרבעט קוקן מיר זיך אַרום און מיר זעען, אַז אונזער באַוועגונג איז אין זייער אַ קלאָגעדיקן צושטאַנד. אין די ברייטע יידישע אַרבעטער־מאַסן הערשט פינסטערניש און פאַנאַטיזם. די מאַסן זיינען ווייט, גאַנץ ווייט פון סאָציאַליזם. אין דער באַוועגונג פאַר־נעמען פערזענלעכקייטן דעם ׳אויבנאָן׳. דער סאָציאַליזם געפינט זיך ׳אונטערן אויוון׳. מיר האָבן נישט קיין ליטעראַטור, קיין פּרעסע, קיין אַגיטאַטאָרס, קיין פּראָפּאַגאַנדיסטן. אויב עס איז דאָ אַביסל לעבעדיקייט און ענטוזיאַזם ביי אונז, איז עס אויך נישט אונזערס, נאָר אַריבערגעבראַכט פון יענער זייט ים, און פאַרשטייט זיך ,אַז עס שטאַרבט גיך אָפּ״. די הויפּט־סיבה פון טרויעריקן מצב איז דאָס פעלן פון „אַ שטאַרקער גוט־דיסציפּלינירטער אָרגאַניזאַציע פון אַלע סאָציאַליסטישע כוחות, וועלכע אַרבעטן צווישן די יידישע מאַסן. דאָס הייסט נישט קיין יידישע פּאַרטיי. מיר דאַרפן נישט האָבן קיין ספּעציעלע יידישע פּאַרטיי, ווייל מיר האָבן נישט קיין ספּעציעלע יידישע פאָדערונגען, אָבער מיר דאַרפן און מיר מוזן האָבן אַ יידישע אָפּטיילונג פון דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי. די דאָזיקע יידישע אָפּטיילונג זאָל אויף זיך נעמען די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין אַמע־ריקע. די יידישע אָפּטיילונג, וועלכע וועט זיין גוט באַקאַנט מיט דער יידישער מאַסע, וועט בעסער קענען אָנפירן די אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פאַר סאָ־ציאַליזם, ווי עס האָט געטון די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע אינטערעסירט זיך גאַנץ ווייניק מיט דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט״.[28]

אין דער זעלבער צייט, ווען יידישע סאָציאַליסטן האָבן דעבאַטירט די פראַגע צי איז דערלאָזבאַר און צי ס׳איז נויטיק אַ יידישע אָפּטיילונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָבן שוין עקזיסטירט פעדעראַציעס פון פּוילישע, איטאַליענישע, טשעכישע און פינישע סאָציאַליסטן. דאָך האָבן די טאָן־געבער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אַטאַ־קירט דעם נייעם „אפיקורסישן געדאַנק״.

ש. פעסקין האָט געפּרואווט געבן אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פאַר דער קעגנערשאַפט צו אַ יידישער פעדעראַציע: „אמת — האָט ער געשריבן — דאָ זיינען פאַראַן מאַסן נאַציאָנאַליטעטן, אָבער זייער גאַנצע פּסיכאָלאָגיע איז נישט אויפצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, ווי צו ווערן אַ טייל פון דער קאָסמאָפּאָליטישער אַמעריקאַנער נאַציע. ווען עס האָט נאָך אַ זין, אַז די פּאַרטיי זאָל זיין אָרגאַניזירט אַלס פעדעראַטיווער פאַרבאַנד פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלי־טעטן אין רוסלאַנד און אין עסטרייך, האָט עס דאָ זיכער קיין זין נישט. די אויפגאַבע פון די יידישע גענאָסן איז נישט מער ווי צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם צווישן די יידישע מאַסן און דערצו איז פולקאָם גענוג צו האָבן די זעלבע אָרגאַניזאַציע, וואָס מיר האָבן איצט, מיט אַן אַלגעמיינער אַגיטאַ־

ציע־ביורא בראש, אָבער נישט מער. אַ קאָנווענשאָן וואָלט אָבער צונויף־געקו־
מען אונטער אַלע אומשטענדן״.[29]

אין די וויטערדיקע נומערן פון וואָכנבלאַט, וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט אַרויסגעגעבן אונטער דער רעדאַקציע פון ש. פעסקין, ווערן באַריִרט נאָך אייניקע אינטערעסאַנטע פראַגן אין שייכות מיט דער דעבאַטע וועגן דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. נישט האָבנדיק קיין שום באַזונדערן פּראָגראַם און אויפגאַבן פאַר דער אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, אָפּוואַרפנ־דיק דעם געדאַנק פון אַ יידישער אָפּטיילונג, געפינט דאָך פעסקין אַן אַרגו־מענט — אַן אַבסורדאַלן — פאַרוואָס יידן דאַרפן געהערן צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָס איז נויטיק, „נישט בלויז כדי בעסער אָנצופירן די פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע אַרבעטער, נאָר יידישע גענאָסן פאָדערן זיך אין דער פּאַרטיי פאַר די פּרינציפּיעלע אינטערעסן פון דער פּאַרטיי גופא. די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צו די נעגערס, צו די יאַפּאַנער און צו אימיגראַציע איבערהויפּט האָט באַוויזן, אַז די פּאַרטיי האָט נאָך אין זיך אַ היפּשן באַלאַסט פון אַבערגלויבן, ענגהאַרציקייט און באַשרענקטקייט״.[30] די יידישע פראַגע איז שוין פאַרענטפערט. מוזן יידן איילן צו הילף ראַטעווען די נעגערשע און יאַפּאַנישע פראַגע און היטן די כשרות פון דער פּאַרטיי...

פעסקין איז נישט געווען דווקא פון די סאַמע עקסטרעמע. ער האָט אַמאָל געקענט זען אַ פראַגע אויך פון דער צווייטער זייט און זיך אַ נויג טון אַהין. אַנדערע זיינען געווען נאָך פיל שטרענגער פון אים. מ. זאַמעטקין, אַ וועטעראַן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איז געווען פון דעם מין. ער האָט געחוזקט און געדונערט קעגן דער „יידישער אָפּגעזונדערטקייט״. ער האָט געפרעגט: „אָבער וואָס עפּעס וועגן די ספּעציעלע קולטורעלע אויפ־גאַבן פון דעם יידישן פאָלק? וואָס עפּעס וועגן דער ספּעציעלער יידישער מיסיע אויף דער וועלט? וואָס עפּעס וועגן דער פאָלקאָמער, אָדער אַמוויי־ניקסטן מעגלעכער אַנטוויקלונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אינדיווי־דואַליטעט? (אייך, ליבער לעזער, וועל איך זאָגן בסוד, אַז דאָס גייט מיך נישט אָן מער ווי דער פאַראַיאָריקער שניי)״... ער באַדויערט די ביטערע מערכה פון די יידישע אַרבעטער, וועלכע קענען נישט קיין ענגליש און מוזן זיך באַנוצן מיט „עפּעס אַ מין זשאַרגאָן״... „מיר זיינען אַלזאָ געצוואונגען צו געברויכן דעם מיש־מאַש פון רוסיש־דייטשיש־העברעאישן זשאַרגאָן, וועלכן ער (דער יידישער אַרבעטער) ברענגט מיט זיך מיט פון אַנדערע לענדער״. ס׳איז נויטיק צו ריידן צו „גרינע״ אויף דער שפּראַך, וואָס זיי פאַרשטייען. אָבער „אָפּגעזונדערטקייט אין אַלע אירע פאָרמען איז, אַלזאָ, אַ קרענק, וואָס קען און מוז געהיילט ווערן. בלויז די פאַרפעסטעטע דאַרף מען האַלטן אין קאַראַנטין, נאָר די מצורעים דאַרפן זיין מחוץ למחנה״.[31]

אַזוי האָבן וואָרט־פירער און בויער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע פאַרשטאַנען דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם בכלל און דאָס יידישע בפרט. און אַזוי האָט אויסגעזען דער ויתרוצצו צווישן דער פּראַקטישער באַדערפעניש צו געפינען אַ פאָרם און אַן אינהאַלט פאַר דער יידישער סאָ־ציאַליסטישער אַרבעט און דער טעאָרעטישער פאַרלייקענונג פון אָט דער באַ־דערפעניש. נישט געקוקט אויף אַלע פאַרלייקענונגען האָט דאָס לעבן געמאָנט דאָס

זייניקע. און דער ברייטערער עולם יידישע אַרבעטער און סאָציאַליסטן האָט אויך געטאָן דאָסזעלבע. איז טאַקע דאָס יאָר 1907 געווען אַ צייט פון זוכענישן און פּרואוון.

אין מערץ 1907 האָט דער יידישער דאַון־טאַון־בראַנטש פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין פילאַדעלפיע פאָרגעשלאָגן צו רופן אין ניו־יאָרק אַ לאַנד־קאָנווענשאָן פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. דער אַכטער ניו־יאָרקער דיסטריקט, די יידישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין שטאָט, האָט וועגן דעם פאָרשלאַג געפירט אַ לאַנגע דיסקוסיע און לסוף זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אָפּהאַלטן אַזאַ קאָנווענשאָן. אָנשטאָט דעם האָט מען געהאַט בדעה דורכצופירן אַ קליינע קאָנפערענץ פון ניו־יאָרק און אַרומיקע ערטער. דער פּלאַן האָט באַקומען די הסכמה פון אַ צאָל אָרגאַניזאַציעס. אינטערעסאַנט זיינען די מאָטיוון פאַרוואָס מ׳האָט אָפּגעוואָרפן דעם פילאַדעלפיער פאָרשלאַג וועגן אַ קאָנווענשאָן. אין דער באַגרינדונג איז געזאָגט געוואָרן, אַז די ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציעס זיינען זייער שוואַך, טראָץ דעם וואָס אין ניו־יאָרק געפינען זיך אַלע רעדנער, לעקטאָרן און שרייבער, טראָץ דעם וואָס דאָ ווערן אַרויסגעגעבן אַלע יידישע סאָציאַליסטישע צייטשריפטן. דער עולם טראַכט בלויז וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע און מען איז פאַרנומען רק מיט פּראָבלעמען פון דאָרטן. דער ערשטער אַגיטאַציע־דיסטריקט פון דער ס. פּ., וואָס האָט געענטפערט אויף דער פילאַדעלפיער ווענדונג, איז געקומען צום אויספיר, אַז אונטער די אומשטענדן איז נישט מעגלעך און נישט גינסטיק איצט צו רופן אַ קאָנווענשאָן. ס׳איז אויך געזאָגט געוואָרן, אַז די יידיש־שפּרעכנדע אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקע זיינען נאָך זייער יונג און ווייניק קריסטאַליזירט.

פון באַשלוס צו רופן אַ ניו־יאָרקער קאָנפערענץ איז אויך גאָר נישט געוואָרן. דער אַלגעמיינער שטאָטישער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט עס פאַרבאָטן. אין שיקאַגאָ האָט די פּאַרטיי פאַרבאָטן דעם יידישן בראַנטש אָנטייל צו נעמען אין אַן 1־טער מאַי־דעמאָנסטראַציע, וואָס אַ קאָנפערענץ פון יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, טאַקע לויט דער איניציאַטיוו פון זעלבן בראַנטש, האָט באַשלאָסן. (די פּאַרטיי האָט זיך באַגנוגנט מיט אַ פאַרזאַמלונג). די פאַרבאָטן האָבן אַרויסגערופן אַן אויפרעגונג צווישן די יידישע פּאַרטיי־מיטגלידער. מ׳האָט זיי געשטעמפּלט ווי „אוקאַזן”, כאָטש זיי זיינען געווען אַ נאַטירלעכע באַגלייט־דערשיינונג פון דער זעלבסט־באַגרענעצונג, וואָס די יידישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס האָבן אַליין אויף זיך אַרויפגעלייגט. שטייענדיק פאַרן פאַרבאָט פון אַ ניו־יאָרקער קאָנפערענץ, איז געבוירן געוואָרן אַ פּלאַן, אַז מ׳זאָל זי אָפּהאַלטן אין וועסט־האָבאָקען, ניו־דזשוירזי, וואו די יוריסדיקציע פון ניו־יאָרק איז נישט גילטיק. דער „רעוואָלוציאָנערער” פּלאַן איז אָבער נישט רעאַליזירט געוואָרן. אָנשטאָט דעם איז גערופן געוואָרן אַ קליינע באַראַטונג פון ערשטן אַגיטאַציע־דיסטריקט. אויף דער באַראַטונג האָט מען גערעדט וועגן טרויעריקן מצב פון דער יידישער באַוועגונג און געוואָרפן די שולד אויף די „גדולים”. אין שייכות מיט דער באַראַטונג האָט ש. פּעסקין געמאַכט אַ טרויעריקן חשבון הנפש און געזאָגט, אַז דער פאַרבאָט פון דער קאָנפערענץ איז געקומען צוליב „מורא טאָמער וועט אַן אַלגעמיינע קאָנפערענץ פון אַלע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון ניו־יאָרק און אומגעגנט ברענגען מיט זיך

אַ שאָטן פון נאַציאָנאַליזם״... אויסרעכנענדיק די שאָטן־זייטן פון דער באַוועגונג, זאָגט ער אויך, אַז מ׳האָט אויפגעהערט שיקן אַ יידישן דעלעגאַט (אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס) צו די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן, ווייל די פּראַקטישע געגנאַסן האָבן געהאַלטן, אַז ס׳איז אַ שאָד די הוצאות...[32]

פאַרשפּילט אין ניו־יאָרק, איז די אידייע פון אַ יידיש־סאָציאַליסטישער לאַנד־קאָנווענשאָן ווייטער אונטערגעהאַלטן געוואָרן אין דער פּראָווינץ. דער יידישער ברענטש פון ס. פּ. אין באַפאַלאָ האָט באַשלאָסן, אַז די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ זאָל זי רופן. אַ ריי שטעט האָבן פאַרעפנטלעכט אויפרופן און רעזאָלוציעס לטובת אַ לאַנד־קאָנווענשאָן. ס׳איז אָבער נישט געווען ווער עס זאָל די זאַך נעמען אין האַנט אַריין און אָרגאַניזירן. לסוף האָט די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ, וואָס איז פאַקטיש געווען אַ לאָקאַלע פאַראייניקונג, זיך אָפּגערופן פּאָזיטיוו אויף דעם פאָרשלאַג פון באַפאַלאָ. אין נאָמען פון ביוראָ האָט איר סעקרעטאַר, מאַקס קאָופמאַן, פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף, אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן: „די יידיש־סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע־ביוראָ פון אָפּסטייט ניו־יאָרק און אומגעגנט קומט איצט מיט אַ פּראַקטישן פאָרשלאַג: אַזוי ווי אונזער דריטע יערלעכע קאָנווענשאָן וועט אָפּגעהאַלטן ווערן זונטאָג און מאָנטאָג, דעם 1־טן און 2־טן סעפּטעמבער 1907 אין ראָטשעסטער, רופן מיר אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען מסכים מיטן געדאַנק פון אַן אַלגעמיינער קאָנווענשאָן און אויך פון דער נויטווענדיקייט צו גרינדן אַן אַלגעמיינע פעדעראַציע, זיך צו באַטייליקן אין דער (ראָטשעסטער) קאָנווענשאָן. שיקט דעלעגאַטן, און לאָמיר מאַכן דעם אָנהויב פון אַ מעכטיקן יידיש־סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, וואָס זאָל האָבן פאַר זיין אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן די סאָציאַליסטישע געדאַנקען צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן״.

דאָס וואָס ס׳איז פאָרגעקומען מיט אַ פּאָר חדשים פריער אין ניו־יאָרק, האָט אויך אַ ריי ניו־יאָרקער טוער באַוואויגן צו בייטן די באַציאונג צום געדאַנק פון אַ לאַנד־קאָנווענשאָן. מ׳האָט פאַרבונדן געוויסע האָפענונגען מיט דער קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער און געשיקט אַהין 6 דעלעגאַטן, צווישן זיי 2 פון דער „פאָרווערטס״־אַסאָסיאיישאָן. צו דער ראָטשעסטער קאָנווענשאָן זיינען געקומען 20 דעלעגאַטן פון 18 אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געציילט 345 מיטגלידער. פאָלגנדיקע שטעט זיינען געווען פאַרטראָטן: ניו־יאָרק, ראָטשעסטער, באַפאַלאָ, סיראַקיוז, נואַרק, באַלטימאָר, קליוולאַנד, שיקאַגאָ, וואָטערבורי, טאָראָנטאָ און 4 שטעט פון מאַסאַטשוזעטס. אָט די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ „יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ פון דער ס.פּ. פון אַמעריקע און קאַנאַדע״. דאָס האָט באַדייט ערשטנס אַז פון אַ לאָקאַלער ווערט די ביוראָ פאַרוואַנדלט אין אַ לאַנד־אָרגאַניזאַציע; צווייטנס, זי ווערט אַ פאַראייניקונג פון גרופּעס וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער ס. פּ., אָדער זיינען נאָנט צו איר, בעת פריער האָט צו איר געקענט געהערן יעדע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע.

פאַר דער ביוראָ איז געשטעלט געוואָרן די אויפגאַבע צו אַגיטירן שריפטלעך און מינדלעך דעם סאָציאַליזם צווישן די יידישע אַרבעטער און אָרגאַניזירן זיי אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אין טרייד־יוניאָנס. מיט 11 שטימען קעגן 7 איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז „אַלע אָרגאַניזאַציעס פון די פאַראייניקטע

שטאַטן און קאַנאַדע, וואָס ווילן העלפן אין דער דאָזיקער אויפגאַבע, ווערן אויפגעפאָדערט זיך אַנצושליסן אין ביוראָ". די 7 דעלעגאַטן האָבן געוואָלט, אַז צום ביוראָ זאָלן קענען געהערן נאָר פּאַרטיי־ברענטשעס, בעת די 11 זיינען געווען פאַר ברייטערע ראַמען, פאַר צולאָזן אויך קרובישע אָרגאַניזאַציעס.

ס'איז אויך געפירט געוואָרן אַ דעבאַטע וועגן די "ציוניסטן־סאָציאַליסטן". מיט אַלע שטימען קעגן 2 איז באַשלאָסן געוואָרן אַריינצושטעלן אין דער פּרינציפּן־דערקלערונג פון ביוראָ, אַז "די אויטאָפּיעס וועגן גרינדן יידישע שטאַטן ברענגען אַריין אַ צעמישונג אין די קעפּ פון די אַרבעטער און שטערן דעם קלאַסן־קאַמף". ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז יעדער סאָציאַליסט מוז זיין אַ מיטגליד פון אַ יוניאַן. די קאַנווענשאַן האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַפּאַ־זיציע־יוניאָנס. ווען אַ יוניאַן איז נישט סאָציאַליסטיש, איז דאָס נישט קיין מאָטיוו צו גרינדן אַ צווייטע. דאָס איז דערלויבט בלויז אין איין פאַל, ווען די יוניאַן איז דורך און דורך קאָרומפּירט. איינשטימיק איז באַשלאָסן גע־וואָרן, אַז דער "פאָרווערטס", "צייט־גייסט" און "צוקונפט" ווערן דערקלערט פאַר די אָפיציעלע אָרגאַנען פון ביוראָ, און מ'זאָל שטיצן די וועכנטלעכע צייטונג, וואָס דאַרף אָנהייבן דערשיינען אין שיקאַגאָ. דערביי זאָל אויך געגרינדעט ווערן אַן אייגענער פאַרלאַג. ווייטער איז באַשטימט געוואָרן יעדעס יאָר אָפּ־צוהאַלטן קאַנווענשאַנס אָנהויב סעפּטעמבער — שבת, זונטאָג און מאָנטאָג (לעי־באָר־דעי). די נאָענטסטע קאַנווענשאַן זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן אין קליוולאַנד. דאָס זיץ־אָרט פון ביוראָ זאָל בלייבן ראָטשעסטער. בראש פון איר זאָל שטיין אַן עקזעקוטיוו פון 5 מאַן מיט אַ באַצאָלטן סעקרעטאַר. יעדע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציע זאָל צאָלן 5 סענט אַ חודש פאַר יעדן מיטגליד.

נאָך דער ראָטשעסטער־קאַנווענשאַן האָט די ביוראָ אַרויסגעלאָזט אַן אויפ־רוף צו שאַפן אַ פאָנד פאַר אַרויסגעבן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אין יידיש, און מ'האָט געהאָפט, אַז ס'איז געעפנט געוואָרן דער וועג פאַר אַ ברייטערער טעטיקייט אויף דער יידישער גאַס. באַלד האָבן זיך אָבער באַוויזן נייע צרות. דער אַלגעמיינער שטאַטישער קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין ניו־יאָרק האָט אַרויסגעלייגט זיין וועטאָ אויף דעם, אַז די יידישע דיסטריקטן פון שטאָט זאָלן געהערן צו דער אַגיטאַציע־ביוראָ. דעם קאַמף קעגן ביוראָ האָבן אָנגעהויבן די פּאַרטיי־טוער אָפּענהיימער און סאָלאָמאָן. די יידן־סאָציאַליסטן אין ניו־יאָרק האָט מען געקענט איינטיילן אין דריי מינים: ענגליש־ריידנ־דיקע — פאַר זיי זיינען אפילו די "יידיש־שפּרעכנדע" געווען פרעמד און אפשר אויך איבעריק; די "יידיש־שפּרעכנדע" — זיי האָבן אָנערקענט די נויטווענדי־קייט פון באַנוצן "זשאַרגאָן" פאַר דער מאַסע, וואָס מען מוז אויפקלערן; יידישע סאָציאַליסטן — זיי האָבן געזוכט צו געבן אַן ענטפער נישט בלויז אויף דער סאָציאַלער פראַגע, נאָר אויך אויף דער נאַציאָנאַלער און געוואָלט זיין אַקטיוו אויך אין יידישן לעבן. אין ניו־יאָרק איז די מיטגלידער־מאַסע פון דער ס. פּ. באַשטאַנען פון אַ גרויסער צאָל יידן, וועלכע האָבן אויך געגעבן אַ סך שטימען ביי וואַלן, אָבער די "יידישע יידן" האָבן אין דער פּאַרטיי געשפּילט אַ קנאַפּע ראָל. דעריבער איז מעגלעך געווען, אַז דער ניו־יאָרקער פּאַרטיי־קאָמיטעט זאָל פאַרבאָטן די אָנגעהעריקייט צום יידישן אַגיטאַציע־ביוראָ. די קעגנער האָבן געמאָלט בייזע געשפּענסטער פון נאַציאָנאַליזם און אָפּאָזיציע־אָרגאַניזאַציעס און

אָפּעלירט פֿאַר דער ריינקייט, איינהייטלעכקייט און גאַנצקייט פֿון דער פּאַרטיי. די אומצופֿרידנקייט פֿון די יידישע מיטגלידער מיטן פֿאַרבאָט איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט זיך מיישב געווען און געענדערט זיין באַשלוס. דער פֿאַרבאָט איז פֿאָרמעל אָראָפּגענומען געוואָרן און, לויטן פֿאַר־לאַנג פֿון די יידישע דיסטריקטן, איז די גאַנצע פֿראַגע איבערגעגעבן געוואָרן צו באַשליסן דורך אַ רעפֿערענדום פֿון די מיטגלידער.

אין דער ניו־יאָרקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע איז אַוועק אַ דיסקוסיע וועגן דער יידישער אַגיטאַציע־ביוראָ. דער שטאַטישער פּאַרטיי־קאָמיטעט איז ווייטער געבליבן ביי זיין מיינונג. דער שטאַטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר, א. סאָלאָמאָן, האָט אין נאָמען פֿון קאָמיטעט געפֿירט די פּראָפּאַגאַנדע קעגן ביוראָ. צווישן אַנדערן האָט מען אויך באַנוצט דעם אַרגומענט, אַז די ביוראָ ווערט געפֿירט פֿון „פֿרעמדע" עלעמענטן, וואָס וועלן די יידישע אַרבעטער פֿאַרפֿירן אין זומפּ פֿון נאַציאָנאַליזם. די אָפֿיציעלע אָנהענגער פֿון ביוראָ האָבן זיך באַמיט צו האַלטן אין אַ פּאָזיציע פֿון פּאַרטיידיקונג. זיי האָבן מיט די רעזאָלוציעס פֿון דער ראָטשעסטער־קאָנווענשאָן באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז ס'קאָן קיין רייד ניט זיין וועגן נאַציאָנאַליזם און „פֿרעמדע". מ. קאַופֿמאַן, דער סעקרעטאַר פֿון ביוראָ, האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער פּאָלעמיזירט מיט די טענות פֿון ניו־יאָרקער קאָמיטעט. ער דערקלערט, אַז די ביוראָ האָט גאָר נישט צו טון מיט נאַציאָנאַליזם און האָט בכלל נישט קיין נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבן, נאָר עק־זיסטירט בלויז פֿאַר דעם צוועק צו פֿירן אַגיטאַציע אין יידיש פֿאַרן סאָציאַליזם. „עס איז אמת — שרייבט קאַופֿמאַן — אַז מיר האָבן אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און אַן אייגענעם עקזעקוטיוו. דאָס איז אָבער נישט אויף אַ נאַ־ציאָנאַלער באַזע, נאָר יידישע קאָמיטעטן, ווייל מיר מוזן זיך באַנוצן מיט דער יידישער שפּראַך"... „מיר האָבן איצט 30 בראַנטשעס אין 23 שטעט, און בלויז 5 זיינען נישט קיין דירעקטע פּאַרטיי־בראַנטשעס. דאָס זיינען דער גלאָווערס־ווילער אַרבעטער־רינג, סיראַקיוזער אַרבעטער־רינג, שיקאַגער בראַנטש פֿון 'בונד', פֿילאַדעלפֿיער בראַנטש פֿון 'בונד', בראַנטש 7 אַרבעטער־רינג פֿון וואָוסטער, מאַסס. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך דערקלערט פֿאָלקאָם אין הסכם מיט די פּרינציפּן פֿון דער ביוראָ. דאָס הייסט זיי זיינען גרייט צו אַרבעטן פֿאַר דער ס. פּ.. מיר קענען אויך אָנווייזן, אַז זינט דער לעצטער קאָנווענשאָן איז דער סיראַקיוזער בראַנטש פֿון 'בונד' מיט זיינע 40 מיט־גלידער אויך געוואָרן אַ בראַנטש פֿון דער פּאַרטיי. דער ראָטשעסטער־בראַנטש פֿון 'בונד' האָט דאָס נאָך פֿריער געטאָן".[33]

דאָס פֿאַרענטפֿערן זיך האָט נישט געהאָלפֿן. די מערהייט פֿון די ניו־יאָרקער פּאַרטיי־מיטגלידער האָט מיט 509 שטימען קעגן 189 באַשלאָסן, אַז די יידישע דיסטריקטן טאָרן צו דער ביוראָ נישט געהערן.

פֿאַר דער דעמאָלטיקער שטימונג פֿון די „יידיש־שפּרעכנדע" איז כאַראַק־טעריסטיש אַן אַרטיקל פֿון ש. פּעסקין. ער שילדערט די באַוועגונג אין פֿאָלגנ־דיקע ווערטער: „אונזער יידישע באַוועגונג הויבט אָן פֿון נייעם יאָר נישט מיט אַזעלכע גלענצנדיקע אויסזיכטן. די אַזוי־גערופֿענע רוסישע באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע איז געזונקען, קיין אַמעריקאַנער יידישע באַוועגונג איז אָבער נישט אויפֿגעשטאַנען. די יוניאָן־באַוועגונג שטייט

אויף דעם זעלבן צושטאַנד, וואו זי איז געשטאַנען פריער. עס איז אָן ספק דאָ צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט אַ גלענצנדיקער עלעמענט פאַר אַ באַוועגונג. איר קענט אָנפירן ברענענדיקע קאַמפּיינס, פייערדיקע שטרייקן, גראַנדיעזע זייטיקע באַוועגונגען פאַר ביליקער פליייש און נידעריקער דירה־געלט, עס איז אָבער אַלץ געבויט אויף זאַמד. אין אַ קורצער צייט ווערט דער מאַטעריאַל אויסגעשעפּט, און עס בלייבט אַפילו קיין מצבה נישט צו ווייזן, אַז דאָ איז וואו עס איז געווען אַ באַוועגונג. צי וועט עס במשך פון קומענדיקן יאָר אַנדערש ווערן, איז שווער צו זאָגן; גיכער ניין ווי יאָ. איין אָנגענעמער צייכן איז דאָס, וואָס אַלץ מער און מער יידישע גענאָסן שטייען צו צו דער פּאַרטיי און וואָס די יידישע דיסטריקטן אין ניו־יאָרק ווערן אַלץ בעסער און בעסער באַזוכט. עס איז אַ פאַרגעניגן צו זען, ווי אין אַ דיסטריקט, וואו מען רעדט נאָר ענגליש, נעמען אָנטייל פיל יידישע אַרבעטער, ווי זיי באַמיען זיך צו ריידן ענגליש און ווי זיי ווערן נישט אַנטמוטיקט, ווען זיי קומט אויס אַ געוויסע צייט צו שווייגן און איבערלאָזן אַנדערע נעמען דאָס וואָרט. דאָס איז אַ צייכן פון זעלבסט־דיסציפּלין, וואָס איז אַן אייגנשאַפט, מיט וועלכער יידן קענען, ליידער, ניט אַזוי שטאָלצירן״.[34]

אַז יידישע אַרבעטער מעגן אין פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זיך ברעכן די צונג אויף אַ שפּראַך, וואָס זיי קענען נישט, אָדער זיצן און שווייגן — טאָ צו וואָס איז נויטיק אַפילו אַזאַ באַגרענעצטע און באַשיידענע אינסטיטוציע, ווי די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ? דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״־וואָכנבלאַט האַלט טאַקע פאַר נויטיק צוצוגעבן: „די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ גיט פון זיך נישט קיין איין פונק פון לעבן״, וואָס איז נאַטירלעך געווען אַ גוזמא. און אַז די יידישע אַרבעטער קענען זיך באַגיין אָן דער יידישער שפּראַך, איז אַ האַלב יאָר נאָך דעם רעדאַקטאָרס אַנטדעקונג זיין וואָכנבלאַט טאַקע אָפּגעשטעלט געוואָרן.

די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ האָט פּאַמעלעך זיך גערוקט פאָראויס. פאַרן סוף 1907 האָט זי שוין גרופּירט אַרום זיך 19 אָרגאַניזאַציעס אין 19 שטעט פון 12 שטאַטן און 1 אָרגאַניזאַציע אין קאַנאַדע מיט אַן אַלגעמיינער מיטגלי־דערשאַפט פון בערך 600.

די באַציאונגען צווישן דער יידישער אַגיטאַציע־ביוראָ און די יידישע פּאַרטיי־טוער פון ניו־יאָרק זיינען געוואָרן קעלטער און אָנגעצויגענער. שטאַרק פאַרערגערט האָבן זיך די באַציאונגען מיטן „פאָרווערטס״, בלויז „די צוקונפט״ איז געבליבן פריינטלעך צו דער ביוראָ. אין אָט דעם מצב איז געווען אַ מתנה פון הימל דאָס באַוויזן זיך פון נייעם וואָכנבלאַט — די „אידישע אַרבייטער וועלט״, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם 17 יולי 1908 אין שיקאַגאָ. די דאָזיקע נייע צייטונג, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַן אָרגאַניזאַציע „די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן״ און געהאַט פאַר די ערשטע 13 נומערן אַלס רעדאַקטאָר הלל ראָגאָף און שפּעטער פאַר אַ לענגערער צייט א. ש. זאַקס און אַנדערע, האָט אין איר פּראָגראַם־אַרטיקל אין ערשטן נומער געזאָגט: „די ׳אידישע אַרבייטער וועלט׳ וועט פריידיקן דעם קלאַסן־קאַמף אויף דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן פעלד. מיר גלויבן, אַז דער אַרבעטער מוז ווערן דער הערשער פון לאַנד, איידער ער וועט קענען זיך באַפרייען פון זיין איצטיקן יאָך. און קריגן די דאָזיקע הערשנדיקע מאַכט קען ער אויף אַ

פרידלעכן, געזעצלעכן אופן, ווען ער זאָל נאָר פאַרשטיין ווי צו באַנוצן זיך מיט זיין רעכט אַלס אַ בירגער פון לאַנד, ווען ער זאָל נאָר וויסן וועלכע פּאָליטישע פּאַרטיי איז זיין פּאַרטיי, און אָנווענדן זיין ריזן־מאַכט, אַז יענע פּאַרטיי זאָל אַריינקריגן די רעגירונג אין אירע הענט". די צייטונג וועט אויפקלערן „די הויפּט־פּרינציפּן פון דעם סאָציאַליזם און פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס זוכט דעם סאָציאַליזם צו פאַרווירקלעכן". קיין שום יידישע פראַגן זיינען אין פּראָגראַם־אַרטיקל נישט באַרירט געוואָרן.

אין אַ באַגריסונג צו די אַרויסגעבער אין ערשטן נומער שרייבט ב. פייגענבוים: „לויבט נישט און חנפט נישט די איינגערעדטע מעלות פון יידישן פאָלק, נאָר מאַכט זיי בעסער אויפמערקזאַם אויף זייערע חסרונות. ווייזט זיי, ווי זיי פעלט פּינקטלעכקייט, אויסדויער, זעלבסט־באַהערשונג, דיסציפּלין, געזעצטקייט — אַלץ זאַכן, אָן וועלכע עס קען נישט זיין קיין אָרגאַניזאַציע. און אָן אָרגאַניזאַציע — איז נישטאָ קיין ווירקונג אין לעבן".

די „אידישע אַרבייטער וועלט" האָט געדאַרפט האָבן לעזער, מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף. די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ האָט געדאַרפט האָבן אַ צייטונג, דורך וועלכער זי זאָל קענען ריידן צום עולם. זיינען ביידע געוואָרן אַ פּאַסיקע פּאָר. דאָס שיקאַגער וואָכנבלאַט איז דערקלערט געוואָרן פאַרן אָפּיציעלן אָרגאַן פון ביוראָ. נאָך מער: דאָס זיץ־אָרט פון ביוראָ איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון ראָטשעסטער קיין שיקאַגאָ. דאָס באַקומען אַן אייגענע טריבונע און דאָס באַזעצן זיך אין אַ גרויסן צענטער איז פאַר דער יידישער אַגיטאַציע־ביוראָ געווען אַ גרויס געווינס.

ס'האָט זיך דערנענטערט די צייט פון אַ יערלעכער קאָנווענשאָן. זי איז באַשטימט געוואָרן אויפן 5־7 סעפּטעמבער 1908 אין קליוולאַנד. דער סעקרעטאַר מאַקס קאַופמאַן האָט אין נאָמען פון עקזעקוטיוו פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף, אין וועלכן ער האָט אַפּעלירט צו אַלע יידישע ברענטשעס אָנצושליסן זיך אין ביוראָ, ווייל „צוזאַמען וועלן מיר האָבן מער קרעפטן, מיר וועלן קענען אַרויסשיקן מער רעדנער, אַרויסגעבן מער ליטעראַטור. און ווען אַפילו אין די פּאָר גרויסע שטעט נייטיקט מען זיך נישט אַזוי שטאַרק אין דער אַרבעט פון ביורא, איז דען נישט זייער פליכט אַרויסצוהעלפן די קלענערע, די שוואַכערע ברענטשעס, וועלכע האָבן נישט אַזעלכע קרעפטן ?"... „מיר ווייסן, אַז מאַנכע שטעט האָבן זיך געזאָלט אָנשליסן אין דער ביוראָ, אָבער זעענדיק, אַז ניו־יאָרק האָט פאַרבאָטן די יידישע דיסטריקטן זיך אָנצושליסן, האָבן זיי געטראַכט, אַז אַזוי מוז פאַרלאַנגען די קאָנסטיטוציע פון דער פּאַרטיי. זיי האָבן זיך צוליב דעם אָפּגעהאַלטן. אַלזאָ, לויטן באַשלוס פון דער לעצטער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן (פון ס. פּ.), איז די ביוראָ אָפיציעל אנערקענט געוואָרן אַלס אַ נויטווענדיקייט פאַר דער פּאַרטיי. קיין שום שטאַטישע אָרגאַניזאַציע האָט דעריבער נישט קיין רעכט צו פאַרווערן אירע ברענטשעס פון אומעטום זיך אָנצושליסן אין ביוראָ"...

דער סעקרעטאַר מאַקס קאַופמאַן און מאָריס זיסקינד (שיקאַגאָ) האָבן פאַרטראָטן די ביוראָ אויף דער קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די טעג פון 10־17 מאַי 1908 אין שיקאַגאָ. קאַופמאַן איז אויך געווען ביי די פאַרהאַנדלונגען פון דער אויסגעטיילטער

קאָמיסיע פֿאַר אַנדער־שפּראַכיקע אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיקע קאָמיסיע האָט
פֿאָרגעלייגט דער קאָנווענשאָן, אַז אַלע נישט־ענגלישע שפּראַך־אָרגאַניזאַציעס
זאָלן אנערקענט ווערן אַלס פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, אויב זיי באַשטייען בלויז
פֿון ס.פּ.־מיטגלידער. אַ נישט־ענגליש־שפּראַך־אָרגאַניזאַציע אין לאַנד־מאַס־
שטאַב זאָל אנערקענט ווערן, אויב אַלע אירע באַזונדערע ברענטשעס האָבן באַ־
קומען אַ טשאַרטער פֿון דער ס. פּ. און צאָלן מיטגליד־אָפּצאָל צו זייערע ס. פּ.־
אָרגאַניזאַציעס. די אַלע אָרגאַניזאַציעס דאַרפֿן פֿונקציאָנירן בלויז ווי אַגיטאַ־
טאָרישע, דערציאונגס־ און אָרגאַניזאַציאָנעלע ביוראָען פֿון דער סאָציאַליסטי־
שער פּאַרטיי. נאָך אַ דעבאַטע האָט די קאָנווענשאָן אָנגענומען די פֿאָרשלאָגן פֿון
דער קאָמיסיע און זיך נישט גערעכנט מיט די מאָטיוון פֿון די קעגנער, וועלכע
האָבן נישט געוואָלט זען די נויטן און באַדערפֿענישן פֿון די מיליאָנען פֿון די
פֿאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן און כּסדר געשראָקן מיט די צרות, וואָס די פּאַרטיי
וועט האָבן. די שטים פֿון לעבן האָט גובר געווען די אַסימילאַטאָרישע דאָקטרי־
נערישקייט און די אומפֿעאיקייט פֿון צופּאַסן זיך צו קאָמפּליצירטע באַדינגונגען.
דער באַשלוס פֿון דער שיקאַגער קאָנווענשאָן האָט לעגאַליזירט די יידישע
אַגיטאַציע־ביוראָ אין דער פּאַרטיי און געעפֿנט פֿאַר איר ברייטערע מעגלעכקייטן.

די דאָזיקע מעגלעכקייטן האָבן געוואָלט אויסנוצן די יידישע אַרבעטער,
וועלכע זיינען דעם פֿאַרגאַנגענעם צענדליק יאָר געקומען פֿון דער אַלטער היים,
וואו זיי האָבן דורכגעמאַכט די קאַמף־שול פֿון „בונד”. זיי האָבן שטאַרק צו־
געהאָלפֿן צו דער אַנטשטייאונג פֿון דער יידישער אַגיטאַציע־ביוראָ, אָבער איר
טעטיקייט האָט זיי נישט געקענט צופֿרידנשטעלן. זיי האָבן געוואָלט זען אַ
מער אַקטיווערע אָרגאַניזאַציע מיט ברייטערע אויפֿגאַבן, אַ מין „בונד”, צוגע־
פּאַסט צו די אַמעריקאַנער באַדינגונגען. אויך צווישן די וועטעראַנען פֿון דער
היגער באַוועגונג זיינען געווען איינצלנע, וואָס האָבן אַזוי געטראַכט. איינער
פֿון זיי איז געווען מאָריס ווינטשעווסקי, וועלכער איז געקרוינט געוואָרן אַלס
„זיידע פֿון יידישן סאָציאַליזם”. אין 1908 איז ער געווען רעדאַקטאָר פֿון דער
„צוקונפֿט”. לייענען מיר דעריבער אין די רעדאַקציע־נאָטיצן (סעפּטעמבער־נאָ־
מער), ערב דער קליוולענדער קאָנווענשאָן: „’אַגיטאַציע־ביוראָ‘ — אַ באַשיי־
דענער נאָמען פֿאַר אַ יידיש־סאָציאַליסטישער פֿעדעראַציע! און דער נאָמען
איז אַ באַשיידענער, ווייל די זאַך גופֿא האָט זיך קליין און מעשה־עני אָנגעהויבן,
ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אַרבעטער־רינג און יעדע אַנדערע לעבנס־
פֿעאיקע, ערנסטע אונטערנעמונג, ווי עס קומט אויף דער וועלט יעדע נאַטירלעכע
געבורט”... „אַליין, אפֿשר דאָס נישט באַמערקנדיק, איז די אַגיטאַציע־ביוראָ
אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ יידיש־אַמעריקאַנישער סאָציאַליסטן־בונד, ווי בערך
אין דער זעלבער צייט עס איז דאָ אויסגעוואַקסן אַ ’דייטש־אַמעריקאַנישער
סאָציאַליסטן־בונד‘ ”... „דער קליוולענדער צוזאַמענפֿאָר דאַרף קענען געפֿינען אַ
וועג ווי אַזוי צו פֿאַראייניקן אין אַ יידיש־אַמעריקאַנישן בונד (דאָס וואָרט בונד
ווערט דאָ געברויכט בכּיוון) וויניקסטנס אַלע פֿריש אַריבערגעקומענע גענאָסן,
וועלכע קענען נאָך צווישן אַמעריקאַנער נישט זיין און ווילן דאָך זיין פֿאַרבונדן,
אָדער פֿאַראייניקט מיט דער פּאַרטיי. אַז דאָס דאַרף נישט זיין אַ ’בונד‘ מיט
אַלע פּיטשעווקעס, ווי דער ’בונד‘ אין רוסלאַנד, איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך,
ווייל די לאַגע איז דאָ אַן אַנדערע. אָבער פּונקט אַזוי זעלבסטפֿאַרשטענדלעך

איז, אַז דער אַמאַליקער קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס האָט פאַרלאַנגט, אַז יידן — און טאַקע נאָר יידן — פון דער פּאַרטיי זאָלן בטל בששים ווערן, איז היינט אַ געוועזענע זאַך".

די פערטע קאָנווענשאָן פון דער יידישער אַגיטאַציע־ביוראָ איז פאָרגע־קומען דעם 5־7 סעפּטעמבער 1908 אין קליוולאַנד. אין ביוראָ זיינען שוין געווען אָנגעשלאָסן 35 בראַנטשעס. במשך פון יאָר זיינען צוגעקומען 22 בראַנטשעס, אָבער אייניקע זיינען אָפּגעפאַלן. די צאָל מיטגלידער איז געשטיגן ביז 721. די ביוראָ איז געווען פאַרבונדן מיט 31 שטעט אין 16 שטאַטן. דער סעקרעטאַר, קאָופמאַן, האָט באַריכטעט, אַז דער גרעסטער קלאַפּ פאַרן ביוראָ איז געווען דער פאַרבאַט פון ניו־יאָרק. דאָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ ריי שטעט פון אָנשליסן זיך. דאָס איז לעצטנס פאַרגיטיקט געוואָרן דורך דעם באַשלוס פון דער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן, וואָס האָט אנערקענט די יידישע ביוראָ און בכלל פאַראייניקונגען פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. מ'קען דעריבער שוין נישט שרעקן דעם עולם מיט אַנטי־פּאַרטייאישקייט. דער באַריכט, וואָס האָט געהאַט אויפ־צואווייזן אַ גאַנץ קנאַפּע טעטיקייט, האָט דערציילט וועגן באַזאָרגן רעדנער און ליטעראַטור, וועגן דוחק אין געלט־מיטלען און זיך אויך געקלאָגט, אַז דער „פאָרווערטס" און „די צוקונפט" האָבן באַהאַנדלט שלעכט די ביוראָ, נישט געדרוקט קיין באַריכטן און נישט געגעבן קיין פּובליסיטי.

אין דער דעבאַטע האָבן די דעלעגאַטן שאַרף קריטיקירט דעם „פאָר־ווערטס" אי פאַר דער שלעכטער באַציאונג צו דער ביוראָ, אי וואָס ער שטייט נישט אויף דער הויך פון זיין אויפגאַבע ווי אַ סאָציאַליסטישע צייטונג. אויך די אָנגענומענע רעזאָלוציע האָט דאָס פעסטגעשטעלט. גלייכצייטיק איז „די אידישע אַרבייטער וועלט" אין שיקאַגאָ דערקלערט געוואָרן פאַרן אָפיציעלן אָרגאַן פון ביוראָ. דער עקזעקוטיוו האָט באַקומען אַן אָנווייז אויסצואַרבעטן פּלענער, אַז די צייטונג זאָל ווערן דאָס אייגנטום פון ביוראָ. די קליוולענדער קאָנווענשאָן האָט אויך באַשלאָסן, אַז מען זאָל איבערזעצן די קאָנסטיטוציע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין יידיש און אָפּדרוקן, ווייל „דער רוב פון די יידישע פּאַרטיי־מיטגלידער האָט נישט געלייענט די פּאַרטיי־קאָנסטיטוציע צוליב דעם, וואָס זי איז נישטאָ אין יידיש".

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ פּרינציפּן־דעקלאַראַציע, אין וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרן: „די יידישע מאַסן קענען נישט געניסן פון דער גוואַלטיק גרויסער אַגיטאַציע, וואָס אונזער פּאַרטיי פירט אָן, צוליבן נישט פאַרשטיין די שפּראַך. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די אַלגעמיינע פּאַרטיי מוז אָנפירן איר אַגיטאַציע אויף דער לאַנד־שפּראַך. כדי אָבער די יידישע אַרבע־טער זאָלן קענען מער גרינטלעך פאַרשטיין די לערעס און פּרינציפּן פון סאָ־ציאַליזם, מוז מען צו זיי ריידן און שרייבן אין דער יידישער שפּראַך. דעריבער האָבן מיר, די יידישע בראַנטשעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זיך אָרגאַניזירט אין דער יידישער אַגיטאַציע־ביוראָ, כדי געמיינשאַפטלעך אָנצו־פירן אַ לעבעדיקע און סיסטעמאַטישע אָרגאַניזאַציע פאַרן סאָציאַליזם צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן. אונזער אויפגאַבע איז צו אַגיטירן דעם סאָציאַליזם צו די יידישע אַרבעטער־מאַסן מינדלעך און שריפטלעך און זען ווי ווייט מעגלעך זיי צו אָרגאַניזירן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און טרייד־יוניאָנס. מיר

טרעטן נישט אַרויס אַלס אַ באַזונדערע יידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט
וועלכע עס איז נאַציאָנאַליסטישע פֿאָדערונגען, ווייל אין דאָזיקן לאַנד איז
נישט נויטיק קיין ספּעציעל נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען"... „מיר טרעטן בלויז
אַרויס אַלס די יידישע אָפּטיילונג פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פֿון אַמע־
ריקע צו טאָן די אַגיטאַציע־אַרבעט פֿאַרן סאָציאַליזם אין דער יידישער שפּראַך".

די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פֿון ביוראָ איז, ווי מיר זעען, באַגרינדעט
געוואָרן בלויז מיט שפּראַכלעכע טעמים. צווישן די „יידיש־שפּרעכנדע" סאָ־
ציאַליסטן איז פּאַקטיש דעמאָלט געווען אַ שפּאַלטונג. בעת איין טייל האָט
געהאַלטן, אַז פֿאַר דעם צוועק פֿון אַגיטאַציע אין יידיש איז נישט נויטיק
קיין שום ספּעציעלע קערפּערשאַפֿט, האָט אַן אַנדערער טייל געמאַכט דעם
אויספֿיר, אַז ס'איז נייטיק די יידישע אַגיטאַציע־ביורא. די דאָזיקע אָרגאַני־
זאַציע האָט אָבער נישט געקענט צופֿרידנשטעלן יענע סאָציאַליסטן, וועלכע
האָבן דאָס יידישע פּראָבלעם געזען פֿיל ברייטער און טיפֿער.

די ביוראָ איז פּאַמעלעך געוואָקסן און האָט סוף 1908 געציילט 42 ברענטשעס
מיט 1200 מיטגלידער. שטאַרקע ספֿקות זיינען געווען צי די ביוראָ וועט זיין
בכוח צו אָרגאַניזירן די גרויסע מאַסן יידישע אַרבעטער, אויב זי וועט איינ־
האַלטן איר ביז־איצטיקן כאַראַקטער. מ'האָט וועגן דעם געפֿירט דיסקוסיעס
אין די ברענטשעס, ווי אויך אין דער פּרעסע.

אין שיקאַגער וואָכנבלאַט ווערט די פֿראַגע באַהאַנדלט און עס ווערט
געשטעלט דאָס פּינטל אונטער דער ייד. אין אַן אַרטיקל פֿון דער רעדאַקציע
ווערט געזאָגט: „אויך די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פֿון רוסלאַנד און גאַ־
ליציע וואָלט נישט געוואָרן דאָס, וואָס זי איז איצט, דאָס הייסט זי וואָלט נישט
געוואָרן אַזאַ מעכטיקער פֿאַקטאָר פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין יענע
לענדער, אויב דער 'בונד' וואָלט נישט פֿאַרשטאַנען זיך אָפּצוזאָגן פֿון געוויסע
פֿאַרשטיינערטע, פֿאַרגליווערטע טראַדיציעס, וואָס האָבן געהערשט ביז זיין
דערשיינונג אויף דער פּאָליטישער סצענע און וואָלט נישט אַרויס מיט אַ
נייער פֿאָרם פֿון אָרגאַניזאַציע, מיט אַ ספּעציפֿיש יידישער אָרגאַניזאַציע. ער
האָט פֿאַרשטאַנען צוצופּאַסן זיך צום יידישן גייסט, צו די ספּעציפֿיש־יידישע
כאַראַקטער־שטריכן"... „אויך דער יידישער פּראָלעטאַריאַט מוז האָבן אַ ספּע־
ציעלע יידישע אָרגאַניזאַציע. די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג מוז זיך
קריסטאַליזירן אין אַ ספּעציפֿיש יידישער פֿאָרם און געשטאַלט. אין יעדן לאַנד
מוז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג זיין פֿאַרמשפּט אויף אומפּרוכטבאַרקייט און
אָנמאַכט, אויב עס זאָל נישט באַשאַפֿן ווערן אַזאַ פֿאָרם פֿון אָרגאַניזאַציע, וואָס
זאָל זיך רעכענען מיט די ספּעציפֿישע נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען פֿון יידישן פּראָ־
לעטאַריאַט — מיט זיין שפּראַך, מיט זיינע קולטורעלע און גייסטיקע באַדער־
פֿענישן, וואָס זיינען פֿאַרקניפּט, פֿאַרפֿלאָכטן און געבונדן מיט די עכטע עקאָ־
נאָמישע אַלגעמיינע פֿאָדערונגען"... „אין אַמעריקע איז דאָס,ליידער, ביז איצט
נישט געווען און דאָס איז געוויס איינע פֿון די סיבות פֿאַרוואָס די יידישע
אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אַרומגעדרייט, ווי אַ וועווערקע אין ראָד און נישט
געגאַנגען פֿאָראויס"... „די היסטאָרישע נויטווענדיקייט טוט איר אַרבעט. דאָס
וואָס ביז איצט איז נישט געשען מחמת דער קורצזיכטיקייט פֿון די אַמעריקאַנער
פֿירער, איז געטון געוואָרן דורך דער מאַסע אַליין! אַ יידישע אָרגאַניזאַציע איז

אַ נויטווענדיקייט און איז אומפּאַרמיידלעך אין אַמעריקע. אויב דורך דער אומווויסנקייט און לייכטזין פון פאַרשידענע אַקוֹשאַרן האָט זיך איר געבורט אַביסל פאַרשפּעטיקט, איז זי סוף־כל־סוף דאָך אַליין געקומען און האָט אַן העלפער זיך דערשלאָגן צו דער ווייסער וועלט. מיר מיינען דאָ די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ, וואָס איז געבוירן און געקומען צום לעבן די לעצטע צייט".[35]

די דאָזיקע טענדענץ פון שאַפן אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי אַ יידישע אָרגאַניזאַציע, האָט זיך ווייטער געשטאַרקט נאָך דער סעסיע פון פּאַרטיי־עקזעקוטיוו, דעם 18־20 דעצעמבער 1908. ס'איז דעמאָלט אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז נאַציאָנאַלע מינדערהייטן דאַרפן האָבן אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן צענטער אויף אָנצופירן די אַרבעט. לויט אַ ווענדונג פון יידישן אַגיטאַציע־ביוראָ, איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אָנצושטעלן אַ יידישן אָרגאַניזאַטאָר אויפן חשבון פון דער פּאַרטיי. דאָס איז געווען א. ליטמאַן, וועלכער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ טור איבערן לאַנד.

אין דער זעלבער צייט איז די אומצופרידנקייט פון „פאָרווערטס" מיטן ביוראָ געשטיגן. באַזונדערס האָט פאַרדראָסן דעם „פאָרווערטס" דער באַשלוס פון דער קליוולענדער קאָנווענשאָן וועגן דער פּרעסע און ער האָט פאַרפירט אַ פּאָלעמיק מיט דער ביוראָ, פאַרוואַרפנדיק איר, אַז זי זייט אומצוטרוי, איז גורם שפּאַלטונגען א. ד. ג.. די צייטונג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן אַן ענטפער פון סעקרעטאַר קאַופמאַן. דאָס האָט צעהיצט די געמיטער און ס'האָבן זיך אַ שאָט געטון פּראָטעסטן פון די ברענטשעס. דער „פאָרווערטס" האָט דערקלערט, אַז די ביוראָ פאַרטרעט נישט די יידישע סאָציאַליסטן אין לאַנד, און דער סעקרעטאַר פון ביוראָ, קאַופמאַן, האָט דערקלערט, אַז די ניו־יאָרקער וואָרט־זאָגער זיינען זעלבסט־געקרוינטע גדולים. אַזוי איז נאָך דער קליוולענדער קאָנווענשאָן אָנגעגאַנגען אַ לאַנג־דויערנדיקער קריג צווישן ניו־יאָרק און ביוראָ. נאָך דעם ווי דער פּאַרטיי־עקזעקוטיוו האָט באַשלאָסן אָנצושטעלן אַ יידישן אָרגאַניזאַטאָר, האָט דער „פאָרווערטס" באַשטריטן דאָס רעכט פון ביוראָ צו באַשטימען ווער ס'זאָל זיין דער יידישער פּאַרטיי־פונקציאָנאַר. אויף דער נאָענטסטער זיצונג פון פּאַרטיי־עקזעקוטיוו (יאַנואַר 1909) האָט מאָריס הילקוויט אין נאָמען פון די ניו־יאָרקער פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל צוריקרופן דעם אָרגאַניזאַטאָר.

אין דער צייט, ווען די סאָציאַליסטן, מיטגלידער פון איין פּאַרטיי, האָבן זיך אַרומגעריסן און באַקעמפט און האָבן נישט געוואָלט זיך צונויפנעמען פאַר אַ געמיינזאַמער אָנשטרענגונג, איז דער מצב אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס געווען אַ גאָר טרויעריקער. אָט איז אַ לעבעדיק בילד, וואָס עס האָט געמאָלן ב. וולאַדעק: „איך בין קנאַפּע דריי חדשים אין לאַנד און דאָך האָב איך שוין גענוג געזען די גרויסע אָרימקייט אין קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן וואָס הערשט צווישן די ברייטע יידישע מאַסן און ביי דער יידישער אַרבעטער־שאַפט בפרט. פון די הונדערטער טויזנטער יידישע אַרבעטער־שקלאַפן, וואָס ווערן ברוטאַל און אָן רחמנות עקספּלואַטירט פונם קאַפּיטאַל איבערן גאַנצן לאַנד, זיינען בלויז טויזנטער אָרגאַניזירט אַלס אַרבעטער אין עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. נישט האָבנדיק אַרום זיך קיין אַטמאָספער פון געזעלשאַפטלעכקייט, ווערן זיי דער בילקסטער שטאָף פאַר פּאָליטישענס און

דעמאַגאָגן, האַלטן אונטער די קאָנסערוואַטיווע לאַדזשעס און אָרדענס, די בור־זשואַזע פּרעסע, די מאַכט פון איינצלנע אומגעזעטיקטע פּאַראַזיטן. און וואָס מער דאָס לעבן ווערט פאַרפּלאָנטערט און פאַרוויקלט, וואָס באַדייטנדיקער און וויכטיקער עס ווערן די לעבנס־פּראָבלעמען, אַלץ טיפער זינקען זיי אין דעם תהום פון עקאָנאָמישער שקלאַפערײַ, פּאָליטישער ווערטלאָזיקייט און קולטור־רעלער ענטאַרטונג. און טאָמער גיט זיך ווער ס׳איז אַ ריס אויף אויס אַרויסצורייסן זיך פון דעם אַרבעטער־קלאַס און איבערגיין אין אַ ליבעראַלע פּראָפעסיע, שטעלט ער זיך גלייך מיטן רוקן צו זיינע אַמאָליקע ברידער און צוימט זיך אָפּ מיט הויכע דיקע ווענט פון אַלע זייערע ליידן און פריידן״.[36]

אין אָנבליק פון דער ביטערער לאַגע, האָבן געקלונגען נאָך מער איבערצייגנ־דיק די האַרבע ווערטער, וואָס צביון האָט אַרויסגעזאָגט: „ווען איך קוק זיך צו צו דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, ווי זיי ווערן דאָ אין אַמעריקע אָנגעפירט צווישן די יידישע אַרבעטער, דערמאָן איך זיך די אַלטע סאָציאַליסטישע ׳קרייזלעך׳ פון סוף די אַכציקער יאָרן אין רוסלאַנד. עס פעלט דאָ נאָר די ערנסטקייט, די איבערגעבנקייט און די באַגייסטערונג, מיט וועלכע די סאָציאַליסטישע קרייזלעך אין רוסלאַנד פון יענער צייט האָבן זיך אויס־געצייכנט, אָבער דער מעטאָד פון פּראָפּאַגאַנדירן דעם אַבסטראַקטן סאָציאַליזם אָן אַ פאַרבינדונג מיטן טעגלעכן לעבן, איז דער זעלבער. די פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם אויף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע איז אפשר נאָך מער אַבסטראַקט און איז נאָך ווייניקער פאַרבונדן מיט דעם טעגלעכן לעבן, ווי דאָס איז געווען אין די ׳קרייזלעך׳ ״.[37]

ביי אַזאַ שלעכטן מצב פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז זיך צו־נויפגעקומען דעם 4־6 סעפּטעמבער 1909 אין פילאַדעלפיע די 5־טע יערלעכע קאָנווענשאָן פון דער יידישער אַגיטאַציע־ביוראָ. נישט געקוקט אויף די קרי־געריי פון די ביוראָ אַרויסגעשיקט אַן איינלאַדונג אויך צו די ניו־יאָרקער בראַנטשעס פון ס. פּ. און די בראַנטשעס — האָבן זי אָנגענומען. אַפילו דער „פאַרווערטס״ האָט נישט געפעלט אין דער ניו־יאָרקער דעלעגאַציע. ס׳האָט זיך אויך באַטייליקט דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון „בונד״ — די פאַראייניקונג פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס און לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע. צו דער קאָנ־ווענשאָן זיינען געקומען 52 דעלעגאַטן פון 27 בראַנטשעס אין 10 שטאַטן. די רעדנער אויף דער ערשטער פייערלעכער זיצונג זיינען געווען אב. קאַהאַן, מאָריס ווינטשעווסקי, א. ש. זאַקס און ב. וולאַדעק, וועלכער האָט צוזאַמען מיט דר. מ. גורעוויטש פאַרטראָטן דעם בונדישן צענטראַל־פאַרבאַנד. דער באַריכט האָט ווידער דערציילט וועגן אַ גאַנץ שוואַכער טעטיקייט. די גאַנצע הכנסה פאַרן יאָר האָט באַטראָפן 681 דאָלער. דער סעקרעטאַר האָט אַליין פאַרקלענערט זיין געהאַלט — 10 דאָלער אנשטאָט 15 אַ וואָך.

איבער אַלע פראַגן האָט אויף דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן דאָמינירט דער ענין ניו־יאָרק—שיקאַגאָ. די ניו־יאָרקער דעלעגאַציע איז נישט געקומען סתם באַטייליקן זיך אין דער קאָנווענשאָן. זי איז געקומען מיטן ווילן — אויב שוין יאָ אַ ביוראָ, טאָ זאָל זי זיין אַ ניו־יאָרקער. לכתחילה האָט דער ניו־יאָרקער דעלעגאַט וויינטרויב געמאַכט אַ פאָרשלאָג אינגאַנצן אָפּצושאַפן די ביוראָ. 3 שעה צייט האָט מען דעבאַטירט דעם פאָרשלאָג און אין רעזולטאַט

פון דער דעבאַטע איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן, אַז די ביוראָ איז נויטיק און דאַרף בלייבן. 5 שעה איז נאָך דעם געפירט געוואָרן אַ דעבאַטע וואו די ביוראָ זאָל האָבן איר זיץ־אָרט: שיקאַגאָ אָדער ניו־יאָרק? פאַר דער ערשטער שטאָט זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן 13 שטימען, און פאַר דער צווייטער 16. געווען זיינען דריי קאַנדידאַטן פאַר סעקרעטאַר: דער פריערדיקער — מ. קאופמאַן, א. י. שיפּליאַקאָף פון ניו־יאָרק און ש. עלשטיין פון פילאַדעלפיע. דער רעזולטאַט איז געווען: פאַרן ערשטן 21 שטימען, פאַרן צווייטן — 16 און פאַרן דריטן — 13. צום רעפערענדום זיינען געשיקט געוואָרן די נעמען קאופמאַן און שיפּליאַקאָף. און קאופמאַן איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך די מיטגלידער מיט 169 שטימען לגבי 121 פאַר שיפּליאַקאָפן. צום רעפערענדום איז אויך געשיקט געוואָרן דער באַשלוס וועגן איבערפירן די ביוראָ קיין ניו־יאָרק, וואָס איז שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער מיטגלידערשאַפט מיט 224 שטימען קעגן 102.

די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע וועגן דער עקזיסטענץ פון דער ביוראָ: „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט זיך געבויטיקט אין אַ צענטראַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער שפּראַך, עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַדינגונגען פון די יידישע מאַסן. לויט די אויפגאַבן, וואָס זי האָט זיך געשטעלט, אַנטשפּרעכט די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ אַזאַ מין קערפּערשאַפט. צוליב דער גלייכגילטיקייט פון אַ גרויסן טייל פון די יידישע גענאָסן און די שלעכטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען במשך די לעצטע פאַר יאָר איז די ביוראָ ניט געווען בכוח צו דערפילן אין אַ גענוגנדיקער מאָס אירע אויפגאַבן. מיר דריקן אויס אונזער וואונטש, אַז די יידישע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער פון אונזער לאַנד זאָלן אנערקענען די וויכטיקייט פון דער ביוראָס עקזיסטענץ", צושטיין צו איר און העלפן אין דער טעטיקייט.

אַ שטרייט איז געווען אַרום דער פראַגע פון ענדערן די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע. אַ מינדערהייט, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען מאָריס ווינטשעווסקי, האָט געוואָלט, אַז די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע זאָל אין גאַנצן געענדערט ווערן און ס'זאָל דערקלערט ווערן, אַז די ביוראָ ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע, וואָס זאָל זיך שטעלן ברייטערע אויפגאַבן אין הסכם מיט די באַדערפענישן פון יידישן לעבן. די מערהייט איז געווען קעגן ענדערן דעם כאַראַקטער פון ביוראָ, וואָס טאָר זיך נישט שטעלן קיין שום נאַציאָנאַלע אויפגאַבן, נאָר זיך באַגרענעצן בלויז מיט טון פאַרטיי־אַרבעט. מיט אַ מערהייט שטימען איז באַשלאָסן געוואָרן נישט צו ענדערן די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע. ס'איז אויך אָפּגעוואָרפן געוואָרן אַן אויסבעסערונג אַרויסצונעמען אייניקע נעגאַטיווע שטעלן פון דער דעקלאַראַציע, ווי, למשל, „מיר טרעטן נישט אַרויס אַלס אַ באַזונדערע יידיש־נאַציאָנאַליסטישע פאַרטיי", און נאָך אַ פּאָר פּונקטן. ס'איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ רעדאַקציע־קאָמיסיע פון מ. ווינטשעווסקי, א. ש. זאַקס, ב. וולאַדעק און מאיר לאָנדאָן בלויז אויף אויסצופיינערן די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע אין דער שפּראַך און סטיל.

לסוף האָט די פילאַדעלפיער קאָנווענשאָן אויסגעוויילט אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט: 3 פון ניו־יאָרק, 2 פון קאָנעטיקוט, 2 פון ניו־דזשוירזי און 1 פון שיקאַגאָ. מאיר לאָנדאָן און באַרנעט וואָלף פון ניו־יאָרק זיינען געוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַטן צו דער פאַרטיי־קאָנווענשאָן. צום עקזעקוטיוו זיינען באַלד צו־

קאָאָפּטירט געוואָרן ב. וולאַדעק און אַ פּאַרשטייער פון פּענסילוועניע. אַלס פּאַרזיצער איז אויסגעקליבן געוואָרן גיליס פון ניו־יאָרק. נאָך דעם ווי עס איז באַקאַנט געוואָרן דער רעזולטאַט פון רעפערענדום (דעצעמבער 1909) האָט מאַקס קאופמאַן אַריינגעשיקט אַ דערקלערונג, אַז צוליב פאַמיליע־טעמים קען ער נישט אַריבערפאָרן פון שיקאַגאָ קיין ניו־יאָרק, דעריבער רעזיגנירט ער פון אַמט. זיין ממלא מקום איז געוואָרן א. י. שיפּליאַקאָף. ב. וולאַדעק איז אַנגעשטעלט געוואָרן אַלס אָרגאַניזאַטאָר.

דער איבערגאַנג קיין ניו־יאָרק האָט געזאָלט באַדייטן אַ נייע עפּאָכע אין לעבן פון ביוראָ. אויס מיטן ווידערשטאַנד פון גרעסטן און איינפלוסרייכסטן יידישן אַרבעטער־צענטער. בשעת מ'האָט אויף דער קאָנווענשאַן דעבאַטירט די פראַגע פון זיך־אָרט, האָבן די ניו־יאָרקער דעלעגאַטן נישט געקאַרגט קיין גוטע צוזאָגן און דאָס האָט נישט ווייניק מיטגעווירקט צו שאַפן די מערהייט פאַר ניו־יאָרק. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איצט איז פאַרהיילט געוואָרן אַ ריס אין די רייען פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איז אָבער קיין ראַדיקאַלע ענדערונג נישט פאָרגעקומען. צום ביוראָ זיינען צוגעשטאַנען נאָך אַביסל ברענטשעס, דער אָדער יענער פּרט האָט זיך געביטן, אָבער אין תוך האָט זיך גאָר נישט געביטן און ס'איז נישט געקומען די גרויסע אויפלעבונג נאָך וועלכער מ'האָט געגאַרט. גראַד אין יאָר 1910 איז געווען אַ גרויסע אויפלעבונג צווישן די יידישע אַרבעטער אויפן געביט פון טרייד־יוניאָניזם. גרויסע שטרייקן זיינען פאָרגעקומען און מ'האָט געהאַט צו פאַרצייכענען באַדייטנדיקע דערפאָלגן. אָבער אויפן געביט פון יידישער סאָציאַליסטישער טעטיקייט איז געווען די זעלבע רוטין און די זעלבע שטילקייט, ווי פריער.

אין אַ בראָשור („הונדערט פינף און צוואַנציק ביליאָן”), וואָס די יידיש־סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע־ביוראָ האָט אַרויסגעגעבן נאָך דער פילאַדעלפיער קאָנווענשאַן, ווערט אָנגעגעבן אַזאַ מאָטיוו פאַר דער פריערדיקער שוואַכקייט פון דער באַוועגונג: „מיט פיל ענערגיע און ענטוזיאַזם האָבן די גרופּן גע־אַרבעט צו פאַרשפּרייטן די סאָציאַליסטישע געדאַנקען צווישן די יידישע איינ־וואַנדערער, עס איז זיי אָבער נישט געלונגען צו געווינען גרויסע מאַסן פאַר דעם סאָציאַליזם, ווייל די אַריבערגעקומענע זיינען מייסטנס געווען היימישע קליינהענדלער און זיי האָט זיך נאָך געחלומט, אַז זיי וועלן זיך אין אַמעריקע אַרויפאַרבעטן אויף אַן אייגענס און וועלן ווערן גבירים”. דאָס איז געווען נעכטן. דער היינט זעט אויס צו זיין בעסער: „פאַר די לעצטע יאָרן אָבער האָט אָנגעהויבן אַריבערצוקומען אין אַמעריקע אַ גרויסע מאַסע יידישע אַרבעטער פון רוסלאַנד און גאַליציע. די געטאָס זיינען געוואָרן ענג און פאַרשטיקט, די זאָרג צו מאַכן אַ לעבן איז געוואָרן גרויס, דער קאַמף צווישן די יידישע אַר־בעטער און די קאַפּיטאַליסטן ווערט אַלץ שאַרפער און שאַרפער און אויך צווישן די יידישע מאַסן פון אַמעריקע הויבט זיך אָן אַ ברייטע און געזונטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. איבערהויפּט שווער איז די סאָציאַליסטישע טע־טיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער, ווייל אונז פעלן אויס יידישע סאָציאַליסטישע ביכער און אינטעליגענטע סאָציאַליסטישע טוער. פיל יידישע אינטעליגענטן, וואָס לעבן פון פאָלק און האַלטן זיך אויף אַלס דאָקטוירים, לאַיערס און לערער פון דעם, וואָס די יידישע מאַסע גיט זיי פּראַקטיק און אַ מעגלעכקייט גוט צו

לעבן, האָבן זיך אָפּגעקערט פון זייער פאָלק און האָבן אים אויסגעשטעלט אַ רוקן. זיי אַרט גאָר נישט, וואָס דער יידישער אַרבעטער צאַפּלט זיך אונטער דעם יאָך פון אַרבעט און נידעריקע לוינען, וואָס די יידישע געטאָס זיינען שמוציק און אָרעם. און עס איז פאַר אַלעמען קענטיק, אַז דער יידישער אַרבעטער האָט אויף קיינעם נישט צו האָפן אויסער זיך זעלבסט".

פון „אַ ברייטער און געזונטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג" אויף דער יידישער גאַס איז נאָך געווען ווייט. דער זעלבער שיפּליאַקאָף, וואָס האָט אַלס סעקרעטאַר פון ביוראָ אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט די דערמאָנטע בראָשור, האָט פאַר דער 6־טער קאָנווענשאָן פון יידישן אַגיטאַציע־ביוראָ פאַרעפנטלעכט אַ באַריכט, אין וועלכן ער האָט געזאָגט: „דאָס לעצטע יאָר איז אַזוי ווייניק געטון געוואָרן, אַז עס נעמט באַלד אָפּ דער חשק צו שרייבן אַ באַריכט"... „במשך די לעצטע 14 חדשים, ד. ה. פון דעם טאָג, וואָס דער עקזעקוטיוו האָט אָפּגעהאַלטן זיין ערשטע זיצונג אין ניו־יאָרק, זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן 180 פאַרזאַמלונגען, עס איז געדרוקט געוואָרן אַ ביכל וועגן דעם אַרבעטערס קאַמף ביי די וואַלן אין אַ צאָל פון 5 טויזנט עקזעמפּלאַרן, אַ ביכל וועגן דער צעטיילונג פון די רייכטימער אין אַמעריקע, אַ ליפלעט וועגן דער באַדייטונג פון די לעצטע וואַלן און אַ ליפלעט וועגן דער הייליקייט פון פּריוואַט־אייגנטום". ווייטער זאָגט דער באַריכט, אַז די בראַנטשעס ווייזן אַרויס אַ גלייכגילטיקייט. די ביוראָ איז פאַרבונדן מיט 57 בראַנטשעס, אָבער בלויז 26 האָבן געצאָלט מיטגלידס־שטייער און דאָס אויך ניט רעגולער. „די יידישע פאַרטיי־בראַנטשעס, וואָס וועלן איצט בלייבן גלייכגילטיק צו דער ביוראָ, וועלן באַגיין אַ פאַרברעך. מיט זייער גלייכגילטיקייט וועלן זיי אָפּנעמען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג די געלעגנהייט זיך צו אָרגאַניזירן און ווערן אַ טייל פון דער פאַרטיי".

ביי אַזאַ שטימונג איז זיך צונויפגעקומען די 6־טע קאָנווענשאָן פון ביוראָ אין באָסטאָן, אין די טעג פון 27—30 מאַי 1911. מ'האָט אויף איר אַ סך גערעדט וועגן דער אַפּאַטיע אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און געפּרוּווט אָנווייזן אויף די סיבות פאַרוואָס די באַוועגונג וואַקסט נישט. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז פיל יידישע בראַנטשעס ווילן אפילו נישט געהערן צו דער ביוראָ און די, וואָס געהערן יאָ, ווייזן אויך נישט אַרויס קיין גרויסע אַקטיוויטעט און דערפילן נישט זייערע פליכטן. אין אירע באַשלוסן האָט די קאָנווענשאָן אויפגעפאָדערט די ביוראָ און אַלע בראַנטשעס צו נעמען אַ מער אַקטיוון אָנטייל נישט בלויז אין קאַמף פאַר די אַלגעמיינע פּאָליטישע פראַגן פון לאַנד, שטאָט און שטאַט, נאָר אויך זיך מער אינטערעסירן מיט די לאָקאַלע יידישע פראַגן.

דערווייל איז אין דער פאַרטיי אַלץ מער און מער רייף געוואָרן דער געדאַנק פון פעדעראַציעס פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן מיט אַ ברייטערער אויטאָנאָמיע. דאָס איז געשען אונטערן דרוק פון לעבן. די גרויסע אימיגראַציע־שטראָמען האָבן געבראַכט מיליאָנען אַרבעטער פון אייראָפּע. פיל פון זיי האָבן שוין אין דער אַלטער היים געהערט צו די טרייד־יוניאָנס און סאָציאַליסטישע פאַרטייען. זיי האָבן זיך דאָ געשאַפן אייגענע אָרגאַניזאַציעס. און נישט בלויז שפּראַכלעך, נאָר אויך פּסיכאָלאָגיש איז זיי געווען שווער ווי יחידים אַריינצוטרעטן אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. אַחוץ דער שפּראַכ־

לעכער מניעה, האָט יעדע פאָלקס־גרופּע געהאַט אירע אייגענע פּראָבלעמען און פּאַראינטערעסירונגען. כדי נישט לאָזן די פרישע אימיגראַנטן מחוץ דער פּאַרטיי, האָט מען געמוזט אַנטקעגנקומען דעם פאַרלאַנג צו דערלויבן שפּראַך־פעדעראַציעס. אמת, ס׳איז אויך געווען אַ ווידערשטאַנד קעגן דעם אין פאַר־שידענע ערטער. אין ניו־יאָרק, למשל, האָט די שטאַטישע קאָנווענשאָן פון דער ס. פּ. נאָך געפּרוּווט אויפשטעלן אַ צוים פאַר די נישט־ענגליש שפּראַכיקע ברענטשעס. זי האָט געמאַכט אַ קוואָטע, אַז אין שטאַט טאָרן נישט זיין מער ווי 10 פּראָצענט־שפּראַכיקע ברענטשעס און מער ווי 2 פון איין נישט־ענגלישער שפּראַך. די פּראָצעדור־נאָרמע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרעגונג צווישן די סאָציאַליסטן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און זיי האָבן אויפגעהויבן אַ קאַמף קעגן דעם. גראָד די יידישע סאָציאַליסטן, וועמען די באַגרענעצונג וואָלט אַמשטאַרקסטן געטראָפן, זיינען נישט געווען אַקטיוו אין קאַמף קעגן דעם דאָזיקן אומגערעכטן באַשלוס. אָבער סוף־כל־סוף איז די באַגרענעצונג געווען נישט מער, ווי אַ לעצטע קאָנווולסיע פון אַ פּאָליטיק, וואָס האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן.

די פראַגע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס איז שוין באַהאַנדלט געוואָרן אויף די פריערדיקע קאָנגרעסן, האָט אָלץ נישט אָפּגעלאָזט די פּאַרטיי. זי האָט כסדר געמאָנט אַן ענטפער. און די פּאַרטיי האָט כסדר געמאַכט קאָנצעסיעס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט גענוג. אויף דעם פּאַרטיי־קאָנגרעס אין 1910 אין שיקאַגאָ איז די פראַגע ווידער געשטאַנען אין דער פולער ברייט. די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ איז געווען פאַרטרעטן דורך 2 דע־לעגאַטן: מאיר לאָנדאָן און באַרנעט וואָלף. מאיר לאָנדאָן האָט אויפגעהויבן די פראַגע וועגן רעכט פון די 2 יידישע דעלעגאַטן צו באַטייליקן זיך אין די אָפּשטימונגען. דער פאָרזיצער — געווען איז דאָס מאָריס הילקוויט — האָט גע־פּסקנט, אַז די פאָרשטייער פון די אַנדער־שפּראַכיקע אָרגאַניזאַציעס זיינען נישט קיין דעלעגאַטן, נאָר האָבן בלויז באַראַטונגס־רעכט. זיי קענען נישט שטימען און קענען אויך נישט זיין קיין מיטגלידער פון קאָנגרעס־קאָמיסיעס. אַרום דעם האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסע דעבאַטע. די מערהייט פון דער קאָנווענשאָן האָט אַקצעפּטירט הילקוויטס דעציזיע. אין באַריכט פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו, וואָס עס האָט אָפּגעגעבן הילקוויט, האָט אַ באַזונדער פּלאַץ פאַר־נומען די פראַגע פון די אַנדער־שפּראַכיקע ברענטשעס. דער באַריכט איז געקומען צום אויספיר, אַז די פּאַרטיי דאַרף געבן די אַנדער־שפּראַכיקע אָרגאַניזאַציעס די גרעסטע פרייהייט פון טעטיקייט און דאַרף זיי העלפן אויף פאַרשידענע אופנים אין זייער ספּעציעלער אַרבעט פון סאָציאַליסטישער פּראָ־פּאַגאַנדע.

אַ גרויסע דעבאַטע אַרום דער פראַגע איז געפירט געוואָרן, ווען די קאָנ־סטיטוציע־קאָמיסיע האָט אַריינגעבראַכט פאָרשלאָגן, וואָס האָבן געצילט מעג־לעך צו מאַכן אַ מער פּרוקטבאַרע אַרבעט צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אייניקע רעדנער האָבן זיך אַרויסגעזאָגט בכלל קעגן אַנדער־שפּראַכיקע ברענ־טשעס, אפשיטא קעגן געבן זיי באַזונדערע רעכט. אַנדערע רעדנער, צווישן זיי די פאָרשטייער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, האָבן פאַרטיידיקט די נויטווענדיקייט פון די באַזונדערע שפּראַך־אָרגאַניזאַציעס. באַגרינדעט האָבן

זיי עס מיט פּראַקטישע טעמים. אינטערעסאַנט, אַז מאיר לאַנדאָן און באַרנעט וואָלף, די דעלעגאַטן פון דער יידישער אַגיטאַציע־ביוראָ, האָבן אין דער דאָזיקער דעבאַטע זיך נישט באַטייליקט... לסוף האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען די פאַר־געלייגטע אויסבעסערונגען צו דער פּאַרטיי־קאָנסטיטוציע. די וויכטיקסטע פון זיי זיינען: יעדע נישט־ענגלישע שפּראַך־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט לכל הפּחות 500 מיטגלידער, זאָל זיין באַרעכטיקט צו האָבן אין נאַציאָנאַלן פּאַרטיי־אָפּיס אַ סעקרעטאַר־איבערזעצער. אויף קאָנווענשאַנס זאָל יעדע אַזאַ אָרגאַ־ניזאַציע זיין באַרעכטיקט צו אײן דעלעגאַט אָן שטים־רעכט. אַלע פּאָליטי־שע אַקציעס פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע וועלן מוזן זיין אונטער דער השגחה און האָבן דעם הסכם פון די אַנטשפּרעכנדיקע שטאַט־אָרגאַניזאַציעס פון דער ס.פּ.. דער קאָנגרעס האָט אויך אויסגעדריקט דעם ווּאונטש, אַז יעדע שטאַט־קערפּערשאַפט פון דער ס. פּ. זאָל צוריקגעבן צו נישט־ענגליש שפּרעכנדע אָר־גאַניזאַציעס אַ העלפט פון מיטגלידער־שטייער, וואָס קומט אַריין פון זייערע מיטגלידער.

אויך דאָס איז נאָך נישט געווען דאָס לעצטע וואָרט, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געזאָגט אין דער פראַגע. אויף דעם קאָנגרעס, וואָס זי האָט אָפּגעהאַלטן אין מאַי 1912 אין אינדיאַנאַפּאָליס, איז זי געגאַנגען אַ שריט ווייטער. דער דאָזיקער פּאַרטיי־קאָנגרעס, אויף וועלכן די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ איז געווען פאַרטרעטן דורך דזשייקאָב פּענקין, האָט אָנגענומען באַשלוסן, וואָס האָבן נאָך מער פאַרפעסטיקט די פּאָזיציע פון די אַנדער־שפּראַכיקע פּע־דעראַציעס אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי.

ווי אין פריערדיקע פאַלן, האָבן אויך אויף דעם קאָנגרעס אין אינדיאַנאַ־פּאָליס די קעגנער זיך באַמיט נישט צו לאָזן די אַנדער־שפּראַכיקע ברענטשעס צו ווערן אומאָפּהענגיק פון די אָרטיקע ס. פּ. אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן גע־שטורעמט קעגן „סעפּאַראַטיזם". דער דעלעגאַט פון יידישן אַגיטאַציע־ביוראָ, דזשייקאָב פּענקין, איז אין דעם פּרט נישט געווען קיין אויסנאַם. ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר געבן אַ מעגלעכקייט צו פירן אַן אַגיטאַציע אין די אַנדערע שפּראַכן, געבן די אַנדער־שפּראַכיקע ברענטשעס אַ גרעסערן חלק פון די פאַרקויפטע שטייער־מאַרקעס, אָבער, האָט ער געזאָגט, „ס'איז די העכסטע צייט אָפּצושטעלן די סעפּאַראַטיסטישע באַוועגונג און צוזאַמען פירן די אַרבעט". די פעדעראַציעס פון די אַנדערע מינדערהייטן האָבן אויסגענוצט דעם באַשלוס פון פריערדיקן פּאַרטיי־קאָנגרעס און געהאַט זייערע סעקרעטאַרן־איבערזעצער אין נאַציאָנאַלן אָפּיס פון דער פּאַרטיי. אַן אויסנאַם איז בלויז געווען די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ, וואָס האָט די מעגלעכקייט נישט אויסגענוצט. פּענקין האָט צוגעשטעלט צום פּאַרטיי־קאָנגרעס אַ באַריכט, אין וועלכן עס איז אונטערגע־שטראָכן געוואָרן, אַז די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ איז די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געבויט אויף אַ פולשטענדיק אַנדערער באַזע, ווי די אַלע פרעמד־שפּראַכיקע אָרגאַניזאַציעס. די יידישע מיטגלידערשאַפט איז פאַרבונדן דירעקט מיט די לאָקאַלע און שטאַט־אָרגאַניזאַציעס פון דער ס.פּ.. די יידישע ברענטשעס זיינען געווײנלעכע פּאַרטיי־לאָקאַלן און אונטערשיידן זיך בלויז מיט דעם, וואָס זיי באַנוצן זיך מיט יידיש. דאַקעגן די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ איז, להיפּוך צו די אַנדער־שפּראַכיקע פעדעראַציעס, מיטן נאַציאָנאַלן אָפּיס פון דער פּאַרטיי

אָפיציעל נישט פאַרבונדן, הגם די ביוראָ באַקומט פאַרשידענע הילף פון דער פאַרטיי־אָנפירונג.

אין אינדיאַנאַפּאָליס האָבן די קעגנער פון די פעדעראַציעס געפירט אַ קאַמף קעגן פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע פאַר אַנדער־שפּראַכיקע גרופּן, אַז די לעצטע זאָלן דורך זייערע פעדעראַציעס קויפן די שטייער־מאַרקעס דירעקט פון נאַציאָנאַלן פאַרטיי־אָפיס. זיי האָבן געפאָדערט, אַז אַלע זאָלן מוזן קויפן די שטייער־מאַרקעס אין די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער פאַרטיי. אָנגענומען איז געוואָרן דער פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע. מיט דעם זיינען אויך פאַרפעסטיקט געוואָרן די פעדעראַציעס, ווי אַ רעפּרעזענטאַנץ פון די אַנדער־שפּראַכיקע גרופּן.

די אומצופרידנקייט מיט דער שוואַכער טעטיקייט פון דער יידישער אַגיטאַציע־ביוראָ און די פאַרשטאַרקטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן געבראַכט דעם ווידערשטאַנד פון פיל יידיש־שפּרעכנדע סאָציאַליסטן צו דער אידייע פון אַ פעדעראַציע אויף דער יידישער גאַס. אַ סך איז דעמאָלט געשריבן געוואָרן וועגן דער נויטיקייט פון אַ יידישער אָרגאַניזאַציע, ווי די בעסטע פאָרם פון סאָציאַליסטישער טעטיקייט. ווייל אַנדערש וועט אין בעסטן פאַל זיין ביי יידן אַ צעשוואומענע ראַדיקאַלעכץ, אָבער נישט קיין ציל־באַוואוסטע מחנה פון סאָציאַליסטישע אַרבעטער. אייניקע האָבן אפילו געזאָגט, אַז מען דאַרף אויך אין אַמעריקע שאַפן אַ „בונד", לויטן ביישפּיל פון רוסלאַנד.

מ. ווינטשעווסקי, וואָס איז געווען אַ הייסער חסיד פון דער אידייע, האָט געשריבן: „פון די אַמאָליקע 3,600 מיטגלידער אין דער ס. פּ., פון וועלכע 1,700 זיינען געווען יידן, זיינען היינט אין דער פאַרטיי דאָ מיטגלידער דרייסיק מאָל אַזוי פיל — איבער 100 טויזנט, בעת די צאָל פון אָרגאַניזירטע יידישע סאָציאַליסטן איז אפשר נאָך קלענער, ווי אַמאָל. און ווער רעדט פון דעם טאָן, פון דער שטימונג, פון דעם ענטוזיאַזם פון אַמאָל? דער פילאַדעלפיער צוזאַמענפאָר, למשל, פון דעם יאָר 1909 איז לגבי דער יידישער קאָנווענשאָן פון די סאָציאַליסטישע סעקציעס סוף 1894 אין באָסטאָן געווען אַ טרויעריקע קאַריקאַטור און ווייטער גאָר נישט". ווינטשעווסקי לייגט פאָר צו גרינדן „אַ יידיש־אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן־בונד, וואָס זאָל באַשטיין פון קלענערע אָדער גרעסערע פּראָפּאַגאַנדע אָרגאַניזאַציעס איבערן גאַנצן לאַנד. זיין עובדא זאָל זיין: שאַפן אַ פּלאַטפאָרם, פון וועלכער צו ריידן צו די ניי־אַריבערגעקומענע וועגן סאָציאַליזם און צו דיסקוטירן יידישע נאַציאָנאַלע פראַגן און יידישע צרות און נחמות". מען וועט „זיך דאַרפן אייניקן אויף אַ נאַציאָנאַל־יידישן פּראָגראַם בנוגע אַמעריקע, ווייל די נאַציאָנאַלע פראַגע קען היינטיקע צייטן מער נישט איגנאָרירט ווערן". ער מיינט, אַז די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ קען ווייטער בלייבן אַ פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און דער „בונד" זאָל באַשטיין פון אויסערפאַרטייאישע עלעמענטן.[38]

די אַנטוויקלונג איז אַוועק אין אַן אַנדערע ריכטונג. אין רעזולטאַט פון די געשעענישן האָבן אין דער אָנפירונג פון אַגיטאַציע־ביוראָ אָנגעהויבן בלאָזן אַנדערע ווינטן. ערב דער 7־טער קאָנווענשאָן האָט די ביוראָ פאַרעפנטלעכט איר באַריכט אין אַ מער אָפּטימיסטישן טאָן. זי האָט דערציילט, אַז עס זיינען צוגעקומען „8־9 נייע ברענטשעס, און איצט שטייען מיר אין פאַרבינדונג מיט

80 פאַרטיי־ברענטשעס, וועמען מיר העלפן מיט ראַט און טאַט אין אַלע זייערע אָרגאַניזאַציאָנעלע, גייסטיקע און קולטורעלע נויטן". דער אָרגאַניזאַטאָר וולאַדעק האָט געמאַכט אַ טור איבערן לאַנד. אין די ברענטשעס זיינען פאָרגעקומען אַ גרעסערע צאָל פאַרלעזונגען. וועגן ענדערן דעם כאַראַקטער פון ביוראָ איז גאָר נישט געזאָגט געוואָרן.

די 7־טע קאָנווענשאָן האָט זיך געעפנט דעם 30־טן מאַי 1912 אין פעטערסאָן, נ. דזש.. אין זעלבן טאָג האָט דער „פאָרווערטס" געווידמעט דער קאָנווענשאָן אַ לייט־אַרטיקל, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט: „דער שפּיגל פון דער גאַנצער גרויסער מאַכט פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן יידן אין דעם לאַנד האָט געדאַרפט זיין די הייַנטיקע קאָנווענשאָן, ווייל זי איז דער צוזאַמענפאַר פון די יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען פאַראייניקט אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי". „די ס. פּ. איז דער סך־הכל פון אַלע טיילן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג; דער שטאַם און דער וואָרצל פון אַלע אירע צווייגן. ליידער האָבן מיר, יידישע סאָציאַליסטן, פיל מער צווייגן, וואָס זיינען אָפּגעריסן פון דעם וואָרצל, איידער אַזעלכע, וואָס זיינען צוגעוואַקסן צו אים! צווישן אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן זיינען אויך דאָ מער סאָציאַליסטישע סימפּאַטיקער ווי מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. אָבער ביי קיין נאַציאָנאַליטעט איז דער פּראָצענט מיטגלידער צווישן די סימפּאַטיקער נישט אַזוי קליין, ווי ביי אונז"... די סימפּאַטיקער אונזערע, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט אַנדערע וויכטיקע צווייגן פון דער באַוועגונג, פאַרגעסן, אַז מיט זייער שטיין מחוץ דער פאַרטיי גראָבן זיי אונטער זייערע אייגענע זאַכן, פאַר וועלכע זיי אַרבעטן. און דער אויספיר איז: „אַ 'יידישע פאַרטיי' פאַר זיך קען אַבסאָלוט גאָר נישט אויפטאָן. די יידישע אַרבעטער מוזן אַריין אין דער ס.פּ.. צו דעם צוועק מוז מען אָבער צו זיי ריידן אין דעם לשון, וואָס זיי פאַרשטייען. דאָס איז דער צוועק פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע־ביוראָ".

די פעטערסאָנער קאָנווענשאָן האָט זיך שוין נישט געוואָלט באַגנוגענען מיט דעם רעצעפּט, וואָס עס האָט איר פאַרשריבן דער „פאָרווערטס" און זי האָט געמאַכט אַ דרייסטן שריט פאָראויס. דער אינדיאַנאַפּאָליסער פאַרטיי־קאָנגרעס האָט באַשיינפּערלעך געוויזן, אַז ס'האָט קיין זין נישט ווייטער צו זיין דער „בכבודיקער" אויסנאַם צווישן אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין דער פאַרטיי. די אַגיטאַציע־ביוראָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויטאָנאָמער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע.

צו דער פעטערסאָנער קאָנווענשאָן, וואָס האָט געדויערט 4 טעג, זיינען געקומען 43 דעלעגאַטן פון די שטאַטן ניו־יאָרק, קאָנעטיקוט, ראָוד איילענד, ניו־דזשוירזי, אָהייאָ, מערילענד, מאַסאַטשוזעטס, פענסילווייניע, אילינאָי און דיסטריקט אָוו קאָלומביאַ. ב. וואָלף, וואָס האָט פאַרנומען דעם אַמט פון ביוראָ־סעקרעטאַר נאָך שיפּליאַקאָפן, האָט באַריכטעט, אַז די צאָל מיטגלידער האָט זיך פאַרגרעסערט און עס זיינען צוגעקומען 10 נייע ברענטשעס. העכער הונדערט פאַרזאַמלונגען און פאַרלעזונגען זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן. דער אָרגאַניזאַטאָר ב. וולאַדעק האָט באַריכטעט, אַז ער האָט אַדורכגעפירט קרוב 70 פאַרזאַמלונגען אין איבער 30 שטעט. ער האָט געזאָגט, אַז די נייע ברענטשעס צעפאַלן זיך איצט נישט אַזוי אָפט, ווי פריער. דזשייקאָב פּענקין האָט איבער־

געגעבן דעם באַשלוס פון לעצטן פּאַרטיי־קאָנגרעס וועגן די שפּראַך־פעדעראַ־ציעס. אַ ריי דעלעגאַטן האָבן געהאַלטן, אַז דער באַריכט פון סעקרעטאַר איז אַ צו אָפּטימיסטישער און אַז פּאַקטיש געהערן צום ביוראָ נישט מער ווי אַ 3 צענטליק ברענטשעס מיט 800 מיטגלידער.

אין הסכם מיט דעם, וואָס דער נור־וואָס פאַרגעקומענער פּאַרטיי־קאָנ־גרעס אין אינדיאַנאַפּאָליס האָט באַשלאָסן וועגן די שפּראַך־אָרגאַניזאַציעס, האָט אויך די פעטערסאָנער קאָנווענשאָן פון ביוראָ באַשטימט צו ענדערן דעם כאַ־ראַקטער פון דער אָרגאַניזאַציע: ענדערן דעם נאָמען און זיך רופן: „די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע פון אַמעריקע”. ס'זאָל געשאַפן ווערן אַ נאַציאָנאַלער קאָמיטעט, וואָס זאָל באַשטיין פון איינצלנע פאָרשטייער פון יעדן שטאַט, וואו עס עקזיסטירן יידישע פּאַרטיי־ברענטשעס. די קאָנווענשאָן האָט די פאַרבינדונג מיט דער פּאַרטיי פעסטגעשטעלט אין פאָלגנדיקער רעזאָלוציע: „די פעטערסאָנער קאָנווענשאָן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, אויף דער 6־טער זיצונג פון שבת דעם 1־טן יוני, באַשטימט זיך אָנצושליסן אַלס געזעצלעכער טייל אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע, אויף די באַדינגונגען, וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פון דער אינדיאַנאַפּאָליסער ס. פּ.־קאָנווענשאָן פאַר די שפּראַך־פעדעראַציעס”.

ביז ערב דער קאָנווענשאָן האָבן די קעגנער פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע נאָך אַלץ געקעמפט פאַר זייער שטאַנדפּונקט און געשראָקן דעם עולם מיט „קוגל־נאַציאָנאַליזם”. אָבער נאָך אינדיאַנאַפּאָליס איז שוין אין פּע־טערסאָן קיין חלוקי־דעות נישט געווען וועגן דעם, אַז אויך די יידן דאַרפן איבערגיין צו אַ פעדעראַציע און דער באַשלוס וועגן דעם איז געווען אַן איינ־שטימיקער. חלוקי דעות זיינען ווייטער געווען וועגן דער טעאָרעטישער באַ־גרינדונג — און דאָס מיינט אויך וועגן די אויפגאַבן פון דער פעדעראַציע. די בונדיסטן, וועלכע זיינען געווען אַקטיוו אין דער היגער באַוועגונג, האָבן גע־האַלטן, אַז אַ יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט צו דערפילן אויך נאַציאָנאַלע אויפגאַבן. די טוער פון אַלטן שניט האָבן אין דער נייער קרוג געוואָלט האָבן דעם אַלטן געטראַנק.

אין דער קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע האָט זיך אויסגעבילדעט אַ מערהייט און אַ מינדערהייט. די מערהייט האָט געוואָלט, אַז די פעדעראַציע זאָל ווערן אַ „בונד”, צוגעפּאַסט צו די אַמעריקאַנער באַדינגונגען. פאַרשידענע פּרטים דאַרפן זיין אַנדערש, אָבער דער בונדישער תוך דאַרף אויך דאָ אָנגעווענדט ווערן. אויב מען וועט נישט בויען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג לויט די בונדישע פּרינ־ציפּן, וועט זי קיינמאָל קיין תקומה נישט האָבן. און די מערהייט האָט דאָס געוואָלט ברענגען צום אויסדרוק דורך אַן אַנטשפּרעכנדיקער פאָרמולירונג אין דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע. די מינדערהייט, וואָס איז באַשטאַנען בעיקר פון די אַלטע טוער, האָט געטענהט, אַז בלויז צוליב דעם שפּראַך־אונטערשיד דאַרף מען די פעדעראַציע און נישט צוליב עפּעס אַנדערש. אויף דער קאָנווענשאָן גופא איז געווען אַ מערהייט פאַר דעם בונדיסטישן שטאַנדפּונקט. אַ טייל האָט אָבער מורא געהאַט, אַז מען וועט מיט דעם אָפּשטויסן די אַלטע טוער. זיי האָבן דעריבער געוואָלט, אַז מען זאָל זיך דערוויל צוריקציען פון דעם. און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אַ מערהייט פון 2 שטימען, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן די

בונדיסטישע פאָרמולירונג אין דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע. די קאָנווענשאָן האָט אויך אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דער נויטיקייט צו פירן אַ קאַמף קעגן די נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונגען (ציוניסטישע און טעריטאָריאַליסטישע) צווישן די יידישע אַרבעטער.

י. ב. סאַלוצקי איז נאָמינירט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר. צום רעפערענדום פון די מיטגלידער איז אויך געשיקט געוואָרן אַ ליסטע פון 15 קאַנדידאַטן, פון וועלכע מ׳האָט געדאַרפט אויסקלייבן 9 פאַרן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט.

מיט דער פעטערסאָנער קאָנווענשאָן האָט זיך פאַרענדיקט די געשיכטע פון דער יידישער אַגיטאַציע־ביוראָ און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ קאַפּיטל — אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע איז אַרויף די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע. די ענדערונג איז באַשטאַנען אָט אין וואָס: פריער האָבן די באַזונדערע ברענטשעס אַליין געהערט צו דער פּאַרטיי אָן דער הילף פון ביוראָ. די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ איז געווען אַ פרייוויליקע פאַראייניקונג פון אַ צאָל ברענטשעס און אַ צייט האָבן צום ביוראָ געהערט אַפילו נישט אויסגע־שפּראָכענע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. די פּאַרטיי האָט אַנערקענט די ביוראָ, ווי אַן אָרגאַן, וואָס אַרבעט אויף דער יידישער גאַס פאַר דער ס. פּ., אָבער איז נישט קיין אָרגאַנישער טייל פון דער פּאַרטיי. אַנדערש מיט דער פעדעראַציע, וואָס איז אַן אָרגאַנישער גליד פון פּאַרטיי־בנין. דער וואָס טרעט אַרײַן אין דער פע־דעראַציע, ווערט אויטאָמאַטיש אַ מיטגליד פון דער ס. פּ.. דער וויכטיקסטער אונטערשיד האָט אָבער נישט געשטעקט אין דער פאָרמעלער זייט. די ביוראָ איז געווען באַשרענקט אין אירע אויפגאַבן — אַגיטאַציע. די פעדעראַציע דאַרף זיך געקענט פאַרנעמען מיט אַלע פּאַרטיי־ענינים און זײַן אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

12. אויפלעבונג

אַ נייער מין אימיגראַנט. — גרויסע אַרבעט פאַרן „בונד". — די בונדיסטן אין דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. — בונדיזם אויפן אַמע־ריקאַנער באָדן. — די יידישע טרייד־יוניאַנס אַן מיטגלידער. — אינדוסטריעלער יוניאַניזם. — דער גרויסער איבערבראָך. — גענעראַל־שטרייקן. — צאָרנדיקע קעמפער פון קרעכצנדיקע שקלאַפן. — די טרייד־יוניאַנס וואַקסן. — ס.פּ. און ס.ל.פּ. — פּרואוון פון פאַראייניקונג. — אומצופרידנקייט מיט דער שטעלונג פון ס.פּ. אין דער אימיגראַציע־פראַגע. — יידישע ברענטשעס פון ס.ל.פּ. — ציוניסטן־סאָציאַליסטן. — איבער דער לענג און ברייט פון אַמעריקע.

אין צווייטן צענטליק יאָר פון 20־טן יאָרהונדערט האָט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון אַמעריקע זיך אַ הויב געטון אויף אַ העכערן שטאַפּל. דאָס איז מעגלעך געוואָרן אַ דאַנק דעם נייעם מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס די איינוואַנדערונג האָט אַהער געבראַכט, און דער ביטערער דערפאַרונג, וואָס די יידישע אַרבעטער־מאַסע האָט דאָ געהאַט אין די פריערדיקע יאָרן.

צווישן די נייע אימיגראַנטן זיינען געווען פיל מענטשן, וועלכע האָבן שוין אין דער אַלטער היים דורכגעמאַכט אַ פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע שול. זיי זיינען געווען צוגעוואוינט צו לייענען אַ צייטונג און אַ בוך און צו טראַכטן וועגן פאַרשידענע פראַגן. מיט ליבע האָבן זיי זיך באַצויגן צו דער נייער יידישער ליטעראַטור. צווישן זיי האָט מען געטראָפן ווייניקער נידערגעשלאָגענע, ווי אַמאָל. אַ סך זיינען געקומען מיט קלאָרע און פעסטע אנשויאונגען. מאָדערנע מענטשן און וועלטלעכע יידן. סאָציאַליסטן פון די פּאַרטייען, וואָס האָבן גע־ווירקט אין רוסלאַנד, פּוילן און עסטרייך־אונגאַרן. און צווישן זיי האָבן מיט זייער גרויסער צאָל און אַקטיוויטעט דאָמינירט בונדיסטן. פּאָליטישע פאַר־פאָלגונגען, עקאָנאָמישע נויט, לאַקאָוטן, דער דורכפאַל פון דער רוסישער רע־וואָלוציע אין די יאָרן 1905־6 — דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז גרויסע מאַסן סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן זאָלן פאַרלאָזן זייערע אַלטע היימען און קומען אַהער.

אַן אימיגראַציע פון בונדיסטן האָט זיך אָנגעהויבן נאָך ביים סוף פון 19־טן יאָרהונדערט. אין די יאָרן 1899 און 1900 האָט שוין אברהם קיסין דאָ אָרגאַני־זירט אַ הילף־טעטיקייט פאַרן „בונד" אין רוסלאַנד. אין 1905 איז ער דער־שאָסן געוואָרן אין ווילנע אויף אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע. אין די יאָרן 1901־5 האָט געפירט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט פאַרן „בונד" איסאַי גאָלאָווטשינער, וואָס איז דאָ געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען איבערעמס. פון יאָר צו יאָר איז געוואָרן גרעסער די צאָל בונדיסטן, וואָס האָבן צוליב פאַרשידענע סיבות געמוזט אויס־וואַנדערן קיין אַמעריקע. זיי האָבן געגרינדעט אַ גרויסע צאָל לאַנדסמאַנשאַפטן, אַרבעטער־רינג ברענטשעס, גרופּעס פון „בונד" און אפילו בונדישע ברענטשעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער הערואישער און מסירת־נפשדיקער

קאַמף פון די יידישע אַרבעטער אונטער דער פאָן פון „בונד" האָט דאָ געמאַכט אַ שטאַרקן רושם און געוואונען די הערצער, און ביי אַ טייל אויך די מוחות, פון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ אויף דער יידישער גאַס. פיל פון זיי האָבן מיט לייב און לעבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער פּראָפּאַגאַנדע און הילף־אַרבעט פאַרן „בונד". צווישן די, וואָס האָבן אַקטיוו זיך באַטייליקט אין פירן די אַקציעס פאַרן „בונד" זיינען געווען מאיר לאָנדאָן, אַב. קאַהאַן, א. ליעסין, יעקב גאָרדין, מ. ווינטשעווסקי, ה. אַלעקסאַנדראָוו, דזשייקאָב פּענקין און אַ ריי אַנדערע.

אין 1905 זיינען אַהער אָנגעקומען ידיעות וועגן די פּאָגראָמען וואָס די רוסישע שוואַרצע מאַהניקעס פירן דורך אין אַ ריי שטעט. די היגע יידישע רעאַקציאָנערע פּרעסע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן „בונד". דאָס „טאָגעבלאַט", „דער מאָרגען־זשורנאַל", „אַבענד־פּאָסט" און „די וואָרהייט", וואָס ל. מילער האָט אַרויסגעגעבן נאָכן אַוועקגיין פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָבן אפילו זיך נישט אָפּגעשטעלט פון פאַרשוועכן דעם אָנדענק פון די געפאַלענע מיט־גלידער פון זעלבסט־שוץ און געפּרואווט מאַכן דעם „בונד" פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פּאָגראָמען. זיי האָבן געוואָלט שפּעקולירן אויפן וויי־טאָג און צעשראָקנקייט פון יידישן קליינבירגערטום. די יידישע סאָציאַליסטישע פּרעסע איז אַרויס אין פאַרטיידיקונג פון דעם בונדישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף און גערופן דעם ברייטן עולם נישט צו זשאַלעווען קיין געלט אויף קויפן געווער פאַר דער זעלבסטשוץ.

די בונדיסטן אַליין זיינען אַלץ מער און מער געוואָרן אַקטיווער אין די יוניאָנס, אַרבעטער־רינג און אַ ריי אַנדערע אינסטיטוציעס. אַמשוואַכסטן האָבן זיי זיך באַטייליקט גראָד אין דער טעטיקייט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דאָס דערקלערט זיך מיט צוויי־דריי סיבות: די אַריבערגעקומענע בונדיסטן האָבן זיך געפילט גייסטיק און עמאָציאָנעל שטאַרק פאַרבונדן מיטן שלאַכטפעלד, פון וועלכן זיי זיינען אָקאָרשט אַוועק. פאַר זייערע אויגן האָבן געשוועבט די געשטאַלטן, געשעענישן און איבערלעבונגען פון זייערע שטעט און שטעט־לעך — פון נעכטן און פון היינט. יעדער האָט געפילט אַ שטאַרקע מאָראַלישע פליכט צו העלפן די געבליבענע קעמפער, וועלכע ראַנגלען זיך מיטן שונא. דאָס האָט אויסגעגאָסן אויף אַזוי פיל וויכטיקער און הייליקער לגבי דעם, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן געטון אין אַמעריקע, אַז דאָס סאָציאַליסטישע געוויסן איז געוואָרן פולשטענדיק באַרואיקט דורך דער אַרבעט פאַר דאָרטן, דורך הערן באַריכטן פון דאָרטן און בכלל נייעס פון דער היים, פון פריינט און קאַמף־חברים. פון דער צווייטער זייט האָט דער טרויעריקער מצב פון דער היגער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ערשטן צענטליק יאָר פון היינטיקן יאָרהונדערט נישט געקענט לאָקן די מאַסן בונדיסטן, וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אין אַ רעוואָלוציאָנערער קאַמף־אַטמאָספערע און פאַר וועמען ס'זיינען געווען פרעמד אַ ריי היגע מאַניערן און מנהגים און דער אַסימילאַטאָרישער בליק אויף דער יידן־פראַגע, וואָס די סאָציאַליסטישע וואָרט־פירער אין אַמע־ריקע האָבן געהאַט. אַלץ האָט אין זייערע אויגן דאָ אויסגעזען פּראָזאַאיש, וואָכעדיק. נאָך אַ לעקציע, נאָך הונדערט שטימען ביי וואַלן — צי קען דאָס באַגייסטערן ?

סתם אַנטוישטע מענטשן זיינען אויך געווען. דאָס פייער, וואָס זיי האָבן

אין די יונגע יאָרן פאַרמאָגט, איז אויסגעברענט געוואָרן אין דער רעוואָלוציאָ־נערער אַרבעט. געבליבן אין דער נשמה איז בלויז אַ ביסל אַש. די מפּלה פון דער רעוואָלוציע האָט דערהרגעט אין זיי יעדן גלויבן. מ'האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אויף אַלע אידעאַלן. אַנדערע ווידער זיינען פאַקטיש קיין סאָ־ציאַליסטן נישט געווען און זיינען צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג, ווייל אונטערן דעספּאָטישן צאַריזם איז געווען אוממעגלעך פריי צו אָטעמען. נאָכן קומען אַהער, אין אַ לאַנד, וואָס האָט פרייהייט און האָט נישט קיין נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, זיינען די דאָזיקע מענטשן אויסגעשטיגן פון סאָציאַליסטישן צוג אויף דער סטאַנציע פון בירגערלעכער דעמאָקראַטיע. דער דאָזיקער עלעמענט איז אוודאי געווען פאַרלוירן פאַר דער יידישער סאָציאַלי־סטישער באַוועגונג.

בכלל האָט די יידישע גאַס במשך די יאָרן 1903־8 גייסטיק מער געלעבט מיט רוסלאַנד, ווי מיט אַמעריקע. די דראַמאַטישע געשעענישן, דער רעוואָלו־ציאָנערער קאַמף מיטן דעספּאָטישן צאַריזם האָט פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון די יידישע מאַסן אין ניו־יאָרק און שיקאַגאָ, אין פילאַדעלפיע און פּעטערסאָן, אויך די אידעאָלאָגישע שטרייטן דאָרטן האָבן פאַרכאַפּט די מוחות דאָ. ס'האָט זיך געקענט דוכטן, אַז די ניו־יאָרקער איסט־סייד איז נישט מער, ווי אַ קאָלאָניע פון ווילנע און מינסק, וואַרשע און לאָדזש. יעדע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי אין רוסלאַנד — ווער מער און ווער ווייניקער — האָט געהאַט דאָ אירע חסידים, פּאַרטיידיקער און העלפער. פאַרזאַמלונגען און אַקציעס לטובת די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין דער אַלטער היים זיינען כסדר איינגעאָרדנט געוואָרן און מ'האָט איבערגעשיקט באַדייטנדיקע געלט־סומעס. אַפילו אין די יידישע ברענטשעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט מען דעמאָלט אַרויסגעוויזן מער אינטערעס צו רוסלאַנד, ווי צו די היגע פּראָבלעמען. אַן אַלטער היגער טוער, יעקב מילך, האָט דעם מצב כאַראַקטעריזירט מיט פאָלגנ־דיקע ווערטער: „מיר זיינען אין אַמעריקע בלויז מיט דעם גוף, מיט דעם חומר. אונזער בעסערע זייט — אונזער טראַכטן און פילן, אונזער נשמה און אונזער האַרץ — איז ווייט פון דאַנען".[39]

ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די געקומענע בונדיסטן האָבן דעם ווייט־גרעסטן טייל פון זייער ענטוזיאַזם און ענערגיע אַוועקגעגעבן דער ספּעציעלער אַרבעט פאַרן „בונד". סוף 1903 זיינען אַהערגעקומען די שלוחים פון „בונד" אַרקאַדי קרעמער און עזרא. ס'איז דעמאָלט גערופן געוואָרן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס און ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון „בונד" אין אַמעריקע (פריער נאָך האָט עקזיסטירט אַ פאַראייניקונג פון בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין דער פאָרם פון אַ דעלעגאַטן־קאָמיטעט). במשך פון יאָרן האָט דער צענטראַל־פאַרבאַנד געפירט אַ ברייטע טעטיקייט, פּאָפּולאַריזירט דעם „בונד" און געשאַפן גרויסע געלט־סומעס פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. דער צענטראַל־פאַרבאַנד, אין וועלכן עס האָט פון סוף 1905 געשפּילט אַ פירנדיקע ראָל דר. מאַיסיי גורעוויטש, האָט גלייכ־צייטיק אויך זיך באַמיט צו ווירקן אויף די בונדישע גרופּן, אַז זיי זאָלן ווערן אַקטיוו אין היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אויפן 7־טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" (1906), וואו די בונדיסטן פון אַמע־

ריקע זיינען געווען רעפּרעזענטירט דורך א. ליעסין און פּערלשטיין, איז באַ־ריכטעט געוואָרן אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער הכנסה, וואָס דער צ. ק. האָט געהאַט, איז געקומען פון אַמעריקע. אַחוץ דעם האָבן אַ גרויסע צאָל אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס באַקומען סיסטעמאַטיש הילף פון די אַנטשפּרעכנדיקע לאַנדסמאַנשאַפטן און הילפס־פאָנדן. אין טייל שטעט האָבן די אָרגאַניזאַציעס אַ העלפט פון בודזשעט געדעקט פון אַמעריקאַנער קוועלן. אָן דער הילף וואָלט נישט מעגלעך געווען אַנצוגיין מיט דער אומלעגאַלער פּרעסע, אַרויסלאָזן אָפּט אויפרופן, קויפן געווער פאַר דער זעלבסטשוץ, שטיצן אַרעסטירטע חברים, א. ד. ג.. אין 1905 האָט דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון „בונד" אין אַמעריקע במשך פון עטלעכע חדשים געשיקט וויניקסטנס צו 5 טויזנט דאָלער אַ וואָך. טורן איבערן לאַנד האָבן אין די יאָרן 7־1904 געמאַכט די פאָרשטייער פון „בונד" אַרקאַדי קרעמער, עזרא, מאַרק ליבער, ר. אַבראַמאָוויטש און מאַקסים קלעוואַנסקי. אין יאָר 1906 זיינען אין אַמעריקע געווען 60 בונדישע אָרגאַניזאַ־ציעס מיט בערך 3 טויזנט מיטגלידער, פיל מער ווי עס האָבן געציילט די יידישע ס. פּ.־ברענטשעס. טייל יידישע סאָציאַליסטן זיינען ערשט אין אַמעריקע צוגעשטאַנען צום „בונד" און אַריינגעטראָטן אין אַ בונדישער אָרגאַניזאַציע. אין אַ ריי שטעט, וואו עס זיינען קיין ס.פּ.־ברענטשעס נישט געווען, האָבן בונדישע גרופּעס פאַרנומען דאָס ליידיקע אָרט און צוזאַמען מיט די ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג געהאָלפן אויף דער יידישער גאַס דער פּאַרטיי פירן די וואַל־קאַמפּאַניעס און אַנדערע אַקציעס. בכלל האָט דער צענטראַל־פאַרבאַנד געפּרואווט ווירקן אויף די בונדיסטן, אַז זיי זאָלן ווערן אַקטיוו אין אַלע צווייגן פון דער היגער באַוועגונג. אין שיקאַגאָ, וואו די יידישע סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג איז געווען באַזונדערס שוואַך, זיינען אין 1906 געווען בערך 400 אַקטיווע בונדיסטן. זיי האָבן באַפולמעכטיקט זייערע דעלעגאַטן צו דעם צוזאַ־מענפאָר פון „בונד" אין אַמעריקע צו ווירקן, אַז דער פאַרבאַנד פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס זאָל ווערן אַ טייל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמע־ריקע. דער „בונד" איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער יש אין היגן יידישן אַרבע־טער־לעבן. דעם 30־טן דעצעמבער 1906 האָט זיך אָנגעהויבן דער 4־טער יערלעכער צוזאַמענפאָר פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס. 115 דעלעגאַטן פון פאַרשידענע טיילן פון לאַנד זיינען געקומען. מאַרק ליבער האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון צ .ק. פון „בונד", דר. מ. גורעוויטש האָט באַריכטעט וועגן דער טעטיקייט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, מ. לעווינסאָן האָט רעפערירט וועגן דער שטעלונג צו די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — ס.פּ. און ס.ל.פּ.. מיט אַ מערהייט שטימען איז באַשטעטיקט געוואָרן דער באַ־שלוס פון דעם פאַראַיאָריקן צוזאַמענפאָר, אַז יעדע בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט רעכט צו שטיצן וועלכע פון ביידע פּאַרטייען זי וויל אָדער בלייבן נייטראַל. גלייכצייטיק זיינען אַלע בונדיסטן אויפגעפאָדערט געוואָרן צו זיין אַקטיוו אין דער היגער באַוועגונג.

מ'האָט אַ סך גערעדט, געשריבן און געמוסרט פאַרוואָס די פּריש־געקומענע סאָציאַליסטן שטייען פון דערווייטנס פון דער אַמעריקאַנער באַוועגונג. פאַקטיש איז עס געווען בלויז אַ טיילווייזער אמת. אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך האָבן די בונדיסטן אויפגעהאַלטן אָדער מחיה־מתים געווען די יידישע ברענטשעס

פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין אייניקע ערטער זיינען גאַנצע בונדישע גרופּעס אַריין אין דער ס.פּ. און ווייטער אָנגעהאַלטן אַלס פּאַרטיי־ברענטש דעם נאָמען „בונד". אַ גרויסע ראָל האָבן די בונדיסטן געשפּילט אין וואוקס און אַנטוויקלונג פון אַרבעטער־רינג און אויך אין דער אַנטוויקלונג פון די יידישע יוניאָנס. די בונדיסטן זיינען געווען זייער אַקטיוו ביים שאַפן און אַנטוויקלען די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ. אומעטום האָבן זיי אַריינגעברענגט אויפלעבונג אין פאַרשלאָפענע און ווייניק טעטיקע ס.פּ.־ברענטשעס. אַ כאַראַקטעריסטישן ביי־שפּיל גיט אונז אַ בריוו פון נוארק: „דער ברענטש פון 'בונד' איז געווען ביז איצט פאַרטאָן בלויז מיט רוסלאַנד. אָבער אַזוי שנעל ווי די בונדיסטן האָבן באַקומען דעם צירקולאַר פון צענטראַל־פאַרבאַנד, אַז זיי זאָלן נעמען אַן אָנטייל אין דער היגער באַוועגונג, האָבן זיי גענומען ביסלעכוויז אַריינגיין אין דער ס.פּ.". „ביז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק פלעגן קומען צום גרעסטן מיטינג פון יידישן ברענטש (ס.פּ.) נישט מער ווי 6־7 מאָן, און ס'איז אַבסאָלוט גאָר נישט געטון געוואָרן. אָבער מיט דער הילף פון די יונגע בונדיסטן וואַקסט דער ברענטש פון מיטינג צו מיטינג. מיר ציילן איצט ביז 50 מיטגלידער. די אַלטע גענאָסן שלאָפן גאַנץ שטאַרק. זייער ווייניק אַלטע גענאָסן געהערן צום ברענטש. אַ דאַנק די יינגערע גענאָסן זיינען אייניקע אַלטע איצט אַריין אין ברענטש".[40]

פאַקטיש האָבן די בונדיסטן אין יענעם פּעריאָד אַליין איבערגעלעבט אַ מין ויתרוצצו. פון איין זייט האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז זיי מוזן אַריין אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון דער צווייטער זייט האָט זיי עפּעס אָפּגע־האַלטן. אייניקע מאָטיוון פון אָפּהאַלטן ווערן געברענגט אין אַ בריוו פון 2 שיקאַגער חברים. זיי זאָגן, אַז הגם זיי ווילן זיין אַקטיוו, האָט זיי אָבער דער אינהאַלט פון סאָציאַליסטישן פּאַרטיי־לעבן אַנטוישט. „די פּאַרטיי פאַרטרעט אויך נישט די אינטערעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. די פּאַרטיי האָט געפונען פאַר נויטיק איצט פאַר דעם קאַמפּיין אַרויסצולאָזן די סאָציאַליסטישע פּלאַטפאָרם און פאַרשידענע בראָשורן אין אַלע שפּראַכן, פאַר אַלע נאַציעס, וואָס געפינען זיך דאָ אין שיקאַגאָ, און אין דער יידישער שפּראַך פאַר דעם יידישן פּראָ־לעטאַריאַט — נישט. מיר באַשולדיקן נישט די פּאַרטיי, נאָר בלויז אונזערע געלע גענאָסן, וואָס זעען נישט צו פאַרטרעטן די אינטערעסן פון דעם יידישן פּראָ־לעטאַריאַט אין דער פּאַרטיי. און ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די דעבאַטן צי מיר דאַרפן האָבן אַ יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד דאָ אין אַמעריקע, און ווען אייניקע גרינע גענאָסן האָבן אויפגעוויזן, אַז נאָר אַזאַ פאַרבאַנד קען פאַר־שטאַרקן די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאָ אין אַמעריקע, זיינען אַרויס די געלע גענאָסן מיט דעם געשריי: הא, אַ בונד ווילט איר דאָ מאַכן אין אַמעריקע, איר ווילט מאַכן שבת פאַר זיך? ניין, דאָ איז פאַראַן אַן אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי"...[41]

סוף־כל־סוף האָבן די בונדיסטן זיך איינגעגלידערט אויך אין דער היגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־באַוועגונג. און אין 1909 האָט שוין צביון געהאַט אַ מעגלעכקייט צו שרייבן: „די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ איז אין גרונט גענומען אַ גייסטיק קינד פון 'בונד'. זי איז געשאַפן געוואָרן אונטער דעם איינפלוס פון דער בונדישער אידעאָלאָגיע, וואָס איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן אַהער פון

רוסלאַנד"... „מיר דאַרפן דאָך נישט פאַרגעסן, אַז פון די מיטגלידער פון דער יידישער אַגיטאַציע־ביוראָ זיינען אָן צווייפל גוטע אַכציק, און אפשר ניינציק פראָצענט בונדיסטן".[42]

און דר. פראַנק ראָזענבלאַט (בן יקיר) שרייבט: „אין יענע יאָרן — פון 1904 ביז 1907 — האָט דער 'בונד' אין אַמעריקע פונקט ווי דער 'בונד' אין רוסלאַנד, געשאַפן די יידישע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־באַוועגונג. דער 'בונד' איז געווען דער אַוואַנגאַרד, דער גלאַנץ, דער שטאָלץ פון די יידישע אויפגעקלערטע אַרבעטער. זיין איינפלוס איז געווען אומגעהויער גרויס אויף די סאָציאַליסטיש־געשטימטע פאַראיינען, אויף די לאַנדסלייט־געזעלשאַפטן, אויף דעם אַרבעטער־רינג, און אפילו אויף די העכסט כשרע 'פיור ענד סימפּל' טרייד־יוניאָנס".[43]

באַזונדערס אַקטיוו זיינען געווען די בונדיסטן, און בפרט די בונדישע אינ־טעליגענץ, וועלכע זיינען געקומען אַהער נאָכן דורכפאַל פון דער ערשטער רוס־לענדער רעוואָלוציע, אין קאַמף פאַר אַ יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי און פאַר אַן אַקטיוון אַנטייל אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. מינדלעך און שריפטלעך האָבן זיי געקעמפט קעגן שטאַנדפונקט פון פריערדיקן דור סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן דערפילט, אַז זיי זיינען יידן ערשט, ווען מ'האָט געדאַרפט קרעכצן און שרייען בשעת די יידישע באַפעלקערונג איז ערגעץ־וואו פאַרפאָלגט און געשלאָגן געוואָרן. דער בונדיסט האָט זיך נישט באַטראַכט לגבי אַ צווייטן ייד בלויז ווי אַן אח לצרה. ער האָט דעם בונדיזם — אַ פּאָזיטיוו פּראָגראַם פאַרן יידישן לעבן — אויך געוואָלט אָנווענדן דאָ אין אַמעריקע.

נישט וועגן נאָכקאָפּירן עפּעס האָט זיך געהאַנדלט. די צרה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די היגע אַלטע טוער האָבן בכלל נישט געוואָלט שאַפן קיין פאָרם און אינהאַלט פון אַן אייגענער גאַנצער באַוועגונג. דעריבער איז ביי אַ גרויסער סאָציאַליסטישער שטימונג אויף דער יידישער גאַס מעגלעך געווען, אַז די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג זאָל לגמרי נישט זיין קיין געזעל־שאַפטלעכער כוח, מיט וועלכן מ'זאָל זיך רעכענען. ס'איז געווען ווי אַ וואַסער, וואָס האָט נישט קיין טיף בעט און הויכע ברעגעס. אין דער צייט, ווען עס גייט נישט קיין רעגנס, ווערט עס אויסגעטריקנט און ס'בלייבט בלויז דאָ און דאָרטן אַ קאַלוזשע. אַזוי זיינען אויך אויסגערונען געוואָרן דער סאָציאַליסטישער ענטו־זיאַזם און די שטימונג אויף דער יידישער גאַס. די בונדיסטן האָבן מיט דעם נישט געוואָלט שלום מאַכן. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם פילאַנטראָפּישן אחינו בני ישראל פאַר די יידן פון יענער זייט אָקעאַן און אַסימילאַציע פאַר זיך דאָ, דעם נישט־גערעכטנעם שידוך פון צרה־נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַטאָרישער זעלבסט־פאַרלייקענונג האָבן זיי אָפּגעוואָרפן לטובת אַ קולטור־שאַפנדיקער, נאַ־ציאָנאַלער באַנייאונג, אין פולן הסכם מיט די פּרינציפּן פון סאָציאַליסטישן אינ־טערנאַציאָנאַליזם. די בונדישע אַרבעטער האָבן זיך געוואָלט דערהויבן און מיט זיך זייער פאָלק. ווי א. ליעסין האָט עס אויסגעדריקט אין ליד „די פּיאָנערן", געווידמעט דעם פּיאָנער פון „בונד", אַרקאַדי קרעמער:

„די שפּלסטע הויבן זיך העכער אַלץ אויף
און הויבן מיט זייער דערהויבן
די אומה די גאַנצע אַרויף".

דער קאַמף פאַר די בונדישע פּרינציפּן איז טיילווייז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג דורך דעם באַשלוס פון דער פּעטערסאָנער קאָנווענשאָן וועגן שאַפן די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע.

ווען ס'איז געפאַלן דער באַשלוס אין פּעטערסאָן, האָט די יידישע אַר־בעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע שוין געהאַט זיך אַ רוק געטון פאָראויס אויך פון אַ צווייטער זייט. אַ כוואַליע גרויסע שטרייקן האָט זיך אַדורכגעקייקלט מיט קראַפט און גערויש במשך די לעצטע פאַר יאָר.

ווי טיף געזונקען עס איז פריער געווען די טרייד־יוניאָן־באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס, קען מען זען פון פאַקט, וואָס אין 1909 זיינען אין די פאַר־אייניקטע יידישע געווערקשאַפטן אין ניו־יאָרק געווען פאַרטראָטן 41 יוניאָנס מיט קוים 5 טויזנט מיטגלידער. בלויז קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער זיינען אין שטאָט געווען 40 טויזנט און פון זיי זיינען געווען אָרגאַניזירט סך־הכל אַ 400. ענלעך איז געווען אין אַנדערע פאַכן. די אַרבעטס־באַדינגונגען זיינען געווען שרעקלעכע, די עקספּלואַטאַציע — אַ רויבערישע. אַלץ מער און מער האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען, אַז די יידישע אַרבעטער זיינען גאָר נישט פעאיק צו אָרגאַניזאַציע און דיסציפּלין. די טרייד־יוניאָנס זיינען געווען פאַ־פירענע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין דעה ביי די באַלעבאַטים און ביי די אַרבעטער. און ביי אַזאַ שוואַכקייט און נעבעכדיקייט פון די יוניאָנס, האָבן זיי זיך נאָך שטאַרק אַרומגעריסן צווישן זיך און קעגנזייטיק באַקעמפט אָן רחמנות.

דאָס זיינען געווען די יאָרן, ווען ס'זיינען אויפגעקומען די יוניאָנס פון איי־דאַבליו־דאַבליו („אינדוסטריעלע אַרבעטער פון דער וועלט"). דאָס האָט גע־זאָלט זיין אַ רעוואָלט קעגן די ביזאַהעריקע פאָרמען און מנהגים אין דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג: אינדוסטריעלער יוניאָניזם קעגן פאַך־פאַראיינען; רעוואָלו־ציאָנערער גייסט און קאַמף־מיטלען קעגן קאָנסערוואַטיזם און פרידלעכע מע־טאָדן. אַנשטאָט קלאַסן־צוזאַמענאַרבעט — קלאַסן־קאַמף. די נייע באַוועגונג האָט אויך פאַרכאַפּט פיל סאָציאַליסטן. כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָ זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די פאָנען־טרעגער פוןביידע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — יודזשין וו. דעבס פון דער ס.פּ. און דאַניעל דע ליאָן פון דער ס.ל.פּ. — צוויי פירער פון צוויי פּאַרטייען, וואָס זיינען געווען אַזוי פאַרשידן איינע פון דער צווייטער. נישט קיין אַנדערער, ווי יודזשין וו. דעבס האָט אין אַ רעדע דעם 10־טן דעצעמבער 1905 אין ניו־יאָרק געזאָגט: „די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון אַרבעטער־קלאַס וועט זיך אָנהויבן צו רעכענען פון דעם יאָר 1905, פון דער צייט, ווען עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן די אינדוסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָרלד"... „די אַלטע פאָרם פון יוניאָניזם האָט שוין לאַנג איר מיסיע דער־פילט און אויסגעלעבט איר נוצלעכקייט, און די צייט פאַר אַן ענדערונג איז געקומען"...

די נייע באַוועגונג האָט שטאַרק אַפּעלירט צו אַ טייל יידישע אַרבעטער, בפרט צו די רעוואָלוציאָנערע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט זיך

איינלעבן מיטן קאָנסערוואַטיוון פאַך־יוניאָניזם. פיל סאָציאַליסטן, וואָס האָבן בלויז על פּי נויט ביז איצט אנערקענט די אַמעריקען פעדערייש‏אָן אָוו לייבאָר, זיינען מיטן האַרץ געווען אויף דער זייט פון קעמפערישן אינדוסטריעלן יוניאָניזם. בעת אין דער ס. פּ. איז די מערהייט נישט מיטגעריסן געוואָרן מיט דער נייער באַוועגונג, איז די ס.ל.פּ. אין גאַנצן געשטאַנען אויף איר זייט. אינטערעסאַנט, אַז די רעדע פון דעבסן וועגן אינדוסטריעלן יוניאָניזם איז געוואָרן איבער־געזעצט אין יידיש און אַרויסגעגעבן דורך דער ס.ל.פּ.... די טויער פון איי־דאַבליו־דאַבליו האָבן געגרינדעט אין אַ צאָל פּאַכן אָפּאָזיציע־יוניאָנס און ס׳האָט זיך צעפלאַקערט אַ שאַרפער שטרייט צווישן די אַלטע און נייע יוניאָנס.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, איז דאָס אייז דאָך געבראָכן געוואָרן. צופיל פאַרביטערטקייט האָט זיך שוין געהאַט אָנגעקליבן אין דער קאַלטקייט, אַפּאַטיע און שטילשטאַנד. צופיל ברויזנדע, קעמפערישע ענערגיע האָבן פאַרמאָגט די צענטליקער טויזנטער יידישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אין דער היים די קאַמף־שול פון „בונד“ און אַנדערע פּאַרטייען, אַז זיי זאָלן שוין אויף שטענדיק בלייבן צעשטויבט און פאַרגליווערט. די אָפּהענטיקייט פון די פרישע אימיגראַנטן איז געווען בלויז אַ צייטווייליקע, אַרויסגערופן פון די אַנטוישונגען און שווערע איבערלעבונגען בעתן באַרג־אַראָפּ און צעפאַל פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע און צוליב די היגע נייע, אומבאַקאַנטע אומשטענדן. נאָך אַ געוויסער צייט האָבן די יידישע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער זיך צוריק געפונען. דער קעמפערישער דראַנג האָט פאַריאָגט די מידקייט און דער־שלאָגנקייט. דער גרויסער פאַרצויגענער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1907, איז אַוועק און ס׳זיינען געשאַפן געוואָרן די אָביעקטיווע באַדינגונגען אויף איבערצוגיין צום אָנגריף. אין יאָר 1909 איז פאַרגעקומען דער גרויסער איבערברוך. דעם סיגנאַל צום קאַמף האָבן פרילינג־צייט געגעבן די טויזנטער יידישע בעקער־אַרבעטער, וועלכע זיינען אַרויס אין גענעראַל־שטרייק. נאָך דעם ווי דער שטרייק איז זיגרייך פאַרענדיקט געוואָרן, האָבן אין פאַרשידענע פאַכן זיך אָנגעהויבן גענעראַל־שטרייקן, וואָס האָבן אויפגע־טרייסלט דאָס יידישע לעבן און געמאַכט אַן איבערקערעניש אויפן געביט פון פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע. דער גאַנצער כעס און צאָרן איז אויסגעלאָדן געוואָרן אין קאַמף קעגן די באַלעבאַטים, פון וועלכע פיל זיינען אַליין געווען נעכטיקע אַרבעטער און האָבן דאָך געוואָלט רייך ווערן פון אוממענטשלעכן עקספּלאָאַטירן די ברידער־אַרבעטער, מיט וועלכע זיי זיינען ערשט נישט לאַנג צוזאַמען אויסגעריסן געוואָרן אין איין שאַפּ. זיי האָבן שוין געפונען קונציקע מיטלען ווי אַזוי אָפּצוהאַלטן זייערע אַרבעטער פון אָרגאַניזירן זיך אין אַ יוניאָן. ס׳איז אָבער געקומען אַ מאָמענט, ווען דער בעכער איז געוואָרן פול — און די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט ווי אַ לאַווינע זיך אָנגעהויבן באַוועגן. ס׳האָבן שוין נישט געהאָלפן קיין אינדזשאַנקשאָנס פון געריכט, קיין גענגסטער און שלעגער, און אויך נישט קיין איבערקויפן אַרבעטער. און די געריכט־אינ־דזשאַנקשאָנס זיינען נאָך דעמאָלט געווען אַ שאַרף געווער אין די הענט פון די באַלעבאַטים, וועלכע האָבן אָפט געפונען וויליקע ריכטער צו דינען די אינטערעסן פון קאַפּיטאַל. אַזעלכע ריכטער האָבן זיך נישט געשעמט נעמען צו הילף אַפילו דעם רבונו של עולם, ווי ס׳איז געווען דער פאַל מיטן ריכטער

אַלמסטעד. אין 1909 האָט ער פאַרמשפּט צו תּפיסה אַ פּיקעט בעת דעם שטרייק פון די שוירט־וועיסט־מייקער. דערביי האָט ער דערקלערט: „איר שטרייקט קעגן גאָט און קעגן דער נאַטור, ווייל זייער אייזערנער געזעץ איז בזעת אפּיך תאכל לחם — מיט דעם שוויס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט. און איר זענט אין שטרייק קעגן גאָטס געבאָט״...

אין דער מעטאַמאָרפאָזע, אין דער וואונדערלעכער פאַרוואַנדלונג פון געהאַרכזאַמע קרעכצנדיקע שקלאַפן אין ווידערשפּעניקע צאָרנדיקע קעמפער, האָבן דעם גרעסטן חלק געהאַט די נייע עלעמענטן, וואָס די אימיגראַנטן־שטראָמען פון די לעצטע יאָרן האָבן געבראַכט צו די אַמעריקאַנער ברעגעס. בונדיסטן צוזאַמען מיט די אַלטע היגע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן האָבן מיט זייער אידעאַליזם און מסירת־נפש אָנגעצונדן די אויסגעלאָשענע הערצער פון די פאַרחושכטע יידישע אַרבעטער. דער אומצוטרוי פון די פרישע אימיגראַנטן צו די תּושבים איז פאַרשוואונדן און ס׳האָט זיך אויסגעשמידט איין קאַמף־געמיינשאַפט. אין די יאָרן 14־1909 זיינען פאָרגעקומען גענעראַל־שטרייקן אין די נאָדל־פאַכן, וואָס זיינען געווען גרויס אין פאַרנעם, צאַפּלדיק און שטורמיש. די אַרבעטער־מאַסן האָבן אין די קאַמף־אַרויסטרעטונגען אַריינגעלייגט נשמה און ברען: אין ניו־יאָרק האָבן געשטרייקט צענטליקער טויזנטער שוירט־וועיסט־מייקערס, קלאָוקמייקערס, מענער־שניידער, פאַריערס און אַנדערע. גרויסע שטרייקן זיינען אויך פאָרגעקומען אין אַנדערע שטעט.

אין די דאָזיקע שטרייקן האָבן די אַרבעטער נישט בלויז געוואונען עקאָנאָמישע פאָדערונגען און טרייד־יוניאָן־אָנערקענונג. אין ברען פון קאַמף זיינען אויך געלייטערט געוואָרן די נשמות פון די אַרבעטער. אמת, אין די שעפער איז אויך נאָך דעם נישט געווען קיין אידעאַלער צושטאַנד. צווישן די אַרבעטער האָט געפעלט חבֿרישקייט. אין די שעפער איז געווען אַ „קלאַסן־צעטיילונג״ אויף שטאַרקע און שוואַכע, און די שטאַרקע האָבן מיט דער גאַנצער גרויזאַמקייט זיך איזדיעקעוועט איבער די שוואַכע, וועלכע מ׳האָט נישט צוגעלאָזט צו געניסן פון גלייכער אַרבעטס־פאַרטיילונג. אויך דער קולטור־ניוואָ איז ביי אַ סך אַרבעטער געבליבן אַ נידעריקער, זייערע האָריזאָנטן באַגרענעצטע און זייערע השגות און פאַרגעניגנס גראָבע, מאַטעריאַליסטישע. דאָך האָט זיך פיל געביטן. די סאָציאַליסטן האָבן אויסגענוצט די שטרייקן אויף צו פאַרבעסערן און פאַרשטאַרקן די יוניאָנס און צו היטן, אַז די געווינסן זאָלן נישט פאַרלוירן גיין. די אינטערנעשאָנעל ליידיס גאַרמענט־וואָרקערס יוניאָן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אַנהויב פון הייַנטיקן יאָרהונדערט און האָט אַ ריי יאָרן עקזיסטירט, ווי אַ שוואַכע אָרגאַניזאַציע, האָט אָנגעהויבן באַקומען מוסקולן און שטעלן זיך אויף די פיס. די „אינטערנעשאָנעל״ האָט אַ ריי יאָרן אָפּן דעמאָנסטרירט איר נאָענטקייט צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין דער קאַמף־אַטמאָספער פון די גרויסע שניידער־שטרייקן איז געבוירן געוואָרן דורך אָפּשפּאַלטן זיך פון אַ קאָנסערוואַטיווער יוניאָן די „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס יוניאָן״ — די גרויסע אָרגאַניזאַציע פון מענער־שניידער. להיפּוך צו די אַנדערע אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָנס, האָבן אין די יוניאָנס פון די יידישע אַרבעטער דעם טאָן געגעבן סאָציאַליסטן. ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס די שפּעטערדיקע לאַנגיאָריקע פּרעזידענטן פון די צוויי גרעסטע יוניאָנס פון יידישע אַרבעטער —

די אינטערנעשאָנעל און אַמאַלגאַמייטעד — דוד דובינסקי און סידני הילמאַן — האָבן זייער פּאָליטישע און טרייד־יוניאָניסטישע דערציאונג באַקומען אין דער סאָציאַליסטישער קאַמף־שול פון „בונד". דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן אַ גרויסער צאָל אַנדערע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אין דער אַלטער היים אין „בונד", האָבן דאָ זיך אויסגעצייכנט אין די גרויסע שטרייקן און זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן אַלס אָנגעזעענע טוער אין דער היגער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג.

וועגן דער גרויסער ראָל פון די בונדיסטן אין דער אויפלעבונג פון דער יידישער טרייד־יוניאָן באַוועגונג זאָגט מ. פיינסטאָון, שפּעטער לאַנג־יאָריקער סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן אין ניו־יאָרק: „די גרויסע יידישע אימיגראַציע פון די יאָרן 1905־1910 האָט געבראַכט אַהער אַ יידישע אַרבעטערשאַפט מיט אַ שולונג פון 'בונד', און עס איז געווען ווי דער 'בונד' וואָלט געשיקט אַהער אַן אַרמיי צו פאַרשטאַרקן די מלחמה מיט דעם אויפגעקומענעם יידישן מאַנופעקטשורער־קלאַס אין אַמעריקע און העלפן די מלחמה טאַקע צו געווינען. ס'איז דעמאָלט אַנטשטאַנען די מאָדערנע יידישע טרייד־יוניאָן־באַוועגונג. דעמאָלט זיינען אויסגעקעמפט געוואָרן די גרויסע שטרייקן. די אַריבערגעקומענע בונדיסטישע אַרמיי האָט בייגעטראָגן איר בלוט און כוח און אָנגעפילט די הערצער פון די אַרבעטער מיט דעם גלויבן אין דער ענדלעכער באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס" („דער וועקער", 15 אָקטאָבער 1927).

נאָך די גרויסע שטרייקן האָבן די סאָציאַליסטן נישט געלאָזט צוריקגיין די יידישע אַרבעטער־מאַסן צו דער מיינונג, אַז אַ יוניאָן דאַרף מען האָבן נאָר בעת אַ שטרייק און זי איז איבעריק שפּעטער, סיי ווען מען געווינט און סיי ווען מען פאַרשפּילט. זיינען טאַקע די יוניאָנס פון די יידישע אַרבעטער שטאַרק אויסגעוואַקסן. אין די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן פון ניו־יאָרק זיינען אָנהויב יאַנואַר 1910 שוין געווען פאַרטרעטן 61 יוניאָנס מיט 25 טויזנט אַרבעטער. אין 1911 — 84 יוניאָנס מיט 100 טויזנט מיטגלידער. אין 1913 — 100 יוניאָנס מיט בערך 200 טויזנט מיטגלידער. און אין אָנהויב 1914 איז די צאָל מיטגלידער געשטיגן ביז קרוב אַ פערטל מיליאָן. די אָרגאַניזירטקייט האָט מעגלעך געמאַכט צו פאַרקירצן דעם אַרבעטס־טאָג און אויסקעמפן בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען. אויך אין אייניקע אַנדערע גרעסערע שטעט (שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, באַלטימאָר און אַנדערע) האָבן עקזיסטירט אין פאַרשיידענע צייטן פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן. אַ צייט האָט מען זיך אפילו אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו שאַפן פון זיי אַ צענטראַל־פאַרבאַנד.

אין די דאָזיקע קאַמף־יאָרן האָט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג באַקומען אַ פעסטערן רוקן־בייַן, אַרום וועלכן עס זאָלן זיך קענען פאַנאַנדערוואַקסן אירע אַנדערע וויכטיקע גלידער. מיטן וואוקס פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז עס אָבער צוגעגאַנגען נישט לייכט.

צוויי סאָציאַליסטישע פאַרטייען האָבן געווירקט: די ס.פּ. און די ס.ל.פּ.. די ערשטע האָט וווייט דיסטאַנסירט די צווייטע. בעת די ערשטע איז געגאַנגען באַרג־אַרויף, איז די צווייטע געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. די ס.פּ. איז געשטיגן אין דער צאָל מיטגלידער, האָט פאַרגרעסערט די צאָל באַקומענע שטימען ביי די וואַלן, האָט געוויילט אַ צאָל — אמת אַ גאַנץ קליינע — אירע קאַנדידאַטן

ביי די וואַלן אין איינציקע שטעט און שטאַטן. זי האָט אויך באַוויזן אַדורכצופירן און שיקן אַ סאָציאַליסטישן קאָנגרעסמאַן אין וואַשינגטאָן. די צאָל מיטגלידער האָט דערגרייכט אַ הויך פון אַרום 100 טויזנט (אין יאָר 1912 — 118 טויזנט) און ס׳איז געווען אַ שטאַרקע האָפענונג, אַז די ס.פּ. וועט ווערן אַ מאַסן־פּאַרטיי, וואָס וועט אין דער נאָנטער צוקונפט קענען שפּילן אַ גרויסע ראָל אין פּאָליטישן און מלוכהשן לעבן. אַנדערש איז געווען מיט דער אַלטער ס.ל.פּ.. לויט איר אַטמאָספער און איינגעשרומפּנקייט האָט זי גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ סעקטע. במשך פון עטלעכע יאָר איז געווען שטאַרק דער סענטימענט פאַר פאַראייניקן ביידע פּאַרטייען. הגם געוויסע אונטערשיידן זיינען געבליבן, זיינען דאָס גיכער געווען טאַקטישע. אַ גרויסע צאָל סאָציאַליסטן אין ביידע לאַגערן האָט געהאַלטן, אַז די טאַקטישע דיפערענצן וועט מען קענען אויסלעבן אין די ראַמען פון איין פּאַרטיי. זיינען דאָך אין דער ס.פּ. אויך געווען פאַרשידענע חלוקי־דעות, פונדעסטוועגן איז מען דורכגעקומען.

אויך צווישן יידישע סאָציאַליסטן זיינען געווען אַ סך אָנהענגער פאַר פאַראייניקונג. ערשטנס, האָט צו אַ סך מער אַפּעלירט דאָס אָרטאָדאָקסאַלע אָפּהיטן די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן און דער שטאַרקערער רעוואָלוציאָנערער טעמפּעראַמענט פון דער ס.ל.פּ.; צווייטנס, איז ביי יידישע סאָציאַליסטן געווען אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט מיט דער שטעלונג, וואָס די ס.פּ. האָט פאַרנומען אין דער פראַגע פון אימיגראַציע. זי האָט זיך נעמלעך אַרויסגעזאָגט פאַר באַגרענעצן די איינוואַנדערונג פון דער געלער ראַסע (כינעזער, יאַפּאַנער און אַנדערע פעלקער פון וויטן מזרח). ווען די פראַגע איז באַטראַכט געוואָרן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1904 אין אַמסטערדאַם, איז דער פאָרשטייער פון דער ס.פּ., מאָריס הילקוויט, אַרויסגעטרעטן קעגן דער שטעלונג פון דער גרויסער מערהייט, וואָס האָט נישט געוואָלט, אַז ס׳זאָלן איינגעפירט ווערן ראַסן־באַגרענעצונגען אויפן געביט פון איינוואַנדערונג. די ס.פּ. האָט אונטערגעהאַלטן די שטעלונג פון די אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָנס. אויך אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יאָר 1907 אין שטוטגאַרט, האָט מאָריס הילקוויט אין דער קאָמיסיע גערעדט פאַר באַגרענעצונגען. אָבער נאָך דעם, ווי דער קאָנגרעס האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר פרייע איינוואַנדערונג אָן באַגרענעצונגען פאַר וועלכער נישט איז ראַסע, האָט הילקוויט דערקלערט, אַז דער קאָנגרעס האָט געוויזן אַנדערע וועגן ווי אַזוי צו באַקעמפן לוין־דריקער און די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וועט אנערקענען די רעזאָלוציע פון קאָנגרעס. טראָץ דער דערקלערונג איז אין דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי ווייטער אָנגעגאַנגען אַ הייסער שטרייט פאַר און קעגן באַגרענעצונגען און דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער ס.פּ. האָט די רעזאָלוציע פון שטוטגאַרטער קאָנגרעס אָפּגעוואָרפן. אויף דעם פּאַרטיי־קאָנגרעס פון דער ס.פּ., וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יאָר 1910 אין שיקאַגאָ, האָט די קאָמיסיע־מערהייט פאָרגעלייגט נישט צו סאָלידאַריזירן זיך מיטן באַשלוס פון שטוטגאַרטער קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל וועגן פרייער איינוואַנדערונג און דערקלערט, אַז ווען עס קומען אין סתירה די ענדגילטיקע אידעאַלן און די אוממיטלבאַרע אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס, מוזן די דאָזיקע אינטערעסן נעמען די אויבערהאַנט איבער די אידעאַלן. די מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אין הסכם מיט

דער שטעלונג פון די אַמעריקאַנער טרייד־יוניאַנס, קעגן איינוואַנדערונג פון כינעזער, יאַפּאַנער, קאָרייער און הינדוסן. אויפן דאָזיקן פּאַרטיי־קאָנגרעס האָט געהאַלטן אַ שאַרפע רעדע קעגן איינוואַנדערונג־באַגרענעצונגען דער פאָרשטייער פון יידישן אַגיטאַציע־ביוראָ מאיר לאָנדאָן. אַלס ייד און אַלט סאָציאַליסט, האָט ער געזאָגט, מוז ער זיין קעגן דיסקרימינירן קעגן וועלכער נישט איז ראַסע. אויך דער צווייטער דעלעגאַט פון יידישן אַגיטאַציע־ביוראָ, באַרנעט וואָלף, האָט גערעדט אין זעלבן זין. נאָך אַ גרויסער דעבאַטע האָט דער קאָנגרעס מיט 55 שטימען קעגן 50 אָנגענומען די הילקוויטס רעזאָלוציע, אַז די ס.פּ. איז פאַר געזעצן, וואָס זאָלן פאַרהיטן פון ברענגען שטרייק־ברעכער און קאָנטראַקט־אַרבעטער, און זאָלן אויך נישט דערלאָזן קיין מאַסן־אימפּאָרט פון אַרבעטער פון פרעמדע לענדער מיטן ציל אָפּצושוואַכן די אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקאַנער אַרבעטער און אַראָפּצודריקן זייער לעבנס־סטאַנדאַרד. די סאָציאַליסטישע פּאַר־טיי איז אָבער קעגן אויסשליסן אימיגראַנטן אויפן סמך פון זייער ראַסע אָדער נאַציאָנאַליטעט.

דער שטרייט אַרום דער אימיגראַציע־פראַגע האָט במשך אַ ריי יאָרן פאַר־נומען אַן אָנגעזעענעם אָרט. די יידישע סאָציאַליסטן זיינען געווען קעגן באַגרענע־צונגען אי צוליב פּרינציפּיעלע טעמים, אי צוליב דער מורא, אַז דאָס וועט מיט דער צייט שלאָגן אויך די יידישע איינוואַנדערונג. דעם אַרגומענט פון אַרבעטן פאַר קלענערע לוינען וואָלט מען דאָך געקענט אָנווענדן אויך צו פרישע איינוואַנדערער פון אייראָפּעאישע לענדער. אַחוץ דעם האָבן די בירגערלעכע קעגנער אויף דער יידישער גאַס בעת די וואַל־קאַמפּאַניעס גאַנץ גוט אויסגענוצט די שטעלונג פון דער ס. פּ.. מ׳האָט שוין די זאַך פאַראיינפאַכט און געזאָגט, אַז הילקוויט און די אַנדערע קאַנדידאַטן פון דער ס.פּ. זיינען קעגן יידישער איינוואַנדערונג.

אויך די ס.ל.פּ. האָט אויסגענוצט די אימיגראַציע־פראַגע, כדי צו פאַר־שטאַרקן די אומצופרידנקייט פון יידישע אַרבעטער מיט דער ס.פּ.. פיל יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געהאַט טענות צוביידע פּאַרטייען, אָבער דאָך געהאַלטן פאַר אומנאַרמאַל און אומבאַרעכטיקט די געשפּאָלטנקייט, האָבן אונטערגעשטיצט די באַמיאונגען פאַר אַ פאַראייניקונג. צווישן אַנדערע האָט אַפּעלירט פאַר אַ פאַראייניקונג דער רעדאַקטאָר פון „צייט־גייסט״, ש. פעסקין. די אייניקייט־אונטערהאַנדלונגען צווישן די צוויי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן אָבער צו קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן נישט געברענגט. אין 1908 האָט די ס. פּ. אָפּגעוואָרפן די ווענדונגען פון ס.ל.פּ. וועגן שאַפן איין פּאַרטיי.

די עקזיסטענץ פון צוויי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָט אויך גורם געווען אַ צעשפּאָלטנקייט אין די רייען פון די יידישע סאָציאַליסטן. די ס.ל.פּ. האָט איינגעהאַלטן אַ קליינע צאָל יידישע ברענטשעס. נאָכן אונטערגאַנג פון אירע יידישע צייטונגען אין יאָר 1902, האָט די ס.ל.פּ. ווידער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ יידיש וואָכנבלאַט אין 1904. דער נאָמען פון דער צייטונג איז געווען „דער אַרבייטער״, וואָס איז דערשינען אַ ריי יאָרן אונטער דער רעדאַקציע פון יוסף שלאָסבערג און דוד פּינסקי. „דער אַרבייטער״ האָט באַקעמפט די ס.פּ., דעם „פאָרווערטס״, ווי אויך די יוניאָנס, וואָס זיינען געפירט געוואָרן פון די ס.פּ.־אָנהענגער.

אין דעצעמבער 1908 האָבן די יידישע ברענטשעס פון ס.ל.פּ. אויף אַ קאָנוועגשאָן געשאַפן אַ יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פעדעראַציע. אין דער אָנגענומענער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע איז די אַרבעטער־באַוועגונג געוואָרן איינגעטיילט אין דריי שיטות: איין טייל וואָס האַלט, אַז דער פּאַרלאַמענטאַריזם איז אַ גענוגנדיק מיטל אויף אָפּצושאַפן דעם קאַפּיטאַליסטישן לוין־סיסטעם; אַ צווייטער טייל וואָס האַלט, אַז די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס זיינען די איינ־ציק־נויטיקע פאַר די אַרבעטער; דער דריטער טייל — די סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי — וואָס דערקלערט די אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט פון קלאַסן־באַוואוסטער פּאָליטישער אַקציע צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציאָנערער עקאָנאָמישער באַוועגונג.

וועגן די יידישע אַרבעטער ווערט געזאָגט אין דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע: „צווישן די יידישע אַרבעטער דאָ אין לאַנד זיינען פאַראַן זייער פיל, וועלכע זיינען געקומען אַהער פון אַנדערע לענדער, ספּעציעל פון רוסלאַנד, איבערצייגטע און איבערגעבענע סאָציאַליסטן. צוליב דער אומקלאָרקייט, וואָס זיי געפינען מכוח די פאַרשידענע שטרעמונגען אין דער אָרגאַניזירטער באַוועגונג, ווערט זייער ווערטפולע ענערגיע מערסטנס פאַרלוירן. אַלס רעזולטאַט פון דעם זיינען די סאָציאַליסטישע כוחות פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין אַמעריקע צעשפּאָלטן און אָן באַדייטונג, און זיי זיינען נישט אימשטאַנד דורכצופירן יענע אַרבעטן, וואָס זיי זיינען פאַרפליכטעט אַלס יידישע סאָציאַליסטן. דעריבער אָרגאַניזירן מיר אונזער קערפּערשאַפט, כדי צו פאַראייניקן די איצט צעשפּאָלטע־נע און צעוואָרפענע סאָציאַליסטישע כוחות צווישן די יידישע אַרבעטער, מיט דעם צוועק מינדלעך און שריפטלעך צו פאַרשפּרייטן צווישן די יידישע אַר־בעטער־מאַסן די געדאַנקען פון דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם אויף דעם עקאָנאָמישן און אויף דעם פּאָליטישן געביט און זיי אין דעם זינען צו אָר־גאַניזירן".

דער סעקרעטאַר פון דער ניי־געגרינדעטער יידישער פעדעראַציע פון ס.ל.פּ. איז געווען ד. שוב. שפּעטער האָט דעם אַמט פאַרנומען י. ראָזענפעלד. אין וואָכנבלאַט „דער אַרבייטער" האָבן זיך אויך באַטייליקט אַ טייל פון דער ניי־געקומענער בונדישער אינטעליגענץ, ווי צביון, י. סאָלוצקי, ב. וולאַדעק, משה טערמאַן, דר. מ. לאַנדאַ, ליליפּוט און אַנדערע.

די צווייטע קאָנוועגשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די טעג פון 29 אַפּריל — 1 מאַי 1910 האָט באַוויזן, אַז אין די 16 חדשים צייט האָט די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פעדעראַציע געמאַכט ווייניק פאָרשריט. עס זיינען געקומען ווייניק דעלעגאַטן — סך־הכל 20 פון ניו־יאָרק, ראָטשעסטער, באָפאַלאָ, פילאַדעלפיע, פּעטערסאָן און טאָראָנטאָ. די באַריכטן, וואָס שוב און ראָזענפעלד האָבן אָפּגעגעבן, זיינען געווען זייער מאַגערע. אויף דער צווייטער קאָנוועגשאָן איז געשטאַנען די פראַגע וועגן אָפיציעל אָנשליסן זיך אין דער ס.ל.פּ.. די זעלבע פראַגע איז געשטאַנען נאָך פריער אויף דער גרינדונגס־קאָנוועגשאָן. הגם דאָס איז געווען אַן ס.ל.פּ.־אָרגאַניזאַציע, דאָך האָבן ביידע קאָנ־וועגשאָנס באַשלאָסן אָפיציעל צו בלייבן מחוץ דער פּאַרטיי און די פראַגע דיסקוטירן פאַר דער דריטער קאָנוועגשאָן. די קאָנוועגשאָן האָט גלייכצייטיק זיך סאָלידאַריזירט מיט די שטעלונגען פון ס.ל.פּ. און באַפולמעכטיקט דעם

עקזעקוטיוו צו שטיין אין קאָנטאַקט מיט דער דאָזיקער פּאַרטיי און מיט איר מיטאַרבעטן.

אין זעלבן יאָר איז אין „אַרבייטער״ געפירט געוואָרן אַ דיסקוסיע צי מ׳זאָל שטימען פאַר מאיר לאָנדאָן, קאַנדידאַט פון ס. פּ. ביי די קאָנגרעס־וואַלן אין 9־טן דיסטריקט, וואו די ס.ל.פּ. האָט קיין אייגענעם קאַנדידאַט נישט געהאַט. צביון און ליליפּוט האָבן פאַרטיידיקט, אַז מען דאַרף פאַר אים יאָ שטימען, די רע־דאַקציע איז געווען קעגן. די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פעדעראַציע האָט עקזיסטירט אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן, האָט אָפּגעהאַלטן קאָנווענשאַנס, אַרויסגעגעבן אַן אָרגאַן, אָבער קיין הצלחה נישט געהאַט. זי האָט געטיילט דעם גורל פון דער ס.ל.פּ.. אין 1911 איז „דער אַרבייטער״ אונטערגעגאַנגען, נאָך אַ הפסקה פון 2 יאָר האָט אָנגעהויבן דערשיינען אַ חודש־זשורנאַל „די נייע צייט״, וואָס איז אויך אונטערגעגאַנגען נאָך אַ פּאָר יאָר. אין 1916 האָט נאָך אָפיציעל עקזיסטירט די יידישע פעדעראַציע פון ס.ל.פּ., אָבער זי האָט קוים געזשיפּעט. מיטן ווייטערדיקן באַרג־אַראָפּ פון דער ס.ל.פּ. האָט איר יידישע פעדעראַציע אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

פון די קלענערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געפּרואווט געווינען אַ השפּעה צווישן די יידישע אַרבעטער, זיינען אויך געווען די ציוניסטן־סאָציאַליסטן. נאָך דעם, ווי דער סאָציאַליסטישער ציוניזם איז אַנטשטאַנען אין רוסלאַנד, האָבן זיינע אָנהענגער אים אויך געוואָלט פאַרפלאַנצן אין אַמעריקע. אין יאָר 1903 איז שוין אין ניו־יאָרק אַנטשטאַנען אַ גרופּע פון דער דאָזיקער ריכטונג. אין די טעג פון 30 אַפּריל — 1 מאַי 1905 איז אין פילאַדעלפיע פאַרגעקומען די ערשטע קאָנווענשאַן פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון די פּועלי־ציון, וואָס זאָל זיך אָנ־שליסן אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע פון אַמעריקע. די מערהייט איז אָבער נישט געווען פאַר פּאַלעסטינע, נאָר פאַר סתם אַ טערריטאָריע. באַלד נאָך דער קאָנווענשאַן איז צוליב דעם פאַרגעקומען אַ שפּאַלטונג: די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן האָבן זיך אָפּגעטיילט פון די פּועלי־ציון. די ערשטע האָבן אין 1906 אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט „דאָס פאָלק״ אונטער דער רעדאַקציע פון מ. קאַץ, ח. זשיטלאָווסקי, ה. זאלאטאַראָוו און נ. סירקין. די פּועלי־ציון האָבן אין דעצעמבער 1905 אָפּגעהאַלטן אין באַלטימאָר אַ קאָנפערענץ און זיך קאָנ־סאָלידירט. זיי האָבן באַשלאָסן צו שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיט ענלעכע אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע לענדער און אַרויסגעבן די צייטשריפט „דער אי־דישער קעמפער״, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען סוף מערץ 1906. סיי די פּ. צ., סיי די ס. ט. האָבן אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן אָפּגעהאַלטן זייערע קאָנווענשאַנס און זיך באַמיט אויסצושפּרייטן זייער ווירקונג אויף ברייטערע קרייזן. באַזונדערס האָבן די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן געפּרואווט קומען אין קאָנטאַקט מיט די היגע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און באַקומען אַנערקענונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין 1909 האָבן זשיטלאָווסקי, סירקין און אַנדערע געמאַכט אַ פּרואוו צוריק צו פאַראייניקן די פּועלי־ציון מיט די טערי־טאָריאַליסטן, אָבער אָן דערפאָלג.

די ציוניסטישע און טעריטאָריאַליסטישע גרופּירונגען האָבן זיך באַמיט איינצופלאַנצן אין די מוחות, אַז יידן מוזן האָבן אַן אייגענע טעריטאָריע און

פון דער שיטה געמאַכט אַלע געהעריקע אויספירן. וועגן אינהאַלט און גייסט פון זייער אַגיטאַציע וועט געבן אַ בילד אַן אויפרוף, וואָס דער „פועלי־ציון פּאַלעסטינע־קאָמיטעט" האָט פאַרעפנטלעכט אין 1910. אין אים ווערט געזאָגט: „דאָס לעבן אין גלות ווערט פון יאָר צו יאָר אַלץ שווערער. אונזער נייער גלות, אַמעריקע, איז אויך נישט קיין אויסנאַם. אויך דאָ ווערט וואָס ווייטער אַלץ ענגער דאָס לעבן. שוין איצט קענט איר אין די גרויסע שטעט געפינען גענוג יידן, וואָס האָבן נישט קיין מעגלעכקייט זייער לעבן אָנצופירן און מוזן זוכן נייע פלעצער וואוהין צו לויפן. עס איז דעריבער געקומען די צייט אָנ־צוהויבן אַ טיכטיקע אַרבעט פאַר אונזער באַפרייאונג". עס ווערט גערופן צו געבן פאַרן פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד, וואָס זאָל העלפן די יידישע אַרבעטער, ווייל זיי „קאָנען נישט לעבן מיט די פאַרדינסטן, וועלכע אַרבעטער פאַרדינען אין ארץ־ישראל. די נישט־אַנטוויקלטע האַלב־ווילדע שבטים, וועלכע גיבן אַוועק זייער אַרבעט פאַר שפּאָט ביליק, דערלאָזן נישט די יידישע אַרבעטער זיך דאָרטן צו באַפעסטיקן". דאָס שטיצן דעם פאָנד דאַרף „מאַכן מעגלעך פאַר די יידישע אַרבעטער אויסצוהאַלטן די קאָנקורענץ און בלייבן אין ארץ־ישראל"... „די וואָך פון ל"ג בעומר, פון דעם 25 ביז דעם 31 מאַי, דער יאָרצייט נאָך די העלדישע קעמפער, ר' עקיבא'ס תלמידים, האָבן מיר באַשטימט פאַר דעם פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד".

די יידישע סאָציאַליסטן האָבן באַקעמפט די ציוניסטישע און נאַציאָנאַליסטי־שע אַגיטאַציע און אָנגעוויזן, אַז די צילן וואָס די פועלי־ציון און די סאָ־ציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן שטעלן זיך, האָבן קיין שום שייכות נישט מיט דיווירקלעכע אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס קעמפט פאַר אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן סדר אויפן אָרט, וואו אַלע וועלן זיין פריי און גלייכבאַרעכטיקט.

אין די יאָרן ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע געוואָרן פולער און רייפער. אַ כסדרדיקער שטראָם פון פריש בלוט איז צוגעקומען פון יענער זייט אָקעאַן, אַ שטראָם וואָס האָט באַרייכערט און באַפרוכפערט דעם היגן ישוב. און דער ישוב גופא האָט געשלאָגן טיפערע וואָרצלען און זיינע צווייגן האָבן זיך ווייט און ברייט אויסגעשפּרייט איבערן לאַנד.

דער גרויסער קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן 1907, האָט גורם געווען אַ גרויסע אַרבעטלאָזיקייט. פיל אַלט־איינגעזעסענע און פריש־געקומענע האָבן זיך פון ניו־יאָרק אַוועקגעלאָזט איבער די ברייטע שטחים פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָרטן האָבן זיי געפונען קליינע, אָפּגעשטאַנענע יידישע ישובים פון טעמפּל־יאַהודים, אָפּשטאַמיקע פון דייטשלאַנד און מערב־אייראָפּע, ווי אויך פרומע יידן פון דער ערשטער מזרח־אייראָפּעאישער איינוואַנדערונג. פון קיין מאָדערן יידיש־וועלטלעכן לעבן איז קיין שפּור נישט געווען. אין די גרעסערע שטעט, וואו יידישע אַרבעטער זיינען יאָ געווען, זיינען זיי געווען שוואַך אָרגאַניזירט און קיין דעה אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן נישט געהאַט. די קליינע שפּראָצונגען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער ווייטער פּראָווינץ פלעגן אָפּט פאַרוועלקן. דער צושטראָם פון די נייע ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע עלעמענטן האָט באַלעבט די יידישע ישובים. אַרבעטער־רינג

ברענטשעס, ביבליאָטעקן, בילדונגס־פאַראיינען און יוניאָנס זיינען געשאַפן גע־וואָרן. די יידישע אַרבעטער האָבן זיך עטאַבלירט אַלס געזעלשאַפטלעכער כוח. די גבאים און תקיפים, די יאַהודים, אָרטאָדאָקסן און אָלרייטניקעס האָבן נישט געוואָלט אנערקענען „די חוצפּהדיקע יונגעלייט", וועלכע ווידערשפּעניקן קעגן גאָט אין הימל און זיינע אָרדנונג־היטער אויף דער ערד. צווישןביידע לאַגערן איז געווען אַ דיקע וואַנט פון פרעמדקייט און שנאה. אין פיל ערטער האָט זיך צווישן ביידע צדדים צעפלאַקערט אַ הייסער קאַמף אָן אייגזעעניש. „די חוצפּהדיקע יונגעלייט", וועלכע מ'האָט געוואָלט פאַרשרייען אַלס מיסיאָנערן און משומדים, זיינען פון זייער קאַמף־פּאָזיציע נישט אָפּגעטראָטן. זיי האָבן געפּריידיקט זייערע סאָציאַליסטישע אידייען און אין פיל ערטער, בפרט אין די דרום־ און מערב־שטאַטן, זיינען זיי געווען בכלל די פּיאָנערן פון לעבעדיקן יידישן וואָרט. די סאָציאַליסטישע אַרבעטס־מענטשן האָבן געבראַכט נײַ יידיש לעבן איבער דער אויסשפּרייטונג פון אַמעריקע.

13. די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע

אירע אויפגאַבן. — קעגנער צווישן די יידישע גענאָסן. — אַן אייגענע צייטונג. — ענדערונג פון פרינציפּן־דעקלאַראַציע. — קעגנערשאַפט פון „פאָרווערטס“. — וואוקס. — געזעלשאַפטלעכע אַקציעס. — פועלי־ציון. — מערהייט מיטגלידער קעגן האַנדלונג פון דער אָנפירונג. — ערשטע וועלט־מלחמה. — הילף פאַר יידן אין אייראָפּע. — דעבאַטע וועגן מצב און כאַראַקטער פון דער פעדעראַציע. — אַ יידיש־סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן. — סאָציאַליסטישע ווירקונג אין די יוניאָנס פון די נאָדל־פאַכן. — פאַרשטאַרקטע יידישע שטימונגען. — קאַמף פאַר יידישע פאָלקסשולן. — קאָנווענשאָנס. — נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט. — יידישער קאָנגרעס. — יוגנט. — מלחמה.

Dי נײַ־געגרינדעטע יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט, ווען ס'איז געווען אַ גרויסע אויפרודערונג אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס און אַן אויפלעבונג אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. אין יענעם יאָר — 1912 — האָבן די יידישע אַרבעטער שוין געהאַט דורכגעמאַכט אייניקע גענעראַל־שטרייקן אין זייערע פאַכן אין ניו־יאָרק און שיקאַגאָ. מיט 2 יאָר שפּעטער האָבן די יידישע אַרבעטער צום ערשטן מאָל דורכגעפירט אין אַמעריקאַנער קאָנגרעס אַן אייגענעם פאָרשטייער — מאיר לאָנדאָן. זיי זיינען געוואָרן אַ גרויסער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער כוח. מ'האָט געשאַצט, אַז נישט ווייניקער ווי 400 טויזנט יידישע אַרבעטער זיינען אָרגאַניזירט אין פאַרשידענע יוניאָנס פון לאַנד. די נור־וואָס געשאַפענע פעדעראַציע האָט געדאַרפט שטעלן אירע ערשטע טריט. ווי אַזוי האָט זי דאָס געטאָן? ווי אַזוי האָט זי זיך אַליין פאָרגעשטעלט איר וועג און אויפגאַבן?

אָנהויב אויגוסט 1912 האָט די פעדעראַציע זיך קאָנסטיטואירט און אָנגעהויבן פונקציאָנירן. אין אַ מאַניפעסט, וואָס איר עקזעקוטיוו האָט באַלד אַרויסגעלאָזט, ווערט געזאָגט: „אין דער צייט, ווען די אָרגאַניזאַציעס פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, ווי די דייטשן, פראַנצויזן, איטאַליענער, פינען, לעטן, פּאָליאַקן, דרום־סלאַוון האָבן דאָ אין אַמעריקע באַוויזן צו באַשאַפן מוסטערהאַפטע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס מיט טויזנטער מיטגלידער און אַ גרויסער פּאָליטישער טעטיקייט, איז די צאָל פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס גייען אַריין אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, זייער קליין. פיל קלענער ווי מען האָט געקענט דערוואַרטן. עס פאַרשטייט זיך, אַז מען קען קיינעם נישט באַשולדיקן אין דעם. די סיבה פון אַזאַ אומנאָרמאַלער און העכסט־אומגעווינטשטער דערשיינונג ליגט בעיקר אין די באַזונדערע באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט אויס צו לעבן דעם יידישן אימיגראַנט.“ צו קענען אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער, וועלכע לעבן אין אַזעלכע באַדינגונגען, איז געשאַפן געוואָרן די פעדעראַציע. „די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע איז אַ פולבאַרעכטיקטער און פולפאַרפליכטעטער טייל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע. און אַלס אַזעלכע וועט

זי העלפן דעם יידישן אַרבעטער צו אָרגאַניזירן זיך פאַרן פּאָליטישן קאַמף אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואו די אינטערעסן פון דעם עקספּלאָאַטאַרן־קלאַס באַהערשן דעם קאָנגרעס, דאָס ריכטערטום און די באַאַמטע פון פאָלק. די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע שטרעבט אַריינצופירן דעם יידישן פּראָלעטאַריער אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון אַמעריקאַנער סאָציאַליזם. זי וויל זיך צופּאַסן צו זיינע באַגריפן און געוואוינהייטן, צו זיין פּסיכאָלאָגיע און זיינע לעבנסבאַדינגונגען. זי וויל אים און דעם רעכט־דענקענדיקן יידישן בירגער דערקלערן די צושטאַנדן אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואָס איז באַרופן צו דינען פאַר דער צווייטער היים פונם יידישן פאָלק. זי וויל זיי ביידן רייף מאַכן צו שטרייטן פּאָליטיש צוזאַמען מיט די אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריער און רעכט־דענקענדיקע בירגער פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט, פאַר דעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן אידעאַל".

נאָך אַ יאָר אַרבעט האָט דער סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע, י. ב. סאַלוצקי, געקענט באַריכטן, אַז ס'זיינען פאַראַן 2 טויזנט מיטגלידער מיט איבער 60 אַקטיווע ברענטשעס. און ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז „אַ גוטער אָנהויב צו גיין פאָראויס מיט שנעלע טריט. די צוקונפט וועט ווייזן, ווי ווייט די יידישע געגנאַכן וועלן קענען ביקומען פיל איינגעבוירענע אייגנשאַפטן. צווישן זיי פאַרנעמט אַ באַזונדערער אָרט דער נאַרישער און שעדלעכער מה־יפית־געפיל, וואָס פענטעט שטאַרק די פרייע באַוועגונג און אָרגאַניזירונג פון דעם יידישן אַרבעטער אויף דעם ריכטיקן און בעסטן וועג".

באַלד ביים שטעלן די ערשטע טריט האָט די פעדעראַציע זיך אָנגעשטויסן אויף דער אַלטער קרענק פון קידער־ווידער אין די אייגענע יידיש־סאָציאַליסטישע רייען. פיל יידישע געגנאַסן פון ניו־יאָרקער איסט־סייד און פון ברוקלין, יידיש־שפּרעכנדע אַסימילאַטאָרן פון אַלטן שניט, האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער פעדעראַציע. ענלעכעס איז אויך געווען אין פאַרשידענע ערטער אין לאַנד. צו דער פעדעראַציע האָבן נישט געוואָלט געהערן אַפילו אַ טייל יידישע פּאַרטיי־מיטגלידער, וואָס האָבן צו דער יידישער אַגיטאַציע־ביוראָ יאָ געהערט. דער תּירוץ פאַר אַזאַ האַנדלונג איז געווען, אַז די פעדעראַציע איז צו יידיש... די אַסימילאַטאָרן האָבן געשראָקן מיט נאַציאָנאַליזם, הגם אַפילו אַן אָנדייט אויף נאַציאָנאַלע אויפגאַבן האָט מען אין דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע נישט אַריינגעלאָזט. אַ סך זיינען צוגעשטאַנען צו דער פעדעראַציע נאָך לאַנגע וואַקלונגען. אויף זיי האָט געווירקט דאָס, וואָס די יידישע אָרגאַניזאַציע איז אנערקענט פון דער פּאַרטיי, ווי אירס אַן אָרגאַנישער טייל. אויסער די, וועלכע האָבן געהערט צו דער פעדעראַציע, זיינען דעמאָלט געווען אַרום 1,500 יידישרעדנדיקע, וואָס האָבן צוליב פאַרשידענע טעמים געהערט צו די אַלגעמיינע פּאַרטיי־ברענטשעס. פאַר די אַסימילאַציע־קעמפער און אַנדערע קעגנער פון דער פעדעראַציע האָט אויך נישט געהאָלפן דער אַטעסטאַט, וואָס ס'האָט איר אויסגעשטעלט אַזאַ כשרער שטרייטער פאַרן ריינעם קאָסמאָפּאָליטישן סאָציאַליזם, ווי ב. פייגענבוים. אַליין אַ מיטגליד פון עקזעקוטיוו, האָט ער ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן געשריבן, אַז ער זעט נישט קיין שמץ פון „יידישקייט" אין דער פעדעראַציע, אַלנפאַלס נישט אַן „אונץ מער, ווי פריער אין דער ביוראָ".

איינע פון די ערשטע וויכטיקע דערגרייכונגען פון דער פעדעראַציע איז

געווען אַן אייגענע צייטונג — אַ טריבונע אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס די אָרגאַניזאַציע און די מיטגלידער ווילן, כדי נישט זיין אָפּהענגיק פון אַ זייטיקן רעדאַקטאָר. אָנגעהויבן האָט מען זייער באַשיידן: מיט אַ „פּאַרטיי־ביולעטין", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין יוני 1913. באַלד איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָנאַטשריפט אונטערן נאָמען „דער אידישער סאָציאַליסט". דאָס איז געוואָרן דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין אַמעריקע און איז פון סוף יאַנואַר 1914 דערשינען יעדע צוויי וואָכן. די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון מ. ווינטשעווסקי, י. ב. סאַלוצקי און דר. ק. פאַרנבערג. שטענדיקע מיטאַרבעטער זיינען געווען י. ב. ביילין, ל. ב. בודין, דר. מ. גאָלדפאַרב, ב. וולאַדעק, אב. זוסמאַן, בן־יקיר, ליליפּוט, י. מילך, שכנא עפּשטיין און צביון. פון 6 אויגוסט 1915 האָט די צייטונג אָנגעהויבן דערשיינען ווי אַ וואָכנשריפט אונטערן נאָמען „די נייע וועלט". (דער צוזאַמענשטעל פון רעדאַקציע־קאָלעגיע איז שפּעטער פיל מאָל געענדערט געוואָרן).

זומער 1913 האָט דער עקזעקוטיוו אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו דער ערשטער נאַרמאַלער קאָנווענשאָן פון דער פעדעראַציע. דערביי איז כאַראַקטעריסטיש, ווי שווער מ'האָט זיך דאָס פאַרגעשטעלט. אין רוף ווערט געזאָגט: „גענאָסן! נאָר נישט געשראָקן זיך! דאָס איז נישט קיין צו שווערע אונטערנעמונג. קרחס אוצרות דאַרף מען דערצו נישט האָבן. 500 דאָלער זיינען פאָלקאָם גענוג צו דעקן אַלע הוצאות פון אַזאַ קאָנווענשאָן".

איינע פון די פּלאָגן, פון וועלכער ס'האָט געליטן די יידישע סאָציאַליסטישע טעטיקייט במשך פון לאַנגע יאָרן, איז אויך געווען איר מאַטעריעלע אָרימקייט. די אָרגאַניזאַציע אַלס גאַנצע און יעדער ברענטש באַזונדער פלעגן ביי אַן אונטערנעמונג אָדער פאַרלעזונג וועגן און מעסטן מיט וויפיל הוצאות דאָס איז פאַרבונדן און צי עס וועט זיין צו דעקן די קאָסטן. און די הוצאות פלעגן טאַקע זיין גאָר קליינע.

דער אָפיס פון סעקרעטאַר איז אין נאָוועמבער 1912 אַריבערגעפירט געוואָרן קיין שיקאַגאָ, וואו עס האָט זיך געפונען דער הויפּט־אָפיס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. באַלד איז דאָרטן אויך עטאַבלירט געוואָרן דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. נאָך אַ קורצער צייט האָט מען זיך צוריק אַריבערגעטראָגן אין ניו־יאָרק. די מיטגלידער האָבן אָנגעהויבן צאָלן זייער פּאַרטיי־שטייער דורך דער פעדעראַציע און נישט, ווי פריער, אין די צייטן פון אַגיטאַציע־ביוראָ, דורך די אַלגעמיינע פּאַרטיי־לאָקאַלן.

די ערשטע קאָנווענשאָן פון דער פעדעראַציע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון 3 ביזן 5 אָקטאָבער 1913 אין ניו־הייווען, קאָנעטיקוט. דער צוזאַמענשטעל פון די דעלעגאַטן איז געווען אַן אַנדערער, ווי אויף די אַמאָליקע קאָנווענשאָנס פון ביוראָ. די גרויסע מערהייט — יונגע מענטשן, בונדיסטן פון דער אַלטער היים. די קאָנווענשאָן האָט אויסגעהערט באַריכטן און דעבאַטירט אַקטועלע פראַגן. נאָך די ערשטע חדשים פון איינשטעלן די אַרבעט, האָט די פעדעראַציע אָנגעהויבן וואַקסן. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז פון יידישן אַגיטאַציע־ביוראָ האָט מען סך־הכל געירשנט 25 פּאַרטיי־ברענטשעס מיט בערך 800 מיטגלידער. במשך פון אַ יאָר טעטיקייט איז מען דערגאַנגען צו 65 ברענטשעס מיט 2,500 מיטגלידער אין 18 שטאַטן.

איינע פון די פראַגן, מיט וועלכע די קאַנווענשאַן האָט זיך באַשעפטיקט, איז געווען די שטעלונג פון דער פאַרטיי צו דער אימיגראַציע. די דעלעגאַטן האָבן געהאַלטן, אַז די סאָציאַליסטישע פאַרטיי פאַרנעמט נישט קיין קלאָרע שטעלונג. די קאַנווענשאַן האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר פרייער איינוואַנדערונג און באַשלאָסן, אַז „די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די אַנדערע שפּראַך־פעדעראַציעס פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און צוזאַמען אויפפאָדערן די קומענדיקע נאַציאָנאַלע קאַנווענשאַן פון דער ס.פּ., אַז זי זאָל זיך דייטלעך אַרויסזאָגן פאַר פרייער אימיגראַציע". ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע צו שטיין אין קאָנטאַקט מיט די יוניאָנס און העלפן פירן אַ סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע צווישן זייערע מיט־גלידער. די ניו־הייווענער קאַנווענשאַן האָט דורך אַן איינשטימיקן באַשלוס אַריינגעפירט אין דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע די זעלבע בונדישע געדאַנקען, וואָס מ'האָט זיך אומזיסט באַמיט דורכצופירן אויף דער גרינדונגס־קאַנווענשאַן אין פּעטערסאָן. די פּרינציפּן־דערקלערונג, וואָס די ניו־הייווענער קאַנווענשאַן האָט אָנגענומען, זאָגט:

„די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע איז אַ פולבאַרעכטיקטער און פול־פאַראַנטוואָרטלעכער טייל פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי פון אַמעריקע, און אַלס אַזעלכע אָרגאַניזירט זי די יידישע אַרבעטער פאַרן פּאָליטישן קאַמף דאָ אין לאַנד. די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע שטרעבט אַריינצופירן די יידישע אַרבעטער אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון אַמעריקאַנער סאָציאַליזם. און כדי איר טעטיקייט זאָל זיין געבויט אויף אַ פעסטן באָדן, זעט זי זיך צוצופּאַסן צו זייערע געוואוינהייטן, צו זייערע אייגנאַרטיקע לעבנס־באַדינ־גונגען און זייער פּסיכאָלאָגיע".

אין דער אָנגענומענער קאָנסטיטוציע איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע איז: „די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי פון אַמעריקע". אין דער פעדעראַציע קענען אַריינגענומען ווערן בלויז ברענטשעס פון דער ס.פּ.. נייע ברענטשעס ווערן צוזאַמענגעשטעלט בלויז פון פּערזאָנען, וואָס דערקלערן זיך פאַר מיטגלידער פון דער ס.פּ.. די ברענטשעס קויפן זייערע מאַרקעס פון פאַרטיי־שטייער דורך דער פעדעראַציע.

איינשטימיק האָבן די דעלעגאַטן אינדאָרסירט אַלס פאַרטיי־צייטונגען דעם „פאָרווערטס", די „אידישע אַרבייטער וועלט" און די „צוקונפט". גלייכצייטיק איז איינשטימיק פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער „פאָרווערטס" פאַרנאַכלעסיקט די אויפגאַבע פון דערציען די לייענער אין סאָציאַליסטישן גייסט. ס'איז אויס־געטיילט געוואָרן אַ דעלעגאַציע, וואָס האָט די טענות פון דער קאַנווענשאַן גע־בראַכט צו דער „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאַן. אב. זוסמאַן האָט אין נאָמען פון דער דעלעגאַציע דערקלערט: „וואָס שטאַרקער ס'איז געוואָרן די פּרעסע, אַלץ וויניקער סאָציאַליסטן זיינען געבליבן אין אונזער יידישער באַוועגונג; וואָס רייכער מאַטעריעל די פּרעסע איז געוואָרן, אַלץ אָרימער אין מאָראַלישן איינ־פלוס זיינעןביידע געוואָרן, די פּרעסע און די באַוועגונג". נאָך לענגערע דע־באַטן האָט די אַסאָסיאיישאַן באַשלאָסן, אַז די קאַנווענשאַן האָט געהאַנדלט ניט־חבריש, וואָס זי האָט געמאַכט באַשולדיקונגען איידער זי האָט אויסגעהערט דעם

צווייטן צד. די אַסאָסיאיישאָן האָט אָבער אנערקענט, אַז מען דאַרף מאַכן געוויסע אויסבעסערונגען. מ׳האָט צוגעזאָגט צו פאַרגרעסערן די אָפּטיילונגען, וואָס דאַרפן העלפן פאַרשטאַרקן די טעטיקייט און אָנזען פון דער פעדעראַציע.

ווי אַ יונגע אָרגאַניזאַציע, איז די פעדעראַציע געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט צו האָבן די פולע שטיצע פון „פאָרווערטס". די דעלעגאַטן אויף דער ניו־הייווענער קאָנווענשאָן האָבן זיך געקלאָגט, אַז די פאַרשפּרייטע יידיש־סאָציאַליסטישע טאָג־צייטונג באַציט זיך קאַלט צו דער פעדעראַציע. די נייע אָרגאַניזאַציע האָט אייגנטלעך פאַרמאָגט צוויי עלעמענטן: בונדיסטן און קאָס־מאָפּאָליטישע סאָציאַליסטן פון אַלטן שניט. ביידע האָבן זיך געאייניקט, אַז אַ יידישע פעדעראַציע איז נויטיק, אָבער זיי האָבן זיך נישט געקענט אייניקן וועגן אַ פּראָגראַם. די אַלטע האָבן פאַר יידישע פּראָבלעמען געציטערט אימת־מות. מאַנכע בונדיסטן האָבן דעם בונדישן טעאָרעטישן באַגאַזש איבערגעלאָזט אויף יענער זייט אָקעאַן און אייַנגעהאַלטן בלויז דעם וואַרעמען געפיל פאַרן „בונד". זיי האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די אַלטע. די ווייט גרעסטע מערהייט פון די בונדישע אַרבעטער און אינטעליגענץ האָט אָבער אויך דאָ געוואָלט קאָנטינויִרן דעם בונדיזם און געפּרוּווט עס טון דורך דער פעדעראַציע.

דאָס וואָס די פּעטערסאָנער קאָנווענשאָן האָט מיט אַ קליינער מערהייט אָפּגעוואָרפן די בונדישע פאָרמולירונג אין דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע, האָט נאָך דעם ענין נישט געלייזט. אַ סך מיטגלידער האָבן געפילט און אַרויסגע־ברענגט, אַז ס׳איז ווייניק די פעסטשטעלונג פון דער דעקלאַראַציע: „אונזערע פּרינציפּן זיינען די פּרינציפּן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע. אונזער הויפּט־פּלאַטפאָרם איז די פּלאַטפאָרם פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע. אונזער טעטיקייט ווערט געפירט אין הסכם מיט די באַשלוסן פון דער ס.פּ., אָנגענומען אויף אירע צוזאַמענפאָרן און פאָרמולירט פון איר נאַציאָנאַלן קאָמיטעט". דאָס איז גענוג געווען פאַרן אַגיטאַציע־ביוראָ, אָבער נישט פאַר דער פעדעראַציע, וואָס האָט געדאַרפט באַדייטן אַ העכערער שטאַפּל אין דער אויטאָנאָמיע און זעלבסט־טעטיקייט פון דער יידישער אָר־גאַניזאַציע. אַזוי איז פאַקטיש אַוועק די אַנטוויקלונג פון די אַנדערע שפּראַך־פעדעראַציעס. אין די ראַמען פון דער ס. פּ. זיינען זיי געוואָרן כמעט זעלבסט־שטענדיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַ ריי פּראָבלעמען, צו וועלכע די פּאַרטיי אַלס גאַנצע האָט נישט קיין אינטערעס. גראָד אָט די פראַגן האָבן די פעדעראַציעס געגעבן לעבן און אינטימקייט. ווארום פריער זיינען זייערע ברענטשעס געווען לעבעדיק בלויז ערב אַ וואַל־קאַמפּיין. דעם גרעסטן טייל פון יאָר זיינען זיי געשלאָפן. זיי האָבן נישט געהאַט מיט וואָס אויסצופילן די מיטינגען פון ברענטשעס, כדי צו קאָנען צוציען אַ גרויסן עולם. די פעדעראַציעס האָבן געהאַט אַ ריי פראַגן, וואָס זיינען געווען זייער נאָנט צום האַרץ פון זייערע מיטגלידער און דעריבער געקענט שאַפן אַ פאַר־שטאַרקטן אינטערעס צו דער טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע. אין 1914 האָט די ס. פּ. שוין געהאַט 10 שפּראַך־פעדעראַציעס: אַ יידישע, איטאַליענישע, דייטשע, אונגאַרישע, דרום־סלאַווישע, טשעכישע, סלאָוואַקישע, סקאַנדינאַווישע, פּוילישע און פינישע.

די דיסקוסיע וועגן כאַראַקטער פון דער יידישער פעדעראַציע, וועגן דעם וואָס זי איז און וואָס זי דאַרף זיין, האָט זיך נאָך געצויגן עטלעכע יאָר נאָך איר גרינדונג. אומאָפּהענגיק פון די חלוקי־דעות, וואָס האָבן געהערשט אין די רייען פון די יידישע סאָציאַליסטן גופא, האָט מען פּאַרט אָנגעהויבן קוקן אויף דער יידישער פעדעראַציע, ווי אויף אַ נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט, וואָס נעמט אַרום און רעפּרעזענטירט די יידישע אַרבעטער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אמת, פיל פון דער „אַלטער גוואַרדיע" און אויך אַ צאָל טרייד־יוניאָן־טוער האָבן צו דער פעדעראַציע ניט געוואָלט געהערן. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, אַ סך געשטערט דעם וואוקס און אָנזען פון דער יידישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, אָבער אַפילו די איינפלוסרייכע קעגנער האָבן נישט געקענט ענדערן דעם פּאַקט, אַז די פעדעראַציע ווערט די פאַרקערפּערונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע. צווישן די, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין אין דער פעדעראַציע און אירע פירער האָט געהערשט אַ קעגנזייטיקער אומ־צוטרוי און פאַראַכט. באַזונדערס אָנגעשטרענגטע באַציאונגען האָבן זיך איינ־געשטעלט צווישן „פאָרווערטס" און דער פעדעראַציע. דער רעדאַקטאָר אב. קאַהאַן און דער סעקרעטאַר י. ב. סאַלוצקי האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שאַרפער פּאָלעמיק מיט קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען. אַן אויסדרוק פון די נישט־פריינט־לעכע באַציאונגען איז אויך געווען דער פּאַקט, וואָס צו דער גרויסער יובילײ־פאַרזאַמלונג לכבוד 25 יאָר פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן האָט מען די פעדעראַציע נישט איינגעלאַדן, כאָטש די סאָציאַליסטן האָבן אַזוי פיל געטאָן פאַר דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס.

די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַגי־טאַציע־ליטעראַטור און שיקן רעדנער אין די שטעט און שטעטלעך. באַלד אין ערשטן יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט זי אַרויסגעגעבן 6 בראָשורן און פלוג־בלעטלעך אין אַן אַלגעמיינער צאָל פון 345 טויזנט עקזעמפּליאַרן. מיט אַ יאָר שפּעטער זיינען אַרויס 5 בראָשורן און פלוג־בלעטלעך אין 90 טויזנט עקזעמפּליאַרן. צום יאָר 1914 איז אַרויס אַ יאָר־בוך אין 10 טויזנט עקזעמפּליאַרן. די יאָר־ביכער זיינען אַרויס אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן. אין הערבסט 1914 האָט די פעדעראַציע שוין געציילט 80 בראַנטשעס מיט 4,000 מיטגלידער.

דער עקזעקוטיוו וואָס איז געווילט געוואָרן דורך אַ רעפערענדום נאָך דער ניו־הייווענער קאָנווענשאָן, איז באַשטאַנען פון מ. ווינטשעווסקי, ה. קרעטשמער, פּ. געליבטער, פּ. יודיטש, ה. יאַפּע, דר. ק. פאַרנבערג, נ. ראַמאַן, ב. וולאַדעק, ב. האַסמאַן, א. אייבעלסאָן, און י. ב. סאַלוצקי אַלס סעקרעטאַר. אויף דער ערשטער קאָנסטיטואירונגס־זיצונג אין דעצעמבער 1913 איז ב. וולאַדעק באַ־שטימט געוואָרן אַלס פאַרזיצער און אב. זוסמאַן אַלס אָרגאַניזאַטאָר.

דער נייער עקזעקוטיוו איז צוגעטראָטן דורכצופירן אייניקע געזעלשאַפט־לעכע אַקציעס. לויט זיין איניציאַטיוו זיינען אין חודש יאַנואַר 1914 פאַר־געקומען קאָנפערענצן און פאַרזאַמלונגען צו פּראָטעסטירן אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטער קעגן די איינוואַנדערונג־באַגרענעצונגען. אין ניו־יאָרק האָבן זיך אין דער פּראָטעסט־אַקציע באַטייליקט 80 יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַ־ציעס. די זעלבע אַקציע איז אויך געפירט געוואָרן אין אַנדערע שטעט. דער אָרגאַן פון דער פעדעראַציע האָט דערביי געטאַדלט די האַלטונג פון דער

ס.פּ.. ער האָט געשריבן: „געגוג לאַנג האָבן אונזערע פּאַרטיי־פירער געשפּילט דעם שפּיל פון צווייזייטיקער 'דיפּלאָמאַטיע' אין דער דאָזיקער פראַגע. איצט מוז מען ביי זיי פאָדערן אַ קלאָרן און אַנטשידענעם ענטפער: צי זייט איר וויליק זיך אונטערצואָרפן דעם ווילן פון דעם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל, ווי ער איז געקומען צום אויסדרוק אין דער שטוטגאַרטער רעזאָלוציע? אָדער איר ווילט ווייטער העלפן דער רעאַקציאָנערער אַרבעט פון דער אַמעריקען פעדע־ריישאָן?"... „מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל, אָדער מיט דער אַמעריקען פעדע־ריישאָן? דאָס איז די פראַגע פאַר דער פּאַרטיי".[44]

ס'איז אויסגעקומען צו פאַרנעמען אַ שטעלונג צו די פּועלי־ציון. די פראַגע איז אַרויסגעשוואומען, ווייל די פּועלי־ציון האָבן זיך געווענדט, אַז זיי ווילן אַריינטרעטן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. געוואָלט האָבן זיי דאָס דער־גרייכן דורך אַנשליסן זיך אַלס גאַנצע קערפּערשאַפט אין דער יידישער סאָ־ציאַליסטישער פעדעראַציע. דער פעדעראַציע־עקזעקוטיוו האָט אין דעצעמבער 1913 באַשטימט אַ קאָמיסיע פון דריי — מ. ווינטשעווסקי, דר. ק. פאַרנבערג און ה. יאַפּע — אַז זיי זאָלן זיך דורכריידן וועגן דעם ענין מיט די פאָרשטייער פון די פּ. צ.. נאָך אַ ריי אונטערהאַנדלונגען האָט דער עקזעקוטיוו דעם 15טן מערץ 1914 באַשלאָסן, אַז אַלס גאַנצע קערפּערשאַפט קען מען זיי נישט אָנ־נעמען, אָבער עס וועלן דאַרפן אויסגעאַרבעט ווערן פּרטים זיי אָנצונעמען ווי יחידים. דערווייל איז צוגעקומען נאָך אַן ענין. דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד — דער אָרדען פון די פּועלי־ציון — האָט צוגעשיקט אַן איינלאַדונג צו זיינס אַ קאָנווענשאָן. דער עקזעקוטיוו האָט מיט 7 שטימען קעגן 2 באַ־שלאָסן די איינלאַדונג אָנצונעמען און שיקן אַ דעלעגאַט. ב. וולאַדעק און פּ. געליבטער, פון וועמען עס זיינען געקומען די 2 קעגנערישע שטימען, האָבן אָפּגעגעבן מאָטיווירטע דערקלערונגען. וולאַדעק האָט אין זיין דערקלערונג געזאָגט, אַז נישט דער פּראָגראַם און נישט די טעטיקייט פון פּועלי־ציוניסטישן פאַרבאַנד האָבן וועלכע עס איז שייכות מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. „דאָס איז בעיקר אַ נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציע און איך בין אַנטשידן קעגן דעם, אַז די פעדעראַציע זאָל זי אויף וועלכן עס איז אופן אנערקענען", האָט ער דערקלערט. פון אַ טייל ברענטשעס זיינען אָנגעקומען פּראָטעסטן קעגן באַשלוס פון עקזעקוטיוו.

דעם באַשלוס פון עקזעקוטיוו האָט פאַרטיידיקט אין אָרגאַן פון דער פע־דעראַציע דער עקזעקוטיוו־מיטגליד מאַקס לולאָוו. ער האָט געזאָגט: „עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די פעדעראַציע און איר עקזעקוטיוו אַלס אַ גאַנצער איז נישט מסכים מיט די נאַציאָנאַליסטישע פּרינציפּן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד". פונדעסטוועגן דאַרף מען שיקן אַ באַגריסער, ווייל דער פאַרבאַנד „אנערקענט אין זיינע גרונט־פּרינציפּן די טעטיקייט פון סאָציאַליזם אַלס זייער נוצלעך און פאַרפליכטעט זיך זי אונטערצושטיצן"... „מיר זיינען נישט קיין סעקטע, מיר באַגנוגענען זיך נישט מיט דינען אונזער גאָט און האַלטן ריין אונזערע נשמות".[45]

די פראַגע האָט אַרויסגערופן חלוקי־דעות צווישן די מיטגלידער. אַ גרויסער טייל האָט געטאַדלט די האַנדלונג פון עקזעקוטיוו. לסוף איז דער ענין איבער־געגעבן געוואָרן צו אַ רעפערענדום פון די מיטגלידער צו באַשטימען צי דער

עקזעקוטיוו האָט ריכטיק געהאַנדלט מיט שיקן אַ פאָרשטייער צו דער קאָנווענ־שאָן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. 50 ברענטשעס האָבן אָנטייל גענומען אין רעפערענדום. 561 האָבן געשטימט קעגן דער שטעלונג פון עקזעקוטיוו און 244 — פאַר. פון די אונטערהאַנדלונגען וועגן אַריינטריט פון די פועלי־ציון אין דער פעדעראַציע איז גאָר נישט געוואָרן.

דאָס יאָר 1914 האָט געבראַכט נייע אויפגאַבן. ס'איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה. די יידן פון אייראָפּע זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין ווירבל פון קריג. צו אַלע אומגליקן און חורבן, וואָס אַ מלחמה ברענגט מיט זיך, זיינען נאָך צוגעקומען די גירושים און בלבולים פון דער רוסישער רעגירונג אויף דער יידישער באַפעלקערונג. הילף איז געוואָרן דרינגענדיק נויטיק. לויט דער איניציאַטיוו פון „אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט", איז פאָרגעקומען אַ קאָנ־פערענץ פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן הילף פאַר די מלחמה־געליטענע יידן. די קאָנפערענץ האָט אויסגעטיילט אַ גרויסן קאָמיטעט, אין וועלכן אויך די פעדעראַציע איז געווען פאַרטרעטן.

נישט בלויז מאַטעריעלע הילף איז געווען נויטיק. די מלחמה האָט אויפגעשטעלט פאַר יידן אַ ריי נייע פּאָליטישע אויפגאַבן. מ'האָט געדאַרפט מאָבילי־זירן די עפנטלעכע מיינונג צום קאַמף קעגן די ספּעציעלע צרות, וואָס די רוסישע רעגירונג טוט די יידן. אין אַמעריקע איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ באַוועגונג פאַר אַוועקשטעלן די יידן־פראַגע פאַר דער קומענדיקער שלום־קאָנפערענץ. יעדע ריכטונג האָט זיך געהאַט אירע פּערספּעקטיוון און פאַרלאַנגען, איר וועג און טאַקטיק. לויט דער איניציאַטיוו פון דער פעדעראַציע, איז אין 1915 פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון יידישן אַרבעטער־סעקטאָר. די פאָרשטייער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, אַרבעטער־רינג, פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן און פון „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ בשותּפותן קאָמיטעט. דער קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט די אויפ־גאַבע צו ציען די אויפמערקזאַמקייט צו די יידישע צרות אין רוסלאַנד, פירן אַ פּראָטעסט־אַקציע קעגן די גירושים און נגישות און צוגרייטן אַ פּראָגראַם וועגן דער יידן־פראַגע צו דער שלום־קאָנפערענץ.

די פועלי־ציון און אַנדערע האָבן אַנטוויקלט אַ פּרעסע־קאַמפּאַניע פאַר אַן אַלגעמיינעם יידישן קאָנגרעס. אין דער פעדעראַציע האָט דער דאָזיקער געדאַנק אויך געוואונען אַ צאָל אָנהענגער. די מערהייט איז אָבער געווען קעגן דעם. די דאָזיקע שטעלונג איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין אַ לייט־אַרטיקל פון אָפיציעלן אָרגאַן אין פאָלגנדיקע ווערטער: „דער יעניקער, וואָס פּריידיקט, אַז מען זאָל איצט פאַרגעסן אַלע קלייזלעך און צוזאַמען אַרבעטן פאַר דעם טובת הכלל, אויב ער וויל ערנסט העלפן די יידן אין די מלחמה־לענדער, מוז גע־דענקען, אַז אין איין רגע וועט ער נישט באַשאַפן אַזאַ גרויסן אָרגאַניזאַציע־אַפּאַראַט, וואָס די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטערשאַפט פאַרמאָגט שוין"... „יעדער ערנסטער פריינט פון די יידן, וועלכע זוכט נישט בלויז אויסצונוצן דעם גייסטיקן חורבן, וואָס הערשט איצט אין פיל מוחות, מוז וויסן, אַז די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זאָלן איצט אַרויסטרעטן אין זייער פולער באַוואָפנונג. מיר קענען אָבער נישט נעמען דעם גוף פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אַרויסוואַרפן איר נשמה. די גרויסע יידישע אַרבעטער־קערפּערשאַפטן אין

אַמעריקע זיינען סאָציאַליסטיש געשטימט און סאָציאַליסטיש געזאָנען. בלויז נאַאיווע מענטשן קענען דענקען, אַז מען קען דעם יידישן סאָציאַליסט פונאַנדער־טיילן אויף צוויי טיילן, אויף ייד און אויף סאָציאַליסט. דער כוח, די שיינקייט פונם יידישן סאָציאַליסט באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס דער ייד און דער סאָציאַליסט זיינען אין אים האַרמאָניש פאַרבונדן. ער בלייבט אַ סאָציאַליסט אין אַלע יידישע ענינים. ער פאַרבלייבט אַ ייד אין דער סאָציאַליסטישער וועלט"... „מיר האָבן שוין נישט איינמאָל איבערגעחזרט, אַז מיר באַציען זיך צו דער אידייע פון אַ יידישן קאָנגרעס, ווי צו אַ פוסטן חלום"... „מיר לייקענען אָפּ דעם קאָנגרעס. מיר שליסן אָבער נישט אויס די מעגלעכקייט און אפשר אונטער געוויסע אומשטענדן די נויטיקייט פון אַ באַראַטונג פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס. אָבער אומעטום דאַרף אונזער סאָציאַליסטישע באַוועגונג קומען איידער, ווי איין מענטש. דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון דעם אַקציע־קאָמיטעט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. די אויפגאַבע איז איצט דערגרייכט".[46]

ווי אַזוי האָבן די טוער געקוקט אויף די דערגרייכונגען און וויטערע מעג־לעכקייטן פון דער פעדעראַציע? פון צייט צו צייט האָבן טוער און מיטגלידער אַרויסגעזאָגט אין אָרגאַן פון דער אָרגאַניזאַציע זייער מיינונג וועגן די גוטע און שלעכטע זייטן אין דער טעטיקייט. עטלעכע ציטאַטן פון די אַרטיקלען און בריוו וועלן אונז געבן אַ באַגריף וואָס ס'איז געווען די פעדעראַציע און וואָס מ'האָט פון איר געוואָלט:

די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ — שרייבט ש. עפּשטיין — „איז געווען אַ גייסטיק קינד פון דער סאָציאַליסטישער צעשוואומענקייט און אויבערפלעכ־לעכקייט, וואָס האָבן געהערשט אויף דער יידישער גאַס מער ווי צוואַנציק יאָר"... „אַנדערש איז מיט דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. פריער פון אַלץ איז זי נישט קיין סקאָרבאָווע יידיש־שפּרעכנדע אָרגאַניזאַציע, וואָס אַגי־טירט סתם אַזוי דעם סאָציאַליזם אין יידיש, נישט רעכענענדיק זיך מיט די באַדערפענישן און אייגנאַרטיקייטן פון יידישן אַרבעטער. זי איז די נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון יידישן אַרבעטער קלאַס אין אַמעריקע, און אין איינקלאַנג מיט דעם פירט זי איר טעטיקייט".[47]

און ווי אַן ענטפער אויף דעם, קומט באַלד אין נאָענטסטן נומער ב. וולאַדעק און זאָגט: „מיר זיינען די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון אַלע יידישע סאָציאַ־ליסטישע ברענטשעס אין לאַנד. מיר פירן אונזער אַרבעט אין יידיש נישט דערפאַר, ווייל מיר האָבן באַשלאָסן אויפהאַלטן און אַנטוויקלען די יידישע שפּראַך, נאָר ווייל די, צו וועלכע מיר ריידן, ריידן יידיש. מיר פּאַסן זיך צו און מיר דאַרפן זיך צופּאַסן צו די 'באַדערפענישן און אייגנאַרטיקייטן' פון יידישן אַרבעטער, כדי מיר זאָלן זיי קענען טיפער און וואָס גרינטלעכער דערגרייכן מיטן סאָציאַליסטישן וואָרט. מיר שטעלן ניט אַרויס קיין נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אויפן נאַציאָנאַלן, פּאָליטישן אָדער קולטורעלן געביט, ווייל מיר דענקען, אַז אַזעלכע פאָדערונגען זיינען דערווייל נישט באַגרינדעט און נישט באַשטימט, און מיר ווייסן אויך נישט אויב דאָס לעבן וועט זיי אַמאָל מאַכן נויטיק. אויסער דער פראַגע פון אימיגראַציע, וואָס איז אין אַמעריקע נישט

קיין יידישע, נאָר בכלל אַ פרעמדן־פּראַגע, זיינען מיר אויף קיין האָר נישט פאַרשידן פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי פון לאַנד".[48]

אַ פּעסימיסטישן געדאַנק זאָגט אַרויס לאַזאַר קלינג: „די יידישע סאָציאַ־ליסטישע אַרבעטער פון אַמעריקע ליידן פון צוויי חולאתן: ערשטנס, גייען זיי נישט אַריין אין די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק פלעגט זיך זעלטן אַ יידישער סאָציאַליסטישער ברענטש לאַנג האַלטן. צווייטנס, אויב אַ טייל פון זיי טוען זיך שוין אָן אַ כוח און טרעטן אַריין אין דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, איז אָבער די צרה, וואָס גאַר אין אַ קליינער צייט אַרום גייען זיי ווידער אַרויס".[49]

דורך אָפּטימיסטישע ברילן קוקט א. ש. זאַקס. וועלכער זאָגט: „מיט אַ 5־6 יאָר צוריק איז דער צושטאַנד פון דער יידישער באַוועגונג געווען זייער אַ קלעגלעכער". איצט איז אַנדערש: „דער עלעמענט, פון וועלכן די ברענטשעס זיינען געבויט, איז אַ פעסטערער, אַ מער געשטעלטער, ווי אין די פריערדיקע יאָרן. דאָס אויסזען פון די אָרגאַניזאַציעס ענדערט זיך נישט אַזוי אָפּט. מיר געפינען אין יעדן ברענטש אַ געוויסע צאָל (אמת אַ גאַנץ קליינע) איבערצייגטע, 'געסעטלטע' מענטשן, מיט אַ קלאָרן באַגריף איבער דער פּאָליטיק פון לאַנד, שטאַט און שטאָט. זיי בילדן דעם צענטער, אַרום וועלכן עס קלייבן זיך צוזאַ־מען פיל מער אָדער ווייניקער אַנטוויקלטע מענטשן"... „איך האָב דאָ באַ־מערקט, אַז די יידישע אַרבעטער האָבן מערסטנס שוין אַראָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב פון רוסלאַנד און האָבן זיך אַקלימאַטיזירט. מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז זיי האָבן פון זיך אויך אַראָפּגעוואָרפן דאָס יידישע קלייד און האָבן איבערגענומען דעם אויסערלעכן אַמעריקאַנער גלאַנץ. פאַרקערט, איך האָב באַמערקט אַ טיפן נאַציאָנאַל־יידישן באַוואוסטזיין צווישן אונזערע אַמע־ריקאַניזירטע גענאָסן. מען לערנט זיך ענגליש, אָבער מ'פלייסט זיך אויך צו ריידן אַ גוטן יידיש. די יידישע ברענטשעס, וואָס פלעגן אַמאָל זיין די ערי־מקלט פאַר אַלע גרינע, וועלכע האָבן נישט געקענט ריידן ענגליש, זיינען איצט גע־וואָרן יידיש אין זייער גאַנצן אינהאַלט. דאָרטן ווערן באַהאַנדלט נאַציאָנאַל־יידישע פראַגן, קולטורעלע ווי עקאָנאָמישע. עס איז דעריבער באַגרייפלעך פאַר־וואָס מיר באַגעגענען אין אונזערע ברענטשעס נישט בלויז יידיש־שפּרעכנדע, נאָר אַפילו ענגליש־שפּרעכנדע יידן. הונדערטער אַמעריקאַנער געבוירענע גע־הערן איצט צו די יידישע ברענטשעס, און די פעדעראַציע, אַלס אַ יידישע אָרגאַניזאַציע, איז פאַר זיי געוואָרן אַ נויטווענדיקייט".[50]

אין דער דאָזיקער צייט האָבן די יידישע אַרבעטער געהאַט צו פאַרציי־כענען אַ גרויסן טריומף. אין נאָוועמבער 1914 האָבן די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן פון ניו־יאָרקער איסט־סייד צום ערשטן מאָל אויסגעוויילט אַלס זייער פאָרשטייער אין קאָנגרעס דעם סאָציאַליסט מאיר לאָנדאָן. (דער ערשטער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן איז געווען וויקטאָר בערגער פון מילוואָקי, וועל־כער איז צום ערשטן מאָל געוויילט געוואָרן אין יאָר 1910). דער וואַל־זיג אין ניו־יאָרק האָט שטאַרק געהויבן די שטימונג און געוועקט אַ סך האָפענונגען אין די סאָציאַליסטישע רייען. „דער אידישער סאָציאַליסט" (15 נאָוועמבער 1914) שרייבט וועגן דעם נצחון, אַז ער „דאַרף אַריינבלאָזן אַ רוח חיים אין אונזער באַוועגונג. דאָס דאַרף אונז העלפן אין אונזער אַרבעט. דאָס דאַרף

פאַרטרייבן דעם נעבל פון מרה שחורה, די פּעסטיקע לופט אַרום אונז, פון וועלכער אונזער גאַנצער אָרגאַניזם איז אַזוי ווי דורכגעזאַפּט. די יידישע פעדעראַציע האָט דעם שאַנס פון איר לעבן, און מיר דאַרפן, מיר מוזן, אַ, מיר וועלן אים אויסנוצן".

אין לאָנדאָנען האָבן די יידישע אַרבעטער באַקומען אַ גלענצנדיקן פּאַר־שטייער אויף דער אַרענע פון דער מלוכה־פּאָליטיק. אַליין אַן אימיגראַנט, צונויפגעלעבט מיט די יידישע מאַסן, מיט זייערע ליידן און שטרעבונגען, איז ער זיי געווען געטריי איבערגעגעבן ביז גאָר. אַזוי איז אויך געווען זיין גע־טריישאַפט צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער איז געווען אַ שטאָלצער ייד און סאָציאַליסט. מיט זיין גרויסן רעדנער־טאַלאַנט איז ער געווען אַ פּעאיקער און ווירדיקער שליח־צבור אין אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנטן־הויז. ער איז דאָרטן אַרויסגעטרעטן פאַר די אַרבעטער־אינטערעסן, געקעמפט קעגן רעאַק־ציאָנערע געזעצן און באַזונדערס שאַרף באַקעמפט דעם געזעץ, וואָס האָט באַ־שווערט דאָס איינוואַנדערן פון גרויסע פאָלקסשיכטן דורך איינפירן דעם עקזאַ־מען פון קענען לייענען און שרייבן און איז אנגענומען געוואָרן קעגן וועטאָ פון פּרעזידענט ווילסאָן. ער האָט אויך אויסגעדריקט די שטימונגען פון די יידישע אַרבעטער, ווען ער האָט ביז אַמעריקעס אַריינטריט אין קריג — דער איינציקער אין קאָנגרעס — געלאָזט הערן מוטיק זיין שטים קעגן דער מלחמה. אין פּאַס האָניק זיינען אָבער אויך געווען ביטערע טראָפּנס. נישט תמיד האָט ער געהאַנדלט אין הסכם מיטן ווילן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אַזוי איז געווען נאָך אַמעריקעס אַריינטריט אין וועלט־קריג אין יאָר 1917. לאָנדאָן האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען ביים אָננעמען די קריגס־בודזשעטן, בעת די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז ווייטער געווען קעגן קריג און פאַר שאַרפער אָפּאָזיציע. ער איז אויך געווען אין ווידערשפּרוך מיט אַ גרויסן טייל פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס האָט געוואָלט און זיך באַמיט צו פירן אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלע אַרבעט. טיף פאַרבונדן אין געפיל און אנשויאונג מיט דער יידישער אַרבעטערשאַפט, איז ער אָבער געווען פאַר אַסימילאַציע, פאַר אַ שנעלער אַמעריקאַניזירונג און דאָס האָט אים געבראַנגט אין קעגנזאַץ צו דער פעדעראַציע און צו די נאַציאָנאַל־קולטורעלע שטרעבונגען, וואָס האָבן זיך גענומען שטאַרקן אין אַרבעטער־רינג און אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

דער וואַל־זיג פון מאיר לאָנדאָן איז געווען אַ התחלה פאַר ווייטערע סאָציאַליסטישע וואַל־נצחונות אין די ניו־יאָרקער יידישע קוואַרטאַלן אין די נאָענטסטע פאַר יאָר.

די צוויי גרעסטע יוניאָנס פון יידישע אַרבעטער האָבן אָפן דעמאָנסטרירט זייער פאַרבינדונג מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די 12־טע קאָנווענשאָן פון פאַראיין פון דאַמען־שניידער (אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן), וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קליוולאַנד אין יאָר 1914, האָט אין אַ רעזאָלוציע אויפגעפאָדערט אירע אָפּטיילונגען „אומעטום צו העלפן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין איר ציל אָפּצונעמען די רעגירונגס־מאַכט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און צו באַנוצן די דאָזיקע מאַכט צו באַפרייען דעם אַרבעטער־קלאַס פון טיראַניי און לוין־שקלאַפעריי, צו באַקומען פאַר די

אַרבעטער די פולע פרוכט פון זייער האַרעוואַניע און צו גלייכער צייט באַקומען פרייהייט און גערעכטיקייט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט". די זעלבע קאַנווענשאַן האָט אויך אַריינגעפירט אַ פונקט אין דער קאָנסטיטוציע פון דער יוניאָן, אַז פערזאָנען, וועלכע קאַנדידירן פאַר אַן אַמט אָדער האַלטן אַן אַמט אין אַ קאַפּיטאַליסטישער פּאַרטיי, ווערן אויסגעשלאָסן פון דער מיטגלידערשאַפט און פון האַלטן אַ באַצאָלטן אָדער נישט־באַצאָלטן אַמט אין דער אינטערנעשאַנעל, דזשאָינט־באָארד אָדער דיסטריקט־קאָונסיל.

אין די לעצטע וואָכן פון יאָר 1914 האָט סידני הילמאַן, דער פּרעזידענט פון דער ניי־געגרינדעטער יוניאָן פון מענער־שניידער (אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָרקערס אָוו אַמעריקאַ), זיך געווענדט צו דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע וועגן העלפן דער נייער יוניאָן אין קאַמף פאַר איינבירגערן זיך. די פעדעראַציע האָט דאַן אַרויסגעבאָרגט פאַר אַ טור איינעם פון אירע אַקטיווסטע טוער, דעם פּאָפּולערן בונדישן רעדנער מאַקס גאָלדפאַרב.

אין דער זעלבער צייט האָט די דזשאָינט־באָארד פון די קלאָוקמאַכער יוניאָן אין ניו־יאָרק זיך געווענדט צו דער פעדעראַציע, אַז מען זאָל געמיינזאַם אָרגאַניזירן די אויפקלערונג־אַרבעט פאַר די יוניאָן־מיטגלידער. מ'האָט געגרינדעט אַ בילדונגס־קאָמיטעט פוןביידע אָרגאַניזאַציעס און מ'איז צוגעטראָטן איינאָרדענען פאַרלעזונגען, בעיקר וועגן טרייד־יוניאָניזם און אַרבעטער־באַוועגונג.

נישט געקוקט אויף דער דאָזיקער דערנענטערונג צו דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, איז אָבער נישט פאַרשוואונדן אַ געוויסער קעגנזייטיקער אומצוטרוי. מ'האָט געהאַט טענות איינע צו די אַנדערע. אָט איז אַ טיפּישע טענה פון אַ סאָציאַליסטישן טוער — ס. פּ. קרעמער: „פאַר דער וועלט הייסט עס, אַז די היגע יידישע יוניאָנס זיינען סאָציאַליסטיש. ווען מען קוקט זיך אָבער צו, זעט מען, אַז דאָס איז ווייט נישט אמת. דער יידישער יוניאָן־מאַן האָט געהערט אַ סאָציאַליסטישע רעדע, האָט געלייענט אַ סאָציאַליסטישן אַרטיקל און ער איז אָנגעזאַפּט מיט דעם סאָציאַליסטישן גייסט. אָבער וויסן וואָס סאָציאַליזם איז, וויס ער נישט. און דאָס ערשטע רעפאָרם־ווינטעלע, וואָס גיט אַ בלאָז, טראָגט אים אַוועק פון אונז"... „די פירערשאַפט פון די יוניאָנס בלייבט, אַלזאָ, איבער אין די הענט פון אַ הייפעלע מענטשן, צווישן וועלכע עס געפינען זיך פיל, וואָס האָבן אין זינען בלויז איין זאַך — זייערע אייגענע דזשאַבס. מיר האָבן אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט איבער אונזערע יידישע יוניאָנס — די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן. נאָר ווי די יוניאָנס אַזוי איז די צענטראַלע קערפּערשאַפט. אויך זי ווערט רעגירט פון אַ פּאָר מענטשן"[51].

אין דער צייט, ווען ס'האָט אָנגעהויבן זיין טעטיק די פעדעראַציע, האָבן בכלל גענומען זיך שטאַרקן די יידישע שטימונגען צווישן אַ טייל ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע עלעמענטן. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין גרעסערן אינטערעס צו דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעבליט אין אַמעריקע, אין דעם קאַמף פאַר יידישע שולן, ווי אויך אין דער גרויסער הילף־אַרבעט בעת די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין יאָר 1910 האָט א. ליעסין אַלאַרמירט: „צענדליקער יאָרן שוין, ווי די אָרימע אימיגראַנטן־קינדער פילן אָן די קאָלעדזשעס און נעמען צו די

אויסצייכנונגען. וואו זיינען אָבער די אויסגעצייכנטע קאַלעדזש־מחנות אויף דער יידישער גאַס? פאַרוואָס זעט מען זיי נישט און מען פילט זיי נישט? וואו קומען זיי אַהין? מיר האָבן געהאַט די לעצטע צייט גרויסע שטרייקן, וואָס האָבן אויפגערודערט דעם גאַנצן קוואַרטאַל און האָבן אפילו געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצן לאַנד. זיינען עפּעס פיל פון דער אינטעליגענטער היגער יידישער יוגנט פאַראינטערעסירט געוואָרן אין דעם?"... „פאַרוואָס איז בכלל די היגע אינטעליגענטע יידישע יוגנט אַזוי פרעמד צו איר קלאַס, צו איר פאָלק, — צו די בלוטיקסטע אינטערעסן פון איר קלאַס און פאָלק?"... „סיבות זיינען דאָ פאַרשידענע, די הויפּט־סיבה איז אָבער וואָס נאָך אין די סקולס ווערן שוין די קינדער פאַרפרעמדט פון אונז, וואָס פון זייער פריסטער יוגנט לערנען זיי זיך שוין צו פאַראַכטן אונזער שפּראַך, אונזער ליטעראַטור, אונזערע אינטערעסן. און עס מאַכט נישט אויס, וואָס זיי וואוינען מיט אונז אונטער איין דאַך, וואָס זיי זיצן מיט אונז אַפילו ביי איין טיש, עס טיילט אונז אָפּ אַן אָפּגרונט — אַ נשמה־אָפּגרונט"... „און ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען — עס איז אָבער אַזוי. ווען אונזערע קינדער וואָלטן באַקומען אַ גוטע יידישע דערציאונג, וואָלט אויך די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, אפילו די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, נישט געפילט אַזאַ ברענענדיקן הונגער אין אינטעליגענטע קרעפטן".[52]

אין זעלבן יאָר האָט צביון געוואָרנט קעגן אַנטלויפן פון יידישקייט. ער האָט געשריבן: „אונזערע יידישע ראַדיקאַלן, וועלכע שטרעבן אָן זייער גאַנצע ענערגיע צו פאַרהיטן זייערע קינדער פון אַ וואָרט יידישקייט, בויען מיט זייערע אייגענע הענט אַ דיקע וואַנט, וואָס מוז אָפּטיילן דעם יונגן דור אינגאַנצן פון אונז. דער יונגער דור איז אין דער יידישער גאַס אַן אַמעריקאַנער, די יידישע מאַסן זיינען אים פרעמד און ער איז פרעמד די יידישע מאַסן, אין דער אַמעריקאַנער גאַס אָבער איז ער אַ ייד, ער איז פרעמד דעם אַמעריקאַנער און דער אַמעריקאַנער איז אים פרעמד, ווייל ער האָט זיך דאָך דערצויגן און איז אויסגעוואַקסן אין דער יידישער גאַס"... „קענען זיך פיל פון אונזערע יידישע ראַדיקאַלן באַרימען, אַז זייערע קינדער וועלן בלייבן זייערע גייסטיקע יורשים? האָבן מיר עפּעס פיל גוטע סאָציאַליסטן אין יידישן קוואַרטאַל פון דעם נייעם דור, וואָס איז דאָ אויסגעוואַקסן?"[53]

ווען א. ליעסין האָט איבערגענומען די רעדאַקציע פון „צוקונפט", האָט ער אָנגעזאָגט, אַז ער וועט דעם סאָציאַליסטישן חודש־זשורנאַל מאַכן מער יידיש: „אין אַלגעמיין וועלן מיר זען צו מאַכן דעם זשורנאַל פון די יידישע אַרבעטער מער יידיש — מער יידישע אַרטיקלען און בעיקר מער יידיש אין זיין אַלגעמיינעם כאַראַקטער. אַלס יידישער זשורנאַל, דאַרף די 'צוקונפט' האָבן אַ יידישע פיזיאָגנאָמיע, נאַטירלעך, אָן פּאות, אָן אַ באָרד אפילו, אָבער דאָך אַ יידישע פיזיאָגנאָמיע"...[54]

די פאַרשטאַרקטע יידישע שטימונגען זיינען אַמבולטסטן געקומען צום אויסדרוק אין דער באַוועגונג פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן. אַזוי פרי ווי 1906, האָט דער ברענטש 2 פון אַרבעטער־רינג געגרינדעט אין האַרלעם, ניו־יאָרק, די ערשטע סאָציאַליסטישע זונטאָג־שול. די באַוועגונג פאַר זונטאָג־שולן איז געוואַקסן און אויף דער קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג אין 1908 איז אָנגענומען

געװאָרן אַ רעװאָלוציע, אַז „די ברענטשעס זאָלן אויף זיך נעמען די איניציאַטיװ צו גרינדן סאָציאַליסטישע קינדער־שולן, װי עס האָבן שוין געטאָן אייניקע ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג." אין יאָר 1911 זיינען בלויז אין ניו־יאָרק געװען 10 אַזעלכע שולן מיט בערך 1,500 קינדער. מיט דער צייט איז ביי פיל אַנטשטאַנען אַן אומצופרידנקייט פאַרװאָס די שולן האָבן נישט קיין שום יידישן אינהאַלט. די פראַגע איז דאַן אויפגעהויבן געװאָרן אויף די קאָנװענשאַנס פון אַרבעטער־רינג, אָבער די אַסימילאַטאָרישע עלעמענטן האָבן נישט צוגע־לאָזט קיין ענדערונגען. און עס האָט געמוזט אַװעק אַ קנאַפּער צענטליק יאָר ביז דער געדאַנק פון אַ יידיש־װעלטלעכער שול האָט געזיגט אין אַרבעטער־רינג.

יידישע שולן זיינען דאָ שוין פריער געװען. דאָס זיינען אָבער געװען רעלי־גיעזע שולן, תלמוד־תורהס. אין די יאָרן 1909־11 זיינען געעפנט געװאָרן די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן דורך ציוניסטן־סאָציאַליסטן און אַנדערע נאַ־ציאָנאַל־געשטימטע עלעמענטן. די ערשטע יידישע שולן האָבן באַגעגנט אַ װידערשטאַנד נישט בלויז פון די אַסימילאַטאָרישע קרייזן, נאָר אויך פון פרו־מאַקעס, װעלכע האָבן אין די ערשטע יאָרן — און אין געװיסע פאַלן אויך שפּעטער — אַטאַקירט די ניי־געעפנטע שולן מיט שטיינער, באַיקאָט און חרם, געשראָקן די עלטערן און דערגאַנגען די יאָרן די לערער. קעגן די יידיש־װעלטלעכע פאָלקס־שולן איז געשאַפן געװאָרן אַן איינהייטלעכער „פאָלקס־פראָנט" פון „פאָרװערטס" ביז די כלי־קודש. פאַר די ערשטע האָבן זיי נישט געטויגט, װייל זיי זיינען געװען יידיש; פאַר די צװייטע, װייל לויט זייערע באַגריפן זיינען די שולן נישט געװען יידיש. די בויער פון די שולן זיינען אָנגעגאַנגען מיט זייער בויאונגס־אַרבעט און די קעגנער — מיט זייערע אַטאַקעס. אויב מ'האָט די פרומאַקעס געקענט באַטראַכטן, װי אַן „אויסערלעכן שונא", זיינען די קעגנער פון סאָציאַליסטישן לאַגער געװען אייגענע מענטשן, מיט װעלכע מ'האָט צוזאַמען געאַרבעט אויף פאַרשידענע געביטן אין דער אַרבעטער־באַװעגונג. אין יענע צייטן זיינען זיי געװען די גרעסטע מניעה פאַרן שאַפן אַ גרויסן יידיש־װעלטלעכן שול־װעזן. זיי, די אַסימילאַטאָרן און קאָסמאָפּאָ־ליטן, האָבן געקוקט אויף די יידישע פאָלקס־מאַסן בלויז װי אויף קאָנסומערס פון קולטור, אָבער נישט װי אויף שאַפער. זיי האָבן נישט געװאָלט װיסן פון אַ נאַציאָנאַלער יידישער קולטור און נישט געװאָלט געבן די יידישע פאָלקס־מאַסן די מעגלעכקייט צו נעמען אַן אַקטיװן אָנטייל אין שאַפן די דאָזיקע קולטור.

איז כסדר אָנגעגאַנגען דער אידייאישער שטרייט אַרום דעם. שרייבט ב. פייגענבוים; „אָט איז, צום ביישפּיל, דאָ אַ פאָדערונג, אַז די יידישע סאָ־ציאַליסטישע פעדעראַציע זאָל זיך באַטייליקן אין דער 'באַװעגונג', װאָס גייט איצט אָן צװישן די פאַרשידענע סאָרטן יידישע נאַציאָנאַליסטן צו גרינדן נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע סקולס פאַר יידישע קינדער. געװאונען װאָלט דער סאָ־ציאַליזם דערביי זייער װייניק. װייל אין דער דאָזיקער באַװעגונג זיינען נישט אינטערעסירט קיין יידישע 'מאַסן', נאָר אַ הייפעלע (פאַרהעלטניסמעסיק) נאַ־ציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגן. פאַרלוירן װאָלט אָבער דער סאָציאַליזם אַ סך, װייל ער װאָלט אין זיך אַריינגענומען דעם גיפט פון רייסערייען איבער דער

פראַגע צי דאַרף מען בכלל געבן סאָציאַליסטישע קינדער נאַציאָנאַלע דער־ציאונג און אויב יאָ, וועלכן סאָרט נאַציאָנאַלע „דערציאונג".[55]

און פון דער צווייטער זייט הערן מיר אַ פּאַרטיידיקונג פון די יידיש־וועלט־לעכע שולן. שרייבט א. גלאַנץ: „אַז אין אַמעריקע ווערט באַשאַפן אַ נייער וויכטיקער ישוב פאַר דעם יידישן פאָלק זיינען דאָ געגנוג באַווייזן. די יידן קומען אַהערצו להשתקע — צו פאַרבלייבן. דאָס יידישע לעבן שטעלט זיך איין וואָס ווייטער אַלץ מער. אַמעריקע איז שוין בשום אופן נישט קיין אכסניה פאַרן יידישן פאָלק אין זיינע וואַנדערונגען. מיר האָבן דאָ אַ גרויסן יידישן צענטער, אַ פעסטע זיכערע היים. נישט בלויז איין קלאַס פון דער יידישער באַפעלקערונג הויבט זיך אָן צו פילן אַזוי זיכער אין אַמעריקע, נאָר אַלע קלאַסן, פון די יאַהודים ביז דער רוסיש־יידישער דעמאָקראַטיע, פון דער יידישער בורזשואַזיע ביז דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. און איינער פון די וויכטיקסטע סימפּטאָמען פון אָט דעם צושטאַנד איז געוויס די אויפמערקזאַמקייט, וואָס די היגע ראַדיקאַלע יידישע וועלט האָט אָנגעהויבן צו שענקען דער פראַגע פון יידישער דערציאונג"... „איז עס דאָך אַ פאַקט, אַז די מערסטע קינדער פון די יידישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע זיינען ווייט פון די אידעאַלן פון זייערע עלטערן. דער פאָטער, דער סאָציאַליסט, איז ביי זיי אַ גרינהאָרן און זיין סאָציאַליזם איז בלויז אַ סימן פון גרינקייט".[56]

אויף דער טאָג־אָרדנונג פון יידישן לעבן זיינען געשטאַנען אייניקע וויכטיקע פראַגן, אויף וועלכע אויך די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט געדאַרפט געבן אַן ענטפער. זי האָט עס געפּרואווט טון אויף איר צווייטער קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פילאַדעלפיע, אין די טעג פון 28 — 31 מאַי 1915. צו דער קאָנווענשאָן זיינען געקומען 75 דעלעגאַטן מיט שטים־רעכט און 9 מיט באַראַטונגס־רעכט. זיי האָבן רעפּרעזענטירט 48 ברענטשעס פון 37 שטעט אין 13 שטאַטן.

אין באַריכט איז אָנגעגעבן געוואָרן, אַז די פעדעראַציע ציילט צווישן 4,500 און 5,000 מיטגלידער. ס'איז געפירט געוואָרן אַ פאַרשידנאַרטיקע טע־טיקייט. במשך פון באַריכט־פּעריאָד זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן איבערן לאַנד אַ גרעסערע צאָל רעדנער און אָרגאַניזאַטאָרן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען ב. וולאַדעק, מ. ווינטשעווסקי, מ. טערמאַן, א. ש. זאַקס, ש. עפּשטיין, י. ב. סאַלוצקי, י. ב. ביילין, אב. זוסמאַן, מ. לונין, דער אידל פון מיזורי, וו. עדלין, מ. אָלגין, מ. גאָלדפאַרב, א. ליטוואַק.

די דעלעגאַטן האָבן באַהאַנדלט אַ ריי אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּרינציפּיעלע פראַגן. עס זיינען אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן אַרויסצוגעבן דעם אָפיציעלן אָרגאַן וועכנטלעך, וועגן פירן אַן אַרבעט צווישן פרויען און יוגנט. דעם עקזע־קוטיוו איז איבערגעגעבן געוואָרן צו מאַכן באַמיאונגען צו גרינדן אַ סאָציאַ־ליסטישע אָרגאַניזאַציע פון יידישער יוגנט. אין פּרינציפּ איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען דאַרף פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַרן אָנשליסן זיך פון סאָציאַליסטישע אַרבעטער־רינג ברענטשעס און אַנדערע אומפּאַרטייאיש־סאָציאַליסטישע גרופּן אין דער פעדעראַציע. ענדגילטיק זאָל דער ענין באַשלאָסן ווערן דורך אַ רעפערענדום פון די מיטגלידער.

טיפע חלוקי־דעות זיינען געווען וועגן דער פראַגע פון שאַפן יידישע שולן.

די קאָנווענשאָן האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר שאַפן סאָציאַליסטישע שולן. וואָס שייך שפּראַך, קענען זיי זיין סיי ענגלישע, סיי יידישע. דאָס וועלן דאַרפן אנטשיידן אויפן אָרט די דירעקט־פאַראינטערעסירטע. אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע ווערט געזאָגט: „אונזערע ברענטשעס זאָלן זיין פאָלקאָם אויטאָנאָם אין דעם ענין און איינפירן די שפּראַך, וואָס איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט אויף שנעלער צו אַנטוויקלען אונזערע קינדער אין אַ סאָציאַליסטישן גייסט". דער באַשלוס ווערט מאָטיווירט מיט דעם, וואָס צווישן די מיטגלידער זיינען פאַראַן טיפע מיינונגס־פאַרשידנהייטן וועגן דער לערן־שפּראַך.

אַן אָנגענומענע רעזאָלוציע וועגן דער לאַגע פון די יידן אין אייראָפּע דריקט אויס די צופרידנקייט מיט דער אַרבעט פון „נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט", וואָס האָט זיך געגרינדעט אין ניו־יאָרק און פאָדערט אויף די ברענטשעס צו גרינדן אָפּטיילונגען אין לאַנד. די זעלבע רעזאָלוציע באַשטימט אויסצואַרבעטן אַ מעמאָראַנדום צוזאַמען מיטן „בונד" אין רוסלאַנד, מיט דער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין גאַליציע און דער יידישער ס.ד. פעדע־ראַציע אין ענגלאַנד וועגן דער לאַגע פון די יידן אין יענע לענדער, וואו זייערע רעכט זיינען באַגרענעצט. מיט דעם מעמאָראַנדום זאָל מען זיך ווענדן צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אַז ער זאָל קלאָר און דייטלעך אַרויסטרעטן „פאַר די פולע בירגערלעכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע גלייכ־באַרעכטיקונג פון דעם יידישן פאָלק."

אַ רעזאָלוציע וועגן די יוניאָנס זאָגט, אַז „דער עקזעקוטיוו פון דער פע־דעראַציע זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די צענטראַלע קערפּערשאַפטן פון די יוניאָנס און צוזאַמען מיט זיי רעאַגירן אויף אַלע וויכטיקע דערשיינונגען פון דער יידישער אַרבעטער וועלט". די קאָנווענשאָן האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ פאַראייניקונג פון דער ס.פּ. און ס.ל.פּ., ווייל די מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן די צוויי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען שוין פאַרעלטערט און ס'איז מער נישטאָ קיין באַרעכטיקונג פאַר דער שעדלעכער שפּאַלטונג. די קאָנווענ־שאָן האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט פאַר געפינען דעם פּאַסנדסטן וועג „ווי אַזוי צו פאַראייניקן די פאַרשידענע קערפּערשאַפטן, וואָס אַרבעטן פאַרן נוצן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג". ווייטער איז באַשלאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע שפּראַך־פעדעראַציעס צו ווירקן אויף דער ס. פּ., אַז זי זאָל פאַרנעמען אַן אויסגעשפּראָכענע שטעלונג לטובת פרייער איינוואַנדערונג.

וואָס שייך די דעלעגאַטן, זיינען 24 אַריין אין דער באַוועגונג ערשט אין אַמעריקע, בעת 46 זיינען נאָך געווען אַקטיווע סאָציאַליסטן אין דער אַלטער היים. פון די 46 האָבן 31 פריער געהערט צום „בונד", 8 אין דער רוסלענדער ס.ד., 1 — ס.ר., 1 — פּ.פּ.ס., 1 — ליטווישע ס.ד., 1 — סאָציאַליסט־טעריטאָ־ריאַליסט, 1 — סאָציאַליסט־ציוניסט.

י. ב. סאַלוצקי האָט זיך אָפּגעזאָגט ווייטער צו פאַרנעמען דעם אַמט פון סעקרעטאַר. אויף זיין אָרט איז נאָמינירט געוואָרן מאַקס לולאָוו, וואָס איז שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַ רעפערענדום. דער ניי־געוויילטער עקזעקוטיוו איז באַשטאַנען פון מ. אַלגין, ב. וולאַדעק, מ. ווינטשעווסקי, מ. טערמאַן, מרס. האַננאַה סאַלוצקי, מ. לונין, נ. ראַמאַן (נוארק), א. קאַהן (פּע־טערסאָן), ר. גודמאַן (ראָטשעסטער), א. אייבעלסאָן (ניו־הייווען), י. סאָוויץ

(באָסטאָן). דער עקזעקוטיוו האָט אויסגעטיילט אַן אַקציע־קאָמיטעט אָנצופירן די טאָג־טעגלעכע אַרבעט און ער איז באַשטאַנען פון: מ. אַלגין, מ. גאָלד־פאַרב, מ. ווינטשעווסקי, י. ב. סאַלוצקי און ש. עפשטיין. אין רעדאַקציע־קאָ־לעגיע פון אָפיציעלן אָרגאַן זיינען אַריין: י. ב. סאַלוצקי, מ. גאָלדפאַרב און ש. עפשטיין.

אָפּשאַצנדיק די פילאַדעלפיער קאָנוועגשאַן האָט דר. מאַקס גאָלדפאַרב געשריבן, אַז די מאַסע געפינט זיך „אין אַ שטענדיקער באַוועגונג. גרויסע מאַסן קומען אַלע מאָל צו, אַנדערע גייען אַוועק פון דעם יידישן אַרבעטער־לעבן. ווען איך רייד וועגן די, וואָס גייען אַוועק, מיין איך ניט בלויז די, וואָס אַרבעטן זיך אַרויף. איך מיין אויך די טויזנטער יידישע סאָציאַליסטן, וואָס געפינען זיך אין דער ס.פּ., אָבער אויסער דער פעדעראַציע און גאַנץ אָפט אַפילו פיינטלעך געשטימט צו איר. נישט קוקנדיק אויף די אַלע שוועריקייטן איז די פעדעראַציע וואונדערלעך געוואַקסן”[57].

וועגן באַשלוס איבערצולאָזן פרייע הענט אין דער פראַגע פון דער לערן־שפּראַך, זאָגט די רעדאַקציע פון אָפיציעלן אָרגאַן: „מיר דאַרפן האָבן גוטע, ראַציאָנעל געפירטע סאָציאַליסטישע קינדער־שולן. מיר דאַרפן אַ פרייע, ראַ־ציאָנעלע קינדער־דערציאונג. און וואָס שייך צו דער שפּראַך פון דער דערציאונג, איז דאָס אַ פראַגע פון צוועקמעסיקייט און נישט פון פרינציפּ. אונזער ׳יידישקייט׳ ליגט נישט אין דער יידישער שפּראַך און נישט ענגליש איז די ערבות פון אונזער אינטערנאַציאָנאַליזם”[58].

ווי מיר זעען, האָט די רעדאַקציע דערהויבן צו אַ טוגנט די פשרה, וואָס די קאָנוועגשאַן האָט — צוליב די מיינונג־פאַרשידנהייטן — באַשלאָסן על פּי נויט.

אין די יאָרן 1915־17 האָט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פיל אויפמערק־זאַמקייט געשענקט דער פראַגע פון הילף פאַר די יידן אין אייראָפּע און דער שטעלונג צום קריג. אין ביידע פראַגן האָט זי נישט געהאַט קיין קלאָרע, אויסגעהאַלטענע ליניע פון אָנהויב ביזן סוף.

אין 1915 איז געגרינדעט געוואָרן דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט. גלייכצייטיק האָבן די ציוניסטן געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַן אַלגעמיין יידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע. וועגן דאָזיקן געפּלאַנטן קאָנגרעס האָט דער עקזעקוטיוו פון דער פעדעראַציע דעם 1 אויגוסט 1915 באַשלאָסן, אַז „אַלע יידישע סאָ־ציאַליסטן דאַרפן אַרויסטרעטן קעגן דער יידישער קאָנגרעס־באַוועגונג אין איר איצטיקער פאָרם און מיט איר אויסגעשפּראָכענעם פאַרטיי־ציוניסטישן אינ־האַלט”. גלייכצייטיק האָט דער עקזעקוטיוו באַשלאָסן, „אַז אַ צוזאַמענקונפט פון אַלע יידישע אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטן, וואָס ווילן ערנסט און אומפּאַרטייאיש קעמפן פאַר דער פולער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן אין די מלחמה־לענדער, איז נויטיק פאַר דעם דערפאָלג פון דעם קאַמף”.

באַגרינדנדיק די דאָזיקע שטעלונג, זאָגט די רעדאַקציע פון אָפיציעלן אָר־גאַן, אַז די פעדעראַציע איז „קעגן שטעלן די פראַגע וועגן פאַלעסטינע”... „מיר שטייען פאַר גלייכבאַרעכטיקונג, נישט פאַר מאַיאָריזירונג, אָדער דערפאַר, אַז די יידישע מינדערהייט זאָל פאָדערן די אויבערהאַנט איבער דער נישט־יידי־שער מערהייט, ווי דאָס ווילן די ׳ראַדיקאַלע׳ ציוניסטן אין באַצוג צו פאַלע־

סטינע". „מיר ווילן צוזאמענברענגען יעדע באַדייטנדיקע קראַפט אינם יידישן פאָלק. אונז גייט נישט ווער עס איז אָרטאָדאָקסאַל צי ראַדיקאַל, נאַציאָנאַליסטיש צי קאָסמאָפּאָליטיש. מיר באַקעמפן דעם שאָוויניסט און דעם אַסימילאַטאָר שטענדיק און אומעטום. דאָס איז אָבער נישט קיין פּרינציפּן־קאַמף. דאָ האַנדלט זיך וועגן הילף פאַר אַלע יידן, אַפּגעזען ווי זיי האַלטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און אין דעם דאַרפן באַהילפיק זיין אַלע יידן".[59]

די פּועלי־ציון האָבן אַטאַקירט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פאַר איר קעגנערישקייט צום געפּלאַנטן קאָנגרעס. דר. נ. סירקין האָט אין אַ בראָשור פאַרגעוואָרפן דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג „טעמפּקייט און עם־הארצות", קולטורלאָזיקייט, אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל פון פאָלק, „קולטורעלע געפאַלנקייט און גייסטיקע אָפּגעשטאַנענקייט" א. ד. ג.

די יידישע אַרבעטער האָבן זיך גרופּירט אין נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. דעם 29 אויגוסט 1915 איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק אַ קאָנפערענץ, וואו עס זיינען געווען פאַרטרעטן 229 אָרגאַניזאַציעס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון קרוב 200 טויזנט. די קאָנפערענץ האָט אויסגעוויילט 100 דעלעגאַטן צו דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. פון די 100 דעלעגאַטן זיינען 70 געווען סאָציאַליסטן און 30 פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע ריכטונגען. די קאָנווענשאָן גופא איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 4־6 סעפּטעמבער 1915. געקומען זיינען 197 דעלעגאַטן פון 65 שטעט אין 16 שטאַטן. 18 דעלעגאַטן האָבן פאַרטרעטן 8 צענטראַלע קערפּערשאַפטן: די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע, דעם אַרבעטער־רינג, די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון „בונד", „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן, דעם יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, די פּועלי־ציון און סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. פון די פּראָווינץ־דעלעגאַטן זיינען עטלעכע און פופציק געווען סאָציאַליסטן, על פּי רוב פון דער פעדעראַציע און 25 פון די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע ריכטונגען. בכלל האָט די קאָנווענשאָן רעפּרעזענטירט אָרגאַניזאַציעס מיט 360 טויזנט מיטגלידער. אויף דער קאָנווענשאָן האָט זיך אויסגעטיילט אַ מערהייט און אַ מינדערהייט, וואָס זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשידענע פראַגן.

אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע זיינען אויך באַרירט געוואָרן אייניקע שטרייט־פראַגן. דאָרטן ווערט געזאָגט: „די נאַציאָנאַלע אַרבעטער־קאָנווענשאָן פאַרמאַכט נישט אירע אויגן אויף דעם פאַקט, אַז פאַרשידענע שיכטן פון דעם יידישן פאָלק האָבן פאַרשידענע אָנזיכטן וועגן דער יידן־פראַגע און מכות די וועגן זי צו לייזן, און אַז די דאָזיקע אָנזיכטן בילדן די סיבה פון פאַנאַנדערטיילונג צווישן די יידישע פאַרטייען. ס'איז אָבער אויך די איבערצייגונג פון דער קאָנווענשאָן, אַז ס'איז מעגלעך אַ געמיינזאַמע אַרויסטרעטונג פאַר יידישע רעכט אין דער היינטיקער צייט. אַזאַ פּלאַטפאָרם איז: בירגערלעכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג פון יידישן פאָלק אין אַלע לענדער, וואו עס איז באַגרענעצט אין זיינע רעכט". די רעזאָלוציע האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט פאַר אָנטייל נעמען אין די צוגרייטונגען וועגן רופן אַן אַלגעמיינעם יידישן קאָנגרעס בתנאי, אַז עס וועט אויסגעאַרבעט ווערן אַ טאָג־אָרדנונג פאַרן קאָנגרעס אין זין פון דער פריערדיקער רעזאָלוציע. אויב נישט, ציט זיך דער נאַציאָנאַלער

אַרבעטער־קאָמיטעט צוריק פון דעם געפּלאַנטן קאָנגרעס און לאָזט יעדער אָר־גאַניזאַציע איבער אַליין צו באַשטימען פאַר זיך ווי אַזוי צו האַנדלען. די אויסגעווײלטע פאַרוואַלטונג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון 25 מיטגלידער — 17 פון דער מערהייט און 8 פון דער מינדערהייט. שפּעטער זיינען 6 פּועלי־ציוניסטישע מיטגלידער אַרויסגעטרעטן.

די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט דורך 26 דעלעגאַטן, פאָרשטייער פון זייערע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן, זיך באַטייליקט אין אַ קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 16 יולי 1916 אין ניו־יאָרק און האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו באַהאַנדלען פראַגן פון יידישע רעכט. אין איר האָבן זיך באַטייליקט די וויכטיקסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס, אַחוץ די ציוניסטישע. (די לעצטע האָבן זיך גרופּירט אַרום קאָמיטעט פאַר אַ יידישן קאָנגרעס). די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט אויסגעווײלט אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, אין וועלכן אויך דער נאַציאָנאַ־לער אַרבעטער־קאָמיטעט איז געווען פאַרטרעטן. די פירער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן געהאַלטן, אַז אין עצם האָט די קאָנפערענץ פאַר יידישע רעכט זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט, וואָס עס האָט אָנגענומען די לעצטע קאָנווענשאָן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט: אַן אַלגעמיינע יידישע אַרויסטרעטונג פאַר יידישע רעכט, פאָדערן נאַציאָנאַלע רעכט און נישט פאַרנעמען זיך מיט דער פאָדערונג פון אַ יידישער מלוכה אין פּאַלעסטינע.

דעם 11 און 12 פעברואַר 1917 איז ווידער פאָרגעקומען אַ קאָנווענשאָן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. געקומען זיינען קרוב 500 דעלעגאַטן. פאָר־שלאָגן וועגן באַלאַקירן זיך מיט די ציוניסטן אין די וואַלן צום יידישן קאָנגרעס זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן. דער דראַמאַטישסטער מאָמענט איז אָבער געווען ביי אַן אַנדער פראַגע. אויף דער טאָג־אָרדנונג איז געווען אַ פּונקט וועגן שאַפן אַ שטענדיקע יידישע אַרבעטער־פאַראייניקונג. רעפערירט די פראַגע האָט י. ב. סאַלוצקי, וועלכער האָט פאַרטיידיקט די מיינונג, אַז אַזאַ פאַראייניקונג איז אַ נוצלעכע און נויטווענדיקע. די דאָזיקע מיינונג האָט אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקער קעגנערשאַפט מצד די עלעמענטן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער „אַלטער גוואַרדיע". ווידער איז געווען אַ פאַרמעסט צווישן די „אַלטע" און „יונגע", צווישן די קאָנסערוואַטיווע און ראַדיקאַלע, צווישן די אַסימילאַ־טאָרישע און מער נאַציאָנאַלע. געזיגט האָבן די לעצטע. ווען אַ מערהייט האָט אין פּרינציפּ זיך אַרויסגעזאָגט פאַר שאַפן אַ שטענדיקע פאַראייניקונג פון אַלע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, האָבן די קעגנער מיט מאַקס פּיין בראש פאַרלאָזט דעמאָנסטראַטיוו די קאָנווענשאָן. אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע וועגן דער פראַגע איז געזאָגט געוואָרן: „די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונג דאַרף געשאַפן ווערן פאַר דעם אויסשליסלעכן ציל צו טון און דורכצופירן די אַלגע־מיינע אַרבעטן, וואָס עס שטייען אָדער אַנטשטייען פאַר די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע"... „אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַראייניקונג זאָלן קענען אַריין נאָר די צווייגן פון דער באַוועגונג, וואָס אָנערקענען דעם פּרינציפּ פון קלאַסן־קאַמף."

די צווייטע קאָנווענשאָן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט האָט אויך אינדאָרסירט דעם אַנטי־מלחמה־אויפרוף, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזט.

נאָך דער קאָנווענשאָן האָבן די פֿאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפֿטן אויסגעהערט אַ באַריכט פֿון מאַקס פּיין און זיך ארויסגעזאָגט קעגן אָנגענומענעם פּרינציפּ פֿון אַ שטענדיקער פֿאַראייניקונג פֿון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. אייניקע איינצלנע יוניאָנס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר. די „פֿאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן און די אָנפֿירונג פֿון אַרבעטער־רינג זיינען אויך געווען קעגן, במילא איז פֿון דעם באַשלוס גאָרנישט געוואָרן.

בעת די יידישע געווערקשאַפֿטן האָבן מיט ציין און נעגל זיך געווערט קעגן אַ רעפּרעזענטאַטיווער קערפּערשאַפֿט, וואָס זאָל פֿאַרטרעטן די גאַנצע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן זיי געמאַכט באַמיאונגען וועגן שאַפֿן אַ נאַציאָנאַלן פֿאַרבאַנד פֿון אָרטיקע פֿאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפֿטן. בעת דער סעקרעטאַר פֿון די ניו־יאָרקער געווערקשאַפֿטן, טאַקע דערזעלבער מאַקס פּיין, האָט אין נאָמען פֿון זיין אָרגאַניזאַציע געמאַכט די באַמיאונגען צו שאַפֿן אַזאַ פֿאַרבאַנד, האָבן אַ ריי ניו־יאָרקער טרייד־יוניאָן־טוער נישט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן חשק פֿאַר דער זאַך און אויך פֿון דעם איז גאָרנישט געוואָרן.

אין 1916 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון אַ יידישער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. איר אָנהויב איז געווען נאָך אין יאָר 1909. דעמאָלט איז געגרינדעט געוואָרן אַ גרופּע פֿון יידישע יוגנטלעכע אימיגראַנטן, וועלכע זיינען געווען סאָציאַליסטיש געשטימט. די דאָזיקע גרופּע איז געווען אַ טייל פֿון דער אַלגעמיינער יאַנג פּיפּלס סאָשעליסט ליג (איפּסל) און געפֿירט איר טעטיקייט אין דער ניו־יאָרקער איסט־סייד. אין מאַי 1915 האָט די גרופּע אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן שאַפֿן אַ יידישע סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, ווייל „אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע געפֿינט זיך אַ גרויסע יידיש־רעדנדיקע אַרבעטער־יוגנט, וואָס איז גרייט אויפֿצונעמען די אידעאַלן און דעם קאַמף פֿון סאָציאַליזם". יידיש־רעדנדיקע גרופּעס פֿון די איפּסלס האָבן עקזיסטירט אויך אין אייניקע אַנדערע שטעט און ס'איז געקומען דער געדאַנק, אַז זייער טעטיקייט וואָלט געווען אַ מער פּרוכטבאַרע, ווען זיי וואָלטן זיך געשטעלט אין אַ פֿאַרבינדונג צווישן זיך אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דער יידישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַציע. די ניו־יאָרקער גרופּע האָט זיך געווענדט צו דער פֿעדעראַציע אַוועקצושטעלן די פֿראַגע פֿון שאַפֿן יוגנט־גרופּעס אויף דער טאָג־אָרדנונג פֿון דער נאָנטסטער קאָנווענשאָן און זען, אַז אירע ברענטשעס זאָלן אָרגאַניזירן די יידישע יוגנטלעכע אין זייערע שטעט. אין 1916 איז די פֿעדעראַציע שוין געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט 13 אַזעלכע יוגנט־גרופּעס, וואָס האָבן געציילט קרוב טויזנט מיטגלידער. דער עקזעקוטיוו פֿון דער פֿעדעראַציע האָט באַשלאָסן צו שאַפֿן פֿון זיי אַ פֿאַרבאַנד.

סוף סעפּטעמבער און אָנהויב אָקטאָבער 1916 איז אין פֿילאַדעלפֿיע אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע לאַנד־קאָנפֿערענץ. פֿאַרטרעטן זיינען געווען יוגנט־גרופּעס פֿון ניו־יאָרק, נוואַרק, פֿילאַדעלפֿיע, קליוולאַנד, פּיטסבורג און וואַשינגטאָן. די שטאַרקסטע גרופּעס זיינען געווען אין קליוולאַנד און פּיטסבורג. מ'האָט פּראָקלאַמירט די עקזיסטענץ פֿון אַ יידישער סאָציאַליסטישער יוגנט־ליגע אַלס אַ טייל פֿון איפּסל און אונטער דער השגחה פֿון דער פֿעדעראַציע. די לאַנד קאָנפֿערענץ האָט אויסגעוויילט אַן עקזעקוטיוו און אַ סעקרעטאַר (ר. שוואַרץ) און באַשטימט, אַז דער הויפּט־אָפֿיס זאָל זיין אין ניו־יאָרק. וואָס שייך דער

באַציאונג צו דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרלאַנגען די זעלבע מאָס אויטאָנאָמיע, ווי די פעדעראַציע האָט אין דער פּאַרטיי. אויף דער גרינדונג־קאָנפערענץ זיינען געווען 11 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט 800 מיטגלידער. די אַרבעט אין די יוגנט־גרופּעס איז געפירט געוואָרן אין יידיש.

דער פאַרבאַנד פון דער יידישער סאָציאַליסטישער יוגנט האָט געדאַרפט קעמפן פאַר די אויטאָנאָמע רעכט, וואָס מ׳האָט נישט געוואָלט אנערקענען. אין יאַנואַר 1917 איז פאַרגעקומען אַ זיצונג פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער פאָרשטייער פון דער פעדעראַציע, י. ב. ביילין, האָט אויפגעהויבן די פראַגע פאַרוואָס ס׳ווערט נישט געגעבן די פאַרלאַנגטע אויטאָנאָמע רעכט דעם פאַרבאַנד פון די יידישע יוגנט־בּרענטשעס, אַזוי ווי עס האָבן די פעדעראַציעס אין דער פּאַרטיי. אין דער דעבאַטע, וואָס האָט זיך אַרום דער פראַגע אַנטוויקלט, האָט מאָריס הילקוויט געזאָגט, אַז ער קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן יידישע יוגנטלעכע, וואָס זיינען שוין אין לאַנד עטלעכע יאָר און זאָלן נישט קענען קיין ענגליש. די גאַנצע זאַך, הייסט עס, איז איבעריק. דער עקזעקוטיוו האָט די ווענדונג וועגן געבן דעם יידישן פאַרבאַנד רעכט צו פאַרקויפן די אַלגעמיינע שטייער־מאַרקעס פון דער אָרגאַניזאַציע נישט באַפרידיקט, הגם די פּאַרטיי־פעדעראַציעס האָבן אַזאַ רעכט יאָ געהאַט.

אין 1915־16 איז ווידער געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן פאַראייניקן ביידע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די פעדעראַציע האָט אַגיטירט פאַר פאַראייניקונג. כאָטש אין רעפערענדום פון דער ס.פּ. האָבן 19,000 מיטגלידער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר פאַראייניקונג מיט דער ס.ל.פּ. און בלויז 4,000 קעגן, און ס׳איז בלויז געבליבן צונויפצורעדן זיך וועגן די פּרטים פון דער פאַראייניקונג, איז דער ווילן פון דער מערהייט נישט רעאַליזירט געוואָרן.

די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט געדאַרפט פאַרנעמען אַ שטעלונג צום קריג — צו דער וועלט־מלחמה אַלס אַזעלכע און צום אַנטייל פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין איר. אין די טעג פון 5־8 סעפּטעמבער 1915 איז אין צימערוואַלד, שווייץ, פאַרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון אַ ריי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף קעגן קריג, געטאַדלט די בורגפרידן־פּאָליטיק פון אַ צאָל סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און פעסטגעשטעלט, אַז די ביוראָ פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט איר פליכט נישט געטון. דער אויפרוף האָט געפאָדערט צו פאַרענדיקן באַלד די מלחמה אויפן סמך פון קיין שום אַנעקסיעס און פון די רעכט פון די פעלקער אויף זעלבסטבאַשטימונג.

סוף נאָוועמבער 1915 האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען דער עקזעקוטיוו פון דער פעדעראַציע בשותפות מיטן רעדאַקציע־קאָלעגיע. ס׳איז דעבאַטירט געוואָרן צי מ׳זאָל אינדאָרסירן דעם צימערוואַלדער אויפרוף. געווען זיינען אַנהענגער און קעגנער. מיט אַ מערהייט פון אַלע שטימען קעגן 2 איז באַשלאָסן געוואָרן צו אינדאָרסירן די שטעלונג פון דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ. דערביי איז אָבער געמאַכט געוואָרן די באַוואָרעניש, אַז דער ניי־געגרינדעטער אַקציע־קאָמיטעט פון דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ ווערט באַטראַכט ווי אַ צייטווייליקע קערפּערשאַפט און בשום אופן נישט פאַר קיין פּרוּוו צו בויען אַ נייעם אינ־

טערנאַציאָנאַל אין אָפּאָזיציע צום אַלטן. קעגן דער אינדאָרסירונג־רעזאָלוציע האָבן געשטימט אַלגין און גאָלדפּאַרב.

דער „פאָרווערטס" איז אַרויסגעטרעטן אַנטשיידן קעגן דער שטעלונג פון די צימערוואַלדער און קעגן די פאָרמולירונגען פון אויפרוף. דער „פאָרווערטס" האָט דעמאָלט פאַרנומען אַ שטעלונג, וואָס איז באַצייכנט געוואָרן ווי אַ פּראָ־דייטשע. דאָס איז, אגב, געווען אין איינקלאַנג מיט די שטימונגען נישט בלויז פון די דייטשע און עסטרייך־אונגאַרישע יידן, נאָר אויך פון אַ באַדייטנדיקן טייל רוסישע, ליטווישע און פּוילישע יידן, וועלכע האָבן געוואונטשן דער צאַ־רישער רעגירונג אַ מפּלה צוליב אירע נגישות און מעשים־תעתועים, בפרט אין דער מלחמה־צייט. ענלעכע שטימונגען, וואָס זיינען נישט געווען מאהבת־דייטש, נאָר משנאת־צאַריזם, זיינען אויך געווען ביי אַמעריקאַנער יידן.

נאָך דעם ווי די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט איבערגעריסן די דיפּלאָמאַ־טישע באַציאונגען מיט דייטשלאַנד, האָט דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמי־טעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף מיט אַ פּראָ־טעסט און גערופן די אַמעריקאַנער אַרבעטער נישט צו דערלאָזן, אַז אַמעריקע זאָל אַריין אין קריג. צו די אַרבעטער איז געזאָגט געוואָרן: „דערלאָזט נישט, אַז די אַמעריקאַנער נאַציע זאָל אַריינגעשטופּט ווערן אין אַ מלחמה לטובת די קאַפּיטאַליסטישע רויב־אינטערעסן".

דער אַקציע־קאָמיטעט פון דער פעדעראַציע האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט דער שטעלונג פון דער פּאַרטיי און אַליין אויך אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן אויפ־רוף צו די יידישע אַרבעטער. צו זיי איז געזאָגט געוואָרן: „אין די רייען פון די פּראָטעסטירער און קעמפער קעגן דער מלחמה־העצע וועט איר שטיין די ערשטע"... „אַלס יידישע אַרבעטער זיינען מיר אַ טאָפּלטער, אַ פילפאַכער קרבן, ווען ס'פּלאַצט אויס די קללה פון פעלקער־מאָרד. נאָך ווייט זיינען פון פאַרהיילן זיך די וואונדן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, וואָס זיי האָבן באַקומען און קריגן אַריין מיט יעדן טאָג פון דעם ענדלאָזן קריג אויף דער צווייטער זייט ים. און אַ קריג פון די פאַראייניקטע שטאַטן מיט די אייראָפּעאישע מלוכות וועט די וואונדן אומהיילבאַר מאַכן, וועט די שיריים פון די פאָלקס־כוחות גענצלעך פאַרצערן".

ס'איז געקומען פרילינג 1917. און צוויי גרויסע געשעענישן האָבן גע־ענדערט דעם ביז־אַהעריקן גאַנג פון דער געשיכטע.

א. י. שיפּליאַקאָוו



דזשייקאָב פּענקין

הלל ראָגאָף

א. ש. זאַקס

י. באַסקין



ב. וולאַדעק

דר. מ. גורעוויטש

פּ. געליבטער



14. מלחמה און רעוואָלוציע

אַמעריקע אַריין אין קריג. — סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַליזם. — אַנטי־מלחמה־שטעלונג. — רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. — אירע ווירקונגען. — די דריטע קאָנווענשאָן. — די פעדעראַציע און דער „בונד“. — סאָציאַליסטישע וואַלדערפאָלגן. — וואַקלונגען און רעוויזיע. — דורכפאַל פון מאיר לאָנדאָן. — נייע טענער. — געענדערטע שטעלונג צום קריג. — פּרוּוו צו ענדערן די באַציאונג צום ציוניזם. — פראַגן פון שלום־קאָנגרעס. — חלוקי־דעות. — באַרג־אַראָפּ.

אַמעריקע איז אַריין אין קריג און געוואָרפן איר גרויסע עקאָנאָמישע און מיליטערישע מאַכט אויף דער זייט פון דער אַנטי־דייטשער קאָאַליציע. דאָס איז געווען אין דריטן יאָר פון דער וועלט־מלחמה. די מאַסן אין אַלע לענדער זיינען שוין געווען מיד פון קריג און פיל האָבן זיך געהאַט אויסגעניכטערט פון זייער הורא־פּאַטריאָטיזם. די יידישע אַרבעטער, אַלס סאָציאַליסטן און יידן, האָבן קיין באַגייסטערונג פאַר אַמעריקעס אַקטיוון קריג־אָנטייל נישט געקענט האָבן.

דעם 11 מערץ 1917 איז אין „פאָרווערטס“־האָל פאָרגעקומען אַ גרויסע אַרבעטער־קאָנפערענץ, וואָס די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט גערופן און איז אינדאָרסירט געוואָרן דורך דעם אַרבעטער־רינג, פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן און אַמאַלגאַמייטעד־יוניאָן. דאָס איז געווען ערב אַמעריקעס אַריינטריט אין קריג. די יידישע אַרבעטער־קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן קריג און אויסגעוויילט אַן אַקציע־קאָמיטעט צו פירן אין דעם גייסט אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישע און פּאָליטישע קאַמפּאַניע. אין דער אָנגענומענער דעקלאַראַציע זיינען געשילדערט געוואָרן די שרעקלעכע פאָלגן פון די איבערדריטהאַלבן יאָר מאַסן־מאָרד אויף די שלאַכטפעלדער. דער אויספיר איז געווען:
„מיר זיינען קעגן קריג, נישט ווייל מיר האַלטן מיט דעם אָדער יענעם צד פון די קריג־פירנדיקע גרופּן. מיר זיינען קעגן קריג בכלל. מיר זיינען נישט קיין פּראָ־דייטש און נישט קיין פּראָ־עליִיס. מיר זיינען פּראָ־פּראָלעטאַריאַט“.
אין דער דעקלאַראַציע איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן פאַרוואָס יידן דאַרפן באַזונדערס זיין קעגנעריש צום קריג: ווייל „יעדעס מאָל, ווען דער שאָוויניזם שפּרייט אויס זיינע פליגלען, ליידן די יידישע מאַסן, די אייביק געיאָגטע און פאַרפאָלגטע, מער ווי אַלע אַנדערע. אַזוי ווי יעדע רעאַקציע רופט זיך פריער פון אַלץ אָפּ אויף די יידישע מאַסן, זיינען די יידישע אַרבעטער נאָך מער ווי אַלע אַנדערע פאַראינטערעסירט אין קאַמף קעגן קריג, אין קאַמף קעגן מיליטאַריזם“.

דעם 25 מערץ פון זעלבן יאָר זיינען זיך צונויפגעקומען די ניו־יאָרקער ברענטשעס פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע און אויך גענומען אַן אויסגעשפּראָכן אינטערנאַציאָנאַליסטישע אַנטי־מלחמה־שטעלונג. די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַלע שטימען קעגן 2, זאָגט:
„מיר שטייען אויפן באָדן פון אינטערנאַציאָנאַליזם, מיר האַלטן נישט מיט קיי־

נעם פון די צדדים"... „קיין בורג־פרידן מיט דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, נישט פאַרן קריג, נישט אין דער צייט פון קריג. קיין באַווייליקונג פון קריגס־קרעדיטן".

אַזאַ שטימונג איז געווען נישט בלויז צווישן די יידישע סאָציאַליסטן, נאָר צווישן דער מערהייט אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן בכלל. אין אַפּריל 1917 איז אין סט. לואיס פאָרגעקומען אַ קאָנווענשאַן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און די מערהייט האָט פאָרמולירט אַן אנטשידענע אַנטי־מלחמה־שטעלונג. די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט געשטיצט די שטעלונג פון דער מערהייט, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן מיט 104 שטימען קעגן 39. מאיר לאָנדאָן, דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן, האָט אָבער אין קאָנגרעס נישט געהאַנדלט אין הסכם מיט דער רעזאָלוציע פון דער סט. לואיסער פּאַרטיי־קאָנווענשאַן און מיטן בפירושן ווילן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען ביים באַווייליקן דעם ביל פאַר אַ קריגס־הלוואה פון 7 ביליאָן דאלער. די אָנגענומענע פּאַרטיי־רעזאָלוציע, וואָס עס האָט באַגרינדעט מאָריס הילקוויט, זאָגט צווישן אַנדערן: „מיר שטעמפּלען די מלחמה־דערקלע־רונג פון אונזער רעגירונג אַלס אַ פאַרברעך קעגן פאָלק פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קעגן די נאַציעס פון דער גאַנצער וועלט". די אַרבעטער זיינען גערופן געוואָרן צו „אַ סיסטעמאַטישער, אַקטיווער און עפנטלעכער אָפּאָזיציע צו מלחמה. זיי זאָלן עס טון דורך דעמאָנסטראַציעס און אַנדערע מיטלען, וואָס ליגן אין אונזערע כוחות". „מיר רעקאָמענדירן אונזער קאָנווענשאַן זאָל אינ־סטרואירן אונזערע געוויילטע פאָרשטייער אין קאָנגרעס, אין די לעגיסלאַטורן און אין לאָקאַלע אַנשטאַלטן צו שטימען קעגן אַלערליי פאַרגעשלאָגענע באַשטי־מונגען אָדער הלוואות פאַר דער אַרמיי, פלאָט און אַנדערע מלחמה־צוועקן". אויך דער גרעסטער טייל פון דער מינדערהייט איז נישט געווען פאַר אַמע־ריקעס באַטייליקונג אין קריג. ביים שלוס פון דער קאָנווענשאַן האָבן 60 דע־לעגאַטן, צווישן זיי 50 פון דער מערהייט, אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג וואָס איז געווען אַ פאַקטישע אָפּשוואַכונג פון דער אָנגענומענער רעזאָלוציע.

ערב אַמעריקעס אַריינטריט אין קריג האָבן די פאָלקס־מאַסן פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קייטן פון צאַריזם. אין מיטן בלוטיקן גרעאַנגל אויף די שלאַכט־פעלדער, האָבן זיי באַזייטיקט דעם אומפעאיקן און פאַרהאַסטן רעזשים פון צאַר. די זון פון פרייהייט האָט אַ שיין געטאָן איבער די אונטעראָכטע פאָלקס־מאַסן. די פרייד, וואָס די רוסלענדער רעוואָ־לוציע האָט אַרויסגערופן, האָט אָנגעפילט אויך די הערצער פון די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־שיכטן אין אַמעריקע. זיינען דאָך אַ גרויסער טייל פון זיי אַליין געווען קרבנות פון אַראָפּגעוואָרפענעם צאַרישן רעזשים. זיינען דאָך ביי הונדערטער טויזנטער אימיגראַנטן נאָך געווען פריש די זכרונות פון זייער אַל־טער היים. די רוסלענדער רעוואָלוציע און אַמעריקעס אַריינטריט אין קריג האָבן אַ קירעווע געטון דעם גאַנג פון דער געשיכטע אין באַשטימטע ריכטונגען און געהאַט זייערע באַלדיקע און שפּעטערדיקע ווירקונגען אויף פאַרשידענע געביטן פון לעבן.

אויך די יידישע גאַס אין אַמעריקע איז נישט געבליבן פאַרשוינט פון אָט די ווירקונגען. פון איין זייט איז די יידישע באַפעלקערונג אַלץ מער און מער

איינגעשפּאַנט געוואָרן אין מלחמה־וואָגן. די יוגנט איז אַוועק אויף די פראָנטן. אַ געמיש פון אַמעריקאַנער פּאַטריאָטיזם, אומרו און טרויער האָט זיך אַריינ־געריסן אין די יידישע היימען. פון דער צווייטער זייט האָט אין די אָרימע קוואַר־טאַלן דער געדאַנק כסדר זיך אָפּגעריסן פון דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט און איז געפלויגן איבערן אָקעאַן צום לאַנד פון רעוואָלוציע. נישט בלויז דער געדאַנק. אַ צאָל סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע טוער האָבן אויך דעם גוף אַוועקגעטראָגן צום מזרח, וואוהין עס האָט זיך געריסן זייער נשמה. די פעדעראַציע האָט אַוועקגעגעבן אייניקע פון אירע אַקטיווע טוער, ווי א. ליט־וואַק, מ. טערמאַן, מ. גאָלדפּאַרב און אַנדערע.

אונטער דער ווירקונג פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע, האָט די פעדעראַציע געביטן איר שטעלונג צו אייניקע פראַגן. אַזוי, למשל, איז זי שוין איצט אַרויס־געטרעטן קעגן דעם רעקלאַמירטן יידישן קאָנגרעס ווייל: „ערשטנס, האָט דער קאָנגרעס אין אַ גרויסער מאָס פאַרלוירן זיין באַדייטונג. די רוסישע רעוואָלוציע האָט געגעבן יידן גלייכע רעכט אין רוסלאַנד. זי האָט געמאַכט אַ סך זיכערער אונזערע אויסזיכטן אויף גלייכבאַרעכטיקונג אין פּוילן און רומעניע. און וואָס שייך נאַציאָנאַלע רעכט, איז עס פּאַר די רוסישע יידן איצט נישט קיין פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, נאָר פון אינעווייניקסטן קאַמף אין דעמאָקראַ־טישן רוסלאַנד גופא"... „די וויכטיקסטע פראַגע אויפן קאָנגרעס וועט איצט געוויס זיין פּאַלעסטינע. און יידן, וואָס זיינען נישט קיין ציוניסטן, האָבן נישט קיין אינטערעס צו גיין אויף אַזאַ קאָנגרעס".[60]

נישט בלויז די פעדעראַציע, נאָר די גאַנצע יידישע אַרבעטער־באַווע־גונג האָט זיך צוריקגעצויגן פון געפּלאַנטן קאָנגרעס. דעם 27 מאַי 1917 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון דער פעדע־ראַציע, אַרבעטער־רינג, פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאַן און אַ ריי יוניאָנס. מיט 117 שטימען קעגן 5 איז אַקצעפּטירט געוואָרן דער באַשלוס פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט נישט צו באַטייליקן זיך אין קאָנגרעס. די זעלבע קאָנפערענץ האָט מיט 75 שטימען קעגן 5 באַ־שלאָסן, אַז דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט זאָל זיך נישט פאַנאַנדערלאָזן כל־זמן עס וועט דויערן די מלחמה. אין שייכות מיטן אָפּזאָג פון דער יידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג אָנטייל צו נעמען אין קאָנגרעס, האָט די נאַציאָנאַ־ליסטישע פּרעסע פאַנאַנדערגעפּלאַקערט אַ ווילדע אַנטי־סאָציאַליסטישע העצע. און די פּועלי־ציון האָבן דערביי געשפּילט די ערשטע פידל. איינער פון די דעמאָקראַטיקע אַקטיווע סאָציאַליסטישע און טרייד־יוניאָן־טוער, יוסף שלאָסבערג, האָט וועגן דעם געשריבן: „אין דעצעמבער 1916 בין איך דערקלערט געוואָרן אַלס שווינדלער. אין מאַי 1917 — אַלס פאַרעטער. ווייטער, דאַכט זיך, קענען שוין די פּועלי־ציון נישט גיין".[61]

אין די טעג פון 26־30 מאַי 1917 האָט די פעדעראַציע אָפּגעהאַלטן אין ניו־יאָרק איר דריטע קאָנווענשאַן. געווען זיינען דעמאָלט צווישן 5 און 6 טויזנט גוטשטייענדיקע מיטגלידער און קרוב הונדערט בראַנטשעס. אין די ביכער האָבן פיגורירט 8 טויזנט מיטגלידער. די טאָג־אָרדנונג פון דער קאָנווענשאַן איז געווען אַ רייכע:

1. די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צו דער איצטיעקר לאַגע — רעפערענט מ. אַלגין.
2. די יידישע לאַגע אין איצטיקן מאָמענט — צביון.
3. די מעטאָדן פון אונזער וואַל־אַגיטאַציע — א. ליטוואַק.
4. די פאָרמען פון אונזער אָרגאַניזאַציע — א. ליטוואַק.
5. די סאָציאַליסטישע קאָנטראָל איבער דער פּרעסע — י. ב. סאַלוצקי.
6. די פּאַרטיי און די שפּראַך־פעדעראַציעס — מ. לולאָוו.
7. דער איינפלוס פון די סאָציאַליסטן אויפן עקאָנאָמישן קאַמף.
8. קולטור־צענטער — א. ליטוואַק.
9. וועגן אַ פּערמאַנענטער פאַראייניקונג צווישן אַלע צווייגן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — י. ב. סאַלוצקי.

אין דער קאָנווענשאָן האָבן זיך באַטייליקט 130 דעלעגאַטן. געקומען באַגריסן זיינען פּאַרטיי־פאָרשטייער און סאָציאַליסטישע פירער. אייניקע רעדעס זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די בליקן פון די פּאַרטיי־פאָרשטייער בנוגע דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער סאָציאַליסטישער פאָרשטייער אין דער אַסעמבלי פון שטאַט ניו־יאָרק, וויטהאָרן, האָט געזאָגט: „די יידישע סאָציאַ־ליסטישע פעדעראַציע איז פאַר די, וואָס קענען נישט קיין ענגליש. די פעדעראַציע דאַרף זיי מאַכן פאַר סאָציאַליסטן און צוגרייטן זיי אַז זיי זאָלן ווערן מיטגלידער פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַזוי שנעל, ווי זיי לערנען זיך אויס ענגליש. אין דעם זע איך די וויכטיקייט פון דער פעדעראַציע. פּונקט ווי איך זע די וויכטיקייט פונם 'פאָרווערטס' אין דעם, וואָס ער דערציט זיינע לייענער, אַז זיי זאָלן דעם 'פאָרווערטס' אויפהערן צו לייענען און אָנהויבן צו לייענען די 'קאָל'". לאָרע, וואָס האָט באַגריסט אין נאָמען פון דער דייטשער „פאָלקס־צייטונג", האָט גערופן צו אַ צוזאַמענאַרבעט, „כדי צו פאַרטיידיקן די עקזיסטענץ פון די שפּראַך־פעדעראַציעס, ווייל אין דער פּאַרטיי געפינען זיך איצט פיל געגנאָסן, וועלכע שטרעבן אָפּצושאַפן די פעדעראַציעס אָדער מאַכן אוממעגלעך זייער טעטיקייט". אַלדזשערנאָן לי, וועלכער האָט באַגריסט אין נאָמען פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער ס. פּ., האָט אין די שפּראַך־פעדעראַציעס געזען דעם „אמתן אויסדרוק פון ברידערלעכן צוזאַמענ־לעבן און אינטערנאַציאָנאַליזם".

פון די יידישע רעדנער האָט ב. פייגענבוים נאָך אַלץ געזען די הויפּט־אויפגאַבע אין אָפּגעוואוינען די מאַסן פון אַלע „נאַציאָנאַלע איינרעדעניש". דאַקעגן מ. ווינטשעווסקי האָט געוואָלט, אַז די פעדעראַציע זאָל זיך פאַרוואַנד־לען אין אַן אַמעריקאַנער „בונד". א. ליטוואַק האָט געזאָגט, אַז „עס זיי־נען פאַראַן צוויי געפאַרן. איינע שטאַמט פון דער מיינונג פון געגנאָסע וויט־האָרן און די צווייטע פון דעם ציוניסטישן פליגל. כ'וויס, מיר האָבן גענומען דעם ריכטיקן וועג. מיר זיינען אַריין אינם יידישן וועלטל, ווי סאָציאַליסטן. מיר האָבן אָנגענומען דעם דופק פון די מאַסן, אויפגעכאַפּט דעם געזונטן חוש פון דער גרויסער פּראָלעטאַרישער מאַסע"... „מיר זיינען אַ סך מער ווי אַ חדר אויסצולערנען די מאַסן ענגליש"... „דווקא די יידן, וואָס גייען אַריין אין ענגלישע ברענטשעס, האַנדלען אָפט אין יידישע פראַגן העכסט נאַציאָנאַליסטיש. אַזוי איז געווען מיט דער קאָנגרעס פראַגע. דאָרטן איז אין יידישע פראַגן

קיין קאָנטראָל נישטאָ. איך וויל אייך דערמאָנען, אַז כל־זמן מיר זיינען געווען אַ חדר, האָבן מיר גאָרנישט געקענט אויפטון. אַ ראיה די געוועזענע אַגיטאַציע־ביוראָ".

נאָך עטלעכע טעג אַרבעט האָבן די דעלעגאַטן אָנגענומען באַשלוסן וועגן אַ ריי פראַגן. איינשטימיק האָבן זיי אינדאָרסירט די רעזאָלוציע קעגן קריג וואָס די קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט אָנגענומען אין סט. לואיס. אין דער אייגענער רעזאָלוציע האָט די קאָנווענשאָן פון דער פּע־דעראַציע פאַראורטיילט די בורזש־פרידן־פּאָליטיק פון דער אַמעריקען פעדעריי־שאָן אָוו לייבאָר און דערקלערט, אַז „יעדער גענאָסע, וועלכער ווערט אַ מיט־גליד פון וועלכן עס איז פאַרבאַנד, ליגע אָדער סאָסייעטי, וועמענס צוועק איז העלפן דעם מיליטאַריזם און פאַרשטאַרקן די רעאַקציע אונטערן אויסרייד פון פּאַטריאָטיזם — שטעלט מיט דעם גופא זיך אַליין אויסער די רייען פון דער יידישער פעדעראַציע און פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי בכלל". אין שייכות מיט דעם האָט די קאָנווענשאָן אויסגעדריקט דעם סאָציאַליסטישן קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן אַנערקענונג „פאַר זיין ענערגישע און אומדערמידלעכע אַרבעט צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס", אָבער „די קאָנווענשאָן — זאָגט ווייטער די רעזאָלוציע — קען זיך דערביי נישט צוריקהאַלטן אויסצו־דריקן איר באַדויערונג וואָס גענאָסע לאָנדאָן האָט געשטימט 'פּרעזענט' וועגן דער 7־ביליאָניקער הלוואה", וויל „עס וואָלט געווען טאַקטישער און אויך מער אין איינקלאַנג מיט דעם גייסט פון דער פּאַרטיי, ווען גענאָסע לאָנדאָן וואָלט אויסדריקלעך געשטימט קעגן דער הלוואה".

כמעט איינשטימיק איז אינדאָרסירט געוואָרן די שטעלונג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט קעגן באַטייליקן זיך אין קאָנגרעס.

מער צעטיילט זיינען געווען די דעלעגאַטן אין דער פראַגע פון קינדער־שולן. די מערהייט פון דער ספּעציעלער קאָנווענשאָן־קאָמיסיע האָט רעקאָ־מענדירט צו גרינדן סאָציאַליסטישע קינדער־שולן אין יידיש. און מען זאָל אויך פאָדערן, אַז אין די שטעט מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג זאָל מען לערנען די יידישע שפּראַך אין די פּאַבליק־סקולס. די מינדערהייט פון דער קאָמיסיע האָט פאָרגעלייגט צו בלייבן ביים אַלטן באַשלוס, אַז די ברענטשעס אויף די ערטער זאָלן אַליין באַשטימען וועגן דער לערן־שפּראַך — יידיש אָדער ענגליש. אויף דער קאָנווענשאָן איז אַדורך דער פאָרשלאָג פון דער קאָמיסיע־מינדערהייט. דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן מיט 40 שטימען קעגן 22.

אַן אָנגענומענע רעזאָלוציע האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר ווייטער מאַכן באַ־מיאונגען צו שאַפן אַ שטענדיקע פּערמאַנענטע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל פאַר־אייניקן די פאַרשידענע צווייגן פון דער באַוועגונג. ווי שוין פריער דערמאָנט, האָט דער געדאַנק פון אַזאַ פאַראייניקונג אָנגעטראָפן אויף אַ שאַרפער קעג־נערשאַפט ביי אַנדערע טיילן פון דער באַוועגונג. די אָנהענגער פון אַ פּער־מאַנענטער קערפּערשאַפט האָבן געטענהט, אַז זי איז אומבאַדינגט נויטיק, ווייל אַניט באַשטימען וועגן וויכטיקע פראַגן יחידים, „פּראָמינענצן". די קעגנער האָבן געטענהט, אַז זיי ווילן נישט קיין שטענדיקע אַלגעמיינע אָנפירנדיקע קער־פּערשאַפטן, „פּערמאַנענצן". אין דער היץ פון דער דיסקוסיע פלעגן מאַנכע, צוליב דער ענלעכקייט פון די צוויי פרעמד־ווערטער, פאַרבייטן די יוצרות.

די ניו־יאָרקער קאָנווענשאָן פון דער פעדעראַציע האָט אויך אָנגענומען אַ וואַרימע באַגריסונג צום „בונד". אין איר איז געזאָגט געוואָרן: „דער 'בונד' האָט אין אַלע שווערע מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג און יאוש הויך געטראָגן די פאָן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און איז מיט זיין גייסטרייכער טעטיקייט און אומאויפהערלעכן רעוואָלוציאָנערן קאַמף געווען פאַר אונז אַן עמוד־האש און אומדערשעפּלעכער קוואַל פון מוט, גלויבן און באַגייסטערונג פאַר אונזער אידייע"...

ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן האָבן די יידישע סאָציאַליסטישע וואָרט־פירער זיך אומגעקערט צו דער פראַגע „בונד" — פעדעראַציע. מ'האָט געמאַכט פאַרגלייכונגען. מ'האָט געפּראוווט ווייזן מיט וואָס ביידע זיינען ענלעך און מיט וואָס זיי אונטערשיידן זיך. מ'האָט געזוכט צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע ווי אַזוי דאַרף אויסזען דער בונדיזם אויפן אַמעריקאַנער באָדן.

צביון, וואָס האָט אין אויגוסט 1917 איבערגענומען פון סאָלוצקין דעם רעדאַקטאָר־אַמט פון וואָכנבלאַט „די נייע וועלט", האָט דאָרטן וועגן דעם גע־שריבן: „די פעדעראַציע האָט דאָ זיך נישט געקענט אַנטוויקלען אין אַן אַמע־ריקאַנער 'בונד', ווייל עס פעלט איר דער באָדן און די באַדינגונגען צו דעם. מען קען אפשר זאָגן, אַז זי האָט געקענט זיין מער, ווי זי איז, אָבער קיין 'בונד' האָט זי נישט געקענט ווערן ווען זי וואָלט אַפילו געשטרעבט צו דעם"... „נאָך מיט אַ יאָר עלף צוריק זיינען אין אַמעריקע — מיט ווייניקע אויסנאָמען — נאָך נישט געווען קיין יידישע סאָציאַליסטן, ס'זיינען בלויז געווען יידיש־שפּרעכנ־דע סאָציאַליסטן". מיטן קומען פון דער פעדעראַציע איז געשען אַן ענדערונג. „מען האָט פּרובירט דעם אַבסטראַקטן סאָציאַליזם אָדער ריכטיקער געזאָגט — דעם סתם סאָציאַליזם, וואָס איז אויסער רוים און צייט, צו מאַכן מער קאָנקרעט, מער ממשותדיק און ענגער פאַרבונדן מיט דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון די יידישע מאַסן"... „די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס איז נישט קיין איינהייטלעכע, זי איז צווייפגעשטעלט פון פאַרשידענע גרופּן און עס גייט אַן אַ קאָנקורענץ פאַר מאַכט און איינפלוס. און אויסער די גרופּן קומען איינצלנע פּערזאָנען. דער פּערזענלעכער עלעמענט אין דער באַוועגונג שפּילט אין אַמעריקע בכלל אַ גרויסע ראָל, און נאָך אַ גרעסערע ראָל שפּילט ער אין אונזער יידישער אַמעריקע"... „די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע דאַרף אויף אַ מאָמענט נישט פאַרגעסן, אַז איר ציל איז נישט צו זיין אַ יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ, נאָר די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער".[62]

דאָס יאָר 1917 האָט זיך דערנענטערט צום סוף. פון די לאַנגע טומלענישן אַרום די יידישע פראַגן איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. די אַלע טעאָרעטישע בנינים זיינען איינגעפאַלן ווי ביידלעך בעת אַ שטורם. דאָס צונויפרופן דעם יידישן קאָנגרעס איז אָפּגעלייגט געוואָרן. דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמי־טעט האָט אויסגעהויכט זיין אָטעם. נישט בלויז אַ פּערמאַנענטע פאַראייניקונג פון אַלע צווייגן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט מען נישט גע־וואָלט, — נאָר אַפילו אַ פּראָוויזאָרישע איז שוין פאַר אַ טייל געווען צו פיל.

די אומצופרידנקייט מיט דער מלחמה איז געשטיגן. די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז געפאַלן אויף אַ גוטן באָדן. אין נאָוועמבער 1917 האָבן די סאָציאַליסטן אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן וואַל־נצחון. זיי האָבן דורכגעפירט 11 אַסעמב־

לימענער פון דער שטאַט־לעגיסלאַטור, 7 אַלדערמענער פון דער שטאָט ניו־יאָרק און 1 ריכטער. סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן זיינען געוויילט געוואָרן אויך אין אַנדערע שטעט. און אומעטום האָט די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע אַקטיוו זיך מיטבאַטייליקט אין דער וואַל־קאַמפּאַניע. די יידישע סאָציאַליסטן האָבן אין יענער צייט געהאַט צו פאַרצייכענען נאָך אַ דערגרייכונג: דאָס וואָכנבלאַט „די יידישע אַרבייטער וועלט" אין שיקאַגאָ איז אין אָקטאָבער 1917 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעגלעכע יידישע סאָציאַליסטישע צייטונג אונטערן נאָמען „די וועלט". (דערשינען ביז סוף 1918, ווען איר פּלאַץ האָט פאַרנומען דער שיקאַגער „פאָרווערטס").

די קללה פון נישט־איינהייטלעכקייט, פון פּרינציפּלאָזן אָפּאָרטוניזם, פון צעקריגטקייט און צעריסנקייט האָט אַלץ נישט אָפּגעלאָזט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. ס'איז פאָרגעקומען די קאַנווענשאַן פון דער אַמעריקען פעדערײשאַן אָוו לייבאָר. די דעלעגאַטן פון די יידישע יוניאָנס האָבן אין דער וויכטיקער פראַגע פון באַציאונג צום קריג נישט געהאַט קיין איינהייטלעכע שפּראַך. טייל יידישע דעלעגאַטן זיינען אַרויסגעטרעטן קעגן דער בורזש־פרידן פּאָליטיק פון פּרעזידענט פון דער פעדערײשאַן, גאָמפּערס, אַן אַנדערער טייל האָט עס נישט געוואָלט טון. גאָמפּערס און אַ ריי אַנדערע האָבן געשאַפן אַן „עלייענס פאַר לייבאָר ענד דעמאָקראַסי", וואָס האָט געפירט אַ וויסטע העצע קעגן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און יענע יוניאָנס, וואָס האָבן נישט געוואָלט מיטמאַכן די הורא־פּאַטריאָטישע פּאָליטיק. נישט וועלנדיק איינרייסן מיט גאָמפּערסן, האָבן טייל פירער פון די יידישע יוניאָנס זיך אָפּגעזאָגט אַרויסטרעטן קעגן דער אַלייענס. דעם 21טן דעצעמבער 1917 האָט דער עקזעקוטיוו פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן וועגן דעם ענין אַ דערקלערונג, וואָס פאַראורטיילט די האַלטונג פון אַ טייל יידישע טרייד־יוניאָן־פירער. די דערקלערונג פאַרענדיקט זיך מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „זיין סאָציאַליסטן מיינט נישט האַלטן ראַדיקאַלע רעדעס ביי יידישע קאָנפערענצן און מה יפיתדיק שווייגן, ווען מען קומט אין באַרירונג מיט די רעאַקציאָנערן פון די נישט־יידן".

דאָס איז געווען אי אַ פּרינציפּיעלער, אי אַ ביטערער פּראַקטישער ענין. די גרויסע מערהייט יידישע אַרבעטער איז געווען איינגעשטעלט קעגן קריג. האָט מען זיי אין געוויסע קרייזן פאַרגעוואָרפן פּאַציפיזם, פּראָ־דייטשישקייט און אַנטי־אַמעריקאַנישקייט. אין מאַנכע יוניאָנס פון די בוי־ און מעטאַל־פּאַכן, וואו יידישע אַרבעטער זיינען געווען אויסגעמישט מיט נישט־יידישע, זיינען יידישע אַרבעטער פּשוט טעראָריזירט געוואָרן און נישט געקענט אַרויסברענגען פאַרוואָס אייגנטלעך זיי זיינען נישט באַגייסטערט פאַר דער מלחמה. אין די יידישע לאָקאַלן פון אַזעלכע געמישטע יוניאָנס, וואו מ'האָט פריער געפירט פאַרזאַמלונגען אויף יידיש, גערעדט און געפירט פּראָטאָקאָלן אויף יידיש, האָט מען עס פאַרבאָטן ווייטער צו טון. אַ באַפעל איז געקומען, אַז יידישע אַרבעטער טאָרן זיך נישט אויפפירן אַנדערש. מ'האָט נישט געלאָזט זיך פאַרנעמען מיט יידישע געזעלשאַפטלעכע פראַגן. מ'האָט געפּרוווט שאַפן אַ שטימונג, אַז יידישע אַרבעטער זיינען נישט לאָיאַל צום לאַנד. צוליב דעם אַלעם האָט שטאַרק ווי געטאָן פאַרוואָס טייל יידישע יוניאָן־פירער האָבן נישט געהאַט קיין מוט

און נישט דערפילט זייער עלעמענטאַרע פליכט אַרויסצוטרעטן קעגן דעם שאָ־וויניזם אין די יוניאָן־רייען.

וואָס שייך דער באַציאונג צום קריג האָבן טייל סאָציאַליסטן שפּעטער געענדערט זייער שטעלונג. אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז געפירט געוואָרן אַ דיסקוסיע. אַ ריי יידישע יוניאָנס האָבן אָפּגעגעבן פאַרשידענע דערקלערונגען, וואָס האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט דער האַנדלונג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. אין די ערשטע וואָכן פון 1918 האָבן די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן פון ניו־יאָרק דערקלערט, אַז זיי אונטערשטיצן די שטעלונג פון אַמעריקאַנער פּרעזידענט אין די פראַגן פון קריג. די פירער פון דער אַמאַלגאַמייטעד־יוניאָן האָבן פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג, אַז זיי שטיצן דעם פּרעזידענט ווילסאָנס פּלענער, ווייל „די אַרבעטער זיינען פאַראינטערעסירט צו ברעכן דעם דייטשן מיליטאַריזם״. אויך אין אַנדערע צווייגן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט מען געגרעדט וועגן רעווידירן די שטעלונג און אַז די רעזאָלוציע, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אָנגענומען אויף דער קאָנווענשאָן אין סט. לואיס אַנטשפּרעכט שוין מער נישט די געשאַפענע באַדינגונגען.

אויך דער אָרגאַן פון דער פעדעראַציע, „די נייע וועלט״, האָט זיך אַרויס־געזאָגט פאַר רעווידירן די שטעלונג און אַ סך לייענער האָבן צוליב דעם אַריינ־געשיקט פּראָטעסטן. דער עקזעקוטיוו פון דער פעדעראַציע האָט אין אַפּריל 1918 זיך געווענדט וועגן דעם צום נאַציאָנאַל־עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער ס. פּ. מיט אַ בפירושן פאָרשלאָג צו בייטן די שטעלונג. די ווענדונג קומט צו אַזאַ אויספיר: „ס'איז אומבאַדינגט נויטיק, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַלס גאַנצע זאָל אַרויס מיט אַן אָפענער דערקלערונג צו דער וועלט און קלאָר מאַכן פאַר איר דעם בליק פון דער פּאַרטיי אויף דער איצטיקער לאַגע, אויף דעם אינהאַלט פון דעם קאַמף אויף לעבן און טויט, וואָס ווערט איצט געפירט צווישן די גרויזאַמע כוחות פון דער דייטשער מיליטעריש־אימפּעריאַליסטישער דעס־פּאָטיע פון איין זייט, און די פאַראייניקטע דעמאָקראַטישע לענדער פון דער צווייטער זייט. דער עקזעקוטיוו פון דער יידישער פעדעראַציע צווייפלט נישט אויף איין רגע, אַז די פּאַרטיי וועט פאַרבלייבן טריי צו די פּרינציפּן פון אמתן אינטערנאַציאָנאַליזם און צו דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק פון קלאַסן־קאַמף, אָבער גלייכצייטיק פאָדערט די סיטואַציע, אַז די פּאַרטיי זאָל אַרויסקומען מיט אַ פּאָזיטיווער שטעלונג, קלאָר מאַכן דעם סאָציאַליסטישן בליק אויף די צילן פון קריג אָדער די טערמינען פון פרידן, וואָס דאָס איז אייגנס און דאָס זעלבע״.

אין אויגוסט 1918 איז אין שיקאַגאָ פאָרגעקומען אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אויסצואַרבעטן אַ פּלאַטפאָרם צו די קומענדיקע קאָנגרעס־וואַלן. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט יודזשין וו. דעבס דער־ציילט וועגן די רדיפות, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אויסצושטיין. ער האָט געזאָגט: „דער הערשנדיקער קלאַס פון אונזער לאַנד האָט אַלץ געטון אָפּצושאַפן דעמאָקראַטיע. אונזער פּרעסע איז דערשטיקט. אונזערע מיטגלידער אין טורמע. אונזערע פאַרזאַמלונגען צעשטערט. מען האָט אונז פאַרפאָלגט ביי יעדער געלעגנהייט. מיר האָבן זיך געמוזט אונטערוואַרפן. אָבער זיי איז נישט

געלונגען צו אונטערדריקן אונזער גייסט". (אויך אַ ריי נומערן פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן וואָכנבלאַט, „די נייע וועלט", האָט מען קאָנפיסקירט).

פאַקטיש האָט די דאָזיקע קאָנפערענץ געענדערט די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צום קריג. אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע ווערט געזאָגט: „אין אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום ענדיקן די מלחמה, איז די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי בכלל מסכים מיט די פּאַרעפּנטלעכטע צילן, וואָס עס האָט פאָרמולירט די קאָנפערענץ פון די סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די קאָאַליציע־לענדער". דער פאַרשטייער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע איז אויף דער קאָנפערענץ געווען דזשאָן מילל, וועלכער האָט דעמאָלט פאַרנומען דעם אַמט פון יידישן סעקרעטאַר־איבערזעצער אין אָפיס פון דער פּאַרטיי. (פריער איז עס געווען י. ב.ביילין).

די קאָנגרעס־וואַלן האָבן זיך דערנענטערט. אין ניו־יאָרק, וואו מאיר לאָנדאָן איז שוין 2 מאָל געוויילט געוואָרן, איז זיין קאַנדידאַטור אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַ דריט מאָל. דאָס מאָל האָט זיך געשאַפן אַ פּאַראייניקטער פראָנט קעגן אים. קודם אין די פּאַרטיי־רייען גופא. אויף דער נאָמינאַציע־פאַרזאַמלונג פון דער פּאַרטיי האָבן 188 געשטימט פאַר אים און 56 קעגן, הגם קיין צווייטער קאַנדידאַט איז נישט געווען. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון אומצופרידנקייט צוליב דעם, וואָס לאָנדאָן האָט אין רעפּרעזענטאַנטן־הויז נישט תמיד זיך געפירט אין הסכם מיט דער פּאַרטיי־שטעלונג. נישט געקוקט אויף דעם האָט די פעדעראַציע דאָך געשטיצט זיין קאַנדידאַטור און קריטיקירט די אָפּאָזיציע, וואָס איז באַשטאַנען פון ראַדיקאַלע עלעמענטן. דערביי האָט זי פאַרלאַנגט, אַז די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע זאָל זיך „פאַרזיכערן מיט פּאָזיטיווע צוזאָגן פון דעם קאַנדידאַט, אַז ער וועט נישט באַהאַנדלען די פּאַרטיי ווי אַ שטיף־מאַמע". מאיר לאָנדאָן איז דעמאָלט ביי די וואַלן דורכגעפאַלן. סך־הכל האָט אים געפעלט אַ 700 שטימען קעגן דעם פאַראייניקטן קאַנדידאַט פון די דעמאָקראַטן און רעפּובליקאַנער. שטאַרק צוגעהאָלפן צום דורכפאַל האָט אויך דער פאַראייניקטער פראָנט אויף דער יידישער גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן פון די יאַהודים ביז די פּועלי־ציון. די לעצטע האָבן באַקעמפט לאָנדאָנען, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אָננעמען זייערע ציוניסטישע פאָדערונגען.

אויף דער יידישער גאַס האָבן זיך אַריינגעריסן צוויי נייע טענער. פון צוויי פאַרשידענע קוואַלן זיינען זיי געקומען. אייגנטלעך זיינען דאָס נישט געווען קיין נייע טענער. פריער האָט מען זיי אָבער שוואַך געהערט. איצט האָבן זיי זיך געלאָזט הערן מיט אַ פיל פאַרשטאַרקטער קראַפט. הילכיק האָבן גענומען קלינגען די שטימען פון ציוניזם און קאָמוניזם.

נאָך גאָר נישט לאַנג האָט א. ליעסין געשריבן: „די פאַרצווייפלטע צווישן אונזערע ברידער קענען זיך שוין מער נישט וואַרפן פון דער אוממעגלעכקייט פון אַסימילאַציע צו אַן אַנדער אוממעגלעכקייט — צו דער אוממעגלעכקייט פון אַ שיבת־ציון. און די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג, פאַר וואָס זיי וועלן מוזן קעמפן, וועט שוין זיין אַ גאַנץ אַנדערע — נישט פאַר דער באַפרייאונג פון דער ערד, נאָר פאַר דער באַפרייאונג פון דעם פאָלק; נישט פאַר דער באַפרייאונג פון די אַלטע נאַציאָנאַלע קברים, נאָר פון די לעבעדיקע קינדער פון פאָלק"...
„יעדעס פאָלק, וואו נאָר עס לעבט און באַגיסט די ערד מיט זיין שווייס און

זיינע טרערן און זיין בלוט, האָט דאָס רעכט פריי צו זיין — אויך אַלס פאָלק פריי צו זיין, נאַציאָנאַל פריי צו זיין" [63]. און ביי אַ צווייטער געלעגנהייט האָט א. ליעסין געשריבן: „מיר האָבן שוין איצט אין ניו־יאָרק אַליין אַן ערך פון אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידן. די דאָזיקע גרויסע מענטשן־מאַסן זיינען געקומען אַהער, ווייל זיי האָבן דאָ געזוכט ברויט. דאָס איז דער כוח פון די אומשטענדן, וואָס איז פיל מעכטיקער פון יעדער ציוניסטישער פּאָעזיע" [64].

ס'איז אַוועק אַ גאַר קורצע צייט, און פון מויל און פעדער פון טייל יידישע סאָציאַליסטישע וואָרטזאָגער האָט מען שוין געהערט פרעגן: און פאַר־וואָס נישט? דער זעלבער א. ליעסין האָט שוין איצט אַנדערש גערעדט. און צביון האָט געפּסקנט, אַז מען מעג. און אַזוי אויך מ. ווינטשעווסקי און א. ש. זאַקס. דאָס איז געשען אונטער דער ווירקונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

אין די טעג פון 12־10 מאַי 1918 איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ (נישט קיין קאָנווענשאָן) פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. אין איר האָבן אָנטייל גענומען 60 דעלעגאַטן. ס'זיינען געשטאַנען צום רעווידירן 2 וויכטיקע פראַגן: שטעלונג צום קריג און צום ציוניזם. איןביידע פראַגן זיינען געווען חילוקי־דעות. אַ מערהייט איז געווען פאַר רעווידירן די שטעלונג צום קריג, אין הסכם מיט דער ווענדונג, וואָס דער עקזעקוטיוו פון דער פעדעראַציע האָט געמאַכט צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. די מיינונג פון דער מערהייט האָט רעפּערירט ל. ב. בודין און איז אָנגענומען געוואָרן מיט 25 שטימען קעגן 19. די מיינונג פון דער מינדערהייט, וואָס איז רעפּערירט געוואָרן דורך ה. בורגין, איז געווען, אַז מ'זאָל נישט מאַכן קיין שום ענדערונגען.

די שטימען־פאַרהעלטעניש איז שוין געווען אַן אַנדערע ביים באַהאַנדלען דעם פּונקט וועגן דער באַציאונג צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע און דער לאָזונג פון אַ נאַציאָנאַלער היים. דער ראש־המדברים פון דער מינדערהייט איז געווען צביון, וועלכער איז געקומען צום אויספיר, אַז מען מעג אונטערשטיצן מיטן ציוניזם. די מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט אַנטשידן קעגן רעווידירן די שטע־לונג צו דער ציוניסטישער אידייע. מיט 27 שטימען קעגן 7 איז אָנגענומען געוואָרן די רעזאָלוציע, וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַ רעוויזיע.

דעם 8 און 9 יוני 1918 איז אין קליוולאַנד פאָרגעקומען די צווייטע קאָנווענשאָן פון יידישן סאָציאַליסטישן יוגנט־פאַרבאַנד. בעיקר זיינען באַהאַנדלט געוואָרן פאַרשידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. וועגן ציוניזם איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרנעמען די זעלבע שטעלונג, וואָס די פעדעראַציע האָט פאַר־נומען. די אָנגענומענע באַשלוסן האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו פאַרשטאַרקן די סאָציאַליסטישע אַרבעט צווישן דער יידישער יוגנט.

אַ געוויסע צייט איז דערשינען אַן אייגענע צייט־שריפט — די „פרייע יוגנט". אין 1918 זיינען געווען 16 יוגנט־גרופּעס מיט אַן ערך טויזנט מיט־גלידער. וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט באַדייט פאַר דער יידישער יוגנט, זאָל עדות זאָגן אַ באַריכט פון פּיטסבורג וועגן 4 יאָר טעטיקייט פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע: „מיט 4 יאָר צוריק פלעגן אַ טייל פון אָט די זעלבע, וועלכע זיינען איצט די בעסטע, איבערגעבנסטע און טעטיקסטע סאָציאַליסטן, שטיין אויף די קאָרנערס פון די גאַסן און אומענדלעך מעלה־גרהן און שפּייען, און אַן אויפהער זיך ווויצלען אויפן ביליקסטן, נאַרישסטן אופן. אַ טייל פון אָט די

זעלבע מיידלעך, וועלכע זיינען איצט די בעסטע סאָציאַליסטקעס, די שטילסטע, שענסטע און איידלסטע טרוימערקעס און קעמפּערינס פאַר פרייהייט און גלייכ־הייט, פלעגן דעמאָלט, מיט 4 יאָר צוריק, פאַרשווענדן זייערע בעסטע שעהען און שענסטע פאַנטאַזיעס אויף ביליקע ׳רעג־טיים׳ טענץ, קיסינג־גיימס און פאַרטיס פון גראָבע יונגען און גאָרנישטן, נישט באַמערקנדיק דערביי, ווי לאַנגזאַם און צוועקלאָז זיי פינסטערן און וועלקן״.[65]

דורך פאַרלעזונגען האָט מען געאיידלט זייערע באַגריפן און אַריינגעפירט אין דער וועלט פון ערנסטע פּראָבלעמען. מען האָט זיי אויך פאַראינטערעסירט מיט דער יידישער ליטעראַטור און זיי באַווירקט צו לייענען יידישע קינסטלע־רישע ווערק.

ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אין אַמעריקע ווידער אויפגעלעבט די באַוועגונגען פאַר אַלגעמיינע יידישע אסיפות, וואָס זאָלן זאָרגן פאַר די יידן אין מזרח־אייראָפּע. דאָס איז שוין געטון געוואָרן גיכער מחמת אינערציע, ווי צוליב נויטווענדיקייט. די מזרח־אייראָפּעאישע יידן גופא האָבן דאָס גאָרנישט פאַרלאַנגט פון זייערע אַמעריקאַנער ברידער. די יידן אין רוס־לאַנד האָבן שוין געהאַט גאַנץ אַנדערע פּראָבלעמען, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צו דער שלום־קאָנפערענץ און אינטערנאַציאָנאַלע טראַקטאַטן. די יידן פון פּוילן און די באַלטישע לענדער האָבן אויך נישט געדאַרפט, אַז אַן אַמעריקאַנער יידישע רעפּרעזענטאַנץ זאָל זיין אַ מליץ־יושר פאַר זיי. אגב האָבן זיי גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער עיקר איז דער קאַמף פאַר רעכט אויפן אָרט און אַ ממשותדיקן ווערט האָבן נאָר יענע דערגרייכונגען, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון אַזאַ קאַמף. דעריבער האָבן די יידישע פאָלקס־מאַסן פון מזרח־אייראָפּע נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס צו די יידישע אסיפות און דעלעגאַציעס, אַרום וועלכע מ׳האָט זיך געפּאָרעט און געטומלט אין אַמעריקע.

די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט גענומען צוריק אויפלעבן דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט און ווידער זיך פאַראינטערעסירן מיטן יידישן קאָנגרעס. דאָס איז באַגרינדעט געוואָרן מיט דער באַדערפעניש צו האָבן יידישע פאָרשטייער אויף דער שלום־קאָנפערענץ. לויט דער איניציאַטיוו פון דער פעדעראַציע איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ פּראָוויזאָרישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט וואָס האָט גערופן אויפן 7 נאָוועמבער 1918 אַ קאָנפערענץ אין ניו יאָרק, און אויפן 1 דעצעמבער — אין שיקאַגאָ. די קאָנפערענצן האָבן געדאַרפט זיך פאַרנעמען מיט דער פראַגע פון פאָרמולירן די יידישע פאָדע־רונגען צום גרינעם טיש פון די שלום־פאַרהאַנדלונגען און וועגן שאַפן אַ יידישע פאָרשטייערשאַפט.

צו דער קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק זיינען געקומען 785 דעלעגאַטן פון אַ ריי שטעט, וועלכע האָבן פאָרטרעטן אַרום 400 אָרגאַניזאַציעס. חלוקי־דעות זיינען געווען וועגן באַטייליקן זיך אין יידישן קאָנגרעס. צווישן אַנדערע האָבן דזשיי־קאָב פּענקין און יוסף באַסקין גערעדט קעגן באַטייליקן זיך, י. ב. סאַלוצקי, וועלכער האָט פאָרטרעטן די שטעלונג פון דער פעדעראַציע, האָט גערעדט — פאַר. די קעג־נער האָבן אָנגעוויזן אַז דאָס וועט זיין אַ בורזשואַזער קאָנגרעס, מיט וועלכן די יידישע אַרבעטערשאַפט דאַרף נישט האָבן צו טון. דאַקעגן דאַרף מען רופן אַ יידישן אַרבעטער־קאָנגרעס. סאַלוצקי האָט געזאָגט אַז מען דאַרף גיין, כדי נישט צו שאַפן

דעם איינדרוק אַז די בורזשואַזע און ציוניסטישע פאַרשטייער רעדן אין נאָמען פון אַלע ייִדן. צוויי רעזאָלוציעס האָט מען געשטעלט צום אָפּשטימען. די קעגנער האָבן אין זייער רעזאָלוציע געזאָגט אַז „די איצטיקע צייט איז אַ צייט פון שטרענגער פאַנאַנדערטיילונג פון קלאַסן"... „די גייסטיקע פירער פון אַזוי־גערופענעם ייִדישן קאָנגרעס האָבן נישט איין מאָל קלאָר און שאַרף אַרויס־געוויזן זייערע פיינטלעכע באַציאונגען צו די שטרעבונגען און צילן פון די אַרבעטער־מאַסן"... „די קאָנפערענץ אַנערקענט דעריבער די נויטווענדיקייט פון אַ ייִדישן אַרבעטער־קאָנגרעס". די רעזאָלוציע האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט פאַר רופן אַ קאָנגרעס פון ייִדישע אַרבעטער פון פאַרשידענע לענדער. די מערהייט האָט באַשלאָסן יאָ צו באַטייליקן זיך אין ייִדישן קאָנגרעס. דאָס איז באַגרינדעט געוואָרן מיט דער נויטיקייט צו האָבן „אַן אויטאָריטאַטיווע פאַר־שטייערשאַפט פון די ייִדישע מאַסן וועלכע זאָל דאָ אין אַמעריקע אין פאַר־בינדונג מיט די שלום־אונטערהאַנדלונגען פאַרטרעטן די אינטערעסן פון די ייִדן, פאָדערנדיק נישט בלויז בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט פאַר אַלע ייִדן אין יעדן לאַנד, נאָר אויך אַ גאַראַנטיע פאַר זייער נאַציאָנאַלער גלייכבאַ־רעכטיקונג, פאַר דער מעגלעכקייט פון פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג אומע־טום, וואו זיי וואוינען". מ'האָט אָנגענומען נאָך אייניקע באַשלוסן, צווישן זיי, אַז דער קאָמיטעט זאָל אָרגאַניזירן אַ ייִדישע אַרבעטער־קאָנפערענץ פון אַ ריי לענדער.

דעם באַשלוס פון דער קאָנפערענץ אָנטייל צו נעמען אין ייִדישן קאָנגרעס האָט אַ גרויסער טייל פון דער אַרבעטערשאַפט אויפגענומען מיט אומצופרידנ־קייט, וואָס איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען דער אָנטייל איז נישט געווען קיין גאָר בכבודיקער. דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט פאַרלאַנגט 100 דעלעגאַטן. נאָך לאַנגע דינגעניששן האָט ער באַקומען 20. דער אַרבעטער־רינג האָט באַשלאָסן נישט צו באַטייליקן זיך אין דער דעלעגאַציע. דאַקעגן די ייִדישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט יאָ געגעבן איר ברכה. איר דע־לעגאַט איז געווען מאָריס ווינטשעווסקי. דער אָרגאַן פון דער פעדעראַציע איז געווען מער־ווייניקער צופרידן פון פאַרלויף פון קאָנגרעס און זיינע באַשלוסן. דאַקעגן איז ער גאָרנישט געווען צופרידן פון אייגענעם ד'עלעגאַט. להיפּוך די באַקומענע אינסטרוקציעס האָט ער געהאַלטן אַ פּראָ־ציוניסטישע רעדע און פאַר דער „נייער וועלט" איז נישט געבליבן קיין ברירה ווי עפנטלעך זיך אָפּ־גרענעצן פון אים. זי האָט אים באַשולדיקט אין מיסברויכן דעם צוטרוי און געשריבן מיט פאַרביטערונג: „ער האָט קיין רעכט נישט געהאַט צו לאָזן לויז זיין ציוניסטיש האַרץ אונטער דער פאָן פון דער פעדעראַציע"... „ס'איז שווער אַנצואווייזן אויף אַ צווייטער פּאַרטיי און אַ באַוועגונג (אַ סאָציאַליסטישע, פאַרשטייט זיך), וואו אַ מאַנדאַט זאָל אַזוי ווייניק באַדייטן און אַ פאַרפליכטונג אַזוי לייכט פאַרוואָרפן ווערן".[66] ווינטשעווסקי האָט אויך מסכים געווען צו פאָרן מיט דער דעלעגאַציע פון ייִדישן קאָנגרעס צו דער שלום־קאָנפערענץ. און אויך דאָס האָט ביי אַ סך ייִדישע אַרבעטער־טוער אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט דערגרייכט אירע העכסטע פּונקטן אין דער צאָל מיטגלידער, וואָל־דערפאָלגן, פּרעסטיזש, ווירקונג און קאַמף־גייסט. אמת, אַ צאָל מיטגלידער און טוער זיינען פון איר אַוועק צוליב דער שאַרפער

אַנטי־מלחמה־שטעלונג. ס׳איז אויך אמת, אַז אין דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי האָט זיך געלאָזט מערקן אַ וואַקלדיקייט און אומקאָנסעקווענטקייט. דאָס איז אָבער געווען אַ דערשיינונג, וואָס מ׳האָט געקענט טרעפן ביי פיל סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען. ענלעך איז אויך געווען מיט דער יידישער אָפּטיילונג. די פעדעראַציע האָט דערגרייכט איר העכסטן פונקט, הגם זי האָט אין אַ ריי פראַגן אַרויסגעוויזן אַ וואַקלדיקייט אָדער בכלל נישט פאַרמאָגט קיין אויסגעשפּראָכענע קלאָרע שטעלונג.

די פעדעראַציע האָט ביים סוף פון דער ער׳שטער וועלט־מלחמה פאַרמאָגט בערך הונדערט ברענטשעס. אַחוץ דעם וואָכנבלאַט האָט זי אויך אַרויסגעגעבן ביכער, בראָשורן און אויפרופן. ביז דעמאָלט האָט זי בכלל שוין געהאַט אַרויסגעגעבן 27 אויפרופן אין אַ צאָל פון 2 מיליאָן עקזעמפּלאַרן.

דער יידישער סאָציאַליסטישער אָרדן — דער אַרבעטער־רינג איז כסדר געוואַקסן. דער פאַרמעגן איז געשטיגן. פיל מיטגלידער זיינען צוגעקומען. די טעטיקייט האָט זיך אויסגעברייטערט און די אינערלעכע קאַמפן צווישן די „אַלטע" און „יונגע", וואָס האָט אַ צייט לאַנג צעריסן דעם אָרדן אין קעמפנדיקע פראַקציעס, האָבן אויפגעהערט. דער בנין פון אַרבעטער־רינג איז געשטיגן העכער און העכער און דער פונדאַמענט האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרפעסטיקט. די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן האָבן אין ניו־יאָרק געציילט אַרום הונדערט יוניאָנס מיט אַ פערטל מיליאָן מיטגלידער. די יוניאָן פון פרויען־קליידער, די אינטערנעשאָנעל, האָט דעמאָלט געציילט 140 טויזנט מיטגלידער, פון וועלכע 80 פראָצענט זיינען געווען יידן. די נייע יוניאָן פון שניידער פון מענער־מלבושים, די אַמאַלגאַמייטעד, האָט אויך געמאַכט גרויס פאָרטשריט. פון אירע הונדערט טויזנט מיטגלידער איז די גרויסע מערהייט געווען אַ יידישע. פון אירע 43 לאָקאַלן אין ניו־יאָרק האָבן בלויז 6 געהאַט אַ נישט־יידישע מיטגלידערשאַפט. די „אינטערנעשאָנעל" און אירע אָפּטיילונגען האָבן אַרויסגעגעבן צוויי יידישע צייטונגען פאַר די מיטגלידער. די „אַמאַלגאַמייטעד" האָט פאַר די יידישע מיטגלידער אַרויסגעגעבן דעם „פאָרטשריט". אויך אין אייניקע אַנדערע פאַכן האָבן יידישע אַרבעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָל. אַלנפאַלס האָט אויסגעזען, אַז פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און איר סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע בפרט שיינט אַ האָפענונגספולע צוקונפט, אַז דער פאָראויסמאַרש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די יאָרן ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועט קענען ווייטער גיין אויך נאָך דעם, ווי די וועלט וועט זיך באַפרייען פון בלוטיקן מלחמה־קאָשמאַר, פון מאָרד און חורבן. נישט בלויז די יוניאָנס, דער אַרבעטער־רינג, דער „פאָרווערטס" און אַנדערע אַרבעטער־אינסטיטוציעס האָבן געשלאָגן וואָרצלען אויף דער יידישער גאַס, נאָר אויך די סאָציאַליסטישע פעדעראַציע. ס׳האָט אויפגעהערט די אַמאָליקע ביטול־באַציאונג. מיט יידישע סאָציאַליסטן האָט מען זיך שוין געמוזט רעכענען, ווי מיט אַ גרויסן און שאַפנדיקן געזעלשאַפטלעכן כוח.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געענדערטער באַציאונג איז אַ שטים פון אָלבאַני (שטאַט ניו־יאָרק): „די יידישע באַפעלקערונג, וואָס פלעגט אַמאָל פאַרשטעלן דעם סאָציאַליזם אַלס אַ באַוועגונג פון הפקר־יונגען און פלעגט טייטלען מיט די פינגער אויף אונז, האָט זיך איצט אָנגעהויבן באַציען צו אונז מיט רעספּעקט.

צו אונזערע פֿאַרלעזונגען קומען היינט אַפּילו אייניקע אמת־פֿרומע יידן און זיי זיינען באַגייסטערט צו הערן, אַז די סאָציאַליסטן ווילן אינדוסטריעלע דעמאָקראַטיע, אַז איינער זאָל נישט לעבן פֿון דעם צווייטנס שווייס און געזונט, און אַז אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט וועט נישט זיין קיין פּלאַץ פֿאַר אַנטיסעמיטיזם און נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג״.[67]

אין די יאָרן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין אַמעריקע געפֿירט געוואָרן אַ גרויסע הילף־אַרבעט פֿאַר דער נויט־ליידנדיקער יידישער באַפֿעלקערונג אין מזרח־אייראָפּע. צוליב פּרינציפּיעלע טעמים און צוליב דער איינזייטיקייט פֿון דער הילף מצד די בירגערלעכע קרייזן איז געוואָרן נויטיק אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע פֿון די יידישע אַרבעטער און דעמאָקראַטישע שיכטן. דאָס איז געווען אַ פֿאָלקס־קאָמיטעט, וואָס איז באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען „פּיפּעלס רעליעף קאָמיטע״ און איז געגרינדעט געוואָרן אויף אַ קאָנפֿערענץ דעם 8טן אויגוסט, 1915. אַלע ריכטונגען פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט זיינען דאָרטן געווען פֿאַרטראָטן. אי די פּאָליטישע, אי די טרייד־יוניאָניסטישע און פֿראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן מיטגעאַרבעט. דעם „פּיפּעלס־רעליעף״ איז געלונגען אַרום זיך צו קאָנצענטרירן הונדערטער פֿרייוויליקע טוער אין אַלע ווינקלעך פֿון לאַנד. די געשאַפֿענע פֿאָנדן זיינען צעטיילט געוואָרן צווישן פֿאַרשידענע אַרבעטער־און פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציעס אין מזרח־אייראָפּע, קינדער־אינסטיטוציעס, שולן, ביבליאָטעקן, קיכן, קאָאָפּעראַטיוון א. ד. ג. דעם 4 יוני 1924 איז דער „פּיפּלס רעליעף״ ליקווידירט געוואָרן. פֿאַר דער צייט פֿון זיין עקזיסטענץ האָט ער געזאַמלט און באַקומען קרוב 7 און אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר. אַחוץ דעם זיינען דורך דער אָרגאַניזאַציע איבערגעשיקט געוואָרן שפּייז, מעדיקאַמענטן, קליידונג און געלטער פֿון לאַנדסמאַנשאַפֿטן און אַנדערע קוועלן אויף אַ סומע פֿון קרוב 4 מיליאָן דאָלאַר.

דער יידישער ישוב איז ווייטער געוואַקסן, איז געוואָרן פֿעסטער און זיכערער, רייכער און אינהאַלטס־רייכער. די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געהאַט צו שפּילן אַ גרויסע ראָל אין יידישן לעבן, אַ ראָל וואָס קיינער האָט זי אין דעם נישט געקענט פֿאַרבייטן. ס׳האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אַ טיפֿער קריזיס אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אויך אין איר יידישער אָפּטיילונג. אויף דער היסטאָרישער אַלוועלטלעכער אַרענע איז אַרויף דער באָלשעוויזם, דער קאָמוניזם. אויך אַ ריי אַנדערע פֿאַקטאָרן האָבן אָנגעהויבן אויסצואיבן זייער ווירקונג. ס׳איז געקומען די עפּאָכע צווישן ביידע וועלט־מלחמות. און מיט איר — נייע פּראָבלעמען און אויפֿגאַבן, נייע געפֿאַרן און ראַנגלענישן, פֿרישע האָפֿענונגען און פֿרישע צרות.

היינטער זיך — אַ לאַנגער וועג. געבוירן אין שווייס פֿון די שעפּער, אין דער געדיכטעניש און אָרימקייט פֿון די יידישע קוואַרטאַלן, געוואַקסן אין דעם ווידעראַנאַנדער פֿון אַ נייער, ברוטאַלער און אויפֿשטייגנדיקער סביבה, האָט די יידישע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־באַוועגונג אויפֿגעשריבן אויף אירע פֿענער די שענסטע אידעאַלן און יושרדיקע פֿאַרלאַנגען. אין די פֿינצטערנישן האָט זי געזוכט דאָס ליכט פֿון אמת. אין די בלאָנדזשענישן האָט זי געשטרעבט צו אַ קלאָרן ציל. פֿאַר יעדער נייער דערגרייכונג האָט מען טייער באַצאָלט,

צענטליקער מאָל האָט מען דאָס זעלבע געדאַרפט אָנהויבן פון דאָסניי. און היילן האָט מען געדאַרפט די וואונדן, וואָס מ׳האָט באַקומען פון שונא און — פון אייגענער ביטערניש און אומפאַרשטענדעניש. דער געזונטער קערפּער פון יידישן אַרבעטער־כלל האָט דאָס אַלץ גובר געווען. אַ פאַרצווייגטע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָפּגעשלאָסן אַן עפּאָכע הינטער זיך און זיך געשטעלט אויף דער שוועל פון אַ נייער צייט.

צווייטער טייל

15. נייע ווינטן

נאָכווייען פון דער וועלט־מלחמה. — די וועלט זעט אויס אַנדערש. — באָלשעוויזם. — מיטלויפער און קעגנער. — פראָ־באָלשעוויזם אין אַמעריקע. — די באַלפור־דעקלאַראַציע. — יידישער אַרבעטער־קאָנגרעס. — יידישע פראָבלעמען.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ צעשטערטע אייראָפּע. לענדער זיינען צעשניטן געוואָרן אויף שטיקער. נייע מלוכות זיינען געבוירן געוואָרן. ווירטשאַפטלעכע און גייסטיקע קריזיסן האָבן געמאַטערט די גופים און נשמות פון די פעלקער. די כוחות־פאַרהעלטנישן צווישן די גרויס־מאַכטן האָבן זיך געביטן. פאַר אַמעריקע האָבן זיך געעפנט ברייטע וועגן פאַר אַ נייעם אויפשטייג. אויף דער היסטאָרישער אַרענע איז אַרויף אַ נייער, גרויסער פאַקטאָר — סאָוועט־רוסלאַנד.

פון אַ זייער קליינעם אָנהויב איז דער באָלשעוויזם במשך אַ קורצער צייט געוואָרן אַ וועלט־פּראָבלעם. פון אַ קליינער, רוסישער פאַרטיי־צאַנקעריי און פראַקציע־רייסעניש איז ער געוואָרן אַ דינאַמיט, וואָס האָט אויפגעריסן די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג. די שטעלונג צום באָלשעוויזם איז געוואָרן אַ שיידונגס־ליניע. אויך אַמעריקע איז אין דעם פּרט נישט געווען קיין אויסנאַם.

דער באָלשעוויזם האָט זיין אָנפאַנג אין אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן שטרייט צווישן צוויי פליגלען אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרטיי. שפּעטער זיינען צוגעקומען טאַקטישע שטרייט־פראַגן בנוגע דער רוסלענדער רעוואָלוציע. קיינער האָט אָבער דעמאָלט נישט געקענט פאָראויסזען די וייטערדיקע אַנטוויקלונג פון יענעם פליגל, בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען לענין. אַפילו אָט דער באַדייטנדיקסטער באָלשעוויסטישער טעאָרעטיקער און פירער האָט אָנערקענט, אַז דער כאַראַקטער פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע איז אַ בירגער־לעך־דעמאָקראַטישער און איר זיג וועט בשום אופן נישט פאַרוואַנדלען די בורזשואַזע רעוואָלוציע אין אַ סאָציאַליסטישע. די רוסלענדער רעוואָלוציע וועט נישט דירעקט אַרויס פון די ראַמען פון די קאַפּיטאַליסטישע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן.[68] לענין האָט אויך פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז די ס. ד. פּאַרטיי קען זיך באַטייליקן אין אַ פּראָוויזאָרישער בורזשואַזער רעגירונג, וואָס וועט געשאַפן ווערן בעת דער רעוואָלוציע. אַזוי האָט ער געשריבן אין 1905. פונקט פאַרקערט האָט דער באָלשעוויסטישער פליגל פון דער ס. ד. פּאַרטיי, אונטער לענינס אָנפירונג, געהאַנדלט מיט 12 יאָר שפּעטער, אין דער רעוואָלוציע פון 1917. דער צווייטער פליגל פון דער ס. ד. פּאַרטיי (די מענשעוויקעס) האָט טאַקע געהאַנדלט לויט דעם פריער־דערמאָנטן באָלשעוויסטישן רעצעפּט, אָבער די, וועלכע האָבן די רפואה פאַרשריבן, די באָלשעוויקעס גופא, האָבן זיך פון דעם אָפּגעטרייסלט.

אמת, דורך אַ גרינטלעכן אַנאַליז קען מען שוין אין לענינס ערשטע שריפטן

געפינען קערנדלעך פון דעם, וואָס דער באָלשעוויזם איז שפּעטער געוואָרן. שוין אין זיין שטעלונג צו דער פראַגע ווי אַזוי די פּאַרטיי זאָל ווערן אָרגאַניזירט, געפינט זיך דער פּרינציפּ פון עליטע און פירערשאַפט. די קערנדלעך זיינען אָבער געלעגן פאַרבאָרגן און האָבן געהאַט אַן אומשולדיקן אויסזען. קיינער האָט נישט געקענט זאָגן מיט באַשטימטקייט וואָסערע פרוכטן ס'וועלן אויפגיין פון באָלשעוויסטישן פּאַרזיי, הגם אין די ערשטע געדאַנקען און האַנדלונגען איז שוין געווען אין עמבריאָנעלן צושטאַנד דער קינפטיקער באָלשעוויזם און זיינע גרויזאַמע פאָלגן.

ווען די באָלשעוויקעס האָבן אין הערבסט 1917 פאַרכאַפּט די מאַכט, איז אין רוסלאַנד שוין 8 חדשים צייט געווען אַ רעוואָלוציאָנערע רעגירונג. זיי האָבן נישט געוואַרט ביז דאָס פאָלק וועט אויסנוצן די דערוואָרבענע פרייהייט און דעמאָקראַטישע רעכט און וועט דורך דער קאָנסטיטואַנטע (גרינדונגס־פאַרזאַמלונג) שאַפן אַ נייע רעגירונג. און ווען די פאָלקס־פאַרטרעטונג, די קאָנסטיטואַנטע, איז זיך צונויפגעקומען, האָבן זי די באָלשעוויקעס באַלד צעטריבן, ווייל זיי האָבן אין איר נישט געהאַט קיין מערהייט. פון די 36 מיליאָן שטימען, וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אין די פאָלקס־וואַלן, האָבן די באָלשעוויקעס באַקומען 9 מיליאָן, די אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען — פון פּויערים און אַרבעטער — 23 מיליאָן, און די בירגערלעכע קאַנדידאַטן — 4 מיליאָן. די מינדערהייט האָט פאַרגוואַלטיקט די גרויסע מערהייט.

אויף דער ברייטער וועלט, און אויך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט דאָס אָבער קיין רושם נישט געמאַכט. פאַרקערט: יאָ דעמאָקראַטיע אָדער נישט דעמאָקראַטיע — די באָלשעוויקעס האָבן די מאַכט, זיי פירן איצט די רעוואָלוציע — צו זיי דאַרפן געהערן די סימפּאַטיעס פון אַרבעטער־קלאַס. אַזאַ מיינונג האָט זיך גיך אויסגעאַרבעט אין די סאָציאַליסטישע רייען. דער פאַקט, וואָס די אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען, וועלכע האָבן געבילדעט די צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, האָבן געלאָזט צוגרייטן די אײַבערקערעניש און אַרויסרייסן די מאַכט פון זייערע הענט, איז נישט געווען מסוגל צו וועקן מיטגעפיל צו זיי און צו שטאַרקן דעם גלויבן אין זייער פעאיקייט אָנצופירן מיטן צעברויזטן לאַנד. וואָס שייך די באָלשעוויקעס, האָט מען לגבי זיי אָנגעווענדט דעם כלל — זיגער משפּט מען נישט...

אַן אָפּאָזיציע קעגן זיי איז דאָך געווען — סיי אין רוסלאַנד, סיי אין אויסלאַנד. פיל האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן די באָלשעוויסטישע האַנדלונגען. די מענשעוויקעס, עסערן און אַנדערע סאָציאַליסטישע ריכטונגען האָבן זיך געפּרוווט קעגנשטעלן דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור. אַזעלכע אָנגעזעענע פּיאָנערן און פירער פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, ווי פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, מאַרטאָוו און אַנדערע, האָבן געוואָרנט פאַר די קאָנסעקווענצן. אויך אין אויסלאַנד האָבן אָנגעזעענע סאָציאַליסטישע וואָרט־פירער געלאָזט הערן זייער שטים קעגן דעם, וואָס די באָלשעוויקעס טוען. דער אַלטער מאַרקסיסטישער טעאָרעטיקער קאַרל קאַוטסקי האָט מיט טעמפּעראַמענט פאַרטיידיקט דעם געדאַנק פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם. אַזוי אויך אייניקע אַנדערע. צווישן די יידישע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער און פירער האָבן געלאָזט הערן זייער שטים קעגן באָלשעוויסטישן טעראָר און דיקטאַטאָרישן רעזשים מ. ליבער, וו. מעדעם, וו. קאָסאָווסקי און אַנדערע.

אין 1918 האָט וו. מעדעם געשריבן: „אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג, וואָס פאַרנעמט זיך מיט מאַסן־טעראָר, איז אַן אינערלעכער אומזין. דער סאָציאַליזם וועט קומען און קען קומען נאָר אַלס גאולה פאַרן פאָלק — פאַר דער גרויסער, איבערוועלטיגענדיקער מערהייט פונם פאָלק. מען קען אָבער נישט איינצייטיק הערשן און באַהערשט ווערן. די ממשלה פון טעראָר איז אַ ממשלה קעגן דעם פאָלק. אַ סאָציאַליזם, וואָס מען וויל אָנוואַרפן דעם פאָלק מיט גוואַלט, מיט ביקסן און קוילן־וואַרפערס, מיט האַנט־גראַנאַטן און האַרמאַטן, מיט אויסנאַם־געזעצן און טורמעס, — איז קיין סאָציאַליזם נישט. ס'איז אַ בלוטיקער מיסברויך פונם וואָרט 'סאָציאַליזם', ס'איז אַ בלוטיקע צעשטערונג פונם עצם סאָציאַליזם. דער סאָציאַליזם — איז די באַפרייאונג. די קנעכטשאַפט קען אָבער קיינמאָל נישט דינען אַלס אַ מיטל צו אַ גאולה"... און ווי נביאיש האָבן געקלונגען זיינע ווער־טער: „ס'איז נישט ווייט דער טאָג, ווען מען וועט בילדן ספּעציעלע רעוואָלו־ציאָנערע טריבונאַלן פון מער כשרע באָלשעוויקעס אויף צו דערשיסן די 'פאַר־דעכטיקע' עלעמענטן פון באָלשעוויזם גופא"[69]. אין אַ ריי אַנדערע אַרטיקלען האָט מעדעם פאַראויסגעזאָגט, אַז מיט אַן אייזערנער קאָנסעקווענץ וועט די באָלשעוויסטישע מאַכט דערפירט ווערן צו „אַ הייפל פּריווילעגירטע דיקטאַטאָרן", וואָס וועט הערשן איבערן פאָלק.

אַזעלכע מין וואָרנונגס־שטימען פון סאָציאַליסטישע וואָרט־זאָגער זיינען אין דער ערשטער צייט געווען פאַרהעלטניסמעסיק ווייניק. אַ סך האָבן געשוויגן. זיי זיינען געשטאַנען ווי געפּלעפט פאַרן גראַנדיעזן היסטאָרישן ספּעקטאַקל, וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף דער רוסישער ערד. אַנדערע, אַפילו די, וואָס זיינען אַליין געווען אידעאָלאָגיש ווייט פון באָלשעוויזם, האָבן דאָך אים אַקצעפּטירט, אַלנ־פאַלס פאַר רוסלאַנד... פיל האָבן אין 24 שעה פאַרוואַרפן די טעאָריעס און געדאַנקען, וואָס זיי האָבן אויסגעאַרבעט במשך פון 24 יאָר.

אויך אין אַמעריקע האָט מען נישט געזען דאָס ברענענדיקע הויז, נאָר די פאָעזיע פון די פלאַמען. פירער פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַווע־גונג, וועלכע זיינען אַליין געווען ווייט פון באָלשעוויסטישע געדאַנקען און מע־טאָדן, האָבן נישט געזשאַלעוועט לויב־ווערטער פאַרן באָלשעוויסטישן רעזשים. יודזשין וו. דעבס האָט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אָפן דעקלאַרירט זיין האַר־ציקסטע סימפּאַטיע. אין אַ רעדע צו אַ קאָנווענשאַן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע האָט דעבס געזאָגט: „כ'הער דאָ אייערע הערצער קלאַפּן צום טאַקט פון די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד. יאָ, יענע העראָאישע מענער און פרויען, יענע אומבאַזיגבאַרע חברים האָבן מיט זייערע קרבנות צוגעגעבן פרישן גלאַנץ דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג"... „זיי זיינען דער סאַמע אָטעם פון דעמאָקראַטיע, דער עצם פון פרייהייט"[70].

און אויך דער צווייטער אָנערקענטער פירער פון דער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג אין אַמעריקע, מאָריס הילקוויט, וועלכער האָט דעם באָלשעוויזם געקענט בעסער ווי דעבס, איז נישט אָפּגעשטאַנען אין זיין לויב: „די סאָוועטישע רע־גירונג האָט געראַטעוועט רוסלאַנד פון אַנאַרכיע און פאַנאַנדערפאַל. אין די דאָ־זיקע יאָרן פון אַלגעמיינער נויט און ליידן האָט זי פאַר דער גרויסער מאַסע פון רוסישן פאָלק געשאַפן מער דערטרעגלעכע לעבנס־באַדינגונגען, ווי יענע, וואָס עקזיסטירן אין די מלחמה־געליטענע לענדער אין מזרח־און צענטראַל־אייראָפּע

אונטערן קאַפּיטאַליסטישן רעזשים״... „זי האָט געררעכטפערטיקט דעם איינ־טערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, ווי אַ לעבעדיקן און דינאַמישן כוח״[71]. וואָס שייך דעם פאַרגלייך פון די דעמאָלטיקע לעבנס־באַדינגונגען, אַנטשפּרעכן זיי נישט די פאַקטן. דאָס האָט געקענט שרייבן אַ מענטש נישט בלויז פון אַ צווייטן קאָנטינענט, נאָר פון אַ צווייטן פּלאַנעט. ס׳איז פּשוט צו וואונדערן זיך וואָס דער פאַרגלייך איז געקומען פון אַזאַ ניכטערן מענטש, ווי הילקוויט איז געווען. דאָס ווייזט ווי ווייט אַפילו ניכטערע מוחות זיינען דעמאָלט געווען פאַרשכורט.

און אויף דער יידישער גאַס איז נישט געווען אַנדערש. דר. ב. האָפמאַן (צביון) האָט אַזוי פאַרגעשטעלט דעם באָלשעוויזם פאַר די יידישע אַרבעטער: „די באָלשעוויקעס זיינען די יעניקע סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען וואָס דאָס רוסישע פאָלק פאַרלאַנגט, וועלכע זיינען געווען אויסגע־האַלטן אין זייער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, און וועלכע האָבן ריכטיק אָפּגעשאַצט די כוחות פון דער רוסישער רעוואָלוציע און זיי געוואוסט ווי אויסצונוצן פאַרן פאָלק״... „באָלשעוויזם איז נישט קיין נייע סאָציאַליסטישע טעאָריע, נאָר דאָס פּראַקטישע דורכפירן אין לעבן די אַלטע סאָציאַליסטישע טעאָריע״... „מיר דאָ, אויף דער זייט פון ים, שטייען מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם און קוקן פון ווייטן ווי אַ נייע וועלט ווערט באַשאַפן״[72].

אויך א. ליעסין, מאָריס ווינטשעווסקי, אַב. קאַהאַן און אַ ריי אַנדערע סאָ־ציאַליסטישע שרייבער און פירער האָבן אַרויסגעוויזן זייער פּראָ־באָלשעוויזם. ווי א. ליעסין האָט אַליין געשריבן: דער חודש־זשורנאַל „די ׳צוקונפט׳ האָט פון אָנפאַנג אָן טריי און איבערגעגעבן אונטערגעשטיצט סאָוועט־רוסלאַנד. בעת די גרויסע אַרבעטער־רעפּובליק האָט נאָך געהאַט גאַנץ ווייניק פריינט, זיינען מיר שוין געווען אירע באַגייסטערטע פריינט. פאַר אונז איז פון אָנפאַנג אָן געשטאַ־נען די פראַגע: סאָוועטיזם אָדער קאָלטשאַקיזם, און אַלס יידן און אַלס סאָציאַ־ליסטן און אַלס מענטשן, מענטשלעכע מענטשן, האָבן מיר די פראַגע געלייזט גלייך נאָר ווי מיר האָבן זי געשטעלט; מיר זיינען געווען, פאַרשטייט זיך, מיטן גאַנצן האַרצן פאַר סאָוועט־רוסלאַנד. פאַר קיין רעכט־גלויביקן באָלשעוויק האָט זיך אָבער דער שרייבער פון די שורות קיינמאָל נישט אָנגעגעבן — אַפילו דע־מאָלט, ווען ער האָט געשריבן די היציקסטע פּראָ־באָלשעוויסטישע לייט־אַר־טיקלען״.[73]

איניקע סיבות האָבן גורם געווען, אַז דער באָלשעוויזם זאָל אַזוי שטאַרק אויסנעמען, „אָנרייסן״ און מיטרייסן:

אַ טייל סאָציאַליסטן האָבן טאַקע באמונה שלימה געגלויבט, אַז די באָלשע־וויקעס וועלן מיט זייערע מעטאָדן רעאַליזירן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. און אַפילו די, וועלכע האָבן געצווייפלט, האָבן גערעכנט, אַז מען דאַרף זיי געבן אַ שאַנס. טאָמער פאַרט, ס׳איז דער ערשטער פּרואוו פון אָנהויבן פּראַקטיש איינ־פירן דעם סאָציאַליזם און אין אַזאַ ברייטן פאַרנעם, דאַרף מען זען וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען. מ׳איז דעריבער געווען געניינגט צו פאַרקוקן די נעגאַטיווע זייטן פון רעזשים. געווירקט האָט דאָ אויך די שטימונג, וואָס עס שאַפט זיך גע־ווינלעך אַרום יעדן זיגער. עס ווערן געבוירן אַ סך מיטלויפער. פיל פון זיי טראַכטן, אַז דאָס איז דאָך נישט פאַר זיי, נאָר פאַר אַנדערע. ביי יידישע סאָ־ציאַליסטן איז נאָך געווען אַ ספּעציעלע מורא. די נייע סאָוועטישע מאַכט פון די

באָלשעוויקעס האָט געהאַט צו קעמפן קעגן אַ סך רעאַקציאָנערע, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע כוחות. אין פאַרשידענע ערטער האָבן די דאָזיקע עלעמענטן פּאָגראָמירט די יידישע באַפעלקערונג. דער אויספיר איז געווען: די סאָוועט־רעגירונג איז גוט פאַר יידן. די סאָציאַליסטישע אָפּאָזיציע אין רוסלאַנד גופא האָט מאָביליזירט אירע קרעפטן צו העלפן די באָלשעוויקעס אין קאַמף מיט דער מאָנאַרכיסטישער קאָנטער־רעוואָלוציע. די באַדערפענישן פון דאָזיקן קאַמף האָבן אָפּגערוקט אין הינטער־גרונט די עצם פראַגע צי דער באָלשעוויסטישער רעזשים איז גערעכטפערטיקט. סיי אין רוסלאַנד, סיי אין אויסלאַנד האָבן פיל סאָציאַליסטן גענומען קלערן, אַז ס'איז אפשר נישט מעגלעך קיין צוריקגאַנג צו אַ סאָציאַליסטיש־דעמאָקראַטישן רעזשים, ווי ס'איז נישט מעגלעך פון אַ טיש צוריקצומאַכן אַ לעבעדיקן בוים. סאָציאַליסטן אין אַמעריקע זיינען אין יענער צייט געווען באַזונדערס פאַרביטערט צוליב דער רעאַקציאָנערער כוואַליע און אַנטי־סאָציאַליסטישן טעראָר, וואָס האָט דעמאָלט דאָ געווילדעוועט. די דעמאָקראַטיע האָט זיך באַוויזן מיט פיל שוואַרצע פלעקן. דאָס האָט די היגע סאָציאַליסטן געמאַכט ווייכער און מער אויפנאַם־פעאיק פאַר די געדאַנקען און לאָזונגען, וואָס זיינען געקומען פון רוסלאַנד. לענין אַליין האָט נישט געזשאַלעוועט קיין לויב־ווערטער אי פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם דאַניעל דע ליאָן, אי פאַר דעם צווייטן פאָנען־טרעגער פון אַמעריקאַנער סאָציאַליזם — יודזשין וו. דעבס. אין אַ בריוו צו די אַמעריקאַנער אַרבעטער האָט ער גערופן צו נעמען אַ ביישפּיל פון דעבסן, וועלכער האָט זיך גיכער געלאָזט אַריינשליידערן אין תפיסה איידער מיטמאַכן די מלחמה־פּאָליטיק.

ביי אַזאַ לאַגע און אַזאַ שטימונג האָבן געפונען אַ גאַנץ שוואַכן אָפּקלאַנג די וואָרנונגען פון קאַרל קאַוטסקי, אַז „ס'איז זיך נישט פאָרצושטעלן דעם סאָציאַליזם, ווי אַ מיטל צו באַפרייען דעם פּראָלעטאַריאַט, אָן דעמאָקראַטיע"... „ביי נישט־אַנטוויקלטע פאַרהעלטנישן קען אַ קאָמוניסטישע ווירטשאַפט גראָד ווערן אַ יסוד פון דעספּאָטיזם"... „דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם פאַרשטייען מיר נישט בלויז, ווי אַ געזעלשאַפטלעכן אַפּאַראַט פון דער פּראָדוקציע, נאָר אויך, ווי אַ דעמאָקראַטישע פאָרם פון דער געזעלשאַפט. דעריבער איז פאַר אונז דער סאָציאַליזם נישט צום אָפּטיילן פון דער דעמאָקראַטיע. נישטאָ קיין סאָציאַליזם אָן דעמאָקראַטיע"[74]. כדי צו באַרואיקן דאָס מאַרקסיסטישע געוויסן, האָט מען זיך באַנוצט מיט אַ זאַץ פון קאַרל מאַרקס, וואו ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז אין דער איבערגאַנגס־צייט וועט די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג טראָגן דעם כאַראַקטער פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. און אין רוסלאַנד, האָט מען געטענהט, האָט אַזאַ דיקטאַטור די פאָרם פון סאָוועטן־מאַכט.

די באָלשעוויסטישע (קאָמוניסטישע) השפעה איז געווען דאָס נייע, וואָס איז געקומען אין די סאָציאַליסטישע רייען אין דער צייט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָט לסוף שטאַרק אָפּגעשוואַכט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. אין יידישן טייל פון דער באַוועגונג האָט גלייכצייטיק גענומען שטאַרקער ווירקן אויך אַ ספּעציפיש יידישע שיטה — דער ציוניזם. אויב פריער האָט געהערשט די קאָסמאָפּאָליטיש־אַסימילאַטאָרישע ריכטונג, וואָס איז שטופנווייז פאַרשטויסן געוואָרן דורך אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלן עלעמענט, האָבן איצט אין סאָציאַליסטישן לאַגער און אין די טרייד־יוניאָנס אָנגעהויבן אויך בלאָזן ציוניסטישע ווינטן.

די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט געגעבן וועגן אַ נאַציאָנאַלער היים פאַר יידן אין פּאַלעסטינע, האָט פאַרכאַפּט אַ ריי יידישע אַרבעטער־טוער. ביי פיל איז דער נאַציאָנאַליזם געוווען אויף אורלויב. ער האָט בלויז געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט, אַז ער זאָל זיך צוריק אָנטפּלעקן. די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט דעם נאַציאָנאַליזם צוריק אויפגעוואַרעמט. צווישן די נייע חסידים פון ציוניזם זיינען געווען אויך די, וועלכע האָבן נישט געוואָלט הערן פון יידישער נאַציאָנאַלער קולטור־אַרבעט, פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, וואָס זאָל פירן אַ ברייטע טעטיקייט אויף דער יידישער גאַס. אַסימילאַטאָרישע, יידיש־שפּרעכנדע און ענגליש־מיינענדע סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען אין תוך מלוכהשע נאַציאָנאַליסטן, האָבן אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע דערזען אַ געלעגנהייט אָפּצוצאָלן דעם יידישן פאָלק אויך אַ חלק פון זייערע געפילן.

די בונדיסטיש־געשטימטע יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן דאָס יידישע פאָלק געזען ווי אַ היסטאָריש־נאַציאָנאַלע קולטור־געמיינשאַפט, האָט דער צוזאָג פון דער בריטישער אימפּעריע צו דערמעגלעכן אַ „נאַציאָנאַלע היים" אין פּאַלעסטינע נישט געקענט לאָקן. אַנדערש די אַסימילאַטאָרן, וועלכע זעען דעם אָנשפּאַר פון אַ פאָלק און דעם זכות־הקיום פון אַ פאָלק נאָר אין אַ טעריטאָריע. אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָבן זיי דערזען אַ צוגעוואָרפענעם רעטונגס־גאַרטל, וואָס דאַרף זיי אי העלפן שווימען אויף די כוואַליעס פון אַלגעמיינעם ים, אי זיי צובינדן צום ברעג פון יידישן לעבן.

נישט קיין אַנדערער, ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי, דעמאָלט (1919) אַליין אַ פּועלי־ציוניסט, האָט אויפגעוויזן דעם שייכות צווישן אַסימילאַציע און ציוניזם. ער האָט געשריבן: „דער וועג, וואָס פירט פון אַסימילאַציע צו דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, איז אַ קורצער און אַ גרינגער, ווייל אין תוך אַריין ליגןביידע סטאַנציעס אויף איין און דער זעלביקער ליניע פון געדאַנק. סיי דער אַסימילאַטאָר, סיי דער אַלגעמיינער ציוניסט, גלויבן בדרך כלל, אַז אַ שטאַט געהערט אין גאַנצן צו דעם 'הערשנדן' פאָלק, אַז דאָס הערשנדע פאָלק האָט אַ רעכט איינצושלינגען אַלע 'נישט־הערשנדע' נאַציאָנאַליטעטן, וואָס וואוינען אין אים און אַז עס איז זייער פליכט נישט צו מאַכן קיין שהיות און אַריינשפּרינגען בשמחה רבה אין דעם קאָכעדיקן שמעלץ־טאָפּ פון דער אַסימילאַציע. באַוויזט מען אַזאַ אַסימילאַטאָר, אַז דער ציוניסטישער אידעאַל קאָן מקוים ווערן, אַז גרויסע לייט זיינען פאַראינטערעסירט אין אים און האָבן געגוג קראַפט דורכצוזעצן זייער ווילן, פאַרשטייט ער, אַז דאָס גייט מען בויען נאָך אַ שטאַט, נאָך אַ קאָכעדיקן שמעלץ־טאָפּ, וואו די יויך וועט זיין נישט קיין גויאישע, נאָר אַ יידישע און וואו אַלע אַנדערע מינדערהייטן אָדער נישט־הערשנדע פעלקער וועלן זיך דאַרפן אויסקאָכן אין יענער יויך. דער אַלגעמיינער ציוניזם פאַרלאַנגט פון אים נישט קיין רעוואָלוציע אין זיין דענקען. ער קען בלייבן אַן אַסימילאַטאָר אין גוטער ציוניסטישקייט"[75]. (זשיטלאָווסקי האָט דערביי געפּסקנט, אַז דאָס אַלץ איז נישט חל אויף די פּועלי־ציון). אין אַן אָפיציעלער אויסגאַבע פון די פּועלי־ציון האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז ציוניזם מיט אַסימילאַציע קענען זיין אַ פּאָר. און אַ טייל יידיש־שפּרעכנדע סאָציאַליסטן האָבן זיך געגומען אַלץ מער און מער צושאַרן צום ציוניזם. דער קאָמוניזם פון איין זייט און דער ציוניזם פון דער צווייטער זייט

האָבן גענומען אויסאיבן אַ שטאַרקע ווירקונג אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע.

ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ביי פיל יידישע אַרבעטער־טוער געווען אַ שטאַרקער ווילן צו פאַרנעמען זיך פּראַקטיש מיט יידישע פּראָבלעמען. אַ פּראָדוקט פון דעם ווילן איז געווען „דער ערשטער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָנגרעס", וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די טעג פון 16־19 יאַנואַר 1919 אין ניו־יאָרק. דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם קאָנגרעס, האָט גערופן אַלע ריכטונגען אין יידישן אַרבעטער־לעבן צו באַטייליקן זיך. אַזוי ווי די בירגערלעכע עלעמענטן האָבן געהאַט טענות פאַרוואָס מען מאַכט אַ באַזונדערן יידישן אַרבעטער־קאָנגרעס בעת ס׳איז נור־וואָס פאַרגעקומען אַן אַלגעמיינער יידישער קאָנגרעס, האָט מען זיך פאַרענטפערט. די פאַרענטפערונג איז סומירט געוואָרן אין אַ לייט־אַרטיקל פון „פאָרווערטס" אין פאָלגנדיקע ווערטער: „שטאַרקער ווי ביי אַלע אַנדערע אַרבעטער פון דעם לאַנד, איז ביי די יידישע אַרבעטער אַנטוויקלט דאָס געפיל און דאָס באַוואוסטזיין, אַז דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף שטענדיק זיין זעלבסטשטענדיק און אומאָפּהענגיק פון אַלע אַנדערע קלאַסן און מיט זיי זיך נישט פאַרמישן. און נישט בלויז אין זיין עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף דאַרף דער אַרבעטער־קלאַס גיין מיט זיין אייגענעם וועג, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע פראַגן האָט דער אַרבעטער־קלאַס זיין אייגענעם שטאַנדפּונקט און זיין אייגענעם וועג. דער יידישער אַרבעטער־קלאַס האָט אויך אין דער יידן־פראַגע זיין אייגענעם שטאַנדפּוקט און זיינע אייגענע וועגן, ווי די יידן־פראַגע דאַרף געלייזט ווערן. די יידישע רעכטלאָזיקייט רירט אָן דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס נענטער און שטאַרקער ווי אַלע אַנדערע קלאַסן פון דעם יידישן פאָלק, און דער יידישער אַרבעטער־קלאַס פאַרבינדט די לייזונג פון דער יידן־פראַגע און די באַפרייאונג פון יידישן פאָלק מיט דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענטשהייט" [76].

די דאָזיקע סאָציאַליסטיש־אויסגעהאַלטענע ווערטער זיינען געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואָס ס׳האָט דעמאָלט געטראַכט די פאָרגעשריטענע יידישע אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע. די פאָרגעשלאָגענע טאָג־אָרדנונג פון יידישן אַרבעטער־קאָנגרעס האָט אַרומגענומען פאָלגנדיקע פּונקטן: 1) די יידישע לאַגע אין די אייראָפּעאישע לענדער און דער קאַמף פאַר דער אַנערקענונג פון יידישער נאַציאָנאַלער רעכט. 2) די פּאַלעסטינע־פראַגע. 3) דער יידישער קאָנגרעס. 4) די יידישע רעליעף און רעקאָנסטרוקציע־אַרבעט אין די אייראָפּעאישע לענדער. 5) די דעמאָביליזאַציע פון די אינסטיטוציעס און פון דער אַרמיי אין אַמעריקע און די יידישע אַרבעטער. 6) יידישע אימיגראַציע און הילפס־אַרבעט פאַר יידישע אימיגראַנטן: אָפענע טירן פאַר יידישער איינוואַנדערונג. 7) די פאַרטיילונג פון יידישער דעמאָביליזירטער און אימיגרירטער אַרבעט איבער די נייע שטעט און נייע אינדוסטריעס. 8) די רעכט פון דער יידישער שפּראַך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. 9) פאַרבינדונג מיט די סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען פון דער וועלט וועגן יידישע אַרבעטער־ענינים. 10) פאַרבינדונג צווישן די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אַלע לענדער. 11) אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטער־קאָנגרעס.

אין זיין עפענונגס־רעדע האָט אויך דער סעקרעטאַר פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־

קאָמיטעט, י. ב. סאַלוצקי, געהאַלטן פֿאַר נויטיק צו זאָגן פֿאַרוואָס מ׳דאַרף האָבן אַזאַ קאָנגרעס. ער האָט אין אַזעלכע קאָנגרעסן געזען אַ מיטל צו אָרגאַניזירן און מאָביליזירן די גאַנצע יידישע אַרבעטערשאַפֿט און צו באַטראַכטן יידישע פֿראַגן פֿון אַן אייגענעם שטאַנדפּונקט. צווישן אַנדערן האָט ער אָנגעוויזן, אַז דער יידישער שפּראַך דראָט אַ געפֿאַר מצד די לעגיסלאַטיווע קערפּערשאַפֿטן אין גע־וויסע שטאַטן, וואו מ׳האָט אויסגעאַרבעט געזעצן צו פֿאַרווערן נישט־ענגלישע שפּראַכן אין עפֿנטלעכע פּלעצער. אין די לאָקאַלן פֿון די אַלגעמיינע שולן אין ניו־יאָרק האָט מען שוין אָנגעהויבן פֿאַרווערן מיטינגען אויף אַנדערע שפּראַכן.

צום נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָנגרעס זיינען געקומען אַרום 450 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן אויסגעהערט אַ ריי רעפֿעראַטן און אָנגענומען רעזאָלוציעס. ס׳זיינען געווען דריי באַריכטן פֿון אָפּגעהאַלטענעם יידישן קאָנגרעס אין פֿילאַדעלפֿיע. צביון האָט אין זיין באַריכט געזאָגט, אַז דער גאַנצער קאָנגרעס איז געווען אַ ציוניסטישער און איז אָנגעפֿירט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער מאַשין. די יידישע אַרבעטער־דעלעגאַציע האָט אַפֿילו נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו דער־קלערן איר שטעלונג. דר. ח. זשיטלאָווסקי, אַלס פֿאַרשטייער פֿון די פּועלי־ציון, האָט נישט מסכים געווען מיט צביונס אויספֿירונגען. מאַקס פּיין האָט פֿאַרנומען אַ מיטעלע שטעלונג.

אַ שטורמישע דעבאַטע איז פֿאָרגעקומען וועגן דער פּאַלעסטינע־פֿראַגע. צוויי רעזאָלוציעס זיינען געווען: איינע — אַ קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע פֿון דער קאָ־מיסיע־מערהייט (ב. וולאַדעק און דר. ח. זשיטלאָווסקי) און אַ צווייטע פֿון דער מינדערהייט (י. ב. סאַלוצקי). די ערשטע רעזאָלוציע האָט פֿאַרלאַנגט, אַז פּאַלעס־טינע זאָל ווערן דערקלערט פֿאַר אַ פֿריי נייטראַל־לאַנד, וואו דעם יידישן פֿאָלק זאָל פֿאַרזיכערט ווערן די מעגלעכקייט אויפֿצובויען פֿאַר זיך אַ נאַציאָנאַלע היים בתנאי, אַז דאָס זאָל נישט געשען אויפֿן חשבון פֿון די בירגערלעכע, פּאָליטישע און נאַ־ציאָנאַלע רעכט פֿון וועלכע נישט איז אַנדערער נאַציאָנאַליטעט אין פּאַלעסטינע. די צווייטע רעזאָלוציע האָט געפֿאָדערט, אַז פּאַלעסטינע זאָל ווערן אַ פֿרייע אומ־אָפּהענגיקע רעפּובליק, וואו קיין שום נאַציע, מערהייט אָדער מינדערהייט, זאָל נישט האָבן קיין ספּעציעלע רעכט, נאָר אַלע נאַציעס, וואָס וואוינען דאָרטן, זאָלן האָבן גלייכע רעכט, געזיכערט דורך נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיעס. סאַלוצקיס רע־זאָלוציע, וואָס האָט אויך אַנטהאַלטן אַ פּונקט וועגן רעכט פֿון פֿרייער אימיגראַ־ציע און קאָלאָניזאַציע, איז אויפֿן קאָנגרעס פֿאַרטיידיקט געוואָרן דורך דזשייקאָב פּענקין און מ. אָלגין. וולאַדעק האָט דערקלערט, אַז ער האָט זיך געאייניקט מיט די פּועלי־ציון צוליב דעם ס׳זאָל קאָנען איינגעשטעלט ווערן אחדות אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. בעת דער אָפּשטימונג האָט די רעזאָלוציע פֿון דער קאָמיסיע־מערהייט באַקומען 148 שטימען און איז דורכגעפֿאַלן. דאַקעגן האָט די רעזאָלוציע פֿון דער קאָמיסיע־מינדערהייט באַקומען 234 שטימען און איז אָנ־גענומען געוואָרן. די פּועלי־ציון האָבן דערקלערט, אַז די אָנגענומענע רעזאָלו־ציע איז פֿאַר זיי נישט בינדענדיק און זיי וועלן ווייטער בלייבן אויפֿן קאָנגרעס.

די דעלעגאַטן האָבן אָנגענומען רעזאָלוציעס וועגן נאַציאָנאַלע רעכט פֿאַר יידן אין אַלע לענדער און וועגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פֿאַר יידן אין די לענ־דער, וואו זיי וואוינען אין גרויסע מאַסן. אין אַלע לענדער אָן אויסנאַם דאַרפֿן יידן באַקומען בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט. ס׳איז אָנגענומען געוואָרן אַ

פּראָטעסט קעגן די פּאָגראָמען אין מזרח־אייראָפּע און אַ פאָדערונג פאַר אַמנעס־
טירן די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אַמעריקע. ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרן
אַ פאָדערונג, אַז אַמעריקע זאָל אָנערקענען די סאָוועטישע רעגירונג. אַ ריי אַנ־
דערע רעזאָלוציעס ריידן וועגן הילף פאַר אימיגראַנטן און אַנדערע אַקטועלע
פּראַגן.

די יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך באַמיט, אַז זייער בליק אויף דער יידן־
פּראַגע זאָל זיין באַקאַנט די שאַפער פון שלום־טראַקטאַט אין ווערסאַל. דער פּראָ־
וויזאָרישער עקזעקוטיוו פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט האָט אָנהויב 1919
איבערגעשיקט צו דער אַמעריקאַנער שלום־דעלעגאַציע אַ דערקלערונג, אין וועל־
כער עס ווערט געפאָדערט נאַציאָנאַלע רעכט פאַר יידן אין מזרח־אייראָפּע אין
דער פאָרם פון קולטורעלער אויטאָנאָמיע. מ'האָט גלייכצייטיק אויפמערקזאַם גע־
מאַכט, אַז „דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט איז אין אַן אָפּאָזיציע צו די
ציוניסטישע פּלענער פון מאַנכע טיילן פון יידישן פאָלק”. די דערקלערונג טראָגט
די אונטערשריפטן פון י. ב. סאַלוצקי, דר. ב. האָפמאַן (צביון), י. שלאָסבערג,
דר. פּ. ראָזענבלאַט, מ. אָלגין, דזשייקאָב פּענקין און מאַקס פּיין. וועגן זעלבן
ענין — נאַציאָנאַלע רעכט פאַר די יידן אין מזרח־אייראָפּע — האָט אַ דעלעגאַציע
פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אויך אינטערוועניר ט ביים פירער
פון דער יידישער דעלעגאַציע צו דער שלום־קאָנפערענץ, לואיס מאַרשאַל. די
פאָרשטייער פון דער פעדעראַציע — ב. צביון, י. ב. סאַלוצקי, דר. פּ. ראָזענבלאַט
און מ. אָלגין — האָבן געמוזט גוט קנעלן מיטן פאָרשטייער פון די אַמעריקאַנער
יהודים פאַרוואָס יידן דאַרפן האָבן און פאַרוואָס עס קומט זיי נאַציאָנאַלע רעכט.
לואיס מאַרשאַל האָט יידן געזען בלויז ווי אַ רעליגיעזע געמיינשאַפט.

די ספּעציעלע אַלגעמיין־יידישע און יידישע אַרבעטער־פּראַגן, הגם זיי
זיינען געווען אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט, האָבן אָבער נישט דאָמינירט אין
די ערשטע יאָרן נאָך דער וועלט־מלחמה. מיט דער גאַנצער שאַרפקייט האָט זיך
אַריינגעריסן און גענומען די אויבערהאַנט די פּראַגע פון קאָמוניזם. די יידישע
אַרבעטער־באַוועגונג איז געוואָרן אַן אַרענע — אַ פראָנט־אָפּשניט אין דער
גרויסער היסטאָרישער שלאַכט צווישן דיקטאַטאָרישן קאָמוניזם און דעמאָקראַ־
טישן סאָציאַליזם.

16. שפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג

באַרג־אַראָפּ. — קאָמוניסטישע גרופּעס. — ערשטע שפּאַלטונג. — פאַרפאָלגונגען. — וואַל־זיגן. — קאָמוניזם אויף דער יידישער גאַס. — די באָסטאָנער קאָנווענשאָן פון דער פעדעראַציע. — די קאָמוניסטישע עלעמענטן גייען אַוועק. — גרינדונג פון דער קאָמ. פּאַרטיי. — חלוקי־דעות צווישן דער יידישער פעדעראַציע און דער ס. פּ. — די 5טע קאָנווענשאָן פון דער פעדעראַציע. — דער 3טער אינטער־נאַציאָנאַל אַטאַקירט די ס. פּ. — פּאָליטישע ראַדיקאַליזירונג און אָרגאַניזאַציאָנעלע ירידה. — בלייבן אָדער אַרויסגיין פון דער ס. פּ.? — שטימונגען ביי יידן.

באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרג־אַראָפּ פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. מ׳איז אַוועק צום קאָמוניזם און מ׳איז סתם אַוועק פון סאָציאַליזם.

שוין אין 1918 האָבן זיך אָנגעהויבן אויספּיקן קאָמוניסטישע גרופּעס אין שויס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין 1919 איז פאָרגעקומען די ערשטע שפּאַלטונג און די גרינדונג פון אַ קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין יענעם יאָר איז אויף דער קאָנווענשאָן פון דער ס. פּ., וואָס איז פאָרגעקומען אין שיקאַגאָ (30טן אויגוסט—5טן סעפּטעמבער), דער פּראָ־סאָוועטיזם געקומען שטאַרק צום אויס־דרוק. מאָריס הילקוויט האָט אין אַ באַגריסונגס־טעלעגראַמע געגעבן דעם טאָן אין די ווערטער: „אין איצטיקן זון־אויפגאַנג פון דער פּראָלעטאַרישער וועלט־רעוואָלוציע האָט אַ סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָן אַ טיפערן היסטאָרישן ווערט, ווי אַלע כאַפּ־לאַפּ שלום־קאָנפערענצן פון די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען". ווי ווייט פּראָ־סאָוועטיש די דאָזיקע קאָנווענשאָן איז געווען, איז אויך צו זען פון דעם, וואָס דער פאַרשטייער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, י. ב. סאַלוצקי, האָט געשטימט קעגן דער פּראָטעסט־רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגע־נומען געוואָרן וועגן די פּאָגראָמען אויף יידן. ער האָט זי באַצייכנט אַלס „דורכ־אויס אומזיניקע", ווייל דער פּראָטעסט קעגן די פּאָגראָמען איז אין דער רעזאָלו־ציע פאַרהילכט געוואָרן דורכן לויב־געזאַנג פאַרן סאָוועט־רעזשים. דער דאָזי־קער פּראָ־סאָוועטיזם האָט אָבער נישט באַוויזן אָפּצוהאַלטן די קאָמוניסטיש־ גע־שטימטע עלעמענטן פון פאַרלאָזן די פּאַרטיי.

פון דער צווייטער זייט איז די פּאַרטיי־טעטיקייט געשטערט געוואָרן צוליב די פאַרפאָלגונגען פון דער אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע. דער באַריכט פון דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט צו דער קאָנווענשאָן הויבט זיך טאַקע אָן מיט די ווערטער: „דער פּעריאָד, אין וועלכן דער איצטיקער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט געדינט דער פּאַרטיי, איז געווען אַ צייט פון פאַרפאָלגונג, וואָס איז געקומען פון דרויסן, און פון שטאַרקער אומאיינִיקייט אין אונזערע אייגענע רייען". וועגן די פאַרפאָלגונגען זאָגט דער באַריכט: „במשך פון אַ יאָר נאָכן אָננעמען דאָס פּראָגראַם אויף דער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן אין סט. לואיס (אַפּריל, 1917), זיינען הונדערטער חברים געוואָרן אַרעסטירט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן

אַ צייט פון פאַרפאָלגונג. ׳פּאַטריאָטישע׳ געזעלשאַפטן האָבן אָרגאַניזירט אַ ווייסן טעראָר אין פיל טיילן פון לאַנד. לאָקאַלן און בראַנטשעס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן, פּאַרטיי־מיטגלידער האָט מען באָיקאָטירט און אין מאַנכע שטאַטן זיינען זיי געוועזן קרבנות פון אָנפאַלן מצד דעם המון. אונזער פּרעסע איז בכלל גענומען געוואָרן צעשטערט. ביי די פּאָר אויסגאַבעס, וואָס האָבן איבערגעלעבט דאָס אַלץ, האָט מען צוגענומען זייערע פּאָסט־פּריווילעגיעס. רעגירונג־שפּיאָנען האָבן געהיט די טריט פון די פּאַרטיי־מיטגלידער. אין טייל גרעסערע שטעט זיינען אונזערע אָפיסעס באַפאַלן געוואָרן דורך באַאַמטע פון דער אַדמיניסטראַציע. מאַנכע זיינען פּאָגראָמירט געוואָרן דורכן המון. אַ קליינע גרופּע האָט פאַרלאָזט די פּאַרטיי נאָכן אָננעמען דאָס פּראָגראַם אויף דער קאָנווענשאָן אין סט. לואיס״. פיל זיינען פאַרמשפּט געוואָרן, פיל געפינען זיך אונטער באַשולדיקונגען. יודזשין וו. דעבס האָט פאַר אַן אַנטי־מלחמה־רעדע אויף אַ קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין שטאַט אָהייאָ באַקומען 10 יאָר תפיסה; וויקטאָר ל. בערגער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 20 יאָר תפיסה און דער קאָנגרעס האָט מבטל געמאַכט זיין מאַנדאַט אַלס מיטגליד פון רעפּרעזענטאַנטן־הויז אין וואַשינגטאָן. אין סך־הכל זיינען בערך צוויי טויזנט סאָציאַליסטן געווען אַרעסטירט צוליב זייערע מיינונגען און דער פּעריאָד פון פאַרפאָלגונגען איז בשום אופן נאָך נישט פאַרענדיקט.[77]

דער באַריכט דערקלערט אויך, אַז דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט אונטערגעשטיצט די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע. די לינקע האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן די פּאַרטיי. זיי האָבן געשאַפן אַן אייגענע פּאַרטיי אין דער ס.פּ.. די גרויסע מערהייט פון די שפּראַך־פעדעראַציעס האָט אונטערגעשטיצט די לינקע. 7 שפּראַך־פעדעראַציעס — די רוסישע, אוקראַיִנישע, ליטווישע, לעטישע, פּוילישע, דרום־סלאַווישע און אונגאַרישע — ווי אויך איניקע שטאַט־אָרגאַניזאַציעס האָט מען צוליב פראַקציאָנעלער אַרבעט אָפּגעשטעלט אין זייערע רעכט. די פּאַרטיי האָט דעמאָלט געציילט 42 טויזנט מיטגלידער, וואָס איז געווען אַ שטאַרקע פאַרקלענערונג אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע יאָרן.

אין די וואַלן פון 1919 זיינען אין ניו־יאָרק אויסגעקליבן געוואָרן 5 סאָציאַליסטן אַלס מיטגלידער פון דער שטאַט־אַסעמבלי. די אַסעמבלי גופא האָט דעם 31 מערץ 1920 מיט אַ מערהייט פון 145 שטימען קעגן 28 באַזייטיקט די 5 אויסגעוויילטע סאָציאַליסטן. נישט געקוקט אויף דער אָפּשוואַכונג און די פאַרפאָלגונגען האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין 1920 דאָך באַוויזן אין די וואַלן דורכצופירן אַלס קאָנגרעסמאַן, צום דריטן מאָל, מאיר לאָנדאָן, וועלכער האָט באַזיגט דעם בשותּפותדיקן קעגן־קאַנדידאַט פון ביידע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. אין די ספּעציעלע וואַלן אין 1920 זיינען די 5 אויסגעשלאָסענע סאָציאַליסטישע אַסעמבלי־לייט ווידער געוויילט געוואָרן.

די אַטאַקע מצד דער רעאַקציע איז געווען נישט בלויז אויף דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, נאָר אויף דער אָרגאַניזירטער און קעמפנדיקער אַרבעטער־שאַפט בכלל. „במשך די לעצטע פּאָר יאָר — האָט געשריבן מאָריס הילקוויט — זיינען די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן אַטאַקירט געוואָרן מיט אויסערגעוויינלעכער שאַרפקייט דורך די אָרגאַניזירטע קאַפּיטאַליסטן, דורך

דער רעגירונג, דורך דעם שטאַט, דורך די נאַציאָנאַלע געזעצגעבנדיקע קערפּער־שאַפטן און געריכטן״ [78].

די פאַרפאָלגונגען האָבן פאַרביטערט די סאָציאַליסטן אויף דער יידישער גאַס און זיי ראַדיקאַליזירט. ס'זיינען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געמאַכט אַ פאַרקערטן אויספיר: זיי האָבן געמיינט, אַז מען דאַרף זיך זעלבסט־באַגרענעצן אין דער סאָציאַליסטישער טעטיקייט, כדי נישט צו געבן שונאים אַ פּתחון־פּה קעגן יידישן פאָלק.

שוין אין 1918 האָט זיך געבילדעט אַ פּראָ־באָלשעוויסטישע גרופּע מיטן נאָמען „אַוואַנגאַרד״. זי האָט פאָנאַנדערגעשיקט אַ ווענדונג צו די ברענטשעס, אַז זיי זאָלן איבעררייסן מיט דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. בעת די וואַלן אין 1918 האָט זי געפירט אַן אַגיטאַציע קעגן מאיר לאָנדאָנען, וועלכער האָט קאַנדידירט אין דאַון־טאַון פון ניו־יאָרק. די גרופּע האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אין וועלכן זי האָט באַשולדיקט די צייטונג פון דער פעדעראַציע, די „נייע וועלט״, אין שאָוויניסטישן סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם. זי האָט געפירט אַן אַקציע פאַר באַזייטיקן דעם רעדאַקטאָר י. ב. סאַלוצקי. די גרופּע האָט אויך געשאַפן אַ פאַרלאַג אַרויסצוגעבן בראָשורן און ביכער פון די באָלשעוויסטישע פירער לענין, טראָצקי און אַנדערע.

דעם 14 פעברואַר 1919 האָט אָנגעהויבן דערשיינען אונטער דער רעדאַקציע פון ה. בורגין און פ. געליבטער אַ צוויי־וואָכנבלאַט „דער קאַמף״. פון 27 יוני דעם זעלבן יאָר איז דער דאָזיקער אָרגאַן פון דער לינקער גרופּע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָכנבלאַט. דעם 19 סעפּטעמבער פון זעלבן יאָר איז „דער קאַמף״ שוין געוואָרן דער אָרגאַן פון דער יידישער קאָמוניסטישער פעדעראַציע אין אַמעריקע מיט א. ביטעלמאַן אַלס רעדאַקטאָר און פ. געליבטער אַלס מיט־רעדאַקטאָר. אין ערשטן פּראָגראַם־אַרטיקל פון זשורנאַל איז דערקלערט געוואָרן פייערלעך: „נישט קיין שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי זוכן מיר; נישט צו אַ צעשפּליטערונג פון סאָציאַליסטישע כוחות רופן מיר: מיט גאַנץ פרידלעכע כוונות שטרעבן מיר צו אַרויסגעבן די דאָ־זיקע צייטשריפט״. און מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז די שפּאַלטונג שוין געווען אַ פאַקט. „דער קאַמף״ האָט געפירט אַן אַגיטאַציע פאַרן באָלשעוויזם, וואָס איז דעמאָלט אַריין אַלץ מער אין דער מאָדע. אַפילו דער פאַרערטער פאָנען־טרעגער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, יודזשין וו. דעבס, האָט דעמאָלט געזאָגט: „פון קאָפּ ביז די פיס בין איך אַ באָלשעוויק און איך בין שטאָלץ מיט דעם״.[79]

די ערשטע שפּאַלטונג אויף דער יידישער גאַס איז פאָרגעקומען בעת דער פערטער קאָנווענשאָן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די טעג פון 29 מאַי — 1 יוני 1919 אין באָסטאָן.

אַ בילד פון דער דעמאָלטדיקער לאַגע אין דער פעדעראַציע גיט דער לייט־אַרטיקל פון „פאָרווערטס״ אין טאָג, ווען די קאָנווענשאָן איז געעפנט געוואָרן: „די מערסטע ברענטשעס האָבן זיך צעטיילט אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן. עס האָבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן ברענטש־פאַרזאַמלונגען, ווייל כמעט יעדער ברענטש איז געשפּאָלטן אין צוויי טיילן. אין דערווירקלעכקייט באַשטייט יעדע ברענטש־פאַרזאַמלונג פון צוויי באַזונדערע פאַרזאַמלונגען, פון צוויי נישט בלויז

קעגנערישע, נאָר אויך פיינטלעכע עלעמענטן, וועלכע ווילן איינע די אַנדערע נישט הערן און נישט פאַרשטיין. די איינציקע פראַגע אויף אַזעלכע פאַרזאַמלונגען איז ווער עס האָט מער הענט צו הויבן ביים וויילן אַ פאַרזיצער און ביי אַנדערע אָפּשטימונגען. און ווען דיסקוטירן פּאַרטיי־פּראַגן איז געוואָרן אוממעגלעך און טון וועלכע עס איז קאָנסטרוקטיווע אַרבעט איז געוואָרן נאָך מער אוממעגלעך, האָט זיך געמוזט אויפהויבן די פראַגע: ווער אפשר אַ געטיילט לעבן נישט זיין פראַקטישער, ווי אַ געצוואונגען צוזאַמענלעבן?" דער באַשלוס פון דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן וועט אויך זיין וויכטיק פאַר דער גאַנצער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. „די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע פאַרנעמט איצט אין דער פּאַרטיי אַ זייער בכבודיקן פּלאַץ. נישט בלויז מיט דעם, וואָס זי ציילט איבער 12 טויזנט מיטגלידער, נאָר פיל מער מיט דעם, וואָס זי איז איינע פון די טעטיקסטע פעדעראַציעס, פון וועלכע די ס. פּ. איז צונויפגעשטעלט".

די גאַנצע קאָנווענשאָן איז אַדורך אין אַן אַנגעגליטער אַטמאָספער. אין זיין באַריכט האָט דער סעקרעטאַר לולאָוו איבערגעגעבן, אַז זינט דער דריטער קאָנווענשאָן זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן 33 נייע ברענטשעס. די אַלגעמיינע צאָל ברענטשעס איז 120 אין 26 שטאַטן. די צאָל מיטגלידער באַטרעפט צווישן 13 און 14 טויזנט. דער דורכשניטלעכער פאַרקויף פון פּאַרטיי־מאַרקעס איז פון 5 ביז 6 טויזנט אַ חודש. 48 שטעט פון 26 שטאַטן זיינען אויף דער קאָנווענשאָן געווען רעפּרעזענטירט דורך 136 דעלעגאַטן. קעגן אַ סך זיינען אַנגעקומען פּראָטעסטן פון די פראַקציאָנעלע ריכטונגען. פון אייניקע ברענטשעס זיינען אָנגעקומען צוויי סעטס דעלעגאַטן.

די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען ביים אָפּשטימען די פּאָליטישע רעזאָלוציעס. דער פראָיעקט פון דער מערהייט האָט באַקומען 74 שטימען און דער פראָיעקט פון די לינקע — 38. 17 האָבן זיך אָפּגעהאַלטן. די מינדערהייט האָט דעמאָלט אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז פאַר איר איז מער נישט מעגלעך צו בלייבן אין דער אָרגאַניזאַציע און האָט פאַרלאָזט דעם זאַל. אויף דער קאָנווענשאָן זיינען ווייטער געבליבן 94 דעלעגאַטן. די אָפּאָזיציע האָט געהאַלטן ווייסע קאַרטן פון איר פראַקציע להיפוך צו די רויטע פּאַרטיי־קאַרטן. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן, אַז אַלע, וועלכע האָבן די ווייסע קאַרטן, ווערן אויטאָמאַטיש אויסגעשלאָסן פון דער פעדעראַציע. די קאָנווענשאָן האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר שאַפן איין אינטערנאַציאָנאַל פון די קאָמוניסטישע און די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס דער נור־וואָס געגרינדעטער 3־טער אינטערנאַציאָנאַל אין מאָסקווע איז עס נאָך נישט.

נאָך דער באָסטאָנער קאָנווענשאָן האָבן זיך צעפלאַקערט די קאַמפן אין די ברענטשעס און די שפּאַלטונג איז געוואָרן אַ פאַקט אויך אויף די ערטער. וועגן די אָפּגעשפּאָלטענע האָט געשריבן מ. אָלגין, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ קאָמוניסטישער וואָרט־זאָגער: „די בחורים פון אָט דער גרופּע לעבן זיך אין אַ וועלטל, וואָס זיי האָבן זיך באַשאַפן אין זייער פאַנטאַזיע. אין יענעם וועלטל איז אַלץ אַזוי, ווי זיי ווילט זיך. די אַרבעטער זיינען פאַראייניקט, קלאַסן־באַוואוסט, אָרגאַניזירט און באַוואָפנט. די געמיטער זיינען אויפגערייצטע. די יסודות פון דער געזעלשאַפט זיינען ביזן גרונט דערשיטערט. עס בלייבט נאָר איינס: קומען

און מאַכן די לעצטע פּראָבע, דערלאַנגען דעם לעצטן קלאַפּ. אַזוי האָט געטאָן לענין... 'אַזוי האָט געזאָגט לענין'".[80]

און צביון האָט געשריבן: „אין אונזער ס. פּ. פון אַמעריקע האָבן זיך אָנגעקליבן פיל זאַכן, וועלכע זיינען ווערט געווען צו קריטיקירן און האָבן געדאַרפט קריטיקירט ווערן. עס איז געווען נויטיק אַ געזונטע, קאָנסטרוקטיווע קריטיק און די לינקע האָבן די אַרבעט אָנגעהויבן. זייער אַרבעט איז אין אָנהויב געווען נוצלעך. לײדער זיינען זיי גאַנץ שנעל אַראָפּ פון ריכטיקן וועג"... „אָנשטאָט צו גיין אויפן וועג פוןווירקלעכן רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם זיינען זיי אַוועק אויף דעם וועג פון אַנאַרכאָ־סאָציאַליזם"... „אָפּגעשפּאָלטן פון דער פעדעראַציע האָבן זיך נישט די אמתע לינקע, נאָר די אויסגעלינקטע".[81]

אָנהויב סעפּטעמבער 1919 איז אין שיקאַגאָ געשאַפן געוואָרן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע. די אָפּגעשפּאָלטענע יידישע לינקע זיינען צו איר באַלד צוגעשטאַנען און זיך דערקלערט פאַר די יידישע פעדעראַציע פון דער קאָמ. פּאַרטיי. די ערשטע קאָנווענשאָן פון דער יידישער קאָמוניסטישער פעדעראַציע איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 9־12 אָקטאָבער 1919 אין פילאַדעלפיע. לויטן אָפיציעלן באַריכט זיינען אויף דער גרינדונג־קאָנווענשאָן געווען רעפּרעזענטירט 45 בראַנטשעס מיט 3 טויזנט מיטגלידער אין 20 שטעט. די קאָנווענשאָן האָט אָקצעפּטירט דאָס פּראָגראַם און די באַשלוסן פון דער קאָמ. פּאַרטיי. צווישן אַנדערן איז באַשלאָסן געוואָרן: „צו באַקעמפן אויף דעם ענערגישסטן אופן יעדן פּרוּוו אַריינצוציען די יידישע אַרבעטער אין אַ פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן פּאָגראָמען, וואָס וועט זוכן הילף ביי די רעגירונגען פונם קאַפּיטאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל". ס'איז אויך באַשטימט געוואָרן נישט צו באַטייליקן זיך אין דער טעטיקייט פון די יידישע מלוה־הילף־אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקע. ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס פון 1טן פעברואַר 1920 אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג. צוליב אויסערלעכע פּאָליטישע שטערונגען האָט דער באַשלוס נישט געקענט רעאַליזירט ווערן. אַ טייל פון דער יידישער סאָציאַליסטישער יוגנט־פעדעראַציע איז אויך אַריבער צו דעם קאָמוניסטישן צד.

דער קאָמוניזם איז שוין מער נישט געווען קיין אינערלעכער פליגל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, נאָר אַן אויסערלעכער, אָרגאַניזירטער און פיינטלעכער כוח. און מיט דער גאַנצער בייזקייט האָט ער אַטאַקירט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, כאָטש די לעצטע האָט מיט אַ מערהייט שטימען דעצידירט זיך אָנצושליסן אין 3־טן אינטערנאַציאָנאַל.

די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע, וועלכע האָט אָפּגעוואָרפן די שטעלונג פון די פּראָ־קאָמוניסטישע עלעמענטן און איז צוליב דעם געווען אַפילו גרייט אויף אַ שפּאַלטונג, האָט אַליין אָנגעהויבן זיך צו קירעווען אין דער לינקער ריכטונג. אויף דער קאָנווענשאָן פון 1919 האָט די מערהייט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער ס. פּ. קעגן די לינקע. בלויז חדשים זיינען אַוועק און ס'האָט זיך אָנגעהויבן מערקן אין דער פעדעראַציע אַ נייער קורס, וואָס האָט קאַליע געמאַכט די באַציאונגען צו דער פּאַרטיי און געשטעלט די פעדעראַציע אין אָפּאָזיציע צו איר פּאָליטיק.

די שפּאַלטונג האָט שיטערער געמאַכט די רייען, די רעאַקציע האָט געשטערט די טעטיקייט. אין אַ בריוו וועגן דער לאַגע אין די שטאַטן פון ניו־ענגלאַנד

מ. גאָלדפאַרב

מ. טערמאַן

וולאַדימיר מעדעם

דזשאַן מילל

נחום כאַנין　　　יוסף וויינבערג

סאַל ריפּקין

ה. בערגער

שרייבט ה. וויגדערסאָן, אַז די שפּאַלטונג האָט צוגענומען די ייִנגערע כּוחות. „מען איז אָבער פונדעסטוועגן אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט. די עלטערע גענאָסן האָבן זיך איינגעשפּאַנט און געטון די אַרבעט, וואָס זיי פלעגן טון ייִנגערהייט. דער ריס האָט זיך געפילט — און טיף און ביטער געפילט. מען איז אָבער דאָך זיך צונויפגעקומען, אַרומגעפּאָרן צו די ברענטשעס, זיך דורכגערעדט און געטון וואָס מ׳האָט געקענט. זיינען פאָרגעקומען די ׳רעידס׳ — די קאַזיאָנע איבערפאַלן מצד אונזער פיינעם דעמאָקראַטישן רעזשים. דער פועל־יוצא פון דעם איז געווען, אַז מ׳האָט מורא געהאַט צו קומען צו מיטינגען, צו שרייבן בריוו, צו האַלטן ביכער און פאַרקויפן פּאַרטיי־מאַרקעס. די ברענטשעס האָבן אויפגעהערט האָבן פאַרבינדונגען און דער שטאַט־קאָמיטעט האָט כּמעט נישט פונקציאָנירט. בלויז געציילטע גענאָסן פלעגן זיך פון צייט צו צייט צונויפקומען און זיי האָבן זיך געסטאַרעט ווי נישט איז דערהאַלטן און בלאָזן די לעצטע פונקען פון לעבן. צי וועלן זיך די דאָזיקע פונקען ווען ס׳איז פאַרוואַנדלען אין אַ העלן לעבנספלאַם ?‟ [82]

די פעדעראַציע האָט אָפן אַרויסגעוויזן איר אומצופרידנקייט מיט דער מילדער טאַקטיק פון דער פּאַרטיי פּנים אל פּנים מיטן אָנגריף פון דער רעאַקציע. ווען מען האָט אין דער ניו־יאָרקער שטאַט־אַסעמבלי צוגענומען די מאַנדאַטן פון די סאָציאַליסטן, האָט זי פאַרלאַנגט, אַז די פּאַרטיי זאָל פירן אַן אַגיטאַציע פאַר אַ פּאָליטישן פּראָטעסט־שטרייק און ווייזן דעם באַנקראָט פון דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע. די טוער פון דער ייִדישער פעדעראַציע האָבן אָנגעהויבן באַטראַכטן די אָרגאַניזאַציע, ווי דעם לינקן פליגל פון דער פּאַרטיי, נאָך דעם ווי דער פּראָ־קאָמוניסטישער פליגל איז אין 1919 אַוועק און געגרינדעט די קאָמ. פּאַרטיי. ס׳האָט זיך אויך געפילט אַן אומצופרידנקייט מיטן פאַקט, וואָס אויף די פּאַרטיי־קאָנווענשאָנס זיינען פאַראַן אַ סך אַסימילירטע ייִדן און זיי ברענגען דאָרטן נישט אַרויס דעם ווײ־געשריי צוליב די גרויזאַמקייטן, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן די ייִדן אין מזרח־אייראָפּע.

ווען אין מאַי 1920 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט די אָנפירונג פון דער ייִדישער פעדעראַציע צוגעשטעלט אַ באַריכט, אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן: „אונזערע מיטגלידער זיינען געבליבן, אין דער גרויסער מערהייט, שטיין מיט אונז. אָבער מיר האָבן אויף זיך גענומען אַ גרויסע התחייבות — צו זען ווירקן, לויט אונזערע כּוחות און מעגלעכקייטן, אַז די גאַנצע פּאַרטיי זאָל זיך שטעלן אַזוי מאַרקסיסטיש און פּרינציפּיעל לינק, ווי די רעזאָלוציעס פון אונזער באָסטאָנער צוזאַמענפאָר האָבן עס אָנגעוויזן‟... „ליידער האָט די לייטונג פון דער פּאַרטיי אונז געשטעלט אין אַ זייער ביטערער לאַגע, און אַ דאַנק דעם איז אונזער אַרבעט אין דעם לעצטן טייל פון די אַכט חדשים געוואָרן אַלעמאָל שווערער‟. די פעדעראַציע דאַרף טראָגן די לאַסט פון דער קריטיק פאַר די מעשׂים, וואָס די פּאַרטיי־פירער טוען נישט אין הסכּם מיט די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי־באַשלוסן.[83]

אויפן זעלבן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט דער פאָרשטייער פון דער ייִדישער פעדעראַציע, י. ב. סאַלוצקי, אַריינגעטראָגן אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט שאַרף קריטיקירט די פּאַרטיי־פירער פאַר זייער אופן פון פירן די פּאַרטיידיקונג אין פאַל פון אויסשליסן די סאָציאַליסטן פון דער ניו־יאָרקער שטאַט־אַסעמבלי. די רעזאָ־

לוציע האָט פאַרגעוואָרפן, אַז די פּאַרטיי־פירער האָבן נישט באַנומען די פּאָ־ליטישע באַדייטונג פון דעם פאַרהער און האָבן פאַרווענדט זייער גאַנצע ענערגיע אויף דער יורידישער זייט. זיי האָבן געפירט אַ שוואַכע פאַרטיידיקונג אַנשטאָט אַ שטאַרקן אַנגריף. ס'זיינען געמאַכט געוואָרן דערקלערונגען, וואָס זיינען אין שריי־ענדער סתירה מיט די אָפיציעלע פּאַרטיי־באַשלוסן. אַרום דער רעזאָלוציע איז פאָרגעקומען אַ היציקע דיסקוסיע, בעת וועלכער מאָריס הילקוויט האָט אַטאַ־קירט די יידישע פעדעראַציע. לויט אַ פאָרשלאַג פון מאיר לאָנדאָנען איז באַ־שלאָסן געוואָרן די פּראָיעקטירטע רעזאָלוציע אויסצושטרייכן פון די קאָנווענשאָן־פּראָטאָקאָלן.

ווען אין 1920 האָט צום צווייטן מאָל געזאָלט זיך צונויפקומען דער „יידישער קאָנגרעס", האָט די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע באַשלאָסן מער אין אים זיך נישט צו באַטייליקן און פאַרנומען די זעלבע שטעלונג, ווי דער אַרבעטער־רינג און די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן.

פון 2 ביז 5 יולי 1920 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען די 5־טע קאָנווענשאָן פון דער פעדעראַציע. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט איז געקומען מיט אַ פּלאַן אויס־צוברייטערן די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע דורך אַריינגעמען אין איר אַנדערע קרובישע אָרגאַניזאַציעס, ווי בראַנטשעס פון אַרבעטער־רינג, בילדונגס־פאַראיינען, קלובן, יוניאָנס, פרויען־אָרגאַניזאַציעס און אַנדערע. אין באַריכט איז געזאָגט געוואָרן, אַז צוליב דער שפּאַלטונג „זיינען 19 בראַנטשעס רעאָרגאַניזירט געוואָרן. די איבעריקע 100 בראַנטשעס זיינען אומעטום געבליבן מיט דער פע־דעראַציע", וועלכע ציילט אַרום 5 טויזנט מיטגלידער — אַ שטאַרקע פאַרקלע־נערונג. אין די וויכטיק פּאָליטישע פראַגן האָט די פעדעראַציע זיך סאָלידאַרי־זירט מיט דער נייער מינדערהייט, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אין דער ס. פּ. אַב. קאַהאַן האָט אין זיין באַגריסונגס־רעדע ענטוזיאַסטיש גערעדט פאַר סאָוועט־רוסלאַנד און אויסגעדריקט זיינע ספקות וועגן דער צוועקמעסיקייט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. ער האָט געוואָרנט, אַז מען זאָל זיך נישט לאָזן באַהערשן פון אַ נאַציאָנאַליסטישן גייסט. די יידישע סאָציאַליסטן טאָרן נישט שאַפן אַ צווייטע אויפלאַגע פון „בונד".

מיט 43 שטימען קעגן 17 האָט די קאָנווענשאָן אָקצעפּטירט די אַלגעמיינע פּאָליטישע ליניע פון דער פעדעראַציע. די קאָנווענשאָן האָט אויך אינדאָרסירט די שטעלונג פון דער פּאַרטיי־מינדערהייט אין דער פראַגע פון 3־טן אינטערנאַ־ציאָנאַל. אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע וועגן פּאַלעסטינע ווערט צווישן אַנ־דערן געזאָגט: „די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע חזרט איבער נאָך אַ מאָל, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר דעם יידישן פאָלק אין פּאַלעסטינע איז אין איר כאַראַקטער און אירע מעטאָדן אין אַ פול־שטענדיקן קעגנזאַץ צו די בליקן, איבערצייגונגען און קאַמף־מעטאָדן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג".

ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז „דער פיפּלס רעליעף־קאָמיטעט דאַרף זען זיך תיכף אָפּטיילן פון דזשאָינט־דיסטריבושאָן־קאָמיטעט און אָנפירן זעלבשטענדיק די אַרבעט נישט בלויז פון זאַמלען געלטער, נאָר אויך פון פאַ־נאַנדערטיילן די געזאַמלטע געלטער אויף יענער זייט ים"... די פּראַקטיק האָט

געוויזן, אַז „אַפילו רעליעף־אַרבעט קענען מיר נישט טון צוזאַמען מיט די רייכע קלאַסן".

נאָך דער דאָזיקער קאַנווענשאַן זיינען די באַציאונגען צווישן דער פּאַרטיי און דער פעדעראַציע געוואָרן נאָך מער אָנגעשטרענגט. אין דער פּאַרטיי איז זומער 1920 פאָרגעקומען אַ רעפערענדום וועגן צוויי פּרינציפּן־דעקלאַראַציעס — פון מערהייט און מינדערהייט. די ערשטע האָט אָנערקענט דעם פּאַרלאַמענטאַריש־דעמאָקראַטישן סיסטעם. „גוואַלט־טאַט איז נישט קיין געווער פון דער ס. פּ." — האָט געזאָגט די דעקלאַראַציע. וועגן 3־טן אינטערנאַציאָנאַל האָט זי פעסטגע־שטעלט, אַז די אָנפירונג „איז געניגט אַרויפצוצווינגען אויף אַלע אָנגעשלאָסענע קערפּערשאַפטן די רוסישע פאָרמולע: 'די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אין דער פאָרם פון סאָוועטן־מאַכט'"... „די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן האַלט אָן איר אָנהענגערשאַפט צום 3־טן אינטערנאַציאָנאַל", אָבער באַ־שטייט מ'זאָל נישט אַרויפצווינגען די פאָרמולע פון „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַ־ריאַט" און אַז זי זאָל קענען מיטווירקן אין די באַמיאונגען „צו פאַראייניקן אַלע ווירקלעך סאָציאַליסטישע כוחות אויף דער וועלט אין איין אינטערנאַציאָנאַל". אין דער פּרינציפּן־דערקלערונג פון דער מינדערהייט איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער געדאַנק, אַז די אַרבעטער דאַרפן פאַרכאַפּן די מאַכט „פאַר דער גאַנצער צייט פון איבערגאַנגס־פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם, כדי צו פאַר־זיכערן דעם דערפאָלג פון דער רעוואָלוציע". די מינדערהייט האָט אויך נישט געשטעלט קיין תנאים פאַרן אַריינטריט אין 3טן אינטערנאַציאָנאַל.

אין דער אָפּשטימונג האָבן זיך באַטייליקט זייער ווייניק מיטגלידער. סך־הכל 2,640. מיט 38 שטימען מער איז קוים אַדורך די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע פון דער מערהייט. די אָנפירונג פון דער פעדעראַציע האָט אויסגעדריקט איר אומצופרידנ־קייט מיטן רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג. אין אָפיציעלן אָרגאַן די „נייע וועלט" איז געעפנט געוואָרן אַ דעבאַטע וועגן פאַרבלייבן אין דער ס. פּ. אָדער אַרויס־טרעטן פון איר.

אויף דער ווענדונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי וועגן אָנשליסן זיך אין 3־טן אינטערנאַציאָנאַל איז מצד דעם לעצטן סוף 1920 אָנגעקומען זייער אַ שאַרפער ענטפער, פול מיט קאָמוניסטישע זידלערייען. צווישן אַנדערן איז דאָרטן געזאָגט געוואָרן: „די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז נישט קיין פּאַרטיי פון דעם אַרבעטער־קלאַס, נאָר אַ הילף־אָרגאַניזאַציע פון דער אַמע־ריקאַנער בורזשואַזיע, פון דעם אַלוועלטלעכן אימפּעריאַליזם. זי פירט אייך נישט צום סאָציאַליזם — זי פאַראַט אייך צו דער קאָנטער־רעוואָלוציע. אַרבעטער! פאַר־לאָזט די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. זי איז אייער שונא און אונזערער. אין אַמעריקע איז שוין דאָ אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, די 'פאַראייניקטע קאָמ. פּאַרטיי', די אַמעריקאַנער סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל". און אַזוי ווייטער אין זעלבן נוסח. נאָכן דערהאַלטן דעם בריוו פון קאָמינטערן האָט די אָנפירונג פון דער פעדעראַציע דערקלערט, אַז מען דאַרף ווייטער בלייבן אין דער פּאַרטיי און זיך באַמיען, אַז די פּאַרטיי זאָל אָנגענומען ווערן אין 3־טן אינטערנאַציאָנאַל.

דעם 29 און 30 יאַנואַר 1921 איז אין דעטראָיט פאָרגעקומען אַ פעדעראַציע־קאָנפערענץ פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט און פאָרשטייער פון די דיס־

טריקטן און גרעסערע שטעט. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ דעקלאַראַציע, אין וועלכער ס'איז געזאָגט געוואָרן: „אַנשטאָט אָנצופירן די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אויף די וועגן פון אָנגרייפנדיקן קלאַסן־קאַמף האָט די פּאַרטיי מער פון אַלץ געזוכט צוצופּאַסן זיך צו דעם טיף־רעאַקציאָנערן טעמפּ פון דעם לויפנ־דיקן פּאָליטישן לעבן אין אַמעריקע"... „די פירונג פון דער פּאַרטיי האָט געשעדיקט די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי"... „איינמאָל פאַר אַלעמאָל זאָל די פּאַרטיי אָפּשטעלן אַלע אונטערהאַנדלונגען און פּרוּוון צו גרינדן אַ נייעם אָדער צו שטיצן וועלכן ס'איז אַנדערן אינטערנאַציאָנאַל אַחוץ דעם דריטן. אין איר גאַנצער טעטיקייט און אין די פּרינציפּיעלע דעקלאַראַציעס זאָל די פּאַרטיי ערנסט און אויפריכטיק ענדערן איר אינהאַלט, כדי זי זאָל ווערן פּאַסיק צו זיין אַ באַרעכטיקטער מיטגליד פון דעם 3־טן אינטערנאַציאָנאַל". די פּאַרטיי זאָל באַלד שיקן אַ דעלעגאַציע קיין רוסלאַנד צו אונטערהאַנדלען וועגן דורכפירן דאָס אַנשליסן זיך.

אויף דער דעטראָיטער קאָנפערענץ האָבן זיך געלאָזט הערן אייניקע שטימען, וואָס האָבן גערופן צו איינגעהאַלטנקייט. דער פאַרשטייער פון דער פעדעראַציע ביים עקזעקוטיוו פון דער פּאַרטיי (סעקרעטאַר־איבערזעצער), דזשאַן מילל, האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַרן 3־טן אינטערנאַציאָנאַל, אָבער מיט אַ ריי באַוואָרעניש. מ. ל. פּאָלין, וועלכער האָט פאַרטראָטן די אָרגאַניזאַציע אין פילאַדעלפיע, האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן די 21 פּונקטן, ווייל זיי אַנטהאַלטן „אַ גאַנץ פּראָגראַם פון אַ גענעראַל־שטאַב, וואָס פירט אַ מלחמה. דאָס פּראָגראַם איז צוגעפּאַסט צו אַ לאַנד, וואָס לעבט איבער אַ בירגער־קריג, אָבער נישט צו אַמעריקע, וואו דער אַרבעטער־קלאַס איז נאָך ווייט פון קלאַסן־קאַמף". דעריבער דאַרף מען די 21 פּונקטן אָפּוואַרפן.

אין דער צייט, ווען די פעדעראַציע איז געגאַנגען העכער און העכער אויף די שטאַפּלען פון ראַדיקאַליזם און פּראָ־באָלשעוויזם, איז אין איר גופא פאָרגעקומען אַ פּראָצעס פון ירידה. מיט אַ שנעלן טעמפּ האָט זיך פאַרקלענערט איר כּוח און השפּעה. אויף דער דעטראָיטער קאָנפערענץ האָט דער סעקרעטאַר סיגעל, וועלכער האָט פאַרנומען דעם אַמט נאָכן באַזייטיקן לולאָוון צוליב מיסבראַוכן, פאַרגעשטעלט אַזאַ בילד: די פעדעראַציע פאַרמאָגט 59 בּרענטשעס. אין 1920 האָט מען פאַרקויפט דורכשניטלעך 1,565 פּאַרטיי־מאַרקעס אַ חודש. בכלל קען מען רעכנען, אַז די צאָל מיטגלידער פון דער פעדעראַציע גרייכט נישט מער ווי 2,500. אין די בּרענטשעס איז נישטאָ קיין אייניקייט, אין אַנדערע ווידער איז אַ שטילשטאַנד און אַפּאַטיע. ווייניק מיטגלידער קומען צו די מיטינגען און אַ סך בּרענטשעס קומען זיך זעלטן צונויף.

מען האָט דעמאָלט געשאַצט, אַז די פעדעראַציע האָט פאַרלוירן בערך 6 טויזנט מיטגלידער. די גרויסע מערהייט פון זיי איז נישט אַוועק צו די קאָמוניסטן, נאָר איז סתם נעלם געוואָרן אין גרויסן טומל אַרום די טענה און דעקלאַראַציעס. אַ סך האָבן זיך פשוט נישט געקענט אַנטשליסן מיט וועלכן צד צו גיין.

אין יוני 1921 איז אין דעטראָיט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. צווישן די דעלעגאַטן האָט שוין געהערשט אַ שטימונג קעגן קאָמינטערן. מאַנכע דעלעגאַטן האָבן אויך געפּרוּווט דורכפירן אַ

באַשלוס קעגן די שפּראַך־פעדעראַציעס. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן, אַז די ס. פּ. זאָל דערוויַיל בלייבן מחוץ יעדן אינטערנאַציאָנאַל. דער פאָרשלאַג קעגן די שפּראַך־פעדעראַציעס איז נישט אָנגענומען געוואָרן.

דער עקזעקוטיוו פון דער יידישער פעדעראַציע האָט באַלד נאָך דעם פאַרעפנטלעכט אַ מעלדונג וועגן רופן אַ ספּעציעלע קאָנווענשאָן פון דער אייגענער אָרגאַניזאַציע. דער ציל: צו באַהאַנדלען דעם פאָרשלאַג פון עקזעקוטיוו וועגן פאַרלאָזן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. די דאַטע איז באַשטימט געוואָרן אויף דעם 2—5 סעפּטעמבער 1921; דאָס אָרט — ניו־יאָרק.

אין די ברענטשעס איז גלייך אויפגענומען געוואָרן די פראַגע וועגן בלייבן אָדער אַרויסטרעטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אַ ריי ברענטשעס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַרויסטרעטן, אַנדערע קעגן. אומעטום זיינען געווען מערהייטן און מינדערהייטן. צווישן די, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַרויסטריט, איז געווען דער גרעסטער ברענטש פון דער פעדעראַציע — דער פּיטסבורגער. אָן ענלעכע שטעלונג האָבן אויך פאַרנומען די ברענטשעס אין פילאַדעלפיע, קליוולאַנד, דעטראָיט, נוארק, ברוקלין און אַנדערע ערטער. אָבער אויך די שטעלונג פאַר איבעררייסן מיט דער ס. פּ. האָט געהאַט אַ מערהייט אין פיל ברענטשעס.

די אָנפירונג האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז איר שטעלונג באַדייט נישט בלויז אַ שפּאַלטונג אין דער ס. פּ., נאָר אויך אין דער פעדעראַציע גופא. זי איז דאָך געווען גרייט אויף דעם. אין טאָג, ווען די פעדעראַציע־קאָנווענשאָן האָט זיך געעפנט, האָט די „נייע וועלט" געזאָגט אין אַ לייט־אַרטיקל, אַז קיין וועג צוריק איז שוין נישטאָ און די יידישע פעדעראַציע דאַרף גיין אויפן וועג, אויף וועלכן עס זיינען שוין פריער אַוועק די אַנדערע שפּראַך־פעדעראַציעס: „סאָציאַליסטן קאָנען נישט פאַרבלייבן אין איין אָרגאַניזאַציע מיט רעפאָרמיסטן, — און נישט נאַטירלעך וואָלט געווען, ווען מיר וואָלטן די טרייהייט צו דער פּאַרטיי געשטעלט העכער פון דער טרייהייט צו אונזער סאָציאַליסטישן אידעאַל"... „מיר ווייסן, מיר וועלן אויף אונזער אייגענער קאָנווענשאָן באַגעגנען קעגנער פון אונזער באַשלוס. מיר נאַרן זיך נישט אין קומענדיקע באַציאונגען מיט אָט די קעגנער. וואָס בענטער מיר זיינען מיט זיי בעכטן געווען, אַלץ שאַרפער וועלן זיי אונז מאַרגן באַקעמפן. און מיר, פון אונזער זייט, וועלן זיי אויך נישט שוינען. אַזוי מוז עס זיין, דאָס איז אומפאַרמיידלעך און ס'איז נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך און וואָס צו באַדויערן דעם פאַקט"... און ווייטער: „די נשמה פון דער פעדעראַציע וועט זיך באַפרייען פון דעם טויטן קערפּער פון דער פּאַרטיי, וואָס שטיקט זי, דריקט זי, שטערט זי צו באַוועגן זיך, פריי אויפצואָטעמען"... „די פעדעראַציע קען נישט לעבן אויף אַ בית־עלמין. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז טויט. זי האָט איר לעצטן רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישן אָטעם אויסגעהויכט"[84].

אַז מיט אַזעלכע ווערטער און האַנדלונגען ווערט געשיקט אַן איינלאַדונג צום מלאך־המוות צו קומען צונעמען די יידישע פעדעראַציע גופא, האָבן אירע פירער נישט געטראַכט. נישט די לאָגיק האָט דעצידירט. זיי אַליין זיינען געטראָגן געוואָרן אויף אַ כוואַליע פון שטימונגען, וואָס האָבן פאַרפלייצט די יידישע גאַס. וועגן אָט די שטימונגען האָט געשריבן וו. מעדעם: „איך האָב נאָך קיינמאָל נישט

געזען אַזוי פיל באָלשעוויסטיש געשטימטע מענטשן, ווי דאָ אין אַמעריקע. און דווקא צווישן די פּאַרמעגלעכע, דווקא צווישן די 'אַל־רייטניקעס'. זעט איר אַ יידן, וואָס 'טרייבט אַ מאַשין' — קענט איר כמעט זיכער זיין, אַז ער איז פול מיט שבח־לידער פאַר דעם באָלשעוויזם. און וואָס שענער דער אויטאָמאָביל, אַלץ הייסער די 'סימפּאַטיע'"... „ציוניסטישע חלומות, סאָוועטישע חלומות, סימ־פּאַטיעס אויף רעכטס, סימפּאַטיעס אויף לינקס, דאָס קוויקן זיך מיט פלענער און 'אידעאַלן' פאַר יענעם — דאָס איז אַלץ איין און די זעלבע דערשיינונג. עס פעלט דער מאַסן־ווילן, יענער סאָציאַליסטישער ווילן, וואָס מוז געפינען אַ וועג פאַר זיך און גיין מיט דעם דאָזיקן וועג צו אַן אייגענעם ציל. עס פעלט דער קאָלעקטיווער סאָציאַליסטישער ווילן און דער קלאָרער געדאַנק פון אַ סאָציאַליסטישן כלל"... „אַן אַרבעטער־באַוועגונג איז דאָ, אַ גרויסע און אַ שטאַרקע. די יוניאָנס זיינען אַ גוואַלטיקע מאַכט, דער אַרבעטער־רינג איז אַ שיינע מאַסן־אָרגאַניזאַציע. אָבער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג? די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע? די פּאָליטישע פּאַרטיי? עס זיינען דאָ אין לאַנד צענטליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען סאָציאַליסטיש געשטימט"... „זיי זיינען דאָ און אין דער זעלביקער צייט זיינען זיי נישטאָ. מען זעט זיי נישט, מען קען זיי נישט אָנטאַפּן. צעוואָרפענע יחידים, צעזייט און צעשפּרייט, מענטשלעכער שטויב אָן אַ צוזאַמענבונד, אָן אַ געמיינזאַמען פּנים, אָן אַ געמיינזאַמען ווילן, אַ צעשוואָומענע מאַסע, וואָס שוועבלט און גריבלט מיט אָפּקלאַנגען פון די פאַרשידנפאַרביקסטע פּערזענלעכע איינפלוסן און קאַפּריזן. ציוניזם, סאָציאַליזם, קאָמוניזם, אַנאַרכיזם — אַלץ איז צונויפגע־מישט אין איין קאַשע, און קיינער קען נישט אָנווייזן די גרענעץ, וואו עס הערט אויף איין שיטה און עס הויבט זיך אָן אַ צווייטע. עס הערשט אַ מישמאַש, עס הערשט אַ כאָאָס".[85]

17. געבורט פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד

די שפּאַלטונג־קאָנווענשאָן פון דער פעדעראַציע. — מיט דער פּאַרטיי אָדער מיט דער פעדעראַציע? — אַנטשטייאונג פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. — „דער וועקער“. — יורשים פון דער פעדעראַציע. — די שטעלונג פון „פאָרווערטס“. — מאַניפעסט פון די לינקע. — פאַראייניקונג מיט די קאָמוניסטן. — די קאָמוניסטישע טאָג־צייטונג „פרייהייט“. — באַגייסטערונג און אַנטוישונג. — אייניקע קומען באַלד צוריק. — וואוקס פון קאָמוניסטישער השפּעה. — דער פאַרבאַנד איז אַליין אין דעם אַנטי־קאָמוניסטישן קאַמף. — פּאָזיטיוו צו סאָוועט־רוסלאַנד און נעגאַטיוו צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. — אַפּאַטיע. — לייבאָר־פּאַרטיי און אינטערנאַציאָנאַל. — די צווייטע קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד.

די גורל־קאָנווענשאָן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע האָט זיך געעפנט שבת דעם 3 סעפטעמבער 1921 אין האָל פון „פאָרווערטס“.

שוין אין די פאַרשידענע באַגריסונגס־רעדעס איז דער צענטראַלער פונקט געווען די פראַגע פון שפּאַלטונג. די פאָרשטייער פון אַ ריי אָרגאַניזאַציעס האָבן אין זייערע רעדעס געוואָרנט קעגן דעם. באַלד אין אָנהויב איז אויסגעבראָכן אַ שטרייט צווישן ביידע צדדים. דאָס איז געווען ביים וויילן די מאַנדאַטן־קאָמיסיע. נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן און להיפּוך צו די אָנגענומענע מנהגים, האָט מען אין דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע נישט געוויילט קיין פאָרשטייער פון דער מינדערהייט. מ׳האָט אויך אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג, אַז דעלעגאַטן, וועלכע זיינען אַרויסגעטרעטן פון דער ס. פּ., זאָלן נישט האָבן קיין שטים־רעכט. שפּעטער איז באַריכטעט געוואָרן, אַז ס׳זיינען פאַראַן 77 דעלעגאַטן פון 43 ברענטשעס. קעגן אַ גרויסער צאָל זיינען געווען פּראָטעסטן.

אַ שטורמישע דעבאַטע האָט זיך אָנגעהויבן וועגן בלייבן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אָדער איבעררייסן מיט איר. דאָס ערשטע וואָרט פאַר אָפּרייסן זיך האָט געהאַט י. ב. סאַלוצקי. נאָך אים האָט גערעדט קעגן נ. כאַנין. במשך 7 שעה צייט האָבן פאַרשידענע רעדנער אַרויסגעבראַנגט די אַרגומענטן פון ביידע צדדים. אַ טייל פון די, וועלכע האָבן גערעדט פאַר אַוועקגיין פון דער ס. פּ., האָבן אָבער דערקלערט, אַז נישט אין אַלץ זיינען זיי מסכים מיט די קאָמוניסטן. די רעדנער פון צווייטן צד האָבן געוואָרנט פאַרן חורבן, וואָס די שפּאַלטונג וועט ברענגען אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. הגם אַלע האָבן גערעדט מיט שטאַרקער איבערצייגונגס־קראַפט, האָט איינער דעם צווייטן נישט געקענט איבערצייגן. יעדער איז שוין געקומען מיט אַ פריער אָפּגעמאַכטער מיינונג ווי אַזוי צו האַנדלען. לסוף איז פאָרגעקומען די אָפּשטימונג. 41 האָבן געשטימט פאַר סאַלוצקיס רעזאָלוציע אַרויסצוטרעטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. 33 האָבן געשטימט קעגן.

אין נאָמען פון אָט די 33 האָט נ. כאַנין אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אין וועל־

כער ער האָט אויסגעדריקט די זיכערקייט, אַז די מערהייט פעדעראַציע־מיטגלידער וועט ווייטער בלייבן אין דער ס. פּ.. ער האָט באַדויערט וואָס עס וועט אויסקו־מען צו פירן אַ קאַמף קעגן ביז־איצטיקע חברים און פירער. לסוף האָט ער גע־רופן צו בלייבן טריי דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אויפגעפאָדערט אַלע אירע אָנהענגער צו פאַרלאָזן די קאָנווענשאָן און זיך פאַרזאַמלען אין אַ צווייטן זאַל. די שפּאַלטונג איז געוואָרן אַ געשעענער פאַקט.

די 33 דעלעגאַטן און זייערע פריינט זיינען אַוועק אין אַ צווייטן זאַל פון „פאָרווערטס" און אָפּגעהאַלטן אַ גרינדונגס־קאָנווענשאָן פון אַ נייער יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. אָט די קאָנווענשאָן איז באַגריסט געוואָרן פון סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג י. באַסקין, פון פאַרטרעטער פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן מאַקס פיין, פון א. ליעסין און אַנדערע. כאַראַקטעריסטיש זיינען געווען ליעסינס ווערטער: „אויב אין אַמעריקע וואָלט כאָטש געווען אַ מעכטיקע קאָמוניסטישע באַוועגונג, וואָלט איך נישט געהאַט קעגן דעם, אַז די יידישע אַרבעטער זאָלן זיין דער אַוואַנגאַרד. איך וואָלט אָבער בשום אופן נישט וועלן, אַז די יידישע שניידער אַליין זאָלן זיין די קאָמוניסטן אין אַמעריקע".

די קאָנווענשאָן פון די, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די פעדעראַציע, האָט באַ־שלאָסן צו בילדן אַ נייע אָרגאַניזאַציע אין די ראַמען פון דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי און דער נאָמען זאָל זיין „דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע". מ'האָט אויס־געקליבן אַן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פאָלגנדיקע מיטגלידער: ב. וולאַ־דעק, א. ליעסין, אַלעקסאַנדער קאָהן, מאַקס פיין, ה. לאַנג, ה. בערגער, ש. הייפערלינג און שיינבלום (אַלע פון ניו־יאָרק), בראַגינסקי (פילאַדעל־פיע), ווייסבערג (קאָנעטיקוט), ווינער און אַלפערט (ניו דזשוירזי) און נאָך 3 אַנדערע חברים. נ. כאַנין איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַ וואָכנבלאַט. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט איז באַפולמעכטיקט געוואָרן צו רופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע יידישע גרויסע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס וועגן פאַרשטאַרקן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער. צו קענען פירן די אַרבעט, איז באַ־שטימט געוואָרן צו זאַמלען אַ פאָנד פון 10 טויזנט דאָלער. די דעלעגאַטן האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פון חורבן, וואָס די שפּאַלטונג ברענגט מיט זיך, און די שטימונג זייערע איז געווען אַ געדריקטע.

די גרינדונגס־קאָנווענשאָן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד האָט געמאַכט אַ דערקלערונג „צו אַלע מיטגלידער פון די יידישע סאָציאַליס־טישע ברענטשעס און צו אַלע יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע". אין דער דערקלערונג ווערט דער עקזעקוטיוו פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע באַשולדיקט, אַז זיין מערהייט אויף דער קאָנווענשאָן איז געווען אַ געמאַכטע און אַן אומגעזעצלעכע. ווייטער ווערט אין דער דערקלערונג גע־זאָגט: „מיר גלויבן, אַז די ברייטע מאַסן אין דעם לאַנד זיינען נאָך ווייט־ווייט נישט גרייט פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דאָך פאַרשטייען מיר די ערלעכע, אויפריכטיקע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך מיט צוויי יאָר צוריק אָפּגעשפּאָלטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. פאַרבלענדט פון די גראַנדיעזע היסטאָרישע געשעענישן, פון פאַקט וואָס די ריזיקע מלוכה פון די צאַרן איז געוואָרן דאָס

ריזיקע לאַנד פון קאָמוניזם, האָבן זיי גאַנץ ערנסט געדענקט, אַז משיח איז שוין געקומען, און אַז מען דאַרף נאָר מאַכן די נויטיקע אָנשטרענגונג און מיר וועלן האָבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע אויך אין אַמעריקע, אַז מען דאַרף נאָר אַרויסלאָזן דעם ריכטיקן רוף און די גרויסע אַמעריקאַנער אַרבעטער־מאַסן וועלן גלייך ווערן קאָמוניסטן. מאַנכע פון די איצטיקע שפּאַלטער זיינען אָבער געווען פּלאַם־פייער קעגן סאָוועט־רוסלאַנד״... „מיר וועלן מיט אַלע אונזערע קרעפטן שטיין אויף דער הויך פון אונזער אויפגאַבע נישט צו לאָזן פאַרניכטן די שוין עקזיסטירנדיקע יידישע אַרבעטער־ און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען מיט אַזויפיל מי און אומגעהויערע קרבנות געבויט געוואָרן. מיר וועלן העלפן שאַפן אַ מעכטיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין דעם לאַנד, אַ פּאַרטיי וואָס זאָל זיין בכוח צו אָרגאַניזירן און צוגרייטן די פיל־מיליאָניקע אַרבעטער־מאַסע פון אַמעריקע צו דעם אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג און פאַרן איינפירן דעם סאָציאַליזם״.

אינם פּראָקלאַמירן די עקזיסטענץ פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד האָבן אָנטיילגענומען 37 דעלעגאַטן פון 22 בראַנטשעס אין 16 שטעט. געשען איז דאָס דעם 5 סעפּטעמבער 1921.

שבת דעם 10 סעפּטעמבער 1921 האָט אָנגעהויבן דערשיינען דאָס וואָכנבלאַט „דער וועקער״, ווי דער אָפיציעלער אָרגאַן פון פאַרבאַנד. אין ערשטן נומער איז דערשינען אַ „מאַניפעסט צו אַלע יידישע אַרבעטער״, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט: „מיר זיינען די יורשים פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, וועלכע האָט אַמאָל געצאָלט זיין אַ לעבעדיקע, אָרגאַניזירטע, סאָציאַליסטישע קראַפט צווישן די יידישע אַרבעטער, און אָנשטאָט דעם גאָר געוואָרן אַ קלייזל און אַ קרעמל מיט כוונות צו צעברעכן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און אָנגעהויבן אויך אַ צעשטערונגס־קאַמף אין אונזערע יוניאָנס און אַנדערע טיילן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. מיר זיינען די יורשים פון דער דאָזיקער 'פעדעראַציע' און מיר האָבן איין ציל — אויפצובויען אַ מעכטיקע אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע קראַפט צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן; זיין אַ געזונטער טייל פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין לאַנד און ווערן דער צענטער פון אַלע סאָציאַליסטיש־באַוואוסטזיניקע עלעמענטן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט״.

דער „פאָרווערטס״ האָט זיך באַלד געשטעלט אויף דער זייט פון פאַרבאַנד. דעם 9 סעפּטעמבער איז דערשינען אַ לייט־אַרטיקל, אין וועלכן דער מחבר (א. ליעסין) האָט שאַרף אַטאַקירט די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע און דערקלערט, אַז „אין פאַרלויף פון איר ניין־יאָריקער עקזיסטענץ האָט זי גאָרנישט געשאַפן. זי האָט אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס גאָרנישט אויפגעבויט. און לאָמיר אויסזאָגן דאָס, וואָס גאַנץ וויניקע ווייסן: די פעדעראַציע האָט אַפילו זיך אַליין נישט געשאַפן, זיך אַליין נישט אויפגעבויט. אירע מיטגלידער און איר אָרגאַניזאַציע האָט זי באַקומען פאַרטיקע — בירושה פון דער יידישער אַגיטאַציע־ביוראָ״.

נו, דאָס איז געווען היפּש איבערטריבן. די ווערטער וויזן בלויז די פאַרביטערונג, וואָס האָט זיך באַלד געשאַפן. און ווירקלעך האָט זיך גיך צעפלאַ־

קערט אַ שאַרפֿע פּאָלעמיק אין דער פּרעסע און אַ קאַמף פֿאַר באַהערשן די ברענטשעס און איבערציען די מיטגלידער.

אַב. קאַהאַן, וועלכער איז דעם 10 סעפּטעמבער געקומען פֿון אייראָפּע, האָט זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר ווייטער בלייבן אין דער ס. פּ., הגם דער „פֿאָרווערטס" וועט שטיצן סאָוועט־רוסלאַנד. „דער 'פֿאָרווערטס' — האָט דערקלערט זיין רע־דאַקטאָר — איז אַ פּאַרטיי־צייטונג"... „יענע וואָס טרעטן אַרויס פֿון דער פּאַרטיי, האָבן קיין פּלאַץ נישט אין 'פֿאָרווערטס'. אונזער פֿליכט איז אויפֿצו־האַלטן דורך דער צייטונג, ווי ווייט מעגלעך, די סאָציאַליסטישע באַוועגונג און נישט שטערן זי דורך רייסעניש". אַב. קאַהאַן האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער רעכנט אויס אַ ריי מאָטיוון פֿאַרוואָס אימיגראַנטן פֿאַלן מיט דער צייט אָפּ פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. צווישן די פֿאַרשידענע סיבות זעט ער אויך די שולד פֿון דער פֿעדעראַציע; „צוליב איר אינערלעכן גייסט פֿון רעוואָלוציאָנערער אויגן־גלאַצעניש און צוליב פּאָליטיק פֿון אינטריגעס און העצעס מצד איר פֿירערשאַפֿט. נאָך אַ סיבה איז דאָס, וואָס די פֿעדעראַציע האַלט דעם אימיגראַנט צוריק פֿון דער אַמעריקאַנער שפּראַך און פֿון דעם אַמעריקאַנער לעבן. די קלייזלדיקייט — דאָס איז איינע פֿון די אומשטענדן, וואָס האָבן פֿון איר פֿאַרטריבן אַנהענגער. ווען דער אימיגראַנט איז אָפּ עטלעכע יאָר אין אַמעריקע אינטערעסירט ער זיך שטאַרק מיט דער אַמעריקאַנער שפּראַך און מיט דעם אַמעריקאַנער לעבן. עס ציט אים צו גיין אויף מיטינגען, וואו מען רעדט ענג־ליש"[86]. און אַזוי ווייטער אין זעלבן נוסח פֿון די אַלטע „יידיש־שפּרעכנדע" און צו ענגליש־שטרעבנדע, פֿאַר וועלכע אַ יידיש־סאָציאַליסטישע אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע אין די ראַמען פֿון דער פּאַרטיי איז נישט געווען צום האַרצן.

די 41 דעלעגאַטן, וואָס זיינען פֿאַרבליבן אויף דער קאָנווענשאָן פֿון דער פֿעדעראַציע, האָבן זיך געווענדט מיט אַ מאַניפֿעסט צו די יידישע אַרבעטער. די ס. פּ., פֿון וועלכער זיי האָבן באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן, ווערט אין מאַניפֿעסט אַזוי כאַראַקטעריזירט: „די דאָזיקע פּאַרטיי האָט ביסלעכוויז אויפֿגעהערט זיין אַ פּראָלעטאַרישע מאַסן־פּאַרטיי. זי האָט געצויגן איר הויפּט־חיונה פֿון בור־זשואַזע סימפּאַטיקער און האַלב־סאָציאַליסטישע קליינבירגערלעכע עלעמענטן און האָט ווייניק וואָרצלען געהאַט אין געדיכטן אַרבעטער־לעבן"... „די ס. פּ. האָט נישט אָפּגעשאַצט און נישט פֿאַרשטאַנען נישט די לערע פֿונם וועלט־קריג, נישט דעם כאַראַקטער פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, נישט די נויטווענדיקייט פֿון נייע טאַקטישע מעטאָדן אין לאַנד, נישט די נייע אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע פֿון דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט. ווי פֿריער, גיט זי אַוועק איר ביסל כוחות דעם נעבעכדיקן און נישטיקן וואַל־קאַמפּיין, ווי פֿריער וויל זי איינריידן די מאַסן, אַז דורך דעם וואָס זיי שטימען פֿאַר אַ סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט, העלפֿן זיי ברענגען דעם סאָציאַליזם"... „די ס. פּ. איז אַ מת, וואָס פֿאַרפּעסטעט די לופֿט. די פּראַקטיק פֿון דער ס. פּ. אין דער יידישער אַרבעטער־וועלט האָט דורכגעע־דרונגען די אַרבעטער־באַוועגונג מיט אַ געפֿיל פֿון טעמפּקייט, מוטלאָזיקייט, גלייכגילטיקייט צו פּאָליטישע פּראָבלעמען, אומפֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, פּאָלי־טישע אומוויסנהייט און פּאָליטישע אומאָרגאַניזירטקייט. אָט צוליב די אַלע סיבות האָט די זיבעטע קאָנווענשאָן פֿון דער יידישער סאָציאַליסטישער פֿעדע־ראַציע באַשלאָסן זיך צוריקצוציען פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, סיי אינדי־

ווידועל, סיי קאָלעקטיוו״... „מיר וועלן גיין מיט יעדער אָרגאַניזאַציע, וואָס וויל און קען אויפבויען אַ ברייטע, פּראָלעטאַרישע מאַסן־פּאַרטיי אין אַמעריקע, אין הסכם מיט דער נייער אויפפאַסונג פון סאָציאַלער רעוואָלוציע און פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, אין הסכם מיט דער באַזונדערער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע פון אַמעריקע און מיט די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע באַזונדערקייטן פון די אַמעריקאַנער מאַסן. אַזאַ פּאַרטיי איז נאָך דערוויל אין אַמעריקע נישטאָ״... „דערוויל איז די ערשטע אויפגאַבע פאַר די יידישע אַרבעטער — אויפבויען דעם יידישן טייל פון אָט דער קומענדער פּאַרטיי — זייער יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע״.

דער דאָזיקער מאַניפעסט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין נאָמען פון דער קאָנווענשאָן דורך דעם עקזעקוטיוו פון דער פעדעראַציע מיט די אונטערשריפטן פון די 17 עקזעקוטיוו־מיטגלידער: מ. אָלגין, ד. אָשינסקי, י. ב. ביילין, י. גאָרעליק, דר. ב. האָפמאַן (צביון), מ. ווינטשעווסקי, ג. ווישניאַק, ר. זאַלצמאַן, פּ. יודיטש, משה כץ, ליליפּוט, י. ב. סאַלוצקי, ה. סיגעל, אב. עפּשטיין, ג. פּאָלאַק, דר. צ. קאָפּעלסאָן, הלל ראָגאָף.

פון „פאָרווערטס״־סטעף זיינען באַזייטיקט געוואָרן 5 פון זיינע הויפּט־מיטאַרבעטער: צביון, ראָגאָף, אָלגין, ליליפּוט און נאָוויק, וועלכע זיינען אַוועק פון דער ס.פּ.. די פעדעראַציע האָט זיך מיט שנעלע טריט דערנענטערט צו די קאָמוניסטן. אַלטע, אויסגעפּרואווטע סאָציאַליסטישע טוער און שרייבער זיינען אַוועק פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווייל זיי האָבן נישט מסכים געווען מיט איר טאַקטיק און פירונג. אָבער נישט בלויז זיינען זיי אַוועק פון אַ באַוועגונג, וואָס זיי האָבן לאַנגע יאָרן געהאָלפן בויען, נאָר אויך פון זיך אַליין: זיי האָבן געמיינט, אַז זיי גייען אַוועק פון עמיצן אַנדערש, לסוף זיינען זיי אַוועק פון די אייגענע אַנשויאונגען און בליקן. דאָס זיינען געווען מענטשן, וועלכע האָבן פון באָלשעוויזם קיינמאָל נישט געהאַלטן, האָבן אים תמיד אָפּגעוואָרפן. מיטאַמאָל האָבן די אילוזיעס זיי פאַרפירט אין די אָרעמס פון באָלשעוויזם. בלויז איינצלנע האָבן גלייך איינגעזען דעם גרויסן טעות און געהאַט דעם קוראַזש זיך צוריקצוציען, די גרויסע מערהייט איז שוין אַוועק ווייטער און ווייטער אויפן דאָזיקן וועג.

אָנהויב 1922 האָט די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע זיך פאַראייניקט מיט די קאָמוניסטן און געשאַפן אַ יידישע פעדעראַציע פון דער קאָמוניסטישער „וואָרקערס פּאַרטיי״. ס׳איז אויסגעבילדעט געוואָרן אַן עקזעקוטיוו פון דער יידישער קאָמוניסטישער פעדעראַציע מיט אַזאַ צוזאַמענשטעל: אָלגין, בערסאָן, מרמר, סאַלוצקי, צביון, הענדין, קאַסטרעל, ראַסקין, יודיטש, מינדעל, ביטעלמאַן, זאַלצמאַן, אַב. עפּשטיין, לאָנדאָן, סיגעל, טויבענשלאַג. פון 2 אַפּריל 1922 האָט אָנגעהויבן דערשיינען די טעגלעכע יידישע קאָמוניסטישע צייטונג „פרייהייט״ מיט מ. אָלגין און יוסף בערסאָן (שכנא עפּשטיין) אַלס רעדאַקטאָרן. צווישן די שטענדיקע מיטאַרבעטער האָבן פיגורירט אַ ריי יידישע שרייבער, ווי דוד איגנאַטאָוו, מ. ל. האַלפּערן, ה. לייוויק, משה נאַדיר, א. ראַבאָי, ווי אויך מאָריס ווינטשעווסקי, א. ש. זאַקס, י. ב. סאַלוצקי און אַנדערע. צביון און ליליפּוט זיינען געווען צווישן די מיטאַרבעטער פון סטעף.

מיט וואָסערע געפילן די מיטאַרבעטער זיינען צוגעטרעטן צו דער טעגלעכער קאָמוניסטישער צייטונג, קען מען זען פון זייערע ערשטע אַרטיקלען. שרייבט

ליליפוט באַלד אין ערשטן נומער: „אַריינקומענדיק אין דער נייער רעדאַקציע פון אונזער אייגענער ׳פרייהייט׳, האָב איך זיך געפילט, ווי אַ זינדיקער וואָס האָט פרעמדע געטער געדינט, גייט אין אַ הייליקן טעמפל אַריין און וויל תשובה טון״...

מאָריס ווינטשעווסקי האָט באַגריסט מיט די ווערטער: „לאָמיר בויען אונ־זער אייגענעם בנין, מיט דעם רוסישן פרייהייטס־טעמפל אַלס אונזער מוסטער און מאָדעל. לאָמיר פּרעדיקן אונזער תורה: די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט לגבי דער דיקטאַטור פון ביזנעס־סאָציאַליסטן און יענע סאָציאַליסטישע טעאָרע־טיקער, וואָס זיינען בורזשואַזע טאַקטיקער״[87]. יוסף שלאָסבערג, דער סעקרע־טאַר־טרעזשורער פון דער מענער־שניידער־יוניאָן (אַמאַלגעמייטעד), האָט אין זיין באַגריסונג געזאָגט, אַז די „פרייהייט״ דערמאָנט אים אין „אַמאַליקן קאַמף אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר דעם ריינעם און נישט־געפעלשטן סאָציאַליסטישן וואָרט״[88].

מ. אָלגין האָט פאַרגעסן זיין אייגענע פאַרגאַנגענהייט, זיין קעגנערשאַפט צו צימערוואַלד, און געשריבן: „שוואַך איז געווען די צימערוואַלד־שטים, אָבער זי איז געווען דער אמת. זי האָט אָנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג צו פאַרמיידן קריג. זי האָט אָנגעמערקט די איינציק־אויסגעהאַלטענע ליניע פאַר דער צוקונפט״[89].

ביי מאַנכע האָט זיך די באַגייסטערונג באַלד אָפּגעקילט און זיי זיינען צו־ריקגעקומען. דער ערשטער פון זיי איז געווען הלל ראָגאָף. ער האָט אָפּגעדרוקט אַ דערקלערונג, אין וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרן: „די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט פאַרלאָזן די ס. פּ. דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געקענט דולדן די קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע, וואָס די סאָצ. פּאַרטיי האָט אָנגענומען ביי איר לעצטער קאָנווענשאָן — אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט איר געגעבן אַ כאַראַקטער מער פון אַ רעפאָרם־פּאַרטיי, ווי פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אַלס רעזולטאַט פון דער דאָזיקער טאַקטיק פון דער פּאַרטיי האָט די יידישע פעדעראַציע אין די לעצטע פאַר יאָר פאַרלוירן אַ גרויסן טייל פון אירע מיטגלידער און די פירער האָבן געהאַלטן, אַז ס׳איז גליייכער צו שטיין מחוץ דער פּאַרטיי, כדי צו קענען ווידער אויפבויען די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. מיט דער דאָזיקער מיי־נונג בין איך געווען איינשטימיק און דערפאַר בין איך צוזאַמען מיט דער אָר־גאַניזאַציע אַרויס פון דער פּאַרטיי״. ער זאָגט ווייטער, אַז די פירער פון דער פעדעראַציע האָבן נאָך דער שפּאַלטונג זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַר־ניכטן דעם „פאָרווערטס״ און ער איז קעגן דעם. „איך ענדער נישט מיין מיינונג וועגן דער ס. פּ., איך ענדער אָבער יאָ מיין מיינונג וועגן דער יידישער סאָציאַ־ליסטישער פעדעראַציע, וועגן אירע מאָטיוון און כוונות״ [90].

שפּעטער האָבן אָנגעהויבן זייער צוריקוועג אויך אַנדערע, צווישן זיי צביון, סאָלוצקי, פּ. געליבטער און ליליפּוט. אין 1923 האָט צביון אין אַ בראָשור גע־פּרואווט באַגרינדן פאַרוואָס ער איז אַוועק און פאַרוואָס ער איז צוריקגעקומען. ווייל „די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע, וועלכע איז געווען איינע פון די ווייניקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט וואָס האָט אויפגעהאַלטן די סאָ־ציאַליסטישע פּרינציפּן אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה, האָט אין אַ קור־צער צייט נאָך דער מלחמה אָנגעהויבן זינקען און אַראָפּלאָזן וואָס נידעריקער די סאָציאַליסטישע פאָן״... „מיר האָבן געזוכט אַ היים פאַר דער נשמה, אָבער

מיר האָבן געפונען פאַר איר אַ גהינום״... „די אַמעריקאַנער קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט זיך פּאַקטיש פאַרוואַנדלט אין אַ קליקע, וואָס האָט אָוועקגעשטעלט די פּאַרטיי־מאַכט און די פּאַרטיי־קאָנטראָל העכער ווי אַלע פּרינציפּן און איי־דעאַלן. און אויף אַזאַ אופן האָט פּאַסירט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אויפגעגעסן דעם קאָמוניזם״ [91].

צוריקגעקומען זיינען בלויז יחידים. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער קאָמוניזם איז שוין געווען „אויפגעגעסן״, איז די קאָמוניסטישע באַוועגונג נישט שוואַכער געוואָרן. פאַרקערט, דער „אויפגעגעסענער״ קאָמוניזם האָט כסדר צו־געצויגן אַ נייעם עולם, האָט פאַרשטאַרקט זיין השפעה אין די יוניאָנס, אין אַר־בעטער־רינג און בכלל אויף דער יידישער גאַס. דער ניי־געגרינדעטער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט זיך געשטעלט פאַר זיין הויפּט־אויפגאַבע צו באַקעמפן די קאָמוניסטישע שטימונגען צווישן די יידישע אַרבעטער. דער קאַמף איז געווען אַ זייער שווערער. דער „פאָרווערטס״, דער חודש־זשורנאַל „די צוקונפט״ אונטער אַ. ליעסינס רעדאַקציע, ווי אויך אייניקע יידישע טרייד־יוניאָן־צייטונגען האָבן ווייטער געשריבן פּראָ־סאָוועטישע אַרטיקלען. און פּראָפּיטירט פון דעם פּראָ־סאָוועטיזם האָט נאַטירלעך די קאָמוניסטישע באַ־וועגונג.

אַפילו „דער וועקער״, וואָס איז אַרויס מיט דער גאַנצער שאַרפקייט קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט אין אָנהויב געמאַכט אַ להבדיל צווישן איר און סאָוועט־רוסלאַנד. באַלד אין ערשטן נומער איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אַר־טיקל פון פיליפּ קראַנץ, וואָס האָט שאַרף אַטאַקירט סאָוועט־רוסלאַנד און דעם באָלשעוויזם. די רעדאַקציע האָט צוגעגעבן איר באַמערקונג, אַז קראַנץ ברענגט אַרויס „זיין פּערזענלעכן בליק איבער דער רוסישער רעוואָלוציע און דער סאָ־וועטן־מאַכט. מאַנכע שטעלן אין דעם אַרטיקל שניידן אין האַרצן און מיר שרייבן עס צו צו דער ביטערקייט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין אַלע פּראַק־ציעס פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דער וועלט. איינע פון די אויפ־גאַבן פון אונזער פאַרבאַנד און זיין אָרגאַן ׳דער וועקער׳ וועט זיין די ביטער־קייט אָפּצוטויטן און די פּראַקציעס ווי ווייט מעגלעך צונויפצוברענגען״.

די באַמערקונג פון דער רעדאַקציע האָט אַ סך נישט באַפרידיקט און זיי האָבן געהאַט טענות פאַרוואָס מ׳האָט בכלל געדרוקט קראַנצס אַרטיקל. אין נומער 2 פון „וועקער״ קערט זיך די רעדאַקציע אום צו דעם ענין און זאָגט, אַז זי האָט קיין חרטה נישט פאַר דרוקן דעם אַרטיקל, אָבער „קראַנצס געדאַנקען זיינען נישט אונזער פּראָגראַם״... „אונזער פּראָגראַם איז באַשטימט פון דעם קאָלעקטיוו געגנאָסן, וואָס זיינען מיט אונזער ׳פאַרבאַנד׳ און מיטן ׳וועקער׳. און די מיינונג פון אָט דעם ׳קאָלעקטיוו׳ וועגן סאָוועט־רוסלאַנד איז באַקאַנט. זי איז אַ חברשע, אַ ברידערלעכע, אַ גענאָסענשאַפטלעכע, אַ האַרציקע, אַ טיפע, אַ פּראָלעטאַרישע — דאָס איז אונזער באַציאונג צו סאָוועט־רוסלאַנד״. צוליב דער דאָזיקער מיינונגס־פאַרשידנהייט האָט קראַנץ זיך אָפּגעזאָגט ווייטער מיטצו־אַרבעטן אין „וועקער״.

אין נומער 5 זאָגט די רעדאַקציע צו אַ חבר פאַרוואָס זי וועט נישט דרוקן זיינס אַן אַרטיקל: „דער ׳וועקער׳ איז נישט קיין אָרגאַן צו אַטאַקירן די רוסישע באָלשעוויקעס. מיר האָבן דעם גרעסטן רעספּעקט און די בעסטע געפילן צו

די פירער פון דער רוסישער סאָוועט־רעגירונג. דאָס איז די ערשטע אַרבעטער־רעגירונג אין דער וועלט, און ס'איז די פליכט פון יעדן ערלעכן, אויפריכטיקן אַרבעטער־פריינט צו העלפן איר שטעלן זיך אויף די פיס, אָנשטאָט אַטאַקירן און אונטערשטעלן איר פיסלעך, ווי די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען פון אַנדערע לענדער טוען עס. ווען אַפילו די רוסישע קאָמוניסטן זאָלן דערווייל נישט קענען אויספירן אַלץ, וואָס זיי האָבן זיך אונטערגענומען, ווען אַפילו מיר זאָלן נישט איינשטימען מיט אַלץ, וואָס זיי טוען, — דאַרפן מיר דאָך מיטן גאַנצן האַרצן סימפּאַטיזירן מיט דעם דאָזיקן 'סאָציאַליסטישן עקספּערימענט'. וואָס מיר זיינען דאַקעגן איז, וואָס די קאָמוניסטן זוכן אַריינצושלעפּן דעם 'דריטן אינטערנאַציאָנאַל' דאָ ביי אונז אין אַמעריקע, וואו מ'דאַרף אָנווענדן גאַנץ אַנדערע מעטאָדן, ווייל די אומשטענדן זיינען דאָ אַנדערע".

די ערשטע רעדאַקציע פון „וועקער" איז באַשטאַנען פון ה. לאַנג, ב. באַט־וויניק און ב. וולאַדעק. רעדאַקציע־סעקרעטאַר איז געווען דן קאַפּלאַן. די אַד־מיניסטראַציע האָבן געפירט ה. בערגער, י. וויינבערג און נ. כאַניז.

די ערשטע זאַך, וואָס דער ניי־געגרינדעטער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט געדאַרפט פעסטשטעלן, איז געווען: מי ומי ההולכים — ווער גייט מיט אים? וועלכע מיטגלידער און בראַנטשעס בלייבן ווייטער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי?

אויף דער ערשטער זיצונג פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פאַר־באַנד האָט דער סעקרעטאַר באַריכטעט וועגן דער אַרבעט, וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן במשך פון די ערשטע 5 וואָכן. צו אַגיטירן פאַרן פאַרבאַנד און אויפ־קלערן דעם שטריט זיינען אַרויסגעפאָרן אין אַ ריי שטעט נ. כאַנין, אַב. קאַהאַן און איניקע אַנדערע טוער. יעדער צד האָט געריסן די מיטגלידער פאַר די פּאָלעס און זיי געשלעפּט צו זיך. עס האָט נישט געפעלט קיין חוזק און באַליידיקונג פון איינעם לגבי דעם צווייטן. אין טומל פון די רייסערייען איז אָבער נישט פאַר־לוירן געגאַנגען דער תוך פון שטרייט.

מאַכנדיק אַ בילאַנס פון זיינע און אַנדערע באַזוכן אין די שטעט און שטעט־לעך, קומט נ. כאַנין צו אַזאַ אויספיר וועגן די אויסזיכטן פון דער באַוועגונג: „די אויסזיכטן זייער שלעכטע, די שטימונג זייער אַ געדריקטע, די צייט זייער אַ שווערע. אומעטום טרעפט איר אַ שרעקלעכע גלייכגילטיקייט צו אַלע געזעל־שאַפטלעכע באַוועגונגען. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? איין ענטפער: דער ביזנעסמאַן ווי דער אַרבעטער — אַלע שטייען דערשראָקן פאַר דעם מאָרגן. אומעטום אַ גלייכגילטיקייט פון די אַרבעטער צו די יוניאָנס, צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, צום אַרבעטער־רינג, צו לעקציעס, צו אַלץ וואָס האָט צו טון מיט גע־זעלשאַפטלעכער טעטיקייט — דאָס איז דער צושטאַנד, אין וועלכן עס געפינט זיך די יידישע ראַדיקאַלע גאַס" [92].

אין יענער צייט איז אַרויפגעשוואומען די פראַגע וועגן שאַפן אין אַמעריקע אַ לייבאָר־פּאַרטיי לויטן ענגלישן מוסטער. דער פאַרבאַנד האָט פאַרנומען אַ פּאָ־זיטיווע שטעלונג צום דאָזיקן געדאַנק, אויב עס וועלן דערביי אָפּגעהיט ווערן די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן. דער פאַרבאַנד האָט אויך געעצהט דער פּאַרטיי, אַז זי זאָל אַרויסגיין פון איר אינטערנאַציאָנאַלער איזאָלאַציע, איבערדרייסן מיט דער שטעלונג וועגן 3־טן אינטערנאַציאָנאַל און אַריינטרעטן אין ווינער (2½)

אינטערנאַציאָנאַל. די באַוואָרענישן וועגן אַ לייבאָר־פּאַרטיי זיינען געברענגט געוואָרן צום אויסדרוק אין אַ לייט־אַרטיקל פון אָפיציעלן אָרגאַן: „עס איז דאָ אַ געפאַר, אַז אין אונזער שטרעבונג צו שאַפן אַ פּאַראייניקטן אַרבעטער־אַפּאַראַט פון זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער טעטיקייט, זאָלן מיר נישט גיין צו ווייט. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מוז אָפּהיטן איר אייגענע פּאָליטישע פיזיאָגנאָמיע. זי מוז פאַרבלייבן אַן איינהייטלעכע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, מיט אַן אייגענעם פּראָגראַם, אייגענע צייטונגען און אייגענע פּראָפּאַגאַנדע־צענטערס. דער אייגענער זעלבסטשטענדיקער אַפּאַראַט דאַרף פאַרבלייבן אַפילו דאַן, ווען עס וועט זיך איינגעבן צו שאַפן אַ לייבאָר־פּאַרטיי אין אַמעריקע, וואָס וועט אַריינגעמען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, די אַזוי־גערופענע פאַרם־לייבאָר־פּאַרטיי און די פּראָגרעסיווע יוניאָנס. כּל־זמן די לייבאָר־פּאַרטיי וועט איינשליסן אין זיך אָרגאַניזאַציעס, וואָס טראָגן נאָך נישט קיין אויסגעהאַלטענעם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער, איז אַבסאָלוט נויטיק, אַז אונזער פּאַרטיי זאָל אָפּהיטן איר גייסטיקע פיזיאָגנאָמיע, ווי דאָס טוט די אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי פון ענגלאַנד"[93].

דער פאַרבאַנד האָט וואַרים באַגריסט דעם באַשלוס פון דער ס. פּ. אויף איר קאָנווענשאָן אין קליוולאַנד (1922) אַריינצוטרעטן אין „ווינער אינטערנאַציאָנאַל פון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען ווייט אי פון דער אַוואַנטוריסטישער טאַקטיק פון דעם דריטן, אי פון דער צו מעסיקער טעטיקייט פון די פירער פון צווייטן"[94]. אויף דער קאָנווענשאָן גופא האָט ב. ווּלאַדעק, וועלכער האָט צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדער קאַהן פאַרטרעטן דעם פאַרבאַנד, זיך אַרויסגעזאָגט, אַז די ס. פּ. זאָל נאָך וואַרטן מיטן באַשלוס וועגן אַריינטרעטן אין ווינער אינטערנאַציאָנאַל.

באַפרייענדיק זיך פון די אילוזיעס בנוגע דעם קאָמינטערן, איז אָבער דער פאַרבאַנד ווייטער געבליבן ביי זיין פּאָזיטיווער באַציאונג צו סאָוועט־רוסלאַנד. ער האָט זיך בלויז אַרויסגעזאָגט קעגן די פאַרפאָלגונגען, פון וועלכע די סאָציאַליסטן ליידן דאָרטן. אין שייכות מיט דער רעזאָלוציע, וואָס די קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג האָט אין 1922 אָנגענומען וועגן דער פראַגע, שרייבט דער פאַרבאַנד־אָרגאַן, אַז דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־קלאַס „איז בלויז פאַראינטערעסירט אין דעם נצחון פון דער רוסישער רעוואָלוציע. איר דערפאָלג איז זיין דערפאָלג, איר דורכפאַל וואָלט געווען זיין מפּלה. ער איז נישט קיין זייטיקער צד, נישט קיין בלויזער צושויער, ער באַקעמפט די סכנות, וואָס דראָען דער רוסישער רעוואָלוציע פון דרויסן. און דאָס גיט אים דאָס רעכט, דאָס מאַכט פאַר זיין פליכט צו באַקעמפן אויך אַ סכנה, וואָס שטעלט זיך אַוועק אויף איר וועג פון אינעווייניק"... „די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט פילן און ווייסן: די רוסישע רעוואָלוציע איז אונזער זאַך. מיר שטיצן זי, מיר העלפן איר. מיר ווילן אָבער, אַז זי זאָל געמאַכט און געפירט ווערן מיט ריינע מיטלען. די טרויעריק־באַרימטע טשעקאַ שטייט ווי אַ מויער צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און דעם אַלוועלטלעכן אַרבעטער־קלאַס". עס ווערט אָנגעוויזן ווי נויטיק ס'איז די פרייהייט פון דער פּרעסע, פאַרזאַמלונגען און „די פרייהייט פון די וואָלן אין די רוסישע אַרבעטער־מאַסן"[95]. אין „וועקער" איז די ס. פּ. ביטער קריטיקירט געוואָרן פאַרוואָס די קליוולענדער קאָנווענשאָן האָט נישט געהאַט קיין מאָראַלישן מוט צו לאָזן הערן איר פּראָטעסט־שטים קעגן פאַרפאָלגן

סאָציאַליסטן אין סאָוועט־רוסלאַנד. די צייטונג האָט אויך אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן פאַקטן וועגן די פאַרפאָלגונגען און די נעמען פון אַרעסטירטע און פאַרשיקטע סאָציאַליסטישע טוער.

דאָס ערשטע יאָר איז געווען אַ צייט פון זוכעניש: דער פאַרבאַנד האָט געזוכט טוער און מיטגלידער ווי אויך אַ קלאָרע, באַשטימטע אידעאָלאָגיע. אין פאַרבאַנד זיינען געווען טעטיק טוער פון אַרבעטער־רינג, פון די יוניאָנס און פון „פאָרווערטס". דער פאַרבאַנד איז אָבער ביי זיי געווען אויפן צווייטן אָרט. במילא האָבן זיי אים נישט געווידמעט גענוג צייט און ענערגיע. און נאָך אַ חסרון איז דערביי געווען: מ'האָט אָנגעהויבן באַקומען דעם איינדרוק, אַז דער פאַרבאַנד איז באַשאַפן געוואָרן בלויז מיטן צוועק צו באַקעמפן די קאָמוניסטן. ווי נאָר די סכנה פון די קאָמוניסטן וועט פאַרביי, וועט דער פאַרבאַנד ווערן איבעריק. באַזונדערס האָבן פאַרשפרייט אַזאַ מיינונג די „יידיש־שפּרעכנדע" סאָציאַליסטן, פּרינציפּיעלע קעגנער פון שפּראַך־פעדעראַציעס. זיי האָבן געקוקט אויפן פאַרבאַנד, ווי אויף אַ קלענער בייז, וואָס מען מוז האָבן צו באַקעמפן אַ גרעסער בייז. מ'האָט דעריבער געדאַרפט אויך אויפקלערן דעם עולם, אַז דער פאַרבאַנד איז נישט קיין צייטווייליקע זאַך און אַז ער האָט שטענדיקע און דויערנדיקע אויפגאַבן.

פּרואוונדיק זיך אָפּגרענעצן פון די קאָמוניסטן, האָבן מאַנכע סאָציאַליסטישע שרייבער צו ווייט פאַרקירעוועט אין דער קעגנזעצלעכער ריכטונג. דער סאָציאַליסטישער וועטעראַן ב. פייגענבוים האָט פאַרעפנטלעכט אַ וואָרנונג קעגן דעם. אויפן סמך פון געוויסע אַרטיקלען, האָט ער אויסגעדריקט די מורא, אַז „דער וועקער" וועט זיך פאַרקירעווען צו פיל אויף רעכטס. ער האָט געשריבן: „איך זע אַ דייטלעכן פאַרנעם אין דער דאָזיקער ריכטונג. און איך קען נישט שאַרף גענוג און דייטלעך גענוג אויסדריקן מיין ענערגישן פּראָטעסט קעגן דעם". די רעדאַקציע פון „וועקער" האָט פאַרזיכערט פייגענבוימען, אַז — „קעגן קאָמוניסטישע טעאָריעס און קעגן שיידעמאַניסטישער פּראַקטיק — דאָס איז געווען און פאַרבלייבט אונזער מאָטאָ"[96]. אין דער ווירקלעכקייט איז דער „וועקער" שפּעטער אַוועק ווייט אויף רעכטס. ס'האָט זיך דערנענטערט דער ערשטער יאָרטאָג פון פאַרבאַנד. מ'האָט זיך גענומען גרייטן צו דער צווייטער קאָנווענשאָן. אייניקע פראַגן זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן צו דעבאַטירן. איינע פון זיי איז געווען צי מ'זאָל צו דער קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד אויך איינלאַדן פאַרטרעטער פון די יידישע יוניאָנס און צי זאָל מען זיי געבן שטים־רעכט. דאָס איז דעמאָלט אייגנטלעך געווען אַן אַלגעמיינע פּאַרטיי־פראַגע. ווי שוין דערמאָנט, האָט מען זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו שאַפן אַ לייבאָר־פּאַרטיי לויטן ענגלישן מוסטער. דאָס איינלאַדן דערוויל פאַרטרעטער פון די יוניאָנס אויף סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָנס, האָבן פיל געמיינט, קען זיין אַן עטאַפּ אויפן וועג צו אַ לייבאָר־פּאַרטיי. די רעדאַקציע פון „וועקער" האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן געבן טרייד־יוניאָן פאָרשטייער שטים־רעכט אויף סאָציאַליסטישע קאָנוועשאָנס, אָבער פאַר אַרבעטן אין דער ריכטונג פון בילדן אַ לייבאָר־פּאַרטיי פון אַלע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי בתוכם.

זומער 1922 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ וועגן גרינדן אַן אַמעריקאַנער לייבאָר־פּאַרטיי. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט 72

יוניאָן־קערפּערשאַפטן, 75 ברענטשעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, 37 פון דער פאַרם־לייבאָר־פּאַרטיי און 3 פון פּועלי־ציון. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ לייבאָר־פּאַרטיי פון ניו־יאָרק. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ מין פעדעראַציע פון זעלבסטשטענדיקע קערפּערשאַפטן, וואָס בלייבן ווייטער מיט זייער באַזונדערן פּראָגראַם, אַפּאַראַט און פּרעסע. ענלעכע קאָנפערענצן זיינען אויך פאָרגעקומען אין אייניקע אַנדערע שטאַטן.

צום ערשטן יאָרטאָג האָט דער סעקרעטאַר נ. כאַנין געמאַכט אַ סך־הכל פון דער טעטיקייט און אַרומגערעדט די קאָנקרעטע אויפגאַבן פון פאַרבאַנד. ער האָט באַריכטעט: „די יידישע אַרבעטער האָבן די לעצטע פּאָר יאָר געאָטעמט מיט דער לופט פון רוסלאַנד. די ברייטע מאַסע האָט געפילט באָלשעוויסטיש. אַלע אַרבעטער־צייטונגען אַ חוץ אַ קליינעם אויסנאַם, אַלע יידישע שרייבער, רעדנער און לעקטאָרן, ווי אויך אַלע פּראַקטישע טוער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען געווען געשטימט באָלשעוויסטיש. טייל — אויפריכטיק, טייל — ווייל די מאַסע האָט אַזוי געפילט"... בעת דער שפּאַלטונג איז „מיט אונז געגאַנגען דער פּראַקטישער טוער פון אַלע גרויסע שטעט, דעלעגאַטן פון די גרעסטע פעדעראַציע־ברענטשעס איבערן לאַנד, דער האָרעפּאַשניק פון דער באַוועגונג"... „דער שרייבער, רעדנער און לעקטאָר, דער פּראָפעסיאָנעלער פירער איז אַוועק מיט זיי". מיט אונז „זיינען געווען גוטע שטרייק־פירער, טוערס פון יוניאָנס, פון אַרבעטער־רינג, פון 'פאָרווערטס'־אַסס'ן, אָבער נישט קיין טוער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי"... „מיר האָבן אָפּגעוואוינט די יידישע אַרבעטער פון באַציען זיך בלינד צו אַלעם, וואָס קומט פאָר אין רוסלאַנד"... „די באַראַטונגען, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט די אַקטיווע טוער פון אַלע יידישע יוניאָנס, די קאָנפערענצן, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן מיט די פאַרטרעטער פון אַמאַלגאַמייטעד, אינטערנעשאָנעל, פאָריערס, קעפּמייקערס און אַנדערע, האָבן זיכער געהאָלפן אַריינטראָגן סאָציאַליסטישע קלאָרקייט אין די אַלע פראַגן, וואָס טיילן אונז אָפּ פון די 'לינקע'"[97].

אין די טעג פון 22־25 דעצעמבער 1922 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען די צווייטע קאָנווענשאָן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. די עפנונג, צו וועלכער עס זיינען געקומען אַ פּאָר טויזנט מענטשן, צווישן זיי דעלעגאַציעס פון יוניאָנס און אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע. גערעדט האָבן נ. כאַנין, אַלעקס קאהן, אַב. קאַהאַן, ב. וולאַדעק, א. י. שיפּליאַקאָף, מ. פיין, י. באַסקין. דער פאָרזיצער אַלעקס קאהן האָט אין זיין רעדע געזאָגט וועגן דער ליקווידירטער פעדעראַציע, אַז כאָטש זי איז געווען אַ טייל פון דער ס. פּ. אין אַמעריקע, „איז זי אָבער קיינמאָל נישט געווען אַמעריקאַניש אין איר כאַראַקטער. זי האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעפּאַסט צו די היגע, אַמעריקאַנער באַדינגונגען". אַב. קאַהאַן איז געקומען צום אויספיר, אַז מען מעג שוין ריידן אָפענער וועגן די פעלערן פון סאָוועט־רוסלאַנד. און י. באַסקין האָט דערקלערט, אַז אויף דער ערשטער קאָנווענשאָן האָט ער געקענט באַגריסן בלויז אין זיין אייגענעם נאָמען, און איצט קען ער דאָס טון אין נאָמען פון גאַנצן אַרבעטער־רינג.

אויף די ווייטערדיקע זיצונגען זיינען געווען באַגריסונגס־רעדעס פון די גרויסע יידישע יוניאָנס. וו. מעדעם האָט צוגעשיקט פאָלגנדיקע באַגריסונג:

„איך האָב זייער געוואָלט זיין אויף אייער קאָנווענשאָן און דורכריידן זיך מיט
אייך פּערזענלעך וועגן פאַרשידענע וויכטיקע פראַגן, וועלכע איר האָט צו פאַר־
האַנדלען. איך ליג אָבער אין בעט אַ שווער קראַנקער און קען אַפילו נישט
האַלטן אַ פּעדער אין האַנט, כדי אָנצושרייבן אייך אַ באַגריסונג. דאָס איינציקע,
וואָס איך קען טון, איז דיקטירן די פּאָר ווערטער און בעטן אייך אָננעמען מיינע
האַרציקע גרוסן און די בעסטע וואונטשן פאַר אייער דערפאָלגרייכער אַרבעט.
אין דעם ערשטן יאָר פון דער עקזיסטענץ פון אייער פאַרבאַנד האָב איך זיך
נישט באַטייליקט אַקטיוו אין אייער אַרבעט. דאָס איז געווען צוליב פאַרשידענע
סיבות. און צום גרעסטן טייל צוליב דעם, וואָס אין דער דאָזיקער אַרבעט איז
געווען מאַנכעס, וואָס האָט מיך נישט געקענט באַפרידיקן. איך וויל האָפן, אַז די
קאָנווענשאָן וועט באַזייטיקן די דאָזיקע מניעות. דאָס מיינט קודם כל, אַז איר
וועט אָננעמען אַן אויסגעהאַלטענע, ריינע סאָציאַליסטישע ליניע און וועט אָפּ־
וואַרפן די אומבויטיקע פּשרות מיט די זייטיקע עלעמענטן און גיין לייגן אַ יסוד
פאַר אַן אמתער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי, אין וועלכער אונזער באַוועגונג נוי־
טיקט זיך אַזוי שטאַרק. ווען איר וועט דאָס טון, וועל איך זיין מיט אייך".

צו דער קאָנווענשאָן זיינען געקומען 79 דעלעגאַטן פון 34 ברענטשעס אין
26 שטעט פון 16 שטאַטן. אחוץ דעם זיינען געווען פראַטערנאַלע דעלעגאַטן פון
דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַרבעטער־רינג, פאַראייניקטע יידישע געווערק־
שאַפטן, „פאָרווערטס", פּיפּלס־רעליעף, יוניאָנס — אַמאַלגאַמייטעד, קלאָוקמאַכער,
העט און קעפּמייקערס א. אַ..

דער סעקרעטאַר ג. כאַנין האָט אָפּגעגעבן אַ לענגערן באַריכט, אין וועלכן
ער האָט דערציילט וועגן דער אַרבעט פון פאַרבאַנד. ער האָט געזאָגט: נאָך
דער שפּאַלטונג איז דער באָדן נישט געווען גינסטיק פאַר אונזער אַרבעט. מיר
האָבן נישט געהאַט די נויטיקע טוער, וועלכע האָבן זיך במשך פון די פריערדיקע
10 יאָר אויסגעאַרבעט צו קאָנען פירן אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.
אַלע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענטן, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער
פעדעראַציע, אַלע שרייבער און לעקטאָרן, זיינען מיט איר אַוועק. די 33 דעלע־
גאַטן, וואָס האָבן געבילדעט דעם פונדאַמענט פון אונזער אָרגאַניזאַציע, זיינען
געווען טוער פון גאַנצן לאַנד, על פּי רוב אַרבעטער פון שעפּער, וואו זיי האָבן
בייטאָג געאַרבעט און ביינאַכט זיך פאַרנומען מיט סאָציאַליסטישער טעטיקייט
אין די ערטער, וואו זיי האָבן געוואוינט. פאַר אונז איז אויך נישט געווען גינס־
טיק די אַלגעמיינע שטימונג, וואָס האָט געהערשט נישט בלויז אין דער יידישער
אַרבעטערשאַפט, נאָר אויך אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג. אויף
דער יידישער גאַס זיינען די פּראָ־באָלשעוויסטישע שטימונגען געווען זייער שטאַרק.

מיר האָבן אָנגעהויבן אונזער טעטיקייט — האָט דער באַריכט־אָפּגעבער
ווייטער דערציילט — מיט 10־12 ברענטשעס אין גאַנצן לאַנד. היינט האָבן מיר
41 ברענטשעס מיט 15 הונדערט מיטגלידער. אַרויסגעפאָרן אין לאַנד פאַרן
פאַרבאַנד זיינען: אַב. קאַהאַן, ב. מיימאָן, אַלעקסאַנדער קאַהן, ב. וולאַדעק, י.
פענקין, ה. לאַנג, ב. באַטווינִיק, א. י. שיפּליאַקאָף, ס. פּ. קרעמער, מ. כינאָי,
זיסקינד, לעווינסאָן, רעגענסבערג און ג. כאַנין. אין די ברענטשעס האָבן גע־
האַלטן רעפעראַטן וו. מעדעם, דר. ל. פאַגעלמאַן און פּראָפעסאָר גאַלאַצקי. אַ דאַנק
דער אַרבעט פון ה. לאַנג, מ. כינאָי און ב. באַטווינִיק האָט „דער וועקער" גע־

קענט דערשיינען יעדע וואָך. דאָס וואָכנבלאַט פֿאַרמאָגט 2 טויזנט אַבאָנענטן און ווערט בכלל פֿאַרשפּרייט אין 5 טויזנט עקזעמפּלאַרן. צו דער צייטונג לייגט מען צו 200 דאָלאַר אַ וואָך. ס׳איז אַ פֿאַקט, האָט כאַנין געזאָגט, אַז „דער וועקער״ האָט אין די ערשטע צייטן אַרויסגערופֿן אַ גוואַלטיקע אומצופֿרידנהייט אַפֿילו ביי אונזערע אייגענע מיטגלידער. דאָס איז געווען צוליב דעם שאַרפֿן טאָן און שפּראַך, ווי אויך צוליב געוויסע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען. באַזונדערס איז מען געווען אומצופֿרידן צוליב די פּערזענלעכע אַטאַקעס אויף אַוועקגעגאַנגענע טוער, וועלכע מ׳האָט יאָרן לאַנג פֿאַרערט.

דער סעקרעטאַר איז דער איינציקער באַצאָלטער אָנגעשטעלטער אין פֿאַרבאַנד, וועמענס הוצאות האָבן באַטראָפֿן 40 טויזנט דאָלאַר. 35 טויזנט האָט מען געזאַמלט און די רעשט איז געבליבן אַ דעפֿיציט. די „פֿאָרווערטס״־אַסאָסיאיישאַן איז אין דער הכנסה געווען באַטייליקט מיט 10 טויזנט דאָלאַר.

אין נאָמען פֿון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט באַריכטעט זיין פֿאַרזיצער ה. בערגער. ער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: ס׳איז אמת, אַז מיר זיינען די יורשים פֿון דער יידישער סאָציאַליסטישער פֿעדעראַציע. אַחוץ שלעכטס איז אָבער פֿון דער פֿעדעראַציע נישט געווען וואָס צו ירשענען... איר גאַנצע פֿעאיקייט איז באַשטאַנען אין באַקעמפֿן אַלע אַנדערע טיילן פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג... דער וואונטש פֿון דער ערשטער פֿאַרבאַנד־קאָנווענשאַן איז געווען, אַז מען זאָל זיך באַמיען צו שאַפֿן אַ האַרמאָנישע איינהייט צווישן דעם יידישן סאָציאַליסטישן טייל פֿון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז געווען שווער צו דערגרייכן, ווייל 10 יאָר עקזיסטענץ פֿון דער פֿעדעראַציע האָט איבערגעלאָזט אַ זייער פֿאַרדאַרבענדיקע, דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג. די יוניאָנס און אַרבעטער־רינג האָבן זיך באַצויגן צום פֿאַרבאַנד מיט חשד. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דער פֿאַרבאַנד איז אַ צווייטע אויפֿלאַגע פֿון דער פֿעדעראַציע, און מ׳וועט פֿון אים האָבן אַ סך צרות און ווייניק נחת. אין אָנהויב האָט געהערשט אַרום אונז אַ קאַלטקייט. עס האָט געמוזט נעמען צייט צו צעברעכן דאָס אייז און באַזייטיקן דעם אומצוטרוי.

דער פֿאַרבאַנד האָט אין די יוניאָנס און אין אַרבעטער־רינג געווירקט קעגן איינפֿלוס פֿון די קאָמוניסטן און פֿון דער פֿעדעראַציע. אין אַ צייט, ווען די יוניאָנס, אַרבעטער־צייטונגען און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך באַמיט איבערצושטיקן איינע די אַנדערע און אַרויסווייזן זייערע סימפּאַטיעס צום באָלשעוויזם, האָבן מיר אָנגעהויבן שווימען קעגן שטראָם. מיר האָבן געוואָלט, אַז יעדער זאָל זיין פֿריי אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס ער טראַכט. היינט האָט די שטימונג זיך שוין געביטן. די באַציאונגען מיטן „פֿאָרווערטס״ זיינען גוטע. דאָס איז אפֿשר דאָס ערשטע מאָל, אַז מען זאָל ביי אַ קאָנווענשאַן פֿון יידישע סאָציאַליסטן נישט שעלטן און זידלען דעם „פֿאָרווערטס״.

בערגער האָט דערציילט, ווי אין אָנהויב האָט מען אויך אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט חשד געקוקט אויפֿן פֿאַרבאַנד. מען האָט געמיינט, אַז ער וועט אַרבעטן אין גייסט פֿון דער פֿעדעראַציע. נישט בלויז די פֿירער, נאָר אויך די מיטגלידער פֿון אַ סך ברענטשעס אין לאַנד, ווי פּיטסבורג, קליוולאַנד, באַלטימאָר, טיילוויז ניו־יאָרק, האָבן מורא געהאַט. זיי זיינען נישט געווען באַ־

גייסטערט פאַרן צוריק אויפבויען אַ יידיש־שפּרעכנדן טייל פון דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד האָט געדאַרפט שווער אַרבעטן, כדי צו באַזייטיקן דעם אומצוטרוי און שלעכטע באַציאונג.

די צווייטע קאָנווענשאַן פון פאַרבאַנד האָט אָנגענומען אַ ריי באַשלוסן און רעזאָלוציעס. די וויכטיקסטע פון זיי זיינען:

וועגן אינטערנאַציאָנאַל: „די קאָנווענשאַן פאָדערט אויף דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז אָפיציעל אָנגעשלאָסן אין דעם ווינער אינטערנאַציאָנאַל, אַז די פאַרשטייער פון אונזער פּאַרטיי זאָלן אויסנוצן זייער גאַנצן איינפלוס צו ברענגען צו אַ באַלדיקער פאַראייניקונג מיטן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל". עס דאַרף געשאַפן ווערן איין סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל, „וואָס זאָל אַריינעמען אין זיינע רייען אַלע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען פון דער וועלט, וועלכע קעמפן פאַר דער איינפירונג פון סאָציאַליזם און אמתער דעמאָקראַטיע".

די קאָנווענשאַן האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט דער אַקציע פון דער ס. פּ. לטובת שאַפן אַ לייבאָר־פּאַרטיי אין אַמעריקע.

די פאַרבאַנד־ברענטשעס זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן ווייטער צו העלפן די יוניאָנס און צו „באַלויכטן פאַר זיי דעם טאָג־טעגלעכן עקאָנאָמישן קאַמף מיט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל". „די פאַרבאַנד־ברענטשעס זאָלן אונטער־שטיצן די נאַטירלעכע שטרעבונג פון די פאַך־יוניאָנס אין דער זעלבער אינ־דוסטריע זיך צוזאַמענגיסן און פאַראייניקן אין גרעסערע אינדוסטריעלע פאַר־באַנדן".

וועגן רוסלאַנד: די רעזאָלוציע פאָדערט צו „אָנערקענען די סאָוועט־רעגירונג און זיך נישט מישן אין די אינערלעכע רוסישע אָנגעלעגנהייטן. די קאָנווענשאַן שטעלט אָבער פעסט, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אויך איצט אין סאָוועט־רוסלאַנד אירע מאַרטירער"... די קאָנווענשאַן פּראָטעסטירט קעגן די פאַרפאָלגונגען און צוריבן די רעכט און פרייהייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און „שיקט איר ברידערלעכן גרוס צו אַלע רוסישע סאָציאַליסטן, וואָס אַרבעטן דורך וואָרט און שריפט פאַרן אָפּשאַפן די טעראָריסטישע דיק־טאַטור פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי". ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו באַטייליקן זיך אין אַ קאַמפּיין לטובת הונגער־ליידנדיקע אין רוסלאַנד.

פאַר פרייער איינוואַנדערונג: די קאָנווענשאַן האָט פּראָטעסטירט קעגן די אַנטי־אימיגראַציע־געזעצן און געפאָדערט פריי צו עפענען די טויערן פון אַמע־ריקע פאַר איינוואַנדערער. עס ווערט אָנגעוויזן וואָסער גרויסער ראָל די אי־מיגראַנטן האָבן געשפּילט אין אויפבוי און אויפבלי פון אַמעריקע.

פאַר צוזאַמענאַרבעט: דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד איז אינסטרואירט געוואָרן צו נעמען די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן געמיינשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען פון אַלע טיילן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, — יוניאָנס, אַרבעטער־רינג, גרופּן, פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס מיט אַ סאָציאַליסטישן כאַראַקטער. עס דאַרפן געמאַכט ווערן באַמיאונגען, אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זאָלן פאַרנעמען אַן איינהייטלעכע שטעלונג אין אַלע וויכטיקע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע.

מיינונגס־פאַרשידנקייטן זיינען געווען וועגן צוזאַמענאַרבעט מיט די פּועלי־ציון. אויף דער קאָנווענשאַן האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט דריי שטעלונגען: איין גרופּע האָט געוואָלט אָננעמען אַ פאָרשלאָג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּועלי־ציון וועגן שאַפן אַ שטענדיקן פאַרבאַנד מיט אַ געמיינשאַפטלעכער פּלאַט־פאָרם. אַ צווייטע גרופּע איז געווען קעגן יעטוועדער געמיינשאַפטלעכער אַרבעט מיט די פּועלי־ציון. אַ דריטע איז געווען קעגן אַ פּערמאַנענטער פאַראייניקונג, אָבער פאַר אַ צוזאַמענאַרבעט אין פאַרשידענע פאַלן. די קאָנווענשאַן האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַרן לעצטן שטאַנדפּונקט.

די צווייטע קאָנווענשאַן האָט זיך אויך געווענדט מיט אַן אויפרוף צו די יידישע אַרבעטער פון אַמעריקע צו מאַכן אַ סוף צו דער שפּאַלטונג און שאַפן איינייקייט צווישן זיך. די דעלעגאַטן האָבן געוויילט אַ נייעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אין אַזאַ צוזאַמענשטעל: נ. כאַנין, אַלעקסאַנדער קאַהן, ב. באַטווייניק, מ. כינאָי, ה. בערגער, י. ווייַנבערג, ס. מעץ, ה. לאַנג, ד. קאַפּלאַן, ס. ריפּקין, אַב. וואָליצקי, ל. פּאַלטער, ל. גינזבערג און י. ראָבערטס. אַלס פאַרטרעטער זיינען געוויילט געוואָרן: אַשביז, גאַפּט, הייפּערלינג, וועקסלער, שאָר און שיינבלום.

18. דער פאַרבאַנד באַפעסטיקט זיך

איבערשיכטונג.—אומזיכערקייט און גלייכגילטיקייט.—ספקות און אומצופרידנקייט.—געפאַר פון אינעווייניק.—הילף פאַר אַנדערע.—טענות פון פאַרבאַנד צו דער ס. פּ.—פּאָליטישע טעטיקייט.—אַ קער אויף רעכטס.—רייבונגען און אומצופרידנקייט.—אָנגעשטרענגטע באַציאונגען מיט די יוניאָנס.—די יידישע אַרבעטער און זייערע יוניאָן־טוער.—הילף פאַר יידן אין רוסלאַנד.—פּאַלעסטינע און ציוניזם.—קיין צוזאַמענאַרבעט מיט די קאָמוניסטן.—יוגנט.—טורן פון רעדנער און אָרגאַניזאַטאָרן.—פּאַרלאַג.—די רייכע ברידער ווילן נישט העלפן.

דער פאַרבאַנד האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן באָדן פון אַמעריקע און געמאַכט זיינע ערשטע טריט. דער גאַנג איז אָבער געווען אַ שווערער. יידישע אַרבעטער זיינען געווען לרוב. ראַדיקאַלע שטימונג האָט אויך נישט געפעלט. ס'איז אָבער געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געשטערט דעם פאַנאַנדערבלי פון אַ גרויסער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

ווי אַזוי האָט אויסגעזען די יידישע גאַס אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה? אַ פּאָר ביישפּילן וועלן עס קלאָר מאַכן:

„דער עלעמענט, פון וועלכן מען רעקרוטירט סאָציאַליסטן איז פּשוט נישטאָ אין דעטראָיט. די עטלעכע טרייד־יוניאָנס — אויב זיי מעגן זיך אַזוי רופן — זיינען אַ צוזאַמענשטעלונג פון באָסעס און אַרבעטער צוזאַמען. און ווען אַן אַרבעטער צאָלט מיטגליד־אָפּצאָל אין דער יוניאָן און רעדט וועגן עקספּלאָאַטאַציע און בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, טראַכט ער גלייכצייטיק ווי אַזוי צו קריגן אַ קאָנטראַקטל, אַ פּאַדראַדל און ווערן אַליין אַ באָס, אַן עקספּלאָאַטאָר. במילא ליגט אים נישט אין דער לינקער פּאה צו ווערן אַ גוט־שטייענדיקער מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי"... „עס איז אַ מכת מדינה. אַלע יאָגן זיך אינעם הו־האַ, אינעם ווירוואַר. פאַרשטייט זיך, אַז דער ברענטש פון פאַרבאַנד יאָגט זיך נישט און מאַכט קיינמאָל נישט קיין פּרואוו צו קאַמפּיינעווען פאַר מיטגלידער, וואָס אויב אַפילו זיי וועלן זיך אַנשליסן אין דער פּאַרטיי, וועלן זיי קיין דירעקטע הילף פאַר דער באַוועגונג נישט זיין"[98].

פון פּעטערסאָן שרייבט א. קאָהן: „מען שלעפּט צוזאַמען ווי עס איז אַביסל געלט, מען קויפט זיך אַ פּאָר מאַשינען אַליין צו אַרבעטן. מאָמענטאַל העלפט דאָס. די פאַרדינסטן זיינען פיל גרעסער. דאָס איז טאַקע די סיבה פאַרוואָס איר קענט טרעפן מענטשן, וואָס ליגן צווישן דעם האַמער און קאָוואַדלע... דאָס הייסט, נישט קיין אמתער באָס און אויך נישט קיין פּראָלעטאַריער. ביי פיל פון זיי האָט זיך די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע געענדערט. ס'איז פּשוט אַ רחמנות צו צוקוקן, ווי מאַנכע מיט אַ גאַר נישקשהדיקער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער פאַרגאַנגענהייט קוקן אַרויף מיט בעטענדיקע בליקן צו דעם, וואָס 'לעבט אייביק', זיי זאָלן קיינמאָל צוריק נישט אַראָפּנידערן אין די רייען פון די פּשוטע פּראָלעטאַריער"[99]... און פון דער זעלבער שטאָט שרייבט נ. כאַנין: „אין קיין שום

יידישער שטאָט פון אַמעריקע פילט זיך נישט אַזוי דער אָפּגרונט צווישן רייך און אָרים, ווי אין פּעטערסאָן. נעכטיקע אַרבעטער, אָפּטמאָל היימישע סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און באָלשעוויקעס, וואָס האָבן דאָ, ווען זיי זיינען אַרבעטער געווען, געקעמפט קעגן די שקלאַפן־באַדינגונגען, אין וועלכע דער וועבער לעבט אין פּעטערסאָן, זיינען היינט וועבער־פאַבריקאַנטן. זיי קעמפן קעגן די אַרבעטער און האָבן אין גאַנצן פאַרגעסן זייער נעכטן. און ווייל ס'איז אַ שטאָט פון אַרבעטער קבצנים, איז דאָרטן אויסערגעוויינלעך שווער צו בויען אַן אַרבעטער־באַוועגונג"[100].

די איבערשיכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, דאָס אַרויפשטייגן אויף אַ צווייטן שטאַפּל פון סאָציאַלן לייטער האָט צעשטערט די סטאַבילקייט פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן. האָבן הונדערטער טויזנטער יידישע אַרבעטער ווייטער געמעגט בלייבן אין די שעפער — די רואיקייט און זיכערקייט איז ביי זיי נישט געווען. אין די מוחות און הערצער, אין דער היים און אין דער גאַנצער סביבה האָט געהערשט אַ אומרו און אַ אַפּאַטיע, אַ האָפענונג און אַ אַנטוישונג. פיל זיינען געוואָרן צעטומלט פון די רייסערייען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי האָבן נישט געקענט באַשטימען ווער ס'איז גערעכט און ווער ס'איז אומגערעכט, ווער ס'טראָגט דעם אמת און ווער — דעם שקר. און אויב סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן האָבן צווישן זיך געפירט אַ קאַמף פאַר פּרינציפּן און פּאָזיציעס, פאַר טעאָריעס און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, איז דער ברייטער עולם געשטאַנען, ווי זייטיקע צושויער. דער ברייטער עולם האָט געקוקט אויף דעם ווי אויף אַ „פייט" פון פּראָפעסיאָנעלע טשעמפּיאָנען און איז באַלד אַוועק צו זיינע אייגענע פּריוואַטע דאגות. דאָך האָט אַ ראַדיקאַלע שטימונג באַהערשט די יידישע גאַס.

אַ וואַנט פון גלייכגילטיקייט און אומצוטרוי האָט דער פאַרבאַנד געדאַרפט דורכברעכן. נאָכן צוריקקומען פון אַ טור, גיט איבער ג. כאַנין זיינע איינדרוקן אין אַזעלכע ווערטער: „דעם אמת זאָגנדיק, האָט אונז דער עולם זייער נישט גערן געוואָלט אויסהערן. עס פלעגט אָפּטמאָל זיין נישט אַנגענעם צו ריידן. איך האָב געפילט, אַז דער עולם איז פאַרשכורט פון דער שטאַרקער פּראַזע, אַז ער איז אויף דער זייט פון די, וועלכע אַפּעלירן צו זיינע נידריקסטע געפילן. די יידישע אַרבעטער, דאָס יידישע ראַדיקאַלע וועלטל בכלל האָט זיך גיכער צוגעהערט צו די רייד פון די אָלגינס און ביטעלמאַנס, ווי צו אונז" ... „זינט דאָן זיינען שוין פאַריבער צוויי יאָר צייט. אין פאַרלויף פון די צוויי יאָר זיינען אַ סך וואַסערן אָפּגעלאָפן. די שטימונג אין לאַנד האָט זיך איצט אין גאַנצן געענדערט"[101].

דער פאַרבאַנד האָט געדאַרפט געווינען אי דעם ברייטן אַרומיקן עולם, אי אויך די אייגענע מענטשן. ווידער און ווידער זיינען ביי דעם אָדער יענעם טוער אַנטשטאַנען פראַגן און ספקות: צי דאַרף מען דעם פאַרבאַנד? און אויב יאָ — ווי אַזוי זאָל ער אויסזען און וואָס זאָל ער טון? און ווי אַמאָל האָבן אַממערסטן צודרינגלעך געפרעגט — און געענטפערט — די „יידיש־שפּרעכנדע", וועלכע האָבן פּרינציפּיעל נישט געהאַלטן פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן געטענהט, אַז פאַר דער טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער זיינען גענוג דער „פאָרווערטס", דער אַרבעטער־רינג און די יוניאָנס.

קעגן דער געפאַר פון איבעווייניק האָבן אָנגעוויזן אַ ריי טוער און זיי האָבן

באַקעמפּט די ליקווידאַטאָרישע שטימונגען. דער סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד האָט וועגן דעם געשריבן: „אַ דאַנק אונזער שטענדיקן קאַמף מיט די ׳לינקע׳, זיינען מיר באַטראַכט געוואָרן פון אַלעמען אַלס אַ ציוויליקע אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט עקזיסטירן אַזוי לאַנג, ווי דער קאַמף מיטן לינקיזם וועט זיין נויטיק. אַ גאַנץ קליינע גרופּע מענטשן, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָנט צו דער אַרבעט פון פאַרבאַנד, האָבן אויף דער זאַך אַנדערש געקוקט. זיי האָבן געפילט, אַז אויב עס איז דאָ פּלאַץ אין דעם יידישן אַרבעטער־לעבן פאַר אַ גרויסן אַרבעטער־רינג, וואָס ציילט נאָנט פון הונדערט טויזנט מיטגלידער; אויב עס איז דאָ אַ נויט־ווענדיקייט פאַר יידישע און יידיש־שפּרעכנדע יוניאָנס, וואָס ציילן הונדערטער טויזנטער מיטגלידער; אויב עס איז דאָ אַ טעגלעכע סאָציאַליסטישע צייטונג מיט אַרום אַ האַלבן מיליאָן לייענער, — איז אויך דאָ אַ באַדערפעניש פאַר אַ יידיש־סאָציאַליסטישער אָפּטיילונג, וואָס זאָל מיט דער צייט ווערן דער יידיש־סאָציאַליסטישער אויפקלערונגס־אַפּאַראַט פאַר די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין אַמעריקע. און די קליינע גרופּע האָט זיך נישט אָפּגעגעבן״.[102]

און נאָך אַ סיבה, וואָס האָט געשטערט אויפצובויען אַ גרויסע סאָציאַליס־טישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער: דער פילאַנטראָפּישער כאַראַק־טער פון זייער גרעזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. געזעלשאַפטלעך האָט מען מער געזאָרגט פאַר די „אָרימע ברידער״, ווי פאַר זיך. נאָכן אומקערן זיך קיין אַמע־ריקע האָט א. ליטוואַק דעם דאָזיקן מצב אַזוי כאַראַקטעריזירט: „אַכט יאָר בין איך נישט געווען אין אַמעריקע. פאַר דער צייט איז דאָ אַ סך וואַסער אַריבער־געלאָפן. איין זאַך איז, דוכט זיך, געבליבן נישט געענדערט. די יידישע פּראָלע־טאַרישע אַמעריקע איז אין איר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט נאָך אַלץ מער אַ קאָ־לאָניע פון דער אַלטער היים, איידער אַ מעטראָפּאָליע אַליין פאַר זיך. וויפיל טוער און מאַסן־מענטשן געפינט איר דאָ, וואָס לעבן מיט רוסלאַנד, מיט פּאַלעס־טינע, מיטן ׳בונד׳ אין פּוילן נישט אָן ערך מער, ווי מיט דער באַוועגונג דאָ אין אַמעריקע... מ׳איז העברעאיסטן פאַר פּאַלעסטינע, יידישיסטן פאַר פּוילן, באַל־שעוויקעס פאַר רוסלאַנד. און פאַר אַמעריקע איז מען אַסימילאַטאָרן, אָפּאָרטו־ניסטן און גלאַט נישטן. וועגן רוסלאַנד און פּאַלעסטינע רעדט מען מיט פייער, און צו די פראַגן פון דער אייגענער באַוועגונג איז מען קאַלט, ווי אייז. פאַר דעם, וואָס איז וייט, שפּרינגט מען קדוש און אויף דעם נאָענטן און אייגענעם קרימט מען נאָכאַנאַנד מיט דער נאָז. אַ דעלעגאַט פון אייראָפּע באַגעגנט דאָ שטענדיק מער אויפמערקזאַמקייט, ווי דער בעסטער, דער איבערגעגעבנסטער טוער פון הי. אויף אַ סאָציאַליסטיש וואָכנבלעטל ערגעץ אין אַן אייראָפּעאישן האַצע־פּלאַץ באַקומט מען געלט לייכטער און מער, ווי אויף דער נויטיקסטער צייטשריפט אין לאַנד. דאָס איז אַ קראַנקע דערשיינונג״... „דער אינטערעס פאַר רוסלאַנד, פּאַלעסטינע, פּוילן א. ד. ג. איז אָפט מער נישט, ווי אַ מיטל יוצא צו זיין פאַר זיך און פאַר אַנדערע, צו פאַרגעבן אויף דער פאַרברעכערישער גלייכגילטיקייט, וואָס מ׳ווייזט אַרויס דאָ אויפן אָרט״... „אַלץ, וואָס דאָ ווערט געטון, טראָגט דעריבער ביז אַ געוויסן גראַד אַ כאַראַקטער פון צדקה: צדקה־בונדיזם, צדקה־קאָמוניזם, צדקה־ציוניזם... אָט האָסטו מיין נדבה און מער באַדער מיך נישט...״.[103]

שווה־בשווה איז מען אויך נישט געווען מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

מ׳איז טאַקע געווען צו איר צוגעבונדן. מ׳האָט זי געוואָלט זען גרויס און איינפלוסרייך. צוליב איר האָט מען זיך דאָך געשפּאָלטן אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. פון באַרג־אַראָפּ פון דער ס. פּ. האָט מען געהאַט צער. אָבער אַ סך זאַכן פון איר זיינען פּשוט נישט געפעלן. מיט אַ רייע אירע האַנדלונגען האָט מען נישט געוואָלט מסכים זיין.

דער פּראָצעס פון באַפרייען זיך פון דער ראַדיקאַלער פראַזעאָלאָגיע און פון דער קריטיקלאָזער באַציאונג צום סאָוועטישן רעזשים איז אין פאַרבאַנד פאָרגעקומען שנעלער און טיפער, ווי אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַלס גאַנצער. אין אָרגאַן פון פאַרבאַנד האָט מען דעם אונטערשיד געבראַנגט צום אויסדרוק. יודזשין וו. דעבס, דער באַליבטער און פאַרערטער פאָנען־טרעגער פון דער פּאַרטיי, וועלכער איז פאַרהייליקט געוואָרן ווי אַ מאַרטירער, איז געזעסן אין תפיסה און אָפן אַרויסגעזאָגט זיינע פראָ־באָלשעוויסטישע סימפּאַטיעס. די קאָמוניסטן האָבן אַפילו אַ צייט גערעכנט, אַז ער וועט צו זיי צושטיין. דער „וועקער" האָט וואַרים באַגריסט דעם פאַקט, וואָס דעבס האָט סוף־כל־סוף זיך אָפּגעגרענעצט פון די קאָמוניסטן און זיך אַנטשיידן געשטעלט אויף דער זייט פון דער ס. פּ..

אין 1923 איז אַחוץ דער קאָלעגיע באַשטימט געוואָרן אַ רעדאַקטאָר פון „וועקער". דאָס איז געווען ד. שוב. אונטער זיין פירונג איז דאָס וואָכנבלאַט געוואָרן שאַרפער און אויסגעשפּראָכענער אין דער קעגנערשאַפט צום סאָוועטישן רעזשים און צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. און ס׳האָבן זיך אַלץ מער און מער געלאָזט הערן אויף די שפּאַלטן פון „וועקער" פאַרוואורפן אויפן אַדרעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אונטערן פּען־נאָמען א. ראָזענטאַל דרוקט דער רעדאַקטאָר אָפּ זיינס אַן אַרטיקל „אַ שיף אָן אַ רודער", אין וועלכן עס ווערט געזאָגט: „די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך אין אירע בעסטע בויאונגס־יאָרן נישט געקענט באַרימען מיט אַ צופיל אויסגעהאַלטענער אייניהייטלעכער פּראָגראַם און טאַקטיק. אין איין און דער זעלבער צייט האָט מען אין נאָמען פון דער פּאַרטיי געפּרעדיקט פאַרשידענע, אָפטמאָל קעגנזעצלעכע טעאָריעס"... „די פּאַרטיי איז נאָך עד־היום אַ שיף אָן אַ רודער" און האָט נישט קיין „קלאָרע אויסגעהאַלטענע, פּראָגרעסיווע אויסלענדישע פּאָליטיק" און האָט נישט קיין שטעלונג צו די פראַגן פון דער נאָכמלחמה־פּאָליטיק אין איראָפּע [104].

„דער וועקער" האָט אויך אַטאַקירט דעם רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער צייטונג „קאָל" און שפּעטער פון „לידער", נאָרמאַן טאָמאַס, פאַר זיין פריינטלעכע שטעלונג צו סאָוועט־רוסלאַנד. דער „לידער", אַ טעגלעכע נאָכמיטאָג־צייטונג, איז געווען די צייטונג פון די גרויסע יידישע יוניאָנס. אין אַ לייט־אַרטיקל זאָגט דער פאַרבאַנד־אָרגאַן: „די באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט שוין גענוג רואינירט די היגע באַוועגונג. טאָמער האָט זיך דער עולם לעצטנס שוין אַביסל אויסגעניכטערט פון דער באָלשעוויסטישער שיכרות, קומט איצט דער ׳לידער׳ און זוכט ווייטער אויפצולעבן די באָלשעוויסטישע פּאַדלע אין אַמעריקע און פאַרגיפטן די מוחות פון די אַרבעטער"... „מיר ווייסן, אמת, אַז די פירער פון דער ׳אַמאַלגעמייטעד׳, וועלכע קאָקעטירן נאָך אַלץ מיטן באָלשעוויזם, זיינען די הויפּט־דירעקטאָרן פון ׳לידער׳, אָבער זיי זיינען דאָך דאָרטן

נישט די איינציקע בעלי־בתים. אחוץ זיי זיינען דאָך נאָך פֿאַראַן די פֿאַרשטייער פֿון דער אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, פֿון דער פֿאַריערס יוניאָן און פֿון אַנדערע אַרבעטער־קערפּערשאַפֿטן, וועלכע שטייען אין דער רוסישער פֿראַגע אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג און וועלכע וויסן אַזוי גוט, ווי מיר, וואָס פֿאַר אַן אומגעהויערן שאָדן אָט די באָלשעוויסטישע ליגן־פּראָפּאַגאַנדע ברענגט דער אַרבעטער־באַוועגונג. פֿאַרוואָס לאָזן זיי עס צו?״ [105].

ערב דער קאָנווענשאָן פֿון דער ס. פּ., זומער 1924, האָט דער פֿאַרבאַנד־אָרגאַן פֿאַרלאַנגט, אַז די פּאַרטיי זאָל פֿאַרנעמען אַ שטעלונג לטובֿת דער פֿעלקער־ליגע און פֿאָדערן, אַז אַמעריקע זאָל אין איר אַריינטרעטן. ס׳איז אויך איבערגע־חזרט געוואָרן די פֿאָדערונג צו פֿאַרנעמען אַ מער שאַרפֿערע שטעלונג צו דער סאָוועט־רעגירונג. אַ לייט־אַרטיקל זאָגט: „מען האָט שוין גענוג געשמייכלט צו דער ׳גאַליאַרקע׳. עס איז צייט, אַז אויך די אַמעריקאַנער גענאָסן זאָלן וויסן דעם אמת וועגן דער טעראָריסטישער דיקטאַטור, וואָס הערשט אין רוסלאַנד. אַנשטאָט כּסדר אַנצונעמען זיך די קריוודעס פֿון דער סאָוועט־רעגירונג, זאָלן זיי זיך בעסער איינשטעלן פֿאַר די רוסישע סאָציאַליסטן, פֿאַר דעם רוסישן אַר־בעטער־קלאַס און פֿאַר דעם גאַנצן רוסישן פֿאָלק, וואָס ווערן גרויזאַם געקריי־ציקט און געפּייניקט פֿון דער דאָזיקער דעספּאָטישער באַוועגונג״ [106].

די ס. פּ.־קאָנווענשאָן, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין יולי 1924 אין קליוולאַנד, האָט געדאַרפֿט אַנטשיידן אַ זייער וויכטיקע פֿראַגע: נישט אַרויסשטעלן קיין אייגענעם קאַנדידאַט אין די פּרעזידענט־וואַלן און שטיצן די קאַנדידאַטור פֿון בירגערלעכן ליבעראַל ראָבערט לאַפֿאָלעט. אין דער פּאַרטיי און אין פֿאַרבאַנד זיינען פֿאָרגעקומען הייסע דיסקוסיעס וועגן דעם. ס׳זיינען געווען חסידים און קעגנער פֿון ברעכן די סאָציאַליסטישע טראַדיציע צו שטימען נאָר פֿאַר אַן איי־גענעם פּאַרטיי־קאַנדידאַט. מיט אַ מערהייט פֿון 120 שטימען קעגן 17 האָט די קאָנווענשאָן פֿון דער ס. פּ. באַשלאָסן צו שטיצן די קאַנדידאַטור פֿון סענאַטאָר ראָבערט לאַפֿאָלעט פֿאַר פּרעזידענט. די קאָנווענשאָן האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט צו זיין אַקטיוו אין דער באַוועגונג צו שאַפֿן אַ „דריטע פּאַרטיי״ אין אַמעריקע.

דער פֿאַרבאַנד האָט די שטעלונג באַלד אַקצעפּטירט און אונטערגעשטיצט. אויף דער קליוולענדער קאָנווענשאָן גופֿא זיינען געווען טוער פֿון פֿאַרבאַנד אַלס דעלעגאַטן פֿון פֿאַרשידענע ערטער און זיי האָבן געשטימט מיט דער מערהייט. דער פֿאַרבאַנד האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער וואַל־קאַמפּאַניע פֿאַר לאַפֿאָלעטן און וועהילערן (קאַנדידאַט פֿאַר וויס־פּרעזידענט). די פֿאַרשטייער פֿון פֿאַרבאַנד זיינען אַריין אין די אַקטיווע קאַמפּיין־קאָמיטעטן און די פֿאַרבאַנד־ברענטשעס האָבן אויסגעטראָגן די לאַסט פֿון דער אַרבעט אויף דער יידישער גאַס. געהאָפֿט האָט מען, אַז מיט אַזאַ טאַקטיק וועט די ס. פּ. אַרויסגעפֿירט ווערן פֿון דער פּאָליטישער איזאָלאַציע און די מיליאָנען אַמעריקאַנער אַרבעטער וועט מען אָפּרייסן פֿון ביידע אַלטע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען, און דאָס וועט פֿריי מאַכן דעם וועג, אויב נישט פֿאַר אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, איז לכל הפּחות פֿאַר אַ פּראָגרעסיווער פּאַרטיי. די האָפֿענונגען זיינען נישט מקוים געוואָרן, הגם לאַ־פֿאָלעט האָט געצויגן קרובֿ 5 מיליאָן שטימען.

אין פֿעברואַר 1925 איז פֿאָרגעקומען אין שיקאַגאָ אַ קאָנפֿערענץ פֿאַר פּראָ־

גרעסיווער פּאָליטישער טעטיקייט. די ס. פּ. איז געווען פּאַרטרעטן. געהאָפּט האָט מען, אַז פון דעם וועט אויסוואַקסן די דריטע פּאַרטיי. די טרייד־יוניאָנס האָבן זיך אָבער צוריקגעצויגן פון גאַנצן עסק. געבליבן זיינען בלויז אַ פּאָר קליינע ליבעראַלע גרופּעס. די ס. פּ. האָט אויף אַ קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ באַשלאָסן אויך זיך צוריקציען פון דער דאָזיקער באַוועגונג.

דער קאָצניאָמער, וואָס איז געקומען נאָך דער לאַפּאָלעט־באַוועגונג, האָט זיך אויך אָפּגערופן צווישן די יידישע סאָציאַליסטן, און זיך אויסגעלאָדן אין פאַרשידענע טענות צו דער ס. פּ.. אין אַ לייט־אַרטיקל פון „וועקער" ווערט פאָרגעוואָרפן, אַז „די גאַנצע טאַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פאַר די אַלע מלחמה־און נאָכמלחמה־יאָרן איז געווען נישט קיין ריכטיקע, זי איז נישט געווען צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען אין אַמעריקע און צו דער פּסיכאָלאָגיע פון אַמעריקאַנער פאָלק. עס זיינען נאָך היינט אויך דאָ יידן, וואָס דענקען, אַז די ס. פּ. איז דערפאַר געוואָרן שוואַך, ווייל זי איז אַוועק צו רעכט, ווייל זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אירע רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן. די דאָזיקע יידן האָבן גאָר נישט געלערנט פון דער פאַרגאַנגענהייט"... „דעם גרעסטן און ערנסטן קלאַפּ האָט די פּאַרטיי באַקומען נישט דערפאַר, וואָס זי איז געווען צו רעכט, נאָר דערפאַר וואָס זי איז געווען צו לינק פאַר די אַמעריקאַנער" [107].

ווען דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, סעמועל גאָמפּערס, איז אין 1924 געשטאָרבן, האָט דער „וועקער" געשריבן, אַז נישט גאָמפּערס איז שולדיק אין תהום, וואָס ס'האָט זיך געשאַפן צווישן דער אַ. פּ. אָוו ל. און דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. שולדיק אין דעם איז „די פאַלשע טאַקטיק פון די סאָציאַליסטן". דעם געדאַנק, אַז די שולד איז אויף דער סאָציאַליסטישער זייט, האָט אויך ביי אַ צווייטער געלעגנהייט אַרויסגעזאָגט אַלעקסאַנדער קאַהן: „די שנאה, וואָס האָט עקזיסטירט אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג צום סאָציאַליזם בכלל און צו די סאָציאַליסטן בפרט, איז בלויז אַן אָפּקלאַנג פון דער שנאה און טאַקטלאָזיקייט, מיט וועלכע סאָציאַליסטן האָבן זיך באַצויגן צו דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג. אָט די שנאה איז אין די לעצטע דריי יאָר כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן" [108].

געוויס וואָלט מען ביי דער ס. פּ. געקענט געפינען זינד אויך אויף דעם געביט. דאָס ריינוואַשן די אַ. פּ. אָוו ל. איז אָבער ביי מאַנכע שרייבער און טוער גיכער געווען אַן אויסדרוק פון דער באַדערפעניש צו געבן מלקות דער אייגענער פּאַרטיי.

פון צייט צו צייט זיינען די פּאַרטיי־פירער שאַרף קריטיקירט געוואָרן. מ'האָט זיי פאָרגעוואָרפן, אַז זיי זיינען טעטיק אין דער פּאַרטיי, ווי גאַסטראָלערן, אַז אין די דיסטריקטן ווייזן זיי זיך, ווען זיי קאַנדידירן און דאַרפן דאַרטן קאַמפּיינעווען. דעריבער זיינען די וואַל־רעזולטאַטן קלאָגעדיקע. „אונזערע יידישע סאָציאַליסטישע ‚גדולים' — האָט געשריבן דער רעדאַקטאָר פון „וועקער", ד. שוב, — דאַרפן זיך נישט האַלטן אַ גאַנץ יאָר ווייט פון דער יידישער גאַס. אין די דיסטריקטן מיט אַ יידישער באַפעלקערונג דאַרף די פּאַרטיי אַרויסשטעלן אַזעלכע קאַנדידאַטן, וואָס זיינען באַקאַנט דעם יידישן וויילער נישט בלויז אַלס סאָציאַליסטן, נאָר אויך אַלס יידן, אַזעלכע וואָס מישן זיך אַ גאַנץ יאָר מיט די יידן און טרעטן אין דער עפנטלעכקייט אַרויס אַלס יידן. נאָר אַזעלכע קאַנדידאַטן האָבן אַ שאַנס צו קריגן די שטימען פון דעם ברייטן יידישן עולם" [109].

ס׳איז ווייטער געווען דאָס פּראָבלעם פון יידן אין פאַרבאַנד־ברענטשעס אָדער אין אַלגעמיינע פּאַרטיי־ברענטשעס. א. גאַלאַצקי, וועלכער האָט געמאַכט אייניקע טורן אין די אינטערעסן פון פאַרבאַנד, דערציילט וועגן זיין דערפאַרונג אין דער שטאָט יוטיקא, נ. י.. ער גיט איבער, אַז ער האָט געקענט דאָרטן שאַפן אַ ברענטש פון פאַרבאַנד, ער האָט עס אָבער נישט געטון. די סיבה: ס׳האָט דאָרטן עקזיסטירט אַ נייער פּאַרטיי־ברענטש פון יידן, רוסן, פּאָלאַקן און פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר האָט געטענהט, אַז די פּאַרטיי וועט האָבן אַ גרויסן שאָדן, ווען מ׳וועט אַרויסנעמען פון ברענטש די 20 יידישע מיטגלידער, וועלכע זיינען די אַקטיווסטע טוער. די מיינונג פון פאַר־באַנד איז אָבער געווען, אַז אַ יידישער סאָציאַליסט קען אַ סך מער אויפטון פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין לאַנד, ווען ער זאָל אַרבעטן צווישן די יידן. אויף דער יידישער גאַס איז ער פרייער אין זיין שפּראַך און מ׳פאַרשטייט אים בעסער.

דער רעדאַקטאָר פון „וועקער" שרייבט וועגן דעם: „ס׳איז לעכערלעך צו לייקענען דעם פאַקט, אַז דער גאַנצער לעבנס־שטייגער פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן איז אַ גאַנץ אַנדערער, ווי דער לעבנס־שטייגער פון די אַרבעטער פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. אפילו דער יידישער אַרבעטער, וואָס באַזיצט גוט די ענגלישע שפּראַך, וואָס דאָס איז אגב אַ זעלטענהייט, פילט זיך אויף היימישער און בעסער צווישן יידן, ווי צווישן נישט־יידן. די יידישע סאָציאַליסטן מוזן צו־פּאַסן זייער גאַנצע טעטיקייט צו דער פּסיכאָלאָגיע פון די יידישע מאַסן. דאָס קען אָמבעסטן טון נאָר אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט פון יידישע סאָציאַליסטן, וואָס איז פאַרבונדן מיט די יידישע מאַסן און מיטן יידישן לעבן בכלל. אַ סאָציאַליס־טישער ברענטש, וואָס שטייט אויסער דעם פאַרבאַנד, מעג ער אַפילו באַשטיין דורכאויס פון יידן, קען נישט האָבן דעם מינדסטן איינפלוס אויף די יידישע מאַסן. און דער יידישער סאָציאַליסט, וואָס מיינט, אַז ער קען מער אויפטון פאַרן סאָציאַליזם, ווען ער וועט אַרבעטן צווישן די נישט־יידן, נאַרט זיך פּשוט אַליין" [110].

נאָך מער: דער פאַרבאַנד האָט געמאָנט פון דער ס. פּ. צו זיין מער טעטיק צווישן די אַנדער־שפּראַכיקע בכלל. אין אַ לייט־אַרטיקל זאָגט דער „וועקער": „די ס. פּ. האָט אין די לעצטע יאָרן אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט די אַרבעט צווישן די פרעמד־שפּראַכיקע גרופּעס. מיר האָבן זיך איינגערעדט, אַז די סאָציאַליסטישע דערלייזונג וועט קומען פון דעם, וואָס מיר וועלן אַריינציען אַ פּאָר צענדליק אַמעריקאַנער אין דער פּאַרטיי און מיר האָבן אינגאַנצן איבערגעלאָזט פאַר די קאָמוניסטן די הונדערטער טויזנטער ראַדיקאַלע אימיגראַנטן־אַרבעטער פון די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע קענען אַ סך לייכטער אַריינגעצויגן ווערן אין אונזער פּאַרטיי און אַריינברענגען אין איר מער לעבן, מער טעטיקייט און מער ענערגיע" . . . „איצט ווען מען רעדט וועגן אַ נייעם קאַמפּיין צו פאַרשטאַרקן די ס. פּ., איז נויטיק ערנסט אַ טראַכט צו טון וועגן אויפבויען צוריק די פאַר־שידענע שפּראַך־פעדעראַציעס, וואָס האָבן אַמאָל עקזיסטירט אין דער פּאַרטיי. דער באָדן פאַר דעם איז רייף און עס איז פּשוט אַ פאַרברעכן, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט אָט דעם גאַנצן פעלד פאַר די קאָמוניסטן" [111].

דער „וועקער" האָט אויך באַגריסט אַב. קאַהאַנס אַרויסטריט אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין מאַרסעל, 1925, און באַזונדערס דעם פֿאַקט, וואָס ער האָט דאָרט גערעדט נישט בלויז ווי אַן אַמעריקאַנער סאָציאַליסט, נאָר אויך ווי אַ נישט־אָפֿיציעלער פֿאָרשטייער פֿון די הונדערטער אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע.

קליין איז געבליבן די צאָל מיטגלידער פֿון יידישן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד. ווי אַזוי־זשע האָבן זיך איינגעשטעלט די באַציאונגען צווישן זיי און „די הונדערטער טויזנטער אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער", אָדער ווייניקסטנס מיט די פֿירער און וואָרט־זאָגער פֿון די גרויסע אָרגאַניזאַציעס? — די באַציאונגען זיינען קיינמאָל נישט געווען קיין אידעאַלע. טיילמאָל אַפֿילו פֿאַרביטערטע. סיבות זיינען געווען פֿאַרשידענע.

פֿיל אַקטיווע טרייד־יוניאָניסטן האָבן אויף זייער טעטיקייט געקוקט, ווי אויף אַ מיטל אויסצובויען פֿאַר זיך אַ פּאָזיציע אין לעבן. אַ טייל האָט די טרייד־יוניאָן באַטראַכט נישט מער ווי אַן איבערגאַנגס־שטופֿע. צווישן מאַנופֿעקטשורערס און אַנדערע פֿאַרמעגלעכע מענטשן האָט מען געקענט געפֿינען נישט ווייניק געוועזענע טרייד־יוניאָן־טוער. דער שניט טוער האָט געקוקט אויף סאָציאַליסטן און בכלל אידעאַליסטן, ווי אויף אַ חברה בטלנים, וואָס פֿאַרשטייען נישט אַמעריקע. אויף אַלעם, וואָס האָט נישט געשמעקט מיט מאַטעריעלער פּראַקטישקייט און באַלדיקן דערפֿאָלג, האָבן זיי געקוקט מיט חשד. נישט פּרינציפּן האָבן דיקטירט זייערע האַנדלונגען, נאָר אָפּאָרטוניזם. פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע זיינען אַזוי געווען, אָבער אַ היפּשער טייל האָט אַזוי אויסגעזען.

און ביי די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אין די צוואַנציקער יאָרן, האָט דער אָפּאָרטוניזם דיקטירט פֿיל טרייד־יוניאָן־טוער צו לעבן בשלום מיט די קאָמוניסטן, צו מאַכן מיט זיי פֿאַרשידענע משא ומתנס. אויף קאָנווענשאָנס האָט מען נישט געוואָלט אָננעמען קיין פּראָטעסט־רעזאָלוציעס קעגן פֿאַרפֿאָלגן סאָציאַליסטן אין סאָוועט־רוסלאַנד. אַזאַ פֿאַל, למשל, איז געווען אויף דער קאָנווענשאָן פֿון די קעפּ־מייקערס־יוניאָן, וואו פּרעזידענט זאַריצקי איז אַרויסגעטרעטן קעגן אָננעמען אַזאַ רעזאָלוציע. דאָס וואָכנבלאַט פֿון פֿאַרבאַנד האָט אָפּטאַטאַקירט די צייטונג „פֿאָרטשריט", אָרגאַן פֿון דער אַמאַלגעמייטעד (מענער־שניידער־יוניאָן) און דעם רעדאַקטאָר י. שלאָסבערג פֿאַר חנדלען זיך צו די קאָמוניסטן, פֿאַר דרוקן פּראָ־באָלשעוויסטיש מאַטעריאַל וועגן רוסלאַנד און פֿאַר באַלויכטן די געשעענישן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג אויף אַן אופֿן, וואָס איז געווען גינסטיק פֿאַר די קאָמוניסטן. דאָס זעלבע איז געווען מיטן אָרגאַן פֿון דער קעפּ־מייקער יוניאָן, דער „העדגער וואָרקער", און זיין רעדאַקטאָר י. מ. בודיש. מ'האָט זיי פֿאָרגעוואָרפֿן אָפּאָרטוניזם אין היימישער יוניאָן־פּאָליטיק און ראַדיקאַלעכץ אין פֿראַגן פֿון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק און אַרבעטער־באַוועגונג. אין איינעם פֿון זיינע לייט־אַרטיקלען האָט דער אָרגאַן פֿון פֿאַרבאַנד געשריבן: „מיר ווייסן, אַז פּרעזידענט הילמאַן און די אַנדערע פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿירער פֿון דער אַמאַלגעמייטעד זיינען נישט קיין קאָמוניסטן. מיר ווייסן אויך, אַז די ריזיקע מערהייט מיטגלידער פֿון דער אַמאַלגעמייטעד האָבן קיין שום סימפּאַטיע נישט מיטן קאָמוניזם, טאָ פֿאַרוואָס דערלויבן זיי, אַז דער אָפֿיציעלער אָרגאַן פֿון זייער יוניאָן זאָל זיין דער אָרגאַן פֿון אויס־

געשפּיגענער קאָמוניסטישער גאַל ?״[112]. ווען די אַמאַלגעמייטעד האָט אין די צוואַנציקער יאָרן געשאַפן די רוסיש־אַמעריקאַנישע אינדוסטריעל־קאָרפּאָראַציע אויף צו עפענען באַקלייד־פאַבריקן אין רוסלאַנד, איז דער פאַרבאַנד אַרויסגעטרעטן קעגן דער אונטערנעמונג און באַווירקט אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלן זיך אין דעם נישט באַטייליקן.

די קאָמוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט אין דער ערשטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן באַוויזן זיך צו באַפעסטיקן און פאַנאַנדערבויען, האָט אויך באַקומען אַן אויסגעוואַקסענע השפעה אין אַרבעטער־רינג און אין די יידישע יוניאָנס. ביי דער אינטערנעשאַנעל, אַמאַלגעמייטעד, קעפּ־מייקערס, פאַריערס און אין אַנדערע ערטער איז אַנטשטאַנען אַ רעאַלע געפאַר, אַז די קאָמוניסטן זאָלן באַהערשן די אָרגאַניזאַציעס. אין מאַנכע טיילן פון די דערמאָנטע יוניאָנס האָבן די קאָמוניסטן זיך שטאַרק איינגענעסטעט און געפירט נאָך זיך אַ גרויסן עולם פון דער מיטגלידערשאַפט. זיי האָבן איבערגענומען אינסטאַנצן, פּראָקלאַמירט שטרייקן און זיך אָרגאַניזירט אינעווייניק ווי אַ מלוכה אין אַ מלוכה.

דער פאַרבאַנד האָט זייער פיל אויפמערקזאַמקייט און ענערגיע געווידמעט דעם קאַמף קעגן די קאָמוניסטישע באַוועגונגען צו פאַרכאַפּן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. אין פיל פאַלן האָט מען געהאָלפן אינסטאַנצן פון יוניאָנס, צו וועלכע דער פאַרבאַנד גופא האָט געהאַט שווערע טענות. מ׳איז אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז פון צוויי בייז, קלויבט מען אויס דאָס קלענערע. דער „וועקער״ האָט דערביי נישט געשאַנעוועט די יידישע אַרבעטער און זייערע טרייד־יוניאָן־פירער.

„אין פיל יידישע יוניאָנס — שרייבט דער רעדאַקטאָר פון ׳וועקער׳, איזווירקלעך נישט אַלץ אין דער בעסטער אָרדנונג. דאָ און דאָרטן ווערן אין אונזערע יוניאָנס אַמאָל באַגאַנגען פעלערן און עס קומען אָפּט פאָר אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן נישט באַדאַרפט פאָרקומען. נישט אַלע פירער פון די יוניאָנס, וואָס האָבן אַ שם פאַר ׳רעכטע׳, שטייען אויף דער זעלבער מאָראַלישער הויך. צווישן די ׳רעכטע׳ זיינען, ליידער, אויך פאַראַן אַ היפּש ביסל פּשוטע קאַריעריסטן, עם־הארצים און סתם טויגעניכצן. עס איז דעריבער נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז ביי אַ טייל אַרבעטער זאָל זיך אָנקלייבן געגנוג גאַל קעגן דער יוניאָן, וואָס זיי מישן צוזאַמען מיט דעם אָדער יענעם באַאַמטן. אָט די אומצופרידנקייט פון אַ טייל אַרבעטער ווערט קינסטלעך פאַנאַנדערגעבלאָזן און אויסגענוצט דורך די קאָמוניסטן״... אָבער אויך מיט די אַרבעטער גופא איז נישט אַלץ אין אָרדנונג: די צאָל שוהל־יידן איז צען מאָל אַזוי גרויס, ווי די צאָל סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און קאָמוניסטן. „און נאָך גרעסער איז די צאָל יידן און נישט־יידן, וואָס האָבן אַלץ אין דער אדמה און טראַכטן נישט וועגן קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַרויפצואַרבעטן זיך און ווערן אַליין אַ קאָנטראַקטאָרל פאַר זיך. אין צייט פון אַ שטרייק זיינען זיי טאַקע אַלע גוטע שטרייקער, אָבער אַ גאַנץ יאָר קערן זיך די מערסטע פון זיי ווייניק אָן מיט פאַרשידענע אידעאַלן. ביי דער גרעסטער מערהייט פון זיי איז דער איינציקער אידעאַל פּערזענלעך אַרויפצואַרבעטן זיך, מעג עס זיין אויפן חשבון פון כלל״.[113]

צו דער פראַגע וועגן דער לאַגע אין די יידישע יוניאָנס האָט דער „וועקער״ אָפּט זיך אומגעקערט. ער האָט געזען דעם שונא אויף צוויי פראָנטן: פון איין זייט

דעם קאָמוניסטישן לאַגער, פון דער צווייטער זייט די נישט־געהעריקע אָנפּירונג פון טרייד־יוניאָניסטישן צד. אין איינעם פון זיינע לייט־אַרטיקלען ווערט פעסטגעשטעלט, אַז די לעצטע פאַר יאָר האָבן אין די יוניאָנס זיך „אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט פּערזאָנען, וואָס האָבן קיין אַנדערע זאַך נישט געהאַט אין זינען, ווי נאָר זייער אייגענע קאַריערע"... „די אידעאַליסטישע נשמה, מיט וועלכער די יידישע יוניאָנס זיינען געווען דורכגעדרונגען אין זייערע קינדער־יאָרן, איז כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן. פון די אַמאָליקע צייטן זיינען אין פיל פון אונזערע יוניאָנס פאַרבליבן נאָר די סקאַרבאָווע פראַזן, וואָס האָבן פאַרלאָרן יעדן אינהאַלט. דער טרוקענער פּראַקטיציזם האָט אויפגעפרעסן דעם אידעאַליזם אין די יוניאָנס. און ווײַבאַלד די יוניאָנס זיינען געוואָרן נישט מער, ווי אַ ביזנעס, האָבן זיך געמוזט אַרויסרוקן אין פאָדערגרונט פון די יוניאָנס מענטשן אָן פאַרגאַנגענהייט און אָן אידעאַלן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די יוניאָנס נישט מיט מער פליייסיקייט און נישט מיט מער איבערגעגעבנקייט, ווי זיי וואָלטן עס געטון פאַר אַ פּריוואַטער קאַפּיטאַליסטישער פירמע"... „ווען די קאָמוניסטן וואָלטן ווירקלעך געזוכט אויסצורייניקן אונזערע יוניאָנס פון דעם שמוץ, וואָס האָט זיך דאָרטן אָנגעקליבן, און אַריינברענגען אַ מער אידעאַליסטישן גייסט אין די יוניאָנס, וואָלטן מיר זיי באַגריסט און וואָלטן זייער אַרבעט געשטיצט. די קאָמוניסטן זיינען אָבער אויסן נאָר זייערע אייגענע קלייזל־אינטערעסן: זיי זוכן צו פאַרטרייבן פון די יוניאָנס יעדן איינציקן טוער, וואָס איז נישט קיין קאָמוניסט, מעג ער אַפילו זיין דער ערלעכסטער, איבערגעגעבנסטער און פעאיקסטער. זיי ווילן באַזעצן די יוניאָנס מיט אייגענע מענטשן, מעגן זיי אַפילו זיין די ערגסטע קאַריעריסטן און טויגעניכצן"... „אונזערע יידישע יוניאָנס לעבן איצט איבער אַ שווערן קריזיס, וואָס קען זיך פאַר פיל פון זיי ענדיקן זייער טרויעריק, אויב די דעמאָראַליזאַציע וועט ווייטער אָנהאַלטן"[114]. די ערלעכע עלעמענטן ווערן גערופן צו אָרגאַניזירן זיך, ווערן מער אַקטיוו און אַריינברענגען דעם אַמאָליקן גייסט.

די אויסגעשפּראָכענע קעגנערשאַפט פון פאַרבאַנד צו די קאָמוניסטן האָט באַשטימט זיין שטעלונג אויך צו די קאָמוניסטישע אַקציעס פאַר די יידן אין רוסלאַנד. העלפן די יידן — יאָ; דורך קאָמוניסטישע קערפּערשאַפטן — נישט. דער פאַרבאַנד האָט אָפּגעוואָרפן די ווענדונגען אַליין צו באַטייליקן זיך אין קאָמוניסטיש־באַהערשטע אַקציעס און אויך גערופן אַנדערע נישט צו האָבן קיין מגע ומשא מיט זיי. אין דעצעמבער 1924 איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ וועגן יידישער קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד. אויך דער פאַרבאַנד האָט באַקומען פון ציטווייליקן קאָמיטעט אַן איינלאַדונג צו שיקן זיינע פאָרשטייער. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד האָט די איינלאַדונג נישט אָנגענומען. ער האָט עס מאָטיווירט מיט דעם, וואָס די קאָנפערענץ איז גערופן געוואָרן פון די קאָמוניסטן, און די אומפּאַרטייאישע זיינען בלויז אַ דעקאָראַציע. צו די קאָמוניסטן קען מען נישט האָבן קיין צוטרוי, ווייל זיי האָבן מיסגעברויכט די געלטער, וואָס זיי האָבן געשאַפן פאַר פאַרשידענע צוועקן. אין דער מאָטיווירונג פון אָפּזאָג ווערט ווייטער דערקלערט: „די קאָמוניסטן זוכן צו שלאָגן פאַר זיך קאַפּיטאַל פון דעם יידישן אומגליק, וואָס זיי אַליין האָבן געהאָלפן ברענגען אויף דער יידישער באַפעלקערונג פון סאָוועט־רוסלאַנד און וואָס זיי פאַרגרעסערן

דורך דעם סיסטעמאַטישן, משוגענעם און פאַרברעכערישן קאַמף, וועלכן זיי פירן אויף דעם גרויזאַמסטן אופן קעגן דעם פריוואַט־האַנדל, מיט וועלכן די גרעסטע צאָל יידן אין רוסלאַנד האָבן זיך תמיד באַשעפטיקט". אויף וויפיל ס'איז מעגלעך אַ יידישע קאָלאָניזאַציע און הילף פאַר איר, טוען עס דער „אָרט" און דער „דזשאָינט". הילף וועט קענען געגעבן ווערן אין רוסלאַנד, ווען דאָרטן וועט געוויילט ווערן אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן אַן אומפּאַרטייאישער קאָמיטעט.

דער פאַרבאַנד האָט גערופן צו שטיצן די געלט־זאַמלונגען פון „דזשאָינט", אָבער נישט פון קאָמוניסטישן „איקאָר".

אַ האַרבערע פראַגע איז געווען די באַציאונג צו די אַקציעס פאַר פּאַלעס־טינע. מיט דעם איז אויך געווען פאַרבונדן די שטעלונג צום ציוניזם בכלל און די פּועלי־ציון בפרט. די פראַגע איז דעבאַטירט געוואָרן אין דער פּרעסע, אין די ברענטשעס און אויף קאָנווענשאַנס.

אין 1923 האָט די הסתדרות איינגעלאַדן די יידישע יוניאָנס צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין פּאַלעסטינע. די פראַגע האָט אַרויסגערופן אַ הייסע דעבאַטע צווישן די פירער פון די יוניאָנס און פון אַרבעטער־רינג. אויך דער פאַרבאַנד האָט זיך וועגן דעם אַרויסגעזאָגט. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד האָט אָנגענומען אַ באַשלוס קעגן שיקן אַזאַ דעלעגאַציע. די קעגנער־שאַפט איז מאָטיווירט געוואָרן מיטן דאָזיקן טעם: „די אַמעריקאַנער אַרבעטער באַטראַכטן די אַרבעטער פון פּאַלעסטינע פאַר זייערע ברידער, פאַר זייערע חברים פון קאַמף. מיט אַלע אונזערע כוחות האָבן מיר זיי געשטיצט יעדעס מאָל, ווען די פראַגע פון מאַטעריעלער שטיצע פלעגט אַרויפשווימען. אונזערע פאַר־טרעטער אין 'פּיפּלס־רעליעף' זיינען תמיד געווען די ערשטע צו שטיצן די אַרבעטער־מאַסן פון פּאַלעסטינע און דער 'פּיפּלס־רעליעף' האָט זיי טאַקע גע־שטיצט, פּראָפּאָרציאָנעל אין אַ פיל גרעסערער מאָס, ווי די אַרבעטער פון אַנדערע לענדער. ווען עס קומט אָבער צו אַזאַ שריט, וואָס קאָן אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אינדאָרסירונג פון די פּאָליטישע חלומות פון די ציוניסטן, מוז אונזער שטעלונג זיין אַ גאַנץ אַנדערע. דער עקזעקוטיוו פון פאַרבאַנד האָט זיך דעריבער אַרויסגעזאָגט קעגן דעם פאָרשלאָג צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין פּאַ־לעסטינע. און אונז ווילט זיך גלויבן, אַז אויך די פאַרטרעטער פון די יידישע יוניאָנס און פון דעם אַרבעטער־רינג וועלן אין דער פראַגע נעמען די זעלבע שטעלונג"[115].

און ווען די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן האָבן פּראָקלאַמירט אַ זאַמלונג צו שאַפן 150 טויזנט דאָלאַר, האָט דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָ־מיטעט פון פאַרבאַנד זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אויסטיילן די יידישע אַרבעטער פון פּאַלעסטינע און פירן פאַר זיי דאָ אַ ספּעציעלע זאַמל־אַקציע. די אָנפירונג פון פאַרבאַנד האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף נישט פּריווילעגירן איין טייל יידישע אַרבעטער אויפן חשבון פון אַנדערע טיילן. בעת די פראַגע איז דעם 12 יאַנואַר 1924 באַהאַנדלט געוואָרן אויף דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, זיינען געווען חילוקי־דעות. י. וויינבערג און נ. כאַנין האָבן אָנגעוויזן, אַז די יידישע אַרבעטער פון פּוילן, רומעניע, לעטלאַנד און אַנדערע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער דאַרפן פּונקט אַזוי שטיצע, ווי די יידישע אַרבעטער פון פּאַלעסטינע.

אויב שאַפֿן געלט, זאָל מען שאַפֿן פֿאַר אַלע און נאָך דעם צעטיילן עס לויט די פּראָפּאָרציאָנעלע נויטן פֿון די יידישע אַרבעטער אין די באַזונדערע לענדער. אַחוץ דעם האָט די ספּעציעלע אַקציע אַ באַשטימטע פּאָליטישע כוונה — אַריינציען די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפֿט אין דער ווירקונגס־ספֿערע פֿון ציוניזם.

אַלעקסאַנדער קאַהן און ה. לאַנג, וועלכע האָבן גערעדט פֿאַר שטיצן די פּאַלעסטינע־זאַמלונג, האָבן אַרגומענטירט, אַז דאָ האָט מען מיטן ציוניזם זיך נישט אַרומגעשלאָגן. אויב די יידישע אַרבעטער אין דער אַלטער היים האָבן אפשר געהאַט סיבות צו זיין קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז אָבער דאָ נישטאָ קיין שום סיבה צו זיין קעגן דער פּאַלעסטינע־זאַמל־אַקציע. עס שטייט נישט די פֿראַגע צי מיר גלויבן אין ציוניזם אָדער נישט, עס האַנדלט זיך בלויז וועגן אונטערשטיצן אַ קאָנקרעטע אַקציע פֿון די יוניאָנס.

דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿון פֿאַרבאַנד האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס זאָגט: „מיר ווייסן, אַז די לאַגע פֿון די יידישע אימיגראַנטן אין פּאַלעסטינע איז אַ נישט־געזונטע. אויף וויפֿיל די לאַגע קען געענדערט ווערן דורך אונזער מאַטעריעלער שטיצע, דאַרפֿן מיר דאָס טון איצט אַזוי, ווי מיר האָבן דאָס געטון אַלעמאָל. די יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע דאַרפֿן נישט באַשטראָפֿט ווערן דערפֿאַר, ווייל זיי זיינען אַ טייל פֿון דעם ציוניסטישן לאַגער. אַלס אַרבעטער דאַרפֿן זיי געשטיצט ווערן אין דער פּולער מאָס". דער פֿאַרבאַנד איז געבליבן ביי זיינס אַ פֿריערדיקן באַשלוס נישט צו פּריווילעגירן די יידישע אַרבעטער פֿון פּאַלעסטינע דורך שיקן אַ דעלעגאַציע אָדער פֿירן פֿאַר זיי באַזונדערע קאַמפּאַניעס. ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז ס'זאָל געפֿירט ווערן אַ געמיינשאַפֿטלעכע הילף־אַקציע פֿון „פּיפּלס־רעליעף" פֿאַר די יידישע אַרבעטער אין אייראָפּע און פּאַלעסטינע.

באַגרינדענדיק דעם דאָזיקן באַשלוס, האָט ב. כאַנין געשריבן: „אונזער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן נישט מחמת בלינדער קעגנערשאַפֿט צום ציוניזם, נאָר ווייל מיר זיינען טיף איבערצייגט, אַז ארץ־ישראל קען נישט ווערן די היים פֿון יידישן פֿאָלק און אַז דער ציוניזם קען נישט לייזן די יידן־פֿראַגע".[116]

אין „וועקער" איז נאָך דעם געפֿירט געוואָרן אַ דעבאַטע וועגן יאָ אָדער נישט אָנטיילנעמען אין קאַמפּיין, וואָס די יידישע געווערקשאַפֿטן האָבן פּראָקלאַמירט. אין דער דאָזיקער דעבאַטע האָט אַלעקסאַנדער קאַהן געזאָגט: „איך וויל, אַז עס זאָל פֿאַרשריבן ווערן אין פֿליין מאַמע־לשון, אַז אַ גוטער סאָציאַליסט קען אין דער זעלבער צייט אויך זיין אַ גוטער ציוניסט". די אַנדערע אָנהענגער פֿון פּאַלעסטינע־דרייוו זיינען אָבער אַזוי ווייט נישט געגאַנגען און באַגרינדעט זייער שטעלונג מיט פּראַקטישע טעמים. אַ ריי ברענטשעס האָבן אָנגענומען רעזאָלוציעס, וואָס האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט דער שטעלונג פֿון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט נישט צו באַטייליקן זיך אין געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין. צווישן די, וועלכע מ'האָט אַנאָנסירט אַלס רעדנער אויף דער פֿייערלעכער פּראָקלאַמירונג פֿון געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין, דעם 14 פֿעברואַר 1924, זיינען אויך געווען א. ליעסין, אַלעקסאַנדער קאַהן און א. י. שיפּליאַקאָף, וועלכע זיינען דעמאָלט אויך געווען אַקטיוו אין פֿאַרבאַנד.

אַ פּאָר וואָכן נאָכן פּראָקלאַמירן דעם געווערקשאַפֿטן־קאַמפּיין פֿאַר פּאַלעסטינע איז באַשלאָסן געוואָרן צו ליקווידירן דעם „פּיפּלס־רעליעף", וואָס האָט

עקזיסטירט קנאַפּע 9 יאָר און געטון אַ גרויסע הילף־אַרבעט לטובת די יידישע פאָלקס־שולן און אַנדערע וויכטיקע אינסטיטוציעס אויף יענער זייט ים. הילף פאַר קאָמוניסטישע צוועקן פון איין זייט און פאַר ציוניסטישע צוועקן פון דער צווייטער זייט האָבן אַלץ מער און מער גענומען די אויבערהאַנט צום שאָדן פון די נויטן און אינסטיטוציעס פון דער פיל־מיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג אין מזרח־אייראָפּע. די נישט־גערעכטע פאַרטיילונג פון די הילף־געלטער, וואָס מ׳האָט גענומען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע, האָט ממש גע־שטאָכן אין די אויגן, אָבער די אידעאָלאָגישע און פאַרטייאישע פאַרבלענדעניש פון אַ גרויסן טייל אַרבעטער־טוער האָט דעם נויט־געשריי געלאָזט פאַרהילכן דורך נאַציאָנאַליסטישער אָדער קאָמוניסטישער פראַזעאָלאָגיע. דער פאַרבאַנד האָט נאָך דעם אונטערגעשטיצט די אַקציעס פון „דזשאָינט״ אַריינצוציען אין זיינע זאַמל־אַקציעס די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

דער פאַרבאַנד איז אויך געווען מיטבאַטייליקט אין אייניקע אַקציעס קעגן די פאָרגעשלאָגענע געזעצן וועגן רעגיסטראַציע פון אימיגראַנטן און וועגן באַ־גרענעצן די איינוואַנדערונג. ער האָט אָבער אָפּגעוואָרפן וועגן פון דער יידישער פעדעראַציע פון דער וואָרקערס פּאַרטיי וועגן פירן געמיינזאַם די פּראָ־טעסט־אַקציע צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן. אויך אין אַנדערע פאַלן האָט דער פאַרבאַנד זיך אָפּגעזאָגט צוזאַמען מיט זיי צו טון עפּעס בשותפות. לויט דער איניציאַטיוו פון פאַרבאַנד און די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן איז דעם 9 אַפּריל 1923 פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אַלע ניו־יאָרקער טיילן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג וועגן פייערן דעם 1־טן מאַי. געווען זיינען 274 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאַרטרעטן 132 אָרגאַניזאַציעס מיט 300 טויזנט מיט־גלידער. די קאָמוניסטן האָבן פאָרגעלייגט, אַז די פייערונג זאָל דורכגעפירט ווערן צוזאַמען מיט זיי. די ווענדונג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אין נאָמען פון אַלע באַ־טייליקטע אָרגאַניזאַציעס האָט די קאָנפערענץ אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט, אַז זי זאָל פייערן דעם 1־טן מאַי און דעמאָנסטרירן פאַר די אַרבעטער־פאָדערונגען און פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג. די יידישע אַרבעטער זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן אין טאָג פון 1־טן מאַי אָפּצושטעלן די אַרבעט. דער אויפרוף גרעניצט זיך שאַרף אָפּ פון די קאָמוניסטן. „מיט באַזונ־דערער שאַנדע און וויטאָק — ווערט דאָרט געזאָגט — מוזן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דעם יידישן אַרבעטער־לעבן אין רוסלאַנד, אין דעם איינציקן לאַנד אין דער וועלט, וואָס האָט באמת געגעבן אַלע אונטערדריקטע פעלקער פולשטענ־דיקע נאַציאָנאַל־קולטורעלע זעלבסטשטענדיקייט. דאָרטן ווערט אָבער אָט די זעלבסטשטענדיקייט אויף אַ ברוטאַלן אופן פאַרגוואַלטיקט פון די יידישע קאָ־מוניסטן און יעווסעקציעס, די זשאַנדאַרן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָבן פון סאָוועט־רוסלאַנד איבערגענומען די מאַכט אין זייערע הענט. קעגן זייער ברוטאַלער אונטערדריקונג פון יעדער געזעלשאַפטלעכער איניציאַ־טיוו, פון יעדער טעטיקייט, וואָס געפינט נישט קיין חן אין זייערע אויגן, קעגן זייער אונטערדריקונג פון רעליגיע־און געוויסן־פרייהייט — קעגן דעם אַלעמען מוזן מיר מיט אונזער גאַנצן כוח פּראָטעסטירן״.

פון צייט צו צייט האָבן די פירער און טוער געפּרואווט אָנטאַפּן דעם דופק פון פאַרבאַנד, זען וואָס ס׳איז דערגרייכט געוואָרן און וואָס מ׳קען ווייטער טון.

נאָך 2 יאָר טעטיקייט האָט ד. שוב געמאַכט אַזאַ סך־הכל: „דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד איז געוואָרן אַ לעבעדיקער טייל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און איבט אויס אַ באַדייטענדיקן איינפלוס אויף אַלע צווייגן פון דער באַוועגונג. מיר דאַרפן זיך אָבער נישט נאַרן. נישט קוקנדיק אויף דעם גרויסן פּראָגרעס, וואָס דער פאַרבאַנד האָט געמאַכט אין פאַרלויף פון די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָר, איז ער נאָך עד היום אָרגאַניזאַציאָנעל זייער שוואַך. ער פאַרמאָגט נאָך אַפילו נישט קיין העלפט מיטגלידער פון דעם, וויפיל די אַמאָליקע יידישע פעדעראַציע האָט אין אירע בעסערע יאָרן פאַרמאָגט. אמת, די יידישע קאָמוניסטישע פעדעראַציע איז פאַקטיש אָרגאַניזאַציאָנעל אויך נישט שטאַרקער און איר איינפלוס אויף דער יידישער אַרבעטער גאַס איז נישט אין אַן ערך פיל קלענער, ווי דער איינפלוס פון פאַרבאַנד, אָבער דאָס איז אַ קנאַפּע טרייסט. ווי נישט אַנגענעם דאָס זאָל נישט זיין, מוז מען אָבער מודה זיין, אַז דער איינפלוס פון די סאָציאַליסטן אויף דער יידישער גאַס איז איצט פיל קלענער, ווי ער איז געווען מיט 10 יאָר צוריק".[117]

צום 4־טן יאָרטאָג האָט דער פאַרבאַנד־אָרגאַן געמאַכט אַזאַ סך־הכל: „היינט האָט דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד וויניקסטנס 5 מאָל אַזוי פיל מיטגלידער וויפיל די פעדעראַציע האָט געהאַט פאַר דער שפּאַלטונג, און צוויי אָדער דריי מאָל אַזוי פיל מיטגלידער, ווי די איצטיקע יידישע אָפּטיילונג פון דער ׳וואָרקערס פּאַרטיי׳. אמת, טומל מאַכן די קאָמוניסטן אַן אַ סך מער ווי מיר, אָבער דאָס דערקלערט זיך נאָר מיט דעם, וואָס די קאָמוניסטן האָבן אַ ייִנגערן עלעמענט אין זייער אָרגאַניזאַציע און בעיקר מיט דעם, וואָס זיי האָבן הינטער זיך אַ רעגירונג, וואָס פינאַנסירט מיט אַ ברייטער האַנט אַלע זייערע צייטונגען און אַלע זייערע קאַמפּיינס".[118]

און וועגן אינהאַלט פון דער טעטיקייט דערציילט פּ. דעמביצער: „דער לעצטער ווינטער איז געווען דער לעבעדיקסטער און פּאָליטיש דערפאָלגרייכסטער אין דעם לעבן פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. אונזער פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט אין ניו־יאָרק און אויף דער פּראָווינץ, אונזער אָרגאַניזאַציע־טעטיקייט דורך דער גרינדונג פון נייע ברענטשעס אין לאַנד, די פאַרצווייגטע און אויסגעברייטערטע טעטיקייט פון אונזער אָפיס, די אויפטואונגען פון אונזער פאַרלאַג ׳וועקער׳ — דאָס זיינען טאַטן, וואָס מיר קאָנען מיט שטאָלץ דערמאָנען. בעיקר איז דערפרייענדיק אונזער וואַקסענדער איינפלוס אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג און אויף דער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד..."[119]

די פראַגע פון דער יוגנט, וואָס איז היינט דער מאָרגן און דאַרף מאָרגן זיין דער היינט פון יעדער באַוועגונג, האָט אויך פאַרנומען אַן אָרט אין לעבן פון פאַרבאַנד. ס׳איז נישט בלויז געווען אַ זאָרג וועגן דער צוקונפט, נאָך אויך וועגן דער דינאַמיק פון דער אָרגאַניזאַציע ביים היינטיקן טאָג. דאָס איז אייגנטלעך אַ דרינגענדיקע פראַגע פון דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און פון גאַנצן יידישן לעבן בכלל. ס׳איז די פראַגע, ווי אַזוי גלידערט מען איין דעם ייִנגן דור אין די אידעאָלאָגישע און געזעלשאַפטלעכע שטראָמען פון יידישן פאָלק. וועגן דעם יוגנט־פּראָבלעם האָבן זיך פאַרטראַכט און געפּרואווט עפּעס טון דער אַרבעטער־רינג, דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד און אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. ליידער, האָבן אויף דעם געביט נישט גע־

זאָרגט און נישט געטון די גרעסטע יידישע אַרבעטער־צענטרען — די יוניאָנס. מ׳האָט דאָרט אַמווינציקסטן געקלערט וועגן נאָכוואוקס.

דער אָרגאַן פון פאַרבאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דעם ענין. ס׳איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער נויטיקייט פון אָרגאַניזירן די יוגנט און זי אַריינציען אין דער באַוועגונג. מ׳האָט אָנגעוויזן, אַז פון פאַרשידענע אייראָפּעאישע לענדער זיינען געקומען אַהער יוגנטלעכע. אין אַ ריי ערטער זיינען געגרינדעט געוואָרן קולטור־קלובן פון יוגנט. ס׳זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון דעם נייעם עלעמענט צו פאַרבונדן מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אַ פיל שווערער פּראָבלעם איז געווען דאָס געווינען די הי־געבוירענע יוגנט. דאָ איז שוין געווען אי אַן אַנדערע שפּראַך, אי אַן אַנדערע פּסיכאָלאָגיע. גלייך פון די ערשטע יאָרן זיינען די קינדער אַריין אין אַ צווייטער וועלט. „אַ טייל גייט אַוועק — האָט געשריבן ב. באַטווינִיק — צו די רעפּובליקאַנער, אַ טייל צו די דעמאָקראַטן און אַ טייל צו די גענגסטערס. אויף די אַלע דריי וועגן רעדט מען ענגליש"... „ווי אַזוי קען די יוגנט פאַרבלייבן מיט אונז, ווען אונזער יידישער אַרבעטער רעדט יידיש, אַ שפּראַך צו וועלכער מען פלאָנצט אין אין זיי אַנטיפּאַטיע"... „אַ פערטל יאָרהונדערט האָבן מיר פאַרנאַכלעסיקט די דערציאונג פון אונזערע קינדער און איצט זעען מיר, אַז מיר זיינען פאַרבליבן גייסטיקע בעזדיעטניקעס. מיר לאָזן נישט איבער קיין סאָציאַליסטישן דור אין דער אַרבעטער־באַוועגונג"... „די אַרבעטער־רינג־שולן זיינען אַ גוטער אָנהויב אויף דעם געביט צו מאַכן נאָענט אונזער יוגנט צו דעם יידישן אַרבעטער. וואָסזשע האָבן אונזערע גענאָסן געטון פאַר די שולן? מען האָט די שולן באַטראַכט ווי אַ קאַפּריז פון יידישיסטן און זיך אָפּגעשאָקלט פון זיי"[120].

און ווי אַן ענטפער אויף אָט די טענות זיינען פון א. רובין געקומען אַזעלכע רייד: „מיר קאָנען אין קיין פאַל נישט צוציען אונזערע קינדער צום סאָציאַליזם, כל־זמן מיר ווילן מיט גוואַלט אַריינשלעפּן אין איישיאָקער סאָציאַליזם. נישט אונזער יוגנט פאַרלאָזט אונז, נאָר מיר פאַרלאָזן אונזער יוגנט: דורך וועלן אַליין בלייבן און אויך אונזערע קינדער אַריינשלעפּן אין סקאַרבאָווע יידישע ביכלעך, נישט די צייט און נישט די אומשטענדן זיינען איצט אַזעלכע, אַז מען זאָל קענען וואָס לערנען פון זיי. די שפּראַך פון אונזערע קינדער איז ענגליש"[121].

זומער 1924 האָבן פאַרשטייער פון פאַרבאַנד אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט אייניקע געוועזענע טוער פון דער בונדישער יוגנט־באַוועגונג אין פוילן. מ׳האָט אַרומגערעדט די פּראָבלעמען פון דער יידישער יוגנט און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן סאָציאַליסטישע יוגנט־קלובן, שאַפן כאָרן, דראַמאַטישע סעקציעס און פירן אַ סאָציאַליסטישע אויפקלערונג. ס׳איז געגרינדעט געוואָרן אַ יוגנט־קאָמיטעט ביים יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. דער יוגנט־קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די ברענטשעס וועגן אָרגאַניזירן די טעטיקייט צווישן דער יוגנט.

גלייכצייטיק האָט מען אויך אָנגעהויבן שענקען מער אויפמערקזאַמקייט דער אַרבעט צווישן פרויען. אין אַ ריי שטעט זיינען אַנטשטאַנען ספּעציעלע פרויען־אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס, וואָס זיינען געווען אַקטיוו אין די רייען פון אַרבעטער־רינג און אויך פון פאַרבאַנד.

אין 1924 און 1925 האָט דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד אַראָפּגעברענגט פון אייראָפּע און אָרגאַניזירט אַ טור פון צוויי אָנגעזעענע סאָציאַליסטישע שרייבער און רעדנער — דוד איינהאָרן און ר. אַבראַמאָוויטש. דער דיכטער דוד איינהאָרן האָט גערעדט אויף ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע טעמעס. ר. אַבראַמאָוויטש, ווי אַ סאָציאַליסטישער פירער פון רוסלאַנד, האָט גערעדט וועגן קאָמוניזם און וועגן דער לאַגע אין סאָוועט־רוסלאַנד. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט באַשלאָסן אים נישט צו לאָזן ריידן. זי האָט אָרגאַניזירט ספּעציעלע אָטריאַדן מיטן ציל צו מאַכן סקאַנדאַלן און די פּאָרלעזונגען אָראָפּרייסן. די קאָמוניסטישע פּרעסע האָט אַ פּלייץ געטון מיט די העסלעכסטע ליגנס און בלבולים. די פאַרזאַמלונגען זיינע טאַקע דורך מיט אַוואַנטורעס און סקאַנדאַלן, און אין טייל ערטער מיט ווילדע געשלעגן. דאָס האָט געצוואונגען דעם פאַרבאַנד צו אָרגאַניזירן אַ געהעריקע שוץ אויף די פאַרזאַמלונגען. אַ דאַנק דעם האָבן די פּאָרלעזונגען, צו וועלכע עס זיינען געקומען טויזנטער מענטשן, געקענט פאָרקומען. ר. אַבראַמאָוויטש האָט באַזוכט עטלעכע און צוואַנציק שטעט און געהאַלטן 65 רעדעס און פּאָרלעזונגען. זיין טור איז געווען פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק. בערך 25 טויזנט מענטשן זיינען אים געקומען הערן. דער טור איז געווען אַ מאָראַלישער און פינאַנציעלער דערפאָלג.

די אַרבעט פון פאַרבאַנד איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן און ס'איז בויטיק געוואָרן צו לייגן מער אַכט אויף די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונגען. אין 1924 איז אין ניו־יאָרק געגרינדעט געוואָרן אַ שטאָטישער קאָמיטעט פון פאָרשטייער פון די 12 בראַנטשעס. ס'איז אויך אָנגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלער אָרגאַניזאַטאָר — פ. דעמביצער. נאָך מיט אַ יאָר פריער האָט דאָס מיטל־וועסטערן־ביוראָ (שיקאַגאָ און אַרומיקע געגנט) אָנגעשטעלט אַלס אָרגאַניזאַטאָר ש. לעוויטאַס, וועלכער איז סוף 1924 געוואָרן נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַטאָר פון פאַרבאַנד. ס'זיינען דורכגעפירט געוואָרן עטלעכע טורן איבערן לאַנד. אין 1925 איז צוגעקומען נאָך אַ וויכטיקע אינסטיטוציע. די ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע האָט געקויפט אַ שטח לאַנד און געשאַפן דעם קעמפּ „גן־עדן". אין יענער צייט האָבן די קאָמוניסטן, אַדאַנק דער מיטהילף פון אַ גרופּע לערער, פאַרכאַפּט די ניו־יאָרקער שולן און דעם קעמפּ פון אַרבעטער־רינג. ביי די סאָציאַליסטן איז געווען אַ באַדערפעניש צו האָבן אַן אייגענעם ווינקל און דאָס האָט זיי באַוואויגן צו שאַפן אַ נייעם קעמפּ.

דער פאַרלאַג האָט אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע טעטיקייט און אַרויסגעגעבן ביכער און בראָשורן: „די אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע" — פון דזשיימס אָניעל (10,000 עקזעמפּלאָרן); עדוואָרד בערנשטיין: „דער עיקר פון מאַרקסיזם" (5,000 עקז.); „פון מאַרקס ביז לענין" — פון מאָריס הילקוויט (5,000 עקז.); לעוו דייטש: „אַ האַלבער יאָרהונדערט רוסישע רעוואָלוציע" (5,000 עקז.); ב. ווינשטיין: „40 יאָר אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג"; אַ געשיכטע פון דער ענגלישער אַרבעטער־פּאַרטיי — פון א. ראָזבערי; ווערא פיגנערס 3 בענדער מעמואַרן; געזאַמלטע לידער — פון י. אַדלער; „דער טעראָר קעגן סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד און גרוזיען"; ב. פיי־

געגנבוימס בראָשור — „זייט איר אַ סאָציאַליסט?", און אַנדערע. מ'האָט פאַר־קויפט ביכער אויך פון אַנדערע פאַרלאַגן.

אַ באַזונדערס גרויסע ראָל האָט געשפּילט דאָס וואָכנבלאַט „דער וועקער". מ'האָט דאָרטן געפונען אַ סך אינפאָרמאַציע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבע־טער־באַוועגונג און ס'זיינען באַלויכטן געוואָרן פאַרשידענע אַנגעווייטאָגטע פּראָגן פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. אין קאַמף קעגן דער קאָ־מוניסטישער השפעה און דעמאַגאָגיע איז „דער וועקער" געשטאַנען אין די פאָ־דערשטע רייען. ווען אין אַרבעטער־רינג האָט זיך צעפלאַקערט אַ ביטערער קאַמף, האָט „דער וועקער" געעפנט זיינע זייטן פאַר די ברענטשעס, וואו די מערהייט האָט נישט געוואָלט מיטמאַכן די קאָמוניסטישע שפּאַלטונגס־פּאָליטיק. די ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג האָבן אין „וועקער" פאַרעפנטלעכט זייערע באַריכטן און רעזאָלוציעס וועגן די מאַנעווורעס און שפּאַלטונגס־מאַכינאַציעס פון די קאָמוניסטן.

דער קאַמף, וואָס „דער וועקער" האָט געפירט מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, איז געווען אַ שאַרפער. די שפּראַך אָפטמאָל אַ נישט־איבערקלייבע־רישע. ס'איז אָבער כדאי צו פאַרצייכענען, אַז „דער וועקער" האָט געהאַט דעם מוט זיך מודה צו זיין, אַז מ'האָט זיך טיילמאָל פאַרגאַלאָפּירט, בעת די קאָמו־ניסטישע פּרעסע, וואָס זינדיקט שטאַרק מיט שפּראַך־אויסגעלאַסנקייט, האָט אַזאַ מוט נישט אַרויסגעוויזן: „'דער וועקער' — ווערט געזאָגט אין אַ לייט־אַרטיקל — האָט זיך געשטעלט פאַר זיין הויפּט־אויפגאַבע אָפּצושלאָגן די אַטאַ־קעס פון די לינקע. מען האָט געמוזט ענטפערן אויף די אַלע ליגנס און זלזולים, וואָס זיי האָבן פאַרשפּרייט וועגן די פירער און טוער פון דער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג. עס איז נישט געווען די שולד פון די אַרויסגעבער פון 'וועקער', וואָס דער קאַמף האָט אָנהויב געטראָגן מער אַ פּערזענלעכן, ווי אַ פּרינציפּיעלן כאַראַקטער"... „'דער וועקער' האָט אפשר נישט אַלע מאָל גענומען דעם ריכטיקן טאָן אין קאַמף קעגן די לינקע דעמאַגאָגן, אָבער אין צייט פון אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, ווען דער שונא האַלט אין איין שיטן אויף אייך מיט זיינע פאַרגיפטעטע קוילן, איז שווער צו פירן אַ פּאָלעמיק אין אַ רו־איקן טאָן".[122]

דער אָרגאַן פון פאַרבאַנד איז געדרוקט געוואָרן אין 5 טויזנט עקזעמפּלאַרן און געהאַט אַ גרויסן דעפיציט. אין 1925 האָט געהאַלטן דערביי, אַז די צייטונג זאָל דערדריקט ווערן אונטער דער שווערער לאַסט פון חוב. ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַן אַקציע צו שאַפן אַ פאָנד פון 10 טויזנט דאָלאַר, אָבער בלויז אַ טייל פון דער סומע איז דערגרייכט געוואָרן. אויף אַ זיצונג פון אָפיס־קאָמיטעט האָט דער סעקרעטאַר נ. כאַנין פאָרגעלייגט אָפּצושטעלן דעם „וועקער" אויף עטלעכע זומער־חדשים, כדי אַרויסצוקריכן פון די חובות. דער פאָרשלאַג איז נישט אָנגענומען געוואָרן. מאַכנדיק אַ סך־הכל פון דער דעבאַטע האָט דער פּאָרזיצער ס. ריפקין געזאָגט: „אָפטמאָל ווערט אומעטיק אויפן האַרצן. מען זעט, ווי אַזוי אונזערע יידישע יוניאָנס פירן זייער אַרבעט אויף אַ גאַנץ גרויסן שטייגער און טויזנט אָדער צוויי טויזנט דאָלאַר ביי אַ יידישער אינטערנעשאַנעל יוניאָן אָדער ביים אַרבעטער־רינג שפּילט קיין ראָל נישט. זיי ווילן דאָס אויסגעבן פאַר אַ באַנקעט אָדער פאַר אַן אַנדער לוקסוס. און דאָ, זייט ביי זייט מיט זיי,

געפינט זיך אַ פּריינטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרטיידיקט זייערע אינטערעסן און זי האַלט זיך אין איין מאַטערן און איר צייטונג איז אין געפאַר אונטערצוגיין צוליב אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר. דער אומגליק פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד ליגט אין דער זאַטקייט פון די איבעריקע טיילן פון דער באַוועגונג, פון וועלכע דער פאַרבאַנד איז אַ טייל"[123].

וואָס שייך די יוניאָנס, האָבן אַ טייל נישט געוואָלט הערן פון שטיצן דעם פאַרבאַנד, ווייל זיי האָבן אַליין קאָקעטירט — אָבער טאַקע נישט מער ווי קאָקעטירט — מיט סאָוועט־רוסלאַנד און קאָמוניזם. אַנדערע, וועלכע זיינען אַליין געשטאַנען אין ביטערן קאַמף מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און זיינען געווען צופרידן פון דער הילף מצד דעם פאַרבאַנד, האָבן אָבער נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר דער נויטיקייט אויפצובויען אין אַמעריקע אַ שטאַרקע יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. מיטן מאָמענט, ווען די קאָמוניסטישע געפאַר ביי זיך אין לאָקאַל אָדער דזשאָינט באָארד איז באַזייטיקט געוואָרן, האָבן פיל טרייד־יוניאָניסטישע טוער געטראַכט, אַז דער גורל פון פאַרבאַנד גייט זיי מער נישט אָן. דער שוואַרצער האָט זיינס געטאָן, ער קען גיין אָדער אויסגיין...

19. צוויי קאָנווענשאָנס

פראַגן פון דער באַוועגונג.—די דריטע קאָנווענשאָן.—די טעטיקייט פון פאַרבאַנד.—דער יונגער דור.—חלוקי־דעות וועגן די יידישע שולן.—באַציאונגען מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע.—„בונד“.—די פערטע קאָנווענשאָן. — דיסציפּלינלאָזיקייט. — מיטגלידער־וואוקס און פאַרברייטערטע טעטיקייט.—קריטישע לאַגע אין די יוניאָנס.—שלעכטע לאַגע פון די יידישע אַרבעטער.—באַשולדיקונגען קעגן יוניאָן־טוער.—מיינונגס־פאַרשיידנקייטן וועגן פּאַלעסטינע.—יידישע קאָלאָניזאַציע אין סאָוועט־רוסלאַנד.—פּאַרטיי־ראַט.

אין די טעג פון 2־4 מאַי 1924 איז אין פילאַדעלפיע אָפּגעהאַלטן געוואָרן די דריטע קאָנווענשאָן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. פאַר דעם זיינען אין די בראַנטשעס און אין „וועקער“ דעבאַטירט געוואָרן אייניקע פראַגן. וואָס האָט מען געוואָלט קלאָר מאַכן אָדער ענדערן?

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז שטענדיק געווען קעגן מאַכן וואַל־שותפותן מיט אַנדערע פּאַרטייען. אין יאָר 1924 איז מען אַראָפּ פון דעם אויסגעטראָטענעם וועג. איז דאָס געווען אַ וויכטיקע פראַגע צו באַטראַכטן.

מ׳האָט גערעדט און געשריבן וועגן אויסברייטערן און פאַרטיפן די קולטור־אַרבעט. דערביי איז אויפגעדעקט געוואָרן דער גייסטיקער דלות, וואָס הערשט צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן. מאַנכע זיינען נישט געווען צופרידן מיט דער שטעלונג פון פאַרבאַנד צו די אַמעריקאַנער יוניאָנס און פאַרלאַנגט אַ מער פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר.

איבער דעם אַלעם האָט דאָמינירט די פראַגע: ווי אַזוי באַלעבט מען די יידישע אַרבעטערשאַפט, ווי אַזוי שלאָגט מען זי אַרויס פון דער גלייכגילטיקייט צום געזעלשאַפטלעכן לעבן און מען אַקטיוויזירט זי אין און אַרום דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג?

די רעדאַקציע פון „וועקער“ האָט אַזוי כאַראַקטעריזירט די נאָענטע אויפגאַבן: „דער פאַרבאַנד האָט זיך אַנטוויקלט אין אַן אויסגעהאַלטענע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקאַנער יידישן פּראָלעטאַריאַט“... דער פאַרבאַנד „פאַרנעמט דאָ דעם זעלבן פּלאַץ, וואָס דער ׳בונד׳ האָט פאַר דער מלחמה פאַרנומען אין דעם אַמאָליקן רוסלאַנד“... „די טאַקטיק פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אין אַמעריקע קאָן נישט זיין די זעלבע, ווי די טאַקטיק פון ׳בונד׳ אין רוסלאַנד, אָבער אונזער אַלגעמיינע וועלט־אַנשויאונג, אונזערע פּרינציפּן און אידעאַלן זיינען די זעלבע, ווי פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן ׳בונד׳“... „אויב מע רעדט פון איינפלוס, האָט דער פאַרבאַנד איצט אַ פיל גרעסערן איינפלוס אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, ווי די פעדעראַציע האָט געהאַט אַפילו אין אירע בליענדסטע יאָרן“... „די הויפּט־אויפגאַבע, וואָס שטייט איצט פאַר אונז, איז אָרגאַניזאַציאָנעל צו פאַרשטאַרקן דעם פאַרבאַנד, אַריינציען אין אונזערע רייען די טויזנטער סימפּאַטיקער, וואָס שטייען

דערוויל פון דער ווייטנס. בכלל דאַרף מען צוציען צו אונזער באַוועגונג די יוגנט, סיי די הי־געבוירענע, סיי די נישט־לאַנג אַריבערגעקומענע פון רוסלאַנד, פון פּוילן און פון די אַנדערע לענדער"[124].

צו דער דריטער קאַנווענשאַן זיינען געקומען 113 דעלעגאַטן, ווי אויך פאַר־טרעטער פון אַרבעטער־רינג, יוניאַנס און אַנדערע קרובישע אָרגאַניזאַציעס. באַגריסונגס־רעדעס האָבן געהאַלטן: י. באַסקין — אין נאָמען פון אַרבעטער־רינג, מאַקס פּיין — פון די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, מאָריס זיגמאַן — פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאַן, א. י. שיפּליאַקאָף, י. פיינבערג — מענעדזשער פון ניו־יאָרקער קלאָוקמאַכער, ב. וולאַדעק, אָסיפּ וואָלינסקי — פון אינטערנעשאַנעל פּאָקעט בוק וואָרקערס יוניאַן, מאָריס קאופמאַן — פּרעזידענט פון אינטערנעשאַנעל פאַריערס־יוניאַן, אַב. קאַהאַן, ב. מיכאַלעוויטש — אין נאָמען פון „בונד" אין פּוילן.

מאַקס פּיין האָט געזאָגט, אַז דער פאַרבאַנד „איז געווען איינער פון די שטאַרקע אָרעמס, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג און זי געראַטעוועט פון כאַאָס און רואין". מאָריס זיגמאַן האָט דערקלערט, אַז „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון אַמעריקע געפינט אין פאַרבאַנד איר פּאָליטישן אויסדרוק". י. פיינבערג האָט פעסטגעשטעלט, אַז אַ דאַנק דער אויפ־קלערונג פון פאַרבאַנד האָט אונזער עולם שנעל זיך אויסגעניכטערט פון די פאַלשע טעאָריעס. אַב. קאַהאַן האָט אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז אין אַמעריקע דאַרף די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זיך שטיצן נישט בלויז אויף אַרבעטער, נאָר אויך אויף פאַרמער און מיטל־קלאַס. די גרויסע מאַסן יידישע פּראָלעטאַריער אין אַמעריקע זיינען בלויז ציטווייליק אַריין אין די פּראָלעטאַרישע רייען. דער יידישער אַרבעטער שטרעבט אַלע מאָל אַרויסצוגיין פון דעם פּראָלעטאַריער־קלאַס.

ב. מיכאַלעוויטש, וועלכער איז אַלס פאָרזיצער פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן געקומען אַהער אין די אינטערעסן פון די יידישע וועלטלעכע פאָלקס־שולן, האָט אין אַ לענגערער באַגריסונגס־רעדע געפּרוווט קלאָר מאַכן אייניקע גרונט־פראַגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל און פון דער יידישער בפרט. ער האָט געזאָגט: דער מאַרקסיזם איז מער־סטנס פּראַקטיצירט געוואָרן אין אייראָפּע. אין אַמעריקע זיינען די מעטאָדן פון מאַרקסיזם נישט באַגרייפלעך פאַר די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. די אַרבעט איז אַ שווערע, אַ קאָמפּליצירטע, אָבער אָן דער מאַרקסיסטישער טעאָריע וועט די גאַנצע סאָציאַליסטישע אַרבעט קיין זינען נישט האָבן. וואָס שייך דער יידישער אַרבעט, האָט נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע בלויז צוליב ריין־טעכנישע צוועקן. ס'וועט נישט זיין קיין טיפער סטימול פאַר איר אַרבעט. אַן אָרגאַניזאַציע מוז האָבן פיל טיפערע סיבות, ווי ריין אָר־גאַניזאַציאָנעלע אויפגאַבן, זי מוז זיך באַזירן אויף אַ וועלט־אַנשויאונג. אַ יידישע אָרגאַניזאַציע מוז האָבן אַן אייגענעם בליק אויפן יידישן לעבן. דאָס איז דאָ זייער שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. מיר זעען, למשל, אַזאַ פאַקט, אַז מאַנכע פון די היגע סאָציאַליסטן־קאָסמאָפּאָליטן זיינען אין יידישע פראַגן נאַציאָנאַליסטן, אַפילו שאָוויניסטן, ווייל די יידישע פראַגע איז ביי זיי נישט קיין אָרגאַנישער טייל פון זייער סאָציאַליסטישער אַנשויאונג. אויך אין דער

פראַגע פון באַקעמפן דעם קלעריקאַליזם האָט מען דאָ נישט קיין געהעריקע שטעלונג.

דעם טעטיקייטס־באַריכט האָבן אָפּגעגעבן דער סעקרעטאַר נ. כאַנין און דער פאָרזיצער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט ה. בערגער.

אין זיין באַריכט האָט כאַנין געשילדערט די שוועריקייטן פון פאַרגרעסערן די מיטגלידערשאַפט פון פאַרבאַנד. נישט געקוקט אויף דעם זיינען דאָך צוגעקומען מיטגלידער און זייער אַלגעמיינע צאָל באַטרעפט 2,000. די צאָל ברענטשעס איז געשטיגן ביז 50. צווישן די נייע ברענטשעס זיינען 2 אין קאַנאַדע — אין מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ. ס׳זיינען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן 4 דיסטריקט־ביוראָס. פאַרן באַריכט־פעריאָד זיינען דורכגעפירט געוואָרן 3 טורס: פון בן־ציון מיימאָן, י. פענקין און א. גאַלאַצקי. די 3 טורן האָבן געדעקט כמעט דאָס גאַנצע לאַנד, וואו ס׳איז נאָר פאַראַן אַ יידישע באַפעלקערונג. אַחוץ דעם זיינען געווען באַזוכן אין פיל שטעט אַרום ניו־יאָרק. דער פאַרבאַנד איז דורך זיינע פאָרשטייער געווען פאָרטראָטן אויף אייניקע פּאָליטישע קאָנפערענצן אין שייכות מיט די באַוועגונגען צו שאַפן אַ דריטע פּאַרטיי און פאַראייניקן די פּראָגרעסיווע כוחות פון לאַנד.

די הכנסה פון פאַרבאַנד איז פאַר די פאַרגאַנגענע 18 חדשים געווען איבער 66 טויזנט דאָלאַר און די הוצאות — איבער 62 טויזנט.

דער באַריכט־אָפּגעבער האָט אויך געשילדערט די אַטמאָספער אויף דער יידישער גאַס און די באַדינגונגען, ביי וועלכע דעם פאַרבאַנד איז אויסגעקומען צו אַרבעטן. דערביי האָט ער אויך אָנגעוויזן, אַז פון ערשטן מאָמענט אָן האָט די אָרגאַניזאַציע פאַרנומען אַ קעגנערישע שטעלונג צום סאָוועטישן רעזשים, זי האָט אָבער אין דער ערשטער צייט געמוזט זיין גענוג פאָרזיכטיק אין אַרויס־ברענגען איר שטעלונג. פאַר די לעצטע אַנדערטהאַלבן יאָר איז די דאָזיקע קעגנערשאַפט געוואָרן מער פעסטער און בולטער. ס׳איז געפירט געוואָרן אַן ענערגישע קאַמפּאַניע לטובת די אַרעסטירטע סאָציאַליסטן אין סאָוועט־רוסלאַנד — ס׳איז געווען אַן אַקציע פון פּראָטעסט און געלט־זאַמלונג.

אין באַריכט פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט דער פאָרזיצער ה. בערגער קודם זיך אָפּגעשטעלט אויף די באַציאונגען צווישן פאַרבאַנד און די יוניאָנס. דער שטאַנדפּונקט פון פאַרבאַנד איז געווען, אַז אין עקאָנאָמישע פראַגן דאַרף די פּאַרטיי זיך נישט מישן. די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס האָבן אַן אויפגאַבע צו פירן אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די מיטגלידער. ווען די יוניאָנס זיינען געשטאַנען אין אַ שווערן קאַמף מיט די קאָמוניסטן, האָט דער פאַרבאַנד תמיד געאיילט צו הילף, וואו דאָס איז געווען נויטיק. די מיטגלידער פון פאַרבאַנד זיינען אין די יוניאָנס דער שטאַרקסטער און געטרייסטער כוח קעגן די קאָמוניסטן. „אין משך פון דריטהאַלבן יאָר האָט דער פאַרבאַנד אַנט־וויקלט און דערצויגן גענוג טרייע סאָציאַליסטן צווישן די מיטגלידער פון די פאַריערס, קלאָוקמאַכער, אַמאַלגאַמייטעד, קאַפּ־מייקערס, פענסי לעדער גודס, מילינערי און אַלע אַנדערע וויכטיקע יוניאָנס, אַז זיי זאָלן קאָנען געבן דעם נויטיקן ווידערשטאַנד אַלע אַוואַנטוריסטן, און פון אַ סך פּלעצער זיי אין גאַנצן פאַרטרייבן״. ענלעכעס געשעט אין אַרבעטער־רינג.

נישט געקוקט אויף דעם — האָט געזאָגט בערגער — וואָס די מיטגלידער

פון פאַרבאַנד זעען אַ ריי פעלערן אין „פאָרווערטס“, זיינען זיי דאָך זיינע וואַרימסטע אָנהענגער. דער פאַרבאַנד האָט זיך אין גאַנצן לאַנד אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַרבעט לטובת דער הילף־אָרגאַניזאַציע „פּיפּלס־רעליעף־אָרט“. אַזוי ווי די אָרגאַניזאַציע איז שוין ליקווידירט געוואָרן, וועט דער פאַרבאַנד שטיצן די נייע קערפּערשאַפטן, וואָס ווערן געשאַפן פאַר די זעלבע הילף־צוועקן אויף יענער זייט ים. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט פּראָקלאַמירט אַ קאַמפּאַניע צו שאַפן 10 טויזנט דאָלאַר צו העלפן די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין סאָוועט־רוסלאַנד. אַ העלפט פון דער סומע איז שוין געשאַפן.

צוויי מאָל איז אויסגעקומען זיך צו באַשעפטיקן מיט דער פּאַלעסטינע־פראַגע: וועגן שיקן אַ דעלעגאַציע און וועגן אַן אַקציע צו שאַפן 150 טויזנט דאָלאַר. ביידע מאָל האָט דער פאַרבאַנד פאַרנומען אַ נעגאַטיווע שטעלונג, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז די יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע דאַרפן נישט אַוועקגעשטעלט ווערן אין אַ מער פּריווילעגירטער לאַגע, ווי די יידישע אַרבעטער אין אַלע אַנדערע לענדער. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט דעריבער פאָרגעשלאָגן, אַז די יידישע אַרבעטער פון פּאַלעסטינע זאָלן פון די אַלגעמיינע זאַמלונגען באַקומען אַן אַנטשפּרעכנדן חלק, אָבער די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער באַזונדערער אַקציע האָבן דעם פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן.

דער פאַרבאַנד האָט באַקעמפּט די קאָמוניסטישע מאַנעווערס פון אַ כלומרשטן „פאַראייניקטן פראָנט“.

דער באַריכט־אָפּגעבער האָט אויך דערציילט, אַז מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק האָט כאַנין זיך אָפּגעזאָגט קאַטעגאָריש צו זיין ווייטער סעקרעטאַר. די סיבה איז געווען די שלעכטע באַציאונג פון סאָציאַליסטישן אַרום צו דער טעטיקייט פון פאַרבאַנד. ס׳זיינען געווען פיל, וואָס זייער אָרט וואָלט געדאַרפט זיין אין פאַרבאַנד, אָבער זיי זיינען גאָר געשטאַנען אין אַ זייט און געקוקט אויף דער אַרבעט, ווי „קאַלטע גזלנים“. נישט די הייסע שנאה פון די פּאָליטישע קעגנער האָט דעם סעקרעטאַר געשטויסן אַוועקצוגיין, נאָר די קאַלטע גלייכגילטיקייט פון די פריינט. די גרופּע אַקטיווע פאַרבאַנד־טוער האָט געפּועלט ביי כאַנינען צו בלייבן ביי זיין אַמט.

די אָנפירונג פון פאַרבאַנד דאַרף זיך שטעלן די אויפגאַבע: 1) ווירקן, אַז דער טיפּ סאָציאַליסטן, וואָס שטייט מחוץ דער פּאַרטיי זאָל פאַרשווינדן; 2) ניט שפּאָרן קיין קרעפטן אויף צוציען די יוגנט; 3) די ברענטשעס זאָלן שאַפן פינאַנציעלע מעגלעכקייטן אויף אָנצוגיין מיט דער אַרבעט; 4) מען דאַרף אַלץ טון, כדי צוציען צו דער אַרבעט פון פאַרבאַנד מער און באַדייטענדערע אינטעלעקטועלע קרעפטן.

אין דער דעבאַטע האָט דער דעלעגאַט מ. ווײַנטרויב פון קליוולאַנד פאָרגעוואָרפן פאַרוואָס דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט טאָלערירט, וואָס אייניקע זיינע מיטגלידער, ווי אויך אייניקע אַנדערע טוער פון פאַרבאַנד האָבן אין דער פראַגע פון פּאַלעסטינע־דרייוו געבראָכן די דיסציפּלין פון דער אָרגאַניזאַציע (די דריי מיטגלידער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט זיינען געווען: אַלעקסאַנדער קאַהן, ה. לאַנג און ב. באָטווינניק).

נ. כאַנין האָט קלאָר געמאַכט די שטעלונג פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. ער האָט דערקלערט: מיר האָבן די יידישע אַרבעטער אין פּאַלעס־

טינע געגעבן די זעלבע הילף, ווי די יידישע אַרבעטער פון אַנדערע לענדער. מיר האָבן זיי אַפילו געגעבן מער, ווי זיי זיינען געווען באַרעכטיקט לויט זייער פּראָפּאָרץ. מיר האָבן נישט קיין רעכט צו געבן אַן איבערגעטריבן הויכע הילף פאַר איין טייל און דורך דעם קריוודען די איבעריקע טיילן, וואָס נויטיקן זיך שטאַרק אין דער הילף. לויט דער צאָל אַרבעטער אין פּאַלעסטינע, זיינען זיי נישט באַרעכטיקט צו אַ דרייוו פון 150 טויזנט דאָלאַר און צו קיין ספּעציעלן דרייוו. די יידישע אַרבעטער פון אַלע לענדער געפינען זיך אין גרויסער נויט. וואָס שייך דער פראַגע פון דיסציפּלין־ברוך, האָט כאַנין דערקלערט, אַז דאָס איז נישט געווען קיין פּרינציפּיעלע, נאָר אַ טאַקטישע פראַגע. מחמת דעם האָט מען זיך געקעגנט פאַרגינען דעם לוקסוס נישט צו רופן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט די גענאָסן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דרייוו. מ׳האָט נישט געוואָלט אָנווענדן די כללים פון דיסציפּלין, ווייל דאָס וואָלט געווען צום שאָדן פון דער אָרגאַניזאַציע.

ב. וולאַדעק האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער באַוועגונג פאַר אַ לייבאָר־פּאַרטיי אין אַמעריקע. צווישן אַנדערן האָט ער געזאָגט: איך פּערזענלעך גלויב נישט, אַז אַן אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי אין אַמעריקע וועט זיין אַ זאַך פון דער באַלדיקער צוקונפט. אַפילו ווען זי וועט קומען, וועט זי זיין אַנדערש פון דער ענגלישער אַרבעטער־פּאַרטיי. עס וועלן דאַרפן אַוועק יאָרן און יאָרן ביז זי וועט האָבן אַ קלאָרע פּאָליטיק און אַ שטעלונג, וואָס זאָל אונז געפעלן. ווען אַזאַ אַרבעטער־פּאַרטיי וועט געשאַפן ווערן, וועט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זיין אין איר די וויכטיקסטע קראַפט.

די קאַנווענשאַן האָט וועגן דער פראַגע אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס סאָלידאַריזירט זיך מיט די באַמיאונגען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „פאַר דער דערנענטערונג פון דעם מאָמענט, ווען עס וועט מעגלעך ווערן צו גרינדן אַ פולשטענדיקע לייבאָר־פּאַרטיי, קלאַסן־באַוואוסטזיניק אין כאַראַקטער, וואָס זאָל האָבן די פולע באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס אַלס איר ענד־ציל״. די רעזאָלוציע האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט פאַר געמיינזאַמע פּראָגרעסיווע קאַנדידאַטן ביי די נאַנטע וואַלן (די לאַפּאָלעט־באַוועגונג). דערביי דאַרף אָבער די ס. פּ. בלייבן ביי איר זעלבשטענדיקייט נישט בלויז אַלס אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פאַר סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, נאָר אויך אַלס זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי מיט אַ פּלאַטפאָרם און אויך באַזונדערע קאַנדידאַטן אין די ערטער, וואו עס וועט נויטיק זיין.

דער רעדאַקטאָר פון „וועקער״ ד. שוב, וועלכער איז צוזאַמען מיטן רעדאַקציע־קאָלעגיע (ה. לאַנג, מ. כינאָי און ב. באַטוויניק) געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ריכטונג און אויסזען פון פאַרבאַנד־אָרגאַן, האָט אַרומגערעדט די פּראָבלעמען פון דער ציטונג.

אַ לעבהאַפטע דעבאַטע האָט אַרויסגערופן ב. באַטוויניקס רעפעראַט וועגן דער יוגנט. אין זיין רעפעראַט האָט באַטוויניק אויפגעדעקט דעם תהום צווישן די צוויי דורות אין אַזעלכע ווערטער: „מיר זיינען ווייט פון אונזער יוגנט, פון אונזערע קינדער, און זיי זיינען ווייט פון אונז. מיר זיינען נישט בלויז ווייט איינע פון די אַנדערע. ביי אונזערע אַמעריקאַנישע קינדער איז פאַראַן אַ געוויסע פאַראַכטונג און בעיקר אַ פיינטלעכע און ביליקע באַציאונג צו דעם

אַרבעטער־קלאַס, פון וועלכן זיי קומען אַרויס״... „יידיש איז דער צעמענט, מיט וועלכן עס ווערט צוזאַמענגעהאַלטן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. ווי אַזוי־זשע קענען מיר דערוואַרטן, אַז אונזער יוגנט זאָל געריררט ווערן פון די ליידן פון די יידישע אַרבעטער, ווען זי פאַרשטייט נישט די שפּראַך, אין וועלכער די אַרבעטער רופן נאָך הילף צו זייערע געבילדעטע קינדער״... „ביי די קינ־דער, וואָס ווערן געבוירן אין אַמעריקע, אַנטוויקלט זיך אַ טיפע שנאה, אַ ציני־שע באַציאונג צו די עלטערן, צו די אַרבעטער און צו די יידישע סאָציאַליסטן און צו זייער שפּראַך״... „פאַלט אַריין אַ יידיש קינד אין דער ׳היברו־סקול׳, באַשפּריצט מען אים מיט דעם מוטנעם מקווה־וואַסער, און מען פלאַנצט אין דאָרטן אין אים אַ פאַראַכטונג צו יידיש״... „אַ פערטל יאָרהונדערט האָבן מיר פאַרנאַכלעסיקט די דערציאונג פון אונזערע קינדער״... די רעפּובליקאַנער לאָזן איבער יורשים. טעמעני — אויך אַזוי. „ווען אונזער סאָציאַליסטישער דור אין אַמעריקע ווערט אַלט, לאָזן מיר קיינעם נישט איבער נאָך אונז״... די יאַנג פּיפּלס סאָשעליסט ליג (איפּסל) „איז געגרינדעט געוואָרן אין 1906. זי איז געוואָרן גרויס אין דער צייט פון דער מלחמה, ווייל יינגעלייט האָבן גע־מיינט, אַז די סאָציאַליסטישע רעליגיע וועט זיי אויסהיטן פון מלחמה, און זיי וועלן נישט דאַרפן זיין קיין סאָלדאַטן״... „דאָס אינטערעסאַנטסטע איז — און דאָס איז די גרעסטע אָנקלאַגע קעגן אונז, גענאָסן — אַז די, וואָס האָבן געהערט צו דער יאַנג פּיפּלס סאָשעליסט ליג, זיינען כמעט אַלע קינדער נישט פון קיין סאָציאַליסטישע עלטערן. דאָס ווייזט, אַז אונזערע סאָציאַליסטן האָבן זיך גאָרנישט געקימערט וועגן דער גייסטיקער דערציאונג פון זייערע קינדער״... „ווען מיר וועלן דערציען אַן אידעאַליסטישע סאָציאַליסטישע יוגנט, וועלן מיר האָבן ווייניקער גענגסטער־באַנדעס אין די אָרימע אַרבעטער־קוואַרטאַלן. די ׳איפּסלס׳ באַשטייען מערסטנטייל פון איינגעוואַנדערטע און קינדער פון אָר־טאָדאָקסישע עלטערן״ [125].

אין דער שאַרפער דעבאַטע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט, זיינען מאַנכע דעלעגאַטן אַרויסגעטרעטן קעגן דעם אָנטייל אין דער אַרבעט פון די אַרבעטער־רינג־שולן. אין דער פראַגע האָט מען צו קיין הסכם נישט געקענט קומען, די רעזאָלוציע וועגן דער יוגנט איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן. דער ערשטער טייל, וואָס רעדט וועגן דער יידישער שפּראַך און יידישע שולן איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ קליינער מערהייט — מיט 33 שטימען קעגן 28; דאַקעגן דער צווייטער טייל וועגן די „איפּסלס״ איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק.

אין ערשטן טייל זאָגט די רעזאָלוציע: „אַנערקענענדיק, אַז די שפּראַך פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן איז יידיש און אַז די יידישע אַמעריקאַנער יוגנט קען נישט זיין צוגעבונדן מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט צו די יידישע אַר־בעטער־מאַסן, ווען זי קען נישט די שפּראַך פון די מאַסן, נעמען מיר אָן די שולן פון אַרבעטער־רינג אַלס דעם מיטל צוזאַמענצובינדן די אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטער־יוגנט מיט איר קלאַס. מיר אינדאָרסירן די אַרבעטער־רינג־שולן און פאָדערן אויף אונזערע גענאָסן אין לאַנד, ווי אויך די ברענטשעס פון פאַרבאַנד צו העלפן די שולן מאָראַליש און פינאַנציעל. דערביי מאַכן מיר נישט קיין אָפּגאָט פון דער שפּראַך. די גענאָסן און ברענטשעס זאָלן העלפן מאָראַליש

און פינאַנציעל אויך די סאָציאַליסטישע זונטאָג־שולן, אין וועלכע עס ווערט געלערנט אין דער ענגלישער שפּראַך".

דער צווייטער טייל פון דער רעזאָלוציע איז פון אַזאַ אינהאַלט: „מיר אַנערקענען די יאַנג פּיפּלס סאָשעליסט ליג אַלס די סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס גרייט־צו די יוגנט פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. דעריבער מוזן מיר נעמען אָן ענגער זיך פאַרבינדן מיט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע און אויך העלפן איר. נישט מאַכנדיק פון דער שפּראַך קיין אָפּגאָט, דאַרפן מיר אויך גרינדן יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין יידיש." עס ווערט אויך אָנגעוויזן אין וואָס עס דאַרף באַשטיין די טעטיקייט פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס „אונטער דער אויפזיכט פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד".

אַלס פאַרשטייער פון „אַרט" האָט ד"ר א. סינגאַלאָווסקי געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן „סאָציאַליזם און אַרבעט".

אַלעקסאַנדער קאַהן האָט רעפערירט ווי עס זאָל זיין די שטעלונג פון פאַרבאַנד צו די אַנדערע פּאָליטישע גרופּירונגען אויף דער יידישער גאַס. דער גרונט־געדאַנק פון זיין רעפעראַט איז געווען, אַז מען קאָן נישט צוגיין צו דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג און צו דער יידישער ווירקלעכקייט אין אַמעריקע מיט דער אַמאָליקער מאָס. די אַמאָליקע קעגנערישע שטעלונג צו דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג האָט מען אין די סאָציאַליסטישע רייען רעווידירט, מען מוז אויך מאַכן אַ רעוויזיע בנוגע יידישע ענינים. איך בין נישט קיין ציוניסט, האָט אַלעקסאַנדער קאַהן געזאָגט, אָבער איך גלויב, אַז אין אַמעריקע איז פאַראַן אַ יידיש פּראָבלעם. איך קוק נישט אויף פּאַלעסטינע ווי אויף אַ יידיש היימלאַנד, אָבער מיר טאָרן נישט פאַרמאַכן די אויגן אויפן פאַקט, אַז פּאַלעסטינע קען ווערן אַ צענטער פון יידישער אימיגראַציע. ווען עס וואָלט מעגלעך געווען אַ יידישע אימיגראַציע קיין אויסטראַליע אָדער אַפריקע, וואָלטן מיר געדאַרפט זיין פאַר דעם. דאָס איז אָבער נישט מעגלעך. דעריבער טאָרן מיר נישט אָוועקמאַכן די פּאַלעסטינע־פראַגע.

די דריטע קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ ריי רעזאָלוציעס. דער באַריכט־אָפּגעבער פון דער רעזאָלוציע־קאָמיסיע — ה. לאַנג — האָט געהאַלטן פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז ס'איז אַבסאָלוט נישט ריכטיק די אָפּשאַצונג פון פיל געגנאָסן און פריינט, אַז דער פאַרבאַנד איז בלויז אַן אַפּאַראַט צו באַקעמפן די יידישע קאָמוניסטישע באַוועגונג.

באַשלוסן זיינען אָנגענומען געוואָרן וועגן דער פּראָפּאַגאַנדע פון פאַרבאַנד, וועגן אַריינציען פרויען אין דער אָרגאַניזאַציע, וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, העלפן דעם „אַרט" און שטיצן אַנדערע הילף־אַקציעס. די קאָנווענשאָן האָט אויך אָנגענומען אַ באַגריסונג פאַר די אַרעסטירטע סאָציאַליסטן אין סאָוועט־רוסלאַנד און באַשלאָסן, אַז די ברענטשעס זאָלן אָרגאַניזירן אַ פּראָטעסט־באַוועגונג און פאָדערן פון סאָוועטישן רעזשים אָפּצושטעלן די רדיפות. די דעלעגאַטן האָבן באַשלאָסן צו אַקצעפּטירן די פּאָליטישע ליניע פון „וועקער".

אין דעם נייעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט זיינען געוויילט געוואָרן: סאָול ריפּקין, אַדאָלף העלד, ב. פיינערמאַן, ר. גוסקין, י. ישורין, אַלעקסאַנדער קאַהן, מ. גאָפּט, י. ראָבערטס, ב. באַטוויניק, ה. לאַנג, ס. פּ. קרעמער, מ. כינאָי, ה. בערגער, ס. וועקסלער, א .י. שיפּליאַקאָף, גינזבורג, שטיינמאַן און היינס, ווי

אויך צו איינציקע פּאַרשטייער פון ניו־ענגלאַנד, פּענסילוועניא און ניו־דזשוירזי. דער נייער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט זיך קאָנסטיטואירט מיט ה. בערגער אַלס פּאָרזיצער, נ. כאַנין — סעקרעטאַר און אַלעקסאַנדער קאַהן — קאַסיר. דער רעדאַקטאָר און די רעדאַקציע־קאָלעגיע פון „וועקער" זיינען געבליבן דיזעלבע.

די קאָנווענשאָן האָט אויך אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דער באַציאונג פון פאַרבאַנד צו דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַנדערע לענדער. אויף אַ זיצונג פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, דעם 12טן יאַנואַר 1924, האָט א. העלד אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אייראָפּע. ער האָט פאָרגעשלאָגן צו שטעלן זיך אין אַ נענטערער פאַרבינדונג מיט דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויף יענער זייט ים און האָבן אויפן אויג אַן אַלוועלטלעכן יידיש־סאָציאַליסטישן צוזאַמענפאָר. וועגן דעם ענין האָט די דריטע קאָנווענשאָן באַשלאָסן: „דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־'בונד' פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד, וואָס האָט פאַר דעם וועלט־קריג געשפּילט די ראָל פון פאַקטישן אידייאיש־פּאָליטישן צענטער אויך פון די יידישע סאָציאַ־ליסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען מיט אים אָרגאַניזאַציאָנעל נישט געווען פאַרבונדן, איז איצט צעטיילט אויף פאַרשידענע טעריטאָריעלע פּאַרטייען. פון צייט צו צייט שווימען אויף פּראַקטישע פראַגן, וואָס נויטיקן זיך אין אַן אויס־טויש פון מיינונגען פון די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. באַשליסט דעריבער די דריטע קאָנווענשאָן צו אינסטרואירן דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט די יידישע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס פון די לענדער, וואו אַזעלכע זיינען דאָ, כדי צו זיין אינפאָרמירט וועגן מצב פון די יידישע מאַסן און די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין יענע לענדער."

ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן האָט דער פאַרבאַנד זיך באַמיט קלאָר צו מאַכן זיין פּאָזיציע לגבי דעם „בונד". ב. וולאַדעק האָט אַזוי פאָרמולירט דעם שייכות צווישן די צוויי שטראָמען פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויףביידע זייטן אָקעאַן: „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון אַמעריקע איז געבויט געוואָרן מיט די ציגל, וואָס דער 'בונד' האָט געטריקנט אין די קאַלך־אויוונס פון רוסישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. אין דער פּראָזאַאישער אַטמאָספער פון אַמעריקע איז פיל פון דער וואַרימקייט פאַרלוירן געוואָרן. ס'איז אָבער נישט געשאַפן געוואָרן קיין נייע גרופּע, קיין נייער געדאַנק, וואָס קען זיך באַרימען, אַז זי האָט בייגעטראָגן פונקט אַזוי פיל צו דעם בנין פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון אַמעריקע, ווי דער 'בונד'. און אויב אונזער באַוועגונג וועט גיין צוריק אַנשטאָט צו גיין פאָראויס, וועט עס זיין, אין אַ גרויסער מאָס, דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס פאַר די לעצטע 8־10 יאָר זיינען מיר געווען אָפּגעשניטן פון דעם לעבעדיקן שטראָם פון דער 'בונד'־עמיגראַציע קיין אַמעריקע."... „איך פיל, ווי טויזנטער אַנדערע חברים פילן מיט מיר, אַז די אמתע רייכטימער האָבן מיר געצויגן דאַן, ווען מיר האָבן געהאָלפן דעם וואוקס פון אונזער 'בונד'. און כאָטש אונזערע קליידער זיינען געווען ווי שמאַטעס, אונזערע שיך פאַרשטויבט און אונזער קערפּער נישט צופרידנשטעלנדיק, האָבן דאָך טויזנטער פאָנען גע־פלאַטערט אין אונזערע הערצער און אונזערע אויגן האָבן געזען ווייטער און טיפער, ווי זיי האָבן ווען נישט איז געזען."[126]

ביי אַ ריי טוער פון פאַרבאַנד איז אָבער געווען אַן אומצופרידנקייט מיטן „בונד" אין פוילן, וואָס איז געווען דער יורש און המשך פון פאַרמלחמהדיקן „בונד" אין דער רוסלענדער אימפּעריע. די סיבה איז געווען די לינקייט פון „בונד" אין פוילן. אין „וועקער" זיינען אַפילו געווען קעגן „בונד" אייניקע שאַרפע אַרויסטריטן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט און דערווידערונג ביי פיל מיטגלידער פון פאַרבאַנד. זיי האָבן אָנגעוויזן אויף דער גרויסער פּאָזיטיווער ראָל פון „בונד" אין יידישן לעבן און אַז דער פאַרבאַנד קען נאָך פון אים פיל לערנען.

איינע פון די טענות, וואָס מ'האָט אַרויסגערוקט קעגן „בונד", איז געווען פאַרוואָס בונדיסטן און בונדיש־באַווירקטע יידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, טרעטן נישט אַריין אין פאַרבאַנד. וועגן דעם האָט געשריבן די רעדאַקציע פון „וועקער": „אין די לעצטע פּאָר יאָר זיינען פון רוסלאַנד, פוילן, ליטע און אַנדערע לענדער פון אייראָפּע אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע עטלעכע טויזנט יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען געווען טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג פון זייערע לענדער. אַ גרויסער טייל פון די ניי־אַריבערגעקומענע זיינען אין זייער אַלטער היים יאָרן לאַנג געשטאַנען אונטער דער פאָן פון 'בונד'"... „זיי, אַט די ניי־אַריבער־געקומענע אינטעליגענטע אַרבעטער, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען די שול פון 'בונד', קענען זיך נאָך אַלץ נישט צופּאַסן צו די היגע אומשטענדן. זיי קוקן אויף דער היגער באַוועגונג מיט די אויגן פון פרעמדע, וואָס זעען נאָר די חסרונות פון אונזער באַוועגונג, אָבער פאַרקוקן אין גאַנצן אירע גרויסע מעלות. מיר פאַרשטייען די דאָזיקע געגנאָסן: די אַמעריקאַנער באַוועגונג קוקט זיי אויס צו זיין צו פּראָזאַאיש אין פאַרגלייך מיט דער באַוועגונג אין אייראָפּע"... דער אויספיר: הגם מ'איז נישט מיט אַלץ מסכים, דאַרף מען דאָך אַריינטרעטן אין פאַרבאַנד, וואו עס הערשט מיינונגס־פרייהייט און ס'איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו באַווירקן די אָרגאַניזאַציע פון אינעווייניק.[127] און אַ טייל פון די אַריבער־געקומענע בונדיסטן זיינען טאַקע אַריין אין פאַרבאַנד, כאָטש געוויסע שטריכן פון פּאָליטישן פּנים איז זיי נישט געווען צום האַרצן און זיי זיינען נישט געווען צוגעוואוינט צו מאַנכע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּירונגען פון פאַרבאַנד.

אין די טעג פון 30 דעצעמבער 1925—3 יאַנואַר 1926 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען די פערטע קאָנווענשאָן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. איינע פון די אָנגעווייטיקסטע פראַגן אין יענעם מאָמענט איז געווען די דיסציפּלינ־לאָזיקייט אין די רייען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַז סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן זיינען געווען גרייט איינער דעם אַנדערן דורס־זיין, איז אָפּגערעדט. אַז קאָמוניסטן זיינען געווען מוכן ומזומן צו שפּאַלטן און צעברעכן יעדע אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציע, איז שוין געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. די צרה איז אָבער געוואָרן גרעסער, וואָס אין לאַגער פון די סאָציאַליסטן גופא, אַזוי גוט ווי אין די רייען פון די טרייד־יוניאָניסטן, איז נישט געווען קיין אחדות, קיין דיסציפּלין, קיין געמיינזאַמער גאַנג און געשלאָסענער פראָנט.

צו דער פערטער קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד איז דער דאָזיקער ענין אַרויס־געריקט געוואָרן אין פאָדערגרונט. „וואָס פאַר אַ שטעלונג די קאָנווענשאָן זאָל נישט נעמען צו אַלע פראַגן — האָט געשריבן די רעדאַקציע פון „וועקער" —

איז אָבער קודם־כל וויכטיק, אַז אירע באַשלוסן זאָלן נישט בלייבן אויפֿן פּאַפּיר, נאָר זאָלן זיין בינדענדיק פֿאַר יעדן מיטגליד פֿון פֿאַרבאַנד. אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי טאָר נישט דערלאָזן, אַז יעדער מיטגליד אירער זאָל זיין אַ פּאַרטיי פֿאַר זיך אַליין און זאָל פֿירן אַן אייגענע פּאָליטיק, וואָס איז אָפּט דער היפּוך פֿון דער אָנגענומענער פּאָליטיק פֿון דער אָרגאַניזאַציע. מיר זיינען נישט קיין אָנ־הענגער פֿון דער אייזערנער דיסציפּלין, וואָס הערשט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָבער אַ געוויסע דיסציפּלין איז נויטיק אין יעדער אָרגאַניזאַציע און בפֿרט אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי." עס מוזן זיין גילטיק מערהייט־באַשלוסן. „דאָס דאַרף זיין גילטיק נישט בלויז פֿאַר די מיטגלידער פֿון פֿאַרבאַנד, נאָר אויך פֿאַר אונזער גאַנצער פּרעסע און פֿאַר אַלע שרייבער, רעדנער און כלל־טוער, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. מיר האָבן צו טייער באַצאָלט פֿאַר דעם הפֿקר־צושטאַנד, וואָס האָט ביז־איצט געהערשט אין אונזערע סאָציאַליסטישע רייען און עס מוז איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל נעמען אַ סוף צו דעם. דער פֿאַרבאַנד מוז האָבן אַ געוויסע קאָנטראָל איבער דער געזעלשאַפֿט־לעכער טעטיקייט פֿון זיינע מיטגלידער. און ווען אַ מיטגליד האַנדלט אין קעגנזאַץ צו דער אָנגענומענער פּאָליטיק און באַשלוסן פֿון פֿאַרבאַנד, מוז ער דיסציפּלינירט ווערן. דער איצטיקער קריזיס אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז טיילווייז אַ רעזולטאַט פֿון דער דיסציפּלינלאָזיקייט, וואָס האָט געהערשט אין אונזערע רייען."[128]

דער זעלבן ענין באַהאַנדלט אין אַן אַרטיקל ל. פֿאָגעלמאַן, וועלכער זאָגט, אַז „דער ברודער־קאַמף איז באַלד גרייט צו דערטרינקען אין האַס און אין אומ־צוטרוי דאָס לעצטע ביסל, וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון דעם אַמאָליקן הערלעכן פּעריאָד פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג." . . . „אויב עס איז נאָך נישט געקומען די צייט פֿאַר אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט אין דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג, איז אָבער שוין לאַנג געקומען דער פּאַסיקער און נויטיקער מאָמענט פֿאַר אַ פֿאַר־אייניקטן פֿראָנט צווישן אַלע סאָציאַליסטן." . . . „מיר זעען נישט קיין שום גרונט פֿאַרוואָס סאָציאַליסטן זאָלן נישט זיין פֿאַראייניקט אין איין פּאַרטיי."[129]

די עפֿענונג פֿון דער קאָנווענשאַן איז פֿאַרגעקומען ביי אַן עולם פֿון 1,500 מענטשן. געקומען זיינען 102 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט 48 בראַנטשעס און פֿאַרשידענע קערפּערשאַפֿטן פֿון פֿאַרבאַנד, ווי אויך 4 פּריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

אין זיין באַריכט האָט דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר נ. כאַנין איבערגעגעבן, אַז די צאָל מיטגלידער באַטרעפֿט 2,500. ער האָט עס אָפּגעשאַצט ווי אַ גרויסע דערגרייכונג, ווייל בעת דער גרינדונג האָט דער פֿאַרבאַנד געהאַט קוים 150 מיטגלידער. דאָס פֿאַרגרעסערן די מיטגלידערשאַפֿט קומט אָן שווער צוליב דעם, וואָס די יידישע אַרבעטערשאַפֿט לעבט איבער אַ שווערע צייט. מ'איז אַפּאַטיש און אַנטוישט, און גלייכצייטיק לאָזט מען זיך פֿאַרשכורן מיט זיסע חלומות. די סאָציאַליסטישע טעטיקייט איז אַ צו ניכטערע, אַז זי זאָל קענען אין דעם מאָמענט ציען צו זיך גרויסע מאַסן. אין פֿאַרבאַנד פֿילט זיך אַ גרויסער דוחק אין טוער. טיילווייז קומט עס פֿון דעם, וואָס מ'איז נישט אימשטאַנד אויסצוהאַלטן פּראָ־פֿעסיאָנאַלן. די איינציקע פֿעסטע הכנסה זיינען די 10 טויזנט דאָלאַר יערלעך

פון „פאָרווערטס״, מען דאַרף אָבער האָבן 40 טויזנט. אַ סך ענערגיע ווערט געפּטרט אויף צו שאַפן די איבעריקע 30 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר.

פאַר דער באַריכט־צייט האָט דער פאַרבאַנד אַדורכגעפירט אַ רײַ טורן איבערן לאַנד. ר. אַבראַמאָוויטש האָט געהאַט 51 פאַרזאַמלונגען און פאַרלעזונגען, וואָס זײַנען באַזוכט געוואָרן פון 25 טויזנט מענטשן און אַרײַנגעבראַכט ברוטאָ־הכנסה פון 20 טויזנט דאָלאַר. דוד אײַנהאָרן האָט געהאַט 40 לעקציעס. פּראָפעסאָר א. גאַלאַצקי האָט באַזוכט 68 שטעט. אַ גרעסערע צאָל שטעט האָבן באַזוכט אב. קאַהאַן און ב. וולאַדעק. ש. לעוויטאַס איז אַרומגעפאָרן אַלס נאַציאָנאַלער אָר־גאַניזאַטאָר. אויך פּ. דעמביצער און ב. לעוויטין האָבן געמאַכט טורן פאַרן פאַר־באַנד. נ. כאַנין איז דורכגעפאָרן דאָס לאַנד פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַציפיק און באַזוכט 33 שטעט.

דער „וועקער״ קאָסט 400 דאָלאַר אַ וואָך, אָבער זײַן הכנסה איז נישט מער ווי 150. מען מוז צולייגן 12 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר. פון אַן אָפּיל האָט מען געשאַפן 10 טויזנט דאָלאַר, אָבער די לאַגע פון וואָכנבלאַט איז ווײַטער אַן ערנסטע. זינט דער לעצטער קאָנווענשאָן האָט דער פאַרלאַג פאַרעפנטלעכט דרײַ נײַע אויסגאַבעס: „די געשיכטע פון דער ענגלישער אַרבעטער־באַוועגונג״ — פון א. ראָזנבערי; „אויף אַמעריקאַנער וועגן״ — פון ה. לאַנג; דרײַ בענדער מעמואַרן — פון וועראַ פיגנער. פּראָפעסאָר גאַלאַצקי האָט בעת זײַן טור גע־שאַפן 1,300 אַבאָנענטן פון פיגנערס מעמואַרן און דאָס האָט אַרײַנגעבראַכט 6,500 דאָלאַר. ס'זײַנען אויך פאַרקויפט געוואָרן ביכער פון אַנדערע פאַרלאַגן, מ'האָט אָרגאַניזירט ביכער־פאַרקויפן. די סומע פון די פאַרקויפטע ביכער איז 35,000 דאָלאַר. ס'איז פאַרטיק אַן אַלמאַנאַך פון בערך 500 זײַטן.

די אַקציע פון פאַרבאַנד לטובת די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט אַרײַנגעבראַכט אַרום 9,000 דאָלאַר. דערבײַ האָט מען אַרויס־געגעבן אין 5 טויזנט עקזעמפּלאַרן דעם מעמאָראַנדום פון סאָציאַליסטישן אינ־טערנאַציאָנאַל וועגן דער לאַגע פון די אַרעסטירטע און פאַרשיקטע סאָציאַליסטן אין סאָוועט־רוסלאַנד. דער פאַרבאַנד האָט געהאָלפן דורכפירן די אַקציע פאַרן „בונד״ אין פּוילן, וואָס עס האָט דאָ געפירט דער בונדישער פירער נח און האָט אַרײַנגעבראַכט 20 טויזנט דאָלאַר פאַר דער וואַרשעווער „פאָלקס־צײַטונג״. אויך אין דער אַקציע פאַר די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן, וואָס עס האָט געפירט דער פאָרזיצער פון דער ציש״אָ, ב. מיכאַלעוויטש, האָט דער פאַרבאַנד אַ סך געהאָלפן, ווי אויך אין די זאַמלונגען פאַרן „דזשאָינט״.

דער פאַרבאַנד איז געווען אַקטיוו אין די לעצטע פּרעזידענט־וואַלן און געאַרבעט פאַר לאַפאָלעטן, וועלכער איז געווען דער קאַנדידאַט פון פּראָגרעסיוון לאַגער. אַ סך ענערגיע האָט מען אַוועקגעגעבן אויף העלפן דעם אַרבעטער־רינג גובר צו זײַן די סכנה מצד די קאָמוניסטן. אין די 2 גרעסטע שטעט — ניו־יאָרק און שיקאַגאָ — קומען פאַר רעגולער זונטאָג־פאָרומס.

דער באַריכט־אָפּגעבער האָט זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף דער לאַגע אין די יוניאָנס פון די יידישע אַרבעטער: די מאַנופאַקטשורערס פירן אַרויס די פאַבריקן פון די גרויסע יידישע צענטערן און פאַרשלעפּן זיי אין די קליינע שטעטלעך. זיי זעצן אַוועק נישט־יידישע מיידלעך, וועמען עס איז שווער צו אָרגאַניזירן. מחמת דעם גייען אַרום אָן אַרבעט די יידישע אַרבעטער פון ניו־

יאָרק, שיקאַגאָ און פילאַדעלפיע. די נויט צווישן די אַרבעטער איז גרויס. די יוניאָנס זיינען מאַכטלאָז. זיי קענען נישט געפינען אַ גיכע רפואה פאַר דער שרעקלעכער מכה. די קאָמוניסטן נוצן אויס די נויט און פרואוון מיט דעמאַגאָגישע העצעס פאַרקאַפן די מאַכט אין די יוניאָנס, בעת זיי פאַרמאָגן נישט קיין שום פּראַקטישע עצה, ווי אַזוי די נויט צו באַזייטיקן. די סאָציאַליסטן האָבן נישט בדעה צו באַהערשן די יוניאָנס, זיי ווילן בלויז, אַז דאָרטן זאָל הערשן אַ סאָציאַליסטישער גייסט. עס מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז אַ גרויסע צאָל באַאַמטע, וועלכע זיינען אַריינגעטרעטן אין די יוניאָנס מיט די אידעאַלסטע מאָטיוון, זיינען אין גאַנג פון זייער לאַנג־יאָריקער טעטיקייט דעמאָראַליזירט געוואָרן. זיי האָבן אויפגעהערט באַטראַכטן דעם אַרבעטער, ווי זייערן אַ מיט־מענטש און זיך אַליין ווי אַן אָנגעשטעלטן, וואָס דינט די אינטערעסן פון אַרבעטער. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַטראַכטן, ווי די בעלי־בתים פון אַ געשעפט, וואָס געהערט צו זיי און קיינער קאָן דאָס פון זיי נישט אַוועקנעמען. מיר האָבן געזען די שלעכטע, דעמאָראַליזירנדיקע לאַגע און האָבן אָפּגעהאַלטן וועגן דעם אַ ריי קאָנפערענצן מיט אַ גרויסער צאָל אַקטיווע סאָציאַליסטישע טוער אין די יוניאָנס. אונזערע קאָנפערענצן האָבן אָבער צו קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן נישט גע־בראַכט. אַ געוויסע צאָל סאָציאַליסטן אין די יוניאָנס זיינען געוועזן פאַרשכורט פון מאַכט. זיי האָבן נישט געזען די כוואַליע פון אומצופרידנקייט, וואָס גייט קעגן זיי. נאָר אַ דאַנק דעם איז געשאַפן געוואָרן די איצטיקע קריטישע לאַגע אין די יוניאָנס פון די קלאָוקמאַכער און פאַריערס.

אַרום באַריכט פון סעקרעטאַר האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע דעבאַטע. אַ ריי רעדנער האָבן קריטיקירט פאַרשידענע טיילן פון דער טעטיקייט. צווישן אַנדערן האָט מען מיט פאַרביטערונג פאַרגעוואָרפן פאַרוואָס מ'האָט נישט גע־פייערט דעם 1טן מאַי. אין זיין לעצט וואָרט האָט ג. כאַנין געענטפערט, אַז וואָס שייך דעם 1טן מאַי, איז עס די שולד פון די יוניאָנס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אָרגאַניזירן און זיך באַטייליקן אין די פייערונגען.

דעם צווייטן באַריכט פאַר די פאַרגאַנגענע 20 חדשים האָט אָפּגעגעבן דער פאָרזיצער פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט ה. בערגער, וועלכער האָט געזאָגט: דער פאַרבאַנד האָט זיך נישט געוואָלט באַטייליקן אין דער אַקציע פון „איקאָר", אָבער מיר זיינען נישט קעגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע. מיר האָבן מער צוטרוי צו „אָרט". די קאָמוניסטן זוכן צו שלאָגן פאַר זיך קאַפּיטאַל פון דעם יידישן אומגליק, וואָס זיי אַליין האָבן געהאָלפן ברענגען אויף דער יידישער באַפעלקערונג פון סאָוועט־רוסלאַנד. אויף וויפיל ס'איז מעגלעך אַרבעט פאַר קאָלאָניזאַציע, טוט מען עס דורך „אָרט" און טיילווייז דורכן „דזשאָינט". דאַקעגן דאָס געלט דורך „איקאָר" וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער יעווסעקציע, וואָס וועט עס פאַרברויכן אָן אַ קאָנטראָל. אויב די קאָמוניסטן מיינען ערנסט העלפן דער נויט־ליידענדיקער יידישער באַפעלקערונג אין סאָוועט־רוסלאַנד, טאָ זאָלן זיי דערלויבן דאָרטן צו שאַפן אַן אומפּאַרטייאישן, דעמאָקראַטיש־געוויילטן הילף־קאָמיטעט. אויב דאָס וועט געשען, וועלן די יידישע אַרבעטער פון אַמעריקע אויפבויען אַ ברייטע הילף־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער אַלע צוויגן און ריכטונגען וועלן זיין פאַרטראָטן.

שילדערנדיק די פאַרשידענע פאַזן פון דער טעטיקייט, האָט בערגער אויך

גערעדט אויספירלעך וועגן דער לאַגע אין די יוניאַנס. ער האָט דערביי אָנ־געוויזן, אַז נישט געקוקט אויף דער שווערער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין די פאַכן, וואָלטן די קאָמוניסטן קיינמאָל נישט געווען בכוח צו באַקומען אַזאַ השפּעה, אויב אין אונזערע יוניאָנס וואָלט באמת אַלץ געווען אין אָרדנונג. ליידער, האָבן פאַר די לעצטע יאָרן אין טייל יוניאָנס זיך אַריינגעכאַפּט געוויסע מענטשן, וואָס האָבן מער אין זינען געהאַט זייערע קאַריערעס, ווי די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָט די מענטשן האָבן שטאַרק געשעדיקט דעם אָנזען פון אונזער גאַנצער באַוועגונג אין די אויגן פון די אומ־צופרידענע מאַסן. די קאָמוניסטן האָבן עס אויסגענוצט און זיינען פאַר אַ צייט געוואָרן די פירער פון דעם אומצופרידענעם עולם.

אַ רעפעראַט וועגן די יידישע סאָציאַליסטן און די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַני־זאַציעס האָט געהאַלטן י. ווײַנבערג. ער האָט אָנגעוויזן, אַז אין אַ ריי אָר־גאַניזאַציעס, ווי יוניאָנס, אַרבעטער־רינג און הילף־קערפּערשאַפטן, פאַרגעסן מיטגלידער פון פאַרבאַנד, אַז זיי זיינען סאָציאַליסטן. אָפטמאָל איז אויסגעקומען צו פירן אַ שטרייט מיט מענטשן פון פאַרבאַנד, ווען עס זיינען געשטאַנען סאָציאַ־ליסטישע פראַגן אין אַרבעטער־רינג אָדער אין יוניאָנס. קיין שום סימן פון דיסציפּלין איז נישט געווען. פאַר אַ סאָציאַליסט דאַרף די אייגענע פּאַרטיי זיין וויכטיקער פון עפּעס אַנדערש. אָפט האָבן אַפילו מיטגלידער פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט געהאַנדלט נישט אין הסכם מיט די באַשלוסן פון דער אייגענער העכסטער קערפּערשאַפט, ווי ס'איז געווען דער פאַל אין פּאַלעסטינע־דרייוו.

אַ רעפעראַט וועגן די יוניאָנס האָט געהאַלטן מ. זיסקינד. אין די לעצטע יאָרן — האָט ער פעסטגעשטעלט — זיינען די סאָציאַליסטן געווען נייטראַל בנוגע די יוניאָנס. זיי האָבן זיך אין גאַנצן אָפּגעזאָגט צו רעאַגירן אויף די פאַרשידענע פּראָבלעמען פון דער יוניאָן־באַוועגונג. זיי האָבן פאַרמאַכט די אויגן און געשוויגן. די אַרבעטער האָבן פון זיי גאָרנישט געקענט לערנען. פון דעם האָבן בלויז געקענט געווינען די צעשטערער. כל־זמן די סאָציאַליסטן וועלן אָנהאַלטן זייער נייטראַליטעט, קען מען ווייניק האָפן, אַז דער סאָציאַליסטישער געדאַנק זאָל אַריינדרינגען אין די יוניאָנס. דאָס וועט אויך אוממעגלעך מאַכן אַ שטאַרקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע. בלויז אין ניו־יאָרק זיינען פאַראַן 200 טויזנט אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער אין די יוניאָנס, און וויפיל פון זיי זיינען מיטגלידער אין יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד? סאָציאַליסטן האָבן אַ רעכט און אַ פליכט זיך אַריינצומישן אין די יוניאָנס און זאָגן זייער וואָרט. אַ יוניאָן, וואָס וויל נישט וויסן פון עפּעס אַנדערש, ווי העכערער לוין און קירצערער אַרבעטס־טאָג, איז בלויז אַ קרעמל. די פאַרבאַנד־מיטגלידער זיינען מחויב אַריינצוברענגען אַ סאָציאַליסטישן אינהאַלט אין די יוניאָנס.

אין דער רעזאָלוציע־קאָמיסיע האָט מען אויך אויסגעהערט מיינונגען פון אַ ריי יוניאַן־טוער, ווי זיגמאַן, פיינבערג און אַנדערע. פאַרן אָננעמען די פאַר־געלייגטע רעזאָלוציע איז אויפן פלענום פון דער קאָנווענשאָן פאָרגעקומען אַ דעבאַטע. צווישן אַנדערן האָט מען פאָרגעוואָרפן, אַז יוניאָן־באַאַמטע האָבן זיך פאַרשריבן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, כדי צו האָבן איר שטיצע, אָבער נישט, כדי צו דערפילן סאָציאַליסטישע פליכטן.

אַ גרויסע דעבאַטע איז געפירט געוואָרן אַרום די רעזאָלוציעס וועגן דער פּאַלעסטינע־פראַגע. אין דער רעזאָלוציע־קאָמיסיע האָבן זיך אויסגעבילדעט דריי ריכטונגען. אויפן פּלענום האָט א. ליטוואַק געלייענט דעם רעזאָלוציע־פּראָיעקט פון דער מערהייט, אַלעקס קאַהן פון דער מינדערהייט, און מאַקס העמלין פון אַ דריטער מיינונג.

אין דער דעבאַטע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אַרום די רעזאָלוציעס, זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פאָלגנדיקע געדאַנקען:

אַלעקס קאַהן האָט פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, אַז אין אַמעריקע קען מען ניט האָבן דעם זעלבן צוגאַנג צום ציוניזם ווי אין מזרח־אייראָפּע. דאָרטן זיינען די ציוניסטן אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, בעת דאָ זיינען זיי עס נישט. ער האָט פאַרגעלייגט אַ רעזאָלוציע־פּראָיעקט, אַז הגם פּאַלעסטינע קען נישט לייזן די יידן־פראַגע, קען אָבער דאָס לאַנד ווערן אַ גרויסער צענטער פאַר יידישער אימיגראַציע. דעריבער דאַרף מען אויסדריקן סימפּאַטיע פאַר דער פּאַלעסטינע־באַוועגונג.

אב. קאַהאַן האָט כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע רעזאָלוציע פאַר צו ציוניסטיש, בעת ליטוואַקס איז צו שאַרף קעגנעריש. אַז פּאַלעסטינע קאָן ווערן אַן איינוואַנדערונגס־צענטער, גלויבט ער נישט. ער איז פאַר אַ דריטער רעזאָלוציע, וואָס זאָל אויסדריקן סימפּאַטיע פאַר די אידעאַליסטן אין פּאַלעסטינע. דאָרטן וואו די ציוניסטן קענען אונז שעדיקן, דאַרף מען אַנטשידן אַרויסטרעטן קעגן זיי, אָבער מען דאַרף נישט פאַרגיפטן די אַטמאָספער און צעפלאַקערן אַ נייעם קאַמף. מען דאַרף די ציוניסטן נישט אָפּשטויסן. אין אַמעריקע טרעפן מיר זיך נישט מיט די ציוניסטן, ווי מיט קעגנער.

ד. בראַגינסקי האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט ליטוואַקס רעזאָלוציע, אָבער ער האָט דערביי אונטערגעשטראָכן, אַז זי איז נאָך צו שוואַך, ווייל ס'איז נישט גענוג בולט אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער שאָוויניסטישער כאַראַקטער פון ציוניזם.

ב. באַטוויניק האָט פאַרלאַנגט אַ רעזאָלוציע מיט בפירושער סימפּאַטיע פאַר פּאַלעסטינע און גערופן דעם סאָציאַליסטישן גייסט באַפרייען פון „קליינפּאָליטיק".

פּ. דעמביצער האָט דערקלערט, אַז מיר דאַרפן באַקעמפן דעם ציוניזם, ווי אַ שטערונג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון די נאַציאָנאַלע פאַרלאַנגען פון יידישן פאָלק אין תפוצות ישראל. די יידישע אַרבעטער פון פּאַלעסטינע געפינען זיך אין אַן אומפאַרגלייכבאַרער בעסערער לאַגע, ווי די יידישע אַרבעטער אין די גרויסע מאַסן־ישובים אין מזרח־אייראָפּע. זיי באַקומען געלטער פון די ציוניסטן, פון קרן־היסוד, פון אַלע אַנדערע זאַמלונגען איבער דער גאַנצער וועלט. דאַקעגן זיינען די יידישע אַרבעטער פון פּוילן פולשטענדיק איזאָלירט און אַנגעוויזן בלויז אויף דער קליינער הילף פון די יידישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע.

מ. העמלין האָט געזאָגט, אַז מען טאָר זיך נישט רעכענען מיט אַלטע באַגריפן. דאָ אין אַמעריקע איז נישט דערלאָזבאַר דער אַמאָליקער פאַרביסענער קאַמף מיט די ציוניסטן. מען דאַרף שאַרפער באַטאָנען וועגן די סימפּאַטיעס פון די סאָציאַליסטן צו דעם אידעאַליזם פון די פּאַלעסטינער אַרבעטער.

דער רעזאָלוציע־פּראָיעקט פון דער מערהייט (ליטוואַקס) איז אָנגענומען געוואָרן. מען האָט זי געשטימט פּונקטנווייז: דער ערשטער פּונקט, וואָס זאָגט, אַז פּאַלעסטינע קאָן נישט לייזן די יידן־פראַגע און קאָן אָביעקטיוו נישט פאַרנעמען קיין גרויסן אָרט אַלס צענטער פון אימיגראַציע, איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. דער צווייטער פּונקט, וואָס זאָגט, אַז דער ציוניזם אַלס אידעאָלאָגיע קאָן בלויז אָפּשוואַכן ביי די יידן אין די פאַרשידענע לענדער דעם גלויבן אין זייערע קרעפטן און זייער פעאיקייט צו קעמפן פאַר פולער גלייכבארעכטיקונג און באַפרייאונג אין זייערע לענדער, איז אָנגענומען געוואָרן מיט 34 שטימען קעגן 19. דער דריטער פּונקט, וואָס פאָרמולירט, אַז די יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע פאַרדינען אונזער אויפמערקזאַמקייט און הילף נישט אין קיין גרעסערער פּראָפּאָרץ, ווי די נויט־באַדערפטיקע יידישע אַרבעטער־מאַסן פון אַנדערע לענדער, איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. אויך דער פערטער פּונקט — אַז פון אַלע אַלגעמיינע דרייווס זאָלן די יידישע אַרבעטער פון פּאַלעסטינע באַקומען זייער געהעריקן חלק — האָט באַקומען די איינשטימיקע אונטערשטיצונג. דער פינפטער פּונקט — אַז מיטגלידער פון סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד זאָלן זיך נישט באַטייליקן אין באַזונדערע דרייווס פאַר די יידישע אַרבעטער פון פּאַלעסטינע — איז אָנגענומען געוואָרן מיט 39 שטימען קעגן 9. נאָך דעם איז געשטימט געוואָרן די רעזאָלוציע אַלס גאַנצע. כמעט אַלע דעלעגאַטן האָבן געשטימט פאַר, קעגן — קיינער.

די קאָנווענשאָן האָט אין אַ רעזאָלוציע פעסטגעשטעלט די באַציאונג פון פאַרבאַנד צו די הילף־אַקציעס פאַר די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט: „מיר גלויבן נישט אין דער מעגלעכקייט פון אַ ברייטער אַגראַריזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד״ . . . „די גרויסע יידישע מאַסן דאַרפן געפינען זייער ווירטשאַפטלעכע אויסלייטערונג דורך דעם, וואָס זיי וועלן זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון אַרבעטער אין דער גרויס־אינדוסטריע״... אָבער נישט געקוקט אויף דעם און אַנדערע מאָטיוון דאַרפן די יידישע אַרבעטער פון אַמעריקע זיך אינטערעסירן מיט דער יידישער קאָלאָניזאַציע און ביישטייערן איר הילף. די יידישע אַרבעטער דאַרפן זיך באַטייליקן אין דעם דרייוו פון „דזשאָינט״ צו שאַפן 15 מיליאָן דאָלאַר, פון וועלכע אַ טייל וועט גיין פאַר די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. דערביי ווערן די אַרבעטער געוואָרנט נישט צו האָבן קיין מגע ומשא מיטן „איקאָר״, וואָס איז קאָנטראָלירט דורך די קאָמוניסטן.

פון וויכטיקער באַדייטונג איז געווען די אָנגענומענע רעזאָלוציע וועגן די יוניאָנס. די רעזאָלוציע האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם, אַז די יוניאָנס מוזן „זיין אומאָפּהענגיק אין זייער אַרבעט און אָרגאַניזאַציע, נישט דיקטירט פון קיין שום אַנדערע אָרגאַניזאַציע, וואָס שטייט אויסער זיי״. זיי קענען אָבער נישט „זיין אָפּגעריסן פון די איבעריקע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג״. די קאָנווענשאָן האַלט פאַר נויטיק, אַז „די סאָציאַליסטן, וואָס גייען אַריין אין אַ יוניאָן, זאָלן אין אַלע וויכטיקע פראַגן אַרויסטרעטן און האַנדלען איניק״ . . . „קיין קאַמף צווישן סאָציאַליסטן און סאָציאַליסטן אין איין יוניאָן איז נישט דערלאָזבאַר.״ דער פאַרבאַנד דאַרף זיך אַרויסזאָגן „אין אַלע וויכטיקע שטרייטפראַגן פון דער יוניאָן־באַוועגונג״.

די קאָנווענשאָן האָט איינשטימיק אָנגענומען אַ ריי אַקטועלע פּאָליטישע רעזאָלוציעס און אָרגאַניזאַציאָנעלע באַשלוסן. די מיטגלידער פון פאַרבאַנד זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו האַנדלען אין די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין הסכם מיט די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן און פּאַרטיי־באַשלוסן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַ חוץ דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט זאָל געשאַפן ווערן אַ פּאַרטיי־ראַט פון 35 מיטגלידער. דער עקזעקוטיוו מיט זיינע 15 מיטגלידער זאָל זיין אַ באַשטאַנד־טייל פון פּאַרטיי־ראַט. דער פאַרבאַנד זאָל זיך ענגער פאַרבינדן מיט דער פּאַרטיי דורך אַ שטענדיקן סעקרעטאַר־איבערזעצער.

די פערטע קאָנווענשאָן איז באַגריסט געוואָרן פון צוויי פאָרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. נאָרמאַן טאָמאַס האָט גערופן צו פאַרנעמען זיך מער מיט אַמעריקאַנער פּראָבלעמען, ווייל מיר וועלן ביישטייערן צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דער וועלט אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל מיר וועלן אַרבעטן פאַרן סאָציאַליזם דאָ אין לאַנד. דער צווייטער פאָרשטייער, אַלדזשערנאָן לי, האָט אין זיין רעדע געזאָגט, אַז די יידישע אַרבעטער זיינען שטענדיק געווען אין די ערשטע רייען פון סאָציאַליסטישן קאַמף. אַזוי ווי יידישע אַרבעטער האָבן אויפגעהערט צו קומען צוליב דער אימיגראַציע־באַגרענעצונג, דאַרף מען אָנווענדן אַלע כוחות אויף באַווירקן דעם יונגן דור. די קינדער פון די יידישע אַרבעטער זיינען דער מאַטעריאַל, פון וועלכן מיר דאַרפן אויסשמידן פעסטע זיילן פון דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דער ניי־געשאַפענער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט אַלס פאָרזיצער אויסגעוויילט יוסף וויינבערג, גענעראַל־סעקרעטאַר ב. כאַנין און רעדאַקטאָר פון „וועקער" ד. שוב. אַ חוץ דעם איז אויסגעוויילט געוואָרן אַן אָפיס־פאַרוואַלטונג. זי איז באַשטאַנען פון י. וויינבערג, ב. באַטווינניק, ס. ריפקין, פּ. דעמביצער, ביין און באַנסען. דוד מייער איז באַשטימט געוואָרן אַלס אָרגאַניזאַטאָר פאַר ניו־יאָרק. אויסער דעם רעדאַקטאָר איז אויך אויסגעוויילט געוואָרן אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע פון ב. באַטווינניק, מ. כינאָי, א. ליטוואַק, ד. מייער און ס. פּ. קרעמער.

דער פאַרבאַנד האָט פאַרענדיקט דעם שווערן פעריאָד פון שטעלן די ערשטע טריט, פון אויסאַרבעטן אַן אייגענעם נוסח, זיך לעגיטימירן פאַר דער עפנטלעכקייט און זיך באַפעסטיקן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

20. ענדערונגען אין יידישן אַרבעטער-לעבן

אײנוואַנדערונג־שטראָם אָפּגעשטעלט. — אַנדערע פּרנסות. — אַמעריקאַניזאַציע. — פאַרבירגערלעכונג.—יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין דער פּראָווינץ ווערט אײנ־געשרומפּן.—דער פאַרביסענער קאַמף צווישן רעכטס און לינקס.—יעדער פאַר זיך.—די קאָמוניסטן פאַרשטאַרקן זיך אין די יוניאָנס.—אויסגעלאַסענע שפּראַך און געשלעגן.—קעגן קאָרופּציע צווישן יוניאָן־טוער.—אַנדערע ניט־געזונטע דערשײנונגען.—נײַע באַציאונגען מיטן אַרבעטער־רינג.

אין מיטן די צוואַנציקער יאָרן איז די פרײַע מאַסן־אײנ־וואַנדערונג אין אַמעריקע אָפּגעשטעלט געוואָרן. דער נײַער קוואָטע־סיסטעם האָט די אײנוואַנדערונג דערפירט צו אַ מינימום. די צאָל יידישע אימיגראַנטן, וואָס האָט נאָך אין 1921 דערגרייכט קרוב 120 טויזנט האָט פון 1924 אָן, ווען ס'האָט אָנגעהויבן גילטן דער נײַער אימיגראַנטן־געזעץ, באַטראָפן נישט מער ווי אַרום 10 טויזנט יערלעך און איז אין אָנהויב פון די דרײַסיקער יאָרן נאָך ווײַטער געפאַלן און זיך געוואַקלט צווישן 2 און 6 טויזנט אַ יאָר. ערשט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיך ווידער געלאָזט מערקן אַ געוויסער אויפשטײַג, בעיקר פון דײַטשע יידן, וועלכע זײַנען געווען קרבנות פון היטלער־רעזשים.

אין די פריערדיקע יאָרן האָט דער כסדרדיקער אײנוואַנדערונג־שטראָם גע־ווירקט אין צוויי ריכטונגען: ער האָט צוגעשטעלט נײַע קאַדרען יידישע אַר־בעטער און אויך נישט געלאָזט פאַרמינערט ווערן די יידיש־רעדנדיקע און יידיש־טראַכטנדיקע מענטשן. דאָס האָט איצט אויפגעהערט. און ס'האָט גע־נומען בולטער ווערן אַ טענדענץ, וואָס האָט זיך שוין פריער אָנגעזען אין יידישן לעבן.

אַמעריקע האָט זיך אַלץ מער און מער אינדוסטריאַליזירט. נאָך דער ער־שטער וועלט־מלחמה האָט זיך אויך פאַרגיכערט דער פּראָצעס פון ראַציאָנאַליזאַציע אין דער אינדוסטריע. דאָס האָט געמאַכט וויכטיקער דעם אָנטייל און פאַר־גרעסערט די צאָל פון דעם האַנדלס־קלאַס, פון אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ און אַנדערע פאַרבינדונגס־שיכטן אין דער ווירטשאַפט. פון דור־דורות אַ שטאָטישער עלעמענט און געניט אין מסחר און אַנדערע פאַרמיטלונג־ און פאַרבינדונגס־פונקציעס, האָבן די יידן מער ווי די אימיגראַנטן פון אַנדערע מזרח־אײראָפּעאישע פעלקער, וועלכע זײַנען געקומען פון דאָרף און ערד־אַרבעט, פאַרלאָזט די שעפּער און אַריבער צו פאַרשידענע אַנדערע אונטערנעמערישע פּרנסות. און אוודאי האָבן זייער ווייניק פון דער יידישע יוגנט, וועלכע האָט אין באַדײַטנדיקע צאָלן דורכגעמאַכט העכערע בילדונג, זיך געלאָזט אין די שעפּער אַרײַן. דער טייל, וואָס איז שוין יאָ געגאַנגען, האָט אויסגעקליבן מער מאָדערנע פאַכן און נישט יענע, אין וועלכע טאַטע־מאַמע האָבן אין די פריערדיקע יאָרן גע־שוויצט אָדער זײַנען נאָך פאַרבליבן עד־היום. די קינדער זײַנען בכלל שטאַר־קער אַמעריקאַניזירט געוואָרן. אַנשטאָט די סאָציאַליסטיש־געשטימטע עלטערן

זאָלן האָבן אַ השפּעה אויף די קינדער, ווי ס'איז טיילווייז געווען אין פריער־דיקע יאָרן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַרקערטע ווירקונג. ס'איז געוואָרן אַן איינגנאַרטיקער „נחת פון קינדער" — פּרוּאוון גיין אין זייערע דרכים. די נישט־געבילדעטע עלטערן האָבן אָנגעהויבן קוקן אַרויף צו די זין און טעכטער מיט קאָלעדזש־בילדונג. די קינדער האָבן נישט גערעדט אויף דער מוטער־שפּראַך, און די מוטער האָט אַלץ מער גענומען ריידן אויף דער קינדער־שפּראַך.

פון אַ ריי שטעט זיינען אָנגעקומען בשורות, אַז די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס ווערן איינגעשרומפּן. דערציילט ב. כּאַניק וועגן מילוואָקי, אַז אַמאָל איז דאָרטן „געווען אַ וויכטיקער צענטער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער נישט היינט. עס איז אין שטאָט איצט דאָ זייער ווייניק יידישע אַר־בעטער". [130]

און פון אַ שטאָט אין מיטל־וועסט שרייבט אַן אָרטיקער מענטש פון דער באַוועגונג: „ביי אונז זיינען קיין אַרבעטער אין שטאָט נישטאָ. די גענאָסן, אָדער די פריינט פון אַרבעטער־רינג זיינען אַלץ געוועזענע. געוועזענע אַר־בעטער, געוועזענע סאָציאַליסטן. היינט זיינען זיי, דאַנקען גאָט, טאַטעס פון גרויסע קינדער, וועלכע שטייען אין שידוכים, אייגנטימער פון סטאָרקעס, זאַטע, מידע פון דעם וואָס אַלץ רינט אַריבער. צו טון אַ לייטישן שידוך פאַר דער טאָכטער, גייט מען אין דזשואיש סענטער, וואו די אַטמאָספער איז אַ ציוניסטישע. אין דעם אַמאָליקן סאָציאַליזם גלויבט מען שוין ווייניק, מען איז שוין געוואָרן אַ לייטישער באַלעבאַטישער מענטש". [131]

די מאַטעריעלע און סאָציאַלע ענדערונגען האָבן גורם געווען אַן אידעאָלאָ־גישע צופּאַסונג צום נייעם בירגערלעכן שיכט, צו וועלכן מ'האָט זיך מצרף געווען. וועגן דעם דערציילט אויך י. בערנשטיין: „אַזוי שנעל ווי די יידישע מאַסע האָט זיך איינגעבירגערט, האָט דערוואָרבן בעסערע מאַטעריעלע פּאָזיציעס, האָט דערזען די מעגלעכקייטן פאַר אַ בעסערן, גרינגערן לעבן, האָט זיך געביטן איר פּסיכאָלאָגיע. פון אַ פּראָלעטאַרישער פּסיכאָלאָגיע איז געוואָרן אַ קליינ־בירגערלעכע און די פּסיכאָלאָגיע פון אַ קליינבירגער איז די זעלבע ווי פון אַן אמתן קאַפּיטאַליסט. אמת, קיין קאַפּיטאַליסט איז ער נאָך נישט, אָבער ער שטרעבט דאָך דאָס צו ווערן, איז זיין בליק געווענדט אין יענער זייט. דער שליסל פון פּראָספּעריטי ליגט, לויט דער מיינונג פון קליינבירגער, און צום באַדויערן אויך ביי דער גרעסטער צאָל אַרבעטער, אין די הענט פון גרויס־קאַפּיטאַל"... דער יידישער אַרבעטער־קלאַס „זוכט מיט אַלע מיטלען אַרויס־צורייסן זיך פון דעם קלאַס. טאָ ווי אַזוי זאָלן מיר האָבן אַ השפּעה איבער אים?" [132]

דאָס פאַרלאָזן די אַלטע און דאָס איבערגיין צו נייע פּרנסות במשך די צוואַנ־ציקער יאָרן האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן. אַזאַ פּראָצעס איז פאַר־געקומען אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג בכלל און ביי יידן בפרט. שרייבט וועגן דעם דר. ה. פראַנק: „די גרויסע ענדערונגען, וואָס קומען פאַר אין די יידישע פּרנסות, זיינען דער וויכטיקסטער גרונט־שטריך פון דעם היגן יידישן לעבן פאַר די לעצטע צען יאָר. יידן פאַרלאָזן די אַלטע באַשעפטיקונגען און פאַכן, ווי די נאָדל־אַרבעט־אינדוסטריעס, און נעמען זיך צו אַנדערע אַר־בעטן און פּראָפעסיעס ווי בוי־פאַך, קליין־האַנדל און אַלערליי נייע באַשעפ־

טיקונגען, וואָס מען רופט אָן מיטן נאָמען ׳באַדינונג־פּאַכן׳, ווי האָטעלן, רעסטאָ־ראַנען, וועשערייען און פּאַרוויילונג־פּלעצער״... אַ היפּשע צאָל יידישע יונגעליים האָבן זיך גענומען צו אָן אַלט יידיש פאַך — זיי זיינען געוואָרן „באַלעגאַלעס״, מיט דעם אונטערשיד, וואָס אַנשטאָט די איינגעשפּאַנטע אויסגעדאַרטע קליאַטשע, האָבן זיי געלאָזט אין גאַנג דעם מאָטאָר: „אפשר אַ מערהייט פון אַלע טעקסי־שאָפערס אין ניו־יאָרק באַשטייט פון די הי־געבוירענע יידן״.[183]

און מיטן ענדערן די פּרנסות האָט מען אויך געענדערט דאָס אָרט, וואו מ׳איז געווען איינגעזעסן. זיינען געקומען שלעכטע סעזאָנען אָדער פּאַרצויגענע קריזיסן, האָבן פיל אַרבעטער פאַרלאָזט ניו־יאָרק און זיך באַזעצט אין אַ שטאָט אָדער שטעטל טיפער אין לאַנד. דאָרטן האָט מען געעפנט אַ געוועלבל אָדער זיך גענומען צו אַנדערע ביזנעס. דערביי איז מען שוין פאַרלוירן גע־גאַנגען פאַר דער באַוועגונג, אַפילו ווען דאָס האַרץ איז נאָך געבליבן מיט איר.

בלויז אין אַ באַשטימטער צאָל שטעט און שטעטלעך זיינען די יידישע אַרבעטער געווען קאָנצענטרירט, און בלויז דאָרטן איז געווען פאַר זיי אַ מעג־לעכקייט צו בילדן יוניאָנס, וואו זיי זאָלן דאָמינירן. אין רוב ערטער זיינען זיי געווען צעוואָרפן אין די פאַרשידנסטע פאַכן. צוליב דעם זיינען די יידישע אַרבעטער שוין געווען געזעלשאַפטלעך ווייניקער אַקטיוו. העכסטנס האָבן קליינע טיילן פון זיי זיך פאַראייניקט אין אַרבעטער־רינג ברענטשעס, פיל זעלטענער אין סאָציאַליסטישע אָדער קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. אַפילו מ׳איז ווייטער געבליבן אַן אַרבעטער, איז מען אַלץ מער און מער געבליבן אין די ד׳ אמות פון פּריוואַטן לעבן. דאָ און דאָרטן זיינען געווען איינצלנע אָדער קליינע גרופּעס עקשנים, וואָס האָבן אומדערמידלעך ווייטער געפּרואווט בויען און שאַפן, אַרבעטן פאַר די סאָציאַליסטישע אידעאַלן, אָבער דעם ברייטן עולם האָבן זיי נישט געקענט מיטרייסן.

אַנדערש האָט עס אויסגעזען אין די ערטער, וואו ס׳איז געווען אַ מעגלעכ־קייט צו שאַפן אויף דער יידישער גאַס אַלע צווייגן פון דער באַוועגונג. אָבער אויך אין אַזעלכע ערטער זיינען די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס נישט געווען די טאָנגעבער. סיבות זיינען געווען פאַרשידענע. און איינע פון זיי איז געווען דער פאַרביסענער קאַמף צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, אַ קאַמף וואָס האָט געמוזט געפירט ווערן, אָבער האָט דערעסן דעם ברייטן עולם און צו־גערויבט די גלאָריע און אַנזען פון די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. אַן אילוס־טראַציע צו דעם גיט אונז אַ באַריכט פון פ. דעמביצער: „באָסטאָן איז דער צענטער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ניו־ענגלאַנד. דאָ זיינען פאַראַן אַ גענוג גרויסע צאָל יידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען באַשעפטיקט אין יידישן פאַכן. די אַלע פאַכן פאַרמאָגן פאַרשידענע יוניאָנס, אין וועלכע די דאָזיקע אַרבעטער זיינען צום גרעסטן טייל אָרגאַניזירט. עס איז אויך פאַראַן אַ גרויסע צאָל ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג, וואָס פירן אַ גרויסע קולטורעלע טעטיקייט און פאַרמאָגן צוויי יידישע שולן — איינע אין באָסטאָן און איינע אין טשעלסי. אין באָסטאָן זיינען אויך פאַראַן ברענטשעס פון פאַרשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס. און דאָך איז דאָ די פּאָליטישע באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער פאַרהעלטניסמעסיק זייער שוואַך. די סיבה פון דעם שטעקט אין די שטענדיקע קריגערייען צווישן רעכטס און לינקס.

ביידע צדדים האַלטן זיך שטענדיק אין איין באַקעמפן און קענען דעריבער ווייניק וואָס פּאָזיטיוועס אויפטון. אַנשטאָט אַריינצודרינגען אין די יוניאָנס און די אַרבעטער געווינען פאַר דעם פּאָליטישן קאַמף, שטויסן זיי די יוניאָנס אין גאַנצן אָפּ פון וועלכע עס איז פּאָליטישע באַוועגונגען. די שוואַכקייט פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע אין ניו־ענגלאַנד בכלל און אין באָסטאָן בפרט, האָט אויך אַ שעדלעכן איינפלוס אויף דער פּאָליטישער באַוועגונג פון אַרבעטער־קלאַס אויף דער יידישער גאַס״... „די 1־טע מאַי־פייערונגען האָבן ביי מיר אַרויסגערופן גאַנץ טרויעריקע געדאַנקען מחמת דעם, וואָס אומעטום אין ניו־ענגלאַנד זיינען די יידישע אַרבעטער געווען די איינציקע, וואָס האָבן געפייערט דעם 1־טן מאַי־יום־טוב, בעת די נישט־יידישע אַרבעטער־שאַפט האָט אומעטום געאַרבעט און אין דעם מאַי־יום־טוב זיך נישט באַטייליקט״.[134]

אַ סך האָבן זיך אויסגעניכטערט פון זייער קאָמוניסטישער שכרות. נישט אַלע פון זיי זיינען צוריקגעקומען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די מערהייט איז געבליבן פּאַסיוו, אָדער פאַרווענדט די ענערגיע אויף אַנדערע געביטן. אַ פּאַסיווקייט האָט זיך אויך געלאָזט פילן אין געוויסע טיילן פון סאָציאַליסטישן לאַגער. ס׳האָט געפעלט דער אַמאָליקער ברען. אין מאַנכע ערטער האָט מען נישט געוואָלט שאַפן קיין ברענטשעס פון פאַרבאַנד מיטן אויסרייד, אַז די סאָציאַליסטישע אַרבעט טוט מען שוין דורך די ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג און לייבאָר־לייסעאום אָדער גאָר דורך די יוניאָנס. מ׳טוט שוין סיי ווי סיי — וואָס־זשע וועט טון דער פאַרבאַנד? די אויפגאַבע פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע איז פאַר פיל נישט געווען קלאָר. פּונקט ווי ס׳איז נישט געווען קלאָר אַ צווייטע, גאַנץ עלעמענטאַרע זאַך — צו וואָס מ׳דאַרף דיסציפּלין, אָדער אַ פאַרבינדונג און האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט פון אַלע צווייגן פון דער באַוועגונג.

סאָציאַליסטן זיינען געווען אַ סך. אין פיל שטעט האָט מען זיי געטראָפן. ס׳האָט אָבער געפעלט זייער סאָציאַליסטישע טאָט, זייער טאָג־טעגלעכע אַרבעט פאַר דער באַוועגונג. ווי ב. פייגענבוים האָט געשריבן: „דער אומגליק מיט אונזערע סימפּאַטיקער איז, וואָס זיי מיינען, אַז זיי זיינען יוצא מיט דעם, וואָס זיי דאַוונען אָפּ זייער סאָציאַליסטישע סימפּאַטיע ׳ביחידות׳. זיי זיינען נישט אַזעלכע הייסע חסידים, אַז זיי זאָלן דווקא גיין דאַוונען ׳בצבור׳, זאָגן זיי״.[135]

פון צוזאַמענשטויס פון די עקסטרעמען, פון רעכטס און לינקס, האָט זיך ביי אַ טייל אַנטוויקלט אַן אומגעזונטע נעגאַציע־קרענק. קאָמוניסטן האָבן געקוקט קרום און מיט פאַרדאַכט אויף אַלץ, וואָס איז געקומען פון סאָציאַליסטישן לאַגער. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן אפילו דאָס וואָס איז געווען גוט לכל הדעות, אויב נאָר ס׳איז געקומען פון צד שכנגד. אויך ביי פיל סאָציאַליסטן האָט זיך אויסגעאַרבעט אַן ענלעכע באַציאונג לגבי דעם קאָמוניסטישן לאַגער. אָפט האָט מען אַרויסגעוואָרפן אויך דעם אינהאַלט צוליב דער שלעכטער קאָמוניסטישער פאַרפּאַקונג.

אויף דער דערשיינונג שטעלט זיך אָפּ אַ פּראָגראַם־אַרטיקל פון אַ זשורנאַל, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אונטער דער רעדאַקציע פון א. ליטוואַק: „פון איין זייט האַלט מען כסדר אין יאָגן זיך נאָך דעם עקסטרעם, אומעטום

און שטענדיק נאָכן מאַקסימום, מעגלעך אָדער אוממעגלעך, צוועקמעסיק אָדער צוועקלאָז, רעאַלע מעשים אָדער אַ פּייערווערק פון פראַזן — אַלץ איינס, אַבי לינקער פון לינק. און נישט ביי די קאָמוניסטן אַליין — אַזאַ מין גלאָצן מיט די אויגן אויף לינקס, טרעפט מען איצט אָפּט ביי אומפּאַרטייאישע 'סימפּאַטיקער', אַמאָל אפילו צווישן די אַזוי־גערופענע 'רעכטע'. פון דער אַנדערער זייט באַגעגנט איר אויף שריט און טריט אַזעלכע, וואָס דער קאָמוניזם האָט זיי איבערגעשראָקן אויף טויט און זיי זיינען גרייט אַרויסצוואַרפן דאָס קינד צוזאַמען מיט די ווינדעלעך. דאָס וואָרט רעוואָלוציע קענען זיי ניט הערן אָן אַ שוידער. דער באַגריף סאָציאַליזם איז ביי זיי געוואָרן אַזוי צעשוואומען, אַז ער האָט פאַרלוירן כמעט יעדן אינהאַלט. אַזעלכע איבערגעשראָקענע גע־פינט איר מער פון אַלץ צווישן דעם ברייטן עולם, וואָס שטייט אַרום דער באַוועגונג. זיי זיינען אָבער נישט גאָר קיין זעלטענע געסט אויך אין דער באַוועגונג גופא״.[136]

אין די איינראָפּעאישע לענדער איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דער צענטער פון דער באַוועגונג. פון אַלע צווייגן ציען זיך פעדים צו איר. פון איר קומען די טוער און פירער פאַר די צווייגן. דער וויכטיקסטער יסוד פאַר דער פּאָ־ליטישער פּאַרטיי זיינען די טרייד־יוניאָנס מיט זייערע גרויסע צאָלן מיטגלי־דער. אַנדערש דאָ. מען לעבט ביחידות. מען מיידט זיך אויס. מיט דער צייט דערווייטערט מען זיך גאַנץ שטאַרק און מען גייט אין קעגנזעצלעכע ריכטונגען. באַזונדערס איז דאָס וואָל אויף די באַציאונגען צווישן די טרייד־יוניאָנס און דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די צענטריפוגאַלע טרייב־קראַפט האָט דאָ באַזונדערס שטאַרק געאַרבעט. און הגם אויף דער יידישער גאַס איז שטענדיק געווען בעסער, ווי אין דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער באַוועגונג, האָט אָבער די אַל־געמיינע טענדענץ אויך ביי יידן גובר געווען.

דערציילט ב. כאַנין פון שיקאַגאָ: „ווען איינער איז טעטיק אין יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אָדער אין די געווערקשאַפטן, איז אים שווער צו ווערן אַקטיוו אין אַרבעטער־רינג, ווייל די 'מאַשין' פון אַרבעטער־רינג באַ־טראַכט אים נישט פאַר אַן אונזעריקן. ווען אַרבעטער־רינג־מענטשן ווערן צו אַקטיוו אין פאַרבאַנד, קוקט די פאַרבאַנד־מאַשין מיט פאַרדאַכט. אָפטמאָל קומט צוליב דעם אַרויס אַ סך אומאַנגענעמלעכקייט. צוליב דעם ברעכט אויס פון צייט צו צייט אַ ברידער־קריג״... „יעדער ברענטש פון אַרבעטער־רינג איז געווען דער דירעקטער אָדער אומדירעקטער יוניאָן־אָרגאַניזער. ווען מיר נעמען אויף אַ מיטגליד, פאָדערן מיר פון אים ער זאָל זיך אַנשליסן אין זיין יוניאָן. טוען דאָס אויך אונזערע יוניאָנס? — ניין! די יוניאָנס באַצאָלן נישט דעם אַרבעטער־רינג דעם מאָראַלישן חוב, וואָס זיי זיינען שולדיק״.[137]

יעדער מאַכט שבת פאַר זיך. און עס געשעען נאָך ערגערע זאַכן. פון אַ צווייטער שטאָט, פון קליוולאַנד, דערציילט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון פאַר־באַנד, אַז ביי די וואַלן (1930) האָבן די יידישע לאָקאַלס פון די קלאָוקמאַכער יוניאָן און פון די קאַרפּענטערס געאַרבעט פאַר די קאַנדידאַטן פון דער רע־פּובליקאַנער פּאַרטיי. און ער רופט אויס מיט פאַרביטערונג: „יאָ, עס איז אַ משוגענע צייט. די סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע באַוועגונגען האָבן אַלץ אָוועקגעשטעלט צו דינסט פון דער יידישער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג, כדי צו

ראַטעווען זיי פֿון די קאָמוניסטן. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט איינגעשטעלט אין קאָן איר גוטן נאָמען, איר בעסטן מענטשן־מאַטעריאַל. דער אַרבעטער־רינג האָט געטון דאָס זעלבע. און די מיטגלידערשאַפֿט האָט געגעבן ריזיקע סומעס געלט די יוניאָנס צו העלפֿן אין דעם קאַמף קעגן זייערע אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים. און זיי, די יוניאָנס, באַצאָלן דערפֿאַר מיט באַליידיקן און צונישט מאַכן יענע אידעאַלן, פֿאַר וועלכע מיר און זיי האָבן אַזוי פֿיל געאַרבעט".[138]

דעם פֿאַרבאַנד איז אויסגעקומען זייער פֿיל זיך צו פֿאַרנעמען מיט ענינים פֿון דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג. דאָרטן איז געווען קאָנצענטרירט די יידישע אַרבעטערשאַפֿט, דאָרטן האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביטערע קאַמפֿן מיט די קאָמוניסטן. אַחוץ דעם איז אין טייל יוניאָנס נישט צוגעגאַנגען כשורה און ערלעך ביים באַזאָרגן די אינטערעסן פֿון די מיטגלידער.

ניו־יאָרק איז געווען און געבליבן דער הויפּט־צענטער פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט. דאָ זיינען אויפֿגעבויט געוואָרן פֿיל יוניאָנס, וועלכע האָבן אומגעהויערע פֿאַרדינסטן ביים אויפֿהויבן דעם לעבנס־מצב פֿון די יידישע אַרבעטער. די יוניאָנס האָבן פֿון דעם צעשאָטענעם מענטשן־שטויב געשאַפֿן אַ שטאַרקע קראַפֿט, וואָס קען זיך פֿאַרמעסטן מיט די פּראָפֿיט־גיריקע און ברוטאַלע אונטערנעמער. אויב היינט זיינען די אונטערנעמער פֿאָרזיכטיקער און קולטורעלער אין זייער באַציאונג צו די באַשעפֿטיקטע אַרבעטער, איז עס קודם־כל דער פֿאַרדינסט פֿון די טרייד־יוניאָנס. דער אַרבעטער קען היינט אַריינקומען אין שאַפּ מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, ער קען מיט חשיבות זיצן אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ.

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען די יידישע אַרבעטער אין זייער גרויסער מערהייט געווען באַשעפֿטיקט אין דער באַקלייד־אינדוסטריע. אַזוי ווי אויך די באַלעבאַטים זיינען על־פּי רוב געווען יידישע, איז די דאָזיקע אינדוסטריע באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ „יידישע". אין אַנדערע אינדוסטריעס זיינען אויך געווען באַשעפֿטיקט יידישע אַרבעטער, זיי האָבן אָבער דאָרטן געבילדעט אַ קליינעם פּראָצענט. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך דער מצב געביטן. יידישע אַרבעטער זיינען אין גרעסערע צאָלן אַריין אין אַ ריי אַנדערע אינדוסטריע־צווייגן, וואו זיי זיינען פֿריער בכלל נישט געווען אָדער זיינען געווען פֿאַרטרעטן אין אַ קליינער מאָס. פֿון דער צווייטער זייט איז געפֿאַלן דער אָנטייל פֿון די יידישע אַרבעטער אין די פֿאַרשידענע נאָדלפֿאַכן.

פֿון די 150 טויזנט ניו־יאָרקער בוי־אַרבעטער זיינען ביים סוף פֿון די צוואַנציקער יאָרן געווען 35 טויזנט יידישע. אין אַ ריי שטעט זיינען געווען אָרגאַניזירטע יידישע סטאָליאַרעס. זייער צאָל אין גאַנצן לאַנד איז געשאַצט געוואָרן אויף 50 טויזנט. טויזנטער יידישע אַרבעטער זיינען געווען באַשעפֿטיקט אין פֿיל אַנדערע אַלטע און נייע אינדוסטריע־צווייגן. אַ סך יידן זיינען געווען באַשעפֿטיקט אין דער אינדוסטריע פֿון מואווי־בילדער און ראַדיאָ. יידישע יונגעלייט זיינען אין גרויסע צאָלן געווען באַטייליקט אין די פֿרייע פּראָפֿעסיעס און אויך ווי באַאַמטע אין פּריוואַטע, מוניציפּאַלע און מלוכהשע אָפֿיסעס. אין ניו־יאָרק אַליין זיינען בערך אַ העלפֿט פֿון די 60 טויזנט טעקסי־שאָפֿערן

געווען יידן. ביים סוף פון די צוואַנציקער יאָרן האָט מען געשאַצט, אַז די מערהייט יידישע אַרבעטער געפינט זיך שוין ניט אין די נאָדל־פאַכן.[139]

די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט איבערגעלעבט אַ טאָפּלטע יערונג: אַן עקאָנאָמישע און אַ גייסטיקע. אין דער צייט, ווען ס'האָט זיך געהאַלטן אין ענדערן די באַשעפטיקונג־סטרוקטור פון די יידישע אַרבעטער, האָט זיך אויך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ פאַרביסענער קאַמף אין די טרייד־יוניאָנס צווישן די קאָמוניסטן און זייערע קעגנער. די קאָמוניסטישע ווירקונג צווישן די נישט־יידישע אַרבעטער איז געווען אַ נישטיקע, דאַקעגן איז זי געווען שטאַרק צווישן די יידן. אייניקע יוניאָנס זיינען געשטאַנען אין סכנה באַהערשט צו ווערן דורך די קאָמוניסטן. דער קאַמף האָט איצט אָנגענומען שאַרפע און ברוטאַלע פאָרמען. דאָרטן וואו די קאָמוניסטן האָבן איבערגענומען אַ טרייד־יוניאָן, האָט דאָס באַדייט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַקומט איבער דער אָרגאַניזאַציע און אירע מיטגלידער די שליטה. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט באַשטימט די טאַקטיק און האַנדלונגען פון דער יוניאָן. קעגן דער קאָמוניסטישער געפאַר זיינען געפירט געוואָרן באַזונדערס שווערע קאַמפן אין די יוניאָנס פון די נאָדל־פאַכן. ס'האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן באַקעמפן די קאָמוניסטישע בליקן אין די טרייד־יוניאָנס. פיל טוער פון די טרייד־יוניאָנס האָט די גאַנצע קאָמוניסטישע טעאָריע בכלל נישט אינטערעסירט. אַנדערע ווידער האָבן אַפילו געהאַט סימפּאַטיעס פאַר איר. די פירערשאַפט פון דער אַמאַלגאַמייטעד (יוניאָן פון מענער־שניידער) האָט אַפילו אָפן אַרויסגעוויזן איר סימפּאַטיע פאַרן סאָוועטישן רעזשים. זיי אַלע האָבן אָבער נישט געוואָלט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זאָל אָנוואַרפן איר ווילן די יוניאָנס. די טרייד־יוניאָניסטן זיינען געווען קעגן דעם, אַז אַ פּאָליטישע פּאַרטיי זאָל פאַרוואַנדלען די יוניאָנס אין אירס אַ געצייג.

אין 1925 איז די קאָמוניסטן געלונגען איבערצונעמען אייניקע לאָקאַלס און די דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין ניו־יאָרק. אין זעלבן יאָר איז פאַרגעקומען די קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנעל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, וואו די קאָמוניסטן האָבן זיך פאַרמאָסטן איבערצונעמען די אָרגאַניזאַציע. 18 טעג האָט געדויערט די קאָנווענשאָן, וואָס איז געווען פול מיט שטורמישע דעבאַטן און אינצידענטן. די קאָמוניסטן האָבן געבראַנגט אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן, וואָס די קאָנווענשאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען. און אַזוי זיינען געבליבן די כוחות־פאַרהעלטענישן פון 158 שטימען פאַר דער אַדמיניסטראַציע און 33 קעגן. אייניקע יאָר האָט אָנגעהאַלטן דער פאַרביסענער קאַמף מיט די קאָמוניסטן, בעת וועלכן די לעצטע האָבן אַפילו געשאַפן אַן אָפּאָזיציע־יוניאָן. סוף־כל־סוף זיינען די קאָמוניסטן באַזיגט געוואָרן. שטאַרק צוגעהאָלפן צו דעם האָט אַ פאַרלוירענער שטרייק, וואָס די קאָמוניסטן האָבן געפירט בערך 20 וואָכן אין יאָר 1926.

אין יאָר 1925 איז די קאָמוניסטן געלונגען איבערצונעמען אין זייערע הענט די יוניאָן פון די פאַריערס, און זי איז סוף־כל־סוף ביי זיי פאַרבליבן. אויך אין דער יוניאָן פון די פּיינטערס זיינען די קאָמוניסטן געווען שטאַרק און די אָרגאַניזאַציע איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, ביז עס האָבן גענומען די אויבערהאַנט די אַנטי־קאָמוניסטן. ביי די קעפּמייקער, לעדער־אַרבעטער און

אַנדערע פאַכן זיינען אויך געפירט געוואָרן קאַמפן אין די יוניאָנס צווישן די קאָמוניסטן און זייערע קעגנער. אין מאַנכע פאַלן האָבן די קאָמוניסטן גע־וואונען בלויז דערפאַר, וואָס דער צד שכנגד איז נישט געווען אייניק. נאָך מער, עס זיינען געווען פאַלן, ווען טיילן פון רעכטן לאַגער האָבן געמאַכט יד־אחת מיט די קאָמוניסטן און זיי געהאָלפן איבערנעמען די אָנפירונג. אין אַנדערע פאַלן האָט די קאָמוניסטן צוגעהאָלפן די שלעכטע לאַגע אין די פאַכן אָדער גאָר דער פאַקט, וואָס די אָנפירונג פון דער יוניאָן איז נישט געשטאַנען אויף דער הויך פון איר אויפגאַבע און די אַרבעטער זיינען אַרומגעגאַנגען מיט גערעכטע טענות, זיינען געווען פאַרביטערט און פאַרצווייפלט.

פירנדיק זייער אַרבעט פון אונטערגראָבן און שפּאַלטן די יוניאָן־באַוועגונג, האָבן די קאָמוניסטן דעמאַגאָגיש באַשולדיקט, אַז די טרייד יוניאָנס „האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין קאָמפּאַני־יוניאָנס, געשטיצט און אויפגעהאַלטן פון די באַלעבאַטים״.[140]

איינער פון די דעמאַלטיקע אָנגעזעענע קאָמוניסטישע יוניאָן־פירער האָט אַזוי געשריבן: „אָט דער קלאַס יוניאָן־ביוראָקראַטן און טשינאַוניקעס האָבן פאַרוואַנדלט די יוניאָנס פון קאַמף־אָרגאַניזאַציעס פאַר דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די אַרבעטער און פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרבעטער אין אָרגאַניזאַציעס, וואָס דינען באמת די אינטערעסן פון די באַלעבאַטים און העלפן פאַרערגערן די לאַגע פון די אַרבעטער און זיי נאָך מער צו אונטערדריקן און פאַרשקלאַפן״... „די אַלרייטניקעס פון ‚פאָרווערטס׳ זיינען איינגעטונקט אין גרעפּט און קאָרופּציע, לעבן ווי בורזשועז. זיי זיינען קאַפּיטאַליסטן אין פּולף זינען פון וואָרט״ און אַזוי כסדר אין זעלבן נוסח.[141]

די שפּראַך פון ביידע צדדים איז געווען נישט קיין איבערקלייבערישע. אָבער קיינער האָט די קאָמוניסטן נישט געקענט אויסקאָנקורירן אין הפקרות, אין גוואַלטיקע גוזמאות אָדער אין סתם אויסטראַכטן מעשיות און בלבולים. ביי שפּראַך אַליין איז עס נישט געבליבן שטיין. געשלעגן זיינען געוואָרן אַן אָפּטע דערשיינונג. און דערביי האָט מען זיך נישט געהיט צו באַנוצן זיך מיט געדונגענע שלעגער.

דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט אַ סך אויפמערקזאַמקייט געשענקט דער לאַגע אין דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג. ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ שווערע אויפגאַבע. קודם האָט ער געדאַרפט פועלן ביי די טרייד־יוניאָניסטן, אַפילו ביי סאָציאַליסטן, אַז ער זאָל זיך מעגן מישן, ריכטיקער — ער זאָל מעגן געבן זיין פּאָליטישע און מאָראַלישע הילף דעם צד, וואָס וויל נישט דערלאָזן איינשטעלן די קאָמוניסטישע מאַכט אין די יוניאָנס. צווייטנס, האָט ער נישט אַלע מאָל געקענט באַרעכטיקן די מעשים פון דער יוניאָן־פירער־שאַפט. די קאָנווענשאָנס און דער אָרגאַן פון פאַרבאַנד האָבן זיך פאַרנומען אַ סך מיט די טרייד־יוניאָן־פּראָבלעמען. מ'האָט געפילט בחוש, אַז דער קאַמף פאַר די יוניאָנס איז אַ פראַגע פון זיין אָדער נישט זיין פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין אַ לייט־אַרטיקל האָט געזאָגט דער אָרגאַן פון פאַרבאַנד: „די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז נישט קיין געפאַר פאַר אַמעריקע, נישט קיין געפאַר פאַר דער אַמעריקאַנער פרייהייט אָדער דעמאָקראַטיע״, ווייל די דאָזיקע באַ־

ווענונג איז אַ שוואַכע... „פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע איז אָבער די קאָמוניסטישע באַוועגונג יאָ אַ געפאַר, און זייער אַן ערנסטע געפאַר. דער קאָמוניזם אין אַמעריקע איז כמעט אויסשליסלעך אַ יידישע באַ־וועגונג, אַן איסט־סיידער באַוועגונג. שאָדן האָט ער געבררענגט און ברענגט און וועט נאָך ברענגען אויסשליסלעך דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. די קאָ־מוניסטן האָבן צעבראָכן און דעמאָראַליזירט די יידישע יוניאָנס. זיי האָבן באַשמוצט די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. זיי האָבן אַריינגעבררענגט דעם ׳באָד־יונג׳־טאָן אין דער יידיש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור. און לסוף: די קאָמוניסטן האָבן געשאַפן און האַלטן אָן דעם כוליגאַניזם אויף דער יידישער גאַס״. אין שייכות מיט דעם, וואָס די קאָמוניסטן האָבן אויף יוניאָן־סקווער אויפגעריסן אַ גרויסן אַרבעטער־מיטינג פאַר די אַרבעטער־מאַרטירער סאַקאָ און וואַנזעטי, איז די צייטונג געקומען צום אויספיר, אַז „די יידישע אַרבעטער טאָרן נישט לאָזן אַז דעם כוליגאַניזם זיך צעוואַקסן. דער קאָמוניסטישער טע־ראָר מוז אָפּגעשטעלט ווערן. די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס מוזן גלייך זיך נעמען אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ, וואָס זאָל פאַרטיידיקן זייערע מיטינגען, אַזוי גוט ווי זייערע מיטגלידער — אַ זעלבסטשוץ מוז גלייך אָרגאַניזירט ווערן!״[142]

דער פאַרביטערטער קאַמף קעגן די קאָמוניסטן האָט נישט פאַרבלענדט די אויגן פון די פאַרבאַנד־טוער אויף די געפאַרן, וואָס דראָען פון אַ צווייטער זייט. זאָרגנדיק פאַר דער ערלעכקייט און אידעאישקייט פון די יוניאָנס, האָבן זיי געוואָרנט נישט צו דערלאָזן, אַז אומגעוואונטשטע עלעמענטן, וואָס גייען מיטן רעכטן לאַגער, זאָלן אויסנוצן די סומאַטאָכע און זיך צוכאַפּן צום רודער.

„פירנדיק דעם איצטיקן קאַמף קעגן די קאָמוניסטן — האָט געשריבן ב. כאַנין — דאַרפן אָבער די אָרנטלעכע טוער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין זינען האָבן אויך אַ צווייטע זאַך. נעמלעך: זען, אַז דעם איצטיקן קאַמף זאָלן נישט אויסנוצן אַזעלכע פערזאָנען, וואָס האָבן זייערע אייגענע פערזענלעכע אינטערעסן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ דאַנק דעם קאַמף, וואָס די קאָמוניסטן האָבן געפירט במשך די לעצטע פינף יאָר אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן זיך געגוג אומגעוואונשטע עלעמענטן צוגעטוליעט צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אַ קרעמל פאַר זייערע צוועקן און פאַר זייערע אינטערעסן. אַזעלכע פערזאָנען זיינען געווען גענוג אין דער פאַריער־יוניאָן, אין דער קלאָוקמאַכער־יוניאָן, אין דער פענסי לעדער־גודס־יוניאָן, אין דער פיינטערס־יוניאָן און אין אַנדערע יוניאָנס. זיי צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן האָבן עס נישט צוזאַמענגערעדטערהייט, גע־ברענגט דעם איצטיקן חורבן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אויב מיר פירן איצט אַ קאַמף קעגן די קאָמוניסטן, מוזן מיר גלייכצייטיק אויך אויף דעם שטאַרקסטן אופן באַקעמפן יענע אַזוי־גערופענע ׳רעכטע׳, וואָס האָבן מער ווי אומכבוד דער רעכטער באַוועגונג נישט פאַרשאַפט. אונז איז אפילו איצט באַקאַנט אַ גאַנצע ריי יוניאָנס, וואו אויפריכטיקע רעכטע, גוטע סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און אַנדערע פירן אַ קאַמף קעגן מאַנכע פירער און פירונגען פון זייערע יוניאָנס״.[143]

און אַזוי גוט ווי די פאַרבאַנד־טוער האָבן נישט געזאָגט, אַז אויב אַ רעכטער

איז ער כלו־זכאי, אַזוי האָבן זיי געהאַט דעם מאָראַלישן מוט נישט צו זאָגן, אַז אויב אַ קאָמוניסט איז ער כלו־חייב: „פון ביידע זייטן — האָט געשריבן חיים קאַנטאָראָוויטש — ווערן באַנוצט אַזעלכע מיטלען, וואָס וועלן אויף אַלע מאָל פאַרבלייבן שאַנד־פלעקן אויף דער באַוועגונג. פון אַן אינערלעכן קאַמף צווישן ריכטונגען, איז דאָס געוואָרן אַ גאָרילאַ־קאַמף אין דעם פולסטן זין פון וואָרט. פרעגן זיך איצט ווער זיינען די צדיקים און ווער זיינען די רשעים איז פשוט נאַריש. מיר זיינען איבערצייגט, אַז אַלע רשעים זיינען ביי די קאָמוניסטן; זיי זיינען איבערצייגט, אַז אַלע רשעים זיינען ביי אונז. עס וועט לאַנג, לאַנג געדויערן ביז דער אָביעקטיווער היסטאָריקער וועט קענען (אויב ער וועט קענען?) אויפדעקן די אמתע געשיכטע פון דעם איצטיקן קאַמף. איינס אָבער איז זיכער: די לינקע זיינען שולדיק אין דעם אופן ווי אַזוי דער קאַמף ווערט געפירט. זיי האָבן אָט די מעטאָדן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אַריינגעבראַכט. זיי האָבן אָט די מיטלען באַרעכטיקט. זיי האָבן דעם גאָרילאַ־קאַמף אַרויפגעצוואונגען אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג, זיי האָבן דאָס טעאָרעטיש באַרעכטיקט, געמאַכט פון דעם אַ פּרינציפּ.‟[144]

פון פאַרשידענע פלאַגן האָט די יידישע טרייד־יוניאָן־באַוועגונג געליטן אין איר אויפקום און אויפשטייג: סקעבערײַ, גענגסטעררײַ און קאָרופּציע. די יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך באַמיט, אַז די יוניאָנס זאָלן זיין ריין פון די אַלע פלאָגן און קרענק. אין הסכם מיט דער טראַדיציע האָט אויך דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד אַנטשידן זיך איינגעשטעלט פאַר ערלעכקייט און אָרנטלעכקייט. אין די צוואַנציקער יאָרן זיינען אויפגעדעקט געוואָרן אַ ריי סקאַנדאַליעזע מעשים פון מאַנכע יוניאָן־טוער. אין שייכות מיט דעם סקאַנדאַל אין דער יוניאָן פון פענסי לעדער־גודס האָט דער אָרגאַן פון פאַרבאַנד אין אַ לייט־אַרטיקל פעסטגעשטעלט: „עס איז ליידער אַ טרויעריקער פאַקט, אַז אַ טייל פון אונזערע פירער אין די יוניאָנס האָבן אין די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן פאַרגעסן זייערע אויפגאַבן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי האָבן גענומען באַטראַכטן די יוניאָנס פאַר זייער אייגנטום און זיי האָבן געטאָן פיל זאַכן, וואָס האָבן זיך פאַר זיי פּערזענלעך געלוינט. דער ווילקיר און די קאָרופּציע אין אייניקע יוניאָנס האָבן געצוואונגען די נישט־קאָמוניסטישע מיטגלידער איבערצוגעבן די יוניאָנס אין די הענט פון די קאָמוניסטן. נישט ווייל זיי האָבן ליב געהאַט די לינקע, נאָר ווייל זיי האָבן זיך געוואָלט באַפרייען פון דער אומריינער טאַקטיק, וואָס מאַנכע פון אונזערע יוניאָן־פירער האָבן אָנגעווענדט‟[145]. דערביי ווערט קריטיקירט די פאַלשע טאַקטיק פון דער יידישער אַרבעטער־פּרעסע, וואָס פאַרשווייגט סקאַנדאַלן נישט מחמת מ׳וויל פאַרדעקן די קאָרופּציע, נאָר צוליב מורא, אַז דאָס וועט אַריינשפּילן אין די הענט פון די קאָמוניסטן. מ׳האָט מודה געווען, אַז צוליבן זעלבן טעם האָט אויך דער פאַרבאַנד מאַנכעס מאָל מורא געהאַט אַנצוואַווייזן אויף אַ קאָרופּציע־נעסט. די סאָציאַליסטן זיינען גערופן געוואָרן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן די קאָ־רופּציע אין די יוניאָנס צו באַקעמפן מוטיק און אָפן.

אויך אַנדערע זייטן פון דער יוניאָן־טעטיקייט זיינען קריטיקירט געוואָרן. דער פאַרבאַנד האָט אויפגעוויזן ווי פאַלש און שעדלעך ס׳איז די באַציאונג פון אַ ריי יוניאָנס צו די פרישע אימיגראַנטן, פאַר וועלכע מען פאַרמאַכט די

טירן פון די אָרגאַניזאַציעס און פון די שעפּער. דאָס איז נישט בלויז אַ מענטשלעכע עוולה, נאָר מ׳שטופּט מיט דעם טויזנטער יונגע יידישע אַרבעטער אין די אָרעמס פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. מ׳האָט געטאַדלט דיקטאָ־טאָרישע נייגונגען און האַנדלונגען פון געוויסע יוניאָן־פּרעזידענטן. מ׳האָט אויך אָנגעוויזן, אַז אויף די קאָנווענשאָנס הערט מען בלויז די אָפיציעלע רעדעס און די דעלעגאַטן שווייגן. מ׳הויבט מעכאַניש די הענט. אויב מ׳רעדט זיך יאָ אַראָפּ פון האַרצן, איז עס אין דער לאַבי. אַ קריטישע באַציאונג איז אויך געווען צו דער קאָנסערוואַטיווער פּאָליטיק פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר און איר נאָכשלעפּן זיך אין עק פון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען. דערביי זיינען קריטיקירט געוואָרן די יידישע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן זיך נישט באַמיט אַרויסצוטרעטן לטובת אַן אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־פּאָליטיק. מיט ביטערקייט איז גערעדט געוואָרן וועגן די שווערע אַנטוישונגען, וואָס עס ברענגט דאָס שטיצן ביי די וואַלן די כלומרשטע אַרבעטער־פריינט פון די דעמאָקראַטן און רעפּובליקאַנער.

די שולד פון שלעכטן מצב — האָט מען פעסטגעשטעלט — איז נישט בלויז פון די פירער. די גאַנצע יידישע אַרבעטערשאַפט טראָגט די שולד. אַזאַ שאַרף בילד פון די באַציאונגען אין די שעפּער און יוניאָנס האָט געגעבן סאַמואיל (נ. כאַנין): „די יידישע אַרבעטער־מאַסע האָט הינטער זיך נישט קיין טראַדיציע. דער יידישער אַרבעטער לעבט נאָך אַלץ מיט דער האָפענונג טאָמער, אפשר וועט זיך גאָט איבער אים מרחם זיין און ער וועט ווערן אויס אַרבעטער. ער גלויבט נאָך אַלץ אין דעם צופאַל, וועלכער וועט אים פון שאַפּ אַרויסנעמען. איך האָב אַמאָל געמאַכט אַן אַנקעטע צווישן די אַרבעטער אין דעם שאַפּ, אין וועלכן איך האָב געאַרבעט. אויף די פראַגן: זענט איר אַוועק אַמאָל פון פאַך? זענט איר געווען אין אייגענע ביזנעס? — האָבן פון 70 אַרבעטער 40 געענטפערט, אַז זיי זיינען שוין צו צוויי און צו דריי מאָל געגאַנגען אין ביזנעס, געפּטרט דאָס געלט און געקומען צוריק אין שאַפּ. יידישע אַרבעטער באַמיען זיך מער צו פאַרדינען ניט דערפאַר, וואָס זיי האָבן אין זינען אַ בעסער לעבן פאַר דער פאַמיליע, נאָר זיי האָפן דורך גרויסע פאַרדינסטן אָפּשפּאָרן געלט און גיין פאַר זיך אין ביזנעס. דער יידישער אַרבעטער איז אין שאַפּ ענגהאַרציק. זאָלן אַרבעטער אַרומגיין אָן אַרבעט, שטאַרבן פון הונגער. אויב זיין שאַפּ אַרבעט און די יוניאָן וועט וועלן באַזעצן נאָך אַ פּאָר לײדיק־גייער אין זיין שאַפּ, וועט ער מיט דעם בעל־הבית אַריינגיין אין די מיאוסטע ׳דילס׳, אַבי זיין יוניאָן זאָל נישט אויספירן און קיינער זאָל אין זיין שאַפּ נישט אַרויפקומען. אַפילו היינט איז דער יוניאָן שווער אויסצוגעפינען אונטער וואָסערע באַדינגונגען די אַרבעטער אין די שעפּער אַרבעטן, ווייל די אַרבע־טער מאַכן געהיימע אָפּמאַכונגען מיט די בעלי־בתים, אַבי זייער שאַפּ זאָל האָבן אַרבעט״. אין די שעפּער צווישן די אַרבעטער גופא איז נישטאָ קיין יושרדיקע גלייכהייט. עס זיינען נישט יושרדיק פאַרטיילט די פרייזן אויף פאַרשידענע סאָרטן אַרבעט. עס זיינען פאַראַן יחסנים און פּאַריער — די „16־טע ראָטע״... „היינט איז אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג קיין אידעאַליזם נישטאָ. די יוניאָנס זיינען געוואָרן שטיין־רייד״... „אַמאָל איז די באַוועגונג פאַר דעם פירער געווען זיין רעליגיע. מיט איר האָט ער פאַרבונדן זיין האַרץ, זיין נשמה.

היינט איז דאָס ביי אים אַן אַרבעט, פאַר וועלכער ער דאַרף רייסן הויכע שכירות און אַרבעטן ווייניקער. באַגעגנט מען איצט אַ מענטשן מיט אידעאַליזם, באַטראַכט מען אים פאַר אַ טויגעניכטס, אַ יאָלד, אַ בטלן".[146]

פיל האַרמאָנישער זיינען געווען די באַציאונגען צווישן פאַרבאַנד און דעם אַרבעטער־רינג. דער אַרבעטער־אָרדן האָט צווישן זיינע מיטגלידער געהאַט אַלע שאַטירונגען, אַחוץ דער פּאַרטייאיש־ציוניסטישער. די פּועלי־ציון האָבן געהאַט זייער אייגענעם אָרדן — דעם יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. דאָמי־נירט אין אַרבעטער־רינג האָבן די סאָציאַליסטישע עלעמענטן, וועלכע זיינען אין דער אַלטער היים געווען מיטגלידער פון „בונד" און אַנדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. בעיקר אונטער זייער ווירקונג איז דער אַרבעטער־רינג אַרויף אויפן וועג פון פירן אַ ברייטע קולטור־טעטיקייט און שאַפן יידישע שולן. דערביי האָט מען געדאַרפט אויספעכטן אַ שווערן קאַמף און גובר זיין דעם ווידערשטאַנד מצד די אַסימילאַטאָריש־געשטימטע מיטגלידער, ביי וועלכע קאָסמאָפּאָליטיזם איז געווען אַ טייל פון זייער סאָציאַליסטישקייט און אַסימילאַציע — אַ טייל פון זייער אַמעריקאַניזם. דער פאַרבאַנד האָט זיך מיט ביידע פיס געשטעלט אויף דער זייט פון די, וועלכע האָבן אין אַרבעטער־רינג געוואָלט זען אַ פאַר־שטאַרקטע יידיש־קולטורעלע טעטיקייט און נישט באַגנוגענען זיך בלויז מיט בענעפיטן אָדער מיט אַבסטראַקטער סאָציאַליסטישקייט אָן אַ לעבעדיקן אינהאַלט.

דער קולטור־קאַמף אין אַרבעטער־רינג איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרשטויסן געוואָרן דורך דעם קאַמף, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט מיט די קאָ־מוניסטן. די ברייטע אויטאָנאָמיע, וואָס עס פאַרמאָגן די בראַנטשעס, האָט די קאָמוניסטן געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פירן זייער פּראָפּאַגאַנדע און פאַר־שפּרייטן זייערע אידייען. קיינער האָט זיי נישט געוואָלט שטערן אין דעם. די קאָמוניסטן איז געגאַנגען אין עפּעס אַנדערש. זיי האָבן נישט געוואָלט דער־לאָזן, אַז אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פראַגן זאָל דער יידישער אַרבעטער־אָרדן אָננעמען באַשלוסן, וואָס איז זיי נישט צום האַרצן. און דאָס וויכטיקסטע: זיי האָבן געאַרבעט אין דער ריכטונג פון איבערנעמען דעם אָרדן אין זייערע הענט.

אין אַרבעטער־רינג איז במשך פון אַ צענטליק יאָר געפירט געוואָרן אַ ביטערער אינערלעכער קאַמף. אין 1925 איז די קאָמוניסטן מיט דער הילף פון אַ גרופּע אומפּאַרטייאישע שול־טוער און לערער געלונגען אַפּצורייסן אַ גרויסע צאָל שולן פון אַרבעטער־רינג. די אומפּאַרטייאישע לערער האָבן גע־האָט די אילוזיע, אַז אַמבעסטן וועלן זיי קענען אָפּהיטן די אומפּאַרטייאישקייט פון די שולן, ווען זיי וועלן האָבן די קאָמוניסטן פאַר אַפּוטרופּסים... ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און זיי האָבן איינגעזען דעם ביטערן טעות און דעם גרויסן שאָדן. דער קאַמף פון די קאָמוניסטן אין אַרבעטער־רינג איז געפירט געוואָרן לויט אַלע כללים פון זייער קריגס־טעכניק. לסוף האָבן זיי אין אָקטאָבער 1929 דורכגעפירט אַ פאָרמעלע שפּאַלטונג און געגרינדעט דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. אין קאַמף קעגן דער קאָמוניסטישער ווילדער אָפּאָזיציע, צע־שטערונג און שפּאַלטונג האָט דער אַרבעטער־רינג שטענדיק געהאַט אַלס זיין אַקטיוון און טרייסטן העלפער דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

21. אין די צוואַנציקער יאָרן

ווירקונגען פון די רייסערייען.—נישטאָ די יוגנט.—ווידער פּרואוון פון אַ יוגנט־אַרבעט.—אָנטייל פון פאַרבאַנד אין די וואַל־קאַמפּאַניעס.—די סיבות פון דער שוואַכקייט.—אידעאַליזם און פּראַקטישקייט.—שפּאַלטונגען ביי די קאָמוניסטן.—וואַקלדיקייט פון נישט־קאָמוניסטישן לאַגער.—יידישע קאָלאָניזאַציע אין סאָוועט־רוסלאַנד און פּאַלעסטינע.—קאָסמאָפּאָליטיזם דאָ און נאַציאָנאַליזם דאָרטן.—פּראָטעסטן קעגן דער גלייכגילטיקער באַציאונג צו די נויטן פון די יידישע אַרבעטער אין מזרח־אייראָפּע און אַמעריקע.—מ׳פּרואווט אַרויסגיין פון בלינדן געסל.

כל־זמן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען אַ געאייניקטע, האָט איר ווירקונגס־ספערע געקענט זיין אַ ברייטע. אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך איז איר טאַקע געלונגען צו ווערן די טאָן־געבערין אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַנדערש איז געוואָרן אין די צוואַנציקער יאָרן. די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן האָבן זיך קעגנזייטיק אַטאַקירט און אַרונטערגעריסן אין די אויגן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער דרך־ארץ און צוטרוי צו ביידן איז ביי אַ סך פאַרלוירן געגאַנגען. אין די רייסערייען איז די שיין פון די אידעאַלן ווי אויסגעלאָשן געוואָרן.

אין פאַרשידענע ערטער האָבן פאַרשטאַרקט זייער ווירקונג די כלי־קודש אָדער סתם די פּני פון באַלעבאַטישן לאַגער. אין דער פרייער אַמעריקע, וואָס האָט ביי די יידן אין דער אַלטער היים געהאַט אַ שם פאַר אַ שטאַרק אפּיקורסישע, האָט אין אַן אָרטיקער אָפּטיילונג פון אַזאַ ראַדיקאַלער אָרגאַניזאַציע ווי ס׳איז דער אַרבעטער־רינג, אין 1928 געקענט געשען אַזאַ פאַל: אין שטעטל שעבאָגען, וויסקאָנסין, איז געקומען אַלס פאָרשטייער פון אַרבעטער־רינג נ. כאַנין. אַ לייבאָר־לייסעאום און אַן אַרבעטער־רינג ברענטש האָבן דאָרטן געפירט אַ נאָרמאַלע טעטיקייט. כאַנין איז צו זיי געקומען אויף פרייטיק אָוונט. מיט גרויס מי האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַוועגן, אַז זיי זאָלן אָפּהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג, ווייל פרייטיק קומען זיי זיך נישט צונויף צוליב דער פרומקייט פון שטעטל. און אָט ווי ס׳האָט אויסגעזען: „נאָך דעם ווי דאָס גאַנצע שטעטל האָט אָפּגעבענטשט ליכט, אָפּגעדאַוונט אין שול, אָפּגעגעסן די אמת־שבתדיקע לאָקשן, האָט מען זיך גענומען קלייבן אין לייבאָר־לייסעאום. אַלע פאַרזאַמלטע זיינען געזעסן אין היטלען. מען האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל חלילה נישט פאַררויכערן קיין סיגאַרעט״.[147]

אַזוי ווייט איז מען אין אַנדערע ערטער נישט געגאַנגען. דער אַלגעמיינער גייסט פון אַרבעטער־רינג איז געבליבן אַ ראַדיקאַלער, אין דער אַרבעטער־מאַסע איז אָבער געווען אַ גרויסער קאָנסערוואַטיווער טייל, וואָס האָט זיך געשטופּט אין די שולן און סאָסייעטיס. אַז פיל יידישע אַרבעטער האָבן נישט געוואָלט געהערן צום אַרבעטער־רינג, שוין אָפּגערעדט צו אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, האָט מען געקענט הערן פון אַלע זייטן. די סאָציאַליסטן און

קאָמוניסטן האָבן זיך אַרומגעריסן, און דער ברייטער עולם איז געבליבן אַלץ מער און מער אין אַ זייט. און פיל פוןביידע קעמפנדיקע לאַגערן זיינען מיט דער צייט אַליין געוואָרן מיד און אָפּגעשטאַנען.

איינע פון די גרעסטע שוואַכקייטן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע איז שטענדיק געווען דאָס פעלן פון אַ נאַטירלעכן צוואוקס. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט עס פשוט געריסן אין די אויגן. אַמאָליקע צייטן פלעגן זיך נאָך דאָ און דאָרטן ווייזן איינצלנע יוגנטלעכע. דעם חסרון האָט מען אַזוי שטאַרק נישט באַמערקט, ווייל די גאַנצע מיטגלי־דערשאַפט איז געווען אַ ייִנגערע. איצט זיינען די מיטגלידער געווען עלטער און קיין פאַרבייט איז נישט געקומען. דער דור הולך האָט נישט געזען קיין דור בא. די טראַגעדיע איז געווען נאָך גרעסער מיט דעם, וואָס מ'האָט אַפילו נישט געקענט רעכענען אויף די אייגענע קינדער. נישט די שפּראַך איז געווען די מניעה. מ'האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז צו דער יוגנט וואָס קען נישט קיין יידיש, דאַרף מען ריידן אין ענגליש. יינגלעך און מיידלעך פון די יידישע היימען זיינען דורך דער אַלגעמיינער שול און דורך דער גאַס אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ספערע פון אַמעריקאַניזם. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט נישט באַוויזן צו שאַפן אַן אַטמאָספער, וואָס זאָל צוציִען צו זיך גרעסערע מאַסן יוגנטלעכע. בלויז געציילטע זיינען געוואונען געוואָרן פאַרן סאָציאַליסטישן אידעאַל.

אין די צוואַנציקער יאָרן זיינען געמאַכט געוואָרן אייניקע פּרוואון צו געווינען די יוגנט. די בייע שול־באַוועגונג האָט אַריינגעצויגן טויזנטער קינ־דער. ביים אַרבעטער־רינג זיינען געשאַפן געוואָרן יוגנט־קלובן און יוגנט־ברענטשעס. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט צוגעצויגן צו זיך אַ גרעסערע צאָל סטודענטן אין די קאַלעדזשעס. ביים יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד זיינען אַנטשטאַנען אין אייניקע ערטער „צוקונפט"־גרופּעס, על פי רוב פון יוגנטלעכע, וועלכע האָבן פריִער געהערט צום יוגנט־בונד „צוקונפט" אין פוילן. דאָרטן וואו די „צוקונפט"־גרופּעס האָבן עקזיסטירט, האָבן זיי געפירט אַן ענערגישע, פאַרצוויגטע טעטיקייט און אַריינגעבראַכט לעבן און אימפּעט. דער־ציילנדיק וועגן דער טעטיקייט פון די „צוקונפטיסטן", האָט דער פאַרבאַנד־טוער ש. לעוויטאַס געשריבן: „וואָס פאַר אַ גרויסן טעות מיר האָבן געמאַכט, בעת מיר האָבן געטראַכט אַז כמעט אַלע יונגע, וואָס קומען פון דאָרטן און ספּעציעל פון פוילן, זיינען קאָמוניסטן!"[148]. דורך די יוגנט־קלובן ביים אַרבעטער־רינג האָט מען אויך געוואָלט די יוגנטלעכע דערנענטערן צו דער יידישער שפּראַך און קולטור מיט אַ צוגעפּאַסט פּראָגראַם פון טעטיקייט. קיין דערפאַרונג איז אויף דעם געביט נישט געווען. האָט מען עקספּערימענטירט, געזוכט און גע־פּרוווט אויסטרעטן אַ גוטן וועג. די אַרבעט האָט אָבער ווייט נישט צופרידנ־געשטעלט. פון דער צווייטער זייט זיינען אין די אָרגאַניזאַציעס געווען מיט־גלידער און טוער, וועלכע האָבן געקוקט קרום אויף דער יוגנט־אַרבעט, ווייל זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר אַן אומנוצלעכע זאַך. און מיט רעכט האָט ב. לעוויטין געצויגן די אויפמערקזאַמקייט, אַז „גראַד אונזערע אַלטע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אַליין דורכגעמאַכט אַ קאַמף מיט זייערע עלטערן צוליב דעם תהום, וואָס האָט געהערשט צווישן זייערע אידייען און באַגריפן וועגן לעבן, דערלויבן אַז אַן

ענלעכער תהום זאָל געשאַפן ווערן צווישן זיי און זייערע אייגענע קינדער. די קינדער פון די מערסטע אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן זײַנען פּונקט אַזוי ווײַט פון די אידייען און פּאָליטישע באַגריפן פון זייערע עלטערן, ווי די עלטערן זײַנען געווען פון זייערע טאַטעס. דער איינציקער אונטערשיד איז, וואָס די אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערן זײַנען אַוועק ווײַט לינקס פון זייערע עלטערן בעת די אַמעריקאַנער קינדער גייען פּונקט אַזוי ווײַט רעכטס פון זייערע סאָציאַליסטישע עלטערן".[149]

דאָס פּראָבלעם פון געווינען די יוגנט און פון אויסברייטערן די סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג, אַז זי זאָל באמת אַרומנעמען ברייטע שיכטן יידישע אַר־בעטער, האָט געמאַטערט און געמאָנט. אָפט האָט מען די פראַגע באַהאַנדלט. מיט די קליינע פאַרטשריטן פון פאַרבאַנד האָט מען זיך נישט געוואָלט צופרידנ־שטעלן. אַן ענטפער איז אָבער געווען שווער צו געפינען. און שווער איז דאָס געווען דערפאַר, ווײַל די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט נישט געהאַט די צוויי הויפּט־זיילן, אויף וועלכע זי זאָל זיך קענען אָנשפּאַרן. פון איין זײַט די גלייכגילטיקייט און אין פיל פאַלן אפילו אַקטיווע קעגנערשאַפט פון די יוניאָנס. די דאָזיקע גרויסע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן נאַטירלעך גע־דאַרפט זײַן די ווינקלשטיינער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין שטײַנער אויפן וועג. פון דער צווייטער זײַט דער באַרג־אַראָפּ פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אויפן שלעכטן גורל פון פאַרבאַנד איז אויסגעפאַלן צו קומען אין אַ צײַט, ווען די ס. פּ. איז כסדר געוואָרן שוואַכער און שוואַכער, האָט פאַרלוירן מיטגלידער און איינפלוס. און ווען דער שטאַם דאַרט איין, קען דער צווייג נישט בליען.

דער פאַרבאַנד האָט זיך באַמיט צו טון זײַן חלק סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־אַרבעט. באַזונדערס אַקטיוו אויף דעם געביט איז ער געווען בעת די וואַל־קאַמפּאַניעס. ער האָט אַרויסגעגעבן אין יידיש אויפרופן און איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען פון יידישע וויילער. ביי די פּרעזידענט־וואַלן אין יאָר 1928 איז שוין די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געווען אָרגאַניזאַציאָנעל זייער אָפּגעשוואַכט. פון די 48 שטאַטן האָט זי אין בערך אַ העלפט בכלל קיין שום אָרגאַניזאַציע נישט געהאַט. אין פיל ערטער זײַנען די פאַרבאַנד־ברענטשעס געווען די, וועלכע האָבן אויסגעטראָגן די גאַנצע לאַסט פון דער וואַל־אַגיטאַציע און אַנדערע אַר־בעטן. דער פאַרבאַנד האָט אַרויסגעשיקט איבערן לאַנד פּ. דעמביצער, ה. קאַנטאָראָוויטש, ב. מיימאַן און אַנדערע רעדנער צו פירן די סאָציאַליסטישע וואַל־קאַמפּאַניע אויף דער יידישער גאַס. אין 1920 האָט נאָך דער סאָציאַלי־סטישער פּרעזידענט־קאַנדידאַט יודזשין וו. דעבס געצויגן קרוב אַ מיליאָן שטימען. אין 1924 האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַראָפּגענומען איר פאָן לטובת דעם בשותפותדיקן פּראָגרעסיוו־בירגערלעכן קאַנדידאַט לאַפאָלעט. נאָך אַן איבעררײַס פון 8 יאָר האָט די ס. פּ. באַשײַנפּערלעך באַוויזן ווי אָפּגעשוואַכט זי איז געוואָרן. פון דער צווייטער זײַט האָט מען אויך קלאָר געקענט זען, ווי נויטיק ס'איז אַ כסדרדיקע אַקטיווקייט פאַר דער פּאַרטיי. אַ דאַנק דער וואַל־קאַמפּאַניע איז געלונגען צו געווינען און אַקטיוויזירן אַ היפּשע צאָל יונגע מענטשן, וועלכע האָבן מיט באַגײַסטערונג זיך געשטעלט אין דינסט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. און הגם די פּאַרטיי האָט מיט 8 יאָר

שפּעטער באַקומען בערך אַ העלפט שטימען, ווי אין 1920, איז מען דאָך ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן. מ׳האָט אין פאַקט פון גיין גיין זעלבסטשטענדיק צו די וואַלן געזען אַ סימן פון לעבן נאָכן צוריקציִען זיך אין 1924. און דער עיקר — אַ ריי פאַרשלאָפענע און אָפּגעטויטע אָרגאַניזאַציעס האָבן צוריק אויפגעלעבט. פיל סאָציאַליסטן, וואָס זיינען אין די פריערדיקע יאָרן אַוועק פון דער פּאַרטיי, האָבן זיך צוריקגעקערט. אַ לייכטער אָפּטימיזם האָט זיך באַוויזן. די דאָזיקע שטימונג האָט אויך אויסגעזען צו זיין באַרעכטיקט מיט אַ יאָר שפּעטער, ווען דער סאָציאַליסטישער מעיאָר־קאַנדידאַט, נאָרמאַן טאָמאַס, האָט אין די וואַלן פון 1929 באַקומען אין ניו־יאָרק 175 טויזנט שטימען.

אין יאָר 1930, ווען דער סאָציאַליסטישער טוער דזש. מאורער האָט קאַנדידירט פאַר גאָווערנאָר אין שטאַט פּענסילוועניע, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ צוריקגעהאַלטנקייט פון יידישע אַרבעטער. געוויינלעך זיינען יידישע אַרבעטער געווען פּראָפּאָרציאָנעל מער פאַרטרעטן אין די שטימען פאַר סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן. און דער אָרגאַן פון פאַרבאַנד האָט אין אַ לייט־אַרטיקל אויסגעדריקט „אַ פאַרדרוס, וואָס אונזער יידישע פילאַדעלפיע מיט אַזוי פיל יידישע אַרבעטער און אַ גרויסער צאָל מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג איז אָפּגעשטאַנען פון סאָציאַליסטישן וואוקס. אַמעריקאַנער דאַרפן ווערן סאָציאַליסטן, אָבער יידן דאַרפן ניט אָפּשטיין פון סאָציאַליזם. פון אַ וואַל־קאַמפּיין אין פּיטסבורג האָבן מיר ביז אַהער גאָרנישט געהערט״.[150]

די מערכה פון פאַרבאַנד איז געווען אָפּהענגיק אי פון די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אויף דער יידישער גאַס, אי פון דער דאַליע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע. די מיטגלידער און טוער פון פאַרבאַנד האָבן זיך אָפּט פאַרטראַכט וועגן דער פאַמעלעכער אַנטוויקלונג פון זייער אָרגאַניזאַציע און וועגן געפינען מיטלען צו פאַראינטערעסירן די ברייטע יידישע אַרבעטער־מאַסן מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

פאַרוואָס די יידישע אַרבעטער געפינען זיך נישט אין גענוגנדיקע צאָלן אין דער פּאַרטיי און פאַרבאַנד זיינען אָנגעוויזן געוואָרן פאַרשידענע סיבות: די יוניאָנס האָבן זיך אומגעקערט מיטן רוקן צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, די יידישע אַרבעטער זיינען באַהערשט געוואָרן פון אַ ציניזם, האָבן אין זינען בלויז זייערע גראָשנדיקע אינטערעסן. אַחוץ דעם פאַלט אין אַ סך שטעט בכלל די צאָל יידישע אַרבעטער. ביי דעם אַלעם איז דאָך נאָך פאַרבליבן אַ גרויסע יידישע אַרבעטער־מאַסע, און אין ניו־יאָרק הונדערטער טויזנטער יידישע אַרבעטער. וואָס־זשע איז פאַרט מיט זיי? טייל האָבן אָנגעוויזן, אַז די סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע נעמט נישט אויס דערפאַר, וואָס די אַרבעטער לעבט זיך גאַנץ נישקשהדיק, שטרעבן זיי נישט צו אַן ענדערונג פון געזעלשאַפטלעכן סיסטעם. געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געמיינט, אַז די צרה שטעקט אין דעם, וואָס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פאַרמאָגט אַליין נישט צו פיל אידעאַליזם, במילא קען זי נישט באַגייסטערן און צוציִען אַ גרויסן עולם. אַנדערע ווידער האָבן געמיינט פאַרקערט: די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז צו אַבסטראַקט מיט אירע פּראָבלעמען. זיי האָבן רעקאָמענדירט, אַז די ס.פּ. און דער פאַרבאַנד זאָלן שטיין מיטביידע פיס אויף דער האַרטער ערד פון אַמעריקע, זיך פאַרנעמען מיט קאָנקרעטע לאָקאַלע פראַגן, וועט

דאָס זיין אַ סגולה צו דערפאָלג. ווייניקער לעבן מיט רוסלאַנד, מיט פּוילן, מיט פּאַלעסטינע, מיט דייטשלאַנד — מער מיט שיקאַגאָ און ניו־יאָרק; ווייניקער מיט די צרות אויף יענער זייט ים — מער מיט דעם ים צרות דאָ אין אַמעריקע.

אַזאַ שאַרפער באַאָבאַכטער, ווי א. ליטוואַק, האָט וועגן דער אַנגעוויטיקטער פּראַגע געשריבן: „אונזער אומגליק איז, וואָס מיר האָבן פאַרגעסן דעם וועג צו די מאַסן. מיר טרעפן זיך מיט אַרבעטער, אָבער נאָר אַלס יוניאָן־טוער, אַלס אַמט־טרעגער אין אַרבעטער־רינג, אַלס אַ שטיקל נאַטשאַלסטווע, אָבער נישט אַלס גלייכע, נישט אַלס סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרן, וואָס קוקן אַריין אין אַלע ווינקעלעך פונם אַרבעטער־לעבן, וואָס ריידן מיט דער מאַסע פון האַרץ צו האַרץ. מיר באַגעגענען זיך נאָר מיט דער סמעטענע פון דער מאַסע, וואָס ווייס שוין אַלץ, פאַרשטייט אַלץ און האָט איבערגעלעבט אַלע אַנטוישונגען״... „יידישע אַרבעטער זיינען פאַראַנען, אָבער נישט פאַר אונז. מיר געפינען זיי נישט, ווייל מיר זוכן זיי נישט. ניו־יאָרק איז אין דעם פּרט אַ גליקלעכער אויסנאַם. דאָרטן באַשטייען אונזערע ברענטשעס דאָס רוב פון אַרבעטער״.[151]

ג. כאַנין, וועלכער האָט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד און באַזוכער פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס גוט געקענט דעם מצב פון דער באַוועגונג, האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף אַ ריי קראַנקע ערטער: „זינט דער וועלט־מלחמה, ווען אַמעריקע איז געוואָרן דאָס גרויסע לאַנד פון פּראָספּעריטי, איז אונזער באַוועגונג געוואָרן מאַטעריעל רייך. אין אירע קאַסעס זיינען געלעגן געזאַמלטע מיליאָנען. צוזאַמען מיט דעם איז דער אידעאַליזם פון אַמאָל פאַרשוואונדן. מיר האָבן זיך אויפגעהערט צו באַטראַכטן אַלס פירער פון אַ גרויסער פאָלקס־באַוועגונג. מיר זיינען געוואָרן פּראַקטישע ביזנעס־מענטשן. מיר האָבן אין אונזער גאַנצער אַרבעט אַריינגעברענגט דעם קאַלטן גייסט פון אַ פּראַקטישן געשעפטס־מענטש. מיר האָבן געטראַכט, אַז מיט געלט וועלן מיר אַלץ קענען דערגרייכן, אַז אַרויסרופן איצט באַגייסטערונג ביי דער מאַסע איז אַן איבעריקע זאַך. מיר האָבן אויפגעהערט צו ווערן דער צענטער, אַרום וועלכן מענטשן האָבן זיך ביז־איצט געוואַרעמט, און דערפאַר האָט מען זיך אָפּגעקערט פון אונז. מיר זיינען געבליבן איינזאַם. מיר האַלטן, אַז דער קאָמוניזם אָדער דער קאָמוניסטישער איינפלוס צווישן די יידישע אַרבעטער איז געווען אַ פּראָטעסט קעגן אונזער קאַלטקייט, אַ פּראָטעסט קעגן אונזער ׳פּראַקטישקייט׳״... „אַרום דער קאָמוניסטישער באַוועגונג האָבן זיי דערפילט אפשר נישט קיין ניי וואָרט, נאָר אַ וואַרעם וואָרט. אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג האָט די מאַסע געזען דאָ אין לאַנד אַן אידעאַליסטישע, אויפּריכטיקע באַציאונג צו די אַרבעטער און זייערע קאַמפן. זיי האָבן דאָרטן נישט באַמערקט יענע קאַלטע פּראַקטישקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין אונזערע רייען און האָט געפרעסן אונזער האַרץ, אונזער נשמה. און ווען די קאָמוניסטן וואָלטן אין זיך געהאַט יענע אויפּריכטיקייט, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן געהאַט דאָ אין אַמעריקע אין די אַלטע צייטן, וואָלטן זיי זיכער געווען בכוח די מאַסע ביי זיך איינצוהאַלטן. ס׳איז געווען אונזער גליק, וואָס די מאַסע האָט שנעל דערפילט, אַז דער אידעאַליזם און די ליבע צו די אַרבעטער זיינען ביי די קאָמוניסטן קינסטלעכע, געמאַכטע און נישט קיין אויפריכטיקע זאַכן״... „יעדער נייער מענטש, יעדער נייער פירער איז פון אונזער באַוועגונג פאַרטריבן געוואָרן,

ווייל די וועלכע זיינען געשטאַנען ביים רודער, האָבן נישט געוואָלט זען אַרום זיך קיין אַנדער פּעאיקן מענטש, ער זאָל אים חס ושלום נישט פאַרטונקלען, נישט פאַרשטעלן. אין קיין שום באַוועגונג האָבן זיך די פירער נישט אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל מיטלמעסיקייטן, ווי ביי אונז. און דאָס איז געטון געוואָרן נאָר צוליב דעם, ווייל מען האָט געוואָלט אַליין שיינען אויפן הימל"...

„ווען די סאָציאַליסטן האָבן פאַר דער באַוועגונג געאַרבעט מיט אידעאַליזם און איבערגעבנקייט, האָבן זיי געהאַט איינפלוס. איצט ווילן מיר לעבן אויף דעם חשבון פון אַמאָל. טון ווייניק, אַקעגן כבוד און אָנערקענונג קריגן אַ סך. און קיינער וויל נישט דיסקאָנטירן אַ וועקסל, וועמענס צייט ס׳איז שוין פאַריבער. אויב מיר ווילן איצט האָבן איינפלוס, דאַרפן מיר אַרבעטן אַזוי, ווי מיר האָבן געאַרבעט אַמאָל".[152]

אויך אין די קאָמוניסטישע רייען האָט זיך אָנגעהויבן באַמערקן אַן אויסניכטערונג. אַ גאַנצע ריי טוער און מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך באַטראַכט פאַר רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן און האָבן נישט געוואָלט זיין קיין בלינד געצייג אין מאָסקווער הענט, האָבן כסדר פאַרלאָזט די קאָמוניסטישע פאַרטיי אָדער מ׳האָט זיי פון דאָרטן אויסגעשלאָסן. צווישן זיי זיינען אויך געווען אייניקע אָנגעזעענע פירער און טוער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, וועלכע האָבן גורם געווען די שפּאַלטונג אין סעפּטעמבער 1921. די קאָמוניסטישע וואָרקערס פאַרטיי, וואָס האָט אַ צייט געוואָלט אָנגיין פאַר אַן אומאָפּהענגיקע, האָט זיך גלייכגעשאַלטעט און אָפיציעל אין 1925 זיך אָנגעשלאָסן אין קאָמינטערן. אין זעלבן יאָר זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן די אויטאָנאָמע שפּראַך־פעדעראַציעס. מ׳האָט אין די אויטאָנאָמע פעדעראַציעס געזען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אָפּנויג. אויפן אָרט פון די פעדעראַציעס האָט מען געשאַפן סעקציעס פאַר די שפּראַך־גרופּן, וואָס האָבן מער נישט געקענט שפּילן קיין געזעלשאַפטלעכע ראָל, נאָר געדאַרפט בלויז עקזיסטירן צוליב שפּראַך־מאַטיוון. אַחוץ דעם זיינען אויפגעקומען פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע חלוקי־דעות. דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט דער פאַרשאַרפטער סטאַליניסטישער דיקטאַטור אין די קאָמ. פאַרטייען, האָט אַ סך פריערדיקע יידישע סאָציאַליסטן געהאָלפן עפענען די אויגן אויף די קאָמוניסטישע כוונות. פריער יחידים און נאָך דעם גאַנצע גרופּעס האָבן פאַרלאָזט די קאָמוניסטישע פאַרטיי. אין 1928 האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן די טראָצקיסטישע ריכטונג, מיט אַ יאָר שפּעטער — די לאָוועסטאָניסטישע. ביידע האָבן געהאַט אַ סך יידישע אָנהענגער און זיי האָבן געשאַפן אייגענע אָרגאַניזאַציעס און זיך געלאָזט הערן אין אַרבעטער־רינג, יוניאָנס און אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. דער קאָמוניסטישער איינפלוס אויף דער יידישער גאַס האָט גענומען פאַלן. די קאָמוניסטישע צייטונג „פרייהייט", וואָס האָט שוין געהאַט דערגרייכט אַ צירקולאַציע פון 40 טויזנט עקזעמפּלאַרן, איז איינגעשרומפּן געוואָרן. איינצלנע געוועזענע קאָמוניסטן זיינען צוריקגעקומען צו דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און צום פאַרבאַנד, די גרויסע מערהייט איז געבליבן אין אַ זייט און פאַרלוירן געגאַנגען פאַרן אַקטיוון געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער פאַרבאַנד האָט אַפּעלירט צו זיי, אַז זיי זאָלן זיך צוריק שטעלן אונטער דער סאָציאַליסטישער פאָן, אָבער זייער ווייניק האָבן זיך אָפּגערופן.

אויב די טראָצקיסטן און לאָוועסטאָניסטן זיינען אַוועק פון דער קאָמוניסטי־

שער פּאַרטיי מחמת טאַקטישע חלוקי־דעות און אינערלעכע פּראַקציע־קאַמפן, זיינען אייניקע נאַציאָנאַלע עלעמענטן אַוועק צוליב עפּעס אַנדערש. אין 1929 האָבן פאַרלאָזט די קאָמוניסטישע „פרייהייט" די מיטאַרבעטער אברהם רייזען, ה. לייוויק און מנחם באָריישאַ צוליב דער שטעלונג פון דער צייטונג צו די אַראַבישע פּאָגראָמען אויף יידן אין ארץ־ישראל. די נאַציאָנאַל־געשטימטע עלעמענטן, וועלכע האָבן אַ לאַנגע צייט אַראָפּגעשלונגען — אַפּילו ווען זיי האָבן זיך געשטיקט — די קאָמוניסטישע פילאָזאָפיע און פּראַקטיק פון דיק־טאַטור, האָבן דאָס באַרעכטיקן פּאָגראָמען אויף יידן שוין נישט געקענט פאַרדייען און זיינען אַרויס.

אין פּראָצעס פון אויסניכטערונג אויף דער יידישער גאַס האָט דער פאַר־באַנד געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. איז ער דאָך געווען די ערשטע אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס האָט אַנטשלאָסן אומאויפהערלעך אַנגעוויזן אויף דעם שעדלעכן כאַראַקטער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. ס'איז געווען אַ צייט, ווען דער פאַרבאַנד און זיין צייטונג „דער וועקער" זיינען געווען ממש פאַראיינ־זאַמט, אַפּילו אין סאָציאַליסטישע קרייזן. מאַסגעבנדיקע סאָציאַליסטישע פירער האָבן נאָך דעמאָלט געמאַכט אַ שאַרפן אונטערשיד צווישן קאָמינטערן און דער סאָוועט־רעגירונג, גלייך ביידע וואָלטן נישט געווען געקניפּט און געבונדן צווישן זיך.

אַ צייט לאַנג האָט מען געקוקט קרום אַפּילו אויף די אַקציעס פאַר פאָדערן באַפרייען די אַרעסטירטע סאָציאַליסטן און זאַמלען פאַר זיי הילף. אין 1924 האָט נאָך א. ליעסין געשריבן אין אַ בריוו צו ר. אַבראַמאָוויטש: „איך צווייפל נישט, אַז אַט די אַלע אַרעסטירטע און געפּייניקטע זיינען אידעאַליסטן פון ריינ־סטער פּראָבע, ווייל די קאַריעריסטן און די מאַשעניקעס, די גאַנצע און די האַלבע, זיצן דאָך אַלע אין די באָלשעוויסטישע קאַנצעלאַריעס און נישט אין די באָלשעוויסטישע טורמעס. און צו זיין אַ פרייהייטס־קעמפער אונטער דער באָל־שעוויסטישער דעספּאָטיע איז נישט אין ערך שווערער, איידער אונטער דער צאַריסטישער דעספּאָטיע. עס פאָדערט זיך מער אויסגעהאַלטנקייט, נשמה־פעסטקייט, פיינקייט און מוט. און דאָך, אָפן גערעדט, פיל איך זיך אַ רעכט ביסל קאָלאָמוטנע אַרויסצוקומען מיטן פולן לשון אָט פאַר די פרייהייטס־קעמפער, צו אַפּעלירן פאַר זיי, העלפן אויפצוהייבן אַ באַוועגונג פאַר זיי. איך קען אַלץ ביי זיך נישט פועלן, כאָטש קיין ציטערדיקער בין איך קיינמאָל נישט געווען. איך טראַכט און טראַכט איבער און קען אַלץ נישט באַשליסן, אַז עס איז שוין געקומען די צייט דעם סאָוועט־רעזשים אונטערצוגראָבן און אומצו־וואַרפן. איך דענק נאָך אַלץ, אַז דער צוזאַמענבראָך פון די סאָוועטן וואָלט געווען אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע פאַרן יידישן פאָלק און אַ גרויס אומגליק פאַר דער גאַנצער אַרבעטער־וועלט, פאַר דער גאַנצער פּראָגרעסיווער וועלט. איך בין פון אָנהויב אָן אַרויסגעטרעטן קעגן דעם באָלשעוויסטישן אוטאָפּיזם, קעגן די וואַנזיניקע עקספּערימענטן, וואָס האָבן אַזוי גרינטלעך דיסקרעדיטירט דעם סאָציאַליזם אין דער גאַנצער וועלט, אַפּילו אין דער אַרבעטער־וועלט, און וואָס האָבן אַזוי האָפנונגסלאָז רואינירט 99 פּראָצענט פון רוסישן יידנטום. איך האָב אָבער פון אָנהויב אָן געפילט, אַז די 'שטאַרקע הערשאַפט' פון די באָל־

שעוויקעס איז געווען דאָס קלענערע שלעכטס. אַנדערש וואָלטן מיר דאָך געהאַט די שטאַרקע הערשאַפט פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע".[153]

אָט די דאָזיקע צעשפּאָלטנקייט — פון איין זייט אַן אינערלעכע נעגאַטיווע באַציאונג צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און צום סאָוועטישן רעזשים, און פון דער צווייטער זייט אַ מורא און אַן אָפּהאַלט צו מאַכן פון דעם די געהעריקע אויספירן — איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר פיל סאָציאַליסטישע וואָרט־זאָגער, ווי אויך פאַר פיל יוניאָנס און זייערע פירער. דער „וועקער" האָט פיל מאָל דאָס געטאַדלט. ער האָט געפרעגט פאַרוואָס פאַרשווייגן די יוניאָנס און זייערע צייטונגען די פאַרברעכנס לגבי סאָציאַליסטן און יוניאָן־טוער אין סאָוועט־רוסלאַנד. ער האָט אָנגעוויזן, אַז ביי זיך אין די יוניאָנס באַקעמפט מען די קאָמוניסטן, אָבער מען איז פאַר אַן איינהייטלעכן פראָנט מיט די קאָמוניסטן אין אַנדערע לענדער. באַזונדערס שטאַרקע תרעומות איז געווען צו דער אַמאַל־גאַמייטעד־יוניאָן (מענער־שניידער) פאַרן צו שטאַרקן הנדלען זיך צו סאָוועט־רוסלאַנד. דער פאַרבאַנד האָט געטאַדלט די צווייאיקייט אין דער באַציאונג צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

מיט דער זעלבער קאָנסעקווענטקייט האָט דער פאַרבאַנד געהאַנדלט, ווען ס'איז אויפגעקומען די פראַגע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועט־רוסלאַנד. אין מיטן די צוואַנציקער יאָרן האָט מען אין די קאָמוניסטישע קרייזן גערעדט וועגן שאַפן אַ „יידישע רעפּובליק" אין קרים און וועגן פירן אין אַמעריקע געלט־זאַמלונגען פאַר דעם צוועק. דער פאַרבאַנד האָט דאָס כאַראַקטעריזירט ווי אַ „באָלשעוויסטישן בלאָף". אַקעגן איז ער געווען פאַר שטיצן יידישע קאָלאָניזאַציע אין סאָוועט־רוסלאַנד, אָבער נישט דורך קאָמו־ניסטישע הענט. „אויף וויפיל די אַמעריקאַנער יידן — האָט געשריבן די רעדאַקציע פון „וועקער" — קענען העלפן די רוסישע יידן, וואָס זיינען רואי־נירט געוואָרן דורך די משוגענע באָלשעוויסטישע עקספּערימענטן, איינצו־אָרדענען זיך אין דאָרף, כדי צו ראַטעווען זיך מיט דעם פון אונטערגאַנג, דאַרף די דאָזיקע הילף זיי געגעבן ווערן מיט אַ ברייטער האַנט. מען דאַרף אָבער נישט איבערשאַצן די מעגלעכקייטן און די גליקן פון דער קאָלאָניזאַציע און בכלל נישט נאַרן דעם עולם מיט קיין 'יידישער מלוכה' אין רוסלאַנד און מיט אַזעלכע באבע־מעשיות, אַז די סאָוועטן־רעגירונג איז כלומרשט דער נייער משיח פון יידישן פאָלק".[154] דער פאַרבאַנד האָט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן גערופן צו שטיצן די יידישע קאָלאָניזאַציע און געבן געלט דעם „דזשאָינט" פאַר דעם צוועק, אָבער נישט דעם „איקאָר".

ווידער און ווידער איז אַרויפגעשוואומען די פראַגע פון געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר פּאַלעסטינע. דער פאַרבאַנד איז געווען קעגן דעם, וואָס עס ווערן אויסגעטיילט און פּריווילעגירט די יידישע אַרבעטער פון פּאַלעסטינע, בעת עס ווערן איגנאָרירט די נויטן און באַדערפענישן פון די פיל גרעסערע מאַסן יידישע אַרבעטער אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. אַ ריי אָנגעזעענע טוער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָבן אָבער באַגריסט דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין און אַקטיוו אין אים זיך באַטייליקט. ס'האָט זיך געשאַפן אַ נישט־נאָרמאַלע לאַגע. טוער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האַנדלען אין קעגנזאַץ צו די באַשלוסן פון פאַרבאַנד, וואָס רעפּרעזענטירט די אָרגאַניזירטע יידישע

סאָציאַליסטן און דאַרף זיין מאסגעבנדיק אין פראַגן פון יידישן לעבן. ס׳איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער פאַרבאַנד איז אַ טייל פון דער פּאַרטיי. אויב דער פאַרבאַנד מוז זיך רעכענען מיט די פּאַרטיי־באַשלוסן, מוזן פּאַרטיי־מיטגלידער זיך רעכענען אין יידישע פראַגן מיט דעם, וואָס דער קאָלעקטיוו פון יידישע סאָציאַליסטן באַשליסט. ס׳קען דאָך נישט זיין, אַז דיסציפּלין זאָל גילטן בלויז אין אַלגעמיינע פּאָליטישע ענינים, און אין פראַגן פון יידישן לעבן זאָל זיין הפקר, זאָל מען זיין פּטור פון דיסציפּלין.

א. ליטוואַק האָט דאָס אַזוי פאָרמולירט: „ווען די ׳ענגליש־שפּרעכנדע׳ וואָלטן אין די יידישע פראַגן געווען נייטראַל, זיך גאָרנישט געמישט, וואָלט עס נאָך געווען אַ האַלבע צרה. אין דער אמתן אָבער מישן זיי זיך יאָ אין די יידישע פראַגן און אַ סך פון זיי ווילן ווירקן אין זייער גייסט אויף די זעלבע יידישע אַרבעטער, צווישן וועלכע דער פאַרבאַנד פירט די סאָציאַליסטישע אַרבעט. באַקומט זיך אַזאַ מין כאַאָס, אַז אין איינער און דער זעלבער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי־גרופּע פירן זיך אין איינער און דער זעלבער צייט צוויי טאַקטיקס — איינע פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז ספּעציעל געשאַפן געוואָרן צו אַרבעטן אין דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער גרופּע, שטיצט זיך אויף מאַסן מיטגלידער, דריקט אויס זייער ווילן און טראָגט פאַר זיי אחריות; אַ צווייטע טאַקטיק, אָפט אַ פאַרקערטע — פון איינצלנע פּאַרטיי־מיטגלידער, וועלכע האָבן פון קיינעם נישט באַקומען קיין דירעקטיוון, שטיצן זיך נישט אויף קיינעם און טראָגן נישט פאַר קיינעם קיין אחריות״... „דאָס טראָגט אַריין אַ צעטומלעניש, דאָס דעזאָרגאַניזירט, דאָס שוואַכט אָפּ דעם פאַרבאַנד. יעדער מיטגליד, וואָס איז נישט מסכים מיט אונזער אַ באַשלוס, סטראַשעט אונז: איך וועל אַריבער אין אַן ענגליש־שפּרעכנדן ברענטש און פייפן אויף אייערע רעזאָלוציעס״.[165]

דאָס איז געוואָרן אַן אָנגעווייטאָגטע פראַגע. ס׳האָבן זיך טאַקע געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן זייער סאָציאַליסטיש געוויסן באַפרידיקט דורך דער ס. פּ. און זייער יידיש געפיל דורך דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין. צום פאַרבאַנד האָבן זיי נישט געוואָלט האָבן קיין שייכות. זייער חוב צום יידישן לעבן האָבן זיי אָפּגעצאָלט דורך ציון. אַ רייי מענטשן, וועלכע האָבן פריער געלאָשן די פייערן פון אַן אייגענער יידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָבן אויף די עלטערע יאָרן געזוכט זיך צו וואַרעמען ביי פייערן, וואָס אַנדערע האָבן אָנגעצונדן. אַ טיפּישער ביישפּיל איז געווען א. י. שיפּליאַקאָף — אַן אָנגעזעענער סאָציאַ־ליסטישער טוער, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען זייער אַקטיוו אין געווערק־שאַפטן קאַמפּיין פאַר פּאַלעסטינע. צום יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד האָט ער שוין נישט געוואָלט געהערן. זיין סאָציאַליסטישע נשמה האָט ער געוואָלט באַפרידיקן דורך אַקטיווקייט אין דער ס.פּ., די נאַציאָנאַלע — אין ציוניזם. דאָ זאָל מען זיין אויסגעהוילט פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן און דאָס נאַציאָנאַלע געפיל זאָל מען, ווי אַ קאַרגער גביר, וואָס לעבט אַליין אָרים, אַריינלייגן אין אַ פייער־קאַסע פון אַ זיכערער אויסלענדישער באַנק. פאַר די מיליאָנען יידן אויפן אָרט און זייער נאַציאָנאַלן לעבן — אויף דעם איז שוין קיין פּלאַץ נישט געווען אין אַזאַ צעטיילטער נשמה. קאָסמאָפּאָליטיזם און קעגנערשאַפט צו אַן אָרגאַניזירטער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאָ, נאַציאָנאַליזם און מלוכה דאָרטן — דאָס זיינען געווען צוויי זייטן פון איין מטבע. אַ מענטש אויף דער

גאַנצער וועלט און אַ ייד ביים ירדן — דאָס איז געווען די פילאָזאָפיע פון פיל יידיש־שפּרעכנדע און קעגן דעם האָט „דער וועקער" געקעמפּט.

וואָס שייך הילף פאַר די יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע, האָט דער פאַרבאַנד אונטערגעשטראָכן, אַז ער איז פאַר אַזאַ הילף, דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין האָט אָבער גלייכצייטיק אין זינען די אַגיטאַציע פאַרן ציוניזם, אַן אידעאָלאָגיע, צו וועלכער דער פאַרבאַנד באַציט זיך קעגנעריש. דערביי איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער גרויסער עוולה, וואָס מ'באַגייט קעגן די נויט־באַדערפטיקע יידישע אַרבעטער אומעטום. „מיר קענען נישט פאַרשטיין — האָט געשריבן די רעדאַקציע פון „וועקער" — פאַרוואָס די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן האָבן אַזוי שטאַרק אין זינען דאָס קליין הייפעלע, פאַר וועלכע מ'זאַמלט נדבות אין אַלע עקן וועלט, יעדן טאָג אין יאָר, און דערהערט קיינמאָל נישט דעם וויי־געשריי פון די גרויסע יידישע מאַסן אַרבעטער אין פּוילן, רוסלאַנד און אַנדערע לענדער"[156]... „די פירער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע זיינען אַנגעשלאָסן אין דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, באַמערקן אַליין נישט די דעמאָראַליזאַציע, וואָס זיי טראָגן אַריין אין אונזער באַוועגונג. די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס די פּועלי־ציון גרייטן פאַר זיי קונציק צו, ווירקן אויף זיי ווי שטאַרקער ספּירט, און פאַרדרייען זיי דעם קאָפּ. צו זייער שיכרות בלייבט אָבער גלייכגילטיק די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. די יידישע אַרבעטער־מאַסן פילן די גוואַלטיקע אומגערעכטיקייט, וואָס זייערע פירער באַגייען דורך איינשפּאַנען זיך אין דעם ציוניסטישן וואָגן, און מ'בלייבט טויב צו דעם וויי־געשריי פון די יידישע מאַסן סיי אין רוסלאַנד, סיי אין פּוילן און אפילו אין לאַנד גופא".[157]

אַן ענלעכע באַציאונג איז אויך געווען צום אָפּמאַך, וואָס דער „דזשאָינט" האָט געשלאָסן מיט דער ציוניסטישער אַגענטור. דער אָפּמאַך איז געווען, אַז פון קאַמפּיין פאַר 6 מיליאָן דאָלער זאָלן דריטהאַלבן מיליאָן גיין פאַר פּאַלעסטינע און די רעשט פאַר אַלע לענדער. און דער פאַרבאַנד־אָרגאַן האָט געזאָגט: „די ווייט נישט־גלייכע פאַרטיילונג, די שאַרפע דיספּראָפּאָרץ וואַרפט זיך אין די אויגן. אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע געפינען זיך איצט קרוב צו אַכט מיליאָן יידן, אין פּאַלעסטינע מער נישט ווי 150 טויזנט — ווייניקער פון אַ העלפט פון דער צאָל יידן, וואָס וואוינען אין וואַרשע". „עס מאַכט אויס אויף יעדן יידן אין פּאַלעסטינע כמעט 29 מאָל מער הילף, ווי אויף יעדן יידן אין מזרח־אייראָפּע" [158]. קעגן דער דאָזיקער עוולה, וואָס ווערט באַגאַנגען לגבי די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, ווערט אויסגעדריקט דער שאַרפסטער פּראָטעסט.

פון פאַרשידענע זייטן האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען וועגן דער אומנאָרמאַלער דערשיינונג, וואָס די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן מיט דער הילף פון אַ ריי סאָציאַליסטן האָבן זיך איינגעשפּאַנט בלויז אין אַקציעס פאַר פּאַלעסטינע, בעת זיי טוען גאָרנישט פאַר די יידישע אַרבעטער פון פּוילן און אַנדערע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. נאָך מער: מ'האָט אָנגעוויזן, אַז אויך צווייגן פון דער היגער באַוועגונג בויטיקן זיך אין מאַטעריעלער הילף, אַז אויך דאָ זיינען פאַראַן גרויסע מאַסן יידישע אַרבעטלאָזע, וואָס קוקן אויס אויף הילף.

נאָך אַ קאָנווענשאָן, וואו ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן 350 טויזנט דאָלער פאַר די פּאַלעסטינער אַרבעטער, זיינען אָנגעקומען צום „וועקער" בריוו מיט פּראָטעסטן קעגן דעם, וואָס פאַרשטייער פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן געקענט ביי זיך פועלן נישט צו זען די גרויסע צאָל אַרבעטלאָזע און ברויטלאָזע יידן אין אַמעריקע, צו פאַרקוקן די ליידן פון די אייגענע מיטגלידער פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געווען פאַרטרעטן אויף דער קאָנווענשאָן. ענטפערנדיק די בריוו־שרייבער, זאָגט א. ליטוואַק, אַז די טוער פון פאַרבאַנד האָבן פיל אויסצושטיין דערפאַר, וואָס זיי ווילן נישט שווייגן. עס ווערן אָנגענומען מיטלען „צו פאַרמאַכן אונז די מיילער, צו פאַרטעמפּן אָדער צעברעכן אונזערע פעדערס"... „מיר שווייגן נישט. אונזער קול איז אָבער נישט גענוג שטאַרק. עס ווערט אָפּט פאַרשטיקט פון יענע, וואָס ווערן געטראָגן פון ווינט און טראָגן דעם ווינט. מיר שווימען קעגן דעם שטראָם"... „איר האָט גאָר קיין באַגריף נישט מיט וויפיל פיינטשאַפט דער 'וועקער' איז אַרומגערינגלט מיט וויפיל פיינטשאַפט דער גאַנצער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד איז אַרומגערינגלט. איר הערט נישט די קולות פון ביטערער שנאה: מ'דאַרף נישט קיין 'וועקער', מ'דאַרף נישט קיין פאַרבאַנד! מיט די פיס דאַרף מען זיי צעטרעטן! מיר קלאָגן זיך נישט. מיר זיינען שטאָלץ וואָס אויף אונזער גורל איז אויסגעפאַלן אַזאַ שווערע, פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט".[159]

די סטאַגנאַציע און פאַרשידענע נעגאַטיווע דערשיינונגען האָבן באַוואויגן צו זוכן וועגן און מיטלען, וואָס זאָלן די באַוועגונג ווידער אַ שלעפּ טון פאַראויס. די פינפטע קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד האָט באַשלאָסן, אַז ס'איז נויטיק צו אָר־גאַניזירן אַ יידישן אַרבעטער־קאָנגרעס. די אָנפירונג פון פאַרבאַנד האָט זיך שפּעטער פאַרשטענדיקט מיט אַ ריי יוניאָנס און אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס. דאָס יידישע אַרבעטער־לעבן האָט געפאָדערט אַן אויפקלערונג און אַן ענטפער אויף פאַרשידענע פראַגן און ס'איז נישט געווען קיין אויטאָריטעטע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל באַווירקן און פסקענען. דאָס זיינען געווען פראַגן עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און מאָראַלישע. שוין אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן האָט זיך געלאָזט מערקן די טענדענץ, אַז דער פּראָ־צענט יידישע אַרבעטער אין דער באַקליידונגס־אינדוסטריע ווערט קלענער. ס'האָט זיך פון דער צווייטער זייט באַמערקט אַ העכערער פּראָצענט אַרבעטס־לאָזע ביי יידן.

אויך אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז אין יענער צייט געווען שטאַרק די מיינונג, אַז מען דאַרף צונויפנעמען אַלע כוחות, אייגענע און קרובישע, כדי אַ שלעפּ טון פאָראויס די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. זומער 1929 איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון 150 פאָרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, טרייד־יוניאָנס און פון דער אַמעריקאַנער אינטע־ליגענץ. די קאָנפערענץ איז געקומען צום אויספיר, אַז ס'איז נויטיק אָנהויבן אַן אַקציע אין דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר פאַר אַ מער אַגרע־סיווער און פּראָגרעסיווער פּאָליטיק.

דער פאַרבאַנד האָט הייס געשטיצט די דאָזיקע איניציאַטיוו. אין אַ רע־זאָלוציע האָט דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פעסטגעשטעלט, אַז די לעצטע יאָרן איז די טרייד־יוניאָן־באַוועגונג געגאַנגען באַרג־אַראָפּ, סיי אָרגאַ־

ביזאַציאָנעל, סיי מאָראַליש. וועגן די סיבות פון דער דערשיינונג זאָגט די רעזאָלוציע, אַז שולדיק זיינען „די ספּעציעלע באַדינגונגען פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג אין אַמעריקע. שולדיק אין דעם איז אויך די דעמאָראַליזאַציע, וואָס די קאָמוניסטן האָבן די לעצטע יאָרן אַריינגעטראָגן אין די יוניאָנס. אַ גרויסער טייל שולד פאַלט אָבער אָן ספק אויף דער איצטיקער פירערשאַפט פון די יוניאָנס, וואָס האָבן די געדאַנקען וועגן ׳פיור ענד סימפּל׳־יוניאָניזם דערפירט ביז צום ווייטסטן עקסטרעם. די קעגנערשאַפט צו זעלבסט־שטענדיקער פּאָליטישער אַקציע, דער פאַראייניקטער פראָנט מיט דער סיוויק פעדעריישאָן, די מורא פאַר קאַמף און דאָס יאָגן זיך נאָך שלום פאַר יעדן פּרייז האָבן אָפּגעשוואַכט די יוניאָן־באַוועגונג, האָבן פאַרשטאַרקט דעם ביוראָקראַטיזם און אומפּעאיק געמאַכט די יוניאָנס צו פירן אַפילו יענע קאַמפן, וואָס זיי האַלטן פאַר נויטיק צו פירן"[160].

דאָס זיינען אַלץ געווען פּרואוון — נישט איינגעגעבענע — אַ ריר צו טון די אַרבעטער־באַוועגונג פון טויטן פּונקט און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַרויספירן פון דער איזאָלאַציע. אין שייכות מיט דעם איז אין 1930 אַפילו דעבאַטירט געוואָרן אַ פאָרשלאָג צו ענדערן דעם נאָמען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און זי רופן „אינדעפּענדענט לייבאָר־פּאַרטי". דער פאַרבאַנד איז געווען קאַטעגאָריש קעגן דעם. ווייטער ווי מחשבות און שוואַכע פּרואוון צו ענדערן דעם מצב איז מען נישט דערגאַנגען.

אָפּגעשוואַכט איז די באַוועגונג געוואָרן אויך אין אינערלעכן גייסט. איינער פון די סימנים פון אַ דינאַמישער באַוועגונג זיינען אירע סימבאָלן און פייערונגען. פון דעם האָט מען זיך דאָ אַלץ מער און מער גענומען אָפּזאָגן. דער 1־טער מאַי, וואָס איז שוין במשך צענטליקער יאָרן געפייערט געוואָרן דורך גאַסן־דעמאָנסטראַציעס און גרויסע פאַרזאַמלונגען, איז ווי געוואָרן אויס יום־טוב. צוליבן אומווילן פון די יוניאָנס, האָבן די סאָציאַליסטן שוין אויך נישט מאַרשירט אין די גאַסן. די קאָמוניסטן האָבן דאָס גאַנץ גוט אויסגענוצט. זיי האָבן ווייטער אָנגעהאַלטן די סאָציאַליסטישע סימבאָלן און טראַדיציאָנעלע פייערונגען. ביי פיל האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז די סאָציאַליסטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער גאַנצער ירושה, וואָס איז געוואָרן דאָס אייגנטום פון די קאָמוניסטן. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מאַנכע אַלטע סאָציאַליסטן, אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, האָבן ביי זיך נישט געקענט פועלן דעם 1־טן מאַי צו בלייבן זיצן אין שטוב און האָבן מיטמאַרשירט מיט דער קאָמוניסטישער מאַניפעסטאַציע. דאָס פאַרנאַכלעסיקן די סימבאָלן און פייערונגען האָט גורם געווען, אַז סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען זיינען דורך אין אַ קאַלטער שטימונג און געלאָזט אָפּשטאַרבן די לוסט פון די מיטגלידער צו אַקטיוויקייט און אַגרעסיוויקייט. אַפּאַטיע און אומגלויבן האָבן אָנגעהויבן נעמען די אויבערהאַנט.

22. אַ שטורמישע צייט

שטרייקן און קאַמפן פאַר באַהערשן די אָרגאַניזאַציעס.—פּאַרטיי־ראַט.—די ריכטונג פון „וועקער״.— זיין קריטישע לאַגע.—פאָרשטייער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג באַראַטן זיך.—„בונד״ און פאַרבאַנד.—ה. ערליך.—5־יאָריקער יובליי פון פאַרבאַנד.—די 5טע קאָנווענשאָן.—באַריכטן, רעפּעראַטן און רעזאָלוציעס.—שלעכטער מצב ביי יידישע אַרבעטער.—נייע רעדאַקציע פון „וועקער״.—ירידה פון די יוניאָנס.—פרעמדע שטימונגען.—די 6טע קאָנווענשאָן.—אויסערלעכע שונאים און אינערלעכע קעגנערס.—אין קאַמף קעגן ליקווידאַטאָרישע שטרעבונגען.

אין מיטן די צוואַנציקער יאָרן איז געווען אַ שטורמישע צייט צווישן די יידישע אַרבעטער. לאַנגדויערנדיקע שטרייקן און די באַמיאונגען פון די קאָמוניסטן איבערצונעמען די יוניאָנס און דעם אַרבעטער־רינג האָבן דעם ברייטן יידישן אַרבעטער־עולם געהאַלטן כסדר אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד. די געמיטער זיינען געווען צעהיצט, ביטערניש און אומרואיקייט האָבן אויסגעפילט די הערצער. אויף די שטורמישע כוואַליעס האָט אויך געדאַרפט שווימען די שיף פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

אומאויפהערלעך האָט מען געמוזט אויסבויען די אָרגאַניזאַציעס און געבן זיי אַן אינהאַלט. דעם קאַמף מיט די קאָמוניסטן האָט מען געדאַרפט געבן אַ זין, אַן אידעאָלאָגישע באַרעכטיקונג. אין 1926 זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף טורן אין לאַנד צו האַלטן פאָרלעזונגען און טון אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט — א. ליטוואַק, א. גאַלאַצקי און ש. לעוויטאַס. אין די גרעסערע שטעט זיינען געווען וועכנטלעכע אָפּען־פאָרומס. אין ניו־יאָרק האָט דער אָפּען־פאָרום פון דאַון־טאַון ברענטש צוגעצויגן יעדן זונטאָג פון 4 ביז 5 הונדערט מענטשן. דער אָפּען־פאָרום וואָס ב. וולאַדעק האָט געפירט, האָט צוגעצויגן נאָך אַ גרעסערן עולם.

אין זעלבן יאָר, 1926, איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ נייע קערפּערשאַפט — דער פּאַרטיי־ראַט פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, וואָס זאָל זיך צונויפּקומען 3 מאָל אין יאָר. דאָס איז געווען אַ ברייטערע קערפּערשאַפט פון 30 מיטגלידער, וואו עס זיינען אויך געווען פאַרטרעטן מערערע פאָרשטייער פון אַנדערע שטעט אַחוץ ניו־יאָרק. די ערשטע סעסיע פון פּאַרטיי־ראַט איז פאָרגעקומען אין אַפּריל 1926. מ׳האָט אַרומגערעדט די לאַגע אין דער באַוועגונג. דערביי איז אַרויסגעבּרענגט געוואָרן, אַז דער פאַרבאַנד האָט אַ דעפיציט פון 26 טויזנט דאָלער, וואָס מ׳דאַרף דעקן. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו פּראָקלאַמירן אַ קאַמפּיין צו זאַמלען 25 טויזנט דאָלער. ס׳איז אויך באַריכטעט געוואָרן, אַז אין אייניקע שטעט זיינען געעפנט געוואָרן לייבאָר־לייסעאומס. דער לייבאָר־לייסעאום אין פילאַדעלפיע האָט געקאָסט 350 טויזנט דאָלער. דעם ניי־געעפנטן קעמפּ „גן עדן״ האָבן אין ערשטן סעזאָן באַזוכט 3 טויזנט מענטשן.

אין אויגוסט 1926 האָט דער פּאַרטיי־ראַט פון פאַרבאַנד אָפּגעהאַלטן זיין

צווייטע סעסיע. אין זיין באַריכט האָט נ. כאַנין אונטערגעשטראָכן, אַז ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט דער פאַרבאַנד געדאַרפט פירן זיין טעטיקייט בלויז אַלס טייל פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. דעם פאַרבאַנד קומט אָבער אויס צו פירן אויף דער יידישער גאַס אַ שטאַרק פאַרצווייגטע אַרבעט פון אַ זעלבסטשטענדיקער פאַרטיי. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער פאַרבאַנד גיט אויס מער געלט, ווי ער איז בכוח צו שאַפן. אויב עס וועלן נישט געפונען ווערן באַלד קיין מיטלען צו דעקן די דעפיציטן, וועט מען מוזן אָפּשטעלן דעם וואָכנבלאַט.

דער געדאַנק וועגן אָפּשטעלן דעם „וועקער" האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע דערווידערונג מצד די מיטגלידער פון פאַרטיי־ראַט. מיט אַלע שטימען קעגן איינער איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן אַלע באַמיאונגען, אַז דער „וועקער" זאָל ווייטער דערשיינען. די אַקציע פאַר 25 טויזנט דאָלער האָט ביז דעמאָלט געהאַט אַריינגעבראַכט 10 טויזנט.

די אומצופרידנקייט מיט דעם כאַראַקטער און ריכטונג פון „וועקער" איז אויך געקומען צום אויסדרוק אויף זיינע אייגענע שפּאַלטן. מ'האָט אים פאַרגעוואָרפן אַ צו רעכטן קורס. אַחוץ דעם איז מען געווען אומצופרידן מיט איינצלנע עקסטרעמע אַרטיקלען, ווי למשל, דעם לייט־אַרטיקל פון 5 יוני 1926, וואָס האָט געפּראָוועט ריינוואַשן פּעטלוראַן פון דער שולד אין די אוקראַאינער פּאָגראָמען, נאָך דעם ווי ער איז דערשאָסן געוואָרן דורך שוואַרצבאַרדן. ל. פאָגעלמאַן האָט פאָרגעוואָרפן, אַז „דער וועקער" „איז צו איינזייטיק" און „ער שפּיגלט ניט אָפּ די פאַרשידענע מיינונגען, וואָס קעמפן צווישן זיך אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג"... „ווייל 'דער וועקער' איז אַזוי איינזייטיק, איז דעריבער ענג געוואָרן דער גרופּע אינטעליגענטע סאָציאַליסטן, וואָס שטייט אַרום אים; דעריבער האָט ער נישט באַוויזן צוציען און פאַראייניקן אַרום זיך אַלע סאָציאַליסטן און סימפּאַטיקער פון דער פאַרטיי"... די רעדאַקציע פון „וועקער" האָט געלייקנט פאָגעלמאַנס באַהויפּטונגען און דערקלערט, אַז „די שפּאַלטן פון 'וועקער' זיינען אָפן פאַר יעדן סאָציאַליסט, וואָס האָט עטוואָס צו זאָגן איבער אַ געוויסער פראַגע. און אויב די געשוואָרענע קריטיקער פון 'וועקער' באַנוצן זיך נישט מיט דעם, איז עס נישט אונזער שולד".[161]

דעם 16 און 17 אָקטאָבער 1926 איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע באַראַטונג פון פאַרבאַנד־פאָרשטייער אין לאַנד וועגן דער קריטישער פינאַנציעלער לאַגע. דער סעקרעטאַר האָט באַריכטעט, אַז פאַר די פינף יאָר האָט דער פאַרבאַנד אויסגעגעבן אויף סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע איבער צוויי הונדערט טויזנט דאָלער. דער „פאָרווערטס" האָט בייגעשטייערט 10 טויזנט דאָלער אַ יאָר, די איבעריקע 150 טויזנט דאָלער האָט מען געמוזט שאַפן פון די ברענטשעס און אונטערנעמונגען. געבליבן איז אַ דעפיציט פון 25 טויזנט דאָלער.

זייער הייס איז דעבאַטירט געוואָרן אַ פאָרשלאַג וועגן אָפּשטעלן דעם „וועקער" און אנשטאָט אים אַרויסגעבן אָפטער בראָשורן און בלעטלעך. דערביי האָט מען אויך קריטיקירט דעם אינהאַלט און ריכטונג פון פאַרבאַנד־אָרגאַן. מיט אַלע שטימען קעגן איינער (מ. גיליס, דעלעגאַט פון „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן) איז באַשלאָסן געוואָרן דעם „וועקער" ווייטער אַרויסצוגעבן. דערביי האָט דער רעדאַקטאָר ד. שוב פאַרטיידיקט די פּאָליטישע ליניע פון דער צייטונג.

אויף דער באַראַטונג איז אויך אַרויסגעטראָטן דער פּרעזידענט פון דער אינ־טערנעשאַנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן און אַפּעלירט, אַז דער פאַר־באַנד זאָל נישט גיין אויפן לײכטן וועג פון זעלבסט־באַגרענעצן זײן טעטיקייט.

אין מאַי 1926 איז לויט דער איניציאַטיוו פון פאַרבאַנד פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אַלע צווייגן פון דער באַוועגונג. ס'האָבן אָנטייל גענומען בערך 400 טוער. דער פאָרזיצער י. ווײנבערג האָט אין זײן אַרײנפיר־רעדע געזאָגט, אַז די שווערע לאַגע, וואָס די קאָמוניסטן האָבן געשאַפן אין די יוניאָנס און אַרבעטער־רינג, האָט געמאַכט נויטיק אַזאַ קאָנפערענץ. וועגן דער לאַגע אין די יוניאָנס האָבן גערעדט אײבראַמסאָן פון די פאַראײניקטע ײדישע גע־ווערקשאַפטן, האָלענדער פון אַמאַלגאַמייטעד, מאָריס זיגמאַן — קלאָוקמאַכער־יוניאָן און מענדעלעוויטש — קעפּ־מאַכער־יוניאָן. ס'האָבן אויך גערעדט וועגן מצב פון דער באַוועגונג מאיר לאַנדאָן און א. ליטוואַק. זײ האָבן אָנגעוויזן וואָס עס דאַרף געטון ווערן, כדי געזונטער צו מאַכן די באַוועגונג. דאָס איז, אגב, געווען מאיר לאַנדאָנס לעצטע רעדע. מיט 10 טעג שפּעטער איז ער אומ־געקומען.

באַזונדערס אינהאַלטסרײך איז געווען די סעסיע פון פאַרטײ־ראַט, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 10 און 11 יולי 1927. ס'זײנען געווען 35 דע־לעגאַטן פון אַ רײ שטעט. ש. לעוויטאַס, וועלכער האָט פאַרטרעטן דעם סעקרע־טאַר, האָט באַריכטעט וועגן אײניקע טורן איבערן לאַנד. ס'זײנען אַרויסגעפאָרן כאַניז, קאַנטאָראָוויטש, ווײנבערג, לעוויטאַס, ריפּקין און דעמביצער. אויך דער פאַרשטײער פון „בונד" ה. ערליך האָט אויף זײן טור „געטון גלענצנדיקע אַרבעט פאַרן פאַרבאַנד", האָט דער באַריכט־אָפּגעבער געזאָגט.

וועגן „בונד" האָט לעוויטאַס געזאָגט: „מיר זײנען גײסטיק פאַרבונדן מיט דעם 'בונד' אין אײראָפּע. און דער 'בונד' פון אַמעריקע — דער ײדישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד — דאַרף און וועט אָפּשאַצן די רײכע טעטיקייט פון 'בונד' פאַר די לעצטע 30 יאָר". ער האָט איבערגעגעבן וועגן די צוגרײטונגען צו פײערן דעם 30־יאָריקן יובילײ פון „בונד". אין זײן באַריכט האָט לעוויטאַס אָנגעוויזן אויף די שטערונגען, וואָס דער פאַרבאַנד טרעפט אָן אין זײנע באַ־מיאונגען צו זײן טעטיק אין די יוניאָנס. „די פאַרהעלטניסמעסיקע שוואַכקייט פון אונזער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע איז צוליב דעם פאַקט, וואָס אונזערע גענאָסן זײנען צופיל פאַרנומען אין אַרבעטער־רינג, אין די יוניאָנס, אין די לײבאָר־לײסעאומס און אַנדערע קולטורעלע אנשטאַלטן. אויף אונזער אײגענע רײן פאַרטײאיש־סאָציאַליסטישע אַרבעט בלײבט ווײניק כוחות. דאָך האָבן מיר אַ 30 ברענטשעס (מיט אַ 2 טויזנט מיטגלידער), וועלכע אַרבעטן גוט".

דער נײער רעדאַקטאָר פון „וועקער", חיים קאַנטאָראָוויטש, האָט פאָרמו־לירט די פּאָליטישע ליניע פון דער צײטונג. א. ליטוואַק האָט רעפערירט וועגן די פּאָליטישע און קולטורעלע אויפגאַבן. ער האָט געהייסן באַפרײען זיך פון דער אײנרעדעניש, אַז פּאָליטישע אַרבעט איז פאַראַן צו טון בלויז בײ די וואַלן. דער בײשפּיל פון „בונד" אין פּוילן ווײזט, ווי דערפאָלגרײך מ'קען זײן, ווען מ'טוט פּאָליטישע אַרבעט אַ גאַנץ יאָר. ס'איז אַ גרויסער פעלער וואָס דער פאַרבאַנד האָט נישט קײן אײנפלוס בײם באַשטימען די קאַנדידאַטן, וואָס די פאַרטײ שטעלט אַרויס. אויך דער פּאָליטישער אינהאַלט פון די וואַל־קאַמ־

פיינס שטעלן נישט צופרידן. בכלל האָט דער פאַרבאַנד אַ בעסערן אַפּאַראַט ווי די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אָבער אין פאַרבאַנד טראַכט מען צו ווייניק וועגן די פּראָבלעמען פון פּאָליטישן לעבן.

אייניקע פּראַקטישע באַשלוסן האָט מען אָנגענומען. צווישן זיי, אַז מען זאָל ענגער צוזאַמענאַרבעטן מיט די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס און מיט די אָב־פּירנדיקע אָרגאַנען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און אַז מ'זאָל צוריק איינשטעלן דעם אַמט פון אַ סעקרעטאַר־איבערזעצער פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד ביים נאַציאָנאַלן אָפּיס פון דער ס. פּ.. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט שפּעטער באַשלאָסן, אַז דער סעקרעטאַר־איבערזעצער זאָל זיין מ. בלומין פון שיקאַגאָ.

אויף דער סעסיע פון פּאַרטיי־ראַט איז מיט אַ לענגערער רעדע אויך אַרויס־געטרעטן ה. ערליך. קודם האָט ער געענטפערט אויף דער קריטיק פון היגע טוער פּאַרוואָס דער „בונד" אין פּוילן איז אָפּגעזונדערט פון דער פּ.פּ.ס.. דאָס איז אַלנפאַלס נישט די שולד פון „בונד". ער האָט גערעדט וועגן דעם, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אַ שוואַכן איינפלוס אין דער פּאַרטיי, וואָס ער נעמט נישט קיין אָנטייל אין אויסאַרבעטן די ריכטליניעס פון דער פּאַרטיי־פּאָליטיק. דער פאַרבאַנד דאַרף אַרויס פון זיין פּאַסיווער ראָל אין דער פּאַרטיי. ער האָט אויך אָנגעוויזן אויפן פאַקט, וואָס עס פעלט אין פאַרבאַנד אַ פולסירנדיק אינערלעך לעבן. ערליך האָט לסוף גערעדט וועגן דער אידייאישער ראָל, וואָס דער פאַרבאַנד קען שפּילן אין די יוניאָנס. ס'איז ווייניק צו באַזיגן דאָרט די קאָ־מוניסטן, מען מוז דאָס יידיקע אָרט אָנפילן מיט אַ פּאָזיטיוון אינהאַלט — מיט אַ סאָציאַליסטישן אינהאַלט.

הערבסט 1926 האָט דער פאַרבאַנד דורכגעפירט אין אַ ריי שטעט פייערונ־גען צו זיין 5־יאָריקן יובילי. מ'האָט אָפּגעשאַצט די דערגרייכונגען פון דער אָרגאַניזאַציע און מ'האָט גערעדט וועגן די נאָנטסטע אויפגאַבן. אין ניו־יאָרק איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין קאַרנעגי־האָל, וואו ס'האָבן גערעדט י. וויינבערג, נ. כאַניז, דזשייקאָב פּאַנקין און מאָריס הילקוויט.

אַ ברייטע טעטיקייט האָט געפירט דער פאַרלאַג „וועקער", וואָס האָט באַקו־מען אַלס פאַרוואַלטער מ. פּאַלין. דער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן וויכטיקע ביכער. צוויי מאָל האָט מען אַרויסגעגעבן אַ יאָר־בוך „דער יידישער וועלט־אַלמאַנאַך". ווייטער זיינען אַרויס ווערק פיגנערס מעמואַרן (אין מ. אָשעראָ־וויטשעס איבערזעצונג), דאָס „אידיש ווערטערבוך" פון יהואש און דר. חיים ספּיוואַק (ווערטערבוך פון העברעאישע ווערטער אין דער יידישער שפּראַך), אַ באַנד געקליבענע שריפטן פון יודזשין וו. דעבס, „לעניז" פון ד. שוב, 5 בענדער „די געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן" פון הלל ראָגאָף, „סאָוועט־רוסלאַנד" פון נ. כאַניז, און אַ ריי אַנדערע. אַחוץ דעם איז דער פאַרלאַג „וועקער" אויך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַ ריי אַמעריקאַנער און אייראָפּעאישע פאַרלאַגן און פאַרקויפט זייערע ביכער. די דאָזיקע טעטיקייט איז געפירט געוואָרן אין אַ ברייטן פאַרנעם סיי אַ גאַנץ יאָר, סיי אין וואָכן פון ספּעציעלע אויספאַרקויפן.

אין 1927 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די פינפטע קאָנווענשאָן פון יידישן סאָציאַ־ליסטישן פאַרבאַנד. זי איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 24—26 נאָוועמבער 1927 אין נוּאַרק. 46 דעלעגאַטן האָבן פאַרטרעטן 31 בראַנטשעס. אַחוץ דעם זיינען

געווען פראַטערנאַלע דעלעגאַטן פון די פּאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, פון אַרבעטער־רינג און פאַרבאַנד־קערפּערשאַפטן — די פראַטערנאַלע דעלעגאַטן האָבן אויך באַקומען שטים־רעכט.

דעם באַריכט האָט אָפּגעגעבן דער סעקרעטאַר נ. כאַנין. ער האָט אויספירלעך כאַראַקטעריזירט דעם מצב, אין וועלכן די יידישע אַרבעטערשאַפט געפינט זיך און אָנגעוויזן אויף די גרויסע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די יידישע פאַכן. ער האָט אויך אַרומגערעדט דעם קאַמף מיט די קאָמוניסטן אין די יוניאָנס, וואָס האָט פאַרצערט אַ מאַסע ענערגיע און צייט. צווישן די יידישע אַרבעטער איז געוואָרן אַ גרויסע אַרבעטלאָזיקייט. די אַרבעטלאָזיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער איז שוין געווען שטאַרק פאַרשפּרייט, ווען אַמעריקע האָט נאָך בכלל פון קיין קריזיס נישט געוואוסט. ווייל „די הויפּט־צענטערן פון יידישע אינדוסטריעס האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלירן די אַרבעטס־פּלעצער. צענטליקער און הונדערטער שעפּער פון קעפּמאַכערס, פאַריערס, קלאָוקמאַכערס, פּענסי לעדער גודס (דאַמען־בייטלען א. ד. ג.) און קראַוואַטן האָבן גענומען אַנטלויפן פון די גרויסע צענטערן אין די קליינע שטעטלעך אַריין, וואו מען קען געפינען ביליקע הענט. אין די טויזנטער זיינען די יידישע אַרבעטער געבליבן אָן אַרבעט. פאַרצווייפלונג און יאוש האָבן אַרומגעכאַפּט די יידישע אַרבעטער־גאַס. זייענדיק פאַרזאָרגט און פאַרנומען מיט זוכן אַרבעט, האָט דער יידישער אַרבעטער נישט געקענט טראַכטן וועגן סאָציאַליסטישער טעטיקייט“... עס נאָגט דער וואָרם פון גלייכגילטיקייט און האָפענונגסלאָזיקייט. און דאָס פילט זיך אין אַלע צווייגן פון דער באַוועגונג.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך ביי אַ ריי יוניאָן־טוער געשטאַרקט די טענדענץ צו באַזייטיקן פון די יידישע יוניאָנס דעם סאָציאַליסטישן גייסט און גיין אויף דעם וועג פון „פּיור ענד סימפּל“, לויטן שניט פון די קאָנסערוואַטיווע אַמעריקאַנער יוניאָנס. אין זיין קאַמף מיט די קאָמוניסטן אין די יוניאָנס האָט דער פאַרבאַנד געליטן פון דעם, וואָס ער האָט טיילמאָל געמוזט זיך געפינען אין אַ געמיינזאַמער געזעלשאַפט פון אַזעלכע עלעמענטן, פון וועלכע ער וואָלט געדאַרפט ווייכן אָדער אַקטיוו באַקעמפן.

הגם דער פאַרבאַנד האָט נישט קיין אויסגעאַרבעט נאַציאָנאַל פּראָגראַם, דאַרף ער דאָך טון יידיש־נאַציאָנאַלע קולטור־אַרבעט. מען דאַרף זיך קלאָר מאַכן די אויפגאַבן אויף דעם געביט. די אַלטע אימיגראַנטן פירן אַ יידיש נאַציאָנאַל לעבן און אוודאי איז אַזוי ביי די פרישע אימיגראַנטן. ליידער וואַקסט נישט די מיטגלידערשאַפט פון פאַרבאַנד. אויך זיין פינאַנציעלע לאַגע איז נישט קיין גוטע. אין 1926 האָט די הוצאה באַטראָפן 700 דאָל. אַ וואָך, בעת זיכערע הכנסה איז בלויז געווען 150 דאָל. אַ וואָך פון „וועקער“ און 200 דאָל. פון „פאָרווערטס“־אַסאָסיאיישאָן. דער „פאָרווערטס“ האָט געגעבן עקסטרע 10 טויזנט דאָלאַר צו פאַרקלענערן דעם אָנגעזאַמלטן דעפיציט. מ'האָט געמוזט רעדוצירן די אויסגאַבן, באַגרענעצן די טעטיקייט. צוליב מאַנגל אין געלט־מיטלען האָט מען נאָך אַ צייט געמוזט ליקווידירן דעם אַמט פון פאַרלאַג־פאַרוואַלטער, הגם דאָס האָט זיך שלעכט אָפּגערופן אויף דער טעטיקייט פון פאַרלאַג. דער אָרגאַן פון פאַרבאַנד, „דער וועקער“, האָט פיר טויזנט לייענער. אין מערץ 1927 האָט ד. שוב רעזיגנירט אַלס רעדאַקטאָר און דער נאַציאָנאַלער

עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט אויף זיין אָרט געוויילט חיים קאַנטאָראָוויטש. ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע רעדאַקציע־קאָלעגיע, אין וועלכער ס׳גייען אַריין א. ליט־וואַק, מ. כינאָי, ל. פאָגעלמאַן און נ. כאַנין.

דער באַריכט־אָפּגעבער האָט אויך דערציילט וועגן די דורכגעפירטע טורן. דער גרעסטער איז געווען ליטוואַקס — פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק. ה. ערליך האָט באַזוכט איבער 50 שטעט און איז אַרויסגעטרעטן אויף 85 פאַרזאַמלונגען. ער האָט דערביי געשאַפן אַרום 20 טויזנט דאָלער פאַרן „בונד״. דער פאַרבאַנד, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם טור, האָט באַקומען אַ חלק פון 4 טויזנט דאָלער. ס׳זיינען אויך דורכגעפירט געוואָרן פייערונגען צום 30־יאָריקן יובילעי פון „בונד״. גלייכצייטיק איך אויך געפירט געוואָרן אַן אַקציע צו זאַמלען מיטלען אויף אַרויסצוגעבן די געשיכטע פון „בונד״ און פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג בכלל. דער פאַרבאַנד האָט באַקומען אַ ריי וועג־דונגען פון די קאָמוניסטן וועגן שאַפן „אַ פאַראייניקטן פראָנט״. אַלע ווענדונגען זיינען באַלד אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אַקטיוו איז דער פאַרבאַנד געווען אין די וואַל־קאַמפּיינס און אייניקע אַנדערע פּאָליטישע אַקציעס. צווישן זיי אויך אין דער אַקציע קעגן אויספירן דעם טויט־אורטייל אויף סאַקאָ און וואַנזעטי. דער פאַרבאַנד האָט זיך אַנגעשלאָסן אין רוף פון די יוניאָנס און ס. פּ. צו פּראָ־קלאַמירן אַן איינטאָגיקן פּראָטעסט־שטרייק (9 אויגוסט 1927).

זיין באַריכט האָט נ. כאַנין פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „די גלייכגילטיקייט פון די מאַסן און די פאַרהאַרטעוועטקייט פון די קרייזן, צווישן וועלכע אונזער טעטיקייט ווערט געפירט, מאַכן אונזער אַרבעט טאָפּלט שווער. גאַנץ אָפט ווערן מיר באַטראַכט פאַר טרוימער און בטלנים צוליב אונזער עקשנותדיקייט. אין אונזער באַוועגונג זיינען פאַראַן אַ סך פּראַקטישע מענטשן, וועלכע מיינען, אַז די סאָציאַליסטישע אַרבעט איז אַ זינלאָזע, אַז מיט איר קענען זיך באַשעפטיקן בלויז מענטשן, וועלכע זיינען נישט פּעאיק צו קיין אַנדערער זאַך אין לעבן. אָפט מאָל ווערט מען אַנטוישט. עס דוכט זיך, אַז מיר פּלאָנצן אויף אַ זאַמדיקן באָדן. מיט אַזעלכע שטימונגען באַגעגענען מיר זיך אויף טריט און שריט. מיר באַגעגענען זיך אָבער אויך מיט אונזערע ברענטשעס און אַקטיווע מיטגלידער, וועלכע שאַצן אָפּ אונזער אַרבעט. דאָס איז אונזער איינציקע טרייסט״.

אין נאָמען פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט ס. ריפקין (געוואָרן פאַרזיצער אויפן אָרט פון י. וויינבערג, וועלכער האָט אין מאַי 1927 רעזיגנירט, ווייל ער איז געוויילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג). ריפקין האָט אויספירלעך גערעדט וועגן דער אַרבעט פון די פאַרבאַנד־ברענטשעס אין די יוניאָנס און וועגן אַ ריי פּראַקטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים. חיים קאַנטאָראָוויטש האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט אין נאָמען פון דער „וועקער״־רעדאַקציע.

מאָריס הילקוויט האָט רעפערירט וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין אַמע־ריקע און די אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער האָט אַנאַליזירט די סיבות פאַרוואָס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע גייט באַרג אַראָפּ. „איך רעכן — האָט הילקוויט געזאָגט — אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע האָבן אַלע מאָל געווען כוחות נאָך יעדער קאַטאַסטראָפע צוריק

אויפצולעבן, ווייל זיי זיינען פעסט פאַרוואָרצלט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. זיי זיינען אַלע מאָל געווען און זיינען איצט דער פּאָליטישער אויסדרוק פון די אַרבעטער־מאַסן.. און כל־זמן די מאַסן וועלן אַרבעטן און קעמפן, וועט דער סאָציאַליזם זיין דער סימבאָל פון זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קאַמפן. דאָ אין אַמעריקע איז אָבער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אָפּגעטיילט פון דער עקאָנאָמישער אַרבעטער־באַוועגונג. און דאָס איז די סיבה פאַרוואָס מיר האָבן דאָ נישט געקענט האָבן קיין שטאַרקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי"...

די קאָמוניסטישע שפּאַלטונג פון איין זייט און די פאַרפאָלגונגען פון דער רעגירונג פון דער צווייטער זייט האָבן צעבראָכן די פּאַרטיי. „פאַר דער מלחמה איז אונזער פּאַרטיי געווען גוט אָרגאַניזירט נישט בלויז אין די גרויסע אינ־דוסטריעלע שטעט מיט אַ גרויסער אימיגראַנטישער באַפעלקערונג, נאָר כמעט אין יעדן שטאַט". כמעט אומעטום איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג געוואָרן דערשטיקט און אָפּגעמעקט. וואָס די קאָמוניסטן און די פאַרפאָלגונגען פון דער רעגירונג האָבן נישט באַוויזן צו דערהרגענען, האָט געטון די פּראָספּעריטי. זי האָט גורם געווען אַן אַלגעמיינע פּאָליטישע אַפּאַטיע. „אַזאַ גלייכגילטיקייט צו פּאָליטישע ענינים, ווי מיר האָבן איצט, האָט גאָר צו זיך קיין גלייכן נישט". דער סאָציאַליסטישער פירער האָט אויך דערלאָזט די מעגלעכקייט, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג זאָל צוריק אויפגעבויט ווערן דורך אַן אַנדערער קערפּערשאַפט און נישט דווקא דורך דער ס. פּ.. „די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט דורך איר פּראַקטיק אַ פּאַר מאָל באַוויזן איר גרייטקייט זיך צוריקצוציען, זיך שטעלן אין אַ זייט אין אַ גרעסערער און ווירקזאַמערער באַוועגונג". „די ס.פּ. האָט דורך מעשים באַוויזן, אַז זי איז שטענדיק גרייט צו בייטן אירע פאָרמען, אַפילו זיך פאַנאַנדערלאָזן, אויב דאָס קען העלפן דעם פאָראויסגאַנג פון סאָ־ציאַליזם אין אונזער לאַנד". איצט זעט זיך אָבער נישט אַזאַ מעגלעכקייט. דעריבער מוז מען אונזערע האָפענונגען פאַרבינדן מיט דער וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. הילקוויט האָט געוואָרנט קעגן „פּראַקטישן ציניזם". ער האָט גערופן צו זיין פּראַקטיש, אָבער נישט אויפן חשבון פון אידעאַליזם. „מיר זיינען נאָך דערוויילט אויף דער שטופּע, ווען דער אידעאַליזם פון אונזער ענד־ציל איז וויכטיקער און ווירקזאַמער אין אונזער פּראָפּאַגאַנדע, ווי אַלע פּראַקטישע פּראָבלעמען"...

דער פירער פון דער ס.פּ. האָט געמוסרט דעם פאַרבאַנד פאַרוואָס ער גיט זיך צו פיל אָפּ מיט יידישע ענינים. „איך האָב דעם איינדרוק — האָט ער געזאָגט — אַז איר זענט צו פיל יידיש און צו ווייניק פאַרבאַנד. איך מיין מיט דעם, אַז איר גיט זיך צו פיל אָפּ מיט ריין יידישע ענינים און צו ווייניק מיט אַלגעמיין פּאַרטייאישע, צו ווייניק מיט דער אַלגעמיינער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג פון לאַנד. ווען אין אַמעריקע וועט אויסוואַקסן אַ שטאַרקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועט זי נישט זיין קיין יידישע אָדער פּינישע, נאָר אַן אַמעריקאַנישע. אַמעריקע פאַרמאָגט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג. זי איז פאַר אונז זייער וויכטיק. אַ שטאַרקע יידיש־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע איז פאַר אונזער פּאַרטיי זייער וויכטיק. איך רעכן אָבער, אַז די יידישע חברים, וואָס זיינען אין אַ געוויסן זין אין אַ בעסערער לאַגע, ווי די פּאַרטיי גופא, מוזן מער העלפן און ענגער זיך פאַרקניפּן מיט דער פּאַרטיי". אין אַ ריי שטעט

דאַרפֿן די פֿאַרבאַנד־ברענטשעס גרינדן נישט־יידישע פּאַרטיי־ברענטשעס.

ה. לאַנג האָט רעפּערירט וועגן דער לאַגע פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. אַזוי ווי ס'איז געוועזן פֿאָראויסצוזען, אַז עס וועלן באַרירט ווערן אייניקע דראַסטישע פֿראַגן פֿון די יידישע יוניאָנס, איז באַשלאָסן געוואָרן די דיסקוסיע איבער דעם דאָזיקן רעפּעראַט צו פֿירן אין אַ געשלאָסענער זיצונג, כדי די רעדנער זאָלן קענען פֿריי אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס זיי האַלטן פֿאַר נויטיק אַרויסצובברענגען. אין דער דיסקוסיע האָבן זיך באַטייליקט פֿיל רעדנער, צווישן זיי אויך די אָנגעזעענע טרייד־יוניאָן פֿירער זיגמאַן (פּרעזידענט פֿון אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן), בעגון (סעקרעטאַר פֿון פֿאַריערס אינטערנעשאָנעל) און אַ ריי אַנדערע.

די פֿינפֿטע קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ ריי רעזאָלוציעס וועגן אַקטועלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען. אין איינער זיינען פֿעסטגעשטעלט געוואָרן די באַציאונגען מיט דער ס.פּ. און די נויטיקייט פֿון אַן ענגער פֿאַרבינדונג אין דער אַרבעט. דאָרטן וואו דער פֿאַרבאַנד איז אַליין, זאָלן געגרינדעט ווערן ענגלישע און אַנדער־שפּראַכיקע ברענטשעס. מ'זאָל זיך באַמיען צו האָבן אַן איינפֿלוס ביי באַשטימען די קאַנדידאַטן בעת די וואַל־קאַמפּאַניעס, ווי אויך ביים ווילן דעלעגאַטן צו קאָנווענשאָנס און ביי ווילן די אָנפֿירנדיקע פּאַרט־קערפּערשאַפֿטן. „אין אַלע פֿאַלן, ווען דער נאַציאָנאַלער אָפֿיס אָדער די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס פֿון דער ס.פּ. דאַרפֿן האָבן וועלכע נישט איז באַציאונגען מיט אַ יידישער אָרגאַניזאַציע, וואָס גייט נישט אַריין אין אונזער פּאַרטיי, זאָלן זיי זיך פֿריער באַראָטן מיט די יידישע ברענטשעס, ווייל די לעצטע זיינען אין אַזעלכע פֿראַגן קאָמפּעטענטער און זייער טייל פֿון דער באַוועגונג רירט עס אָן אַמנאָנטסטן"... „די קאָנווענשאָן גיט איבער דעם ניי־געווײלטן נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו פֿון פֿאַרבאַנד צו פּועלן ביי דער אָנפֿירונג פֿון דער ס. פּ. צו ווירקן אויף די מיטגלידער פֿון די ענגליש־שפּרעכנדע ברענטשעס, אַז אין יידישע פֿראַגן, אין וועלכע די ס. פּ. האָט נישט קיין באַשלוס, זאָלן זיי זיך רעכענען מיט די באַשלוסן פֿון יידישן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד. עס דאַרף זיך נישט איבער־חזרן די איצטיקע אומנאָרמאַלע לאַגע, ווען אַ טייל יידישע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי האַנדלט אויף אייגענער אחריות אָן שום קאָנטראָל קעגן אַ צווייטן טייל פֿון דער פּאַרטיי, וועלכער האַנדלט אין די זעלבע פֿראַגן אָרגאַניזירט, לויט אויסגערעכנטע און באַשטעטיקטע באַשלוסן".

אַ רעזאָלוציע וועגן אינהאַלט פֿון דער אויפֿקלערונג־אַרבעט זאָגט: „די סאָציאַליסטישע אויפֿקלערונג טאָר בשום אופֿן נישט געטון ווערן אַבסטראַקט. זי מוז זיך פֿירן אַרום לעבעדיקע נויטן פֿון די מאַסן. די אַרבעט פֿון אַגיטירן און מאָביליזירן די מאַסן פֿאַרן סאָציאַליזם איז בעסער צו פֿירן אַרום דער טעטיקייט פֿון די שטאָט־פֿאַרוואַלטונגען, געריכטן, געזעצגעבערישע קערפּערשאַפֿטן און פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג"... „די דאָזיקע אַרבעט דאַרף געטון ווערן נישט בלויז אין דער צייט פֿון אַ קאַמפּיין, נאָר אויך אין אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר. מיר דאַרפֿן אויך זיך אָפּגעבן מיט די מאָדערנע יידישע קולטור־שאַפֿונגען און קולטור יום־טובים, וואָס האָבן אַ שייכות צו די ברייטע מאַסן און באַלייכטן זיי אין אונזער סאָציאַליסטישן גייסט".

צוליב דעם, וואָס פֿיל מיטגלידער און טוער האָבן נישט געהאַנדלט אין

גייסט פון די אָנגענומענע פאַרבאַנד־באַשלוסן, האָט די קאָנווענשאָן אָנגענומען אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע וועגן דיסציפּלין. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אַלע זיינען מחויב צו רעספּעקטירן די באַשלוסן. „פרייהייט פון מיינונגען און איינהייט פון מעשׂים — אויף דעם האַלט זיך דער פאַרבאַנד, ווי יעדע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע בכלל״. „גענאָסן, וועלכע זיינען נישט פעיִק אָפּצוהיטן די סאָציאַליסטישע דיסציפּלין, קענען נישט זיין קיין מיטגלידער פון אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. אַזעלכע פאַלן דאַרף דער עקזעקוטיוו גענוי אויספאָרשן און אַרויסטראָגן דעם געהעריקן אורטייל״.

די קאָנווענשאָן האָט גערופן די מיטגלידער פון סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, אַז זיי זאָלן ווענדן זייער גרעסטע אויפמערקזאַמקייט אויף דער אַרבעט אין די יוניאָנס. דערביי איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז דער פאַרבאַנד וויל נישט קאָמאַנדעווען אין די יוניאָנס, ווי די קאָמוניסטן; ער וויל בלויז ווירקן אויף די יוניאָנס אין סאָציאַליסטישן גייסט, „אַרויסנעמען זיי פון די ענגע ראַמען פון בלויז עקאָנאָמישן קאַמף און אַריינציען זיי אין די פּאָליטישע קלאַסן־אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט, אָפּשוואַכן זייער אָפּגעזונדערטקייט, העלפן זיי ענגער פאַרבינדן צווישן זיך און שאַפן אַ קאָנטאַקט מיט אַלע אַנדערע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג״. צוזאַמען מיט די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע און אַנדערע זאָל מען צונויפרופן אַ קאָנפערענץ פון די יוניאָנס, אין וועלכע עס איז פאַראַן אַ באַדייטנדיקע צאָל יידישע מיטגלידער. די דאָזיקע קאָנפערענץ זאָל צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ יידישן אַרבעטער־קאָנגרעס פון דעם גאַנצן לאַנד... „דער יידישער אַרבעטער־קאָנגרעס וועט דאַרפן אונטערנעמען אַ ברייטע אויספאָרשונג־אַרבעט וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידישע אַרבעטער, זייערע פאַרדינסטן, ביודזשעטן, מיט וואָס עס פאַרנעמט זיך ווירטשאַפטלעך דער הי־געבוירענער יונגער דור א. ד. ג.״.

ווייטער איז באַשלאָסן געוואָרן צו פירן אַ ווערבירונג־קאַמפּיין פאַר נייע מיטגלידער, אַרויסגעבן קליינע סאָציאַליסטישע בראָשורן, צוטרעטן אַרויסגעבן די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אָרגאַניזירן אין לאַנד ביכער־פאַרקויפן, פירן אַ טעטיקייט אויך צווישן פרויען און יוגנט.

לסוף האָט די 5־טע קאָנווענשאָן אויסגעוויילט אַ נייעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, אין וועלכן עס איז אַריין: ס. ריפקין, נ. כאַנין, א. ליטוואַק, ס. לעוויטאַס, ח. קאַנטאָראָוויטש, פּ. דעמביצער, ד. שוב, דוד מייער, יונה ווילִיאַצער, ל. פאָגעלמאַן, מ. כינאַי, ב. געבינער, פּ. שטיינבערג, ב. קאָהען, בעגון, וועקסלער און מיניקעס. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט זיך קאָנסטיטואירט אויף אַזאַ אופן: ריפקין — פּאָרזיצער, כאַנין — סעקרעטאַר, לעוויטאַס — אָרגאַניזאַטאָר, קאַנטאָראָוויטש — רעדאַקטאָר. אין רעדאַקציע זיינען אַריין: א. ליטוואַק, ל. פאָגעלמאַן, מ. כינאַי, נ. כאַנין און ח. קאַנטאָראָוויטש. אין אָפּיס קאָמיטעט זיינען אַריין: דעמביצער, שוב, ליטוואַק, קאַנטאָראָוויטש, כינאַי און דוד מייער.

אין 1928 איז נ. כאַנין געווען איינער פון די דעלעגאַטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין בריסל. כאַנין איז אויך באַפולמעכטיקט געוואָרן צו פאַרטרעטן דעם פאַרבאַנד אויפן צוזאַמענפאָר פון „בונד״ אין פּוילן. אין זעלבן יאָר האָט דער נאַציאָנאַלער עק־

זעקוטיוו־קאָמיטעט געמאַכט שטאַרקע באַמיאונגען, אַז ס׳זאָל צונויפגערופן ווערן אַ יידישער אַרבעטער־קאָנגרעס אין אַמעריקע.

אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס איז געווען אַ פאַרשפּיל צו אַן אַלוועלטלעכער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע מיט צענטליקער מיליאָנען אַרבעטלאָזע. די יידישע אַרבעטער־יוניאָנס זיינען ווידער אַראָפּ פון דער מדרגה. זיי האָבן פאַרלאָרן שווער אויסגעקעמפטע פּאָזי־ציעס, פאַרלוירן אַ סך מיטגלידער און געבליבן מיט פּוסטע קאַסעס און צרות אָן אַ שיעור. די אינטערנעשאָנעל, די פּרויען־שניידער־יוניאָן, איז פאַרקלענערט געוואָרן ביז אַ מיטגלידערשאַפט פון פערציק טויזנט. פאַרביטערטע שטרייקן האָבן נישט געקענט פאַרבעסערן די מערכה.

ביי אַזאַ אַלגעמיינער שווערער לאַגע זיינען דער פינאַנציעלער מצב און די אַרבעטס־מעגלעכקייטן פון פאַרבאַנד געוואָרן נאָך ערגערע. אין די גוטע צייטן, ווען די יוניאָנס זיינען געווען שטאַרק און רייך, האָבן זיי נישט געוואָלט העלפן אַ קליינער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, ווייל זיי האָבן געטראַכט, אַז זיי קענען זייער שטעטל אַליין באַשטיין. איצט ווען זיי זיינען אַליין געווען אויף צרות, האָבן זיי שוין נישט געקענט העלפן. דער פאַרבאַנד האָט זיך געראַנגלט מיט אַ דעפיציט פון 28 טויזנט דאָלער, וואָס וואָלט נאָך מער געוואַקסן. ער האָט דעריבער פון פעברואַר 1929 אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם „וועקער" יעדע צוויי וואָכן אנשטאָט וועכנטלעך. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט מען אויך געמוזט אָפּשאַפן דעם אַמט פון אַ באַצאָלטן רעדאַקטאָר. מיטן רעדאַגירן דעם „וועקער" האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ קאָלעגיע פון די חברים א. ליטוואַק, ח. קאַנטאָראָוויטש, פּ. געליבטער, מ. כינאָי און נ. כאַנין.

די טעטיקייט פון די ברענטשעס איז געוואָרן אַ מאָגערע. אַפּאַטיע און פאַר־גליווערטקייט האָבן געליימט די איניציאַטיוו. פרעמדע שטימונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינרייסן אין די ראַדיקאַלע קרייזן. דער „פאָרווערטס" האָט זיך אַלץ מער און מער גענומען אינטערעסירן מיט דעם, וואָס עס טוט זיך אין ציוניסטישע און רבנישע הויפן. „ווען סאָציאַליזם הויבט אָן באַטראַכט צו ווערן פאַר אַ נישט גאַנגבאַרע סחורה — האָט געשריבן נ. כאַנין — הויבט מען אָן מיט באַגייסטערונג צו שרייבן וואָס פאַר אַ פראַכטפול בילד עס איז געווען ביים ציון־קאָנגרעס פון די פאַרשידענע קאָלירן פון די רבנישע קאַפּאָטעס און זייערע אויסגעקעמטע און נישט־אויסגעקעמטע בערד. מיר פאַרשטייען, אַז יעדע צייטונג דאַרף געבן פּלאַץ יעדער וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער פּאַסירונג. דער ציוניזם און די אַגענטור דאַרפן ווי געהעריק אָפּגעשפּיגלט ווערן אויף די שפּאַלטן פון ׳פאָרווערטס׳. אָבער פאַרוואָס די קעפּ פאַרלירן? פאַרוואָס מער ציוניסטיש ווי די ציוניסטן אַליין? פאַרוואָס באַראַבאַנעווען שטאַרקער פאַר אַלעמען? פאַרוואָס פאַרגעסן דעם 15־טן יאָרצייט פון זשאָרעסן? פאַרוואָס פאַרנאַכלעסיקן אונזערע סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען? יענע פּראָבלעמען, וואָס דער ׳פאָר־ווערטס׳ האָט געדינט איבער דרייסיק יאָר".[162]

אין די שטעט און שטעטלעך איז געוואָרן אַ סך שווערער צו גרינדן נייע פאַרבאַנד־ברענטשעס. אפילו מענטשן פון דער באַוועגונג — טוער פון אַרבע־טער־רינג, פון די יוניאָנס און געוועזענע אַקטיווע סאָציאַליסטן — האָבן

געפרעגט: צו וואָס דאַרף מען דעם פאַרבאַנד? אויב מ׳וויל זיין אַקטיוו, זיינען פאַראַן גענוג פלעצער וואו מ׳קען אָפּגעבן די צייט און ענערגיע.

ביי אַזאַ מצב האָט זיך געדאַרפט צונויפקומען די זעקסטע קאָנווענשאַן פון פאַרבאַנד. איבער אַלע קאָנקרעטע פראַגן האָט געהאַנגען, ווי אַ שאָטן, די שטי־מונג פון קריזיס. די רעדאַקציע פון פאַרבאַנד־אָרגאַן האָט אויפמערקזאַם גע־מאַכט אויף דעם שאָטן, וואָס מאַכט שווערער דאָס געמיט און שוואַרצער דאָס בילד. זי האָט באַקעמפט די ליקווידאַציע־שטימונג, וואָס געוויסע יחידים האָבן אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן דאָן און האָט געזאָגט: „צוויי־ערליי עלעמענטן האָבן געבויט דעם פאַרבאַנד. איין עלעמענט — און דער איז געווען דער גרעסטער און וויכטיקסטער — איז געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז וואו עס זיינען דאָ יידישע אַרבעטער, וואו עס לעבט און אַנטוויקלט זיך אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואו עס איז דאָ אַ יידיש גייסטיק לעבן, דאָרטן דאַרף אויך זיין אַ יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. זי דאַרף זיין אַ טייל פון דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע, אָבער נישט בלויז אַ טעכנישער אַפּאַראַט צו פּריידיקן אין יידיש דעם סאָציאַליזם. די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע דאַרף זיין אין אינהאַלט אַ יידישע. דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד דאַרף רעאַגירן און העלפן די יידישע אַרבעטער זיך פאַנאַנדערקלייבן אין יענע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן לעבן סיי אויף דער זייט, סיי אויף יענער זייט ים. דער צווייטער עלעמענט איז געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז בכלל דאַרף מען דאָ אין לאַנד נישט האָבן קיין יידישע סאָ־ציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, אָבער אַזוי ווי עס זיינען פאַראַן יידישע קאָמוניסטן, דאַרף מען האָבן אַ יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פירן דעם קאַמף מיט די קאָמוניסטן". צוליב דעם וואָס די קאָמוניסטן גייען באַרג־אַראָפּ אין די יוניאָנס און אין אַרבעטער־רינג, „טראָגן זיך אַרום אַ סך געגנאָסן מיט דעם געדאַנק — צוליב וואָס דאַרף מען איצט דעם ׳פאַרבאַנד׳ און דעם ׳וועקער׳? איבער אַלע פראַגן פון טאָג־אָרדנונג (פון דער 6־טער קאָנווענשאַן) וועט די דאָזיקע פראַגע שוועבן. אמת, אַזאַ פראַגע איז אויף דער טאָג־אָרדנונג נישטאָ, זי הענגט אָבער אין דער לופטן און די קאָנווענשאַן וועט אויף דער פראַגע דאַרפן געבן אַן אַנטשיידענעם ענטפער. ווען די ברענטשעס וועלן וויילן זייערע דעלעגאַטן, זאָלן זיי זען, אַז די דעלעגאַטן זאָלן אין דער וויכטיקער פראַגע פאַרטרעטן דעם ברענטש און די מיטגלידערשאַפט".[163]

די זעקסטע קאָנווענשאַן פון פאַרבאַנד איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק אין די טעג פון 27־טן נאָוועמבער ביזן 1־טן דעצעמבער 1929. אויף דער פייערלעכער עפענונג האָבן גערעדט מאָריס הילקוויט, נאָרמאַן טאָמאַס, א. ליטוואַק, ב. וולאַדעק, ק. סיניאַר, י. ווייַנבערג, ס. ריפקין און מ. ביין. 55 דע־לעגאַטן האָבן פאַרטרעטן 38 ברענטשעס. אַחוץ דעם זיינען אויך מיט שטים־רעכט געווען 26 פראַטערנאַלע דעלעגאַטן פון 11 אָרגאַניזאַציעס.

דער באַריכט־אָפּגעבער, נ. כאַנין, האָט קודם זיך אָפּגעשטעלט אויף די באַמיאונגען צו רופן אַן אַרבעטער־קאָנגרעס, וואָס זאָל נעמען שטעלונג צו אַ ריי אַקטועלע פראַגן און שאַפן אַן אויטאָריטעטע קערפּערשאַפט צו קאָאָר־דינירן די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון דער יידישער אַרבעטער באַווע־גונג. די קללה פון צעריסנקייט, וואָס הערשט אין די יידישע אַרבעטער־

רייען, האָט אוממעגלעך געמאַכט צו פֿאַרווירקלעכן דעם פּלאַן פֿון אַן אַרבעטער־קאָנגרעס. נאָך דער פֿריערדיקער קאָנווענשאָן האָט דער פֿאַרבאַנד געהאַט אַ דעפֿיציט פֿון 32 טויזנט דאָלער. ס׳איז נישט געווען קיין ברירה און מ׳האָט געמוזט באַגרענעצן די הוצאות. דורך דעם האָט מען דעם דעפֿיציט פֿאַרקלענערט מיט 10 טויזנט דאָלער. דער „וועקער“, וואָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צוויי־וואָכנבלאַט, האָט 5 טויזנט אַבאָנענטן, פֿון וועלכע 3,500 זייַנען באַצאָלטע. אין משך פֿון די לעצטע 10 חדשים האָט דער פֿאַרלאַג פֿאַרקויפֿט ביכער פֿאַר קרוב 8 טויזנט דאָלער. טייל מיינען אַז דאָס פֿאַרשפּרייטן יידישע ביכער איז נישט די אויפֿגאַבע פֿון פֿאַרבאַנד, זיי זייַנען אָבער נישט גערעכט.

וועגן דער מיטגלידערשאַפֿט פֿון פֿאַרבאַנד האָט דער באַריכט־אָפּגעבער געזאָגט, אַז לויט דער צאָל פּאַרטיי־מאַרקעס, וואָס זייַנען געקויפֿט געוואָרן דורכן פֿאַרבאַנד־אָפּיס, איז איר צאָל נישט מער, ווי 950. פֿאַקטיש איז די צאָל מיטגלידער בערך 2 טויזנט, ווייל אַ העלפֿט האָט נישט באַוויזן צו באַצאָלן דעם פּאַרטיי־שטייער פֿאַרן יאָר 1929. דער פֿאַרבאַנד ליידט פֿון דעם, וואָס אַ טייל פֿון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ איז אַוועק צו די קאָמוניסטן און דער צווייטער טייל שטייט אָן אַ זייט און באַטייליקט זיך נישט אין דער אַרבעט פֿון פֿאַרבאַנד. „מיר זייַנען ביז־איצט געווען אַרומגערינגלט פֿון אויסערלעכע שונאים און אינערלעכע קעגנער. דער כּוח און די צאָל פֿון די שונאים ווערן פֿון טאָג צו טאָג קלענער. אין דער זעלבער צייט איז די צאָל פֿון די אינערלעכע קעגנער באַדייטנדיק פֿאַרגרעסערט געוואָרן“... אַ פֿריידיקע דערשיינונג איז דאָס שאַפֿן זיך פֿון יוגנט־גרופּעס, וואָס באַשטייען על פּי רוב פֿון געקומענע מיטגלידער פֿון יוגנט־בונד „צוקונפֿט“ אין פּוילן.

נאָך דעם ווי דער פֿאַרבאַנד־סעקרעטאַר גיט איבער וועגן דער דערפֿאָלגרייכער אַרבעט פֿון אייניקע געגנט־ביוראָען, שילדערט ער דעם מצב אין די יוניאָנס און אין אַרבעטער־רינג. „בעתן קאַמף מיט די קאָמוניסטן — האָט כאַנין געזאָגט — איז יעדער אַרבעטער, וואָס האָט געוואַגט צו קריטיקירן אַ באַאַמטן פֿון אַ יוניאָן, פֿאַרשריגן געוואָרן פֿאַר אַ קאָמוניסט. אַ סך באַרעכטיקטע טענות זייַנען קיינמאָל נישט אויסגעהערט געוואָרן און קיינמאָל נישט באַהאַנדלט געוואָרן“... „אין קאַמף מיט די קאָמוניסטן איז ביי אונז אַליין אָנגעוואַקסן געגנוג ווילד פֿלייש. זייער אַ סך נישט־פּאַסנדע פּערזאָנען האָבן אין די יוניאָנס אָנגעהויבן שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָל אַ דאַנק דעם אַנטי־קאָמוניסטישן קאַמף. נישט אַלע מאָל זייַנען זייערע מאָטיוון געווען זויבערע. געגנוג צו דערמאָנען די הימל־שרייענדע פּאַסירונגען אין די פּיינטערס־יוניאָן, ביי די קלינערס און דייערס, ביי די וועיטערס. מענטשן, וועלכע האָבן רעוואָלטירט קעגן די נישט־שיינע האַנדלונגען פֿון די באַאַמטע, זייַנען פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן, באַשטראָפֿט געוואָרן מיט צונעמען פֿון זיי דאָס ברויט. דער אָפּיס פֿון דעם יידישן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד איז געווען געצוואונגען צו פֿירן אַ קאַמף קעגן אַזעלכע ׳רעכטע׳ פֿירונגען אין די יוניאָנס. דאָס האָט אונז נישט געשאַפֿן קיין פֿריינטשאַפֿט אין דער אָפּיציעלער יוניאָן־פֿירערשאַפֿט. איינע פֿון די סיבות פֿאַרוואָס אונזערע באַציאונגען מיט מאַנכע יוניאָנס זייַנען איצט גאַנץ אָנגעצויגענע איז, ווייל מיר האָבן נישט געוואָלט געבן קיין הסכם און נישט געוואָלט פֿאַרדעקן די הימל־שרייענדיקע פֿאַקטן אין געוויסע יוניאָנס“.

ס׳איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן וועגן דער אַרבעט פון פאַרבאַנד אין די פאַרגעקומענע וואַל־קאַמפּאַניעס און וועגן די טורס פון וויקטאָר אַלטער, א. ליטוואַק, ח. קאַנטאָראָוויטש, פּ. דעמביצער און ש. לעוויטאַס.

אויך דער פאָרזיצער פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, ס. ריפּקין, האָט אין זיין באַריכט ברייטער זיך אָפּגעשטעלט אויף די באַמיאונגען אַרום געפּלאַנטן אַרבעטער־קאָנגרעס. לויט דער איניציאַטיוו פון פאַרבאַנד, איז דעם 13 יאַנואַר 1928 אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע קאָנפערענץ וועגן דעם ענין. די גאַנצע יידישע פירערשאַפט פון דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג און פון אַלע פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס איז געווען פאַרטראָטן. דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנעל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, מאָריס זיגמאַן, איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פּערמאַנענטער פאָרזיצער פון צייטווייליקן קאָמיטעט און ש. לעוויטאַס אַלס סעקרעטאַר. די גאַנצע זאַך איז אָבער צעקלאַפּט געוואָרן. איינע פון די סיבות איז געווען דער קאַמף קעגן זיגמאַנען אין אינטערנעשאַנעל, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דער רעזיגנאַציע פון זיין אַמט אין דער יוניאָן. אַ געוויסע ראָל האָט אויך געשפּילט די פאַרביטערונג צווישן פאַרבאַנד און די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן. דער פאַרבאַנד האָט נישט געוואָלט פאַרשווייגן געוויסע סקאַנדאַליעזע זאַכן אין די יוניאָנס. די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן האָבן געטענהט — מישט זיך נישט, דאָס זיינען נישט אייערע ביזנעס.

ריפּקין האָט אויך איבערגעגעבן וועגן דער שטעלונג פון פאַרבאַנד צום געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פון פּאַלעסטינע. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט איז פאַר העלפן די יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע, אָבער נישט דער ציוניסטישער באַוועגונג. די פּועלי־ציון האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט מסכים זיין אויף געמיינזאַמע אַקציעס פאַר אַלע יידישע אַרבעטער. „אונזערע יוניאָנס — האָט געזאָגט דער פאָרזיצער פון פאַרבאַנד — האָבן געפונען פאַר נויטיק צו אינדאָרסירן די ציוניסטישע באַוועגונג, אָבער אין וואַל־קאַמפּיין האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו אינדאָרסירן דעם קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, נאָרמאַן טאָמאַס און בכלל זיך אָפּגעזאָגט צו העלפן עפּנטלעך דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין איר אַרבעט״.

חיים קאַנטאָראָוויטש האָט אין נאָמען פון רעדאַקציע באַריכטעט וועגן „וועקער״. „די הויפּט־שוועריקייט — האָט ער געזאָגט — באַשטייט אין דעם, וואָס מיר זיינען אָרים אין ליטעראַרישע כוחות. די סאָציאַליסטישע אַרטיקלען זיינען על פּי רוב איבערגעזעצטע און זיינען אָפט נישט צוגעפּאַסט צום גייסט פון אונזערע לעזער. עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן פאַרשידענע סאָציאַליסטישע זשורנאַליסטן, אַז זיי זאָלן שרייבן פאַרן ׳וועקער׳, דאָס האָט אָבער געגעבן ווייניק רעזולטאַטן״.

די זעקסטע קאָנווענשאָן האָט אויסגעהערט אייניקע רעפעראַטן: הלל ראָגאָף האָט רעפערירט וועגן דער באַוועגונג פאַר אַ לייבאָר־פּאַרטיי אין אַמעריקע. ער האָט געזאָגט אַז די ס. פּ. דאַרף שטיצן די באַוועגונג פאַר שאַפן אַזאַ פּאַרטיי. ער גלויבט, אַז דער וועג צום סאָציאַליזם אין אַמעריקע וועט פירן דורך אַ לייבאָר־פּאַרטיי. פּ. דעמביצער האָט רעפערירט וועגן יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד און דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

א. ליטוואַק האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן ציוניזם אין ליכט פון די לעצטע געשעענישן. אויך אב. קאַהאַן האָט אין זיינער אַ באַגריסונגס־רעדע גערעדט וועגן זעלבן ענין. קאַהאַן האָט געזאָגט, אַז הגם ער איז נישט קיין ציוניסט, דאָך מיינט ער, אַז ציוניזם איז אַ פּריוואַט־זאַך. יעדער סאָציאַליסט מעג האָבן זיינע סימפּאַטיעס אָדער אַנטיפּאַטיעס צום ציוניזם, די פּאַרטיי אַלס גאַנצע דאַרף זיך נישט מישן אין דער פראַגע. פאַר דער גאַנצקייט פון פאַר־באַנד וואָלט געווען געזינטער, ווען דער פּונקט וואָלט אַראָפּגענומען געוואָרן פון טאָג־אָרדנונג. די סאָציאַליסטן דאַרפן זיך רעכענען מיט פאָלקס־סענטימענטן, אויב זיי שטערן נישט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אין דער פראַגע זיינען געווען צוויי רעזאָלוציעס. די שטעלונג פון דער מערהייט פון דער רעזאָלוציע־קאָמיסיע האָט פאַרטרעטן א. ליטוואַק, פון דער מינדערהייט — ד. שוב. ביידע רעזאָלוציעס זיינען געווען קעגן ציוניזם. די רעזאָלוציע פון דער מינדערהייט איז אָבער געווען אַ מילדערע. מיט 55 שטימען קעגן 14 איז אָנגענומען געוואָרן ליטוואַקס רעזאָלוציע, וואָס דריקט אויס אַ פּראָטעסט קעגן פּאָגראָם און מיטגעפיל צו די קרבנות און דערקלערט: „וואָס פאַר אַ טיפע אָביעקטיווע סיבות עס זאָלן נישט ליגן אונטער די טרויעריקע געשעענישן אין פּאַלעסטינע — אַ פּאָגראָם איז אַ פּאָגראָם"... „אָבער ווי דער פּאָגראָם זאָל אונז נישט ווי טון, האָט עס דאָך נישט געביטן אונזער מיינונג וועגן ציוניזם. ווי פריער זיינען מיר איבערצייגט, אַז 1) פּאַלעסטינע קען נישט ברענגען קיין לייזונג פון דער יידן־פראַגע. די גרעסטע מערהייט פון יידישן פאָלק וועט אויך אויף ווייטער בלייבן וואוינען אין די אַזוי־גערופענע גלות־לענדער. די יידן פון יעדן לאַנד וועלן מוזן לייזן די פראַגע פון זייער ביר־גערלעכער,ווירטשאַפטלעכער און נאַציאָנאַלער עמאַנציפּאַציע צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון די מאַסן פון יענעם לאַנד. 2) פּאַ־לעסטינע קען בכלל נישט ווערן קיין יידישע נאַציאָנאַלע היים. בלייבנדיק פרעמד דעם ציוניזם אין אַלע זיינע ריכטונגען און שאַטירונגען, אינטערעסירט אונז אָבער שטאַרק דער גורל פון די יידן, וואָס וואוינען אין פּאַלעסטינע, איבער־הויפּט דער גורל פון די אַרבעטער־מאַסן, וואָס וואוינען אין יענעם לאַנד". די רעזאָלוציע דריקט לסוף אויס די גרייטקייט צו העלפן זיי נישט ווייניקער, ווי די יידישע מאַסן פון אַנדערע לענדער, אָבער אויך נישט מער. אַמבעסטן וואָלט דאָס דערגרייכט געוואָרן דורך אַן אַלגעמיינעם הילף־קאַמפּיין פון דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר די יידישע אַרבעטער אין אַלע לענדער.

נ. כאַנין האָט פאָרגעשלאָגן, אַז ס'זאָל געשיקט ווערן אַ דעלעגאַציע קיין פּאַלעסטינע, פּוילן און אַנדערע לענדער. איר אויפגאַבע זאָל זיין צו פאָרשן די עקאָנאָמישע לאַגע אויף די ערטער. גלייכצייטיק זאָל געשאַפן ווערן אַ פאַר־אייניקטער הילף קאָמיטעט פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַרשידענע לענ־דער. נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע איז דער פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן געוואָרן. פאַרן פאָרשלאָג זיינען געווען 22 שטימען, קעגן — 28.

אין אָנגענומענע רעזאָלוציע וועגן די יוניאָנס זאָגט: „צוליב דעם לאַנג־יאָריקן קאַמף קעגן דעם קאָמוניזם האָבן די לעצטע צייט ליידער זיך אַנטוויקלט טענדענצן צו אָפּזונדערן זיך אינגאַנצן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

ביי אַ טייל טוער פון די יוניאָנס האָט זיך געשאַפן אַ מורא פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פונקט ווי פאַר דער קאָמוניסטישער"... „די סאָציאַליסטן האָבן קיינמאָל זיך נישט געמישט און וועלן זיך נישט מישן אין די אינערלעכע ריין־יוניאָן־ענינים. מיר ווילן בלויז העלפן בויען די יוניאָנס און פאַרשטאַרקן אין זיי דעם גייסט פון דעמאָקראַטיע און אידעאַליזם און אויך זען, אַז זיי זאָלן שטיין אויף דער נויטיקער מאָראַלער הויך"... „די קאָנווענשאָן אינסטרואירט דעם נייעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט זיך פאַרשטענדיקן מיט די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן פון ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט, כדי צו שאַפן אַ נענטערן קאָנטאַקט צווישן די פאַרשידענע טיילן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג".

ווייטערע רעזאָלוציעס זיינען געווען וועגן שטיצן דעם געצייג־קאַמפּיין לטובת דעקלאַסירטע יידן אין רוסלאַנד, וועגן זאַמלען הילף פאַר די אַרעסטירטע און פאַרשיקטע סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד, וועגן דער אַרבעט צווישן פרויען און יוגנט. פון ניי־אַריבערגעקומענער יוגנט זאָלן געשאַפן ווערן „צוקונפט"־ברענטשעס, ווי אויך ברענטשעס פון קינדער, וועלכע זיינען געווען אין די אַרבעטער־רינג שולן. די קאָנווענשאָן האָט גערופן צו שטיצן די יידישע שולן ביים אַרבעטער־רינג און בכלל אַקטיוו מיטאַרבעטן מיט דעם אַרבעטער־אָרדן. לסוף איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע לטובת אַ לייבאָר־פּאַרטיי און אַ פּראָטעסט קעגן דער וואַרשעווער צייטונג „היינט" און די ציוניסטן־העברעאיסטן צוליב דער העצע, וואָס זיי פירן קעגן די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן.

די מיטגלידער און טוער פון פאַרבאַנד האָבן געוואָלט, אַז זייער אָרגאַניזאַציע זאָל זיין אוןווירקן אין יידישן לעבן, להיפּוך צו די, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפן ראַנד פון פאַרבאַנד און געהאַלטן, אַז דער שוואַרצער האָט זיינס אָפּגעטון — ער קען שוין גיין. און אַזוי ווי צווישן די ליקווידאַציע־שטרעבער זיינען אויך געווען איינפלוסרייכע מענטשן, האָט מען געמוזט קלאָר און אָפן אַרויסברענגען דעם ניין!

ביים אָפּשאַצן די פאָרגעקומענע זעקסטע קאָנווענשאָן האָט די רעדאַקציע פון „וועקער" אַזוי געזאָגט אויפן אַדרעס פון די ליקווידאַטאָרן: „דער קאַמף מיט די קאָמוניסטן איז פאַראיבער. און עס האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן אין דער לופטן שטימונגען, אַז מען זאָל דעם פאַרבאַנד אויפגעבן, מיר זאָלן זיך לאָזן אַמעריקאַניזירן, מיר זאָלן אָפּגעבן אונזערע כוחות צו אָרגאַניזירן די אַמעריקאַנער אינטעליגענץ א. א. וו.. די קעגנער פון פאַרבאַנד האָבן געמיינט, אַז מיט אַזעלכע לאָזונגען וועלן זיי קענען ווירקן סיי אויף אונזער מיטגלידערשאַפט, סיי אויף אונזערע ברענטשעס און אפילו אויף די דעלעגאַטן. מען האָט געמיינט, אַז די קאָנווענשאָן וועט ווייזן וועגן פון ליקווידאַציע"... „עס זיינען שטענדיק געווען גענוג כוחות, וועלכע האָבן געאַרבעט, אַז קיין יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג זאָל דאָ אין לאַנד נישט זיין. דאָס זיינען אי אָביעקטיווע כוחות, וואָס ליגן אין דעם כאַראַקטער פון לאַנד, אי סוביעקטיווע כוחות, וואָס געפינען זייער אויסדרוק אין דעם עגאָאיזם און איבערגעטריבענעם 'סטאַריזם' פון אַ סך אונזערע טוער"... „אין קאַמף מיט די קאָמוניסטן האָט מען דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד געדולדעט אויף דער בינע. דער קאַמף

איז פֿאַרענדיקט — ווײַל מען דעם פֿאַרבאַנד פֿאַרטרײַבן פֿון דער בינע. אויף דער פֿראַגע האָט אונזער זעקסטע קאָנווענשאַן געגעבן אַן אײנשטימיקן ענטפֿער: מיר זײַנען געקומען צו פֿאַרבלײַבן".[164]

אונטער פֿאַרשידענע מאַסקעס און תּירוצים — פֿון קאָסמאָפּאָליטישע ביז נאַציאָנאַליסטישע — האָט די אַסימילאַציע מיט איר סוויטע זיך געשטעלט אין וועג פֿון דער יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. זאָל באָדאַי זײַן פֿעטער נאַציאָנאַליזם — האָבן געטענהט די קאָסמאָפּאָליטן, זאָל באָדאַי זײַן אַסימילאַטאָרישער אַמעריקאַניזם — האָט אָפּגעקלונגען אַן עכאָ פֿון די ציוניסטן, אַבי נישט אַ באַוועגונג פֿון יידישע אַרבעטער מיט אַן אינטערנאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן און וועלטלעך־נאַציאָנאַל־קולטורעלן אינהאַלט. ס'איז נויטיק געווען צו זײַן אויף דער וואַך.

23. אַ סך־הכל פון די ערשטע צען יאָר

אַ קליינע אָרגאַניזאַציע.—אידעאָלאָגישער צענטער.—צוזאַמענאַרבעט מיטן אַרבעטער־רינג.—יידיש און ענגליש.—קאַנאַדע.—סאָציאַליסטן אין די יוניאָנס.—יידישע קולטור־אַרבעט.—מיט וואָס קומען צו דער יוגנט?—צוויי שיטות.—גרויסע דעבאַטע.—ווער צו ווען מען זאָל זיך דערנענטערן?—וועגן דער אַמעריקאַנישקייט פון פאַרבאַנד.—פרישע אימיגראַנטן.—אַלטע און יונגע יידישע אַרבעטער.—בונדיסטן פון דער אַלטער היים און בונדיזם אין אַמעריקע.—די באַציאונגען מיטן „בונד“ אין פוילן.—די לאַגע אין די יוניאָנס און דערווירטשאַפטלעכער קריזיס.—יובילײ־קאָנווענשאַן.—די טעטיקייט פון פאַרבאַנד.—פרינציפּיעלע און פּראַקטישע באַשלוסן.—באַמיאונגען אַריינצופירן די פּועלי־ציון אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ.—דער כאַראַקטער און די נויטיקייט פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע.

אין 1930 האָט דער פאַרבאַנד געציילט 38 בראַנטשעס, פון זיי 13 אין ניו־יאָרק. די צאָל מיטגלידער, וואָס האָבן רעגולער אָפּגעצאָלט דעם פּאַרטײ־שטייער איז געווען נישט מער, ווי איבער טויזנט. פּאַקטיש איז די צאָל פאַרבאַנד־מיטגלידער געווען טאָפּלט, ווייל פיל האָבן צוליב אַרבעטלאָזיקייט אָדער סתם אָפּגעלאָזנקייט נישט געצאָלט.

די באַדייטונג פון פאַרבאַנד איז דאָך געווען פיל גרעסער, ווי די אָרגאַניזאַציאָנעלע שטאַרקייט. די גרויסע באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער — די יוניאָנס און דער אַרבעטער־רינג — האָבן געדאַרפט האָבן אַן אידעאָלאָגישן צענטער. ליידער האָט מען עס נישט געהעריק אָפּגעשאַצט. ווי מיר האָבן שוין פריער געזען, האָט זיך אַפילו געשאַפן אַ קעגנערשאַפט אין דער אייגענער סביבה. טייל צוליב אידעאָלאָגישע טעמים — צוליב אַסימילאַציע־מאָטיוון, אַנדערע — צוליב „פּראַקטישע“ טעמים. אין „פאָרווערטס“, למשל, האָט מען געמיינט, אַז מען קען יוצא זיין מיט דער השפּעה, וואָס די צייטונג איבט־אויס. אין געוויסע יוניאָנס האָט געבערנט אַ כעס פאַרוואָס דער פאַרבאַנד שטעקט אַהין אַריין די נאָז און זאָגט, אַז עס פילט זיך דאָרטן אַ שלעכטער ריח.

די נויטיקייט פון אַ צענטער, וואוהין עס זאָלן זיך צונויפקומען די גייסטיקע פעדים פון אַלע צווייגן פון דער באַוועגונג, האָט מען אומעטום שטאַרק געפילט און באַזונדערס איז דאָס געווען אַ לעבנס־פראַגע אין דער פּראָווינץ. אָט ווערט דערציילט פון וואוסטער, מאַסאַטשוזעטס: „מיטן ליקווידירן די פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן אין די ערשטע מלחמה־יאָרן, איז פאַרלוירן געגאַנגען די אויטאָריטעטע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל האָבן די רעכט און די מאָראַלע פאַר־פליכטונג צו ריידן און האַנדלען אין נאָמען פון די אָרגאַניזירטע יידישע אַר־בעטער, שוין אָפּגערעדט פון דעם וואָס דער פּרעסטיזש, וועלכן די יידישע ארבעטער האָבן זיך נאָך פיל קאַמפן און מי דערשלאָגן, איז פּאַקטיש געוואָרן נול“. „אַפילו די ביבליאָטעקן פון די פּאַרטײ־בראַנטשעס (סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד און פּועלי־ציון) זיינען אינגאַנצן פאַרלוירן געוואָרן“.[165]

אַלעקסאַנדער קאַהן

פיליפ בלאַק

מ. גאַפט

א. העלד

ד. שוב

ר. אַבראַמאָוויטש



ה. לאַנג

מ. כינאָי



ב. באָטווינִיק

ב. געבינער

י. לעוויק־שאַצקעס

ח. קאַנטאָראָוויטש

וועגן דער נישט־פאַרבונדנקייט פון די פאַרשידענע צווייגן ווערט אויך דערציילט פון באַלטימאָר: „מיט קאָרגע 2 יאָר צוריק, ווען גענאָסע פאָלין איז געקומען קיין באַלטימאָר אַלס מענעדזשער פון ׳פאָרווערטס׳, האָט ער גערופן אַ גרופע גענאָסן און אָרגאַניזירט אַ בראַנטש פון פאַרבאַנד. הגם די גרופעס זיינען געווען גאַנץ טעטיק אויף פאַרשידענע אַנדערע געביטן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז אָבער ביי אונז נישט געווען קיין אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס. יעדער האָט אויף זיין אופן געטון דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקענט. קיין סאָציאַליסטישע קאַמ־פיינס זיינען נישט געפירט געוואָרן. די קולטורעלע אַרבעט איז אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. און ווען מ׳האָט איינגעאָרדנט אַ פאָרלעזונג, איז זי געווען אַ דורכפאַל, ווייל עס איז נישט געווען די אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זי דורכפירן. זינט דער בראַנטש איז אָרגאַניזירט געוואָרן און האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט, איז געוואָרן לעבעדיקער אויף דער יידישער אַרבעטער גאַס".[166]

נישט בלויז צוליב אידעאָלאָגישע, פאָליטישע און מאָראַלישע טעמים איז געווען נויטיק אַ יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל שטיין אין צענטער פון דער באַוועגונג, אויך ריין פראַקטישע מאָטיוון פון דער טאָג־טעגלעכער טעטיקייט האָבן דאָס פאַרלאַנגט. אויף אַ ריי געביטן איז געווען נויטיק אַ קאָאָרדינירטע טעטיקייט און אַ צוזאַמענאַרבעט פון פאַרשידענע צווייגן פון דער באַוועגונג. אַ געביט, וואו דער פאַרבאַנד האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיטן אַרבעטער־רינג, זיינען געווען די אָפענע פאָרומס. אין 1930 זיינען בלויז אין ניו־יאָרק געווען בערך 15 אַזעלכע פאָרומס. אַ צאָל אָפענע פאָרומס זיינען אויך געווען אין שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, נוּאַרק, האַרטפאָרד און אין אַ ריי אַנדערע שטעט. די מערהייט פון די פאָרומס זיינען געפירט געוואָרן בשותפות פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד און אַרבעטער־רינג.

אין יאָר 1930 האָט דער פאַרבאַנד געפייערט דעם 25־יאָריקן יובילײ זינט דער גרינדונג פון יידישן אַגיטאַציע־ביוראָ. אין זיין באַגריסונג האָט דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד געזאָגט: „די יידישע אַגיטאַציע־ביוראָ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פע־דעראַציע, שפעטער האָט זיך די פעדעראַציע פאַרוואַנדלט אין דעם איצטיקן יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. דאָס זיינען דריי עטאַפן פון איין און דעם זעלבן וועג, נאָר פון עטאַפ צו עטאַפ איז דער וועג געוואָרן ברייטער און זיכערער. דאָס איז איין אָרגאַניזאַציע אונטער דריי נעמען".[167]

מאַכנדיק אַ סך־הכל פון יאָר 1930, האָט די רעדאַקציע פון „וועקער" געזאָגט, אַז די שטימונגען פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָבן זיך געשטאַרקט. „פאַר די לעצטע אַכט יאָר — האָט געשריבן די צייטונג — איז אונזער אויפגאַבע, אונזער גאַנצע אַרבעט באַשטאַנען אין אָנהאַלטן דאָס ביסעלע, וואָס איז פאַרבליבן, ביז וואַנען בעסערע צייטן וועלן פאַר אונז קומען. היינט זיינען יענע אַפאַטיע און גלייכגילטיקייט פאַרשוואונדן. דער קריזיס פון לאַנד צווינגט יעדן איינציקן צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער פאָליטיק פון לאַנד, שטאַט און שטאָט. און דאָס גיט אונז אַ ברייטע מעגלעכקייט און אַ גרויס פעלד פאַר אונזער סאָציאַליסטישער אַרבעט"... „די בראַנטשעס פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד דאַרפן איצט ווערן אַ כוח אויפן געביט פון סאָ־

ציאַליסטישער אויפקלערונג, אָן אונטערשיד אין וואָס פאַר אַ שפּראַך — יידיש אָדער ענגליש. צווישן דער יידישער אימיגראַנטן־מאַסע דאַרף מען פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם אין יידיש. צווישן אונזערע קינדער דאַרף דער סאָציאַליזם פאַרשפּרייט ווערן אין ענגליש״.[168]

אין 1931 איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַראייניקונג פון די פאַרבאַנד־ברענטשעס אין קאַנאַדע. צו דער גרינדונגס־קאָנווענשאָן זיינען געקומען 60 דעלעגאַטן פון פאַרבאַנד־ברענטשעס, גרופּעס פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט״, יוניאָנס, אַרבעטער־רינג ברענטשעס און אַנדערע. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַן „אַלקאַנאַדישן יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד״. עס זיינען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס וועגן די יידישע יוניאָנס, יוגנט־באַוועגונג, אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, קעגן באַגרענעצן די אימיגראַציע, וועגן דער אַרבעטסלאָזיקייט און אַנדערע ענינים. באַזונדערס אויספירלעכע רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן וועגן דער באַציאונג מיט דער קאַנאַדער אַרבעטער־פּאַרטיי. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פאַרבאַנד זאָל ווערן אַ טייל פון איר, ווי אַ געשלאָסענע איינהייט מיט זיין אייגענער אינערלעכער דיסציפּלין, און אַז די מיטגלידער טאָרן פאַר קיין פאַל זיך נישט באַטייליקן אין אַקציעס פון אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען אין ווידערשפּרוך צו דעם גייסט און די באַשלוסן פון אייגענעם פאַרבאַנד. דערביי איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז „די מיטגלידער פון סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד טאָרן נישט נעמען קיין אָנטייל אין קיין שום אַקציעס און אונטערנעמונגען פון פּאָליטישן אָדער פינאַנציעלן כאַראַקטער, וואָס איז אָנגעפירט, דירעקט אָדער אומדירעקט פון וועלכער נישט איז ריכטונג פון ציוניזם״, צו וועלכן די קאָנווענשאָן האָט בכלל אָנגענומען אַ נעגאַטיווע שטעלונג. ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט מיט מ. רובינשטיין אַלס פאָרזיצער, אינזשיניער י. אָקון אַלס סעקרעטאַר. דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד איז אַריין אין דער קאַנאַדער אַרבעטער־פּאַרטיי — סי. סי. עף. (קאָאָפּעראַטיוו קאַמאָנוועלט פעדעריישאָן). דער פאָרשטייער פון פאַרבאַנד, מ. רובינשטיין, איז געווען אָלדערמאַן פון מאָנטרעאַלער שטאָט־פאַרוואַלטונג. די טאָראָנטער אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעגעבן אַן אייגענע חודש־צייטונג — „דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט״.

אין 1930־31 האָט דער פאַרבאַנד אַקטיוו זיך באַטייליקט אין אויסגלייכן אינערלעכע סכסוכים אין די יוניאָנס פון די פאָריער, פּענסי לעדער גודס און אייניקע אַנדערע קלענערע פאַראיינען. צווישן סאָציאַליסטן גופא איז נישט געווען קיין אייניקייט אין אַ ריי יוניאָנס און מ׳האָט געדאַרפט אָנווענדן אַ סך ענערגיע און איבערצייגונגס־קראַפט, כדי ווי עס איז איינצושטעלן צווישן זיי אַ שלום־בית. די רייסערייען און אומאייניקייט פון די סאָציאַליסטן איז געווען בלויז אַ פּרט פון אַן אַלגעמיינער דערשיינונג. די יוניאָנס האָבן דעמאָלט בכלל געליטן פון דעמאָראַליזאַציע, אינערלעכע קאַמפן און קעגנזייטיקן אומצוטרוי.

אויף דער יידישער גאַס האָט זיך געלאָזט מערקן אַ פאַרשטאַרקטער דראַנג צו קולטור־אַרבעט. אַ ריי שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן צום סוף פון די צוואַנציקער יאָרן געשאַפן אַ יידישע קולטור־געזעלשאַפט. דער פאַרבאַנד איז נישט צוגעשטאַנען, אָבער ער האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו קאָאָפּערירן מיט איר. הגם דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט

געפירט זיין אַרבעט אין יידיש, איז געווען פאַר יידיש און געוואָלט זען די פאַנאַנדערבליאונג פון דער יידישער ליטעראַטור און בכלל מאָדערנער יידישער קולטור, האָט ער זיך אָבער נישט געוואָלט אויסקאָכן אין איין קעסל מיטן יידישיזם. פון איין זייט האָט ער זיך נישט געלאָזט אידענטיפיצירן מיט סתם יידישיזם, פון דער צווייטער זייט האָט ער זיך נישט געלאָזט שטופן אויפן וועג פון אַנטי־יידישיזם, ווי עס האָבן געוואָלט מאַנכע גענאָסן פון אַלטן אַסימילאַטאָרישן שניט.

די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אין די פריערדיקע יאָרן געהאַט אַ סך יונגע מענטשן. מיטן גאַנג פון דער צייט איז די דורכשניטלעכע עלטער כסדר געשטיגן. די צאָל גראָע און ליסינבע קעפ איז געשטיגן. אייגענע קינדער זיינען אונטערגעוואָקסן. אין די צוואַנציקער יאָרן איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פראַקטיש די פראַגע פון אַריינציען אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דעם צווייטן דור. מ׳האָט וועגן דעם גערעדט און געפרואווט טון אין אַרבעטער־רינג און אויך אין פאַרבאַנד. דאָ האָבן זיך ווידער צוזאַמענגעשטויסן צוויי אידעאָלאָגיעס. די חסידים פון אַלטן גאַנג האָבן געטראַכט וועגן איין זאַך — איבערגעבן דער יוגנט דעם פאַקל פון סאָציאַליזם. פאַר אַנדערע איז דאָס אָבער געווען צו ווייניק. זיי האָבן געוואָלט אַרבעטן צווישן דער יוגנט פאַר צוויי צילן: געווינען זי אי פאַרן סאָציאַליזם, אי פאַר דער יידישער קולטור. ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן האָבן די צוויי שיטות זיך צוזאַמענגעשטויסן. אַמבולטסטן איז דאָס געשען בעת דער גרויסער שול־דעבאַטע אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן.

דער אַלטער טוער פון אַרבעטער־רינג מאיר דייווידאָוו האָט געשריבן: „...וואָס דאַרפן מיר, פאָרטגעשריטענע מענטשן, מורא האָבן פאַר אַסימילאַציע? ווען אַ פרומער ייד איז קעגן דעם, קען מען אויף אים קיין פאַראיבל נישט האָבן, ווייל ווען זיין קינד וועט זיך אויסמישן מיט די שכנים און חתונה האָבן מיט זייערס אַ קינד, וועט ער אָפגעריסן ווערן פון פאָלק ישראל און וועט אַוועקוואַרפן די יידישע רעליגיע. וואָס האָבן מיר אַוועקצוואַרפן? קיין רעליגיע האָבן מיר נישט, אונזערע קינדער ריידן די שפראַך פון לאַנד. וואָס אונז פעלט, איז — די קינדער זאָלן גיין אין אונזער וועג אידייאיש״.[169]

אויף דעם האָט אים געענטפערט ז. יעפרויקין, אַז מען דאַרף אין זינען האָבןביידע זאַכן — דעם סאָציאַליזם און די יידישע קולטור. ווייל „יידיש איז קיינמאָל נישט געווען בלויז אַ שפראַכן־פראַגע, בלויז אַ פאָרם. יידיש האָט באַדייט און באַדייט אויך איצט קולטור. די פראָבלעם איז געווען — עם־הארצות, אָפגעשטאַנענקייט אָדער — אַ וועלטלעכע קולטור אין יידיש״.[170]

די דיסקוסיע אַרום די דאָזיקע פראַגן האָט אין 1931 ברייט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אויף די שפאַלטן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פרעסע. אין אָרגאַן פון אַרבעטער־רינג („דער פריינד״, פעברואַר 1931) האָט אַן אָרטיקער טוער, סעם געלבער פון ווייקאָ, טעקסעס, אָפגעדרוקט אַ בריוו, אַז דער אָרדן און זיינע מיטגלידער דאַרפן זיך אַמעריקאַניזירן. אָנשטאָט די עלטערן זאָלן דערנענטערן די קינדער צו זיך, זאָלן די עלטערן זיך דערנענטערן צו די קינדער. ווען דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט הייוואוד ברון איז געוואָרן אַ מיטגליד פון אַרבעטער־רינג, האָט ער דערקלערט: „איך טראַכט נישט צו פאַרבייטן די

שפּראַך פון אַרבעטער־רינג אויף ענגליש, גיכער וועל איך זיך לערנען יידיש״. דער אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַל האָט פאַרשטאַנען, אַז שפּראַך איז אַ טייל פון דער פּסיכיק פון פאָלק און מען טאָר דאָס מעכאַניש נישט באַזייטיקן. אַקעגן דער ייד פון טעקסעס האָט דאָס ליידער נישט פאַרשטאַנען און דער־ווידערט: פאַר דעם וואויל און בעסטן און פאַר אַ ליכטיקער צוקונפט פון אונזער אָרדן, לאָמיר בעסער אָנגעמען הייוואוד ברונס שפּראַך, די שפּראַך פון אונזערע אַמעריקאַנער קינדער. אַנשטאָט די קינדער זאָלן ריידן מאַמע־לשון, זאָלן די מאַמעס (און אויך די טאַטעס) ריידן קינדער־לשון. זאָל מען באַדאַי, האָט דער ייד געשריבן, ריידן אויף די ברענטשעס אַ צעקאַליעטשעטן ענגליש, אַבי נישט יידיש. אויך די פּראָטאָקאָלן און לעקציעס זאָלן זיין אין ענגליש. אַזוי אויך אַלע דרוק־זאַכן און פּובליקאַציעס פון אַרבעטער־רינג.

דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, אב. קאַהאַן, וועלכער האָט געהאַט אַן אויער צו דערהערן „שטימען פון פאָלק״ (בלויז אַ געוויסן מין שטימען) האָט אין שייכות מיט געלבערס בריוו אָנגעהויבן אַ גרויסע דעבאַטע. אַחוץ געוויסע פּרטים, ווי למשל, דאָס איינאָרדענען לעקציעס בלויז אויף ענגליש, האָט אב. קאַהאַן אין פּרינציפּ און פּראַקטיש געשטיצט געלבערס מיינונגען און איז אַרויסגעטראָטן קעגן די יידישע שולן. „דער בעסטער מיטל — האָט געשריבן אב. קאַהאַן — דער איינציקער מיטל צו מאַכן, אַז דער צווייטער דור זאָל זיין נענטער צו דעם ערשטן דור (אימיגראַנטן) איז, אַז דער ערשטער זאָל צוקומען וואָס נענטער צו דעם צווייטן; ער זאָל וואָס נענטער באַקאַנט ווערן מיט זיינע גייסטיקע אינטערעסן, שטרעבונגען, געשמאַקן, וואָס נענטער באַקאַנט ווערן מיט דער וועלט, וואָס רינגלט אים אַרום און האָט אויף אים אַ מעכטיקן איינפלוס. די ווירקונג אָבער פון דער יידישער שול־באַוועגונג, דירעקט אָדער אומדירעקט, איז נישט אַ הילף אין דער דאָזיקער ריכטונג, נאָר אַ שטערונג״[171]. אב. קאַהאַנען איז נישט געגאַנגען בלויז אין דער יידישער שפּראַך, נאָר אין דער יידישער קולטור בכלל, וואָס מען וויל נעבעך אַרויפצווינגען אויף די יידישע קינדער.

וואָכן לאַנג איז געפירט געוואָרן די דעבאַטע אַרום די באַרירטע פראַגן. ס׳האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פיל אָנהענגער און קעגנער פון די יידישע שולן, יידישער קולטור און יידישער שפּראַך. אין דער דעבאַטע האָבן זיך באַטייליקט כמעט אַלע וויכטיקע וואָרט־זאָגער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. מיט רעכט האָט דער שרייבער י. קרעפּליאַק געענטפערט דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״, אַז דאָס פאַרמאַכן די שולן פאַר די קינדער און דאָס איבערגיין פון די עלטערן צו ענגליש וואָלט געהייסן „נישט דער־נענטערן די עלטערן צו די קינדער, נאָר דערנידעריקן די עלטערן פאַר די קינדער״... „יעדעס קינד, וואָס גייט אין אַ יידישער שול, איז אַ געפונען קינד פאַר אונדז און פאַר זיך אַליין. עס איז אַ גליקלעך קינד, ווען מ׳האָט אומגעקערט די עלטערן, באַרייכערט מיט אַ קולטור און פאַרשפּאָרט אַ סך אינעווייניקסטע פּיין און דערנידערונג אין קינדס ווייטערדיקן לעבן״.[172]

דער אַרויסטריט פון אב. קאַהאַנען קעגן די יידישע שולן איז געווען אַ פּועל־יוצא פון זיין אַסימילאַטאָרישער אנשויאונג, וואָס האָט אים דערלויבט אויף די עלטערע יאָרן אָפּטרעטן אַ ווינקעלע פאַרן מלוכהשן נאַציאָנאַליזם

(ציוניזם), אָבער נישט פאַר דער וועלטלעכער יידישער קולטור, וואָס איז אין טיפער סתירה צום געדאַנק פון אַסימילאַציע. און אין הסכם מיט זיין אָנ־שויאונג האָט ער דעריבער געהאַלטן פאַר נויטיק אין דער שול־דעבאַטע אויך צו אַטאַקירן דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד און דעם אינהאַלט פון זיין טעטיקייט. „צו די וואָל־פאַרזאַמלונגען — האָט געשריבן אַב. קאַהאַן — פאַדערט מען איצט פאַרהעלטניסמעסיק ווייניק יידישע רעדעס. יידישע צייטונגס־לעזער פאַדערן ענגלישע רעדעס". ער האָט באַשולדיקט, אַז די אַגיטאַטאָרן פון פאַרבאַנד קענען אַפילו אויף יידיש נישט האַלטן קיין אַמעריקאַנער רעדע. „זייער פּראָפּאַגאַנדע האָט מערסטנס אַן אויסלענדישן כאַראַקטער. זיי וואָלטן געווען גוט אין רוסלאַנד מיט אַ 25־30 יאָר צוריק, אָבער נישט אין אַמעריקע; היינט אוודאי נישט"... „דער פאַרבאַנד וואָלט געקענט זיין אַ נוצלעכע אָרגאַניזאַציע. ער וואָלט אָבער צוערשט געדאַרפט באַקומען אַן אַמעריקאַנער כאַראַקטער, אַזוי ווי די טעטיקייט פון אונזער פּאַרטיי האָט אַן אַמעריקאַנער כאַראַקטער. ער לעבט אין רוסלאַנד, נישט אין אַמעריקע, און נישט אין 1930 און 1931, נאָר אין 1905 און 1906".[173]

צי זיינען אַב. קאַהאַנס רייד אַליין נישט געווען אַן עכאָ פון ווייטן אַמאָל, נאָך פון פאַר 1905? צי זיינען זיי נישט געווען אַ נייע ווערסיע פון אַן אַלטער אַסימילאַטאָרישער תורה, וואָס ער האָט געברענגט אַהער פון רוסלאַנד? און אויב אַב. קאַהאַן האָט גערעדט וועגן אַמעריקע, האָט ער נאַטירלעך געקענט ריידן בלויז וועגן אַ געוויסן ווינקל. ווייל אַמעריקע איז גרויס און פאַרשידנ־אַרטיק און פאַרשידנפאַרביק. און אַזוי אויך דאָס יידישע לעבן אויף דער אַמעריקאַנער ערד. דאָס וואָס דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אידעאָלאָגיש, איז געווען אַ לעגיטימער פּראָדוקט פון היגן יידישן אַרבעטער־לעבן. ס'איז געווען אַ כשרער אַמעריקאַנער פּראָדוקט פון יידישן לעבן; אמת, אויך נישט מער ווי אַ ווינקל פון דאָזיקן לעבן, אַ ווינקל, וואָס אַב. קאַהאַן האָט עקשנותדיק נישט געוואָלט אנערקענען.

אייגנטלעך איז אָט די „אַמעריקאַנישקייט", אָט די אַנדערשקייט פון פאַר־באַנד אין פאַרגלייך מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער אַלטער היים, געווען דער גרעסטער שטער, אַז פריש־געקומענע אימיגראַנטן, אַרבע־טער און סאָציאַליסטן, זאָלן אין גרעסערע צאָלן אין אים אַריינטרעטן. עטלעכע מאָל זיינען געמאַכט געוואָרן דירעקטע אַפּילן, אָבער די פעולה איז געווען אַ קליינע. ס'איז פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז די שולד דאַרף מען זוכן אין די קאָמוניסטישע שטימונגען, וואָס האָבן דעמאָלט באַהערשט גרויסע שיכטן פון יידישע אַרבעטער. דאָס איז נאָר אַ האַלבער אמת. גרויסע שיכטן יידישע אַרבעטער זיינען אויך געווען אויסגעשפּראָכן סאָציאַליסטיש געשטימט און קעגנעריש צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. און אויב זיי זיינען צום פאַרבאַנד דאָך נישט געגאַנגען, איז אין אַ גרויסער מאָס שולדיק יענע אַמעריקאַנישקייט, וואָס איז פאַר אַב. קאַהאַנען געווען צו ווייניק, און פאַר די נייע אימיגראַנטן — צו פיל.

נישט געקוקט אויף דעם איז אַ טייל פון די נייע אימיגראַנטן, בפרט פון די, וועלכע זיינען געווען געזעלשאַפטלעך אַקטיוו אין פּוילן, דאָך צוגעשטאַנען צום פאַרבאַנד. נישט בלויז פון די דערוואַקסענע, נאָר אויך פון דער יוגנט.

דאָס איז געווען בונדישע יוגנט. איינצלנע און גרופּעס האָבן אין פֿאַרשידענע צייטן זיך אָנגעשלאָסן. דעם 23 פֿעברואַר 1930 האָט אין ניו־יאָרק אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון מיטגלידער פֿון יוגנט־בונד „צוקונפֿט" אין פּוילן באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן זיך ווי אַ ברענטש פֿון פֿאַרבאַנד, נאָך דעם ווי די יוגנטלעכע זיינען דאָ געווען טעטיק פֿון 1929 אַלס אַ באַזונדערע גרופּע. אויך אין טאָראָנטאָ איז געווען אַ שטאַרקע און טעטיקע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפֿט", וואָס האָט געציילט איבער הונדערט מיטגלידער. ביים סוף פֿון די צוואַנציקער און אָנהויב פֿון די דרייסיקער יאָרן זיינען אין אַמעריקע געווען אַ סך טויזנטער יוגנטלעכע אימיגראַנטן מיט דער לעבעדיקער יידישער שפּראַך אין זייער מויל. און נישט בלויז אימיגראַנטן. אין 1931 איז אַפֿילו געגרינדעט געוואָרן אַ יידיש־שפּראַכיקער ברענטש פֿון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע ביי דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (איפּסלס). די מיטגלידער זיינען געווען קינדער, וועלכע האָבן געענדיקט די מיטל־שול ביים אַרבעטער־רינג. דאָס איז געווען אַ גרופּע באַוואוסטזיניקע יוגנטלעכע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן געוואָלט זיין אַקטיוו אין יידישן לעבן און אויך טון יידישע קולטור־אַרבעט.

אין געוויסע טענדענצן און אַנטוויקלונגען האָט מען גאַנץ אָפֿט געזען שוין אַן אַבסאָלוטן, פֿאַרגליווערטן פֿאַקט. מ'האָט נישט באַמערקט, אַז מיטן אימיגראַנטן־דור ענדיקט זיך נישט דער שיכט יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. דעריבער האָט מען די יונגע אַרבעטנדיקע עלעמענטן געזועלשאַפֿטלעך איבערגעלאָזט אויף הפקר. אויף דעם פֿעלער האָט אָנגעוויזן א. ליטוואַק: „עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז אונזער גאַנצער יונגער דור באַשטייט פֿון ביזנעסלייט און פֿון מענטשן מיט פֿרייע פּראָפֿעסיעס. ווייט נישט אַלע עלטערן האָבן די מעגלעכקייט אַרויסצוהויבן פֿון אַרבעטער־קלאַס זייערע קינדער"... „מיר האָבן דאָ אין לאַנד פֿיל צענטליקער טויזנטער הי־געבוירענע יידן, וואָס זיינען פֿאַרנומען מיט אַרבעט אין פֿאַרשידענע אינדוסטריעס, זיינען קלענערע אָנגעשטעלטע אין מאַגאַזינען און אָפֿיסעס. זיי אַרבעטן נישט אין די אַלטע יידישע פֿאַכן, ביי קליידער און שיך, זיינען זיי באַשעפֿטיקט אין די בוי־פֿאַכן, אין עלעקטרישע און כלערליי מעכאַנישע אונטערנעמונגען. דערמאָנט זיך די גרויסע מאַסע הי־געבוירענע מענער און נאָך מער פֿרויען, וועלכע אַרבעטן אַלס פֿאַרקויפֿער"... „דערמאָנט זיך די צענטליקער טויזנטער יידישע טעקסי־טרייבער אין די גרויסע שטעט פֿון אַמעריקע. דאָס זיינען דאָך אַלץ פּראָלעטאַרישע עלעמענטן — זיי זיינען יידיש געשטימט, זיי ציט צו זיין אין אַ יידישער סביבה, הגם זייער יידישקייט איז מער אַ זאַך פֿון נעפּלהאַפֿטן געפֿיל, ווי פֿון קלאָרן באַוואוסטזיין. עס ציט זיי צו די קאָנגרעגיישאָנס; עס ציט זיי צו פֿאַרשידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. פֿאַרוואָס קאָנען מיר זיי נישט צוציען? לויט זייער פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער זיינען זיי דאָך אונזער פֿלייש און בלוט. עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס אונזערע יוניאָן־טוער, די פֿאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפֿטן, למשל, טוען גאָרנישט צו אָרגאַניזירן די דאָזיקע עלעמענטן אין יוניאָנס. ס'איז אויך אַ שאָד וואָס די סאָציאַליסטן נעמען אויף זיך נישט די איניציאַטיוו אין אַזאַ וויכטיקער אַרבעט".[174]

ווען די היגע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער אין די יאָרן 1905־1915, איז זי געבויט געוואָרן בעיקר דורך בונדיסטן,

אָדער בונדיסטיש געשטימטע עלעמענטן. די צייט און די אומשטענדן האָבן דעם רוב בונדיסטן אַמעריקאַניזירט. געוויסע באַגריפן זיינען פאַרבלאָסט און גע־ענדערט געוואָרן. אָבער דאָך זיינען זיי אין זייער אַלגעמיינער איינשטעלונג געבליבן דאָס, וואָס זיי זיינען געווען. זיי זיינען אומעטום געווען אַקטיוו אויך אין די שפּעטערע יאָרן. „שטאָט־איין שטאָט־אויס — שרייבט ה. לאַנג — איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון אַמעריקע, אומעטום געפינט מען אַ בונדיסט, וואָס כאָטש אויס ׳פּראָלעטאַריער׳ און אַרומגערינגלט פון דורכאויס אַמעריקאַנער אומשטענדן, זינגט זיך אָבער אין זיין האַרץ אַ סאָציאַליסטיש ליד. דער סאָציאַליזם איז אַ טייל פון זיין יוגנט, אפילו אַ טייל פון זיין ייִדיש־קייט... ער רעדט וועגן ׳בונד׳, ווי וועגן זיין מאַמען, וואָס איז געבליבן אין דער ׳אַלטער היים׳.״ [175]

אַט די בונדיסטן פון דער „אַלטער היים״ זיינען אויך געווען די הויפּט־בויער פון ייִדישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, פּונקט ווי פון אַרבעטער־רינג און פון אַ ריי יוניאָנס. שטיקער פון בונדיזם, אַזוי ווי זיי האָבן אים פאַר־שטאַנען אויפן באָדן פון אַמעריקע, האָבן זיי אויך איינגעפּלאַנצט אין פאַרבאַנד. ס׳איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס פיל האָבן געקוקט אויף דער דאָזיקער ייִדיש־סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, ווי אויף אַן „אַמעריקאַנער בונד״.

צום 30־יאָריקן יובילײ פון „בונד״ האָט דער פאַרבאַנד איינגעאָרדנט אין אַ ריי שטעט גרויסע פייערונגען. אין ניו־יאָרק זיינען צו דער יובילײ־פאַרזאַמלונג געקומען אין מעקאַ־טעמפּל (15 אָקטאָבער 1927) 3 טויזנט מענטשן. און ב. װלאַדעק, אַליין שוין שטאַרק אַמעריקאַניזירט און אין מאַנכע פראַגן שוין געהאַנדלט נישט לויטן בונדישן נוסח, האָט אין יענעם טאָג געשריבן: „דער באַוואוסטזיין פון 30־יאָריקן יובילײ פון ׳בונד׳ פלאַמט אויף אין מיין האַרץ די פלאַטערדיקסטע פאָנען און ברויזט אויף אין מיין בלוט די וויטסטע און קילסטע שטראָמען, און די ווערטער זיי אויסצודריקן זיינען בלאַס און וואָ־כעדיק. און אפשר זיינען דאָ נישט די ווערטער שולדיק, נאָר די מענטשן, וואָס איך טרעף און די זאַכן וואָס איך באַהאַנדל. גיי שטעל זיך אַוועק אין מיטן מאַרק און שריי: ייִדן, עס איז אַ גרויסער יום־טוב! דער ׳בונד׳ איז דרייסיק יאָר געוואָרן, די מעכטיקסטע ייִדישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, די מעכטיקסטע און די ווירקזאַמסטע זינט די צייטן פון די חשמונאים האָט דורכגעמאַכט דרייסיק וואונדערלעכע און טראַגישע יאָרן! — גיי שריי אויס דיין יובל אין מאַרק, שריי ווען מענטשן זיינען פאַרנומען מיט זאַכן פרעמדע און ווייטע״. [176]

נישט איינמאָל האָט מען אַפּעלירט צו די בונדיסטן, אַז זיי זאָלן ווערן אַקטיוו אין פאַרבאַנד. אין 1929, צום אָפּפאָרן פון וויקטאָר אַלטער, וועלכער האָט דאָ געפירט אַן אַקציע פאַרן „בונד״ און זיין אָרגאַן די „פאָלקס־צייטונג״, האָט די רעדאַקציע פון „וועקער״ געזאָגט: „נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיר זיינען נישט אין אַלץ מסכים מיט דעם ׳בונד׳ אין פּוילן, טוען מיר שטענדיק אונזער פליכט צו אים. אין אַמעריקע געפינען זיך איצט טויזנטער און טויזנטער בונדיסטן, וואָס האָבן זיך גאָרנישט לאַנג געפונען אין די קעמפנדיקע רייען פון פּוילישן ׳בונד׳. זיי זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. זיי וואָלטן געקאָנט נוצלעך זיין פאַר דער היגער סאָציאַליסטישער אַרבעט. זיי וואָלטן געקענט ווערן אַ בויענדיקער כוח אין אונזער באַוועגונג. זיי שטייען

אָבער אין אַ זייט. זיי קרימען זיך, זיי געפֿעלט נישט אונזער באַוועגונג. זיי שטאַרבן אָפּ אין בענקעניש נאָכן ׳בונד׳ אין פּוילן״... דאָ מוז די באַוועגונג האָבן אַן אַנדער פּנים. און „די אַריבערגעקומענע בונדיסטן, אויב זיי ווילן זיין טריי צו די בונדישע טראַדיציעס פֿון אַלע צייטן, מוזן אַריין אין די רייען פֿון יידישן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד״.[177]

די סיבות פֿאַרוואָס בלויז אַ קליינע צאָל ניי־אַריבערגעקומענע בונדיסטן זיינען געוואָרן אַקטיוו אין פֿאַרבאַנד און די מערהייט איז געבליבן שטיין אין אַ זייט, זיינען געווען פֿאַרשידענע. מ׳איז נישט געווען צופֿרידן מיטן פּאָליטישן קורס, וואָס מ׳האָט געהאַלטן פֿאַר צו שטאַרק רעכט, פֿאַר צו פֿיל אָפּאָרטוניסטיש. אויך דער אינהאַלט פֿון דער פּראַקטישער טעטיקייט האָט נישט געלאַקט. אַריינפֿאַלנדיק אַהער דירעקט פֿון אַ גרויסער ברויזנדי׳קער באַוועגונג, האָט דאָ אַלץ אויסגעזען קליין, קאַלט און פֿאַרגליווערט. מ׳האָט דאָ נישט געפֿילט דעם רעוואָלוציאָנערן אָטעם פֿון אַ סטיכישער מאַסן־באַוועגונג. און עס זיינען געווען נאָך אייניקע מאָמענטן, וואָס האָבן אַ סך אָפּגעהאַלטן. ענטפֿערנדיק דער רעדאַקציע פֿון „וועקער״, האָט י. בעקער אָנגעוויזן, אַז בונדיסטן זיינען געוואוינט צו דעמאָקראַטישע באַשלוסן און דיסציפּלין. דאָ איז אָבער „נישטאָ קיין אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס זאָל זיין אַ דיסציפּלין סיי פֿאַר די פֿירער, סיי פֿאַר די מיטגלידער״. וועגן ציוניזם „האַנדלט יעדער איינער, ווי ער וויל״. „ווען אַ פֿירער זאָל אַרויסזאָגן אַ מיינונג וועגן אַ געווויסער אַרבעט, וואָס מען זאָל טון און זיין מיינונג זאָל נישט אָנגענומען ווערן, וועט ער זיך באַמיען מיט אַלע מעגלעכקייטן די גאַנצע אַרבעט זאָל צעשטערט ווערן. זייער אייגענער כּבֿוד אָדער אַמביציע שטייען ביי די פֿירער העכער, ווי די באַוועגונג״... „מעגן מיר האָבן אַן אייגענע מיינונג? אַזוי שנעל ווי איינער וויל נישט פֿאָלגן אַן אָרדער פֿון העכער, ווערט ער גלייך דערקלערט אַלס לינקער״... „זאָל געשאַפֿן ווערן אין אונזער באַוועגונג אַ נייער גייסט, אַ גייסט פֿון דיסציפּלין און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און די בונדיסטן וועלן געוויס נישט בלייבן שטיין פֿון וויטן״.[178]

הענריק ערליך, וועלכער האָט אין 1927 דאָ פֿאַרבראַכט 5 חדשים, האָט ביים געזעגענען זיך אויף די שפּאַלטן פֿון „וועקער״ אַזוי כאַראַקטעריזירט דעם גייסט פֿון דער היגער באַוועגונג: „עס איז שטיל און טויט אין דער באַוועגונג. אין דער יידישער פּונקט ווי אין דער נישט־יידישער. די מלחמה האָט נישט איבערגעלאָזט אין אַמעריקע קיין מאַטעריעלע חורבות, אָבער זי האָט געבראַכט אַ גייסטיקן חורבן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פֿון לאַנד. און דאָס, וואָס איז פֿאַרבליבן נאָך דער מלחמה, האָבן צונישט געמאַכט און צעבראָכן די אַמעריקאַנער פֿאַרטרעטער פֿון דריטן אינטערנאַציאָנאַל. אין ערגעץ איז אָט דער לעצטער חורבן נישט אַזוי גרויס, ווי אויף דער יידישער גאַס״.[179]

די בונדישע פֿירער, וועלכע זיינען פֿון צייט צו צייט אַהערגעקומען, כּדי צו שאַפֿן ביי די אָנהענגער און פֿריינט פֿון „בונד״ מיטלען פֿאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן, האָבן תּמיד געפֿונען די וואַרעמסטע הילף און פֿולסטע קאָאָפּעראַציע פֿון פֿאַרבאַנד. אַזוי איז געווען אַפֿילו אין די צייטן, ווען געוויסע איינפֿלוסרייכע קרייזן פֿון דער היגער באַוועגונג, די זעלבע קרייזן, וואָס האָבן אויסגעקוקט אויפֿן אונטערגאַנג פֿון דער יידישער סאָציאַליסטישער

אָרגאַניזאַציע און די יידישע שולן, האָבן פּאַנאַנדערגעוויקלט אַ העצע קעגן „בונד". אַזוי, למשל, איז געווען אין 1931, ווען דער פּאַרזיצער פון „בונד" אין פּוילן, נח, האָט געדאַרפט דאָ פירן אַן אַקציע. די רעדאַקציע פון „וועקער" האָט דעמאָלט געשריבן: „פאַר אונז, די יידישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע, איז די שליחות פון חבר נח אין איצטיקן מאָמענט אַן ערן־פּראַגע. מיר מוזן אָנשטרענגען אַלע קרעפטן, אַז די שונאים פונם יידישן סאָציאַליזם זאָלן נישט דערפרייט ווערן. עס לעבט דער ׳בונד׳ אין פּוילן און עס לעבן די גרויסע סימפּאַטיעס פאַרן ׳בונד׳ אין אַמעריקע"[180]. אין געזעגנונגס־אַרטיקל מיט 6 חדשים שפּעטער האָט דער „וועקער" געמאַכט אַ סך־הכל פון נחס דערפאָלג־רייכער אַקציע און דערקלערט, אַז „מיר באַטראַכטן דעם ׳בונד׳ אין פּוילן פאַר אונזער עלטערע שוועסטער־אָרגאַניזאַציע, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס אין מאַנכע פראַגן גייען זיי זיך פאַנאַנדער מיט אונז און מיר גייען זיך פאַנאַנדער מיט זיי"[181].

ס׳איז אויך אָפּגעשאַצט געוואָרן דער פּאָזיטיווער נוצן פון די ארויסטרעטונגען, וואָס די בונדישע פירער האָבן דאָ געהאַט אין די שטעט און שטעטלעך. ווען שמואל זיגעלבוים (אַרטור) איז אַוועק נאָכן פאַרברענגען דאָ 9 חדשים אין די אינטערעסן פון פאַרלאַג „קולטור־ליגע", האָט די רעדאַקציע פון „וועקער" געשריבן: „ער האָט דאָ אויפגעבלאָזן אין די הערצער אַלטע, האַלב־פאַרלאָשענע פונקען, וואָס וועלן אין אונזער אַרבעט העלפן אַריינטראָגן מער פייער"... „מיר זיינען שטענדיק גרייט צו העלפן דעם פּוילישן ׳בונד׳ און די אינסטיטוציעס, וואָס זיינען מיט אים פאַרבונדן. און יעדער באַזוך פון די אָנגעזעענע פּוילישע בונדיסטן אין אַמעריקע ברענגט אונזער באַוועגונג דאָ נישט וויניקער נוצן, ווי זייער באַוועגונג דאָרטן"[182].

דער פאַרבאַנד האָט אויך וואַרעם געשטיצט די אַקציעס, וואָס עס האָט געפירט אין אַמעריקע אין פאַרשידענע צייטן די צענטראַלע שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן (צישאָ), די אַקציעס פון „אָרט", די אַקציעס פאַר די רוסלענדער סאָציאַליסטן, די געצייג־קאַמפּיינס פאַר די דעקלאַסירטע יידן אין רוסלאַנד און אַנדערע.

אין די טעג פון 15 און 16 אויגוסט 1931 איז פאָרגעקומען אַ סעסיע פון פּאַרטיי־ראַט פון פאַרבאַנד, צו וועלכער עס זיינען געקומען 57 דעלעגאַטן. צווישן אַנדערן האָט מען באַריכטעט וועגן טורן פון ב. כאַנין, א. ליטוואַק, דר. ל. פאָגעלמאַן און ש. לעוויטאַס. דער אָפּיס פון פאַרבאַנד האָט געטון די טעכנישע אַרבעט פאַר נחס טור און אַקציע. דאָס זעלבע איז אויך געווען פריער בעת דער אַקציע פון ר. אַבראַמאָוויטש. דער פאַרשטייער פון פאַרבאַנד ס. ריפקין איז געווען אַ מיטגליד פון דער דעלעגאַציע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין ווין (זומער 1931), אַחוץ די פראַטערנאַלע דעלעגאַטן צביון, י. ישורין און דוד דובינסקי.

דער פּאַרטיי־ראַט האָט זיך פאַרנומען מיט צוויי וויכטיקע אַקטועלע פראַגן: וועגן דער לאַגע אין די יוניאָנס און וועגן דעם קריזיס אין אַמעריקע.

די ערשטע פראַגע האָט רעפערירט א. ליטוואַק. דער גרונט־געדאַנק פון רעפעראַט איז געווען, אַז מען מוז דערציען די מיטגלידער, זיי זאָלן נישט קוקן אויף דער יוניאָן, ווי בלויז אויף אַ קרעמל פון ברויט און פּוטער, נאָר זיי זאָלן

דאַרטן אויך זען אידעאַלן. די פירער, וואָס האָבן נישט דעם צוטרוי, מוזן אַוועק אָדער בייטן די פּאָליטיק. מ'טאָר נישט דערלאָזן די פּראַקטיק פון „דער־שטיקן די אומצופרידנקייט און זיך אָפּרעכענען מיט די ווידערשפּעניקע". די סאָ־ציאַליסטן אין אַ יוניאָן דאַרפן געדענקען, אַז אין יעדער וויכטיקער פראַגע, וואָס האָט נישט קיין טעכנישן, נאָר אַ פּרינציפּיעלן כאַראַקטער, טאָרן זיי נישט אַרויסטרעטן צעשפּאָלטן און מוזן זיין איניק. די יידישע יוניאָנס פעלט אַ צענטער. דער פאַרבאַנד דאַרף ווייטער פירן זיין פריינטלעכע קריטיק בנוגע דער טאַקטיק אין די יוניאָנס, באַקעמפן דעם קאָמוניסטישן איינפלוס און ווירקן אין סאָציאַליסטישן גייסט.

דער פּאַרטיי־ראַט האָט באַשלאָסן צו רופן אַ קאָנפערענץ פון די פאַר־אייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, „פאָרווערטס" און פאַרבאַנד וועגן אויס־אַרבעטן אַן איינהייטלעכע ליניע אין די יוניאָן־פראַגן. עס זאָל אויך גערופן ווערן אַ קאָנפערענץ פון די סאָציאַליסטן אין די יוניאָנס, כדי זיי צו אָרגאַני־זירן פאַר געמיינשאַפטלעכער סאָציאַליסטישער טעטיקייט.

הלל ראָגאָף האָט רעפערירט וועגן ווירטשאַפטלעכן קריזיס. ער האָט אַרומ־גערעדט די מיטלען, דורך וועלכע דאָס לאַנד קען אַרויסגעשלעפּט ווערן פון קריטישן צושטאַנד און פאָרמולירט די קאָנקרעטע אַרבעטער־פאָדערונגען, ווי אַ קורצערע אַרבעטס־וואָך, מלוכהשע פאַרזיכערונג פאַר אַרבעטסלאָזע, סאָציאַ־ליזירן אַ ריי אינדוסטריעס, שאַפן פאַרמער־קאָאָפּעראַטיוון און ענלעכע סאָ־ציאַליסטישע פּלענער.

ס'איז געוואָרן 10 יאָר זינט דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד איז געשאַפן געוואָרן. יובילײ־פייערונגען זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין גאַנצן לאַנד. דער 10־יאָריקער יובילײ איז אויסגענוצט געוואָרן אויף צו מאַכן אַ סך־הכל פון דער אָפּגעטוענער אַרבעט און אַ חשבון־הנפש, ווי עס האַלט מיט דער יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

אין די טעג פון 27־29 נאָוועמבער 1931 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ יובילײ־קאָנווענשאַן. 79 דעלעגאַטן האָבן פאַרטרעטן 42 בראַנטשעס, 4 שטאָט־און שטאָט־קאָמיטעטן און די הויפּט־אָנפירונג. צוזאַמען מיט נאָך 10 פאַר־טרעטער פון קרובישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען 89 דעלעגאַטן מיט שטים־רעכט, אַחוץ 76 דעלעגאַטן פון אַרבעטער־רינג מיט באַראַטונגס־רעכט.

אין זיין באַריכט האָט דער סעקרעטאַר נ. כאַנין אָנגעגעבן די צאָל מיט־גלידער אויף 15 הונדערט. אין אַ ריי שטעט זיינען די פאַרבאַנד־בראַנטשעס די איינציקע אָפּטיילונגען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין אַ צאָל שטעט האָט דער פאַרבאַנד זיך באַמיט צו שאַפן אויך ענגליש־רעדנדיקע פּאַרטיי־בראַנטשעס, אָבער נישט אומעטום איז דאָס געלונגען. אין פיל שטעט האָבן די מיטגלידער פון פאַרבאַנד געצאָלט אַ וועכנטלעכע ביישטייערונג אויף אויס־צוהאַלטן אַן ענגליש־רעדנדיקן אָרגאַניזאַטאָר. אַזוי איז געווען אין פילאַדעל־פיע, שיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס און אַנדערע ערטער. דער פאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן און פאַרשפּרייט 25 טויזנט עקזעמפּלאַרן פון די בראָשורן: „אַר־בעטסלאָזיקייט" פון דר. ה. וו. לעידלער; „דער וועג צום סאָציאַליזם" פון ת. קאַנטאָראָוויטש; „דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס" פון ה. ראָגאָף; „פאַרוואָס אַן אַרבעטער דאַרף זיין אַ סאָציאַליסט" פון א. ליטוואַק. בכלל האָט מען אין פאַר־

לויף פון דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָר פֿאַרקויפֿט ביכער פֿאַר קרוב 10 טויזנט דאָלער.

דער פֿאַרבאַנד האָט איניציאירט דעם געצייג־קאַמפּיין פֿאַר די דעקלאַסירטע יידן אין רוסלאַנד. אין 1928 איז ב. כאַנין געפֿאָרן אַלס דעלעגאַט פֿון יידישן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד און פֿון דער ס. פּ. צום קאָנגרעס פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין בריסל. פֿון דאָרטן האָט זיין וועג געפֿירט קיין פּוילן און סאָוועט־רוסלאַנד. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ הייסן פֿאַרלאַנג צו טון עפּעס ממשותדיקעס פֿאַר די רואינירטע און דעקלאַסירטע יידן. ער האָט געוואָרפֿן דעם געדאַנק צו זאַמלען געלט אויף געצייג פֿאַר די נויט־באַדערפֿטיקע סאָוועטישע יידן. במשך פֿון עטלעכע יאָר צייט איז אָנגעגאַנגען דער געצייג־קאַמפּיין בשותפֿות מיט „אָרט" און בערך אַ האַלבן מיליאָן דאָלער האָט מען געשאַפֿן צו קויפֿן אַרבעטס־מכשירים און מאַשינען פֿאַר דעקלאַסירטע יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ און לאָס־אַנדזשעלעס האָט מען גערופֿן קאָנפֿערענצן אין שייכות מיט אַ געפּלאַנטער גזירה איינצופֿירן פּאַספּאָרטן. דעם אַרבעטער־רינג האָט מען אַ סך געהאָלפֿן אין קאַמף מיט די קאָמוניסטן. דער באַריכט־אָפּגעבער האָט דערביי געזאָגט, אַז „דער אַרבעטער־רינג איז די איינציקע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע דאָ אין לאַנד, וואָס האָט אַלע מאָל געהעריק אָפּגעשאַצט די אַרבעט פֿון יידישן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד".

די יידישע יוניאָנס האָבן די לעצטע יאָרן געהאַט גרויסע צרות. פֿון איין זייט — דער קאַמף מיט די קאָמוניסטן. פֿון דער צווייטער זייט האָבן פֿיל יידישע אַרבעטער פֿאַרלוירן די אַרבעטס־פּלעצער, ווייל די פֿאַבריקן זיינען אַרויסגעפֿירט געוואָרן פֿון די גרויסע שטעט אין די קליינע שטעטלעך אַריין. די אונטערנעמער האָבן זיך געוואָלט באַפֿרייען פֿון די בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, וואָס די יידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן פֿאַר זיך אויסגעקעמפֿט. פֿיל פֿאַבריקן, וואָס זיינען געבליבן אין ניו־יאָרק און אַנדערע גרויסע שטעט, זיינען באַזעצט געוואָרן מיט איטאַליענער און סלאַוון, ווייל די קינדער פֿון די יידישע אַרבעטער זיינען נישט געגאַנגען אין די פֿאַכן פֿון זייערע עלטערן. די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן שוין געהאַט פֿאַרלוירן דעם באָדן אונטער זייערע פֿיס, האָבן צוליבן ווירטשאַפֿטלעכן קריזיס, וואָס דויערט שוין צוויי יאָר, צוריק אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. די קאָמוניסטן פֿילן זיך נאָך האַפֿערדיקער צוליב די צעריסנקייט פֿון זייערע קעגנער אין די יוניאָנס. אָפֿטמאָל פֿאַרשטייט פּשוט נישט די יוניאָן־פֿירערשאַפֿט ווי אַזוי צו לייזן די שווערע פּראָבלעמען אין דער שווערער צייט.

באַזונדערס האָט דער באַריכט־אָפּגעבער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם ציוניזם און וועגן דעם גערעדט אויספֿירלעכער. דאָס איז געווען דערפֿאַר, וואָס די פּועלי־ציון האָבן דעמאָלט געמאַכט באַמיאונגען אָנגענומען צו ווערן אַלס אָר־גאַניזאַציע אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. „דעם יידישן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד און דעם ציוניזם — האָט געזאָגט ב. כאַנין — טיילן פֿונאַנדער צוויי באַזונדערע וועלט־אַנשויאונגען." נישט קוקנדיק אויף דעם, „זיינען מיר דאָ אין אַמעריקע אין די ערשטע יאָרן פֿון אונזער עקזיסטענץ נישט געקומען אין קיין צוזאַמענשטויס מיטן ציוניזם". אמת, די פּועלי־ציון האָבן באַקעמפֿט דעם „פֿאָרווערטס" און דעם אַרבעטער־רינג דורך גרינדן אַן אייגענע צייטונג („די

צייט״) און אַן אייגענעם אָרדן (דעם יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד), „אָבער דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד איז מיטן ציוניזם אַלס פאַרטיי קיינמאָל אין צוזאַמענשטויס נישט געקומען, ווייל אונזער אַרבעט איז געווען די אַרבעט פון סאָציאַליסטישער אויפקלערונג פאַר די יידישע אַרבעטער דאָ אין לאַנד בעת זיי האָבן אַלץ געטאָן פאַר ארץ־ישראל. מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ, האָבן אָבער מאַנכע פון אונזערע פירער געזוכט אַ וואַרעמען ווינקל. זיי האָט זיך געדוכט, אַז זיי האָבן עס געפונען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. זיי האָבן נישט בלויז אַליין געוואָלט גיין אַהין, נאָר האָבן אַהין אויך געוואָלט אַריינפירן אַלע טיילן פון אונזער באַוועגונג. זיי האָבן דעם ציוניזם געוואָלט אַרויפצווינגען אויף דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד״. און ווען זיי האָבן דאָס נישט געקענט דערגרייכן, האָבן זיי גענומען זוכן זייטיקע וועגן ווי אַזוי אונטערצוגראָבן דעם פונדאַמענט פון דעם פאַרבאַנד. מ׳האָט אָנגעהויבן אויסאַרבעטן פּלענער ווי אַזוי די פועלי־ציוניסטן אַריינשלעפּן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, כדי זיי זאָלן קענען ירשנען דעם פאַרבאַנד לעבעדיקערהייט.

וועגן דער פּאָליטישער ריכטליניע פון „וועקער״ האָט רעפערירט דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר א. ליטוואַק. צווישן אַנדערן האָט ער געזאָגט: דעם קאָמוניזם באַקעמפן מיר, אָבער מיר געהערן אויך נישט צו יענע, וועלכע זיינען אין זייער רעכטקייט פאַרקראָכן אַזש רעכטער פון סאָציאַליזם. ווען סאָציאַליסטן גייען אַוועק צו ווייט אויף רעכטס, שטויסן זיי מיט דעם אַליין אָפּ די מאַסן ווייט אויף לינקס. די קאָמוניסטן זאָגן, אַז מיר זיינען קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. אונזערע קעגנער פון רעכטס האַלטן אונז פאַר האַלבע קאָ־מוניסטן. אין דער אמתן זיינען מיר סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צענטריסטן, נענטער פון אַלץ צו דער ס. ד. פּאַרטיי פון עסטרייך. מיר זיינען נישט קיין אַסימילאַטאָרן און נישט קיין נאַציאָנאַליסטן. מיר געהערן אויך נישט צו יענע נאַציאָנאַל־אַסימילאַטאָרן, וואָס זיינען קעגן יידיש־סאָציאַליסטישע שולן, ווילן אַז די יידישע שפּראַך זאָל וואָס גיכער אונטערגיין און אין דער זעלבער צייט לייגן זיי זיך אין דער לענג און בררייט איינצופּלאַנצן ביים עולם ציוניסטיש־נאַציאָנאַליסטישע סימפּאַטיעס. מיר זיינען קעגן אַ קאַזאַרמע־דיסציפּלין, אָבער מיר זיינען פאַר אַ דעמאָקראַטישער דיסציפּלין. מיר ווילן זיך נישט מישן אין די ריין־אינער־לעכע ענינים פון די יוניאָנס, מיר ווילן אָבער יאָ ווירקן אויף זיי אין גייסט פון קלאַסן־קאַמף און סאָציאַליזם.

אין דער דעבאַטע האָבן טייל רעדנער שטאַרק קריטיקירט די שטעלונג און אינהאַלט פון „וועקער״. צווישן אַנדערן האָט מען פאָרגעוואָרפן, אַז ער מישט זיך צו פיל אין יוניאָן־פראַגן. דער „וועקער״ דאַרף זיך נישט פאַרנעמען מיט די סקאַנדאַלן, כאַבאַר־געשיכטעס און ענלעכע ענינים פון די יוניאָנס. מ׳האָט אויך געהאַט טענות פאַרוואָס ער פאַרנעמט זיך צו פיל מיט די שולן.

געענטפערט די קריטיקער האָבן א. ליטוואַק און ב. כאַנין. דערביי האָט דער לעצטער דערקלערט, אַז דער „פאָרווערטס״ שטיצט דעם פאַרבאַנד מיט 8,500 דאָלער אַ יאָר. טייל פאָרווערטסיסטן מיינען, אַז צוליב דער סובסידיע דאַרפן מיר טון אַלץ, וואָס זיי פאַרלאַנגען. דאָס איז אָבער נישט די שטימונג פון דער „פאָרווערטס״־אַסאָסיאיישאַן. זי שטיצט אונז צוליב דעם, וואָס מיר

זיינען אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע און דינען דעם זעלבן סאָציאַליסטישן אידעאַל. דער „וועקער” ווערט געדרוקט אין 4,500 עקזעמפּלאַרן. ער האָט 2,800 אַבאָנענטן און די רעשט ווערט פאַרקויפט אויף אַ געוויינלעכן אופן.

ה. ראָגאָף האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן מצב פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. נאָכן אַנאַליזירן דעם דעמאָלטיקן מצב פון קאַפּיטאַליזם, איז דער רעפערענט געקומען צום אויספיר, אַז בלויז מיט סאָציאַליסטישע מיטלען וועט מען קענען לייזן דעם שווערן עקאָנאָמישן קריזיס. אין דער זעלבער צייט זעט מען אָבער אַ פאַרקערטע דערשיינונג אין די אַרבעטער־רייען. די אַמעריקאַנער יוניאָנס זיינען געוואָרן אַ סך מער קאָנסערוואַטיוו. די יידישע יוניאָנס האָבן פאַרלוירן זייער סאָציאַליסטיש פּנים. אָביעקטיוו איז דאָס לאַנד געוואָרן רייף פאַר סאָציאַליסטישע טענדענצן און אידייען. די הויפּט־געוויכט פון דער טעטיקייט דאַרף איצט געלייגט ווערן אויף דעם פּאָליטישן קאַמף און דורך דעם דאָזיקן קאַמף אויך לייזן די ברענענדיקע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פראַגן.

צביון האָט רעפערירט וועגן דער לאַגע אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם, אַז ביי דעם עקזיסטירנדיקן קראַנקן מצב וואָלט געווען געזינטער פאַרן פאַרבאַנד זיך נישט צו מישן אין דעם, וואָס עס קומט פאָר אין די יוניאָנס. ער וועט סיי ווי גאָרנישט פועלן און ער וועט בלויז צערייצן די טוער. זיי נעמען אויף די קריטיק, ווי מ'וואָלט געקומען שיטן זאַלץ אויף די וואונדן. און הגם ס'איז אַזוי, דאַרף מען אַ געוויסע פרייע און פריינטלעכע קריטיק אָנהאַלטן. און באַזונדערס דאַרף מען זען, אַז די סאָציאַליסטישע מיטגלידער אין די יוניאָנס זאָלן האַנדלען ווי סאָציאַליסטן. ווייניקסטנס זאָלן זיי נישט אָנפירן קיין קאַמף איינע קעגן די אַנדערע.

אַ באַגריסונגס־רעדע אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד” אין פוילן האָט געהאַלטן ש. זיגעלבוים.

די יובילײ־קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד האָט אָנגענומען אַ גאַנצע ריי רעזאָלוציעס און באַשלוסן. צווישן זיי — פאָדערונגען איינצופירן אָבליגאַטאָרישע פאַרזיכערונג פון אַרבעטסלאָזיקייט, אַ 30־שעהדיקע אַרבעטס־וואָך און מלוכה־אַרבעטן. ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו באַטייליקן זיך אין די מאַסן־באַוועגונגען לטובת די אַרבעטסלאָזע.

די רעזאָלוציע וועגן די יוניאָנס זאָגט, אַז דער פאַרבאַנד דאַרף העלפן די יוניאָנס אין זייער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, אָבער אויך פריינטלעך און קאַטעגאָריש קריטיקירן אַלץ, וואָס פאַרדינט קריטיקירט צו ווערן. מ'דאַרף „העלפן מאַכן די יוניאָנס פאַר אמתע אָרגאַניזאַציעס פון קלאַסן־קאַמף, וואָס אַרבעטן אין סאָציאַליסטישן גייסט, מאַכן די מיטגלידער פאַר אַקטיווע, איבערגעבענע יוניאָן־לייט זיי זאָלן האָבן פולע רעכט פון קריטיק, איניציאַטיוו און קאָנטראָל און אויף אַזאַ אופן אַריינציען די מאַסן אין דער אָנפירונג פון דער יוניאָן”... „צוליב דעם שווערן קריזיס און גרויסער אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס האָבן די לעצטע פאָר יאָר באַזונדערס שווער געטראָפן די יידישע פאַכן, ווי אויך צוליב די אינערלעכע ענדערונגען אין די זעלבע פאַכן, איז די לאַגע אין אונזערע יוניאָנס געוואָרן קראַנקהאַפטער און די דעמאָראַליזאַציע — גרעסער. צוליב

דעם אינערלעכן גרופן־קאַמף איז אונזער אַרבעט אין און אַרום די יוניאָנס איצט באַזונדערס נויטיק".

אין דער רעזאָלוציע וועגן דער קולטור־אַרבעט האָט די קאָנווענשאָן פאַר־נומען אַ פּרינציפּיעלע שטעלונג צו איינּיקע פראַגן. „אַלס יידיש־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע — זאָגט די רעזאָלוציע — טרעטן מיר צו צו דער קולטור־אַרבעט ווי סאָציאַליסטן. קולטור, וואָס האָט נישט קיין שום שייכות צו די גרויסע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון טאָג, עקזיסטירט פאַר אונז נישט. מיר גלויבן, אַז קולטור איז אַ וויכטיקער און ווירקזאַמער מיטל אין קלאַסן־קאַמף און מוז פון אונז אַלס אַזעלכער אָנגעווענדעט ווערן. אין די פאַלן, ווען מיר געפינען פאַר נויטיק און פּרינציפּיעל מעגלעך צו באַטייליקן זיך צוזאַמען מיט אַנדערע אָר־גאַניזאַציעס אין געמיינשאַפטלעכע קולטורעלע אַרויסטרעטונגען, טאָרן מיר בשום אופן נישט פאַרווישן אונזערע באַזונדערע סאָציאַליסטישע בליקן אויף אָט דער אַרבעט. אין אָט דער געמיינשאַפטלעכער אַרבעט דאַרפן מיר שטענדיק קלאָר אַרויסשטעלן אונזער סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט, להיפּוך צו דעם סתם קולטורעלן אָדער דעם אַזוי־גערופענעם יידישיסטישן. יידיש איז אונזער שפּראַך, דער אינסטרומענט פאַר אונזער אַגיטאַציע און אויפקלערונג. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז מיר אידענטיפיצירן זיך מיט דער אַזוי־גערופענער אַלגעמיינער סתם יידישיסטישער באַוועגונג. יידיש, יידישע קולטור־אַרבעט, אַזוי גוט ווי דער קאַמף פאַר דעם רעכט פון יידיש אומעטום, וואו אַזאַ קאַמף איז נויטיק, איז ביי אונז אַ וויכטיקער פּונקט פון אונזער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג. פאַר זיך אַליין קען אָבער יידיש פאַר אונז קיין וועלט־אַנשויאונג נישט זיין"... „אין אונזער קולטור־אַרבעט דאַרף פאַרנעמען אַ גרויס אָרט דער קאַמף קעגן קלעריקאַליזם און רעליגיעזער דערציאונג. מיר באַטראַכטן די תלמוד־תורה נישט בלויז פאַר פּעדאַגאָגיש שעדלעך, נאָר אויך פאַר פּאָליטיש רע־אַקציאָנער".

די קאָנווענשאָן האָט נאָך אָנגענומען אַ ריי רעזאָלוציעס וועגן אָרגאַניזאַציאָ־נעלע און אַקטועל־פּאָליטישע פראַגן. אין שייכות מיט דער קריטיק פון „ווע־קער", איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, וואָס האָט אויסגעדריקט פולשטענדיקן צוטרוי צום רעדאַקטאָר א. ליטוואַק.

אַ וויכטיק אָרט אויף דער יובּיליי־קאָנווענשאָן האָט פאַרנומען די פראַגע וועגן די פּועלי־ציון. דער ענין האָט געהאַט אַ פּרינציפּיעלע און פּראַקטישע באַדייטונג. די פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט אַ ווענדונג, אַז מ'זאָל זי אַריינעמען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין נאָוועמבער 1931 האָט דער נאַציאָנאַל־עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער ס. פּ. באַטראַכט די ווענדונג. דער פאַרבאַנד איז אויף דער זיצונג געווען פאַרטרעטן דורך נ. כאַנין און ש. לעוויטאַס, וועלכע זיינען אַרויסגעטרעטן קעגן אַריינעמען די פּועלי־ציון אין דער פּאַרטיי. די פּועלי־ציון האָבן געוואָלט ווערן אַ צווייטע יידיש סאָציאַליסטישע פעדעראַציע אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי, אָבער לויט דער פּאַרטיי־קאָנסטיטוציע האָט געקאָנט זיין בלויז איין פעדעראַציע פון אַ באַשטימטער נאַציאָנאַליטעט (שפּראַך־גרופּע). שוין ריין פאָרמעל וואָלט מען דעריבער די ווענדונג געדאַרפט אָפּוואַרפן, ווייל דאָס אָרט פון אַ יידישער פעדעראַציע איז געווען פאַרנומען דורכן פאַרבאַנד. די פאַרשטייער פון פאַרבאַנד האָבן אויך

אַרויסגערוקט פּרינציפּיעלע מאָטיוון פאַרוואָס די ס. פּ. דאַרף נישט אַריינגעמען אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער ס. פּ. האָט אויסגעטיילט אַ קאָמיסיע פון דריי — נאָרמאַן טאָמאַס, אַלדזשערנאָן לי און דזשיימס אָניעל — וואָס זאָל דעם ענין אויספאָרשן און צושטעלן אַ באַריכט.

מיט דער ווענדונג פון די פּועלי־ציון איז אויך געוועזן פאַרבונדן אַ הינטער־קוליסן שפּיל דירעקט קעגן פאַרבאַנד. געוויסע איינפלוסרייכע גענאָסן, ביי וועמען די אַמאָליקע סאָציאַליסטישע באַגייסטערונג האָט זיך שוין געהאָט שטאַרק אָפּגעקילט און האָבן געהאַלטן, אַז אין קאַמף קעגן די קאָמוניסטן קען מען זיך שוין באַגיין אָן פאַרבאַנד, האָבן גענומען קוקן קרום אויף אים און אָנגעהויבן פרײַדיקן, אַז ער איז איבעריק. און די זעלבע, וואָס האָבן אַגיטירט קעגן יידישע שולן און קעגן פאַרבאַנד, האָבן מיטאַמאָל אַנטדעקט אין די ווינקעלעך פון זייערע הערצער אַ ליבע צו ציון און ציוניזם. שטייענדיק די גאַנצע צייט ביים ראַנד פון פאַרבאַנד, האָבן זיי גענומען איצט דערווייטערן זיך פון אים און זוכן אַ צווייטן אָנשפּאַר. זיי האָבן עס איצט געגעבן די פּועלי־ציון די עצה צו פּרוּוון אַריינגיין אין ס. פּ. און די הויפּט־ראָל האָט דערביי געשפּילט אב. קאַהאַן. ער האָט זיך באַראַטן מיט אַ צאָל מענטשן וועגן דעם, געשיקט אַ מעמאָראַנדום צום פּאַרטיי־פּאַרזיצער מאָריס הילקוויט און געפּרוּווט ווירקן אויף דער ספּעציעלער קאָמיסיע, אַז זי זאָל צושטעלן אַ גינסטיקן באַריכט. אב. קאַהאַן האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די פּועלי־ציון זאָלן אַריינגענומען ווערן נישט ווי אַ צווייטע יידישע פעדעראַציע, נאָר ווי באַזונדערע ברענטשעס.

אויף דער יובילײ־קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד זיינען וועגן דעם ענין געווען צוויי רעזאָלוציעס. איינע, וואָס איז באַגרינדעט געוואָרן דורך א. ליטוואַק און צביון, און אַ צווייטע, וואָס איז פאַרטיידיקט געוואָרן דורך מ. כּינאָי און ה. לאַנג. די ערשטע רעזאָלוציע האָט באַקומען 63 שטימען און די צווייטע — בלויז 3 שטימען.

די רעזאָלוציע, וואָס די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען, האָט פעסטגעשטעלט:
„לויט די סטאַטוטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי קאָנען די סאָציאַליסטיש אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון יעדער שפּראַך האָבן אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיי בלויז איין אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע. אין דער ס. פּ. קענען נישט זיין קיין צוויי פעדעראַציעס, וואָס זאָלן קעמפן צווישן זיך פאַר דער סאָציאַליסטישער טעטיקייט און אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעטער־מאַסע פון איינער און דער זעלבער שפּראַך. דאָס וואָלט אַריינגעטראָגן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אינעווייניקסטע רייבונגען און שטענדיקע קאָנפליקטן צווישן צוויי אָרגאַניזירטע אידעאָלאָגיעס. דעריבער קענען די פּועלי־ציון אַריין אין דער ס. פּ. בלויז אַלס איינצלנע מיטגלידער. בשום אופן נישט אַלס גאַנצע אָרגאַניזאַציע. מיר האַלטן נישט, אַז דער ציוניזם קאָן ווערן פאַר דער ס. פּ. אַ פּריוואַט־זאַך. מיר זיינען פעסט איבערצייגט, אַז די יידן־פראַגע קאָן געלייזט ווערן נישט אין איין אויסגעוויילט לאַנד, נאָר אין אַלע לענדער, וואו יידן וואוינען אין מאַסן — אין צוזאַמענקאַמף מיט די נישט־יידישע מאַסן פאַר דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם. דער ציוניזם ווירקט שלעכט אויף דער סאָציאַליסטישער אַרבעט. ער בינדט צונויף די יידישע אַרבעטער מיט דער יידישער בורזשואַזיע". נאָך דעם ווי עס ווערט געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון ציוניזם, זאָגט די רעזאָלוציע ווייטער,

אַז צוליב פּרינציפּיעלע און פּאָרמעלע מאָטיוון קענען די פּועלי־ציון נישט אַריין אין דער ס. פּ. — נישט ווי אַ פעדעראַציע און אויך נישט „אַלס גאַנצע געשלאָסענע ברענטשעס"... „דעריבער איז די קאַטעגאָרישע מיינונג פון דער יובּיליי־קאָנווענשאָן, אַז די פּועלי־ציון קענען אַריין אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אויסשליסלעך אַלס איינצלנע מיטגלידער".

אויך די מינדערהייט איז געווען קעגן אַריינגעמען די פּועלי־ציון ווי אַ צווייטע יידישע פעדעראַציע. זי איז אָבער געווען קעגן דער מערהייט־רעזאָלוציע צוליב דעם שאַרפן טאָן און צוליב דעם, וואָס די רעזאָלוציע האָט אויך פאַרנומען אַ פּרינציפּיעל אַנטי־ציוניסטישע שטעלונג. די מינדערהייט האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף די פּועלי־ציון נישט אָפּשטופּן, נאָר זיי מקרב זיין און געפינען אַ פּאַסיקע פאָרם פאַר זייער אָנגעהעריקייט צו דער ס. פּ.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אויך די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי די פראַגע אַנטשידן. נאָכן אויסהערן אַלע צדדים האָט די קאָמיסיע פון דריי צוגעשטעלט אַ באַריכט אין וועלכן עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די קאָנסטיטוציע דערלויבט בלויז איין פעדעראַציע פון דער זעלבער שפּראַך. דער באַריכט שטעלט אויך פעסט די פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות צווישן די פּועלי־ציון און פאַרבאַנד, וואָס איז אין תוך דער אונטערשיד אין אויפפאַסן פאַרשידן די יידישע פראַגן דורכן ציוניזם און בונדיזם. קיין פּשרה צווישן ביידע צדדים איז נישט מעגלעך. די קאָמיסיע זעט נישט קיין מעגלעכקייט, אַז מ'זאָל קאָנען אַריינגעמען די פּועלי־ציון ווי אַן אָרגאַניזירטע גרופּע, אָבער לאָזט אָפן די טיר פאַר קאָאָפּעראַציע ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער ס. פּ. האָט גענומען צו קענטעניש דעם באַריכט און אָקצעפּטירט די פּראַקטישע אויספירן פון דער שטעלונג, וואָס די יובּיליי־קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד האָט אָנגענומען.

דער נייער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וואָס די יובּיליי־קאָנווענשאָן האָט אויסגעוויילט, איז באַשטאַנען פון: א. ליטוואַק, ב. צביון, ח. קאַנטאָראָוויטש, דוד מייער, ב. לעוויטין, דר. ל. פאָגעלמאַן, פּ. געליבטער, ס. ריפקין, ב. געבינער, פּ. בלאַק, ה. סאבאטקא, פּ. שטיינבערג, ט. טיגעל, מ. ווינשטיין, מ. גאָפּט, פּ. ראָזענפאַרב און פּרוי סעדלעצקי. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט זיך קאָנסטיטואירט אויף פאָלגנדיקן אופן: ס. ריפקין — פאָרזיצער, נ. כאַנין — סעקרעטאַר, ש. לעוויטאַס — אָרגאַניזאַטאָר, ב. לעוויטין — קאַסיר. אין אָפיס־קאָמיטעט זיינען אַריין: דוד מייער, פּ. בלאַק, ב. געבינער, ח. קאַנטאָראָוויטש און י. לעווענטאל. רעדאַקטאָר פון „וועקער" איז געווילט געוואָרן א. ליטוואַק. אין רעדאַקציע־קאָלעגיע זיינען אַריין: ב. לעוויטין, פּ. געליבטער, ח. קאַנטאָראָוויטש און נ. כאַנין.

צו די פייערונגען פון 10־יאָריקן פאַרבאַנד־יובּיליי האָט דער „וועקער"־פאַרלאַג אַרויסגעגעבן אַ זאַמלבוך מיטן נאָמען „10 יאָר סאָציאַליסטישע אַרבעט, 1921־1931". אין אַ ריי אַרטיקלען אין דעם זאַמלבוך, ווי אויך אין דער סאָציאַליסטישער פרעסע, איז אונטערגעפירט געוואָרן אַ סך־הכל פון דעם פאַרגאַנגענעם צענטליק יאָר און פון דער ראָל, וואָס דער פאַרבאַנד האָט געשפּילט אין היגן יידישן אַרבעטער־לעבן.

אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן האָט די מענטשהייט געפיבערט מיט

די קאָנוואולסיעס וואָס די ערשטע וועלט־מלחמה האָט גורם געווען. איבער דער שטאַרק צעשטערטער אייראָפּע און אויף די חורבות פון די דורות־לאַנגע מאָנאַרכיעס האָבן זיך געטראָגן די האָפענונגען פון דעמאָקראַטיע און רעוואָ־לוציע. אָפּקלאַנגען פון דעם זיינען אויך געקומען איבערן אַטלאַנטיק צו די ברעגעס פון אַמעריקע. דאָ אָבער, אין לאַנד פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע, אין לאַנד פון קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט און פאַרשידנפאַרביקע ראַסן, האָבן זיך בולט אויסגעטיילט צוויי קעגנזעצלעכע שטראָמען: אַ שטראָם פון רעאַקציע און אַ שטראָם פון ראַדיקאַליזם. אַ פאַרשאַרפונג אויף ביידע זייטן — אויף רעכטס און לינקס.

אויף דער יידישער גאַס איז דער לינקער ראַדיקאַליזם געווען נאָך בולטער און שאַרפער. אין די ערשטע יאָרן האָט דער באָלשעוויזם־קאָמוניזם נישט אַזוי ווייט איבערצייגט ווי פאַרכאַפּט, פאַסצינירט. און ווען ער איז געוואָרן אַ כוח, האָט ער אויך באַהערשט, טעראָריזירט און דעפּראַווירט. מ׳איז געגאַנגען צום קאָמוניזם אויך דערפאַר, ווייל מ׳האָט סתם געוואָלט „עפּעס אַנדערש״, אָדער ווייל „ערגער קען דאָך נישט זיין״. אפילו מיט נאַציאָנאַלע מאָטיוון האָט מען באַרעכטיקט דאָס אונטערשטיצן דעם קאָמוניזם. געוויסע עלעמענטן האָבן אויף אַזאַ אופן געוואָלט אויסדריקן זייער פאַרביטערונג און פּראָטעסט קעגן די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, וואָס טייל סאָציאַליסטן פון אַלטן שניט האָבן נאָך געכאָוועט.

ביים סוף פון די צוואַנציקער יאָרן זיינען פיל אילוזיעס פון די ערשטע נאָך־מלחמה יאָרן שוין געווען צערונען. פאַר די 10 יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד מיט זיינע קליינע באַשיידענע מיטלען געפּרוּווט פון איין זייט אָפּשטויסן די אַנגרייפערישע קאָמוניסטישע כוואַליעס און פון דער צווייטער זייט געפּרוּווט אויפבויען זיך אַליין און צעמענטירן די פאַרשידענע צווייגן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אויף וויפיל דער גאַנג פון די געשעענישן און די אויפקלערערישע אַרבעט האָבן באַוויזן צו מאָביליזירן די וויכטיקסטע צווייגן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג קעגן דער קאָמוניסטישער סכנה, איז אָבער די צווייטע אויפגאַבע געווען שווערער צו רעאַליזירן. דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד איז די גאַנצע צייט געבליבן אַ קליינע אָרגאַניזאַציע. נאָך מער: צום 10־יאָריקן יובילייַ האָבן די קעגנער פון פאַרבאַנד אין סאָציאַליסטישן לאַגער אַראָפּגענומען די מאַסקע פון כלומרשטער פריינטשאַפט און אָפן אַרויסגעוויזן זייער קעגנער־שאַפט.

„מיר איז נישט באַקאַנט אין דער פאַרטיי קיין אַנדערע פעדעראַציע — האָט געשריבן נ. כאַנין — וועלכע זאָל אַזוי קאָנסטרוקטיוו העלפן דער פאַרטיי, ווי דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד. און דאָך איז דאָ אין דער פאַרטיי אַ קעגנערשאַפט צום יידישן סאָצ. פאַרבאַנד. פאַרוואָס? נאָך מיין מיינונג איז פאַראַן איין ענטפער אויף דער פראַגע. די ענגליש־שפּרעכנדע פאַרטיי איז אין איר מערהייט אַ יידישע, ריכטיקער — אַ יידיש־אַסימילאַטאָרישע. די יידיש־סאָציאַליסטישע אַסימילאַטאָרן איז די עקזיסטענץ פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, ווי אַ ביין אין האַלז. דער פאַרבאנד דערמאָנט זיי זייער יידישקייט. זיי, די יידישע סאָציאַליסטן־אַסימילאַטאָרן וועלן נישט באַקעמפן די פינישע,

דייטשע, איטאַליענישע פעדעראַציעס, זיי באַקעמפן אָבער יאָ דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. עס קלינגט פּאַראַדאָקסאַל, אָבער עס איז אמת, אַז צווישן די נישט־יידישע פּאַרטיי־געגנאָסן איז נישטאָ און עס איז נישט געווען קיין קעגנערשאַפט צו אונזער פאַרבאַנד״.[183]

עס האָבן גענומען קוקן קרום אויפן פאַרבאַנד אַ ריי יוניאָן־טוער. כל־זמן מ׳האָט געדאַרפט די הילף פון פאַרבאַנד אין קאַמף מיט די קאָמוניסטן, איז די הילף געווען אָנגעלייגט און מ׳האָט געקענט אַרויספּרעסן פון זיך אַפילו לויב־ווערטער פאַר דער יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע. גלייך ווי אַ יוניאָן האָט באַהערשט די קאָמוניסטישע סכנה און מ׳האָט שוין געקענט דאָס שטעטל אַליין באַשטיין, איז געוואָרן אויס חברשאַפט. און יוניאָן־טוער פלעגן אַריינפאַלן אין גרימצאָרן, ווען „דער וועקער״ האָט געוואַגט צו קריטיקירן אָדער אָנווייזן אויף נישט־פאַסיקע מעשים.

מיט פאַרביטערונג האָט א. ליטוואַק פעסטגעשטעלט, אַז „די שאַרפסטע קעגנער פונם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד זיינען יידן־סאָציאַליסטן, פונקט אַזוי ווי די גרעסטע פאַרלייקענער פונם יידישן פאָלק און פון דער יידישער שפּראַך זיינען דווקא יידן״. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער פאַרבאַנד „איז נויטיק נישט בלויז צוליב דער יידישער שפּראַך, נאָר אויך צוליב דער יידישער אַטמאָספער, אין וועלכער אים קומט אויס צו אַרבעטן, צוליב די יידישע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע פּראָבלעמען, וועלכע ער וויל לייזן מיט סאָציאַליסטישע מעטאָדן״.[184] א. ליטוואַק האָט אַזוי פאָרמולירט דאָס אידעאָלאָגישע פּנים פון פאַרבאַנד: „דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד איז גלייך ווייט פון אַסימילאַציע, ווי פון נאַציאָנאַליזם. מיר ווילן נישט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל אויפהערן עקזיסטירן, זיין שפּראַך זאָל אונטערגיין, זיין קולטור זאָל אָפּגעהאַקט ווערן. מיר ווילן אָבער אויך נישט, אַז די יידישקייט זאָל בלייבן אַ רעליגיע־טראַדיציאָנעלע. מיר ווילן אַ נייע יידישקייט, אַ וועלטלעכע, דורכגעדרונגען מיט די באַפרייענדיקע אידייען פון דער נייער מענטשהייט. נישט גאָטס יידן ווילן מיר זיין, נאָר מענטשלעכע יידן, געווענדט מיטן פּנים צו דער צוקונפט״... „דאָס וואָס מיר שטייען פאַר דער יידישער שפּראַך און פאַר דער יידישער מאַסן־קולטור קאָן בשום אופן נישט פאַרווישן די בולטע שטריכן פון אונזער סאָציאַליסטישן פּנים. קיין צעשוואומענעם פּנים פון כלל־ישראל ווילן מיר נישט און וועלן נישט אָננעמען. דאָס וואָס מ׳רופט ׳אמתע יידישקייט׳ איז שוואַרץ, אין בעסטן פאַל איז עס גרוי. אונזער יידישקייט איז נישט קיין גרויע, זי איז אַ רויטע״.[185]

אין אַ ריי אַרטיקלען האָבן די פּריינט און טוער פון פאַרבאַנד אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס פון די קעגנער און באַרעכטיקט זיין ווייטערדיקע עקזיסטענץ, ווי אַ יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט וויכטיקע אויפגאַבן צו דערפילן. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז די, וועלכע ווילן זען די ליקווידאַציע פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע, זיינען מענטשן פון אַן אַנדערער געדאַנקען־וועלט: אַסימילאַטאָרן, וועלכע פאַרשטייען נישט און קענען נישט פאַרטראָגן די יידיש־נאַציאָנאַלע קולטור־אַרבעט, און אַרבעטער־טוער, ביי וועמען דער סאָציאַליסטישער גייסט האָט זיך שטאַרק אויסגעוועפּט. אַן אַלטע געשיכטע, וואָס חזרט זיך כסדר איבער אויפסניי.

24. שפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי

פאַשיזם און נאַציזם.—אַרבעטסלאָזיקייט.—חלוקי העות אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.—„אַלטע גוואַרדיע" און „מיליטאַנטן".—מאָריס הילקוויט און נאָרמאַן טאָמאַס.—אָפּענער צוזאַמענשטויס.—דער לעצטער אויפשטייג.—די דעטראָיטער קאָנווענשאָן.—מיליטאַנטישע מערהייט.—נייע פּרינציפּן־דעקלאַראַציע.—פּאַרטיפּטער ריס.—די ס. פּ. ווערט צעשפּאָלטן.—סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע.—דער פאַרבאַנד אין פאַרטיי־שטרייט.—אָפּאָזיציע אין פאַרבאַנד און שפּאַלטונג.—די ס. פּ. ציט צוריק דעם טשאַרטער.—דער פאַרבאַנד מחוץ דער ס. פּ.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג איבערגעלעבט איר טיפסטע טראַגעדיע און שרעקלעכסטע קאַטאַסטראָפע. אירע שטאַרקסטע און בעסט־אָרגאַניזירטע אָפּטיילונגען — אין דייטשלאַנד און עסטרייך — זיינען געלעגן צעבלוטיקטע און באַזיגטע. דער געפערלעכסטער שונא פון פרייען אַרבעטער־קלאַס און פון אַ פרייער מענטשהייט — דער נאַציזם און פאַשיזם — האָבן זיך געפונען אין טריאומפאַלן פאַראויסמאַרש. דער שאָטן פון האַקנקרייץ האָט זיך געשפּרייט איבער לענדער און פעלקער. אין אָט די יאָרן האָט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון אַמעריקע איבערגעלעבט אַן אייגענע טראַגעדיע. נישט צעשטערערישע כוחות פון דרויסן האָבן זי באַדראָט, נאָר אויפרייסנדיקע כוחות פון אינעווייניק.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע איז תמיד געווען אַ דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע. במילא האָבן אין איר געמוזט זיין חלוקי־דעות. דאָס בשותפותדיקע איז געווען דער סאָציאַליסטישער אידעאַל און די גרונט־יסודות פון פּאַרטיי־פּראָגראַם. די מיינונגס־פאַרשידנהייטן זיינען געווען וועגן די פּראַקטישע טאָג־טעגלעכע אויפגאַבן און האָבן געקענט געלייזט ווערן דורך מערהייט־אָפּשטימונגען. נאָך דעם ווי די קאָמוניסטישע עלעמענטן זיינען אַוועק אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די פּאַרטיי אוודאי געקענט בלייבן אידעאָלאָגיש מער קאָנסאָלידירט. די געשעענישן פון דער צייט האָבן אָבער געווירקט קעגן אַזאַ אַנטוויקלונג.

אין אַמעריקע זיינען געווען פיל מיליאָנען אַרבעטסלאָזע. צוזאַמען מיט די פרויען און קינדער און די נישט פול־באַשעפטיקטע האָבן פון דער אַרבעטסלאָזיקייט געליטן צענטליקער מיליאָנען מענטשן. דער מאַטעריעלער יסוד פון אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס איז צעטרייסלט געוואָרן. די אויסווירקונגען פון די פאַשיסטיש־נאַציסטישע נצחונות האָבן אויך צעטרייסלט די זיכערקייט און אמונה אין די וועגן און מעטאָדן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. אין די רייען פון די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן האָט זיך אָנגעהויבן אַ יערונג, אַ זוכעניש פון נייע וועגן.

אין די צוואַנציקער יאָרן האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זיך באַמיט צוצופּאַסן צו די שטימונגען פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער. די מאַרקסיסטישע

אידעאָלאָגיע האָט מען פאַרשטופּט אין אַ ווינקל, אַז מ׳זאָל זי קוים אַרויסזען. מ׳האָט זיך באַמיט אַרויסצורוקן אין פאָדערגרונט די פּראַקטישקייט, מ׳איז געוואָרן קעלטער און ניכטערער. אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן. די שולד האָט מען אַרויפגעוואָרפן אויף דער פּראָספּעריטי אָדער אויף דער האָפענונג, אַז זי וועט קומען. ווען ס׳איז ביים סוף פון די צוואַנציקער יאָרן אָנגעקומען די גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט, האָט זיך דאָס אייז אַ ריר געטון אויך אין די סאָציאַליסטישע רייען. נייע טויזנטער מיטגלידער האָבן זיך באַוויזן. פון 8 טויזנט מיטגלידער אין 1928 איז די צאָל געשטיגן ביז 14 טויזנט אין 1930. דאָס זיינען אָבער געווען שוואַלבן, וואָס האָבן קיין זומער נישט געבראַכט. די ס.פּ. איז נאָך געווען זייער ווייט פון טרוים צו ווערן באמת אַ מאַסן־פּאַרטיי פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער, זי איז אפילו געווען נאָך גאַנץ ווייט פון איר אייגענעם רעקאָרד אין די אַמאָליקע יאָרן. און אויך דאָס האָט בייגעטראָגן צו דער אומצופרידנקייט צווישן די פּאַרטיי־מיטגלידער, צו פאַרשטאַרקן דעם צווייפל און צו פאַרטיפן דעם קידער־ווידער אין די אייגענע רייען.

די נייע מיטגלידער זיינען בעיקר געווען יונגע מענטשן. אַ באַדייטנדיקער טייל — שטודירנדיקע יוגנט און אינטעליגענטן. שוין פון פריער האָט די פּאַרטיי געליטן פון אַ צעפּאַרנקייט און צעשוואומענקייט. די ברייטע אויטאָנאָמיע פון די איינצלנע שטאַט־אָרגאַניזאַציעס און שפּראַך־פעדעראַציעס, ווי בכלל דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער מנהג פון נישט רעכענען זיך שטאַרק מיט פּאַרטיי־דיסציפּלין, האָט אוממעגלעך געמאַכט אַ סאָציאַליסטישע איינהייטלעכקייט. איצט איז נאָך צוגעקומען דער שטאַרקער אונטערשיד פון דורות. די עלטלעכע טויזנט אַלטע מיטגלידער, דער האַרטער קערן פון דער ס.פּ., איז געווען איין טיפּ סאָציאַליסטן, און די טויזנטער נייע מיטגלידער זיינען געווען אַ צווייטער טיפּ. די ערשטע זיינען געווען טעאָרעטיש מער מאַרקסיסטיש, דערפאַר אָבער פּראַקטיש מער ניכטער, פּאַסיוו און פלעגמאַטיש. זייער אומעטעקייט האָט געשטאָכן אין די אויגן. ס׳איז געווען אַ מין שלאָפנדיקער מאַרקסיזם. די נייע זיינען געווען ווייניקער טעאָרעטיש אויסגעהאַלטן, דערפאַר יונג און טעמפּעראַמענטפול און מיט אַ דראַנג צו מעשים. דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די צעפּאַרנקייט און צעשוואומענקייט. יעדע אָרטיקע אָרגאַניזאַציע און אפילו יחידים האָבן געהאַנדלט לויט זייער איינזען און גאַנץ ווייניק זיך געקימערט וואָס די פּאַרטיי־קאָנווענשאַנס און די פּאַרטיי־אָנפירונג האָבן וועגן דעם באַשלאָסן.

סוף־כל־סוף זיינען די פאַרשידענע עלעמענטן געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס. ס׳האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי הויפּט־ריכטונגען. איינע איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „די אַלטע גוואַרדיע״ און די צווייטע האָט מען גערופן „מיליטאַנטן״. דאָס זיינען נישט געווען קיין איינהייטלעכע גרופּירונגען. אויך אין די דאָזיקע צוויי הויפּט־שיטות זיינען געווען פאַרשידענע טענדענצן און שטרעמונגען. דאָך זיינען געווען געוויסע רייפן, וואָס האָבן די פאַרשידענע פראַקציעלעך צוזאַמענגעהאַלטן אין די צוויי הויפּט־גרופּן.

די מיינונגס־פאַרשידנקייטן האָבן זיך קריסטאַליזירט אַרום אַ ריי פראַגן, ווי די באַציאונג צו סאָוועט־רוסלאַנד, שטעלונג צו די יוניאָנס, אינהאַלט און פאָרם פון דער טאָג־טעגלעכער פּאַרטיי־אַרבעט, פאַרבינדונג מיט אַנדערע ראַדיקאַלע גרופּירונגען, איינהייטלעכער פראָנט מיט די קאָמוניסטן און אַנדערע

ענינים. פון די באַזונדערע אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען האָט מען אָנגעהויבן מאַכן אָרגאַניזאַציאָנעלע אויספירן. אין 1931 האָט מען שוין אין אַ טייל פּאַרטיי־ברענטשעס פון ניו־יאָרק דורכגעוואָרפן אַלס דעלעגאַטן צו דער שטאַטישער קאָנווענשאָן אַ ריי אָנגעזעענע אַלטע פּאַרטיי־פירער, ווי מאָריס הילקוויט, אַלדזשערנאָן לי, דזשיימס אָניעל און אַנדערע. צו דעם אַלעם איז נאָך צוגעקומען אַ שטילער שטרייט ווער עס זאָל שטיין אין סאַמע שפּיץ פון דער פּאַרטיי: דער אַלטער טעאָרעטיקער מאָריס הילקוויט אָדער דער נייער פּאָנען־טרעגער נאָרמאַן טאָמאַס? ביז דעמאָלט האָט אין דער פּאַרטיי געגאָלטן הילקוויטס שטים בעת אין לאַנד האָט אַלץ הילכיקער געקלונגען די שטים פון טאָמאַסן. ס'האָט זיך געשאַפן אַ שער צווישן טאָמאַסן דעם שטימען־קריגער און הילקוויטן דעם פּאַרטיי־דיריגירער.

אין דער ברייטער עפנטלעכקייט איז דער אינערלעכער שטרייט אָפיציעל אַרויסגעטראָגן געוואָרן צום ערשטן מאָל אויף דער פּאַרטיי־קאָנווענשאָן אין מילוואָקי. ערב דער קאָנווענשאָן האָט מאָריס הילקוויט אָנגעוויזן, אַז די חלוקי־דעות זיינען אַנטשטאַנען צוליב פאָלגנדיקע סיבות: „ערשטנס, איז זינט דער מלחמה די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אין אינטערנאַציאָנאַלן און אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, געשטעלט געוואָרן פאַר נייע און נישט־פאָרויסגעזעענע סיטואַציעס, וואָס האָבן געשאַפן נייע פּראַקטישע פּראָבלעמען און אַ נייעם באָדן פאַר פּאָליטישע חלוקי־דעות". אין אַמעריקע איז די ס. פּ. אָפּגעשוואַכט געוואָרן צוליב די רדיפות פון דער רעאַקציע, צוליב די שפּאַלטונגען פון די קאָמוניסטן און צוליב דער אָפּגעשטאַנענקייט פון די טרייד־יוניאָנס. צווייטנס, במשך פון 10 יאָר נאָך דער מלחמה האָט די פּאַרטיי נישט באַקומען קיין נייע מיטגלידער. ערשט די לעצטע 2־3 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַ צופלוס פון נייע, יינגערע מיטגלידער און זיי קוקן אַנדערש אויף די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן אין פּאָליטיק. פון דאַנען שטאַמען די חלוקי־דעות.[186]

אויף דער קאָנווענשאָן אין מילוואָקי (מאַי 1932), צו וועלכער עס זיינען געקומען 253 דעלעגאַטן פון 43 שטאַטן, איז באַריכטעט געוואָרן, אַז די פּאַרטיי האָט במשך פון לעצטן יאָר צוגעקריגן אַרום 5 טויזנט נייע מיטגלידער. דאָ האָט די אָפּאָזיציע שוין געלאָזט זיך שטאַרק פילן. היציקע דעבאַטן זיינען געפירט געוואָרן אַרום איייניקע פראַגן. קיין געמיינזאַמע שפּראַך האָט מען אויף דער קאָנווענשאָן נישט געקאָנט דערגרייכן. ס'איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער עולם — פון קאָמוניסטישע סימפּאַטיקער ביז ליבעראַלע רעפאָרמיסטן. הגם מ'האָט ביי איייניקע שטרייט־פראַגן אָנגענומען קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציעס, זיינען פּאָרט געבליבן אומצופרידענע, ווייל אַלעמען צופרידנשטעלן איז נישט געווען מעגלעך. ס'האָבן זיך אויסגעבילדעט קאָאַליציעס פון באַזונדערע ריכטונגען ביים שטימען די פאַרשידענע רעזאָלוציעס.

אַ קאַמף איז אויך געפירט געוואָרן אַרום אַמט פון פּאַרטיי־פּאָרזיצער. ס'האָט זיך אויסגעבילדעט אַ קאָאַליציע קעגן הילקוויטס קאַנדידאַטור. מיליטאַנטן האָבן זיך דאָ פאַראייניקט מיט פּראַקטישע רעפאָרמער פון שטאַט וויסקאָנסין און אַנדערע ערטער. דערביי האָט מען שטאַרק זיך באַנוצט מיטן אַרגומענט, אַז מ'דאַרף די פּאַרטיי אַמעריקאַניזירן. און צווישן די העכסטע שרייער פאַר אַמעריקאַניזאַציע האָבן נישט געפעלט קיין יידן... דער קעגן־

קאַנדידאַט איז געווען נאָרמאַן טאָמאַס. מיט אַ קליינער מערהייט איז ווידער־געוויילט געוואָרן מאָריס הילקוויט, וועלכער האָט פאַר דער פּאַרטיי־מאַסע פאַר־קערפּערט די טראַדיציאָנעלע ס. פּ.. פאַר אים האָבן געשטימט 105 דעלעגאַטן, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט 7,526 מיטגלידער.. קעגן — 86 דעלעגאַטן מיט 6,984 רעפּרעזענטירטע מיטגלידער. די „אַלטע גוואַרדיע" איז ווייטער געבליבן ביים רודער, אָבער בלויז אויף אַ קורצער צייט.

דער ניי־געוויילטער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט פאַרשטאַנען, אַז מען מוז עפּעס טון, כדי אַרויסצופירן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון איר אָפּגעזונדערטקייט. זיין גרעסטער אויפטו אין אָט דער צייט איז געווען דער גרויסער לאַנד־קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, לויט דער איניציאַטיוו פון דער ס. פּ., דעם 6 און 7 מאַי 1933 אין וואַשינגטאָן. עס זיינען געווען פאַר־טרעטן אַ גרויסע צאָל אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער, פאַרמער און ראַדיקאַלע גרופּעס. אַרום 3 טויזנט דעלעגאַטן האָבן רעפּרעזענטירט אַלע שטאַטן. אָפיציעל איז די אַמעריקען פעדערייששאַן אָוו לייבאָר נישט געווען פאַרטרעטן, אָבער פיל פון אירע יוניאָנס האָבן געשיקט דעלעגאַטן. אויך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז נישט געווען באַטייליקט, אָבער אַ צאָל קאָמוניסטן איז יאָ געווען צווישן די דעלעגאַטן. די הויפּט־פראַגע איז געווען די גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט. מ'האָט שוין דעמאָלט געשאַצט די צאָל אַרבעטסלאָזע אויף 16 מיליאָן. דער קאָנגרעס האָט געטראָגן אַ דעמאָנסטראַטיוון כאַראַקטער, איז געווען קעגנעריש צום ניי־געוויילטן פּרעזידענט רוזוועלט און האָט אויסגעדריקט אַן אומגלויבן אין זיינע אויפטוען. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל ווייטער טון די אַרבעט פון דעם קאָנגרעס.

דאָס האָט אַרויסגערופן צופרידנקייט ביי אַלע טיילן פון דער פּאַרטיי. דאַקעגן האָט אַ צווייטע טאַט פון דער העכסטער פּאַרטיי־אָנפירונג ביי אַ טייל מיטגלידער אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט. זומער 1933 האָט דער עקזע־קוטיוו־קאָמיטעט פון דער ס. פּ. באַשלאָסן צו שאַפן אַ פאַראייניקטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן און פירן אַ געמיינזאַמע אַנטי־מלחמה־אַקציע. די שאַר־פע אַנטי־קאָמוניסטן האָבן אָפן אויסגעדריקט זייער אומצופרידנקייט. שפּע־טער, ווען די פּאַרטיי־אָנפירונג האָט געזען, אַז די קאָמוניסטן זיינען נישט לאָיאַל, האָט זי זיך צוריקגעצויגן פון פאַראייניקטן פראָנט. די קאָמוניסטן האָבן דעמאָלט געמאַכט באַמיאונגען צו גיין „איבערן קאָפּ" פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט און שאַפן „אַ פאַראייניקטן פראָנט פון אונטן", דורך די ברענטשעס. בלויז אייניקע לאָקאַלן און אַ צאָל יחידים זיינען ווייטער געגאַנגען מיט די קאָמוניסטן. ס'זיינען געווען נאָך אַ ריי אַקטועלע פראַגן, וואָס האָבן געהאַלטן צעטיילט די פאַרשידענע פליגלען אין דער פּאַרטיי.

באַזונדערס האָט די צעטיילונג זיך פאַרטיפט נאָך די בלוטיקע טעג אין פעברואַר 1934 אין עסטרייך, ווען די עסטרייכישע אַרבעטער, אונטער דער אָנפירונג פון סאָציאַליסטישן שוץ־בונד, האָבן מיט געווער אין האַנט העלדיש געקעמפט קעגן די פאַשיסטישע מאַכט־פאַרכאַפּער. אין דער אייראָפּעאישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברייטע דעבאַטע און אַ רעוויזיע פון דער סאָציאַליסטישער טאַקטיק. דאָס אַלץ האָט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אויך אין די סאָציאַליסטישע רייען פון אַמעריקע. ווען אין 1933

איז פֿאַרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט די מערהייט פֿון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי־דעלעגאַציע געשטימט מיט דער מינ־דערהייט פֿון אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט געוואָלט אַ מער רעוואָלוציאָנערע אָריענטאַציע.

די פּאַרטיי איז ווייטער געוואַקסן; דאָס זעלבע איז אויך געווען אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. צענטליקער נייע ברענטשעס פֿון די איפּסלס זיינען גע־שאַפֿן געוואָרן. דער 1־טער מאַי 1934 איז געפּייערט געוואָרן אויף אַן אימפּאָ־זאַנטן אופֿן. אין ניו־יאָרק זיינען אין דער סאָציאַליסטישער מאַי־דעמאָנסטראַציע געווען באַטייליקט צענטליקער טויזנטער אַרבעטער. אין איר האָבן אָנטייל גע־נומען אַ ריי טרייד־יוניאָנס, דער אַרבעטער־רינג און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, צווישן זיי אויך די אָפּגעשפּאָלטענע קאָמוניסטן — לאַוועסטאָניסטן און טראָצ־קיסטן. אויך אין אַנדערע שטעט זיינען פֿאָרגעקומען סאָציאַליסטישע 1־טע מאַי־דעמאָנסטראַציעס, וואָס זיינען געווען אימפּאָזאַנט און פֿול מיט באַגיי־סטערונג.

וועגן דעם דעמאָלטיקן מצב פֿון דער פּאַרטיי קען מען זיך מאַכן אַ באַגריף פֿון אַ לייט־אַרטיקל אין פֿאַרבאַנד־אָרגאַן ערב דער דעטראָיטער קאָנווענשאָן פֿון דער ס. פּ.: „עס קומען צו טעגלעך נייע, יונגע, פֿרישע כּוחות. עס וואַקסט די אַקטיוויטעט און דער איינפֿלוס פֿון דער פּאַרטיי. דאָס דערפֿרייענדיקסטע איז אָבער וואָס די נייע מיטגלידער באַשטייען מערסטנס פֿון אַרבעטער. לויט דעם לעצטן פּאַרטיי־באַריכט זיינען איבער 60 פּראָצענט פֿון אַלע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי אינדוסטריעלע אַרבעטער. ווען מ׳רעכנט אַריין די אָפּיס־אָנ־געשטעלטע און אַנדערע אַזויגערופֿענע ׳ווייס־קאָלנער׳־אַרבעטער, באַשטייט די פּאַרטיי פֿון איבער 70 פּראָצענט אַרבעטער. די איבעריקע זיינען פּראָפֿעסיאָנאַלן. די סטודענטן גיבן דעם קלענסטן פּראָצענט, אפֿשר שווין אַ צו קליינעם״.[187]

דאָס איז געווען דער לעצטער אויפֿשטייג פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די דעטראָיטער קאָנווענשאָן האָט אָנגעהויבן אַ נייַ פֿאַטאַל קאַפּיטל אין איר געשיכטע.

די דאָזיקע קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דעטראָיט אין די טעג פֿון 1־3 יוני 1934. די כּוחות־פֿאַרהעלטעניש פֿון די ריכטונגען איז דאָ געווען אַ גאַנץ אַנדערע, ווי אויף דער פֿריערדיקער קאָנווענשאָן. ס׳האָט זיך אויסגע־בילדעט אַ גרויסע מערהייט קעגן דער ריכטונג פֿון דער „אַלטער גוואַרדיע״, הגם די מערהייט איז נישט באַשטאַנען פֿון בלויז מיליטאַנטן. די לעצטע האָבן געטענהט, אַז דער ביז־איצטיקער וועג פֿון דער פּאַרטיי איז נישט קיין אַמע־ריקאַנער. די פּאַרטיי מוז ווערן מער רעוואָלוציאָנער, מער אַקטיוו און אָננעמען אַ מער פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער. די „אַלטע גוואַרדיע״ איז געוואָרן פֿאַרבי־טערט. פֿאַר איר איז קלאָר געוואָרן, אַז די פֿירונג פֿון דער פּאַרטיי ווערט אַרויסגענומען פֿון אירע הענט און זי האָט געפֿילט אַ טיפֿע באַליידיקונג אין פֿאַקט, וואָס אין באַריכט פֿון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט איז נישט געווען דערמאָנט וועגן טויט פֿון פּאַרטיי־פּאַרזיצער און לאַנג־יאָריקן פֿירער מאָריס הילקוויט, וועלכער איז געשטאָרבן אין 1933. מ׳האָט אַפֿילו נישט געהאַלטן פֿאַר נייטיק פֿאַרלייגן דער קאָנווענשאָן צו באַערן הילקוויטס אָנדענק און דאָס האָט געמוזט טון אַ דעלעגאַט (פּענקין) פֿון זאַל. אַזעלכע האַנדלונגען פֿון דער

נייער מערהייט האָבן נאָך מער צערייצט די „אַלטע גוואַרדיע״. אין אַזאַ צע־רייצטער אַטמאָספער איז געפאַלן דאָס פאַטאַלע וואָרט — שפּאַלטונג.

נישט אין אַלע פראַגן האָבן די מיליטאַנטן באַוויזן צו שאַפן אַ מערהייט. ווען ס׳איז אָפּגעשטימט געוואָרן דער מיליטאַנטישער פאָרשלאַג צו נעמען צו קענטעניש דעם באַריכט פון דער מערהייט פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע צו דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ, איז דער פאָרשלאַג דורכגעפאַלן. פאַר נעמען צו קענטעניש די שטעלונג פון דער מיליטאַנטישער דעלעגאַציע־מערהייט זיינען געווען שטימען פון 7,831 מיטגלידער, קעגן — 8,344. דאָס בילד האָט זיך אָבער געביטן ביים אָפּשטימען די נייע פּרינציפּן־דעקלאַראַציע פון דער פּאַרטיי און ביי אַנדערע רעזאָלוציעס, ווי אויך ביים וויילן דעם נייעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. דאָ איז די מיליטאַנטן געלונגען צונויפצוברענגען אַ גרויסע מערהייט. די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ רע־זאָלוציע, וואָס זאָגט זיך אַרויס קעגן רוזוועלטס סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאָליטיק און געזעצן און דריקט אויס די מורא, אַז רוזוועלטס אינערלעכע פּאָליטיק טראָגט אין זיך פאַשיסטישע געפאַרן, קעגן וועלכע די אַרבעטער מוזן אַנטשידן קעמפן.

דער הויפּט־שטרייט איז געווען אַרום דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע. די קעגנער האָבן בעיקר אַטאַקירט צוויי פּונקטן פון פּראָיעקט: וועגן מלחמה און וועגן רעוואָלוציע. די דאָזיקע פּונקטן זאָגן:

„די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קעמפט קעגן מיליטאַריזם, אימפּעריאַליזם און מלחמה. זי וויל אָפּשאַפן די כסדרדיקע עקאָנאָמישע קאָנקורענץ פון קאַ־פּיטאַליזם, וואָס פירט צו אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן. מלחמה אָדער צו־גרייטונג צו איר קען פון סאָציאַליסטן נישט טאָלערירט ווערן. די סאָציאַליסטן וועלן פאַראייניקטערהייט זוכן צו אַנטוויקלען געהעריקע אַרבעטער־אינסטרו־מענטן, וואָס זאָלן מעגלעך מאַכן דעם פרידלעכן אויסגלייך פון אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן. זיי וועלן זיך באַמיען אָפּצושאַפן מיליטערישע דרעסירונג אין די שולן, קאַלעדזשעס און קעמפּס. זיי וועלן זיין קעגן מיליטערישע פּאַראַדן, מאַנעווו־רעס און קעגן הוצאות, וואָס גייען דירעקט אויף צוגרייטונגען צו מלחמה אָדער פאַר מיליטאַריסטישער פּראָפּאַגאַנדע, סיי אין מלחמה־צייט, סיי אין צייט פון שלום. אין טראַגישן פאַל פון אַ מלחמה, וועלן זיי לאָיאַל שטיצן יענע גענאָסן, וואָס וועלן צוליב אַנטי־מלחמה־טעטיקייט אָדער צוליב אָפּזאָגן זיך פון דינען אין דער מלחמה קומען אין קאָנפליקט מיט דער עפנטלעכער מיינונג אָדער מיטן געזעץ״. ווייטער רעכנט אויס די דעקלאַראַציע די פאָרמען פון קאַמף קעגן מלחמה, וואָס שליסן אויך איין אַ גענעראַל־שטרייק.

דער טייל פון דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע, וואָס רעדט וועגן דעמאָקראַטיע און רעוואָלוציע זאָגט:

„אין איר קאַמף פאַר אַ נייער געזעלשאַפט באַמיט זיך די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי צו דערגרייכן איר ציל אויף אַ רואיקן און פרידלעכן אופן. זעענדיק אָבער ווי דער צוזאַמענברעכנדיקער קאַפּיטאַליזם קומט אַלץ מער און מער אָן צום פאַשיזם, כדי אויפצוהאַלטן זיין גאַנצקייט און זיין הערשאַפט, וועט די ס.פּ. זיך נישט לאָזן אָפּנאַרן דורך דער פאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע און וועט זיך נישט לאָזן באַזיגן דורך די פאַשיסטישע כוחות״. און ווייטער: „די ס.פּ. דערקלערט נאָך אַמאָל איר גלויבן אין עקאָנאָמישער און פּאָליטישער דעמאָ־

קראַטיע, אָבער זי וועט אַנטשלאָסן זיך שטעלן די אויפגאַבע אויפן אָרט פון דער איצטיקער געפעלשטער דעמאָקראַטיע פון קאַפּיטאַליסטישן פּאַרלאַמענ־טאַריזם איינצופירן אַן אמתע אַרבעטער־דעמאָקראַטיע. דער קאַפּיטאַליזם איז פאַרמשפט צום אונטערגאַנג. אויב ער קען אָפּגעשאַפט ווערן דורך אַן אָפּשטימונג פון דער מערהייט, וועלן מיר זיין מער ווי צופרידן. אויב אָבער דער קריזיס זאָל קומען דורך דעם, וואָס מיר וועלן באַרויבט ווערן פון אונזער רעכט אַלס מערהייט, נאָך דעם ווי די ווילער האָבן אונז געגעבן אַ מאַנדאַט, וועלן מיר זיך נישט אָפּשטעלן פון פאַרניכטן, מיט דער הילף פון אונזער אַרבעטער־סאָ־לידאַריטעט, די הפקרדיקע כוחות פון דער רעאַקציע און קאָנסאָלידירן די סאָ־ציאַליסטישע מלוכה. אויב די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט זאָל צוזאַמענברעכן און עס זאָלן אָנקומען אַן אַלגעמיינער כאַאָס און צעמישונג, ווען רוהיקע און געזעצלעכע מיטלען קענען נישט אָנגעווענדט ווערן, וועט די ס. פ. זיך נישט אָפּזאָגן פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו אָרגאַניזירן און אויפהאַלטן אַ סאָ־ציאַליסטישע רעגירונג אונטער דער הערשאַפט פון דער אַרבעטערשאַפט, אַן אונטערשיד צי זי האָט פאַר דעם אַ מערהייט אָדער נישט."

פאַר דער דאָזיקער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע האָבן געשטימט 99 דעלעגאַטן, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט 10,822 שטימען; קעגן — 47 דעלעגאַטן מיט 6,512 שטימען. פון די 20 דעלעגאַטן פון שטאַט ניו־יאָרק, וואו עס האָט זיך געפונען די הויפּט־קראַפט פון דער „אַלטער גוואַרדיע", האָבן 8 געשטימט פאַר, צווישן זיי אויך דער רעדאַקטאָר פון „וועקער" חיים קאַנטאָראָוויטש, 11 קעגן און איינער האָט זיך אָפּגעהאַלטן. צווישן די, וועלכע האָבן געשטימט קעגן, איז אויך געווען ב. וולאַדעק, אונטער וועמענס פאָרזיץ די קאָנווענשאָן האָט די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע אָנגענומען.

די שלום־רעדעס, וואָס עס האָבן געהאַלטן ביים סוף פון דער קאָנווענשאָן סיי די פאַרשטייער פון דער מערהייט, סיי פון דער מינדערהייט, זיינען געווען פרידלעכע. ס'איז אויסגעדריקט געוואָרן די האָפענונג, אַז די צדדים וועלן געפינען אַ וועג צו לעבן בשלום אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי. ליידער זיינען די האָפענונגען נישט מקוים געוואָרן.

פאַר די פאַראַנטוואָרטלעכע פירער פון דער מערהייט און מינדערהייט איז געשטאַנען די פראַגע, ווי אַזוי זאָל מען לייזן דעם קנופּ סתירות און חלוקי־דעות, וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער פּאַרטיי: געדולדיק אויפפּלאָנטערן דעם פּלאָנטער אָדער מיט אַ מעסער איבערשניידן דעם קנופּ? אויסגעקליבן איז געוואָרן דער צווייטער וועג. ס'איז פאַרגעסן געוואָרן דער עלעמענטאַרער כלל — אין איינִיקייט איז קראַפט. אין די נאָענטסטע צוויי יאָר האָט דער ריס אין דער פּאַרטיי זיך נאָך מער פאַרטיפט.

באַלד נאָכן אָננעמען די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע אויף דער קאָנווענשאָן אין דעטראָיט האָט די מינדערהייט אויסגעדריקט די מורא, אַז מען וועט פון איצט אָן קענען יורידיש פאַרפאָלגן די פּאַרטיי און אירע מיטגלידער. דער נאַ־ציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט זיך געווענדט צו אַ גרופּע יוריסטן און זי האָט געפּסקנט, אַז לויט די עקזיסטירנדיקע געזעצן קען מען די פּאַרטיי נישט פאַרפאָלגן. די מינדערהייט פון איר זייט, האָט פאַרעפנטלעכט אַ דער־קלערונג, אין וועלכער ס'זיינען אָנגעוויזן געוואָרן אויף די געפאַרן פון דער

פרינציפּן־דעקלאַראַציע. די מיטגלידער זיינען גערופן געוואָרן אין רעפערענדום דורכצואוואַרפן דעם נייעם פּאַרטיי־דאָקומענט, כדי עס זאָל וויטער בלייבן גילטיק די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע פון 1924. אויך די מערהייט האָט פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג און אַנגעוויזן, אַז די נייע פרינציפּן־דעקלאַראַציע „איז אין הסכם מיט דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישן געדאַנק אין גאָר דער וועלט. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע קען נישט בלייבן הינטערשטעליק". ווייטער ווערט געזאָגט, אַז די דעקלאַראַציע רופט נישט צו אומלעגאַלע אַקציעס און טעראָריסטישע אַקטן אָדער צום אָפּזאָגן זיך פון דעמאָקראַטישן וועג. סאָציאַליסטן מוזן אָבער זיין גרייט צו אַ סיטואַציע, וואו דער קאַפּיטאַליזם שאַפט אָפּ די דעמאָקראַטיע.

סך־הכל אַ חודש נאָך דער דעטראָיטער קאָנווענשאָן האָט די קאָנווענשאָן פון דער ס. פּ. אין שטאַט ניו־יאָרק מיט אַ גרויסער מערהייט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער נייער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע.

רעכט אַנטייל צו נעמען אין רעפערענדום האָבן געהאַט בערך 26 טויזנט פּאַרטיי־מיטגלידער. באַטייליקט אין דער אָפּשטימונג האָבן זיך בלויז 10,805. פון זיי האָבן 5,933 געשטימט פאַר דער דעקלאַראַציע און 4,872 — קעגן. 60 פּראָצענט פּאַרטיי־מיטגלידער האָבן אינגאַנצן זיך נישט באַטייליקט אין דער אָפּשטימונג.

דער רעפערענדום האָט בלויז פאָרמעל געלייזט דעם שטרייט. די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע איז טאַקע ענדגילטיק געוואָרן אַ פּאַרטיי־דאָקומענט, גלייכצייטיק איז זי אָבער געוואָרן אַ שיידונגס־ליניע צווישן די מיטגלידער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע פון קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען און פאַרמיאוסונגען. די מערהייט האָט באַשולדיקט דעם צווייטן צד אין אַלטקייט, אָפּאָרטוניזם, אומטעטיקייט און אַנדערע חטאים. די מינדערהייט איז אויך נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. אַלס מוסטער פון אירע באַשולדיקונגען, וועלן מיר ברענגען די ווערטער פון וואָרט־זאָגער פון דער „אַלטער גוואַרדיע" דזשיימס אָניעל: „די פּאַרטיי ליידט, אָן ספק, נישט בלויז פון אַ קינדער־קראַנקהייט, נאָר אויך פון בורזשואַזע, ליבעראַלע און קאָמוניסטישע חולאתן"... די מיליטאַנטן האָט ער כאַראַקטעריזירט ווי סטודענטן און אינטעליגענטן מיט צעבראָכענע קאַריערעס. אַזוי ווי די בורזשואַזיע האָט זיי נישט געוואָלט געבן קיין אַנערקענונג, זיינען זיי געקומען דאָס זוכן ביים פּראָלעטאַריאַט. ער האָט געוואָרנט קעגן אויסבילדן אַ חוצפּהדיקע פּאַרטיי־אָנפירונג פון „אַקאַדעמישע דענדיס", וואָס וועט זיין אַ פרעמדער קערפּער אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער „נייער סאָציאַליזם" פון די מיליטאַנטן — האָט געשריבן דזשיימס אָניעל — „ווייזט אויך אַרויס אַ פאָרורטייל קעגן די אַנדער־שפּראַכיקע פעדעראַציעס פון דער פּאַרטיי און עס ווערט געפירט אַן אַגיטאַציע אָפּצושאַפן זיי".[188]

פון פיינטלעכע ווערטער איז מען אַריבער צו אָרגאַניזאַציאָנעלע מעשים. זומער 1935 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון פאַרטרעטער פון ס. פּ.־אָרגאַניזאַציעס אין 7 מזרח־שטאַטן, ווי אויך פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד און פון דער פינישער פעדעראַציע. די הויפּט־פראַגע איז געווען דער פאַרשאַרפטער פּאַרטיי־קריזיס. אין דער אַנגענומענער רעזאָלוציע ווערט צווישן אַנדערן פאַרלאַנגט, אַז דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט זאָל זיך קלאָר

אַרויסזאָגן קעגן אַ פּאַראייניקטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן און דאָס רעקאָמענדירן צו די שטאַט־אָרגאַניזאַציעס און די לעצטע צו די פּאַרטיי־לאָקאַלן. געוועזענע קאָמוניסטן מוזן אָפן דעקלאַרירן זייער קעגנערשאַפט צו די קאָמוניסטישע פּרינציפּן און אויב נישט, זאָל מען זיי נישט אַריינגעמען אין דער פּאַרטיי און די שוין אַריינגענומענע זאָל מען אויסשליסן. אַלע פראַקציעס זאָלן פאַנאַנדער־געלאָזט ווערן. און לסוף: „דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט זאָל אַראַנ־זשירן אַ קאָנפערענץ מיט פאַרטרעטער פון די וויכטיקסטע שטאַט־אָרגאַניזאַ־ציעס, כדי זיך צוזאַמענריידן וועגן אַ פּרינציפּן־דעקלאַראַציע, וואָס זאָל איבער־געגעבן ווערן צו אַ רעפערענדום פון דער מיטגליד־דערשאַפט". דאָס האָט געמיינט, אַז די פּאַרטיי־אָנפירונג זאָל מבטל מאַכן די אָנגענומענע פּרינציפּן־דעקלאַראַציע און זי לאָזן פאַרבייטן מיט אַ צווייטער. דער באַשלוס האָט נישט געהאַט קיין שום שאַנסן אָנגענומען צו ווערן דורך די פאַרטרעטער פון דער פּאַרטיי־מערהייט.

די „אַלטע גוואַרדיע" האָט נישט געוואָלט אוועקלייגן דאָס געווער און אָב־נעמען דעם באַשלוס פון דער פּאַרטיי־מערהייט. די מיליטאַנטן פון זייער זייט האָבן עס נישט געוואָלט טון אין יענע אָרגאַניזאַציעס, וואו זיי זיינען געווען אין אַ מינדערהייט. אין ניו־יאָרק, וואו די „אַלטע גוואַרדיע" איז געווען ביי דער מאַכט, האָבן די מיליטאַנטן געפירט אַ פּאַראַלעלע טעטיקייט און זיך נישט גערעכנט מיט די באַשלוסן פון אָרטיקן קאָמיטעט. סוף 1935 האָט דער ניו־יאָרקער קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי באַשלאָסן דורכפירן אַ רעאָרגאַניזאַציע אין די ברענטשעס. די מיליטאַנטן האָבן דערקלערט, אַז די רעאָרגאַניזאַציע איז אַ שפּיצל צו באַזייטיקן פון דער אָרגאַניזאַציע די קעגנער פון דער „אַלטער גוואַרדיע". זיי האָבן געענטפערט מיט דעם, וואָס זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן שבת פאַר זיך און זיך דערקלערט אַלס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון ניו־יאָרק. דאָס איז געווען די ערשטע אָרגאַניזאַציאָנעלע שפּאַל־טונג — דערווייל אין אַ לאָקאַלן מאַסשטאַב. גאַר גיך איז דער ריס אויסגעברייט־טערט געוואָרן, ווען די מיליטאַנטן האָבן גערופן אַ קאָנפערענץ פון שטאַט ניו־יאָרק. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו שיקן אַ פאַרשטייערשאַפט צו דער דאָזיקער מיליטאַנטישער קאָנפערענץ און דאָס האָט איר צוגעגעבן חשיבות און אָנערקענונג.

די שפּאַלטונג אין ניו־יאָרק איז געוואָרן אַ פאַקט. ביים צעטיילן זיך האָבן פון די 2,700 פּאַרטיי־מיטגלידער קרוב 1,700 זיך פאַרשריבן אין דער מיליטאַנ־טישער אָרגאַניזאַציע. דעם 2 אַפּריל 1936 זיינען פאָרגעקומען פּריימערי־וואַלן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין ניו־יאָרק. אויך אין די פּריימעריס האָבן די מיליטאַנטן באַקומען אַ מערהייט, סיי אין שטאָט, סיי אין שטאַט. במילא זיינען זיי געבליבן די אָפיציעלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. נאָך פאַר די פּריימעריס האָט דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט באַשלאָסן צוצונעמען דעם טשאַר־טער ביי דעם אַלטן פּאַרטיי־קאָמיטעט פון שטאַט ניו־יאָרק. די „אַלטע גוואַר־דיע" פון אייניקע מזרח־שטאַטן האָט אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען און געפאָדערט צוריקגעבן דעם טשאַרטער.

אין די טעג פון 22־26 מאַי 1936 איז אין קליוולאַנד, אָהייאָ, אָפּגעהאַלטן געוואָרן די קאָנווענשאַן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. שוין ביי די באַ־ריכטן פון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע האָט זיך אַרויסגעוויזן די טיפע צעריסנקייט.

ביים פעסטשטעלן די דעלעגאַטן פון אַ ריי שטאַטן זיינען געווען פּראָטעסטן און פאַרשלאָגן פון מינדערהייטן. מ׳האָט געמוזט פירן דיסקוסיעס פּאָר און קעגן צולאָזן אַ צאָל דעלעגאַטן. אין ניו־יאָרק זיינען שוין געווען פאַרמעל און פאַקטיש צוויי אָרגאַניזאַציעס, די פאַרטרעטער פון דער „אַלטער גוואַרדיע" האָט מען שוין נישט צוגעלאָזט. אין זייער נאָמען האָט גערעדט דער אַלטער ניו־יאָרקער פאַרשטייער אין נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט דזשיימס אָניעל. ער האָט פאַרגעלייגט מבטל צו מאַכן דעם באַשלוס, וואָס די פּאַרטיי־אָנפירונג האָט אָנגענומען אויף אַ זיצונג אין יאַנואַר 1936, וועגן צונעמען דעם טשאַרטער ביי דער אַלטער ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע און פאַרלאַנגט צולאָזן אירע פאַרטרעטער אַלס די דעלעגאַטן פון שטאַט ניו־יאָרק. דעם זעלבן שטאַנדפּונקט האָבן אויף דער קאָנווענשאָן אויך פאַרטיידיקט לואיס וואַלדמאַן, אַלדזשערנאָן לי, מ. ל. פאַלין און אַנדערע. קעגן דעם זיינען אַרויסגעטרעטן נאָרמאַן טאָמאַס, דזשעק אַלטמאַן און נאָך רעדנער. דערביי האָט טאָמאַס קריטיקירט די האַלטונג פון „פאָרווערטס" בנוגע דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער האָט באַשולדיקט, אַז בעת די וואַלן פון 1934 האָט דער „פאָרווערטס" אַרונטערגעריסן די ס. פּ. און בכלל פאַרגעשטעלט דעם סאָציאַליזם אין אַ שלעכטן און פאַלש ליכט. בעת ער, טאָמאַס, האָט קאַנדידירט צום סענאַט, האָט ער נישט געקענט אין „פאָר־ווערטס" זאָגן וואָס ער האָט געוואָלט, ער האָט דעריבער געמוזט דרוקן זיינע אַרטיקלען וועגן סאָציאַליזם אין קאַפּיטאַליסטישן „טאָג". נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע האָט מען אָפּגעשטימט אָניעלס פאַרשלאַג. ער איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט אַ מערהייט פון איבער צוויי דריטל שטימען (43.97 — פּאָר, 93.22 — קעגן).

די שפּאַלטונג איז פאַרחתמעט געוואָרן. די אָפּגעשפּאַלטענע האָבן געשאַפן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע. פאַר פיל איז די שפּאַלטונג געווען אַ טראַגעדיע. אַפילו צווישן די אָפּגעשפּאַלטענע זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געהאַט שטאַרקע ספקות צי מ׳האָט געדאַרפט דערפירן צו דעם. איינער פון זיי — ב. וולאַדעק — האָט געשריבן, אַז אַ גרויסער טייל פון די, וועלכע האָבן באַקעמפט די דעטראָיטער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע און די פּאַרטיי־אָנ־פירונג „האָבן איבערגעבויגן דעם שטעקן אויף דער צווייטער זייט. אין באַ־קעמפן די דעטראָיטער דעקלאַראַציע האָבן זיי געגומען אַ שטעלונג אין דער פראַגע דעמאָקראַטיע, וואָס איז פונקט אַזוי ווייט פון סאָציאַליזם, ווי די שטע־לונג פון די מיליטאַנטן. די סאָציאַליסטן האָבן שטענדיק געפאָדערט דעמאָ־קראַטיע, אָבער נישט בלויז פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, נאָר אויך אינדוסטריעלע. די סאָציאַליסטן האָבן שטענדיק געטענהט, אַז אָן אינדוסטריעלער דעמאָקראַטיע איז נישט מעגלעך קיין אמתע פּאָליטישע דעמאָקראַטיע. אין דער היץ פון קאַמף איז אָבער דער ריינער פּאַרלאַמענטאַריזם און די אָפיציעלע פּאָליטישע דע־מאָקראַטיע געוואָרן דער אידעאַל"... „דאָס איז געווען אַ שטעלונג נישט קיין סאָציאַליסטישע און אַ שעדלעכע"... „די פראַגן, וועגן וועלכע מ׳האָט זיך גע־אַמפּערט, קענען נישט געלייזט ווערן דורך אַוועקגיין פון דער פּאַרטיי".[189]

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז צעבראָכן געוואָרן. די מיליטאַנטן, וועלכע האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף די פּאַרטיי אַמעריקאַניזירן, האָבן געבראָכן איר לעבעדיקן גוף צוליב אַן אייראָפּעאישן רעצעפּט, וואָס זיי האָבן איר געוואָלט געבן. אייראָפּע איז צייטווייליק אַוועק אויפן וועג פון פאַשיזירונג, בעת אין

אַמעריקע איז צוליבן „ניו־דיל" די דאָזיקע געפאַר מער נישט געווען אַקטועל. די מיליטאַנטן האָבן אָבער פאַרטווישט די יוצרות. צוליב אַ פּאַפּירענער דעקלאַראַציע האָבן זיי געבראַנגט אַ קרבן אַ לעבעדיקע באַוועגונג. די „אַלטע גוואַרדיע" האָט דאָס זעלבע געטון פון דער פאַרקערטער זייט. זי האָט אַרגומענטירט, אַז מען דאַרף זיך האַלטן ביי די מאַרקסיסטישע כללים, אָבער האָט נישט געוואָלט אַנערקענען די זעלבע פעסטשטעלונגען, וואָס אַ ריי מאַרקסיסטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען האָבן געמאַכט אין שייכות מיט דער ביטערער דער־פאַרונג וואָס מ׳האָט געהאַט מיטן פאַשיזם און נאַציזם אין איראָפּע. אפילו עקסטרעם־רעכטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון איראָפּע האָבן פנים אל פנים מיטן נאַציזם געמוזט אַנערקענען די נויטווענדיקייט פון מער רעוואָלוציאָנערע קאַמף־מעטאָדן. ביידע צדדים פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי האָבן געפירט אַ שטרייט וועגן טעם פון וויין און פאַרגעסן, אַז דער וויין וועט אויסגערונען ווערן, ווען זיי וועלן דעם קרוג צעשפּאַלטן. אויף די צוויי צעבראָכענע העלפטן פון קרוג קענען זיך העכסטנס האַלטן איינצלנע טראָפּנס און ביסלעך...

דער טיפער פּאַרטיי־קריזיס האָט געהאַט זיין שטאַרקע אויסווירקונג אויפן יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

נאָך דעם ווי די חלוקי־דעות האָבן זיך אַנטפּלעקט אויף דער קאָנווענשאָן פון דער ס. פּ. אין 1932, האָט דער פּאַרטיי־ראַט פון פאַרבאַנד אין זעלבן יאָר (10 — 11 דעצעמבער) אויסגעדריקט זיין אָפּטימיסטישע שטימונג אין אַ רע־זאָלוציע, וואָס זאָגט: „די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז ענדלעך אַרויס אויף די ברייטע וועגן פון דעם קלאַסן־קאַמף און הויבט איצט אָן באמת ווערן אַ מאַסן־פּאַרטיי, אַ פּאָליטישער פאַקטאָר, מיט וועלכן מען מוז זיך שוין רעכענען אין דעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד"... „מיט פרייד נעמט אויף דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד דעם באַריכט פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער ס. פּ. וועגן די הונדערטער נייע סאָציאַליסטישע לאָקאַלן, וואָס זיינען די לעצטע צייט אָרגאַניזירט געוואָרן און די טויזנטער נייע מיטגלידער, וואָס טרעטן איצט אַריין אין דער פּאַרטיי".

די קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 15־17 סעפּטעמבער 1933 אין שיקאַגאָ, האָט שוין געלאָזט הערן קריטישע טענער אויפן אַדרעס פון דער פּאַרטיי. אין דער דעקלאַראַציע וועגן דער לאַגע אין דער ס. פּ. ווערט געזאָגט, אַז עס ווערט נישט גענוג געטון צו דערציען די יונגע מיטגלי־דער. „אונטערן נאָמען פון סאָציאַליזם ווערט געגעבן אַ געמיש פון ליבעראַליזם און פּסעוודאָ־קאָמוניזם"... „די פּאַרטיי ליידט פון דיסציפּלינלאָזיקייט. אַ פּאַרטיי קען נישט לעבן און וואַקסן, ווען יעדער פּאַרטיי־מיטגליד קען ריידן, טון און האַנדלען, ווי אים גלוסט זיך, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער פּאַרטיי. פרייהייט פון מיינונגען מוזן גיין האַנט אין האַנט מיט איינהייט פון מעשים"... „עס דאַרפן געשאַפן ווערן מעגלעכקייטן פאַר די פאַרשידענע מיינונגען צו קומען צום אויסדרוק".

די אָנפירונג פון פאַרבאַנד איז געווען אויף דער זייט פון דער „אַלטער גוואַרדיע", אין „וועקער" זיינען אָבער געקומען צום אויסדרוק פאַרשידענע מיינונגען. געוויסע אַרטיקלען האָבן אַזוי שטאַרק נישט נושא חן געווען, אַז די פראַגע איז באַהאַנדלט געוואָרן אויף אַ סעסיע פון פּאַרטיי־ראַט פון פאַר־

באַנד (באָסטאָן 12—13 מאַי 1934). מיט אַ מערהייט פון 41 שטימען קעגן 11 איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וואָס זאָגט: „די פירונג פון דער 'וועקער'־רעדאַקציע האָט זינט דער לעצטער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ מעגלעך געמאַכט דאָס דרוקן אייניקע אַרטיקלען אין 'וועקער', וואָס זיינען אין אַבסאָלוטן ווידערשפּרוך סיי אין גייסט און סיי אין שטאַנדפּונקט מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. אַזאַ לאַגע איז נישט דערלאָזבאַר. דעריבער באַשליסט דער פּאַרטיי־ראַט, אַז דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט זאָל אָננעמען אַלע מעגלעכע מיטלען, כדי אין דער צוקונפט זאָל דאָס נישט פּאַרקומען. דער פּאַרטיי־ראַט באַשליסט, אַז אַ געוויסע צייט פאַר אַ קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד אָדער פון דער פּאַרטיי זאָלן די שפּאַלטן פון דער צייטונג זיין אָפן פאַר אַ פרייער דיסקוסיע פון פּאַרטיי־פּראָבלעמען און פראַגן".

דאָס איז געווען דער ערשטער אָנזאָג, אַז אויך אין פאַרבאַנד הויבן זיך אָן אויסווירקן די חלוקי־דעות. גאַר גיך איז די היץ פון געפעכט נאָך מער געשטיגן. ס'איז אָנגענומען געוואָרן די נייע פּרינציפּן־דעקלאַראַציע אויף דער דעטראָיטער קאָנווענשאָן פון דער ס. פּ.. אין אַ לייט־אַרטיקל פון „וועקער" אין שייכות מיטן רעפערענדום וועגן דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע ווערט געוואָרנט קעגן פאַרשאַרפן די סיטואַציע. עס ווערט געזאָגט: „1) דאָס איז אַ קאַמף אין דער פּאַרטיי און נישט פון איין פּאַרטיי קעגן אַ צווייטער. 2) דער קאַמף מוז געפירט ווערן לויט אַלע אנגענומענע כללים פון סאָציאַליסטישער עטיק. 3) נאָך וויכטיקער ווי די פּרינציפּן־דערקלערונג איז די פּאַרטיי גופא"... „וואָס די פּאַרטיי־מיטגלידער זאָלן נישט באַשליסן וועגן דער פּרינציפּן־דערקלערונג, איין זאַך מוזן מיר אַלע האָבן אין זינען: די אייניקייט פון דער פּאַרטיי קומט פריער פון אַלץ און איבער אַלץ. אונזער פּאַרטיי איז אַ דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. די מערהייט באַשטימט און די מינדערהייט מוז זיך אונטערוואַרפן"...[190]

אין אַ גאַנץ אַנדערן טאָן איז אין זעלבן נומער געווען אַן אַרטיקל פון גענעראַל־סעקרעטאַר ב. כאַנין. נאָכן אויסרעכענען אַ ריי חטאים און פּראָקציאָנעלע האַנדלונגען פון אייניקע פּאַרטיי־פירער און פון דער דעטראָיטער קאָנווענשאָן, באַשולדיקט ער, אַז „טאָמאַס און די איבעריקע האָבן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז וואָלדמאַן און זיין גרופּע גרייטן זיך צו שפּאַלטן די פּאַרטיי. דאָס איז איינער פון יענע ביליקע מיטלען, מיט וועלכע מען וויל אויפן לייכטסטן אופן פאַרשרייען אַ קעגנער. ניט וועגן שפּאַלטן די פּאַרטיי האַנדלט זיך איצט. עס האַנדלט זיך איצט וועגן אויסראָטן אַ גייסט, אַ האַלב־קאָמוניסטישן, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט אין דער פּאַרטיי און שטעלט די פּאַרטיי אַוועק אין דער גרעסטער געפאַר"... „און אויב עמיצער דאַרף געוואָרנט ווערן, דאַרף געוואָרנט ווערן די איצטיקע פירערשאַפט, אַז זי זאָל נישט פירן די פּאַרטיי צו אַ שפּאַלטונג, צו אַן אָפּגרונט".

די שטעלונג פון דער רעדאַקציע־מערהייט האָט זיך נישט געדעקט מיט דער שטעלונג פון דער מערהייט אין דער פאַרבאַנד־אָנפירונג. און דאָס האָט דערפירט צו דער דעמיסיע פון דער רעדאַקציע. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד האָט באַלד נאָך דער דעטראָיטער קאָנווענשאָן מיט אַ מערהייט פון 9 שטימען קעגן 7 באַשלאָסן, אַז די אָנפירונג פון פאַרבאַנד און „דער וועקער" זאָלן אַקטיוו זיך באַטייליקן אין קאַמף קעגן דער פּרינציפּן־

דעקלאַראַציע. די מערהייט פון דער רעדאַקציע האָט פּאַרגעלייגט, אַז ביז די פראַגע וועט נישט ענדגילטיק באַשטימט ווערן דורכן רעפערענדום, זאָלן די שפּאַלטן פון דער צייטונג זיין אָפן פאַרביידע מיינונגען. עדיטאָריעל זאָל „דער וועקער" קיין שטעלונג נישט פאַרנעמען. די מערהייט פון דער פאַרבאַנד־אָנפירונג האָט אָבער געהאַלטן, אַז הגם אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג דאַרפן קומען צום אויסדרוק ביידע צדדים, מוז אָבער אין די לייט־אַרטיקלען געבּרענגט ווערן די שטעלונג פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פּאַר־באַנד, ד. ה. זיך אַרויסזאָגן קעגן דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע. אין רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג האָבן 4 מיטגלידער פון רעדאַקציע־קאָלעגיע — חיים קאַנ־טאָראָוויטש, פ. געליבטער, ב. לעוויטין און דוד מייער רעזיגנירט. געבליבן איז בלויז דער פינפטער מיטגליד — ב. געבינער, וועלכער איז געווען אַ קעגנער פון דער דעקלאַראַציע. ער האָט שפּעטער אויך צוגעשיקט זיין רעזיגנאַציע, אָבער ער האָט צוזאַמען מיט כאַנינען אַרויסגעגעבן דעם „וועקער" ביז דעם שאַפן פון אַ נייער קאָלעגיע.

אין די בּרענטשעס פון פאַרבאַנד און אויף די שפּאַלטן פון „וועקער" איז אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע וועגן דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע. די לייט־אַרטיקלען פון פאַרבאַנד־אָרגאַן האָבן גערופן צו שטימען קעגן איר. פון 13 ביז 14 הונדערט מיטגלידער פון פאַרבאַנד זיינען געווען באַרעכטיקט צו שטימען אין רעפערענדום. אין שייכות מיטן רעפערענדום איז אַנטשטאַנען אין פאַר־באַנד אַן אָרגאַניזירטע אָפּאָזיציע. מצד איר איז געשאַפן געוואָרן אַ „יידישער פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיטעט" מיט דוד מייער אַלס פּאָרזיצער און ה. סאָבאָטקאָ — סעקרעטאַר.

דער פאַרבאַנד האָט זיך אַנטשידן געשטעלט אויף דער זייט פון דער פּאַרטיי־אָפּאָזיציע און פאַרבונדן זיין גורל מיט איר. כאָטש די אָנפירונג פון פאַרבאַנד האָט כסדר אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז מ׳וועט געפינען אַ פרידלעכן אויסוועג פון אינערלעכן פּאַרטיי־קאַמף, האָט זי אָבער אונטערגעשטיצט די שטעלונג און האַנדלונג פון דער „אַלטער גוואַרדיע". דאָס האָט דעם פאַרבאַנד געבּרענגט אין דירעקטע קאָנפליקטן מיט דער פּאַרטיי. שוין דעם 8 יולי 1934 האָט דער קאָמיטעט פון דער ס. פּ. אין שטאַט ניו־דזשוירזי אָנגענומען אַ רע־זאָלוציע, וואָס פאַרלאַנגט פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פאַנאַנדערלאָזן און אָפּשאַפן דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד צוליב דעם, וואָס ער איז אַקטיוו אין קאַמף קעגן דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע. דער קאָמיטעט פון פאַרבאַנד אין זעלבן שטאַט האָט פאַרעפנטלעכט אַ פּראָטעסט קעגן דעם און באַשטאַנען אויף די רעכט פון פאַרבאַנד און זיינע בּרענטשעס אַרויסצו־טרעטן קעגן דער דעקלאַראַציע, כל־זמן דער רעפערענדום האָט ענדגילטיק נאָך נישט געלייזט דעם ענין.

אין יאָר 1935 האָט נאָך געשיינט אַ האָפענונג, אַז אַ שפּאַלטונג וועט אויס־געמיטן ווערן. די געשעענישן אין דער ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע האָבן אָבער צעשטערט אַלע באַמיאונגען איינצוהאַלטן גאַנץ די פּאַרטיי. אויך דער פאַרבאַנד איז אַריינגעצויגן געוואָרן טיף אין קריזיס. דער פּאַרטיי־ראַט פון פאַרבאַנד האָט אויף זיין סעסיע, דעם 22 און 23 פעברואַר 1936 אין ניו־יאָרק, זיך געשטעלט אָפן אויף דער זייט פון דער אויסגעשלאָסענער אַלטער ניו־יאָרקער פּאַרטיי־

אָרגאַניזאַציע. דער פּאַרטיי־ראַט האָט דערקלערט: „דער נאַציאָנאַלער עקזע־קוטיוו־קאָמיטעט פון ס. פּ. האָט עובר געווען אויף אַלע פּרינציפּן פון דעמאָ־קראַטיע. ער האָט עובר געווען אויף די סטאַטוטן פון אונזער פּאַרטיי־קאָנ־סטיטוציע"... „דער פּאַרטיי־ראַט פּראָטעסטירט קעגן דער דאָזיקער האַנדלונג פון נאַצ. עקז. פון דער ס. פּ. און האָפט אין דער זעלבער צייט, אַז עס וועט געפונען ווערן אַ וועג צו פאַרריכטן דעם טעות פון דעם נאַצ. עקז. און צו ברענגען אַ שלום אין דער פּאַרטיי". גלייכצייטיק איז באַשלאָסן געוואָרן ווייטער גיין צוזאַמען מיט דער אָרגאַניזירטער אָפּאָזיציע פון דער פּאַרטיי. דער פאַר־באַנד האָט זיך באַטייליקט אין אַלע באַראַטונגען און קאָנפערענצן פון דער אָפּאָזיציע.

פיל האָבן געהאַלטן, אַז אַ שפּאַלטונג וואָלט געווען אַן אומגליק פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די אָנפירונג פון אַרבעטער־רינג האָט אַוועקגע־שיקט צום נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון דער ס. פּ. אַ בריוו, אין וועלכן זי האָט אָנגעוויזן אויף דער קרובהשאַפט פוןביידע אָרגאַניזאַציעס און האָט אַפּעלירט צו געפינען אַ וועג אויף איינצושטעלן אַ שלום אין דער פּאַרטיי. אויך איינצלנע טוער פון פאַרבאַנד האָבן געפּרוּווט מילדערן די באַציאונגען און אויסגעדריקט פאַרדרוס פאַרוואָס די אָפּאָזיציע האַמעוועט זיך נישט. איינער פון זיי, ש. קלייט, וועלכער איז אַליין געווען אַ קעגנער פון דער דעטראָיטער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע, האָט געשריבן: „שטייענדיק אויפן שטאַנד־פּונקט פון אַבסאָלוטער דעמאָקראַטיע, פּירט די אָפּאָזיציע אין דער פּאַרטיי בנוגע דעם אַנדערן צד אַ טאַקטיק, וואָס איז ווייט נישט אין איינקלאַנג מיט דעם אייגענעם שטאַנדפּונקט פון אַבסאָלוטער דעמאָקראַטיע"... „מיר מוזן אנערקענען דעם פאַקט, אַז מיר האָבן פאַרשפּילט אַן אָפּשטימונג און ווייזן אַ מוסטער, ווי מען וואָרפט זיך אונטער אַ באַשלוס פון אַ מערהייט און וואַרטן ביז מיר וועלן האָבן אַ לעגאַלע מעגלעכקייט צו ענדערן"[191]. דאָס זעלבע האָט אַרויס־געזאָגט ה. ווינגדערסאָן: „דאָס וואָס מיר וואָלטן געפאָדערט פון אונזערע קעגנער, דאַרפן מיר איצט פּועלן ביי זיך אַליין"[192].

פון „יידישן פּראָפּאַגאַנדע קאָמיטעט", וואָס די אָפּאָזיציע פון פאַרבאַנד האָט געשאַפן ערב דעם רעפערענדום, איז דערווייל געוואָרן אַ „דעבס קלוב". פון 1־טן מאַי 1935 האָט דער „דעבס־קלוב" אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַן אייגענעם מאָנאַטלעכן אָרגאַן — „די סאָציאַליסטישע שטימע". צו וואָס אַ באַזונדערע צייטונג? אויף דעם ווערט געגעבן אַזאַ ענטפער אין ערשטן נומער: „מיר זיינען געצוואונגען אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם אָרגאַן, ווייל מיר זיינען לאָיאַלע פּאַרטיי־מיטגלידער, ווייל מיר ווילן אָנפירן אַ קאַמף פאַר דער איינהייט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווייל מיר נעמען אָן די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי, ווייל מיר קעמפן פאַר פּאַרטיי־דיסציפּלין"... די וואָס זיינען „מסכים מיט דער מערהייט פון דער פּאַרטיי, מוזן איצט האָבן אַן אייגענעם אָרגאַן, ווייל די אָפיציעלע יידיש־סאָציאַליסטישע פּרעסע איז פאַר זיי פאַרמאַכט." ווייטער ווערט געזאָגט, אַז דער פאַרבאַנד איז דורך זיין אָנפירונג „פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַזונדער קלייזל, וואָס האָט זיך געפירט זיין אייגענע פּאָליטיק, נישט קימערנדיק זיך און נישט רעכענענדיק זיך מיט דער פּאַרטיי". ענטפערנדיק אויף די אַטאַקעס, אַז די מיליטאַנטן זיינען פּראָ־קאָמוניסטיש, זאָגט דער פּראָ־

דן קאַפּלאַן

פּ. דעמביצער



ד. בראַגינסקי

איזיק אַלפּערט

י. ווייסבערג

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד (1953). אויפן בילד, זיצנדיק — רעכטס צו לינקס: פּ. שטיינבערג (פּאַסעיק־טאָלידאָ), פּ. מאַסלאָוו, פּ. עפּשטיין, ש. ווייס, ה. בערגער (פילאַדעלפיע), י. ליפשיץ, י. לעוויך שאַצקעס, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד און רעדאַקטאָר פון „וועקער"; מאַקס גאַפּט, פּאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע; נ. כאַניז, פּאָרזיצער פון אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט; מ. וויינשטיין, ב. געבינער, ה. טייטעלמאַן (פילאַדעלפיע), מ. עדעלסאָן. עס שטייען: ל. קלוקאָווסקי, דוד מייער, י. גוטגאָלד, ס. רעזניק, ה. זיגאַס, ה. מילער, ד. בראַגינסקי (פילאַדעלפיע), מ. באַגנאַ, י. פּאָגעל, ה. בערנשטיין (נואַרק), י. לעווענטאַל, ה. פישער, ה. פיין, י. וויינשטיין, ה. סיגעל (פילאַדעלפיע), ב. קאַפּלאַן און י. מינקאָף. אויף דעם בילד פעלן די פאָלגנדע מיטגלידער:

גראַם־אַרטיקל פון „די סאָציאַליסטישע שטימע": „געוויס נעמען מיר נישט אָן דעם אייגנאַרטיקן, נשמהלאָזן, אידעעלאָזן און קאָמפּסלאָזן סאָציאַליזם, וואָס האָט זיך אין די לעצטע יאָרן אַנטוויקלט אויף דער יידיש־אַמעריקאַנער גאַס; געוויס איז אונזער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם הימל־ווייט פון דעם סאָציאַל־רעפאָרמיזם פון אונזערע רעכטע געגנאָסן, אָבער ער איז אויך פונקט אַזוי הימל־ווייט פון קאָמוניזם".[193]

די אָפּאָזיציע פון פאַרבאַנד האָט אויך אַרויסגעגעבן אויפרופן, איינגע־אָרדנט פאַרלעזונגען און אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען, ווי אַן אָפיציעלע פראַקציע. דער פאַרטיי־ראַט פון פאַרבאַנד האָט אויף זיין סעסיע פון 1־2 יוני 1935 זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע. דער פאָרזיצער פון דעם פאַרבאַנד, ס. ריפקין, האָט אַטאַקירט די אָפּאָזיציע און זי באַשולדיקט, אַז זי פירט נישט קיין פּרינ־ציפּיעלן קאַמף, נאָר גרייפט אָן די פירער. אויך כאַנין האָט אין זיין באַריכט דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון דער אָפּאָזיציע. פון די עטלעכע זיבעציק דעלעגאַטן האָבן עלף געהערט צו דער מיליטאַנטישער ריכטונג. אַרום באַריכט איז געפירט געוואָרן אַ לעבהאַפטע דעבאַטע, אין וועלכערביידע צדדים האָבן קעגנזייטיק זיך שאַרף קריטיקירט. מיט אַ מערהייט שטימען האָט דער פאַרטיי־ראַט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער ער האָט אויסגעדריקט זיין באַדויערן, וואָס אין פאַרבאַנד „האָט זיך געגרינדעט אַן אָפּאָזיציע אונטער דעם אומשולדיקן נאָמען 'דעבס־קלוב' און פירט אַ פּאַראַלעלע און צעשטערנדיקע אַרבעט. מיר האַלטן — זאָגט ווייטער די רעזאָלוציע — אַז די אַרבעט פון דער אַזוי־גערופענער 'אָפּאָזיציע' איז שעדלעך און העלפט נישט דעם וואוקס פון דעם סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד"... „דער פאַרטיי־ראַט אינסטרואירט דעם נאַ־ציאָנאַלן עקזעקוטיוו אָנצונעמען אַלע מיטלען, כדי די פּאַראַלעלע, צעשטערנדיקע אַרבעט פון אַט די מיטגלידער פון דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו זאָל אָפּגעשטעלט ווערן". די אָפּאָזיציע פון איר זייט האָט אַריינגעטראָגן אייניקע פאָרשלאָגן, וואָס האָבן געצילט צו דעם, אַז דער פאַרבאַנד און זיין אָרגאַן זאָלן שטיצן די אָפיציעלע פּאָליטיק פון דער ס. פּ., אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום שאַנסן אָנגענומען צו ווערן.

די פאַקטישע שפּאַלטונג אין פאַרבאַנד האָט זיך אָנגעהויבן סוף 1935. דעם 17 דעצעמבער איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די ניו־יאָרקער מיטגלידער. די פּאַרטיי איז אין ניו־יאָרק שוין געווען געשפּאַלטן, און די פאַרבאַנד־מיטגלידער האָבן געדאַרפט אָנטשיידן מיט וועמען צו גיין: מיט דער אַלטער אָרגאַניזאַציע אָדער מיט דער נייער מיליטאַנטישער. דער שטאָטישער קאָמיטעט פון פאַרבאַנד האָט אָנגענומען אַ באַשלוס צו בלייבן מיט דער אַלטער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג האָט זיך סאָ־לידאַריזירט מיט דער דאָזיקער שטעלונג.

נאָך דער קליוולאַנדער קאָנווענשאָן פון דער ס. פּ. אין 1936 האָט פאַרן פאַרבאַנד זיך געשטעלט די פראַגע וועגן דער ווייטערער אָנגעהעריקייט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. מיט 15 יאָר פריער איז צוליב אַן ענלעכער פראַגע געשפּאַלטן געוואָרן די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע. די מינדערהייט האָט געוואָלט בלייבן אין דער ס. פּ. און דערפאַר געשאַפן דעם יידישן סאָציאַ־ליסטישן פאַרבאַנד. איצט האָט די מערהייט פון פאַרבאַנד אַליין זיך אַנטשלאָסן

איבערצורייסן מיט דער ס. פּ.. בלויז אויסערלעך האָט אין דעם געפעלט קאָנ־סעקווענץ, אין תוך האָט אין יעדן פאַלן געווירקט אַן ענלעכע סיבה — זיך דערווייטערן פון קאָמוניסטישע ווינטן. אומאָפּהענגיק פון דעם צי אין 1936 זיינען טאַקע געווען קאָמוניסטישע ווינטן, ווי זיי זיינען עס געווען אין 1921, די מורא פאַר זיי איז געווען באַשיימפּערלעך.

די אויסגעשלאָסענע אַלטע ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע האָט נאָך דער קליוו־לאַנדער קאָנווענשאָן אין 1936 געשאַפן אַ „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַ־ציע". מיט דער אַלטער אָרגאַניזאַציע זיינען אויטאָמאַטיש געבליבן מחוץ דער ס. פּ. די ניו־יאָרקער ברענטשעס פון פאַרבאַנד. פון דער צווייטער זייט האָט די אָפּאָזיציע פון פאַרבאַנד אין די ערשטע וואָכן פון 1936 אָרגאַניזירט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע מיליטאַנטן אין ניו־יאָרק אַ צענטראַל־ביוראָ. 8 ברענ־טשעס האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין ביוראָ. פון ניו־יאָרק האָט די שפּאַלטונג זיך איבערגעוואָרפן אויך אין אייניקע אַנדערע שטעט.

ביי אַזאַ לאַגע האָט דער פּאַרטיי־ראָט פון פאַרבאַנד אָפּגעהאַלטן אַ סעסיע דעם 20 און 21 יוני 1936. ס'זיינען געקומען 86 דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַר־טרעטן 32 ברענטשעס און דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. מ'האָט באַהאַנדלט די פראַגע וואָס זאָל מען טון ? די שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי און אויך אין פאַרבאַנד איז שוין געווען אַ געשעענער פאַקט, הגם פאָרמעל האָט דער פאַרבאַנד נאָך נישט געהאַט איבערגעריסן מיט דער ס. פּ.. האָט מען זיך געפרעגט : אַריינטרעטן אין דער אָקאָרשט־געשאַפענער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע, אָדער בלייבן זעלבסטשטענדיק ? עס זיינען געווען צוויי רעזאָלוציעס. איינע האָט באַקומען 61 שטימען, די צווייטע — 17. דער אונטערשייד צווישן ביידע איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס די מערהייט האָט באַגריסט די גרינדונג פון דער ס. ד. פעדעראַציע, בעת די מינדערהייט האָט פאַרלאַנגט אַלע פראַגן וועגן ווייטערדיקן גורל פון פאַרבאַנד און וועגן דער באַציאונג צו דער פעדעראַציע איבערגעבן צו באַשטימען דער נאָענטסטער קאָנווענשאָן. די אָנגענומענע מער־הייט־רעזאָלוציע רעכנט אויס אַ ריי חטאים פון דער פּאַרטיי און קומט צום אויספיר, אַז דאָס האָט גורם געווען די שפּאַלטונג און „די גרינדונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע, דורך וועלכער די ס.־ד.־עלעמענטן, וועל־כע זיינען געוואָרן אויסגעשלאָסן און באַזייטיקט, וועלן פאָרטזעצן זייער טע־טיקייט אין די אינטערעסן פון אונזערע אידעאַלן און פרינציפּן אין דער באַ־וועגונג. דער פּאַרטיי־ראָט באַגריסט דעריבער דאָס גרינדן די ס. ד.־פעדעראַציע". לסוף ווערט באַשלאָסן צו רופן אויף סוף נאָוועמבער 1936 אַ ספּעציעלע קאָנ־ווענשאָן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד „צו באַשטימען וועגן דער ווײ־טערדיקער פּאָליטיק פון פאַרבאַנד".

באַלד נאָך דעם האָט די אָנפירונג פון ס. פּ. צוגעשיקט צום נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אַ פאָדערונג צו רע־זיגנירן, ווייל די מיטגלידער פון דער פאַרבאַנד־אָנפירונג זיינען נישט מער קיין מיטגלידער פון דער ס. פּ.. דער עקזעקוטיוו פון פאַרבאַנד האָט געענט־פערט, אַז ער איז געווילט געוואָרן אויף אַ קאָנווענשאָן און בלויז צו אַ פאַר־באַנד־קאָנווענשאָן איז ער פאַראַנטוואָרטלעך. באַקומענדיק דעם ענטפער האָט דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער ס. פּ. געמאָלדן, אַז ער האָט

צוריקגעצויגן דעם טשאַרטער פון פאַרבאַנד און אַז ער וועט צוטרעטן רעאָרגאַני־זירן די פאַרבאַנד־ברענטשעס. די אָנפירונג פון פאַרבאַנד האָט פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג וועגן דעם ענין. נאָכן באַלויכטן דעם קאָנפליקט אין דער פּאַרטיי איז די דערקלערונג געקומען צו דעם אויספיר: „אַלע ברענטשעס פונם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק און איבערן לאַנד דאַרפן ענטפערן דעם נאַציאָנאַלן אָפיס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַז זיי וועלן נישט דער־לאָזן קיין שום רעאָרגאַניזאַציע מצד דער ס.פּ. און אַז פאַרלאָזנדיק די סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטיי, בלייבן זיי אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם יידישן סאָ־ציאַליסטישן פאַרבאַנד".

אין די ברענטשעס איז געפירט געוואָרן אַ דעבאַטע מיט וועמען מ'זאָל גיין. דעם 21 אויגוסט 1936 האָט דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד געשיקט אַ צירקולאַר צו די ברענטשעס, אַז דער פאַרבאַנד איז אין לאַנד־מאַסשטאַב נישט פאַרבונדן מיט קיין שום אָרגאַניזאַציע, ווייל „די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע האָט נאָך נישט איינגעשטעלט קיין אָרגאַניזאַציע אויפן נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב". אויפן נאָנטסטן פּאַרטיי־ראַט וועט געמאַכט ווערן אַ פאָרשלאַג, אַז „דער יידיש־סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד בלייבט אויפן נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב אַ זעלבסטשטענדיקע, אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, אַפיליאירט מיט דער ס. ד. פּע־דעראַציע".

אין די טעג פון 18 — 20 סעפּטעמבער 1936 האָט דער פּאַרטיי־ראַט אָפּ־געהאַלטן זיין סעסיע. די 60 דעלעגאַטן פון פּאַרטיי־ראַט זיינען שוין געשטאַנען פאַרן פאַקט, אַז דער פאַרבאַנד געפינט זיך מחוץ דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. קודם איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער באַשלוס פון דער פריערדיקער סעסיע וועגן רופן אַ ספּעציעלע קאָנווענשאַן. מ'האָט עס געהאַלטן פאַר נישט נויטיק, ווייל דער פאַרבאַנד איז סיי ווי מער נישט קיין טייל פון דער ס. פּ.. אין דער אָנגע־נומענער דעקלאַראַציע האָט דער פּאַרטיי־ראַט דערקלערט, אַז זינט 1932 האָט זיך אין דער ס. פּ. אָנגעהויבן אַ קאַמף „געפירט פון ניי־אריינגעקומענע, נישט־דערפאַרענע סאָציאַליסטן צו בייטן די אידעאָלאָגיע פון דער ס. פּ. און אַוועקפירן זי אויף קאָמוניסטישע וועגן"... „צוזאַמען מיט די אַלע אויסגעשלאָסענע ס. ד. עלעמענטן פון דער ס. פּ. איז אויך דער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד אויסגעשלאָסן געוואָרן דורך דער אומגערעכטער האַנדלונג פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָ־מיטעט פון דער ס.פּ."... „דער פּאַרטיי־ראַט אינסטרואירט דעם נאַצ. עקז. פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד צו קאָאָפּערירן מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע אין אַלע אירע אַרבעטן". אויף די ערטער זאָל מען מיטאַרבעטן און גרינדן אָפּטיילונגען פון דער פעדעראַציע.

די פאַקטישע שפּאַלטונג איז אָפיציעל פאַרזיגלט געוואָרן.

25. אין שווערע יאָרן

הונגער אין די אַרבעטער־היימען.—חורבן און אונטערגאַנג־סכנה.—יידישער אַרבעטער־צוזאַמענפאָר.—פאַראייניקט אָדער באַזונדער ?—קעגנערשאַפט צום רוז־וועלטיזם.—פון טאָמאַסן צו רוזוועלטן.—אַנטי־היטלער־אַקציעס.—געבורט פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט.—די פועלי־ציון גייען אַוועק.—ענדערונגען אין די יוניאָנס.—קאַמף קעגן קאָרופּציע.—דער שטרייט צווישן א. פ. אָוו ל. און סי. איי. אָ.—פראַגן פון פאַרבאַנד.—קאָנווענשאָנס.

Dי גרויסע נויט, וואָס די מאַסן־אַרבעטסלאָזיקייט האָט אַריינ־געבראַכט אין די אַרבעטער־היימען; דער זיג פון נאַציזם, וואָס האָט געדראָט צו פאַרשקלאַפן די וועלט; די חלוקי־דעות, וואָס האָבן צעריסן די סאָציאַליסטישע פאַרטיי — דער דאָזיקער חוט־המשולש פון פיין, סכנה און צעמישונג האָט אין די דרייסיקער יאָרן געוואָרפן זיין שאָטן אויף דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון פאַרבאַנד.

„יידישע אַרבעטער הונגערן אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט" — האָט געשריבן ב. כאַנין פון דעטראָיט. „דער אמת איז, אַז נישט־יידישע אַרבעטער האָבן אויך קיין אַרבעט נישט, זייער לאַגע איז אָבער נישט אַזוי שווער און נישט אַזוי ביטער, ווי עס איז די לאַגע פון דעם יידישן אַרבעטער". ער דערקלערט עס מיט דעם, וואָס ביים נישט־יידישן אַרבעטער האָט די גאַנצע פאַמיליע גע־אַרבעט, איז נאָך עמיצער געבליבן אַרבעטן. דער יידישער אַרבעטער האָט אָבער געשיקט זיינע קינדער שטודירן און ער האָט בכלל געלעבט ברייט. צוליב דער אַרבעטסלאָזיקייט זיינען די פאַרזאַמלונגען און פאָרלעזונגען גוט באַזוכט. עס קומען מענטשן, וועלכע מ'האָט פאַר דער צייט פון פּראָספּעריטי פאַר די אויגן נישט געזען.[194]

די יידישע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן צו ליידן פון אַ ספּעציעלער צרה: „די יידישע באָסעס — האָט איבערגעגעבן א. ליטוואַק — שטרענגען אָן נאָכאַנאַנד אַלע כוחות אַראָפּצושטויסן זייערע יידישע אַרבעטער פון די געוואוינטע פּאָ־זיציעס, אָדער אינגאַנצן זיי אַרויסצושטויסן פון פאַך. זיי האָבן זיך געמיט און זיי מיען זיך אַריבערצוטראָגן זייערע שעפּער אין קליינע שטעט, וואו די האַנט פון דער יוניאָן קען זיי נישט דערלאַנגען, צו פאַרמאַכן די גרעסערע שעפּער און איבערגעבן די אַרבעט צו קאָנטראַקטאָרס. און דער עיקר: פאַרבייטן די יידישע אַרבעטער אויף אַזעלכע נישט־יידישע, וואָס קאָסטן ביליקער".[195]

די שווערע לאַגע פון די יידישע אַרבעטער האָט באַוואויגן די אָנפירונג פון פאַרבאַנד נעמען די איניציאַטיוו צו רופן אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר פון פאָר־שטייער פון יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. מ'האָט אויך געוואָלט, אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל געפינען מיטלען צו פאַרשטאַרקן די סאָציאַליסטישע אַרבעט אויף דער יידישער גאַס. צוליבן קריזיס זיינען פיל יידישע אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציעס געשטאַנען אין סכנה אונטערצוגיין. עקאָנאָמיש צעשטערט און גייס־

טיק צעטרייסלט, האָבן די יידישע פֿאָלקס־מאַסן געוואַרט אויף אַ וואָרט פֿון דערמונטערונג און געזוכט אַ שטראַל פֿון האָפֿענונג. דער חורבן האָט שוין שאַרף אַרויסגעקוקט פֿון אַלע ווינקעלעך.

אין די טעג פֿון 15 — 16 אָקטאָבער 1932 איז דער צוזאַמענפֿאָר פֿאָרגעקומען אין ניו־יאָרק. 500 דעלעגאַטן פֿון אַרבעטער־רינג ברענטשעס, יוניאָנס, פֿאַר־באַנד און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנטייל גענומען. דער צוזאַמענפֿאָר האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט פֿאָלגנדיקע פֿראַגן: 1) די לאַגע פֿון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע; 2) פֿרייע אימיגראַציע; 3) וועגן זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער טעטיקייט פֿון דער אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָן באַוועגונג; 4) קינדער־דער־ציאונג; 5) בילדונג פֿאַר דערוואַקסענע. די פֿראַגן האָבן רעפֿערירט מ. הילקוויט, אב. קאַהאַן, ב. וולאַדעק, ל. וואָלדמאַן און אַנדערע. הילקוויט איז געווען אָפּטימיסטיש וועגן דער נאָענטער צוקונפֿט פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. ווי אַן אָנהענגער פֿון מאַרקסן און מאַרקסיזם, האָט אב. קאַהאַן באַלויכטן די באַציאונג פֿון די אַמעריקאַנער אַרבעטער צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט אָנגענומען אַ ריי רעזאָלוציעס. אין דער רעזאָלוציע וועגן קריזיס און אַרבעטסלאָזיקייט איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די יידישע אַר־בעטער ליידן אַמשאַרפֿסטן, ווייל פֿיל שעפּער ווערן אַריבערגעטראָגן פֿון די גרויסע צענטערן אין קליינע ערטער; צווייטנס, קוואַליפֿיצירטע יידישע אַר־בעטער ווערן פֿאַרביטן מיט נישט־קוואַליפֿיצירטע, ביליקער באַצאָלטע אַרבע־טער פֿון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן; דריטנס, די יידישע אַרבעטער ברענגען נישט אַריין די קינדער אין זייערע אַלטע פֿאַכן; פֿערטנס, אין די נייע פֿאַכן זיינען די קינדער נישט אָרגאַניזירט, ווי זייערע עלטערן. דער ערשטער שריט צו פֿאַרבעסערן די לאַגע איז „געגנוי אויספֿאָרשן די וויכטיקסטע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פֿון דעם יידישן און אַרבעטער־לעבן", כדי עס שפּעטער קענען נאָרמאַליזירן און באַפֿעסטיקן. מיט דעם זאָל זיך פֿאַרנעמען דער געשאַפֿענער קאָמיטעט. אַ צווייטע רעזאָלוציע פּראָטעסטירט קעגן די אימיגראַציע־גזירות און פֿאַרלאַנגט צו עפֿענען די טויערן פֿאַר אימיגראַנטן. די רעזאָלוציע וועגן די יידישע יוניאָנס האָט פֿאַרלאַנגט צו פֿירן אַ קאַמף אין דער אַמעריקען פֿעדעריי־שאָן אָוו לייבאָר פֿאַר אַ זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער באַוועגונג פֿון די אַרבעטער צוזאַמען מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ס'איז באַשלאָסן גע־וואָרן צו שטיצן די קינדער־שולן און פֿירן אַ ברייטערע קולטור אַרבעט צווישן די דערוואַקסענע. דער צוזאַמענפֿאָר האָט אויך אַרויסגעלאָזט אַן אויפֿרוף צו די יידישע אַרבעטער וועגן העלפֿן בויען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

לסוף איז געוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט פֿון 25 מיטגלידער, וואָס זאָל זיך באַמיען צו רעאַליזירן די אָנגענומענע באַשלוסן. וועגן קאָמיטעט זיינען געווען שטאַרקע חלוקי־דעות. טייל האָבן אים געוואָלט האָבן בלויז ווי אַ צייטווייליקע קערפּערשאַפֿט. אַנדערע האָבן אים געוואָלט האָבן ווי אַ דויערנדיקע אינסטאַנץ, וואָס האַלט איין אַ כסדרדיקע פֿאַרבינדונג צווישן אַלע טיילן פֿון דער באַוועגונג. די קעגנער האָבן מורא געהאַט, אַז דער קאָמיטעט וועט זיך מישן אין די ענינים פֿון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אָדער האָבן בכלל נישט געוואָלט האָבן קיין אויטאָריטעטע אינסטאַנץ, וואָס זאָל קענען זאָגן אַ דעה. אויך דאָס מאָל האָט

גובר געווען די טענדענץ צו מאַכן שבת פאַר זיך איבער דער נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ גאַנצקייט פון די באַזונדערע צעשאָטענע גלידער פון דער באַוועגונג.

דער פאַרבאַנד איז געווען אַקטיוו פּאָליטיש און זיך באַטייליקט אין די וואַל־קאַמפּאַניעס. ער האָט אויך געהאָלפן מאָביליזירן אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פון יידישע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זיין אַקטיוו לטובת דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. צום רוזוועלטיזם האָט ער פאַרנומען אַ נעגאַטיווע שטעלונג און גע־וואָרנט קעגן „די פאַלשע האָפענונגען, וואָס זיינען אויפגעקומען אַלס רעזולטאַט פון די רוזוועלט־רעפאָרמען"... „ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין אין דעם איצטיקן רוזוועלט־טומל, מוז דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט קלינגען העכער ווי אַלע מאָל און גרייכן ברייטערע מאַסן איידער אַלע מאָל"[196]. דערביי האָט דער פאַרבאַנד אויך אָנגעוויזן אויף געוויסע פּאָזיטיווע זייטן פון רוזוועלטס סאָציאַל־עקאָנאָמי־שער פּאָליטיק.

די קעגנערשאַפט צום רוזוועלטיזם איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן נאָך דער שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זומער 1936 איז אין ניו־יאָרק געגרינדעט געוואָרן די לייבאָר־פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו זאַמלען די אַרבעטער־שטימען פאַר רוזוועלטן. צום ערשטן מאָל האָט דער־מאָלט פאַר די פּרעזידענט־וואַלן זיך באַוויזן אויף די שפּאַלטן פון „וועקער" דער עמבלעם פון דער לייבאָר־פּאַרטיי אָנשטאָט דעם עמבלעם פון דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי. נאָרמאַן טאָמאַס, דער סאָציאַליסטישער פּרעזידענט־קאַנ־דידאַט, איז באַקעמפט געוואָרן. „אַלטע פּאַרטיי־אָנגעהעריקייטן — האָט גע־זאָגט דער פאַרבאַנד־אָרגאַן — זיינען אין פאַרלויף פון דעם קאַמפּיין אָפּגעווישט געוואָרן"[197]. דאָס ווילן רוזוועלטן צום צווייטן מאָל איז באַצייכנט געוואָרן, ווי „דער זיג פון פּראָגרעס". און ס'איז אויך געזאָגט געוואָרן, אַז „טאָמאַס האָט באַקומען זיין פּסק־דין"[198].

נישט אַלע יידישע סאָציאַליסטן, אפילו קעגנער פון טאָמאַסעס שיטה, האָבן געקענט אַראָפּשלינגען דעם נייעם פּאָליטישן מאכל פון פאַרבאַנד. א. ליעסין האָט געשריבן: „אָפּלעבנדיק דעם גאַנצן לעבן ווי אַ סאָציאַליסט, מיט די אידעאַלן פון אַ סאָציאַליסט, וואָלט איך קיינמאָל נישט געוואָלט האָבן פאַר מיין פאַנען־טרעגער אַ קאַנדידאַט פון אַ קאַפּיטאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס דערקלערט פייער־לעך אין אַלע זיינע רעדעס, אַז ער איז פאַר פּריוואַט־אייגנטום און נאָר פאַר פּריוואַט־אייגנטום"... „געוויינטלעך פלעגן מיר אננעמען, אַז פּיוזשאָן באַדייט אַ פאַראייניקונג פון געוויסע צדדים, וואָס זיי גיבן און נעמען אויך איינער ביים אַנדערן. אין איצטיקן קאַמפּיין אָבער נעמען מיר גאָרנישט. דערפאַר אָבער גיבן מיר אַוועק אַלץ — אונזער באַוועגונג, אונזער נשמה — צו אַ דורכגעטרי־בענעם קאַפּיטאַליסטישן פּאָליטיקער. די הון, וואָס ווערט אויפגעגעסן פון מענטשן, מאַכט אויך פּיוזשאָן. זי גייט אין אים אַריין, אָבער זי, די הון, איז שוין מער נישטאָ"[199].

היטלערס אויפשטייג אין דייטשלאַנד האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג און אויף דער יידישער באַפעלקערונג —ביידע קרבנות פון נאַציסטישער רשעות און רציחה. ווי אַ יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַ־ציע, איז דער פאַרבאַנד געווען אַקטיוו אין גוזעלשאַפטלעכן קאַמף, וואָס די אַרבעטערשאַפט פון איין זייט און יידן פון דער צווייטער זייט האָבן געפירט

קעגן געמיינזאַמען שונא. היטלעריזם, איז באַלד געוואָרן קלאָר, איז נישט קיין לאָקאַלע דייטשע זאַך, נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע געפאַר. היטלערס זיג האָט דערמוטיקט אַלע רעאַקציאָנערע, פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע כוחות אין גאַנץ אייראָפּע און אויך אין אַמעריקע.

אין די אַנטי־היטלער אַקציעס אויפן אַמעריקאַנער באָדן האָט דער פאַר־באַנד זיך באַמיט צו וועקן און מאָביליזירן די יידישע געזעלשאַפטלעכע כוחות. ער האָט אָנטייל גענומען אין דער באָיקאָט־אַקציע קעגן דייטשלאַנד. און ווען ציוניסטן האָבן דעם באָיקאָט געבראָכן, איז דער פאַרבאַנד אַנטשידן אַרויסגע־טרעטן קעגן דעם און דעם אַקט געשטעמפּלט, ווי אַ פאַרראַט. „איז דען דאָ אַן אַנדער וואָרט, ווי פאַרראַט, מיט וועלכן מען קען באַצייכענען די האַנדלונג פון דעם יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע" — האָט געשריבן די רעדאַקציע פון פאַרבאַנד אָרגאַן. „טויב זיינען זייערע אויערן צו די צרות, ליידן און שטילע וויי־געשרייען פון די לײדנדיקע יידן אין דייטשלאַנד. פאַרשטיינערט זיינען זייערע הערצער, וואָס זאָגן זיך אָפּ מיטצופילן און מיטצואווירקן אין דעם איצטיקן אַנטי־היטלער באָיקאָט קעגן דייטשלאַנד"... „צוויי כוחות העלפן ברעכן דעם באָיקאָט קעגן דייטשלאַנד: די בלוטדורשטיקע, פון געפאַר פאַרצווייפלטע קאַ־פּיטאַליסטישע וועלט, און — ווי פיינלעך דאָס זאָל נישט זיין — דער ציוניזם"[200]. „וואָס דענקען די יידישע אַרבעטער־פירער און די יידישע אַרבעטער־מאַסן, וועלכע זיינען אַזוי אַקטיוו אין דער אַרבעט פונם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין און פאַר פּאַלעסטינע, וועגן אַט דעם פאַרראַט מצד דעם פּאַלעסטינער יידנטום און דער פּאַלעסטינער אַרבעטערשאַפט אין דער פראַגע פון דעם באָיקאָט קעגן היטלער־דייטשלאַנד ?"[201]

די באַדערפעניש פון קאַמף קעגן היטלעריזם האָבן געבראַכט צום לעבן אַן אינסטיטוציע, וואָס איז שוין געוואָרן אַ דויערנדיקע — דעם יידישן אַרבע־טער־קאָמיטעט. אין די ערשטע וואָכן פון 1934 זיינען זיך צונויפגעקומען פאַר־שטייער פון אַרבעטער־רינג, יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, פאַראייניקטע יידישע געווערקשאַפטן, אינטערנײשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיישאָן און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן געבילדעט אַ צייטווייליקן קאָמיטעט מיט ב. וולאַדעק אַלס פאַרזיצער און אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אין וועלכן ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער גרויסער געפאַר פון היטלעריזם פאַר די יידן אין דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער. „אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן — זאָגט ווייטער דער אויפרוף — אַ דאַנק דער העפ־טיקער פּראָפּאַגאַנדע פון היטלערס אַגענטן, האָט זיך לעצטנס פיל פאַרשטאַרקט די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. זייער אָפּט גייט אָט די אַנטיסעמיטישע פּראָ־פּאַגאַנדע האַנט אין האַנט מיט אַן אַלגעמיינער פּראָפּאַגאַנדע פאַר די פּרינציפּן פון פאַשיזם און היטלעריזם, וועלכע מוזן באַקעמפט ווערן פון אונז נישט בלויז אַלס יידן, נאָר אויך אַלס אַרבעטער און בירגער פון אַ דעמאָקראַטיש לאַנד". ווייטער דערציילט דער אויפרוף, אַז די יידישע אַרבעטער האָבן מיט־געאַרבעט מיט אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס ביי עפנטלעכע אַרויסטריטן. „אָבער נאָך אַ דערפאַרונג פון באַלד אַ יאָר זיינען מיר געקומען צום שלוס, אַז די יידישע אַרבעטער דאַרפן זיך אַליין אָרגאַניזירן פאַר דעם צוועק"... „די וועלט דאַרף וויסן, אַז עס זיינען דאָ נישט בלויז יידישע באַנקירן און יידישע געשעפטס־

לייט, נאָר אויך יידישע אַרבעטער"... "מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן אַ יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט פאַר יידישע אָנגעלעגנהייטן, וואָס זאָל קענען ריידן מיט אויטאָריטעט און מיט ווירדע פאַר די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע"... "זאָלן די יידישע אַרבעטער ריידן און האַנדלען, ווי אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט אין אַלע וויכטיקע פראַגן פון יידישן לעבן. זאָלן די יידישע אַרבעטער מאַרשירן אונטער זייער אייגענער פאָן אַלס יידן, פונקט ווי זיי טוען עס אַלס אַרבעטער".

דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט האָט גערופן אַ גרויסן צוזאַמענפאָר אויף דעם 25 פעברואַר, 1934 אין ניו־יאָרק. ס'זיינען געקומען בערך טויזנט דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַרטרעטן די פריער־דערמאָנטע און אַ ריי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ווי י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין, יידישע קולטור־געזעלשאַפט, פּועלי־ציון, דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד א. ד. ג.. אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז געגרינדעט געוואָרן דער "יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט" פון אַמעריקע.

צווישן די אָנגענומענע כללים פון דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר איז אויך געווען אַ פּונקט, וואָס פאַרבאָט אַ פּערזאָן אָדער אָרגאַניזאַציע צו זיין גלייכצייטיק אין צוויי קערפּערשאַפטן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַלגעמיינער יידישער טעטיקייט. יעדער וואָס וויל געהערן צום יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, קען נישט אין דער זעלבער צייט געהערן צו אַ צווייטער אָרגאַניזאַציע, וואָס וויל פירן אַן ענלעכע אַרבעט. צוליב דעם דאָזיקן פּונקט איז אַנטשטאַנען אַ קאָנפליקט מיט די פּועלי־ציון. זיי זיינען געווען פאַרבונדן מיטן יידישן קאָנגרעס, וואָס איז געפירט געוואָרן פון די ציוניסטן, און האָבן געוואָלט דאָרטן אויך ווייטער בלייבן. שטייענדיק פאַר דעם אויסוואַל צווישן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און דעם יידישן קאָנגרעס, האָבן זיי אויסגעקליבן דעם לעצטן. די פאַרטרעטער פון די פּועלי־ציון און נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד זיינען אַוועק פון דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר און אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט זיך נישט באַטייליקט.

וועגן דער אַנטשטייאונג פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט האָט פּ. געליבטער געשריבן, אַז דאָס איז אַ נייער שריט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג "צו שטעלן זיך אויף די אייגענע פיס און גיין אומאָפּהענגיק פון די באַלעבאַטישע עלעמענטן אויף דעם געביט פון געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער טעטיקייט, נישט נאָכשלעפּן זיך נאָך די אַפּיטרופּסים פון יידישן פאָלק. עס איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער אַרבעטער־קאָמיטעט זאָל אין דער אָדער יענער אַלגעמיינער אַרויסטרעטונג גיין צוזאַמען מיט אַנדערע עלעמענטן, אָבער דאָס וועט זיין ווי אַ גאַנצע, געאייניקטע אַרבעטער־קערפּערשאַפט".[202]

אין אָקטאָבער 1935 איז פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. העכער 900 דעלעגאַטן זיינען געקומען. דער באַריכט האָט געהאַט בעיקר צו דערציילן וועגן דער אַנטי־נאַצישער טעטיקייט, וועגן אַנטי־היטלער באָיקאָט און ענלעכע ענינים. דאָס האָט נישט צופרידנגעשטעלט. מ'האָט געוואָלט, אַז דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט זאָל אויסברייטערן זיין טעטיקייט אויך אויף אַנדערע געביטן. אין דעם גייסט איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס און ס'זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן אַ ריי פּראָבלעמען, מיט וועלכע מ'זאָל זיך פאַרנעמען. ס'איז געקומען אַ ווענדונג מצד די קאָמוניסטן וועגן

שאפן א פאראייניקטן פראנט. דער צוזאמענפאר האט די ווענדונג אפגעווארפן.

דער פארבאנד האט רעאגירט אויף פארשידענע פראבלעמען אין שייכות מיט דער טרייד־יוניאן־באוועגונג. די גרויסע ארבעטסלאזיקייט האט אויס־געליידיקט די יוניאנס פון מיטגלידער, און זייערע קאסעס — פון געלט. ביי די מיטגלידער איז פארשוואונדן די זיכערקייט און די האפענונג אויף א בעסערן מארגן. הונגער און יאוש זיינען געווען די שטענדיקע געסט אין די ארבעטער־פאמיליעס. זומער 1933 האט זיך אנגעהויבן א באשיינפערלעכער איבערברוך. די ארבעטער האבן צוריק אנגעהויבן שטראמען אין די יוניאנס. רוזוועלטס נייע סאציאל־עקאנאמישע פאליטיק האט גורם געווען א ריי ענדערונגען. ווידער אן אויפלעבונג. די ארבעטער וואגן ווידער ארויסצושטעלן פאדערונגען און ארויסצוגיין שטרייקן. די יוניאנס זיינען שוין נישט געווען דאס זעלבע, וואס פריער. נייס און אלטס האבן זיך אויסגעמישט און געשאפן אן אנדערן אינהאלט.

אין די יוניאנס פון די יידישע ארבעטער האט זיך די ענדערונג שטארק געלאזט מערקן. דער סאציאליסטישער גייסט האט זיך אויסגעוועפט. די יוניאנס זיינען פארמאטעריאליזירט געווארן. די מיטגלידערשאפט האט אלץ מער און מער אויפגעהערט צו שטעלן זייערע יוניאנס אידעאליסטישע און פרינציפיעלע פא־דערונגען. גלייכצייטיק מיט דעם איז די יידישע שפראך כסדר ארויסגעשטויסן געווארן און געמאכט פלאץ פאר ענגליש. דער יידישער ארבעטער האט זיך מיט זיינע בליקן דערנענטערט צו די בליקן פון אן אמעריקאנער ארבעטער, וואס קוקט נישט ארויס ווייטער פון די ד׳ אמות פון זיין יוניאן.

פון די פריסטע יארן אן האבן איניקע יוניאנס פון די יידישע ארבעטער געליטן פון דער ספעציפישער אמעריקאנער קרענק — קארופציע. די בעסערע עלעמענטן פון דער באוועגונג האבן דאס באקעמפט. אבער אפילו נאך דעם, ווי די יידישע יוניאנס האבן שוין געקענט פייערן א 50־יאריקן יובל, איז די קארופציע נאך נישט געווען אין גאנצן אויסגעראטן. אין די דרייסיקער יארן האט געקלונגען מיט פארשידענע סקאנדאלן אין געוויסע יוניאנס (פיינטערס, פענסי לעדער גודס, קלינערס און דייערס, מאווינג פיקטשור אפערייטארס און אנדערע). דער פארבאנד האט געפירט א קאמף פאר רייניקן די יוניאנס. ער האט אבער אנגעטראפן אויף א שטארקן ווידערשטאנד. „די דאזיקע יוניאנס — האט געשריבן נ. קירזשנער (כאנין) — צוזאמען מיט די, וועלכע פירן די ׳פאליטיק׳ אין אונזערע יוניאנס, האבן אונז פארשריגן, אז מיר זיינען דעמאגאגן, אז מיר ווילן דיקטירן די יוניאנס, ווי אזוי זיי זאלן זיך פירן״... „מיר זיינען מיד געווארן און באשלאסן צו ווארטן ביז וואנען צייטן וועלן זיך בייטן. איצט האט זיך די צייט געביטן. דער לייבאר־דעפארטמענט פון ׳פאר־ווערטס׳, וואס האט אונז אמביטערסטן אין די פראגן באקעמפט, האט זיך איצט אליין גענומען צו דער זעלבער ארבעט, און נעמט ארויס פון אונזער ארכיוו פאקטן, פאסירונגען, וועלכע זיינען דעמאלט געווען הימלשרייענדיקע״... „דער פאקט אליין איז גענוג טרויעריק, וואס קעגן דער לאזונג ׳האלט ריין אונזערע יוניאנס׳ האבן זיך אוועקגעשטעלט די פאראייניקטע יידישע געווערקשאפטן און אלע יוניאנס, וואס זיינען אין זיי אנגעשלאסן. עס איז פיינפול וואס ביי גוט־באזוכטע מיטינגען פון די געווערקשאפטן זיינען נישט געווען קיין פינף מענטשן, וועלכע זאלן זיך שטעלן אויף דער זייט פון ׳פארווערטס׳ ״. מ׳האט געהאט טענות

פאַרוואָס דער „פאָרווערטס" האָט זיך פריער נישט פאַרשטענדיקט... „גענגסטע־ריזם אין אונזערע יוניאָנס איז אַ וויכטיק פּראָבלעם, עס איז נישט אַזוי לייכט פון דעם צו באַפרייען זיך"... „מיר באַגריסן פון פולן האַרצן דעם רוף פון 'פאָרווערטס' אָנצוהאַלטן ריין די יוניאָנס. דער וועג איז אָבער נישט בלויז אַ קרומער, נאָר איז אויך אַ געפערלעכער. נישט דער 'פאָרווערטס' און נישט די סאָציאַליסטן דאַרפן קעגן זיך אַוועקשטעלן די גאַנצע טרייד־יוניאָן באַוועגונג".[203]

אויך די קאָמוניסטישע סכנה איז נישט געווען פאַריבער, כאָטש יעדעס מאָל, ווען מ'האָט אָפּגעשלאָגן אַן אַטאַקע פון די קאָמוניסטן אָדער זיי אַרויס־געשטויסן פון אַ פאַרנומענע פּאָזיציע, האָט מען מיט טריאומף געמאָלדן, אַז זיי וועלן שוין קיין תחית המתים נישט אויפשטיין. אין 1932 האָבן זיי באַהערשט די פאַריערס יוניאָן. דער אַנטי־קאָמוניסטישער צד אין דער פאַריערס יוניאָן איז געווען צעקריגט און צעריסן און דאָס האָט געשאַפן דעם שעת־הכושר פאַר די קאָמוניסטן. אַחוץ דעם האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר סתם פאַלש די באַ־הויפּטונגען פון די אָפּטימיסטן, וועלכע האָבן נישט דערשאַצט די מעגלעכקייט און פעאיקייט פון די קאָמוניסטן צוריק זיך אויפצושטעלן נאָך אַ געליטענער מפּלה.

ווען ס'איז געקומען די גרויסע שפּאַלטונג אין דער אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג, האָט דער זעלבער וואָרטזאָגער פון פאַרבאַנד (ג. קירזשנער־כאַנין) פּאַקטיש זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, בעת פּרינציפּיעל האָט ער געגעבן גערעכט דעם אַנדערן צד — דער ניי־געגרינדעטער סי־אַי־אָ. נאָך דעם ווי ער זאָגט זיך אַרויס פאַרן פּרינציפּ פון אינדוסטריעלע יוניאָנס, האָט ער שטאַרקע טענות צו די סי־אַי־אָ־יוניאָנס. און אַמשטאַרקסטן וואונדערט אים אויף דער „אַמאַלגאַמייטעד, אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס און קעפּ־מייקערס יוניאָן. זיי האָבן — שרייבט ער — נישט געדאַרפט זיין צווישן די, וועלכע זאָלן טרייבן די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג צו אַ שפּאַלטונג. איך ווייס, אַ סך טראַכטן, אַז שולדיק אין דער שפּאַלטונג איז די א. פ. אָוו ל. און נישט לואיס און זיין קאָמיטעט. אַזוי קענען אָבער טראַכטן בלויז דעמאַגאָגן אָדער נאַאיווע קינדער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג"... „זאַריצקי און דובינסקי האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַר אינ־דוסטריעלן יוניאָניזם אַלס אַ שיינעם זשעסט פאַר זייער לינק־געשטימטער מיטגלידערשאַפט".[204] ער שטעלט זיך אויף דער זייט פון דער אַ. פ. אָוו ל. און באַרעכטיקט איר שטרענגע האַנדלונג פון אויסשליסן 10 אינטערנעשאָנעל יוניאָנס.

דער פּרעזידענט פון אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, דוד דובינסקי, האָט אין „וועקער" אָפּגעדרוקט אַ שאַרפן ענטפער. ער האָט אויסגעדריקט זיין פאַרדרוס צוליב ג. קירזשנערס אַטאַקע אויף די פירער פון די יידישע יוניאָנס און פאַרטיידיקט די אויפפירונג פון דער סי־אַי־אָ.

ווען דוד דובינסקי איז אין 1932 געוואָרן פּרעזידענט פון דער אינטער־נעשאָנעל, האָט אים דער נאַציאָנאַל עקזעקוטיוו־קאָמיטעט וואַרעם באַגריסט. אָנווייזנדיק אויפן פאַקט, וואָס דובינסקי האָט זיין ערשטע פּאָליטישע דערציאונג באַקומען אין „בונד" און שפּעטער אין דער היגער יידישער סאָציאַליסטישער

פֿעדעראַציע, האָט ער אויסגעדריקט זיין זיכערקייט, אַז די יוניאָן וועט געפֿירט ווערן אויף „די ברייטע וועגן פֿון קאַמף און דערפֿאָלג". אין זיין ענטפֿער האָט דובינסקי געזאָגט, אַז די באַגריסונג פֿון פֿאַרבאַנד איז אים באַזונדער אָנגעלייגט, ווייל ער באַטראַכט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע פֿאַר דעם „אַמעריקאַנער טייל פֿון בונד", מיט וועלכן ער האָט „פֿאַרבראַכט די ערשטע יאָרן אַלס 'סאָלדאַט' אין דער גרויסער אַרבעטער־אַרמיי"... „דער סאָציאַליסטישער אידעאַל וועט, ווי שטענדיק, זיין די הויפּט־טרייב־קראַפֿט אין אונזערע טאָג־טעגלעכע קאַמפֿן".

דובינסקי האָט פֿאַרנומען דעם דאָזיקן אַמט נאָכן טויט פֿון בנימין שלעזינגער. אין דער ערשטער העלפֿט פֿון די דרייסיקער יאָרן זיינען אַוועק פֿון דער וועלט אַ גאַנצע ריי פֿירער און טוער, וואָס האָבן געבויט און געשטאַלטיקט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע: ב. פֿייגענבוים (1932), אַ. ליטוואַק (1932), מ. הילקוויט (1933), א. י. שיפּליאַקאָף (1934), מ. זאַמעטקין (1935), פּ. געליב־טער (1935) און אַנדערע. מענטשן, וואָס האָבן מיט זייער מאַרך און בלוט צעמענטירט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, זיינען אַוועק אין קבר אין אַ צייט, ווען אויפֿן הימל פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג האָבן זיך געזאַמלט שווערע, טונקעלע וואָלקנס. פֿאַרשטייער פֿון אַן אידעאַליסטישן, קעמפֿנדיקן פּיאָנערן־דור גייען אַוועק — ווער וועט זיי פֿאַרבייטן?

און ס'איז געשטאַנען נאָך אַ היפּשע צאָל שווערע פֿראַגן. איינע פֿון זיי איז געווען: וואָס זאָל זיין דער פֿאַרבאַנד? אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז קאַמף קעגן קאָמוניזם איז נישט גענוג. דאָס איז טאָקע אַ ביטערע נויטווענדיקייט, אָבער קודם־כל איז נויטיק אַ פּראָגראַם פֿון פּאָזיטיווער סאָציאַליסטישער אַר־בעט. געוויינלעך האָט מען באַגרינדעט די עקזיסטענץ פֿון פֿאַרבאַנד מיט זיין פּראַקטישער נויטווענדיקייט, דאָס איז געווען צו ווייניק. צו דעם איז נאָך נויטיק געווען אַ פּרינציפּיעלע באַגרינדונג. ווי פֿריער, זיינען אויך געווען ערנסטע פֿראַגן פֿון דיסציפּלין. אין נאָרמאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז אָנ־גענומען, אַז די מיטגלידער קענען האָבן פֿאַרשידענע מיינונגען און זיי אַרויס־זאָגן, אָבער טוען מוזן זיי דאָס זעלבע. פֿרייהייט פֿון געדאַנק און איינִיקייט פֿון טאַט. אויב מענטשן פֿון דער זעלבער אָרגאַניזאַציע טוען קאַפּויער איינער פֿון אַנדערן, אָדער האַנדלען קעגן די אָנגענומענע באַשלוסן פֿון זייערע קער־פּערשאַפֿטן, ווערט דאָך די צוזאַמענגעהעריקייט צו איין פּאַרטיי אַן אַבסורד. דער פֿאַרבאַנד האָט געליטן פֿון דעם, וואָס ביי זיינע מיטגלידער האָט געפֿעלט די איינִיקייט פֿון טאַט, וואָס מ'האָט עובר געווען אויף די נאַטירלעכע כללים פֿון דיסציפּלין. די לויזקייט האָט געשטערט די ווירקזאַמקייט פֿון דער אָרגאַ־ניזאַציע. די און אַנדערע פֿראַגן זיינען דעבאַטירט און באַלויכטן געוואָרן. טייל זיינען דערביי דערגאַנגען צו דער העכסטער אפּיקורסות.

בעת דעם וואַל־קאַמפּיין אין 1930 אין ניו־יאָרק האָט מען אין די יידישע געגנטן זייער ווייניק זיך באַנוצט מיט דער יידישער שפּראַך. ב. וולאַדעק האָט דאָס פֿאַרטיידיקט. ער האָט געשריבן: „מיט 13 יאָר צוריק, און מיט 12 און מיט 9 יאָר צוריק, ווען איך בין געווען דער קאַנדידאַט פֿאַר אַלדערמאַן פֿון וויליאַמס־בורג, האָב איך גערעדט און געקאַמפּיינעוועט אין יידיש. אין היי־יאָריקן קאַמפּיין האָב איך שוין אָפּגעהאַלטן צענטליקער מיטינגען און נאָר אויף איינעם האָב איך גערעדט אין יידיש". די רעדאַקציע פֿון „וועקער" איז נישט מסכים מיט

װאָלאַדעקן און באַמערקט, אַז דער עולם איז טאַקע נישט צופרידן פאַרוואָס מ׳רעדט נישט צו זיי יידיש, ווייל פיל האָבן וויניק פאַרשטאַנען די ענגלישע רעדעס. מ׳דאַרף טאַקע אין זינען האָבן אויך די יוגנט, אָבער די גרויסע מערהייט אויף די יידישע סאָציאַליסטישע מיטינגען באַשטייט פאַרט פון עלטערע מענטשן.[205]

דאָס אויפהערן באַנוצן יידיש און אָפּטויטן די היימישע אַטמאָספער האָבן געקענט גורם זיין, אַז די יידישע אַרבעטער זאָלן אויפהערן צו זיין אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אַז אַזאַ געפאַר איז געווען אַ רעאַלע זאַך, איז צו זען פון דעם פאַקט, וואָס זייער פיל יידישע אַרבעטער האָבן אויפגעהערט קומען אויף גרויסע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגען. קלאָגט אויף דעם די רעדאַקציע פון פאַרבאַנד־אָרגאַן אין שייכות מיט די אַנטי־מלחמה־דעמאָנסטראַציעס, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט דורכגעפירט דעם 6 און 7 פעברואַר 1932 אין ניו־יאָרק: „עס איז אַ פרייד וואָס אויף דער גאַסן־פאַרזאַמלונג אין מעדיסאָן סקווער זיינען געווען אַ סך נישט־יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. עס פאַרדריסט אָבער וואָס עס זיינען געווען צו־וויניק יידישע אַרבעטער. מיר ווילן, אַז אין אונזער באַוועגונג זאָלן צוקומען וואָס מער נישט־יידישע מאַסן, מיר ווילן דורכאויס נישט, אַז די יידישע מאַסן זאָלן אָפּקומען, אָפּשטיין"... „עס איז אַ פרייד וואָס אויף דער גאַסן־פאַרזאַמלונג זיינען געווען אַזוי פיל יוגנטלעכע, עס איז אָבער אַ פאַרדרוס וואָס דאָרטן זיינען געווען צו וויניק עלטערע טוער פון אַרבעטער־רינג, פון די יידישע יוניאָנס, אפילו פון אונזערע יידיש־סאָציאַליסטישע ברענטשעס".[206]

ס׳האָט זיך געוויזן אַ טענדענץ פון פאַרגעסן: פאַרגעסן די יידישע אַרבעטער, פאַרגעסן סאָציאַליזם. טוער פון דער ס.פּ. אָדער פון פאַרבאַנד, וואָס זיינען אַריין אַרבעטן אין פאַרשידענע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן אויפגעהערט געדענקען ווער זיי זיינען און פונוואַנען זיי קומען. אומעטום האָט מען אָנגעהויבן צו ווערן „פּיור און סימפּל".

וועגן אָט דער אומגעזונטער דערשיינונג האָט זיך אַרויסגעזאָגט א. ליטוואַק: „דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד איז די לעצטע פיר־פינף יאָר אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף אויף צוויי פראָנטן: פון איין זייט קעגן דער קאָמוניסטישער דעמאַגאָגיע, פון דער אַנדערער זייט — קעגן די איבערגעשראָקענע גענאָסן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן פון זייער סאָציאַליסטישן נעכטן. מיר האָבן נישט אויפגעהערט אָנצואווייזן און דערווייזן, אַז נישט אַלץ וואָס רעכט איז סאָציאַליסטיש, אַז עס זיינען פאַראַנען אַזעלכע רעכטע, פון וועלכע סאָציאַליסטן דאַרפן זיך אָפּצוימען, אַז סאָציאַליזם באַשטייט נישט בלויז אין נישט טון דאָס, וואָס די קאָמוניסטן טוען, נאָר אין טון קאָנסטרוקטיווע אַרבעט אין אונזער אייגענעם סאָציאַליסטישן גייסט, אַז עס איז פאַראַן אַ סאָציאַליסטישע מאָראַל, אַ סאָציאַליסטישע דיסציפּלין"... „פון אַסימילאַציע ביזן עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם איז נישט מער, ווי איין טריט. דעם דאָזיקן טריט איז אָבער נישט אַלע מאָל לייכט צו שטעלן. עס שטערן געוואוינהייטן, איינגעוואָרצלטע געדאַנקען און פאָראורטיילן. האָט מען צווישן ביידע עקסטרעמען געלייגט אַ בריקל: אין אַמעריקע — אַסימילאַציע, אין פּאַלעסטינע — נאַציאָנאַליזם. דאָ טויג יידיש אויך נישט, דאָרטן איז העברעאיש אַ טייערע זאַך. דאָ אַסימילאַציע צוליב קאַריערע און באַקוועמלעכקייט, דאָרטן נאַציאָנאַליזם פון אידעאַל וועגן"...

„אָבער די יידישע פּראָבלעמען זיינען ביי אונז נישט אָפּגעטיילט פון די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען. זיי זיינען ביי אונז נישט קיין פּריוואַט־זאַך, וואָס יעדער איינער קען לייזן, ווי ער וויל און מיט וועמען ער וויל"...
„דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד איז נישט ציוניסטיש, אויך נישט טעריטאָריאַליסטיש. ער גלויבט נישט, אַז אין פּאַלעסטינע אָדער אין וועלכן נישט איז לאַנד אין גאַר דער וועלט זאָל אַמאָל אויפגעבויט ווערן אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, אָדער אפילו פאַר זיין מערהייט. דער פאַרבאַנד איז איבערצייגט, אַז די פראַגע פון ברויט, רעכט און קולטור פאַר יידן וועט געלייזט ווערן נישט אין איין לאַנד נאָר אין לענדער. יעדעס ווינקל אויף דער ערד, וואו עס געפינען זיך יידישע מאַסן, דאַרף דורך קאַמף ווערן אַ היים פאַר די דאָרטיקע יידן. און מיר האַלטן נישט פון היסטאָרישע רעכט אויף אַ לאַנד. יעדעס לאַנד מוז געהערן צו די אַלע, וואָס וואוינען, אַרבעטן און קעמפן דאָרטן".[207]

די אַלגעמיינע פּאַראַרימונג האָט שטאַרק געשטערט די טעטיקייט פון פאַר־באַנד, וואָס איז געווען איינגעטונקט אין חובות. מ'האָט רעדוצירט די הוצאות, מ'האָט געזאַמלט בויט־פאָנדן, אָבער דאָס האָט בלויז געברענגט אַ צייטווייליקע פאַרלייכטערונג. פון די בערך 2000 מיטגלידער האָבן 1932 געצאָלט נישט מער ווי 700. צוליב דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע איז די פאַרלעגערישע טעטיקייט שטאַרק באַגרענעצט געוואָרן. דאָך האָט מען אפילו אין אָט די שלעכטע צייטן אַרויסגעגעבן איייניקע ביכער און קלענערע ביכלעך. אין די יאָרן 1934־5 האָט דער „וועקער"־פאַרלאַג אַרויסגעגעבן אָטאַ באַאורס „דער העלדישער קאַמף פון די סאָציאַליסטן אין עסטרייך", א. ליטוואַקס „ליטעראַטור און קאַמף", מאָריס היל־קוויטס „געשיכטע פון אַ טעטיקן לעבן", ז. ליבינס אַ באַנד דערציילונגען און פעליעטאָנען.

נישט געקוקט אויף דער שווערער לאַגע פון פאַרבאַנד, האָבן זיינע ברענ־טשעס אין אַ ריי ערטער אויך געמוזט זאָרגן פאַר דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־אַרבעט סיי ביי די וואַל־קאַמפּאַניעס, סיי אַ גאַנץ יאָר. אין איייניקע ערטער האָבן זיי געגרינדעט ענגליש־רעדנדיקע ברענטשעס פון דער ס. פּ.. דאָך איז די וואָג פון פאַרבאַנד אין דער פּאַרטיי נישט געווען קיין גרויסע. אויף די קאָנווענשאָנס פון דער ס. פּ. זיינען געווען זייער ווייניק דעלעגאַטן, וואָס זיינען געווען גלייכצייטיק אַקטיווע טוער פון פאַרבאַנד. אין אַ ריי געגענטן איז דער פאַרבאַנד געווען שטאַרקער און צאָלרייכער ווי די ענגליש־רעדנדיקע ברענ־טשעס, און דאָך זיינען זיי נישט געווען פאַרטרעטן אין די אַלגעמיינע פּאַרטיי־קערפּערשאַפטן פון די דאָזיקע שטעט און שטאַטן. אַזוי שפּעט ווי 1928 איז צום ערשטן מאָל געווען אָנוועזנדיק אַ פאַרשטייער פון פאַרבאַנד אויף אַ זיצונג פון נאַציאָנאַל עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. פאַר דער מערהייט פון דער העכסטער פּאַרטיי־אָנפירונג איז דער באַריכט פון פאַרבאַנד פּשוט געווען אַן איבעראַשונג. די שוואַכע פאַרבינדונג פון די שפּראַך־פעדעראַציעס מיט דער פּאַרטיי האָט נישט ווייניק צוגעהאָלפן צו דעם, אַז פון צייט צו צייט זאָלן זייערע קעגנער אויפהויבן די פראַגע וועגן באַגרענעצן זייער רעכט אָדער בכלל זיי אָפּשאַפן.

אין די טעג פון 15־17 סעפּטעמבער 1933 איז אין שיקאַגאָ אָפּגעהאַלטן

געוואָרן די עלפטע קאָנוועגשאָן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. אויף דער קאָנוועגשאָן איז געשילדערט געוואָרן אַ טרויעריק בילד פון דער שווערער לאַגע, אין וועלכער די יידישע אַרבעטער געפינען זיך.

אין זיין באַריכט האָט דער סעקרעטאַר נ. כאַנין געזאָגט: עס זיינען נישט מקוים געוואָרן די האָפענונגען, אַז די אַרבעטסלאָזיקייט און די אומצופרידנקייט וועלן ביי די יידישע אַרבעטער שאַפן אַ קאָמפּלוסטיקע שטימונג פאַרן סאָציאַליזם. די עקאָנאָמישע לאַגע איז אַזוי שרעקלעך, אַז די אַרבעטער זיינען גייסטיק דערשלאָגן געוואָרן. זיי האָבן פאַרלוירן אַלע האָפענונגען. מיר זעען פאַר זיך לעבעדיקע מתים. אין אַרבעטער־רינג איז שלעכט. מאַנכע יוניאָנס זיינען ווי אָפּגעווישט געוואָרן. אויף דער מיטגלידער־ליסטע האָט דער פאַרבאַנד 3,000 נעמען, בלויז 1,100 גוט־צאָלנדיקע. צוליב דער שלעכטער פינאַנציעלער לאַגע האָט מען געמוזט פאַרקלענערן די צאָל אַנגעשטעלטע אין פאַרבאַנד. מ׳האָט מורא געהאַט, אַז די גאַנצע אַרבעט וועט פּאַראַליזירט ווערן. לויט זיין צוזאַמענשטעל איז דער פאַרבאַנד אַ פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע. אין זיין גרויסער מערהייט באַשטייט ער פון אַרבעטער. די רעשט זיינען קליינע געשעפטסלייט און מענטשן פון אינטעליגענטע פּראָפעסיעס. דעם „וועקער" האָט מען געמוזט פאַרקלענערן און געבן 12 זייטן אַנשטאָט 16. נאָכן טויט פון א. ליטוואַק, דעם „גייסטיקן פירער פון פאַרבאַנד", ווי עס האָט אים באַצייכנט דער באַריכט־אָפּגעבער, באַשטייט די רעדאַקציע־קאָלעגיע פון די ח״ח ב. לעוויטין, פּ. געליבטער, ח. קאַנטאָראָוויטש און נ. כאַנין. די לייט־אַרטיקלען שרייבט בעיקר קאַנטאָראָוויטש. אַלע אַרבעטן האַרמאָניש. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן טורן פון א. גאַלאַצקי און ש. לעוויטאַס. אַחוץ אַ ריי בלעטלעך, בראָשורן און וואַל־ליטעראַטור האָט דער פאַרבאַנד אַרויסגעגעבן 5 טויזנט עקזעמפּלאַרן פון זאַמל־בוך „10 יאָר סאָציאַליסטישע אַרבעט" און 6 טויזנט עקז. פון קאַרל קאָוטסקיס „דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם אָדער רויטע דיקטאַטור". ס׳איז אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ זאַמל־בוך „מאַרקסיזם אין אונזער צייט", וואָס מ׳האָט פאַרשפּרייט אין 5 טויזנט עקזעמפּלאַרן, און ס׳איז געפייערט געוואָרן דער 50־יאָריקער יאָרצייט נאָכן טויט פון קאַרל מאַרקס. אין אַ ריי שטעט קומען סיסטעמאַטיש פאָר אָפענע פאָרומס. דער פאַרבאַנד האָט אַדורכגעפירט גרויסע פייערונגען צום 35־יאָריקן יובילעי פון „בונד" און געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ טור פאַרן פאַרשטייער פון „בונד" אין פּוילן, ישראל ליכטענשטיין, וועמען דער טויט האָט אַוועקגעריסן אין מיטן פון זיין שליחות.

דער סעקרעטאַר האָט אין זיין באַריכט איבערגעגעבן וועגן דער אַקטיווער באַטייליקונג פון פאַרבאַנד אין דער וואַל־קאַמפּאַניע פאַר פּרעזידענט אין 1932 און וועגן אַן אַקציע קעגן אַ געפּלאַנטן געזעץ צו רעגיסטרירן אימיגראַנטן. דער פאַרבאַנד האָט זיך באַטייליקט אין די פאַרשידענע דעמאָנסטראַציעס קעגן היטלער־דייטשלאַנד. אין דער פראַגע פון באָיקאָט אויף דייטשע סחורות זיינען געווען חלוקי־דעות, לסוף האָט אויך דער פאַרבאַנד אָנטיילגענומען אין דער באָיקאָט־אַקציע. דער ענין פון אַריינגעמען די פּועלי־ציון אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז ענדגילטיק דערליידיקט געוואָרן אין הסכם מיט דער שטעלונג פון פאַרבאַנד, וואָס איז געווען קעגן.

צוויי מאָל איז דעם פאַרבאַנד אויסגעקומען אָנטיילצונעמען אין באַמיאונ־

געגן צו פאַראייניקן די כוחות פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, כדי צו קאָ־אָרדינירן די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טעטיקייט און שאַפן אַ קערפּערשאַפט, וואָס זאָל קענען אין אַלעמענס נאָמען זאָגן אַן אויטאָריטעט וואָרט. דער פאַר־באַנד האָט זיך געווענדט צום אַרבעטער־רינג, פאַראייניקטע יידישע געווערק־שאַפטן און פאָרווערטס־אַסאָסיאיישאַן, אַז אַלע צוזאַמען זאָלן שאַפן אַ גע־מיינזאַמען קאָמיטעט. מ׳האָט דערנאָך אויך צוגעצויגן די ניו־יאָרקער שטאָ־טישע אָרגאַניזאַציע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אַ יאָר צייט האָט עקזיסטירט דער בשותפותדיקער קאָמיטעט, וואָס האָט באַהאַנדלט אַ רייִ פראַגן און פאָרמולירט אַ געמיינזאַמע שטעלונג. דער קאָמיטעט האָט אויפגעהערט פונקציאָנירן בעיקר, ווייל „נישט אַלע טיילן פון דער באַוועגונג זיינען געווען אייניק אין געדאַנק, אַז אַזאַ קערפּערשאַפט איז אַבסאָלוט נויטווענדיק". אַ צווייטער, ברייטערער פּרואוו איז געמאַכט געוואָרן מיטן צוזאַמענרופן אין אָקטאָבער 1932 אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר פון פאָרשטייער פון יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. 400 דעלעגאַטן פון לאַנד האָבן רעפּרעזענטירט 150 טויזנט אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער. שטאַרקע חלוקי־דעות זיינען געווען צי מ׳זאָל וויילן אַ שטענדיקן אַרבעטער־קאָמיטעט. און כאָטש אַ מערהייט איז געווען פאַר און מ׳האָט אַזאַ קאָמיטעט געוויילט, איז ער דאָך קיינמאָל נישט צוזאַמענ־געררופן געוואָרן צוליב דעם, וואָס די מינדערהייט איז געווען עקשנותדיק קעגן. די אָנהענגער פון קאָמיטעט האָבן געמוזט נאָכגעבן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַזאַ קערפּערשאַפט קען האָבן אַ ווערט בלויז, ווען זי רעפּרעזענטירט אַלעמען. אויך דאָ האָט זיך אויסגעווירקט אַן אַלטע קללה פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע — דער שליאַכצעקער „ניע פּאָזוואַליאַם" (איך דערלויב נישט — ליבערום וועטאָ).

די שיקאַגער קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ רייִ אָרגאַניזאַציאָנעלע און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע באַשלוסן. צום ערשטן מאָל האָט מען געדאַרפט פאַרנעמען אַ שטעלונג צו דער נייער דערשיינונג אין לעבן פון אַמעריקע — צו רוזוועלטס „ניו־דיל". וועגן דעם זאָגט די אָנגענומענע רעזאָלוציע:

„די נ. ר. א. איז אויסגערעכנט צו באַפעסטיקן די הערשאַפט פון קאַפּי־טאַליזם דורך זעלבסט־באַגרענעצונג און אָפּשאַפן מאַנכע פון די ערגסטע קאָנ־סעקווענצן פון אָט דער הערשאַפט, ווי אַרבעטסלאָזיקייט, שוויץ־שעפּער, קינ־דער־אַרבעט א. א. וו."... ווייטער זאָגט די רעזאָלוציע, אַז די וויכטיקסטע צרות פון קאַפּיטאַליזם קענען צוליב דעם נישט אָפּגעשאַפט ווערן. עס טויג מער נישט „די אַלטע פאָרם פון פאַך־יוניאָניזם". „דער נייער קאַפּיטאַליזם פאָדערט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטערשאַפט אין ברייטע אינדוסטריעלע יוניאָנס"... „קיין מאָל זיינען נאָך אַזוי אמת נישט געווען די ווערטער פון 'קאָמוניסטישן מאַני־פעסט', אַז יעדער קלאַסן־קאַמף איז אַ פּאָליטישער קאַמף. פאַרטזעצן איצט, אין דער צייט פון נ. ר. א. די אַלטע טאַקטיק פון נאָכשלעפּן זיך נאָך די אַלטע רעאַקציאָנערע פּאָליטישע פּאַרטייען, איז איצט מער ווי שעדלעך, עס איז זעלבסטמאָרד פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. די פאָדערונג פאַר זעלבסט־שטענדיקער פּאָליטישער אַקציע פון אַרבעטער־קלאַס דאַרף ווערן די וויכטיקסטע לאָזונג פון אַלע סאָציאַליסטישע און פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג"... „די אַרבעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מוז ווערן

נאָך אַגרעסיווער, פּראָלעטאַרישער און רעוואָלוציאָנערער, ווי ביז איצט״.

אַ רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן, וואָס רופט צו באַיקאָטירן דייטשע סחורות. די קאָנווענשאָן האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַ פּאַראייניקטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן. עס זיינען אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן וועגן קולטור־אַרבעט, פאַרלעגערישער טעטיקייט, אַקטיוויטעט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און וועגן פּאָליטישער אַרבעט. אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע זאָגט זיך אַרויס קעגן ציוניזם בכלל און טאַדלט געוויסע זיינע האַנדלונגען. צווישן אַנדערן ווערט אין איר געזאָגט: „דער שענדלעכער אָפּמאַך מיט דער היטלער־רעגירונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דער מיטווירקונג און ברכה פון די פּועלי־ציון פירער, וועט פאַרבלייבן אַן אייביקער שאַנד־פלעק אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג״. אויף דער קאָנווענשאָן איז אויך געברענגט געוואָרן צום אויסדרוק די אומצופרידנקייט פאַרוואָס אין דער וואַל־קאַמפּאַניע אין 1932 זיינען געווען וויינינק יידישע רעדעס.

די שיקאַגער קאָנווענשאָן האָט געוויילט אַ נייעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט מיט אַזאַ צוזאַמענשטעל: ס. ריפקין, מ. וויינשטיין, מ. גאָפּט, ר. גוסקין, ד. מייער, ה. בערגער, ה. סאַבאַטקאַ, ב. געבינער, ב. לעוויטין, פּ. שטיינבערג, ח. קאַנטאַראָוויטש, פּ. געליבטער, פּ. בלאַק, א. אַלפּערט, ח. זאַלצמאַן, ש. לעוויטאַס און ש. רזשאַווסקי. ריפקין איז געוויילט געוואָרן אַלס פּרעזיצער, כאַנין — סעקרעטאַר און קאַנטאַראָוויטש — רעדאַקטאָר פון „וועקער״. צו דער רעדאַקציע־קאָלעגיע האָבן געהערט פּ. געליבטער, ב. לעוויטין, ד. מייער און ב. געבינער. נאָך דער שיקאַגער קאָנווענשאָן איז אויף די שפּאַלטן פון „וועקער״, ווי אויך אין די בראַנטשעס, געפירט געוואָרן אַ ברייטע דיסקוסיע וועגן די פּראָבלעמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

ערב דער צוועלפטער קאָנווענשאָן איז אין פאַרבאַנד געפירט געוואָרן אַ דיסקוסיע וועגן פּאַלעסטינע, ציוניזם און בירא־בידזשאַן.

די דאָזיקע קאָנווענשאָן, וואָס איז פאָרגעקומען אין קליוולאַנד, אָהייאָ, האָט זיך אָנגעהויבן דעם 28 נאָוועמבער און זיך פאַרענדיקט דעם 1 דעצעמבער, 1935. געקומען זיינען 113 דעלעגאַטן. צום ערשטן מאָל האָט אויף אַ קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד זיך באַוויזן אַן אָרגאַניזירטע אָפּאָזיציע. צו דער פראַקציע פון די מיליטאַנטן האָבן געהערט 10 דעלעגאַטן: 4 פון ניו־יאָרק, 3 פון שיקאַגאָ, 2 פון דעטראָיט און 1 פון פּאַסייק. אויף דער פייערלעכער עפענונג איז געווען אַן עולם פון 15 הונדערט מענטשן, פאַר וועלכע עס האָבן גערעדט מ. וויינטרויב, אב. קאַהאַן, י. באַסקין, יוסף שלאָסבערג, קלאַרענס סיניאָר, ס. ריפקין און נ. כאַנין. טראָץ דעם, וואָס דער שטרייט אין דער פּאַרטיי איז שוין געווען פאַרשאַרפט, איז דאָך אויסגעדריקט געוואָרן די האָפענונג אַז עס וועט געלינגען אַרויסצופירן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון טיפן קריזיס.

אין זיין באַריכט האָט דער סעקרעטאַר נ. כאַנין גערעדט וועגן דער לינקער ריכטונג אין פאַרבאַנד און וועגן די שוועריקייטן צו ווערבירן נייע מיטגלידער. בלויז אין ניו־יאָרק איז געלונגען צו פאַרגרעסערן די מיטגלידערשאַפט. די צאָל בראַנטשעס אין לאַנד איז 43, פון זיי 19 אין ניו־יאָרק. גוטשטייענדיקע מיטגלידער זיינען פאַראַן 1,150, פון זיי 612 אין ניו־יאָרק. אויב מ׳זאָל צו־רעכענען אויך די, וואָס זיינען הינטערשטעליק אין די צאָלונגען, זיינען פאַראַן

3 טויזנט מיטגלידער. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן טורן פון אַ. גאַלאַצקי און נ. כאַנין. פון גרויסער באַדייטונג איז געווען דער טור פון שלמה מענדעלסאָן, וועלכער איז געקומען אַהער אַלס שליח פון „בונד״ אין פוילן אויפן אָרט פון פאַרשטאָרבענעם ישראל ליכטענשטיין. מענדעלסאָן האָט באַזוכט 63 שטעט און געהאַט 318 רעדעס און פאָרלעזונגען פאַר בערך 15 טויזנט מענטשן. דער פאַרבאַנד האָט אַקטיוו מיטגעווירקט אין אָרגאַניזירן דעם טור און אויך באַקומען אַ חלק פון די געזאַמלטע 25 טויזנט דאָלער. דער פאַרבאַנד האָט שטאַרק צוגעהאָלפן אין טור פון עסטרייכישן סאָציאַליסטישן טוער מאַקס ווינטער. די אַרויסגעגעבענע ביכער זיינען גוט אַוועק. מ׳האָט אויך פאַרקויפט ביכער פון אַנדערע פאַרלאַגן.

דער באַריכט־אָפּגעבער האָט זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף דעם קאָנפליקט מיט דער אָפּאָזיציע אין פאַרבאַנד. דער נאַציאָנאַל־עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט געהאַלטן אַז צביונס 2 אַרטיקלען האָבן נישט געדאַרפט געדרוקט ווערן און אויב יאָ — האָט די רעדאַקציע געדאַרפט זיך אָפּגרענעצן. דער קאָנפליקט האָט פריער גורם געווען די רעזיגנאַציע פון דער „וועקער״־רעדאַקציע און שפּעטער זיינען פ. גליבטער און ב. לעוויטין אַרויסגעטרעטן פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. אָפיציעלע פאָרשטייער פון פאַרבאַנד האָבן זיך באַטייליקט אין די באַראַטונגען פון דער פאַרטיי־אָפּאָזיציע. די פאַרבאַנד־אָנפירונג האָט אייניקע מאָל אָפּגעוואָרפן ווענדונגען פון די קאָמוניסטן וועגן שאַפן אַ פאַראייניקטן פראָנט.

אין די דעבאַטן איבער די באַריכטן פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט און פון „וועקער״ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס זיינען פאַראַן שטאַרקע מיינונגס־פאַרשידנקייטן נישט בלויז אויף דער ליניע פון פאַרטיי־שטרייט, נאָר אויך אין אַנדערע פראַגן. דאָמינירט האָט דער פאַרטיי־שטרייט.

י. באַסקין האָט אָנגעוויזן, אַז דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט אין פיל פאַלן אָנגענומען ענלעכע דעקלאַראַציעס, ווי די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פאַרטיי. דער פאַרבאַנד האָט דעריבער נישט געדאַרפט זיך שטעלן אויף דער עקסטרעם־רעכטער זייט צוזאַמען מיט יענע עלעמענטן, וואָס באַקעמפן די דעטראָיטער דעקלאַראַציע. דער פאַרבאַנד און זיין אָרגאַן „דער וועקער״ האָבן אָנגענומען אַ צו מעסיקע שטעלונג צו פאַלעסטינע. דאָס קען פירן צו אַ שטאַרקער נייגונג אין דער ריכטונג פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע.

קעגן דער שטעלונג פון פאַרבאַנד אין דער פראַגע פון דער דעטראָיטער פאַרטיי־דעקלאַראַציע האָבן אויך גערעדט דר. ש. קליינמאַן פון דעטראָיט און פ. שטיינבערג פון פאַסייק. מ. פאָלין האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דער סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד האָט נישט געהאַט קיין רעכט אַרויסצוטרעטן מיט אַ נייער שטעלונג צו דער פאַלעסטינע־פראַגע. ר. גוסקין האָט געהאַט אַ פאַרקערטע טענה: ער איז געווען אומצופרידן פאַרוואָס דער פאַרבאַנד העלפט נישט דער הסתדרות. ה. סאָבאָטקאָ, וועלכער איז אויך אַרויסגעטרעטן פון נאַציאָנאַל־עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, האָט באַגרינדעט זיין האַנדלונג.

וועגן די אַקטועלע יידישע פראָבלעמען האָט גערעדט ב. וולאַדעק. ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער טענדענץ, אַז יידן זאָלן זיך אָפּזונדערן פון דער וועלט און קעגן אַנטלויפן פון די לענדער, וואו יידן לעבן פון דור־דורות.

פאַרקערט, יידן דאַרפן זיך באַהעפטן צו אַנדערע פעלקער אין קאַמף קעגן פאַשיזם און רעאַקציע. ער האָט שאַרף געטאַדלט דאָס ברעכן די אַנטי־היטלערישע באָיקאָט־באַוועגונג דורכן ציוניסטישן טראַנספער־אָפּמאַך און מיט פאַרביטערונג אַנגעוויזן אויפן פאַקט, וואָס „די הסתדרות און די אַנדערע טראַנספער־מענטשן זיינען געוואָרן אַגענטן פון דייטשן עקספּאָרט פאַר דער היטלער־רעגירונג״... „איך זאָג, אויב עס איז דאָ אַ פּלאַץ, וואו מען קען שאַפן אַ לאַנד פאַר יידן, דאַרף מען עס טון. אויב אָבער דאָס לאַנד דאַרף געשאַפן ווערן דורך פּאַרטיי־ליקן די אַראַבער, דורך האַנדלען מיט היטלערן, דורך אַן אָפּמאַך מיט דער מזרחי־פּאַרטיי, וואָס פאַרבאָט מיר צו רויכערן אַ סיגאַרעט שבת, וויל איך נישט אַזאַ יידיש לאַנד. איך וויל העלפן דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין פּאַלע־סטינע, אָבער זי פון איר זייט מוז העלפן דער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער וועלט און מוז זיך רעכענען מיט איר מיינונג״.

וועגן בירא־בידזשאַן האָט וולאַדעק געזאָגט, אַז די יידישע מאַסן וועלן זיך דאָרט נישט איינאָרדענען. „זיי האָבן נישט געוואַנדערט 2 טויזנט יאָר, כדי אָנצוקומען אין בירא־בידזשאַן. די איינציקע לייזונג פאַר יידן איז צו קריגן פרייהייט און אַ געלעגנהייט צו לעבן אין אַ גערעכטער אָרדנונג מיט אַלע אַנדערע פאָלקס־מאַסן פון דער וועלט״.

פון דער יידישער אָפּטיילונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז אָנגעקומען אַ ווענדונג וועגן צולאָזן אירס אַ פאַרשטייער. די קאָנווענשאָן האָט די ווענדונג אָפּגעוואָרפן.

ביים אָפּשטימען די פאַרשידענע רעזאָלוציעס האָט מען זיך דאָס מאָל אַנדערש נוהג געווען. געוויינלעך, אַז עס זיינען געווען געוויסע מיינונגס־פאַרשידנהייטן, פלעגט מען די פראַגע דעבאַטירן אין דער רעזאָלוציע־קאָמיסיע און שאַפן אַ קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע, וואָס זאָל קריגן די איינשטימיקייט פון דער קאָנווענ־שאָן. דאָס מאָל האָט וועגן דעם קיין רייד נישט געקענט זיין. די מיליטאַנטישע אָפּאָזיציע האָט צו די וויכטיקע פּאָליטישע פראַגן געהאַט אייגענע רעזאָלוציע־פּראָיעקטן.

אין דער פראַגע וועגן „וועקער״ זיינען געווען צוויי רעזאָלוציעס: די מערהייט האָט פאָרגעלייגט צו אַקצעפּטירן די ליניע פון דער נייער רעדאַקציע; די מינדערהייט האָט פאָרגעלייגט אַ פאַרקערטע שטעלונג. די קאָמיסיע האָט באַשלאָסן, אַז ביידע רעזאָלוציעס זאָלן געשטעלט ווערן צו דער אָפּשטימונג אויף דער קאָנווענשאָן. דער פאָרזיצער פון דער דאָזיקער זיצונג, מ. לעווינסאָן, האָט געפּסקנט קעגן דעם, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד פון אַ גרויסן טייל דעלעגאַטן. מיט 27 שטימען קעגן 20 איז לעווינסאָנס פּסק באַ־שטעטיקט געוואָרן. ביים אָפּשטימען די פאַרשידענע רעזאָלוציעס האָט די אָפּאָזיציע מער ווי די 10 שטימען פון אירע דעלעגאַטן נישט געקענט באַקומען.

די אָנגענומענע רעזאָלוציע וועגן פּאַרטיי־שטרייט זאָגט צווישן אַנדערן:
„די דעטראָיטער קאָנווענשאָן פון דער ס.פּ. האָט אין איר דעקלאַראַציע באַ־שלאָסן צו פירן די פּאַרטיי אויף אַנדערע אידייאישע און טאַקטישע וועגן. אַ גרויסער טייל פונקטן פון דער דעטראָיטער דעקלאַראַציע זיינען אין קעגנזאַץ צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער וועלט־אַנשויאונג״... „מיר פאָדערן פון דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַז אין

זיין וויטערדיקער אַרבעט זאָל ער זיך אָפּשטעלן אויף אַזאַ הויך, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן ביידע צדדים זאָלן האָבן צו אים דעם פולן צוטרוי און שלום זאָל קענען געשאַפן ווערן"... „די 12־טע קאָנווענשאָן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד באַשליסט, אַז דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו פון פאַרבאַנד זאָל אין זיין גאַנצער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט פירן דעם פאַרבאַנד אין גייסט פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם".

די רעזאָלוציע פון דער אָפּאָזיציע האָט אין דער פראַגע געפאָדערט, אַז די פאַרבאַנד־אָנפירונג זאָל זיין לאָיאַל צו די פּאַרטיי־באַשלוסן און אַז די קאָנווענשאָן זאָל פאַרווערן דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו פון פאַרבאַנד צו באַטייליקן זיך אין קאָנפערענצן, וואָס האָבן דעם ציל צוצוגרייטן אַ שפּאַלטונג.

די קאָנווענשאָן האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַ פאַראייניקטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן און דערקלערט: „אויב די קאָמוניסטן ווילן באמת אַ פאַראייניקטן פראָנט, דאַרפן זיי דאָס אָנהויבן אין רוסלאַנד גופא. זיי דאַרפן עפענען די טויערן פון די טורמעס און אַרויסלאָזן פון דאָרטן אַלע סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן און אַלע די, וועלכע זיינען פאַר סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע".

מיט 75 שטימען קעגן 10 איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע וועגן סאָוועט־רוסלאַנד (די מינדערהייט האָט געהאַט אַן אייגענעם רעזאָלוציע־פּראָיעקט). די אָנגענומענע רעזאָלוציע, וואָס איז געווען גאַנץ מילד אין טאָן און אינהאַלט, זאָגט צווישן אַנדערן: „די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט פאַר די לעצטע יאָרן געמאַכט גרויס פאָרטשריט. ס'איז אויך פאַרבעסערט געוואָרן דער עקאָנאָמישער מצב פון די אַרבעטנדיקע עלעמענטן"... „צום באַדויערן האָט די סאָוועטישע רעגירונג נישט געמאַכט קיין ענדערונג אויפן געביט פון פּאָליטישע פרייהייטן"... „די 12־טע קאָנווענשאָן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד שטעלט פעסט, אַז סאָציאַליזם אָן פרייהייט איז אוממעגלעך. זי האָפט, אַז סאָוועט־רוסלאַנד וועט בייטן איר שטעלונג אויף דעם פּאָליטישן געביט. דעמאָלט וועט די אַלוועלטלעכע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ווערן שטאַרק און מעכטיק גענוג איינצופירן סאָציאַליזם אין רוסלאַנד און אין דער גאַנצער וועלט".

די רעזאָלוציע וועגן ציוניזם האָט איינגעהאַלטן די פריערדיקע קעגנערשאַפט, האָט אָבער אַריינגעברענגט אַן ענדערונג אין דער באַציאונג צום יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע. זי זאָגט: „די 12־טע קאָנווענשאָן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד שטעלט פעסט, אַז אונזער נעגאַטיווע שטעלונג צום ציוניזם איז היינט פּונקט אַזוי אויסגעהאַלטן און ריכטיק, ווי ביז איצט. מיר האָבן קיין מאָל נישט געגלויבט און גלויבן אויך איצט נישט, אַז פּאַלעסטינע קען ווערן אַ יידיש היימלאַנד אָדער קען לייזן דאָס גרויסע פּראָבלעם פון די מיליאָנען יידן אין די לענדער, וואו זיי לעבן"... „די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און רעכטלעכע לאַגע פון די יידן קען ווערן בעסער נאָר מיט דער פאַרשטאַרקונג און ענדגילטיקן זיג פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג"... „מיר רעכענען זיך מיט דעם פאַקט, אַז אין די לעצטע יאָרן איז אין פּאַלעסטינע אויסגעוואַקסן אַ באַדייטנדיקער יידישער ישוב. אונז אינטערעסירט שטאַרק דער גורל פון די יידישע מאַסן, וואָס לעבן אין פּאַלעסטינע און אוודאי זיינען מיר נישט גלייכגילטיק צו דער באַדייטנדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז

דאָרטן אויסגעוואקסן און איז אָנגעשלאָסן אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. די קאָנווענשאָן באַשליסט דעריבער צו גיין האַנט אין האַנט מיט די אומפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן פאַר זייער אויפגאַבע צו העלפן דער איבערוואַנדערונג, דעם עקאָנאָמישן אויפבוי און קולטורעלער אַנטוויקלונג אין פּאַלעסטינע און אין אַלע אַנדערע איינוואַנדערונגס־לענדער".

די קאָנווענשאָן האָט אויך אָנגענומען פּראָטעסט־רעזאָלוציעס קעגן פאַרפאָלגן יידיש אין פּאַלעסטינע, ווי אויך קעגן טראַנספּער־אָפּמאַך, וואָס די ציוניסטן האָבן געשלאָסן מיט דער דייטשער נאַצי־רעגירונג. עס ווערט געזאָגט, אַז „דער דאָזיקער אָפּמאַך, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דעם הסכם פון די פועלי־ציוניסטישע פירער, ווערט פאַרבלייבן אַן אייביקער שאַנד־פלעק פאַר אַלע, וואָס זיינען פאַר דעם טראַנספּער־אָפּמאַך פאַראַנטוואָרטלעך".

נאָכן אָננעמען אַ ריי אַנדערע באַשלוסן וועגן אַקטועלע פראַגן, האָט די קאָנווענשאָן אויסגעקליבן אַ נייעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אַריין: ס. ריפקין, נ. כאַנין, י. ישורין, פּ. בלאַק, מ. וויינשטיין, מ. י. אשביז, פּ. דעמביצער, מ. טיגעל, דר. ל. פאָגעלמאַן, ב. געבינער, פּ. שטיינבערג, ש. רזשאַווסקי, ר. גוסקין, א. שענקין און מאַרקשייד. די פירער פון די מיליטאַנטן זיינען אין נייעם קאָמיטעט נישט אַריין. אַלס פּאָרזיצער איז ווידער געוויילט געוואָרן ס. ריפקין און אַלס סעקרעטאַר — נ. כאַנין. אין דער נייער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון „וועקער" זיינען אַריין דר. ל. פאָגעלמאַן, י. ישורין, נ. כאַנין, ב. געבינער און פּ. דעמביצער.

אָנהויב 1936 האָט נ. כאַנין, וועלכער איז איבער 14 יאָר געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, פאַרלאָזט זיין אַמט, ווייל ער איז נאָכן טויט פון פּ. געליבטער געוואָרן דער בילדונגס־דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג. דעם אַמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר אין פאַרבאַנד האָט פאַרנומען ב. געבינער, וועלכער איז פון זומער 1934 געווען דער פּאַקטישער רעדאַקטאָר פון „וועקער".

דאָס יאָר 1936 איז שוין אַדורך אונטערן צייכן פון דער שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

26. ערב דער גרויסער קאַטאַסטראָפע

אַנדערע שטימונגען.—איבערשיכטונג צווישן די יידישע אַרבעטער.—צאָלרייכע שטודירנדיקע יוגנט.—דער יונגער דור אויף אַנדערע וועגן.—סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע.—האָפענונגען אויף דער לייבאָר־פּאַרטיי.—יוניאָן־טוער דערוייטערן זיך.—אידעאָלאָגישע רעוויזיע.—פּרוּוון פון ווידערפאַראייניקונג.—די קללה פון צעריסנקייט.—15־יאָריקער יובילײ פון פאַרבאַנד.—בונדישע פירערונג און אַקציע.—די טעטיקייט פון פאַרבאַנד.

די מענטשהייט האָט זיך דערנענטערט צו איר גרויסער קאַ־טאַסטראָפע. דער נאַצישער סם האָט אַריבערגעשפּריצט גרענעצן און ימים, איז אַריינגעדרונגען אין די לענדער פון אַלע קאָנטינענטן. שאַנטאַזש און טעראָר, חוצפּה און אַגרעסיע זיינען געוואָרן די מעטאָדן אין די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען. ציניזם און גוואַלט זיינען געוואָרן חשוב ביי רעגירונגען און פעלקער. די אויגן פון די מאַכט־גיריקע און ברוטאַלע עלעמענטן זיינען געווענדט קיין בערלין. אַ ריי מלוכות האָבן זיך גענומען דרייען אַרום דער אַקס רוים־בערלין־טאָקיאָ.

די יידישע לאַגע אין מיטל־איראָפּע איז געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג. גירושים, אַנטי־יידישע עקסצעסן, כסדרדיקע אַנטיסעמיטישע נגישות האָבן דאָס לעבן פון די יידן פאַרביטערט און געמאַכט אומזיכער. די מלחמות אין שפּאַניע, כינע און אַביסיניע, היטלערס איינשלונגען עסטרייך און טיילן פון טשעכאָסלאָוואַקיע האָבן געענדערט די וועלט־מאַפּע, צעטרייסלט די נערוון פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן און פאַרגעשפּילט דאָס אָנקומען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס אַלץ האָט באַשאָטנט דאָס נאָרמאַלע טאָג־טעגלעכע לעבן פון די פעלקער.

ווייט אין שטח פון די ערטער, וואו ס'זיינען פאָרגעקומען די גוואַל־טאַטן פון נאַציזם און פאַשיזם, איז דאָך די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע מיטן געדאַנק און געפיל געווען נאָענט צו אַלע ליידנדיקע און פאַרגוואַלטיקטע. די ווינטן פון אָנקומענדיקן שטורעם האָט מען דאָ אָנגעהויבן פילן אויף דער אייגענער הויט. גלייכצייטיק האָבן אין שויס פון דער היגער באַוועגונג אַלץ בולטער זיך אויסגעווירקט אַ ריי דערשיינונגען, וואָס האָבן זייער התחלה געהאַט נאָך אַ סך פריער. יידן האָבן זיך אויסגעשפּרייט ווײ־טער אין נייע פאַכן און אין די פריערדיקע „יידישע פאַכן" האָבן זיך אַריינ־געריסן מער און מער אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. די סאָציאַ־ליסטישע ווירקונג צווישן די יידישע אַרבעטער איז מחמת דער שפּאַלטונג אין דער ס. פּ. און אַנדערע טעמים נאָך שטאַרקער געפאַלן. אויב אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז מען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַרויס דורך דער לינקער טיר, איז מען איצט געגאַנגען דורך דער רעכטער. מ'האָט זיך באַפרייט פון די סאָציאַליסטישע חטאות־נעורים. אין

ליידיק־געבליבענעם אָרט האָבן זיך אַריינגעריסן כלומרשטע אַמעריקאַניזמען, נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען און בענקענישן נאָך טראַדיציאָנעלער ייִדיש־קייט. פאָרמעל און פאַקטיש האָבן די יוניאָנס פון די באַקלייד־פאַכן, וואָס זיינען געוואָרן געבויט און געפירט פון סאָציאַליסטן און אַנדערע ראַדי־קאַלע עלעמענטן, זיך אויפגעהערט צו אידענטיפיצירן מיט דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג.

אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן זיינען אין אַמערי־קע געווען איבער אַ האַלבן מיליאָן ייִדישע אַרבעטער. ס'איז אָבער כסדר אָנגעגאַנגען אַן איבערשיכטונג. מ'האָט געטוישט די פאַכן און פּרנסות. אַ סך ייִדן זיינען אַריין אין דער בוי־אינדוסטריע און טראַנספּאָרט. פיל, על פּי רוב הי־געבוירענע, זיינען אַריין אין די ברייט־אַנטוויקלטע באַשעפטי־קונגען ביי ראַדיאָ און פילם. ייִדישע אַרבעטער זיינען אויך אַריין אין פאַ־בריקן פון אויטאָמאָבילן און אַנדערע מעכאַנישע אַרבעטן. פון ייִנגן דור זיינען פיל געווען באַשעפטיקט אַלס אינזשיניערן. ייִדישע אַרבעטער זיינען נישט געוואָרן וויניקער אין צאָל, זיי זיינען דאַקעגן געוואָרן אַנדערש פאַרטיילט אין די פאַרשידענע פּראָדוקציע־צווייגן. באַדייטנדיק גרעסער איז אויך געוואָרן דער אַנטייל פון ייִדן אין די פרייע פּראָפעסיעס, ווי אויך דער שיכט אָנגעשטעלטע און באַאַמטע. יעדעס יאָר זיינען פון די העכערע ביל־דונגס־אַנשטאַלטן אַרויס אַ סך טויזנטער ייִדישע בחורים און מיידלעך, וועלכע זיינען אַריין אין די אינטעליגענטע פּראָפעסיעס. וועגן יאָר 1937 שרייבט דר. ה. פראַנק: „היינט צו טאָג לערנען זיך אין די אַמעריקאַנער אוני־ווערזיטעטן און קאָלעדזשעס איבער 100 טויזנט ייִדישע ייִנגע מענער און פרויען, בעת נאָך מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק האָבן די אַמעריקאַנער היכשולן געהאַט אַ גאַנץ קליינע צאָל ייִדישע סטודענטן. די אימיגראַנטן גופא, חוץ געציילטע אויסנאַמען, פלעגן אין די קאָלעדזשעס נישט גיין לערנען. מיט זייער גאַנצער ענערגיע פלעגן זיי זיך אַריינוואַרפן אין אַמעריקאַנער קאַך־קעסל, כדי דאָרט 'אויסגעגרינט' און צוגעפּאַסט ווערן דורך ביטערער און שווערער אַרבעט צו דער נייער סביבה. אָבער אַט זיינען אונטערגעוואַקסן זייערע קינ־דער. אין די לעצטע 20־30 יאָר פלעגט אַט דער ייִנגער דור, דער צווייטער אימיגראַנטן־דור, אַלץ מער און מער אַריינטרעטן אין די היכשולן. באַזונדערס האָט די מזל־ברכה, די פּראָספּעריטי פון די נאָך־מלחמה־יאָרן, ענדלעך געשאַפן פאַר טויזנטער ייִדישע משפּחות די מעגלעכקייט צו רעאַליזירן דעם פון שטענ־דיק הייסן פאַרלאַנג ביי ייִדישע טאַטע־מאַמעס צו געבן די קינדער אַ וואָס בע־סערע בילדונג, כדי זיי צו העלפן אַריינצוגיין אין איינער פון יענע באַגערטע פּראָפעסיעס, ווי דאָקטאָר, אַדוואָקאַט א. אַ. וו." 208

פיל פון די ייִדישע סטודענטן זיינען געקומען פון אַרבעטער־היימען. אַ סך ייִדישע אַרבעטער האָבן געטון אַלץ, געהאָרעוועט אַפילו איבערשעהן און איבער די כוחות, אַבי זייערע קינדער זאָלן שוין קיין אַרבעטער נישט דאַרפן זיין. קיין חשיבות פאַר אַרבעט האָט ביי די קינדער דעריבער נישט געקענט אַנטשטיין. ביי די שטודירנדיקע קינדער האָט זיך געמוזט שאַפן אַ געפיל, אַז נישט בלויז פּראָפעסיאָנעל, נאָר אויך אידעאָלאָגיש דאַרף מען אַנטלויפן פון טאַטע־מאַמעס דרכים, פון זייערע געדאַנקען און באַוועגונגען. אויך סאָציאַליזם איז פאַר די

„געבילדעטע" זין און טעכטער פון יידישע אַרבעטער געוואָרן אַ סימן פון דער „אַלטער וועלט", ווי די יידישע שפּראַך און די נייע יידישע קולטור.

אין אָט דער שווערער צייט איז דער יידישער סאָציאַליסטישער פֿאַרבאַנד געשטאַנען, ווי אַן אָפּגעשפּאָלטענער טייל פון אַ שטאַרק אָפּגעשוואַכטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער האָט זיך געקענט קלאַמערן בלויז ביי יענע קליינע טיילן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער ס. פּ. און געבילדעט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע, ווי אַ לאַנד־אָרגאַניזאַציע, איז די ס. ד. פעדעראַציע געגרינדעט געוואָרן אויף דער קאָנווענשאָן, וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם 29־31 מאַי 1937 אין פּיטסבורג. ווי אַ יסוד פון דער טעטיקייט, האָט די גרינדונג־קאָנווענשאָן אָנגענומען אַ פּרינציפּן־דעקלאַראַציע. אין איר איז פֿאַראַן אַן אידעאָלאָגישע באַגרינדונג, אי אַ פּראַקטישער וועג־ווייזער. נאָך דעם ווי עס ווערט אַרומגערעדט דער ענדגילטיקער ציל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג און עס ווערן אַנאַליזירט די פֿאַרהעלטנישן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ווערט אין דער דעקלאַראַציע געוויזן די נויטיקייט צו האָבן „אַ שטאַרקע, קלאָר־זעענדיקע, זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל זיין אָרגאַניזירט איבערן גאַנצן לאַנד, זאָל רעפּרעזענטירן די צוויי גרויסע אַרבעטער־קלאַסן (פון שטאָט און דאָרף) און זאָל געשטיצט ווערן פון ביידע. דאָס ערשטע אין אַזאַ באַוועגונג, אין אַלע אירע אָפּטיילונגען מוז זיין אַ האַרציקע איבערגעבנקייט צו די מעטאָדן און אידעאַלן פון דעמאָקראַטיע. די אויפגאַבע צו ברענגען פרייהייט, עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד און שלום קען מען נישט געטרויען קיין שום דיקטאַטור, וואָס עס זאָלן נישט זיין די צילן, צו וועלכע זי שטרעבט. די אינסטיטוציעס פון אַ פּאָליטישער דעמאָקראַטיע מוזן געשטיצט און פֿאַרבעסערט ווערן, כדי דאָס עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לעבן זאָל אויך דעמאָקראַטיזירט ווערן. דער רוף צו רעוואָלוציאָנערע גוואַלט־טאַטן מוז אָפּגעוואָרפן ווערן. אַזעלכע מיטלען זיינען נישט נויטיק און נישט באַרעכטיקט אין אַ לאַנד, וואו מען קען אַלץ אויספירן דורך דעם פרידלעכן מעטאָד פון דעמאָקראַטיע. דער איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַלער דעמאָקראַטיע קען נישט פֿאָרקומען מיטאָמאָל". דעריבער ווערט פֿאָרגעשלאָגן „אַ פּראָגראַם פֿאַר באַלדיקער אַרבעט".

דער פֿאַרבאַנד, וואָס איז געווען מיטבאַטייליקט אין דער גרינדונג פון דער ס. ד. פעדעראַציע, האָט געפּרוּווט גלויבן, אַז פון איר וועט ווידעראַמאָל קומען אַן אויפלעבונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. די רעדאַקציע פון „וועקער" האָט געשריבן וועגן דער גרינדונג־קאָנווענשאָן, אַז זי „האָט געברענגט צו אַ ווידערגעבורט. דאָס באַדייט, אַז אַלע פריערדיקע קאָנסטרוקטיווע סאָציאַליסטישע כוחות, וועלכע האָבן געבויט די פּאַרטיי במשך יאָרן און יאָרן, זיינען זיך ווידער צוזאַמענגעקומען און אין אַ געאייניקטן גייסט, באַהערשט פון איין אידעאָלאָגיע, אין אַ שטימונג פון אמתער חברשאַפט, באַשלאָסן ווידעראַמאָל פֿאַראייניקן די כוחות און אָנפירן די פּאַרטיי אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישן גייסט"[209]

דער פּאַרטיי־ראַט פון פֿאַרבאַנד, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען דעם 19 און 20 יוני 1937, האָט אין אַ דעקלאַראַציע פעסטגעשטעלט די אָנגעהעריקייט פון פֿאַרבאַנד צו דער ס. ד. פעדעראַציע. די דעקלאַראַציע האָט גע־

זאָגט, אַז די ניי־געגרינדעטע אָרגאַניזאַציע האָט פֿאַר אַן אויפֿגאַבע צו פֿירן „אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע אַקטי־וויטעט". ס'ווערט דערקלערט, אַז דער פֿאַרבאַנד באַטראַכט זיך „אידעאָלאָגיש און אָרגאַניזאַציאָנעל אַלס באַשטאַנד־טייל פֿון דער ניי־געגרינדעטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פֿעדעראַציע".

דער פֿאַרטיי־ראַט האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט פֿאַר העלפֿן בויען די לייבאָר־פּאַרטייען, וואָס שאַפֿן זיך אין איינציקע שטאַטן. אין די אָנפֿירנדיקע סאָציאַליסטישע קרייזן האָט מען געלייגט גרויסע האָפֿענונגען אויף דער ניי־אַנטשטאַנענער לייבאָר־פּאַרטיי אין שטאַט ניו־יאָרק. נאָך איר ערשטן אָנטייל אין די וואַלן האָט אַב. קאַהאַן געשריבן: „דער לעצטער וואַל־קאַמף, פֿאַר דעם דריטן נאָוועמבער און דער וואולקאַנישער רעזולטאַט פֿון דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין יענעם היסטאָרישן טאָג, האָבן געוויזן, אַז די 'גרינגע יידלעך' פֿאַרשטייען אַמעריקע בעסער און דעם סאָציאַליזם בעסער, ווי נאָרמאַן טאָמאַס, קריגער און אַלע אַנדערע 'מיליטאַנטן"... „עס איז צו דערוואַרטן, אַז די לייבאָר־פּאַרטיי פֿון שטאַט ניו־יאָרק וועט אין גיכן זיך אויסשפּרייטן איבער אַנדערע שטאַטן און וועט באַקומען דעם אינהאַלט און די אָפּיציעלע באַדייטונג פֿון אַ נאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי".[210]

ס'איז אָבער נישט באַשערט געווען, אַז די האָפֿענונגען זאָלן מקוים ווערן. שוין מיט צוויי יאָר שפּעטער זיינען אויפֿן אָרט פֿון ענטוזיאַזם געקומען אַנטוישונג און פֿאַרביטערונג. די לייבאָר־פּאַרטיי האָט פֿאַר די וואַלן פֿון 1938 געשלאָסן אָפּמאַכן צו שטיצן קאַנדידאַטן, וועלכע זיינען געווען פֿאַרבונדן מיט טעמעני־האָל, רעפּובליקאַנער און קאָמוניסטן. דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ דערווידערונג אין די יידישע סאָציאַליסטישע רייען, וואו מ'האָט זיך שוין פֿריער געהאַט מתיר געווען צו שטימען פֿאַר רוזוועלטן אָדער לאַ גוואַרדיאַ און ענלעכע בירגערלעכע ליבעראַלן, אָבער מ'האָט נישט געהאַט קיין האַרץ פֿאַר סתם פּאָליטישע קאָמבינאַציעס און שותפֿותן. דער פֿאַרבאַנד און זיינע קרובישע קרייזן האָבן געפֿירט אַן אַקציע קעגן דעם. ס'זיינען פֿאָרגעקומען פֿאַרזאַמלונגען, וואו מ'האָט אָנגענומען פּראָטעסט־רעזאָלוציעס.

אין שייכות מיט דער דאָזיקער אומצופֿרידנקייט האָט סידני הילמאַן, פּרעזידענט פֿון אַמאַלגאַמייטעד־יוניאָן (מענער־שניידער) און איינער פֿון די הויפּט־פֿירער פֿון דער לייבאָר־פּאַרטיי, געוואָרפֿן דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דעם גט אין פּנים. אין אַן אינטערוויו האָט ער דערקלערט: „די גאַנצע מעשה, אַז די יוניאָנס פֿון די נאָדל־פֿאַכן זיינען קערפּערשאַפֿטן מיט סאָציאַליסטישע טענדענצן, איז, צווישן אונז גערעדט, מער אַ פֿיקציע, ווי אַ פֿאַקט. אונזער אָרגאַניזאַציע, למשל, איז קיינמאָל נישט געשטאַנען אין די סאָציאַליסטישע רייען. אויב געוויסע באַאַמטע האָבן געהערט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט עס אָבער די אָרגאַניזאַציע און די מיטגלידער צו קיין שום זאַך נישט פֿאַרפּליכטעט. אין אַנדערע יוניאָנס פֿון די נאָדל־פֿאַכן האָט מען אָנגעהאַנגען אַ סאָציאַליסטישן עטיקעט, אָבער אויך דאָרטן האָבן די מיטגלידער געשטימט, ווי זיי האָבן געוואָלט. און דער רעקאָרד ווייזט, אַז זיי האָבן קיין סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן נישט אויסגעוויילט".[211]

די פֿאַרשטאַרקונג פֿון די יוניאָנס און די צעשפּליטערונג פֿון דער סאָציאַ־

ליסטישער פּאַרטיי האָבן גורם געווען, אַז אַ גרויסע צאָל יידישע יוניאָן־טוער זאָלן זיך דערווייטערן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. „די יוניאָנס — שרייבט נ. כאַנין — האָבן זיך געוואָלט איזאָלירן פון דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־ און סאָציאַליסטישער באַוועגונג און זיי האָבן אָנגעהויבן קוקן קרום אויפן פאַרבאַנד. וואָס שטאַרקער די יוניאָן־באַוועגונג איז געוואָרן, אַלץ מער האָט זי זיך גענומען באַציען מיט ביטול צום יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. שפּעטער איז געקומען די שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אַ סך טרייד־יוניאָניסטן האָבן זיך געפּרייט מיט דער שפּאַלטונג. זיי האָבן געטראַכט, אַז דאָס וועט זיי נאָך מער קענען באַפרייען פון די אַמאָליקע סאָציאַליסטישע טראַדיציעס און פון זייער אָפיציעלער אָנגעהעריקייט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי". [212]

אונטער פאַרשידענע תירוצים האָט מען זיך גענומען באַפרייען פון סאָציאַליסטישן נעכטן. מ'האָט אַוועקגעוואָרפן אידעאַלן, טראַדיציעס און פּאָזיציעס. כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז די שטים פון ב. וולאַדעק, וועלכער האָט זיך דערוועגט, אַז מ'וועט זיך דאַרפן אָפּזאָגן פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־יום־טוב — דעם 1־טן מאַי. ער האָט געשריבן: „דער 1־ער מאַי און זיין גייסט זיינען, פּונקט ווי די גאַנצע וועלט, קראַנק, אין גסיסה. און איך קען זיך נישט אָנגעמען מיט פאַלשן ענטוזיאַזם, כדי צו זאָגן עפּעס, וואָס זאָל באַגייסטערן. איך האָב מורא, אַז אין דעם קריזיס, וואָס מיר אַלע גייען איצט דורך, מיר און אונזערע אידעאַלן, וועלן מיר זיין געצוואונגען איבערצולאָזן דעם 1־טן מאַי צו די, וואָס האָבן אים געקידנעפּט און זיך שאַפן אַ נייעם יום־טוב, וואָס זאָל בעסער אויסדריקן דעם כאַראַקטער פון אונזערע האָפענונגען פאַר אַ וועלט פון אינטערנאַציאָנאַלן פרידן און דעמאָקראַטיע". [213] אמת, וולאַדעק — און צוזאַמען מיט אים אויך אַנדערע — האָבן געוואָלט אַוועק פון 1־טן מאַי, ווייל ער איז „געקידנעפּט" געוואָרן פון די קאָמוניסטן און נאַציס, אָבער דאָס קומען צום געדאַנק פון אָפּזאָגן זיך האָט געהאַט אַ טיפערן גרונט. אין די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דער וועלט האָט מען געטראַכט צו באַפרייען דעם „געקידנעפּטן" יום־טוב און נישט איבערלאָזן אים אין די הענט פון די „קידנעפּער". אַ שטימונג פון אידעאָלאָגישן דעפּעטיזם, פון אַוועקגעבן אָן ווידערשטאַנד דעם שונא אידייאישע פּאָזיציעס האָט אַרומגעכאַפּט ברייטערע שיכטן פון יידישע סאָציאַליסטישע טוער.

וואָס ווייטער מ'האָט זיך אָפּגערוקט פון דער צייט, ווען די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען, אַלץ בולטער האָט מען געזען דעם חורבן. אָפּגעקילט איז געוואָרן די אויפרעגונג, אָפּגעשוואַכט — די קעגנזייטיקע אַטאַקעס. מ'האָט זיך גענומען פרעגן: צי האָט עס טאַקע געמוזט געשען? און צי איז נישטאָ קיין וועג אויף צוריק?

י. לעווין־שאַצקעס, וועלכער איז זומער 1938 געוואָרן גענעראַל־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד אויפן אָרט פון ב. געבינער, האָט געשריבן וועגן באַרג־אַראָפּ פון דער באַוועגונג: „מיר קענען גאָרנישט טון און מיר קענען גאָרנישט אויפטון, אויב מיר בלייבן אַן עק פון אַנדערע באַוועגונגען. דער שיקזאַל פון אַן עק איז צו באַוועגן זיך אין דער ריכטונג, וואָס עס געפעלט דעם אייגנטימער פון דעם עק... עס ווערט דעריבער אַלץ קלאָרער און דייטלעכער, אַז ווען מיר

ווילן נישט אַראָפּגעווישט ווערן אין גאַנצן, מוזן מיר איצט מאָביליזירן אַלע
אונזערע איבערגעבליבענע כוחות, כדי צוריק צו געווינען די פאַרלוירענע פּאָ־
זיציעס און דאַן אָנהייבן קעמפן פאַר נייע און ברייטע"... „קודם־כל דאַרפן
מיר ווערן דאָס, וואָס מיר האָבן אויפגעהערט צו זיין: אַ זעלבסטשטענדיקע סאָ־
ציאַליסטישע באַוועגונג. און דאָס קענען מיר ווערן דאַן, ווען מיר וועלן פאַר־
אייניקן די צעשפּאַלטענע סאָציאַליסטישע כוחות אין לאַנד. די קללה פון צע־
שפּאַלטנקייט מוז אָפּגעשאַפט ווערן".[214]

צווישן די אָנפירנדיקע קערפּערשאַפטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי
און פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע האָבן זיך אָנגעהויבן אונ־
טערהאַנדלונגען וועגן צוריק גאַנץ מאַכן דאָס צעטיילטע הויז. דעם 17 סעפּ־
טעמבער 1938 איז וועגן דעם פאַרגעקומען אַ באַראַטונג פון פאָרשטייער פון
דער ס. ד. פעדעראַציע, פאַרבאַנד, אַרבעטער־רינג, סאָציאַליסטישער פּרעסע
און אַנדערע קרובישע אָרגאַניזאַציעס. די באַראַטונג האָט אָנגענומען דעם
פאָרשלאָג פון פאַרבאַנד־פּאַרזיצער ס. ריפּקין ווייטער צו פירן די אונטערהאַנ־
דלונגען וועגן פאַראייניקונג. ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ פאָרשלאָג, אַז
ס'זאָלן געמאַכט ווערן באַמיאונגען צו רופן אין פרילינג 1939 אַ קאָנווענשאַן
פון אַלע סאָציאַליסטישע טיילן, כדי צו שאַפן אַ פאַראייניקטע סאָציאַל־דעמאָ־
קראַטישע פּאַרטיי.

דער סענטימענט פאַר ווידער־פאַראייניקונג איז כסדר געוואָרן שטאַר־
קער. די קללה פון געשפּאַלטנקייט האָט אויך געפילט דער אַרבעטער־רינג.
אויף זיין קאָנווענשאַן פון יאָר 1939 האָט ער זיך קלאָר אַרויסגעזאָגט פאַר פאַר־
אייניקונג. אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע ווערט אָנגעוויזן דער גרויסער
שאָדן, וואָס די שפּאַלטונג האָט געברענגט, און עס ווערט באַגריסט דער פּרוואוו
צוריק צוזאַמענצוברענגען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און די ס. ד. פעדעראַציע.
ביידע צדדים ווערן אויפגעפאָדערט צו „טון אַלץ, וואָס איז מעגלעך, צו פאַר־
ווירקלעכן דעם געדאַנק פון אַ פאַראייניקטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג".

אויך צווישן די יידישע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי
איז געווען שטאַרק דער סענטימענט פאַר אַ פאַראייניקונג. אין אַ מעמאָראַנ־
דום, וואָס די יידישע סעקציע האָט דעם 1־טן פעברואַר 1939 צוגעשטעלט צום
עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער ס. פּ., ווערט אָנגעוויזן אויף דער דרינגענדער
נויטווענדיקייט פון אַ ווידער־פאַראייניקונג. „ס'איז אַן איינשטימיקער באַשלוס
פון די מיטגלידער פון דער יידישער סעקציע — ווערט געזאָגט אין מעמאָראַנ־
דום — אַז ס'מוז ווערן איינגעשטעלט אייניקייט אין דער סאָציאַליסטישער
באַוועגונג. דער דאָזיקער ציל איז אַזוי לעבנס־וויכטיק פאַר דער צוקונפט פון
דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, מיינען מיר, אַז די אַנדערע פראַגן זיינען פון
קלענערער באַדייטונג". עס דאַרף געטון ווערן אַלץ, כדי ענדגילטיק זיך צו
פאַרשטענדיקן מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע.

צום 1־טן מאַי 1939 איז שוין דערשינען אַ געמיינזאַמער אויפרוף פון אַ
פאַראייניקטן סאָציאַליסטישן קאָמיטעט פון ס. פּ., ס. ד. פעדעראַציע און אַר־
בעטער־רינג. אין ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט זיינען פאָרגעקומען בשותפות־
דיקע פייערונגען. דער פאַרבאַנד און די יידישע סעקציע פון דער סאָציאַליס־
טישער פּאַרטיי האָבן צוזאַמענגעאַרבעט ביים דורכפירן די פייערונגען פון 40־

יאָריקן יובילײ פון „בונד" און בײ אַנדערע אַקציעס פאַר דער יידישער אַר־בעטערשאַפט און יידיש־װעלטלעכע שולן אין פּוילן.

אין 1937 האָבן ב. געבינער און י. לעװין־שאַצקעס אַלס פאָרשטײער פון פאַרבאַנד געמאַכט טורן איבערן לאַנד. סוף 1938 און אָנהויב 1939 האָט י. לעװין־שאַצקעס װידער געמאַכט אַ גרויסן טור און באַזוכט איבער 60 שטעט פון אַמעריקע און קאַנאַדע. נישט געקוקט אויף די באַמיאונגען, איז די לאַגע פון פאַרבאַנד דאָך געװאָרן שװערער. מ'איז שוין נישט געװען בכוח אַרויסצו־געבן דעם „װעקער" צװײ מאָל אין חודש און פון נאָװעמבער 1938 האָט ער אָנגעהויבן דערשײנען בלויז אײן מאָל.

ס'האָט זיך װידער, צום װיפלטן מאָל, אויסגעװירקט די קללה פון װילנסלאָזיקײט. אין בראשית האָבן די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע נישט געװאָלט האָבן קײן טרײד־יוניאָנס. שפּעטער האָבן די טרײד־יוניאָנס נישט געװאָלט האָבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטײ. און די פּאַרטײ האָט געקוקט קרום אויפן אַרבעטער־רינג. און דער אַרבעטער־רינג האָט נישט געװאָלט קײן שולן און קײן ברײטע קולטור־אַרבעט. און די פּרעסע — אַ װינקל פאַר זיך. אַן אַר־קעסטער, װאו יעדער שפּילט פון אַנדערע נאָטן. אײנער מיטן רוקן צום אַנ־דערן, אָנשטאָט — אײנער פאַר אַלע און אַלע פאַר אײנעם. און װען נאָך אַ פאַר־לוסט פון צײט און ענערגיע האָט מען דאָך געבויט, האָט געפעלט דער ענטו־זיאַזם פון דער גאַנצער באַװעגונג פאַר דעם באַזונדערן צװײג, װאָס איז דאָך אַ געמײנזאַמע זאַך. אַמערגסטן איז פון דעם אַרויסגעקומען די סאָציאַליסטישע פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציע. די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, צו װעלכע עס האָבן געהערט גרויסע צאָלן יידישע אַרבעטער צוליב זײערע מאַטעריעלע און אַנדערע אינ־טערעסן, האָבן נישט געװאָלט פאַרשטײן, אַז דאָס איז װײניק אויף צו קענען אויפהאַלטן אַ בליענדיקע באַװעגונג. עס מוז זײן אַ גײסט, װאָס זאָל אַלעמען באַ־העפטן; אַן אידעאַל, װאָס זאָל װי אַ פאָן פלאַטערן איבער די קעפּ. און דאָס קען נאָר געבן אַן אויסגעשפּראָכענע סאָציאַליסטישע פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציע. און בלויז אַזאַ אָרגאַניזאַציע קען אַרום די יידישע אַרבעטער זאַמלען ברײטערע פאָלקס־שיכטן און װערן אַ טאָן־געבער אויף דער יידישער גאַס. אַפילו דער קאַמף קעגן דער קאָמוניסטישער השפּעה װירקט זיך אַנדערש אויס, װען ער װערט געפירט מיט אידעאָלאָגיש געװער פון אַ סאָציאַליסטישער באַװעגונג.

אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש שװאַך, האָבן די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַ־ציעס געזוכט אויף װעמען זיך אָנצושפּאַרן. דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט איז אַרײן אין אַ קאָאָרדיניר־קאָמיטעט צוזאַמען מיט די בירגערלעכע אָרגאַני־זאַציעס — מיט דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט, בני ברית און יידישן קאָנגרעס. נישט אַלע האָבן געקענט אַראָפּשלינגען אָט דעם שריט און אין פאַרבאַנד איז װעגן דעם געפירט געװאָרן אַ דיסקוסיע. אין 1937 איז אויך גע־פירט געװאָרן אַ דיסקוסיע צי קען מען אָפּטײלן פּאַלעסטינע פון ציוניזם און באַציען זיך פּאָזיטיװ צום ערשטן און נעגאַטיװ צום צװײטן, װי עס האָט פאָר־מולירט נ. כאַנין. װען אין מערץ 1938 איז זיך צונויפגעקומען די דריטע קאָנ־װענשאָן פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען, אַז מ'דאַרף זיך נישט בלויז פאַרנעמען מיט טעטיקײטן פאַר די לענדער אויף יענער זײט ים, נאָר אויך דאָ איז פאַראַן אַ ברײט פאַרלאָזט פעלד. „אַ מיליאָ־

ניקע יידישע אַרבעטער־ און פֿאָלקס־מאַסע — האָט געשריבן דער סעקרע־טאַר פֿון פֿאַרבאַנד ב. געבינער — ראַנגלט זיך דאָ אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿאַר דער אויפֿהאַלטונג פֿון איר נאַציאָנאַל־קולטורעלן און סאָציאַלן לעבן. פֿאַר־שידענע איבערוועקסלונגען און אַנטוויקלונגען קומען פֿאַר אין דעם היגן יידישן לעבן, דאַרף דאָס אַלץ האָבן אַ שייכות מיטן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט אָדער נישט? מיר דוכט זיך, אַז יאָ. קען און דאַרף דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט שטיין פֿון דער ווייטנס פֿון דעם פּראָצעס פֿון דער עקאָנאָמישער אי־בערשיכטונג פֿון די יידישע מאַסן אין אַמעריקע? זיכער נישט. ווער־ווער, דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט דאַרף זיין דער אָנרעגער, דער איניציאַטאָר, די שטויס־קראַפֿט, וועלכע זאָל פֿאַראינטערעסירן, אָרגאַניזירן די יידישע גע־זעלשאַפֿטלעכקייט אין אַמעריקע אין שייכות צו די פֿראַגן פֿון געזינטער מאַכן דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן״.[215]

אָנהויב 1937 האָט דער פֿאַרבאַנד געפֿייערט זיין 15־יאָריקן יובילײ. אויף די יובילײ־פֿאַרזאַמלונגען האָט מען געפּרוווט מאַכן אַ חשבון־הנפֿש וועגן דער ראָל פֿון פֿאַרבאַנד און זיין אָרט אין היגן יידישן לעבן. גלויבן און ספֿקות זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן. מיר וועלן דאָ ברענגען צוויי כאַראַקטעריס־טישע שטימען:

„איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין פּאַטריאָט פֿון פֿאַרבאַנד״ — האָט געשריבן ב. וולאַדעק. „איך האָב שטענדיק געטראַכט און טראַכט אויך איצט, אַז עס איז נישט נויטיק און אונטער געוויסע אומשטענדן אַפֿילו שעדלעך צו האָבן אַ ספּעציעלע יידישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע. איך פֿאַרשטיי יידישע קולטורעלע אָדער סאָציאַלע קערפּערשאַפֿטן. אָבער יידישע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס גיבן מיר שטענדיק אַ ווידער־טעם און דערמאָנען מיר פּוילן, וואו די ספּעציעלע יידישע פּאַרטייען האָבן פֿיל בייגעטראָגן צו דער איצטיקער יידישער לאַגע, באַשאַפֿנדיק פֿאַר זיך אַ פּאָליטישן געטאָ. מיר האָבן דאַנקען גאָט גענוג געטאָס. למאי זאָלן מיר פּרובירן צו באַשאַפֿן זיך נייע?״[216]

די דאָזיקע „באַגריסונג״, וואָס האָט אָפּגעזאָגט דעם פֿאַרבאַנד דאָס לעבן, איז געווען אָפּגעדרוקט אין „וועקער״. גלייך נאָך דעם איז געקומען די באַ־גריסונג פֿון נישט־ייד אלדזשערנאָן לי, וועלכער האָט באַוויזן, אַז ער פֿאַר־שטייט בעסער פֿאַרוואָס ס׳איז נויטיק דער יידישער סאָציאַליסטישער פֿאַרבאַנד, בעסער פֿון וולאַדעקן, וועלכער האָט אין זיינע ייִנגערע יאָרן אויך פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס ס׳איז נויטיק אַן אויטאָנאָמע יידישע אָרגאַניזאַציע אין די ראַמען פֿון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ און זיך אויסגעלאַכט פֿון די אַסימי־לאַטאָרישע „געטאָ״־באַשולדיקונגען. אלדזשערנאָן לי האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס וולאַדעק האָט פֿאַרגעסן, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ באַזונדער פֿעלד פֿון טעטיקייט, וואָס נאָר אַ יידישע אָרגאַניזאַציע קען בשלימות דערפֿילן. און ער האָט אויך פֿאַר־שטאַנען, אַז „טוענדיק דאָס, העלפֿט ער (דער פֿאַרבאַנד) נישט בלויז די יידישע אינטערעסן גופֿא, נאָר העלפֿט אויך צו אַנטוויקלען און דערהויבן דעם אַלגע־מיינעם גייסט פֿון מענטשלעכקייט״.

אין זעלבן יאָר (1937) זיינען אויך דורכגעפֿירט געוואָרן גרויסע פֿייערונ־גען צום 40־יאָריקן יובילײ פֿון „בונד״. דעם 18 סעפּטעמבער 1937 איז אונ־טערן פֿאָרזיץ פֿון ב. וולאַדעק פֿאָרגעקומען אין ניו־יאָרק אַ גרויסע קאָנפֿערענץ,

וואָס האָט אויסגעבילדעט אַ קאָמיטעט, אָנגענומען אַ דעקלאַראַציע און באַ־גריסט די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַלע לענדער. אין דער דעקלאַראַציע ווערט געזאָגט: „דער 'בונד' אין פּוילן, רומעניע, לעטלאַנד און אין אַנדערע לענדער שטייט אומגעבראָכן און מוטיק, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, אין אוואַנ־גאַרד פון דעם קאַמף מיט די אַלע פינסטערע כוחות. די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, וואָס האַלט פעסט די פאָן פון סאָציאַליסטישן אידעאַל, נישט קוקנדיק אויף די אַלע אומגינסטיקע באַדינגונגען; די יידישע פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען אין די פאַרשידענע לענדער, וואָס האָבן אַזוי דערהויבן דעם עקאָנאָמישן מצב פון די יידישע אַרבעטנדיקע; דער וואוקס און אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע; די פיל פאַרצווייגטע יידישע וועלטלעכע קולטור, וועלכע ווערט געקרוינט מיט דעם מוסטערהאַפטן בנין פון דער יידי־שער וועלטלעכער שול, — דאָס זיינען אַלץ צווייגן פון דעם בוים, וואָס איז מיט 40 יאָר צוריק פאַרפלאַנצט געוואָרן און האָט זיך אַזוי הערלעך פאַנאַנדערגע־וואַקסן אויפן באָדן, וואָס איז באַפעסטיקט געוואָרן מיטן שוויס און בלוט פון יידישן אַרבעטנדיקן מענטש. און נישט בלויז אין יידישן לעבן, אויך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער משפּחה איז דער יידישער אַרבעטער געוואָרן אַ גלייכבאַרעכטיקטער און פולבאַרעכטיקטער מיטגליד".

די קאָנפערענץ האָט איבערגעשיקט אַ הייסן גרוס „דעם 'בונד' אין פּוילן, דעם וויכטיקסטן טרעגער פון דער העראָאישער געשיכטע פון 'בונד', וואָס איז דער שטאָלץ און די האָפענונג פון די יידישע מאַסן און די זעלבסטשוץ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין איצטיקן היסטאָרישן און טראַגישן מאָמענט אין פּוילן". הייסע גרוסן זיינען אויך געשיקט געוואָרן צום „בונד" אין רומע־ניע און לעטלאַנד. און ווייטער: „די קאָנפערענץ שיקט איבער אַ חברשן גרוס אַלע בונדיסטן־אַנוסים אין סאָוועט־רוסלאַנד. עס איז אַ טיפער ווייטאָג און חרפּה, וואָס אין 20־טן יאָר פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע דאַרפן די, וועלכע זיינען געווען אין אוואַנגאַרד פון דער רעוואָלוציע, זיין פאַרפאָלגט, פאַריאָגט, אַפילו פאַרפייניקט. צוזאַמען מיט איר גרוס דריקט אויס די קאָנפערענץ איר פּראָטעסט קעגן די שולדיקע אין דעם דאָזיקן צושטאַנד".

דער קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אַריין הונדערט פאָרשטייער פון אַלע צווייגן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אויך אַ ריי יידישע שרייבער און קולטור־טוער, האָט זיך קאָנסטיטואירט מיט דוד דובינסקי אַלס פאָרזיצער, ב. צביון און י. באַסקין — וויצע־פאָרזיצער, י. וויינ־בערג — קאַסיר און ב. וולאַדעק — סעקרעטאַר. גרויסע פייערונגען זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין לאַנד מיט דער אַקטיווער מיטבאַטייליקונג פון פאַר־באַנד. די גרעסטע פייערונג איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק. אויף דער גרויסער פאַרזאַמלונג אין מעקאַ־טעמפּל, דעם 18 דעצעמבער 1937, זיינען פאַר אַן עולם פון עטלעכע טויזנט מענטשן אַרויסגעטרעטן מיט רעדעס דער פאָרשטייער פון „בונד" אין פּוילן ה. ערליך, דוד דובינסקי (אינטערנעשאָנעל), אַב. מילער (אַמאַלגאַמייטעד), י. באַסקין (אַרבעטער־רינג), נ. כאַנין (פאַרבאַנד), נאָרמאַן טאָמאַס (סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), יוליוס האָכמאַן (דרעסמאַכער), יאַן טשאַסקאַ (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי).

אָנהויב 1939 איז אַהער געקומען אַ דעלעגאַציע פון דער יידישער אַרבע־

טער־באַוועגונג אין פּוילן — ב. טאַבאַטשינסקי, ע. נאָוואָגרודסקי און י. פּאַט — פאַר אַן אַקציע לטובת דעם „בונד“, לאַנד־ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע און מעדעם־סאַנאַטאָריע. און ווידער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די פאָרשטייער פון די וויכטיקסטע צווייגן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, כדי מיטצוהעלפן אין דער אַקציע. אין יאַנואַר 1939 איז פאָרגעקומען אַ געמיינזאַמע פאַרזאַמלונג פון מיטגלידער פון פאַרבאַנד און פון דער יידישער סעקציע פון דער ס. פּ.. ביידע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אונטער־גענומען צו שאַפן אין ניו־יאָרק 10 טויזנט דאלאר פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און קולטור־אינסטיטוציעס אין פּוילן.

ביידע אָרגאַניזאַציעס פון די יידישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע האָבן שטאַרק געפילט דעם גרויסן שאָדן פון דער צעשפּאָלטנקייט. ס'איז געפאַלן דער פּרעסטיזש, ס'איז איינגעשרומפּן געוואָרן די טעטיקייט. אַ סך האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די סאָציאַליסטישע מלבושים. דער טויט האָט אַרויסגעריסן פון די רייען וויכטיקע וואָרט־זאָגער און טוער, ווי ב. וולאַדעק (1938), א. ליעסין (1938), ה. ליליפּוט־קרעטשמער (1938), פּסח דעמביצער (1937) און אַנדערע.

די 13־טע פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די טעג פון 25—28 נאָוועמבער 1937 אין פּיטסבורג. 88 דעלעגאַטן — פון זיי 59 פון די בראַנטשעס — האָבן זיך באַטייליקט.

דעם טעטיקייט־באַריכט האָט אָפּגעגעבן דער גענעראַל־סעקרעטאַר ב. געבינער. ער האָט קודם אָנגעוויזן אויף דעם אָנטייל פון פאַרבאַנד אין גרינדן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע. אויף דער גרינדונגס־קאָנווענשאָן איז דער פאַרבאַנד געווען רעפּרעזענטירט דורך ס. ריפּקין, נ. כאַנין און ב. געבינער. דער פאַרבאַנד פאַרמאָגט 43 בראַנטשעס — 17 אין ניו־יאָרק און 26 אין אַנ־דערע שטעט. די צאָל גוט־שטייענדיקע מיטגלידער איז 1,500. די צאָל אַבאָ־נענטן פון „וועקער“ איז 3,000. די לעבעדיקסטע און אַקטיווסטע קערפּערשאַפטן זיינען דער ניו־יאָרקער שטאָטישער קאָמיטעט, די ניו־ענגלאַנד ביוראָ אונטער דער לאַנג־יאָריקער אָנפירונג פון ל. אַרקין און דער קאָמיטעט פון שטאַט ניו־דזשוירזי. עס קומען פאָר רעגולערע סימפּאָזיומס. פאַר דער צייט זיינען אַדורכגע־פירט געוואָרן טורן פון מיט־רעדאַקטאָר פון „וועקער“ י. לעווין־שאַצקעס, ב. געבינער און אַב. קאַהאַן. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן און פאַרשפּרייט אַ ריי ביכער און בראָשורן: „ברידער אשכנזי“ פון י. י. זינגער, „מארי אַנטואַנעט“ און „אַזעף“ פון מ. אָשעראָוויטש, קאַרל קאַוטסקיס אַ בראָשור וועגן פאַראייניקטן פראָנט און הלל ראָגאָפס בראָשור „דורך דעמאָקראַ־טיע צום סאָציאַליזם“ צוזאַמען מיט דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע פון דער ס. ד. פעדעראַציע.

דער פאַרבאַנד — האָט באַריכטעט דער סעקרעטאַר — איז אַקטיוו אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און שטיצט די אַקציעס פון „אָרט“. ער באַטייליקט זיך אין די אַקציעס און זאַמלונגען פון די פרייהייטס־קעמפער אין שפּאַניע; ער איז אַקטיוו אין די גרויסע פייערונגען צום 40־יאָריקן יובילייַ פון „בונד“. אַ גרויסע צאָל פאַרבאַנד־מיטגלידער זיינען אַקטיוו אין דער לייבאָר־פּאַרטיי. דאַקעגן האָט דער פאַרבאַנד זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן אין אַזוי־גערופענעם

יידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס די ציוניסטן האָבן אָרגאַניזירט. ער האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין איקוף־קאָנגרעס אין פּאַריז.

י. לעווין־שאַצקעס האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון „וועקער״. הלל ראָגאָף האָט רעפערירט וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין אַמעריקע און ג. כאַנין — וועגן דער יידישער לאַגע אין דער וועלט.

די דעלעגאַטן האָבן אַלע באַרירטע פראַגן לעבהאַפט דעבאַטירט פאַרן אָפּשטימען די רעזאָלוציעס.

אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע וועגן דער יידישער לאַגע ווערט געזאָגט: „מיר וועלן מיט אַלע כוחות העלפן פאַרשטאַרקן די באָיקאָט־באַוועגונג קעגן דייטשלאַנד. מיר פאַרפליכטן זיך אויך צו שאַפן אַזוי פיל פינאַנציעלע שטיצע, וויפיל עס איז נאָר מעגלעך פאַרן יידישן ישוב אין דייטשלאַנד. מיר וועלן שטיצן די סאָציאַליסטישע אונטערערדישע באַוועגונג אין דייטשלאַנד״. און וועגן פוילן און לעטלאַנד: „אין איצטיקן קאַמף קעגן פאַשיזם פאַרנעמט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אונטער דער פאָן פון ׳בונד׳ די וויכטיקסטע פּאָזיציעס. איר קאַמף איז אַ העראָאישער. ער דאַרף קריגן אונזער פולסטע אונטערשטיצונג״. וועגן סאָוועט־רוסלאַנד ווערט געזאָגט, אַז דאָרט איז דאָס „נאָרמאַלע יידישע לעבן פאַרניכטעט געוואָרן״... „בלויז אין אַ פריי רוסלאַנד וועלן אַלע פעלקער, ווי אויך דאָס יידישע פאָלק, האָבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַלע זייערע שאַפונגס־כוחות״... וועגן פּאַלעסטינע: „עס זיינען דאָ צווישן אונז און דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּאַלעסטינע אַ גאַנצע ריי מיינונגס־פאַרשידנהייטן. דאָס שטערט אונז אָבער נישט צו באַטראַכטן די דאָרטיקע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אַלס אַ שוועסטער־אָרגאַניזאַציע. מיר, יידישע סאָציאַליסטן, פאַרפליכטן זיך צו העלפן די יידישע אַרבעטער אין פּאַלעסטינע אין קאַמף פאַר זייערע מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט אויפן זעלביקן אופן, ווי מיר טוען עס בנוגע די יידישע מאַסן אין אַלע אַנדערע לענדער. מיר זיינען פאַראינטערעסירט, אַז די ציוניסטישע אינספּיראַציעס צווישן די יידן אויסער פּאַלעסטינע זאָלן נישט שטערן די יידישע מאַסן אין קאַמף פאַר זייערע סאָציאַלע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס זיי פירן אין די לענדער, וואו זיי וואוינען״. דעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט ווערט איבערגעגעבן צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון אַנדערע לענדער וועגן פראַגן פון עמיגראַציע, יידישע עקאָנאָמישע פאַרשונגען און יידישער קולטור. אויב נויטיק, זאָל מען זען רופן אַ יידישן סאָציאַליסטישן און אַרבעטער־קאָנגרעס.

אַ צווייטע רעזאָלוציע ווייזט אָן אויף דער נויטווענדיקייט צו באַקעמפן די יידישע רעאַקציע. אין אַ ריי לענדער פון מזרח־אייראָפּע האָבן די יידישע רעאַקציאָנערע עלעמענטן, באַזונדערס די אָרטאָדאָקסישע אגודה, צוגעהאָלפן דער אַלגעמיינער רעאַקציע.

די קאָנווענשאָן האָט באַגריסט דאָס אַנטשטייען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע — „די מוטער־אָרגאַניזאַציע״ פון פאַרבאַנד — און גערופן די מיטגלידער צו אַקטיווער צוזאַמענאַרבעט מיט איר. גלייכצייטיק איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע פאַר אַ שלום צווישן דער ס. ד. פעדעראַציע און דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. די רעזאָלוציע דערקלערט: „די שפּאַלטונג

אין דער ס. פּ. מיט 2 יאָר צוריק איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון טיפע חלוקי־דעות איבער פונדאַמענטאַלע סאָציאַליסטישע פראַגן. די סאָצ. פּאַרטיי האָט אָנערקענט, אַז דער וועג צום סאָציאַליזם איז דורך דיקטאַטור, און דאָס איז דער עיקר נישט פון סאָציאַליזם, נאָר פון קאָמוניזם"... „די ס. ד. פּ., ווי אויך דער פאַרבאַנד, זיינען היינט מער ווי אַלע מאָל איבערצייגט אין דעם אמת און ריכטיקייט פון די פּרינציפּן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אין דער פראַגע קענען קיין שום קאָמפּראָמיסן נישט געמאַכט ווערן. אויב די ס. פּ. האָט צוליב אַ גאַנצע ריי אומשטענדן געענדערט איר מיינונג אין דער פראַגע פון דיקטאַטור און מיינט, אַז פאַר איר איז איצט געשאַפן געוואָרן אַ מעגלעכקייט צו פאַראייניקן אַלע סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין לאַנד אַרום דעם דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם, זיינען מיר זיכער, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע עלעמענטן אין לאַנד וועלן דעם פאַקט באַגריסן. די קאָנווענשאָן דערקלערט, אַז דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד איז אַ טייל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע און במילא דאַרפן שלום־אונטערהאַנדלונגען געפירט ווערן דורך דער פעדעראַציע".

ס'איז באַגריסט געוואָרן די טענדענץ צו שאַפן לייבאָר־פּאַרטייען אין איניקע שטאַטן. די אָנגענומענע רעזאָלוציע דריקט אויס די האָפענונג, „אַז אין דער צוקונפט וועט די לאָגיק פון קלאַסן־קאַמף און דער געזונטער קלאַסן־געפיל פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אין דער לייבאָר־פּאַרטיי, פאַרוואַנדלען זי אין אַ פּאָליטישע פּאַרטיי פון אַבסאָלוטער זעלבשטענדיקער פּאָליטישער אַקציע".

אין אַ רעזאָלוציע וועגן סאָוועט־רוסלאַנד ווערט געזאָגט: „פאַר די 20 יאָר הערשאַפט פון די קאָמוניסטן אין רוסלאַנד האָט די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג געמאַכט גרויס פאָרטשריט. דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די פאָלקס־מאַסן האָט זיך פאַרבעסערט. צום באַדויערן אָבער איז די דיקטאַטור אין רוסלאַנד נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, פאַרקערט"... „אַ כוואַליע פון בלוטיקן טעראָר" פאַרגיסט דאָס לאַנד. „די דיקטאַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד איז אַ געפאַר נישט בלויז פאַר די דערגרייכונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע, נאָר אויך פאַר דער סאָציאַליסטישער און פרייהייטס־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט"... „די קאָנווענשאָן שטעלט פעסט, אַז דער וועג צום סאָציאַליזם ליגט נאָר דורך דעמאָקראַטיע, אַז סאָציאַליזם קען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דאָרטן, וואו די פרייהייט הערשט אין דעם פולסטן זין פון וואָרט. סאָציאַליזם אָן פרייהייט איז קיין סאָציאַליזם נישט. די קאָנווענשאָן האָפט, אַז די אינערלעכע לאַגע אין רוסלאַנד גופא און די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע וועלן דאָך צווינגען די סאָוועטישע רעגירונג איינצופירן דעמאָקראַטיע אין לאַנד און מיט דעם געבן אַן אומגעהויערן שטויס פאָרויס די סאָציאַליסטישע און אַרבעטער־באַוועגונג פון דער גאַנצער וועלט און פאַרשנעלערן דעם זיג פון סאָציאַליזם".

ווייטער זיינען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס: א) צום 40־יאָריקן יובילֵיי פון „בונד"; ב) פאַר שטיצן דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט; ג) פאַר העלפן דעם „אָרט"; ד) דער פאַרבאַנד זאָל זיך פאַרנעמען מיט פאָרשן און פּראַקטיש טון אויפן געביט פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּראָבלעמען ביי יידן; ה) קעגן דעם וועלט־פאַשיזם און פאַר די שפּאַנישע פרייהייטס־קעמפער;

ו) פּאַר אַ שלום צווישן ביידע פֿאַראייניקונגען פון די טרייד־יוניאָנס — דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר און סי. אַי. אָ.; ז) וועגן אַ ריי אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן.

לסוף האָט די 13־טע קאָנווענשאָן אויסגעוויילט אַ נייעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אַריין: מ. י. אַשביז, ה. בערגער (פילאַדעלפיע), ד. בראַגינסקי (פילאַדעלפיע), ה. בערנשטיין (נואַרק), פּ. בלאַק, ר. גוסקין, ב. געבינער, מ. גאַפּט, מ. ווײנשטיין, מ. טיגעל, נ. כאַנין, י. לעווין־שאַצקעס, ה. ליליפּוט־קרעטשמער, י. לעווענטאַל, י. מינקאָף, ב. מאָזער, דר. ל. פאָגעלמאַן, ל. קלוקאָווסקי, ס. ריפקין, ד. שוב, א. שענקין. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט אויסגעקליבן ס. ריפקין אַלס פּאָרזיצער, ב. געבינער — סעקרעטאַר, י. לעווין־שאַצקעס — רעדאַקטאָר פון „וועקער". אין רעדאַקציע־קאָלעגיע זיינען אַריין: פּ. בלאַק, ב. געבינער, נ. כאַנין, ה. ליליפּוט, י. לעווין־שאַצקעס און ס. ריפקין.

אין די טעג פון 28—30 מאַי 1938 איז פאָרגעקומען אַ סעסיע פון פּאַרטיי־ראַט פון פאַרבאַנד. עס זיינען געקומען 77 דעלעגאַטן. דער באַריכט־אָפּגעבער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, ב. געבינער, האָט געזאָגט, אַז די אָנפירונג קען זיך „נישט באַרימען מיט גרויסע אויפטוען. שולדיק אין דעם זיינען אָבער די ספּעציעלע אומשטענדן און אויך די אַנדערע קערפּערשאַפטן, מיט וועלכע מיר זיינען פאַרבונדן. אָט די קערפּערשאַפטן האַלטן, אַז מאַסן־אַרויסטרעטונגען זיינען נישט שטענדיק נויטיק. מיר טיילן נאַטירלעך נישט זייער מיינונג און מיר וואַרפן דאָס אָפּ, דאָס שטערט אונז אָבער צוצוקומען צו די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. מיט דעם דערקלערט זיך אונזער באַשיידענער דערפאָלג אין אַ סך וויכטיקע אַרבעט־אָנגעלעגנהייטן און פּאָליטישע אַקציעס". ער רעכנט אויס אַ ריי טעטיקייטן און זאָגט דערביי, אַז אַ געוויסע צייט האָבן די מיליטאַנטן און אַנדערע שטאַרק געשטערט. די צאָל מיטגלידער האָט זיך נישט פאַרקלענערט, פיל אַוועקגעגאַנגענע מיטגלידער זיינען צוריקגעקומען. די פינאַנציעלע לאַגע איז אַ שווערע. די טרייד־יוניאָנס באַציען זיך קאַלט צום פאַרבאַנד. די אָרגאַניזאַציע האָט געהאָלפן גרינדן די צענטראַלע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע (ציקאָ), וואָס איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1938 לויט דער איניציאַטיוו פון יידישע סאָציאַליסטן, און זי איז געווען אַקטיוו אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און אין דער לייבאָר־פּאַרטיי פון ניו־יאָרק. דער באַריכט־אָפּגעבער האָט אויך אינפאָרמירט, אַז צווישן די פאַרבאַנד־מיטגלידער איז פאַראַן אַ שטאַרקע שטימונג פאַר ווידער־פאַראייניקן זיך מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

י. לעווין־שאַצקעס האָט באַריכטעט פון דער „וועקער"־רעדאַקציע און דערביי איבערגעגעבן, אַז אין די לעצטע חדשים איז דער טיראַזש געשטיגן אויף 25 פּראָצענט.

נאָך דעם ווי פיל דעלעגאַטן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן אַ ריי אַקטועלע פראַגן, האָט דער פּאַרטיי־ראַט אָנגענומען אייניקע באַשלוסן.

אַ וויכטיק אָרט צווישן זיי האָט פאַרנומען די פראַגע פון דיסציפּלין. אין שייכות מיטן „געווערקשאַפטן קאַמפּיין" פאַר דער הסתדרות האָבן אַ ריי מיטגלידער געהאַנדלט נישט אין הסכם מיט דער שטעלונג פון פאַרבאַנד. ס'זיינען אויך געווען אַנדערע פאַלן, וואו מיטגלידער האָבן פאַרגעסן, אַז אָרגאַניזאַציע־באַשלוסן פאַרפליכטעט אויך זיי. אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע ווערט גע־

זאָגט, אַז ס'איז נויטיק „איינצופירן שטרענגע דיסציפּלין פאַר אַלע מיטגלידער פון פאַרבאַנד, אומאָפּהענגיק פון דעם וואָסערע נידעריקע אָדער הויכע אַמטן זיי זאָלן נישט פאַרנעמען אין פאַרבאַנד אָדער אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס"... „אַלע פאַרבאַנד־מיטגלידער זיינען מחויב אין די אַנטשפּרעכנדיקע אָרגאַניזאַציעס צו האַנדלען שטרענג לויט די פּרינציפּן פון פאַרבאַנד. אַ טעטיקייט אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס קען פון פאַרבאַנד־מיטגלידער געפירט ווערן בלויז אין הסכם מיט די פּרינציפּן און דירעקטיוון פון פאַרבאַנד. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט דאַרף שטרענג אָפּהיטן די דיסציפּלין און נישט אָפּשטעלן זיך פאַר דער שטרענגסטער פאָרם פון רעאַגירן אין פאַלן פון דיסציפּלין־ברוך, כדי מיט דעם צו באַווייזן, אַז די דיסציפּלין איז נישט בלויז אַ פאָרמאַליטעט".

אין אַ צווייטער רעזאָלוציע ווערט פעסטגעשטעלט, אַז דער פאַקט וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע שטייט מחוץ דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, „איז איינע פון די סיבות, וואָס ווירקן נעגאַטיוו אויף דעם וואוקס, אַנטוויקלונג און פּרעסטיזש פון אונזער באַוועגונג"... מ'דאַרף זיך באַמיען, אַז „דאָס אָנשליסן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל זאָל פאָרקומען וואָס גיכער".

דער פּאַרטיי־ראַט האָט אויך גערופן נישט צו באַטייליקן זיך אין די געפּלאַנטע וואַלן און רעפערענדום פון „יידישן קאָנגרעס" און אויפגעפאָדערט צו שטיצן דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט.

שרייבנדיק וועגן פאָרגעקומענעם פּאַרטיי־ראַט, האָט די רעדאַקציע פון „וועקער" געגעבן אַזאַ אָפּשאַצונג: „מיר פאַרשטייען זייער גוט וועלכע אומשטענדן, וועלכע טיפע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיבות עס האָבן געבראַכט צו דעם, אַז אונזער באַוועגונג זאָל זיין געצוואונגען איינצושרומפּן איר טעטיקייט אויפן געביט פון עפנטלעכע פּאָליטישע אַקציעס, אָבער עס איז אונזער שטאַרקסטע אַמביציע צו ווירקן מיט אַלע מיטלען און טראַכטן אַלע שטערונגען, אַז די סאָציאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג, אַז דער סאָציאַליסטישער צוגאַנג זאָל אַריינדרינגען אין אַלע געביטן פון אַלגעמיינעם און פון יידישן אַרבעטער־לעבן"... דער קאָמוניסטישער באַוועגונג דאַרף מען אַנטקעגנשטעלן אַ פּאָזיטיוו סאָציאַליסטיש פּראָגראַם. די ס. פּ. „באַקערט זיך גאַנץ שנעל צו די פּרינציפּן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע".[217]

דער פאָרזיצער פון פאַרבאַנד ס. ריפקין האָט די הויפּט־שטערונג פון דער סאָציאַליסטישער טעטיקייט געזען אין דער שטעלונג פון די יוניאָן־פירער. אויף אַ שטאַטישער קאָנווענשאָן פון דער ניו־יאָרקער פאַרבאַנד־אָרגאַניזאַציע, יוני 1938, האָט ער דערקלערט, אַז די סאָציאַליסטן טרעפן אָן אין די יוניאָנס אויף אַן אייזערנער וואַנט. „אַמאָל — האָט ער געזאָגט — זיינען די פירער פון די יוניאָנס אַליין געווען ערנסטע סאָציאַליסטן. היינט איז עס אַנדערש. היינט רעדט מען בלויז אין די יוניאָנס וועגן אַ פּעני מער אָדער ווייניקער. דער פאַרבאַנד שטייט איצט פאַר דער אויפגאַבע דורכצוברעכן אָט די אייזערנע וואַנט"... „מיר מוזן מאַכן די אַרבעטער קלאַסן־באַוואוסט".

און אַזוי ווי די יוניאָנס האָבן דאָמינירט אין דער ניו־יאָרקער לייבאָר־פּאַרטיי האָט זי אויך געמוזט ברענגען אַנטוישונג צו די יידישע סאָציאַליסטן. דער

זעלבער ריפקין האָט אין זיין עפענונגס־רעדע פון פּאַרטיי־ראַט פון פאַרבאַנד, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 17—18 יוני 1939 דערקלערט: „מיר האָבן זייער אַ סך האָפענונגען געלייגט אויף דער לייבאָר־פּאַרטיי. מיר האָבן געהאָפט, אַז זי וועט ווערן דער אינסטרומענט פון זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער אַקטיווקייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס. לײדער האָבן זיך די דאָזיקע האָפענונגען נישט באַרעכטיקט".

דער פאַרבאַנד־סעקרעטאַר י. לעווין־שאַצקעס האָט אויף דער דאָזיקער סעסיע פון פּאַרטיי־ראַט אָפּגעגעבן דעם באַריכט פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט און פון „וועקער". ער האָט געגעבן אַ בילד פון דער טעטיקייט, וואָס ווערט אויסגעפירט בעיקר פון אַ קליינער גרופּע איבערגעגעבענע חברים. מ׳האָט אַ סך געטון אין דער ריכטונג פון פאַראייניקן די צעשפּאָלטענע סאָציאַליסטישע טיילן. „פון צושטאַנד פון קריג — האָט געזאָגט דער באַריכט־אָפּגעבער — זיינען מיר אַריבער צו דעם צושטאַנד פון געוויסער דערנענטערונג, הויפּטזעכלעך אויף דער יידישער גאַס". די שולד פאַרוואָס די פאַראייניקונג איז נאָך נישט פאַרגעקומען, האָט ער אַרויפגעלייגט אויף דער ס. פּ..

נ. כאַנין האָט רעפערירט וועגן דער לאַגע אין דער ס. ד. פעדעראַציע, לייבאָר־פּאַרטיי און אין די יוניאָנס. וועגן דער לייבאָר־פּאַרטיי האָט ער געזאָגט, אַז זי „איז נישט אַוועק אין דער ריכטונג פון זעלבסטשטענדיקער אַרבעטער־פּאָליטיק. פון איין זייט האָט זי זיך צופיל אָפּגעגעבן מיט זוכן באַלדיקע פּאָליטישע פּאָזיציעס פאַר יעדן פּרייז, און פון דער צווייטער זייט האָט זי געוואָלט לעבן גוט מיט די קאָמוניסטן. די לעצטע האָבן עס אויסגענוצט און באַמיען זיך צו פאַרוואַנדלען די לייבאָר־פּאַרטיי אין אַן אינסטרומענט פאַר זייערע צוועקן. מיר האָבן אָבער בשום אופן נישט בדעה צו פאַרלאָזן די לייבאָר־פּאַרטיי אָדער זי שפּאַלטן. מיר דאַרפן זיך באַמיען איר העלפן צו באַפרייען זיך פון די טעותן און זאָרגן, אַז זי זאָל גיין אין דער ריכטונג פון אַ זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי פון דעם אַרבעטער־קלאַס".

נאָך אַ ברייטן מיינונגס־אויסטויש וועגן די אָנגעוויטאָגטע פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג האָט דער פּאַרטיי־ראַט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע פאַר צוריק פאַראייניקן ביידע סאָציאַליסטישע פליגלען אויף אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַזע. עס ווערט אויסגעדריקט דער פאַרלאַנג ווייטער צו פירן די פאַראייניקונגס־אונטערהאַנדלונגען, אָבער דערווייל זאָל געשאַפן ווערן אַ צווישן־פּאַרטייאישער קאָמיטעט פון דער ס. ד. פ. און ס. פּ. „פאַר געמיינזאַמער האַנדלונג און אַקציע אין די פאַלן, ווען ביידע פּאַרטייען קענען גיין צוזאַמען". אַ רעזאָלוציע האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַ פאַראייניקטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן אין די יוניאָנס.

אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע וועגן דער יידישער לאַגע ווערט געזאָגט, אַז „די צוקונפט פון די יידישע מאַסן און דער גורל זייערער איז פאַרבונדן מיט דער צוקונפט פון די פעלקער און לענדער אין וועלכע זיי לעבן, אַרבעטן און שאַפן. דעריבער איז דאָס קאַמפס־פעלד פון די יידישע מאַסן אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם קאַמפס־פעלד פון די לענדער און פעלקער פון דער וועלט — דאָס קאַמפס־פעלד פאַר גערעכטיקייט, פאַר דעמאָקראַטיע און פאַר אַ נייער סאָציאַלער אָרדנונג". שילדערנדיק די שווערע לאַגע פון די יידן, וואָס

ווערן פֿאַרפֿאָלגט און געפּייניקט דורכן פֿאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, ווערט פּראָטעסטירט קעגן „ווייסן פּאַפּיר“ פֿון ענגלאַנד, וואָס האָט באַגרענעצט די איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע, ווי אויך „קעגן דער צביעותדיקער פּאָליטיק פֿון אַנדערע מדינות, וועלכע באַציִען זיך אַזוי גלייכגילטיק צו דעם גורל פֿון די היימלאָזע קרבנות פֿון פֿאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם. גלייכצייטיק — זאָגט ווייטער די רעזאָלוציע — דריקן מיר אויס אונזער געפֿיל פֿון טיפֿער אָנערקענונג צו די דעמאָקראַטישע מדינות, וועלכע האָבן וויניקסטנס געמאַכט געוויסע אָנשטרענגונגען צו קומען אַנטקעגן און געבן אַ היים די פֿאַרצווייפֿלטע, היימלאָזע מאַרטירער. עס מוז ווערן די פֿאָדערונג פֿון אַלע דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע כּוחות צו עפֿענען די טויערן פֿאַר די פֿאַרוואָגלטע און היימלאָזע. די דאָזיקע פֿאָדערונג מוז זיך באַציִען צו פּאַלעסטינע, פּונקט אַזוי ווי צו אַלע אַנדערע לענדער“.

דער פּאַרטיי־ראַט האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן דער לייבאָר־פּאַרטיי — צו פֿאַרהיטן זי פֿון אַריינפֿאַלן אין קאָמוניסטישע הענט, צו זאָרגן, אַז די פּאַרטיי זאָל פֿירן אַ זעלבשטענדיקע אַרבעטער־פּאָליטיק און פֿאַר אַ פֿאַר־מער־לייבאָר־פּאַרטיי אין לאַנד־מאַסשטאַב. רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן פֿאַר דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע איז באַצייכנט געוואָרן, ווי אַן אימפּאָרטירטע פֿאַשיסטישע סחורה פֿון אייראָפּע.

דער פּאַרטיי־ראַט, וואָס האָט אויסגעהערט אַ רעדע פֿון ע. נאָוואָגרודסקי, דעם פֿאָרשטייער פֿון דער יידישער אַרבעטער־דעלעגאַציע אין פּוילן, האָט באַשלאָסן צו רופֿן אַלעמען צו העלפֿן ווירקזאַם דער אַקציע, וואָס די דעלעגאַציע פֿירט. ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ וואַרעמע באַגריסונג פֿאַרן „בונד“ אין פּוילן און אַ דערמוטיקונג אין זיין שווערן קאַמף.

מיטן אָננעמען רעזאָלוציעס וועגן „אָרט“ און אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגן, האָט זיך דער פּאַרטיי־ראַט פֿאַרענדיקט.

דער טייל יידישער סאָציאַליסטן, וואָס האָט בעת דער פּאַרטיי־שפּאַלטונג זיך אָפּגעטיילט פֿון פֿאַרבאַנד און געבילדעט די יידישע אָפּטיילונג פֿון דער ס. פּ., האָט געפֿירט אַ באַזונדערע טעטיקייט. דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר פֿון די יידישע ס. פּ. ברענטשעס איז פֿאָרגעקומען אין די טעג פֿון 25—27 דעצעמבער 1936 אין ניו־יאָרק. דער דאָזיקער צוזאַמענפֿאָר האָט געגרינדעט די יידישע אָפּטיילונג פֿון דער ס. פּ. און דערקלערט „די סאָציאַליסטישע שטימע“ פֿאַר איר אָפֿיציעלן אָרגאַן. דער צוזאַמענפֿאָר האָט אין אַ ריי באַשלוסן פֿעסטגעשטעלט די באַציִאונג צו אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. ס'איז באַשטימט געוואָרן, אַז מ'זאָל זיין אַקטיוו אין אַרבעטער־רינג און אין דער יידיש־וועלטלעכער שול־באַוועגונג, מיט די רעכטע פּועלי־ציון זאָל מען נישט צוזאַמענאַרבעטן, דאַקעגן מיט די לינקע פּ. צ. וועט זיין מעגלעך אַ צוזאַמענאַרבעט אין פֿיל פֿאַלן. הגם דעם יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע דאַרף מען נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, מוז מען אָבער באַקעמפֿן די רעאַקציאָנערע ציוניסטישע אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק, ווי אויך די פֿאַלשע גענג פֿון הסתדרות. די קאָנווענשאָן האָט פֿאַרנומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו ביראָ־בידזשאַן און אַ נעגאַטיווע צום „איקאָר“, וואָס איז באַהערשט פֿון די קאָמוניסטן. דאָס צענטראַל־ביוראָ פֿון דער יידישער אָפּ־

טיילונג האָט זיך געווענדט צו דער אָנפירונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי נישט צו פאַרנעמען קיין שטעלונג צו קיין פראַגע, וואָס טראָגט אַ ספּעציפיש ייִדישן כאַראַקטער, אָדער אונטערהאַנדלען מיט אַנדערע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס איידער זי וועט זיך ווענדן דעם באַראַטן מיטן צענטראַל־ביוראָ. די באַשלוסן, וואָס דער צוזאַמענפאָר פון דער ייִדישער אָפּטיילונג נעמט אָן, זאָלן נאָכן באַ־שטעטיקט ווערן דורכן נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער ס. פּ. ווערן די אָפיציעלע באַשלוסן פון דער פּאַרטיי און זאָלן זיין פאַרפליכטנדיק פאַר אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער.

דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער ייִדישער אָפּטיילונג איז פאָרגעקומען אין דער ערשטער העלפט מערץ 1938. ס'זיינען געווען 23 דעלעגאַטן פון ניו־יאָרק און 11 פון אַנדערע שטעט. די קאָנווענשאָן האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר פאַראייניקן אַלע סאָציאַליסטישע טיילן און פאַרן אַריינטריט פון דער ס. פּ. אין די לייבאָר־פּאַרטייען. אַ רעזאָלוציע האָט פעסטגעשטעלט, אַז „די ייִדישע אָפּטיילונג איז פאַר העלפן דער ייִדישער אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע", מ'טאָר אָבער די ייִדישע אַרבעטער פון פּאַלעסטינע נישט שטעלן העכער פון די ייִדישע אַרבעטער אין אַנדערע לענדער. דעריבער איז נישט באַרעכטיקט די הילף, וואָס מ'גיט דער הסתדרות אויסער יעדער פּראָ־פּאָרץ צו דער צאָל און נויט און איז נישט גערעכט צו די באַדערפענישן פון די ייִדישע אַרבעטער אין די אייראָפּעאישע לענדער. מחמת דעם איז די ייִדישע אָפּטיילונג קעגן דעם „געווערקשאַפטן קאַמפּיין".

דעם 10—12 פעברואַר 1939 איז פאָרגעקומען דער דריטער צוזאַמענפאָר פון דער ייִדישער אָפּטיילונג. געווען זיינען 45 דעלעגאַטן. די צאָל ברענטשעס אירע איז געווען 13 און די צאָל מיטגלידער — 400; פון זיי — 160 מיטגלידער אין ניו־יאָרק און די רעשט אין שיקאַגאָ, פּאַסייק, דעטראָיט, פילאַדעלפיע, פּיטסבורג און לאָס אַנדזשעלעס. אויף דעם דריטן צוזאַמענפאָר זיינען באַהאַנדלט געוואָרן פאָלגנדיקע פראַגן: ייִדישע עמיגראַציע און פּאַלעסטינע (רעפערענט דוד מייער); וועגן פאַראייניקונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג (ש. ווייס); ייִדישע קולטורעלע טעטיקייט (יעקב לעווין) און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן.

נאָכן דריטן צוזאַמענפאָר האָט דאָס צענטראַל־ביוראָ זיך קאָנסטיטויִרט מיט דוד מייער אַלס פאָרזיצער (אויך פריער פאַרנומען דעם אַמט), יעקב לעווין — וויצע־פאָרזיצער, מ. מאַטלין — סעקרעטאַר (ביז יוני 1938 האָט דעם אַמט פאַרנומען ה. סאָבאַטקאָ), נ. פיינערמאַן — קאַסירער און ש. ווייס — רעדאַקטאָר פון „די סאָציאַליסטישע שטימע". די דאָזיקע חודש־שריפט האָט געהאַט אַ טיראַזש פון 2 טויזנט עקזעמפּלאַרן. אין רעדאַקציע־קאָלעגיע האָבן אין פאַרשידענע ציינט אַחוץ דעם רעדאַקטאָר ש. ווייס געהערט: דוד מייער, יעקב לעווין, ה. סאָבאַטקאָ, מ. ד. אַלטער, ל. קלינג, מ. מאַטלין און נ. פיינערמאַן.

ס'זיינען אַדורך די זומער־חדשים פון יאָר 1939 און די מענטשהייט איז אַריין אין אַ נייער תקופה. די ערשטע בלעטער פון אָט דער נייער געשיכטלעכער צייט זיינען שוין געשריבן געוואָרן מיטן בלוט פון מיליאָנען לעבנס. און אַמ־שטאַרקסטן איז דער בלוט־אָדער געשניטן געוואָרן ביים ייִדישן פאָלק.

27. אין דער צווייטער וועלט-מלחמה

געפּערלעכע שטימונגען.—באַציאונגען פון סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן צום קריג.—סטאַלין־היטלער־פּאַקט.—העלפן דעם אַנטי־היטלערישן פראָנט.—שאַרפע אַרויסטרעטונג פון פאַרבאַנד קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און קעגן דער ס. פּ.—די יידישע סעקציע פון ס. פּ. טרעט אַריין אין פאַרבאַנד.—סאָוועט־רוסלאַנד אַ שותף אין קאַמף.—אַלזייטיקע הילף אָבער קיין שום אידייאישע קאָנ־צעסיעס.—אַמעריקע אין קריג.—דאָס אומברענגען די יידן אין אייראָפּע.—שוואַכער אָפּקלאַנג.—נישט אויף דער הויך פון דער היסטאָרישער אויפגאַבע.—ערליך־אַלטער־מאָרד.—פון לייבאָר־פּאַרטיי צו ליבעראַלער פּאַרטיי.—די אָנשטרענגונגען פון פאַרבאַנד.

פון דער ערשטער רגע אָן האָבן די יידישע סאָציאַליסטן געהאַט אַ קלאָרע שטעלונג צו דער צווייטער וועלט־מלחמה: שטיצן מיט אַלע כוחות די פאַרבינדעטע דעמאָקראַטישע מלוכות קעגן נאַצי־דייטשלאַנד, מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען צו געווינען די מלחמה. מ׳האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז פאַרשפּילן באַדייט חורבן פון יידישן פאָלק און פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויף דור־דורות.

נאָך דעם ווי היטלערס אַרמייען זיינען באַפאַלן פּוילן, האָט דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד מאָביליזירט זיינע קרעפטן און די נאָנט־שטייענדיקע קרייזן, כדי קלאָר צו מאַכן דער יידישער באַפעלקערונג וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט און וואו עס דאַרפן זיין אירע סימפּאַטיעס און אַקטיווע מיט־הילף. פון אַלע זייטן האָבן געלויערט געפערלעכע שטראָמען, וואָס האָבן געקענט אַרייננברענגען אַ צעמישונג אין די יידישע מוחות און הערצער, אויס־קרימען זייערע געדאַנקען און בליקן. קודם די ווייטקייט פון אייראָפּע און די אַלגעמיינע איזאָלאַציאָניסטישע שטימונגען אין אַמעריקע. מ׳האָט געקענט זאָגן: אונזער הייזל שטייט פון ווייטן, וואָס אַרט אונז פאַר לייטן.

אויף דער אַרבעטער־גאַס זיינען געווען נאָך געפערלעכערע שטראָמען. דער סטאַלין־היטלער פּאַקט האָט איבערנאַכט פאַרוואנדלט די קאָמוניסטן אין אַקטיווע מיטהעלפער פון היטלער־דייטשלאַנד. קנאַפּע 2 יאָר — פון סעפּטעמבער 1939 ביז דעם 22 יוני 1941 — האָט די סאָוועטישע רעגירונג געליפערט נויטיקע מאַטעריאַלן פאַר היטלערס קריג־מאַשין און געגעבן דיפּלאָמאַטישע, פּראָפּאַ־גאַנדיסטישע און אַנדערע ממשותדיקע הילף פאַר די נאַציס. די אָנגעזעענסטע קאָמוניסטישע וואָרט־זאָגער האָבן געזונגען הימנען פאַרן נאַציזם און פאַר־דעקט זיינע פאַרברעכנס. די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין נאַצי־אָקופּירטן אייראָפּע האָט געוואָרפן לאָזונגען נישט קעגן די בעסטיאַלישע נאַצי־מערדער, נאָר קעגן „ענגלישן אימפּעריאַליזם״. אויך דאָ אין אַמעריקע איז נישט געווען אַנדערש. אויך די יידישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן גאַנץ גוט געוואוסט וואָס די נאַציס טוען אָפּ מיט זייער פאָלק, זיינען נישט געווען קיין אויסנאַם. אַזוי ווייט איז ביי זיי שוין געווען פאַרלוירן יעדע שכלדיקע און מאָראַלישע מאָ־

טיווירונג פון זייער פאַרבינדונג מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. און די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט געאַרבעט מעשים, כדי אויסצוקרימען די מוחות פון ברייטן עולם און די עמפּערונג ווענדן אין אַ פאַלשער ריכטונג.

און פון נאָך אַ זייט איז געווען אַ געפאַר — פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע, וואָס האָט פאַרנומען אַ פּאַציפיסטישע שטעלונג צו דער מלחמה און געוואָלט אַנווענדן אַ נייטראַליסטישע אָדער איזאָלאַציאָניסטישע טעאָריע פון ערשטן וועלט־קריג צום קאַמף אויף לעבן און טויט מיט היטלערן.

אין זיין שטעלונג צו דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער יידישער סאָציאַליסטישער לאַגער פון פאַרבאַנד, אַרבעטער־רינג, „פאָרווערטס" און יידישע יוניאָנס אויך געהאַט די שטיצע פון איינצלע יידישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן צוליב דעם סטאַלין־היטלער־פּאַקט איבערגעריסן מיט דער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי, ווי אויך פון כמעט דער גאַנצער יידישער סעקציע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. מיט שטאַרקער איבערצייגונג־קראַפט, וואָס איז געקומען פון אייגענער דערפאַרונג און פאַרשאַרפטער פּילבאַרקייט, האָבן דעם היגן יידישן סאָציאַליסטישן לאַגער אונטערגעשטיצט געראַטעוועטע בונ־דיסטן מיט די וועטעראַנען נח און וולאַדימיר קאָסאָווסקי בראש, וועלכע האָבן אין 1940 און 1941 פאַרלאָזט די מיט בלוט אַנגעזאַפּטע ערד, וואו עס האָט געהערשט דער גייסט פון דער טמאדיקער סטאַלין־היטלערישער אַליאַנס. אין זייער חודש־אָרגאַן „אונזער צייט" האָבן זיי סיסטעמאַטיש געוועקט און געמאָנט, אַרגומענטירט און געפאָדערט און דערציילט, וואָס עס ווערט אָפּגעטון מיט די יידן אין מזרח־איראָפּע.

אין ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט האָט דער פאַרבאַנד דורכגעפירט פּראָ־טעסט־מיטינגען קעגן סטאַלין־היטלער אָפּמאַך. לויט דער איניציאַטיוו פון פאַרבאַנד, איז דעם 29 אויגוסט 1939 פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון פאַר־שטייער פון די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. מ'האָט באַהאַנדלט די פראַגע פון פירן אַ געמיינזאַמע אַקציע צווישן די יידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־מאַסן קעגן דעם אומדערהערטן פאַראַט, וואָס די קאָמוניסטן זיינען באַגאַנגען מיט דעם סטאַלין־היטלער פּאַקט. די באַראַטונג האָט אָנגענומען אַ באַשלוס צו מאָ־ביליזירן זיך אין קאַמף קעגן היטלעריזם און סטאַליניזם. די לאָזונג איז געווען: „סטאַלין איז דער שותף פון היטלערן, און די שותפים פון סטאַליניזם זיינען דעריבער די שותפים פון היטלעריזם". מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז לויט דער איניציאַטיוו פון פאַרבאַנד געשאַפן געוואָרן אין ניו־יאָרק אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ראַט פון יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס מיטן ציל צו קעמפן קעגן דער קאָמוניסטישער השפעה און פאַרשטאַרקן די סאָציאַליסטישע פּאָזי־ציעס אויף דער יידישער גאַס. צום ראַט זיינען צוגעשטאַנען דער אַרבעטער־רינג, די יידישע געווערקשאַפטן, דער פאַרבאַנד, די „פאָרווערטס"־אַסאָסיאיי־שאַן און אַ ריי יוניאָן־טוער.

אויף דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, אַז סטאַלין האָט געראַטעוועט אַ גרויסן טייל פון די יידן, האָט דער פאַרבאַנד־אָרגאַן געענטפערט:

„אַ מיליאָן יידן האָט סטאַלין געראַטעוועט. פון די דריי און אַ האַלבן מיליאָן יידן, וואָס סטאַלין האָט פאַראורטיילט אויף פאַרוויסטונג און טויט האָט ער איין מיליאָן יידן באַגנעדיקט: ער האָט זיי פאַרביטן די טויט־שטראָף

אויף לעבנס־לענגלעכע תפיסה, אויף פּאַמעלעכדיקן טויט, אויף לאַנגזאַמען חורבן. זייער בלוט וועט מען נישט פאַרגיסן מיט אַמאָל, נאָר מיט רחמנות — טראָפּנווייז. אָדער אפשר וועט מען גאָר זייער בלוט נישט פאַרגיסן: מען וועט זיי דערשטיקן״.[218]

אין זעלבן אַרטיקל ווערט אויך פאַרנומען אַ שטעלונג צו דער פראַגע פון אַמעריקעס אַריינטריט אין קריג. הגם דער פאַרבאַנד איז געווען אַקטיוו פאַר שטיצן די דעמאָקראַטישע מלוכות, האָט ער אָבער דעמאָלט נאָך נישט געוואָלט, אַז אַמעריקע זאָל זיין דירעקט מיטבאַטייליקט. קיינער וויל נישט — זאָגט דער לייט־אַרטיקל פון „וועקער״ — אַז „אַמעריקע זאָל גיין אין מלחמה. און ווייל מען וויל דאָס נישט, מוז מען טון אַלץ, כדי די מלחמה זאָל נישט קומען אין אַמעריקע. און זי מוז קומען, ווען עס וועלן נישט אָנגענומען ווערן די נויטיקע מיטלען צו העלפן צעברעכן די יעניקע, וועלכע האָבן די מלחמה גורם געווען״. די רעדאַקציע טרעט אַרויס קעגן „די סאָציאַליסטישע תמעוואַטע טאָמאַסיסטישע פּאַציפיסטן, וועלכע קענען נאָך אַלץ נישט באַנעמען וואָס פאַר אַן אונטערשיד עס איז פאַראַן צווישן די איצטיקע קעמפנדיקע צדדים אין אייראָפּע״... „קיינער טאָר נישט בלייבן גלייכגילטיק, קיינער טאָר נישט בלייבן נייטראַל״.

דער פאַרבאַנד האָט געפירט אַ שאַרפן קאַמף קעגן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און בפרט קעגן איר פירער נאָרמאַן טאָמאַס פאַר דער פּאַציפיסטישער שטעלונג. „דורך דריי קאַנאַלן — האָט געשריבן די רעדאַקציע פון „וועקער״ — ווערט פאַרגיפטעט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג: דורך דעם לינדבערגיזם, דעם סטאַליניזם און דעם טאָמאַסיזם. די דאָזיקע דריי־אייניקייט פון די באַוואוסט־זיניקע פאַרעטער פון רעכטס און פון לינקס מיט די אומבאַוואוסטזיניקע פאַרעטער אין מיטן האָט צווישן זיך אַ נישט־געשריבענעם אָפּמאַך אַרונטער־צורייסן אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער מאָביליזאַציע פון די פיזישע און גייסטיקע כוחות אין אַמעריקע פאַר דער הילף צו ענגלאַנד, צו גריכנלאַנד, צו כינע — צו די אַלע כוחות, וואָס גייען אָפּ מיט בלוט אין קאַמף קעגן דער דיקטאַטאָרישער אַקס״.[219]

דעם 30טן מאַי 1941 האָט דער פאַרבאַנד פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפע דער־קלערונג, אין וועלכער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און איר פירער נאָרמאַן טאָמאַס ווערן אָנגערופן „אָפּענע שותפים צו די אַלע היטלער־אַפּיזערס און דעמאָקראַטיע־באַגראָבער, צו די ערגסטע רעאַקציאָנערע און פאַשיסטישע עלע־מענטן אין אַמעריקע״. מיר האַלטן — זאָגט די דערקלערונג — „פאַר אונזער פליכט בנוגע די בריטע יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן אין משך פון יאָרן זיך צוגעוואוינט צו באַטראַכטן נאָרמאַן טאָמאַס און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַלס באַשטאַנד־טייל פון דער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג נאָך אַמאָל צו דערקלערן אונזער שטעלונג און אַרויסזאָגן אונזער שאַרפסטן פּראָטעסט און אונזער טיפסטע אַנטריסטונג צוליב דער חרפּה און שאַנד, וואָס נאָרמאַן טאָמאַס און זיין פּאַרטיי האָבן איצט געברענגט דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג. מיט זייערע פאַרעטערישע און פאַרברעכערישע האַנד־לונגען האָבן זיי זיך איצט ענדגילטיק געשטעלט מחוץ דער סאָציאַליסטישער מחנה״. לסוף ווערט אָנגעוויזן, אַז אפילו די, וועלכע זיינען נישט מסכים מיט

דער שטעלונג פון דער ס. פּ. און בלייבן דאָך אין איר, טראָגן אויך די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר די מעשים פון זייער פּאַרטיי.

ווי ווייט ס'איז געווען די אויפרעגונג קעגן דער ס.פּ. איז אויך צו זען פון דעם, וואָס אויף דער קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג, אין 1941 איז געפירט געוואָרן אַ דעבאַטע צי מ'זאָל צולאָזן אַ פאָרשטייער פון דער דאָזיקער פּאַרטיי מחמת איר שטעלונג צו דער מלחמה. מיט אַלע שטימען קעגן 4 איז באַשלאָסן געוואָר נישט צולאָזן אירס אַ פאָרשטייער. אַקעגן איז מיט 90 שטימען קעגן 24 באַשלאָסן געוואָרן יאָ צולאָזן די יידישע סעקציע פון דער זעלבער פּאַרטיי, ווייל איר פּאָזיציע אין דער פראַגע איז געווען אַן אַנדערע. אין אַ רעזאָלוציע, וואָס די זעלבע קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען, ווערט געזאָגט, אַז „דער אַרבעטער־רינג, וועלכער האָט אין אַלע צייטן געקעמפט פאַר פריי־הייט און דעמאָקראַטיע, קען נישט בלייבן שטיין אין פאַרבינדונג מיט דער ס.פּ. וועמענס שטעלונג עס שעדיקט די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס, די אינטערעסן פון פּראָגרעס און סאָציאַליזם".

אויך די יידישע סעקציע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז אַרויס־געטרעטן קעגן דער שטעלונג פון זייער אייגענער פּאַרטיי־פירונג. באַלד נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די יידישע סעקציע פאַר־עפנטלעכט אַ מעמאָראַנדום צום עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער ס.פּ. קעגן נייטראַליזם. אַרויסזאָגנדיק זיך קעגן דעם, אַז אַמעריקע זאָל אַריין אין קריג, האָט די סעקציע פאַרלאַנגט, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זאָל נישט זיין קעגן העלפן די דעמאָקראַטישע מלוכות אין אייראָפּע דורך שיקן זיי שפּייז און געווער.

דעם 18 און 19 מאַי 1940 איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון דער יידישער סעקציע פון ס. פּ.. אויף דעם צוזאַמענפאָר איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט פון די יידישע מיטגלידער מיט דער אָפיציעלער פּאַרטיי־שטעלונג. דער אָרגאַן פון דער יידישער סעקציע האָט וועגן דעם געשריבן: „מיר קענען בשום אופן נישט אָרונטערשלינגען די פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די פּאַרטיי פירט קעגן געבן הילף צו די פאַרבינדעטע מלוכות אין איצטיקן קריג. מיר קענען נישט אונטערשטיצן אונזער אייגענע פּאַרטיי אין אַן אַרבעט, וואָס מיר האַלטן פאַר שעדלעך אין דעם איצטיקן מאָמענט".[220]

טראָץ די טיפע חלוקי־דעות אין אַזאַ קאַרדינאַלער פראַגע, האָט דער צו־זאַמענפאָר באַשלאָסן ווייטער צו בלייבן אין דער פּאַרטיי, אָבער פירן די פּראָ־פּאַגאַנדע אין הסכם מיט דער אייגענער שטעלונג פון דער יידישער סעקציע צו דער מלחמה. „מיר וואָלטן געווען זייער שלעכטע סאָציאַליסטן — זאָגט דער זעלבער רעדאַקציע־אַרטיקל אין אָרגאַן פון דער סעקציע — ווען מיר וואָלטן בלויז אין די אינטערעסן פון פּאַרטיי־דיסציפּלין נאָכגעפאָלגט פּאָ־ליטישע לאָזונגען, וואָס זיינען קעגן אונזער אייגענעם געוויסן און שכל־הישר".

וואָס ווייטער, אַלץ שווערער איז פאַר דער יידישער סעקציע געוואָרן צו בלייבן אין אַזאַ אומנאָרמאַלער לאַגע — זיין אין דער פּאַרטיי און פירן אַ קעגנזעצלעכע פּאָליטיק אין דער וויכטיקסטער פראַגע פון דער צייט. איינצלנע מיטגלידער זיינען אַרויס פון דער סעקציע און אַריין אין פאַרבאַנד. אין פּאַסייק האָט דאָס זעלבע געטון דער אָרטיקער ברענטש פון דער סעקציע. פאַר דער

גאַנצער סעקציע האָט זיך געשטעלט די זעלבע פראַגע. זומער 1941 האָט די יידישע סעקציע באַשלאָסן איבערצורייסן מיט דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. אין דער פאַרעפנטלעכטער דערקלערונג איז געזאָגט געוואָרן, אַז נאָכן אַרויסטרעטן פון דער פאַרטיי וועט די יידישע אָפטיילונג נישט פאַנאַנדערגעלאָזט ווערן. זי וועט ווייטער אַרויסגעבן איר אָרגאַן „די סאָציאַליסטישע שטימע" און וועט פירן אַ סאָציאַליסטישע טעטיקייט אויף דער יידישער גאַס. „און ווען די צייט וועט קומען — זאָגט ווייטער די דערקלערונג — און די סאָציאַליסטישע פאַרטיי וועט זיך ווידער שטעלן אויף דעם שטאַנדפּונקט פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, וועלן מיר גרייט זיין זיך ווידער אָנשליסן אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי פון אַמעריקע און קאָאָרדינירן די אַרבעט אַזוי, ווי מיר האָבן דאָס אַלע מאָל געטון".

ס'זיינען אַוועק סך־הכל עטלעכע חדשים און די טויער פון דער אַרויסגעטראָטענער יידישער סעקציע זיינען געקומען צום אויספיר, אַז ס'האָט נישט קיין זין ווייטער צו בלייבן באַזונדער מחוץ דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען וועגן צוריק פאַראייניקן די צעטיילטע יידישע סאָציאַליסטן. ביידע צדדים זיינען געקומען צו אַ הסכם. דעם 22 דעצעמבער 1941 האָט דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד אָנגענומען די ווענדונג פון דער סעקציע און אַקצעפּטירט דעם רעזולטאַט פון די אונטערהאַנדלונגען. די ווידער־פאַראייניקונג איז געוואָרן אַ פאַקט. די גרויסע מערהייט פון דער יידישער סעקציע פון דער ס. פּ. איז אַריין אין פאַרבאַנד, אַ מינדערהייט איז ווייטער פאַרבליבן אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אָדער מחוץ יעדער אָרגאַניזאַציע.

מיטן גאַנג פון דער מלחמה איז אויסגעקומען אייניקע מאָל אַנדערש צו פאָרמולירן די שטעלונג צו איר. דער וועג האָט געפירט צו אַ מער אַקטיווער באַטייליקונג. ווען היטלער איז זומער 1941 באַפאַלן סאָוועט־רוסלאַנד, האָט מען געדאַרפט אַנדערש איינשטעלן זיך צו אַ לאַגער, וואָס מ'האָט פריער שאַרף באַקעמפט. „סאָוועט־רוסלאַנד שטייט איצט אין קאַמף קעגן די היטלער־האָרדעס" — האָט געזאָגט די רעדאַקציע פון פאַרבאַנד־אָרגאַן. „פאַרטיידיקנדיק זיך קעגן דעם ברוטאַלן אָנפאַל פון היטלערן, איז סאָוועט־רוסלאַנד במילא געוואָרן אַ שותף אין דעם גרויסן געראַנגל קעגן דעם וועלט־שונא נומער איינס, קעגן היטלעריזם"... „עס וועט נעמען אַ סוף צו דער דעמאָראַליזאַציע און פאַלשער אָריענטאַציע, צו דער סאָציאַלער דעמאַגאָגיע, וואָס פלעגט אַריינגעטראָגן ווערן פון דעם קאָמוניסטישן טייל פון דעם פינפטן קאָלום. סאָוועט־רוסלאַנד איז איצט אין קאַמף קעגן היטלעריזם און מיר זיינען מיט אונזער גאַנצן האַרץ און נשמה פאַר דער אַלזייטיקער, ברייטסטער און רעאַלסטער מאַטעריעלער און מאָראַלער הילף פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד". „אויף קיין איין רגע לאָזן מיר זיך נישט באַהערשן דורך דעם געפיל פון זען נקמה אויף די, וועלכע האָבן נעכטן גערעדט וועגן זייער פריינטשאַפט מיט נאַצי־דייטשלאַנד, וואָס איז 'צעמענטירט מיט בלוט'; אויף די, וועלכע האָבן נאָך דעם אָנפאַל פון היטלערן דערקלערט, אַז זיי האָבן ריכטיק אָפּגעהיט דעם אָפּמאַך"... „ווען היינט שטייט סאָוועט־רוסלאַנד אויף אונזער צד אין דעם דאָזיקן קאַמף — זיינען מיר מיט סאָוועט־רוסלאַנד און פאַר סאָוועט־רוסלאַנד. פאַר סאָוועט־רוס־

לאַנד, אָבער נישט פֿאַר דעם רעזשים פֿון סטאַלינען, נישט פֿאַר דעם סיסטעם, וואָס עקזיסטירט דאָרטן"... „און אוודאי וועלן מיר נישט מאַכן קיין שום קאָנצעסיעס צו די קאָמוניסטן דאָ אין אַמעריקע, וועלכע פּרוּוון מיט אַלע מיטלען צו פֿאַרוואַנדלען די נאַטירלעכע סימפּאַטיעס פֿון אונדז אַלעמען צו דעם רוסלענדישן קרבן פֿון נאַציזם אין פּאָליטישע סימפּאַטיעס פֿאַר דעם קאָמוניזם".[221]

דעם 16 יולי 1941 האָט אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון די פֿאַרבאַנד־מיטגלידער אין ניו־יאָרק פֿאַרנומען אַן ענלעכע שטעלונג. די אָנגענומענע רעזאָלוציע זאָגט זיך אַרויס פֿאַר שטיצן מיט אַלע כּוחות דעם קאַמף פֿון סאָוועט־רוסלאַנד, דאָס דאַרף אָבער נישט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אָנערקענונג פֿאַרן סאָוועטישן רעזשים. צוליב דער שטיצע פֿאַר סאָוועט־רוסלאַנד דאַרף נישט אָפּגעשטעלט ווערן דער אידייאישער קאַמף מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

נאָך אַמעריקעס אַריינטריט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין דעצעמבער 1941, האָט דער פֿאַרבאַנד נאָך שאַרפֿער באַטאָנט, אַז „די מלחמה איז אונזער מלחמה — אַלעמענס און יעדנס".[222]

און אַ צווייטער ענין האָט פֿאַרכאַפּט די מוחות און הערצער: דער גרויסער אומגליק פֿון די יידן אין אייראָפּע. באַלד פֿון אָנהויב אָן איז די אַמעריקאַנער פֿאַרשטייערשאַפֿט פֿון „בונד" אין פּוילן געשטאַנען אין אַ געהיימען קאָנטאַקט מיט דער אָנפֿירונג פֿון דער אונטערערדישער בונדישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך געשאַפֿן נאָך דעם, ווי היטלער און סטאַלין האָבן זיך צעטיילט מיט דער פּוילישער מלוכה. אין אַ ריי באַריכטן, וואָס די אונטערערדישע בונדישע באַוועגונג האָט אַהער צוגעשיקט, איז געוואָרן דערציילט וועגן די פּייניקונגען, הריגות און שפּעטער סיסטעמאַטישער פֿאַרניכטונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג (אַ לענגערע צייט זיינען די דאָזיקע באַריכטן געווען דער איינציקער אינפֿאָרמאַציע־קוואַל וועגן לעבן און טויט פֿון די יידן אין נאַצי־אָקופּירטן פּוילן). און הגם די שרעקלעכע באַריכטן זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע, האָט אָבער אַ זייער קליינער שיכט אַמעריקאַנער יידן זיך דורכגעדרונגען מיטן גאַנצן גרויל און קאַטאַסטראָפֿאַלן מיין פֿון די דאָזיקע מאַקאַברישע ידיעות. בלויז אַ קליינער טייל פֿון די געזעלשאַפֿטלעך אַקטיווע יידן האָט זיךווירקלעך איבערגענומען מיטן קאַטאַסטראָפֿאַלן בילד, וואָס די באַריכטן פֿון די געטאָס האָבן געשילדערט. די ווייט־גרעסטע מערהייט פֿון די אַמעריקאַנער יידן האָט בכלל נישט געוואוסט וואָס עס קומט פֿאָר מיטן רוב מנין ובנין פֿון יידישן פֿאָלק, אָדער האָט געטריבן פֿון זיך די שרעקלעכקייטן, וואָס זיינען דערציילט געוואָרן. אויב אין די ווייטערדיקע מלחמה־יאָרן האָבן אומרו און טרויער זיך אַריינגעריסן אין אַ סך יידישע היימען, איז עס געווען צוליב די אייגענע קינדער און קרובים, וואָס זיינען געווען אויף די מלחמה־פֿראָנטן אָדער זיינען דאָרטן געפֿאַלן.

ביי אַזאַ לאַגע האָט אויך נישט געפֿונען קיין שטאַרקן אָפּקלאַנג די אַלאַרם־רופֿן פֿון די געטאָס: פֿריער וועגן פֿינאַנציעלער הילף צו ראַטעווען די יידן פֿון הונגער־טויט, און שפּעטער — וועגן ממשותדיקער הילף פֿון דער אַנטי־היטלערישער קאָאַליציע צו ראַטעווען די יידן פֿון נאַצישן מאָרד־שגעון. קיינער פֿון די יידישע טוער און פֿירער אין אַמעריקע קען נישט זאָגן, אַז ער האָט

זיין חוב דערפילט לגבי אָט די הילף־רופן. פונדעסטוועגן זיינען פאַראַן אונ־טערשידן. קליינע קרייזן, לײדער נישט די איינפלוסרייכסטע, האָבן זיך באַמיט עפּעס צו טון און עפּעס טאַקע געטון אויך. צווישן אָט די קרייזן האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט און די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע ער איז פאַרבונדן, פאַרנומען דעם אויבנאָן. זומער 1942 איז דער פאַרבאַנד געווען אַקטיוו אין דער אַקציע פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט צו זאַמלען אונטערשריפטן אויף פּעטיציעס צום פּרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט וועגן אננעמען מיטלען אָפּצושטעלן די יידן־שחיטות אין די נאַצי־אָקופּירטע לענדער. דער פאַרבאַנד איז געווען מיטבאַטייליקט אין די פאַרזאַמלונגען, וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט גערופן דעם 26 פעברואַר 1943 אין 70 לאָקאַלן פון ניו־יאָרק צו פּראָטעסטירן קעגן דער אויסמאָרדונג פון די יידן אין אייראָפּע. אויך אין אייניקע אַנדערע אַקציעס איז די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג געווען באַטייליקט.

אין שייכות מיט דעם האָט די רעדאַקציע פון „וועקער" געמאָנט פון די אַנטי־היטלערישע מלוכות און פון די אַמעריקאַנער יידן גופא צו טון דעם מאַקסימום: „לאָמיר זיך זאָגן אָפן — מען האָט נישט געטאָרט קיין איין מינוט רוען. בשעת אונזער פאָלק האַלט ביים אויסגעשאָכטן ווערן, האָבן מיר באַ־דאַרפט אומאויפהערלעך טעטיק זיין. מיר ווייסן, אַז נאָך איצט איז ליידער נישטאָ דער כוח, וואָס זאָל קענען אָפּהאַלטן היטלערס רוצחישע האַנט. אָבער אַן אויפגעשטורמטע וועלט וואָלט אפשר געקענט דערגיין צו די אויערן און הערצער פון דייטשישן פאָלק. זאָלן אַלע די, וועלכע זיינען באַטייליקט אויף וועלכן ס'איז אופן אין די דאָזיקע מאָרד־טאַטן, וויסן אַז זיי וועלן באַצאָלן אַ בלוטיקן חשבון, אַז לגבי זיי וועט נישט גילטן קיין שום רחמנות און קיין שום איינ־זעעניש. די פירער פון די פאַראייניקטע פעלקער דאַרפן איצט זאָגן זייער וואָרט. אַפילו אין דער צייט, ווען די ערד פון דער וועלט איז אָנגעפילט מיט בלוט, קען מען רואיק נישט פאַרבייגיין דעם פאַקט פון אומברענגען אַ פאָלק"... און וועגן חוב פון די אַמעריקאַנער יידן: „די גרעסטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט ליגט אויף דער יידישער געזעלשאַפט אין אַמעריקע. זי האָט אַ מעגלעכקייט פרייער אויסצודריקן איר ווילן. זי איז געבענטשט מיט דער ברכה פון אַ פריי לעבן. מיר דאַרפן אויפשטורמען דאָס יידישע לעבן און דורך דעם אויפטרייסלען דאָס נישט־יידישע אַמעריקע. מיר ווייסן ווי שווער דאָס איז צו דערגרייכן, בפרט אין מלחמה־צייט. אָבער — קיין שום שוועריקייטן קענען נישט זיין, ס'קען נישט זיין קיין שום מניעה צו דער מאַקסימאַלסטער אַקטיווקייט"... „סיי דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, סיי די יידישע יוניאָנס, סיי די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג מוזן איצט אָנשטרענגען אַלע כוחות, כדי דאָס יידישע אַמעריקע זאָל זיך נישט באַרואיקן, זאָל נישט שלום מאַכן מיט דעם שוידערלעכן געדאַנק פון אונזער אונטערגאַנג. ס'איז אַ גורל־שעה. אויף אונזער דור איז געפאַלן דער ביטערסטער עקזאַמען. מיר מוזן אים אויסהאַלטן".[223]

דער טראַגישער אמת איז, אַז קיינער, אַבסאָלוט קיינער פון די אַמערי־קאַנער יידן קען נישט זאָגן, אַז ער האָט אָט דעם „ביטערסטן עקזאַמען" אויס־געהאַלטן. די גרעסטע שטערונג איז געווען דאָס נישט וויסן און דאָס נישט וועלן וויסן מצד דעם ברייטן יידישן עולם, ווי אויך די אומפּעאיקייט פון אַק־

טיווערן, מער־באַוואוסטזיניקן טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט אַוועקצולייגן אין אַ זייט די נאָרמאַלע, רוטינע טאָג־טעגלעכע טעטיקייט און זיך אַריינוואַרפן מיט אַלע פיבערן פון דער נשמה אין דער איינציקער אַרבעט פון ברענגען יעדע מעגלעכע הילף די פאַרשפאַרטע, צום טויט באַצייכנטע יידן אין די געטאָס. אפשר וואָלט מען מיט אַזאַ מאַקסימום אַקטיווקייט פאָרט געווען עפּעס אויפגעטאָן. און ס'איז געווען נאָך אַ מניעה. אין זייער פאַנאַטיזם האָבן די ציוניסטן געזוכט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער און נישט־יידישער עפנטלעכער מיינונג בעיקר אויף פאַלעסטינע. סיי אין די געלט־זאַמלונגען, סיי אין די פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַקציעס האָט פאַלעסטינע פאַרשאָטנט און פאַרדעקט די גוואַלטזאַמע פאַרטיליקונג פון די מיליאָנען אייראָפּעאישע יידן. באַלד ביים אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין אָקטאָבער 1939 האָט די פּראָ־פאַלעסטינע־פעדעראַציע איבערגעשיקט צו פּרעזידענט רוזוועלט אַ פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס עס ווערט פּראָיעקטירט צו באַזעצן יידן פון אייראָפּע אין אַ ריי לענדער מחוץ פאַלעסטינע. אויך שפּעטער, ווען די יידן־שחיטות זיינען שוין געווען אין פולן גאַנג, האָט די ציוניסטישע אַגיטאַציע זיך באַמיט די אויפמערקזאַמקייט צו קאָנצענטרירן אַרום דער פאַלעסטינע־פראַגע. קעגן דעם האָט אַנטשידן געקעמפט דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד. זומער 1942 איז אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען אַ גרויסער פּראָטעסט־מיטינג קעגן די יידן־שחיטות. די רעדאַקציע פון „וועקער" איז אין שייכות מיט דעם אַרויסגעטרעטן קעגן דער פריער־דערמאָנטער ציוניסטישער טענדענץ. „די באַדייטונג פון דעם מיטינג — האָט געזאָגט אַ לייט־אַרטיקל — האָט נישט געקענט געמינערט ווערן פון די אַלע באַמיאונגען פון דעם ציוניסטישן צד צו פאַרוואַנדלען די אַנטי־היטלער־דעמאָנסטראַציע גלייכצייטיק אין אַ פּראָ־ציוניסטישער מאַניפעסטאַציע. מיט די דאָזיקע פּרוּוון האָבן זיי בלויז דעמאָנסטרירט, אַז אַלע זייערע קולות וועגן אחדות, וועגן אַלגעמיינע יידישע אינטערעסן, וואָס דאַרפן שטיין העכער פון פּאַרטיי, זיינען בלויז אַ מאַסקע פאַר זייער אייגענער ציוניסטישער פאַרטייאישקייט, צו וועלכער אַלע און אַלץ זיינען ביי זיי אונטערגעוואָרפן".[224]

אויך שפּעטער האָט דער פאַרבאַנד געקעמפט קעגן פאַרשטויסן פון אויבנאָן די פראַגע פון ראַטעווען יידן. אין שייכות מיטן אָננעמען פון דער אַמעריקאַנער „יידישער קאָנפערענץ" די פאָדערונג פון אַ יידישער קאָמאַנוועלט, זאָגט אַ רעדאַקציע־אַרטיקל פון פאַרבאַנד־אָרגאַן: „אַט טיילט איצט מיט די יידישע פּרעסע, אַז די ציוניסטן אין זייער פאַרכאַפט ווערן מיט דער קאָמאַנוועלט־פאָדערונג מאַכן שטערונגען אפילו אין אַוועקשטעלן פאַר די געהעריקע אַמעריקאַנער רעגירונגס־אָרגאַנען די פראַגע וועגן ראַטעווען די יידן פון נאַציטעראָר. און אַט די פראַגע קען איצט קריגן אַ שטיקל תיקון אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ספּעציעלער רעטונג־קאָמיסיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך פּרעזידענט רוזוועלט. אַזאַ האַרצלאָזע — און שכללאָזע — באַציאונג מצד די ציוניסטן מוז העלפן עפענען די אויגן אויף דעם, אַז דער האַרטער פאָליטישער ציוניזם איז גרייט צו אָפּפערן מיט אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיטן קיום פון יידישן פאָלק צוליב דער אילוזיע פון דער קאָמאַנוועלט".[225]

דאָס פאַרשטופּן אין אַ ווינקל דעם ברענענדיקן ענין פון ראַטעווען יידן

האָט געשאַפן אַן אומצופרידנקייט מיט דער „יידישער קאָנפערענץ", וואָס איז דאָמינירט געוואָרן דורך די ציוניסטן. די אומצופרידענע שטימונג איז פאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען די ציוניסטן האָבן זיך אַנטשלאָסן צוצולאָזן די קאָמוניסטן. דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט זיך דעמאָלט צוריקגעצויגן און דער פאַרבאַנד האָט דעם שריט אונטערגעשטיצט.

די שטעלונג פון פאַרבאַנד צום יידישן לעבן בכלל און צום ציוניזם בפרט האָט איינער פון זיינע אָנגעזעענסטע פירער, ב. כאַנין, דעמאָלט אַזוי פאָרמולירט: „דער 'יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד' האָט אויך זיין פּאָזיטיווע באַציאונג צום יידישן פאָלק און זיינע פּראָבלעמען. מיר גלויבן אין ווייטערדיקן קיום פון יידישן פאָלק, אין דער אַנטוויקלונג פון זיין קולטור, אין זיין געזונטן, נאַציאָנאַלן לעבן אין אַלע לענדער, וואו יידן לעבן אין קאָמפּאַקטע מאַסן"...
„אַ מיליאָן יידן אין ארץ־ישראל, אפילו מיט אַן אייגענער מלוכה, וועט נישט לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם. איצט ווי אַמאָל שטייען מיר אויפן שטאַנדפּונקט, אַז דאָס יידישע לעבן דאַרף געבויט ווערן און די יידן־פראַגע דאַרף פאַרענטפערט ווערן אין די לענדער, וואו זיי וואוינען".[226]

אין דער גרויסער פּראָטעסט־אַקציע קעגן דעם שענדלעכן פאַרברעך, וואָס דער סאָוועטישער רעזשים איז באַגאַנגען דורכן דערמאָרדן די פירער פון „בונד" הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, איז אויך דער פאַרבאַנד געווען אַקטיוו באַטייליקט. מאַכנדיק אַ סך־הכל פון דער פּראָטעסט־אַקציע און פון שטאַרקן רושם, וואָס דער דאָזיקער העסלעכער מאָרד האָט געמאַכט אין דער פרייער וועלט, קומט דער „וועקער" צו דעם אויספיר: „דער גרויסער קאַמף קעגן דעם, אַז אַמעריקע און די וועלט זאָלן נישט ווערן דער רויב פון נאַציזם און פאַשיזם, איז נישט און קען נישט זיין קיין קאַמף פאַר דעם, אַז דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם זאָלן ווערן דער קרבן פון סטאַליניזם".[227]

די מלחמה־שותפות פון די דעמאָקראַטישע מלוכות מיט סאָוועט־רוסלאַנד אין געמיינזאַמען קאַמף קעגן נאַצי־שונא האָט אין געוויסע בירגערלעכע און אַרבעטער־קרייזן אָפּגעטויט די וואַכזאַמקייט לגבי די היימישע קאָמוניסטן. אויך ביי יידן איז אין דעם פּרט נישט געווען אַנדערש. דאָס האָט מען געזען אין די האַנדלונגען פון די ציוניסטן און פון געוויסע יידישע אַרבעטער־פירער.

אין 1944 האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער קאַמף פאַר באַהערשן די אַמעריקאַנער לייבאָר־פּאַרטיי פון שטאַט ניו־יאָרק. דאָס מאָל האָט סידני הילמאַן, דער פּרעזידענט פון דער מענער־שניידער יוניאָן (אַמאַלגאַמייטעד), אונטערן מאַנטל פון „אייניקייט" געמאַכט שותפות מיט די קאָמוניסטן, הגם די דאָזיקע „אחדות" האָט באַדייט אָפּשטויסן אַנדערע וויכטיקע יוניאָנס און די סאָציאַליסטישע עלעמענטן. דער פאַרבאַנד און זיין צייטונג זיינען שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דעם פּאָליטישן שעטנז פון די אַמאַלגאַמייטעד־פירער. מיט דער הילף פון די קאָמוניסטן האָט דער הילמאַן־צד געוואונען אין די פּריימעריס. די קעגנער פון דער נייער מאַכט־קאָמבינאַציע זיינען אַוועק פון דער לייבאָר פּאַרטיי. אָפּשאַצנדיק די דאָזיקע וויכטיקע געשעעניש, האָט דער פאַרבאַנד־אָרגאַן געזאָגט אין אַ רעדאַקציע־אַרטיקל:

„ווען די אַמעריקאַנער לייבאָר פּאַרטיי איז אַריבער אין רשות פון די קאָמוניסטן און פון די, וועלכע זיינען גרייט אויף שותפות מיט די קאָמוניסטן,

איז פאַר די סאָציאַליסטן נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה, ווי פאַרלאָזן די לייבאָר־פּאַרטיי"... „מיט אַ שווערן געמיט האָבן די סאָציאַליסטן געמוזט ענדיקן מיט אַן עקספּערימענט וואָס האָט געדויערט אַכט יאָר צייט און אויף וועלכן זיי האָבן געהאַט געלייגט גרויסע האָפענונגען, גלויבנדיק, אַז די אַמע־ריקאַנער לייבאָר־פּאַרטיי וועט פריער אָדער שפּעטער ווערן די דריטע פּאַרטיי — די פּאַרטיי פון זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער טעטיקייט פון דער אַמעריקאַ־נער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט. צוליב דעם עקספּערימענט האָבן די סאָ־ציאַליסטן אויפגעגעבן זייער פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט". איצט נאָכן אַוועק־גיין פון דער לייבאָר־פּאַרטיי האָבן אַ טייל סאָציאַליסטן געהאַלטן אַז ס'איז די צייט צוריק פּאָליטיש אַקטיוויזירן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. „אָבער אַ גרויסער טייל סאָציאַליסטן האָט דעם אויסוועג געהאַלטן פאַר נישט ריכטיק, ווייל — האָבן זיי מאָטיווירט — דאָס צוריק שאַפן אַ זעלבסטשטענדיקע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי מוז קודם־כל האָבן איין באַדינג: וויכטיקע צווייגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג דאַרפן זיין גרייט פאַר דעם, דאַרפן זיין אין דער פּאַרטיי"... „די מערהייט סאָציאַליסטן האָט זיך דעריבער געשטעלט אויף דעם שטאַנד־פּונקט, אַז עס איז אונזער סאָציאַליסטישער חוב צו שטיצן די נייע אַזוי־גערו־פענע 'ליבעראַלע פּאַרטיי', וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן פון די גרופּירונגען, וואָס זיינען אַרויסגעטרעטן פון דער אַמעריקאַנער לייבאָר־פּאַרטיי"...[228]

אין די פּרעזידענט־וואַלן בשעת די מלחמה־יאָרן האָט דער יידישער סאָ־ציאַליסטישער פאַרבאַנד ביידע מאָל געשטיצט די קאַנדידאַטור פון פרענקלין ד. רוזוועלט. אין 1940 האָט דער פאַרבאַנד געזאָגט, אַז מ'דאַרף ניט שטימען פאַרן קאָמוניסטישן קאַנדידאַט אוירל בראַודער — צוליב זיין סטאַליניזם; דער סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט נאָרמאַן טאָמאַס טויג נישט צוליב זיין פּאַציפיזם; דער רעפּובליקאַנער ווענדעל ווילקי — צוליב דעם גרויס־קאַפּיטאַליזם. ס'איז נישטאָ קיין בעסערער פון רוזוועלטן. „מיר ווייסן זייער גוט — האָט געזאָגט אַ לייט־אַרטיקל פון „וועקער" — אַז רוזוועלט איז נישט קיין סאָציאַליסט און אַז די רוזוועלט־פּאָליטיק איז נישט סאָציאַליזם, אָבער איצט האַנדלט זיך וועגן ראַטעווען די לעצטע פּאָזיציעס פון פרייהייט, פון גערעכטיקייט, פון טאָלעראַנץ, פון מענטש־לעכקייט, אָן וועלכע עס איז אויסגעשלאָסן דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם"[229]

אין 1944 האָט דער פאַרבאַנד ווידער גערופן צו שטימען פאַר רוזוועלטן און אַקטיוו אַרבעטן פאַר ווילן אים אַ פערטן מאָל אַלס פּרעזידענט. די יידישע באַפעלקערונג איז גערופן געוואָרן צו שטימען אויף דעם צעטל פון דער לי־בעראַלער פּאַרטיי אין שטאַט ניו־יאָרק און אין די אַנדערע שטאַטן — אויפן צעטל פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. „מיט פיר יאָר צוריק — האָט געשריבן דער „וועקער" — האָבן מיר געשטיצט רוזוועלטן צוליב דעם קריג, איצט שטיצן מיר אים צוליב דעם שלום"[230]. דאָס ווידער דערוויילן רוזוועלטן איז נאָך דעם געפייערט געוואָרן ווי אַ גרויסער נצחון פון דער דעמאָקראַטיע.

אין קאָנטאַקט מיט די גרויסע געשעענישן אין לאַנד און אויף דער וועלט, אין אומרו מחמת דעם גרויסן אומגליק פון יידישן פאָלק, האָט דער פאַרבאַנד געפּרואווט ווייטער פירן זיין טאָג־טעגלעכע אַרבעט. נישט געקוקט אויף די צענטליקער פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען, אויף דער מינדלעכער און שריפט־לעכער פּראָפּאַגאַנדע, איז אים דאָך נישט געלונגען אויפצורודערן די יידישע

אַרבעטערשאַפט און זי מיטרייסן מיט זיך. אָרגאַניזאַציאָנעל איז ער ווייטער פאַרבליבן שוואַך. אפילו אנערקענונג פון גרויסע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס האָט דאָ נישט געהאָלפן. אין באַריכט פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט צו דער קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג אין יאָר 1941 ווערט געזאָגט: „דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאנד שטעלט מיט זיך פאָר אין זיין פילאָזאָפיע, אין זיין פּאָליטיק, אין זיינע צוגאַנגען צו יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען דעם אמתן און ריכטיקן גייסט פון דעם אַרבעטער־רינג. דאָס איז געווען אין די פאַרגאַנגענע יאָרן און אָט די פאַרהעלטענישן זיינען נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן אין די לעצטע פאָר יאָר״[231]. דאָס האָט אָבער נישט באַוואויגן די מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג מאסנווייז אַריינצוטרעטן אין דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פּונקט ווי עס האָבן דאָס נישט געטון די הונדערטער טויזנטער יידישע אַרבעטער פון די יוניאָנס.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געשאַצט געוואָרן, אַז בלויז אין די יוניאָנס, וואָס געהערן צו דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, זיינען געווען אָרגאַניזירט אַן ערך אַ פערטל מיליאָן יידישע אַרבעטער. צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון די סי־אַי־אָ יוניאָנס און נישט־אָרגאַניזירטע איז די צאָל יידישע אַרבעטער און אנגעשטעלטע געווען באַדייטנדיק גרעסער. דאָך האָט זיך נישט געקענט פאַנאַנדערוואַקסן אַ שטאַרקע, מאַסנהאַפטע יידיש־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. ס׳איז געווען אַ צייט, ווען די יידישע יוניאָנס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ סאָציאַליסטישן גייסט, בעת די נישט־יידישע אַמעריקאַנער יוניאָנס האָבן געווייכט פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע. מיטן גאַנג פון יאָרן האָבן אויך די יידישע יוניאָנס אָנגענומען דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטערשטריך פון אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָניזם. ס׳איז פאָרגעקומען אַ טאָפּלטע אַסימילאַציע: אי די יוניאָנס און די יידישע אַרבעטער זיינען געוואָרן מער אַמעריקאַניש אין גייסט, אי דער פּראָצענט יידישע מיטגלידער איז כסדר געוואָרן נידעריקער. די אַלגעמיינע ירידה פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע האָט אויך צוגעטראָגן אַ זייער גרויסן חלק צו דעם, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

וועגן דער שטימונג צווישן די אַקטיווע יידישע סאָציאַליסטן גיבן אַ באַגריף די ווערטער פון אַ פאַרבאַנד־טוער: „זייער אַ סך אַרויפגעאַרבעטע באַוועגונגסאַלרייטניקעס קוקן אויף אייך און אייער אַרבעט מיט ציניזם און ביטול. איך ווייס, אַז איר דאַרפט קלאַפּן אין די טירן פון אונזערע אייגענע פאַר הילף, כדי צו קענען אָנגיין מיט דער סאָציאַליסטישער אַרבעט, און מען וויל אייך אפט נישט אַריינלאָזן. איך ווייס, אַז אייך טוט ווי פאַר די אָפטע באַליידיקונגען, וואָס איר שטייט אויס — נישט קיין פּערזענלעכע באַליידיקונגען, נאָר אונזער און אייער סאָציאַליזם ווערט באַליידיקט, ווייל זיי, די ׳מאַכט־האָבער׳, די וואָס האָבן זיך ׳אַרויפגעאַרבעט׳, די וואָס האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף אַ העכערן שטאַפּל, קוקן אויף אייך און אייער אַרבעט מיט גרינגשעצונג און ביטול. איך ווייס דאָס אַלץ, און דאָך זאָג איך אייך: ווערט נישט מיד! שטאַרקט אין זיך דעם גלויבן, אַז ׳בלינדע וועלן ווערן זעעוודיק׳, אַז אייערע אידעאַלן וועלן זיך צוריק אומקערן צו זיי, אָדער צו די וואָס וועלן קומען נאָך זיי״.[232]

די מיסדערפאָלגן האָבן נישט אָפּגעהאַלטן פון מאַכן ווייטערדיקע אנשטרענ־

גונגען. יעדעס יאָר זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן טורן איבערן לאַנד. פון 1־טן נאָוועמבער 1942 האָט דער „וועקער" ווידער אָנגעהויבן דערשיינען צוויי מאָל אין חודש. דער פאַרבאַנד אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע) האָט אין די מלחמה־יאָרן, לויט דער איניציאַטיוו פון י. אָקון און אַנדערע, ווידער אנגעהויבן אַרויסגעבן די צייטשריפט „דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט", פון וועלכער עס זיינען ווייטער דערשינען עטלעכע נומערן. אין 1942 האָט דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד גערופן באַראַטונגען וועגן פירן אַ טעטיקייט צווישן דער יוגנט. אין זיי האָבן זיך באַטייליקט יוגנט־טוער פון אַרבעטער־רינג און פון יוגנט־בונד „צוקונפט", וועלכע זיינען נאָר־וואָס געקומען פון פוילן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ קערפּערשאַפט אויף צו פירן אַ סאָציאַליסטישע טעטיקייט און פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער יידישער יוגנט.

אין 1942 איז געפייערט געוואָרן דער 20־יאָריקער יובילײ פון פאַרבאַנד. דאָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט אונטערצופירן אַ סך־הכל און מאַכן אַ חשבון־הנפש. די אָרגאַניזאַציע האָט דעמאָלט געציילט 2 טויזנט גוט־שטייענדיקע מיטגלידער אין 40 ברענטשעס, פון וועלכע 15 זיינען געווען אין ניו־יאָרק, 11 אין דער טעריטאָריע פון די ניו־ענגלאַנד־שטאַטן, 3 אין שטאַט ניו־דזשוירזי, 2 אין שיקאַגאָ, 2 אין פילאַדעלפיע, 2 אין קליוולאַנד און צו איין ברענטש אין פּיטסבורג, לאָס אַנדזשעלעס, דעטראָיט, קענזעס סיטי און סט. לואיס. פון די 15 ניו־יאָרקער ברענטשעס זיינען 12 געווען טעריטאָריאַלע און 3 ביי טרייד־יוניאָנס. איינצלנע מיטגלידער זיינען געווען נאָך אין אַ ריי שטעט און מען איז מיט זיי געשטאַנען אין קאָנטאַקט. דער טיראַזש פון „וועקער" איז געווען 4 טויזנט עקזעמפּלאַרן. דער פאַרבאַנד האָט געבילדעט דעם רוב פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע, פון וועלכער ער איז אַ באַשטאַנד־טייל. אַ גרויסע שטערונג פאַר אַ דערפאָלגרייכער טעטיקייט און ווערבירונג איז געוואָרן די אומוואַנדלונג פון די יידישע יוניאָנס. זיי זיינען געוואָרן פעסטער און רייכער, האָבן אַליין אויסגעברייטערט זייער טעטיקייט אויפן סאָציאַלן און פּאָליטישן געביט, און האָבן זיך דערוווייטערט פון די פריערדיקע סאָציאַליסטישע שטרעבונגען. יעדע יוניאָן איז געוואָרן אַן אָפּגעשלאָסענע מלוכה פאַר זיך, וואָס שטרעבט צו אויטאַרקיע — זעלבסט־אויסקום און זעלבסט־באַדינונג פאַר די אייגענע מיטגלידער.

אין שייכות מיט דעם 20־יאָריקן יובילײ קלאָגט זיך דער פאַרבאַנד־אָרגאַן: „גרויסע, וויכטיקע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס — טרייד־יוניאָנס, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דער מסירת־נפשדיקער אַרבעט פון יידישע סאָציאַליסטן; אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען פלייש פון פלייש און בלוט פון בלוט פון דעם יידישן קעמפנדיקן סאָציאַליסטישן אַרבעטער, — האָבן אין זייער אויפשטייג, אין זייער באַרג־אַרויף פאַרגעסן וועגן זייער אָפּשטאַם. וועגן די וואָרצלען, פון וועלכע זיי וואקסן אַרויס, וועגן דעם גייסט, מיט וועלכן זיי אַליין שפייזן זיך... און זיי האָבן זייער ווייניק, אָפּטמאָל גאָרנישט געוואָלט האָבן צו טון מיט זייער 'אָרימער' סאָציאַליסטישער משפחה... און נישט זעלטן אפילו אָפּגעקערט זיך אין יחוסדיקער גאווה... גרויסע מאַסן זיינען געוואָרן מיד, צעבראָכן, אַנטוישט — און האָבן מיט ציניזם באַדעקט זייער פּוסטקייט, זייער אויסגעליידיקטקייט, זייער צוריקציען זיך אין דעם וואַרעמען ווינקל פון אייגענעם

פערזענלעכן לעבן. אנדערע האָבן זיך אָנגעכאַפּט ביי קוראַנטע, גלאַנצנדיקע באַוועגונגען, וואו פרעמד פייער וואַרעמט זייערע קאַלט־געוואָרענע נשמות און פרעמד ליכט האַלט־אויף זייער אויסגעלאָשענעם גייסט. און בלויז אַ נישט־גרויסע צאָל יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן זיינען פאַרבליבן אויף די פּאָזיציעס, כדי טראָגן אַלע שוועריקייטן און שטערונגען פאָרטצוזעצן די דינסט צו דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, אויסצולייזן אים פון זיינע פיינט און פאַר־שווערכער". [233]

כדי קלאָר צו מאַכן די שטעלונג צו די פּראַגן, וואָס די מלחמה־געשעענישן האָבן אַוועקגעשטעלט, האָט דער פאַרטיי־ראַט פון פאַרבאַנד אויף זיין סעסיע דעם 22־23 יוני 1940 אָנגענומען אַ דעקלאַראַציע. אין איר זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן די סיבות פון די מפּלות, וואָס די דעמאָקראַטישע מלוכות האָבן געליטן אין געראַנגל מיטן היטלעריזם. איינע פון די סיבות איז די סאָציאַלע אומ־גלייכהייט, וואָס ווערט איינגעהאַלטן ביי דער פאָרמעלער פּאָליטישער גלייכהייט. די דעמאָקראַטיע איז אָבער פאָרט „די איינציקע פאָרם פון מאַכט, וואָס גיט די מעגלעכקייט די אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן צו זיכערן זייערע פּאָליטישע פּאָזיציעס פאַר זייער סאָציאַלן קאַמף". די אַרבעטער און פּראָגרעסיווע כוחות אין אַמעריקע דאַרפן פון איין זייט אַרבעטן פאַר הויבן און שטאַרקן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד און די סאָציאַלע דערגרייכונגען פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן, פון דער צווייטער זייט דאַרף מען „שטעלן אַלע מאַטעריעלע און מאָראַלע כוחות אין גרייטקייט צום קאַמף קעגן אַלע פאַשיסטיש־דיקטאַטאָרישע עלעמענטן". עס ווערט כאַראַקטעריזירט די הילף פון סטאַלין־רעזשים און פון דער קאָמו־ניסטישער באַוועגונג פאַר נאַצי־דייטשלאַנד און עס ווערט גערופן צום אַנטשלאָ־סענעם קאַמף קעגן די העלפער פון היטלעריזם און קעגן אַלע פאָרמען פון דיקטאַטור.. לסוף רופט די דעקלאַראַציע „צו די גרעסטע אָפּפערווויליקייטן פאַר דער הילף־ און שוץ־פּאָליטיק, וואָס ווערט געפירט פון דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווייל אין דעם איז די איינציקע גאַראַנטיע, אַז אונזער לאַנד וועט טון אַלץ, כדי צו העלפן דעם אַנטי־היטלעריסטישן צד און אַז די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע וועט נישט איבערחזרן די פאַרברעכערישע טעותן פון די אייראָפּעאישע דעמאָקראַטיעס. אַנטקעגן כוח מוז געשטעלט ווערן — כוח". די אָנהענגער פון דער ס. פּ. ווערן גערופן צו באַפרייען זיך פון פּאַצי־פיזם און איזאָלאַציע, וואָס נאָרמאַן טאָמאַס פּרעדיקט.

דער פאַרטיי־ראַט האָט באַהאַנדלט נאָך אייניקע פּראַגן פון פאַרבאַנד און פון דער באַוועגונג בכלל. י. לעווין־שאַצקעס האָט באַריכטעט וועגן דער אָפּגע־טוענער אַרבעט זינט דעם מלחמה־אויסברוך. ה. ראָגאָף האָט רעפערירט וועגן „וועלט־קריזיס און סאָציאַליזם". ער האָט אָנגעוויזן אויף טאַקטישע טעותן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פעסטגעשטעלט, אַז דער סאָציאַליזם ווי אַ סיסטעם איז געוואָרן אַ לעבנס־נויטווענדיקייט. נ. כאַנין האָט גערעדט וועגן דער „לייבאָר־פּאַרטיי, טרייד־יוניאָנס און סאָציאַליסטישער באַוועגונג". דערביי האָט ער אַטאַקירט די טאַקטיק פון די יוניאָן־פירער, וואָס מאָביליזירן נישט די אַרבעטער צו קענען אַרויסברענגען זייער פּאָליטישע ווירקונג און וואָס איז די סיבה פון דער שוואַכקייט פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. דער פאַרטיי־ראַט האָט אויך איבערגעשיקט זיינע „האַרציקסטע און וואַרעמסטע

גרוסן צו די טויזנטער יידישע אַרבעטס־מענטשן אין אָקופּירטן פּוילן, וועלכע גייען אָפּ מיט בלוט, אָבער לאָזן נישט אַרויס פון זייערע מידע הענט די אַלטע, רומפולע פאָן פון 'בונד'".

די 14־טע קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 15־13 סעפּטעמבער 1940 אין פילאַדעלפיע. אין אַ באַגריסונגס־אַרטיקל ערב דער קאָנווענשאָן האָט געשריבן דער סעקרעטאַר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע, אויגוסט קלעסענס: „דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד בילדעט גאָר אַ גרויסן טייל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע איבערן גאַנצן לאַנד. ס'זיינען פאַראַן אַ סך יידישע גענאָסן, וועלכע זיינען זייער סענסיטיוו צוליב אָט דעם פאַקט. מיר, די גויים אין דער ס.ד.פ., פילן גאַנץ אַנדערש וועגן דעם"... „אויב אין דער איצטיקער צייט געפינט זיך אַ גרויסע צאָל יידן צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, איז דאָס צום לויב, צום שבח פון די יידן"... „אין אַ סך געגנטן און טיילן פון די פאַראייניקטע שטאַטן וואָלט נישט געווען קיין שפּור פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווען נישט אַ ברענטש פון פאַרבאַנד אָדער פון אַרבעטער־רינג. מיר האָבן זיך גאָרנישט וואָס צו שעמען מיט דעם"[234]. אין דערווירקלעכקייט זיינען יידן נישטאָ צו פיל, נאָר גויים זיינען פאַראַן ווייניק, ווייט צו ווייניק.

די קאָנווענשאָן, צו וועלכער עס זיינען געקומען 136 דעלעגאַטן, איז געעפנט געוואָרן דעם 13 סעפּטעמבער מיט רעדעס פון ד. בראַגינסקי, ס. ריפקין, י. באַסקין, אַלעקסאַנדער קאַהן, ר. גוסקין, ר. אַבראַמאָוויטש און מעק דייוויט (א. פ. אָוו ל., פּענסילווייניע). דער פאַרזיצער פון פאַרבאַנד ס. ריפקין האָט אין אַ לענגערער רעדע באַרעכטיקט די אַנטי־מלחמה־שטעלונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין ערשטן וועלט־קריג און אַנטשידן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַזאַ האַנדלונג אין צווייטן וועלט־קריג. „מיר ווייסן, האָט ער געזאָגט, אַז די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די יידישע מיטגלידער פון דער ס.פּ. איז נישט מסכים מיט דער שטעלונג פון נאָרמאַן טאָמאַס. מיר ווייסן, אַז אידייִיש זיינען זיי איצט מיט אונז. מיר האַלטן פאַר אונזער מאָראַלישן חוב פון דער טריבונע פון דער קאָנווענשאָן ווענדן זיך צו זיי מיט דעם אויפריכטיקן רוף צו שטעלן אין דעם איצטיקן פאַראַנטוואָרטלעכן מאָמענט די אויפגאַבן, וואָס סאָציאַליסטן האָבן פאַר זיך, העכער פון אַלע אַנדערע מאָטיוון און אַנשליסן זיך אין אונזער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז פּאַקטיש געבליבן די פאָן־טרעגערין פון דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע".

ר. אַבראַמאָוויטש האָט איבערגעגעבן, אַז „אין אייראָפּע, און ספּעציעל אין פראַנקרייך, האָבן יידישע יונגעלייט און צווישן זיי די יידישע סאָציאַליסטן געשפּילט גאָר אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דעם מיליטערישן אָפּוואָר פון די היטלער חיילות אויף די שלאַכט־פעלדער. צווישן די בראַוועסטע טיילן פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, וואָס האָבן געשטעלט דעם שטאַרקסטן ווידערשטאַנד, זיינען געווען אומעטום אויפן ערשטן פּלאַץ די יידישע פרייוויליקע און סאָלדאַטן. איך וויל האָפן, אַז אויך דאָ אין אַמעריקע וועט ביי דער יידישער יוגנט און ביי דעם יידישן סאָציאַליזם הערשן דער זעלביקער גייסט, די זעלביקע הויכע מאָראַל, וואָס דרינגט אַרויס נישט בלויז פון נאַציאָנאַלן געפיל, נאָר אויך פון

יענעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן גייסט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש געווען פאַר אונזער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גאַנצער צייט פון איר עקזיסטענץ".

אין טעטיקייט־באַריכט האָט דער סעקרעטאַר י. לעווין־שאַצקעס דערציילט וועגן די שוועריקייטן, וואָס דער פאַרבאַנד טרעפט אָן, ווייל ער איז נישט קיין טייל פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. בעת די וואַל־קאַמפּיינס דאַרף מען אַרבעטן פאַר קאַנדידאַטן, וואָס אַנדערע שטעלן אַרויס און במילא פאַר פּלאַטפאָרמס, וואָס אַנדערע אַרבעטן אויס. אין פאַרגאַנגענעם פעריאָד האָט מען זיך בעיקר פאַר־נומען מיט אויפקלערונג־אַרבעט וועגן נאַציזם, מלחמה און די יידישע פראַגן, וואָס זיינען אין שייכות מיט דעם אַנטשטאַנען. אויך דאָס איז געווען שווער, ווייל דער ברייטער יידישער עולם אין אַמעריקע האָט געהאַלטן, אַז צו אים האָט עס נישט קיין שייכות. וועגן סטאַלין־היטלער־פּאַקט זיינען אין אַ ריי שטעט דורכגעפירט געוואָרן איבער הונדערט פאַרזאַמלונגען און מ׳האָט צע־טיילט פיל אויפרופן. די באַמיאונגען צו שאַפן אַ ראַט פון די אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציעס האָבן נישט געגעבן די געוואונשטע רעזולטאַטן צוליב דעם אומווילן פון די טרייד־יוניאָנס.

שילדערנדיק די אינערלעכע לאַגע אין פאַרבאַנד, האָט דער באַריכט־אָפּ־געבער געזאָגט: „אונז איז נאָך נישט געלונגען צו באַזייטיקן די הויפּט־צרה — און דאָס איז, וואָס אונזערע אַקטיווע מיטגלידער זיינען דער אַקטיווסטער עלע־מענט אין אַלע אַנדערע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און גיבן אויף דעם אַוועק דעם גרעסטן חלק פון זייער ענערגיע און בלויז אַ טייל פאַר דער פאַר־טייאישער אַרבעט. דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט געפּטרט זייער אַ סך ענערגיע אויף פּרוואון צו הויבן דעם דיסציפּלין־געפיל ביי אונזערע מיט־גלידער"... מ׳האָט זיך באַמיט צו שאַפן דעם באַוואוסטזיין, אַז „די דירעקטע סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייאישע אַרבעט דאַרף זיין דער עיקר פון זייערע טעטיקייטן". דער באַריכט־אָפּגעבער האָט אויך אַרומגערעדט די שוועריקייטן צו פירן די רעגולערע מיטינגען פון די בראַנטשעס, ווייל צוליבן פעלן פון פּאָליטישער טעטיקייט פאַלט דער אינטערעס פון די מיטגלידער. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט זיך באַמיט אויפצולעבן די 40 בראַנטשעס אין לאַנד. דער סעקרעטאַר איז געווען אויף טורן און יעדעס מאָל באַזוכט פון 40 ביז 50 שטעט. אויסער דעם זיינען אַנדערע טוער געווען אויף לאָקאַלע טורן.

דער „וועקער"־פאַרלאַג, איז באַריכטעט געוואָרן, האָט אָפּגעשטעלט די טעטיקייט צוליבן שלעכטן מצב אויפן יידישן ביכער־מאַרק. מ׳האָט זיך באַג־נוגנט מיט אַרויסגעבן אייניקע בראָשורן. לסוף האָט דער באַריכט־אָפּגעבער אָנגעוויזן אויף דעם אָנטייל פון די פאַרבאַנד־מיטגלידער אין אַ ריי געזעל־שאַפטלעכע אַקציעס און קאַמפּיינס, וואָס אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן דורכ־געפירט.

אַ ריי פאָרשטייער פון פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן באַגריסט די קאָנ־ווענשאָן. י. פיינבערג (ניו־יאָרקער דזשאָינט באָארד פון קלאָוקמאַכער), ע. נאָ־וואָגרודסקי (בונדישע דעלעגאַציע), צביון, י. מינקאָף (יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט), ב. אייסוראָוויטש („אָרט"), ב. געבינער, י. פּאַט און אַנדערע. ש. זיגעלבוים, וועלכער איז נאָר־וואָס געקומען פון יענער זייט ים, האָט געבראַכט אַ

גרוס פון די יידישע אַרבעטס־מענטשן, וואָס זיינען אָפּגעשלאָסן אין נאַציִשן גהינום. ער האָט געזאָגט: „די יידישע העלדן, דערצויגן אין בונדישן קאַמף־גייסט, ווייזן אַרויס אויסערגעוויינלעכן מוט. זיי דינען אַלס קוואַל פון אינ־ספּיראַציע און האָפענונג פאַר דער געפּייניקטער יידישער באַפעלקערונג. זיי זיינען דער לייכט־טורם אין דער אַרומיקער פינסטערניש"... „זיי גלויבן, אַז אויף דער וועלט זיינען נאָך פאַראַן כוחות, וואָס וועלן צעברעכן דעם אייזערנעם אָנגריף פון דער דיקטאַטאָריש־פאַשיסטישער מאַכט".

בכלל האָבן אַלע רעדנער אויף דער קאָנווענשאָן בעיקר אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט פון קאַמף קעגן היטלעריזם און סטאַליניזם, און ווי וויכטיק ס'איז אין דער שווערער צייט צו שטאַרקן דעם גלויבן אין סאָציאַליזם. די זעלבע געדאַנקען האָבן אויך דאָמינירט אין די רעזאָלוציעס. די וויכטיקסטע פון די אָנגענומענע רעזאָלוציעס זיינען געווען: פאַר אויסוויילן פּרעזידענט רוז־וועלט צום דריטן מאָל; פאַר מיליטערישער צוגרייטונג און שטיצע צו ענגלאַנד מיט דער האָפענונג „אויסצוהיטן די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַריינטרעטן אין די רייען פון די מלחמה־פירנדיקע לענדער"; וועגן דער לאַגע פון די יידן אויף דער וועלט צוליב דער מלחמה און די היטלערישע נצחונות און וועגן געמיינ־זאַמען גורל פון יידישן פאָלק און די אַנדערע פעלקער, וואָס קעמפן קעגן היט־לעריזם; אַן אַפּיל צו אַלע יידישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ סוף צו דער שפּאַלטונג, ווייל „די וויכטיקסטע פּרינציפּיעלע מיינונגס־פאַרשידנהייטן, וואָס זיינען געווען אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַווע־גונג ביז איצט, זיינען אין דער גרעסטער מאָס פאַרשוואונדן געוואָרן"; פאַר שאַפן אין אַמעריקע אַן אינטערנאַציאָנאַל סאָציאַליסטיש ביוראָ, מחמת די מלחמה האָט פאַרניכטעט די מערהייט סאָצ. פאַרטייען אין אייראָפּע און דער סאָצ. אינ־טערנאַציאָנאַל האָט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן.

רעזאָלוציעס זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן וועגן פירן אַ טעטיקייט צווישן דער יוגנט, וועגן יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, אַרבעטער־ריגג, „אַרט", „פאָר־ווערטס", „ניו־לידער", וועגן די ניי־אַריבערגעקומענע סאָציאַליסטן פון אייראָפּע און מ'האָט גענומען צו קענטעניש די באַריכטן פון די אָנפירנדיקע איינריכ־טונגען און פון דער „וועקער"־רעדאַקציע. די קאָנווענשאָן האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם, אַז „די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע פון אַמע־ריקע זאָל ווערן אַ נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי" און גלייכ־צייטיק זאָל מען מיטאַרבעטן מיט די שוין־עקזיסטירנדיקע אַרבעטער־פּאַרטייען אין אייניקע שטאַטן. אין אַ רעזאָלוציע וועגן „בונד" איז צווישן אַנדערן גע־זאָגט געוואָרן: „טריי אונזערע געפילן פון ליבשאַפט אַן גרענעצן צום 'בונד', צו דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע פון די יידישע מאַסן פון יענער זייט ים, אויף וועמענס אידייען און אידעאַלן עס איז געבויט געוואָרן אונזער באַוועגונג דאָ אין אַמעריקע, שיקן מיר איבער אונזער האַרציקע באַגריסונג צו די באַמענלאָזע יידישע אַרבעטער, וואָס שטייען איצט אין די געפערלעכסטע פּאָזיציעס אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אין פּוילן".

נאָכן אָננעמען אַ ריי אָרגאַניזאַציאָנעלע באַשלוסן, האָט די 14־טע קאָנ־ווענשאָן אויסגעוויילט אַ נייעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פאָלגנ־דיקע מיטגלידער: מ. י. אשביז, מ. באַגנאַ, ה. בערגער (פילאַדעלפיע), ד. בראַ־

גינסקי (פילאַדעלפיע), ה. בערנשטיין (נוארק), פּ. בלאַק, ר. גוסקין, ב. געבינער, מ. גאַפּט, י. דאָרפמאַן, מ. ווײַנשטיין, י. וויינבערג, י. ישורין, ג. כאַנין, י. לעווין־שאַצקעס, י. לעווענטאל, י. מינקאָף, ב. מאַזער, ה. מילער, פּ. עפשטיין, ל. קלוקאָווסקי, דר. י. קיסמאַן, ס. ריפקין און א. שענקין.

אין דער פראַגע פון מלחמה איז דער פאַרבאַנד נישט געבליבן שטיין אויף איין אָרט. ווען מיט אַ יאָר שפּעטער נאָך דער 14־טער קאָנווענשאַן איז פאַרגעקומען (10—12 אָקטאָבער 1941) די שטאַטישע קאָנפערענץ פון דער ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציע, איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וואָס זאָגט: „אַמעריקע מוז גלייך מאָביליזירן אַלע אירע ריזיקע שעפערישע כוחות און וואַרפן זיי אויף דער וואָגשאָל פון קאַמף קעגן נאַציזם און פאַשיזם. אָן שום באַוואָרענישן און אָפּהאַלט מוז תיכף געגעבן ווערן די מאַקסימום הילף אין אַלע פאָרמען פאַר ענגלאַנד און רוסלאַנד״...

נאָך אַמעריקעס אַריינטריט אין קריג האָט אָפּגעהאַלטן אַ סעסיע (6—8 פעברואַר 1942) דער פאַרטיי־ראַט פון פאַרבאַנד. אין דער אָנגענומענער דע־קלאַראַציע איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז „די איצטיקע וועלט־מלחמה איז אַ פאַרטיידיקונגס־קאַמף, אַ זעלבסטשוץ־נויטווענדיקייט, אַ געראַנגל אויף לעבן און טויט״ און „אַז קיין שום קרבנות קענען נישט זיין צו גרויס און צו טייער״ פאַר דעם זיג איבער די כוחות פון היטלעריזם און פאַשיזם. צווישן אַנדערן האָט דער פאַרטיי־ראַט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם פּלאַן און אַגיטאַציע פאַר אַ יידישער אַרמיי און דערקלערט, אַז „דער וועג פון די נאַציאָנאַל פאַרפאָלגטע פאָלט זיך צונויף מיט דעם וועג פון די סאָציאַל אונטערדריקטע״.

נאָך 4 יאָר מלחמה, נאָך אַן אַ שיעור גרויליקע איבערלעבונגען, איז זיך צונויפגעקומען די 15־טע קאָנווענשאַן פון פאַרבאַנד. געווען איז דאָס אין די טעג פון 26—28 נאָוועמבער 1943 אין פילאַדעלפיע. אין חשבון־הנפש צו דער קאָנווענשאַן האָבן זיך געהערט טענער פון טיפן טרויער. נישט בלויז צוליב די בערג הרוגים און טייכן בלוט אויף די שלאַכט־פעלדער, נישט בלויז צוליב דעם גרויסן בראָך פון יידישן פאָלק. די מערכה פון דער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג איז געווען אַ ביטערע. צווישן די גרויסע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל איז אויסגעוואַקסן אַ וואַנט. די פירער און טוער פון די טרייד־יוניאָנס האָבן פאַרגעסן פון וואַנען זיי קומען און ווער עס האָט זיי באַזעלט און גרויס געמאַכט. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די געדריקטע שטימונג.

„אונזער קול, דער קול פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — האָט גע־זאָגט אין זיין עפענונגס־רעדע דער פאַרבאַנד־פּאַרזיצער ס. ריפקין — איז געבליבן אַ קול קורא במדבר. די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע איז געגאַנגען אויף אַלע מעגלעכע קאָמפּראָמיסן. זי איז אפילו איינגעגאַנגען אויף אָפּצוגעבן איר אייגענע פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט, כדי דורך אַנדערע וועגן — דורך אַן אַלגעמיינער אַרבעטער־פּאַרטיי — דערגרייכן און געווינען די אַר־בעטער־מאַסן פאַר פּאָליטישער אַקטיוויטעט. לײדער איז דערווייל דער דאָ־זיקער עקספּערימענט — די אַמעריקאַנער לייבאָר־פּאַרטיי אין שטאַט ניו־יאָרק — נישט געלונגען. די איצט געשאַפענע סיטואַציע באַפרייט אָבער נישט די סאָ־ציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, ווי קליין זי זאָל נישט זיין אין צאָל,

פון אירע היסטאָרישע אויפגאַבן און פון איר היסטאָרישער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט".

אין זיין באַריכט האָט דער סעקרעטאַר י. לעווין־שאַצקעס געזאָגט, אַז דאָס וויכטיקסטע, וואָס דער פאַרבאַנד האָט געטון אין די אָפּגעלאָפענע דריי יאָר, איז באַשטאַנען אין אָפּהיטן דעם „סאָציאַליסטישן גלויבן, אונזער סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע, אונזערע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן"... „פון אַלע זייטן זוכט מען דורכצופירן אַן אינפלאַציע פון די סאָציאַליסטישע ווערטן. זיי זיינען אַזוי פאַרביליקט, אַז זיי זיינען געוואָרן דער רויב נישט בלויז פון פּאָליטישע פאַר־ברעכער, נאָר אויך פון אַלערליי ציניקער. מיר פאַרשטייען פאַרוואָס אין יידישן לעבן האָט זיך אַזוי אַריינגעגעסן די אינפלאַציע פון די סאָציאַליסטישע ווערטן: יידן ליידן אַזוי שווידערלעך, אַז פאַרצווייפלונג־שטימונגען נעמען דאָמינירן. ס'איז שווער צו דענקען מיט אָפענע, בלוט־רינענדע וואונדן. דעמאַגאָגן, פאַלשע משיחים שניידן די פּרוכט פון דעם אומגליק"... „די אַטאַקעס אויף אונז זיינען געפירט געוואָרן כסדר און פון אַלע זייטן: פון רעכטס, פון לינקס און פון צענטער, און פון רוקן אויך"... „ביז היטלערס אָנפאַל אויף סאָוועט־רוסלאַנד איז דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד געווען דער איינציקער כוח אויף דער יידי־שער גאַס אין אַמעריקע, וועלכער האָט געפירט דעם קאַמף מיט די קאָמו־ניסטישע רודף־שלומניקעס"...

„די היגע קאָמוניסטן — האָט פעסטגעשטעלט י. לעווין־שאַצקעס — זוכן שלום מיט אַלעמען: מיט דער רעליגיע, מיט די עקסטרעמסטע רעאַקציאָנערן, מיט די גרעסטע קאַפּיטאַליסטן, מיט גלחים, מיט רבנים, מיט ציוניסטן און אַפילו מיטן ציוניזם — מיט אַלע קעגנער פון באָלשעוויזם און קאָמוניזם און פאַרשטאַרקן זייער העצע בלויז קעגן איין טייל — קעגן די אָנהענגער פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק. מיר זיינען די איינציקע געבליבן אויפן שלאַכט־פעלד פון קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. פון דער אַנדערער זייט זוכן די ציוניסטן מיט אַלע מעגלעכקייטן צו באַהערשן די יידישע גאַס. און דאָ קומט ווידער אויס דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד צו פאַרטיידיקן די יידישע סאָציאַליסטישע פּאָ־זיציעס. דאָס קומט אונז אָן זייער שווער. די הויפּט־אַרענע פון דעם דאָזיקן קאַמף איז דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, וועלכן די ציוניסטן פּרוּוון פאַרוואַנדלען אין אַן אינסטרומענט פון זייער פּאָליטישער באַוועגונג".

וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט איז געזאָגט געוואָרן, אַז ס'זיינען אין באַריכט־פּעריאָד דורכגעפירט געוואָרן דריי גרויסע טורן, בעת וועלכע ס'זיי־נען פאָרגעקומען בערך 450 פאַרלעזונגען און פאַרזאַמלונגען. די צאָל פון 40 בראַנטשעס איז איינגעהאַלטן געוואָרן. די אנגעהויבענע אַרבעט צווישן דער יוגנט האָט געמוזט אָפּגעשטעלט ווערן, ווייל כמעט אַלע אַקטיווע טוער זיינען אַוועק אין דער אַרמיי.

רעפעראַטן און רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן פון ש. מענדעלסאָן, נ. כאַנין, ב. געבינער, ר. אַבראַמאָוויטש, הלל ראָגאָף, א. קלעסענס, ע. נאָוואָגרודסקי, פּ. בלאָק און אַנדערע.

ש. מענדעלסאָן, וועלכער האָט גערעדט וועגן דער יידישער לאַגע אויף דער וועלט, האָט געזאָגט, אַז „די פאַרשידענע רעטונגס־קאָמיטעטן און קאָנפערענצן וועלן אַריין אין דער יידישער געשיכטע פאַרשעמטע, ווי אויסדרוקן פון נאָ־

ציאָנאַלער אָנמאַכט. אוודאי זיינען די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און בפרט די סאָציאַליסטישע געווען אומצופרידן, אָבער זיי האָבן נישט באַוויזן די דאָזיקע אומצופרידנקייט צו פאַרוואַנדלען אין טאַט. איבער אונז הענגט דער פאַר־צווייפלטער פּראָטעסט קעגן דער דעמאָקראַטישער וועלט און אויך קעגן אונז אַלעמען פון דעם פאַרפייניקטן און דערהויבענעם שמואל זיגעלבוים. זיין אַקט הערט נישט אויף צו מאָנען". ער האָט גערעדט וועגן די אויפשטאַנדן און ווידערשטאַנדן אין די געטאָס פון וואַרשע, ביאַליסטאָק, נעסוויזש, בענדין און אַנדערע ערטער.

ג. כאַנין האָט אין זיין רעדע וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע געזאָגט: „ס'איז פאַראַן אַ מורא, אַז רוסלאַנד האָט באַקומען אַ שטילן צוזאָג צו באַקומען נייע טעריטאָריעס און אַז אונטער איר הערשאַפט וועלן זיך געפינען אַ גאַנצע ריי קלענערע לענדער, וואָס האָבן ביז דער איצטיקער וועלט־מלחמה געלעבט זעלבסטשטענדיק. אויב אַלס רעזולטאַט פון דער מלחמה וועלן פעלקער פאַר־לירן זייער פריערדיקע זעלבסטשטענדיקייט, וועט דאָס זיין אַ קוואַל פון נייע קאָנפליקטן און עס וועט קיין פרידן אויף דער וועלט נישט זיין".

ריידנדיק וועגן דער פּאָליטישער לאַגע און דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, האָט הלל ראָגאָף פעסטגעשטעלט: „צענטליקער יאָרן האָבן די סאָציאַליסטן פּראָפּאַגאַנדירט, געררופן און געוועקט די אַרבעטערשאַפט צו פּאָליטישער אַקטיוויקייט, אָבער דאָס האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף די טויבע אויערן פון דער אָרגאַניזירטער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג. די סאָציאַליסטן האָבן גע־וואָרנט, אַז מען קען נישט לעבן פון נדבות, אַז מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף נסים, אויף אַ משיח, וואָס וועט ברענגען די ישועה"... „ליידער האָט די אַרבעטערשאַפט ניט אויפגענומען — נישט די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, נישט די פּראַקטישע לעקציעס פון דעם לעבן גופא". נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, דאַרף מען דאָך ווייטער גיין אויפן וועג פון וועקן די אַמעריקאַנער אַר־בעטערשאַפט צו זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער אַקציע.

די 15־טע קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ דעקלאַראַציע וועגן מלחמה, שלום און יידישע פּראָבלעמען. אין איר ווערט געלויבט די דעמאָקראַטיע און עס ווערט פעסטגעשטעלט „מיט אַ געפיל פון באַזונדערער באַפרידיקונג, אַז דורך די אַלע שווערע און פיינלעכע יאָרן פון צוויפל און פאַרצווייפלונג איז אונזער אָר־גאַניזאַציע געבליבן טריי דער אידייע פון דעמאָקראַטיע"... „מיט באַנייטער זיכערקייט דעקלאַרירן מיר איצט אונזער פעסטע טריישאַפט צו די דעמאָקראַ־טישע פּרינציפּן, וואָס מיר האַלטן פאַר די גרונט־יסודות פון אַ ווירדיקער מענטשלעכער געזעלשאַפט"... „אין דער זעלביקער צייט דערקלערן מיר אונזער אומגעבראָכענעם גלויבן אין דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם — אין דעם סיסטעם פון פּאָליטישער פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט. סאָציאַליזם איז נישט דענקבאַר אָן דעמאָקראַטיע — און דעמאָקראַטיע איז נישט דענקבאַר אָן סאָ־ציאַליזם"... „דער אויסוואַל איז נישט צווישן קאַפּיטאַליזם און קאָמוניזם. דער אויסוואַל איז צווישן קאַפּיטאַליזם, קאָמוניזם און — סאָציאַליזם. מיר זיינען פאַר סאָציאַליזם"... „מיר זיינען ניט סתם סאָציאַליסטן, מיר זיינען יידישע סאָציאַליסטן. מיר פאַרבינדן אונזער אידעאַל פון דער פּאָליטישער און סאָציאַ־לער באַפרייאונג פון די מענטשן מיט דער באַפרייאונג פון אונזער פאָלק, ווי

אַלע אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער, פון נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונגען און דיסקרימינאַציע״.

שילדערנדיק דעם יידישן חורבן און כאַראַקטעריזירנדיק די שטימונגען, וואָס זיינען צוליב דעם אויפגעקומען, זאָגט די דעקלאַראַציע, אַז מ׳הערט פרע־דיקן וועגן „יציאת־איראָפּע״ נאָכן זיג איבער היטלערן. „מיר האַלטן — זאָגט די דעקלאַראַציע — די דאָזיקע פאַרצווייפלונגס־טעאָריעס אַלס געפערלעך פאַר די לעבנס־אינטערעסן פון יידישן פאָלק״... „אַקצעפּטירן ׳יציאת־איראָפּע׳ מוז לאָגישערווייז ברענגען פאַר די יידן צו ׳יציאת אַמעריקע׳, צו ׳יציאת־העולם׳ — און דאָס מיינט צו יציאת־הנשמה פון דעם יידישן פאָלק״... „מיר טאָרן נישט מאַכן שלום מיט דער פינסטערער תורה וועגן דער יידישער אויס־וואָרצלונג פון די לענדער, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט און געשאַפן. טויזנטער און טויזנטער יידן זיינען העראָאיש אומגעקומען אין אומגלייכן קאַמף קעגן די נאַציס — און זיכער האָבן זיי נישט מקריב געווען זייערע לעבנס פאַרן רעכט צו ׳יציאת איראָפּע׳ ״... „יידישער נאָכגעבן דער אַנטיסעמיטישער תורה — איז נאַציאָנאַלער דעפיטיזם און פאַראַט״. נאָכן אויסרעכענען אַ ריי קאָנקרעטע פאָדערונגען פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג און זיכערקייט פון יידן בעת און נאָכן קריג, רופט די דעקלאַראַציע „די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע דווקא אין די איצטיקע שווערע טעג אָפּצוגעבן זיך אַ קלאָרן דין וחשבון וועגן דער פאַרבינדונג צווישן דעם שיקזאַל פון דער וועלט און דעם גורל פון אונזער פאָלק״...

נאָכן אָננעמען אַ ריי רעזאָלוציעס — וועגן דער פּאָליטישער טעטיקייט פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער, וועגן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, „אָרט״, וועגן אונטערערדישן „בונד״ אין פּוילן און דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, ווי אויך אָרגאַניזאַציאָנעלע באַשלוסן, האָט די קאָנווענשאָן אויסגעוויילט אַ נייעם נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון די דאָזיקע מיטגלידער: מ. י. אַשביז, פ. בלאַק, ל. בערמאַן, ה. בערגער (פילאַדעלפיע), ד. בראַגינסקי (פילאַדעלפיע), ה. בערנשטיין (נוּאַרק), מ. גאַפּט, ב. געבינער, מ. ווינשטיין, י. וויינבערג, ש. וויס, ס. טראַכטמאַן (פילאַדעלפיע), ב. כאַנין, י. ליפשיץ, י. לעווענטאַל, י. לעווין־שאַצקעס, י. מינקאָף, ה. מילער, ד. מייער, ב. מאַזער, דר. ע. נאַקס, מ. עדעלסאָן, פ. עפשטיין, ס. פעפער, ה. פישער, ב. קאַפּלאַן, י. קעי, ל. קלוקאָווסקי, נ. קרע־מער, ס. ריפקין, ב. שעפנער און א. שענקין.

פאַרן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין די טעג פון 27 און 28 יאַנואַר 1945, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ סעסיע פון פּאַרטיי־ראַט מיטן אָנטייל פון 86 דעלעגאַטן. אויסער אַן אויספירלעכן באַריכט פון סעקרעטאַר י. לעווין־שאַצקעס, זיינען געהאַלטן געוואָרן רעפעראַטן וועגן יידישע פּראָבלעמען (ש. מענדעלסאָן) און וועגן די אויסזיכטן פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג אין איראָפּע (ר. אַבראַמאָוויטש). ס׳זיינען אַרויסגעטרעטן אַ גרויסע צאָל רעדנער, וואָס האָבן באַרירט פיל אַקטועלע פראַגן.

אין די אָנגענומענע רעזאָלוציעס איז דערקלערט געוואָרן, אַז דער פאַר־באַנד וואַרפט אָפּ „דעם געפעלשטן און פאַרקריפּלטן סאָציאַליזם פון די קאָ־מוניסטן, וועלכע האָבן געבראַכט אַזוי פיל אומגליק אויף דער וועלט און וועלכע טראָגן די זוימען פון נייע אומגליקן. מיר דערלאָזן אויך נישט דעם געדאַנק פון

שלום מאַכן מיט דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, וואָס איז דער מקור און די סיבה פון אַלע קאַטאַסטראָפעס". די מיטגלידער פון פאַרבאַנד זיינען גערופן געוואָרן ווייטער צו שטיצן די ליבעראַלע פּאַרטיי אין שטאַט ניו־יאָרק און די ליבעראַלע־לייבאָר־קערפּערשאַפטן אין אַנדערע שטאַטן. גלייכצייטיק איז באַטאָנט געוואָרן, אַז ס'איז אַ סאָציאַליסטישער חוב צו מאַכן אַלע אנשטרענגונגען פאַר „שאַפן אַ פּאַרטיי, אין וועלכער דער פּאָליטישער כוח און דער פּאָליטישער ווילן פון דער אַרבעטערשאַפט זאָלן קריגן זייער זעלבסטשטענדיקן אויסדרוק אין גייסט און אין דער ריכטונג פון דעם דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם".

דער פּאַרטיי־ראַט האָט באַרעכטיקט די האַנדלונגען פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס איז אַרויסגעטרעטן פון דער אַזוי־גערופענער יידישער קאָנפערענץ. דערביי האָט ער פאַראורטיילט די בשותפותע העצע, וואָס די קאָמוניסטן און ציוניסטן פירן אין שייכות מיט דעם קעגן דעם יידישן אַרבעטער קאָמיטעט.

אַ באַזונדערע רעזאָלוציע פאָדערט צו באַשטראָפן די פאַשיסטישע מערדער:
„די מערדער פון מיליאָנען יידן אין אייראָפּע מוזן באַצאָלן זייער פולן חוב".
„מיר פאָדערן פון די אַליאירטע פעלקער צו פאַרזיכערן די יורידישע און פאַקטישע רעכט פון די לעבן־געבליבענע יידן צוריק צו בויען זייער חרוב געמאַכטן לעבן און אַז ברייטע הילף, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם ספּעציפישן פאַרנעם פון דער יידישער קאַטאַסטראָפע, זאָל זיי געגעבן ווערן פאַר דעם צוועק. מיר פאָדערן, אַז זיי זאָל גאַראַנטירט ווערן צו קענען לעבן אין פּאָליטישער, סאָציאַלער און קולטורעלער פרייהייט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פעלקער. מיר פאָדערן, אַז פאַר די יידן, וועלכע וועלן זיך נישט קענען איינאָרדענען אין זייערע אַלטע היימען, זאָלן געעפנט ווערן די טויערן פון פּאַלעסטינע, וואו עס עקזיסטירט אַ ספּעציעלע באַגרענעצונג פאַר דער יידישער אימיגראַציע, און פון אַלע אַנדערע לענדער. די דאָזיקע לענדער זיינען מחויב כאָטש אין אַ וועלכער נישט איז מאָס קאָמפּענסירן די יידן פאַר די פאַרשפּאַרטע טויערן, וואָס זיי האָבן געטראָפן בעת דער בלוטיקער פאַשיסטישער וואַקכאַנאַליע. אונזער לאַנד דאַרף זיין דאָס ערשטע צו ווייזן דעם דאָזיקן ביישפּיל"...

דער נאַציזם האָט זיך געוואָרפן אין זיינע לעצטע קאָנוואולסיעס. די באַוואָפנטע פעלקער האָבן פון מזרח און מערב אָן אויפהער מאַרשירט צו בערלין. דער בלוטיקער מבול האָט זיך דערנענטערט צום סוף. און דער בעכער פון פּיין, בלוט און טרערן איז געווען שוין לאַנג איבערגעפולט און איבערגערונען...

28. אין דער נייער צייט

נאָכן חורבן.—נייע אויפגאַבן.—חלוקי־דעות וועגן פרעזידענטן־וואַלן און פאַראייניקונג מיט דער ס. פּ.—בונדישע אָרגאַניזאַציעס.—מדינת ישראל.—נאַציאָנאַליסטישע כוואַליעס.—אַלטקייט.—קעגנערישע בירגערלעכע סביבה.—אָפּשאַצונגען און פאָדערונגען.—פאַרן דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם און וועלטלעך־יידיש לעבן.

אויף אַ רגע בלויז האָט דער נצחון איבער דעם נאַציזם און פאַשיזם אַ שיין געטאָן מיט האָפענונג. פון דער צעשטערונג, האָט מען געגלויבט, וועט אויפגיין אַ פרידלעכע וועלט. די מיליאָנען קרבנות וועלן נישט האָבן געוועזן אומזיסט. די מענטשהייט וועט זיין פריי צו אַרבעטן פאַר אַ בעסער לעבן. אַ גאַראַנטיע פאַר דעם האָט געזאָלט זיין די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער.

די אַנטוישונג איז גיך געקומען. אַנטוואָפּנט האָט זיך בלויז דער מערב־טייל פון דער וועלט. סאָוועט־רוסלאַנד איז געבליבן נישט בלויז שטאַרק באַוואָפנט, נאָר האָט אויך אין אַזאַ אָדער אַנדערער פאָרם אויסגענוצט די מאַכט צו באַהערשן לענדער און פעלקער. דאָס איז געוואָרן אַ סיגנאַל פאַרן מערב אָנצוהייבן אַ גרויסע ווידער־באַוואָפנונג. די יאָרן נאָך דעם נצחון איבערן נאַציזם זיינען אויסגעפילט געוואָרן מיט שפּאַנונגען און קאָנפליקטן, מיט קאַלטע און הייסע מלחמות. דער געשפּענסט פון אַ מעגלעכער דריטער וועלט־מלחמה מיט אַטאָמישע און אַנדערע אומגעהויער־שטאַרקע צעשטערונג־מיטלען, איז געבליבן הענגען איבער די קעפּ פון דער מענטשהייט.

דאָס יידישע פאָלק האָט דערזען זיין פולע בראָך. פאַר די אויגן איז אויפגעגאַנגען מיט רויט־שוואַרצער פאַרב דאָס אימהדיקע בילד פון פאַרפייניקטע, אויסגעהרגעטע און פאַרגאַזטע 6 מיליאָן יידן. קאָשמאַר און פאַרצווייפלונג, טיפע אבלות און פאַרבלוטיקטע וויזיעס זיינען אַריין אין יידישע היימען. באַטריבט זיינען געוואָרן די געמיטער און פאַרטונקלט די אויגן, וואָס האָבן געזוכט דאָס ליכט פון דער וועלט. אייראָפּע, וואו ס׳איז פריער געווען דער רוב מנין ובנין פון יידישן פאָלק, איז געוואָרן איין גרויסער בית־עולם פון מיליאָנען מאַרטירער.

דער נייער אַמעריקאַנער ישוב איז במילא אַרויסגערוקט געוואָרן אויפן אויבנאָן. אַ העלפט פון פאַרקלענערטן יידישן פאָלק איז געבליבן דאָ, האָט געפונען אַ מקום־מנוחה און אויפגעבויט די היים אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. גרעסער איז געוואָרן די אחריות פון די היגע יידן. די אויגן פון זייערע ליידנדיקע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט אָקעאַן האָבן זיך געווענדט אַהער. אויגן וואָס האָבן געזוכט הילף און רעטונג, הערצער וואָס האָבן געלעכצט נאָך טרייסט און באַרואיקונג.

נייע פראַגן, נייע אויפגאַבן זיינען אויפגעקומען. די יידישע אַרבעטער און זייערע וואָרט־פירער האָבן נישט געטאָרט בלייבן שטיין אין אַ זייט. און

זי זיינען אין אַ זייט נישט געשטאַנען. אין דער נייער אָרדנונג, וואָס די נאָכמלחמהדיקע צייט האָט געבוירן, איז געווען צו פאַרהיילן אַן אַ שיעור אַלטע און נייע וואונדן, איז געווען צו לייזן אַ סך קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט זיך באַמיט בייצוטראָגן זיין חלק אין דעם, וואָס די יידישע אַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע האָט געטון. אויב דאָס וואָרט און די טאַט פון די יידישע אַרבעטער זיינען געווען צו קליין פנים אל פנים מיט דער גרויסער אחריות, וואָס דער גאַנג פון די היסטאָרישע געשעענישן האָט פאַר זיי אַוועקגעשטעלט, איז דאָס געווען די שולד און דער רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג, וואָס די גאַנצע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט פריער דורכגעמאַכט.

וואָס מ׳דאַרף טון, האָט דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד פאָרמולירט אויף דער שטאַטישער קאָנווענשאַן אין ניו־יאָרק עטלעכע וואָכן נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה מיט יאַפּאַן. די קאָנווענשאַן פון דער גרעסטער פאַרבאַנד־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 19 — 21 אָקטאָבער 1945, האָט אין דער רעזאָלוציע וועגן די אויפגאַבן דערקלערט: „די וויכטיקסטע אויפגאַבע פאַר די סאָציאַליסטן אין אַמעריקע ווערט איצט די גרינדונג פון אַ פּאַרטיי, אין וועלכער ס׳זאָלן זיך קאָנצענטרירן די שטרעבונגען, די האָפנונגען, די אויסזיכטן און דערוואַרטונגען פון די אַלע, וואָס האָבן מער קיין חשק נישט ווידער צו ווערן קרבנות פון די בלוטיקע אַוואַנטורעס און אַפּערעס פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און וועלכע זאָל גלייכצייטיק באַקעמפן די קאָמוניסטישע דעמאַגאָגיע און הפקרות״. פון דעם, זאָגט די רעזאָלוציע, „איז אָפּהענגיק די ווייטערדיקע אַרבעט פון אונזער אָרגאַניזאַציע סיי אין נאַציאָנאַלן און סיי אין לאָקאַלן מאַסשטאַב, ווייל נאָר פּאָליטישע אַקטיוויטעט קען געבן אַן אינטערעס און אַ זינען אונזער סאָציאַליסטישע אויפקלערונג־אַרבעט״. אַ צווייטע רעזאָלוציע האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ פאַראייניקונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע און סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אין אַ רעזאָלוציע וועגן דער טראַגעדיע און פאָדערונגען פון די יידן איז פאַרלאַנגט געוואָרן: 1) אָפּשאַפן דעם „וויסן פּאַפּיר״ (וואָס האָט פאַרגעזען אַ ריי באַגרענעצונגען לגבי יידן) און עפענען די טויערן פון פּאַלעסטינע פאַר די יידישע היימלאָזע. 2) אַ קאַטעגאָרישע פאָדערונג צו עפענען די טויערן פון אַמעריקע פאַר די היימלאָזע יידן. 3) גלייך לעגאַליזירן די פּליטים, וואָס זיינען געווען אין קעמפ אָסוויגאָ. 4) אָנווענדן „די ענערגישסטע מיטלען קעגן אַלע דערשיינונגען פון ראַסן־דיסקרימינאַציע ביי אונז אין לאַנד. ראַסן־דיסקרימינאַציע און ספּעציעל אַנטיסעמיטיזם מוזן ביי אונז אין לאַנד און אין יעדן לאַנד אויף אַ געזעצגעבערישן אופן דערקלערט ווערן אַלס אַ קרימינעלער פאַרברעכן״. 5) דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט זאָל פאָדערן צולאָזן יידישע פאַרשטייער צום אינטערנאַציאָנאַלן געריכט איבער די נאַצישע קריג־פאַרברעכער. עס ווערן באַגריסט די באַמיאונגען צוריק אויפצובויען די חרובע יידישע ישובים אין אייראָפּע און די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן פון אַמעריקע ווערן גערופן צו געבן די גרעסטע הילף זייערע אומגליקלעכע פאָלקס־ברידער מעבר לים.

דעם פאַרבאַנד איז אויסגעקומען זיך צו פאַרנעמען מיט אייניקע ערשט־

ראַנגיקע פראַגן, וואָס האָבן אַרויסגערופן חלוקי־דעות אין דער אָרגאַניזאַציע. איינע פון זיי איז געווען די שטעלונג צו די פּרעזידענט־וואַלן אין יאָר 1948. דעם 19 יולי פון יענעם יאָר איז פאָרגעקומען אַ געמיינזאַמע זיצונג פון נאַ־ציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט און ניו־יאָרקער שטאָטישן קאָמיטעט. צוויי שטאַנדפּונקטן האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט: איינער האָט געזאָגט, אַז ביידע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען שטעלן מיט זיך פאָר די אַמעריקאַנער פּאָליטיש־סאָציאַלע רעאַקציע און דעריבער דאַרף דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַר־באַנד שטיצן דעם קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער צווייטער האָט געזאָגט, אַז צוליב דער סיטואַציע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג זאָל דער פאַרבאַנד שטיצן אין שטאַט ניו־יאָרק דעם קאַנדידאַט, וואָס די ליבעראַלע פּאַרטיי וועט אינדאָרסירן, אָקעגן אין אַלע אַנדערע שטאַטן זאָל אין הסכם מיט די אָרטיקע ברענטשעס רעקאָמענדירט ווערן צו שטיצן דעם קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אויף אַ צווייטער זיצונג, דעם 16 אויגוסט, איז מיט אַ מערהייט שטימען אָפּגעוואָרפן געוואָרן דער ערשטער שטאַנדפּונקט און ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער צווייטער. אַ גרופּע אנגעזעענע טוער פון אַרבע־טער־רינג מחוץ ניו־יאָרק האָט געשאַפן אַ קאָמיטעט און אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו שטיצן ביי די וואַלן דעם סאָציאַליסטישן קאַנדידאַטן־צעטל. נאָך די וואַלן האָט דער אָרגאַן פון פאַרבאַנד געזאָגט אין אַ לייט־אַרטיקל: „דער אומדער־וואַרטער און איבעראַשנדיקער טריאומף פון הערי טרומאַן איז דער טריאומף פון דער אידייע פון דעמאָקראַטיע".[235]

די חלוקי־דעות אין דער שטעלונג צו די פּרעזידענט־וואַלן האָבן געהאַט פאַר אַ הינטערגרונט אַן אַנדערע וויכטיקע פראַגע, וואו ס'איז נישט געווען קיין הסכם: וועגן פאַראייניקן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג — די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. אין 1947 האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען וועגן פאַראייניקן ביידע אָרגאַניזאַציעס. און הגם ס'זיינען נישט געווען קיין פּרינציפּיעלע מניעות, איז דאָך דער ציל נישט דערגרייכט געוואָרן. שטאַרקע קעגן־כוחות האָבן געווירקט, אַז די פאַראייניקונג זאָל נישט פאָרקומען.

אין דעצעמבער 1947 האָט דער פאַרבאַנד פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג, אין וועלכער ס'איז געזאָגט געוואָרן: „הגם דער קאָמיטעט, וואָס האָט געפירט די אונטערהאַנדלונגען וועגן פאַראייניקונג, האָט דערגרייכט אַ הסכם אין וויכ־טיקע פּרינציפּיעלע פראַגן, האָט מען נישט געקענט דורכקומען אין דער פראַגע וועגן פּאָליטישער אַקציע. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז די פאַראייניקטע סאָצ. פּאַרטיי זאָל אַרויסשטעלן אַ סאָציאַליסטישן וואַל־צעטל ביי די פּרעזידענט־וואַלן אין 1948. די דאָזיקע פראַגע איז דעם 15 אָקטאָבער באַהאַנדלט געוואָרן אויף אַ פאַרברייטערטן געמיינזאַמען מיטינג פון די אַקטיווע טוער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע און פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. נאָך אַ גרינטלעכער באַהאַנדלונג איז מיט אַ גרויסער מערהייט אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז דער פאַרלאַנג פון דער ס. פּ. אַרויסצושטעלן אַ סאָציאַליסטישן וואַל־צעטל ביי די פּרעזידענט־וואַלן אין 1948 קען נישט אַקצעפּטירט ווערן". מאָטיווירט איז דאָס געוואָרן מיט דעם, אַז די ס.ד. פעדעראַציע מוז זיין צוזאַמען מיט דער גאַנצער אַרבעטער־באַווע־

גונג בעת די וואַלן. אַזוי ווי די פּאַראייניקונג איז דאָך נויטיק, זאָל מען די פראַגע אָפּלייגן אויף אַ מער גינסטיקער צייט. דערווייל זאָל מען אָנהאַלטן ברידערלעכע באַציאונגען מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פירן געמיינזאַמע אַקציעס.

מיט דעם איז די פראַגע פון פּאַראייניקונג נישט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדנונג. אין 1949 איז אין די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס ברייט דיסקוטירט געוואָרן דער ענין פון מאַכן אַ סוף צו דער שפּאַלטונג. ס'זיינען אויך פאָרגעקומען רעפערענדומס פון די מיטגלידער. אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט אַ גרויסע מערהייט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער פּאַראייניקונג. אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע איז אויך געווען אַ מערהייט, הגם אַ קליינע: פאַר פּאַראייניקן זיך מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָבן געשטימט 52.6 פּראָצענט מיטגלידער פון דער ס. ד. פעדעראַציע, קעגן 47.4. דער פּונקט 2 פון רעפערענדום, וואָס זאָגט זיך אַרויס פאַר רופן גלייכצייטיק קאָנווענשאָנס פון דער ס. ד. פ. און ס. פּ. צו באַטראַכטן דאָס פּראָגראַם פאַר אָרגאַנישער אייניקייט, האָט באַקומען 64.8 פּראָצענט, קעגן 35.2. דער רעפערענדום האָט אויך געהאַט אַ פּונקט, אַז סאָציאַליסטן זאָלן נישט אַרויסשטעלן קיין קאַנדידאַטן דאָרטן, וואו די אַרבעטערשאַפט שטיצט אַנדערע קאַנדידאַטן. דער פּונקט האָט באַקומען 93.1 פּראָצענט, קעגן 6.9.

אַזוי איז געווען דער רעזולטאַט אין דער גאַנצער פעדעראַציע. אין יידישן טייל, אין דעם פאַרבאַנד, זיינען די רעזולטאַטן געווען: אין ניו־יאָרק האָט דער פּונקט פאַר פּאַראייניקונג באַקומען 43 פּראָצענט שטימען, קעגן 57. אין די בראַנטשעס פון לאַנד, אַחוץ ניו־יאָרק: פאַר 59 פּראָצענט, קעגן 41. דער אַלגעמיינער רעזולטאַט פון גאַנצן לאַנד, ניו־יאָרק איינגעשלאָסן, איז געווען פאַר פּאַראייניקן 49 פּראָצענט, קעגן 51. דער נאַציאָנאַל עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד האָט נאָכן רעפערענדום באַשלאָסן, אַז „די פראַגע וועגן אָרגאַנישער פּאַראייניקונג זאָל צייטווייליק אַראָפּגענומען ווערן פון דער טאָג־אָרדנונג". דערביי האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר געמיינזאַמע אַקציעס און אונטערנעמונגען און פאַר אָנהאַלטן ברידערלעכע באַציאונגען מיט דער ס. פּ.. אויך די אָנפירונג פון דער ס. ד. פעדעראַציע האָט אָנגענומען אַן ענלעכן באַשלוס. אַ ריי בראַנטשעס פון פאַרבאַנד האָבן אָנגענומען רעזאָלוציעס, וואו זיי האָבן אויסגעדריקט אומצופרידנקייט מיט די אויספירן, וואָס די אָנפירונגען פון דער פעדעראַציע און פון פאַרבאַנד האָבן געמאַכט. די דאָזיקע אומצופרידענע בראַנטשעס האָבן באַטראַכט די אויספירן ווי אַ ברוך פון דער אָפּשטימונג, וואָס האָט געגעבן אַ מערהייט, הגם אַ זייער קליינע, פאַר דער פּאַראייניקונג.

ענלעכעס האָט זיך איבערגעחזרט שפּעטער אין די פּאַראייניקונגס־אונטערהאַנדלונגען צווישן פאַרבאַנד און „בונד". בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה און באַזונדערס אין די ווייטערדיקע יאָרן זיינען אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן הונדערטער ניצול־געוואָרענע אַקטיווע בונדיסטן. זיי זיינען געקומען פון די געטאָס און נאַצישע שקלאַפן־און טויטן־לאַגערן, וואו זיי האָבן דורכגעלעבט די יסורים פון די נאַצישע גרויזאַמקייטן, ווי אויך פון די סאָוועטישע טורמעס און פאַרשיקונגען, וואו זיי האָבן געזען די גאַנצע פאַלשקייט און טיראַנישקייט פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור. פון די גיהנומס האָבן זיי אַרויס־

געראַטעוועט נישט בלויז זייערע אָפּגעשוואַכטע גופים, נאָר אויך זייערע בונדישע נשמות. אויף דער אַמעריקאַנער ערד האָבן זיי אויפגעשטעלט אָרגאַניזאַציעס אין איניקע שטעט, געשאַפן אַ חודש־זשורנאַל און אַ פאַרלאַג „אונזער צייט". אַ קליינע צאָל איז באַלד אַריין אין פאַרבאַנד און געוואָרן דאָרטן טעטיק. זיי געהערן גלייכצייטיק צו צוויי אָרגאַניזאַציעס — צום „בונד" און צום פאַרבאַנד. די גרויסע מערהייט איז אָבער געבליבן בלויז אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. כאָטש דער פאַרבאַנד שטייט אידעאָלאָגיש אויף דער זעלבער פּאָזיציע, וואָס דער „בונד" פאַרנעמט, און די פאַראַנענע אונטערשידן זיינען אַ רעזולטאַט פון אַנדערע סביבות און אַנדערע היסטאָרישע אַנטוויקלונגען; כאָטש דער פאַרבאַנד האָט באַגריסט דאָס שאַפן אין 1947 די פאַראייניקונג פון אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן פון פאַרשידענע לענדער; כאָטש דער פאַרבאַנד האָט אַ לאַנגן רעקאָרד פון העלפן דעם „בונד" און סאָלידאַריזירן זיך מיט אים — איז דאָך די גרויסע מערהייט געקומענע בונדיסטן געבליבן מחוץ דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. געווירקט האָבן דאָ צוויי מאָמענטן: אַ שטאַרקער ווילן פון די לעבן־געבליבענע בונדיסטן איינצוהאַלטן דעם „בונד" נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע פון יידישן פאָלק און במילא אויך פון דער בונדישער באַוועגונג; צווייטנס, די אַנדערשקייט פון פאַרבאַנד, געוויסע פאָרמען און פירונגען, צו וועלכע בונדיסטן זיינען נישט צוגעוואוינט.

מ'האָט אָבער געהאַלטן פאַר נישט נאָרמאַל די עקזיסטענץ פון צוויי ענלעכע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. סיי קאָנווענשאָנס פון פאַרבאַנד, סיי די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר פאַראייניקן זיך. ס'זיינען געפירט געוואָרן לאַנגע אונטערהאַנדלונגען. קיין פּרינציפּיעלע מניעות זיינען נישט געווען. לענגערע דעבאַטן זיינען געווען בלויז וועגן נאָמען „בונד" פאַר דער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע. אויך דאָ איז געפינען געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס. נישט געקוקט אויף דעם איז דאָך דער רעזולטאַט געווען ענלעך, ווי אין דער פראַגע פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער פאַראייניקונג: די אָנפירונג פון פאַרבאַנד האָט באַשלאָסן דערווייל אַראָפּנעמען פון טאָג־אָרדנונג די פאַראייניקונג־פראַגע, שטיין אין ברידערלעכע באַציאונגען און שאַפן אַ פאַרשטענדיקונג־קאָמיטעט אויף צו פירן געמיינזאַמע אונטערנעמונגען און אַקציעס.

צווישן די גרויסע דראַמאַטישע געשעענישן פון דער נאָכמלחמה צייט איז געווען דער אויפקום פון דער יידישער מלוכה. די דאָזיקע היסטאָרישע געשעעניש האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם און אַוועקגעשטעלט אין יידישן לעבן אַ ריי פּראָבלעמען. ס'זיינען אַנטשטאַנען פּרינציפּיעלע און פּראַקטישע פראַגן, צו וועלכע דער פאַרבאַנד האָט געדאַרפט פאַרנעמען אַ שטעלונג. במשך פון יאָרן האָט די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע זיך קעגנגעשטעלט דער נאַציאָנאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע פון די ציוניסטן און זייערע טעאָריעס וועגן יידישן לעבן אויף דער גאָרער וועלט. זי האָט אונטערגעשטיצט אַ ריי קאָנקרעטע פאָדערונגען וועגן מעגלעך מאַכן דאָס אַריינקומען פון יידן אין ארץ־ישראל. גלייכצייטיק האָט זי אָפּגעוואָרפן דעם ענד־ציל פון ציוניזם. ווען אָט דער ציל פון אויפשטעלן אַ יידישע מלוכה איז געוואָרן אַ פאַקט, האָט דער אָרגאַן פון פאַרבאַנד אין אַ רעדאַקציאָנעלן אַרטיקל געזאָגט:

„מיר דאַרפֿן קוקן דער רעאַלערווירקלעכקייט אין פּנים: אין דער יידישער מלוכה וועט זיך קענען איינאָרדענען אין בעסטן פֿאַל זייער אַ קליינער טייל פֿון גאַנצן יידישן פֿאָלק. דער רוב מנין ורוב בנין פֿון אונזער פֿאָלק וועט דאַרפֿן ווייטער זיין צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט. יידן וועלן דאַרפֿן קעמפֿן פֿאַר זייערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע רעכט ווי פֿריער, ווען קיין יידישע מלוכה איז נישט געווען. פֿאַר די צען מיליאָן יידן, וועלכע בלייבן וואוינען צווישן די פֿעלקער פֿון דער וועלט, האָט דער ׳יו־ען׳ באַשלוס צו געבן יידן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה גאָרנישט געענדערט. די יידן אין אַמעריקע און אין איראָפּע וועלן ווייטער דאַרפֿן פֿירן זייער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציעס און זיי וועלן ווייטער דאַרפֿן לעבן, וואַקסן און געדייען צוזאַמען מיט אַנדערע פֿעלקער און נאַציאָנאַליטעטן. אין הסכם מיט דער דאָזיקער סיטואַציע באַטראַכטן מיר, ווי פֿריער, אַלס אונזער צענטראַלע אויפֿגאַבע צו פֿאַרבינדן אונזער צו־קונפֿט — די צוקונפֿט פֿון דעם גרעסטן און ווירקזאַמסטן יידישן ישוב אין אַמעריקע — מיט דער צוקונפֿט פֿון דער גרויסער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע״... „יעדער פּרוּוו צו פֿאַרגעסן די רעאַליטעטן פֿון יידישן לעבן, יעדער פֿאַרזוך צו נעגירן צוליב דער יידישער מלוכה דאָס יידישע פֿאָלק, זיין לעבן און שאַפֿן אומעטום, וואו עס איז נאָר פֿאַראַן אַ יידישער ישוב, וועט פֿירן צו פֿאַטאַלע רעזולטאַטן פֿאַרן גאַנצן יידישן פֿאָלק״... „מיר, יידישע סאָציאַליסטן, זיינען אַלע מאָל געווען און בלייבן טריי אונזער איינשטעלונג וועגן דער גלייכער באַדייטונג, גלייכער ווערטיקייט און גלייכער חשיבות פֿון אַלע טיילן פֿון יידישן פֿאָלק. אונז איז גלייך נאָענט דער גורל פֿון יעדן יידישן קיבוץ״... „די דאָזיקע איינשטעלונג איז געבויט אויף אונזער גייסטיקן ׳אני מאמין׳, אויף אונזער סאָציאַליסטישן גלויבן, אויף אונזער טיפֿסטער איבערצייגונג, אַז דאָס יידישע פֿאָלק קען און וועט האָבן זיין קיום און זיין גלייכבאַרעכטיקטן אָרט אין דער ברידערלעכער משפּחה פֿון די פֿעלקער אין דער באַפֿרייטער סאָציאַליסטישער וועלט״.[236]

אין די יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען די שוועריקייטן פֿאַר דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג נאָך גרעסער געוואָרן. צוליב דעם וואָס זי האָט נישט געוואָלט זיך אָפּרייסן פֿון די גרויסע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, איז זי געגאַנגען אויף אַ וועג, אויף וועלכן זי האָט אַליין קיין חשק נישט געהאַט צו גיין. על פּי כלל האָבן די טרייד־יוניאָנס ביי וואַלן און אַנדערע גע־לעגנהייטן אונטערגעשטיצט די רעגירונגס־פּאַרטיי, די דעמאָקראַטישע. נישט פֿילנדיק זיך בכוח אַליין צו פֿירן אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָליטיק, האָט אויך דער פֿאַרבאַנד דאָס זעלבע געטאָן.

און גאָר שווער איז די לאַגע געוואָרן אויף דער יידישער גאַס. נאָך דער פֿאַרניכטונג פֿון 6 מיליאָן יידן, האָט זיך אויפֿגעוועקט אַ שטאַרקער יידישער נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט אַפֿילו נאַציאָנאַל־גלייכגילטיקע און אַסימי־לירטע עלעמענטן. ס׳האָבן זיך באַוויזן כלערליי „בעלי־תשובות״, וואָס האָבן גענומען איבערדרייען באַגריפֿן און פֿאַקטן פֿון אויבן אַראָפּ. די נאַציאָנאַליס־טישע און שאָוויניסטישע כוואַליעס זיינען נאָך מער פֿאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מלוכה. פֿיל וויכטיקע לעבנס־פֿראַגן פֿון יידישן ישוב אין אַמעריקע זיינען דורך די דאָזיקע כוואַליעס אַראָפּגע־

שווענקט געוואָרן פון איבערפלאַך אָדער פּאַרטראָגן געוואָרן אין אַ ווינקל. די אַרבעט פּאַר מדינת־ישראל האָט אַבסאָרבירט כמעט אַלע ענערגיעס.

נאָך שטאַרקער האָט זיך געגומען אויסווירקן דער פּאַקט, וואָס צווישן דער היגער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און דער יוגנט איז געשטאַנען אַ שפּראַכלעכע און פּסיכאָלאָגישע וואַנט. ס׳איז נישט געווען קיין צופלוס פון פריש בלוט. אַ ריי טוער פון עלטערן דור זיינען אַוועק פון דער וועלט, צווישן זיי דער פּיאָנער און לאַנג־יאָריקער וואָרט־זאָגער אַב. קאַהאַן, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג יוסף באַסקין און אַנדערע. די נאָך אַקטיווע ווערן עלטער און פיזיש שוואַכער. און הגם זיי ווערן נישט מיד און טוען ווייטער די טאָג־טעגלעכע סאָציאַליסטישע אַרבעט, מוז עס דאָך אַרויפליגן אַ שטעמפּל אויף אַלע טעטיקייטן. ענלעכעס קומט אויך פאָר אין די אַנדערע יידיש־רעדנדיקע אָרגאַניזאַציעס. אויך דאָרטן פּאַראַליזירט די הויכע עלטער פון דער מיטגלידערשאַפט דעם שוואונג פון דער אַרבעט. אַזוי איז אין די טויזנטער לאַנדסמאַנשאַפטן, סאָסייעטיס און חברות, אין די פראַטערנאַלע אָרדנס און אַפילו אין די טרייד־יוניאָנס. כאָטש די טרייד־יוניאָנס זיינען שטאַרק אויסגעוואַקסן, האָבן זיך פּאַרפעסטיקט און פינאַנציעל געשטאַרקט, איז אָבער די אינטימקייט, דער ענטוזיאַזם און די אַקטיוויטעט פון דער ברייטער מיטגלי־דערשאַפט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די הונדערטער טויזנטער יידישע אַרבעטער שטייען פון דערווייטנס פון דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, נישט כדי גייסטיק און פּאָליטיש זיך אויסלעבן אין די מאַסנהאַפטע טרייד־יוניאָנס. אויך די לעצטע זיינען נישט געוואָרן קיין גייסטיקע און אידעאישע היים, צו דער טרייד־יוניאָן געהערט מען על פּי נויט און מ׳פּאַרלאָזט זיך, אַז די באַאַמטע וועלן שוין טון דאָס נויטיקע. מיט דעם דערקלערט זיך וואָס זייער ווייניק מיט־גלידער קומען אויף די פּאַרזאַמלונגען פון זייערע יוניאָנס, און בכלל וואָס די יידישע אַרבעטער בילדן נישט קיין גרויסן געזעלשאַפטלעכן כוח.

אין אַזאַ סביבה איז דעם פּאַרבאַנד אויסגעקומען איינצוהאַלטן די פלאַמען פון סאָציאַליסטישן גלויבן, צו ווייזן אַנדערע אויסוועגן, ווי די וואָס די ביר־גערלעכע וועלט פּאַרמאָגט. דאָס אַמעריקאַנער בירגערטום איז שטאַרק קלאַסן־באַוואוסטזיניק. אינטעגראַל פּריוואַט־אייגנטום און „פרייע אונטערנעמונג״, ווערן געשטעלט אויפן פּיעדעסטאַל, ווי אָפּגעטער. קאַמף קעגן סאָציאַליזם און מאַרקסיזם איז אַ שלאַכט־רוף און אַ פאָן. יעדער טריט אויפן וועג פון סאָציאַ־לער זאָרג פאַרן בירגער ווערט באַצייכנט, ווי אַ סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטישע פּאַרשווערונג. יעדן אַקט קעגן דיסקרימינאַציע און יעדע ליבעראַלע שטרעבונג פּרוווט מען דיסקרעדיטירן דורך אַרויפקלעבן אַ סאָציאַליסטישע מאַרקע. אויך דער ברייטער יידישער עולם, וואָס אַמעריקאַניזירט זיך און לעבט זיך אַריין אין די אַלגעמיין אָנגענומענע באַגריפן און מנהגים, פּאַלט אַרונטער אונ־טער דער אומאויפהערלעכער השפּעה פון דער בירגערלעכער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, הערט זיך איין און נעמט זיך איבער מיט די ווערטער און גע־דאַנקען פון די בירגערלעכע פּאָליטיקער און שאַפער פון דער עפנטלעכער מיינונג. די סאָציאַליסטישע ברענטשעס און אָרגאַניזאַציעס זיינען בלויז קליינע אינזעלעך אין אַ צעכוואַליעוועטן קאַפּיטאַליסטישן ים. מיטן געפיל, אַז זיי זיינען אַ טייל פון אַ גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג

אויף דער וועלט און אַז זיי האָבן אויף זייער אַמעריקאַנער אָפּשניט צו דער־פילן אַ גרויסע היסטאָרישע שליחות, האָבן די מיטגלידער פון יידישן סאָציאַ־ליסטישן פאַרבאַנד זיך קעגנגעשטעלט אַלע פיינטלעכע און קעגנערישע שטראָמען.

אין די טעג פון 6—9 דעצעמבער 1946 איז אין ניו־יאָרק פאָרגעקומען די 16טע קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד. דאָס איז זיך צונויפגעפאַלן מיט דער פייערונג, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט אַדורכגעפירט לכבוד איר 25־יאָריקן יובילייַ. גע־קומען זיינען 151 דעלעגאַטן, פון זיי 34 פראַטערנאַלע.

דער באַריכט־אָפּגעבער י. לעווין־שאַצקעס האָט געשילדערט דעם גרויסן יידישן חורבן און די באַדינגונגען, ביי וועלכע דעם פאַרבאַנד איז אויסגעקומען צו אַרבעטן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. „מיר זיינען — האָט ער דער־קלערט — די גאַנצע צייט געבליבן אויף דער וואַך פון די סאָציאַליסטישע פרינציפּן אויף דער יידישער גאַס און ביטער, זייער ביטער איז געווען דער אָנ־גריף אויף זיי סיי מצד די קאָמוניסטן און סיי מצד די ציוניסטן, און אַ גאַנץ לאַנגע צייט מצד די דאָזיקע צוויי כוחות צוזאַמען”... „די שאָוויניסטיש־קאָמו־ניסטישע דעמאַגאָגיע האָבן מיר באַטראַכט און באַטראַכטן איצט אַלס דעם פּאָליטישן ׳שוואַרצן מאַרק׳”... „אונזער פאַרמעגן איז היינט 16 ברענטשעס אין ניו־יאָרק און 26 אין לאַנד, צוזאַמען 42”... מיר שאַצן נישט איבער אונ־זערע כוחות, מיר ווייסן ווי קליין זיי זיינען, „אָבער ווען מען פאַרגלייכט אונזער מצב מיט דעם מצב אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, איז נישטאָ קיין גרונט צו זיין ביי זיך אַראָפּגעפאַלן. נאָך מער: דאָס דאַרף זיין אַ קוואַל פון שטאָלץ און ענערגיע פאַר וויטערדיקער אַרבעט”. דער „וועקער” ווערט פאַרשפּרייט אין 4,300 עקזעמפּלאַרן. יעדעס יאָר האָט מען אָרגאַניזירט נאַציאָנאַלע טורן, בעת וועלכע ס׳זיינען באַזוכט געוואָרן פון 50 ביז 60 שטעט. ס׳ווערט אָפּגעהאַלטן הונדערטער פאַרזאַמלונגען און אָפּענע פאָרומס. דער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן די זכרונות פון פּיאָנער פון „בונד”, דזשאָן מילל, ווי אויך אייניקע בראָשורן און פלוג־בלעטלעך.

אונטערפירנדיק אַ סך־הכל, האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר געזאָגט: „מיר ווייסן, אַז בלויז דאָס אויסהאַלטן איז נאָך נישט גענוג. ס׳דאַרף קומען דער תכלית פון אויסהאַלטן, און דער תכלית איז — לעבן וויטער, וואַקסן, אַנטוויק־לען זיך, קענען אימפּאָנירן און צוציען נייע כוחות, יינגע כוחות”... „דער צענטער פון פּראָבלעם ליגט אין דער אַלגעמיינער לאַגע פון דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג. דעריבער זיינען מיר אַזוי פאַראינטערעסירט אין אַלץ, וואָס קען פירן צו אַ שטאַרקער געאייניקטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג”.

אין אייניקע רעפעראַטן זיינען באַלויכטן געוואָרן די אַקטועלע פּראָבלעמען. הלל ראָגאָף האָט רעפערירט וועגן די סאָציאַל־פּאָליטישע פראַגן אין אַמע־ריקע. ער האָט פאַרגליכן די געבראָכנקייט פון קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּע מיט דער קאַפּיטאַליסטישער שטאַרקייט דאָ אין לאַנד, אויך די לאַגע פון די אַרבעטער איז דאָ אַנדערש און בעסער. פון ניו־דיל האָבן די אַרבעטער אַ סך געוואונען, נישט קוקנדיק אויף דעם וועלן די אַמעריקאַנער אַרבעטער סוף־כל־סוף אַריינגעצויגן ווערן אין פּאָליטישן קאַמף און וועלן שפּילן זייער ראָל אין אַנטשיידענעם קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם.

אַ רעפעראַט וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע און דער סאָציאַל־

דעמאָקראַטיע האָט געהאַלטן ר. אַבראַמאָוויטש. ער האָט איינגעטיילט די וועלט אין דריי ספערעס: קאַפּיטאַליזם (אַמעריקע); סאָוועטיזם (רוסלאַנד און די סאַטעליטן־לענדער); די לענדער וואָס זיינען שוין נישט קאַפּיטאַליסטיש, אָבער נאָך נישט סאָציאַליסטיש. אויפן באָדן פון די דריי הויפּט־ספערעס קומט פאָר דער קאַמף פאַר אַ ניי לעבן. דער קאָמוניסטישער רעזשים איז שטאַרק און אַנגרייפעריש. דאָס קען פירן צו נייע קאַטאַסטראָפעס. דער קאָמוניזם איז איצט נישט קיין אידעאָלאָגישע באַוועגונג, נאָר אַן אַגענטור פון סאָוועט־רוסלאַנד. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט די אויפגאַבע אויפצואווייזן די גאַנצע שעדלעכקייט פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

וועגן די יידישע פּראָבלעמען האָט רעפערירט ש. מענדעלסאָן. ער האָט כאַראַקטעריזירט די יידישע ישובים, וואָס זיינען געבליבן נאָכן חורבן, און גע־וואָרנט קעגן יעדן פּרואוו צו שפּייזן דאָס נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע לעבן פון אַמעריקאַנער ישוב מיט די ברעקלעך, וואָס קומען פון אייראָפּע אָדער ארץ־ישראל. ער האָט גערעדט קעגן דער טענדענץ פון נאַציאָנאַל לעבן דאָרטן און אַסימילאַציע דאָ. יידישע סאָציאַליסטן מוזן אַרבעטן אין דער ריכטונג פון באַ־נייען דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע. באַזונדערס האָט ש. מענדעלסאָן גערעדט וועגן דעם וועג צו דער יוגנט און געוויזן די אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן סאָציאַליזם און נאַציאָנאַלן שאַפן.

די 16טע קאָנווענשאָן האָט אין דער אָנגענומענער פּרינציפּיעלער דעקלאַ־ראַציע דערקלערט: „היינט צו טאָג זיינען מיר נאָך מער איבערצייגט ווי ווען עס איז פריער, אַז די איינציקע רעטונג פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט און די לייזונג פון אַלע אָנגעווייטאָגטע פּראָבלעמען, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט מיט זיך געבראַכט, קען קומען נאָר דורך אַ גרינטלעכן איבערבוי פון דעם איצטיקן סאָציאַלן סיסטעם — דורך דער איינפירונג פון סאָציאַליזם. מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן באַדויערן, וואָס די סאָוועטן־רעגירונג, וועלכע וואָלט גע־קענט און געדאַרפט זיין אַ גרויסער כוח אין דעם שאַפן פון אַן אמתן און דויער־האַפטן פרידן דורך דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, פירט נאָך אַלץ אַ פּאָליטיק, וואָס שטערט דאָס שאַפן פון דעם אַזוי נויטיקן שלום אויף דער וועלט". עס ווערט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז די סאָוועטן־רעגירונג וועט בייטן איר פּאָליטיק לטובת „אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די פעלקער און דעם שאַפן פון אַ גערעכטן, דויערהאַפטן אינטערנאַציאָנאַלן שלום". די דעקלאַ־ראַציע פּראָטעסטירט קעגן לאָזן ווייטער די עטלעכע הונדערט טויזנט לעבן־געבליבענע יידן אין די דייטשע לאַגערן און באַצייכנט דאָס „אַלס דעם גרעסטן פאַרברעכן קעגן זיי מצד דער גאַנצער ציוויליזירטער מענטשהייט". „מיר שטעלן פעסט דעם פאַקט — זאָגט ווייטער די דעקלאַראַציע — וואָס אין פיל לענדער האָבן די לעבן־געבליבענע יידן פון דאָס ניי אָנגעהויבן איינאָר־דענען זייער לעבן און מיר פאַרפליכטן זיך צו זען, אַז זיי זאָלן קריגן אַלע נויטיקע הילף אין דעם איבערבוי־פּעריאָד"... „דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד וועט קיין מאָל נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז פאַר יידן איז נישטאָ קיין פּלאַץ צווישן די פעלקער פון דער וועלט, וואו זיי לעבן צוזאַמען פאַר טויזנטער יאָרן".

אַ באַזונדערע רעזאָלוציע האָט פאָרמולירט 7 קאָנקרעטע פאָדערונגען וועגן

די יידן פון דער וועלט. די פאָדערונגען זיינען: 1) די פאַראייניקטע פעלקער זאָלן גאַראַנטירן פאַר די יידן אין אַלע לענדער זייערע פולסטע בירגערלעכע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַל־קולטורעלע רעכט; 2) די פאַראייניקטע פעלקער זאָלן פינאַנציעל און מאָראַליש העלפן ווידער־אויפבויען דאָס חרוב־געוואָרענע יידישע לעבן אין אייראָפּע; 3) אַלע לענדער זאָלן ברייט עפענען די טויערן פאַר די לעבן־געבליבענע יידן; 4) ס'זאָל געשאַפן ווערן אַן אינטערנאַציאָנאַלער געזעץ קעגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסן־דיסקרימינאַציע; 5) מעגלעך מאַכן, אַז די גרעסטע צאָל פון די הימלאָזע יידן זאָלן קענען אַריינקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן; 6) פון די בריטישער אַרבעטער־רעגירונג ווערט פאַרלאַנגט אַריינצולאָזן אין פּאַלעסטינע די הונדערט טויזנט יידן, וואָס די ענגליש־אַמעריקאַנער קאָמיסיע האָט רעקאָמענדירט; 7) ס'זאָל באַלד אָפּגע־שאַפט ווערן דער „ווייסער פּאַפּיר" און יעדע באַגרענעצונג לגבי יידן אין פּאַלעסטינע.

די 16טע קאָנווענשאָן האָט באַגריסט די אונטערהאַנדלונגען פון דער ס. ד. פ. און ס. פּ. וועגן פאַראייניקן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג און שאַפן איין פּאַרטיי. אין דער שפּאַלטונג זעט די אַנגענומענע רעזאָלוציע אַ מניעה, אַז די סאָצ. באַוועגונג זאָל שפּילן אַ געהעריקע ראָל אין היגן פּאָליטישן לעבן און אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ס'ווערט אויסגע־דריקט די האָפענונג, אַז די אונטערהאַנדלונגען וועלן דערפירן צו אַן אָרגאַני־שער פאַראייניקונג. גלייכצייטיק זאָגט זיך די רעזאָלוציע אַרויס פאַר שאַפן אַ דריטער פּאַרטיי, וואָס זאָל אַרומנעמען די ברייטע אַרבעטער־מאַסן פון שטאַט און דאָרף. כל־זמן אַזאַ פּאַרטיי איז נאָך נישט פאַראַן, זאָל מען שטיצן די ליבע־ראַלע פּאַרטיי פון ניו־יאָרק.

אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע האָט באַגריסט די ענגלישע אַרבעטער־רעגירונג, האָט אָנגעוויזן איר היסטאָרישע באַדייטונג און פּראַקטישע דערגרייכונגען. דערביי איז קריטיקירט געוואָרן איר האַנדלונג בנוגע עפענען די טויערן פון פּאַלעסטינע פאַר די הימלאָזע יידן. די קאָנווענשאָן האָט זיך אָפּגעגרענעצט פון דער אומפאַראַנטוואָרטלעכער נאַציאָנאַליסטישער העצע אויף דער יידישער גאַס און שאַרף פאַראורטיילט דעם טעראָר פון עקסטרעמע ציוניסטן אין ארץ ישראל.

די קאָנווענשאָן האָט נאָכן אויסהערן אַ באַריכט פון י. פּאַט איבערגעשיקט אַ באַגריסונג צום יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט און אויסגעדריקט צופרידנקייט מיט זיין טעטיקייט. ס'איז אויך איבערגעשיקט געוואָרן אַ וואַרעמע באַגריסונג פאַרן „בונד" אין פּוילן.

נאָכן אָננעמען אַ ריי אָרגאַניזאַציאָנאַלע באַשלוסן האָט די 16־טע קאָנ־ווענשאָן אויסגעוויילט אַ נייע אָנפירונג פון פאַרבאַנד. דער נייער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע מיטגלידער: מ. י. אַש־ביז, פּ. בלאָק, ה. בערנשטיין, ה. בערגער, מ. באַגנאַ, ד. בראַגינסקי, מ. גאַפּט, ב. געבינער, י. גוטגאָלד, י. ווינבערג, י. ווינשטיין, מ. ווינשטיין, ש. ווייס, ה. זיגאַס, ה. טייטלמאַן, נ. כאַניך, י. ליפּשיץ, י. לעווין־שאַצקעס, י. לעווענטאַל, מ. לעווינסאָן, י. מינקאָף, ד. מייער, ב. מאָזער, ה. מילער, פּ. עפּשטיין, מ. עדעל־

סאַן, ה. פישער, י. פאַגעל, י. קעי, ב. קאַפּלאַן, ל. קלוקאָווסקי, ס. רעזניק, א. שענקין. אַלס פאָרזיצער איז אויסגעקליבן געוואָרן פּ בלאָק, גענעראַל־סעקרע־טאַר און רעדאַקטאָר פון „וועקער" — י. לעווין־שאַצקעס, ה. מילער — פּראָ־טאָקאָל־סעקרעטאַר. אין אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט זיינען אַחוץ די באַאַמטע אַריין: מ. י. אַשביז, מ. גאַפּט, ב. געבינער, ש. ווייס, ג. כאַניק, י. לעוועטאַל.

די 17טע קאָנווענשאָן איז פאָרגעקומען דעם 4—6 פעברואַר 1949 אין באָסטאָן. געקומען זיינען 130 דעלעגאַטן, פון זיי 26 פראַטערנאַלע.

אין זיין אָרגאַניזאַציאָנעלן און פּאָליטישן באַריכט האָט דער סעקרעטאַר י. לעווין־שאַצקעס אָנגעוויזן אויף די אומגינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן — „דווקא אין דעם לאַנד, וואו די דעמאָקראַטיע און די אַרבעטערשאַפט האָבן נאָך אַזאַ שטאַרקן אָנשפּאַר און אַזאַ געזונטן באָדן. דער אַרבעטער־קלאַס איז עקאָנאָמיש שטאַרק און ווירקזאַם, אָבער ער באַנוצט נישט זיין פּאָליטישן כוח אַלס אַ קלאַס, און די גאַנצע פּאָליטישע מאַכט איז אַזוי אַרום קאָנצענטרירט אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן"... „די שוואַכע סאָציאַליסטישע באַוועגונג דאַרף מאַכן זייער גרויסע אָנשטרענגונגען נישט צו ווערן איזאָלירט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, גלויבנדיק, אַז סוף־כל־סוף וועט דאָך די אַרבעטערשאַפט קומען צום באַוואוסט־זיין, אַז מען דאַרף אין די אייגענע הענט נעמען דעם פּאָליטישן גורל פון לאַנד"... וואָס שייך דער יידישער גאַס איז דער ברייטער עולם „פאַרכאַפּט געוואָרן מיט גוואַלטיקע נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען. אונזערע אַרויסטרעטונ־גען אַפילו קעגן די ווילדע טעראָריסטישע אַקטן פון די עקסטרעמע ציוניסטן זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי אַ האַנדלונג קעגן די יידישע אינטערעסן. אונזער איינשטעלן זיך פאַר אַ באַלאַנס פון כוחות און מיטלען אין יידישן לעבן, אַז נישט אַלץ זאָל צוגעשפּיצט ווערן צו איין ווינקל, איז אויפגענומען געוואָרן ווי קעגנערשאַפט צום יידישן פאָלק. אונזער אַגיטאַציע קעגן די שטימונגען פון ווערן אויס חבר מיט דער גאַנצער וועלט איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַנטי־נאַציאָנאַלע האַנדלונג"... „די יידישע גאַס איז דאָ איצט געשטימט אַנטי־סאָ־ציאַליסטיש"...

איבערגייענדיק צום אָרגאַניזאַציאָנעלן טייל פון באַריכט, האָט דער פאַר־באַנד־סעקרעטאַר איבערגעגעבן, אַז די צאָל אַבסאָלוט גוט־שטייענדע מיטגלידער באַטרעפט 1,200. צוזאַמען מיט די, וואָס זיינען הינטערשטעליק אין די צאָלונגען, איז די צאָל פאַרבאַנד מיטגלידער „לכל הפחות 2,500"... „דאָס איז אַוודאי ווייניק — האָט דער סעקרעטאַר דערקלערט — אָבער דערפאַר מעגן מיר מיט אַ רואיקן געוויסן פעסטשטעלן די גוטע קוואַליטעט פון אונזערע מיטגלידער. אונטער די שווערסטע באַדינגונגען פירן זיי די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע־און אויפקלערונגס־אַרבעט, און זיי זיינען אויך דער אַקטיווסטער און שאַפּנ־דיקסטער עלעמענט אין דעם יידישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־לעבן: אין די ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג, אין די טעטיקייטן פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, אין די שולן פון אַרבעטער־רינג, אין די יוניאָן־אַקטיוויטעטן, אין דער קולטור־אַרבעט א. א. וו."... „צו דעם קרעדיט פון אונזערע ברענטשעס דאַרף מיט באַפרידיקונג צוגעשריבן ווערן דער פאַרדינסט פון אָנהאַלטן די טראַדיציע פון די 1־טע מאַי־פייערונגען, וואָס זיינען אַזוי פאַרשוועכט און פאַרנאַכלעסיקט

געוואָרן פון אַנדערע עלעמענטן אין די לעצטע יאָרן"... „די ברענטשעס פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד איבערן לאַנד אַנטוויקלען די זעלבע אַרט טעטיקייט, ווי די ברענטשעס אין ניו־יאָרק. זייענדיק קלענער אין זייער צאָל, באַגעגענען זיי נאָך גרעסערע שוועריקייטן. די ברענטשעס אין שיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס, באָסטאָן, ניו־הייווען, פילאַדעלפיע, מיאַמי, נוואַרק, פּאַסייק, פּעטער־סאָן און אייניקע אַנדערע פירן אויך אָן סיסטעמאַטישע אָפענע פאָרומס"... אין 1947 זיינען באַזוכט געוואָרן פון די פאַרטרעטער פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד איבער 40 פון די וויכטיקסטע שטעט אין אַמעריקע. הונדערטער לעקציעס זיינען אַראַנזשירט געוואָרן במשך פון די טורן. דער „וועקער" האָט צוגעצויגן אַ צאָל נייע מיטאַרבעטער, איז געוואָרן פאַרגרעסערט און פאַרבע־סערט. ער ווערט פאַרשפּרייט אין 4,300 עקזעמפּלאַרן. דער „וועקער"־פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן און פאַרשפּרייט 2,500 עקזעמפּלאַרן פון דזשאָן מיללס ערשטן באַנד זכרונות — „פּיאָנערן און בויער".

ב. צביון האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן „די יידישע פּראָבלעמען אין דער איצטיקער צייט". דער רעפעראַט האָט אַרומגערעדט די קעגנזייטיקע באַציאונ־גען צווישן מדינת־ישראל און די יידישע ישובים איבער דער וועלט. ער האָט באַלויכטן די מאָדנע לאַגע, וואָס אין דער יידישער מלוכה געפינען זיך בלויז 10 פּראָצענט פון יידישן פאָלק, בעת 90 פּראָצענט בלייבן ווי געוועזן צווישן די אַנדערע פעלקער. עס מוזן דעריבער בלייבן אַלע פריערדיקע יידישע פּראָבלע־מען. די יידישע מדינה קען אַפילו נישט זיין דער רעזערוואואַר פון קולטור פאַרן יידישן פאָלק אין די תפוצות. „דאָס פּראָבלעם פון אָנהאַלטן די יידישע קולטור, די יידישע אַנדערשקייט א. אַ. וו. בלייבט אַזוי אַרום אין דער גאַנצער שטאַרקייט! און באַזונדערס שאַרף שטייט די פראַגע פאַר די יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען זייער צוגעבונדן צום יידישן לעבן, צום פּראָצעס פון יידישער קולטור־שאַפונג, אָבער וועלכע טראַכטן נישט אין טערמינען פון רעליגיעזער יידישקייט. די לאַגע פון די יידישע סאָציאַליסטן ביי אונז אין לאַנד ווערט נאָך באַזונדערס שווערער דורך דעם, וואָס עס ווערט קלענער די צאָל פון די עלעמענטן, וואָס זיינען סאָציאַל פאַרבונדן מיט אונזער באַוועגונג"... „מען מוז כסדר געדענקען, אַז בעת פאַר יידישקייט זאָרגן אויך אַנדערע קרייזן, זיינען מיר אַבסאָלוט די איינציקע, וועלכע טראָגן די אחריות פאַר דער באַהעפטונג פון די יידישע אַר־בעטער און פאָלקס־מאַסן צום סאָציאַליסטישן געדאַנק און צום סאָציאַליסטישן קאַמף".

הלל ראָגאָף האָט רעפערירט וועגן דער פּאָליטישער סיטואַציע און די אויסזיכטן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער „ניו־דיל" האָט באַדייט אַ זיג פון סאָציאַליסטישן פּראָגראַם, אָבער גלייכצייטיק האָט ער אָרגאַניזאַציאָנעל אונטערגעגראָבן און שטאַרק אָפּגעשוואַכט די סאָ־ציאַליסטישע באַוועגונג. דער רעפערענט האָט אַנאַליזירט די סיבות פון דער פּאָליטישער שוואַכקייט פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט און איז געקו־מען צום אויספיר, אַז בלויז דורך שאַפן אַ האַרמאָניע צווישן די טרייד־יוניאָנס און די סאָציאַליסטן איז מעגלעך צוריק אויפצולעבן די סאָציאַליסטישע באַווע־גונג, זי מאַכן גרויס און שטאַרק. לסוף האָט ער אויסגעדריקט זיין איבערצייי־גונג, אַז „יידישע סאָציאַליסטן דאַרפן אַלזייטיק שטיצן מדינת־ישראל, אי אַלס

דעם וויכטיקסטן יידישן ישוב, אי אַלס ישוב וואָס בויט זיך אויף סאָציאַליסטישע יסודות".

די 17טע קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אַ פּרינציפּן־דעקלאַראַציע און אַ ריי רעזאָלוציעס. אין דער דעקלאַראַציע זיינען פאָרמולירט געוואָרן די גרונט־פּרינציפּן פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם און די נויטווענדיקייט זיך צו האַלטן ביי זיי. עס ווערט דערקלערט די טריישאַפט און גרייטקייט „צו אַרבעטן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם, וואָס פירט צו דער אויס־לייזונג פון דער ליידנדיקער מענטשהייט".

די רעזאָלוציע וועגן דער יידישער לאַגע דערקלערט: „מיר אָנערקענען די אַנטשטייאונג פון דער יידישער מלוכה אַלס אַ זייער וויכטיקע פּאַסירונג און אַלס אַ נייעם פאַקטאָר אין יידישן לעבן, מיט וועלכן אַלע ריכטונגען מוזן זיך רעכענען"... די קאָנווענשאָן „שיקט איר האַרציקסטע באַגריסונג צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ישראל. מיר האָפן און גלויבן, אַז צווישן די יידישע סאָציאַליסטן פון אַלע לענדער וועט איינגעשטעלט ווערן ברידערלעכע מיטאַרבעטערשאַפט סיי אין די אינטערעסן פון אונזער פאָלק אומעטום און סיי אין די אינטערעסן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם". אין צווייטן טייל פון דער רעזאָלוציע ווערט געזאָגט: „יידן זיינען געווען און בלייבן אַ וועלט־פאָלק. קיין איין יידישער ישוב פון דער וועלט טאָר נישט טראַכטן, אַז מיט דער שאַפונג פון מדינת־ישראל זיינען שוין געלייזט געוואָרן די יידישע פּראָבלעמען און עס זיינען מיט דעם פאַרענדיקט געוואָרן די נאַציאָנאַלע פליכטן צו זיך אַליין און צום יידישן פאָלק. צען מיליאָן יידן לעבן צווישן די פעלקער פון דער וועלט און זייער לעבנס־שיקזאַל איז פאַרבונדן מיט דעם פּראָגרעסיוון גייסט פון די פעלקער פון דער וועלט. די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט שטענדיק פאַרבונדן דעם שיק־זאַל פון דעם יידישן פאָלק מיט דעם שיקזאַל פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גאָרער וועלט". אויך איצט האַלט זיך דער פאַר־באַנד ביי דער איבערצייגונג, אַז נאָר ביי אַ פרייער, דעמאָקראַטישער און סאָ־ציאַליסטישער אָרדנונג וועט געזיכערט ווערן דער קיום און די פרייע אַנט־וויקלונג פון יידישן פאָלק. „די פאַרבינדונג צווישן מדינת־ישראל און אַנדערע יידישע ישובים מוז זיין אַזאַ, אַז זיי זאָלן זיך קענען קעגנזייטיק באַווירקן און באַאיינפלוסן". נאָכן אָנווייזן, אַז די יידישע סאָציאַליסטן „דאַרפן זיין דער אַוואַנגאַרד פון דער קולטורעלער דערהויבונג פון די יידישע פאָלקס־מענטשן" און דאַרפן „אַקטיוו זיך באַטייליקן אין דער בוי־אַרבעט פון נאַציאָנאַלע און קולטור־אינסטיטוציעס, אין קאַמף פאַר די יידישע שולן, פאַר דער יידישער שפּראַך און דערציאונג", ווערט די רעזאָלוציע פאַרענדיקט מיט דער דער־קלערונג, אַז „נאָר אין פאַרבינדונג מיטן קאַמף פאַר אינטערנאַציאָנאַלן סאָ־ציאַליזם, פאַר גלייכהייט, פרייהייט און מענטשלעכקייט וועלן מיר קענען טון אונזער פליכט פאַר אונז און פאַר אונזער פאָלק".

אין אַ רעזאָלוציע וועגן אַ ריי אַקטועלע יידישע פאָדערונגען איז אויך אויפגעשטעלט געוואָרן די פראַגע, אַז „דער מאַרשאַל־פּלאַן זאָל אויסגענוצט ווערן פאַר דער רעהאַביליטאַציע פון דעם יידישן לעבן אין די חרוב־געוואָרענע לענדער".

אין די רעזאָלוציעס וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין אַמעריקע האָט די

קאָנווענשאָן אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז די טענדענץ פון זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער טעטיקייט וועט סוף־כּל־סוף פירן די אַרבעטערשאַפט „צו דער שאַפונג פון אַ זעלבסטשטענדיקער סאָציאַליסטיש־אָריענטירטער אַרבעטער־פּאַרטיי אין אַמעריקע. אַזאַ פּאַרטיי קען געשאַפן ווערן, ווען די אַרבעטערשאַפט וועט זיך נישט מאַכן קיין אילוזיעס, אַז זי וועט קענען באַהערשן די דעמאָקראַ־טישע פּאַרטיי און פון איר מאַכן אַן אינסטרומענט פון פּאָליטישן קאַמף פאַר פּראָגרעס און אַ באַשיצנדיקן כּוח פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער".

אין די אַנדערע רעזאָלוציעס האָט די 17־טע קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם, אַז די סאָציאַליסטן דאַרפן העלפן די טרייד־יוניאָנס אין אויספאָרמירן אַ זעלבסטשטענדיקע אַרבעטער־פּאַרטיי און אַז ס'זאָל וואָס גיכער געשאַפן ווערן אַן אָרגאַנישע פאַראייניקונג פון דער ס. ד. פ. און ס. פּ.... ס'איז אויך פאַרנומען געוואָרן אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו די אונטערהאַנדלונגען וועגן פאַראייניקונג פון פאַרבאַנד מיטן „בונד". אונטערשטיצנדיק אין פולער מאָס די טעטיקייט פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז „ווען די אויפמערקזאַמקייט פון פיל אָרגאַניזאַציעס און באַוועגונגען זיינען מערסטנטיילס געריכטעט געוואָרן צו איין פּונקט — צו ישראל, האָט דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון קאַמף פון יידישן קיום אומעטום". די קאָנווענשאָן האָט גערופן אַלע מיטגלידער און בראַנטשעס צו העלפן דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. ס'איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער נויטיקייט צו זאָרגן פאַר דער דערציאונג פון יינגן דור און זיין מיט אים פאַרבונדן.

אין דער ניי־אויסגעווילטער אָנפירונג פון פאַרבאַנד זיינען אַריין: ל. אַר־קין, ה. בערנשטיין, ה. בערגער, מ. באַגנאַ, ד. בראַגינסקי, מ. גאָפּט, ב. געבינער, י. גוטגאָלד, י. ווינשטיין, מ. ווינשטיין, ש. וויס, ה. זיגאַס, ה. טייטעלמאַן, נ. כאַנין, י. ליפשיץ, י. לעווין־שאַצקעס, י. לעווענטאַל, י. מינקאָף, ד. מייער, ב. מאָזער, ה. מילער, ד. ניסנעוויץ, פּ. עפּשטיין, מ. עדעלסאָן, ה. פישער, פ. פיין, י. פּאָגעל, י. קעי, ב. קאַפּלאַן, ל. קלוקאָווסקי, ס. רעזניק, פּ. שטיינבערג, אַ. שענקין.

די 18טע קאָנווענשאָן איז פאָרגעקומען דעם 11—13 מאַי 1951 אין שיקאַגאָ. אין איר האָבן זיך באַטייליקט 97 דעלעגאַטן: 65 פון די פאַרבאַנד־בראַנטשעס און 32 פראַטערנאַלע.

אין טעטיקייט־באַריכט האָט דער סעקרעטאַר י. לעווין־שאַצקעס באַלד אָנגעוויזן, אַז „די באַדינגונגען פאַר דעם וואוקס און פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער און יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג זיינען נישט גע־וואָרן גינסטיקער"... „אונזער אָרגאַניזאַציע איז געבליבן ווי געוועזן אַן פּאָ־ליטישער טעטיקייט. ווי עס פלעגן קומען די וואַלן, פלעגט זיך פילן אַ פאַר־לוירנקייט. אין שטאַט ניו־יאָרק האָבן מיר נאָך געפּרוּווט מיטצומאַכן געוויסע פּאָליטישע שריט מיט דער ליבעראַלער פּאַרטיי, אָבער איך פאַרשפּאַר צו דער־ציילן דאָ וועגן דעם, אַז אַפילו אין שטאַט ניו־יאָרק האָבן מיר קיין פיל נחת נישט געהאַט. מיר האָבן דאָס געטון און מיר האָבן דאָס געדאַרפט טון, ווייל מיר האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט. און אַוודאי איז די לאַגע געוועזן נאָך אומגינסטיקער פאַר

אונזער אָרגאַניזאַציע איבערן גאַנצן לאַנד, פּאָליטישע פּרעטענזיעס אָן דער מעגלעכקייט פון פּאָליטישער אַקציע", דאָס האָט געמוזט פירן צו אַנטוישונגען.

דער באַריכט־אָפּגעבער האָט דערציילט פאַרוואָס דער פאַרבאַנד האָט באַשלאָסן אַראָפּנעמען דערווייל פון טאָג־אָרדנונג די פראַגע פון פאַראייניקן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע. ער האָט אויך איבערגעגעבן וועגן די פאַראייניקונג־אונטערהאַנדלונגען מיטן „בונד". בפּרטיות איז געשילדערט געוואָרן די אָפּגעטוענע אַרבעט און צווישן אַנדערן איז געוואָרן באַריכטעט וועגן פאַרבאַנד־אָרגאַן און פאַרלאַג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם צווייטן באַנד פון בוך „פּיאָנערן און בויער" פון דזשאַן מילל. דער בודזשעט פון דעם פאַרבאַנדס־אָנפירונג איז 30 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר. עס קומט אָן מיט גרויסע שוועריקייטן צו שאַפן אַזאַ סומע. די פינאַנציעלע קלאָפּאָטן נעמען צו אַ סך ענערגיע און רופן אַרויס אַן אומרו. „מיר האָבן געגלויבט און מיר גלויבן איצט — האָט געזאָגט דער סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד און דער „וועקער"־רעדאַקטאָר — אין דער ריכטיקייט פון אונזער סאָציאַליסטישן ענטפער, טראָץ אַלע שוועריקייטן און טראָץ אַלע אַנטוישונגען. יעדער איינער, וואָס באַנעמט נישט בלויז די טראַגיק, נאָר אויך די באַדייטונג פון די איצטיקע געשעענישן, מוז זען ווי די סאָציאַליסטישע לייזונג רייסט זיך דורך אַלע מניעות".

אַ גרעסערע צאָל דעלעגאַטן האָט זיך אַרויסגעזאָגט וועגן באַריכט און באַזונדערס וועגן דער פראַגע פון פאַראייניקונג מיטן „בונד". צווישן די פאַרשידענע רעדנער אויף דער קאָנווענשאָן האָט דער פאָרזיצער פון אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט פון פאַרבאַנד, נ. כאַנין, געהאַלטן אַ לענגערע רעדע וועגן דער טעטיקייט פון פאַרבאַנד במשך פון די פאַרגאַנגענע 30 יאָר.

די הויפּט־רעפעראַטן אויף דער 18־טער קאָנווענשאָן זיינען געווען: 1) „די אַמעריקאַנער יידישע סאָציאַליסטן, זייערע אויפגאַבן און פליכטן אין יידישן לעבן" (רעפערענטן — ב. טאַבאַטשינסקי און י. סיגעל); 2) „די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע און די אויסזיכטן פאַר אַן אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי" (רעפערענטן — ש. ווייס און נ. כאַנין).

ב. טאַבאַטשינסקי האָט באַטאָנט, אַז מדינת־ישראל קען נישט שטיין העכער פון פאָלק ישראל. דאָס יידישע פאָלק טאָר נישט צעטיילט ווערן אויף מער ווichtיקע און אויף ווייניקער וויכטיקע טיילן. מ'קען זיך נישט שטעלן אויפן שטאַנדפּונקט, אַז געוויסע שבטים זיינען יחסנים אין יידישן פאָלק. די יידישע סאָציאַליסטן פאַרבינדן נישט זייער טריישאַפט צום פאָלק מיט די אָדער אַנדערע באַדינגונגען. לסוף האָט ער אַפּעלירט פאַר דורכפירן די פאַראייניקונג פון פאַרבאַנד מיטן „בונד".

י. סיגעל האָט געשילדערט די ראָל פון סאָציאַליסטן אין אויפבויען די טרייד־יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקע און זייער וויכטיקע ראָל אין יידישן לעבן בכלל. צו דער יידישער מלוכה דאַרפן די יידישע סאָציאַליסטן אַרויסווייזן מער וואַרעמקייט. אין דער פראַגע פון פאַראייניקונג מיטן „בונד" דאַרפן ביידע צדדים איינגיין אויף הנחות.

ש. ווייס האָט געשילדערט די שטאַרקייט פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט אויפן עקאָנאָמישן געביט און איר שוואַכקייט אויפן פּאָליטישן פראָנט. די טרייד־יוניאָנס שטיצן דירעקט די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען און מיט דעם

פאַרשטאַרקן זיי נאָך מער די פּאָזיציע פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער וועג פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער איז אַ פאַלשער, טאָרן דאָך די סאָציאַליסטן נישט פאַרלירן דעם ענגסטן קאָנטאַקט מיט דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט און דאַרפן ווייטער פירן די אַרבעט צו שאַפן אַ גרויסע אַרבעטער־פּאַרטיי פאַר זעלבשטענדיקער פּאָליטיק.

ג. כאָטשן האָט געשילדערט וואָס דער ניו־דיל האָט געגעבן די טרייד־יוניאָנס און די אַרבעטער בכלל. די גרויסע דערגרייכונגען האָבן געשטאַרקט דעם גלויבן, אַז דורך די טרייד־יוניאָנס וועט מען קענען אַ סך דערגרייכן אָן דער הילף פון אַן אַרבעטער־פּאַרטיי. דאָס שאַפן פון אַן אַרבעטער־פּאַרטיי אין אַמעריקע וועט זיין אַ לאַנג־דויערנדיקער פּראָצעס. די סאָציאַליסטן דאַרפן טון אַלץ, כדי צו פאַרגיכערן דעם דאָזיקן פּראָצעס, אָבער כל־זמן דער געשטעלטער ציל איז נאָך נישט דערגרייכט, דאַרפן די סאָציאַליסטן אויך פּאָליטיש זיין מיט דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג און אין איר.

די 18טע קאָנווענשאָן האָט אין אַ ריי רעזאָלוציעס פאָרמולירט פאָדערונגען און גענומען אַ שטעלונג צו פאַרשידענע פּראָבלעמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון יידישן לעבן.

אונטערשטיצנדיק די אַקטועלע הויפּט־פאָדערונגען פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער, האָט די קאָנווענשאָן געזען אַ שריט פאָראויס אין די טעטיקייטן און אַקציעס פון די טרייד־יוניאָנס אויפן פּאָליטישן געביט. די סאָציאַליסטן זיינען גערופן געוואָרן צו זיין אַקטיוו אין דער פּאָליטישער אַרבעט פון די טרייד־יוניאָנס און אין העלפן „צוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ זעלבסטשטענדיקער אַרבעטער־פּאַרטיי אין אַמעריקע".

בנוגע יידישע פראַגן האָט די קאָנווענשאָן פעסטגעשטעלט די פאַרשטאַרקטע פליכטן פון די סאָציאַליסטן מחמת דעם גרויסן חורבן פון יידישן פאָלק אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. צווישן אַנדערן זאָגט די רעזאָלוציע: „מיר באַטראַכטן די אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה, וואָס פייערט איצט איר דריטן געבורטס־טאָג, אַלס איינעם פון די ליכטיקע פּונקטן אין דעם ווידעראויפבוי פון דעם חרובן יידישן לעבן נאָך דער מלחמה. מיר דריקן אויס די האָפענונג, אַז מיט דער הילף פון די דעמאָקראַטישע כוחות פון דער וועלט וועט די יידישע מדינה באַקומען אַלץ בעסערע און בעסערע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען אין ישראל אַ רואיקן, פרידלעכן און שאַפנדיקן לעבן אין פולער האַרמאָניע מיט אירע שכנים. די יידישע מאַסן פון דער גאַרער וועלט טוען זייער חוב בנוגע דער יידישער מדינה. עס בלייבט אָבער דער אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט, אַז די איבערוועגנדיקע מערהייט פון יידישן פאָלק בלייבט לעבן אין די פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט. עס איז בלי שום ספק, אַז די יונגע מדינה פאַרדינט זייער אַ סך אויפמערקזאַמקייט, אָבער ווי וויכטיק עס זאָל נישט זיין די יידישע מדינה, טאָרן בשום אופן נישט פאַרנאַכלעסיקט ווערן די אַלע אַנדערע יידישע ישובים. עס איז אונזער טיפסטע איבערצייגונג, אַז די שאַפונג פון אַ מער ראַציאָנעלער פאַרטיילונג פון די כוחות און פון די מיטלען, סיי גייסטיקע און סיי מאַטעריעלע, זיינען אין די בעסטע אינטערעסן פון גאַנצן יידישן פאָלק — סיי אין מדינת־ישראל און סיי אין די אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט. אויף אונז, אויף די יידישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע, ליגט

אַ באַזונדערער חוב צו קאָנצענטרירן אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף אונזער היימלאַנד — אַמעריקע. מיר זיינען נישט בכוח צו טראָגן די גאַנצע ירושה פון דעם פאַרניכטעטן יידישן פאָלק אין מזרח־איראָפּע, וואָס האָט זיך געהאַט אַזוי פונאַנדערגעבליט אין די לעצטע 50 יאָר, אָבער עס איז אונזער פליכט צו טון אַלץ, כדי אָנצוהאַלטן, כדי אויסצוהאַלטן און כדי פאָרטצוועצן אומעטום אונזער יידיש לעבן און אונזער לעבן אויף יידיש. מיר מוזן זיך איינ־שטעלן פאַר די פּאָזיציעס פון יידישן ישוב אין אַמעריקע. מיר טאָרן נישט דער־לאָזן אַז די טעאָריעס פון אונטערגאַנג און פאַראורטיילטקייט זאָלן דעמאָראַלי־זירן די יידישע פאָלקס־מענטשן און אַרבעטער אין אַמעריקע, ווייל דערמיט וואָלט פאַרענדיקט געוואָרן דער פּראָצעס פון טאָטאַלן פאַרניכטן דעם יידישן פאָלק, אויף וואָס עס האָט זיך געהאַט פאַרמאָסטן דער בעסטיאַלער היטלעריזם". לסוף ווערט פּראָטעסטירט קעגן דער פּאָליטיק פון „אַפּיזמענט" לגבי די נאַצי־עלעמענטן אין דייטשלאַנד.

די קאָנווענשאָן האָט פּראָטעסטירט „קעגן דער סיסטעמאַטישער אויסראָ־טונג פון דעם יידישן נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד", ווי אויך קעגן דעם וואָס אין ישראל ווערט יידיש „פאַראַכטעט און אַפילו פאַר־פאָלגט". גלייכצייטיק איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז „די מאָדערנע יידישע קולטור, די נייע יידישע ליטעראַטור, די יידישע שפּראַך זיינען פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג געשאַפן און דערהויבן געוואָרן אין דעם פּראָצעס פון דעם קאַמף פאַר די נייע פאָרמען פון לעבן, אין וועלכן די יידישע סאָציאַ־ליסטן האָבן אַריינגעצויגן דעם יידישן אַרבעטס־מענטש. די יידישע סאָציאַליס־טישע און אַרבעטער באַוועגונג האָט געשפּילט גאָר אַ באַזונדערע ראָלע אין דער שאַפונג און אין דער דערהויבונג פון דער יידישער שול".

די אָנפירונג איז אויפגעפאָדערט געוואָרן „צו מאַכן צוגרייטונגען, אַז דער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד זאָל פירן אויך אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן דער יידישער יוגנט אויף ענגליש".

די טעטיקייט, צילן און פאַרלאַנגען פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, יידישן קולטור־קאָנגרעס, „ציקאָ" און „אָרט" זיינען וואַרעם אונטערגעשטיצט געוואָרן.

נאָך אַ מאָל האָט די קאָנווענשאָן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער פאַראייניקונג פון די באַזונדערע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען אין אַמעריקע. כל־זמן די פאַר־אייניקונג איז נאָך נישט דורכגעפירט, זאָלן אָנגעהאַלטן ווערן ברידערלעכע באַ־ציאונגען און ס'זאָלן געפירט ווערן געמיינזאַמע אַקציעס. אַרויסזאָגנדיק זיך פאַר אַ מעגלעך שנעלער פאַראייניקונג מיטן „בונד", האָט די קאָנווענשאָן דער־קלערט, אַז „איין יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע וועט זיין אין די בעסטע אינטערעסן פון דער וויטערדיקער אַרבעט פאַר דער פאַרשפּריי־טונג פון דעם אַלגעמיינעם און פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן אין אונזער לאַנד".

אין אַ דעקלאַראַציע האָט די 18־טע קאָנווענשאָן פעסטגעשטעלט, „אַז דורך אַלע בלוטיקע קאַטאַסטראָפעס, וואָס האָבן אַזוי שווער און ביטער גע־טראָפן די גאַנצע מענטשהייט און באַזונדערס אונזער יידיש פאָלק, האָט דער פאַרבאַנד דורכגעטראָגן אומדערשיטערט און אומגעבראָכן דעם גלויבן אין אינ־טערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם אַלס דעם איין און איינציקן אויסוועג פון דעם אָפּ־

גרונט פון פיין און עלנט, אין וועלכן עס ווערט געשטויסן די גאַנצע וועלט"...
וויטער ווערט געזאָגט: „מיר דריקן אויס אונזער האָפענונג און איבערצייגונג, אַז אין די איצטיקע גורלדיקע טעג פאַר דער וועלט־דעמאָקראַטיע וועלן די דעמאָקראַטישע פעלקער, פאַראייניקט אין דער יו־ען, זוכן אַלע מיטלען און וועגן אויסצומיידן אַ דריטע וועלט־מלחמה, אָבער גלייכצייטיק וועלן נישט געמאַכט ווערן קיינע קאָנצעסיעס און קיינע 'אַפּיזמענטס' צו די קאָמוניסטישע אַגרעסאָרס. דער שאַרפסטער ווידערשטאַנד מוז אָרגאַניזירט ווערן קעגן דער שטרעבונג פון די קאָמוניסטן צו באַהערשן די וועלט. אַלע קרבנות מוזן גע־בראַכט ווערן, כדי צו מאָביליזירן די כוחות פון אונזער לאַנד, אַז זיי זאָלן קענען קעגנווירקן דער כסדרדיקער באַוואָפענונג פון דער סאָוועטישער אימ־פּעריע, וואָס פירט אומפאַרמיידלעך צו דער באַוואָפענונג פון די דעמאָקראַטישע לענדער. די הערשער אין קרעמל וועלן מוזן באַגרייפן, אַז די דעמאָקראַטישע לענדער וועלן שאַפן דעם אייזערנעם ווילן און דעם אייזערנעם כוח קעגן דער טאָטאַליטאַרער דיקטאַטור פון דעם סאָוועטישן רעזשים — דעם רעזשים פון פיזישער און גייסטיקער שקלאַפערײַ. גלייכצייטיק מיט דער פיזישער מאָבילי־זאַציע פון אַלע דעמאָקראַטישע אַרסענאַלן מוזן ווייטער און ווידער הויך גע־האַלטן און פּראַקטיצירט ווערן די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט, פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און פון פאַקטישער גלייכהייט פון אַלע פעלקער און ראַסן. נאָר מיט דעם כוח פון דער גרויסער אידייע פון דער סאָציאַלער און פּאָליטישער דעמאָקראַטיע — מיט דער אידייע פון סאָציאַליזם — קען מען גובר זיין די כוחות פון קאָמוניזם און פון זיין לייבלעכן ברודער דעם פאַשיזם. אָט די איבערצייגונג גיט אונז דעם כוח און די ענערגיע אָנצוגיין מיט אונזער אַרבעט, טראָץ אונזער אָרגאַניזאַציאָנעלער שוואַכקייט און טראָץ אַלע שוועריקייטן פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער און פון די ספּעציפישע שוועריקייטן, וואָס שאַפן זיך אויף דער יידישער גאַס. איצט מער ווי אַלע מאָל זיינען מיר איבערצייגט, אַז אונזער וועג איז דער ריכטיקער און אַז עס איז נאָנט די צייט, ווען די גרויסע אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג וועט אין דעם פייער פון די איצטיקע גרויסע וועלט־געשעענישן דערזען די ליכט, וואָס פירט צום סאָציאַליסטישן אויסוועג פון דעם בלוטיקן פלאָנטער".

אין דער אויסגעוויילטער אָנפירונג פון פאַרבאַנד זיינען אַריין: ל. אַרקין, ה. בערנשטיין, ה. בערגער, ד. בראַגינסקי, מ. באַגנאַ, מ. גאָפּט, ב. געבינער, י. גוטגאָלד, י. וויינשטיין, מ. וויינשטיין, ש. ווייס, ה. זיגאַס, נ. כאַנין, י. ליפשיץ, י. לעווין־שאַצקעס, י. לעווענטאַל, י. מינקאָף, ד. מייער, ב. מאַזער, ה. מילער, ד. ניסנעוויץ, ה. סיגעל, פּ. עפּשטיין, מ. עדעלסאָן, ה. פישער, פּ. פיין, י. פאָגעל, י. קעי, ב. קאַפּלאַן, ל. קלוקאָווסקי, ס. רעזניק, פּ. שטיינבערג, א. שענקין.

מיט דער 18טער קאָנווענשאָן האָט דער פאַרבאַנד אָפּגעשלאָסן דרייסיק יאָר סאָציאַליסטישע טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע. און געווען זיינען דאָס דרייסיק יאָר פול מיט האָפענונ־גען און אַנטוישונגען, דערגרייכונגען און מפּלות, פּאַראויסמאַרשן און קאַטאַ־סטראָפעס. אַ דור אַ גאַנצער איז אַדורך אין אַ ווירוואַר פון אידעאַלע שטרע־בונגען און מיאוסער אָפּנאַרערײַ. דער הימל איבערן יידישן סאָציאַליסטישן

פאַרבאַנד איז כמעט שטענדיק געווען פאַרכמאַרעט. זעלטן־ווען ס'האָבן זיך דורכגעריסן שטראַלן. אָבער ווען די שטראַלן האָבן צעריסן די געדיכטע וואָלקנס, זיינען זיי געקומען פון אַ גרויסער זון — פון דער שיינענדיקער זון פון סאָציאַליזם.

300 יאָר איז שוין אַלט דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב. אַ וואָגיקע ראָל אין גורל פון יידישן פאָלק האָט ער אָנגעהויבן צו שפּילן ערשט מיט 70 יאָר צוריק, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע מאַסן־איינוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע. דעמאָלט איז אויך געווען דער בראשית פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויפן אַמעריקאַנער באָדן.

מיט אַן אידעאַל צו באַזעצן יידן אויף ערד און שאַפן קאָמוניסטישע קאָלאָניעס זיינען געקומען גרופּעס אידעאַליסטן. די אַנטוויקלונג אין אַמעריקע איז אָבער געגאַנגען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: פון דאָרף אין שטאָט אַריין. אַ פּראָצעס, וואָס האַלט נאָך אָן ביזן היינטיקן טאָג. מיט 70 יאָר צוריק איז בערך אַ העלפט פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג געווען באַשעפטיקט אין דער לאַנדווירטשאַפט, איצט — נישט מער ווי אַרום 15 פּראָצענט.

אויך דער צווייטער אידעאַל — צו זען דעם ייד דווקא ווי אַ פּיזישן אַרבעטער אין פאַבריק איז געקומען אין קאָנפליקט מיט דער אַלגעמיינער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. אויב מיט 70 יאָר צוריק זיינען אין אַמעריקע 3 פערטל פון די ווירטשאַפטלעך אַקטיווע געווען באַשעפטיקטביים פּיזישן פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע, איז דאָס שוין איצט ווייניקער פון אַ העלפט. גלייכצייטיק איז שטאַרק אויסגעוואַקסן דער פּראָצענט גייסטיקע און באַדינענדיקע אַרבעטער אין דער פּראָדוקציע. יידן האָבן מיטגעמאַכט דעם פּראָצעס, וואָס האָט אגב אויך אַנטשפּראָכן זייער מענטאַליטעט און היסטאָרישער דערפאַרונג.

אין דער זעלבער צייט זיינען אויך פאָרגעקומען קאַרדינאַלע און קאַטאַסטראָפאַלע ענדערונגען אין יידישן פאָלק אויף דער וועלט. די אייראָפּעאישע ישובים האָבן גרויסע טיילן פון זיך איבערגעפלאַנצט אויפן אַמעריקאַנער באָדן. שוין ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן אַמעריקאַנער יידן אויסגעמאַכט אַ קנאַפּן דריטל פון יידישן פאָלק, נאָכן שרעקלעכן חורבן און פאַרלוסט פון אייראָפּע געפינט זיך איבער אַ העלפט פון אונזער פאָלק אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

די יידישע סאָציאַליסטן האָבן בייגעשטייערט אַ באַדייטנדיקן חלק צום אויפבוי פון יידישן לעבן אין נייעם לאַנד און צו דער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. דער היינטיקער קריזיס פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז ענג פאַרבונדן מיט דעם גייסטיק־קולטורעלן קריזיס פון די אַמעריקאַנער יידן און מיט דעם באַרג־אַראָפּ פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאָ אין לאַנד. ס'שטייט שאַרף די פראַגע פון המשך. אַזוי שטייט זי ביי די אַמעריקאַנער יידן, אַזוי שטייט זי ביי די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן, און אַזוי מוז זי שטיין און מאָנען ביי די יידישע סאָציאַליסטן.

זייער צאָל איז נאָך גרויס. זייערע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן — נישט אויסגעשעפּט. גראָד אין די לעצטע יאָרן האָבן די שיפן געבראַנגט צו די אַמעריקאַנער ברעגעס הונדערטער יונגע יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן באַוויזן זיך צו ראַטעווען פון היטלערס גאַז־אויוונס און פון סטאַלינס שקלאַפן־לאַגערן.

גראַד אין די לעצטע יאָרן זיינען די יוניאָנס און פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, צו וועלכע עס געהערן די יידישע אַרבעטס־מענטשן, געוואָרן שטאַרקער און ווירקזאַמער. גרויס איז דער אַנטייל פון די הי־געבוירענע יידישע דורות אין די שיכטן גייסטיקע אַרבעטער און פרייע פּראָפעסיעס. הונדערטער טויזנטער דאָ געבוירענע און דערצויגענע געבילדעטע יידן באַטייליקן זיך אין די פאַרשידנסטע צווייגן פון דער ווירטשאַפט און פּאָליטיק, אין ליטעראַריש־קינסטלערישן און אינטעלעקטועלן שאַפן.

מיט זיי און דורך זיי אַלעמען קען קומען די ווידער־דערוואַכונג. און קומען קען זי נישט ווי אַ צדקה־יידישקייט, נאָר ווי אַ גייסטיק־שעפערישע; נישט ווי אַ באַשעפעניש אָן אַ פּנים און אָן אַ ווילן, נאָר ווי אַ געאייניקטער כוח מיט בולטע כאַראַקטער־שטריכן און אַ קלאָרער סאָציאַלער וויזיע פאַרן בליק.

אַ תקופה איז אָפּגעשלאָסן. סאָציאַליזם איז אַ וועלט־באַפרייערישער אידעאַל און זיינע טרעגער און פאַרקעמפער זיינען די אַרבעטער פון דער וועלט. יידן זיינען אַן אַלט וועלט־פאָלק און די קינדער פון דעם פאָלק האָבן זייערע היימען אויף אַלע פינף קאָנטינענטן. ווי פריער, וועלן אויך וייטער די זין און טעכטער פון יידישן פאָלק זיין אין אַוואַנגאַרד פון קאַמף פאַר די פּראָגרעסיווסטע אידעאַלן און מענטשלעכע גערעכטיקייטן. אויך אַמעריקע וועט נישט זיין קיין אויסנאַם. ס'איז אַן אַמעריקאַנער אייגנשאַפט צו גיין אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג מיט איין פוס ווייט פאָראויס און מיטן צווייטן הינטערשטעליק. מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, אָבער אויך דער הינטערשטעליקער פוס וועט דעם וועג דורכגיין און אויך דאָ וועט שלאָגן די שעה פון סאָציאַליזם. און די קינדער און קינדס־קינדער פון די אַמאָליקע יידישע אימיגראַנטן וועלן זיך זאַמלען אונטער די פענער פון סאָציאַליסטישן באחרית הימים. אַ נייע תקופה וועט קומען...

מקורים

1. די צוקונפט, אויגוסט 1916.
2. די צוקונפט, מאַי 1913.
3. Из архива П. Б. Аксельрода Берлин, 1924.
4. אברהם קאַטיק: דאָס לעבן פון אַ אידישן אינטעליגענט, ניו יאָרק 1925.
5. דיא אַרבייטער צייטונג, 29 אויגוסט 1890.
5א. דיא אַרבייטער צייטונג, 12 סעפטעמבער 1890.
6. די צוקונפט, אַפּריל 1893.
7. דיא אַרבייטער צייטונג, 13 יאַנואַר 1893.
8. דיא אַרבייטער צייטונג, 12 יוני 1896.
9. דיא אַרבייטער צייטונג, 26 יוני 1896.
10. די צוקונפט, יולי 1896.
11. די צוקונפט, יולי 1896.
12. די צוקונפט, אויגוסט 1896.
13. פאָרווערטס, 23 יוני 1897.
14. פאָרווערטס, 24 יוני 1897.
15. פאָרווערטס, 28 יוני 1897.
16. די צוקונפט, יאַנואַר 1902.
17. פאָרווערטס, 5 יאַנואַר 1902.
18. פאָרווערטס, 16 יאַנואַר 1902.
19. פאָרווערטס, 20 פעברואַר 1902.
20. ל. ראָזענבלום: „סאוועניר פון שיקאַגער אַרבעטער־רינג“, 1923.
21. פאָרווערטס, 6 מאַי 1903.
22. דער צייט־גייסט, 1 סעפטעמבער 1905.
23. י. אַלפּערט: סאוועניר פון שיקאַגער אַרבייטער רינג ברענטש 32, 1928.
24. ה. קערין: אַרבייטער רינג ברענטש 151, 1932.
25. די צוקונפט, מערץ 1906.
26. דער צייט־גייסט, 14 סעפטעמבער 1906.
27. אהרן קאהן: דער צייט־גייסט, 11 יאַנואַר 1907.
28. דער צייט־גייסט, 1 פעברואַר 1907.
29. דער צייט־גייסט, 22 פעברואַר 1907.
30. דער צייט־גייסט, 12 אַפּריל 1907.
31. דער צייט־גייסט, 25 יאַנואַר און 1 פעברואַר 1907.
32. דער צייט־גייסט, 24 מאַי 1907.
33. דער צייט־גייסט, 17 יאַנואַר 1908.
34. דער צייט־גייסט, 3 יאַנואַר 1908.
35. די אידישע אַרבייטער וועלט, 21 דעצעמבער 1908.
36. די אידישע אַרבייטער וועלט, 26 פעברואַר 1909.
37. די אידישע אַרבייטער וועלט, 14 מאַי 1909.
38. די צוקונפט, נאָוועמבער 1911.
39. די צוקונפט, יאַנואַר 1906.
40. דער צייט־גייסט, 5 אָקטאָבער 1906.
41. דער צייט־גייסט, 5 אָקטאָבער 1906.
42. די אידישע אַרבייטער וועלט, 3 סעפּטעמבער 1909.
43. די צוקונפט, מערץ 1936.
44. דער אידישער סאָציאַליסט, 30 יאַנואַר 1914.
45. דער אידישער סאָציאַליסט, 15 יוני 1914.
46. דער אידישער סאָציאַליסט, אַפּריל 1915.
47. דער אידישער סאָציאַליסט, 15 נאָוועמבער 1914.
48. דער אידישער סאָציאַליסט, 1 דעצעמבער 1914.
49. דער אידישער סאָציאַליסט, 1 יאַנואַר 1915.
50. דער אידישער סאָציאַליסט, 1 פעברואַר 1915.
51. דער אידישער סאָציאַליסט, 15 סעפּטעמבער 1915.
52. פאָרווערטס, 10 יולי 1910.
53. דער אַרבייטער, 15 אָקטאָבער 1910.
54. די צוקונפט, פעברואַר 1913.
55. פאָרווערטס, 4 סעפטעמבער 1913.
56. די צוקונפט, יולי 1914.
57. דער אידישער סאָציאַליסט, 15 יוני 1915.
58. דער אידישער סאָציאַליסט, 15 יוני 1915.
59. די נייע וועלט, 3 סעפטעמבער 1915.
60. די נייע וועלט, 11 מאַי 1917.
61. די נייע וועלט, 18 מאַי, 1917.

62. די נייע וועלט, 5 אָקטאָבער 1917.
63. די צוקונפט, מערץ 1916.
64. די צוקונפט, אָקטאָבער 1917.
65. די נייע וועלט, 27 סעפטעמבער 1918.
66. די נייע וועלט, 20 דעצעמבער 1918.
67. די נייע וועלט, 27 דעצעמבער 1918.
68. Н. Ленин. Две тактики. Женева, 1905.
69. לעבענס־פראַגען, 20 סעפטעמבער 1918, וואַרשע.
70. Scott Nearing: The Debs Decision, New York, 1919.
71. Morris Hillquit: Present-Day Socialism, New York, 1920.
72. ד"ר ב. האָפמאַן (צביון): וואָס איז באָלשעוויזם? ניו־יאָרק, 1919.
73. די צוקונפט, אָקטאָבער 1921.
74. Karl Kautsky: Demokratie oder Diktatur, Berlin, 1919.
75. ד"ר ח. זשיטלאָווסקי: פון אַסימילאַציע ביז פועלי ציוניזם, ניו־יאָרק, 1919.
76. פאָרווערטס, 17 יאַנואַר 1919.
77. Socialist Party, Proceedings of the National Convention, Chicago, 1919.
78. Morris Hillquit: Present-Day Socialism, New York, 1920.
79. דער קאַמף, 7 מערץ 1919.
80. פאָרווערטס, 7 יוני 1919.
81. פאָרווערטס, 8 יוני 1919.
82. די נייע וועלט, 26 מערץ 1920.
83. די נייע וועלט, 14 מאַי 1920.
84. די נייע וועלט, 2 סעפטעמבער 1921.
85. די צוקונפט, יולי 1921.
86. דער וועקער, 24 סעפטעמבער 1921.
87. פרייהייט, 3 אַפּריל 1922.
88. פרייהייט, 3 אַפּריל 1922.
89. פרייהייט, 6 אַפּריל 1922.
90. דער וועקער, 5 נאָוועמבער 1921.
91. צביון: קאָמוניסטן וואָס האָבן אויפגעגעסן דעם קאָמוניזם, 1923.
92. דער וועקער, 28 יאַנואַר 1922.
93. דער וועקער, 29 אַפּריל 1922.
94. דער וועקער, 6 מאַי 1922.
95. דער וועקער, 20 מאַי 1922.
96. דער וועקער, 5 אויגוסט 1922.
97. דער וועקער, 9 סעפטעמבער 1922.
98. דער וועקער, 2 מאַי 1925.
99. דער וועקער, 15 סעפטעמבער 1923.
100. דער וועקער, 18 יאַנואַר 1924.
101. דער וועקער, 1 מערץ 1923.
102. דער וועקער, 20 סעפטעמבער 1924.
103. דער וועקער, 26 דעצעמבער 1925.
104. דער וועקער, 24 פעברואַר 1923.
105. דער וועקער, 13 אָקטאָבער 1923.
106. דער וועקער, 5 יולי 1924.
107. דער וועקער, 7 פעברואַר 1925.
108. דער וועקער, 14 מערץ 1925.
109. דער וועקער, 15 דעצעמבער 1923.
110. דער וועקער, 20 סעפטעמבער 1924.
111. דער וועקער, 28 מערץ 1925.
112. דער וועקער, 12 סעפטעמבער 1925.
113. דער וועקער, 4 יולי 1925.
114. דער וועקער, 5 דעצעמבער 1925.
115. דער וועקער, 8 סעפטעמבער 1923.
116. דער וועקער, 26 יאַנואַר 1924.
117. דער וועקער, 6 אָקטאָבער 1923.
118. דער וועקער, 19 סעפטעמבער 1925.
119. דער וועקער, 16 מאַי 1925.
120. דער וועקער, 1 מאַי 1924.
121. דער וועקער, 7 יוני 1924.
122. דער וועקער, 6 אָקטאָבער 1923.
123. דער וועקער, 20 יוני 1925.
124. דער וועקער, 1 מאַי 1924.
125. דער וועקער, 17 מאַי 1924.
126. דער וועקער, 14 אָקטאָבער 1922.
127. דער וועקער, 8 מערץ 1924.
128. דער וועקער, 2 יאַנואַר 1926.
129. דער וועקער, 2 יאַנואַר 1926.
130. דער וועקער, 21 אַפּריל 1928.
131. דער וועקער, 4 מאַי 1929.
132. דער וועקער, 30 נאָוועמבער 1929.
133. די צוקונפט, סעפטעמבער 1929.
134. דער וועקער, 12 יוני 1926.
135. זייט איר אַ סאָציאַליסט?, ניו־יאָרק.
136. בלעטער, ניו־יאָרק, דעצעמבער 1926.
137. דער וועקער, 14 אַפּריל 1928.
138. דער וועקער, 7 מערץ 1931.
139. ב. וויינשטיין: די אידישע יוניאָנס אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1929.
140. לואיס היימאַן: אויף די וועגן פון קאַמף, ניו־יאָרק, 1929.
141. לואיס היימאַן: אויף די וועגן פון קאַמף, ניו־יאָרק, 1929.
142. דער וועקער, 16 יולי 1927.
143. דער וועקער, 8 יאַנואַר 1927.
144. דער וועקער, 9 יולי 1927.

145. דער וועקער, 6 מערץ 1926.
146. דער וועקער, 21 יולי 1928.
147. דער וועקער, 12 מאַי 1928.
148. דער וועקער, 27 יולי 1929.
149. דער וועקער, 8 דעצעמבער 1929.
150. דער וועקער, 8 אָקטאָבער 1930.
151. דער וועקער, 26 יולי 1930.
152. דער וועקער, 5 אָקטאָבער 1929.
153. די צוקונפט, דעצעמבער 1924.
154. דער וועקער, 27 נאָוועמבער 1926.
155. דער וועקער, 6 מערץ 1926.
156. דער וועקער, 5 יאַנואַר 1929.
157. דער וועקער, 12 יאַנואַר 1929.
158. דער וועקער, 8 פעברואַר 1930.
159. דער וועקער, 13 דעצעמבער 1930.
160. דער וועקער, 27 יולי 1929.
161. דער וועקער, 23 אָקטאָבער 1926.
162. דער וועקער, 24 אויגוסט 1929.
163. דער וועקער, 16 נאָוועמבער 1929.
164. דער וועקער, 14 דעצעמבער 1929.
165. דער וועקער, 4 סעפטעמבער 1926.
166. דער וועקער, 28 נאָוועמבער 1931.
167. דער וועקער, 27 דעצעמבער 1930.
168. דער וועקער, 24 יאַנואַר 1931.
169. דער וועקער, 17 מאַי 1930.
170. דער וועקער, 31 מאַי 1930.
171. פאָרווערטס, 21, 28 פעברואַר 1931.
172. פאָרווערטס, 10 מערץ 1931.
173. פאָרווערטס, 25 אַפריל 1931.
174. דער וועקער, 2 מאַי 1931.
175. דער וועקער, 3 אַפריל 1926.
176. דער וועקער, 15 אָקטאָבער 1927.
177. דער וועקער, 15 יוני 1929.
178. דער וועקער, 7 סעפטעמבער 1929.
179. דער וועקער, 16 יולי 1927.
180. דער וועקער, 27 דעצעמבער 1930.
181. דער וועקער, 27 יוני 1931.
182. דער וועקער, 23 יאַנואַר 1932.
183. 10 יאָר סאָציאַליסטישע אַרבעט, ניו־יאָרק, 1931.
184. א. ליטוואַק, געקליבענע שריפטן, ניו־יאָרק, 1945.
185. 10 יאָר סאָציאַליסטישע אַרבעט, ניו־יאָרק, 1931.
186. The American Socialist Quarterly, No. 2, New York.
187. דער וועקער, 26 מאַי 1934.
188. James Oneal: Some Pages of Party History, New York.
189. די צוקונפט, מאַי 1936.
190. דער וועקער, 23 יוני 1934.
191. דער וועקער, 5 יאַנואַר 1935.
192. דער וועקער, 19 יאַנואַר 1935.
193. די סאָציאַליסטישע שטימע, מאַי 1935.
194. דער וועקער, 21 מערץ 1931.
195. די צוקונפט, יולי 1931.
196. דער וועקער, 16 סעפטעמבער 1933.
197. דער וועקער, 24 אָקטאָבער 1936.
198. דער וועקער, 7 נאָוועמבער 1936.
199. די צוקונפט, נאָוועמבער 1936.
200. דער וועקער, 1 סעפטעמבער 1934.
201. דער וועקער, 22 יוני 1935.
202. דער וועקער, 3 מערץ 1934.
203. דער וועקער, 15 אָקטאָבער 1932.
204. דער וועקער, 5 סעפטעמבער 1936.
205. דער וועקער, 18 אָקטאָבער 1930.
206. דער וועקער, 20 פעברואַר 1932.
207. די צוקונפט, מערץ 1932.
208. די צוקונפט, דעצעמבער 1937.
209. דער וועקער, 5 יוני 1937.
210. דער וועקער, 16 יאַנואַר 1937.
211. דער טאָג, 11 אויגוסט 1938.
212. דער וועקער, 20 נאָוועמבער 1937.
213. דער וועקער, 7 מאַי 1938.
214. דער וועקער, 15 סעפטעמבער 1938.
215. דער וועקער, 26 פעברואַר 1938.
216. דער וועקער, 16 יאַנואַר 1937.
217. דער וועקער, 18 יוני 1938.
218. דער וועקער, 1 אָקטאָבער 1939.
219. דער וועקער, 1 מערץ 1941.
220. די סאָציאַליסטישע שטימע, יוני 1940.
221. דער וועקער, 1 יולי 1941.
222. דער וועקער, 1 יאַנואַר 1942.
223. דער וועקער, 15 דעצעמבער 1942.
224. דער וועקער, 1 אויגוסט 1942.
225. דער וועקער, 15 מערץ 1944.
226. אונדזער יאָרבוך, פילאַדעלפיע, 1942.
227. דער וועקער, 15 אַפריל 1943.
228. דער וועקער, 1 יוני 1944.
229. דער וועקער, 1 אויגוסט 1940.
230. דער וועקער, 15 אָקטאָבער 1944.
231. י. ש. הערץ: 50 יאָר אַרבעטער־רינג אין יידישן לעבן, ניו־יאָרק, 1950.
232. נ. כאַנין: דער וועקער, 1 יאַנואַר 1940.
233. דער וועקער, 1 פעברואַר 1942.
234. דער וועקער, 1 סעפטעמבער 1940.
235. דער וועקער, 15 נאָוועמבער 1948.
236. דער וועקער, 15 דעצעמבער 1947.

ביבליאָגראַפיע

דיא ניו יאָרקער יודישע פאָלקסצייטונג, 1886—9.

די אַרבייטער צייטונג, ניו־יאָרק, 1890 און ווייטערדיקע יאָרן.

די צוקונפט, ניו־יאָרק, 1892—1953.

דאס אבענד־בלאַטט, 1894—1902.

דער אמת, באָסטאָן, 6—1895.

„פאָרווערטס", ניו־יאָרק, 1897 און ווייטערדיקע יאָרן.

דיא נייע צייט, ניו־יאָרק, 9—1898.

דער אַרבייטער, ניו־יאָרק, 1904 און ווייטערדיקע יאָרן.

דער צייט־גייסט, ניו־יאָרק, 8—1905.

פאָלקס־צייטונג, ווילנע, 1906, נומערן 6־234.

אידישע אַרבייטער וועלט, שיקאַגאָ, 1908 און ווייטערדיקע יאָרן.

דער אידישער סאָציאַליסט, שיקאַגאָ, 1913 און ווייטערדיקע יאָרן.

די נייע וועלט, ניו־יאָרק, 21—1915.

די נייע צייט, ניו־יאָרק, 5—1914.

דער קאַמף, ניו־יאָרק, 1919.

די גערעכטיקייט, ניו־יאָרק, 1919 און ווייטערדיקע יאָרן.

דער וועקער, ניו־יאָרק, 53—1921.

פרייהייט, ניו־יאָרק, 1922 און ווייטערדיקע יאָרן.

בלעטער, ניו־יאָרק, 7—1926.

די סאָציאַליסטישע שטימע, ניו־יאָרק, 1935—1941.

אונזער צייט, ניו־יאָרק, 53—1941.

געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ערשטער באַנד, ייוו"אָ, ניו־יאָרק, 1943.

געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צווייטער באַנד, ייוו"אָ, ניו־יאָרק, 1945.

די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פון מאָריס הילקוויט. ערשטער און צווייטער באַנד איבערזעצט פון הלל ראָגאָוו, מ. גורעוויטש פאַרלאַג, ניו־יאָרק.

פראָפ. מ. טוגאַן־באַראַנאָווסקי: סאָציאַליסטישע קאָלאָניען (מיט אַן איינלייטונג פון מאָריס הילקוויט), ניו־יאָרק, 1919.

די אַנטשטייאונג פון „פאָרווערטס" און זיין קאַמף מיטן „אבענדבלאַט", פון יעקב מילך, ניו־יאָרק, 1936.

הערץ בורגין: דיא געשיכטע פון דער אידישער אַרבייטער בעוועגונג אין אַמעריקא, רוסלאַנד און ענגלאַנד, ניו־יאָרק, 1915.

נ. א. בוכבינדער: די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד, ווילנע, 1931.

מלך עפשטיין: די געשיכטע פון אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע, ערשטער און צווייטער באַנד, ניו־יאָרק, 1935.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, פון ב. צביון און ד"ר קלינג (אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, יידן ג, ניו־יאָרק, 1942).

יוסף קאַהאַן: די יידיש־אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, פילאַדעלפיע, 1945.

ב. וויינשטיין: פערציק יאָר אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ניו־יאָרק, 1924.

ב. וויינשטיין: די אידישע יוניאָנס אין אַמעריקאַ, ניו־יאָרק, 1929.

א. ש. זאַקס: די געשיכטע פון אַרבייטער רינג, ניו־יאָרק, 1925.

י. ש. הערץ: 50 יאָר אַרבעטער־רינג אין יידישן לעבן, ניו־יאָרק, 1950.

פופציג יאָר אידישע שריפטזעצער יוניאָן, פון ש. שיינפעלד, ניו־יאָרק, 1938.

מ. אַשעראָוויטש: די געשיכטע פון „פאָרווערטס" („פאָרווערטס", 25 מאַי 1947 — 13 יוני 1948 [זונטאָג־נומערן]).

י. ב. סאַלוצקי: דער קריזיס פון וואוקס אין דער אידישער אַרבייטער בעוועגונג (ליטעראַטור און לעבן, יולי און אָקטאָבער 1914, ניו־יאָרק).

דאָס אידישע יאָהרבוך 1915, ניו־יאָרק.

מאיר לאָנדאָן אין קאָנגרעס (רעדעס), ניו־יאָרק, 1916.

מ. גורעוויטש: דער „בונד" אין אַמעריקאַ (דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד, ניו יאָרק, 1917).

פּראָטאָקאָלן פון דער סאָציאַליסטישער ליטע־ראַרישער געזעלשאַפט (שפּעטער דריטער וואָרד ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי) אין פּיטסבורג, פּאַ., יולי 1904—אויגוסט 1915 (מאַנוסקריפּט).

ב. האָלצמאַן: די אַמעריקאַנער רעגירונג, ניו יאָרק, 1912. (פּאָררעדע: אַ פּאָר ווערטער וועגן דער יידישער אַגיטאַציע־ביוראָ).

ב. וו.: הונדערט פינף און צוואַנציג ביליאָן, ניו יאָרק.

דער גרינדער, ניו־יאָרק, 1917.

דיא געשיכטע פון אַרבייטער ריגג אין מאַס־סאַטשוזעטס, באָסטאָן, 1910.

אברהם קאַטיק: דאָס לעבן פון אַ אידישן אינטעליגענט, ניו יאָרק, 1925.

מאַקס פּיין: פון די אַמאָליגע יאָהרען, „דער וועקער", ניו־יאָרק, 1925.

ש. יאַנאָווסקי: ערשטע יאָרן פון יידישן פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, ניו־יאָרק, 1948.

י. קאָפּעליאָוו: אַמאָל אין אַמעריקע, זכרונות פון דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע אין די יאָרן 1883—1904, וואַרשע, 1928.

אב. קאַהאַן: בלעטער פון מיין לעבן, ניו־יאָרק, 1926—31.

יודזשין וו. דעבס: אויסדערוויילטע שריפטן, ניו־יאָרק, 1926.

מאָריס הילקוויט: געשיכטע פון אַ טעטיגען לעבען, ניו־יאָרק, 1935.

הלל ראָגאָף: מאיר לאָנדאָן, ניו־יאָרק, 1930.

קאַטץ, מ.: געקליבענע שריפטן, ניו־יאָרק—פילאַדעלפיע, 1939.

צביון (ד"ר ב. האָפּמאַן): פאַר פופציק יאָר, ניו־יאָרק, 1948.

א. ליטוואַק: געקליבענע שריפטן, ניו־יאָרק, 1945.

נ. כאַנין, ניו־יאָרק, 1946.

די פּיפּעלס רעליעף פון אַמעריקאַ, ניו־יאָרק, 1924.

א. ש. זאַקס: דער קאַמף אויף דער אידישער אַרבייטער גאַס, ניו יאָרק, 1927.

א. ש. זאַקס: אין קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט, ניו־יאָרק, 1938.

מ. ווינטשעווסקי: דער „אַרבייטער פריינד", („דאָס נייע לעבן", יולי, אויגוסט, דעצעמ־בער 1910).

ד"ר י. א. הורוויטש: שטרייט־פראַגען פון סאָציאַליזם, צווייטער טייל, ניו־יאָרק, 1917.

יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי: די אידיש־אַמעריקאַנישע געלע פרעסע (דאָס נייע לעבן, יוני, יולי 1909, ניו־יאָרק).

ד"ר נ. סירקין: אידישער קאָנגרעס אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1915.

ד"ר ח. זשיטלאָווסקי: פון אַסימילאַציע ביז פועלי ציוניזם. ניו־יאָרק, 1919.

ד"ר ב. האָפּמאַן (צביון): וואָס איז באָל־שעוויזם? ניו־יאָרק, 1919.

ד"ר ב. האָפּמאַן (צביון): קאָמוניסטן וואָס האָבן אויפגעגעסן דעם קאָמוניזם, ניו־יאָרק, 1923.

ב. פייגענבוים: זייט איר אַ סאָציאַליסט? פאַרלאַג „וועקער", ניו־יאָרק.

הלל ראָגאָף: צום סאָציאַליזם דורך דעמאָ־קראַטיע, ניו־יאָרק, 1937.

וויכטיקע פּראָבלעמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, ניו־יאָרק, 1940.

ש. ניגער: אין קאַמף פאַר אַ נייער דער־ציאונג, ניו־יאָרק, 1940.

ש. ניגער: דערציילערס און ראָמאַניסטן, ניו־יאָרק, 1946.

אליהו שולמאַן: געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1943.

ד"ר ב. האָפּמאַן (צביון): פופציג יאָהר קלאָוקמאַכער יוניאָן, ניו יאָרק, 1936.

אברהם ראָזענבערג: די קלאָוקמאַכער און זייערע יוניאָנס, ניו יאָרק, 1920.

אינדוסטריעלער יוניאָניזמוס, פון יודזשין וו. דעבס (ניו־יאָרק, 10 דעצעמבער 1905).

געווערקשאַפטען — זאַמעל־בוך צו פופציג יאָר לעבען פון די פאַראייניגטע אידישע גע־ווערקשאַפטען, ניו־יאָרק, 1938.

י. מ. בודיש: געשיכטע פון די קלאָטה העט, קעפּ און מילינערי אַרבייטער, ניו־יאָרק, 1925.

לואיס היימאַן: אויף די וועגן פון קאַמף, ניו־יאָרק, 1929.

אידישער יאָהר בוך 1914 (אידישע סאָציאַ־ליסטישע פעדעראַציאָן פון אַמעריקאַ), ניו־יאָרק. אויך די יאָרן 1915, 1916, 1918.

אידישער וועלט־אַלמאַנאַך, ניו־יאָרק, 1926.

10 יאָר סאָציאַליסטישע אַרבעט, 1921—1931, ניו־יאָרק, 1931.

זאַמלהעפט פון בונדישן קלוב אין ניו־יאָרק, 1938.

די אידישע לאַנדסמאַנשאַפטען פון ניו יאָרק, ניו־יאָרק, 1938.

אַלמאַנאַך, בייטראַג פון אידן צו דעם אויפבוי פון אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1940.

אונדזער יאָרבוך, פילאַדעלפיע, 1942.

מעמאָראַנדום פון דער יידישער סעקציע צום נאַצ. עקז. קאָמיטעט פון ס. פּ., פעברואַר 1939 (מאַנוסקריפּט).

בצלאל שערמאַן: יידן און אַנדערע עטנישע גרופּעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ניו־יאָרק, 1948.

James Oneal, Some Pages of Party History, New York.

Commons, John R., A Documentary History of American Industrial Society, Vol. IX.

Milch, Jacob, New Movements Amongst the Jewish Proletariat (The International Socialist Review, December, 1906, Chicago, Ill.).

The Jewish Communal Register of New York City, 1917-1918, New York, 1918.

Melech Epstein, Jewish Labor in U.S.A., New York, 1950.

Melech Epstein, Jewish Labor in U.S.A., 1914-1952, New York, 1953.

J. C. Rich, The Jewish Labor Movement in the United States. (The Jewish People, Past and Present, Vol. II, New York, 1948).

The Women's Garment Workers, by Louis Levine, Ph.D., New York, 1924.

A History of the Chicago Ladies' Garment Workers' Union, by Wilfred Carsel, Chicago, 1940.

Herberg, Will, The Jewish Labor Movement in the United States. (American Jewish Year Book, V. 53, Philadelphia, 1952).

Nathan Goldberg, Occupational Patterns of American Jews. (The Jewish Review, Vol. III, No. 1, 3, 4, New York, 1945-46).

Nathan Reich, The Economic Structure of Modern Jewry. (The Jews, Their History, Culture and Religion, Vol. IV), Philadelphia, 1949).

Proceedings of the Ninth Annual Convention of the Socialist Labor Party, New York, 1896.

National Convention Socialist Labor Party, May 5-10, 1920, New York, 1921.

Proceedings, National Convention of the Socialist Party, Chicago, Ill., 1904.

Proceedings, National Convention of the Socialist Party, Chicago, Ill., 1908.

National Congress of the Socialist Party, Chicago, 1910.

Proceedings, National Convention of the Socialist Party, Chicago, 1912.

Socialist Party, Proceedings of the National Convention, Chicago, Ill., 1919.

Socialist Party, Proceedings of the National Convention, 1934.

Socialist Party, Proceedings of the National Convention, 1936.

The American Socialist Quarterly, 1932-1936, New York.

American Socialist Monthly, March, 1936 - May, 1937, New York.

Daniel De Leon, Socialist Trade and Labor Alliance versus the "Pure and Simple" Trade Union, New York, 1900.

De Leon, Daniel, Flashlights of the Amsterdam International Socialist Congress, 1904, New York.

De Leon, Daniel, Unity, New York, 1908.

Kuhn, Henry, Socialist Labor Party, New York, 1931.

Scott Nearing, The Debs Decision, New York, 1919.

Morris Hillquit, Present-Day Socialism, New York, 1920.

White Collar, by C. Wright Mills, New York, 1951.

Protokoll des Internationalen Arbeiter-Congress, zu Paris, Nurnberg, 1890.

Congres International Ouvrier Socialiste (1891), Bruxelles, 1893.

Internationaler Sozialisten-Kongress zu Amsterdam, Berlin, 1904.

Internationaler Sozialisten-Kongress zu Stuttgart, Berlin, 1907.

Dr. Sintowsky, Elias, Die Anfange der Sozialistischen Bewegung unter den russischen Juden, Bern, 1912.

Kautsky, Karl, Demokratie oder Diktatur, Berlin, 1919.

Материалы для истории антиеврейских погромов в России, том II, Петроград, 1923.

Из архива П. Б. Аксельрода, Берлин, 1924.

Г. Плеханов. Неудачная история «Партии Народной Воли» (Современный Мир № 5, 1912, С.-Петербург).

זוכצעטל

א

אַבראַמאָוויטש ר. — 126, 229, 242, 266, 297, 371, 375, 377, 387.
אַדלער וויקטאָר — 48.
אַדלער י. — 229.
אָוען ראָבערט — 28.
איגנאַטאָוו דוד — 203.
אייבעלסאָן א. — 64, 144, 154.
אייבראַמסאָן — 274.
איינהאָרן דוד — 229, 242.
אייסוראָוויטש באָריס — 372.
אינגערמאַן דר. 80, 85.
אַלגין מ. — 153, 154, 155, 160, 164, 186, 187, 191, 203, 204, 215.
אַלטמאַן דזשעק — 316.
אַלטער וויקטאָר — 284, 295, 366.
אַלטער מאיר דוד — 357.
אַלעקסאַנדער דער 2־טער — 12, 17.
אַלעקסאַנדראָוו ח. — 124.
אַלפּערט א. — 200, 336.
אַניעל דזשיימס — 229, 303, 309, 314, 316.
אַפּענהיימער — 105.
אַקון ישראל — 290, 369.
אַקסעלראָד פּאַוועל — 14, 16, 17, 18, 50, 180.
אַרקין ל. — 350, 392, 396.
אַשביז מ. י. — 213, 340, 353, 373, 377, 388, 389.
אַשינסקי ד. — 203.
אַשעראָוויטש מ. — 275, 350.

ב

באַגנאַ מ. — 373, 388, 392, 396.
באָוושאָווער יוסף — 42.
באָוער אָטאָ — 333
באַטוויניק ב. — 206, 210, 213, 228, 235, 236, 238, 245, 247.
באַנדעס לעאָן — 34.
באָנסען — 247.
באַסקין יוסף — 171, 200, 209, 233, 336, 337, 349, 371, 385.
באַראַנדעס יוסף — 33, 74, 75, 77, 85.
באַריישאַ מנחם — 266.
באַרסקי יוסף — 46, 47.
בורגין ה. — 170, 190.
בודין ל. ב. — 85, 141, 170.
בודיש י. מ. — 221.
ביטעלמאַן א. — 190, 203, 215.
ביילין י. ב. — 141, 153, 159, 169, 203.
ביין מ. — 247, 282.
בלאַק פּיליפּ — 304, 336, 340, 353, 374, 375, 377, 388, 389.
בלומין מ. — 275.
בעבעל אויגוסט — 86.
בעגון — 279, 280.
בעניסאָן י. — 36.
בעק — 47.
בעקער י. — 296.
בערגמאַן י. — 96.
בערגער ה. — 200, 206, 211, 213, 234, 238, 239, 243, 336, 353, 373, 377, 388, 392, 396.
בערגער וויקטאָר ל. — 77, 148, 189.
בערמאַן לייבעטשקע — 377.
בערנשטיין ה. — 353, 374, 377, 388, 392, 396.
בערנשטיין י. — 249.
בערנשטיין עדוואַרד — 229.
בראַגינסקי ד. — 200, 245, 353, 371, 373, 377, 388, 392, 396.
בראַודער אוירל — 367.
בראַווערמאַן מ. — 36, 67.
ברון הייוואוד — 291, 292.
בראָנשטיין מ. — 32.
בראַסלאַווסקי א. — 24.

ג

גאָלאָוטשינער איסיי (אייבערעמס) — 123.
גאָלאַצקי א. — 210, 220, 234, 242, 272, 334, 337.
גאָלדהאַר ב. — 22.
גאָלדמאַן — 76.

גאָלדפאַרב מאַקס דר. — 141, 150, 153, 155, 160, 163.
גאָלדרייך משה — 51.
גאָמפּערס סעמועל — 31, 167, 219.
גאַפּט מ. — 213, 238, 304, 336, 353, 374, 377, 388, 389, 392, 396.
גאָרדין יעקב — 74, 124.
גאָרעליק י. — 203.
גודמאַן ר. — 154.
גוטגאָלד יוסף — 388, 392, 396.
גוסקין ר. — 238, 336, 337, 340, 353, 371, 374.
גורעוויטש מאַיסיי דר. 113, 125, 126.
גיליאַראָף — 36.
גיליס מ. — 67, 115, 273.
גינזבערג ל. — 213, 238.
גלאַנץ א. — 153.
געבינער ב. — 280, 304, 319, 336, 340, 345, 347, 348, 350, 353, 372, 374, 375, 377, 388, 389, 392, 396.
געלבער סעם — 291, 292.
געליבטער פּ. — 144, 145, 190, 204, 281, 304, 319, 328, 331, 334, 336, 337, 340.
גרעטש בנימין — 32, 41.
גרעטש מיטיאַ — 24, 32.

ד

דאָרפמאַן י. — 374.
דובינסקי דוד — 132, 297, 330, 331, 349.
דזשאָרדזש העגרי — 25.
דייווידאָוו מאיר — 291.
דייוויט מעק — 371.
דייטש לעוו — 13, 14, 16, 229.
דעבס יודזשין וו. — 74, 77, 82, 129, 130, 168, 181, 183, 189, 190, 217, 262, 275.
דע ליאָן דעניעל — 64, 68, 70, 71, 72, 78, 79, 82, 83, 129, 183.
דעמביצער פּ. — 227, 229, 242, 245, 247, 250, 262, 274, 280, 284, 340, 350.
דער אידל פון מיזורי — 153.
דרייפוס — 48.

ה

האָכמאַן יוליוס — 349.
האָלענדער ל. — 274.
האַלפּערן דר. — 85.
האַלפּערן מ. ל. — 203.
האַרקאַווי ה. — 64.
הורוויטש יצחק אייזיק — 74, 75, 77.
היטלער אַדאָלף — 326, 327, 328, 338, 341, 358, 359, 362, 363, 364, 365, 372, 375, 377, 397.
היינס — 238.
הייפערלינג ש. — 200, 213.
הילמאַן סידני — 132, 221, 344, 366.
הילקוויט מ. (הילקאָוויץ) — 33, 34, 36, 40, 41, 59, 85, 91, 94, 112, 117, 133, 134, 158, 162, 181, 182, 188, 189, 194, 229, 275, 277, 278, 282, 303, 309, 310, 311, 325, 331, 333.
העלד אַדאָלף — 238, 239.
העלפמאַן העסיע — 16.
העמלין מאַקס — 245.
הענדין ל. — 203.

וו

וואַלדמאַן לואיס — 316, 318, 325.
וואָלדערס זשאַן — 49.
וואָלינסקי אָסיפּ — 233.
וואַליצקי אַב. — 213.
וואָלף באַרנעט — 114, 117, 118, 120, 134.
וואָלפסאָן אַנאַ — 32.
וואַנזעטי — 277.
ווהילער — 218.
וויגדערסאָן ה. — 193, 320.
ווייטהאָרן — 164.
וויינבערג יוסף — 206, 213, 224, 244, 247, 274, 275, 277, 282, 349, 374, 377, 388.
וויינטרויב — 113.
וויינטרויב מ. — 235, 336.
וויינמאַן ל. — 36.
וויינשטיין בערנאַרד — 24, 34, 36, 41, 55, 64, 229.
וויינשטיין י. — 338, 392, 396.
וויינשטיין מ. — 304, 336, 340, 353, 374, 377, 388, 392, 396.
ווייס ש. — 357, 377, 388, 389, 392, 393, 396.
וויסבערג יוליוס — 200.
וויליאַצער יונה — 280.
ווילקי וועגדעל — 367.
ווינטער מאַקס — 337.
ווינטשעווסקי מאָריס — 41, 42, 51, 61, 64, 65, 66, 67, 77, 85, 86, 109, 113, 114, 119, 124, 141, 144, 145, 153, 154, 155, 164, 170, 172, 182, 203, 204.
ווינער — 200.
ווישניאַק ג. — 203.
וולאַדעק ב. — 112, 113, 114, 115, 120, 135, 141, 144, 145, 147, 153, 154, 186, 200, 206, 207, 209, 210, 233, 236, 239, 242,

272, 282, 295, 313, 316, 325, 327, 331,
332, 337, 338, 345, 348, 349, 350.
וועקסלער ס. — 213, 238, 280.

ז

זאַלאַטאַראָוו ה. — 136.
זאַלצמאַן ח. — 336.
זאַלצמאַן ר. — 203.
זאַמעטקין מ. — 33, 36, 41, 64, 66, 76,
85, 86, 101, 102, 331.
זאַסוליטש וויעראַ — 50.
זאַקס א. ש. — 107, 113, 114, 148, 153,
170, 203.
זאַריצקי מאַקס — 221, 330.
זונדעלעוויטש אהרן — 15, 16.
זוסמאַן אב. — 141, 142, 144, 153.
זיגאַס ה. — 388, 392, 396.
זיגמאַן מאָריס — 233, 244, 274, 279, 284.
זיגעלבוים שמואל — 297, 301, 372, 376.
זינגער י. י. — 350.
זינגער פּאָול — 48.
זיסקינד מאָריס — 108, 210, 244.
זלאַטאָפּאָלסקי סאַוועלי — 16.
זשאַרעס זשאַן — 281.
זשיטלאָווסקי חיים דר. — 136, 184, 186.

ח

חאַסמאַן ב. — 144.

ט

טאַבאַטשינסקי בנימין — 350, 393.
טאָמאַס נאָרמאַן — 217, 247, 263, 282, 284,
303, 309, 310, 316, 318, 326, 344, 349,
360, 367, 370, 371.
טויבענשלאַג — 203.
טוניק מאָריס — 32.
טיגעל ט. — 304, 340, 353.
טייטלמאַן ה. — 388, 392.
טערמאַן משה — 135, 153, 154, 163.
טראַכטמאַן ס. — 377.
טראַצקי ל. — 190.
טרומאַן הערי — 381.
טשאַסקאַ יאַן — 349.

י

יאַבלאָנאָווסקי לודוויג — 31.
יאַנאַס אַלעקסאַנדער — 64, 68.
יאַפּע — 51.
יאַפּע ה. — 144, 145.
יהואש — 275.
יודיטש פּ. — 144, 203.
יעפּרויקין ז. — 291.
ישורין י. — 238, 297, 340, 374.

כ

כאַנין נ. — 199, 200, 206, 209, 210, 211, 213,
214, 215, 224, 225, 230, 234, 235, 239,
241, 242, 243, 247, 249, 252, 256, 258, 260,
264, 273, 274, 275, 276, 277, 280, 281,
282, 283, 285, 297, 298, 299, 300, 302,
304, 305, 318, 319, 321, 324, 329, 330,
334, 336, 337, 340, 345, 347, 349, 350,
351, 353, 355, 366, 370, 374, 375, 376,
377, 388, 389, 392, 393, 394, 396.
כינאָי מ. — 210, 213, 236, 238, 247, 277,
280, 281, 303.
כץ משה — 203.

ל

לאַ גוואַרדיאַ — 344.
לאַווראָוו פּעטער — 47.
לאַנג ה. — 200, 206, 210, 213, 225, 235, 236,
238, 242, 279, 295, 303.
לאַנדאַ מ. דר. 135.
לאַנדאַן מאיר — 74, 75, 114, 117, 118, 124,
134, 136, 139, 148, 149, 162, 165, 169,
189, 190, 194, 274.
לאַנדאַן נ. — 203.
לאַסאַל פערדינאַנד — 14, 30, 40, 48, 63,
95.
לאַפּאָלעט ראָבערט — 218, 219, 236, 242,
262.
לאָרע ל. — 164.
לולאָוו מאַקס — 145, 154, 164, 191, 196.
לונין מ. — 153, 154.
לי אַלדזשערנאָן — 164, 247, 303, 309, 316,
348.
ליבין ז. — 41, 333.
ליבער מאַרק — 126, 180.
ליבערמאַן אהרן — 15, 51.
ליטוואַק א. — 153, 163, 164, 216, 245,
246, 247, 251, 264, 268, 270, 272, 274,
277, 280, 281, 282, 284, 285, 294, 297,
298, 300, 302, 303, 304, 306, 324, 331,
332, 333, 334.
ליטמאַן א. — 112.
לייוויק ה. — 203, 266.
ליכטענשטיין ישראל — 334, 337.
ליליפּוט — זע קרעטשמער ה.
לינג — 58.

ליעסין אברהם — 84, 86, 124, 126, 128, 150, 151, 169, 170, 182, 200, 201, 205, 225, 266, 326, 350.
ליפשיץ י. — 377, 388, 392, 396.
ליפשיץ ס. — 36.
לעדערער — 36.
לעוויטאַס ס. — 229, 242, 261, 272, 274, 280, 284, 297, 302, 304, 334, 336.
לעוויטין ב. — 242, 261, 304, 319, 334, 336, 337.
לעווין יעקב — 357.
לעווין ס. — 67.
לעווינסאָן מ. — 126, 210, 338, 388.
לעווין־שאַצקעס י. — 345, 347, 350, 351, 353, 355, 370, 372, 374, 375, 377, 386, 388, 389, 392, 396.
לעווענטאַל י. — 304, 353, 374, 377, 388, 389, 392, 396.
לעידלער ה. וו. דר. — 298.
לענין וו. — 179, 183, 190, 192, 275.

מ

מאַגידאָוו י. — 33, 34.
מאורער דזש. — 263.
מאַזער ב. — 353, 374, 377, 388, 392, 396.
מאַטלין מ. — 357.
מאַרטאָוו ל. — 180.
מאַרקאָוו ראַבעל — 32.
מאַרקס קאַרל — 40, 48, 57, 183, 325, 334.
מאַרשאַל לואיס — 187.
מאַרקשייד — 340.
מיימאָן בן־ציון — 210, 234, 262.
מיכאַלעוויטש ב. — 233, 242.
מייער דוד — 247, 280, 304, 319, 336, 357, 377, 388, 392, 396.
מילך יעקב — 41, 125, 141.
מילל דזשאָן — 169, 196, 386, 390, 393.
מילער אב. — 349.
מילער ה. — 374, 377, 388, 389, 392, 396.
מילער לואי — 23, 33, 34, 36, 40, 41, 46, 47, 50, 55, 60, 61, 62, 71, 73, 75, 77, 124.
מינדעל י. — 203.
מיניקעס — 280.
מינץ מאַזעס — 24.
מינקאָף י. — 353, 372, 374, 377, 388, 392, 396.
מיראָוויטש א. — 21, 22.
מעדעם וולאַדימיר — 180, 181, 197, 209, 210.
מענאַקער מ. — 36.
מענדעלסאָן שלמה — 337, 375, 377, 387.
מענדעלאָוויטש ש. — 274.
מעץ ס. — 213.
מרמר ק. — 203.

נ

נאַדיר משה — 203.
נאָוואָגרודסקי עמנואל — 350, 356, 372, 375.
נאָוויק פּ. — 203.
נאַטאַנסאָן מאַרק — 16.
נאַקס, ע. דר. — 377.
נח — 242, 297, 359.
ניסנעוויץ ד. — 392, 396.

ס

סאַבאַטקאַ ה. — 304, 319, 336, 337, 357.
סאָוויץ י. — 154.
סאַלאַמאָן א. — 105, 106.
סאַלוצקי י. ב. — 122, 135, 140, 141, 144, 153, 154, 155, 157, 164, 166, 171, 186, 187, 188, 190, 193, 199, 203, 204.
סאַלוצקי האַננאַה — 154.
סאעלניק — 36.
סאַקאַ — 277.
סטאַלין — 358, 359, 363, 380, 372, 397.
סיגעל ה. — 196, 203.
סיגעל ה. — 396.
סיגעל י. — 393.
סינגאַלאָווסקי א. — 238.
סיניאַר קלאַרענס — 282, 336.
סירקין נ. — 136, 156.
סמיט לואיס — 51.
סמיטה טשאַרלי — 60, 61.
סעדלעצקי — 304.
סעניעל לוסיען — 64, 68, 80.
ספּיוואַק חיים דר. — 275.

ע

עדלין וו. — 78, 153.
עדעלסאָן מ. — 377, 388, 392, 396.
עדעלשטאַט דוד — 42.
עזרא — 125, 126.
עלשטיין ש. — 114.
ענגעל — 58.
עפּשטיין אב. — 203.
עפּשטיין פּ. — 374, 377, 388, 392, 396.
עפּשטיין שכנא — 141, 147, 153, 155, 203.
ערליך ה. — 274, 275, 277, 296, 349, 366.

פ

פּאָולסאָן — 76.
פּאָט יעקב — 350, 372, 388.
פּאָלאַק ג. — 203.
פּאָלאַק ס. — 35, 36.
פּאָלין מ. ל. — 196, 275, 289, 316, 337.
פּאַרסאָנס — 58.
פּיין מאַקס — 74, 157, 158, 186, 187, 200, 209, 233.
פּינסקי דוד — 134.
פּלעכאַנאָוו געאָרג — 47, 180.
פּלעכאַנאָוו ראָזאַליע — 50.
פּעטלוראַ — 273.
פּענקין דזשייקאָב — 118, 120, 124, 171, 186, 187, 210, 234, 275, 311.
פּעסקין ישראל — 64.
פּעסקין ש. דר. — 41, 85, 86, 97, 101, 102, 103, 106, 134.
פּערלשטיין — 126.
פּרץ י. ל. — 41.

פֿ

פֿאָגעל י. — 388, 392, 396.
פֿאָגעלמאַן ל. דר. — 210, 241, 273, 277, 280, 297, 304, 340, 353.
פֿאַכט הוגאָ — 64.
פֿאָלטער ל. — 213.
פֿאָרנבערג ק. דר. — 141, 144, 145.
פֿוריע שאַרל — 28.
פֿיגנער וויעראַ — 229, 242, 275.
פֿייגענבוים בנימין — 41, 55, 64, 78, 79, 85, 89, 95, 103, 140, 152, 164, 208, 229, 251, 331.
פֿיין פּ. — 392, 396.
פֿיינבערג י. — 233, 244, 372.
פֿיינסטאָון מ. — 132.
פֿיינערמאַן ג. — 238, 357.
פֿין י. — 36.
פֿישער — 58.
פֿישער ה. — 377, 388, 392, 396.
פֿעפּער ס. — 377.
פֿראַנק ה. דר. 249, 342.
פֿרידמאַן — 76.
פֿרענק — 74.

צ

צביון (האָפּמאַן ב. דר.) — 113, 127, 135, 136, 141, 151, 164, 166, 170, 182, 186, 187, 192, 203, 204, 297, 301, 303, 304, 337, 349, 372, 390.
צוקערמאַן ווֹם. — 101.
צעטקין — 51.

ק

קאָבע עטיען — 28.
קאַהאַן אב. — 21, 22, 23, 24, 35, 36, 38, 40, 41, 44, 47, 48, 49, 50, 52, 54, 61, 62, 64, 65, 66, 67, 68, 69, 71, 113, 124, 144, 182, 194, 202, 206, 209, 210, 221, 233, 242, 245, 285, 292, 293, 303, 325, 336, 344, 350, 385.
קאָהן א. — 154, 214.
קאָהן אַלעקסאַנדער — 200, 207, 209, 210, 213, 219, 225, 235, 238, 239, 245, 371.
קאָהען ב. — 280.
קאַוטסקי קאַרל — 180, 183, 334, 350.
קאָופמאַן מאַקס — 99, 104, 106, 108, 110, 112, 114, 115.
קאָופמאַן מאָריס — 233.
קאָטיק אברהם — 14.
קאַנטאָראָוויטש חיים — 257, 262, 274, 277, 280, 281, 284, 298, 304, 313, 319, 334, 336.
קאָסאָווסקי וולאַדימיר — 180, 359.
קאַסטרעל — 203.
קאַפּלאַן ב. — 377, 388, 392, 396.
קאַפּלאַן דן — 206, 213.
קאַפּעלזאָן צמח דר. — 203.
קאַץ מ. — 136.
קוהן העברי — 64.
קופּער ס. ד. — 64.
קיסין אברהם — 123.
קיסמאַן י. דר. — 374.
קלוקאָווסקי ל. — 353, 374, 377, 388, 392, 396.
קלייט ש. — 320.
קליינמאַן ש. דר. — 337.
קלינג לאַזאַר — 148, 357.
קלעוואַנסקי מאַקסים — 126.
קלעסענס אויגוסט — 371, 375.
קעי י. — 377, 388, 392, 396.
קראַנץ פיליפּ — 35, 36, 40, 41, 47, 51, 52, 64, 65, 66, 79, 80, 205.
קרושעוואַן — 17.
קריגער מ. — 344.
קרעטשמער ה. (ליליפּוט) — 135, 136, 141, 144, 203, 204, 350, 353.
קרעמער אַרקאַדי — 125, 126, 128.
קרעמער ג. — 377.
קרעמער ס. פּ. — 150, 210, 238, 247.
קרעפּליאַק י. — 292.

ר

ראַבאַי א. — 203.
ראַבינאָוויץ ג. — 36.
ראָבערטס י. — 213, 238.
ראָגאָף הלל — 107, 203, 204, 275, 284, 298, 301, 350, 351, 371, 375, 376, 386, 390.
ראָזבערי א. — 229, 242.
ראָזענבלאַט פראַנק דר. (בן יקיר) — 128, 141, 187.
ראָזענפאַרב, פּ. — 304.
ראָזענפעלד י. — 135.
ראָזענפעלד מאָריס — 20, 41, 42.
ראַיעווסקי טש. דר. — 24, 74.
ראָמאַן ג. — 144, 154.
ראָמאַנענקאָ געראַסים — 17.
ראַסקין — 203.
רובאַנאָוויטש — 51.
רובין א. — 228.
רובינשטיין מ. — 290.
רוזוועלט פרענקלין ד. — 310, 312, 326, 329, 335, 344, 364, 365, 367, 373.
רזשאַווסקי ש. — 336, 340.
רייזען אברהם — 20, 266.
ריעד וו. — 68.
ריפקין סאַול — 213, 230, 238, 247, 274, 277, 280, 282, 284, 297, 304, 321, 336, 340, 346, 350, 353, 354, 355, 371, 374, 377.
רעגענסבערג ס. — 210.
רעזניק ס. — 388, 392, 396.

ש

שאַפּיראָ מ. — 32.
שאָר — 213.
שוב ד. — 135, 217, 219, 227, 236, 247, 273, 275, 276, 280, 285, 353.
שוואַרץ ר. — 158.
שוואַרצבאַרד — 273.
שטיין י. — 32.
שטיינבערג פּ. — 280, 304, 336, 337, 340, 392, 396.
שטיינמאַן — 238.
שטראַסער אַדאָלף — 31.
שיינבלום — 200, 213.
שיפּליאַקאָף א. י. — 114, 115, 116, 120, 209, 210, 225, 233, 238, 268, 331.
שלאָסבערג יוסף — 41, 134, 163, 187, 204, 221, 336.
שלעזינגער בנימין — 331.
שעהן יעקב — 24, 32.
שענקין א. — 340, 353, 374, 377, 388, 392, 396.
שעפּנער ברוך — 377.
שפּיז — 58.

אַנדערע ווערק פון

י. ש. הערץ

די געשיכטע פון אַ יוגנט,
1946.

די יידן אין אוקראַינע,
1949.

50 יאָר אַרבעטער־רינג אין יידישן לעבן,
1950.

הירש לעקערט,
1952.

פאַרלאַג „דער וועקער״

דזשאַן מילל

פיאָנערן און בויער,

באַנד 1 און באַנד 2.

פראַנץ קורסקי

געזאַמלטע שריפטן.